STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05591

DER IDISHER VELT-ALMANAKH

*Permanent preservation of this book was made possible
by Douglas Laptook
in memory of
his grandparents, Edward & Jennifer Laptook*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אידישער

װעלט-אַלמאַנאַך

(צװייטער יאָהרגאַנג)

1927

יאָהר-בוך פאר סאָציאליסטישער, אידישער און אַלגעמיינער
געשיכטע, סטאַטיסטיק און אינפאָרמאַציע

צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַקטירט פון

ד. שוב

THE

JEWISH WORLD ALMANAC

A YEAR BOOK OF VALUABLE INFORMATION,
CHRONOLOGY AND STATISTICS

Edited by D. SHUB

Published by

FARLAG "WECKER"

175 East Broadway, New York, N. Y.

אין שיקאגא

אמאלגאמייטעד

טראסט און סייווינגס באנק

300 יוניאנס
און 10,800
דעפאזיטארס

111 וועסט
דזשעקסאן
בולווארד

סטייט, שטאט
און קאונטרי זיינען
דעפאזיטארס

איינציגע ארבייטער באנק אין שיקאגא

צוזאמען מיט דער אמאלגאמייטעד באנק אין ניו יארק איז איבערגעשיקט געווארען

איבער 20 מיליאן דאלאר

פון 350 טויזענד מענשען

אין אלע טיילען פון אייראפא. דער אויסלענדישער דעפארטמענט גיט ארויס טרעוועלערס טשעקס, פאר דער גאנצער וועלט. אויך לעטערס אוו קרעדיט אין אמעריקא און אין אויסלאנד.

וועגען אלע אנגעלעגענהייטען פון אריבערברענגען קרובים, שיפסקארטען און רייזע פלענער, וועגען לאאנס, סייף דעפאזיט וואלטס, אינוועסטמענטס און אלע אנדערע באנק אנגעלעגענהייטען ווענדעט זיך צו אייער באנק.

Amalgamated Trust & Savings Bank

111 West Jackson Boulevard, Corner Clark
CHICAGO, ILLINOIS

אין ניו יארק

אמאלגאמייטעד באנק

די ערשטע
ארבייטער באנק
אין ניו יארק

11-15
יוניאן סקווער

קארנער 15טע סטריט,
וועסט סייד פון
יוניאן סקוועער

וואקסט מיט
יעדען טאג.
גרעסטער ערפאלג!

נאהענט צו **9 מיליאן דאלאר דעפאזיטס**

איז א זעלטענער רעקארד אין פיר יאהר צייט איז ווערט באוואונדערט פון די גרעסטע באנקירען — די צאהל דעפאזיטארס און פריינד פון דער אמאלגאמייטעד באנק וואקסט מיט יעדען טאג

די נייע פראכטפאלע היים אין 11-15 יוניאן סקוועער

איז אויסגעצייכענט צוגעפסט פאר דעם גרויסען וואוקס פון דער אמאלגאמייטעד באנק און איז זעהר באקוועם פאר יעדען איינעם, אין וועלכען טייל שטאדט ער זאל זיך ניט געפינען.

איבער 10,000 דעפאזיטס אין דער 4% אפטיילונג

איבער 10 טויזענט דעפאזיטארס שפארען זייער געלט אין דיזער אפ־טיילונג, אין וועלכער איהר קענט עפענען אן אקאונט מיט דער קלענ־סטער סומע. א סייווינג אקאונט אין דער אמאלגאמייטעד באנק איז די בעסטע און זיכערסטע אינוועסטמענט.

אמעריקאנער דאלארען געשיקט איבעראל

צעהנדליגע מיליאנען דאלארס זיינען שוין איבערגעשיקט געווארען אין אלע וועלט טיילען. דאס געלד ווערט גע־שיקט שנעל און פינקטליך דירעקט צום ערהאלטער, דורך פאסט, קייבעל אדער ווייערלעס.

אויב איהר ווילט באלאנגען אין האנדלען מיט א באנק וואו איהר פיהלט אז דאס איז אייער באנק, פאר אייערע אינטערעסען — איז דאס

THE AMALGAMATED BANK

11-15 UNION SQUARE, cor. 15th Street, NEW YORK CITY

(West Side of Union Square)

Copyright 1927
by Verlag "Wecker"

200

אָפּ־טו־דייט פּרינטינג קאָ., 476 בראָדוויי, ניו יאָרק.

אינהאַלט־פאַרצייכניס

פאָרוואָרט — 7

וועלט־קאַלענדאַר — 9

(וויכטיגע דאַטען פון דער סאָציאַליסטישער, אידישער און אַלגעמיינער געשיכטע טאָג פאַר טאָג)

וויכטיגע געשעהענישען אין יאָהר 1924 — 24

די וועלט און די מענשהייט — 31

(וואַסער און יבשה. — די טיילען פון דער וועלט. — אָקעאַנען און ימים. — די גרעסטע אָזיערעס. — די גרעסטע אינזלען. — די גרעסטע האַלב־אינזלען. — די וויכטיגסטע טייכען. — די באַפעלקערונג פון ערד־קוגעל לויט ראַסען, שבטים, גרופּירונגען און פעלקער. — די גרעסטע שטעדט אין דער וועלט. — שטעדט אין די אַלטע צייטען)

דאָס יאָהר 1926

(איבערזיכטען)

בן ציון מיימאָן — די פאַראייניגטע שטאַטען — 37

מאָרים הילקוויט — די אויסלענדישע פּאָליטיק פון די פאַראייניגטע שטאַטען — 47

ס. סאָלאָוויטשיק. — אייראָפּע אין יאָהר 1926 — 55

יעקב לעשצינסקי. — דאָס אידישע לעבען אין אייראָפּע אין יאָהר 1926 — 70

צביון. — דאָס אידישע לעבען אין די פאַראייניגטע שטאַטען אין 1926 — 82

ס. איוואַנאָוויטש. — דער אייראָפּעאישער סאָציאַליזם אין יאָהר 1926 — 82

פּ. גאַרווי. — דער אייראָפּעאישער קאָמוניזם אין יאָהר 1926 — 103

דזשיימס אָניעל — סאָציאַליזם און קאָמוניזם אין די פאַראייניגטע שטאַטען אין יאָהר 1926 — 117

ה. לאַנג. — די אמעריקאַנער אַרבייטער־באַוועגונג אין יאָהר 1926 — 127

י. באַסקין. — דער פאַרגאַנגענער יאָהר אין אַרבייטער רינג — 142

נ. כאַנין. — דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אין יאָהר — 148

א. ליטוואַק. — די אידישע ליטעראַטור אין יאָהר 1926 — 151

דר. א. מוקדוני. — דער אידישער טעאַטער אין יאָהר 1925־1926 — 159

סאָציאַליזם און קאָמוניזם אין ציפערען. — 170

(די צאָהל מיטגלידער פון די פּאַרטייען אין אַלע לענדער, די צאָהל שטימען, וואָס זיי האָבען באַקומען אין די לעצטע וואַהלען און די צאָהל דעפּוטאַטען אין די פּאַרלאַמענטען)

דוד מייער. — 25 יאָהר טרייד־יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל — 178

די צאָהל אַרבייטער וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין טרייד־יוניאָנס פון פארשידענע ריכטונגען, אין אַלע לענדער — 182

די פאַראייניגטע שטאַטען — 183

(דער שטח און די באַפעלקערונג פון די באַזונדערע שטאַטען און די נעמען פון זייערע הויפּט־שטעדט. — די באַפעלקערונג פון די גרויסע אַמעריקאַנער שטעדט. — די ווייטקייט צווישען די אַמעריקאַנער גרויסע שטעדט. — די פּרעזידענטען פון די פאַראייניגטע שטאַטען. — איינוואַנדערונג און אויסוואַנדערונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען פאַר די לעצטע 25 יאָהר. — דער נאַציאָנאַלער רייכטום און איינקונפט פון די פאַראייניגטע שטאַטען).

דר. הערמאַן פראַנק. — אַרבייטער געזעצגעבונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען 200

פרויען און קינדער־אַרבייטער אין די פאַראייניגטע שטאַטען — 212

מאַרק כינאָי. — די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען — 218

הונדערט באַריהמטע אַמעריקאַנער — — — — — — — — — — — — — 253

(קורצע ביאָגראַפיעס און כאַראַקטעריסטיקס פון די גרעסטע אַמעריקאַנער שטאַאטס־לייט, שריפטשטעלער, געלעהרטע, ערפינדער און פריוואַט־קאַמפּער).

די פרעזידענט־וואַהלען אין די פאראייניגטע שטאַטען. — — — — — — — — 255

געזעצליכע יום טובים — — — — — — — — — — — — — — — 256

די וויכטיגסטע אַמעריקאַנער אינדוסטריען און וואו זיי געפינען זיך — — — 257

א. פעלדמאַן. — די אַמעריקאַנער ליטעראַטור — — — — — — — — — — 259

אַ וועג־ווייזער איבער דער שעהנער אַמעריקע — — — — — — — — — — 267

(די שעהנסטע און אינטערעסאַנטסטע פּלעצער, וואָס מען קען זעהן אין די פאַר־שידענע טיילען פון לאַנד)

דר. יעקב שאַצקי. — די געשיכטע פון די אידען אין די פאראייניגטע שטאַטען 281

מ. איוועָנסקי. — די אידישע אָרדענס אין די פאראייניגטע שטאַטען — — — — 292

די אידישע באַפעלקערונג פון די גרויסע אַמעריקאַנער שטעדט — — — — 301

דר. הערמאַן פראנק. — אידישע פארמעריי אין די פאראייניגטע שטאַטען — 303

די אידישע באַפעלקערונג אין די לענדער פון צפון און נאָרד אמעריקע — 311

(פאַראייניגטע שטאַטען, קענעדע, מעקסיקאָ, בראַזיל, אוראגוואי, פאראגוויי, טשילי, אַרגענטינע, א. א.)

די אידישע איינוואַנדערונג אין פאלעסטינע פאר די יאָהרע 1919־1926 — 316

די בויער פון דער אידישער ליטעראַטור — — — — — — — — — — 318

(קורצע ביאָגראַפיעס און כאַראַקטעריסטיקס פון די נאָוועליסטען, פּאָעטען און דראַמאַטורגען, וואָס האָבען געשאַפען די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור)

אידישע אָרגאניזאציעס אין די פאראייניגטע שטאַטען מיט אָפּטיילונגען איבער׳ן גאַנצען לאנד — — — — — — — — — — — — — — — 331

א. ר. מלאכי. — געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניזאציע אין פאלעסטינע — 336

די וויכטיגסטע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע — — — — — — — — 345

אידישע פעריאָדישע אויסגאַבען אין דער גאנצער וועלט — — — — — — 351

ש. הורוויץ. — די נייע אייראָפּע — — — — — — — — — — — — — 335

(די טעריטאָריע, די באַפעלקערונג, די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטען און די פּאָליטישע אָרדנונג פון אַלע לענדער פון אייראָפּא)

ק. אָבערוטשעוו. — סאָוועט־רוסלאנד, ווי זי איז פארטיילט אדמיניסטראטיוו 369

(די באַזונדערע רעפּובליקען. — די איינטיילונג פון דער באַפעלקערונג לויט די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטען)

פעלקער און לענדער פון אַזיע, אפריקע און אַמעריקע — — — — — — — — 375

די אַרמייען פון די גרויסע מלכות אין יאָהר 1923 — — — — — — — 384

קליינער ענציקלאָפּעדישער ווערטער־בוך — — — — — — — — — — 385

ווי אַזוי אַראָפּצוברענגען קרובים אין אמעריקע — — — — — — — — — 409

דירעקטאָרי פון אידישע יוניאָנס, אַרב. רינג ברענטשעס און ברענטשעס פון אידישען סאָציאַליסטישע פאַרבאַנד — — — — — — — — — — — 414

דירעקטאָרי פון אידישע אַקטיאָרען און קינסטלער.

אַנאָנסען.

פאָרוואָרט

צוליב טעכנישע אורזאכען האָט דער „אידישער וועלט-אלמאנאך" פון דעם יאָהר ניט געקענט ערשיינען דעם 1טען יאנואר, ווי מיר האָבען עס פריהער געפּלאַ-נעוועט. ווי דער לעזער קען זעהן, איז דער אינהאַלט פון דעם היי-יאָהריגען אלמאַ-נאך א גאנץ אנדערער ווי פון דעם פאָריגען. מיר האָבען זיך גערעכענט מיט דעם פאַקט, וואָס דער אלמאנאך פון לעצטען יאָהר איז זיך פונאנדערגעגאנגען אין א זעהר גרויסער צאָהל עקזעמפּלארען. מיר באטראכטען דעם היי-יאָהריגען אלמאנאך פאר א פאָרטזעצונג פון דעם פאר א יאָהריגען און דעריבער האָבען מיר אין דעם נייעם אלמאנאך איבערגעלאָזען נאָר א גאנץ קליינעם אונבאדייטענדען טייל פון דער אינפאָרמאציע, וואָס דער אלמאנאך פון 1925 האָט עטהאלטען.

ניין-צעהנטעל פון דער אינפאָרמאציע, וואָס דער איצטיגער אלמאנאך ענטהאלט, געפינען זיך ניט אין דעם פאָריגען.

דער היי-יאָהריגער אלמאנאך איז גרעסער מיט 64 זייטען ווי דער פאר-א-יאָהריגער און ווי דער לעזער קען זעהן, עטהאלט ער אויך א גאנצע רייהע נייע אָפּטיילונגען, וואס זיינען אין פאָריגען ניט געווען.

אין צוזאמענשטעלען די אינפאָרמאציע פון דיזען אלמאנאך האָבען זיך באטיי-ליגט: ש. הורוויץ, י. קיסין, דר. הערמאַן פראנק, און חיים קאנטאָראָוויטש.

די אלע אונטערגעשריבענע ארטיקלען זיינען געשריבען געוואָרען ספּעציעל פאר דעם „אידישען וועלט-אלמאנאך" און זיינען ערגעץ אנדערשוואו ביז איצט ניט געדרוקט געווען.

ד. שוב,

רעדאקטאָר פון „אידישען וועלט-אלמאנאך".

JANUARY—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
						1
2	3	4	5	6	7	8
9	10	11	12	13	14	15
16	17	18	19	20	21	22
23/30	24/31	25	26	27	28	29

FEBRUARY—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
		1	2	3	4	5
6	7	8	9	10	11	12
13	14	15	16	17	18	19
20	21	22	23	24	25	26
27	28					

MARCH—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
		1	2	3	4	5
6	7	8	9	10	11	12
13	14	15	16	17	18	19
20	21	22	23	24	25	26
27	28	29	30	31		

APRIL—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
					1	2
3	4	5	6	7	8	9
10	11	12	13	14	15	16
17	18	19	20	21	22	23
24	25	26	27	28	29	30

MAY—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
1	2	3	4	5	6	7
8	9	10	11	12	13	14
15	16	17	18	19	20	21
22	23	24	25	26	27	28
29	30	31				

JUNE—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
			1	2	3	4
5	6	7	8	9	10	11
12	13	14	15	16	17	18
19	20	21	22	23	24	25
26	27	28	29	30		

JULY—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
					1	2
3	4	5	6	7	8	9
10	11	12	13	14	15	16
17	18	19	20	21	22	23
24/31	25	26	27	28	29	30

AUGUST—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
	1	2	3	4	5	6
7	8	9	10	11	12	13
14	15	16	17	18	19	20
21	22	23	24	25	26	27
28	29	30	31			

SEPTEMBER—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
				1	2	3
4	5	6	7	8	9	10
11	12	13	14	15	16	17
18	19	20	21	22	23	24
25	26	27	28	29	30	

OCTOBER—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
						1
2	3	4	5	6	7	8
9	10	11	12	13	14	15
16	17	18	19	20	21	22
23/30	24/31	25	26	27	28	29

NOVEMBER—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
		1	2	3	4	5
6	7	8	9	10	11	12
13	14	15	16	17	18	19
20	21	22	23	24	25	26
27	28	29	30			

DECEMBER—1927						
SUN	MON	TUE	WED	THU	FRI	SAT
				1	2	3
4	5	6	7	8	9	10
11	12	13	14	15	16	17
18	19	20	21	22	23	24
25	26	27	28	29	30	31

אידישע יום טובים:

פורים — דעם 18טען מערץ.
פסח — אפריל 17 ביז 24.
שבועות 6טער און 7טער יוני.
ראש־השנה — סעפטעמבער 27 און 28.

יום כפור — דעם 6טען אָקטאָבער.
סכות — דעם 11טען אָקטאָבער ביז דעם 19טען אָקטאָבער.
חנוכה — דעצעמבער 19 ביז 26.

וועלט־קאַלענדאַר

וויכטיגע דאַטען פון סאָציאַליסטישער, אידישער און אַלוועלטליכער געשיכטע טאָג פאַר טאָג.

יאַנואַר

1 1881—געשטאָרבען דער באַרימטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער בלאַנקי.

1863—בטל געוואָרען די שקלאַפעריי אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע.

2 1889—די גרינדונג פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי

1906—מאַסען־הינריכטונגען פון רעוואָלוציאָנערען אין מאָסקווע.

3 1906—ערשינען אין ווילנא די ערשטע אידישע טעגליכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג „דער וועקער".

1922—אין דער מאָסקווער טורמע בוטירקי האָבען די אַרעסטירטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אָנגעהויבען אַ הונגער־סטרייק.

1919—פראָקלאַמירט די סאָוועטישע רעפובליקען פון ווייס־רוסלאַנד.

4 1786—געשטאָרבען דער אידיש־דייטשע פילאָזאָף מענדעלסאָן.

1909—אזעוו ווערט דערקלערט אלס א פראָוואָקאַטאָר.

5 1892—ערשינען דער ערשטער נומער „צוקונפט" אין ניו יאָרק.

6 1919—דער ספאַרטאַקוס אויפשטאַנד אין בערלין.

8 1642—געשטאָרבען דער באַריהמטע, אַסטראָנאָם גאַליליי.

9 1905—געשטאָרבען די באַריהמטע פראַנצויזישע פרויהייטס־קעמפערין לואיזי מישעל.

1923—געשטאָרבען וולאדימיר מעדעם.

10 1920—ראַטיפיצירט דעם ווערסאַילער פרידענס אָפּמאַך

12 1848—אויפשטאַנד אין פאַלערמא.

1893—געגרינדעט געוואָרען די ענגלישע אינדעפּענדענט לייבאָר פאַרטיי.

1912—די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי קריגט 4½ מיליאָן שטימען ביי די רייכסטאגס־וואהלען.

1922—קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָנ'ס ביל, אז באַנקראָטירטע פירמעס מוזען פריהער פון אלץ אויסצאָהלען שכירות צו די ארבייטער, גע'חתמ'עט פון דעם פרעזידענט.

13 1825—אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי אין מעקסיקא.

1898—עמיל זאָלא טרעט ארויס מיט זיין באַרימטען בריף „איך באשולדיג", וועגען דעם דרייפוס פראָצעס.

14 1839—די ערשטע פעטיציע פון די ענגלישע טשאַרטיסטען פאָרגעבראַכט אין פאַרלאַמענט.

1394—אַרויסגעטריבען די אידען פון פראַנקרייך.

1924—געשטאָרבען דער אידישער קריטיקער דר. א. עליאַשעוו (בעל־מחשבות).

15 1911—אויסגעבראָכען דער סטרייק פון די טעקסטיל־אַרבייטער אין לאָרענס,

1919—קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסעמבורג, פיהרער פון ספאַרטאַקען־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד, ערמאָרדעט פון מאָנאַרכיסטישע אָפיצערען.

16 1885—ערשינען די ערשטע סאָציאַליס
טישע בראָשורע אין אידיש — „יהי
אור” פון מ. ווינטשעווסקי.

17 1706—געבאָרען געוואָרען בענדזשאַמין
פרענקלין.

18 1875—די ערעפענונג פון ערשטען נאַצי־
אָנאַלען טרייד־יוניאָן קאָנגרעס אין
ענגלאַנד.

1918—די רוסישע גרינדונגס פאַרזאַמ־
לונג אין פעטערבורג איז צוטריבען
געוואָרען פון די באָלשעוויקעס.

19 1865—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער
סאָציאַליסט פרודאָן.

20 1910—געשטאָרבען דער איטאַליענישער
סאָציאַליסט אַנדרעאַ קאָסטאַ.

21 1793—לודוויג דער 16טער, קעניג פון
פראנקרייך, הינגעריכטעט.

1924—געשטאָרבען וולאַדימיר אוליאַנאָוו
(לענין), דער פיהרער פון דער באָל־
שעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוס־
לאנד און דער דיקטאַטאָר פון סאָוועט־
רוסלאנד.

1879—געשטאָרבען דער רוסישער שריפט־
שטעלער ־ סאָציאַליסט אַלעקסאַנדער
הערצען.

22 1905—אָנפאנג פון דער ערשטער רוסי־
שער רעוואָלוציע; טויזענטער אר־
ביוטער דערשאָסען אין פעטער־
בורג.

1908—די קאָנווענשאָן פון דער ענגלי
שער לייבאָר פאַרטיי אין הול ערקלערט
זיך פאַר סאָציאַליזם.

1924—די ענגלישע לייבאָר פאַרטיי
נעמט איבער די רעגירונג אין ענג־
לאַנד מיט מעקדאָנאַלד׳ן אין דער
שפיץ.

23 1863—זיך אָנגעפאַנגען דער אויפשטאַנד
אין פוילען.

24 1468—יאָהאַן גוטענבערג, דער ערפינדער
פון בוך־דרוקעריי, געשטאָרבען.

1910—געשטאָרבען דער אַמעריקאַנער
סאָציאַליסט בען הענפאָרד.

1911—12 יאַפּאַנעזישע רעוואָלוציאָנערען
(קאָטאָקו און גענאָסען) הינגעריכטעט.

25 1871—געשטאָרבען דער דייטשער אַרביי־
טער קאָמוניסט וויטלינג.

27 1756—געבאָרען געוואָרען דער באַריהמ־
טער קאָמפּאָזיטאָר וו. מאָצאַרט.

1814—געשטאָרבען דער באַריהמטער
דייטשער פילאָזאָף י. פיכטע.

1878—אָנגעפאַנגען ערשיינען די דייטשע
סאָציאליסטישע „ניו יאָרקער פאָלקס־
צייטונג”.

1837—דערשאָסען אויף א דועל דער
גרעסטער רוסישער פּאָעט, פּושקין.

29 1906—די ענגלישע לייבאָר פאַרטיי ער־
וועהלט 29 דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט.

30 1649—הינגעריכטעט דער ענגלישער קע־
ניג קאַרל דער ערשטער.

1912—געשטאָרבען דער אַמעריקאַניש־
דייטשער סאָציאַליסט אַלעקסאַנדער
יאָנאַס.

31 1911—געשטאָרבען דער דייטשער סאָ־
ציאַליסטישער פיהרער פּאול זינגער.

פעברואַר

1 1789—וואַשינגטאָן צום 1טען מאָל ער־
וועהלט פּרעז. פון די פאַר. שטאַטען.

1924—די סאָוועטישע רוסלאַנד ווערט
אַנערקענט פון ענגלאַנד.

2 1868—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער
סאָציאַליסט לעדרו ראָלען.

1883—געשטאָרבען דער באַריהמטער
אַמעריקאַנער רעדנער און קעמפער פאַר
דער נעגער־באַפרייאונג וועגדל פיליפּס.

1904—געשטאָרבען דער טעאָרעטיקער
פון די איטאַליענישע סאָציאַליסטען
אַנטאָניאַ לאַבריאָלאַ.

1906—פּאָגראָם אויף אידען אין האָמעל.

1918—אין רוסלאַנד ווערט אַריינגעפירט
דער נייער סטיל (צייט־רעכענונג).

3 1908—דער אַמעריקאַנער סופרים קאָורט
ערקלערט באָיקאָט פאַר אַ פאַרברעכען.

1919—ערעפענט דעם ערשטען נאָך דער
מלחמה אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַ־
ליסטישען קאָנגרעס אין בערן.

1924—געשטאָרבען וואודראָ ווילסאָן.

4 1839—די ערעפענונג פון דער ערשטער
קאָנווענשאָן פון די ענגלישע טשאַר־
טיסטען.

5 79 נאָך קריסטוס׳ן — דער חורבן פון פּאָמפּיי און הערקולאַנום נאָך אַ וואולקאַנישען אויסברוך פון וועזוואוי.

1880—אַ דינאַמיט־אויפרייסונג אינ׳ם צאַר׳ס פּאַלאַץ.

1918—אין רוסלאַנד ווערט אָפּגעטיילט די קירכע פון דער מלוכה.

6 1878—די רוסישע רעוואָלוציאָנערקע וועראַ זאַסוליטש שיסט אויף גענעראַל טרעפּאָוו.

7 1649—אָפּגעשאַפט די מאָנאַרכיע אין ענגלאַנד.

1840—געגרינדעט געוואָרען דער ערשטער קאָמוניסטען־קלוב אין לאָנדאָן.

1900—געשטאָרבען דער רוסישער געלערטער סאָציאַליסט פּעטער לאַוראָוו.

8 1904—דער אָנהויב פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה; רוסלאַנד׳ס ערשטע נידערלאַגע.

1921—געשטאָרבען דער באַריהמטער רעוואָלוציאָנער פּעטער קראָפּאָטקין.

9 1600—דער איטאַליענישער פריידענקער דזשאָרדאַנאָ ברונאָ פאַרברענט אויפ׳ן שייטערהויפען.

1912—סאָציאַליסטישער וויס־פּרעזידענט ערוועהלט אין דייטשען רייכסטאַג.

10 1842—אָנגענומען דער געזעץ וועגען 10 שטונדיגען אַרבייטס־טאָג אין ענגלאַנד

11 1873—רעפּובליק פּראָקלאַמירט אין שפּאַניען.

1919—פרידריך עבערט, דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פיהרער, ערוועהלט אַלס פּרעזידענט פון דער דייטשער רעפּובליק.

12 1804—געשטאָרבען דער פילאָזאָף אימאַנועל קאַנט.

1809—געבאָרען געווארען טשאַרלז דאַרווין; געבאָרען געווארען אייברעהעם לינקאָלן.

1837—געשטאָרבען דער אידיש דייטשער שריפטשטעלער לודוויג בערנע.

13 1883—געשטאָרבען דער באַריהמטער קאָמפּאָזיטאָר ריכארד וואגנער.

1882—געשטאָרבען אין טורמע די באַוואוסטע אידיש־רוסישע רעוואָלוציאָנערקע העסיע העלפמאַן.

15 1564—געבאָרען געווארען דער אסטראָנאָם גאַליליי.

16 1870—אידען קריגען גלייכע רעכטע אין שוועדען.

17 1827—געשטאָרבען דער באַריהמטער פּעדאַגאָג פּעסטאַלאָצי.

1856—געשטאָרבען היינריך היינע.

1905—גרויספירסט סערגעי דער׳הרג׳עט אין מאָסקווע פון אַ באָמבע דורך קאַלאַיעוו.

18 1546—געשטאָרבען דער רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר מאַרטין לוטער.

19 1473—געבאָרען געוואָרען דער אַסטראָנאָם קאָפּערניקוס.

20 1907—דער ערשטער אַרבייטער־דעפּוטאַט ערוועהלט אין טראַנסוואַל (אַפריקאַ).

21 1677—געשטאָרבען דער אידישער פילאָזאָף ברוך שפּינאָזאַ.

1919—געטויט געוואָרען קורט אַייזנער, דער סאָציאליסטישער מיניסטער פּרעזידענט פון דער בייערישער רעפּובליק.

22 1732—געבאָרען געווארען דער ערשטער פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאַטען, דזשאָרדזש וואשינגטאָן.

1840—געבאָרען געוואָרען דער באַריהמטער דייטשער סאָציאליסט אָוגוסט בעבעל.

1846—אויפשטאַנד אין קראַקוי.

1882—ארעסטירט געווארען די רוסישע רעוואָלוציאָנערקע וועראַ פיגנער.

23 1506—געשטאָרבען קריסטאָפאָר קאָלומבוס.

1848—דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך .

24 1848—רעפּובליק פּראָקלאַמירט אין פראַנקרייך.

1925—געשטאָרבען דער פיהרער פון דער שוועדישער סאָציאל־דעמאָקראטישער פּארטיי, היאלמאר בראנטינג.

26 1802—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער וויקטאָר הוגאָ.

27 1901—באָגאָלעפּאָוו, רוסישער בילדונגס־מיניסטער, דערשאָסען פון קאַרפּאָוויטש.

1917—דער אָנהויב פון דעם גרויסען סטרייק אין פּעטערבורג.

28 1925—געשטאָרבען דער סאָציאַליסטישער פּרעזידענט פון דער דייטשער רעפּובליק, פרידריך עבערט.

1924—געשטאָרבען דער בונדיסטישער פיהרער פּ. ראָזענטאַל (פּ. אַנמאַן).

מערץ

1 1898—גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער רוסישער סאָציאַל - דעמאָקראַטישער אַרבייטער־פּאַרטיי אין מינסק.
1919—ערשטער קאָנגרעס פֿון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל אין מאָסקווע.

2 1492—אַרויסגעטריבען די אידען פֿון שפּאַניען.

3 1861—אָפּגעשאַפֿט לייב־אייגענשאַפֿט אין רוסלאַנד.

4 1849—רעליגיאָנס־פֿרייהייט פּראָקלאַמירט אין עסטרייך.

5 1901—רוסישער סינאָד לעגט אַריין אין חרם לעוו טאָלסטאָי.

6 1877—געשטאָרבען דער אידיש־דייטשער פֿרייהייט־קעמפֿער יאַקאָבי.
1900—די גרינדונגס קאָנווענשאָן פֿו דער אַמעריקאַנער ס. ד. פּ.

7 1890—ערשינען די ערשטע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע וואָכענבלאַט אי ניו יאָרק, „די אַרבייטער צייטונג".

9 1793—דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער דאַנטאָן גרינדעט דעם רעוואָלוציאָנערען־טריבונאַל.

10 1872—געשטאָרבען דער איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער מאַדזיני.
1913—געסעטעלט געוואָרען דער גרויסער שניידער סטרייק אין ניו יאָרק.

11 1912—רעפּובליק פּראָקלאַמירט אין כינע.
1917—דער אָנהויב פֿון דער צווייטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וואָס האָט זיך געענדיגט מיט דער שטירצונג פֿון דער מאָנאַרכיע.

13 1848—רעוואָלוציע אין וויען.
1881—צאַר אַלעקסאַנדער דער 2טער הינגעריכטעט פֿון רעוואָלוציאָנערען.
1917—די גריינדונג פֿון דער צייטווייליגער רעגירונג אין רוסלאַנד.

14 1883—געשטאָרבען קאַרל מאַרקס.

15 1917—צאַר ניקאָלאַי זאָגט זיך אָפּ פֿון טראָן.

17 1906—געשטאָרבען יאָהאַן מאָסט.

18 1848—רעוואָלוציע אין בערלין.
1871—פּראָקלאַמירט די פּאַריזער קאָמונע.
1876—געשטאָרבען דער דייטשער פֿרייהייטס־פּאָעט פֿרייליגראַט.
1908—געשטאָרבען גריגאָרי גערשוני.

19 1906—לייטענאַנט שמידט, דער פֿיהרער פֿון סעוואַסטאָפּאָלער פּלאַטען־אויפֿשטאַנד, הינגעריכטעט.
1917—אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע אַמנעסטיע אין רוסלאַנד.

20 1852—ערשינען ביטשער סטאָ'ס בוך „אָנקעל טאָמ|ס קעבין", וועלכער האָט פֿיל בייגעטראָגען צו דער באַפֿרייאונג פֿון די נעגערס.

21 1871—ערעפֿענט געוואָרען דער ערשטער דייטשער רייכסטאַג.
1917—געוועזענער רוסישער צאַר ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו אַרעסטירט אין מאָהילעוו.
1919—קאָמוניסטישע רעוואָלוציע אין אונגאַרן.

22 1794—הערבערט, קלוטס און אַנדערע קאָמוניסטען גילאָטינירט אין פֿראַנקרייך.
1832—געשטאָרבען געטע, דער באַרימטער דייטשער דיכטער און דענקער.

24 1881—געשטאָרבען דער אידיש־רוסישער קאָמפּאָזיטאָר אַנטאָן רובינשטיין.

25 1911—טרייענגעל קאַטאַסטראָפֿע אין ניו יאָרק; 146 אַרבייטער פֿאַרברענט.
1917—די צייטווייליגע רעגירונג אין רוסלאַנד שאַפֿט אָפּ טויט־שטראָף.

26 1827—געשטאָרבען דער קאָמפּאָזיטאָר בעטהאָווען.

27 1917—פּעטראָגראַדער סאָוועט פֿון אַרבייטער־דעפּוטאַטען, וואָס איז געפֿיהרט געוואָרען פֿון די מענשעוויקעס און עס־ער'ען, שיקט אַרויס אַן אויפֿרוף צו די פֿעלקער פֿון דער וועלט פֿאַר אַ שלום אָהן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס.

29 1826—געבאָרען געוואָרען דער סאָציאַליסטישער פֿירער ווילהעלם ליבקנעכט.
1912—ענגלישער פּאַרלאַמענט נעמט אָן דאָס געזעץ וועגען אַ מינימאַל־לוין פֿאַר מיינערס.

30 1898—לעאָנאַרא, קאַרל מאַרקס אינגסטע טאָכטער, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

31 1881—ערשטע פֿאַרלענגערונג פֿון דעם אַנטי־סאָציאַליסטען געזעץ אין דייטשלאַנד.

אפריל

1 1789—ערשטע רעפרעזענטאנטען - הויז אין ניו יארק ארגאניזירט.

2 1743—געבארען געווארען טאמאס דזשעפערסאן.

1791—געשטארבען דער באריהמטער פראנצויזישער רעוואלוציאנער מיראבא.

1917—די ציטוויליגע רעגירונג אין רוסלאנד פראקלאמירט רעליגיעזע און נאציאנאלע פרייהייט.

3 1906—מילוואקי ערוועהלט 12 סאציאליסטישע אלדערמען.

1915—געשטארבען י. ל. פרץ.

4 1704—ערשינען די ערשטע ציטונג אין אמעריקא.

1892—געגרינדעט געווארען דער 1טער ברענטש פון ארבייטער רינג אין ניו יארק.

1923—געשטארבען דער באריהמטער פיהרער פון די רוסישע מענשעוויקעס ל. מארטאוו (צעדערבוים).

5 1794—די באריהמטע פראנצויזישע רעוואלוציאנערען דאנטאן און קאמיל דעמולען גילאטינירט.

1889—געשטארבען דער דייטשער ארבייטער פילאזאף יאזעף דיצגען.

1911—ריזיגע טרויער דעמאנסטראציעס אין ניו יארק צו עהרע פון די טרייענגעל אפפער.

1920—פאגראם אויף אידען אין ירושלים.

6 1875—געשטארבען דער אידיש-דייטשער סאציאליסט מאזעס העסס.

1917—אמעריקא ערקלערט קריג דייטשלאנד.

7 1871 — די פראנצויזישע קאמונארען פארברענען די גילאטינע.

1919—סאוועטען-דיקטאטור פראקלאמירט אין בייערן.

1875—געשטארבען דער דייטשער סאציאליסטישער פאעט הערוועג.

9 1865—ענדע פון דעם אמעריקאנער בירגער-קריג.

10 1848—גרויסע טשארטיסטען - דעמאנסטראציעס אין לאנדאן.

1907—געשטארבען דער דייטשער סאציאליסט איגנאץ אוער.

11 1825—געבארען געווארען פערדינאנד לאסאל.

1903—די ענגלישע ס. ד. פ. שליסט אויס די „אימפאסיביליסטען“.

12 1905—געשטארבען דער בעלגישער סאציאליסטישער סקולפטאר קאנסטאנטין מעניע.

14 1865—פרעזידענט לינקאלן ערמארדעט.

15 1902—רוסישער מיניסטער סיפיאגין דערשאסען פון רעוואלוציאנער באלמאשאוו.

16 1881—די רוסישע רעוואלוציאנערען סאפיא פעראווסקאיא, זשעליאבאוו און אנדערע אויפגעהאנגען.

1917—לענין און אנדערע באלשעוויסטישע פיהרער אנגעקומען פון אויסלאנד קיין פעטראגראד.

17 1790—געשטארבען בענדזשאמין פרענקלין.

1866—1טער אטענטאט (קאראקאזאוו'ס) אויף אלעקסאנדער דעם צווייטען.

1912—סאלדאטען דערשיסען 270 סטרייקער אין לענא גאלד-גרובען פון סיביר.

18 1888—די שווייצארישע רעגירונג פארוועהרט צו דרוקען דעם ארגאן פון דער דייטשער סאציאל-דעמאקראטיע „סאציאל-דעמאקראט“ אין דער שווייץ.

19 1882—געשטארבען טשארלז דארווין.

1903—פאגראם אויף אידען אין קישענעוו.

1775—אנפאנג פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע.

1849—אויפשטאנד אין דרעזדען מיט'ן אנטייל פון באקונין.

21 1481—פילע אידען פארברענט אויפ'ן שייטערהויפען אין סעוויל.

1910—געשטארבען מארק טוויין.

1919—פוילישע סאלדאטען מאכען א פאגראם אויף אידען אין ווילנא. אידישער שריפטשטעלער א. ווייטער ערמארדעט.

22 1856—איינגעפיהרט דעם 8-שטונדיגען ארבייטס-טאג אין אויסטראליע.

22 1897—ערשינען דער ערשטער נומער פון ניו יארקער אידישען „פארווערטס".

1914—אין שלאכט צווישען דער מיליציע און די סטרייקער אין די קוילען־גרובען פון קאלאראדא ווערען דערהרג'עט 45 מענשען און פילע פארוואונדעט.

23 1564—געבארען געווארען דער גרויסער ענגלישער שריפטשטעלער וויליאם שעקספיר.

1792—רושע דע ליל פארפאסט די מארסעליעזע.

1898—שפאניען ערקלערט קריג די פאראייניגטע שטאטען.

24 1910—75 סאציאליסטען ערוועהלט צום פראנצויזישען פארלאמענט.

25 1792—די גילאטינע צום ערשטען מאל באנוצט.

26 1920—באלפור פראקלאמירט זיין דעקלאראציע וועגען פאלעסטינא אלס א נאציאנאלע היים פאר אידען אונטער ענגלאנד'ס מאנדאט.

1921—די ארעסטירטע סאציאל־דעמאקראטען אין דער מאסקווער טורמע בוטירקי ווערען צושלאגען און אריבערגעפיהרט אין אנדערע טורמעס.

27 1909—טערקישער סולטאן אבדול האמיד אראפגעזעצט פון טראן.

29 1912—גרויסע פראטעסט־דעמאנסטראציע אין רוסלאנד געגען לענא'ר הריגה.

30 1789—וואשינגטאן איינגעשווארען אלס פרעזידענט.

מאי

1 1890—דעם ערשטען מאל געפייערט דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער יום־טוב.

2 1436—ערשינען דאס ערשטע געדרוקטע בוך.

3 1669—א פאגראם אויף אידען אין לעמבערג, אויפגעהעצט פון די יעזואיטען.

1791—איינגעפירט קאנסטיטוציע אין פוילען.

1882—איינגעפיהרט די „טשערטא אסעדלאסטי" אין רוסלאנד.

4 1798—אויפשטאנד אין אירלאנד.

5 1789—די ערעפענונג פון די גענעראל־שטאטען אין פראנקרייך.

1821—געשטארבען נאפאלעאן דער ערשטער.

1818—געבארען געווארען קארל מארקס.

6 1786—געבארען געווארען דער אידיש־דייטשער שריפטשטעלער ל. בערנע.

7 1890—ערשטער קלאוקמאכער לאק־אוט אין ניו יארק.

1905—פאגראם אויף אידען אין זשיטאמיר.

1915—די שיף „לוסיטאניא" געזונקען פון א דייטשער סאבמארין.

8 1878—געשטארבען דער גרויסער פאליטישער עקאנאם דזשאן סטוארט מילל

9 1805—געשטארבען דער דייטשער דיכטער שילער.

10 1906—ערעפענונג פון דער ערשטער רוסישער דומא.

11 1914—געשטארבען דער בארימטער אמעריקאנער סאציאליסט דעניעל דעליאן.

1899—היסטארישער פ ו ל מ א ן באהן־סטרייק, געפיהרט פון יודזשין וו. דעבס.

13 1907—צוזאמענפאהר פון דער רוסישער ס. ד. פ. אין לאנדאן.

1913—געשטארבען דער אידישער שריפטשטעלער שלום־עליכם.

14 1907—איינגעפיהרט אלגעמיינע שטימרעכט אין שוועדען; עסטרייכישע סאציאל־דעמאקראטען ערוועהלען 87 דעפוטאטען אין פארלאמענט.

15 1910—קאנווענשאן פון דער אמעריקאנער ס. פ. אין שיקאגא.

16 1902—רוסישער רעוואלוציאנער באלמאשאוו אויפגעהאנגען פאר טויטען דעם מיניסטער סיפיאגין.

17 1852—די לעצטע קאנווענשאן פון די ענגלישע טשארטיסטען.

18 1804—נאפאלעאן דער ערשטער פראקלאמירט זיך אליין אלס אימפעראטאר פון פראנקרייך.

1902—דער אידישער שוסטער, דער בונ־
ווילנער גובערנאטאר פאן־וואאל.
דיסט הירש לעקערט, שיסט אויף דעם

19 1825—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליסט סען סימאָן.

20 1876—אהרן ליבערמאַן גרינדעט דעם ערשטען אידישען אַרבייטער פאַראיין אין לאָנדאָן.

21 1871—לעצטע זיצונג פון דער פּאַריזער קאָמונע.

22 1370—אידען פאַרברענט אין ברוסעל.

1863—גרינדונג פון דעם אַלגעמיינעם דייטשען אַרבייטער פאַראיין.

1898—געשטאָרבען עדואַרד בעלאַמי.

23 1905—אויפגעהאַנגען דער רוסישער רעוואָלוציאָנער קאַליאַיעוו פאַר טויטען דעם גרויספירסט סערגעי.

1915—איטאַליען וואַרפט זיך אַריין אין דער אַלוועלטליכער מלחמה.

24 1241—הריגה אויף אידען אין פראַנקפורט אַם מיין.

25 1871—דער פראַנצויזישער קאָמונאַר דעליקליז דערשאָסן אויף די באַריקאַדען.

26 1879—אויפגעהאַנגען דער באַריהמטער רוסישער רעוואָלוציאָנער וואַלעריאַן אָסינסקי.

27 1679—פאַרעפענטליכט דעם „האבעאס־קאָרפוס אַקט” אין ענגלאַנד.

1797—ערשטער פראַנצויזישער סאָציאַליסט באַבעף הינגעריכטעט.

28 1871—ענדע פון דער פּאַריזער קאָמונע, אויסשלאַכטונג פון 30,000 קאָמונאַרען אויף דעם פּלאַץ פער־לאשעז, אין פּאַריז.

29 1912—גרינדונגס צוזאַמענפאַהר פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין אַמעריקע.

30 1778—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער פילאָזאָף וואָלטער.

1925—אַ ריזיגע סטודענטען־דעמאָנסטראַציע אין שאַנכאַי (כינע) געגען דער ערמאָרדונג פון סטרייקענדע כינעזישע טעקסטיל אַרבייטער, דורך דער ענגלישער פּאָליציי.

יוני

1 1925—אַן אַלגעמיינער סטרייק אין שאַנכאַי.

2 1868—ערשטער טרייד־יוניאַן קאָנגרעס אין ענגלאַנד.

1882—געשטאָרבען דער איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער גאַריבאַלדי.

1921—לאָק־אויט פון 60 טויזענט שניידער אין ניו יאָרק ענדיגט זיך מיט אַ זיג פון די אַרבייטער.

3 1900—געגרינדעט די „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן פון אַמעריקא”.

1908—סאָציאַל־דעמאָקראַטען צום 1טען מאָל ערוועהלט אין פּרייסישען לאַנדטאַג.

5 1908—ענגלישע מיינער באַשליסען אַנצושליסען זיך אַן דער לייבאָר פּאַרטיי.

1918—געשטאָרבען דער באַריהמטער פּיהרער און לערער פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען געאָרגי פּלעכאַנאָוו.

6 1747—זעקס טויזענט אידען אויסגעשאָכטען אין נעמיראָוו פון כמעלניצקי'ס קאָזאַקען (גזירות ת"ח).

7 1765—די ערעפענונג פון ערשטען אַמעריקאַנער קאָנגרעס.

1905—נאָרוועגיע ערקלערט זיך זעלבסטשטענדיג.

8 1809—געשטאָרבען דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנער און פריי־דענקער טהאָמאַס פּיין.

1922—אין מאָסקווע האָט זיך אָנגעהויבען דער פּראָצעס פון די אַרעסטירטע סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען מיט א. גאָץ אין דער שפּיץ.

9 1870—געשטאָרבען דער ענגלישער שריפטשטעלער טשאַרלז דיקענס.

10 1617—די האָלענדער לאַנדען אין ניו יאָרק.

1924—ערמאָרדעט דעם סאָציאַליסטישען דעפּוטאַט פון איטאַליענישען פּאַרלאַמענט, מאַטעאָטי.

11 1878—אויפגעלעזט דעם דייטשען רייכסטאַג צוליב די אַטענטאַטען אויף דעם דייטשען קייזער.

13 1908—גרויסע דעמאָנסטראַציע פאַר פרויען־רעכט אין לאָנדאָן.

14 1839—די ערשטע פעטיציע פון די ענגלישע טשאַרטיסטען פאָרגעלעגט אין פאַרלאַמענט.

1906—פאָגראָם אויף אידען אין ביאַליסטאָק.

16 1836—געגרינדעט געוואָרען די וואָרקינג מענס אַסאָסיאיישאָן פון לאָנדאָן.

1907—שטאַטס־איבערקערעניש אין רוסלאַנד, ארעסטירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען פון דער 2טער דומאַ.

1917—געעפענט אין פעטערבורג דעם צוזאַמענפאָהר פון די רוסישע סאָוועטען פון אַרבייטער, פויערים און סאָלדאַטען.

17 1810—געבאָרען געווארען דער דייטשער פאָעט און רעוואָלוציאָנער פריילליגראַט.

18 1911—זעקס סאָציאַליסטען ערוועהלט אין בולגאַרישען פאַרלאַמענט.

1815—נאַפּאָלעאָן פאַרלירט די שלאַכט ביי וואטערלאָ.

1911—ערשטער סאָציאַליסטישער מיטינג אין ליסאַבאָן, פאָרטוגאַל.

1925—דער רייזענדער אַמונדסען קערט זיך צוריק פון זיין עלפאָלגרייכער לופט־רייזע צום נאָרד־פאָל.

19 1911—ערשטע זיצונג פון דער פאָרטוגעזישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

1909—געשטאָרבען דער אידישער דראַמאַטורג יעקב גאָרדין.

20 1911—גרויסער זיג פון די עסטרייכישע סאָציאַליסטען אין די פאַרלאַמענטס־וואַהלען.

21 1802—ערשטער פאַבריק־געזעץ אָנגענומען אין ענגלאַנד.

22 1805—געבאָרען געוואָרען מאַדזיני.

23 1848—אויפשטאַנד פון דעם פאַריזער פראָלעטאַריאַט.

1892—אַלעקסאַנדער בערקמאַנ'ס אַטענטאַט אויף דעם מיליאָנער פריק.

24 1440—בוך־דרוקער קונסט ערפונדען.

25 1864—טשערנישעווסקי, דער רוסישער סאָציאַליסטישער דענקער, פאַראורטיילט צו קאַטאָרגע.

1906—1טע סאָצ.־דעמאָקראַטישע פראַקציע געגרינדעט אין רוסישער דומא.

26 1856 — געשטאָרבען דער אינדיווידואַליסט־אַנאַרכיסט מאַקס שטירנער.

1893—שוואַב, פיעלזען און ניבע, פון שיקאַגער אַנאַרכיסטען פּראָצעס, באַגנאַדיגט פון גאָווערנאָר אַלטגעלד.

1920—פרויען־שטימרעכט איינגעפיהרט אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

27 1896—ערשטע קאָנעווענשאָן פון דער סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס אין ניו יאָרק.

28 1905—אויפשטאַנד פון די מאַטראָסען אויף דער רוסישער קריגס־שיף „קניאַז פּאָטיאָמקין".

1910—די ערעפענונג פון ערשטען אינטערנאַציאָנאַלען ראַסען־קאָנגרעס אין לאָנדאָן.

1914—עסטרייכישער קרוין פּרינץ מיט זיין פרוי דערשאָסען פון אַ סערביער אין סאַראַיעוואָ.

1919—אונטערגעשריבען דעם ווערסאַילער־אָפּמאַך.

29 1925—ערד־ציטערניש אין דרום־קאַליפאָרניע (סאַנטאַ־באַרבאַראַ).

30 1837—אָפּגעשאַפט דעם שאַנד־קלאָץ אין ענגלאַנד.

יולי

1 1876—געשטאָרבען דער רוסישער אַנאַרכיסט מיכאַאיל באַקונין.

2 1798—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער פילאָזאָף זשאַן זשאַק רוססאָ.

3 1869—רעליגיעזע פרייהייט פּראָקלאַמירט אין דייטשלאַנד.

1908—רעוואָלוציע אין טערקיי.

4 1776—אומאפּהענגיגקייט ערקלערונג פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס.

1807—געבאָרען געוואָרען דער איטאַליענישער פאָלקס־העלד און רעוואָלוציאָנער דזשוזעפּע גאַריבאַלדי.

1874—געגרינדעט געוואָרען די ערשטע אַמעריקאַנישע פּאָליטישע אַרבייטער פאַרטיי, די „סאָשעל־דעמאָקראַטיק וואָרקינגמענס פאַרטי".

1904—געשטאָרבען דר. הערצל, דער פיהרער פון די ציוניסטען.

5 1893—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער מאָפּאַסאַן.

1905—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער געאָגראַף אַנאַרכיסט עליזע רעקליו.

6 1415—דער פריידענקער יאָהאַן הוס פאַרברענט אויפ'ן שייטערהויפען.

7 1894—סאָלדאַטען שיסען אין סטרייקענדע באַן־אַרבייטער אין שיקאַגאָ.

8 1894—באַלאַגערונגס צושטאַנד ערקלערט אין שיקאַגאָ.

1924—געשטאָרבען דער אידישער סאָצ. עקאָנאָמיסט פובליציסט י. א. הורוויטש.

9 1902—געשטאָרבען דער אידישער סקולפּטאָר מארקוס אַנטאָקאָלסקי.

10 1894—דעבס פאַרהאַפטעט אין שיקאַגאָ.

11 1885—געגרינדעט געוואָרען דער 1טער לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד".

12 1781—דער גרויסער „אָראַנדזש ראַיאָט" אין ניו יאָרק.

13 1688—רעוואָלוציע אין ענגלאַנד.

1793—דער באַריהמטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער מאראַט דערשטאָכען פון שאַרלאָטע קאָרדע.

14 1789—די שטורצונג פון דער באַסטיליע אין פאַריז.

1889—ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין פאַריז.

15 1809—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט פּ. פּרודאָן.

1839—אויפשטאַנד פון די טשאַרטיסטען אין בירמינגהאַם, ענגלאַנד.

1876—ליבערמאַן לאָזט אַרויס זיין סאָציאַליסטישען מאַניפעסט צו די אידישע אַרבייטער.

16 1877—גרויסער אייזענבאַן סטרייק אין אַמעריקע.

1883—ווינטשעווסקי און אַנדערע גרינדען די ערשטע אידישע טרייד־יוניאָן אין לאָנדאָן.

1918—צאַר ניקאָלאַי און זיין פאַמיליע געטויט אין יעקאַטערינבורג.

17 1906—די ערשטע אינטערפּאַרלאַמענטאַרישע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין לאָנדאָן.

1910—גענעראַל סטרייק פון 60 טויזענט קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק.

18 1874—ערעפענונג פון קאָנגרעס פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין גאָטהא.

19 1870—פראַנקרייך ערקלערט קריג פּרייסען.

1907—וויקטאָר גרייסאָן ערוועהלט אין ענגלישען פּאַרלאַמענט אַלס אַן אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט.

20 1808—נאַפּאָלעאָנ'ס מאַניפעסט וועגען אידען.

21 1906—צוטריבען די ערשטע רוסישע דומא.

22 1877—אייזענבאַן ראַיאָטס אין פּיטסבורג.

1906—קאָנסטיטוציע איינגעפיהרט אין פּערסיען.

23 1906—די געוועזענע דעפּוטאַטען פון דער ערשטער דומא לאָזען אַרויס אין וויבאָרג אַ מאַניפעסט צום פאָלק.

1912—אָרגאַניזירט געוואָרען די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע פון אַמעריקא.

1914—עסטרייכ'ס אולטימאַטום צו סערביען.

24 1716—פּאָגראָם אויף אידען אין פּאָזען.

1884—ווינטשעווסקי גרינדעט אין לאָנדאָן די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע צייטונג „דער פּוילישער אידעל".

26 1825—פּעסטעל, רילעעוו און אַנדערע רוסישע רעוואָלוציאָנערען (דעקאַבריסטען) אויפגעהאַנגען.

1898—מאַסען־אַרעסטען פון בונדיסטען אין ליטע און פּוילען. אַרעסטירט די אונלעגאַלע דרוקעריי פון דער „אַרבייטער שטימע" אין באָברויסק.

1896—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין לאָנדאָן.

27 1656—ברוך שפּינאָזאַ אַריינגעלעגט אין חרם.

1830—רעוואָלוציע אין פּאַריז.

1882—אָפּגעהאַלטען די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג אין ניו יאָרק, אדרעסירט פון אַב. קאַהאַן.

1794—דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער ראָבעספּיער גילאָטינירט.

28 1904—פאָן פּלעווע דער'הרג'עט פון א באָמבע דורך יעגאָר סאַזאָנאָוו.

28 1903—צווייטער צוזאמענפאהר פון דער רוסישער סאָצ.-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי געשפּאָלטען אויף „באָלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס".

1914—עסטרייך ערקלערט סערביען קריג און דערמיט פאנגט זיך אָן די גרויסע אַלוועלטליכע מלחמה.

29 1922—געשטאָרבען דער פיהרער פון די פראַנצויזישע סאָציאַל-דעמאָקראַטען, זשול געד.

31 1914—זשאַן זשאָרעס דערשאָסען פון א פראַנצויזישען נאַציאָנאַליסט.

1914—דייטשלאַנד ערקלעהרט קריג רוסלאַנד.

אויגוסט

1 1834—שקלאַפעריי אָפּגעשאַפט אין די ענגלישע קאָלאָניעס.

1909—אויפשטאַנד אין באַרצעלאָנאַ.

1914—דייטשלאַנד וואַרפט זיך אַריין אין דער אַלוועלטליכער מלחמה.

2 1789—אַריסטאָקראַטיע אָפּגעשאַפט אין פראַנקרייך.

3 1909—גענעראַל סטרייק אין שוועדען.

4 1884—געגרינדעט געוואָרען די ענגלישע ס. ד. פ.

1889—הריגה אויף די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין יאַקוטסק, סיביר.

1919—געפאַלען די קאָמוניסטישע דיקטאַטור אין אונגאַרן.

5 1853—געלייגט געוואָרען דער טראַנס-אַטלאַנטישער קייבעל.

1895—געשטאָרבען פרידריך ענגעלס.

1914—ענגלאַנד ערקלערט דייטשלאַנד קריג.

6 1893—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין ציוריך, שווייץ.

1914—עסטרייך ערקלערט רוסלאַנד קריג.

7 1900—געשטאָרבען ווילהעלם ליבקנעכט.

1922—די באָלשעוויקעס פאַר'משפט'ן די אַרעסטירטע ס.-ר.'ן צום טויט.

8 1884—דער אַנאַרכיסט שטעלמאַכער אויפגעהאַנגען אין וויען, עסטרייך.

1924—ענגלאַנד שליסט אַ האַנדעלס-אָפּמאַך מיט סאָוועט-רוסלאַנד.

9 1906—אינטערנאַציאָנאַלער פרויען-קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען.

10 1792—דער קעניג לואי דער 16טער אַנטלאָפען פון פאַריז.

12 1917—צאַר ניקאָלאַי מיט זיין פאַמיליע ווערען פאַרשיקט קיין טאָבאָלסק, סיביר.

13 1849—רוסישע מיליטער אונטערדריקען די רעוואָלוציע אין אונגאַרן.

1913—געשטאָרבען אויגוסט בעבעל.

14 1904—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם.

15 1889—גרויסער דאָק-אַרבייטער סטרייק אין ענגלאַנד.

1892—געגרינדעט געוואָרן די יטאַליענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

16 1885—געגרינדעט געוואָרען די בעלגישע אַרבייטער פּאַרטיי.

1891—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין ברוסעל.

17 1878—גענעראַל מעזענצעוו דערשטאָכען אין פּעטערבורג פון סטעפּניאַק. ערשטער אַרעסט פון סאָציאַליסטען אין רוסיש-פּוילען.

1911—אָנהויב פון אייזענבאַן סטרייק אין ענגלאַנד.

1919—געשטאָרבען דער אידישער שריפטשטעלער יעקב דינעזאָן.

18 1907—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין שטוטגאַרט.

19 1875—פאַראייניגונגס-קאָנגרעס פון די דייטשע סאָציאַליסטען אין גאָטהאַ.

20 1851—קאָנסטיטוציע אפּגעשאַפט אין עסטרייך.

1866—קאָנווענשאָן פון דער נעשאָנאַל לייבאָר יוניאָן אין באַלטימאָר.

21 1886—7 אַנאַרכיסטען פאַראורטיילט צום טויט אין שיקאַגאָ.

22 1400—גרויסע הריגה אויף אידען אין פּראַג.

1484—אידען פאַרברענט אויפ'ן שייטער-הויפען אין טורנאָו.

23 1305—וויליאַם וואַלאַס, שאָטלענדישער פרייהייטס-קעמפער, הינגעריכטעט.

23 1914—האָט געזאָלט שטאַטפינדען דער צעהנטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס, דאָס האָט געזאָלט זיין די פייערונג פון 50-יאָהריגען יובילעאום פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

24 1572—די באַרטהאָלאָמעי בלוט-באָד אין פּאַריז.

1833—דאָס וואָרט „סאָציאַליזם" צום ערשטען מאָל געברויכט אין ענגלאַנד.

25 1867—ערשינען „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס.

1830—רעוואָלוציע אין בעלגיען.

1900—געשטאָרבען דער דייטשער דיכטער און דענקער פרידריך ניטשע.

27 1924—דער אויפשטאַנד אין גרוזיע געגען דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור.

28 1864—פערדינאַנד לאַסאַל פאַרוואונדעט אין א דועל.

1910—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען.

29 1897—ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל.

30 1918—די סאָציאַליסטקע דאָרא קאַפּלאַן שיסט אויף לענינ'ען.

31 1864—געשטאָרבען פערדינאַנד לאַסאַל.

סעפּטעמבער

1 1923—גרויסע ערד-ציטערניש אין טאָקיאָ, יאַפּאַן.

2 1867—צווייטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין לאָזאַן.

1872—פינפטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין האַאַג.

1910—סעטעלמענט פון גרויסען קלאָוקמאַכער סטרייק אין ניו יאָרק.

1919—שפּאַלטונג אין דער אַמעריקאַנער ס. פּ. קאָמוניסטען גרינדען אַ באַזונדערע פּאַרטיי.

1921—שפּאַלטונג אין דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. געגרינדעט געוואָרען דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד פון אַמעריקא.

3 1866—ערשטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין זשענעוואַ.

4 1870—פּראָקלאַמירונג פון דער דריטער רעפּובליק אין פראַנקרייך.

1900—געגרינדעט געוואָרען דער אַרבייטער רינג.

5 1869—פערטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע.

1916—געשטאָרבען דער אידיש-רוסישער פּאָעט ש. פרוג.

1905—די סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ אין צימערוואַלד.

1918—די באָלשעוויקעס גיבען אַרויס דעם דעקרעט וועגען רויטען טעראָר.

6 1868—דריטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין ברוסעל.

1901—פּרעזידענט מעקינלי געשאָסען.

7 1891—געשטאָרבען דער אידישער היסטאָריקער הירש גרעץ.

1898—מאַסען-אַרעסטען פון בונדיסטען אין רוסלאַנד.

1920—סאָוועט-רוסלאַנד שליסט דעם אָפּמאַך מיט פּוילען.

8 1906—פּאָגראָם אויף אידען אין סיעדלעץ, רוסיש-פּוילען.

10 1898—קייזערין עליזאַבעטהא פון עסטרייך דערשאָסען.

1921—ערשינען דער ערשטער נומער פון „וועקער", אָרגאַן פון אידישען סאָצ. פאַרבאַנד אין אַמעריקא.

11 1823—געשטאָרבען דער אידיש-ענגלישער נאַציאָנאַל-עקאָנאָם דאַוויד ריקאַרדאָ.

1848—רעוואָלוציע אין אונגאַרן.

1903—פּאָגראָם אויף אידען אין האָמעל.

1905—גענעראַל סטרייק אין וואַרשאָ.

13 1872—געשטאָרבען דער דייטשער פילאָזאָף לודוויג פייערבאַך.

1911—אינטערנאַציאָנאַלער היים-אַרבייטער קאָנגרעס אין בערלין.

14 1906—געשטאָרבען דער אידיש-רוסישער סאָציאַליסט מיכאַיל גאָץ.

1911—רוסישער פּרעמיער-מיניסטער סטאָליפּין דערשאָסען.

1917—אין רוסלאַנד ווערט פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק.

1829—מעקסיקאָ שאַפט אָפּ שקלאַפעריי.

15 1900—גרויסער קוילען־גרעבער סטרייק אין פענסילווייניא.

16 1394—ארויס אַ באַפעל אַרויסצוטרייבען די אידען פון פראַנקרייך.

1866—קאַראַקאָזאָוו געהאַנגען פאַר אַן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם 2טן

17 1871—גענעראַל קאָנפערענץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין לאָנדאָן (ערשטער אינטערנאַציאָנאַל).

1787—קאָנסטיטוציע פון פאראייניגטע שטאַטען אָנגענומען אין פילאַדעלפיא.

1913—געשטאָרבען דער ענגלישער סאָציאַל־דעמאָקראַט הערי קוועלטש.

18 1904—גענעראַל סטרייק אין איטאַליען

1919—סטרייק פון 400 טויזענט שטאָל־אַרבייטער אין אַמעריקאַ.

19 1914—„האָום־רול" אָנגענומען פאַר אירלאַנד.

1917—טשכעאידזע, צערעטעלי, גאָץ און אַנדערע פיהרער פון די מענשעוויקעס און עס־ער׳ען טרעטען ארויס פון פעטערבורגער סאָוועט.

20 1870—ענדע פון דער וועלטליכער הערשאַפט פון רוימישען פאַפסט.

21 1792—אָפּגעשאַפט די מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך.

1922—דייטשע אונאָפּהענגיגע סאָציאַליסטען פאראייניגען זיך מיט דער מעהרהייטס־פּאַרטיי.

22 1792—איינגעפירט דעם רעוואָלוציאָנערען קאַלענדאַר אין פראַנקרייך.

23 1863—קאָנפערענץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין לאָנדאָן.

1900—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין פאַריז.

24 1908—געזעץ וועגען פענסיע פאַר אַלטע לייט אַריין אין קראַפט אין ענגלאַנד.

25 1899—גרויסער הונגער אין אינדיען.

26 1846—טשאַרטיסטען פּראָצעס אין לאָנדאָן.

1915—געשטאָרבען דער פיהרער פון די ענגלישע סאָציאַליסטען דזשיימס קיר האַרדי.

27 1791—אידען באַקומען גלייכבאַרעכטיגונג אין פראַנקרייך.

1825—ערעפענונג פון דער ערשטער אייזענבאַן אין ענגלאַנד.

28 1864—די גרינדונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע אין לאָנדאָן (אינטערנאַציאָנאַל).

29 1868—רעוואָלוציע אין שפּאַניען.

1902—געשטאָרבען עמיל זאָלאַ.

30 1890—אָפּגעשאַפט געוואָרען דער אנטי־סאָציאַליסטען געזעץ אין דייטשלאַנד.

אָקטאָבער

1 1789—פראַנצויזישער קאָנווענט פּראָקלאַמירט מענשען־רעכטע.

1807—פולטאָן ערפינדעט דעם ערשטען דאַמפשיף.

1912—פּראָצעס געגען אַרבייטער־פיהרער אין אינדיאַנאַפּאָליס.

2 1656—טויזענטער אידען אויסגעשלאָכטעט פון קאָזאַקען אין לובלין.

1833—די ערשטע אייזענבאַן אין אַמעריקאַ.

1882—אָנגעפאַנגען צו ערשיינען קאַוטסקי׳ס זשורנאַל „נייע צייט".

3 1896 — געשטאָרבען דער ענגלישער שריפטשטעלער סאָציאַליסט וויליאַם מאָרריס.

4 1830—בעלגיען׳ס אומאָפּהענגיגקייטס־ערקלערונג.

1862—גלייכבאַרעכטיגונג פון די אידען אין באַדען.

1910—רעפּובליק פּראָקלאַמירט אין פּאָרטוגאַל.

5 1908—בולגאַריען ערקלערט זיך פאַר אַ זעלבסטשטענדיג קעניגרייך.

7 1908—עסטרייך אַנעקסירט באָסניע און הערצעגאָווינאַ.

8 1837—געשטאָרבען שאַרל פוריע.

1848—אויפשטאַנד אין ווין.

1894—ערשטער גענעראַל סטרייק פון די קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק.

1897—געגרינדעט געוואָרען דער אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער בונד פון רוסלאַנד, ליטא און פוילען („בונד").

1913—אָנפאַנג פון דעם ביילים עלילת־דם פּראָצעס אין קיעוו.

9 1888—געגרינדעט די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען אין ניו יאָרק.

10 1911—פרויען שטימרעכט איינגעפיהרט אין קאַליפאָרניאַ.

12 1845—ערשטער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון אַמעריקאַנער יוניאָנס אין ניו־יאָרק.

1907—קאַרל ליבקנעכט פאַראורטיילט צו טורמע פאַר זיין בוך „אַנטי־מילי טאַריזם״.

13 1909—פראַנציסקאָ פערער דערשאָסען.

1924—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער און סאָציאַליסט אַנאַטאָל פראַנס.

14 1863—לאַסאַל׳ס אויפרוף צו די בערלינער אַרבייטער.

1891—דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי־טאָג אין ערפורט.

1894—ערשינען דער ערשטער נומער פון דער ערשטער אידישער טעגליכער סאָציאַליסטישער צייטונג אין ניו יאָרק „אַבענדבלאַט״.

1914—געגרינדעט געוואָרען די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס אָוו אַמעריקאַ.

15 1817—געשטאָרבען דער פּוילישער רעוואָלוציאָנער קאָסטיושקאָ.

16 1725—ערשינען די ערשטע צייטונג אין ניו יאָרק.

1793—פראַנצויזישע קעניגין מאַריאַ אַנטואַנעט גילאָטינירט.

17 1892—געשטאָרבען דער אידישער פרייהייטס־דיכטער דוד עדעלשטאַדט.

18 1918—טשעכאָ־סלאָוואַקיע ערקלערט זיך אומאָפּהענגיג פון עסטרייך.

19 1878—אָנגענומען געוואָרען דער אַנטי־סאָציאַליסטען געזעץ אין דייטשען רייכסטאַג.

20 1906—איינגעפיהרט אַן אַרבייטס־מיניסטעריום אין פראַנקרייך.

21 1916—פרידריך אדלער שיסט דעם עסטרייכישען פרעמיער שטורק.

1918—דייטשלאַנד נעמט אָן ווילסאָנ׳ס וואַפענשטילשטאַנד באַדינגונגען.

23 1905—אָנגעפאַנגען זיך דער גענעראַל־סטרייק אין רוסלאַנד.

1917—דער צענטראַלער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס באַשליסט אָנצוהויבען דעם אויפשטאַנד געגען דער צייטווייליגער רעגירונג.

24 1879—די פראַנצויזישע אַרבייטער פּאַרטיי געגרינדעט פון געד און לאַפאַרג.

1407—פּאָגראָם אויף אידען אין קראָקוי.

25 1878—פאַרבאָטען דעם צענטראַל אָרגאַן פון דער דייטשער ס. ד. „פאָרווערטס״.

1918—רעוואָלוציע אין עסטרייך־אונגאַרן.

26 1909—געשטאָרבען פ. זאָרגע, דער סעקרעטאַר פון אינטערנאַציאָנאַל.

27 1882—אויפשטאַנד אין ליאָן, פראַנקרייך, אָנגעפירט פון קראָפּאָטקין און אַנד.

28 1905—ריזיגע דעמאָנסטראַציע אין ווין פאַר אַלגעמיינע וואַהלרעכט.

29 1811—געבאָרען געוואָרען דער באַריהמטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער, בלאַנקי.

1897—געשטאָרבען דער אַמעריקאַנער רעפאָרמער הענרי דזשאָרדזש.

1919—דער געזעץ וועגען פּראָהיבישאָן אין די פאַראייניגטע שטאַטען אַריין אין קראַפט.

30 1889—געשטאָרבען דער רוסישער סאָציאַליסטישער דענקער טשערנישעווסקי.

1905—קאָנסטיטוציע פּראָקלאַמירט אין רוסלאַנד.

31 1905—פּאָגראָמען אויף אידען אין פילע שטעדט אין רוסלאַנד.

נאָוועמבער

2 1918—אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

3 1394—אידען אַרויסגעטריבן פון פּאַריז.

1640—ערעפענט דער לאַנגער פּאַרלאַמענט אין ענגלאַנד.

1903—פּאַנאַמאַ ערקלערט זיך אומאָפּהענגיג.

1914—מאיר לאָנדאָן, ערשטער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן פון ניו יאָרק, ערוועהלט אויף דער אידישער איסט־סייד.

4 1480—פילע אידען פאַרברענט אויפ׳ן עשאַפאָט אין סעוויל.

4 1830—אויפשטאַנד פון טשאַרטיסטען אין ניופאָרט, ענגלאַנד.
6 1887—פּאַטיע, קאָמפּאָזיטאָר פון „אינטערנאַציאָנאַל״, געשטאָרבען.
7 1899—זיצונג פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ אין ברוסעל
1907—ערשטער סטרייק אין טערקיי.
1917—די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש אין פּעטערבורג. פּראָקלאַמירט די סאָוועטען רעפּובליק אין רוסלאַנד.
1918—די דייטשע פלאָטע רעוואָלטירט.
1919—ערמאָרדעט דעם סאָציאַליסט הוגאָ האאַזע.
8 1910—ערשטער סאָציאַליסט, וויקטאָר בערגער, ערוועהלט אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס.
1920—געשטאָרבען דער אידיש־רוסישער שריפטשטעלער ש. אַנסקי.
9 1905—ערשינען די ערשטע סאָציאַל דעמאָקראַטישע טעגליכע צייטונג אין פּעטערבורג.
1910—26 סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען פּאַראורטיילט אין טאָקיאָ.
1918—קייזער ווילהעלם זאָגט זיך אָפּ פון טראָן.
11 1887—געזעצליכע ערמאָרדונג פון די שיקאַגאָער אַנאַרכיסטישע מאַרטירער.
1918—געשטאָרבען דער גרינדער און פיהרער פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וויקטאָר אַדלער.
1918—דייטשלאַנד שרייבט אונטער דעם וואַפענשטילשטאַנד.
12 1912—שפּאַנישער פּרעמיער־מיניסטער דערשאָסען.
1918—רעפּובליק פּראָקלאַמירט אין עסטרייך און אין אונגאַרן.
13 1909—מיין עקספּלאָזיאָן אין טשעררי איל. 300 טויטע.
14 1831—געשטאָרבען דער דייטשער פילאָזאָף העגעל.
1922—דער זיג פון דער לייבאָר פּאַרטיי אין ענגלאַנד. ערוועהלט 141 דעפּוטאַטען מיט מעקדאָנאַלד׳ן אין דער שפּיץ.
15 1881—קאָנווענשאָן פון אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו טרייד און לייבאָר אָרגאַניזיישאָנס.

1905—גענעראַל סטרייק אין פּעטערבורג.
16 1491—פאַרברענט פילע מאַראַנען אין אווילא.
1848—אויפשטאַנד אין רוים.
17 1858—געשטאָרבען דער ענגלישער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליסט ראָבערט אָוען.
1912—סאָציאַליסטישע אַנטי־מלחמה דעמאָנסטראַציעס אין גאַנץ אייראָפּאַ.
19 1904—ערשטער זעמסטוואָ־קאָנגרעס אין מאָסקווע פאָדערט אַ קאָנסטיטוציע.
20 1880—געשטאָרבען אהרן ליבערמאַן. דער ערשטער וואָס האָט אָנגעפאַנגען פּרעדיגען סאָציאַליזם צווישען אידישע מאַסען.
1899—דער אַנטי־סטרייק געזעץ פּראָיעקט דורכגעפאַלען אין דייטשען רייכסטאַג.
1910—געשטאָרבען לעוו טאָלסטאָי.
21 1831—הונגער אויפשטאַנד אין ליאָן, פראַנקרייך.
22 1800—געשטאָרבען דער אידישער פילאָזאָף שלמה מיימאָן.
1863—פערדינאַנד לאסאל פארהאפטעט אויף דער קלאַגע פון האָך־פּאַררעט.
1895—יודזשין וו. דעבס אַרויסגעלאָזען געוואָרען פון געפענגניש.
23 1891—קייזער ווילהעלם דער צווייטער האַלט אַ רעדע פאַר סאָלדאַטען און הייסט זיי שיסען אין זייער פאָטער און מוטער, אויב ס׳וועט נייטיג זיין.
1924—די אַשעס פון זשאַן זשאָרעס באַערדיגט אין פּאַנטעאָן.
24 1924—געשטאָרבען דער אידישער סאָציאַליסטישער פּובליציסט מ. באַראַנאָוו.
1912—אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַנטי־מלחמה־קאָנגרעס אין באזעל.
25 1783—ענגלענדער פאַרלאָזען ניו יאָרק.
26 1910—25 אַרבייטערינען פאַרברענט אין אַ נואַרקער פּעקטאָרי.
27 1905—מאַטראָסען און סאָלדאַטען אויפשטאַנד אין סעוואַסטאָפּאָל.
1911—פּאָול לאַפאַרג און זיין פרוי לאורא מאַרקס באַגעהען זעלבסטמאָרד.
1922—געשטאָרבען דער אידישער סאָצ. זשורנאַליסט פיליפּ קראַנץ.
28 1820—געבאָרען געוואָרען פרידריך ענגעלס.

29 1830—דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע אין וואַרשאָ.

1847—דער „קאָמוניסטען פאַראיין“ באַאויפטראַגט קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס אנצושרייבען דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט“.

30 1900—געשטאָרבען דער ענגלישער שריפטשטעלער אָסקאַר ווײַלד.

1924—דער סאָציאַליסטישער פרעזידענט פון מעקסיקא, קאיעס, פארנעמט זיין פאָסטען.

דעצעמבער

1 1879—אײַזענבאַן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

1906—אײַנגעפירט דאָס אַלגעמיינע וואַהלרעכט אין עסטרייך.

2 1851—מלוכה איבערקערעניש פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען אין פראַנקרייך.

1859—דזשאָהן בראון אויפגעהאַנגען.

1881—געשטאָרבען דזשעני מאַרקס, די פרוי פון קאַרל מאַרקס.

3 1905—גרויסע דעמאָנסטראַציע פאַר אַלגעמיינע וואהלרעכט אין זאַקסען.

1917—געשטאָרען דער אידישער שריפטשטעלער מענדעלע מוכר ספרים.

4 1803—שפּאַנישע אינקוויזיציע אונטערדריקט פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען.

5 1751—געשטאָרבען דער קאָמפּאָזיטאָר וו. א. מאָצאַרט.

1879—די ערשטע פּראָקלאַמאַציע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“.

6 1213—הריגה אויף אידען אין ערפורט

1882—געשטאָרבען דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט לואי בלאַן.

1905—אָפּגעטיילט די קירכע פון שטאַט אין פראַנקרייך.

1907—מינען קאַטאַסטראָפע אין וועסט ווירדזשיניע, 550 טויטע.

1918—דער ספּאַרטאַקוס אויפשטאַנד אין בערלין.

1921—אירלאַנד ווערט אַנערקענט פון ענגלאַנד אַלס אַ פרייע רעפּובליק.

7 1886—געגרינדעט געוואָרען די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

8 1889—געגרינדעט געוואָרען די ערשטע קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו יאָרק.

9 1905—אַרעסטירט דער פאָרזיצענדער פון „פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבייטער דעפּוטאַטען“, כרוסטאַליאָוו.

10 1895—אָפּגעשאַפט דאָס אַלגעמיינע וואַהלרעכט אין זאַקסען.

1910—סאַזאַנאָוו, דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט דער׳הרג׳עט פּלעווע׳ן, באַגעהט זעלבסטמאָרד אויף קאַטאָרגע.

11 1905—בוירנס, געוועזענער ענגלישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, טרעט אַריין אין ליבעראַלען מיניסטעריום.

12 1906—טראַנסוואַל באַקומט אַ קאָנסטיטוציע.

13 1204—געשטאָרבען דער אידישער פילאָזאָף משה מיימאָנידעס (רמב״ם).

1349—הריגת אויף אידען אין דייטשלאַנד.

1799—געבאָרען געוואָרען דער אידיש־דייטשער פּאָעט היינריך היינע.

1924—סעמועל גאָמפּערס, פרעזידענט פון אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, געשטאָרבען אין סאַן־אַנטאָניא, טעקס.

14 1799—געשטאָרבען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

1907—סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דומאַ־דעפּוטאַטען פאַראורטיילט צו קאַטאָרגע אין סיביר.

1911—דער נאָרוועגישער רייזענדער, אַמונדסען, אַנטדעקט דעם דרום־פּאָל.

15 1905—אָפּגעשטעלט די סאָציאַליסטישע צייטונגען אין פּעטערבורג.

1909—מינען קאַטאַסטראָפע אין יאַפּאַן. 762 טויטע.

1917—די באָלשעוויקעס שרייבען אונטער דעם וואַפענשטילשטאַנד מיט די צ ע נ ט ר אַ ל - מלוכות אין ברעסט־ליטאָווסק.

16 1773—דאָס פאָלק פון באָסטאָן וואַרפט אַריין אין ים די ענגלישע טהע.

17 1659—300 אידען אויסגעשלאכטעט אין בוכאוו.

18 1862—אפגעשאפט די נעגער שקלאפעריי אין די פאראייניגטע שטאטען.
1878—די ערשטע פאליטישע גאסען־דעמאנסטראציע אין פעטערבורג. פלעכאנאוו אדרעסירט די דעמאנסטראציע.
1907—איבער 300 מיינער אומגעקומען אין פענסילווייניא.

19 1890—געשטארבען דער בעלגישער סאציאליסט צעזאר דע פאפ.
1915—געשטארבען דער פיהרער פון די פראנצויזישע סאציאליסטען, עדואַרד וואיאן.

20 1860—די סאוטהערן סטייטס טיילען זיך אפ פון דער „יוניאן".

21 1895—דער רוסישער שריפטשטעלער רעוואלוציאנער סטעפניאק (קראוושינסקי) דער'הרג'עט געווארען פון א טריין אין לאנדאן.

22 1905—אויפשטאנד אין מאסקווע.

23 1908—גאמפערס, מיטשעל און מאריסאן פאראורטיילט צו געפענגניש פאר „קאנטעמפט אוו קאורט".

24 1496—אידען ארויסגעטריבען פון פארטוגאל.
1921—דעבס און קאלדוועל באגנאדיגט.

25 1907—פראצעס פון די געוועזענע רוסישע דעפוטאטען, וועלכע האבען זיך געחתמ'עט אונטער וויבארגער מאניפעסט.

26 1825—דער אויפשטאנד פון די דעקאבריסטען אין פעטערבורג.

27 1907—קאנגרעס פון די אטאמאנישע רעוואלוציאנערע פארטייען אין פאריז.
1908—א גרויסע ערד־ציטערניש אין סיציליע. 200,000 טויטע.

28 1869—געגרינדעט געווארען די „נייטס אוו לייבאר.
1912—38 יוניאן באאמטע פאראורטיילט אין אינדיאנאפאליס צו 113 יאהר געפענגניש.

29 1905—אונטערדריקט דעם אויפשטאנד אין מאסקווע.

30 1893—הונגער ראיאט אין סיציליע.
1912—אויסגעבראכען דער סטרייק פון 100000 מענער־שניידער אין ניו יארק.

31 1911—טעקסטיל ארבייטער לאקאוט אין ענגלאנד.

וויכטיגע געשעהענישען אין יאהר 1926

יאנואר

2. — לעאן קאמעניעוו, איינער פון די הויפט־פיהרער פון דער רוסישער באלשעוויסטישער פארטיי אויסגעשלאסען אלס מיטגליד פון דער 'פאליט־ביורא" (די פאקטישע רעגירונג פון רוסלאנד).

3. — גענעראל פאנגאלאס ערקלעהרט זיך פאר דיקטאטאר פון גריכענלאנד.

21. — ענדעקט א קאמוניסטישע פארשווערונג צו שטירצען די רעגירונג אין יוגאסלאוויע. 200 קאמוניסטען ארעסטירט אין בעלגראד און אנדערע שטעדט.

22. — איטאליענישער פארלאמענט ראטיפיצירט דעם לאקארנא־אפמאך (צווישען דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, בעלגיען און איטאליען).

25. — אנפאנג פון דעם טעקסטיל־ארבייטער סטרייק אין פאסעיק, נ. דזש.

27. — יונייטעד סטייטס סענאט שטימט פאר דעם, אז אמעריקא זאל זיך אנשליסען א: דעם וועלט־געריכט.

30. — ענגלישע סאלדאטען ציהען זיך צוריק פון קעלן, דייטשלאנד, וואו זיי האבען זיך געפונען זייט דעם וואפענשטילשטאנד אין 1918.

פעברואר

8. — די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען קלאגט אן די וואָרד בייקינג קא. אין פארלעצען דעם אנטי־טראסט געזעץ.

9. — יונייטעד סטייטס סענאט פאדערט אויף פרעזידענט קולידזש אריינצומישען זיך אין דעם מיינער סטרייק.

9. — די באָארד אָוו עדוקיישאָן פון אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיא פאַרבאָט צו לערנען די עוואָלוציאָנס־טעאָריע אין די פּאַבליק־סקולס.

10. — בעלגישער פאַרלאַמענט ראַטיפיצירט דעם סעטעלמענט וועגען די מלחמה־חובות מיט אַמעריקא.

11. — מעקסיקאַנישע אַרבייטער רעגירונג נאַציאָנאַליזירט די קירכען און פאַנגט אָן צו דעפּאָרטירען פון לאַנד די אויסלענדישע גייסטליכע, וואָס זיינען פאַרמישט אין פּראָפּאַגאַנדע געגען דער רעגירונג.

12. — סטרייק פון די 158 טויזענט מיינערס אין די פאַראייניגטע שטאַטען, וואָס האָט געדויערט 5½ מאָנאַטען געסעטעלט.

16. — אָנפאַנג פון דעם גענעראַל סטרייק פון די ניו יאָרקער פאַריער־אַרבייטער, געפיהרט פון די קאָמוניסטען.

23. — קאָנגרעס פון די פאַראייניגטע שטאַטען נעהמט אָן דעם ביל צו פאַרקירצען דעם איינקונפט־שטייער אויף 387 מיליאָן דאָלאַר. דער געזעץ איז אריין אין קראַפט דעם 26טען פעברואַר.

מערץ

2. — פראַנצויזישער פאַרלאַמענט ראַטיפיצירט דעם לאָקאַרנאָ־אָפּמאַך.

— פוילישער סעים הייסט גוט דעם לאָקאַרנאָ־אָפּמאַך און פאָדערט אַ שטענדיגען פּלאַץ פאַר פוילען אין דעם ראַט פון דער פעלקער־ליגע.

7. — דער ערשטער ערפאָלגרייכער פאַרזוך פון טעלעפאָן־קאָמוניקאַציע צווישען ניו יאָרק און לאָנדאָן.

10. — די ענגלישע קוילען־קאָמיסיע זאָגט זיך ארויס פאַר דעם פּריוואַטען באַטריעב פון די קוילען־גרובען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער רעגירונג.

11. — איטאַליענישער סענאַט נעמט אָן אַ געזעץ, וואָס פאַרבאָט סטרייקס און לאָקאוטס און פיהרט איין געצוואונגענע אַרביטריישאָן.

12. — דענישער פאַרלאַמענט נעהמט אָן דעם געזעצפּראָעקט פון דער סאָציאַליסטישער רעגירונג, וואָס שאַפט אָפּ די שטענדיגע אַרמיי און פלאָטע.

14. — 248 מענשען געטויטעט און 93 פאַרוואונדעט אין אַ באַהן־אומגליק אין קאָסטאַ ריקאַ.

— סאָוועט־רעגירונג באַשטימט אַ לע־

בענסלענגליכע פענסיע פאַר די ניין אַלטע רעוואָלוציאָנערען פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין צוגרייטען דעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

16. — צוליב דער אָפּאָזיציע פון דעם פאָרשטעהער פון בראַזיל, האָט דער ראַט פון דער פעלקער־ליגע פאַרפעהלט אריינצונעהמען דייטשלאַנד אין דער ליגע.

— אָנגעפאַנגען זיך דער פּראָצעס איבער די מערדער פון דעם איטאַליענישען סאָציאַליסטישען דעפּוטאַט מאַטעאָטי. די מערדער זיינען אָפּגעקומען מיט אַ לייכטער שטראָף.

25. — גריגאָרי זינאָוויעוו ארונטערגעזעצט אַלס דיקטאַטאָר פון פּעטראָגראַד. ניקאָלאַי קאָמאַראָוו באַשטימט אויף זיין פּלאַץ.

31. — פּרעזידענט קאַיעס פון מעקסיקע שרייבט אונטער דעם געזעץ וועגען נאַציאָנאַליזאַציע פון די אויל־קוואַלען.

- ראָבערטאָ פאַריגאַטשי, איינער פון די הויפּט־פיהרער פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי פון איטאַליען, רעזיגנירט אלס גענעראַל סעקרעטער פון דער פּאַרטיי. אויגוסט טוראַטי באַשטימט אויף זיין פּלאַץ.

אפּריל

7. — ענגלישע פרוי מאַכט אַ פאַרזוך צו טויטען מוסאָליני'ן אין רוים.

17. — דעמאָנסטראַציע פון 20 טויזענט פרויען אין לאָנדאָן געגען סטרייקס און לאָקויטס.

20. — יונייטעד סטייטס סענאַט הייסט גוט דעם סעטעלמענט וועגען די מלחמה־חובות מיט איטאַליען.

30. — פאָטאָגראַפיעס וואָס זיינען גענומען געוואָרען אין לאָנדאָן, איבערגעשיקט געוואָרען דורכ'ן ראַדיאָ און רעפּראָדוצירט געוואָרען דעם זעלבען טאָג אין די ניו יאָרקער צייטונגען.

מאַי

1. — גענעראַל־ראַט פון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס ערקלערט אַ גענעראַל־סטרייק אין סימפּאַטיע מיט די סטרייקענדע מיינערס.

— געשטאָרבען דער אַלטער רוסישער רעוואָלוציאָנער, דער פאָלקס־סאָציאַליסט ניקאָלאַי טשייקאָווסקי.

— בלוטיגע געשלעגען צווישען סאָציאַ־

ליסטען און קאָמוניסטען אויף דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע אין ווארשע, 4 טויט און 30 פאַרוואונדעט.

— קאָנווענשאָן פון דער אמעריקאנער סאָציאַליסטישער פּארטיי אין פּיטסבורג.

2. — אָנפאנג פון גענעראל סטרייק אין ענגלאַנד.

9. — לייטענאַנט ריטשאַרד בירד אריבער־געפלויגען אויף אַן עראָפּלאַן צום נאָרט־פּאָל.

11. — יונייטעד סטייטס סענאט נעהמט אָן דעם ביל וועגען אָפּשאַפען די „רעילראוד לייבאָר באָארד" און ערלויבט די אייזענבאהנען און זייערע אָנגעשטעלטע צו שליכטען די פאַרשידענע סכסוכים וועגען שכירות און ארבייטס־באַדינגונגען דורך אַ געגענזייטיגען אָפּמאַך.

12. — גענעראל־ראַט פון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס רופט צוריק דעם גענעראל־סטרייק. דער סטרייק האָט געקאָסט די אייזענבאהנען־קאָמפּאניעס 27 מיליאָן דאלאר, די אייזענבאהן־יוניאָנס 5 מיליאָן דאלאר און דער רעגירונג 3,750,000 דאלאר.

24. — איבער 300 מענשען געטויטעט דורך אַ וואולקאַן־אויסברוך אין יאַפּאַן.

25. — סעמיאָן פּעטליורא, געוועזענער פיהרער פון אוקראַינע אין די יאָהרען 1920־1918, ווען עס זיינען דאָרט פּאָרגעקומען די גרעסטע שחיטות אויף אידען, דערשאָסען געוואָרען אין פּאַריז פון שלום שווארצבאַרד.

26. — אבד־על־קרים, מיליטערישער פיהרער פון די ריפען אין מאָראָקאָ, געקעפּטשורט פון דער פראנצויזישער מיליטער און גיט אויף זיין קאַמף געגען פראנקרייך.

30. — צעהנטער וועלט־קאָנגרעס פאר פרויען־שטימרעכט געעפענט זיך אין פּאַריז מיט פאַרטרעטערינס פון 45 לענדער.

— פראנצויזישער סענאט ראַטיפיצירט דעם לאָקארנאָ אָפּמאך.

31. — געעפענט זיך די סעסקווי־סענטענעל אויסשטעלונג אין פילאדעלפיא, לכבוד דער 150 יובילעאום פון אמעריקא'ס אונאָפּהענגיגקייט.

יוני

6. — מאיר לאָנדאָן, באַריהמטער אידישער סאָציאַליסטישער ארבייטער־פיהרער און געוועזענער קאָנגרעסמאן, דער'הרג'עט געוואָרען פון אַן אויטאָמאָביל.

7. — געפאלען דער סאָציאַליסטישער מיניסטאָרען־קאבינעט אין שוועדען.

10. — בראַזיליען ציהט זיך צוריק פון דעם ראַט פון דער פעלקער־ליגע.

— ענגלאַנד פּראָטעסטירט אין אַ נאָטע צו סאָוועט־רוסלאַנד געגען דעם, וואָס די סאָוועטישע יוניאָנס שיקען גרויסע סומען געלט פאר דעם מיינער סטרייק אין ענגלאנד.

— דער 17 וואָכיגער סטרייק פון די 10 טויזענט פאָריערס אין ניו יאָרק איז געסעטעלט געוואָרען. 40־שטונדיגע ארבייטס־וואָך איינגעפיהרט אין טרייד.

11. — ניקאָלאַי טשכעאידזע, באַוואוסטער גרוזינישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, געוועזענער פּאָרזיצענדער פון דעם אלרוסישען סאָוועט פון ארבייטער און סאָלדאַטען דעפּוטאַטען אין 1917 באַגעהט זעלבסטמאָרד אין פּאַריז.

13. — מאַרשאַל פּילסודסקי ווערט דער שטענדיגער הויפּט־קאָמאנדיר פון דער פּוילישער ארמיי.

20. — דער רעפערענדום אין דייטשלאַנד צו קאָנפיסקירען אָהן געלט אלע פּארמעגענס פון די געפאלענע דינאַסטיעס, דורכגעפאלען, טראָץ דעם, וואָס פאר דעם פּאָרשלאַג האָבען געשטימט 14 ,889,703 און געגען בלויז 542,311.

29. — ענגלישער פּאַרלאַמענט נעהמט אָן מיט אַ מאַיאָריטעט פון 355 געגען 163 דעם געזעץ־פּראָעקט פון דער רעגירונג צו פאַרלענגערען דעם ארבייטס־טאָג אין די מיינס פון 7 אויף 8 שטונדען.

יולי

1. — גענעראל־סטרייק פון 35 טויזענט קלאָוקמאכער אין ניו יאָרק ערקלעהרט.

8. — געשטאָרבען דער אלטער רוסיש־אידישער רעוואָלוציאָנער, מיטגליד פון דער „זעמליאַ אי וואָליא", יוסף אַפּטעקמאן.

5. — 600 סאָבוועי ארבייטער אין ניו־יאָרק ארויס אין סטרייק.

9. — געשטאָרבען אין פּעטראָגראַד דער באַוואוסטער אידיש־רוסישער שריפטשטעלער און קריטיקער אקים וואָלינסקי־פלעקסנער.

12. — פראנקרייך שליסט אַן אָפּמאך מיט ענגלאַנד וועגען די מלחמה־חובות. לויט וועלכען פראנקרייך'ס חוב צו ענגלאַנד ווערט פארקלענערט אויף 60 פּראָצענט. זי וועט דארפען צאָהלען ענגלאַנד אין פאַרלויף פון 62 יאָהר צייט די סומע פון 62 מיליאָן דאָלאר יעהרליך.

13. — בעלגישער פּאַרלאַמענט שטימט צו געבען דעם קעניג אַלבערט אויסער־געוועהנ־

ליכע מאכט אום צו רעאָרגאניזירען די פי־
נאנסען פון לאנד און סטאַביליזירען דעם
פראַנק.

15. — טערקישע רעגירונג הינגעריכטעט 15
פיהרער פון דער אָפּאָזיציע פאר פּלאַנעווען
פארשווערונגען געגען מוסטאַפאַ קעמאל־פּאַ־
שאַ, דעם טערקישען פּרעזידענט.

20. — געשטארבען פעליקס דזערזשינ־
סקי, דער הויפּט פון דער באָלשעוויסטישער
„טשעקא".

23. — רעגירונג פון מעקסיקאָ פארבאָט
רעליגיעזע אונטערריכט אין די סקולס. קאַ־
טוילישע גלחים ארויסגעטריבען פאר אָרגאַ־
ניזירען אן עקאָנאָמישען און געזעלשאפט־
ליכען באָיקאָט געגען דער רעגירונג.

— פּואַנקארע בילדעט א קאָאַליציאָנס־רע־
גירונג אין פראנקרייך, אין וועלכער עס געהן
אריין פינף געוועזענע פּרעמיער־מיניסטאָרען.

24. — גריגאָרי זינאָוויעוו ארויסגעוואָר־
פען פון דער פּאליט־ביוראָ פון צענטראל קאָ־
מיטעט פון דער רוסישער קאָמוניסטישער
פארטיי. לאַשעוויטש, געהילף פון קריגס־
מיניסטער ארונטערגעזעצט פון אַמט פאר אָר־
גאַניזירען א געהיימע פארזאמלונג פון די
אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטען.

אויגוסט

1. — געשטאָרבען דער באַריהמטער ענג־
ליש־אידישער שריפטשטעלער און כלל־טהוער
איזראעל זאַנגוויל.

12. — פּאַסעיקער סטרייקער ארויסגענו־
מען אין דער טעקסטיל וואָירקערס יוניאָן
פון דער אמעריקען פעדערייזשאָן אָוו לייבאָר.

13. — לעאָן קאַמעניעוו ארונטערגעזעצט
פון אַמט אַלס האַנדעלס־קאָמיסאר פאר ארויס־
טרעטען געגען דער מאַיאָריטעט פון צענטראל
קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי.

22. — געפאַלען די מיליטערישע דיקטאַ־
טור פון גענעראל פּאנגאלאס אין גריכענלאנד.

25. — גאָווערנאָר סמיטה שלאָגט פאר
ארביטריישאָן אין קלאָוק־סטרייק; קאָמוניס־
טישע פיהרער פון סטרייק ווייזען צוריק דעם
פארשלאג.

30. — די פאשיסטישע רעגירונג אין
איטאַליען שאפט אָפּ די אַלגעמיינע וואהלען
פאר שטאָדט־בעאַמטע.

31. — עקזעקוטיווע פון סאָציאַליסטי־
שען ארבייטער אינטערנאציאָנאל באשטימט א
קאָמיטע צו אונטערזוכען די אוקראַיניש־אי־
דישע באציהונגען אין פארבינדונג מיט דער
פעטליורע אנגעלעגענהייט.

סעפּטעמבער

7. — דייטשלאַנד איינשטימיג אריינגע־
נומען אַלס מיטגליד פון דער פעלקער־ליג.

8. — פּרעזידענט קולידזש ערקלערט, אַז
אַמעריקא וועט זיך ניט מישען אין דעם קאַמף
צווישען קירכע און שטאַאַט אין מעקסיקא.

11. — ניט געלונגענער אַטענטאַט אויף
דעם לעבען פון דעם איטאַליענישען דיקטאַ־
טאָר מוסאָליני.

13. — ליבעראַלען זיגען איבער די קאָנ־
סערוואַטאָרען אין די וואהלען צום פּארלאַ־
מענט אין קענעדע.

14. — דער לאָקאַרנא־אָפּמאַך צווישען
דייטשלאַנד, פראנקרייך, ענגלאנד, בעלגיען
און איטאַליען אָפיציעל אריין אין קראַפט.

18. — 370 מענשען טויט און פילע פאר־
וואונדעט פון א שטורם־ווינט אין דרום
פלאָרידא.

28. — ליטע שליסט אָן אָפּמאַך מיט סאָ־
וועט־רוסלאַנד אויף 5 יאָהר צייט.

אָקטאָבער

1. — דער מעטאַל טריידס דעפּארטמענט
פון דער אַמעריקאַן פעדערייזשאָן אָוו לייבאָר
באַשליסט אַנצושליסען זיך אָן דער אינטער־
נאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון די מעטאַל־אר־
בייטער.

4. — געעפענט זיך אין דעטראָיט די
46טע יעהרליכע קאָנווענשאָן פון דער אַמע־
ריקאַן פעדערייזשאָן אָוו לייבאָר.

6. — גענעראַל פאָן־סעקט הויפּט פון דער
אַרמיי פון דער דייטשער רעפּובליק ארונטער־
געזעצט דערפאר וואָס ער האָט ערלויבט א
פּרינץ פון דער געוועזענער קייזערליכער
וועקער—געשעהענישען אין יאָר 1926 — 3
פאמיליע צו באטייליגען זיך אין די מילי־
טערישע מאַנעווערס.

10. — געשטאָרבען אין פּאריז דער באַ־
וואוסטער אידישער יוריסט און כלל־טוער,
פיהרער פון די רוסישע ליבעראַלען מ א ק־
ס י ם ו ו י נ א ו ו ע ר.

11. — קאָנגרעס פון דער ענגלישער לייב־
באָר פּארטיי אין מאַרגעיט באשליסט מיט א
מאַיאָריטעט פון 13 צו 1 ניט אריינצונעהמען
צוריק די קאָמוניסטען אין דער לייבאָר
פּארטיי.

14. — פאַרשטעהער פון דער דייטשער

מינאָריטעט אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע טרעטען צום ערשטען מאָל אַריין אין אַ קאָאַליציאָנס רעגירונג צוזאַמען מיט די טשעכען.

15. — פרייסישער לאַנדטאַג ראַטיפיצירט דעם פינאַנציעלען סעטעלמענט צווישען פריי־סען און די געוועזענע פרינצען פון דער האָהענצאָלערן ־ דינאַסטיע, געבענדיג זיי 3,600,000 דאָלאַר אין קעש און 167,000 אַקער־לאַנד.

16. — 1200 כינעזער סאָלדאַטען דער־טרונקען ביים אונטערגאַנג פון דער מילי־טערישער־שיף אין די יאַנקצי־ריווער.

18. — די „נאַסע” געווינען אין דעם רעפערענדום אין נאָרוועגיען.

22. — 400 מענשען אומגעקומען אין אַן ערד־ציטערניש אין אַרמעניען. 100,000 גע־בליבען היימלאָז.

20. — געשטאָרבען דער גרינדער און פיהרער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטי־שער פאַרטיי יודשין וויקטאָר דעבס.

23. — לעאָן טראָצקי און לעאָן קאַמע־ניעוו אויסגעשלאָסען פון דער „פאָליט־ביוראָ” פון דער רוסישער קאָמוניסטישע־ פאַרטיי. גריגאָרי זינאָוויעוו באַזייטיגט אַלס פרעזידענט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַ־ציאָנאַל.

25. — יונייטעד סטייטס סופרים קאָורט ענטשיידעט אַז דער פרעזידענט האָט אַ רעכט אַרונטערצוזעצען עקזעקוטיוו בעאַמטע פון זייערע עמטער.

31. — אַטענטאַט אויף דעם איטאַליעני־שען פאַשיסטישען פרעמיער־מיניסטער אין באָלאָן. דער אַטענטאַטער ערמאָרדעט פון המון.

נאָוועמבער

2. — רעפובליקאַנער פאַרטיי פאַרלירט די מאַיאָריטעט אין יונייטעד סטייטס סענאַט.

— וויקטאָר בערגער, דער איינציגער סאָציאַליסטישער מיטגליד פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס ווידער ערוועהלט.

7. — רעפובליקאַנער געווינען אַ מאַיאָ־ריטעט אין די וואַהלען צום פאַרלאַמענט אין גריכענלאַנד.

9. — איטאַליענישער פאַרלאַמענט נעהמט אָן דעם געזעץ־פראָיעקט פון דער רעגירונג וועגען איינפיהרען טויט־שטראָף פאַר פאָלי־טישע פאַרברעכען. די דעפוטאַטען פון דער אָפּאָזיציע ווי אויך די קאָמוניסטען אויס־געשלאָסען פון פאַרלאַמענט.

11. — געשטאָרבען דער באַריהמטער אַלטער רוסישער רעוואָלוציאָנער מיכאַיל אַשענברענער, וועלכער איז אָפּגעזעסען 20 יאָהר אין שליסעלבורגער פעסטונג.

— סטרייק פון 35 טויזענט קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק געפיהרט פון קאָמוניסטען פאַרענדיגט זיך מיט אַ נידערלאַגע פאַר די ארבייטער.

13. — קאָמוניסטישער אויפשטאַנד אויף דעם יאַוואַ — אינזעל. פילע מענשען דער־הרג׳עט.

14. — דער דיקטאַטאָר דיאַז איינגעשוואָ־רען אַלס פרעזידענט פון ניקאַראַגואַ.

20. — ענגלאַנד פיהרט איין פאָלשטענדי־גע אויטאָנאָמיע פאַר אַלע איהרע דאָמיניאָנס.

23. — גריגאָרי זינאָוויעוו אָפיציעל אַרונטערגעזעצט אַלס פרעזידענט פון קאָמו־ניסטישען אינטערנאַציאָנאַל.

24. — געשטאָרבען דער באָלשעוויסטי־שער פיהרער לעאָניד קראַסין.

26. — געשטאָרבען דער באַריהמטער ענגלישער סאָציאַליסט בעלפאָר באַקס.

28. — דויטשער פאַשיסט מאַכט אַ ניט געלונגענעם פאַרזוך צו טויטען פאול לעבע, דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פרע־זידענט פון דויטשען רייכסטאַג.

דעצעמבער

1. — ענגלישע און בעלגישע סאָלדאַטען פאַרלאָזען קעלן, און קרעפעלד אין דויטש־לאַנד.

— ליבעראַלען פון ניקאַראַגואַ ערקלעה־רען דר. יואַן סאַקאַזאַ אַלס דעם קאָנסטיטו־ציאָנעלען פרעזידענט פון ניקאַראַגואַ.

3. — דויטשער רייכסטאַג באַשטימט אַ קאָמיטע צו צענזורירען ליטעראַטור און „מואווים”.

6. — איטאַליענישע רעגירונג פיהרט איין אַ ספעציעלען שטייער פאַר אַלטע בחורים אין עלטער פון 25 ביז 65 יאָהר.

8. — מאַדאַם אַלעקסאַנדרא קאָלאָנטאַי רוסישע סאָוועטישע אַמבאַסאַדאָרקע אין מעקסיקאָ אָנגעקומען אין מעקסיקאָ סיטי.

די וועלט און די מענשהייט

וואַסער און יבשה.

דער גאַנצער ערד־קוגעל פאַרנעמט אַ שטח פון 510,000,000 קוואַדראַט קילאָ־מעטער. פון דעם קומט אויס:
אויף דער יבשה ארום 146,500,000 קוו. קיל.; אויף וואַסער, 363,500,000 קוו. קיל.
(אַ קילאָמעטער איז 1 מיט אַ 6 הונדערטעל טייל פון אַן אַמעריקאַנער מאַיל)

די טיילען פון דער וועלט

	קוו. קיל.
איירָאפּא פאַרנעמט — —	10,066,000
אזיע — — — — — — —	44,093,000
צפון אמעריקא — — —	25,702,000
דרום אמעריקא — — — —	18,185,000
אַפריקא — — — — — —	30,027,000
אויסטראַליע — — — — —	8,960,000
דער דרום פּאָלאַרער געגענד,	9,417,000

די אָקעאַנען און ימים.

דער גאַנצער שטח וואַסער אויפ'ן ערד־קוגעל ווערט איינגעטיילט אין 3 גרויסע אָקעאַנען. אין איינִיגע פאַלען רעכענען מיר צו די אָקעאַנען די געהעריגע ימים און איינגוסען, וואָס שניידען זיך אריין אין דער יבשה. מיר גיבען פריהער דעם שטח פון די אָקעאַנען אָהן די געהעריגע ימים, נאָכדעם ברענגען מיר דעם שטח פון אַלע ימים און איינגוסען צוזאַמען און איינִיגע ימים באַזונדער.

די אָקעאַנען און ימים	דער שטח אין טויזענטער קוואַדראַט־ קילאָמעטער	די גרעסטע טיפע אין מעטער	די דורכשניטליכע טיפע אין מעטער
דער גרויסער אָקעאַן — — — —	166,000	9,400	4,900
דער אַטלאַנטישער אָקעאַן— —	82,000	8,300	3,855
דער אינדישער אָקעאַן — — — —	73,000	6,200	3,924
אַלע ימים און איינגוסען —	40,000	6,400	1,180
אַלע וואַסערען — — — — —	361,000	9,400	3,680
דער מיטעללענדישער ים — — —	2,963	6,400	1,435
דער באַלטישער ים — — — —	431	427	67
דער שוואַרצער ים — — — —	412	2,636	1,200

די גרעסטע אָזיערעס

דער שטח אין טויזענטער קוואַדראַט קילאָמעטער

דער קאַספּישער ים	438
אויבערשטע אָזיערע (צפון אַמעריקא)	83
וויקטאָריאַ־ניאַנצאַ (אַפריקא)	69
אַראַלער אָזיערע (אַזיע)	69
יוראָן (צפון אַמעריקא)	60
מישיגען (צפון אַמעריקא)	68
טאַנגאַנאיקא (אַפריקא)	35
באַיקאַל (אַזיע)	35
ניאַססא (אַפריקא)	31
די בערען אָזיערע (צפון אַמעריקא)	29
די שקלאַפען אָזיערע (צפון אַמעריקא)	29
אירי (צפון אַמעריקא)	26
וויניפּעג (צפון אַמעריקא)	25
באַלכאַש (אַזיע)	21
אָנטאַריאָ (צפון אַמעריקא)	19
לאַדאָגער (אייראָפּא)	18
טשאַד (אַפריקא)	16
מאַראַקאַאיבער אָזיערע	14
אָניעגער (אייראָפּא)	9
רודאלפס (אַפריקא)	8
ניקאַראַגואַ (סענטראַל אַמעריקא)	8
אַטאַבאַסקא (צפון אַמעריקא)	7
איסיק־קול (אַזיע)	6
וואַן (אַזיע)	3,7
סאַימאַ (אייראָפּא)	1,8
ציוריכער (אייראָפּא)	0,1
אילמען (אייראָפּא)	0,9
דער טויטער ים (אַזיע)	0,9
זשענעווער (אייראָפּא)	0,6
באָדענער (אייראָפּא)	0,5

די גרעסטע אינזלען

דער שטח אין טויזענטער קוואַדראַט קילאָמעטער

גרענלאַנד (אַמעריקא)	2,170
ניי־גווינעא (אויסטראַליע)	775
באָרנעאָ (אַזיע)	755
מאַדאַגאַסקאַר (אַפריקא)	586
סומאַטראַ (אַזיע)	435
ניי־זעלאַנד (אויסטראַליע)	265
גרויס־בריטאַניע (אייראָפּא)	229
ניפּאָן (אַזיע)	226
צעלעבעס (אַזיע)	180
יאַווא (אַזיע)	126
קובאַ (אַמעריקא)	120
ניו־פאַונדלענד (אַמעריקא)	111
ליוצאָן (אַזיע)	106
איסלאַנד (אייראָפּא)	104
מינדאַנאַאָ (אַזיע)	96
יעססאָ (אַזיע)	94
די נייע־ערד (אייראָפּא)	92
אירלאַנד (אייראָפּא)	84
האַאיטי (אַמעריקא)	77
סאַכאַלין (אַזיע)	75
טאַסמאַניאַ (אויסטראַליע)	68
ציילאָן (אַזיע)	66
שפּיצבערגען	65
די פייער־ערד (אַמעריקא)	48
קיאו־סיאו (אַזיע)	36
פאָרמאָזע (אַזיע)	35
באַינאַן (אַזיע)	34
וואַנקואווער (אַמעריקא)	33
סיציליע (אייראָפּא)	26
סאַרדיניע (אייראָפּא)	24
שיקאָקאָ (אַזיע)	18
ניי־קאַלעדאָניע (אויסטראַליע)	17

די גרעסטע האַלב־אינזלען

דער שטח אין טויזענטער קוואַדראַט קילאָמעטער

אַראַביע (אַזיע)	2,730
אינדיע (אַזיע)	2,088
לאַבראַדאָר (אַמעריקא)	1,300
סקאַנדינאַווער האַלב־אינזעל	800
פּירענייער האַלב־אינזעל	584
קליין אַזיע (אַזיע)	506
באַלקאַנער האַלב־אינזעל	468
קאַמטשאַטקאַ (אַזיע)	264
מאַלאַיער האַלב־אינזעל	237
יאָרסקער האַלב־אינזעל (אויסטראַליע)	195
קאָרעאָ (אַזיע)	152
אַפּענינער האַלב־אינזעל (אייראָפּא)	149

קאַליפאָרניע (אַמעריקא)	143
סאַמאָיעדער האַלב־איזעל (אַזיע)	133
קאָלאַ (אייראָפּא)	120
פלאָרידאַ (אַמעריקא)	110
יוקאַטאַן (אַמעריקא)	73
קאַטיאַוואַר (אַזיע)	60
סינאַיער האַלב־אינזעל (אַזיע)	69
טשוקאָטער האַלב־אינזעל (אַזיע)	49
ניי־שאָטלאַנד (אַמעריקא)	44
יוטלאַנד (אייראָפּא)	39
שאַן־דון (אַזיע)	29
קרים (אייראָפּא)	26
ברעטאַן (אייראָפּא)	24
פּעלאָפּאָנעס (אייראָפּא)	22
קורליאַנדער (אייראָפּא)	18
דעלאַווער (אַמעריקא)	16
גאַאַכירער האַלב־אינזעל (אַמעריקא)	14
קאַלאַבריע (אייראָפּא)	14
קאַנינער האַלב־אינזעל (אייראָפּא)	10
אַליאַסקאַ (אַמעריקא)	6

די וויכטיגסטע טייכן

די לענג פון אייניגע טייכן איז אָנגעגעבן נאָר בערך, ווייל פיל טייכן זיינען גענוי ניט אויסגעמאָסטן געוואָרן

נאָמען פון טייך	לענג אין קילאָמעטער
אייראָפּא	
וואָלגאַ	3,600
דונאַי	2,860
דניעפּר	2,150
דאָן	1,860
צפון דווינאַ	1,780
פּעטשאָראַ	1,580
אוראַל	1,550
דניעסטר	1,371
ריין	1,225
עלבע	1,165
ווייכסעל	1,050
לואַרע	1,002
ניעמאַן	910
אָדער	905
ראָנאַ	810
וועזער	712
סענע	705
פּאָ	650
טעמז	322
אַזיע	
יעניסיי	6,220
אירטיש־אָב	5.300
ליענאַ	4,600
אַמור	4,480
כואַנ־כע	4,150
אינד	3,180
גאַנג	3,000
יעפראַט	2,780
אַמו־דאַריאַ	2,200
אַמעריקא	
מיסורי־מיסיסיפּי	6,730
אַמאַזאָנאַ	5,570
אַטאַקעסקאַ־מאַקענזי	4,600
סט. לאָורענס ריווער	3,820
לאַ־פּלאַטאַ	3,700
יוקאָן	3,280
ריאָ־גראַנדע־דעל־פּאַרטע	2,800
קאָלאָראַדאָ	2,700
אָרינאָקאָ	2,250
קאָלומביאַ	2,250
אַפריקא	
ניל	6,500
קאָנגאָ	4,640
ניגער	4,170
זאַמבעזי	2,660
אָראַנזשען טייך	2,050
לימפּאָפּאָ	1,600
סענעגאַל	1,430
אויסטראַליע	
מוררײ־דאַרלינג	3,490

די באַפעלקערונג פון ערד־קוגעל לויט די ראַסע, שבטים־גרופירונגען און פעלקער

נאָמען פון ראַסע	אין מיליאָנען	דער % טייל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג
די ווייסע ראַסע — — — — — — — — — —	920	50,5
די מאָנגאָלער ראַסע — — — — — — — —	615	33,8
די מאַלאַיער ראַסע — — — — — — — —	60	3,3
די אינדישע ראַסע — — — — — — — —	40	2,2
נעגערען — — — — — — — — — — —	116	6,4
די פעלקער פון אומבאַשטימטער ראַסע —	70	3,9

דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג אין די גרעסטע אייראָפּעאישע לענדער אין פאַרלויף פון 500 יאָהר

אין גאַנץ אייראָפּא

אין יאָהר 1350 — — — — 100 מיליאָן	אין יאָהר 1880 — — — — — 334 מיליאָן
אין יאָהר 1700 — — — — 110 מיליאָן	אין יאָהר 1890 — — — — — 365 מיליאָן
אין יאָהר 1750 — — — — 140 מיליאָן	אין יאָהר 1900 — — — — — 406 מיליאָן
אין יאָהר 1800 — — — — 187 מיליאָן	אין יאָהר 1910 — — — — — 443 מיליאָן
אין יאָהר 1850 — — — — 267 מיליאָן	אין יאָהר 1920 — — — — — 449 מיליאָן

די נעמען פון די לענדער	די צאָהל פון דער באַפעלקערונג אין טויזענטער, אין די יאָהרען: 1480	1580	1680	1780	1880	1920
ענגלאַנד — — —	3,700	4,600	5,532	9,561	35,004	47,605
פראַנקרייך — —	12,600	14,300	18,800	25,100	37,400	39,210
פּרייסען — — —	800	1,000	1,400	5,460	27,279	37,485
רוסלאַנד (אייראָפּא)	2,100	4,300	12,600	26,800	84,440	101,410
איטאַליע — —	9,200	10,400	11,500	12,800	28,910	38,836
שפּאַניען — —	8,800	8.150	9,200	9,960	16,290	21.338

די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין דער רוימישער אימפּעריע.

אין 14טען יאָהר נאָך קריסטוס

אין איטאַליע — — — — — 6,000,000
אין שפּאַניע — — — — — 6,000,000
אין גריכענלאַנד — — — — 6,000,000
אין גאַלליע — — — — — 3,400,000
אין די איבעריגע אייראָפּעאישע פּראָווינצען — — — 4,600,000

סך־הכל אין אייראָפּא — 23,000,000
סך־הכל אין אזיע — — 19,500,000
סך־הכל אין אפריקא — — 11,500,000

סך־הכל אין דער גאַנצער אימפּעריע — — — — — 54,000,000

די פאַרשפּרייטונג פון די הויפּט־רעליגיעס

אויפ'ן גאַנצען ערד־קוגעל צעהלט זיך:
קריסטען — — — — — 650 מיליאָן

אין דער צאָהל געהען אריין:
קאַטאָליקען — — — — — — 300 מיליאָן
פּראָטעסטאַנטען און ליוטע־ראַנער — — — — — — 230 מיליאָן
פּראַוואָסלאַוונע — — — 120 מיליאָן

פון אַנדערע רעליגיאָנען צעהלט מען:
בודדיסטען — — — — 570 מיליאָן
מאַחמעדאַנער — — — — 250 מיליאָן
געצענדינער און שאַמאַניסטען 90 מיליאָן
בראַמינער — — — — — 235 מיליאָן
אידען — — — — — — 13.65 מיליאָן

1. די ווייסע ראַסע

צווישען די פעלקער פון דער ווייסער ראַסע שיידען מיר אויס דריי גרויסע גרופּען:
א) אינדאָ־גערמאַנער (אַריער) — 858 מיליאָן
ב) סעמיטען — — — — — — — 40 מיליאָן
ג) כאַמיטען — — — — — — 22 מיליאָן

א) צווישען די אינדאָ גערמאַנער פעלקער אונטערשיידען מיר:
1) די מזרח אַרישע פעלקער (256 מיליאָן), צו וועלכע עס געהערען די אינדוסען (230 מיליאָן), איראַנער (18 מיליאָן), קאַווקאַזער פעלקער (7 מיליאָן), ציגיינער (0,8 מיליאָן).
2) די מערב אַרישע פעלקער (602 מיליאָן), די פאַרשטעהער פון דער מערב'דיגער, אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישער קולטור.

צו די מערב־אַרישע פעלקער געהערען:
1) די גערמאַנישע פעלקער (268 מיליאָן), ענגלענדער און ענגלענדער־אַמעריקאַנער (139 מיליאָן), דייטשען (89 מיליאָן), סקאַנדינאַווער פעלקער (14 מיליאָן) א. א.
2) די ראָמאַנער פעלקער (164 מיליאָן), שפּאַניער און קרעאָלען (6 מיליאָן), פראַנ־צויזען (45 מיליאָן), איטאַליענער (43 מיליאָן), פּאָרטוגעזער (20,5 מיליאָן), רומעניער (12.5 מיליאָן), און אַנדערע.
3) סלאַווישע פעלקער (154 מיליאָן) — גרויס־רוסען (76 מיליאָן), אוקראַאינער (33 מיליאָן), פּוילען (19 מיליאָן), טשעכען און סלאָוואַקען (10 מיליאָן), סערבען, קראָאַטען און סלאָווענער (10,7 מיליאָן), באַלגאַרען (5,2 מיליאָן).
4) גריכען (6,5 מיליאָן), אַלבאַנער (1,4 מיליאָן), קעלטען (1,7 מיליאָן), לעטען און ליטווינער (3,6 מיליאָן).

ב) צו די סעמיטען געהערען: אַראַבער (20 מיליאָן), אידען (13,6 מיליאָן), אַביסיניער און נוביער (5,5 מיליאָן))און אַנדערע קלענערע שבטים.

ג) צו די כאַמיטען געהערען די אַפריקאַנער פעלקער: די בערבערען, קאָפּטען, סאָמאַלער און אַנדערע.

2. די מאָנגאָלער ראַסע

צווישען די פעלקער פון דער מאָנגאָלער ראַסע אונטערשיידען מיר פינף גרופּען:
א) די מאָנגאָלער פעלקער — — 510 מיליאָן
ב) יאַפּאַנעזער און קאָרעער — — 80 מיליאָן
ג) פינען און אונגאַרען — — 16 מיליאָן
ד) טיבעטיאַנער — — — — — 8 מיליאָן
ה) די צפון פּאָליאַרער שבטים — 1 מיליאָן

די מאָנגאָלער פעלקער צוטיילען זיך אויף צוויי אונטער־גרופּען:
1) אוראַל־אַלטאַיער פעלקער (45 מיליאָן) — קאַלמיקען, בוריאַטען, טונגוסען, יאַקוטען, קירגיזען, טאַטערען, טערקען.
2) דרום־מאָנגאָלער פעלקער (465 מיליאָן); דעם ערשטען אָרט צווישען דיזע פעלקער פאַרנעמען די כינעזער.

3. די מאַלאַיער ראַסע

צו דער ראַסע געהערען די פעלקער פון די פאַלינעזישע אינזלען: די מאַלאַיער (אויף סומאַטראַ און מאַלאַקקאַ), די טאַגאַלען (אויף די פילופינער אינזלען), די יאַוואַיער (אויף יאַוואַ), די דאַיאַקען (אויף באָרנעאָ און צעלעבעס) און אַנדערע.

4. די אינדישע ראַסע

די אַלטע באַפעלקערונג פון אַמעריקא, אַן ערך 15 מיליאָן אינדיאַנער (אין דרום און צענטראַל אַמעריקא) און 25 מיליאָן מעטיסען, וואָס שטאַמען פון געמישטע הייראַטען צווישען אינדיאַנער און אייראָפּעער.

5. נעגרען

א) די נעגערען אין צפון־מערב'דיגער און צענטראַלער אַפריקא — 61 מיליאָן.
ב) באַנטו, קאַפרען, זולוסען און אַנדערע שבטים אין צפונ'דיגער און צפון־מזרח'דיגער אַפריקא — 28 מיליאָן.
ג) אַמעריקאַנער נעגערען און מולאַטען — 25 מיליאָן.
ד) פּאַפּואַסען און מעלאַנעזיער אין ניי־גווינעא, ניי־קאַלעדאָניאַ און שכנ'ישע אינזלען — 1,5 מיליאָן.
ה) פּאָלינעזיער, אויסטראַליער, מאַארי — אַ האַלבער מיליאָן.

6. די פעלקער פון אומבאַשטימטער ראַסע

די אוראַלטע איינוואוינער פון פאָדערשטער אינדיע און צייזלאָן: דראַווידען, טאַמילער — 66 מיליאָן, סענעגאַלער — 3 מיליאָן, האָטענטאָטען און בושמענער — 150,000, און די באַסקען אין די מערב'דיגע פירינעען — 600,000.

די פאַרשפּרייטונג פון די הויפּט־שפּראַכען

ביים פעסטשטעלען די פאַרשפּרייטונג פון יעדער שפּראַך אונטערשיידען מיר די צאָהל פון דער באַפעלקערונג, וואָס רעדט אויף דער שפּראַך, באַנוצט זיך מיט איהר, ווי מיט איהר מוטער־שפּראַך, און די צאָהל מענשען אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס פאַרשטעהען דיזע שפּראַך.

לויט דער צאָהל מענשען וואָסריידען

דעם ערשטען אָרט פאַרנעמט די כינעזישע שפּראַך (435 מיליאָן) און אינדוסער שפּראַך (230 מיליאָן). ווייטער געהען די שטאַרק פאַרשפּרייטע אייראָפּעאישע שפּראַכען — ענגליש (163 מיליאָן), דייטש (91 מיליאָן), שפּאַניש (80 מיליאָן), רוסיש (70 מיליאָן), פראַנצויזיש (45 מיליאָן), איטאַליעניש (41 מליאָן), אוקראַיניש (35 מיליאָן), פּאָרטוגעזיש (32 מיליאָן), פּויליש (22 מיליאָן), רומעניש (12,5 מיליאָן).

פון די אַנדערע ניט אייראָפּעאישע שפּראַכען איז מעהר ווי אַנדערע פאַרשפּרייט: יאַפּאַנעזיש און קאָרעאיש (80 מיליאָן), די אַלט־אינדישע (66 מיליאָן), אַפריקאַנישע (62 מיליאָן), מאַלאַאיש־פּאָלינעזישע (60 מיליאָן), טיבעטיש (40 מיליאָן), טורקאָ־טאַטעריש (25 מיליאָן).

לויט דער צאָהל מענשען וואָס פאַרשטעהען

פאַרנעמט דעם ערשטען אָרט כינעזיש און אינדוסיש. רוסיש פאַרנעמט דעם פערטען אָרט (170—110 מיליאָן) און געהט גלייך נאָך ענגליש (220—160 מיליאָן). נאָך רוסיש געהט דייטש (100 מיליאָן), ווייטער — פראַנצויזיש (80 מיליאָן), איטאַליעניש (50 מיליאָן). פון אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכען זיינען אויסער אייראָפּאַ פאַרשפּרייט האָלענדיש (12 מיליאָן), גריכיש (8 מיליאָן).

דער רייכטום פון דער גאַנצער וועלט פאַר און נאָך דער מלחמה.

גענוי פעסטשטעלען דעם סכום פון די רייכטימער פון דער גאַנצער וועלט איז זעהר שווער. נאָר כדי צו געבען אַן ענטפער אויף די וויכטיגסטע פראַגען פון דער וועלט ווירטשאַפט, ווי צום ביישפּיל, די פראַגע פון די עקאָנאָמישע פאָלגען פון דער

מלחמה, די רעפּאַראַציאָנס צאָהלונגען, איז אומבאדינגט נויטיג צו באַשטימען לערך דעם סכום פון די רייכטימער.

דער נאָמען פון לאַנד	פֿאַר דער מלחמה	נאָך דער מלחמה	דער אונטערשיד
	אין מיליאַרדען דאָלאַרען		
ענגלאַנד	80	67,5	— 12,5
פראַנקרייך	65	45	— 20
רוסלאַנד	60	25	— 35
איטאַליע	25	20	— 5
בעלגיע	15	12,5	— 2,5
דייטשלאַנד	95	60	— 35
עסטרייך	40	25	— 15
סך־הכל	380	255	— 125
פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקא	205	285	+ 80
יאַפּאַן	20	25	+ 5

די ציפערען באַווייזען אונז, אַז די מלחמה האָט פאַראָרעמט אייראָפּא. פאַרקערט, אַמעריקא און יאַפּאַן זיינען באַדייטענד רייכער געוואָרען.

דער איטאַליענישער פינאַנסיסט מאַריאָ אַלבערטי שטעלט אונז פאָר די ענדערונגען אינ'ם צושטאַנד פון די רייכטימער פאַר דער צייט פון דער מלחמה. ער נעמט אין אַכט די אינטערנאַציאָנאַלע חובות און די רעפּאַראַציאָנס צאָהלונגען לויט דעם לאָנדאָנער פּראָיעקט אין יאָהר 1921.

שטעדט אין די אַלטע צייטען

דער נאָמען פון שטאָדט	די צייט	די צאָהל פון דער באַפעלקערונג
פיווי	אין 4טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוסען	50,000
צור	אין 4טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוסען	40,000
אַטהען	אין 4טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוסען	150,000
פּאַלערמאָ	אין 3טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוסען	27,000
אַלעקסאַנדריע	אין 1טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוסען	500,000
רוים	אין 1טען יאָהרהונדערט נאָך קריסטוסען	900,000

די שטעדט אין מיטעלאַלטער

די באַפעלקערונג פון 15 גרעסערע שטעדט אין ענגלאַנד אין 14טען יאָהרהונדערט

לאָנדאָן	35,200	קענטענבערי	4,700
יאָרק	11,400	קאָלטשעסטער	4,500
בריסטאָל	9,200	ניו־קעסטל	4,500
פּלימוט	7,300	אָקספאָרד	3,800
קאָווענטרי	7,100	גלאָסטער	3,400
נאָרוויטש	6,300	לייסטער	3,200
לינקאָלן	5,500	שרעפסבירי	3,000
לין	5,200		

די גרעסטע שטעדט אין דער וועלט.

אין יאָהר 1920

אייראָפּאַ

דער נאָמען פון שטאָט	די צאָהל פון דער באַפעלקערונג (אין טויזענטער)
בערלין	3,804
האַמבורג	986
קעלן	634
מינכען	631
לייפּציג	604
לאָנדאָן	4,483
בירמינגהאַם	919
ליווערפּול	803
מאַנטשעסטער	731
גלאַזגאָ	1,034
פּאַריז	2,906
מאַרסעל	586
ליאָן	562
נעאַפּעל	770
מילאַן	701
רוים	637
טורין	502
וואַרשאָ	931
בוקאַרעשט	348
מאַדריד	729
באַרצעלאָנאַ	705
פּראַג	676
בודאַפּעשט	926
בריוסעל	756
אַמסטערדאַם	642
ראָטערדאַם	511
וויען	1,841
ליסאַבאָן	486
סטאָקהאָלם	419
אַטהען	293
סאָפיאַ	154
ציוריך	207
זשענעווע	135
העלסינגפאָרס	198
קאָפּענהאַגען	561
כריסטיאַניע	258
ריגע	185
קאָנסטאַנטינאָפּאָל	1,200

אזיע

דער נאָמען פון שטאָט	די צאָהל פון דער באַפעלקערונג (אין טויזענטער)
כאַנקאָו	1,320
קאַנטאָן	900
פּעקין	850
טיאַנדזין	800
שאַנכאַי	1,000
נאַנקין	377
פוטשאָו	624
טאָקיאָ	2,137
אָסאַקאַ	1,253
קאָבע	609
קיאָטאָ	591
יאָקאָהאַמאַ	423
באָמביי	1,176
קאַלקוטאַ	908
מאַדראַס	527
האַידעראַבאַד	404
דעלי	304
סמירנא	375
טעהעראַן	220
באַנגקאָק	629
סינגאַפּור	424
בגדד	225
דמשק	169

אפריקא

קאַאיר	791
אַלעקסאַנדריע	945
יאָהאַנעסבורג	288
אַלזשיר	207
טוניס	172
מאַראָקאָ	140

אויסטראַליע

סידניי	899
מעלבורן	767

די פאראייניגטע שטאאטען אין 1926

פון בן־ציון מיימאן.

ווען מען זאל דארפען געבען א נאמען צו דער איצטיגער פעריאדע פון אמעריקאנער געשיכטע — די פעריאדע וואס האט זיך אנגעפאנגען ערשט אין יאהר 1926 — וואלטען מיר זי גערופען: דער אנפאנג פון ערוואכונג פון אמעריקאנער געוויסען".

שווער איז צו באמערקען דעם אנפאנג פון ווערען. אפילו א געניטער אגריקולטוריסט קען קוים באמערקען דעם סאמע אנפאנג פון א פלאנץ. פיל שווערער איז נאך צו באמערקען דעם אנפאנג פון פסיכאלאגישע ענדערונגען, פון סאציאלע באגריפען. דאן ווען די שטופען פון „זיין" און „ניט־זיין" באגעגענען זיך, זיינען די ענדערונגען אזעלכע שוואכע, אזעלכע אונדייטליכע, אז פאר דעם געוועהנליכען אויג איז דאס שווער צו באמערקען. מיר זיינען אלע זיכער, אז ביי יעדער ערשיינונג, ביי יעדער פיזישער אדער גייסטיגער ענדערונג, ביים געבורט פון יעדען נייעם געדאנק אדער באגריף, האט דאך אמאל געמוזט זיין דער סאמע אנפאנג. ערגעץ וואו אויף דעם וועג האבען זיך באגעגענט דער „זיין" מיט'ן „ניט־זיין", אדער דאס ארויסגעהן פון „אלטען" און דאס אריינגעהן פונ'ם „נייען", אבער זעהר ווייניג מענשען האבען דאס באמערקט. עס האט געדויערט א היבשע צייט איידער אלע האבען דאס דערזעהן.

איך זאג דאס אלס א מין ענטשולדיגונג, אדער אמווייניגסטענס ערקלעהרונג, פאר וואס איך וועל ניט קענען ברענגען גענוגענדע באווייזע פאר דער באהויפטונג, אז דער יאהר 1926 איז דער אנפאנג פון ערוואכונג פון אמעריקאנער געוויסען. עס זיינען נאך ניטא גענוג באווייזע פאר דעם. עס איז דער סאמע אנפאנג.

איניגע סמנים זיינען דאך פאראנען וואס צייגען אן ענדערונג, אדער ריכטיגער געזאגט: אן „אויסטשוכען זיך" פונ'ם אמעריקאנער'ס שלאף, אין וועלכען ער אליין און אנדערע האבען איהם איינגעוויגט מיט צוקער־זיסע שלאף־לידלעך. צום ערשטען מאל האט ער דערזעהן, אז די גאנצע וועלט האט איהם פיינט, אז ביי איניגע געהט דאס זאגאר צו דער שטופע פון עפענטליכער פאראכטונג. ער, דער אמעריקאנער יחסן, האט צום ערשטען מאל אנגעהויבען צו פארטראכטען זיך, צי איז ער טאקע אזא זיידענער יונגערמאנטשיק ווי ער אליין האט געמיינט און ווי אלע אינטערנאציאנאלע בעלי חניפה'ניקעס האבען איהם איינגערעדט. עס האבען זיך אנגעפאנגען צייגען סמנים פון זעלבסט־קריטיק, פון א שטיקעלע חשבון הנפש. — די ריכטיגע סמנים פון ערוואכונג פון געוויסען. אויב אונזער דיאגנאזע איז א ריכטיגע, דאן איז דאס אפשר די פרעהליכסטע ערשיינונג פאר די פאראייניגטע שטאאטען, זינט דער פינסטערער מלחמה פעריאדע. עס איז אויך קיין שום צווייפעל ניט, אז דאס וועט האבען א שטארקע ווירקונג אויך אויף דער אויסערער וועלט.

* * *

אין יאהר 1926 האבען פאסירט עטליכע „קלייניגקייטען" אין פארשידענע לענדער וואס האבען געצייגט אז מען פאנגט אן האסען די אמעריקאנער. אין פראנקרייך האט מען עטליכע מאל אטאקירט אמעריקאנער אין די גאסען. אין איטאליען האט מען אטאקירט אן אמעריקאנער קאנסול. אין ענגלאנד זיינען אין פארלאמענט געהאלטען געווארען רעדעס פון טשוירטשיל און סנאודען געגען די פאראייניגטע שטאאטען. די אמעריקאנער צייטונגען האבען געבראכט איינצעלהייטען פון די אנפעלע אדער באליידיגונגען. דער גרויסער עולם האט דאס געלייענט מעהרסטענטייל מיט ערשטוינונג: „פאר וואס?" דער דורכשניטליכער אמעריקאנער האט גענומען ערנסט די קאמפלימענטען וואס די אייראפעאישע דיפלאמאטען האבען איהם

גענעבען אין דער צייט וואס אמעריקא איז אריינגעטראטען אין דער מלחמה. יונג, שטארק און רייך, איז נאַטירליך אז אמעריקא זאָל האָבען אן איבערטריבענע מיינונג וועגען זיך. דאָ זיינען נאָך געקומען אלע אַלטע באַריהמטהייטען פון אייראָפּא און איהם אָנגעשאָטען א פולע היטעל מיט לויב און חניפות. דער אין־וועלט־פּאָליטיק־אונערפאהרענער אמעריקאנער האָט דאָס אָנגענומען פאר גוטע געלט און געקראגען וועגען זיך גאָר, גאָר א הויכע מיינונג. דער שיקזאַל פון דער וועלט הענגט אָפּ אָן איהם, און ער געהט „די וועלט מאכען זיכער פאר דעמאָקראַטי"!

קיין מיליטערישע אַליאַנץ האָט קיינמאָל אין דער געשיכטע ניט געשאַפען קיין דויערענדע פריינדשאַפט. אלע מאָל נאָך מלחמות, געוואונענע אדער פארלוירענע, האָבען די פארבינדעטע זיך אָנגעהויבען קריגען צווישען זיך אליין. ניט אלע מאָל זיינען דאָס געווען מלחמה חובות. אורזאַכען זיינען שוין געפונען געווארען פאר קריגערייען צווישען די וואס האָבען אין צייט פון קאמף זיך ערקלעהרט אין אייביגער ליבע. די וועלט געשיכטע איז פול מיט דעם, אָבער דער אונערפאהרענער אמעריקאנער האָט גענומען זעהר ערנסט די ליבעס־ערקלעהרונגען פון די עלאַיס אין דער לעצטער גרויסער וועלט מלחמה. ער איז דאַרום שטאַרק ענטוישט און ער־שטוינט געווארען איצטער צו דערפיהלען אנשטאָט די גרויסע דאנקבאַרקייט און ליבע וואָס ער האָט ערווארטעט זאָל קומען צו איהם, אלס „דער רעטער פון דער וועלט", גאָר א פאַראכטונג פון אלעמען. פראנקרייך שרייט דראמאַטיש אויס צו אמעריקא: „פראנקרייך איז ניט צום פארקויפען!" ענגלאנד שרייט פארביטערט אויס: „אָנקעל סעם האָט געביטען זיין נאָמען אויף אָנקעל שיילאק!" און פון דער גאנצער וועלט קלינגט אָפּ דער כאָר: „ש י י ל א ק !"

אויב א היבש ביסעל פון דיזע געפיהלען האָבען עקזיסטירט פריהער אויף דער וועלט האָט דאָס דער אמעריקאנער ניט געוואוסט. היינטיגעס יאהר האָט דער גרויסער ברייטער עולם צום ערשטען מאָל דאָס דערזעהן. ער גיט דער וועלט ניט גערעכט, אָבער ער האָט זיך אָנגעהויבען פארטראַכטען וועגען דעם. ער האָט אָנגע־הויבען צו נעהמען חשבון הנפש. אמת, ער שרייבט דאָס צו מעהרסטענטיילס צו קנאה, צו נאַטירליכער שנאה פונ'ם בעל חוב, אָבער אז דאָס איז שלעכט פאר איהם האָט אפילו דער דורכשניטליכער אמעריקאנער אָנגעהויבען צו פארשטעהן. צום ערשטען מאָל שטעלט ער זיך די פראגע: „איז דאָס ניט טיילווייז מיין אייגענע שולד?"

עס האָבען זיך אָנגעהויבען צום ערשטען מאָל ציינען ארטיקלען אין די אמערי־קאנער צייטונגען און זשורנאַלען מיט קריטיקען אויף אמעריקא. אייניגע קריטי־קירען די קינדערשע באַריהמערייען פון די אמעריקאנער טוריסטען אין פרעמדע לענדער; זייערע שרייענדיגע און חוצפה'דיגע באַנעמונגען; זייער גראָבען שטאָלץ מיט'ן רייכטום דאָרטען, וואו עס הערשט שרעקליכע נויט; און אויך דעם אמע־ריקאָנער'ס אונטאַקטישע געשרייען, אז „מיר האָבען געוואונען די מלחמה", דאר־טען וואו אזוי פיל בלוט איז פארגאָסען געווארען. אזעלכע סארטען ארטיקלען ערשיינען ניט נאָר אין דער ליבעראַלער פרעסע, נאָר אויך אין די סאמע קאָנסערוואַ־טיווסטע צייטונגען און זשורנאַלען.

פונקט ווי אין אייראָפּא ווערט „אָנקעל סעם" (די פאראייניגטע שטאַאטען) פאָרגעשטעלט אלס שיילאק, וואָס וויל אויסשניידען דעם פונט פלייש פון זיין בעל־חוב, אזוי ווערט ער אויף זיין אייגענעם וועלט־טייל, אין די זיד־אַמעריקאַנישע שטאַאטען, פאָרגעשטעלט אלס א „בולי" — א בויאן, מיט א גרויסער בולעווע, וואָס וויל אלעמען אונטערדריקען מיט זיין רויהער קראפט. און ווידער אמאָל זע־הען מיר א נייע ערשיינונג, אז קאָנסערוואטיווע שרייבער, אין דער קאָנסערוואַ־טיווער פרעסע, האָבען שוין אליין אָנגעהויבען צו קריטיקירען די פאראייניגטע שטאַאטען. ס. ע. טרייסי, אין די „וואַשינגטאָנער ניוס", שרייבט פאלגענדעס:

„פון אלע נאַציאָנען אויף דער וועלט דארף די פאראייניגטע שטאַאטען
זיין די לעצטע לאנד צו פאריבעל האָבען ווען מען רעדט אויף
איהר שלעכטס פאר איהר מישען זיך אין לאַטייניש־אמע־

ריקאנישע געשעפטען. אזוי ווייט ווי דער וועסטערן־האַלבער־ערדקוגעל איז שייך, איז דער מישען זיך אין לאַטייניש־אמעריקאנישע געשעפטען געוועזען אונזער שטענדיגע באַשעפטיגונג זינט די מאָנראָ דאָקטרין איז אָנגענומען געווארען. מיר האָבען דאָס שוין אזוי לאנג געטאָן, אז מיר אנערקענען דאס אַלס אונזער אויסשליסליכע פּריווילעגיע.

„די ראָלע פון׳ם גרעסערען ברודער וואס מיר האָבען אָנגעהויבען שפּיעלען ביים אָננעמען די מאָנראָ דאָקטרין האָט שוין לאנג אויפגעהערט צו זיין אַ באַשיצונג פאר די קלענערע נאַציאָנען אין דער אמעריקאנער פאמיליע. אייראָפּאַ האָט שוין לאנג אויפגעהערט צו זוכען אדער פּרובירען צו פאַרכאַפּען לענדער אין זיד־אַמעריקאַ. די לאַטייניש אמעריקאַ האָט דערזעהן, אז זי האָט פיל מעהר זיך צו שרעקען פאר אונז ווי פאר אייראָפּאַ".

די אינערליכע פיהרונגען פון די אמעריקאנער האָט מען אויך אָנגעהויבען עפענטליך צו קריטיקירען אין דער בעל הבית׳ישער פּרעסע. אין „הארפּער׳ס מעגעזין" איז ערשינען אַן ארטיקעל פון דר. דזשאָזעף קאָלינס, אונטער׳ן קעפּעל: „די קינדערשע אמעריקאַנער". ער קלאָגט זיך דאָרטען זעהר שטארק אויף דעם וואָס די אמעריקאנער זיינען שלעכט ערצויגען און בלייבען נארישע קינדער זייער גאנצען לעבען. זיי באַריהמען זיך מיט זייער רייכטום, גרויסקייט און שטאַרקייט, פונקט ווי קינדער באַריהמען זיך מיט זייערע צאַצקעס, וועלכע זיי האלטען פאר די בעסטע אין דער וועלט. זיי מאַכען זיך לעכערליך מיט דעם און לערנען גאָר ניט פון אנדערע, דערפאר וואס זיי בלייבען קינדער זייער גאנצען לעבען. דער „דיערבאָרן אינדעפּענדענט", דעם שווארצען הענרי פאָרד׳ס זשורנאַל, שרייבט אן ארטיקעל איבער באָראה׳ן, און ערקלעהרט, אז אַ נייע סאָרט שטאַטסמאַנשאַפט פון די וואס עס האָט ביז איצטער געפיהרט די אמעריקאנער פּאָליטיק, איז נויטיג דאָ אין לאנד. באָראה, און ניט קולידזש, שטעלט מיט זיך פאָר די ריכטיגע שטאַאַטסמאַנשאַפט. אין „פאָרום" זיינען דאָ אַזויפיל ארטיקלען מיט זעלבסט־קריטיק, אז עס איז שווער אויסצוקלייבען וועלכע עס קריטיקירען מעהר די מנהגים און פיהרונגען פון די אמעריקאנער. איין אַרטיקעל דאָרטען שטעלט די פראגע, פאר וואס די „פאַטערס פון דער אמעריקאנער רעפּובליק" זיינען געוועזען „רויט" און זייערע קינדער פון אונזער דור זיינען אזוי „שווארץ"? אַ צווייטער ארטיקעל צייגט אָן, ווי פון דער אמעריקאנער געטין פון פרייהייט פאַלט שטיקערווייז, אזוי, אז פון איהר איז שוין בלויז געבליבען אַ שאָטען. פון אַזעלכע אמעריקאנער זשורנאַלען ווי „די נעישאָן", „די ניו רעפּאָבליק", „לאַפּאָלעט׳ס וויקלי", און די אַנדערע, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. עס טרעט אריין אַלץ מעהר און מעהר אין דער מאָדע דאָ אין אמעריקאַ זיך אליין צו קריטיקירען, סיי אין די צייטונגען, סיי אין זשורנאַלען, און אפילו אין ביכער וואס געהען ארוים פון די בעסערע סאָרט שרייבער.

די מלחמה יאָהרען האָבען איבעראַל געבראַכט רעאַקציע. אין אייניגע לענדער האָט דאָס געבראַכט טיראנישע דיקטאַטורען, אין אנדערע האָט זיך דאָס בלויז אויסגעדריקט אין פּאַטריאָטישע היסטעריעס, אין פארגוואלטיגונגען פון די עלעמענטאַרסטע רעכטע און פרייהייטען, איבעראַל האָט דער שווארצער וואָלקען פון רעאַקציע פארשטעלט די זון פון פּראָגרעס. די פאַראייניגטע שטאַאַטען איז ניט געוועזען קיין אויסנאַמע פון דער גאַנצער וועלט. דער „הונדערט־פּראצענטיגער אמעריקאניזם", דער שאָוויניזם, דער ראַסענהאַס, דער קו קלוקס קלעניזם, דער חוצפה׳דיגער שפּייען אויף די קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטען פון די וואס געהען געגען דעם שטראָם — דאָס אַלעס האָט נאַטירליך באַשאַפען אַ געוואלדיגען פעסימיזם, אַ צווייפעל אין דער צוקונפט פון דער רייכסטער רעפּובליק אין דער וועלט. צו דעם איז אויך צוגעקומען די זאַטע זעלבסט־צופרידענהייט מיט דער גרויסער „פּראָספּעריטי", וואס האָט באַמת פאַרגאָסען מיט גאָלד די הערצער — דאָס האָט צוגענומען מעהר פעסימיזם.

אָבער די לעצטע צייט באַמערקען זיך סמנים פון אַן ערוואַכונג. שוואַכע, בלאַסע סימנים. קולידזש הערשט נאָך אין ווהייט הויז, די טויערען פון די פאַר־

אייניגטע שטאאטען זיינען נאָך פעסט געשלאָסען פאר אלעם „פרעמדעס”, צי דאָס זיינען מענשען, סחורות אדער געדאנקען. עס איז נאָך אלץ פינסטער, אָבער דאָס געניטערע אויג באמערקט שוין דעם דורכברעכען זיך פון די מאָרגען־שטראהלען. עס איז ניטאָ וואס צו צווייפלען אין דער צוקונפט פון אמעריקא!

* * *

דאָס פּאָליטישע לעבען אין די פאראייניגטע שטאאטען האָט ניט געהאט קיינע אורזאכען דורכצומאכען גרויסע ענדערונגען אין דעם יאהר 1926. אלעס איז, ברוך השם, געגאנגען כשורה. גרויס־קאפּיטאל האָט געהערשט אונגעשטערט. איצט פּיקיכט נאָך מעהר ווי אלע מאָל, אָבער די צייטען זיינען אזעלכע, אז דאָס פאָלק האָט צו דעם ניט דערלייגט דער באָבעס ירושה. עס איז באמת געווען „פּראָספּעריטי” אין לאנד. אמת, אז נאָר א קליינער פּראצענט פון פאָלק האָט ארונטערגענומען די אויבערשטע סמעטענע פון דעם פּראָספּעריטי קריגעל און פאר די גרויסע מאסען איז געבליבען בלויז די וויער־מילך, אָבער אזוי לאנג ווי עס איז פאראַנען גענוג וויער־מילך פאר אלעמען קענען ניט פאָרקומען קיין גרויסע ענדערונגען אויפ׳ן פּאָליטישען אָדער אינדוסטריעלען פעלד. אזוי איז שוין דאָס פאָלק. אין אזא צייט קען מען ניט האָפען אויף א גרויסער, ספּאָנטאַנער, מאסען־באוועגונג. נייע פּאָליטישע געבורטען קומען נאָר אונטער אונגאָרמאלע עקאָנאָמישע צושטענדע. דער אמעריקאַנער ארבייטער לעבט איצט ניט נאָר בעסער פאר אלע ארבייטער, פון אלע אנדערע לענדער, נאָר ער לעבט בעסער ווי ער אליין האָט ווען געלעבט. דאָס איז א פאקט וואס איז נאָריש געווען אָפּצולייקענען. קולידזש, און די גאנצע רעפּובליקאנישע אדמיניסטראציע, נעהמען זיך דעם קרעדיט פאר דיזער „פּראָספּעריטי”, פון דעסטוועגען זיינען די מעהרסטע קולידזש׳ס געשוואוירענע אדיוטאַנטען דורכגעפאלען אין די לעצטע וואהלען, דעם צווייטען נאָוועמבער. אין די סטייטס וואו עס האָט זיך נאָר געפונען א שאָטען פון א פּראָגרעסיווער ארגאניזאציע, זיינען די „רעגולערע” רעפּובליקאנער קאנדידאטען דורכגעפאלען און די „פּראָגרעסיווע” זיינען ערוועהלט געוואָרען. דאָס האָט פּאסירט אין וויסקאָנסין, אין נאָרטה דאקאָטא, אין אייאָווא, און אין פילע אנדערע שטאאטען. וואָס באווייזט דאָס? עס באווייזט, אז טראָץ דער פאלקאָמען נאָרמאלער צייט, הויבט דאָס אמעריקאנער פאָלק דאָך אָן צו ווערען פּאָליטיש אונרוהיג.

פיל האָבען געהאָפּט אין 1924, אז די לאַפאָלעט באוועגונג וועט זיין דער אָנפאנג פון א נייער פּאָליטישער מאסען־באוועגונג אין אמעריקא. זי איז דאָס ניט געוואָרען. עס צייגט זיך אָבער ארויס איצטער, אז זי איז דאָס ניט געוואָרען איבער דעם, וואס די פיהרער האָבען ניט ריכטיג פארשטאַנען זייער מיסיאָן, ניט פארשטאַנען אָדער ניט געוואָלט בויען אַן אמת׳ע פּראָגרעסיווע אדער ארבייטער פּארטיי. נאָך אלעמען איז ניט געווען וואָס ענטוישט צו ווערען פון דער צאָל שטימען וואס לאַפאָלעט האָט געצויגען. פינף מיליאָן שטימען איז געווען מעהר ווי גענוג פאר אַן אָנפאנג פון א פּראָגרעסיווער באוועגונג. דאָס וואָס טראָץ דער גרויסער פּראָספּעריטי אין לאנד זיינען דאָך געפאלען קולידזש׳עס קאָנסערוואטיווע אקציעס און עס האָבען זיך געהויבען די אקציעס פון מענשען, וואס האָבען נאָר אפילו פּרעטענזיעס אויף פּראָגרעסיוויזם — דאָס אליין איז דער גרעסטער באווייז, אז ווען עס וואָלט געווען אַן אָרגאניזירטע פּראָגרעסיווע באוועגונג אין לאנד וואָלט זי אין די לעצטע וואהלען געווען פיל געוואונען.

די הויפּט צרה מיט אמעריקאנער פּראָגרעסיווע פּאָליטיקער איז דאָס, וואס זיי ווילען ניט **בויען**, זיי ווילען בלויז **פארכאפּען**. איז געקומען א לאַפאָלעט באוועגונג, זיינען צו איהר צוגעשטאַנען די ארבייטער יוניאנס און די פארמערס מיט איבערטריבענער האָפנונג. זיי האָבען געהאָפּט גלייך ארייַנצוקריגען די מאכט אין זייערע הענט. האָבען זיי דאָס ניט געקראָגען, זיינען זיי ענטוישט געוואָרען און געלאָזט די באוועגונג פאלען. דאָס צייגט פּאָליטישע ניט ערצויגענקייט. מיט אמאָל ארייַנכאפּען די מאכט אין די הענט קען מען בלויז ביי אונגאָרמאלע אומשטענדען, ביי גרויסע איבערקערענישען. אזעלכע זיינען אין אמעריקא ניט גע־

ווען און עס איז ניט צו ערוואַרטען אין דער נאָהענטער צוקונפט. דאָ מוז מען האָבען געדולד צו בויען א באַוועגונג לאַנגזאם און פאָרזיכטיג. עס ציינט זיך ארויס אן אונצופרידענהייט מיט קאַפּיטאַל׳ס הערשאַפט אין די אינדוסטריען. די פאָרמערס זיינען שוין פון לאַנג שרעקלאַך אונצופרידען. עס זיינען דאָ אַלע סמנים, אז די אונצופרידענע זוכען איצטער ניט קיינע פאַליאַטיוועו. מעהר און מעהר קומען זיי צום שלוס, אז די אַלטע רעצעפּטען פון העכערע טאַריפען, רעדוצירטע טראַנספּאָרטאַציע־קאָסטען, רעגולאַציע פון טראָסטס, א. ד. ג., זיינען קאַלטע פּריפּארקעס. זיי הייבען אָן צו פאַרשטעהן, אז איצט פאָדערט זיך אַ ראַדיקאַלע, א גרינדליכע ענדערונג. וואָלט איצטער געווען א פּאַרטיי וואס זאָל דאָס אויסברייטערען און פאָרמולירען, וואס זאָל דיזע פאָדערונגען געבען אַ ריכטיגע פּאָליטישע פיזיאָנאָמיע וואָלט אזאַ פּאַרטיי געהאַט גרויסע שאַנסען צוצוציהען די ברייטע מאסען. איז אָבער אזא פּאַרטיי ניטאָ. די איינציגע וואס וויל דאָס טאָן איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אָבער זי קען ניט צוטרעטען צו די גרויסע ברייטע מאסען. איהר שטימע ווערט ניט דערהערט. דערפאַר איז דערוויי̈ל דאָס אמעריקאַנער פּאָליטישע לעבען הינטערשטעליג.

אָבער די קאַפּיטאַליסטען אליין גראָבען אונטער זייער הערשאַפט. זייערע אייגענע אָרגאַנען דערצעהלען די גרויסע מאסען וואס דער קאַפּיטאַליזם טוט מיט די פרוכטען פון דער גרויסער פּראָספּעריטי. אמעריקא איז געוואָרען שטאַרק רייך אין דער צייט פון דער פּראָספּעריטי, אָבער די גרויסע פאַרדינסטען זיינען ניט פאַרטיילט געוואָרען אין קיין זעהר גרויסען גראַד צווישען די מאסען. עס איז אריין אין איינצעלנע הענד. די איינצעלנע גרויסע מאַגנאַטען האָבען זייערע געלדער אריינגעלעגט אין אונטערנעהמונגען אין אנדערע לענדער. לעצטעס יאהר איז פון אמעריקא אוועקגעליהען געוואָרען צו אייראָפּא אליין איבער א ביליאָן דאָלאַר. אין מעקסיקאָ זיינען פאַראַנען אינוועסטעד אמעריקאַנער געלדער אויף דער סומע פון אַכט הונדערט מיליאָן דאָלאַר. אין אייראָפּעאישע אינדוסטריען, ציינען די סטאַטיסטיקס, געפינען זיך איצטער קרוב צו צעהן ביליאָן דאָלאַר אמעריקאַנער געלט. וואס באַדייטען דיזע ציפערען? דאָס מיינט, אז אין דער צייט פון דער גרויסער פּראָספּעריטי באַפעסטיגט זיך דער אמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. ער באַוואָרענט זיך געגען דער צייט, ווען אין אמעריקא וועט די פּראָספּעריטי פאַרשווינדען. וועט דער גרוים קאַפּיטאַל ניט קענען מאכען קיין גרויסע פּראָפיטען אין אמעריקא, וועט ער דאָס טאָן אין אנדערע לענדער. די צייט מוז קומען, ווען די אנדערע לענדער וועלען מיט דעם זעלביגען אמעריקאַנער קאַפּיטאַל קאָנקורירען מיט אמעריקע אויף די וועלט־מאַרקעטס. אָט דאָס איז נויטיג אויפצוקלעהרען די אַמעריקאַנער ארבייטער מאסען. מיט דער צייט וועלען זיי דאָס אָנהייבען צו פאַרשטעהן. אדער ריכטיגער געזאָגט: זיי וועלען דאָס אנהויבען צו דערפיהלען.

* * *

פינאַנציעל איז די פאַראייניגטע שטאַאַטען איצט די הערשערין פון דער וועלט. פאר דיזער געָלדענער הערשאַפט צאָהלט די וועלט צו אַמעריקא גרויסע שטייערען.

לאָמיר געבען אַ קאָנקרעטען ביישפּיל פון די גרויסע קאָנטריבוציעס וואס די וועלט צאָהלט/צום אמעריקאַנעם גאָט מאמאָן. דאָס וועט אביסעלע ערקלעהרען פאר וואס די פאַראייניגטע שטאַאַטען האָט געקראָגען דעם כשר פאַרדינטען נאָמען: „דער אינטערנאַציאָנאַלער שיילאָק״.

לעצטענס האָט בעלגיען געמאַכט אן אנלייהע פון פופציג מיליאָן דאָלאַר אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען, האָבען די באַנקירען פון דעם געמאַכט אַ ריינעם פּראָפיט פון צוויי און א האַלב מיליאָן דאָלאַר. דאָז איז ארונטער קאָסטען, אדער ווי זיי רופען עס: „אָווערהעד עקספּענסעס״. בעלגיען דאַרף צאָהלען פאר דער אָנלייהע זיבען און א האַלב פּראָצענט, און האָט בלויז געקראָגען 89 סענט פאר יעדען דאָלאַר. די באַנקירען וואס האָבען דורכגעפיהרט דעם געשעפטעל וועלען אייך ציינען, אז זיי האָבען געמאַכט בלויז „קליינינקייטען״, ווייל דער גרויסער פּראָפיט איז צוטיילט

געווארען צווישען פארשידענע גרופען, באשטעהענד, פארשטעהט זיך, פון דיזעלביגע קאפיטאליסטען. אום ביישפיל: אום דורכצופיהרען די בעלגישע הלואה זיינען געגרינדעט געווארען דריי באזונדערע ארגאניזאציעס: 1) „דהי אָרידזשינאל טערם גרופ"; זיי זיינען די גאָר ערשטע וואס פאנגען אָן צו פארהאנדלען וועגען דער אנלייהע; 2) „דהי בענקערס גרופ"; זיי פארטיילען די באָנדס צווישען די פארשידענע באנקען; 3) „דהי סעלינג סינדיקאט"; זיי פארקויפען די באָנדס צו אלע גרעסערע און קלענערע קויפער. די ערשטע, „דהי אָרידזשינאל טערם גרופ", קריגט די באָנדס אויף 89 סענט. דאָס הייסט, פאר יעדען דאָלאר באָנד צאָהלען זיי בלויז 89 סענט. די באנקירען גרופע קריגט שוין די באָנדס אויף 90. די „סעלינג סינדיקייט" צאָהלט פאר דיזעלביגע באָנדס שוין 91½. צום אלגעמיינעם קויפער קומען די באָנדס שוין אָן אויף דעם פרייז פון 94. עס איז די מעשה פון סדום ועמורה. ווען עס קומט א פרעמדער מיט א וועגעלע סחורה, נעמט יעדער בלויז א זשמענקעלע, נאָר א קליינינקייט. אָבער דער סוחר בלייבט מיט א ליידיגען וואגען. בעלגיען האָט געקראָגען בלויז 44½ מיליאָן דאָלאר, אָבער זי דארף אומקעהרען גאנצע 50 מיליאָן, און צאָהלען 7½ פראצענט אויף אלע 50 מיליאָן דאָלאר.

עס ווערט דערצעהלט, אז ווען דער פראנצויזישער פינאנץ מיניסטער קאיאָ איז געוועזען אין לאָנדאָן, האָט ער געזאָגט: „אונזערעביידע לענדער ווערען קאָנטראָלירט פון שטארקע פינאנציעלע גרופען; דער אונטערשיד איז נאָר דער, וואס אין איין לאנד הערשען די אינדוסטריעלע קאפיטאלנען און אין דער אנדערער — די גרויסע פינאנסיסטען, אָבער הינטער דיזע ביידע גרופעס שטעהט די גרויסע געלטמאכט פון אמעריקא, וועלכע, דורך דער קראפט פון די אומשטענדען, פאנגט אָן צו באהערשען די וועלט". מר. סנאָודען, דער געוועזענער סאָציאליסטישער מיניסטער פון ענגלאנד, האָט געזאָגט, אז אין א יאָהר צייט, קען זיך מאכען, אז אמעריקא זאָל דארפען שרייבען דעם „דאוס פלאן" פאר פראנקרייך, פונקט ווי עס איז געשריבען געווארען פאר דייטשלאנד.

צו דיזער פינאנציעלער לאגע קומט נאָך צו אמעריקא'ס באשטעהן אויף די מלחמה חובות. אזעלכע גרויסע, שווערע חובות, וואס אונטער די לייכטסטע באדינגונגען אפילו וועלען זיי פארשקלאפען די צוקונפטיגע דורות אויף צוויי און זעכציג יאָהר צייט. דאן רעכענט נאָך צו די הויכע טאריפען וואס די פאראייניגטע שטאאטען האט ארויפגעלייגט אויף פרעמדע סחורות וואס ווערען געבראכט צו די אמעריקאנער ברעגען. טאריפען וואס מאכען פשוט אונמעגליך דעם אימפאָרט פון אויסלענדישע פראדוקטען. דיזע הויכע אָפצאָהלונגען זיינען ארויפגעלייגט געווארען אבזיכטליך אום צו פארמאכען דעם אמעריקאנער מארק פאר אלע אנדערע נאציאנען, און די אבזיכט איז פאָלקאָמען עררייכט געווארען. דאָס איינציגע לאנד וואָס האָט די רייכע קונים איז פארמאכט פאר די פאבריקאנטען פארארימטע פאבריקאנטען און סוחרים, פון די דורך-דער-מלחמה-פאראָרימטע לענדער. רעכענט דאָס אלעס צוזאמען און איהר וועט האָבען א שטיקעל באגריף פון דער אינדוסטריעלער און פינאנציעלער לאגע פון די פאראייניגטע שטאאטען אין שייכות מיט די אנדערע לענדער פון דער ציוויליזירטער וועלט.

איז די לאגע א גינסטיגע כאָטש פאר די פאראייניגטע שטאאטען אליין? דאָס אויך ניט. אפילו פון אן ענגען נאציאָנאליסטישען שטאנדפונקט איז די לאגע ניט קיין גוטע. זאָגאר א געפערליכע. דאָס יאָהר 1926 האָט געבראכט סמנים פון אן איירא־פעאישען, און אפשר טאקע אלוועלטליכען „הבה נתחכמא" געגען אמעריקאנער געלט-מאכט. די וועלט איז דערשראקען געווארען פאר דער גרויסער אמעריקאנער געלט-מאכט. דאָך קען זי ניט געהן ערגעץ אנדערש לייהען. זי מוז צו אונז אָנקומען און צאָהלען מיט'ן פונט פלייש וואס דער אמעריקאנער שיילאָק פאָדערט. די מלוכות וועלכע ראנגלען זיך מיט נויט, מוזען אונטערשרייבען קאָנטראקטען אין וועלכע זיי פארזעצען אין ארענדא די צוקונפטיגע דורות. דאָס אלעס, פלוס די הויכע טאריפען וואָס די פאראייניגטע שטאאטען האָט ארויפגעלייגט אויף זייערע סחורות, איז ניט נאָר א שטערענדע קראפט פאר'ן וועלט-פרידען, נאָר פארגרעסערט

אויך די געפאהר אז עס זאל זיך גרינדען א סארט „הייליגע אליאנץ״ פון אלע מלוכות געגען די פאראייניגטע שטאאטען.

די פינאנסירען פון אמעריקא האבען דאס שוין לאנג פארשטאנען. טיילווייז דערפאר און טיילווייז אויס זעלבסטזיכטיגע מאטיווען, זיינען כמעט אלע באנקירען פאר דעם אז מ׳זאל אפמעקען די מלחמה חובות. היינטיגעס יאהר האבען דאס שוין אויך אנגעהויבען איינזעהן הויכע פאליטישע פיגורען. מעהר און מעהר הויבען אן ארויסטרעטען פאליטיקער געגען דעם אמעריקאנער עקשנות׳דיגען באשטעהן אויף די חובות. דער געוועזענער קריגס מיניסטער בעיקער איז בלויז איינער פון א גרויסער גרופע. אויך אויף דיזען געביט האט דער יאהר 1926 געבראכט א שטיקעל ערוואכונג.

* * *

ביז אהערצו האבען מיר געצייגט די האפנונגספולע שטראהלען וואס הויבען זיך אן דורכצוברעכען דורך די שווארצע וואלקענס, וועלכע הענגען נאך שווער איבער די פאראייניגטע שטאאטען, איבער דעם סאציאלען, פאליטישען און פינאנציעל־אינדוסטריעלען לעבען פון לאנד. עס זיינען אבער נאך דא גענוג ווינקלען, וואו דיזער ערפרעהענדער צייכען צייגט זיך נים. מיר מיינען דא די האנדלונג פון די פאראייניגטע שטאאטען מיט ניקאראגוא, מיט מעקסיקא, און מיט די אלע אנדערע רעפובליקען פון זיד אמעריקא, אדער, ווי מ׳רופט עס דא געוועהנליך: „לאטיינישע אמעריקא״.

אנגעפאנגען האט זיך דער יאהר 1926 מיט א גרויסער אנשטרענגונג מצד די פאראייניגטע שטאאטען צו באפריינדען די לאטיינישע אמעריקא. די מאטיווען זיינען געווען ריינע געשעפטס רעכענונגען. א גאנצער וועלט־טייל איז דא פאראנען אויפ׳ן אמעריקאנישען קאנטינענט. 21 רעפובליקען וואוינען דא בשכנות. די פאראייניגטע שטאאטען איז נים נאר די גרעסטע נאר אויך די אינדוסטריעל ענטוויקעלטסטע. עס וואלט דארום געווען גיט מעהר ווי נאטירליך, אז די זיד־אמעריקאנישע שטאאטען זאלען האנדלען מיט די פאראייניגטע שטאאטען. דער פאקט איז אבער געווען אז זיי האבען בעסער געהאנדעלט מיט אירגענד וועלכען לאנד פון אייראפע, ווי מיט „אנקעל סעם׳ן״. מ׳האט ניט זעהר ליב א צו־שטארקען שכן. איבערהויפט נאך ווען דער שטארקער שכן האט צו גרויסע אפעטיטען... די פאראייניגטע שטאאטען ווידער, האט זיך קיינמאל ניט אנגעשטרענגט צו פיל צו געווינען דעם גוטען ווילען פון די אמעריקאנער שכנים. זי איז געווען צו פיל פארנומען מיט׳ן אייגענעם וואקסען און האט ניט געזען קיין גרויסע נויטווענדיגקייטען צו ענטוויקלען פריינד אויפ׳ן אייגענעם קאנטינענט. די מלחמה האט געבראכט א גרויסע ענדערונג. אייראפא איז אינדוסטריעל אפגעשוואכט געווארען און איז געווארען אויס גרויסער קאנקורענט אויפ׳ן מארק. וועלט מארקען, ווידער, האבען אנגעהויבען צו ווערען וויניגער פאר אמעריקאנער סחורות. עס איז דארום געווען נאטירליך פאר „אנקעל סעם׳ן״ אנצוהייבען ווארפען אויגלאך צו דער דרום זייט פון אמעריקא. פאן־אמעריקאנישע קאנגרעסען פון אלע סארטען זיינען גערופען געווארען. קאמערציעלע קאנגרעסען, אינדוסטריעלע קאנגרעסען, וויסענשאפטליכע קאנגרעסען, און אפילו א קאנגרעס פון זיד־אמעריקאנישע זשורנאליסטען, די שאפער פון דער עפענטליכער מיינונג, איז געבראכט געווארען קיין וואשינגטאן. דער פונדאמענט איז געלייגט געווארען פאר א פריינדליכען „פאן־אמעריקאניזם״.

איז אבער פאר דעם גרויסען און שטארקען, מיט׳ן צו גרויסען אפעטיט, שווער אויסצוהאלטען דעם נסיון.

אין ניקאראגוא קומט פאר א רעוואלוציע, קומט די פאראייניגטע שטאאטען צו הילף אדאלפא דיאז׳ן און זעצט איהם ווידער ארויף אויפ׳ן טראן. פאר פופצעהן יאהר צייט האט די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען געמאכט רעגירונגען אין ניקאראגוא. מ׳האט זיך ניט אפגעהאלטען פאר מיליטערישער אינטערווענציע. האט מען דאס איצטער ווייטער געטאן. און לאטייניש אמעריקא קוקט צו מיט א ביטערען שמייכעל אויף די ליפען, און זאגט בלויז: „די פאראייניגטע שטאאטען

קוקט נאָך אַלץ אויף די שוואַכערע רעפּובליקען פון זיד־אַמעריקא, ווי אויף פּאָרטאָ ריקא, ווי אויף האַאיטי, און אפילו ווי אויף די האוואַיער און פיליפּינער אינזלען. זי קוקט מיט׳ן פריינדליכען בליק פונ׳ם וואָלף אויפ׳ן שעפּעלע"...

דאָס סאַמע ערנסטסטע וואָס איז אין דיזער הינזיכט פּאָרגעקומען, אדער, ריכטיגער, וואָס האַלט ערשט אין פּאָרקומען, איז די אָנגעשטרענגטע באַציהונגען וואָס הערשען איצטער צווישען די פאַראייניגטע שטאַאַטען מיט מעקסיקא. דאָ איז די סטרונע אזוי אָנגעצויגען, אז זי האַלט פּשוט ביים פּלאַצען.

א נייע בלעטעל פון „דאָלאַר דיפּלאָמאַסי" ווערט דאָ געשריבען. א דיפּלאָמאַטיע וואָס איז די גרעסטע קללה פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען!

אין יאָהר 1917 האָט די מעקסיקאַנישע רעפּובליק אָנגענומען א פּונקט אין איהר קאָנסטיטוציע (אַרטיקעל 27), וועלכער באַשטימט, אז אַלע נאַטירליכע רייכטימער וואָס געפינען זיך אונטער דער אויבערפלעכע פון דער ערד, בלייבען אויף אַלע מאָל דאָס אייגענטום פון מעקסיקאַנישען פאָלק, און אז נאָר מעקסיקאַנער קענען קריגען קאָנצעסיעס דיזע רייכטימער צו ענטוויקלען.

אין 1925 האָט מעקסיקא אָנגענומען א געזעץ וואָס האָט די אויפגאַבע אין דער ווירקליכקייט דורכצופיהרען דעם דאָזיגען אַרטיקעל 27 פון דער מעקסיקאַנישער קאָנסטיטוציע. ער ווערט אָנגערופען אין דער געוועהנליכער שפּראַך: „דער לאַנד און פּעטראָלעאום געזעץ". דעם ערשטען יאַנואַר, 1927, דאַרף דער געזעץ אַריינטרעטען אין קראַפט.

א קאָנסערוואַטיווע אָפּשאַצונג פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל אין מעקסיקא („אַמעריקאַנער", דאָ, מיינט בלויז פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען) גיט אָן די ציפערען אויף איבער אַכט הונדערט מיליאָן דאָלאַר. אַנדערע גיבען אָן זאָגאַר א גאַנצען ביליאָן. נאָר אפילו דער קלענערער ציפער איז גרויס גענוג צו האָבען א גוואַלדיגען איינפלוס אויף דער אַמעריקאַנער רעגירונג. עס האָבען זיך דאַרום אָנגעהויבען אָפיציעלע און אומאָפיציעלע פּראָטעסטען גלייך ווי דער נייער געזעץ איז געפּאַסט געוואָרען. די אַמעריקאַנער רעגירונג, הייסט עס, פּראָטעסטירט געגען מעקסיקא׳ס „קאָנפיסקירען" אייגענטום פון אַמעריקאַנער בירגער.

די לעצטע פיר נאָטעס וואָס זיינען צווישען די צוויי רעגירונגען געשריבען געוואָרען, זיינען אַזעלכע וואָס האַלטען זיך קוים, קוים אין די ראַמען פון דיפּלאָמאַטי. עס זיינען דאָרטען דאָ מעהר סטראַשונקעס ווי דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען. דער סטייט דעפּאַרטמענט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען פיהלט זיך אזוי גערעכט, אז ער האָט די דאָזיגע לעצטע פיר נאָטעס פאַרעפענטליכט.

אויסער די נאָטעס האָט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג זיך אַרויסגעריסען א ים מיט גאַל אויף דער נייער אַרבייטער רעגירונג פון מעקסיקאָ. אַזאַ רעגירונג ווי מעקסיקא האָט איצטער, איז באמת א געפעהרליכער שכן פאַר אַזאַ קאַפּיטאַליסטישען לאַנד ווי די פאַראייניגטע שטאַאַטען. רעגירונג־אייגענטום פון נאַטירליכע רייכטימער איז א געפעהרליכער ביישפּיל פאַר די אַמעריקאַנער. מען דערמאָנט זיך איצטער, אז מעקסיקא פאַרפאָלגט אויך רעליגיאָן און ערלויבט ניט די קאַטאָליקען „צו לויבען זייער גאָט אויף זייער אייגענעם שטייגער". אזוי לאַנג ווי די אַמעריקאַנער דאָלאַרס זיינען ניט אָנגעריהרט געוואָרען האָט אַמעריקא זיך ווייניג וואָס געקימערט פאַר דעם שיקזאַל פון קאַטוילישען גלויבען צווישען די מעקסיקאַנער. האָט מען אָבער אָנגעריהרט דעם דאָלאַר, איז אויך ממילא אָנגעריהרט געוואָרען דער „אין גאָד ווי טראָסט" (די מאָטאָ וואָס געפינט זיך אויפ׳ן זילבערנעם דאָלאַר: „מיר פאַרלאָזען זיך אויף גאָט").

די הויפּט צרה איז אפשר דערביי וואָס אַמעריקא איז גערעכט. אַזאַ רעגירונג, וואָס האָט אין זינען די אינטערעסען פון פאָלק, איז באמת ניט גוט פאַר איהר אַלס נאָהענטער שכן. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס פאַרשטעהט זיינע אינטערעסען. ער איז יאָ קלאַסען־באַוואוסט. עס איז דאַרום שווער זיך פאָרצושטעלען, אז ער וועט דערלאָזען די מעקסיקאַנישע רעגירונג אָנצוגעהן מיט איהר אַרבייט לטובה דעם מעקסיקאַנישען פאָלק, אָהן ערנסטע שטערונגען. דערפאַר ווען די רעגירונג

פון די פאראייניגטע שטאאטען סטראשעט מיט ערנסטען קאמף, מוז מען געגויגט זיין איהר צו גלויבען, ווייל די קאפיטאליסטישע אינטערעסען פאָדערען עס.

די מעקסיקאנישע רעגירונג, פון איהר זייט, איז אָבער אודאי און אודאי גערעכט. איהר אויפגאבע איז צו באוואָרענען דאָס מעקסיקאנישע פאָלק געגען עקספּלואטאציע. זי האָט אָנגענומען א פונקט אין איהר קאָנסטיטוציע צו נאציאָנאליזירען די נאטירליכע רייכטימער. אויב זי וועט זיך קאָזען דיקטירען פון די פאראייניגטע שטאאטען, האָט זי ניט די ווערטה צו עקזיסטירען. די מעקסיקאנישע רעגירונג אָבער האָט גאָר ניט בדעה זיך אונטערצוגעבען דעם פארלאנג פון דער אמעריקאנישער רעגירונג. איהר גאנצע זעלבסטהערשאפט וואָלט דאן צו גרונדע געגאנגען. אָט האָט איהר דעם צוזאמענשטויס פון צוויי געגענגעזעצטע אינטערעסען. עס הויבט אָן אַלץ מעהר און מעהר אויסצוזעהן אז א קאמף איז אונפארמיידליך.

אין וואָס דער דאָזיגער קאמף וועט זיך אויסדריקען איז ביים איצטיגען מאָמענט נאָך שווער צו זאגען. די מעגליכקייטען פון מלחמה זיינען ניט אויסגעשלאָסען. פאר פיל קלענערע און ווייניגער וויכטיגע אינטערעסען זיינען מלחמות געגרופען געווארען. נאָר אפילו ווען עס זאָל בלויז דערגרייכען די שטופע פון אָפּברעכען דיפּלאָמאטישע באציהונגען וואָלט דאָס געווען זעהר ערנסט אין דיזען פאל. ווען די פאראייניגטע שטאאטען זאָלען בלויז צוריקציהען די אנערקענונג וואָס איז געגעבען געווארען צו דער מעקסיקאנער רעגירונג, וואָלט שוין דאָס אליין געווען א גרויסער קלאפּ פאר מעקסיקא. עס איז ניט שווער צו ערקלעהרען פאר וואָס. אויסער די אַלע עקאָנאָמישע שוועריגקייטען וואָס וואָלטען ענטשטאַנען פאר מעקסיקא, וואָלט אויך צוגעקומען דער פארבאָט צו שיקען געוועהר צו דער מעקסיקאנישער רעגירונג. עס וואָלט זיך דאן אָנגעהויבען די אלטע געשיכטע מיט מאכען אין מעקסיקא רעוואלוציעס אלע מאָנטאָג און דאָנערשטאג. די רעוואלוציעס וואָלטען, פארשטעהט זיך, געשטיצט געווארען פון אמעריקאנער דאָלארס און אמעריקאנער קאנאָנען. אויב די מעקסיקאנישע רעגירונג וואָלט אפילו געווען שטארק גענוג דעם קאמף בייצושטעהן, וואָלט זי אָבער דערווייל קיין צייט ניט געהאַט אָפּצוגעבען זיך מיט אינערליכע רעפאָרמען. עס וואָלט געווען אַן אומגליק אונטער די בעסטע אומשטענדען.

די אנדערע 19 רעפּובליקען פון אמעריקאנישען קאָנטינענט קוקען און שאָקלען טרויעריג די קעפּ. „אָנקעל סעם", זאָגען זיי, „איז דערזעלביגער בולי וואס געווען. ער האלט זיינע קאפּיטאליסטישע לאַפּעס אויסגעשפּרייט איבער'ן גאנצען אמעריקאנעם קאָנטינענט און לאָזט קיינעם ניט פריי אויפאָטעמען".

* * *

עס זיינען אפילו פאראנען נאָך א סך פראגען וואס וואָלטען על פי שכל געדארפט באריהרט ווערען אין דעם קאפּיטעל „די פאראייניגטע שטאאטען אין יאהר 1926", אָבער עס איז זיי ניטא באמת אין קיין וויכטיגע ענדערונגען זינט 1925, אדער אפילו זינט 1924. דעם יאהר האָט מען קוים מיט צרות באשלאָסען ארייננצוטרעטען אין וועלט־געריכט, און דאן ווידער אמאָל אפּגעמאכט די מיינונג ניט ארייננצוטרעטען. פון אָנפאנג האָט פּרעזידענט קולידזש געקעמפּט שטארק פאר'ן ארייננטרעטען אין וועלט געריכט, אָבער שפּעטער האָט ער אויסגעדרעהט דעם דישעל און געמאכט א השיבנו נאַזאַד. ער האָט געוואונען אין סענאַט, אָבער פארלוירען אין די וואהלען איבער'ן לאנד. עס זיינען דורכגעפאלען אזעלכע שטארקע קעמפער פאר'ן וועלט געריכט, ווי מעקינלי, אין אילינאָיז; לענרוט, אין וויסקאנזין; קאָמינס, אין אייאָווא; באָטלער, אין מאסאטשוזעטס, און אנדערע. האָט קולידזש זיך דערשראָקען אימת מות. ווער ווייסט, אפשר איז דאָס דערפאר וואס ער איז געווען פאר'ן וועלט געריכט. דארף מען צוריקכאפּען, איידער עס איז צו שפּעט. פריהער האָבען זיינע ליוטענאנטען אין סענאַט ביטער געקעמפּט געגען די „רעזוירוויישאָנס". זיי האָבען גע'טענה'ט, און ביז א געוויסען גראד מיט רעכט, אז די

רעזווירוויישאָנס זיינען אזעלכע וואס ווען אנולירען דעם גאנצען פּראָיעקט, ווייל די באַדינגונגען זיינען אזעלכע אז די מלוכות פון דער וועלט קאָנען זיי ניט נאָכגעבען. קולידזש אליין איז געווען אזוי שטארק געגען די רעזערוויישאָנס, אז מ׳האָט געזאָגט, זאגאר, אז ער וועט פּיליכט דעם גאנצען ביל וועטאָאירען איבער דעם וואס די קאָנדיציאנען זיינען צו איהם צוגעטשעפּעט געווארען. אן עפּענטליכע באשולדיגונג איז פון די קולידזש־סענאַטאָרען געמאכט געווארען אויפ׳ן פלאָר פון סענאַט, אז די געגנער פונ׳ם וועלט־געריכט האָבען אומיסטען צוגעטשעפּעט די „רעזווירוויישאָנס”, כדי דעם גאנצען פלאַן צו פארניכטען. איצטער, אין זיין רעדע, דעם 11טען נאָוועמבער, אין קענזעס סיטי, האָט פּרעזידענט קולידזש אזוי פארטיידיגט די רעזווירוויישאָנס, און אזוי פעסט געזאָגט, אז די פאראייניגטע שטאַאטען וועט אויף קיין אנדערע קאָנדיציאנען ניט אריינטרעטען אין וועלט־געריכט, אז ביי קיינעם איז קיין שום ספק ניט, דאָס די גאנצע געשיכטע איז איצטער געענדיגט. אוים מחותן אין וועלט־געריכט!

כמעט דאָס זעלביגע וואס געווען איז איצטער פארבליבען אויך אין אזעלכע פּראַגען ווי אימיגראציע, מיט דעם איינציגען אונטערשיד וואס אנשטאָט „אימיגראציע” רעדט מען איצטער וועגען „רעגיסטראציע” פון פרעמדע וואס זיינען שוין דאָ אין לאנד. די פראגע פון אימיגראציע איז שוין א געסעטעלטע. דאָס איז די פּאָליסי פון לאנד. פארהאקט טיר און טויער און זיי וועלען בלייבען פארהאקט ביז מ׳וועט דערפיהלען די נויטווענדיגקייט פאר נייע „הענט”. דערווייל שיינט נאָך צו זיין ווייט פון דער צייט ווען אזא נויטווענדיגקייט וועט זיך אָנהויבען פיהלען. איז דערפאר פארלויפיג די אימיגראציאנס פראגע א געסעטעלטע. מ׳קען ניט ערווארטע קיין ענדערונג אין איהר פאר אמווייניגסטענס עטליכע יאהר צייט. אויב דער קאָנגרעס וועט אין דער קומענדער זיצונג זיך גאָר איינגאנצען פארנעמען מיט דער פראגע, וועט דאָס זיין מעהר מיט „רעגיסטראציע” און „דעפּארטאציע”, ווי מיט „אימיגראציע”.

וועגען הילף פאר די פארמערס, אויף אזוי ווייט ווי עס איז א פּאָליטישע פראגע איז, ווידער אמאָל, דיזעלביגע געשיכטע וואס מיט די פריהערדיגע צוויי וויכטיגע פראגען. פארלויפיג זיינען ניט פאָרגעקומען קיינע ענדערונגען און עס צייגען זיך ניט קיין סמנים פון קיין גרויסע ענדערונגען אין דער נאָהענטער צוקונפט. די וואהלען זיינען פאריבער, קען מען ווארטען נאָך א פּאָר יאָהר ביז ס׳וועלען דארפען פארקומען נייע וואהלען. פונקט אזוי איז דאָס אויך מיט א סך אנדערע וויכטיגע פראגען. דערפאר זיינען מיר פארטיג אונטערצוציהען די לעצטע שורה פון דעם קאפּיטעל 1926. דער ווייל איז נאָך אין לאנד גאנץ פינסטערליך, אָבער היינטיגען יאהר, מעהר ווי אין אירגענד וועלכען פריהעריגען יאהר, האָבען זיך פּאָרט אָנגעהויבען צייגען סמנים פון אן אָנפאנג פון ערוואכונג פון אמעריקאנער געוויסען. דאָס איז א פרעהליכער צייכען.

די אויסלענדישע פּאָליטיק פון די פאַראייניגטע שטאַאטען

פון מאָרים הילקוויט.

א זייטיגער באָאבאַכטער קאָן גאָרניט פארשטעהן, פארוואָס די אויסלענדישע פּאָליטיק פון די פאראייניגטע שטאַאטען איז אַזוי ניט אויסגעהאַלטען. עפּעס ווי א ריזיגע צוויי־פּנים׳דיגע סטאַטוע שטעהט די מעכטיגע רעפּובליק, די פאראייניגטע שטאַאטען. איין פּנים איז אַ שטרענגער אַנטשלאָסען־אימפּעריאַליסטישער, און ער איז געווענדעט צו דרום אַמעריקא. דער צווייטער פּנים איז אַ מילדער, א וויידפּאַסיפיסטישער, און ער איז געווענדעט צו דער גאַנצער איבעריגער וועלט.

גאַנצע הונדערט יאָהר האָבען די פאַראייניגטע שטאַאטען אָנגעפיהרט אַן אַגרעסיווע, עראָבערישע פּאָליטיק אין נאָרד און זיד אַמעריקא. מען האָט אַלץ מעהר אויסגעשפּרייט די אייגענע גרענעצען דורך אָפּפליקען שכנ׳ישע טעריטאָריע אויף אַ פרידליכען וועג אָדער איינגעמען לאַנד דורך מלחמות. די פאַראייניגטע שטאַאטען האָבען אפילו געשיקט מיליטערישע עקספּעדיציעס צו אונטעריאָכען פריינדליכע שוועסטער רעפּובליקען אין צענטראַל און דרום אַמעריקא, און איינינע פון זיי זיינען נאָך עד היום ניט פריי פון דעם יאָך. דורך אַ שטענדיגען פינאַנציעלען דרוק, זיינען די פאַראייניגטע שטאַאטען געוואָרען דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הערשער אין די מעהרסטע דרום־אַמעריקאנישע רעפּובליקען, און דער דאָזיגער איינפלוס פון די פאראייניגטע שטאַאטען פארשפּרייט זיך אויך זעהר שנעל אין קענעדע, דעם איינציגען צפון׳דיגען שכן.

די הערשענדע קלאַסען פון די פאַראייניגטע שטאַאטען האָבען באַלד דערפיהלט, אז די טעריטאָריעס פון דיביידע אמעריקאס זיינען דאָס לאָגישע פעלד פאר זייערע שטרעבונגען אויסצושפּרייטען זייער מאכט. דערפון נעמט זיך די טראַדיציע אין דער פּאָליטיק פון דער יונגער רעפּובליק צו קאָנצענטרירען זיך אויף אַמעריקא און ניט דערלאָזען צו אַמעריקא די אייראָפּעאישע קאָנקורענטען.

דאָס איז דער אמת׳ער זין פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן׳ס וואָרנונג אויסצומיידען אויסלענדישע פּלאָנטערס. דאָס איז אויך דער מיין פון דער „מאָנראָו דאָקטרין“. „די פאַראייניגטע שטאַאטען ווילען גאַנץ אַמעריקא, זיי ווילען ניט קיין זאַך, חוץ אַמעריקא“ — דאָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק אין די ערשטע צייטען.

אָבער די פאַראייניגטע שטאַאטען זיינען שנעל געוואַקסען און געוואָרען מעכטיג, און דאָס האָט געמוזט דורכברעכען די צאַמען, וואָס מען האָט זיך אליין געשטעלט. צום סוף פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט דאָס לאַנד פארנומען עקאָנאָמיש איינעם פון די ערשטע ערטער צווישען די גרויסמאכטען פון דער וועלט. אַמעריקא איז געוואָרען צו ענג פאר דער שנעל וואַקסענדיגער אינדוסטריע, קאָמערץ און באַנק געשעפט. האָבען די פאַראייניגטע שטאַאטען גענומען זיך יאָגען נאָך די וועלט־מערק.

דער שפּאַניש־אַמעריקאנער קריג פון 1898 איז געווען דער ערשטער שריט

אין דער ריכטונג פון אומבאשרענקטען אימפעריאליזם. יענע מלחמה האט די פאראייניגטע שטאאטען געגעבען די ערשטע קאלאניעס איבער'ן ים און די ערשטע טעריטאריע אויפ'ן מזרח טייל פון דער ערד.

און טאמער איז נאך עפעס איבערגעבליבען פון דער אמאליגער פאליטיק פון אפגעזונדערטקייט, איז דאס שוין אינגאנצען אפגעשאפט געווארען, ווען די פאראייניגטע שטאאטען זיינען אריין אין וועלט-קריג אין 1917 און האבען געשיקט מיליטער איבער'ן ים און האבען זיך אקטיוו באטייליגט אין די איירָאפעאישע קריגערייען און אפמאכען. די גרויסע אמעריקאנער רעפובליק האט זיך אריינגעווארפען אין דער וועלט פאליטיק מיט איהר גאנצער אומגעהויערער רייכקייט און מיט'ן גאנצען ענטוזיאזם פון איהר יוגענט.

באלד אבער נאכ'ן פרידען האט אמעריקא פלוצלונג אינגאנצען געענדערט איהר באציהונג. די גרויסע מלחמה, אין וועלכער דאס בלוט פון דער אמעריקאנער יוגענט איז אויסגעמישט געווארען מיט דעם בלוטיגען שטראם פון די אנדערע לענדער אין דעם קריג, די גרויסע מלחמה איז באלד געווארען א זאך פון דער פארגאנגענהייט, אן אפגעשלאסענער קאפיטעל, וואס האט גארניט צו טאן מיט דעם אלגעמיינעם אנטוויקלונגס-גאנג פון דער רעפובליק.

מיט איין אנטשלאסענער באוועגונג האבען די פאראייניגטע שטאאטען אפגעטרייסעלט פון זיך די אלע פארבינדונגען מיט איירָאפא און ווידער אריינגעצויגען זיך אין דער שאלאכץ פון אפגעזונדערטקייט. די אמעריקאנער רעפובליק איז קיינמאל ניט געווארען קיין טייל פון דער פעלקער-ליג, פאר וועלכער זי האט אזוי שטארק געארבייט אין דער צייט פון קריג און ביי די פרידענס פארהאנדלונגען. און ווענען די מלחמה הלואות, וואס זי האט אזוי פריי געגעבען אין דער צייט פון קריג, האט זי שארף געענדערט איהר באציהונג, און פון א פרייגעביגען פארבינדעטען איז זי געווארען א קאלטער קרעדיטאר, וואס רעכענט און מאהנט זיין חוב.

אבער אויב עס האט זיך שארף געענדערט די אפיציעלע אויסלענדישע פאליטיק פון די פאראייניגטע שטאאטען, האט זיך נאך א סך שארפער געענדערט די עפענטליכע מיינונג אין לאנד.

אין דער צייט פון דער מלחמה און באלד נאך דער מלחמה זיינען די „ליבעראלען" פון ווילסאן'ס ריכטונג געווען די הויפט שטיצע פון דער פעלקער-ליג. זיי האבען געפרעדיגט א מילדע שטעלונג אין דער פראגע פון מלחמה חובות. די אפאזיציע צו דער ליג און א „געשעפטסמעסיגע שטעלונג" צו די חובות זיינען געקומען פון די רעאקציאנערע קאפיטאליסטישע אינטערעסען, וואס זיינען אין פאליטיק געווען רעפרעזענטירט הויפטזעכליך אין דער רעפובליקאנער פארטיי.

אויף דעם פרעזידענט קאמפיין אין 1920 האט מען געקוקט ווי אויף א רעפערענדום וועגען אמעריקא'ס שטעלונג צו דער פעלקער-ליג. ווען פרעזידענט הארדינג האט אפגעהאלטען א גרויסען זיג איבער זיין דעמאקראטישען געגנער, האט מען דאס באטראכט פאר א סימן, אז דאס אמעריקאנער פאלק האט צוריקגעוויזען די פעלקער-ליג.

ווען פרעזידענט ווילסאן האט אריינגעטראגען דעם פלאן פון דער פעלקער-ליג אין סענאט, איז א מאיאריטעט רעפובליקאנער געווען גרייט אנצונעמען דעם פלאן מיט איניגע „רעזערוואציעס". ווילסאן האט אבער דעמאלט באשטאנען,

אַז דער גאַנצער פּלאַן זאָל אָנגענומען ווערען אָהן באַדינגונגען. נאָך די וואהלען פון 1920 האָט די נייע רעפּובליקאַנער אַדמיניסטראַציע דעם גאַנצען פּלאַן פאַרוואָרפען.

איצט אָבער ווייזט דיזעלביגע רעפּובליקאַנער אַדמיניסטראַציע אַרויס סימנים פון אַ נייער ווענדונג אין דער אויסלענדישער פּאָליטיק. מיט פאָרזיכטיגע טריט געהט איצט די אַמעריקאַנער רעגירונג צוריק צו די „פּלאָנטערס" פון אייראָפּעאישע פאַרבינדונגען. דאָס וואָס דער סענאַט האָט דאָ ניט לאַנג דורכגעפיהרט אַ רעזאָלוציע פאַר'ן וועלט־געריכט, ווערט אָנגענומען פאַר אַזאַ מין שריט אויסצוּ־פּרוּאוּוען דעם וועג און אַלס אַן הקדמה צום אריינטריט אין דער פעלקער־ליג. אַן עהנליכע ענדערונג מערקט זיך אויך אין דער פראַגע וועגען די מלחמה חובות. די רעגירונג פון פּרעזידענט קולידזש פאַרטרעט גאָר אָפען די געשעפטליכע אינטערעסען פון לאַנד, ווען זי זוכט איצט צו קאָאָפּערירען מיט אייראָפּאַ. פאַרקערט, די אָפּאָזיציע צו אַזאַ פּאָליטיק קומט גאָר פון די ליבעראַלע און „ראַדיקאַלע" טיילען פון לאַנד, באַזונדערס פון דעם „ראַדיקאַלען בלאָק" אין סענאַט.

גראָד די „ראַדיקאַלע" רעפּובליקאַנער סענאַטאָרען און זייערע „ליבעראַלע" דעמאָקראַטישע חברים האָבען אריינגעשפּאַרט אין דער רעזאָלוציע וועגען וועלט־געריכט אַזוי פיל שווערע „רעזערוואַציעס", אַז די רעזאָליציע האָט פאַרלאָרען יעדען זין. און דיזעלבע גרופּע איז געגען אַלע פּלענער אָפּצושאַפען אינגאַנצען אָדער טיילווייז די מלחמה חובות.

אַזאַ מאָדנע לאַגע קאָן אויסזעהען אומפאַרשטענדליך, באַזונדערס פאַר די ראַדיקאַלען. אָבער דאָס קאָן לייכט ערקלערט ווערען.

די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען נויטיגען זיך איצט מעהר פון אַלץ אין דעם, אַז דאָס לעבען אין אייראָפּאַ זאָל זיך איינשטעלען, ווערען נאָרמאַל, עס זאָל דאָרטען זיין שלום, און אַביסעל „פּראָספּעריטי". די מלחמה האָט געמאַכט די פאַראייניגטע שטאַאַטען פאַר דעם גרעסטען פאַבריקאַנט, סוחר און באַנקיר אויף דער וועלט, און אין די זעקס־זיבען יאָהר נאָך דער מלחמה איז אַמעריקאַ נאָך שטאַרקער געוואָרען עקאָנאָמיש.

די פאַראייניגטע שטאַאַטען פּראָדוצירען אַ סך מעהר ווי מען דאַרף דאָ אין לאַנד. פון יאָהר צו יאָהר ווערט אַלץ גרעסער דער קאַפּיטאַל, וואָס מען קאָן אינוועסטען. די אייראָפּעאישע לענדער זיינען גראַדע זעהר אַ דאַנקבאַרער פעלד פאַר דעם איבעריגען אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל. אייראָפּאַ קומט צו זיך נאָך דער מלחמה אַ סך לאַנגזאַמער, איידער מען האָט פריהער ערוואַרט. דערווייל וועט זיך אייראָפּאַ נאָך אַ לאַנגע צייט נויטיגען אין אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל און אַמע־ריקאַנער סחורות.

אָבער אייראָפּאַ גיט ניט גענוג גאַראַנטיעס, אַז זי וועט אַלץ צוריק אָפּצאָהלען. דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל איז פאַראינטערעסירט צו פאַרבעסערען דעם קרעדיט פון אייראָפּאַ און העלפען איינשטעלען די אייראָפּעאישע פינאַנסען. נאָך אַ גרויסע מלחמה וועט ברענגען אייראָפּאַ צו אַ באַנקראָט, און דאָס וואָלט רואינירט דעם בעסטען מאַרק פאַר אַמעריקאַ.

דאָס וואָס מען האַלט אין אייראָפּאַ גרויסע אַרמייען, פיהרט דערצו, אַז אייראָפּאַ זאָל זיין נאָך ווייניגער אימשטאַנד צו צאָהלען חובות. דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל זעהט ניט איין קיין שום פּראָפיטען אין אייראָפּעאישע מלחמות און

באוואפנונגען. דעריבער וויל איצט דער אמעריקאנער קאפיטאל גאנץ אויפריכטיג, אז עס זאל הערשען פרידען אין איירָאפא, אז איירָאפא זאל זיך ווייניגער באַוואפענען. דעריבער איז מען פאר יעדען מעגליכען שריט, וואס קאן האבען אן איינפלוס אין העלפען ברענגען פרידען. דעריבער באציהט מען זיך גוט צו דער פעלקער־ליג און דעם וועלט־געריכט. דערפון נעמט זיך אויך, וואס די אמעריקאנער רעגירונג איז מיט אמאל געווארען ליבעראלער אין דער פראגע פון די מלחמה חובות.

דער אמעריקאנער פינאנץ־מיניסטער און מולטי־מיליאנער, ענדריו מעלאן, האט ערקלערט די איצטיגע פאליטיק פון דער רעגירונג זעהר קורץ און גאנץ אפען. ער האט געזאגט, אז דער גאנצער מלחמה חוב פון צעהן ביליאן איז ניט אזוי פיל ווערט פאר אמעריקא אין דאלארען און סענטען, ווי עס איז ווערט א פרידליכע און פארמעגליכערע איירָאפא אלס א קאסטימער פאר אמעריקאנער סחורות. און א צווייטען מאל האט ער זיך ארויסגעכאפט מיט דער פראזע „א קאסטאמער, וואס קאן צאהלען".

די פאדערונג אפצושאפען די מלחמה חובות ווערט געשטעלט באזונדערס פון די אמעריקאנער באנקירען, וואס ווערען אלץ שטארקער אין אמעריקאנער עקאַנאמישען לעבען.

דער איבערפלוס פון קאפיטאל ווייזט א שטענדיגען און שנעלען וואוקס, און די פראגע וועגען אויסלענדישע אינוועסטמענטס ווערט אלץ שארפער און וויכטיגער. אין 1914 האט מען די אויסלענדישע אינוועסטמענטס פון די פאראייניגטע שטאאטען געשאצט ארום צוויי ביליאן דאלאר, דאס הייסט, ארום פינף פראצענט פון דער ציפער פאר דער גאנצער וועלט. פארקערט, אמעריקאנער סעקיוריטיס, הויפטזעכליך אייזענבאהן באנדס, האבען זיך געפונען אין אויסלאנד אויף א סומע פון זעקס און א האלב ביליאן, אזוי אז די פאראייניגטע שטאאטען זיינען געווען הויפטזעכליך א לאנד א בעל חוב.

די לאגע האט זיך אבער גרינדליך געענדערט פאר דער צייט פון דער מלחמה. אמעריקא האט ניט נאר צוריק געוואונען איהרע סעקיוריטיס אין אויסלאנד, נאר זי איז געווארען דער קרעדיטאר פאר אויסלאנד אויף דער אומגעהויערער סומע פון 25 ביליאן דאלאר. ווייניגער ווי א העלפט דערפון באשטעהט פון מלחמה חובות מיט פראצענטען, און דאס איבעריגע שטעלט פאר מיט זיך פריוואטע הלוואות און אינוועסטמענטס.

דער גרעסטער טייל פון אזעלכע אינוועסטמענטס איז נאך אלץ אויפ'ן אמעריקאנער קאנטינענט. איירָאפא'ס פריוואטע חובות זיינען ניט מעהר ווי צוויי און א האלב ביליאן דאלאר, אדער ארום צעהן פראצענט פון דער גאנצער סומע פון די פריוואטע חובות צו אמעריקא. ארום דריי פערטעל דערפון איז אינוועסטעט אין רעגירונגס־סעקיוריטיס, און נאר א פערטעל באשטעהט פון הלוואות צו פריוואטע אונטערנעמונגען.

מיר זעהען, אז די איירָאפעאישע אינוועסטמענטס פון אמעריקאנער קאפיטאל הויבען זיך ערשט אן. אין דערזעלביגער צייט ווערט דער איירָאפעאישער מארק אלץ וויכטיגער פאר די פאראייניגטע שטאאטען, בעת דער דרום־אמעריקאנער מארק ווערט אויסגעשעפט.

עס פארשטעהט זיך, אז איירָאפא, און באזונדערס די איירָאפעאישע רעגירונגען,

וואלטען א סך מעהר געקענט לייהען און באצאהלען, ווען מען זאל אפווישען אדער זעהר שטארק פארקלענערען די מלחמה חובות.

עס איז זעהר קלאר און פארשטענדליך דעריבער, פארוואס די אמעריקאנער קאפיטאליסטען זיינען מיט אמאל געווארען אזוי „ליבעראל" צו איירא פא. עס איז אבער ניט אזוי קלאר די שטעלונג פון אונזערע „ראדיקאלע" שטאאטסמענער און פון די עלעמענטען, וועלכע זיי פארטרעטען.

פריהער פאר אלץ דארף מען געדענקען, אז דער אייראפעאישער ראדיקאל איז ווייט ניט דאס, וואס דער ראדיקאל אין אמעריקא. אין די אייראפעאישע אינ־דוסטריעלע לענדער זיינען די פאליטישע שטרייטען אן אויסדרוק פון די עקאנאמישע צוזאמענשטויסען צווישען קאפיטאל און ארבייט. קאנסערוואטיזם, ליבעראליזם און ראדיקאליזם אין אייראפא נעמט זיך געוועהנליך פון דער שטעלונג צו דער ארבייטער פראגע ביי די אלע באטרעפענדיגע פאליטישע גרופען. אן אייראפעאישער ראדיקאל איז כמעט אלעמאל מעהר אדער ווייניגער סאציאליסטיש.

אין די פאראייניגטע שטאאטען האבען נאך די ארבייטער ניט פארנומען קיין וויכטיגען פלאץ אין פאליטישען לעבען, און די „ארבייטער פראגע" האט קיינמאל ניט געהאט קיין גרויסען פאליטישען איינפלוס. די קלאסענקאמפען, וואס האבען זיך ביז איצט אפגעשפיגעלט אין אמעריקאנער פאליטיק, זיינען געווען נאר קאנפליקטען צווישען די אגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע טיילען פון לאנד.

פון דעם בירגער־קריג אן איז די נאציאנאלע רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען געווען באהערשט פון אינדוסטריעלען קאפיטאל. די אפאזיציע איז געקומען פון די „ווייץ געגענדען" און „קארן געגענדען" פון וועסט און מיטעל־וועסט. די איצטיגע „ראדיקאלע" גרופע אין קאנגרעס איז אומגעפעהר פון דעמ־זעלביגען טיפ, דאס איז דורכאויס אן אגרארישער ראדיקאליזם, וואס אונטערשיידט זיך זעהר שטארק פון דעם אינדוסטריעלען אדער ארבייטער ראדיקאליזם. דער אגרארישער ראדיקאליזם איז אנטי־קאפיטאליסטיש, אנטי־מיליטאריסטיש און אנטי־אימפעריאליסטיש, אבער ער איז אינדיווידואליסטיש און אין תוך דורכאויס נאציאנאליסטיש.

ווען דער פלאן פון פעלקער־ליג איז צוערשט אריינגעבראכט געווארען אין סענאט, האבען די „ראדיקאלען" זיך ארויסגעזאגט געגען דעם פלאן צוליב דעם, וואס איין פונקט וואלט געקענט אריינשלעפען אלע מיטגלידער פון דער ליג אין שטענדיגע מלחמות צוליב די גרענעצען צווישען די אייראפעאישע מלוכות. וואס ווייטער איז די אפאזיציע צו דער ליג געווארען אלץ ברייטער און אנטשלאסענער. היינט זיינען די אמעריקאנער ראדיקאלען דורכאויס געגען דעם גאנצען פלאן. זיי זעהען אין דעם פלאן א געצייג ניט פאר פרידען, נאר פאר מלחמות, ווייל דער פלאן נעמט אן ערלויבנים פון מלחמות אונטער געוויסע באדינגונגען, און ווייל ער פארלאזט זיך סוף כל סוף אויף דער אנטשיידונג פון באוואפענטער מאכט.

די ערפאהרונגען פון דער וועלט־מלחמה האבען געוויזען די אמעריקאנער ראדיקאלען, אז מען דארף זיך ניט פארלאזען אויף מאכט, אז זי זאל אנטשיידען אינטערנאציאנאלע סכסוכים. די אמעריקאנער ראדיקאלען זיינען אלץ מעהר און מעהר פאר דעם, אז מען זאל מלחמות ערקלערען פאר אומגעזעצליך. דאס וואלט איינגאנצען אפגעשאפט מלחמות דורך אן אינטערנאציאנאלען אפמאך. מען וואלט

זיך דעמאלט פארלאזען נאר אויף געגענזייטיגער איינשטימונג, אנשטענדיגקייט און רעספעקט פאר די מיינונגען פון דער מענשהייט.

די פעלקער־ליג געפעלט ניט די אמעריקאנער ראדיקאלען אויך צוליב דעם, וואס זי איז א טייל פון ווערסאלער פרידענס אפמאך. זיי האלטען, אז מען האט ארגאניזירט די פעלקער־ליג נאר כדי אויפצוהאלטען די הערשאפט פון אייראפעאישען אימפעריאליזם. זיי ווייזען אן אויף דער צוזאמענשטעלונג פון דער ליג'ס ראט און אויף דער ביזאהעריגען רעקארד פון דער ליג. די אפמאכען פון זשענעווא און לאקארנא האבען אביסעל אויפגעהויבען דעם פרעסטיזש פון דער ליג אין אמעריקא, אבער דער שפעטערדיגער רעקארד פון דער ליג נאך לאקארנא האט נאך מעהר ארונטערגעווארפען די ליג אין די אויגען פון די אמעריקאנער ראדיקאלען.

די געגנערישע שטעלונג פון די אמעריקאנער ראדיקאלען אין דער פראגע פון אפשאפען די מלחמה חובות קומט פון עהנליכע אורזאכען, ווי זייער שטעלונג צו דער פעלקער־ליג.

די רעגירונג, זאגען זיי, האט געליהען ביים פאלק פון אמעריקא ארום צעהן ביליאן דאלאר צו העלפען איהרע מלחמה פארבינדעטע. עמיצער וועט מוזען די סומע אפצאהלען, אויב מען וועט אייראפא באפרייען פון די חובות, וועט די לאסט פאלען אויף די אמעריקאנער מאסען, באזונדערס אויף די ארבייטער און פארמערס. אז מען קאן די לאסט אריבערטראגען אויף די קלאסען, וואס זיינען פון דער מלחמה רייך געווארען, דאס פאלט אזוינע ראדיקאלען גאר ניט איין, אדער זיי ווילען דאס ניט. זיי קריטיקירען אונזערע געוועזענע פארבינדעטע, וואס זיי קאנען ניט צוריק אויפבויען זייער עקאנאמישען לעבען, וואס זיי ווילען ניט ארויפלייגען קיין שווערערע טעקסעס אויף זייער באפעלקערונג, און וואס גיבען אוים ריזיגע סומען געלט אויף באוואפענונג.

דער אפמאך וועגען דעם ענגלישען מלחמה־חוב איז געווען מעהר אדער ווייניגער „ביזנעס־מעסיג“, און מען האט געגען איהם ווייניג וואס געהאט אויסצוזעצען. דערפאר אבער האבען די מעהר „ליבעראלע“ אפמאכען מיט פראנקרייך און איטאליען ארויסגערופען א שטארקע אפאזיציע. וועגען פראנקרייך האבען די ראדיקאלען גע'טענה'ט, אז זי גיט אוים אומגעהויערע סומען ניט נאר אויף איהר אייגענער באוואפנונג, נאר אויך כדי צו באוואפענען אנדערע לענדער, וואס זיינען אונטער איהר שוץ, און דערווייל ווערט די אינדוסטריע פון פראנקרייך רואינירט. באזונדערס ביטער איז געווען די אפאזיציע פון די ראדיקאלען און ליבעראלען צו דעם זעהר מילדען אפמאך מיט איטאליע, ווייל מען האט געזעהן אין דעם א פריינדליכע באציהונג צו דער פאשיסטישער דיקטאטור.

גלייכצייטיג מיט דער אפווישונג פון 80 פראצענט פון דעם איטאליענישען מלחמה חוב האט די איטאליענישע רעגירונג נאך באקומען ביי די אמעריקאנער באנקירען א גרויסע פריוואטע הלואה אויף 7 פראצענט, חוץ גרויסע קאמישאנס און דיסקאונטס. דאס האט אויסגעזעהן, ווי מען וואלט באראבעוועט די אמעריקאנער מאסען אין די אינטערעסען פון די אמעריקאנער באנקירען.

די ארגאניזירטע ארבייטער אין אמעריקא, דורך דער אמעריקאן פעדערייש'ן אוו לייבאר, האבען אין די לעצטע זעקס יאהר דורכגעמאכט א גרויסע ענדערונג אין דער שטעלונג צו דער פעלקער־ליג. די פעדערייש'ן האט שטארק געשטיצט ווילסאן'ס אינערליכע און אויסערליכע פאליטיק, און אויף דער קאנווענשאן פון

1919 האָט זי אינדאָסירט די פעלקער־ליג, אַלס אַן אינסטיטוציע „וואָס האָט זיך מעהר דערנעהנטערט צום אידעאַלען צושטאנד אין אינטערנאַציאָנאַלע אַנגע־לעגענהייטען, איידער וועלכע עס איז אינסטיטוציע אין דער פאַרגאַנגענהייט".

אין אַ יאָהר אַרום, ווען דער פּלאַן פון דער ליג איז אויסגעאַרבייט געוואָרען, האָט די פעדערײשאַן נאָך אַלץ באַגריסט די ליג, „אַלס אַן ערנסטען פּרווף אויפצוהאַלטען דעם פרידען אויף דער וועלט". און אין 1923, ווען דער פּלאַן פון אַמעריקאַ'ס אַריינטריט אין ליג איז פאַרמעל און באַשטימט פאַרוואָרפען געוואָרען, האָט די פעדערײשאַן געפאָדערט די באַטייליגונג פון אַמעריקאַ אין דעם שטענ־דיגען וועלט־געריכט.

מיט צוויי יאָהר שפּעטער אָבער איז שוין די פעדערײשאַן פאָרזיכטיגער אין דער פראַגע פון דער פעלקער־ליג. די רעזאָלוציע פון דער קאָנווענשאַן פון 1925 זאָגט אָט וואָס: „די לאַגע אין די באַציהונגען צווישען די פעלקער פון דער וועלט האַלט אין איין ענדערען זיך. אונטער אַזעלכע אומשטענדען מוז מען זיין זעהר פאָרזיכטיג אין וואָסערע באַשלוסען מען זאָל ניט אָננעמען, ווייל די פראַגען זיינען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאַר דער גאַנצער וועלט".

די שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט זיך געענדערט אביסעל אין דער פּראַקטישער ריכטונג. די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען זיינען געווען דורכאויס געגען דער מלחמה און געגען דעם אַרויפגעצוואונגענעם פרידען. זיי האָבען דעריבער באַטראַכט דעם פּלאַן פון דער פעלקער־ליג אַלס אַ טייל פון דעם אומגערעכטען ווערסאַלער אָפּמאַך.

ווי אַזוי די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען האָבען זיך באַצויגען צו דער פעלקער־ליג אין 1919, זעהט מען קלאָר אַרויס פון אַזאַ אָרט אין אַ „מאַניפעסט", וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער קאָנווענשאַן פון יענעם יאָהר, און פון וועלכען דער שרייבער פון אָט די שורות איז געווען דער אויטאָר:

„כדי צו פאַרשטאַרקען זייער הערשאַפט פון גוואַלט־טהאַט און רעאַקציע, וואָס וואַקעלט זיך איצט, האָבען די פאַרטרעטער פון פאַראייניגטען קאַפּיטאַליזם באַשאַפען אַן עקזעקוטיוו קאָמיטע פון זייערע רעגירונגען, וועלכע זיי האָבען די חוצפה אָנצורופען „פעלקער־ליג".

„דער אמת'ער צוועק פון אַזאַ בונד פון קאַפּיטאַליסטישע מלוכות איז צו באַשיצען זייער רויב, צו באַהערשען די שוואַכע פעלקער, צו דערשטיקען פּראָלע־טאַרישע רעגירונגען און צו שטערען אומעטום די אַרבייטער באַוועגונג.

„די אַזוי גערופענע פעלקער־ליג איז דער קאַפּיטאַליסטישער שוואַרצער אינטער־נאַציאָנאַל געגען דעם אויפשטעהענדיגען אַרבייטער קלאַס. דאָס איז דער באַ־וואוסטזיניגער בונד פון די קאַפּיטאַליסטען פון אַלע פעלקער געגען די אַרבייטער פון אַלע פעלקער".

אַזעלכע שורות זיינען דיקטירט געוואָרען פון דער פאַרביטערונג געגען דעם אַליאירטען פאַרראַט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען אַרום דעם „פרידענס־טיש". זיי האָבען אפשר ריכטיג איבערגעגעבען די ערשטע צילען פון דער פעלקער־ליג און די צוועקען פון איהרע הויפּט גרינדער.

אָבער סאָציאַלע אינסטיטוציעס ענדערען זיך אָפטמאָל אין זייער כאַראַקטער און זייערע פונקציעס, צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון די אומשטענדען און פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישען. אונטער'ן דרוק פון די פאַרשטאַרקטע סאָציא־

ליסטישע און ארבייטער באוועגונגען אין אייראפא, און וואס נויטיגער עס ווערט דער אינטערנאציאנאלער פרידען פון אן עקאנאמישען שטאנדפונקט, האט די ליג אנטוויקעלט געוויסע קאנסטרוקטיווע טענדענצען.

די סאציאליסטישע פארטייען אין אייראפא און דער סאציאליסטישער ארבייטער אינטערנאציאנאל האבען אנערקענט די ליג אלס א מעכטיגען פאקטאר פאר דער אויפהאלטונג פון וועלט-פרידען. זיי האבען באשלאסען אריינצוװארפען זיך מיט זייער גאנצער מאכט צו מאכען פון דער ליג א וויכטיגע דעמאקראטישע און פראגרעסיווע אינסטיטוציע. זיי האלטען, אז עס איז זעהר וויכטיג, אז די פאראייניגטע שטאאטען זאלען אריינטרעטען אין דער ליג.

אונטער אזעלכע באדינגונגען האבען א טייל אמעריקאנער סאציאליסטען געענדערט אביסעל זייער שטעלונג צו דער ליג אין דער ריכטונג פון אייראפעאישען פראגראם. געענדערט האבען זייער שטעלונג איינינגע, אבער ניט אלע סאציאליסטען.

אויף דער לעצטער נאציאנאלער קאנווענשאן פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין מאי, האט מען דיסקוטירט די פראגע וועגען אמעריקא'ס באטייליגונג אין דער ליג, און די מיינונגען זיינען געווען צוטיילט כמעט גלייך צווישען די אנהענגער און געגנער. מען האט דעם באשלוס אפגעלייגט ביז צו דער נעקסטער קאנווענשאן אין 1928.

אין דער פראגע וועגען די אמעריקאנער מלחמה חובות איז די סאציאליסטישע פארטיי פאר אפשאפען אלע אזעלכע חובות צו אמעריקא, מיט'ן תנאי, אז די אליאירטע צווישען זיך וועלען אויך אויף אזא אופן אפמאכען וועגען די חובות, און מען וועט רעדוצירען די רעפעראציע צאהלונגען.

די פאראייניגטע שטאאטען קאנען לאנג ניט בלייבען שטעהן ווייט פון די וויכטיגסטע אייראפעאישע פראבלעמען. פריהער אדער שפעטער וועט דאס לאנד זיין געצוואונגען צו באטייליגען זיך אקטיוו אין אייראפעאישער פאליטיק, איינפאך כדי צו באשיצען די אייגענע עקאנאמישע אינטערעסען. דער אמעריקאנער קאפיטאליזם איז פאר דעם שוין איצט גרייט. די אויפגאבע, וואס שטעהט איצט פאר די אייראפעאישע ליבעראלע פריינד פון דער ליג באשטעהט אין דעם, אז זיי זאלען געווינען די ליבעראלען אין די פאראייניגטע שטאאטען. אזא אויפגאבע וועט קאנען דורכגעפיהרט ווערען, ווען די ליג וועט זיך באפרייען פון דער קללה פון אימפעריאליסטישע אינטריגעס און וועט באווייזען, אז זי איז אנטשלאסען צו ווערען דאס, וואס זי איז ביז איצט געווען נאר טעארעטיש, — אן אינסטרומענט איינצושטעלען און אויפצוהאלטען דעם אינטערנאציאנאלען פרידען און גערעכטיגקייט.

אייראָפּא אין יאָהר 1926

פון ס. סאָלאָווייטשיק.

אין צענטער פון דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק איז אין פארגאנגענעם יאָהר
געשטאַנען די פעלקער-ליג און דער לאָקארנאָ-אָפּמאַך.
לויט איהר אידעע, האָט די פעלקער-ליג געזאָלט זיין ניט קיין אייראָפּעאישע,
נאָר אן אלוועלטליכע איינריכטונג. אָבער אמעריקא האָט זיך אפּגעזאָגט אריינ-
צוטרעטען אין איהר, ווערט דעריבער די ליג ממילא א פאראייניגונג בלויז פון
אייראָפּעאישע מלוכות, און זי שטעלט זיך פאר איהר אויפגאבע די לעזונג פון
אייראָפּעאישע פּראָבלעמען. דעריבער מוז אן איבערבליק איבער דער פּאָליטישער
לאַגע פון אייראָפּא אין 1926 אָנהויבען זיך מיט דער פעלקער ליג.
אָנפאנג יאָהר איז די לאַגע געווען זעהר קריטיש. נאָך פילע טענות ומענות,
וואס האָבען צו זיך צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון גאַנץ אייראָפּא, איז אין
לאָקארנאָ געשלאָסען געוואָרען אַן אָפּמאַך, וועלכער באַשטעהט הויפּט-
זעכליך אין פאָלגענדעס: דייטשלאנד, בעלגיע און פראנקרייך פארפליכטען זיך פאר
קיין פאַל ניט צו ערקלערען קריג, ווי ערנסט און שאַרף עס זאָלען ניט זיין די ארויפ-
געשוואומענע קאָנפליקטען צווישען זיי. דערביי האָבען זיי גאַראַנטירט איינער דעם
צווייטען די אומבאַריהרבארקייט פון פראנצויזיש-דייטשען גרענעץ פון איין זייט,
און פון בעלגיש-דייטשען גרעניץ פון צווייטען זייט. אָט-די אומבאַרירבארקייט האָבען
אויך גאראנטירט ענגלאנד און איטאַליע, וועלכע האָבען זיך פארפליכטעט צו העל-
פען דעם צד, אויף וועלכען מען וועט טראָץ דעם אָפּמאַך דאָך אָנפאַלען. פון צוויי-
טען זייט האָט דייטשלאנד געשלאָסען אן אָפּמאַך מיט טשעכאָסלאָוואקיע און פוילען,
אין וועלכען אלע צדדים האָבען זיך פארפליכטעט איבערצוגעבען אלע זייערע סכסוכים
צו אַ בוררים-געריכט און ניט נעהמען זיך צו מלחמה-מיטלען מיט'ן צוועק צו „פּיק-
סען" די גרעניצען. דיזען אָפּמאַך האָבען שוין ענגלאַנד און איטאַליע ניט גאַראַנ-
טירט, דערפאַר האָט אָבער פראנקרייך צוגעזאָגט פוילען און טשעכאָסלאָוואַקיע צו
קומען זיי צו הילף, אין פאַל דייטשלאַנד וועט אויף זיי אָנפאַלען.
ווי דער לעזער זעהט, איז דאָס זעהר א האמעטנע און א פארפלאָנטערטע מא-
שינערי. אָבער דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון א קאָמפּראָמיס, אָהן וועלכען
מען האָט, נאַטירליך, ניט געקאָנט אויסקומען אין א פראַגע, וואָס ריהרט אָן די גאַנצע
אייראָפּעאישע פּאָליטיק.
אָבער דער לאָקארנאָ-אָפּמאַך האָט געהאט נאָך אַ פּונקט, ארום וועלכען עס
האָט זיך איגניכען פארוויקעלט אַ גאנץ גרויסער פּאָליטישער פּלאָנטער. מען האָט
אויסגערעדט, אז די אַלע אָפּמאַכען געהען אריין אין קראפט בלויז נאָכדעם ווי דייטש-
לאַנד טרעט אריין אין דער פעלקער-ליג. און אָט דער פּונקט האָט שיעור ניט גע-
שפּילט די ראָלע פון א שטיין אונטער'ן וואסער, אן וועלכען די ליג זאָל זיך אָפּ-
שלאָגען און אונטערגעהן.
דייטשלאנד'ס אריינטרעטען אין דער פעלסער ליג האָט פאר פראנקרייך און
ענגלאנד געמיינט פריהער פון אלץ, אז דייטשלאנד זאָל זיך אונטערוואַרפען אלע,
הגם נעבעלדיג אויסגעדריקטע, אָבער דאָך גאנץ ערנסטע, פארפליכטונגען, וועלכע
פאַלען אויף יעדען מיטגליד פון דער ליג. און דעריבער זיינען די רעכטע פּארטייען
אין דייטשלאַנד, וואס האָבען געשפּילט אויפ'ן נעפּיהל פון רעוואַנש, געווען געגען
דעם. נאָר גלאַט איז ניט אָפּגענאַנגען אין דייטשלאַנד אפילו מיט די יעניגע, וועל-
כע האָבען געקעמפט פאר דייטשלאַנד'ס אריינטריט אין דער ליג: זיי האָבען
געוואָלט דייטשלאַנד זאָל זיין א פולבארעכטיגטער מיטגליד, ווי אלע איבעריגע
גרויסע מלוכות, און דעריבער מוז זי האָבען א שטענדיגען פּלאַץ אין דעם ראטה פון
דער ליג. זיינען אָבער אינ'ם קאָונסיל באַשטימט געוואָרען בלויז 7 פּלעצער, און 4 זיי-

נען פארנומען דורך ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליע און יאפאן, די איבעריגע 3 פלעצער זיינען געווען באשטימט פאר דייטשלאנד, אמעריקא און רוסלאנד. האבען ענגלאנד און פראנקרייך צוגעשטימט צו דייטשלאנד'ס פאדערונג וועגען א שטענדיגען פלאץ אין קאונסיל. האבען זיך אבער דא באוויזען שפאגעל נייע פרעטענדענטען: שפאניע, פוילען און בראזיליע.

אט דער סכסוך וועגען א „שטענדיגען" פלאץ, וואס האט זיך באזונדערס פארשארפט צו דער צייט פון דער מערץ זיצונג אין דער ליג, האט ארויסגערופען די אלע רייד וועגען דער פאנאנדערפאלונג פון דער ליג.

עס איז אמת, אז אויף פוילען האט אויסגעאיבט א געהעריגע ווירקונג פראנקרייך, וועלכע האט געזוכט מיט אלע כוחות צו שליכטען דעם קאנפליקט אויף א צופרידענשטעלענדען אופן, אבער בראזיליע און שפאניע זיינען געבליבען פאר'עקשנ'ט ביז'ן סוף. וואלט מען זיך מיט זיי ניט רעכענען, האט אבער בראזיליע געהאט א צייטווייליגען פלאץ אין דער ליג, און לויט דער ליג'ס קאנסטיטוציע מוז יעדער באשלוס אנגענומען ווערען א י י נ ש ט י מ י ג, האט זיך דער פארשטעהער פון בראזיליע איינגעשפארט און געשטימט געגען געבען דייטשלאנד א שטענדיגען פלאץ אין דעם קאונסיל, און אויף דעם אופן איז די מערץ-זיצונג אראפגעריסען געווארען.

דורכ'ן גאנצען זומער האבען זיך געפיהרט פארהאנדלונגען וועגען מיטלען, ווי צו באזייטיגען דעם קאנפליקט. מען האט אויסגעטראכט אלערליי קאמבינאציעס ווי אזוי צו באפרידיגען בראזיליע און שפאניע. די ערשטע איז געבליבען פאר'עקשנ'ט, און באלד נאך דער מערץ זיצונג האט זי ערקלערט, אז זי טרעט ארויס אינגאנצען פון דער ליג. די שפאנישע רעגירונג האט זיך געוואקעלט. האט זי געווען געהאט ערקלערט, אז זי וועט מוחל זיין איהר פרעסטיזש, אויב מען וועט איהר דערפאר פארגיטיגען מיט דער שטאדט טאנזשער אין מאראקא. ענגלאנד און פראנקרייך האבען אבער געענטפערט, אז זיי וועלען אויף דעם קיינמאל ניט איינגעהן, האט שפאניע סוף כל סוף געטאן דאס זעלבע, וואס בראזיליע. אזוי ווי דער פארלאנג צו קומען צו אן אויסגלייך מיט דייטשלאנד און דורכפיהרען דעם לאקארנא-אפמאך איז געווען זעהר שטארק, האט מען באשלאסען, אז פטור ווערענדיג פון בראזיליע און שפאניע, וועט מען אויפ'ן ערגסטען אופן אויסקומען אהן זיי, און אויף דער נייער זיצונג פון דער ליג, אין סעפטעמבער, איז דייטשלאנד אריין אין דער פעלקער-ליג און געקראגען א שטענדיגען פלאץ אין קאונסיל.

אזוי איז צום ענדע יאהר די לאגע געווארען פעסטער, די סקעפטיקער, וועלכע האבען דעם גאנצען זומער געשריען וועגען דעם אונטערגאנג פון דער ליג, האבען זיך אפגעקיהלט, דער קריזיס איז פאריבער, און פילע זיינען געווארען אזוי אפטימיסטיש, אז זיי האבען פאראויסגעזאגט, אז שפאניע און בראזיליע וועלען זיך נאך סוף כל סוף איינבעטען מען זאל זיי צוריק אריינגעהמען אין דער ליג. זיי טענה'ן, די ליג איז איצטער געווארען מאראליש און יורידיש אזא שטארקע קראפט, אז בלייבען אויסער איהר הייסט איזאלירען זיך אליין. און אויב די פאראייניגטע שטאאטען קאנען זיך נאך פארגינען אזא לוקסוס, איז עס אבער פאר שפאניע ניט דערלאזבאר.

אלזא, דער לאקארנא-אפמאך איז אריין אין קראפט, און נאכדעם ווי דייטשלאנד איז אריינגעטראטען אין דער פעלקער-ליג. האט זיך אלץ קלערער אנגעהויבען ארויסרוקען א נייע טענדענץ אין דער איראפעאישער פאליטיק: עס זאל פארקומען א דערנעהנטערונג צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד און עס זאלען זיך אין אלגעמיין איינשטעלען מעהר פריינדליכע באציהונגען צווישען אלע איראפעאישע מלוכות. באלד נאך דער סעפטעמבער סעסיע פון דער ליג זיינען זיך צונויפגעקומען אין טוארי, א פראנצויזיש דערפעל אויפ'ן שווייצארישען גרענעץ, דער פראנצויזישער אויסלאנדס-מיניסטער בריאן מיט זיין דייטשען קאלעגע שטרעזעמאן. אויף דער בעראטונג האט מען אפען געשטעלט די פראגע וועגען א פראנצויזיש-דייטשען אפמאך. די דאזיגע פארהאנדלונגען וועלען זיך נאך ציהען א היבשע צייט. אבער דער פאקט אליין, וואס אזא פראגע איז געשטעלט געווארען אויפ'ן טאגעס-ארדנונג,

האָט שוין אויך אַ גרויסע באַדייטונג. אין דערזעלבער צייט קריגט די באַוועגונג פאַר „פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּאַ" אַלץ מעהר און מעהר אָנהענגער צווישען די לינק־געשטימטע קרייזען אין די אייראָפּעאישע לענדער. באַזונדערס שטאַרק איז די פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם לאָזונג ביי די דייטשע סאָציאַליסטען. דער פּאַן־אייראָפּעאישער קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אָנהויב אָקטאָבער אין וויען, האָט ארומגעקליבען ארום זיך די אָנגעזעהענסטע פאָרשטעהער פון די לינקע פּאַרטייען פון פילע אייראָפּעאישע לענדער. צווישען דער דייטשער דעלעגאַציע זיינען געווען דער פּרעזידענט פון רייכסטאַג, דער סאָציאַלדעמאָקראַט לעבע, און דער געוועזענער קאַנצלער ווירט; צווישען דער פראַנצויזישער — אָנגעזעהענע פאָרשטעהער פון לינקען בלאָק, בריאַן האָט צוגעשיקט דעם צוזאַמענפאָהר אַ באַגריסונגס־טעלעגראַמע.

ענגלאַנד.

דער מיינער סטרייק. — די שטימונג פון די אַרבייטער. — דער קריזיס פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי. דער צוזאַמענפאָהר פון די פּרעמיערען.

אַז מען זאָל אויסשליסען די יעניגע אייראָפּעאישע מלוכות, וועמעס געזעלשאַפטליכען און ווירטשאַפטליכען לעבען די מלחמה האָט ניט אָנגעריהרט, און וועלכע שטעהען דערפאַר אויסער דעם נאָך־מלחמה קריזיס, האָט יעדער אייראָפּעאישע מלוכה איבערגעלעבט אין 1926 איהר באַזונדערען קריזיס. אין ענגלאַנד איז כמעט דער גאַנצער יאָהר דורכגעגאַנגען אונטער'ן צייכען פון קוילען סטרייק.

דער סטרייק פון די מיינערס איז שוין לאַנג צייטיג געוואָרען. זיין גרונד סיבה איז די זעהר שווערע לאַגע פון דער ענגלישער קוילען אינדוסטריע. דעם קריזיס פון דער קוילען אינדוסטריע האָט קיינער ניט אָפּגעלייקענט. די מיינונגס־פאַרשידענהייטען צווישען די פּאַרטיידיגער פון די אינטערעסען פון די אונטערנעמער און די פאָרשטעהער פון אַרבייטער קלאַס זיינען באַשטאַנען בלויז אין דער אָפּשאַצונג פון די סיבות פון דעם קריזיס און אין די מיטלען ווי אַזוי אַרויסצוקריכען פון איהם. די אונטערנעמער באַהויפּטען, אַז זאָלען נאָר די אַרבייטער אַראָפּלאָזען פון זייערע שכירות, וועט שוין אַלץ זיין גוט; דער טעזיס פון די אַרבייטער איז, נאַטירליך, אַנאַנדערער: זיי האָבען אויפגעוויזען, אַז אויב מען זאָל גרינדליך רעאָרגאַניזירען די קוילען אינדוסטריע, וועט זיך אויפהויבען די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. יעדער צד האָט זיך געהאַלטען ביי זיין מיינונג, אָבער אָביעקטיוו איז אַלץ געבליבען דער פאַקט, אַז די קוילען־גרובען ברענגען פאַרלוסטען, האָבען דעריבער די אונטערנעמער נאָך מיט אַ יאָהר צוריק אולטימאַטיוו אַנידערגעשטעלט די פראַגע וועגען פאַרקלענערען די שכירות. די פעדעראַציע פון די קוילען־גרעבער האָט אָנגעזאָגט, אַז אין דעם פאַל וועט זי ערקלערען אַ סטרייק. די רעגירונג האָט זיך אַריינגעמישט, צוגעזאָגט די אונטערנעמער אַ סובסידיע, כדי צו דעקען זייערע פאַרלוסטען, און דער קאָנפליקט איז אויף דערווייל איינגעשטילט געוואָרען. פאַר דער צוקונפט האָט מען געגרינדעט אַ קאָמיסיע אונטער'ן פאָרזיץ פון געוועזענעם אויבער־קאָמיסאַר אין פּאַלעסטינע, הערבערט סעמועל, און אָט די קאָמיסיע האָט געדאַרפט צושטעלען אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו ליקווידירען די באַשאַפענע ניט־נאָרמאַלע לאַגע. די קאָמיסיע האָט אין פריהלינג, 1926, צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט, וועלכער איז אין אַ גרויסער מאָס געקומען מיט אָפענע הענט אַנטקעגען די פאָדערונגען פון די אַרבייטער וועגען רעאָרגאַניזירען די קוילען אינדוסטריע. אמת, די קאָמיסיע האָט אָפּגעוואָרפען די פאָדערונג צו נאַציאָנאַליזירען די אונטערנעמונגען פון די קוילען אייגענטימער, אָבער דערפאַר האָט זי זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם, אַז די מינען זאָלען ערקלערט ווערען אַלס דאָס אייגענטום פון דער רעגירונג, און אַז די רעגירונג זאָל האָבען אַ ברייטען קאָנטראָל איבער די אונטערנעמונגען אויף

אזויפיל, אז זי זאָל זיי קאָנען צווינגען צו פאַראייניגען זיך. די פאָדערונג פון די אייגענטימער צו פאַרלענגערען דעם ארבייטס־טאָג האָט די קאָמיסיע אפּגעוואָרפען, בלויז די פאָדערונג צו פאַרקלענערען די ארבייטער שכירות האָט זי מיט גאַנץ באַדייטענדע אפּווייכונגען אָנגענומען. עס האָט זיך געדוכט, אז אויף דעם באָדען וועט מען קאָנען געפינען א קאָמפּראָמיס און מען וועט אויסמיידען א קוילען סטרייק, וועלכער קען ברענגען אומצעהליגע צרות סיי די ארבייטער, סיי דעם גאַנצען לאַנד. די געשיכטע וועט ווען עס איז אויסגעפינען, ווער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם, וואס דאָס האָט ניט פּאַסירט. נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, דער פאַקט איז, אז די אונטערנעמער האָבן ערקלערט א לאָקאַוט, און דעם 1טען מאי האָט אויסגעבראָכען אַ אַלגעמיינער סטרייק.

די פיהרער פון די טרייד־יוניאָנס אין ענגלאַנד האָבען פון אָנהויב אָן ערקלעהרט, אז דער סטרייק איז א ריין־עקאָנאָמישער, אָבער באַלדווינ'ס רעגירונג מיט די אונטערנעמער פון איין זייט, און סטאַלינ'ס רעגירונג מיט די קאָמוניסטען פון דער צווייטער זייט האָבען געזוכט מיט אַלע כוחות פאַרצושטעלען דעם סטרייק אַלס אַן אָנהויב פון א וועלט־רעוואָלוציע. די סאָוועטען־רעגירונג האָט זיך געכאַפּט און שנעל אָוועקגעשיקט געלט צום גענעראַל קאָונסיל פון די טרייד יוניאָנס, זי האָט אָבער געקראָגען א געזונטען פּאַטש אין פּנים: דער גענעראַל קאָונסיל האָט ערקלערט, אז ער וועט ביי דער סאָוועטען רעגירונג קיין געלט ניט נעמען. אין עטלאַכע טעג ארום איז קלאָר געוואָרען, אז דער אַלגעמיינער סטרייק איז פאַרקראָכען אין א טעמפּען ווינקעל: די משא פון סטרייק איז געפאַלען הויפּטזעכליך אויפ'ן גאַנצען פאָלק, און די ברייטע מאסען האָבען זיך געשטעלט געגען די ארבייטער. די אונטערנעמער האָבען באַשלאָסען, אז זיי וועלען אויף קיינע הנחות ניט איינגעהן. צווישען די ארבייטער האָט זיך אָנגעהויבען צו פאַרשפּרייטען א שטימונג פון יאוש, און די קאָמוניסטען האָבען עס קונציג אויסגענוצט, כדי נאָך מעהר צורייצען די ארבייטער.

ווי קריכט מען ארויס פון אזא לאַגע? עס איז געווען קלאָר, אז עס זיינען פאַראַן בלויז צוויי וועגען: אדער ליקווידירען דעם אַלגעמיינעם סטרייק אדער פאַרוואַנדלען איהם אין א סאָציאַלע איבערקעהרעניש. די קאָמוניסטען האָבען געפאָדערט דאָס צווייטע, אבער די ארבייטער פיהרער האָבען גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אז ביי די יעצטיגע כחות־פאַרהעלטניסע דראָהעט אזא איבערקעהרעניש צו פאַרוואַנדלען זיך אין א טויט־קלאַפּ פאַר דער גאַנצער ארבייטער באַוועגונג, האָבען זיי מיט א שווערען געמיט אויסגעקליבען דאָס ערשטע, און מען האָט אויפגעגעבען דעם אַלגעמיינעם סטרייק.

איז דער אַלגעמיינער סטרייק געווען א פעהלער? וואַרשיינליך יע, צום ווענינגסטען דאָס איז די מיינונג פון פילע פאַראַנטוואָרטליכע פיהרער פון דער ענגלישער ארבייטער פּאַרטיי, אבער דאָס איז געווען פּסיכאָלאָגיש נויטווענדיג. אין דער אַטמאָספערע, וואס האָט געהערשט אין ענגלאַנד פאַר'ן ערשטען מאי, באַשאַפען אין א גרויסער מאָס דורך דער דעמאַגאָגישער קאָמוניסטישער אַגיטאַציע, וועלכע האָט צופיל מגזם געווען די כוחות און די שטאַרקייט פון דער ארבייטער באַוועגונג, האָט מען געמוזט מאַכען א פּראָבע מיט אַן אַלגעמיינעם סטרייק, אויב ניט וואָלטען די טרייד יוניאָנס און די גאַנצע ארבייטער באַוועגונג צופאַלען געוואָרען.

פון דער צווייטער זייט אָבער האָט דער אַלגעמיינער סטרייק דאָך באַשאַפען ביי פילע א שטימונג, וואס האָט זיי געשראָקען מיט'ן געשפּענסט פון א בירגער קריג, און דעריבער איז נאָך אַלץ געווען מעגליך צו ליקווידירען דעם קוילען סטרייק אויפ'ן סמך פון דעם קאָמפּראָמיס, וואס סעמועלס' קאָמיסיע האָט פאָרגעשלאָגען. געווען א מאָמענט, ווען עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז אָט־אָט און דער קאָמפּראָמיס ווערט אָנגענומען. און אויב דאָס האָט דאָך ניט פּאַסירט, האָט אין דעם א גרויסען חלק די סאָוועטען רעגירונג, וועלכע האָט מיט איהרע דעמאַגאָגישע קוויטשעריי וועגען שטיצען די קוילען־גרעבער געוועקט ביי איינינגע פיהרער משונה'דיגע האָפנונגען. דער אינצידענט מיט די געלט־שטיצע, וואס מען האָט געשיקט פון רוסלאַנד פאַר

די מיינערס, וועט בלייבען אויף אייביג אין זכרון פון דער אייראָפּעאישער ארבייטער באוועגונג. און וויכטיג איז ניט דאָס, וואס די פיהרער פון די ענגלישע מיינערס זיינען ניט אזוי נאַאיוו און האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, מיט וואָס פאר אן אופן אָט די „פּריוויליגע” זאמלונגען זיינען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד. די הויפּט זאך איז, קוק און סמיט האָבען געדארפט פארשטעהן, אז אָט די אלע געלדער, וואָס די סאָוועטען רעגירונג שיקט צו אין דעם נאָמען פון די רוסישע יוניאָנס, זיינען בלויז א טראָפּען אין ים, ווען מען דארף אָנקאָרמענען א מיליאָן סטרייקערס מיט זייערע געזינדען. זיי האָבען געדארפט פארשטעהן, אז וויפיל די סאָוועטען רעגירונג זאָל ניט צוזאָגען קיין שטיצע, וועט דאָס אַלץ זיין ווינציג. יעדענפאלס, האָבען זיי געדארפט אין זייערע האנדלונגען האָבען אין זינען ניט די סאָוועטישע שטיצע, נאָר די כוחות פון זייער אייגענער אָרגאַניזאציע, און דאָס האָבען זיי ניט געטאָן.

דעריבער איז די לאַגע פון די אונטערנעמער געוואָרען וואָס א וואָך אַלץ שטאַרקער, און פון די סטרייקער — אַלץ שוואַכער. און ווען קוק מיט סמיט'ן האָבען שוין נאָכדעם געוואָלט באַנייען די פאַרהאַנדלונגען, האָבען זיך די אונטערנעמער אָפּגעקערט פון זיי און באַשלאָסען אויסצונוצען ביז'ן סוף די טעות'ן פון די מיינער־פיהרער, כדי צו פארענדיגען דעם קאָנפליקט מיט א פולשטענדיגען זיג. און וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרען די לאַגע פון די אונטערנעמער, אַלץ אומפריינדליכער איז געוואָרען די שטימונג פון דער קאָנסערוואַטיווער רעגירונג. עס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז ווען טשוירטשיל, אַן אָפענער שונא פון דער אַרבייטער באוועגונג, האָט זיך געוואָלט אריינמישען אין דעם קאָנפליקט, האָט מען איהם באַשולדיגט אין קאָמוניזם. די מינען־אייגענטימער האָבען באַשלאָסען אויסצונוצען זייער גאַנצען דרוק אויף דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, און דער רעזולטאַט איז געווען די פולע פּאַסיוויטעט פון דער רעגירונג: טוט אייך מיט די ארבייטער וואָס איהר ווילט, און מיר וועלען שטעהן אָן א זייט און קוקען. אין דערזעלבער צייט האָט זיך אין דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי אויפגעלעבט א ריכטונג, וועלכע האָט גערעכענט, אז דער דורכפאַל פון די מיינערס דארף דינען אלס סיגנאַל אָנצוהויבען א קאַמף געגען די טרייד־יוניאָנס אין אַלגעמיין.

עס איז נאָך דערווייל פריה פאָראויסצוזאָגען באַשטימט, וועלכע פאָלגען וועט דער מיינער סטרייק האָבען פאר דער ענגלישער ארבייטער באוועגונג אין אַלגעמיין און ספּעציעל פאר דער צוקונפט פון סאָציאַליזם און קאָמוניזם אין ענגלאַנד. געוויס, איז גאַנץ נאַטירליך און פארשטענדליך, אז די אויפרעגונג פון די ארבייטער, הויפּטזעכליך די קוילען־גרעבער, זאָל זיי טרייבען אין די אָרעמס פון די קאָמוניסטען. אָבער פון דער אנדערער זייט מוז דער פּראַקטישער שכל פון ענגלישען ארבייטער איבערציינגען זיי, אז אין דעם ענגלישען קוילען סטרייק האָבען די קאָמוניסטען געשפּילט די ראָלע פון פּראָוואָקאַטארען, זיי האָבען אראָפּגעריסען דעם אָפּמאך, ווען ער האָט געקאָנט געשלאָסען ווערען אויף פארהעלטנישמעסיג גוטע באַדינגונגען, זיי האָבען געקוקט אויפ'ן ענגלישען קוילען־גרעבער ווי אויף קאַנאָנען־פלייש פאר זייער „וועלט־רעוואָלוציע”. און די קאָנגרעסען פון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס אין בארנעמוט און פון דער ענגלישער ארבייטער פּאַרטיי אין מארגרייט (סעפּטעמבער און אָקטאָבער 1926) זיינען א צייכען, אז די צווייטע מעגליכקייט נעמט די אויבערהאַנט איבער די קאָמוניסטישע שטימונגען.

ריידענדיג וועגען דער אינערליכער פּאָליטישער לאַגע אין ענגלאַנד מוז מען כאָטש אין קורצען אָפּשטעלען זיך אויפ'ן קריזיס פון דער ענגלישער ליבעראַלער פּאַרטיי. דער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבען א לאַנגע צייט צוריק מיט'ן וואוקס פון דער ארבייטער פּאַרטיי. אָבער אין 1926 האָט ער זיך מעהר פארשארפט. ווי עס שיינט, צייגט דער פּאָליטישער לעבען פון ענגלאַנד א טענדענץ צו א צוויי־פּאַרטיי סיסטעם, מיט דעם איינציגען אונטערשייד, וואָס דער פּלאַץ פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי איז איבערגעגאַנגען צו די ארבייטער. לאָיד דזשאָרדזש'עס פארזוך אריינצושפּריצען אין דער ליבעראַלער פּאַרטיי נייע זאַפט דערמיט וואָס ער האָט

ארויסגעשטעלט א ראַדיקאַלע אַגראַר־פּראָגראַם, וועלכע איז געבויט אויפ'ן באַזיס פון נאַציאָנאַליזאציע פון ערד, האָט געבראַכט בלויז דערצו, אז איינינע אָנגעזעהענע ליבעראַלען האָבען זיך דערשראָקען פאר אַזאַ ראַדיקאַליזם און האָבען פארלאָזען די פּאַרטיי (אַלפרעד מאָנד). עס איז געווען א קלאַנג, אז לאָיד דזשאָרדזש געהט שליסען אן אָפּמאַך מיט דער ארבייטער פּאַרטיי. אָבער נאָכ'ן שאַרפען ענטפער פון די ארבייטער פיהרער זיינען די קלאַנגען אנטשוויגען געוואָרען. דאָס וואס אַסקוויט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פיהרערשאַפט האָט די לאַגע פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי נאָך מעהר פארערגערט.

וועגען די באַציהונגען פון ענגלאַנד מיט די קאָלאָניעס וועלען מיר ניט ריידען, ווייל אונזער טעמע איז בלויז אייראָפּאַ. די פראַגע האָט זיך פארהאַנדעלט אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ אין אָקטאָבער, און ווי עס ווייזט אויס, וועט צו דער פראַגע וועגען דער צוקונפט פון דער בריטישער אימפּעריע איינציכען צוגעצויגען ווערען די אויפמערקזאַמקייט ניט נאָר פון דער אייראָפּעאישער נאָר אויך פון דער אַלוועלטליכער פּאָליטיק. די בריטישע אימפּעריע געהט אויפ'ן וועג צו באַשאַפען עטוואס אין דער פאָרם פון א „ליג פון אנגלאָ־זאַקסישע פעלקער”.

פראַנקרייך.

רעגירונגס קריזיס און דער קריזיס פון פראַנק. — דעמאָקראַטיע און פּלוטאָקראַטיע. — קאַבינעט פון פּואַנקאַרע און העריאָ. — פראַנקרייך און אַמעריקא. — קאָמוניזם און פאַשיזם.

דער פּאָליטישער יאָהר אין פראַנקרייך האָט זיך אָנגעהויבען מיט א צוזאַמענפאָהר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אויף דעם צוזאַמענפאָהר איז ווידער פאָרגעקומען א צוזאַמענשטויס צווישען די אָנהענגער פון נעמען אן אַנטייל אין דער רעגירונג און זייערע געגנער. געזיגט האָבען די לעצטע, און דאָס האָט כמעט פאָראויסבאַשטימט די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון די געשעהענישען אין פראַנקרייך, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט דעם, אז די אזוי־גערופענע „רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאראייניגונג” פון פּואַנקאַרע־העריאָ איז געקומען צו מאַכט.

דער אָפּזאָג פון די סאָציאַליסטען צו נעמען אן אנטייל אין א קאַבינעט פון לינקען בלאָק האָט ארויסגערוקט די פראַגע, ווי אזוי צוזאַמענצושטעלען א מערהייט, אויף וועלכער די רעגירונג זאָל זיך קאָנען אנשפּאַרען. אָהן די סאָציאַליסטען האָט ניט דער לינקער בלאָק קיין מערהייט, און קומען צו א פארשטענדניש מיט'ן נאַציאָנאַלען בלאָק האָט ער ניט געוואָלט. דאָס איז געווען די אורזאַכע פון דעם פאַרצויגענעם רעגירונגס־קריזיס, אין וועלכען פראַנקרייך האָט זיך געפונען דעם גאַנצען ערשטען האַלבען יאָהר. אינ'ם קריזיס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגעלט א בולט'ע פאַזע פון סאָציאַלען קאַמף אין פראַנקרייך. אויף איין זייט זיינען געשטאַנען די באַנקירען, אויפ'ן צווייטען — די פראַנצויזישע דעמאָקראַטיע. דער סכסוך איז באַשטאַנען אין דעם: אויף וועמעס רעכערונג דאַרף מען געזונט מאַכען די פינאַנסען.

די באַנקירען האָבען געהאַט אין זייער באַזיץ א שרעקליכע געווער. אין זייערע הענט זיינען געווען צונויפגעזאַמעלט ביליאָנען רעגירונגס־פארפליכטונגען, די אזוי־גערופענע „באָנוסעס פון נאַציאָנאַלער פארטיידיגונג”. ווען מ'זאָל זיי אַלע מעלדען און פאָדערען די איינצאָהלונגען פאר זיי — וועט עס אַוועקשטעלען די רעגירונג אין א שווידערליכע לאַגע. די באַנקען האָבען דאָס גוט פארשטאַנען און פלעגען לאָזען אין גאַנג דעם מיטעל יעדען מאָל, ווען זיי האָבען נאָר באַמערקט, אז דער זיג הויבט זיך אָן ארויסצוגליטשען פון זייערע הענט. ווי זאָל מען צאָהלען פאר די פארפליכטונגען אדער, ריכטיגער געזאָגט, ווי זאָל מען צונויפקלייבען די אַלע מיטלען, וועלכע זיינען נויטיג פאר די איינצאָהלונגען — דאָס איז געווען די איינציגע אויפגאַבע, וועלכע אַלע פינאַנץ מיניסטאָרען האָבען געדאַרפט לעזען. אין דערזעלבער צייט איז אויך קלאָר געוואָרען, אז דער נאָמען „קריזיס פון פראַנק” איז ניט דער ריכטיגער. אין דער ווירקליכקייט האָט זיך בלויז ארויסגעוויזען די שטאַרקייט פון דער פינאַנץ־אַריסטאָקראַטיע אין איהר קאַמף געגען דער רעגירונג.

ווי נאָר עס איז אַרויף אויפ'ן בענקעל די רעגירונג פון פּואַנקאַרע־העריאָ, און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער קאַמף פון די באַנקען געגען דער רעגירונג, איז גלייך קלאָר געוואָרען, אַז דער „קריזיס פון פראַנק" האָט ניט קיין שום געמיינשאַפטליכעס מיט זיין ווירקליכער לאַגע. אין די מאָמענטען פון פאַרשאַרפטען קריזיס האָבען קלאָהרזעהענדע פינאַנסיסטען אַנגעצייגט אויף דעם, אַז די פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע לאַגע פון פראַנקרייך, איהר בודזשעט און דער באַלאַנס פון אויסלענדישען האַנדעל באַרעכטיגען ניט די האַנדלונג פון די באַנקירען, וואָס האָבען אַרויסגעלאָזען אויף דער בירזשע אַזוי פיל פּאַפּירען און געוואָרפען דעם קורס פון פראַנק. וואָס האָט זיך אומגעביטען זינט דעם 21טען יולי, ווען עס האָט זיך פאָרמירט דער קאַבינעט פון פּואַנקאַרע־העריאָ, און פאַר אַ פונט סטערלינג האָט מען אין פּאַריז געצאָהלט 240 פראַנק און פאַר אַ דאָלאַר 50 פראַנק? האָט זיך פון דעמאָלט אָן די פאָלקס־ווירטשאַפט מעהר סטאַביליזירט? איז דער בודזשעט געוואָרען בעסער? איז דער עקספּאָרט אויסגעוואַקסען? קיין זאַך האָט ניט פּאַסירט. אַלע גינסטיגע מאָמענטען זיינען געווען אויך דאַן, ווען דער פראַנק האָט זיך געקייקעלט באַרג אַראָפּ און האָט אַרויסגערופען אַ רעגירונגס־קריזיס. אָבער דעמאָלט האָבען די באַנקען געפיהרט אַ פּאָליטישען קאַמף מיט די פאַרהאַסטע קאַבינעטען, הויפּטזעכליך מיט די פאַרהאַסטע פינאַנציעלע פּראָיעקטען, ווי למשל, אָפּשטעלען די צאָלונגען אויף די פאַרפּליכטונגען פון דער רעגירונג און איינפיהרען אַ טעקס אויף קאַפּיטאַל. איצטער אָבער, ווען די לינקע פּאַרטייען האָבען זיך ניט געקענט פאַראייניגען כדי צו באַקעמפען די פינאַנס־פּלוטאָקראַטיע און דורכפיהרען אין לעבען אָט די אַלע פּראָיעקטען און זיינען אָפּגעטראָטען, האָבען די באַנקירען אָפּגעשטעלט זייער קאַמף.

פאַר דער פראַנצויזישער דעמאָקראַטיע איז געשטאַנען אַ דילעמע: קעמפען געגען דער פּלוטאָקראַטיע און דורכפיהרען איהר אייגענע פינאַנציעלע פּראָגראַם אָדער אָפּזאָגען זיך פון דער דאָזיגער פּראָגראַם. דאָס ערשטע וואָלט געווען מעגליך בלויז דאַן, ווען אַלע לינקע פּאַרטייען זאָלען זיך פאַראייניגען, פון דעם שטאַנדפּונקט האָט דער סאָציאַליסטישער באַשלוס אין אַנהויב יאָהר פּאָראויס באַשטימט די ווייטערדיגע געשעהענישען.

עס מוז אָבער אויך באַמערקט ווערען, אַז אַרויפוואַרפען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר'ן פאַנאַנדערפאַלען פון לינקען בלאָק בלויז אויף די סאָציאַליסטען, וועט זיין ניט ריכטיג. דער רעכטער פליגעל פון לינקען בלאָק, די אַזוי גערופענע לושער'ס גרופּע, האָט שוין לאַנג געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז זי וועט פאַר קיין פאַל ניט איינגעהן אויף דעם, מ'זאָל אַרויפלעגען אויף די רייכע קלאַסען אַ צו־שווערע משא, און אָהן דעם רעכטען פליגעל וואָלט דער לינקער בלאָק אויך ניט געהאַט קיין מעהרהייט אין פּאַרלאַמענט.

דאָס איז אין אַלגעמיין דער געדאַנק, דער אינהאַלט פון אַלע רעגירונגס־קריזיסען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פראַנקרייך אין 1926. שטענדיג איז אַרויפגעשוואומען בלויז איין פראַגע: צי קאָן די פראַנצויזישע דעמאָקראַטיע פאַראייניגען זיך כדי צו באַקעמפען די פּלוטאָקראַטיע, און שטענדיג איז דער ענטפער געווען אַ נעגאַטיווער.

דער ערשטער קריזיס איז פאָרגעקומען אין מערץ, פאַר דער זיצונג פון דער פעלקער־ליג, וועלכע האָט זיך שיער נישט געענדיגט מיט איהר אונטערגאַנג. בריאַנ'ס אַכטער קאַבינעט, וועלכער האָט זיך געהאַלטען זינט נאָוועמבער 1925, איז געפאַלען דורך די שטימען פון די סאָציאַליסטען און אַ טייל ראַדיקאַלען פון איין זייט און פון אַ גרויסען טייל פון נאַציאָנאַלען בלאָק פון צווייטען. נאָכדעם ווי עס האָבען זיך אומזיסט געפיהרט פאַרהאַנדלונגען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד, איז אַרויפגעשוואומען... דערזעלבער בריאַן מיט אַ קאַבינעט, וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אונטערגעשיידט פון דעם פריערדיגען, נאָר מיט אַ נייעם פינאַנס־מיניסטער פּאָול פּער. בריאַן־פּער'ס קאַבינעט איז געבליבען אין מאַכט ביז'ן מיטען יוני, ווען דאָס פאַלען פון דעם פראַנק האָט געצוואונגען אָנגעבען זיך אין דעמיסיע פריהער דעם פינאַנס־

מיניסטער, און דערנאָך דעם גאַנצען קאַבינעט. דער קריזיס האָט זיך געצויגען אַ היבשע צייט, דעמאָלט איז שוין געבאָרען געוואָרען דער געדאַנק, אַז פּואַנקאַרעס אַ קאַבינעט איז דער איינציגער מיטעל צו מאַכען שלום מיט די באַנקירען, נאָר אַזוי ווי די ראַדיקאַלען האָבען זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צוזאַמענצואַרבייטען מיט׳ן פיהרער פון נאַציאָנאַלען בלאָק, איז באַשאַפען געוואָרען דער קאַבינעט פון בריאַן־קאַיאָ. די הויפּט ראָל האָט געשפּילט קאַיאָ. זיין פינאַנס־פּראָגראַם, וועלכע האָט אין זיך איינגעשלאָסען אַ פאַרשטענדניש מיט אַמעריקא וועגען די חובות, און זיין פּאָליטישער פּראָגראַם, וועלכע האָט געפאָדערט פאַר דער רעגירונג אויסעראָרדענט־ליכע פולמאַכט, האָט ארויסגערופען אַן אָפּאָזיציע סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס.

נאָך העריאָ׳ס דראַמאַטישען אַרויסטריט געגען זיין פּאַרטיי־חבר (העריאָ און קאַיאָ באַלאַנגען ביידע צו דער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, דאָס איז דער לינקער פּליגעל פון דער פראַנצויזישער קליין־בורזשואַזער דעמאָקראַטיע) איז דעם 17טען יולי דער קאַבינעט אויך געפאַלען.

העריאָ האָט נאָכאַמאָל געפּרואווט ווירקען אויף די סאָציאַליסטען, זיי זאָלען אַריינטרעטען אין דער רעגירונג, אָבער זיי האָבען זיך ווידער אָפּגעזאָגט. העריאָ האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאַבינעט פון בלויז ראַדיקאַל־סאָציאַליסטען. די פינאַנס־מאַגנאַטען האָבען מאָביליזירט אַלע זייערע כחות פאַר דער לעצטער שלאַכט. די בירזשע הויבט זיך אָן וואַרפען אין קדחת. די רעגירונגס־באַנק ווערט באַלאַגערט מיט פאָדע־רונגען אויסצוצאָלען פאַר די באָנדס. די פאַשיסטען הויבען אויף דעם קאָפּ, די נאַציאָ־נאַליסטען פיהרען דורך אויפ׳ן גאַס לעבען פּאַרלאַמענט שטורמדיגע מאַניפעסטאַציעס, דער קאַבינעט האָט געלעבט בלויז 24 שטונדען און איז געפאַלען.

דאָס איז געווען דעם 21טען יולי. דער קריזיס האָט דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט. דאַן איז געקומען פּואַנקאַרע׳ס קאַבינעט מיט העריאָ אַלס אַ מיטגליד. עס איז קלאָר געוואָרען, אַז מען האָט געשלאָסען שלום. דער קורס פון פראַנק הויבט זיך. די געזעלשאַפטליכע מיינונג באַרוהיגט זיך.

ווי פעסט איז דער קאַבינעט פּואַנקאַרע־העריאָ, איז שווער צו זאָגען. דער קאָנ־גרעס פון דער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָפּגעהאַלטען אין אָקטאָבער אין באָרדאָ, האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען וועלכע עס איז טריט, וואָס זאָלען אומוואַרפען דעם קאַבינעט. די איינציגע אָפּאָזיציע זיינען די סאָציאַליסטען, זיינען זיי אָבער איזאָלירט, איינע אַליין. קיין לינקער בלאָק, ווי עס איז געווען נאָך די וואַהלען אין מאַי, 1924, איז מעהר ניטאָ אין פראַנקרייך. ווי וועלען זיין די ווייטערדיגע באַצי־הונגען צווישען די סאָציאַליסטען און דער קליין־בירגערליכער דעמאָקראַטיע, איז איצט זעהר שווער פאָראויסצוזאָגען.

דער הויפּט שטיין אין וועג פאַר פּואַנקאַרע׳ס קאַבינעט איז דער אָפּמאַך מיט אַמעריקא וועגען די מלחמה חובות. די לינקע ווי די רעכטען האַלטען, אַז דער אָפּמאַך וואָס דער אַמבאַסאַדאָר בעראַנזשע האָט געשלאָסען מיט מעלאָנ׳ען איז זעהר ניט גינסטיג פאַר פראַנקרייך. אָבער פון שליכטען אָט די פראַגע איז אָפּהענגיג די פראַ־גע וועגען קרעדיט אין אויסלאַנד. איין צייט האָט זיך געדוכט, אַז פּואַנקאַרע וועט פאָ־דערען, מען זאָל שוין ראַטיפיצירען דעם אָפּמאַך. דערנאָך האָט זיך אָבער אַרויסגע־וויזען, אַז מיט אַזאַ האַנדלונג וואָלט ער שטעלען אין סכנה דעם גאַנצען קאַבינעט. ווי עס שיינט, האָט די אויבערהאַנט געקראָגען די מיינונג, וועלכע זאָגט, מען זאָל דערווייל וואַרטען און זעהן, וואָס עס וועט זיין, ווייל וואָס־פעסטער עס ווערט די פראַנצויזישע וואַלוטע, אַלץ שנעלער קומען אַריין די איינצאָלונגען אין דער רעגי־רונגס־קאַסע.

דער היין־העַר צושטאַנד, אין וועלכען פראַנקרייך האָט זיך געפונען אין דער ערש־טער העלפט פון 1926, האָט, נאַטירליך, אַרויסגערופען אַ פאַרשטאַרקטע טעטיגקייט פון די קאָמוניסטען און פאַשיסטען. סימפּטאָמאַטיש איז דער פאַקט, וואָס ווי נאָר די לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט, זיינען אָט די ביידע פּאַרטייען פאַרשוואונדען פון פראַנצוי־זישען פּאָליטישען האָריזאָנט. קיינמאָל האָט נאָך די פראַנצויזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי ניט איבערגעלעבט אַזאַ צושטאַנד ווי איצטער: זי איז אַראָפּ פון דער פּאָליטישער

סצענע, קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט איהר, קיין פּאָליטישער טוער באמערקט איהר ניט. דאָס זעלבע איז מיט'ן פאשיזם. אויב אין די אומרוהיגע טעג פון יולי מאָנאַט איז די פאשיסטישע געפאהר אנערקענט געוואָרען אפילו פון מענשען, וואָס זיינען ניט גענויגט צו שרעקען זיך, רעדט מען אָבער וועגען דעם איצטער אזוי ווינציג ווי וועגען אַ קאָמוניסטישער געפאהר.

דער קריזיס פון פראנק האָט זיך געענדיגט ניט אזוי ווי ס'האָט זיך פאָרגעשטעלט די פראנצויזישע דעמאָקראַטיע, אָבער אויך ניט ווי עס האָט זיך געוואָלט די נאציאָנאליסטען — מיט'ן ביקס און מיט'ן קנוט.

בעלגיע.

דער קאַבינעט וואָס דאַרף סטאַביליזירען דעם פראנק. — קאַמף מיט די באנקען. — סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען.

אן ענליכער פּראָצעס פון קאַמף געגען דער רעגירונג, אָנגעפיהרט פון דער פּלוטאָקראַטיע מיט דער שטיצע פון אינטערנאציאָנאלען פינאנס־קאַפּיטאַל, איז פאָרגעקומען אויך אין בעלגיען, אזוי ווי אין פראנקרייך. דער קאַמף האָט געהאט זיינע דראַמאַטישע מאָמענטען. אין מערץ האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דעם לינקען קאַבינעט „פּוללע־וואנדערוועלדע", וועלכער איז באַשטאַנען פון קריסטליכע דעמאָקראַטען און סאָציאַליסטען, וועט זיך איינגעבען צו סטאַביליזירען דעם בעלגישען פראנק, וועמעס וואַקלעניש האָט אַרויסגערופען אַ צורודערונג אין ווירטשאַפטליכען לעבען פון בעלגיע. פריהער פון אַלץ האָט מען געבראַכט דעם בודזשעט אין גלייכגעוויכט, און דערנאָך איז געשטאַנען אויפ'ן טאָגעס־אָרדנונג די פראַגע וועגען אַ הלואה און וועגען שטיצען די באנקען. זיינען אָבער די פיהרער פון די בעלגישע באנקען געווען פאַרבונדען מיט דער אָפּאָזיציאָנעלער „ליבעראַלער" פּאַרטיי, האָבען זיי „אונטערגעהאַלטען" דעם פינאנס מיניסטער, „ווי די שטריק האַלט אונטער דעם געהאָנגענעם", לויט דעם אויסדרוק פון אַ בורזשואזער צייטונג אין בעלגיע. דער בעלגישער סאָציאַליסט פיעראַר האָט געשריבען אין פּאַריזער „קאָטידיע": „אין איינינע פינאַנציעלע קרייזען איז די שנאה צו דער רעגירונג פון די קריסטליכע דעמאָקראַטען און סאָציאַליסטען אזוי שטאַרק, אַז זיי טוען אַלעס אין זייער מעגליכקייט צו שעדיגען דער רעגירונג און שטעלען זיך ניט אָפּ אפילו פון אונטערצוגראָבען דעם צוטרוי צו די בעלגישע פינאַנסען". דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ניט נאָר האָט דער קאַבינעט פּוללע־וואנדערוועלדע ניט געקאָנט סטאַביליזירען דעם בעלגישען פראנק, נאָר נאָכ'ן „שווארצען טאָג" פון 15טען מערץ, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ פּלוצלונגען און אונגעוועהנליכען פאַלען פון דער וואַלוטע, האָט ער זיך געמוזט אָנגעבען אין דעמיסיע.

דער פאַרלענגערטער רעגירונגס קריזיס האָט זיך געענדיגט מיט דעם, וואָס עס האָט זיך פאָרמירט אַ נייער קאַבינעט, אין וועלכען עס זיינען אריין פאָרשטעהער פון אַלע 3 הויפּט פּאַרטייען: סאָציאַליסטישע, קאַטוילישע און ליבעראַלע. מיט דער גרעסטער דעמאַגאָגיע זיינען דערפאַר די קאָמוניסטען אָנגעפאַלען אויף די סאָציאַליסטען, אָבער די לעצטע האָבען אפילו אויף איין מינוט ניט פאַרגעסען, אַז זייער חוב צום אַרבייטער קלאַס איז צו דערפיהרען ביז'ן סוף די סטאַביליזירונג פון דער בעלגישער וואַלוטע. מען דאַרף מודה זיין, אַז אָט די פּאָזיציע האָט אַרויסגערופען איינינע ספקות אפילו אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזען, די לעצטע האָבען הויפּטזעכליך מורא געהאַט, אַז אָט די האַנדלונג זאָל ניט פאַרשטאַרקען די פּאָזיציע פון די קאָמוניסטען. די מוניציפּאַלע וואַהלען אין אָקטאָבער האָבען אָבער באַוויזען, אַז אָט־די מורא איז געווען גרונדלאָז: די גאַנצע קאָמוניסטישע אגיטאַציע געגען די „סאָצ.־פאַררעטער", וועלכע האָבען „געמאַכט יד־אחת מיט די באַנקירען", האָט זיך אויסגעלאָזען מיט גאָרנישט, די סאָציאַליסטען האָבען, אמת, אין די מוניציפּאַלע וואַהלען גאָרניט געוואונען, אָבער האָבען אויך גאָרניט פאַרלאָרען, און דאָס איז געווען די איינציגע זאַך, פאַרוואָס וואנדערוועלדע'ס געגנער האָבען אזוי שטאַרק מורא געהאַט.

לויט דער איניציאטיווע פון קאבינעט האט דער קעניג באקומען אויסער־אָרדענטליכע פולמאכט, אויף דעם סמך האט דער קעניג ענדע אָקטאָבער דורך א דעקרעט סטאביליזירט דעם פראנק, באקומענדיג א הלואה פון 100 מיליאָן דאָלאר. דעם בעלגישען פּראָלעטאריאט האט זיך סוף כל סוף איינגעגעבען ניצול צו ווערען פון דעם שרעקליכסטען שונא פון ארבייטער קלאס — פון דער אינפלאציע.

דייטשלאנד.

באפעסטיגונג פון דער רעפובליק. — מארקס׳ קאבינעט. — די פראגע וועגען א „גרויסע קאאליציע״. — רעפערענדום וועגען פארגיטיגען די קייזערליכע פאמיליע. — מזרח און מערב אָריענטאציע.

דער פּאָליטישער לעבען פון דייטשלאנד איז געווען לעצטענס נאך בלייבער איידער אין ענגלאנד און פראנקרייך. די הויפט טענדענץ איז געווען באפעסטיגען דעם רעפובליקאנישען רעזשים פון איין זייט און בייקומען דעם שווערען עקאנאָמישען קריזיס, וואס איז געווען פארבונדען מיט דער פראגע וועגען סטאביליזירען די וואלוטע, פון צווייטען זייט. דער רעזולטאט איז געווען, אז די צוויי עקסטרעמע פּאַרטייען, די קאָמוניסטישע פון לינקס, און די נאציאָנאליסטישע פון רעכטס, זיינען ביידע אָפּגעשוואכט געווארען. די דייטשע קאָמוניסטישע פּארטיי איז צום ענדע יאהר געווען פארנומען מיט איהרע אינערליכע דייסעריייען, וועלכע זיינען ארויסגערופען געווארען דורך די מאסקווער סטאלין־זינאָוויעוו קריגערייען. אויפ׳ן פּלאץ פון די „גראנדיעזע״ פּאָליטישע פּלענער פון 1923־24 איז געבליבען בלויז דער האווקען אויף די סאציאליסטען. די רעכטע פּארטייען זיינען געבליבען באזייטיגט פון דער רעגירונג, ווייל מארקס׳ קאבינעט האט זיך געשטיצט אויף די בורזשואזע פּארטייען פון צענטער, האבען די רעכטע געמאכט א פארזוך דאך דורכצושטופּען זיך אין קאבינעט, אבער זייער אָנשטרענגונג איז געווען אומזיסט. לוטער׳ס קאבינעט, וועלכער האט זיך געשטיצט אויף די רעכטע פּארטייען אין דער אינערליכער פּאָליטיק איז געווען אין מאי געצוואונגען אָנצוגעבען זיך אין דעמיסיע. באלד נאכדעם איז ארויפגעשוואומען די פראגע וועגען א „גרויסער קאאליציע״, ד. ה., אז אויך די סאָצ.־דעמאָקראטען זאלען ארייננטרעטען אין דער רעגירונג. אבער אין יענער צייט האט נאך אָנגעהאלטען דער עקאָנאָמישער קריזיס און עס איז געווען א גרויסע ארבייטסלאָזיגקייט, האבען דעריבער די סאציאלדעמאָקראטען ניט געפונען דעם מאָמענט פאר פּאסענד ארייננצוטרעטען אין א קאאליציע רעגירונג; אפילו די יעניגע סאציאלדעמאָקראטען, וועלכע דענקען, אז אין דעם יעצטיגען היסטאָרישען פּעריאד, וואס איירא פּא לעבט איבער, איז א קאאליציע רעגירונג א נויטווענדיגקייט, זיינען צוליב טאקטישע מאָטיווען אויך געווען געגען ארייננטרעטען אין דער רעגירונג. אויף דעם אופן איז געקומען צו דער מאכט מארקס׳עם קאבינעט (מארקס איז א פּארשטעהער פון לינקען פליגעל פון קאַטוילישען צענטער) אָהן נאציאָנאליסטען און אָהן סאָציאליסטען. די לעצטע האבען איהם בלויז געשטיצט אין פראגען פון אויסערליכער פּאָליטיק. זומער איז אין לייפּציג פארגעקומען א צוזאמענפאָהר פון „פארבאנד פון דייטשער אינדוסטריע״, איינער פון די גרעסטע דייטשע אינדוסטריעלע טוער, דר. זילבערגער, האט דארט געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט קלאָר און דייטליך געזאגט, אז „אָהן די סאָציאליסטען קען מען ניט רעגירען אין דייטשלאנד״. דאס האט ווידער ארויסגערופען די פראגע וועגען א „גרויסער קאאליציע״. די רעכטע האבען ערקלעהרט, אז זיי ווילען אויך זיין שותפים אין דער קאאליציע, און צוליב דעם זיינען זיי אפילו גרייט אָפּצוזאגען זיך פון זייער אָפּאָזיציע צו שטרעזעמאנ׳ס אויסלענדישער פּאָליטיק, וואס דאס איז געווען דער הויפט אינהאלט פון זייער אגיטאציע. און בנוגע דער אינערליכער פּאָליטיק, הערען זיך שוין גאנץ אָפט פּאָדערונגען טאקע פון די רעכטע, אז מען מוז אָנערקענען די רעפובליק אלס א פאקט און פיהרען דעם ווייטערדיגען קאמף ניט געגען דער רעפובליק, נאר אויפן באָדען פון א רעפובליקאנישער ארדנונג. אין דעם זינען האט זיך אפילו ארויסגעזאגט קאפּיטאן ערקהארדט, איינער פון די אָנגעזעהענסטע

דייטשע רעכטע „פּוטשיסטען" און דער גרינדער און פיהרער פון אן אונטערערדי־שער אָרגאַניזאַציע, „קאָנסול", וועלכע האָט געטויטעט ראַטענאַ'ן.

די מאָנאַרכיסטישע אידעע האָט געקראָגען אן אומפּאַרהיילבאַרען קלאַפּ ווען עס האָט זיך אויפגעהויבען די פראַגע וועגען פאַרגיטיגען די קייזערליכע פאַמיליע פאַר דעם שאָדען וואָס זיי האָבען געליטען. די פאָדערונגען האָבען מאַנכעסמאָל אָנגענומען לעכערליכע, ריין אַנעקדאָטישע פאָרמען. צום ביישפּיל, אַ „קאָקאָטקע" האָט ערקלערט, אַז איינער פון די מעקלענבורגער פירשטען האָט מיט איהר געלעבט, די רעוואָלוציע האָט דעם פירשט ארויסגעטריבען פון לאַנד, האָט מען אויף דעם אופן ביי איהר אָפּגע־נומען איהר הכנסה, דאַרף מען איהר דערפאַר פאַרגיטיגען. דער קאַמף וואָס די סאָצ.־דעמאָקראַטען און קאָמוניסטען האָבען אויפגעהויבען פאַר דעם, אַז מען זאָל ביי די געוועזענע רעגירער פון דייטשלאַנד אָפּנעמען זייער אייגענטום רעכט אויף די פאַרבליבענע מאַיאָנטקעס האָט געבראַכט דערצו, אַז פערצעהן און אַ האַלב מיליאָן מענשען האָבען זיך ארויסגעזאָגט פאַר'ן פאָרשלאַג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און קאָמוניסטען. דער פאָרשלאַג איז ניט דורכגעגאַנגען בלויז צוליב אַ פאָרמעלער סיבה: די קאָנסטיטוציע פאָדערט, אַז אַ רעפערענדום מוז האָבען אַן אַבסאָלוטע מעהרהייט פון אַלע וועהלער אין לאַנד. אָבער מאָראַליש איז דאָס אַזאַ קלאַפּ, אַז מען מאָג שוין רעכענען די מאָנאַרכיסטישע אידעע אין דייטשלאַנד כמעט ווי אינגאַנצען טויט.

דער רעפערענדום האָט טאַקע איבערגעלאָזען ווילהעלם דעם צווייטען און די איבעריגע געוועזענע רעגירער פון דייטשלאַנד אַ טייל פון זייער אייגענטום (דורכ'ן יאָהר האָבען באַזונדערע דייטשע מלוכות דורכגעפיהרט מיט די געוועזענע רעגירער אָפּמאַכונגען, לויט וועלכע אַ טייל אייגענטום ווערט אומגעקערט צו די פריהערדיגע אייגענימער, און א טייל בלייבט ביי דער רעגירונג). דאָך האָט אָט דער רעפע־רענדום און איבערהויפּט די פריהערדיגע אַגיטאַציע אַראָפּגעריסען פון דער מאָנאַר־כיסטישער אידעע די שעהנע קליידער, אין וועלכע זי פלעגט ליב האָבען צו פּוצען זיך. „האָהענצאָלרן דער הויט־שינדער", איז געוואָרען א פאָלקס־ווערטעל אין דייטשלאַד.

אַ באַזונדער און זעהר אינטערעסאַנטער קאַפּיטעל פון דייטשער פּאָליטיק זיינען די באַציהונגען מיט סאָוועט־רוסלאַנד. די פראַגע איז אָבער זעהר קאָמפּליצירט, און מען קאָן זיך אויף איהר ניט אָפּשטעלען אין אונזער איבערזיכט. מיר ווילען בלויז באַמערקען, אַז פון דייטשען שטאַנדפּונקט דרעהט זיך די גאַנצע פראַגע ארום איין אַקס: דאָס איז א קאַמף צווישען דער מזרח'דיגער און מערב'דיגער אָריענ־טאַציע. דאָס מיינט, צי דאַרף די דייטשע אויסערליכע פּאָליטיק האַלטען איהרע אויגען צו מזרח, דערנעהענטערען זיך צו סאָוועט־רוסלאַנד, דאָס הייסט, צו דער רויטער ארמיי, כדי מען זאָל זיך ווען עס איז קאָנען מיט פאַראייניגטע כוחות אָפּרעכענען מיט די מלוכות פון דער אַנטאַנט, אָדער מען דאַרף אויף אַ פריד־ליכען אופן ערליידיגען אַלע קאָנפליקטען, און הויפּטזעכליך מיט פראַנקרייך. דייטשלאַנד'ס אריינטריט אין דער פעלקער־ליג, לאָקאַרנאָ און טואַרי, צייגען קלאָר, אַז די מערב אָריענטאַציע האָט געזיגט. ניט אומזיסט זיינען אָט די אַלע האַנדלונגען פון דייטשלאַנד באַגעגענט געוואָרען מיט א ציין־קריצעניש סיי פון די לינקע קאָמוניסטען סיי פון די רעכטע נאַציאָנאַליסטען־מאָנאַרכיסטען.

א י ט אַ ל י ע.

די באָלשעוויזירונג פון פאַשיזם. — זיינע דערגרייכונגען.

אין איטאַליע דאַרף דער פאַרגאַנגענער יאָהר פאַרצייכענט ווערען הויפּטזעכליך אַלס א יאָהר ווען די פאַשיסטישע פּאַרטיי האָט זיך באָלשעוויזירט: די פּאַרטיי — דאָס איז די רעגירונג. און מאַנכעס מאָל טוט זי נאָך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד אפילו אין קליינינקייטען. די ליקווידירונג פון די אומאָפּהענגיגע פראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען און דאָס ערקלערען די פאַשיסטישע סינדיקאַטען אַלס רעגירונגס אינסטיטוציעס איז א העלער ביישפּיל פון אַזאַ נאָכאַמונג. געווען א צייט, ווען די

עקסטרעמע עלעמענטען פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי האָבען געמאַכט אַ פּאַרזוך צו אָרגאַניזירען אַ מין בונט געגען מוסאָליני׳ס „מעסיגקייט”. אָט דער בונט דערמאָנט זינאָוויעוו׳ס ארויסטריט געגען סטאַלינ׳ען אין רוסלאַנד, און דער פיהרער פון דעם בונט פאַרינאַטשי האָט געקראָגען דעמזעלבען פּסק וואָס זינאָוויעוו — מען האָט איהם דערוויטערט פון זיין אַמט אַלס גענעראַל-סעקרעטער פון דער פאַשיס-טישער פּאַרטיי.

עטליכע אַטענטאַטען זיינען געמאַכט געוואָרען אויף מוסאָליני׳ס לעבען אין דעם יאָהר: דער ערשטער אין פריהלינג, דורך אַן ענגלישער פּסיכיש-קראַנקער פרוי, דער צווייטער אין הערבסט — דורך אַן איטאַליענער אַנאַרכיסט. דאָס האָט געגעבען דעם דיקטאַטאָר אַן אויסרייד אָנצונעהמען אַ רייהע רעפּרעסיעס געגען די אָפּאָזי-ציאָנעלע פּאַרטייען און געגען דער פּרעסע. איטאַליע איז געווען איינע פון די לענדער, וועלכע האָט שטאָלצירט מיט דעם, וואָס אין איהר קרימינעלען קאָדעקס האָט זיך ניט געפונען קיין טויט-שטראָף. אָבער איצטער האָט מען שוין נאָכ׳ן צווייטען אַטענטאַט אין איטאַליע אויך איינגעפיהרט טויט-שטראָף. די אָפּאָ-זיציאָנעלע פּאַרטייען זיינען ניט געשמידט ווי אין רוסלאַנד, דאָך זיינען זייערע פיהרער אָדער פאַרטריבען געוואָרען קיין אויסלאַנד, אָדער זיי מוזען פיהרען אַן אונ-טערערדישען לעבען, זיינען זיי דערווייל רוהיג און שווייגען שטיל. אבער דורכדרינגענדע באָאָבאַכטער פון איטאַליע פאַרזיכערען, אַז די רוהיגקייט פון דער אָפּאָזיציע איז בלויז אַן אויסערליכע. פּונקט ווי די רוסישע באָלשעוויסטישע פּרעסע אין רוסלאַנד האָט אויך די פאַסיסטישע פּרעסע אין איטאַליע, אנגע-הויבען אַ קאַמף געגען די עמיגראַנטען, באַשולדיגענדיג זיי אין אַלע צרות און אומגליקען. ביי פילע איטאַליענישע פּאָליטישע עמיגראַנטען האָט מען צוגענומען זייער בירגער-רעכט, ווייל „זיי ארבייטען אין אויסלאַנד געגען די אינטערעסען פון איטאַליע”, דאָס הייסט, געגען פאַשיזם.

דאָך, ניט קוקענדיג אויף דער גאַנצער פאַשיסטישער אַקטיוויטעט בלייבען די פאַשיסטישע דערגרייכונגען איינגעוויקעלט אין נעבעל; די אַלע פאַרזוכען אויפצוהויבען די איטאַליענישע וואַליוטע זיינען ניט געלונגען; דאָס שטרעבען אויפצו-שטעלען רוים אין איהר אַמאָליגער גרויס, בלייבט נאָך אַלץ בלויז אַ פאַנטאַזיע; פאַר דער פאַשיסטישער איבערקעהרעניש פלעגט זיך מוסאָליני באַקלאָגען, אַז ביי די רעגירער פון איטאַליע פעלט דער פּאַטריאָטישער געפיהל, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז איטאַליע שטעהט אויף דער מדרגה פון אַ מלוכה פון צווייטען ראַנג, דעריבער איז ווי נאָר מוסאָליני האָט אַריינגעקראָגען די מאַכט צו זיך אין די הענט, האָבען ביי איינינע אויפגעבליהט נייע האָפענונגען, און אַנדערע האָט דאָס אַריינגע-וואָרפען אין שרעק. לאָזט זיך אָבער אויס, אַזביידענ׳ס ערוואַרטונגען זיינען גאָר נישט ווערט: מוסאָליני׳ס איטאַליע איז אויף אַ האָר ניט קיין גרעסערער פּאַקטאָר אין אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, ווי דזשיאָליטי׳ס איטאַליע. אין יאָהר 1926 האָט איטאַליע געקראַגען היבשע עטליכע קלעפּ אין איהר אויסערליכער פּאָליטיק: דער פאַרזוך אַריינצודרינגען אויפ׳ן באַלקאַנישען האַלבען אינזעל האָט באַגעגענט פראַנק-רייכ׳ס ווידערשטאַנד און געענדיגט זיך מיט גאַרנישט; דער פלירט מיט׳ן גריכישען דיקטאַטאָר פּאַנגאָלאָס האָט זיך געענדיגט מיט דעם, וואָס פּאַנגאָלאָס איז געפאַלען; און דער קאָקעטעווען מיט טשיטשערינ׳ען איז ווייטער פון רייד וועגען קאָלאָניזירען די ברעגען פון שוואַרצען ים, ניט געגאַנגען.

שפּאַניע און גריכענלאַנד.

דער געזעץ פון דיקטאַטור.

די דיקטאַטור האָט זיך ארויסגעוויזען אומפּרוכטבאַר אויך אין צוויי אַנדערע לענדער אויפ׳ן ברעג פון מיטעללענדישען ים: אין שפּאַניע און גריכענלאַנד. אמת, אין שפּאַניע האַלט זיך נאָך פּרימאָ-דע-ריוועראַ ביי דער מאַכט, בלויז אין גריכענלאַנד, זיצט מוסאָליני׳ס תלמיד, גענעראַל פּאַנגאַלאָס אין טורמע אויפ׳ן אינזעל קריט.

עס וועט זיך אָבער ניט געפינען קיין איינציגער, וואָס ווי א פארביסענער אָנהענגער פון דיקטאַטור ער זאָל ניט זיין, אז ער זאָל שטאָלצירען מיט די דאָזיגע צוויי העלדען. דאָס איינציגע, וואָס די דיקטאַטור האָט געגעבען אין שפּאַניע און גריכענלאַנד, איז וואָס דער רעגירונגס־אַפּאראט ארבייט ערגער, די קאָרופּציע האָט זיך פארמערט און די מלוכה איז אָפּהענגיג פון דעם קאַפּריז פון די אָפיצערען, וועלכע דיקטאַטורעווען איבער די דיקטאַטאָרען. אין שפּאַניע האָט זיך פּרימאָ־דע־ריווערא׳ן פארגלוסט איינצופיהרען אין דער ארמיי א נייע אָרדנונג, ווי אַזוי צו באַשטימען די ראַנגען און טיטולען, איז דער אָפיצערען־קאָרפּוס געווארען אומצו־פרידען, און די געשיכטע האָט זיך שיער ניט געענדיגט פאר׳ן דיקטאַטאָר מיט א קאַטאַסטראָפּע. אין גריכענלאַנד האָט פּאַנגאַלאָס אונטערגענומען א קאַמף געגען די לאַנגע פרויען קליידלאַך און עס האָט שוין געהאַלטען ער זאָל ווערען אַן אָפּגערעטעך־העלד, האָט ער אָבער פון די פרויען געליטען א נידערלאַגע, און סוף כל סוף האָט מען איהם גאָר אָהן שוועריגקייטען אינגאַנצען אראָפּגעוואָרפען פון זיין גדולה. איצטער מאַטערט מען זיך אין גריכענלאַנד צוריק איינצופיהרען די פּאַרלאַמענטאַרישע אָרדענונג.

פּרימאָ־דע־ריווערא׳ס שאַנטאַזש מיט די גרויסמעכטע און דער פעלקער־ליגע, פּאָדערענדיג מען זאָל שפּאַניע אָפּגעבען די שטאָדט טאַנזשיר אין מאָראָקאָ אָדער א שטענדיגען פּלאַץ אין ראַט פון דער פעלקער־ליג האָט זיך געענדיגט מיט א דורכ־פאַל. טאַנזשער האָט שפּאַניע ניט געקראָגען און די באַפעלקערונג ברעכט זיך דעם קאָפּ און קאָן ניט פארשטעהן, צוליב וואָס האָט מען דאָס געבראַכט אַזוי פיל קרבנות, פיהרענדיג אַזאַ שרעקליכע מלחמה אין מאָראָקאָ. ווי מיר ווייסען שוין, האָט ער קיין שטענדיגען פּלאַץ אין קאָונסיל פון דער פעלקער־ליג אויך ניט געקראָגען. ער האָט בלויז איזאָלירט שפּאַניע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פאראייניגונג, וואָס אַנט־וויקעלט זיך אין אייראָפּע.

טשעכאָסלאָוואַקיע.

די טשעכען און די דייטשען. — שוועגלי׳ס קאַבינעט.

מיר קאָנען ניט פארנעמען אַזוי פיל פּלאַץ, מען זאָל קאָנען איבערגעבען לכל הפּחות די הויפּט־שטריכען פון די פונדאַמענטאַלע פּאָליטישע געשעהענישען, וואָס זיינען פּאָרגעקומען אין 1926 אין אַלע לענדער פון אייראָפּע. וועלען מיר זיך דעריבער באַנוגענען בלויז מיט עטליכע ווערטער וועגען טשעכאָסלאָוואַקיע און די מלוכות אויפ׳ן באַלקאַנישען האַלב־אינזעל, און דערנאָך וועלען מיר איבערגעהן צו פוילען, וואו עס זיינען פּאָרגעקומען פּאַסירונגען פון גאָר א באַזונדער כאַראַקטער.

אין טשעכאָסלאָוואַקיע איז צום ערשטען מאָל צושטאַנד געקומען ענדע יאָהר א קאַבינעט פון דעם פיהרער פון דער פּויערים־פּאַרטיי, שוועגלי, מיט דער הילף פון די דייטשען. אָט די פּאַסירונג רעכענט זיך אַלס א פּאָליטישער וואַסער־פּאַנאַנדערטיילונג. ביז אהער פלעגט די יונגע טשעכישע מלוכה רעגירט ווערען דורך א קאָאַליציע פון אויסשליסליך טשעכישע פּאַרטייען. די דייטשע פּאַרטייען זיינען ניט נאָר געשטאַנען אָן א זייט, זיי האָבען זיך געשטעלט אין א לאַגע פון אַן אומפאַראַנטוואָרטליכער אָפּאָזיציע, וועלכע אָנערקענט גאָר ניט די מלוכה, וואו איהר קומט אויס צו ארבייטען. איצטער אָבער האָט זיך אַלץ געביטען אין א צוויי־ענדיגען זינען: פון איין זייט האָט זיך ארויסגעוויזען, אז די קלאַסען־געגענזאַצען צווישען די טשעכישע פּאַרטייען איז שטאַרקער פון דעם פאַקט, וואָס זיי זיינען אַלע טשעכישע, מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אַז דער סאָציאַלער מאָמענט איז שטאַרקער פון נאַציאָנאַלען, פון צווייטען זייט איז א גרויסער טייל דייטשען געקומען צום באַוואוסטזיין, אז די טשעכאָסלאָוואַקישע מלוכה איז אַ היסטאָרישער פאַקט, און איגנאָרירען איהם איז זעהר נאַריש. דאָס וואָס די דייטשע פּאַרטייען נעמען אַן

אנטייל אין דער רעגירונג, צייגט, אז סיי די טשעכען, סיי די דייטשען אנערקענען, דאָס טשעכאָסלאָוואקיע איז ניט קיין נאַציאָנאַלע מלוכה, וואו די מאַכט ליגט בלויז אין די הענט פון איין נאַציע, נאָר א נאַציאָנאַליטעטען לאַנד, וועלכע קען פיהרען א געזונטען פּאָליטישען לעבען בלויז ווען די נאַציאָנען לעבען צווישען זיך בשלום און האָבען א גלייכע דעה אין דער רעגירונג. פון דעם שטאַנדפּונקט מוז די פּאַר־מירונג פון שוועגלי'ס קאַבינעט מיט דער הילף פוןביידע נאַציאָנען ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען, וועלכע באַאָבאַכטען דעם פּאָליטישען לעבען פון אייראָפּאַ.

די באַלקאַן-לענדער.

אויף די באַלקאַנען איז נאָך אַלץ ניט רוהיג. פאַרהעלטניסמעסיג בעסער איז אין יוגאָ־סלאַוויע, וואו די מלוכה האָט זיך אין דעם יאָהר מעהר קאָנסאָלידירט און די דערנעהענטערונג צווישען די סערבען און כאָרוואַטען האָט געמאַכט א גרויסען שריט פאָרווערטס. נאָכדעם ווי עס איז אָנגעגאַנגען א סדרה קאַבינעטען מיט דעם פאָרשטעהער פון דער גרויס־סערבישער אידעע, פּאַשיטש, אָן דער שפּיץ, איז מען ביסלעכווייז געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג, אז די כאָרוואַטען זיינען א גלייכבארעכטיגטער טייל ווי די סערבען, אזוי, אז אפילו דער פאַקט וואָס דער כאָר־וואַטישער פיהרער, ראַדיטש, וויגט זיך צווישען די ווייס־גוואַרדייצעס און קאָמאינ־טערן איז שוין אויך ניט קיין שטערונג.

אין בולגאַריע האָט צאַנקאָוו'ס קאַבינעט, וועלכער האָט איינגעפיהרט א רעגירונגס־סיסטעם פון טעראָר, נאָך אין אָנהויב יאָהר געמוזט אַוועקגעהן. ער איז ניט געצוואונגען געווען אַוועקצוגעהן אונטער'ן דרוק פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג אין בולגאַריע. די געזעלשאַפט איז געווען אזוי אָנגעשראָקען, אַז זי האָט קיין מוט ניט געהאַט אויסצודריקען איהר אומצופרידענהייט. מען פלעגט צושיסען מענשען אָהן א דין און אָהן א משפט; אָנגעזעהענע פּאָליטישע טוער פלעגען פאַרשוואונדען ווערען אין מיטען העלען טאָג, און דערנאָך פלעגט מען זייערע טויטע קערפּערס געפינען ערגעץ אין א וואַלד. ביי אַזעלכע ריין־צאַנקאָווישע מעטאָדען פון קאַמף קען מען ניט ערוואַרטען, אז מענשען זאָלען אַרויסטרעטען אָפען און פּראָ־טעסטירען. געווירקט האָט דאָ אָבער די לאָנדאָנער סיטי, וועלכע האָט גאַנץ ריכטיג באַמערקט, אַז א לאַנד, וואו עס געוועלטיגט צאַנקאָווישטשינע, איז ניט באַרעכטיגט צו באַקומען קרעדיטען. דער נייער לאַפּטשעוו'ס קאַבינעט שטרענגט אָן אַלע זיינע כוחות צו באַפרייען זיך פון צאַנקאָוו'ס ירושה, דאָס זיינען מודה אפילו זיינע געגנער, אָבער דאָ איז פאַראַן אַן אנדער פראַגע. דאָס פּויערטום האָט אין בולגאַריע די איבערוועגענדע מערהייט און באַדייטונג, אָבער ניט די מלחמה און ניט די רעוואָלוציע האָבען נאָך ניט אויפגעוועקט דעם בולגאַרישען פּויער צום פּאָליטישען לעבען, און רעגירען אָהן דעם פּויער איז א שווערע זאַך. דאָך באַמערקט זיך, אז די ראָלע און די באַדייטונג פון דער פּויערישער פּאַרטיי וואַקסט ביסלעכווייז אַלץ מעהרער און מעהרער.

אַזאַ וואוקס פון דער פּויערשער פּאַרטיי, צאַראַניסטען, באַמערקט זיך אויך אין רומעניע. אמת, די ריין רומענישע מעטאָדען, ווי צו פאַלסיפיצירען דעם רעזולטאַט פון די וואַהלען, האָבען געהאָלפען דעם זיג פון גענעראַל אַווערעסקאָ. אזוי אָבער ווי ס'איז ניטאָ קיין איין פּאַרטיי, אויף וועלכער די רעגירונג זאָל זיך שטיצען, איז דאָס פאַלען פון זיין קאַבינעט כמעט א פאָראויס־באַשטימטע זאַך. די פאַרשטענדניש פון דער פּויערישער פּאַרטיי מיט דער מעהר־קולטורעלער טראַנסילוואַניער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, וועלכע האָט דאָך געקראָגען איהר פּאָליטישע ערציהונג ניט אין בוקאַרעסט, נאָר אין וויען, גיט די צאַראַניסטען דאָס וואָס זיי האָבען ניט געהאַט קיין אייגענע, — קולטורעלע פּאָליטישע טוער פון דער שטאָדטישער אינטעליגענץ, און מאַכט איהר אויף דעם אופן פאַר דער פּאַרטיי פון דער צוקונפט.

פּוילען.

פּילסודסקי׳ס איבערקערניש.

פּאַרמעל האָט פּוילען אין יאָהר 1926 איבערגעלעבט א רעוואָלוציע. אויסערליך איז דאַס געווען אַן אויפשטאַנד פון א גענעראַל, דאָך איז זי געווען אייגנאַרטיג, ניט גלייך צו אַלע גענעראַלישע ארויסטרעטונגען. די אייגנאַרטיגקייט באַשטעהט אין דעם, וואָס אַט דער גענעראַל איז געווען מאַרשאַל פּילסודסקי, וועלכער איז צוזאַמענגעקניפּט מיט דער פּאַרטגעשריטענער פּוילישער אינטעליגענציע און מיט׳ן פּוילישען סאָציאַליזם און זיין ערפאָלג האָט ער אויף דריי פערטעל צו פאַרדאַנקען דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און די פּוילישע אייזענבאַהן ארבייטער.

כמעט באַלד נאָכדעם ווי אין מאַי האָט זיך פאַרמירט וויטאָס׳עס קאַבינעט, איז פאָרגעקומען מאַרשאַל פּילסודסקי׳ס ארויסטריט, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דעם, וואָס דער פּרעזידענט, וואָיצעכאָווסקי, האָט זיך אָפּגעזאָגט, וויטאָס׳עס קאַבינעט האָט זיך אָנגעגעבען אין דעמיסיע און פּראָפעסאָר מאָסציטסקי האָט פאַרנומען דעם פּרעזידענטען־שטול. פאַר דעם אויפשטאַנד איז געווען א פאַרצויגענער פּאָליטישער קריזיס. וואָס איז געווען די אורזאַך פון דעם קריזיס? בלויז דאָס, וואָס די פּוילישע פּאַרטייען, די סאָציאַליסטען אריינגערעכענט, קאָנען ניט פאַרשטעהן, אַז אין פּוילען קאָן ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע רעגירונג. דאָס וואָס אין טשעכיע האָט אַזוי ריכטיג פאַרשטאַנען פּרעזידענט מאַסאַריק, אַז אויב אין א לאַנד וואוינען עטליכע נאַציאָנען, קען מען ניט איבערגעבען די מאַכט פאַר א לאַנגער צייט ב ל ו י ז א י י ן נ א צ י ע, האָט זיך ניט געקענט פּאַטויפּען אין די פּוילישע קעפּ. אויף דעם אופן האָט זיך באַשאַפען א לאַגע, וואו העכער ווי א דריטעל פון דער באַפעלקערונג — אידען, אוקראַינער, רוסען, דייטשען, ווייס־רוסען — און א דריטחלק פון סיים זיינען אויף שטענדיג באַזייטיגט געוואָרען פון רעגירען דאָס לאַנד. אָבער אַט די באַזייטיגונג האָט געמאַכט, אַז די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען זיינען געווען אין אָפּאָזיציע צו יעדער רעגירונג. איז דעריבער כדי די רעגירונג זאָל דאָך קריגען א מעהרהייט אין סיים, נויטיג געווען, אַז אַלע פּוילישע פּאַרטייען זאָלען זיך פאַראייניגען, און דאָס איז א זאַך פון דער אונמעגליכקייט, עס איז אונמעגליך, אַז די פּוילישע סאָציאַליסטען, למשל, זאָלען בלייבען פאַראייניגט מיט די נאַראָדאָווע דעמאָקראַטען, פלעגט דעריבער כמעט יעדען חודש פאָרקומען אין פּוילען א רעגירונגס־קריזיס.

צו דעם איז צוגעקומען נאָך עפּעס. וויבאַלד מען האָט באַזייטיגט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, איז נאַטירליך צווישען די פּוילישע פּאַרטייען די אויבערהאַנט געווען אויף דער זייט פון די רעכטע. אין א „פּוילישער" קאָאַליציע שפּילט די הויפּט־ראָל, פאַרשטעהט זיך, דער נאַציאָנאַליזם, און א הונדערט־פּראָצענטיגער נאַציאָנאַליזים־שאָוויניזם איז ביי די רעכטע. רעגירען אָהן די פּוילישע לינקע, פאַרשטעהט זיך, קאָן מען טאַקע ניט, ווייל ווי נאָר די לינקע זאָלען זיך פאַראייניגען מיט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, וועלען זיי אומוואַרפען יעדע ריין־פּוילישע רעגירונג, אָבער דעם טאָן האָבען דאָך געגעבען די רעכטע. וויטאָס׳עס קאַבינעט איז געווען דער רעזולטאַט פון אַזא לאַגע.

פּאַרמעל האָט וויטאָס׳עס קאַבינעט געהאַט פאַר זיך די מעהרהייט, אָבער א מעהרהייט בלויז פון פּוילישען טייל. אין לאַנד אָבער האָט ער קיין מעהרהייט ניט געהאַט, האָבען זיך די לינקע מישב געווען ארויסצושטעלען פּילסודסקי׳ס פּאָפּולאַריטעט געגען דער פאַרמעלער מעהרהייט, וועלכע געהט זיך ווייט פאַנאַנדער מיט דער אמת׳ער לאַגע אין לאַנד.

פון שטאַנדפּונקט פון פאָרמעלער דעמאָקראַטיע איז פּילסודסקי׳ס האַנדלונג, שטורמענדיג דעם בעלוועדער־פּאַלאַץ, וואו עס האָט זיך אויפגעהאַלטען דער פּרעזידענט, געווען א פאַרלעצונג פון אַלע כללים פון דעמאָקראַטיע, דאָך האָט קיין איינציגע אייראָפּעאישע פּאַרטיי ניט צוגעגליכען פּילסודסקי׳ן צו פּרימאָ־דע־ריוועראַ. דערצו דאַרף מען צוגעבען, אַז פאַרטרייבענדיג דעם פּרעזידענט, וואָיצעכאָווסקי,

און וויטאָס'עס רעכטען קאַבינעט, האָט פּילסודסקי דערקלערט, אַז דאָס לאַנד מוז צוריק אַריין אין די ראַמען פון דער קאָנסטיטוציע. דאָס האָט אַלעמען בארוהיגט, ווייל די גאַנצע צייט האָט נאָך פּוילען ניט געלעבט מיט אַ נאָרמאַלען קאָנסטיטוציאָנעלען לעבען. אָבער דער סיים איז געבליבען דער אַלטער און הגם פאַקטיש האָט זיך פּילסודסקי געשטיצט אויף די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, דאָך האָט ער ניט געמאַכט דעם שריט, וואָס מאַסאַריק האָט געמאַכט אין טשעכיע, און האָט ניט צוגעצויגען צו דער רעגירונג די פּאַרטייען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען. דער פּועל יוצא דערפון איז — אַ שטענדיגער קאָנפליקט צווישען דער רעגירונג און דעם סיים. פּילסודסקי האָט ווידער געוואָרפען אויפ'ן וואָגשאָל זיין פּאָפּולאַריטעט און איז אַליין געוואָרען דער פּאָרזיצענדער פון קאַבינעט. צי וועט זיך איה סאָבער איינגעבען סוף כל סוף אריינפיהרען פּוילען אין דער קאַטעגאָריע לענדער מיט אַ פעסטער קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג — דאָס איז די הויפּט-פּראָבלעם פון דער היינטיגער פּוילען.

דאָס אידישע לעבען אין איראָפּאַ אין יאָהר 1926

פון יעקב לעשצינסקי.

יעדעס יאָהר האָט זיין פאַרב און זיין ריח. — דאָס פאַראַיאָהריגע יאָהר האָבען מיר כאַראַקטעריזירט ווי אַ פאַרצווייפלונג-יאָהר, ווי אַ יאָהר, ווען די טראַגישקייט פון דער אידישער קליינבירגערליכער עקאָנאָמיק האָט ארויסגעוויזען איהרע שאַרפסטע שפּיצען, ווען אונזער קולטורעלע און פּאָליטישע צושוואומענקייט און שוואַכקייט, אַלס רעזולטאַט פון דער פּרצוף-לאָזער עקאָנאָמיק, האָבען דערגרייכט זייער העכסטע מדרגה, — אַ יאָר בלאָס ווי דער טויט און מיט אַ שווערען ריח פון אַ פאַרלעגערטען זומפּ. דאָס פאַרגעהענדיגע איצט יאָהר קען מען כאַראַקטעריזירען ווי אַן אָפּאָטעמענס יאָהר, ווי מען וואָלט אונז געלאָזט זיך אַ ביסעל אָפּאָטעמען, כאַפּען דעם אָטעם, זיך אָפּרוהען.

נאָך זיינען געדיכט די שוואַרצע וואָלקענס אי אין רוסלאַנד, אי אין פּוילען, — אי דאָ, אי דאָרטען שטעהט די ברויט-פּראַגע פון הונדערטע טויזענטע אידען נאָך גאַנץ שאַרף; אי דאָ, אי דאָרטען וואָלטען הונדערטע טויזענטע אידען מיט פרייד און גרויס שמחה גענומען דעם וואַנדער-שטעקען אין דער האַנט און וואָלטען געלאָפען אין דער וועלט אַריין, נאָר די וועלט — די פעטע און רייכע טיילען איהרע, זיינען פאַרזיגעלט אויף זיבען שלעסער און קיין צויבערער קען זיי ניט אָפּריגלען, און די מאָגערע און אָרימע טיילען איהרע שיקען טרויעריגע גרוסען און ניט קיין שיפס-קאַרטען; אי דאָ, אי דאָרטען אַרבייט דערווייל אָם אינטענסיווסטען די צדקה-פּושקע פון די רייכע אַמעריקאַנער ברידער — די צדקה-פּושקע, וואָס מוז דעמאָראַליזירען דעם מקבל, וואָס מוז אָפּשוואַכען די זעלבסטטעטיגקייט-כחות, וואָס מוז טראָגען גיפט אין איהר זיסען בעכער.

אָבער אי דאָ, אי דאָרטען איז געוואָרען אַ סך גרינגער, אין אַ פאַרשידענער מאָס, פאַרשטעהט זיך, אָבער בכלל גרינגער צו לעבען, גרינגער צו איבערקומען דעם טאָג און מעהר האָפנונגען אויפ'ן קומענדיגען טאָג. און האָט נאָר דער גוף באַקומען וויפיל ס'ניט איז חיונה, האָט זיך באַוויזען קולטורעלע אַקטיוויטעט, עקאָנאָמישע זעלבסטטעטיגקייט און, וואו מעגליך, אויך פּאָליטישע ריהרעוודיגקייט.

די אידען פון פּוילען און רוסלאַנד — דאָס איז דער רוב מנין פון אייראָפּעאישען

אידענטום און דעריבער אויך זיין רוב בנין. ליטע, רומעניע און לעטלאַנד — דאָס זיינען רעשטלאַך פון די פּויליש־רוסישע קבוצים, אברים, וואָס לעבען כמעט נאָר מיט דער קולטורעלער לופט פון די דאָזיגע גרויסע אָרגאַניזמען, כאָטש עקאָנאָמיש זיינען זיי דערווייל ווייניג אָפּהענגיג פון זיי, און פּאָליטיש לעבען זיי אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען. אונז וועט דעריבער אויסקומען רעדען וועגען יעדער לאַנד באַזונדער, אָבער אין די ראַמען פון יעדער טעמע. מיר רעכענען, אַז ס'איז אַ סך בעסער געבען דעם איבערבליק איבער דעם לעבען פון די אידען אין אייראָפּא לויט באַזונדערע ענינים, זיך אָפּשטעלענדיג אין די ראַמען פון יעדען ענין אויף יעדען לאַנד, און ניט לויט די באַזונדערע לענדער.

1. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אייראָפּעאישע אידען.

דאָס ערשטע האַלבע יאָהר פון אידישען לעבען אין פּוילען איז נאָך אַלץ געווען איינגעוויקעלט אין תכריכים פון זעלבסט־מערדער. אָט די דאָזיגע מגפה, וואָס איז תמיד געווען אַזוי פרעמד דער פאַרהאַרטעוועטער אין קאַמף אידישער נשמה, האָט זיך, ווייזט אויס, אַזוי איינגעפרעסען אין די ביינער, אַז זי האָט פאַרכאַפּט אפילו אַזעלכע רעליגיעזע עלעמענטען, וואָס ס'איז זיך פּשוט שווער פאָרצושטעלען צווישען זיי זעלבסטמערדער, און האָט פאַר'סמ'ט אפילו פּאַרטיי־מענשען פון לינקען לאַגער, וואו ס'פעהלט ניט קיין גלויבען אין אַ בעסערער צוקונפט.

דער אַלגעמיינער נוסח פון די ידיעות אין די וואַרשעווער צייטונגען וועגען די אידישע זעלבסטמערדער איז געווען בערך פאָלגענדיגער: דער און דער, אַ חשוב'ער סוחר, געהאַט אַ גוט געשעפט אויף דער און דער גאַס, תמיד געלעבט גוט און גליקליך, האָט נאָך געוואוינט איצט אויך אין אַ דירה פון פיר אָדער פינף צימער, נאָר די לעצטע צייט איז ער שטאַרק פאַראָרימט געוואָרען, האָט שוין אַזוי פיל און אַזוי פיל חדשים ניט געצאָהלט קיין דירה־געלט, און פון מורא אַרויסגעוואָרפען ווערען אויפ'ן גאַס מיט ווייב און קינדער, בלייבען אָהן אַ דאַך און גאָר אָהן מיטלען, האָט ער זיך גאַנץ פריה אַראָפּגעוואָרפען פון פינפטען שטאָק און איז אויפ'ן אָרט דער'הרג'עט געוואָרען. און צווישען די דאָזיגע פאַרצווייפעלטע נשמות, וואָס האָבען מעהר ניט געקענט טראָגען דעם שווערען יאָך פון לעבענס־קאַמף, טרעפט מען אַ סוחר פון 62 יאָהר, וואָס האָט זיך אויפגעהאַנגען אויף אַ פּאַסעק און האָט געלאָזט אַ פאַמיליע פון צעהן קינדער; אַ זייפען־הענדלער, וואָס וואַרפט זיך אונטער'ן צוג און אין אַ בריף בעט ער מחילה ביי ווייב און קינדער, וואָס לא די, וואָס ער קען זיי ניט געבען קיין פּרנסה, טוט ער זיי נאָך אָן אַזעלכע יסורים; אַ מוטער פון אַכט קינדער, אַ פרוי פון אַן אַרבייטסלאָזען, וואָס קען מעהר ניט פאַרטראָגען דעם צער פון די הונגעריגע קינדער און טרינקט אויס עסענץ; אַ אידישע לעהרערין, וואָס פאַרלירט די שטעלע אין אַן אַלגעמיינער שול און פאַרלירט דערמיט אויך דעם חשק צו לעבען און דעם מוט צו קעמפען פאַר'ן לעבען און וואַרפט זיך פון צווייטען שטאָק; אַן אַרבייטסלאָזער פון אַ פאַרבעריי, אַ 19 יעהריגער בחור, אַ יונגער און געזונטער, לאָזט זיך אַריין אַ שאָס אין לינקען שלייף, און זיין אַלטע פאַרצווייפעלטע מוטער טרעפט איהם אין אַ טייך בלוט און אין בלוט אַ בריף מיט עטליכע קורצע ווערטער וועגען מחילה און וועגען אונמעגליכקייט לענגער אויסצוהאַלטען; און ענדליך דער אמת טראַגישער טויט פונ'ם אַרבייטער שלמה ריקנער, אַן אַלטער בונדאָוועץ, וואָס האָט אַ סך יאָהרען אָפּגעגעבען דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און האָט תמיד געלעבט מיט דער לופט פון קאַמף און האָפנונג — אָט דער שלמה ריקנער, „בטבע אַ שטילער, באַשיידענער און שטאָלצער, האָט ער זיך פאַר קיינעם ניט געקלאָגט, צו קיינעם זיך ניט געווענדט נאָך הילף, שטיל אין זיך האָט ער געטראָגען זיינע יסורים און לסוף ניט אויסגעהאַלטען"*) און ער האָט זיך אויפגעהאַנגען ביי זיך אין שלאָף־צימער, און

*) „פאָלקס־צייטונג", 1|7, 1926.

אין קעשענע האָט מען געפונען אַ פּאַפּירעל, אויף וועלכען ס'איז געווען אָנגעשריבען מיט זיין האַנט:

דער קבר איז פאַרטיג, —
דער קבר איז אָפען.
אַ לעבען אָהן פרייד,
אַ לעבען אָהן האָפען.
אַ לעבען אין אומעט,
איינזאַם און טריב;
שווערער און טריבער
ווי אין פינסטערען גרוב.

אָט ווי דלות און הונגער קענען אויסמאַטערען אַ מענשענס נשמה; אָט ווי דחקות און אָרימקייט קענען דערשטיקען אַ מענשענס הארץ.

און מעג די וויסענשאַפט וויפיל זי וויל זיך חקר'ענען, צו זיינען פאַראַן מאַסען פסיכאָזען, צו ניין — מיר זעהען עס אין פוילען באַשיינפערליך. ווארים ווי איז עס אַנדערש צו ערקלערען אַזאַ ערשיינונג? אַ רב אין אַ שטאָדט (טאָמאַשאָוו) ווערט גע'רודפ'ט פון אַ צד, שטאַרק גע'רודפ'ט; נעמט ער אַ חלף ביים שוחט און שניידט זיך איבער דעם האלז. איז דאָס ווען מעגליך געווען אין אַ אידישער קהלה? האָט ווען אַ רב, אַן אָנגעזעהענער און גרויסער למדן נאָך דערצו, גאָר געקענט טראַכטען וועגען ווערען „המאבד את עצמו לדעת״? נאָר אין דער פאַר'סמ'טער זעלבסטמאָרד־לופט פון פוילישען אידענטום האָט געקענט טרעפען אַזאַ זאַך. און דער דאָזיגער פאַל איז טאַקע דער שטאַרקסטער באַווייז, ווי טיף און ברייט די דאָזיגע פסיכאָז־מגפה האָט פאַרכאַפּט דאָס פוילישע אידענטום, פאַרכאַפּט און פאַר'סמ'ט אין אַזאַ גרויסער מאָס, אַז פוילישע אידישע יונגע לייט, קינדער פון יורדים, פון געפאַלענע פאַראָרימטע עלטערען, טראָגען מיט זיך דעם גיפט: אין בריסעל האָט זיך פאַר'סמ'ט אַ 22 יאָהריגער בחור און אין אַנטווערפּען — אַ 25 יאָהריגער, ביידע יונגע און געזונטע, נאָר קיין ארבייט האָבען זיי ניט געפונען און האָבען געלעבט אין גרויסער נויט. און די אידישע אַמאָליגע לעבענס-עקשנות, די טיפע נשמה איבערציינונג, אַז „טוב כלב חי מארי מת״, אַז ס'איז בעסער לעבען ווי אַ הונט איידער שטאַרבען ווי אַ לייב, אַז דאָס מיאוס'טע און שווערסטע לעבען איז שעהנער און גרינגער פונ'ם טויט — אָט די דאָזיגע לעבענס-ענערגיע הויבט אָן ווי אויסצושעפען זיך, ווי אויסצוגעהן.

אָבער די זעלבסטמאָרד־מגפה צווישען די פוילישע אידען באַווייזט נאָך עפּעס, — אַז די סבה כל הסבות פון דער דאָזיגער עפּידעמיע איז דער עקאָנאָמישער קריזיס, די מאַטעריעלע נויט, דער אומגעהויערער דלות, וואָס לאָזט ניט קיינע האָפנונגען אויף בעסערע צייטען. די אויפגעקומענע קרענק קען פאַרכאַפּען און אָנקלעפען אויך אַנדערע עלעמענטען, ניט אָנגעריהרטע פונ'ם קריזיס, אָבער אין גרונד פון דער קרענק גופא ליגט די פשוט'ע ברויט-פראַגע, דער פאַרשאָלטענער „מה נאכל?״

און געגען דער דאָזיגער מגפה דאַרף מען דעריבער קעמפען ניט מיט אויפרופען, ניט מיט פסוקים פון דער תורה און גמרא און אפילו ניט מיט פסוקים פון דער וויסענשאַפט, נאָר מיט אָפּשאַפען די גרונד-סבה, מיט פאַרבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידישע מאַסען.

און טאַקע דעם כלל האָט אויך דאָס לעבען גאַנץ פיין דערוויזען — נאָך דער מאַי־איבערקעהרעניש, וועלכע איז צוזאַמענגעפאַלען מיט'ן סטרייק פון די ענגלישע קוילען־ארבייטער, איז געוואָרען די לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פוילען אַ סך גרינגער און מיט אַמאָל האָבען זיך במעט ווי אָפּגעשטעלט דאָס וואָרפען זיך פון די אויבערשטע שטאָקען און דאָס פאַרציהען אַ שטריק אָדער פאַסעק אַרום האלז.

די מאַי־איבערקעהרעניש און דער ענגלישער סטרייק — דאָס זיינען די צוויי פאַקטאָרען, וואָס האָבען געענדערט אַ ביסעל צו בעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע אין פוילען בכלל און אויך פון דער אידישער באַפעלקערונג. וועלכער פון די צוויי פאַקטאָרען

האט שטארקער געווירקט און צי דאס איז אויף לאנג, איז דערווייל שווער צו זאגען. פוילען האט נאך ניט עקאנאמיש און ניט פאליטיש זיך קאנסאלידירט, זי פיהלט זיך נאך ניט פעסט און האט נאך ניט קיין קלאהרע ליניעס ניט אין איהר עקאנאמישער פאליטיק און ניט אין איהר פאליטישער פראגראם. אויף די פראגראמען פון אלע רעגירונגען ליגט נאך שטארק דער שטעמפעל פון ציטערען פאר'ן מלוכה־קיום, פון ניט זיכערקייט אין דער אייגענער מלוכה־עקזיסטענץ. אט די נאציאנאלע מורא האקט אונטער די פליגלען אלע פארטייען — די רעכטע ווי די לינקע, ווייל ס'פעהלט דער גלויבען אין דער אייגענער פעסטקייט, אהן וועלכען מען קען ניט צוטרעטען צום פארווירקליכען פון אן עקאנאמישער אדער פאליטישער פראגראם.

די אלטע רעגירונג מיט דער גראבסקי־פראגראם פון פארוואנדלען פוילען אין א ריין אגראר־לאנד מיט א גאנץ קליינער אינדוסטריע, וואס דינט נאר פאר'ן אייגענעם נאציאנאלען געברויך־מארק, האט געבראכט דערצו, אז די שטעדט האבען אנגעהויבען פארוואנדעלט ווערען אין חורבות. — אין ווארשא האט מען אויפ'ן יאהר 1926 ארויסגענומען ווייניגער מיט 36 טויזענט פאטענטען ווי אין יאהר 1925; און אין לאדז האט מען אויפ'ן יאהר 1926 ארויסגענומען ווייניגער מיט א גאנצער העלפט פאטענטען. חוץ דעם, האט זיך שטארק פארקלענערט די צאהל פאטענטען אויף גרויסע האנדעל און פאבריק אונטערנעמונגען, ווייל מען האט פארקלענערט די געשעפטען און מען האט גענומען קלענערע פאטענטען.

דער אמעריקאנער עקספערט פראפעסאר קעמערער, וואס איז איינגעלאדען געווארען פון דער פוילישער רעגירונג אויף צו העלפען געפינען אן אויסוועג פונ'ם עקאנאמישען קריזיס, האט ניט פארשטאנען מיט זיין נארישען אמעריקאנישען קאפ, פארוואס די שטאדט, וואס האט ווייניגער פון א פערטעל פון דער באפעלקערונג פון גאנץ פוילען און עטוואס מעהר פון א דריטעל פון דער גאנצער פאלקס־הכנסה, טראגט אריין גאנצע 80 פראצענט פון אלע דירעקטע שטייערען. מיט זיין פלאטשיגען אמעריקאנישען שכל הישר האט ער אויך נעבאך ניט פארשטאנען, פארוואס די פוילישע מלוכה־באנק גיט סך־הכל איין פראצ. פון אלע איהרע קרעדיטען דעם גאנצען האנדעל, און פון די אידען, וועלכע האבען אין זייערע הענט 2 דריטעל פון גאנצען פוילישען האנדעל, איז קיינער ניטא אין דעם דירעקטאריום פון דער דאזיגער באנק. דער דאזיגער נאאיווער פראפעסאר וואלט באדארפט א ביסעל געהן אין חדר צו די אנטי־סעמיטישע עקאנאמיסטען פון איירופא, וואלט ער פארשטאנען, אז די פשוט'ע געזעצען פון עקאנאמישער אנטוויקלונג, לויט וועלכע ס'פיהרט זיך די אמעריקאנישע ווירטשאפט, זיינען גארניט אזוי פשוט דארטען, וואו מען איז גרייט זיך ביידע אויגען ארויסנעמען, אבי יענעם כאטש איינס.

ס'איז שוין איצט קלאהר פאר אלעמען, אז די איינגעפיהרטע מאנאפאלען אין פוילען האבען דער מלוכה קיינע נוצען ניט געבראכט; פארקעהרט, זיי האבען איינגעשלונגען א סך פאלקס־געלט. איין ציל איז אבער דערגרייכט געווארען — מען האט רואינירט הונדערטע און טויזענטע אידישע ארבייטער־משפחות.

אויף די גראדנער טאבאק־פאבריקען זיינען געווען ביז דעם איינגעפיהרטען מאנאפאל 95 פראצענט אידישע ארבייטער. פון 1,300 טאבאק־ארבייטער זיינען געווען 1,250 אידישע. אין אקטאבער 1926 זיינען שוין געווען אידישע ארבייטער ניט מעהר פון 530. מען זאגט אפ אידישע ארבייטער, וועלכע האבען אפגעגעבען די טאבאק־פאבריקען צעהנדליגע יאהרען פון זייער לעבען, און מען נעמט צו ניט־אידישע ארבייטער. אין גאנץ פוילען זיינען געווען ביז'ן מאנאפאל ביי 2,000 אידישע טאבאק־ארבייטער און געבליבען זייען ניט מעהר פון 800, ד. ה. 40 פראצענט. און גאר די לעצטע טעג האבען זיך באוויזען נאך אמאל ידיעות, אז מען רעדוצירט ווייטער די צאהל ארבייטער, און דאס הייסט, אז מען ווארפט ווידער ארויס אידישע ארבייטער פון די טאבאק־פאבריקען.

אז מען לאזט ניט צו קיין אידען צו קיין שטאדטישע ארבייטען אדער שטעלעס פון באאמטע, איז א באקאנטער פאקט. מיר וועלען ברענגען א פאר אינטערעסאנטע

ביישפּילען: אין לאָדז זיינען פאַראַן ביז 160 טויזענט אידען, וועלכע מאַכען אויס אַ דריטעל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אין די שטאָדטישע אונטערנעמונגען זיינען באַשעפטיגט 9,803 אַרבייטער און אָנגעשטעלטע און פון זיי — סך־הכל 30 אידען, ד. ה. קוים־קוים 0,3 פּראָצענט. און אָט דער דאָזיגער צושטאַנד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע שטעדט פון פּוילען. די דאָזיגע טראַדיציע פון באָיקאָטירען אידישע אַרבייטס קראַפט, האָט זיך אַזוי פעסט איינגעבירגערט, אַז אפילו אין די שטעדט, וואו די פּוילישע סאָציאַליסטען האָבען די מעהרהייט אין די מאַגיסטראַטען, האַלטען זיי זיך אויך ביי דעם דאָזיגען כלל.

אינ׳ם ערשטען האַלבען יאָהר פון 1926 איז די אַרבייטסלאָזיגקייט אין פּוילען דערגאַנגען צו דער שרעקליכסטער מדרגה. ס׳זיינען געוועזן פאַבען, וואו 75 פּראָצענט וואַרשטאַטען זיינען געשטאַנען געשלאָסען און אי די בעלי־בתים, אי די אַרבייטער זיינען אַרומגעגאַנגען ליידיג. די שטאָדט־פאַרוואַלטונגען זיינען געווען געצוואונגען אָנהויבען זאָרגען פאַר די גרויסע מאַסען אַרבייטסלאָזע. די רעגירונג האָט געמוזט געבען ספּעציעלע הלואות אויף געזעלשאַפטליכע אַרבייטען, כדי אויסמיידען קאָנפליקטען מיט די אַרבייטסלאָזע, וועלכע האָבען פאַרלאָרען די געדולד צו הונגערען און האָבען אָנגעהויבען אַלץ אָפטער און אָפטער אַרויסטרעטען מיט גאַסען־דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסטען. אין איינינע פּוילישע שטעדט איז דערגאַנגען ביז בלוט־פאַרגיסונגען. די פּוילישע שטאָדט־פאַרוואַלטונגען זיינען אָבער ניט געוואוינט צו זאָרגען פאַר *אידישע* אַרבייטסלאָזע, פאַר *אידישע* הונגעריגע, פאַר *אידישע* נויטבאַדערפטיגע.

דער „בונד” האָט אויפגעהויבען אַ גרויסע קאַמפּאַניע פאַר רעכט אויף אַרבייט, פאַר די עלעמענטאַרע רעכט פון אידישע אַרבייטער און אָנגעשטעלטע אָנצוקומען אויף אַרבייט ביי שאָסעען, ביי בויען אייזענבאַהנען, אין די שטאָדט־פאַרוואַלטונגען, אין די קראַנקען־קאַסעס, אין די אַלע אינסטיטוציעס, וואָס פאַר׳ן אידען זיינען געווען אַלע טירען געשלאָסען. ס׳איז גערופען געוואָרען אַ ספּעציעלער קאָנגרעס פון פאָרשטעהער פון אידישע געווערקשאַפטען, קאָאָפּעראַטיווען און אַנדערע אַרבייטער־אינסטיטוציעס. ס׳זיינען זיך צונויפגעפאָהרען קיין וואַרשאָ 589 דעלעגאַטען פון 84 שטעדט. די מעהרהייט דעלעגאַטען זיינען געווען בונדיסטען — 422, ד. ה. מעהר פון 70 פּראָצענט פון אַלע דעלעגאַטען. די דעמאָנסטראַציע איז געווען זעהר אַן אימפּאָזאַנטע. דאָס ביורא, וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען אויפ׳ן קאָנגרעס האָט אַרויסגעוויזען אַ גרויסע אַקטיוויטעט און ס׳האָט זיך איינגעגעבען דורכברעכען די אייזערנע וואַנט, מיט וועלכער אַלע מלוכה און שטאָדט־אינסטיטוציעס זיינען געווען אָפּגעצוימט פון אידישען אַרבייטער.

אין אַלע שטעדט, וואו ס׳זיינען נאָר געווען אָרגאַניזירט שטאָדטישע אַרבייטען פאַר אַרבייטסלאָזע, האָט זיך איינגעגעבען, אמת מיט גרויסע מאַטערנישען, דורכשלעפּען אויך קליינע גרופּעס אידישע אַרבייטער. אַזוי זיינען אין וואַרשאָ צוגענומען געוואָרען אויף עפענטליכע אַרבייטען 350 אידישע אַרבייטסלאָזע. ניט קוקענדיג אויף די שווערע אַרבייטס־באַדינגונגען און אויף דעם נישטיגען לוין, האָבען זיך פאַרשריבען אויף די עפענטליכע אַרבייטען 1,400 אידישע אַרבייטער, פון וועלכע נאָר אַ פערטעל האָבען געהאַט דעם גליק אָנצוקומען אויף די אַרבייטען.

דער גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס אין פּוילען האָט אַרויסגערופען אַן עמיגראַציע־בהלה קיין ארץ־ישראל. הונדערטע אידישע פאַמיליעס פון אַלע קלאַסען פלעגען אויספאַרקויפען דאָס ביסעל האָב און גוטס און לויפען קיין ארץ־ישראל. די רייכערע האָבען זיך געוואָרפען אויף ספּעקולאַציע מיט ערד, מיט הייזער, מיט געלט, מיט מאַראַנצען פון די פּרדסים — און אַזוי ווי די ערשטע צייט פלעגען אָנקומען אָפטע שיפען מיט פּוילישע פאַרמעגליכע אידען, וועלכע האָבען געוואָלט ראַטעווען זייער פאַרמעגען אויף אַזאַ אופן, האָבען די ספּעקולאַנטען געמאַכט גאַנץ גוטע געשעפטען. די פעטע שמאַלץ איז אָבער גיך אויסגערונען און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ בהלה־לויפעניש צוריק פון ארץ־ישראל קיין פּוילען. אויב ביים לויפען קיין ארץ־ישראל האָט מען געזונגען און

געטאַנצט און מען האָט געפיהרט אין די קעשענעס גראָבע טויזענטער פונטען און דאָלערס, איז מען צוריק געפאָהרען מיט צובראָכענע הערצער און מיט פוסטע בייטע־לאַך. און אין די אנטוישטע מאַסען צוריקגעקומענע עמיגראַנטען פון ארץ־ישראל האָט זיך אָנגעקליבען אַזאַ האַס און פאַרדרוס געגען די ציוניסטען, אַז אין אייניגע פוילישע שטעדטלאַך האָט מען ציוניסטישע אַגיטאַטאָרס ארויסגעטריבען פון די בתי־מדרשים, וואו זיי האָבען געוואָלט רעדען וועגען קרן היסוד. אין וואַרשאַ האָט מען אַראָפּגעוואָרפען פון דער בימה אַ ציוניסטישען רעדנער, וועלכער האָט גוט אָפּגע־שניטען נאָר וויל ער האָט זיך ניט געעקשנ׳ט און האָט געמאַכט פּליטה.

דער פּאָפּולערער ציוניסטישער פיהרער יצחק גרינבוים שרייבט אין „נייעם היינט", נומער 229: „אויך די ציוניסטישע אָנפיהרער זיינען ס׳רוב, ווענינגסטענס ביי אונז אין פוילען, עפּעס ווי פאַרטויבט! אַזוי ווי זיי וואָלטען געקראָגען מיט אַ פלאָקען איבער׳ן קאָפּ".

אָט אַזאַ שטימונג האָט געשאַפען די מאַסע, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון ארץ־ישראל מיט פאַרלאָרענע האָפנונגען און פאַרלאָרענע טויזענטער, די מאַסע, וועלכע איז ערשט צוריק מיט אַ יאָהר אָדער מיט צוויי ארויסבאַגלייט געוואָרען פון די ציוניסטען בתופים ובמחולות, מיט טענץ אויף די וואָקזאַלען און מיט ווייט־הילכענדיגע באַ־גייסטערטע לידער אין די אָפּגעהענדע וואַגאָנעס און וועלכע האָט זיך אַזוי גיך אומ־געקערט אָבל וחפוי ראש.

מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט, אַז נאָך דער מאַי־איבערקעהרעניש האָט זיך אין פוילען די עקאָנאָמישע לאַגע באַדייטענד פאַרבעסערט. דערצו האָט מיטגעהאָלפען אין דער ערשטער רייהע דער סטרייק פון די ענגלישע קוילען־אַרבייטער. פוילישע קוילען־גרובען האָבען אָנגעהויבען אַרבייטען אין צוויי אשמורות און פאַר די אויס־געאַרבייטע קוילען האָט מען באַקומען מזומנ׳ע פונטען. אין לאַנד איז געוואָרען פרעה־ליכער און די אינדוסטריע האָט אויפגעלעבט. די לאָדזער פאַבריקען האָבען אָנגעהויבען אַרבייטען און ס׳האָט זיך געיאַוועט פדיון.

מיט׳ן סטרייק אַליין קען מען ניט דערקלערען די פאַרבעסערונג. — געוויס האָט געהאַט אויך אַ ווירקונג די פּאָליטישע אַטמאָספער, וואָס איז געשאַפען געוואָרען נאָך דער מאַי־איבערקעהרעניש — די באַפעלקערונג האָט באַקומען מעהר האָפנונגען און מעהר גלויבען אין דעם קיום פון דער פוילישער מלוכה; דער מלאך המות שאָטען, וואָס האָט באַגלייט אַלע מעשים פון די פריהערדיגע רעגירונגען, איז נעלם געוואָרען, און מען האָט אָנגעהויבען גלויבען, אַז דער נייער קורס וועט זיין אַ סך גינסטיגער פאַר׳ן האַנדעל און פאַר דער אינדוסטריע, וועלכע זיינען תמיד אַזוי גע׳רודפ׳ט געוואָרען אין דעם אויפגעלעבטען פוילען. אין אַ געוויסער מאָס האָבען זיך די דאָזיגע האָפנונגען באַרעכטיגט.

פוילען האָט דאָס לעצטע האַלבע יאָהר אויך אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די ווייטע מערק פון אַזיען, מיט וועלכע זי איז געווען פאַר דער מלחמה שטאַרק פאַרבונ־דען, — און דאָס האָט אויך פאַרשטאַרקט די אויפלעבונג. די אַרבייטסלאָזיגקייט האָט זיך אין עטליכע חדשים פאַרקלענערט אויף מעהר פון 100 טויזענט; פון אריבער 300 טויזענט אָנהויב יוני איז די אַרבייטסלאָזיגקייט געפאַלען ביז 196 טויזענט אין אָקטאָבער.

אמת, די אויפלעבונג האָט אַ סך מעהר געטראָפען די גרויס־אינדוסטריע, וואו אידישע אַרבייטער זיינען גאָר ווייניג באַשעפטיגט. און כאָטש ביים אויסברעכען פון קריזיס זיינען די אידישע אַרבייטער געווען די ערשטע קרבנות און ביים אויפלעבען זיינען זיי די לעצטע, מוז מען דאָך קאָנסטאַטירען, אַז אויך אין אידישען אַרבייטער־לעבען פיהלט זיך אַ געוויסע פאַרבעסערונג. פיל מעהר האָבען דערפיהלט די אויפ־לעבונג די אידישע סוחר׳ישע און קרעמערשע עלעמענטען.

ווי לאַנג וועט דאָס האַלטען? וועט ניט באַלד נאָך דעם ענגלישען סטרייק קומען נאָך אַ שווערער קריזיס אויף די דאָזיגע שאלות איז שווער צו געבען איצט אַ וואָסערע ניט איז תשובה. דאָס פוילישע אידענטום כאַפּט איבער דעם אָטעם און

ס'וואָלט געווען אַן עולה איהם פאַר'סמ'ען די דאָזיגע עטליכע רוהיגע חדשים מיט ביטערע ספקות.

ס'האָט זיך אויך באַדייטענד פאַרבעסערט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידען אין רוסלאַנד.

כאָטש די סאָוועטען-מאַכט פיהרט ווייטער איהר קאַמף מיט'ן פּריוואַטען האַנדעל, איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די צאָהל קרעמער האָט זיך אין רוסלאַנד אין לעצטען יאָהר דאָך פאַרגרעסערט און די לאַגע זייערע האָט זיך אויך פאַרבעסערט. דער פּריוואַטער איינצעלנער-האַנדעל האָט אויסגעמאַכט אין גאַנץ רוסלאַנד אין 24—1923 — 57 פּראָצענט פונ'ם גאַנצען רוסישען האַנדעל און אין 26—1925 — נאָר 39 פּראָצענט, אָבער די לעצטע 39 פּראָצענט מאַכען אויס אין אַבסאָלוטע ציפערען דריי מאָל מעהר, ווי די 57 פּראָצענט צוריק מיט דריי יאָהר, ווייל פאַר דער דאָזיגער צייט האָט זיך דער האַנדעל פאַרדרייפאַכט. און אין אוקראַינע האָט זיך טאַקע פאַרגרעסערט די צאָהל קרעמער פון 25—1924 ביז 26—1925 אויף גאַנצע 15 טויזענט.

אמת, ס'ווערט אָנגעוויזען, אַז די צאָהל קרעמער האָט זיך דערנאָך פאַרגרעסערט אין דאָרף, וואו די ממשלה פונ'ם פינאַנס-אינספּעקטאָר און פון די איבעריגע מלאכי-חבלה, וועלכע האָבען צו קוקען, אַז דער פּריוואַטניק זאָל ניט ווערען צו פעט, פיהלט זיך ניט אזוי שטאַרק ווי אין שטאָדט. ס'איז קיין ספק ניט, אַז אויך אין שטעדטעל האָט די קרעמעריי אַ ביסעל אויפגעלעבט. חוץ דעם, איז דאָ אַ סברה, אַז אַ געוויסע צאָהל אידישע קרעמער האָט זיך אריבערגעפּעקעלט אין דאָרף אריין. די דאָזיגע סברה איז נאָך ניט באַשטעטיגט געוואָרען, אָבער זי איז זעהר אינטערעסאַנט און ס'וואָלט ווירקליך זעהר נויטיג געווען, ווי מערעזשין פאָדערט דאָס אין „עמעס", וואָס גיכער זי אויפקלעהרען.

די סאָוועטישע פּרעסע דערצעהלט אליין ניט ווייניג פאַקטען, וואָס באַווייזען, ביי וואָסערע שווערע און אומגינסטיגע באַדינגונגען דעם פּריוואַטען קרעמער קומט אויס צו אַרבייטען און איז דערביי מודה, אַז ער האַלט דאָך אין וואַקסען אין צאָהל און אין פאַרפעסטיגען זיך. דער פּריוואַטער קרעמער צאָהלט אַ סך מעהר שטייערען ווי דער מלוכה און קאָאָפּעראַטיווו האַנדעל; ער צאָהלט העכערע טאַריפען אויף די באַהנען; ער באַקומט וואַגאָנעס אין דער דריטער רייהע; ער באַקומט סחורה פון די מלוכה-פאַבריקען אין דער לעצטע רייהע און אויף אַ סך שווערערע באַדינגונגען; ער באַקומט כמעט גאָר קיין קרעדיט ניט אין די מלוכה-בענק — און ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעם פאַרקאָנקורירט ער דאָך דעם מלוכה און קאָאָפּעראַטיווו האַנדעל. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דעם פּריוואַטען קרעמער קאָסטען די אזוי גערופענע צוגאָב-הוצאות דריי מאָל און אין איניגע האַנדעלס צווייגען ז ע ק ס מאָל ווייניגער, ווי דער מלוכה אָדער דער קאָאָפּעראַציע.

די לאַגע פון אידישען בעל-מלאכה האָט זיך אויך אַ ביסעל פאַרבעסערט. די גוטע גערעטעניש פון היינטיגס יאָהר האָט געגעבען דעם פּויער און אויך דעם שטאָדטישען איינוואוינער מעהר מעגליכקייטען צו באַשטעלען זיך אַ קלייד, אַ פּאָר שיך אָדער אַנדערע נויטיגע האַנטווערק זאַכען. אַ געוויסער טייל בעלי-מלאכות איז שוין ארויס פונ'ם דלות פון די פריהערדיגע יאָהרען און וואָלט געקענט אריינלעגען געוויסע קאַפּיטאַלען כדי ברייטער אַנטוויקלען זייערע וואַרשטאַטען, אָבער די מורא צו פאַררעכענט ווערען פאַר אַ בורזשוי איז נאָך גענוג גרויס און מען האַלט זיך מיט אַ כיון אָפּ פון צו נעמען אַ סך אַרבייטער. פאַרשטעהט זיך, אַז דער דלות איז נאָך גענוג גרויס און צווישען די שניידער זיינען נאָך איצט פאַראַן ביז 25 פּראָצענט אַרבייטסלאָזע, און 50 פּראָצענט בעלי-מלאכות פאַרדינען בכלל קוים-קוים אויף חיונה, און נאָר די 10—15 פּראָצענט, וואָס האָבען געדונגענע אַרבייטער, פאַרדינען אזוי פיל, אַז זיי מאַכען שוין אָפּשפּאָרונגען. אָבער מען מוז די לאַגע אין רוסלאַנד מעסטען ניט מיט דער לאַגע אין נאָרמאַלע לענדער, נאָר מיט רוסלאַנד פון די לעצטע פינף-זעקס יאָהר — און דעמאָלט באַקומט זיך אַ קאָלאָסאַלע פאַרבעסערונג.

די לעצטע צייט האָט די אידישע קאָמוניסטישע פּרעסע אויפגעהויבען אַ גוואַלד,

אַז דער רייכערער בעל־מלאכה האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע ממשלה אין די לייה און שפּאָר־קאַסעס און אין די קוסטאַר־געזעלשאַפטען און ס'איז צייט זיך נעמען צו דעם דאָזיגען בורזשוי, אָבער פאַקטיש האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזט פון דעם. וויכטיגער איז דער נייער צירקולאַר פונ'ם צענטראַל קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וועלכער ערקלערט, אַז נאָר יענע בעלי־מלאכות מיט איין געדונגענעם אַרבייטער אָדער מיט צוויי לערן־אינגלאַך דאַרפען צוגערעכענט ווערען צו די אַרבייטענדיגע און זיך באַנוצען מיט אַלע פּריווילעגיעס פון אַזעלכע, וועלכע דערוויזען, אַז אָהן געדונגענע אַרבייטס־קראַפט קאָנען זיי זייער וואַרשטאַט ניט פיהרען. אַ שמיד און אַ סטאָליאַר קענען דאָס דערוויזען, אָבער ניט אַ שניידער אָדער אַ שוסטער. און אויף אַזאַ אופן שטעהען אפשר דריי פערטעל פון די אידישע בעלי־מלאכות אין רוסלאַנד פאַר דער סכנה נאָך אַמאָל צו פאַרלירען דאָס וואהל־רעכט און דערמיט אויך אַלע רעכט פון אַן אַרבייטענדיגען, ד. ה. נאָך אַמאָל אַריינפאַלען אין דער קאַטעגאָריע פון פּאַראַזיטען, נאָך אַמאָל ווערען אומ'ברחמנות'דיג געפּייניגט פונ'ם פינאַנס־אינספּעקטאָר, נאָך אַמאָל צאָהלען טייער פאַר וואַסער און ליכט, ניט קענען שיקען די קינדער אין דער מלוכה־שול, ניט קענען פּרעטענדירען אויף אַן אָרט אין שפּיטאָל בשעת אַ קרענק, א. א. וו. א. א. וו.

צי דער דאָזיגער צירקולאַר איז געווען נויטיג נאָר ווי אַ הנחה דער אָפּאָזיציע, וועלכע שרייט, אַז די בורזשואַזיע וואַקסט פראַנק און פריי אין קאָמוניסטישען רוס־לאַנד, אָדער מען מיינט טאַקע ערנסט איהם פאַרווירקליכען אין לעבען — דאָס וועט ווייזען די פּראַקטיק פון די נאָהענטע חדשים.

בנוגע צו די אידישע אַרבייטער אין רוסלאַנד קען מען אָנווייזען אויף אייניגע ערפאָלגען אין פּרט פון אַריינציהען זיי אין נייע העברע אינדוסטריע־צווייגען. אין אַ גאַנצער רייהע מעטאַל־זאַוואָדען אין אדעס, ניקאָלאַיעוו, יעליסאַוועטגראַד, יעקאַטע־רינאָסלאַוו, באַכמוט, קיעוו, וואו ס'זיינען כמעט גאָרניט געווען קיין אידישע אַרבייטער, זיינען איצט באַשעפטיגט פון פיר ביז פינף טויזענט אידען. מעגליך, אַז אַ העלפט פון די דאָזיגע אידען זיינען גאָר פאַרנומען אין די קאַנצעלאַריעס פון די זאַוואָדען און ניט ביי די מאַשינעס, אָבער אַ פּאָר טויזענט אידישע אַרבייטער, טאַקע אין פיזישען זין פון וואָרט, האָבען מיר געוויס אין די דאָזיגע זאַוואָדען, און פאַר אַ אָנפאַנג איז דאָס אַ גאַנץ גרויסער געווינס. אויך אין די צוקער־זאַוואָדען פון אוקראַינע אַרבייטען איצט אַ פּאָר טויזענט אידען — און מסתמא אויך אַ העלפט אין די ביוראָען און אַ העלפט טאַקע אין די זאַוואָדען; אין די פּאָסט און טעלעגראַף געבייד עס האָבען זיך שוין אויך אַריינגעריסען עטליכע הונדערט אידישע באַאַמטע. אין די שטאָדטישע פאַרוואַלטונגען מאַכען די אידישע אָנגעשטעלטע אויס גאָר אַ גרויסען פּראָצענט. הכלל, די כינעזישע וואַנט, וואָס האָט תמיד פאַרשטעלט דעם וועג פאַר'ן אידען אין די גרויסע פאַבריקען און אין די מלוכה און שטאָדט אינסטיטוציעס, איז דורכגעבראָכען.

פאַרשטעהט זיך, אַז ס'געהט אפילו אין קאָמוניסטישען רוסלאַנד ניט אַראָפּ גלאַט, און דער „עמעס” האָט אפילו געמוזט אויסזאָגען, אַז אין יעקאַטערינאָסלאַוו פאַרהאַל־טען זיך די ניט־אידישע אַרבייטער מיט אָפענער שנאה צו די אידישע אַרבייטער, וואָס קומען אָן אין די מעטאַל־פאַבריקען. אָבער דאָס צוזאַמענאַרבייטען איז דער בעסטער וועג צום צוזאַמענלעבען — דער האַנדעל צוטיילט און רופט אַרויס געגענזייטיגע שנאה, די אַרבייט פאַראייניגט און רופט אַרויס אַכטונג. דאָס אַריינ־דרינגען פון אידישע אַרבייטער אין העכערע פּראָדוקציע־צווייגען פאָדערט גרויסע אָנ־שטרענגונגען הן אין פּרט פון טעכנישער צוגרייטונג און הן אין פּרט פון פּסיכאָלאָ־גישער צופּאַסונג. דערווייל בלייבט נאָך אויך אין רוסלאַנד דער אידישער פּראָלע־טאַריאַט אַ טיפּישער האַנטווערק פּראָלעטאַריאַט און ליידט פון די אַלע צרות און מכות, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קליינעם וואַרשטאַט און פאַר דער הויז־אינדוסטריע. שוויץ־סיסטעם פרעסט אויף דעם גרעסטען פּראָצענט אידישע אַרבייטער אויך אין קאָמוניסטישען רוסלאַנד: מען אַרבייט 15 און 16 שעה אין מעת־לעת, אין די שרעקליכסטע היגיענישע באַדינגונגען, פאַר אַ נישטיגען לוין און

דערביי איז מען אַן עכר כנעני ביים בעל־הבית, ווייל די מורא צו פאַרלירן גאָר אינגאַנצען די אַרבייט און די צוואָרפענקייט איינצעלווייז איבער די גרויסע צאָהל וואַרשטאַטען מאַכען אוממעגליך דעם קלאַסען־קאַמף. נאָר אפשר איין דריטעל פון אַלע אידישע אַרבייטער אין רוסלאַנד זיינען פאַרנומען אין גרעסערע מלוכה'שע שניידער, שוסטער און טישלער וואַרשטאַטען, וואו ס'ווערען אָפּגעהיט די אַרבייטס געזעצען; אַלע איבעריגע אידישע אַרבייטער זיינען באַשעפטיגט ביי קליינע באַלעבאַטימלאַך אָדער זיי אַרבייטען גאָר ביי זיך אין דער היים אויף די מאַשינעס פונ'ם מאַגאַזין — און אָט דאָ איז ניט שייך אָפּהיטען וועלכע ס'ניט איז געזעצען פון אַרבייטס צייט און פון היגיעניע.

דאָס איבערגעהן פון אידען צו ערד־אַרבייט האָט אין לעצטען יאָהר געמאַכט באַדייטענדיגע ערפאָלגען. ס'זיינען קאָלאָניזירט געוואָרען מעהר פון פינף טויזענט משפחות און ס'איז פאַרפעסטיגט געוואָרען די לאַגע פון די פריהערדיגע קאָלאָניסטען. די באַוועגונג האָט פאַרכאַפּט אַלץ ברייטערע קרייזען פון דער אידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד און האָט געוואונען אַלץ מעהר סימפּאַטיעס אינ'ם אויסלענדישען אידענטום. די דאָזיגע סימפּאַטיעס דערקלעהרען זיך ניט נאָר מיט די באמת באַדייטענדיגע ערפאָלגען אין דער קאָלאָניזאַציע גופא, נאָר אויך מיט דעם, וואָס אינ'ם לעצטען יאָהר האָבען די קאָמוניסטען ווייטער געפיהרט די אַרבייט פון פאַרבעסערען די לאַגע פון די אָרימע אידישע מאַסען אין די שטעדט און שטעדטלאַך. די קרעדיט־קאַסעס פאַר בעלי־מלאכות האָבען זיך נאָך מעהר פאַרפעסטיגט און אַ דאַנק די גרויסע קרעדיטען פון די מלוכה־בענק האָבען זיי באַקומען גרעסערע מעגליכקייטען צו געבען רעאַלע שטיצע דעם אָרימען בעל־מלאכה. די גאָר אָרימע קרעמערלאַך זיינען געווען באַפרייט פון די שווערע רואינירענדיגע שטייערען. אויף אַזאַ אופן האָט זיך באַקומען, אַז העכער אַ העלפט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד איז געוואָרען צוגערעכענט צו די גלייכבאַרעכטיגטע אַרבייטענדיגע עלעמענטען און האָט באַקומען אַלע פּריווילעגיעס פון אַזעלכע.

דער צוזאַמענפאָהר פון „געזערד" אין מאָסקווע אין מיטען נאָוועמבער האָט באַוויזען, ווי ערנסט די סאָוועטישע מלוכה מיינט מיט דעם צוציהען אידען צו ערד־אַרבייט און ווי ברייט די דאָזיגע באַוועגונג האָט פאַרכאַפּט די פאַרשידענסטע קרייזען פון דער אידישער געזעלשאַפטליכקייט. דאָס כאַראַקטעריסטישע אויפ'ן צוזאַמענפאָהר איז געווען די רעדע פונ'ם פאָרזיצער פון דער צענטראַל־עקזעקוטיווע פון די סאָוועטען קאַלינין, וועלכער האָט איינגע'טענה'ט מיט די אידישע קאָמוניסטען, אַז אידען מעגען גלייך מיט אַלע פעלקער שטרעבען צו איינהאַלטען זייער נאַציאָנאַלען קיום און אַנטוויקלען זייערע נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען און אַז די קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג דאַרף אָפען טראָגען די נאַציאָנאַלע פאָהן. די אידישע קאָמוניסטען האָט די דאָזיגע „גוי'אישע" רעדע גאָר ניט געשמעקט און זיי האָבען זיך שטאַרק באַמיהט אָפּצושוואַכען דעם איינדרוק איהרען.

אין יאָהר 1926 האָט מען ענדליך געמאַכט אַ סוף צו די אַלע קאָמוניסטישע עקספּערימענטען, וועלכע האָבען געשטערט דער קאָלאָניזאַציע. מען האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעזאָגט פונ'ם קאָלעקטיוויזם; מען האָט געלאָזט פריי זיך אויסטיילען פון די קאָלעקטיווען און אַנטוויקלען פּריוואַטע ווירטשאַפטען; מען האָט אויפגעהערט קוקען קרום אויף די פּריוואַטע ווירטשאַפטען און זיי האַלטען ווי שטיף־קינדער; מען האָט אויפגעהערט צו צווינגען בויען גרויסע הייזער, כדי צו לערנען דעם קליינשטעדטעלדיגען אידען צו „קאָלעקטיוויסטישען" לעבען — הכלל, מען האָט געעפענט גאָר ברייטע טויערען דער קליינבירגערליכער אינדיווידואַליסטישע סטיכיע פונ'ם אידען, און דאָס וועט געוויס אַ סך פאַרגרינגערען דעם אַזוי אויך גענוג שווערען פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען דעם קליינשטעטעלדיגען קרעמעריש־האַנטווערקערישען אידען אין אַ פּויער.

די רעגיסטראַציע אויף איבערוואַנדערען, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין אָנהויב פון יאָהר 1926, האָט נאָך אַמאָל באַוויזען, אַז די אַרבייטענדיגע עלעמענטען — קוסטאַרען, אַרבייטער, ערד־אַרבייטער און שוואַרץ־אַרבייטער — גיבען אַ סך אַ גרע־

סערען פּראָצענט — קרוב צו 70 פּראָצענט — גרייט צו איבערגעהן צו אַגראַר־
ווירטשאַפט, ווי די הענדלעריש־קרעמערישע טיילען פון רוסישען אידענטום. דאָס באַ־
וויזט צוויי זאַכען — ערשטענס, אַז די נויט צווישען די אַרבייטענדיגע איז געוואַ
גרויס, אַז זי צווינגט נאָך איצט וואַרפען די אַלטע היים און די אַלטע באַשעפטיגונג
און זיך נעמען פאַר אַ גאַנץ נייער אַרבייט, וועלכע פאָדערט די ערשטע יאָהרען אומ־
געהויער גרויסע קרבנות. פון דערפון דאַרף מען אָבער ניט דרינגען, אַז די נויט איז
צווישען די איבעריגע טיילען פון רוסישען אידענטום קלענער — ניין, דאָס געוויס ניט,
נאָר ס'וויזט אויס, אַז די אַרבייטענדיגע עלעמענטען האָבען מעהר מוט און מעהר
גלויבען אין די אייגענע כחות און דעריבער לאָזען זיי זיך גיכער אין נייעם וועג אַריין,
וואָס איז פאַרבונדען מיט פיזישע אָנשטרענגונגען און פּסיכישער אויסגעהאַלטענקייט.

די קאָמוניסטישע פּרעסע לייקענט ניט, אַז אין רוסלאַנד זיינען איצטער דאָ ביז
800 טויזענט אידען, ד. ה. מעהר פון אַ פערטעל פון אַלע רוסישע אידען, וועלכע האָבען
קיינע באַשטימטע קוואַלען פון פּרנסה, וועלכע ווייסען אַבסאָלוט ניט, מיט וואָס זיי
וועלען איבערלעבען דעם מאָרגענדיגען טאָג, וועלכע לעבען פון שטיצע פון די אַמערי־
קאַנער קרובים און פון די אַנשטאַלטען פאַר סאָציאַלער הילף. אָט די דאָזיגע האָפּ־
נונגסלאָזע מענשען זיינען אָבער, ווייזט אויס, גאָר אַ שלעכטער עלעמענט פאַר קאָ־
לאָניזאַציע, פאַר פּיאָנערישע אַגראַר־אַרבייט, פאַר פאַרוואַנדלען סטעפּעס אין פּרוכט־
באַרע ישובים; זיי זיינען געוויס זעהר ווייניג פּאַסענד פאַר דער גרויס־פּראָדוקציע,
וואוהין ס'פאָדערען זיך פיזיש געזונטע און פּסיכיש דיסציפּלינירטע מענשען. גיכער
וואָלטען די דאָזיגע דעקלאַסירטע עלעמענטען געפּאַסט פאַר האַנטווערקעריי און הויז־
אינדוסטריע — און וויל מען ראַטעווען די דאָזיגע גרויסע מאַסען אידען פון פיזישער
דעגענעראַציע און פּסיכישער צופוילטקייט, מען מוז אָנווענדען אַ גרעסערע אויפמערק־
זאַמקייט אויף די דאָזיגע אַרבייטס־צווייגען.

ביז גאָר טרויעריג איז די לאַגע אין ליטע. אין די קליינע שטעדטלאַך איז דער
דורכשניטליכער פאַרדינסט פון אַן אַרבייטער צוויי דאָלאַר אַ וואָך. און קיינע האָפּ־
נונגען אויף בעסערע צייטען זיינען ניטאָ. ליטע איז געוועזען און איז געבליבען אַן
אַגראַר לאַנד. נאָר אויב פאַר דער מלחמה האָט ליטע עקספּאָרטירט איינציגע אַגראַר־
פּראָדוקטען און דאָס האָט געגעבען דעם פּויער מיטלען אויף קויפען די נויטיגע שטאָד־
טישע פּראָדוקטען און אויסאַרבייטונגען, איז איצט ליטע, וועלכע איז שטאַרק אָפּ־
געשטאַנען פון איהרע פעהיגערע און קולטורעלערע שכנים, ניט קאָנקורענץ־פעהיג.
דער מלוכה־אַפּאַראַט שלינגט איין אַ גרויסען טייל פאָלקס־הכנסה, און דער האַנדעל,
וואָס ווערט מעהר פון אַלע איבעריגע ווירטשאַפטס־צווייגען באַשטייערט, קריכט ניט
אַרויס פון קריזיס־צושטאַנד. דאָס ביסעל אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אויך פאַר דער
מלחמה לאַנגזאַם אַנטוויקעלט, פּרובט גאָרניט קומען צו זיך, וויייל אָהן דעם רוסישען
מאַרק האָט זי קיינע האָפנונגען אויף אָפּזאַץ.

פיהלען זיך טאַקע די אידען אין ליטע ווי פאַרשפּאַרטע אין אַ שטייג און מען
רייסט זיך אין דער וועלט אַריין און מען שיקט פּיאָנערען אין אַלע עקען וועלט, טאָמער
וועלען זיי דורכלעגען אַ וועג פאַר אַ ברייטערער אויסוואַנדערונג. קרעכצען אין ליטע
אַלע קלאַסען אונטער דעם יאָך פון וואַקסענדע שטייערען און אומאויפהערליכע קריי־
זיסען און מען קוקט אַרויס אויף דעם בריף־טרעגער, אויף דעם דאָזיגען משיח, וואָס
ברענגט אַ פּאָר דאָלאַר פון אַמעריקאַ אָדער דרום אַפריקאַ אָדער גאָר אַ גוטע בשורה,
אַז מען קען זיך קלייבען אין וועג אַריין.

אין וועג אַריין — דאָס איז אייגענטליך דער טרוים, דער טיפער נשמה־טרוים
פון גאָר גרויסע טיילען פון אייראָפּעאישען אידענטום!

אַ ביסעל בעסער איז די לאַגע אין לעטלאַנד, אין דעם שכנ'ישען לאַנד פון ליטע.
די הערשאַפט פון די דייטשע באַראָנען האָט ניט נאָר קייטען פון קנעכטשאַפט געגעבען
דעם דאָזיגען לאַנד, נאָר אויך דייטשע קולטור, דייטשע מעטאָדען פון ערד באַאַרביי־
טען, דייטשע פעהיגקייטען צו ווירטשאַפטען, דייטשע געוואוינהייט צו אַרבייטען, אַר־
בייטען תמיד, אינטענסיוו און מיט ליבע. און די לעטלאַנדישע אַגראַר־ווירטשאַפט

האָט שוין טאַקע דעריאָגט איהר פאַר מלחמה'דיגען צושטאַנד און האָט שוין באַקומען צוריק איהרע פאַר מלחמה'דיגע מערק פאַר איהר פלאַקס און פלייש, עופות און אייער, וואַלד און תבואה.

אמת, לעטלאַנד האָט געהאַט אַ רייכע אינדוסטריע, און די דאָזיגע איז ניט אויפגעשטעלט, און די רעגירונג סטאַרעט זיך צוליב פּאָליטישע טעמים, אַז זי זאָל ניט אויפשטעהן קיין תחית המתים, אָבער לעטלאַנד איז פאַר רוסלאַנד געבליבען אַ טראַנזיט־לאַנד און דאָס גיט ניט ווייניג פּרנסה אַ געוויסען טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג. דער דלות איז דאָ אויך גענוג גרויס, און די אידישע בעלי־מלאכה קלאָגען זיך, אַז זיי ווערען פאַרקאָנקורירט פון'ם וואַקסענדיגען לעטישען האַנטווערקער, וועלכער איז פיזיש געזונטער, פּסיכיש דיסציפּלינירטער, מעהר אויסגעבילדעט אין זיין פאַך און מעהר איבערגעגעבען זיין אַרבייט, ווערט מעהר געשטיצט פון דער רעגירונג מיט קרעדיט און מיט אומזיסטע פאַך־קורסען. אָבער דאָך איז אין לעטלאַנד די שטימונג ניט אַזאַ דערשלאָגענע, ניט אַזאַ אַפּאַטישע און אָפּגעלאָזטע ווי אין ליטע.

2. די קולטורעלע אַרבייט.

ס'איז אַ רעטעניש, וועלכע האָט איהר ערקלעהרונג אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ הויך־אַנטוויקעלטען פאָלק, וואָס ווייסט דעם גרויסען ווערט פון קולטור, אָבער ס'איז אַ פאַקט, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם גרויסען עקאָנאָמישען חורבן, וואָס די מלחמה און רעוואָלוציע האָבען אונז געלאָזען, ניט קוקענדיג אויף דעם שווערען עקאָנאָמישען קריזיס, פון וועלכען דאָס מזרח־אידענטום קען זיך ניט אַרויסרייסען, קומט פאַר דאָך אַ גרויסע קולטורעלע אַרבייט, אַ גרויסע שעפּפערישע קולטורעלע **מאַסען**־אַרבייט. מיר שטרייכען אונטער דאָס וואָרט **מאַסען**, ווייל קיינמאָל נאָך איז די **מאַסען**־שפּראַך און **מאַסען**־קולטור ניט געשטאַנען אַזוי הויך אין צענטער פון אידישען שאַפען, ווי איצט. ערשט דער קומענדיגער דור וועט שניידען די פּרוכטען פון דער אַרבייט פון אונזער דור, וואָרים ס'איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלען, ווי די אידישע מאַסע וועט אויסזעהן, ווען זי וועט דורכגעהן אַ נאָרמאַלע אייראָפּעאישע שול אין איהר מוטער שפּראַך, ווען זי וועט זיך דערפיהלען גלייכבאַרעכטיגט און גלייכבאַווערטיגט מיט אַלע פעלקער, ווען זי וועט דערפיהלען, אַז שטאָלץ זיין קען מען ניט נאָר מיט דער אַלטער שפּראַך פון ישעיה הנביא, נאָר מיט דער יונגער לעבעדיגער שפּראַך פון שלום־עליכם און פּרץ.

איך שרייב דאָס דאָזיגע אַרטיקעל אין לעטלאַנד און איך האָב געזעהן, ווי אין דעם דאָזיגען קליינעם לאַנד ווערט שוין כמעט אַ העלפט אידישע קינדער ערצויגען און אויסגעבילדעט אין דער אידישער שפּראַך. און מען זיצט אין זעקסטען און זיבעטען קלאַס גימנאַזיע און מען לערענט אַלגעבראַ און געאָמעטריע, נאַטור וויסענשאַפטען און געשיכטע, אַלוועלטליכע און אידישע ליטעראַטור און אַלעס, אַלעס אין דער אידישער שפּראַך. ס'וואַקסט שוין אויס אַ דור, וואָס וועט גאָרניט פאַרשטעהן פאַרוואָס זאָלען אידישע קינדער ניט ערצויגען ווערען אויף אידיש.

אין רוסלאַנד לערנען זיך אין אידישע שולען 50 פּראָצענט פון אַלע אידישע קינדער, וועלכע באַזוכען שולען — אינגאַנצען דערגרייכט די צאָהל קינדער אין די אידישע שולען ביז 115 טויזענט. און ס'וועט ניט אַוועקגעהן קיין פּאָר יאָהר, ווי דאָס אידישע קינד אין רוסלאַנד וועט אינגאַנצען פאַרלאָזען די פרעמדע שול. ערשט צוריק מיט אַ פּאָר יאָהר האָט די אידישע באַפעלקערונג אָפען געקעמפט געגען דער אידישער שול — טעמים זיינען דאָ געווען עטליכע: די קאָמוניסטישע פּראָגראַם פון די למודים, די איבערטריבענע מלחמה מיט גאָט, די צוואַנגס־מיטלען ביים איבערפיהרען פון רוסישע שולען אין אידישע, די שנאה צו די יעווסעקען און טאַקע די נאָך געוועלטענדיגע אַסימילאַציע־טראַדיציע. איצט האָט דער קאַמף שטאַרק נאָכגעלאָזען, ווייל די יעווסעקען האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך ווילדע שטות'ערייען, וועלכע זיי האָבען פריער געהאַלטען פאַר קאָלאָסאַל וויכטיג, און פון דער צווייטער זייט, האָט די אידישע

מאַסע דערזעהן, אַז די אידישע שול גיט ניט קיין ערגערע בילדונג ווי די רוסישע און ניט קיין קלענערע רעכט ווי די לעצטע.

נאָר נאָך אינטערעסאַנטער און אנגענעמענער זיינען די ידיעות פון פּוילען. — די אידישע שול האָט ניט קיין רעכט, אויך נאָך דער פּילסודסקי איבערקעהרעניש; קיין סובסידיעס אודאי און אודאי ניט, און דאָך וואַקסט די שול־באַוועגונג און די שול־בויאונג מיט גרויס ערפאָלג. די קאַמפּאַניע, וואָס די שול־אָרגאַניזאַציע האָט היינטיגס יאָהר דורכגעפיהרט, האָט אריינגעצויגען די ברייטסטע אידישע מאַסען אין דער שול־באַוועגונג. אויף די מיטינגען, וועלכע זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען אין גאַנצען לאַנד, זיינען איבערגעוועזן צעהנדליגע טויזענטער אידען, און אין מיניסטעריום פון בילדונג זיינען געשיקט געוואָרען טעלעגראַמעס פון צעהנדליגע שטעדט מיט דער פאָדערונג צו געבען די אידישע קינדער אַ מלוכה־שול אויף דער מוטער־שפּראַך. צום נייעם לערן־יאָהר האָבען זיך געעפענט ביי 30 נייע שולען, און דאָס איז ביי דעם קריזיס און ביי דער מעגליכקייט שיקען דאָס קינד אין אַן אומזיסטער פּוילישער שול. ווי גרויס די באַגייסטערונג פאַר דער אידישער שול איז אין פּוילען, קען מען זעהן פון לאָדז. די אידישע אַרבייטער פון פאַרשטאָדט באַלוט, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין שרעקליכער אָרימקייט, האָבען זיך באַשטייערט מיט ספּעציעלע אָפּצאָהלונגען אויף דעם שכר־למוד, כדי צו עפענען צוויי נייע שולען אינ׳ם דאָזיגען טייל שטאָדט. אין לאָדז זעלבסט האָבען זיך פאַרשריבען אין די ערשטע קלאַסען פון די עקזיסטירענדיגע אידישע שולען צו 110 קינדער אין אַ קלאַס, ווען לויט דער נאָרמע דאַרפען זיין 30—35 קינדער אין אַ קלאַס.

היינטיגס יאָהר האָט אין פּוילען דאָס ערשטע מאָל פאַרכאַפּט די שול־באַוועגונג ניט נאָר די אַרבייטער, נאָר אויך אַ סך ברייטערע מאַסען — בעלי־מלאכות, שוואַרץ־אַרבייטער און אפילו אָרימע קרעמערלאַך. ס׳איז ווירקליך געוואָרען אַ פאָלקס־באַוועגונג, מיט וועלכער ס׳וועלען זיך מוזען רעכענען אי די אידישע קהלות, וואו ס׳גע־וועלטיגען די אָרטאָדאָקסען מיט דער הילף פון די ציוניסטען, אי דאָס פּוילישע בילדונגס־מיניסטעריום. דער ברייטער פאָלקס־כאַראַקטער פון דער שול־באַוועגונג אין פּוילען, די גרויסע באַגייסטערונגען פון די מאַסען און פון די לעהרער — דאָס זיינען די בעסטע גאַראַנטיעס פאַר׳ן קומענדיגען נצחון.

ביי היינטיגען טאָג לערנען זיך אין אידישע שולען אין אייראָפּא ביי 150 טויזענט אידישע קינדער. אין דריי לענדער — רוסלאַנד, לעטלאַנד און ליטע — ווערען די אידישע שולען אויסגעהאַלטען אויפ׳ן חשבון פון דער מלוכה. אין די ערשטע צוויי לענדער דעקט די מלוכה אַלע אויסגאַבען; אין ליטע — נאָר אַ טייל הוצאות. אין אייראָפּא זיינען איצט פאַראַן צעהן אידישע פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטען, וואָס לאָזען אַרויס יעדעס יאָהר עטליכע הונדערט לעהרער. אין רוסלאַנד זיינען, חוץ פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטען, נאָך פאַראַן פיר אידישע פאַקולטעטען — אין לענינגראַד, מאָסקווע, קיעוו און אדעס. פאָלקס־אוניווערזיטעטען זיינען דאָ כמעט אין אַלע גרויסע שטעדט, ווי וואַרשאָ, ריגע, קאָוונע, קיעוו, אדעס, כאַרקאָוו און אין פילע אַנדערע.

אָט די דאָזיגע גרויסע אַרבייט אויפ׳ן געביט פון פאָלקס־בילדונג, וואָס ווערט געמאַכט אַזוי שטיל און באַשיידען, באַדייט אין דער אמת׳ן אַ גרויסע רעוואָלוציע אין אונזער פאָלקס־לעבען. ס׳הויבט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטעל אידישע געשיכטע — אַ נייער דור, וואָס באַקומט וועלטליכע בילדונג אויף זיין פאָלקס־שפּראַך, אַ דור, וואָס מען צורייסט ניט זיין נשמה צווישען אידישער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און פרעמדער געגענוואַרט, נאָר מען גיט איהם אַ פאַכמאַנישע אידיש־מענשליכע ערציהונג.

מיר האָבען ניט אויסגעשעפּט, פאַרשטעהט זיך, אַלע געביטען פון קולטור־טעטיגקייט — טעאַטער, פאַרלאַג־אַרבייט, ביבליאָטעקען, וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט און אַ סך אַנדערע צווייגען.

דאָס אידישע לעבען אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען אין יאָהר 1926

פון צביון.

דאָס אידישע לעבען אין אמעריקא האָט דאָס יאָהר זיך נים אויסגעצייכענט מיט וועלכע עס איז וויכטיגע פאַסירונגען, אויסער די גרויסע סומען הילף־געלדער, וואָס זיינען געזאַמעלט געוואָרען פאַר די אידען אויף יענער זייט ים.

דאָס אידישע לעבען אין אמעריקא איז מעהר לאָקאַל. יעדער שטאָדט האָט זיך איהר אייגען לעבען. קיין צענטראַלער פּונקט איז ניטאָ. און אויף וויפיל עס זיינען פאַראַן צענטראַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אמעריקא, ווי די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע און דער אידישער קאָנגרעס, שפּיגלען זיי מיט זיך גאַנץ ווייניג אָפּ דאָס אידישע לעבען אין אמעריקא. זיי זיינען מעהר פאַר אויסלאַנד, ווי פאַר אינלאַנד. און ווען מען קען ריידען אין אמעריקא וועגען אַן אַלגעמיינער אידישער אַקציע איז דאָס אויך נאָר ווען מען דאַרף עפּעס טאָן פאַר די אידען אויף יענער זייט ים. דאָס האָט זיך דאָס יאָהר אויסגעדריקט אין דעם גרויסען 25-מיליאָן־דאָלאַר „דראַיוו" צו העלפען די אידישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד און די פאַראָרימטע אידען אין פּוילען און אין אַנדערע לענדער.

אויסער דער הילפס־ארבייט זיינען קיין אַלגעמיינע אידישע געזעלשאַפטליכע אָדער נאַציאָנאַלע ארויסטרעטונגען, אָדער אונטערנעהמונגען ניטאָ. יעדע אידישע קהילה אין יעדער אמעריקאנער שטאָדט איז זיך א וועלטעל פאַר זיך. און ווען איך געברויך דאָס וואָרט „קהילה" איז דאָס אויך נים מעהר ווי א מליצה. אין אמע־ריקא האָבען די אידען נים קיין קהלות, נאָר „קאָנגרעגיישאָנס". יעדע שול און יעדע חברה איז א באַזונדערע מלוכה. אמאָל האָט מען פּראָבירט גרינדען א קהילה אין ניו יארק און מאַנכע אַנדערע גרעסערע שטעדט אין אמעריקא האָבען פּרובירט נאָכטאָן ניו יארק, נאָר עס האָט נים אויסגעהאַלטען.

פּראָבען זיינען געמאַכט געוואָרען אין מעהרערע גרעסערע שטעדט צו פאַראייני־גען די אידישע צדקה ארבייט אָדער די אידישע פילאַנטראָפּיע און אין מאַנכע שטעדט האָט זיך עס אויך ביז א געוויסען גראַד איינגעגעבען. דאָס זיינען אַלץ פּראָבען צו פאַראייניגען די אידען אין די באַטרעפענדע שטעדט אין אַן אָרגאַניזירטער קהילה, ווען אפילו דער נאָמען קהילה ווערט אויסגעמידען.

מען דאַרף דערביי מאַכען אַן אונטערשייד צווישען אידישע אָרגאַניזאַציעס און צווישען אָרגאַניזאַציעס פאַר אידישער טעטיגקייט.

צענטראַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַרהאַן אייניגע. אַלע אידישע אָרדענס זיינען צענטראַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער זיי זיינען נים געשאַפען געוואָרען פאַר דעם צוועק פון אידישער טעטיגקייט, נאָר פאַר געגענזייטיגער הילף. אמת, מאַנכע פון זיי האָבען א ברייטען פּראָגראַם פון אידישער טעטיגקייט, אָבער אויך אין דעם פאַל איז זייער טעטיגקייט מייסטענס נים אַן אַלגעמיינע, נאָר זי באַ־שרענקט זיך בלויז פאַר זייערע מיטגלידער. פון די היגע אידישע אָרדענס קען מען

אפשר בלויז דעם אָרדען „בני ברית" רעכענען פאר א צענטראלער אידישער אָרגאַניזאציע, וואָס איהר הויפט־אויפגאבע איז אידישע טעטיגקייט.

די אמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע און דער אידישער קאָנגרעס זיינען כמעט די איינציגע אידישע צענטראלע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבען ניט קיין אַנדערע צוועקען און אויפגאבען, אויסער אידישע טעטיגקייט.

עס איז אפשר ניט ריכטיג אָנצורופען די אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע מיט דעם נאָמען צענטראלע אידישע אָרגאַניזאציע. פאקטיש איז די אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע א זעלבסט־געקרוינטע אידישע צענטראלע אָרגאַניזאציע. דאָס פאָלק האָט איהר קיינמאָל ניט געוועהלט און דאָס פאָלק האָט איהר קיינמאָל ניט באפאָלמעכטיגט און קיינמאָל ניט געבעטען, אז עס זאָל זאָרגען פאר זיינע אינטערעסען. די אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע באשטעהט פאקטיש פון א גאנץ באשרענקטען קרייז רייכע טעמפעל אידען, אָדער יאהודים, ווי מען רופט זיי געוועהנליך. זיי האָבען די קאָמיטע אָרגאַניזירט, זיי זיינען איהרע גבאים און זיי זיינען אויך איהר „פאָלק".

מען מוז אָבער צוגעבען, אז ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע קען פון א דעמאָקראטישען שטאנדפונקט אין קיין פאל ניט גערעכענט ווערען פאר א צענטראלער אידישער אָרגאַניזאציע, איז זי דאָך פאקטיש די איינציגע אידישע צענטראלע אידישע אָרגאַניזאציע, וועלכע האָט געוואונען א גרויסע אויטאָריטעט ניט בלויז ביי די טעמפעל אידען, די יאהודים, נאָר אויך ביי די אידישע אידען.

געווען א צייט, ווען די אידישע אידען האָבען רעוואָלטירט געגען דער זעלבסט־געקרוינטער אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם גרויסען אויפשוואונג פון דעמאָקראטיע אויף דער אידישער גאס, אין דער צייט, ווען מען האָט גערופען אידישע קאָנגרעסען און מען איז געגאנגען צום פאָלק.

אין יענער צייט האָט יעדער דעמאָקראטיש געשטימטער איד געהאלטען פאר זיין הייליגע פליכט צו ווארפען א שטיין אין דער אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע און איהר אָנזידלען פאר איהר אויטאָקראטישקייט, פאר איהר זעלבסטהערשאפט און פאר איהר שטאָלצקייט. און עס איז געווען א מאָמענט, ווען די שטאָלצע אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע האָט זיך אָנגעפאנגען פיהלען אומזיכער מיט איהר הערשאפט אויף דער אידישער גאס און זי האָט זיך געבויגען פאר'ן ווילען פון פאָלק, עס הייסט פאר דער דעמאָקראטיע. די אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע האָט איינגעשטימט צו קומען צום אידישען קאָנגרעס און פאָלגען, וואָס דער קאָנגרעס וועט באשליסען. אָבער דערמיט האָט זיך די דעמאָקראטישקייט פון דער אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע געענדיגט. מעהר האָט זי קיין קאָנגרעסען ניט געוואָלט און זי איז צו זיי מעהר ניט געגאנגען.

דער אידישער קאָנגרעס, וואָס האָט זיך אָרגאניזירט פאר דעם צוועק צו זיין פארטראָטען אויף דער פרידענס־קאָנפערענץ אין ווערסאַל, איז שפּעטער געבליבען א פערמאנענטע אָרגאַניזאציע פון דעם אידישען פאָלק אין אמעריקא. אָבער עס איז מעהר א פאָלקס־אָרגאַניזאציע אין נאָמען ווי אין דער ווירקליכקייט.

דער אידישער קאָנגרעס, אָן וועמעס עקזיסטענץ א סך האָבען שוין איינגאנצען פארגעסען, האָט גענומען אויף זיך די זעלביגע אויפגאבען, וואָס די אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע, נאָר מיט דעמאָקראטיע אלס צוגאָב. עס האָט געהייסען, אז אויף דער אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע קען מען זיך ניט פארלאזען, ווייל זי איז ניט דעמאָ־

קראַטיש. זי איז ניט געוועהלט פון פאָלק און פרעגט ביי פאָלק קיין דעה ניט. אָבער וואָס העלפט עס, אַז אויך ביים אידישען קאָנגרעס האָט די דעמאָקראַטיע קיין מזל ניט. אויך דער אידישער קאָנגרעס איז גאַנץ ווייט פון זיין אַ רעפּרעזענטירענדע אָרגאַניזאַציע. אמת, דער אידישער קאָנגרעס איז גרייט צו געבען וויפיל דעמאָקראַטיע מען וועט נאָר פון איהם פאַרלאַנגען, אָבער דאָס פאָלק אינטערעסירט זיך מיט איהם וועניג און נוצט ניט אויס די דעמאָקראַטיע, וואָס מען האָט איהם אָנגעבאָטען. דער רעזולטאַט איז, אַז אויך דער אידישער קאָנגרעס ווערט געפיהרט פון אַ קליינע גרופּע מענשען, אדער טאַקע ניט מעהר ווי אַ פּאָר, מיט דעם אונטערשיד, וואָס די אמעריקאַן דזשוּאיש קאָמיטע האָט אַן איינפלוס און אַן אויטאָריטעט ניט בלויז ביי די טעמפּעל אידען נאָר אפילו ביי די אידישע אידען, בעת דער אידישער קאָנגרעס האָט קיין אויטאָריטעט און קיין איינפלוס ניט אפילו ביי זיינע אייגענע מענשען.

ריידענדיג וועגען צענטראַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אמעריקא, האָב איך אויסגעלאָזען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי איז די גרעסטע און די איינפלוסרייכסטע אידישע אָרגאַניזאַציע.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז פריהער ווי אַלץ אַ פּאַרטיי אָרגאַניזאַציע און איך רייד דאָ וועגען אַלגעמיינע אידישע אָרגאַניזאַציעס. אמת, דער אידישער קאָנגרעס איז פּאַקטיש אויך אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אָבער אָפיציעל גיט ער זיך אָן פאַר אַן אַלגעמיין אידישע קערפּערשאַפט. נאָר ניט דאָס איז נאָך דער עיקר. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אמעריקא איז אין דער ווירקליכקייט ניט מעהר ווי אַן אַגענטור צו זאַמלען געלד פאַר פּאַלעסטינאַ. קיין אנדער טעטיגקייט האָט זי ניט.

געוויס קען מען געפינען דעם איינפלוס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע כמעט אין יעדען אידישען ווינקעל, אָבער עס איז אַן איינפלוס, וואָס דריקט זיך אויס בלויז אין זאַמלען געלט. קיין אַנדער טעטיגקייט האָט דאָ ניט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פּרובירט טאָן עפּעס מעהר ווי זאַמלען געלד. זי האָט באַשלאָסען אויך זיך צו פאַרנעמען מיט אידישער קולטור ארבייט. עס איז פאַר דעם צוועק צונויפגערופען געוואָרען אַ קאָנפערענץ און עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ גאַנץ ברייטע פּראָגראַם. און עס איז וויכטיג צו באַמערקען, אַז די קאָנפערענץ איז געווען גאַנץ טאָלעראַנט צו דער אידישער שפּראַך. אמת, מען האָט איהר ניט געגעבען די פולע גלייכבארעכטיגונג מיט העברעאיש, אָבער זי האָט דאָך ביז אַ געוויסען גראַד באַקומען „נאַציאָנאַלע רעכט". נאָר וואָס איז דער אונטערשיד, אַז אַלע באַשלוסען פון דער קאָנפערענץ זיינען סאַי ווי סאַי געבליבען ניט מעהר ווי אויפ'ן פּאַפּיר און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז ווי פריהער געבליבען ניט מעהר ווי אַ געלד־זאַמלונג אַגענטור.

און וואָס איז שייך צו זאַמלען געלד איז דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר געווען באַזונדערס גערָאָטען. אין קיין אנדער יאָהר איז נאָך ביי די אידען אין אמעריקא ניט געזאַמעלט געוואָרען אַזוי פיל געלד פאַר אידישע אנגעלעגנהייטען, ווי אין פאַריגען יאָהר.

ליידער האָב איך ניט קיין ציפער פון די געלד־סומען, וועלכע זיינען געזאַמעלט געוואָרען אין די פאַרשידענע אמעריקאַנער שטעדט פאַר די לאָקאַלע אידישע צדקה־אַנשטאַלטען און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס. עס איז גענוג צו זאָגען, אַז אין

ניו יארק אַליין האָט די פאַראייניגטע אידישע צדקה פעדעראַציע געזאַמעלט אַרום 5 מיליאָן דאָלאַר. וויפיל די חברות און די פאַראיינען, וועלכע זיינען נים אָנגעשלאָסען אָן דער פעדעראַציע האָבען געזאַמעלט, איז איננאַנצען אומבאַקאַנט. עס איז אָבער קיין צווייפעל ניט, אז די סומע איז אַ גאַנץ באַדייטענדע. אין פיל שטערט זיינען ריזיגע סומען געלט געזאַמעלט געוואָרען אויף צו בויען און אויסהאַלטען די אַזוי גערופענע „אידישע צענטערס", וועלכע זיינען אין די לעצטע עטליכע יאָהר אַריין זעהר שטאַרק אין דער מאָדע ביי די אויפגעקומענע אידען אין אַמעריקע.

אַמאָליגע יאָהרען זיינען עס געווען די יאַהודים, וועלכע האָבען באַזאָרגט די אידען אין אַמעריקע מיט „אידישע צענטערס". זיי האָבען עס גערופען מיט פאַרשיידענע נעמען — „עדיוקיישאָנאַל אַלייענסעס", „היברו אינסטיטוטס" א. אז. וו. אין די לעצטע עטליכע יאָהר אָבער האָבען די אידען זיך אַליין אָנגעפאַנגען באַזאָרגען מיט אַזעלכע אינסטיטוציעס און אויף אַ גאַנץ רייכען אופן. אין מאַנכע ערטער אַזוי רייך, אַז די יאַהודים אפילו דאַרפען זיך שעמען.

די אידישע צענטערס ווערען געבויט פון די אויפגעקומענע האַלב און דריי פערטעל אויסגעגרינטע אידען, וואָס די היימישע שול איז פאַר זיי שוין צו אַלט־מאָדיש און דער טעמפעל איז פאַר זיי נאָך צו ניי־מאָדיש. אַ גרויסער טייל פון די דאָזיגע אידען, וועלכע זיינען שטאַרק רייך געוואָרען דורך די מלחמה און דורך די פּראָספּעריטי נאָך דער מלחמה, זיינען פריהער געווען ראַדיקאַלען, סאָציאַליסטען, אָדער אַנאַרכיסטען. זיי זיינען דורך זייער רייכקייט ניט פרומער געוואָרען, אָבער זיי זיינען געוואָרען סטאַטעטשנער. געלד מאַכט באַלעבאַטיש געשטימט. אַ באַלעבאַטישער מענש דאַרף זיך פיהרען אידישלעך. עס פאַרשטעהט זיך, אז ניט אויף דעם אַלטען שטייגער. עפּעס איז מען דאָך פּראָגרעסיווע מענשען, און מען לעבט דאָך אין אַמעריקאַ. בויט מען דעריבער אידישע צענטערס. גרויסע, רייכע געביידעס מיט אַלע „אימפּראָוועמענטס". דאָרטען איז פאַראַן אַ שול צו דאַווענען און אַ טערקישע באָד זיך צו באָדען; אַ תלמוד תורה און אַ טאַנץ־זאַל; אַ ראַבאַי און גימנאַסטיקע — אין קורצען אַלץ, וואָס אַ מאָדערנער באַלעבאַטישער איד דאַרף האָבען פאַר זיך מיט זיין פאַמיליע. אין מאַנכע ערטער זיינען אויסגעבויט געוואָרען אידישע צענטערס, וואָס קאָסטען איבער אַ מיליאָן דאָלאַר.

נאָר ניט וועגען די געלד־זאַמלונגען פאַר אידישע לאָקאַלע צוועקען האָב איך דאָ געוואָלט ריידען. דאָס זיינען זאַמלונגען, וואָס מען קען קיינמאָל ניט וויסען גענוי ווי גרויס די סומע איז. עס ווערט פון קיינעם ניט געפיהרט אַזאַ סטאַטיסטיק. מען קען אָבער זעהן ווי גרעסטען עס זיינען געווען די געלד־זאַמלונגען דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר פון די גרויסע „דראַייווס" וואָס זיינען דאָ געמאַכט געוואָרען ניט פאַר לאָקאַלע צוועקען, נאָר פאַר אויסלאַנד.

דער 15־מיליאָן־דאָלאַרדיגער הילף „דראַייוו" איז געווען אַזוי ערפאָלגרייך, אַז ער איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ 25־מיליאָן־דאָלאַרדיגען „דראַייוו". און אומזיסט האָבען זיך די ציוניסטען געשראָקען, אַז צוליב דעם הילף־דראַייוו וועלען זיי ווייניגער קענען זאַמלען פאַר'ן ציוניזם. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אויך זיי האָבען אין פאָריגען יאָהר געזאַמעלט מעהר, ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען. זיי האָבען זיך נאָר געדאַרפט אַביסעל מעהר אָנשטרענגען.

און דאָס קומט ניט דערפון וואָס די אידען אין אַמעריקאַ גיבען אַ סך. ניין, פאָרלויפיג האָבען די אַמעריקאַנער רייכע אידען זיך נאָך ניט אויסגעלערנט צו

געבען א סך, ווי דאס טוען מאנכע פון זייערע גוי'אישע חברים, נאר עס קומט דער־פון, וואס עס זיינען אין אמעריקא פאראן א סך רייכע אידען, נאר א סך און ווען יעדער פון זיי גיט אפילו אביסעל ווערט עס אויך שוין א פולע שיסעל.

עס זיינען פאראן אין אמעריקא א סך אידישע מיליאנערען, צווישען זיי א רעכט ביסעל מולטי־מיליאנערען, וועלכע האבען מיט זייער גרויסער רייכקייט א נאמען אי־בער'ן גאנצען לאנד, אבער מיר האבען פארלויפיג נאך ניט געהערט אז ווער עס איז פון זיי זאל געבען מיליאן־דאלארדיגע נדבות פאר אידישע צוועקען. דזשוליוס ראָ־זענוואלד פון שיקאגא איז געווען דער איינציגער אידישער מיליאנער אין אמעריקא, וואס האט געגעבען א מיליאן דאלאר פאר דעם הילף „דראיוו".

מיר הערען גאנץ אפט ווי די אמעריקאנער גויאישע מיליאנערען גיבען אויף פארשידענע צוועקען מיליאנען דאלארס מיט אמאל. מיר הערען עס אבער גאנץ זעלטען פון די אידישע מיליאנערען. אלענפאלס ניט פאר אידישע צוועקען. פאר־לויפיג זיינען באקאנט די נעמען פון בלויז צוויי אידישע מיליאנערען, וועלכע הא־בען געגעבען מיליאנען פאר אידישע צוועקען. דאס איז באראן הירש פאר דער אידישער קאלאניזאציע געזעלשאפט און באראן ראטשילד פאר פאלעסטינא. אבער ביידע זיינען ניט קיין אמעריקאנער מיליאנערען נאר אייראפייאישע. ווען די אמע־ריקאנער אידישע מיליאנערען וואלטען זיך אויסגעלערענט געבען ווי די גויאישע אמעריקאנער מיליאנערען גיבען, דאן וואלט ווענינגסטענס וואס איז שייך צו געלד פאר אידישער טעטיגקייט קיין דאגה ניט געווען. מען וואלט אפשר ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט דעם געלד, מען וואלט אפשר דאס געלד אויסגעגעבען אויף אזא אידישער טעטיגקייט, וואס טויג ניט אדער איז שעדליך, אבער ווענען געלד וואלט מען ניט געדארפט זארגען.

נאר ווי די זאך זאל ניט זיין איז דאס פארגאנגענע יאהר געווען אין אלגע־מען איינס פון די באזונדערס גראטענע יאהרען אין געלט־זאמלונגען צווישען די אמעריקאנער אידען.

און דא איינענטליך האט מען זיך געדארפט אפשטעלען ווייל עפעס אנדערש פון א באדייטענדען ווערט איז אין דעם לעבען פון די אידען אין אמעריקא ניט פאר־געקומען אין פאריגען יאהר.

* * *

נו, איך בין אפשר באגאנגען אן אומרעכט, וואס איך האב אין אן איבערזיכט פאר אן אלמאנאך, וואס ווערט ארויסגעגעבען פאר אידישע ארבייטער, אפגעגעבען דעם ערשטען פלאץ די אמעריקאנער כל ישראל אידען און די אמעריקאנער יאהודימ־שע אידען. על פי יושר האב איך געדארפט אנפאנגען מיט די פראלעטארישע אי־דען, מיט די ארבייטער אידען און מיט די הארעפאשנע אידען פון אונזער אמע־ריקא. איך גיב צו, אז אזוי האט עס טאקע געדארפט זיין, אבער איך האב, לײדער, ניט געקענט געפינען עפעס וויכטיגעס וואס אונזערע פראלעטארישע אידען זאלען האבען אויפגעטאן אויף דעם אידישען געביט אין דעם פאריגען יאהר. און אויב עטוואס נייעס האט פאסירט איז עס געווען גיכער געבראכען ווי געבויט. איך מיין דא די שפאלטונג אין די אידישע ארבייטער רינג שולען.

עס איז אמת, אז די שפאלטונג האט קיין ממשות'דיגען שאדען ניט געבראכט די שולען פון ארבייטער רינג. אין געגענטייל, דורך דער שפאלטונג האט זיך די צאהל אידישע שולען פארגרעסערט. דער ארבייטער רינג האט אויך נאך היינט

אן ערך הונדערט שולען און אזוי פיל האָט ער אויך געהאַט, איידער די אזוי־גערופענע אומפּאַרטייאישע שולען האָבען זיך פון איהם אָפּגעריסען. אָבער די שפּאַלטונג האָט געבראַכט אַ גרויסען מאָראַלישען שאָדען פאַר די אידישע שולען, וואָס קען זיך שפּעטער גאַנץ שלעכט אָפּרופען אויף זייער ווייטערדיגער ענטוויקלונג.

די אורזאַך וואָרום די צאָהל פון די אידישע שולען איז דורך דער שפּאַלטונג גאָר געוואַקסען, איידער קלענער צו ווערען, איז אַ גאַנץ פאַרשטענדליכע. ביידע צדדים האָבען אריינגעלייגט אַ סך ענערגיע און אַ סך געלד, כדי ארויסצוקומען אַ זיגער פון קאַמף. די פראַגע איז אָבער, אויב עס וועט אויך ווייטער אַנגעווענדעט ווערען אזוי פיל ענערגיע און מיטלען, ווען די פרישקייט פון קאַמף וועט פאַרי־בער. אויף וויפיל מיר ווייסען פון דער ערפאַהרונג פאַלט ביסלעכווייז אָפּ די ענער־גיע און דאַן פאַנגען זיך אָן ארויסווייזען די אַלע איבלען, וואָס די שפּאַלטונג האָט מיט זיך געבראַכט. און די אידישע שול באַוועגונג אין ארבייטער רינג, וועלכע באַגעגענט סיי ווי סיי אזוי פיל שטרויכלונגען אין איהר וועג, נויטיגט זיך גאַנץ באַזונדערס אין פאַראייניגטע כוחות.

די אידישע שול אין אַמעריקאַ האָט אין פאַריגען יאָהר אין אַלגעמיין פּראָ־גרעסירט. ניט בלויז איז די צאָהל שולען פאַרגרעסערט געוואָרען, נאָר עס איז אויך פאַרגרעסערט געוואָרען די צאָהל קינדער אין די אַלטע שולען. דאָס איז דער פאַל ניט בלויז אין די ארבייטער רינג שולען נאָר אויך אין די שלום עליכם שולען און אין די שולען פון אידישען נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד. אין פאַריגען יאָהר איז שוין אפילו געעפענט געוואָרען אויף אַ פּראָבע אַ אידישע שול, וואו די קינדער לערנען אַ גאַנצען טאָג און די שול פאַרנעמט ביי די קינדער דעם פּלאַץ פון דער פּאָלקס־שול. די שול געפינט זיך אין פּליינפילד, ניו דזשוירזי. אין איהר ווערט געלע־רענט, אויסער אידיש, אַלץ וואָס עס ווערט געלערענט אין דער אַלגעמיינער פּאָלקס־שול פון פּליינפילד.

אינטערעסאַנט איז, אַז די תלמוד תורות האָבען אָנגעפאַנגען קאָנקורירען מיט די אידישע שולען און מעהרערע פון זיי האָבען פאַריגען יאָהר איינגעפיהרט ספּע־ציעלע קלאַסען פאַר אידיש.

אין די אַמעריקאַנער תלמוד תורות האָט מען געלערענט בלויז העברעאיש און רעליגיאָן. די אונטעררי‍כט־שפּראַך איז געווען, מיט גאַנץ קליינע אויסנאַהמען, אָדער ענגליש אָדער העברעאיש. די ערשטע מעטאָדע הייסט אין דער תלמוד־תורה שפּראַך „עברית בענגליש" און די צווייטע — „עברית בעברית". אידיש אַלס די אונטערריכטס־שפּראַך איז אין די לעצטע יאָהרען געברויכט געוואָרען אין גאַנץ ווייניג תלמוד תורות. זינט אָבער די אידישע שולען האָבען זיך אָנ־געפאַנגען פאַרשפּרייטען האָט זיך אין די תלמוד תורות אָנגעפאַנגען ענדערען די באַציהונג צו אידיש. שוין מיט אַ דריי פיר יאָהר צוריק האָבען מאַנכע גרעסערע תלמוד תורות אָנגעפאַנגען איינפיהרען קלאַסען, וואו די אונטערריכטס־שפּראַך זאָל זיין אידיש. אָבער דאָס איז געווען אַ פּעדאַגאָגישע פראַגע. איצט האָבען מעהרערע תלמוד תורות איינגעפיהרט ספּעציעלע קלאַסען צו לערנען די אידישע שפּראַך און די אידישע ליטעראַטור. דאָס איז געקומען אַלס אַ דירעקטע קאָנקו־רענץ צו די אידישע שולען. און געקומען איז עס צוליב דעם, וואָס פילע פון די עלטערען, וועלכע שיקען זייערע קינדער אין די תלמוד תורות פאַרלאַנגען, אַז

מען זאל מיט זיי אויך לערנען אידיש, אז ניט שיקען זיי זייערע קינדער אין די אידישע שולען.

ווי עס זעהט אוים האט מען צו פריה אנגעפאנגען ריידען וועגען דעם אונ־טערגאנג פון אידיש אין אמעריקע.

* * *

די אידישע ליטעראטור איז אין דעם פאריגען יאהר ביי אונז ניט איבעריג געוואקסען. אויף דעם אידישען ביכער־מארק איז געווען, ווי מען קען עס אנ־רופען, א שטילשטאנד. וויניג נייע ביכער זיינען ערשינען. עס דארף אבער דער־ביי געזאגט ווערען, אז דאס ביסעל, וואס איז ערשינען פארנעהמט א וויכטיגען פלאץ. די מייסטע פון די ערשינענע ביכער אין פאריגען יאהר זיינען ערנסטע ווערק, סאי די איבערזעצטע, סאי די אריגינעלע. מיין אויפגאבע איז דא ניט אויסצורעכענען וועלכע ביכער זיינען אין פאריגען יאהר געדרוקט געווארען אין אמעריקע, עס וועט אבער גענוג זיין צו דערמאנען אזעלכע צוויי ביכער ווי דער „פאליטישער טראקטאט" פון שפינאזא און „די חכמה פון לעבען" פון שאפענ־האוער. איך האב אויסגעקליבען די צוויי פאר א ביישפיל, ווייל אויף דעם געביט פון פילאזאפיע איז אונזער אידישע ליטעראטור געווען זעהר ארים און ווען עס קומען צו אין איין יאהר אזעלכע צוויי וויכטיגע פילאזאפישע ווערק מיט אמאל איז עס א גוטער סימן.

עס דארף אויך באמערקט ווערען, אז אין די ביכער, וואס זיינען פאריגען יאהר ביי אונז ערשינען, איז געווען א בעסערע פראפארציע צווישען בעלעטריס־טיק און וויסענשאפט אדער פובליציסטיק, איידער אין די פריהערדיגע יאהרען.

מיט עטליכע יאהר צוריק זיינען די מייסטע ביכער, וועלכע האבען זיך גע־דרוקט אין אמעריקע, געווען פון בעלעטריסטישען אינהאלט. די פראפארציע פון וויסענשאפטליכע אדער פובליציסטישע ביכער איז געווען א גאנץ קליינע און דאס איז געווען ניט קיין גוטער סימן פאר דער אידישער ליטעראטור. אין די לעצ־טע פיר פינף יאהר אבער האט זיך די לאגע באדייטענד געענדערט. די פראפאר־ציע פון וויסענשאפטליכע ביכער אין אידיש האט אנגעפאנגען וואקסען און וואס איז שייך צו דעם פאריגען יאהר איז די פראפארציע געווען א גאנץ צופרידענ־שטעלענדע.

עס זיינען אויך צוגעקומען ביי אונז א פאר אידישע זשורנאלען אין דעם פאריגען יאהר און עס זיינען ארוים א גאנצע רייהע אונפעריאדישע שריפטען און זאמלונגען. עס הייסט, אז אויב די אידישע ליטעראטור קען זיך ניט באריה־מען מיט א גרויסען פראגרעס אין פאריגען יאהר, האט זי אבער אויך ניט קיין אורזאך זיך שטארק צו באקלאגען אויף איהר מזל. א ביסעל פארווערטס איז זי דאך געגאנגען אפילו אין פאריגען יאהר.

א גרויס געראטעניש איז אין פאריגען יאהר געווען אין דעם וואוקס פון אי־דישע טעאטערם. די צאהל פון אידישע טעאטערם איז באדייטענד פארגרעסערט געווארען. די פראגע אויב דאס אידישע טעאטער איז אויך בעסער געווארען אין פאריגען יאהר איז א גאנץ באזונדערע. די פראגע הענגט אפ פון געשמאק און מיינונג. ניט אלע געהען און זוכען אין טעאטער דאסזעלביגע. פאר איינעם איז דאס טעאטער אן אמוזירונגס־פלאץ און פאר דעם אנדערען א קונסט־טעמפעל; פאר איינעם א לעהר־אנשטאלט און פאר דעם צווייטען א צירק.

אָרום און אַרום דאַרף זיך די אידישע אידישקייט אין אַמעריקע ניט שטאַרק באַקלאָגען אויף דעם פאָריגען יאָהר.

* * *

און צום לעצט: האָט מען אונז, אידען, פיינטער אָדער העלטער געקראָגען אין אַמעריקע אין דעם פאָריגען יאָהר דאָס מיינט, איז דער אנטיסעמיטיזם געזונקען אָדער געוואַקסען?

וואָס איז שייך צו אנטיסעמיטיזם האָבען מיר קיינמאָל דאָ ניט געהאַט קיין גענויע מאָס ווי איהם צו מעסטען, אויב ער וואַקסט אָדער פאַלט.

דער אנטיסעמיטיזם אין אַמעריקאַ איז ניט קיין פּאָליטישער, אויך ניט קיין עקאָנאָמישער, נאָר אַ געזעלשאַפטליכער. עס זיינען פאַראַן אַ סך אַמעריקאַנער וואָס פּאָליטיש און געשעפטליך זיינען זיי גאַנץ נאָהענטע חברים מיט אידען, אָבער געזעלשאַפטליך, עס הייסט אין קלובען, אויף בעלער, אין אונטערהאַלטונגס-פּלעצער א. אז. וו. ווילען זיי זיך מיט זיי ניט חבר'ען. דער מין אנטיסעמיטיזם, אָבער, איז שווער צו מעסטען. די ברייטע אידישע מאַסען און אויך דער אידישער מיטעל-קלאַס ליידט פון איהם ניט און שפירט איהם אפילו ניט. ער ווייס וועגען איהם בלויז פון לייענען אין די צייטונגען. פון דעם געזעלשאַפטליכען אנטיסעמיטיזם ליידען הויפּטזעכליך די אידישע פיר הונדערט. די יעניגע, וואָס ווילען זיין מיט-גלידער אין די רייכע אַריסטאָקראַטישע קלובען און פאַרקעהרען אין דער געזעל-שאַפט פון דער אַמעריקאַנער גאָלדענער פאָהן.

ביי די אידען אין אַמעריקאַ איז געוועזן פאַרשפּרייט די איבערצייגונג, אַז עס הערשט אַ שטאַרקער אנטיסעמיטיזם אין די אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס און אוניווער-זיטעטען און אַז דער אנטיסעמיטיזם האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז מען האָט אָנ-געפאַנגען מאַכען אויסנאַהמען צום שלעכטען פאַר אידישע סטודענטען. עס האָט זיך אָבער דאָ ניט לאַנג צוריק אַרויסגעוויזען, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַן איינריי-דעניש פון די אידישע פּראָפעסיאָנעלע אנטיסעמיטיזם זוכער.

די אידישע טעלעגראַפען אַגענטור (איטאַ) האָט נעמליך דעם פאָריגען יאָהר דורכגעפיהרט אַן אַנקעטאַ צווישען די אידישע סטודענטען פון די אַמעריקאַנער קאָ-לעדזשעס און אוניווערזיטעטען אויב עס עקזיסטירט דאָרטען אַן אנטיסעמיטיזם און אויב מען מאַכט דאָרטען אויסנאַהמען געגען אידען. דער ענטפער איז געווען כמעט אַן איינשטימיגער „ניין". און אויב מען קען שוין יאָ ריידען וועגען אנטיסעמיטיזם אין די קאָלעדזשעס און די אוניווערזיטעטען איז דאָס בלויז וועגען די „פראַטוירני-טיס", די סטודענטישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אין פיל פון זיי ווע-רען אידען ניט אַריינגענומען. דערביי, אָבער, דאַרף אויך באַמערקט ווערען, אַז די אידישע סטודענטען אין אַלגעמיין עסען זיך דערפון גאַנץ ווייניג אָפּ דאָס הארץ. פיהלט זיך דאָך דער דורכשניטליכער אידישער סטודענט באַקוועמער, געמיטליכער און מעהר אין דער היים אין אַ אידישער פראַטוירניטי, צווישען אידישע סטודענטען.

און אויב דער קו קלוקס קלען איז געווען אַן אויסדרוק פון אנטיסעמיטיזם אין אַמעריקאַ, דאַן איז עס זיכער, אַז דער אנטיסעמיטיזם איז אין פאָריגען יאָהר גע-פאַלען. דאָס פאָריגע יאָהר איז פאַר דעם קו קלוקס קלען געווען אַ יאָהר פון פאַלען און זינקען.

אָבער איך צווייפעל אויב מען קען דעם אנטיסעמיטיזם אין אַמעריקאַ מעסטען דורכ'ן קלען. אין דער ווירקליכקייט איז דער קלען מעהר אנטי-קאַטוליש ווי אנטי-

אידיש. דער קלען איז געגען דעם און געגען אלץ, וואס איז ניט הונדערט פּראָצענט אמעריקאניש און פּראָטעסטאַנטיש, ממילא איז ער אויך אנטיסעמיטיש. אָבער ווען מיר ריידען וועגען אַנטיסעמיטיזם מיינען מיר געוועהנליך עטוואס אזוינס, וואס איז ספּעציעל בלויז געגען אידען און ניט געגען אַנדערע.

אַלענפאלס, ווי די זאך זאָל ניט זיין, קען מען דאָך זאָגען פון דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, אַז אויב דער אנטיסעמיטיזם איז אין אמעריקא ניט געפאלען אין פאָריגען יאָהר, איז ער אָבער אויך ניט געוואקסען.

דער אונטערשטער סך הכל איז, אַז עס איז געווען א יאָהר, מיט וועלכען עס איז ניט געווען איבריגס וואס זיך צו פרעהען, אָבער אויך ניט שטארק זיך צו באַקלאָגען. א שטיקעל פּראגרעס האָבען מיר אויך אין פאָריגען יאָהר געהאַט צו פאַרצייכענען.

דער אייראָפּעאישער סאָציאַליזם אין 1926

פון ס. איוואַנאָוויטש

דער יאָהר 1926 איז געווען אין דער געשיכטע פון סאָציאליזם א „שטילער" יאָהר. פאַר די ליבהאָבער פון פּאָליטישע סענסאציעס איז עס געווען אַן „אומעטיגער יאָהר". אין דעם יאָהר האָבען געפעלט סענסאציאָנעלע געשעהענישען, וועלכע ציהען צו די אויפמערקזאַמקייט צום סאָציאליזם פון די יעניגע קרייזען, וועלכע זיינען געוועהנליך גלייכגילטיג צו די פּראָבלעמען פון סאָציאַל-פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון אייראָפּע. אין דעם יאָהר זיינען אין די וויכטיגסטע אייראָפּעאישע לענדער ניט פאָרגעקומען קיין פּאַרלאַמענטאַרישע וואַהלען, וועלכע רודערען אויף געוועהנליך די ברייטערע קרייזען פון דער געזעלשאַפט.

דער קאַמף פאַר שלום

דאָך, גלויב איך, וועט דער דאָזיגער „שטילער" און „אומעטיגער" יאָהר פאַרנעמען א וויכטיגען אָרט אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

איינע פון די וויכטיגסטע געשעהענישען פונ'ם פאַרגאַנגענעם יאָהר איז דער אַריינטריט פון דייטשלאַנד אין דער פעלקער-ליגע אלס א פולבאַרעכטיגטער מיטגליד. אין פלוג קאָן זיך דאַכטען, אַז דאָס איז בלויז א געלונגענער דיפּלאָמאַטישער גאַנג פון בריאַנען און שטרעזעמאַנען, אַז דאָס איז בלויז א רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער שטימונג אין אייראָפּע, אַז ווייטער קאָן מען אַזוי ניט לעבען, אַז מען מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרענדיגען מיט דער ירושה, וואָס די מלחמה האָט איבערגעלאָזען, מיט דעם אומצוטרויען, האַס און פיינטשאַפט פון איין פאָלק צום צווייטען.

דאָס איז טאַקע ריכטיג, אָבער דאָ פעלט די צווייטע העלפט פון דעם אמת, אַז אין דער היסטאָרישער ארבייט צו פאַרניכטען די פאַרפלוכטע ירושה פון דער מלחמה, האָבען מעהר פון אַלע אנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען, אָנטייל גע־

נומען די פּאַרטייען פון סאָציאַליסטישען אינטער־נאַציאָנאַל. נאָך דעמאָלט, ווען די שנאה און האַס האָבען געפייערט זייער נצחון איבער דער חרוב׳ער אייראָפּע, ווען די אייראָפּעאישע רעגירונגען האָבען צוזאַמען מיט די רעאַקציאָנערע אימפּעריאַליסטישע פּאַרטייען פון די דאָזיגע לענדער, געשאַרפט די מעסערס איינע אנטקעגען די אַנדערע, שוין דעמאָלט האָבען די סאָ־ציאַליסטען פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליע, בעלגיע און עסטרייך געאַרבייט מיט אַלע זייערע כוחות פאַר אַ דויערהאַפטען שלום, אויסגעפונען די מיטלען און וועגען, וועלכע פיהרען צו אַ פאַרשטענדיגונג צווישען די אייראָ־פּעאישע פעלקער.

יאָ, איצט איז עס טאַקע די אַלגעמיינע שטימונג. אָבער פריהער, איידער די דאָזיגע שטימונג איז געשאַפען געוואָרען, האָבען די סאָציאַליסטען געמוזט פיהרען אַ פאַרביטערטען קאַמף, כדי די איבערצייגונגען פון דער סאָציאַליסטישער מינדערהייט זאָלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין דער „אַלגעמיינער שטימונג" פאַר פרידען און פאַרשטענדיגונג. נאָר דער העראָאישער קאַמף פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען און פון אַרבייטער קלאַס האָבען געבראַכט דערצו, אַז די סאָציאַ־ליסטישע איבערצייגונגען זאָלען ווערען די אַלגעמיינע.

כדי דער אַמעריקאַנער לעזער זאָל פאַרשטעהן, וואָס דאָס באַדייטעט, וועל איך ברענגען אַזאַ ביישפּיל: אין אַמעריקע איז ניט אַזוי גרינג פאַר די סאָציאַליסטען אַרויסצוטרעטען מיט דער פאָדערונג, אַז די רעגירונג פון די פאַר־איינינגטע שטאַאטען זאָל בטל מאַכען די מלחמה־חובות פון פראַנקרייך, וועלכע ליגען, ווי אַ בלייערנע משא אויף דער באַפעלקערונג פון פראַנקרייך, און לאָ־זען ניט דאָס לאַנד קומען צו זיך.

איצט שטעלט זיך פאָר די לאַגע פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין די ערשטע יאָהרען נאָך דער מלחמה, אין אַ לאַנד, וואָס איז געלעגען אַ צע־בלוטיגטע און הילפלאָזע אונטער׳ן קנאַפּעל פון זיגרייכען שונא, אין אַ לאַנד, וואָס איז דערנידערט און באַליידיגט געוואָרען אויף יעדען שריט און טריט, וואו אַלץ האָט געאָטעמט מיט האַס צום ברוטאַלען שונא, שטעלט זיך איצט פאָר, אַז אָט אין דעם לאַנד האָבען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען טאָג איין, טאָג אויס גע׳טענה׳ט אויף פאַרזאַמלונגען, אין דער פּרעסע, אין פּאַרלאַמענט, אַז מען מוז צאָהלען די רעפּאַראַציעס, אַז די ענטוואַפנונג לויט דעם ווערסאַ־לער אָפּמאַך מוז דורכגעפיהרט ווערען, אַז מען דאַרף אויסנוצען יעדע מעגליכקייט צו קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג מיט די זיגער.

די דייטשע סאָציאַליסטען האָבען פון אַלע זייטען געהערט דעם געשריי פון פאַרביטערטע, אָפּגענאַרטע מענשען: „פאַררעטער!" פון אַלע זייטען האָט מען זיי געזידעלט, פאַרוואָרפען מיט שמוץ, באַליידיגט און באַשפּיגען. און דאָ האָבען די „כאַוויירים" געאַרבייט אויף אַלע כלים, גערופען די אַרבייטער מאַ־כען צום „קאַמף מיט׳ן פראַנצויזישען אימפּעריאַליזם", געאַרבייט אין פולען הסכם מיט די אַנטיסעמיטישע נאַציאָנאַליסטען, ערקלערט זיך אין ליבע צום גראַף רעוועטנלאָוו, פּראָקלאַמירט דעם פּוילישען שפּיאָן, שלאַגעטער, אַלס אַ „נאַציאָנאַלען העלד און מאַרטירער". אָט אין דער דאָזיגער לאַגע, אין דעם ים פון הונגער און נויט, אין דער צייט פון ווילדע בונטען און אויפשטאַנדען פון פאַרהונגערטע מענשען, אויפגעהעצטע פון די קאָמוניסטישע דעמאַגאָגען, האָ־

בען די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטען גערופען צו שלום, צו אַ פאַרשטענדיגונג מיט פראַנקרייך.

פון דער צווייטער זייט לאָמיר באַטראַכטען די לאַגע פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען, אין אַ לאַנד, וואָס האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט אַלע שרעקען פון חורבן און פאַרוויסטונג, ווען גרויסע טיילען פון פראַנקרייך זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין קופּעס אַש, ווען די אַ ל ג ע מ יי נ ע פאָדערונג איז געווען, אַז דער פאַרהאַסטער „באָש" דאַרף באַצאָהלען פאַר אַלץ. אָט ביי די אומשטענדען זיינען די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען געווען די איינציגע, וואָס האָבען זיך ניט פאַרלאָרען, און אונערמידליך גערופען צו פאַרנונפט, צו אַ פאַרשטענדיגונג, צו באַפרייען די אָקופּירטע דייטשע געגענטען. דעמזעלבען הערצאָישען קאַמף האָבען געמוזט פיהרען אויך די בעלגישע סאָציאַליסטען אין אַ לאַנד, וואָס האָט אַזוי פיל געליטען פון דער מלחמה.

דער דאָזיגער אונערמידליכער קאַמף פון די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטען האָט געבראַכט צום לאָקאַרנער אָפּמאַך וועגען די רהיינישע פּראָווינצען און שפּעטער צום אַריינטריט פון דייטשלאַנד אין דער פעלקער-ליגע אַלס אַ פול-באַרעכטיגטער מיטגליד. דאָס איז דער פאַרדינסט פון דעם סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט, דאָס האָט געזיגט דער גייסט פון סאָציאַליסטישען אַרבייטער אינטערנאַציאָנאַל.

אַזוי וועט דער „שטילער" יאָהר 1926 אַריין אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַלס דער יאָהר פון דעם גרויסען נצחון פון די אידייען, פּרינציפּען און פון דער טאַקטיק פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם.

מ'דאַרף געדענקען, אַז אויפ'ן וועג צו דער גרויסער געשיכטליכער געשעהעניש זיינען געשטאַנען אומגעהייער גרויסע שטערונישען. נאָך אין פריהלינג פון יאָהר 1926, ווען ס'איז צום ערשטען מאָל געשטעלט געוואָרען אין דער פעלקער ליגע די פראַגע וועגען אַריינגעהמען דייטשלאַנד, האָבען די קליינליכע אמביציעס פון איניגע מלוכה'לאַך, דער ווידערשטאַנד פון פּוילען, שיער-שיער ניט געבראַכט צו אַ שווערען קריזיס אין דער פעלקער ליגע. דייטשלאַנד איז דעמאָלט ניט אַריינגעטראָטען אין דער פעלקער-ליגע. דער מאַן, וואָס האָט געראַטעוועט די פעלקער ליגע פון דעם שווערען קריזיס, וואָס האָט דערהויבען די אידייע פון דער פעלקער-ליגע, איז געווען דער שוועדישער פאָרשטעהער, דער סאָציאַליסט אונדען, וואָס האָט פאַרנומען דעם אָרט פונ'ם פאַרשטאָרבענעם בראַנטינג. בראַנטינג איז דאָס געווען דער יעניגער, וואָס האָט דער ערשטער באַוויזען וואָס פאַר אַ ווירקונג עס קאָנען האָבען אין דער פעלקער-ליגע די סאָציאַליסטען, וועלכע אַנערקענען זייער אַרבייט אין דער פעלקער-ליגע אַלס אַ וויכטיגען שטיץ-פּונקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פונ'ם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם. די פּראַקטישע אַרבייט פונ'ם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם האָט באַוויזען אין יאָהר 1926, וואָס פאַר אַ גרויסע מעגליכקייטען עס ליגען פאַרבאָרגען אין דער אַרבייט. אין יאָהר 1926 זיינען די סאָציאַליסטען צונעקומען דירעקט צו דער פראַגע וועגען די מעגליכע און ווינשענסווערטע באַציהונגען צווישען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון באַזונדערע לענדער און פונ'ם גאַנצען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל פון איין זייט — און פון דער פעלקער-ליגע פון דער צווייטער זייט.

ביז'ן יאָהר 1926 זיינען צווישען די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטען געווען גרויסע

מיינונגס פּאַרשידענהייטען אין דער פראַגע, מיינונגס-פאַרשידענהייטען, וועלכע זיי-
נען נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג ניט באַזייטיגט געוואָרען. אין הערבסט פון יאָהר
1926 האָט זיך מיט דער פראַגע פאַרנומען די ביוראָ פונ'ם סאָציאַליסטישען אינטער-
נאַציאָנאַל, וועלכע האָט אָנגענומען וויכטיגע באַשלוסען. איינער פון די וויכטיגסטע
פּונקטען פון דער באַראַטונג איז געווען די פראַגע וועגען דעם סאָציאַליסטישען פאָר-
שטעהער פון פראַנקרייך אין דער פעלקער-ליגע, פּאָל באָנקור. כל זמן ביי דער מאַכט
אין פראַנקרייך איז געשטאַנען דער לינקער בלאָק, האָט פּאָל באָנקור'ס אָנוועזענהייט
אין דער פעלקער-ליגע ניט אַרויסגערופען קיין פּראָטעסט פון דער פראַנצויזישער
סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. איצט, ווען דער לינקער בלאָק האָט געמוזט אָפּטרעטען
דעם אָרט דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניגונג מיט פּואַנקאַרע אין דער שפּיץ,
האָבען זיך אויפגעהויבען פּראָטעסטען מצד די לינקע עלעמענטען פון דער סאָציאַ-
ליסטישער פּאַרטיי, מ'האָט גענומען פאָדערען, אז פּאָל באָנקור זאָל צוריקגערופען
ווערען פון דער פעלקער-ליגע, אז א סאָציאַליסט טאָר ניט זיין קיין פאָרשטעהער פון
א בורזשואַזער רעגירונג, געגען וועלכער די פּאַרטיי פיהרט א קאַמף. דער רעכטער
פליגעל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי טענה'ט אָבער, אז די אויסלענדישע פּאָלי-
טיק פון פּואַנקאַרעס קאַבינעט האָט זיך ניט געענדערט, אז די אָנוועזענהייט פון א
סאָציאַליסט אין דער פעלקער-ליגע איז א גאַראַנטיע פון שלום און פאַרשטענדיגונג.
אויף דער באַראַטונג פון דער עקזעקוטיווע פון סאָציאַליסטישען ארבייטער אינטער-
נאַציאָנאַל אין ציוריך, דעם 28-29טען אויגוסט, איז דער שטאַנדפּונקט פון לינקען
פליגעל אָפּגעוואָרפען געוואָרען. מיט דעם אָבער איז די זאַך ניט אינגאַנצען ערלע-
דיגט געוואָרען. די עקזעקוטיווע האָט זיך אָפּגעזאָגט פעסטצושטעלען פון וועלכע
רעגירונגען קאָנען סאָציאַליסטען יאָ אָננעהמען דעם מאַנדאַט אין דער פעלקער-ליגע,
און פון וועלכע ניט. די עקזעקוטיווע האָט בלויז געשטעלט די פאָדערונג, אז ביים
אַריינטריט פון א סאָציאַליסטישען פאָרשטעהער אין דער פעלקער-ליגע „זאָל גאַראַנ-
טירט ווערען, אז דאָס וועט ניט פאַרפליכטען דעם סאָציאַליסטישען פאָרשטעהער צו
פאַרטיידיגען פּרינציפּען, וועלכע זיינען געגען די אינטערעסען און באַשלוסען פון
דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג". די באַזונדערע סעקציעס פון
אינטערנאַציאָנאַל האָבען דאָס רעכט צו באַשטימען, אויף וויפיל ביי דעם אָדער
אַנדערען פּאָל ווערט די באַדינגונג אָפּגעהיט.

נאָך דעם באַשלוס פון דער עקזעקוטיווע פונ'ם סאָציאַליסטישען ארבייטער
אינטערנאַציאָנאַל, איז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון דער גרעסטער און איינפלוס-
רייכסטער סענער פעדעראַציע פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.
אויף דער קאָנפערענץ האָט דער לינקער פליגעל ווידער אויפגעהויבען די פראַגע
וועגען אָפּרופען באָנקורען פון דער פעלקער-ליגע. זיי זיינען אָבער מיאוס דורכגע-
פאַלען. דער פאָרשלאַג אָפּצורופען האָט צונויפגענומען סך הכל 212 שטימען, דאַגע-
גען — 1480 שטימען. שפּעטער האָט דער נאַציאָנאַל-ראַט פון דער סאָציאַליסטישער
פּאַרטיי באַשטעטיגט אָפיציעל דעם מאַנדאַט פון פּאָל באָנקור.

אויף אזא אופן זעהען מיר, אז די באַמיהונגען פון די לינק-געשטימטע סאָצי-
אַליסטען צו באַגרעניצען דעם אָנטייל פון סאָציאַליסטען אין דער פעלקער-ליגע,
האָבען קיין ערפאָלג ניט געהאַט. ווען דייטשלאַנד איז אריין אין דער פעלקער-ליגע
האָט זיך די סאָציאַליסטישע גרופּע דאָרטען נאָך מעהר פאַרשטאַרקט, ס'איז צוגעקו-
מען דער דייטשער פאָרשטעהער, דער געוועזענער אומאָפּהענגיגער סאָציאַליסט

ברייטשייד, וועלכער האָט גענומען אַ טעטיגען אַנטייל אין דער דייטש־פראַנצויזישער פאַרשטענדיגונג. דער פאַקט בלויז, וואָס אַזוינע בורזשואַזע און גאַנץ קאָנסערוואַטיווע רעגירונגען, ווי די רעגירונגען פון פּואַנקאַרע און שטרעזעמאַן, געפינען פאַר נויטיג צו שיקען אין דער פעלקער־ליג סאָציאַליסטען, באַווייזט ווי גרויס ס׳איז די ווירקונג פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. אויף וויפיל די בורזשואַזיע איז געצוואונגען צו פיהרען אַ פּאָליטיק פון שלום און פאַרשטענדיגונג, פאַרשטעהט זי, אַז נאָר די סאָציאַליסטען קאָנען, ווי געהעריג דורכפיהרען די פּאָליטיק. די זאַך פון שלום און פאַרשטענדיגונג איז אין באַוואוסטזיין פון די ברייטסטע שיכטען פון דער באַפעלקערונג ענג פאַרבונדען מיט די נעמען און דער טעטיגקייט פון די שעהנסטע פאָרשטעהער פון׳ם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם.

שוין איצט איז ביי דער פעלקער־ליג פאַראַן אַ באַדייטענדע גרופּע סאָציאַליסטען, וועלכע אַרבייטען אָרגאַניזירטערהייט פאַר דער זאַך פון שלום און ברידערליכען צוזאַמענלעבען פון פעלקער. און אויב די פעלקער־ליג האָט פאַר׳ן לעצטען יאָהר אַ סך געוואונען אין איהר פּרעסטיזש, איז דאָס אַ דאַנק דער פרוכטבאַרער אַרבייט פון די סאָציאַליסטען.

אמת, די דאָזיגע גרופּע איז נאָך קליין אין צאָהל. די פעלקער־ליג אַליין לייַדט נאָך שטאַרק פון אַ סך פעהלערען פון דער בורזשואַזער דיפּלאָמאַטיע. פאַר דער אידייע פון דער פעלקער־ליג דאַרפען נאָך די סאָציאַליסטען פיהרען אַן אונערמידליכען עקשנות׳דיגען קאַמף. ס׳איז וועניג, וואָס שטרעזעמאַן האָט איינגעשטימט צו שיקען ברייטשיידען, און פּואַנקאַרע וועט ניט אַרויסטרעטען געגען באָנקורען. ניט פון פרעמדע וועט קומען די ישועה, נאָר פון דער אייגענער אַרבייטער מאַכט אין דער מלוכה, וועט דער סאָציאַליזם באַקומען די אַנטשיידענע מאַכט אין דער פעלקער־ליג און וועט פאַרוואַנדלען איהר אַרבייט אין גרויסע געשיכטליכע דערגרייכונגען.

מעקדאָנאַלד איז געקומען אין דער פעלקער־ליג אַלס אַ פאָרשטעהער פון דער ענגלישער אַרבייטער רעגירונג, וואַנדערוועלדע איז געקומען פון אַ רעגירונג, אין וועלכער ער אַליין איז דער מיניסטער פון אויסערן. אין דער ריכטונג וועט געהן די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג. דאָ איז די פּראָבלעם פון שלום ענג פאַרבונדען מיט דער פּראָבלעם פון מאַכט. וואָס־זשע האָט דער יאָהר 1926 אונז געגעבען כדי צו ערלייַדיגען די דאָזיגע פּראָבלעם?

דער קאַמף פאַר מאַכט.

אין קיין לאַנד אין דער וועלט איז די פראַגע ניט אַזוי אַקטועל, ווי אין ענגלאַנד. ס׳איז ניטאָ קיין איינער מעהר אָדער ווייניגער פאַרנונפטיגער פּאָליטיקער, וועלכער זאָל זיך ניט רעכענען מיט דער מעגליכקייט, אַז אין די נאָהענטע וואַהלען זאָל די ענגלישע אַרבייטער פאַרטיי באַקומען אַ מערהייט. דער גענעראַל־סטרייק, דער לאַנגדויערענדער סטרייק פון די קוילען־גרעבער, האָט ניט אַכטענדיג אויף די פיל פעלערען, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרען דורך דער פאַרטיי און איהרע לידערס, דאָך אָפּגעריסען פון די קאָנסערוואַטאָרען אומגעהייער גרויסע אַרבייטער מאַסען, וועלכע האָבען ביז אַהער געשטימט פאַר די קאָנסערוואַטאָרען. די קלאַסען־געגענזאַצען זיינען אין דעם פאַרביטערטען קאַמף זעהר פאַרשטאַרקט געוואָרען. דאָס וועט אומבאַדינגט ברענגען אין די רייהען פון דער לייבאָר־פאַרטיי גרויסע מאַסען פון

פּאָליטיש צוריקגעשטאַנענע אַרבייטער. די ברייטע קרייזען פון דער אינטעליגענץ און פון מיטעלשטאַנד זיינען שטאַרק אויפגעבראַכט געגען דער האַנדלונג פון די קוילען מאַגנאַטען, געגען זייערע רויבערישע אַפּעטיטען — די דאָזיגע קרייזען דערנעהנטערען זיך אַלץ מעהר צו דער לייבאָר־פּאַרטיי. ביז אַהער האָבען זיי זיך געהאַלטען אַרום דער ליבעראַלער פּאַרטיי. די ליבעראַלע פּאַרטיי אָבער ווערט אין קאַמף צוריבען, איין טייל איז אַוועק לינקס, די צווייטע האָט זיך צוגערוקט צו די קאָנסערוואַטאָרען. וואָס ווייטער ווערט זי אַלץ מעהר צופאַלען. לאָיד־דזשאָרדזש, נעבאַך, אַליין טאַפּט אָן דעם באָדען, ער גרייט צו די מעגליכקייט איבערצוגעהן אין די רייהען פון דער אַרבייטער פּאַרטיי. אַזאַ וויכטיגער פאָרשטעהער פון ענגלישען ליבעראַליזם, ווי קענוואָרטי איז שוין אַריבער צו דער לייבאָר־פּאַרטיי. ס'איז גאָר קיין שום ספק ניט, אַז אַ באַדייטענדער טייל פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי וועט זיך אַריינגיסען אין דער לייבאָר־פּאַרטיי און דעמאָלט וועט די אַרבייטער פּאַרטיי בלייבען די איינציגע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי פון פּאָליטישען און סאָציאַלען פּראָגרעס.

די אַרבייטער פּאַרטיי אַליין גרייט זיך איבערצונעהמען די מאַכט. זי טוט עס, ווי ענגלענדער טוען אַן אַרבייט בכלל, גרינדליך און פּראַקטיש. אויפ'ן לעצטען קאָנגרעס אין מאַרגייט, אין אָנהויב אָקטאָבער, 1926, האָט מען גרינדליך באַהאַנדעלט אַ גאַנצע רייהע פּראָגראַם־פראַגען פון דער צוקונפטיגער אַרבייטער רעגירונג: דעם מינימום פון אַרבייטס־לוין, אַגראַר געזעצגעבונג און אַזוי ווייטער. דער קאָנגרעס האָט באַשטעטיגט דעם אומגעהייערען וואוקס פון דער פּאַרטיי. אויף די לעצטע דערגענצונגס־וואַהלען האָט די פּאַרטיי געוואונען דריי נייע מאַנדאַטען. איבערהויפּט איז גרויס דער וואוקס און איינפלוס פון דער פּאַרטיי צווישען די פרויען און דער יוגענט. אין די קאַנדידאַטען צעטלען פאַר די קומענדיגע וואַהלען זיינען שוין אַריינגעטראָגען געוואָרען די נעמען פון 17 פרויען. אין די מוניציפּאַלע וואַהלען פון יאָהר 1926 האָט די פּאַרטיי געוואונען 88 נייע מאַנדאַטען. די מורא טאָמער וועלען זיך די קאָמוניסטען פאַרשטאַרקען, האָט זיך אויסגעלאָזען מיט גאָרנישט. אויפ'ן קאָנגרעס האָבען זיי, נעבאַך, געליטען אַ מיאוס'ע מפּלה. די רעזאָלוציע וועגען צוטרוי צו דער פיהרערשאַפט האָט צונויפגעקליבען דריי מיט אַ האַלבען מיליאָן שטימען, און די גאַנצע אָפּאָזיציע מיט די קאָמוניסטען בראש — בלויז 209 טויזענט שטימען. דערוויל פּלאָנטערען זיך די קאָמוניסטען אונטער די פיס. קיין שום פּאָליטישע ראָליע שפּילען זיי ניט.

אין אָנהויב נאָוועמבער זיינען אין ענגלאַנד פאָרגעקומען אַלגעמיינע מוניציפּאַלע וואַהלען, וועלכע האָבען געבראַכט דער לייבאָר־פּאַרטיי אַ גלענצענדען זיג. די אַרבייטער פּאַרטיי האָט געוואונען נייע 160 ערטער. די קאָנסערוואַטאָרען און ליבעראַלען זיינען מיאוס דורכגעפאַלען. דער זיג פון דער לייבאָר פּאַרטיי איז וויכטיג נאָך דערמיט, וואָס דאָס מאָל זיינען די קאָנסערוואַטאָרען און ליבעראַלען געווען פאַראייניגט אין אַ סך וואַהל באַצירקען, כדי צו אַנטקעגענשטעלען זיך דער לייבאָר־פּאַרטיי. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפען, אין אַ סך גרויסע שטעדט וועט די אַרבייטער פּאַרטיי האָבען אַ מעהרהייט אין די שטאָדט־פאַרוואַלטונגען, די שטאָדטישע ווירטשאַפט וועט אַריבערגעהן אין אַרבייטער הענט. דאָס האָט עפּעס צו זאָגען. אין דער פּראַקטישער אַרבייט דאַרפען די שטאָדט־פאַרוואַלטונגען ווערען די שטיץ־פונקטען פון די סאָציאַליסטען פאַר גרויסע ווירטשאַפטליכע רעפאָרמען אין נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב.

באלדווינ'ס רעגירונג איז שטארק באאומרוהיגט פון דעם רעזולטאט פון די וואהלען. דאס איז אן אנזאג אויף א דורכפאל אין די אלגעמיינע וואהלען.

די ענגלישע ארבייטער פארטיי געהט מיט זיכערע טריט צו דער מאכט.

אין דייטשלאנד איז די ארבייט פון דער סאציאל־דעמאקראטיע שווערער צוליב דעם עקשנות'דיגען קאמף געגען די רעשטען פון דער מאנארכיע, געגען די רעאקציאנערע פארטייען, וועלכע זיינען נאך גענוג שטארק אין לאנד. דער קאמף פאר דער רעפובליק, פאר דער קאנסטיטוציע, פאר דער דערהויבונג פון לאנד אין אינטערנאציאנאלען־פאליטישען פארנעהם, נעהמט אוועק א סך כוחות פון דער פארטיי. די דייטשע סאציאל־דעמאקראטיע האט זיך געשטעלט אויף דער שפיץ פון אלע רעפובליקאניש־דעמאקראטישע כוחות פון לאנד. דער פארגאנגענער יאהר האט געבראכט גרויסע נצחונות דער פארטיי פון דייטשען פראלעטאריאט. די ארגאניזא־ציע פון „רייכסבאנער", וואס צעהלט ביז 4 מיליאן מיטגלידער, באשטעהט אויף 90 פראצענט פון סאציאל־דעמאקראטען, וועלכע זיינען גרייט ארויסצוטרעטען מיט געוועהר אין די הענד צו פארטיידיגען די ערגעבערונגען פון דער רעוואלוציע. דאס איז א גרויסע, מעכטיגע דיסציפלינירטע פארטיי, מיט וועלכער דער דייטשער פראָ־לעטאריאט מעג שטאלצירען. דאס סטאביליזירען פון אינערליכען און אויסערליכען פאליטישען לעבען פון לאנד איז די פארדינסט פון דער סאציאל־דעמאקראטיע.

מ'דארף נעהמען אין אכט דעם וויכטיגען פאקט, וואס די סאציאל־דעמאקראטען געהען ניט אריין אין דער רעגירונג, און אין פיל פראגען שטעהען זיי אין אפאזיציע צו דער רעגירונג. דער סאציאליזם אין דייטשלאנד איז נאך ניט גענוג שטארק, אז ער זאל קאנען רעגירען זעלבסטשטענדיג. ער איז שוין אבער גענוג שטארק, אז רעגירען מיט'ן לאנד געגען זיין ווילען איז אונמעגליך.

אין יאהר 1926 האבען די דעמאקראטיש־בורזשואזע פארטייען זיך באמיהט אריינצוציהען די סאציאל־דעמאקראטען אין דער רעגירונג. דאס איז ניט קיין פרעמיאום די סאציאליסטען פאר זייער גוטען אויפפיהר, פאר זייערע טוגונדען, נאר דאס באוואוסטזיין, אז אהן די פארשטעהער פון דייטשען ארבייטער־קלאס איז אונ־מעגליך און געפעהרליך צו רעגירען. דאס איז דאס באוואוסטזיין, אז דער אינטער־נאציאנאלער פרעסטיזש פון דייטשלאנד איז פיל אפהענגיג פונ'ם אנטייל פון די סאציאליסטען אין דער רעגירונג. אז די דייטשע סאציאל־דעמאקראטיע איז די איינציגע קראפט, וואס קען האלטען אין צוים די מאנארכיסטישע רעאקציע, אז די ליניע פון דער דייטשער אויסערליכער פאליטיק, די ליניע פון שלום און פארשטענ־דיגונג — וועט בלייבען אומבאריהרט.

אין הערבסט פון יאהר 1926 האבען מיר געהאט אין דייטשלאנד א פאליטישע סענסאציע. אויפ'ן צוזאמענפאהר פון די גרויסע קאפיטאליסטישע ארגאניזאציעס אין דרעזדען איז ארויסגעטראטען איינער פון די וויכטיגסטע קאפיטאליסטישע פארשטעהער, זילבערבערג און האט דערקלערט, אז די דייטשע אינדוסטריעלער דארפען זיך אומבאדינגט שטעלען אויפ'ן באדען פון דער רעפובליק, דארפען אהן קיין שום וואקלונגען אננעהמען דעם נייעם רעזשים, וואס די רעוואלוציע האט איינגע־שטעלט און ארבייטען צוזאמען מיט די פארשטעהער פון ארבייטער קלאס, אהן וועלכע ס'איז אונמעגליך צו רעגירען.

די סאציאל־דעמאקראטיע האט געענטפערט מיט באשטימטע פאליטישע און סאציאלע פאדערונגען. דאס האט אביסעל אפגעקילט די לינקס געוואָרענע פאר־

שטעהער פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך ניט וואָס צו איילען אַריינצוטרעטען אין דער רעגירונג. יעדנפאַלס איז די פראַגע פון אַריינטרעטען אין דער רעגירונג געשטעלט געוואָרען אויפ׳ן טאַגעס אָרדנונג. און זי וועט אין דער נאָהענטער צוקונפט ערליידיגט ווערען.

דער יאָהר 1926 האָט באוויזען דעם אומגעהייער גרויסען וואוקס פון דער פאַרטיי און איהר פאַרפעסטיגונג. דער קאַמפּיין פאַר אַריינעמען נייע מיטגלידער אין דער פאַרטיי האָט אַריינגעבראַכט נייע 40,693 מיטגלידער, צווישען זיי 8338 פרויען. חוץ דעם — 44,298 נייע לעזער פון דער פאַרטייאישער פּרעסע. טרויעריג זיינען די רעזולטאַטען אין די וואַהלען צום זאַקסישען לאַנדטאַג. די פאַרטיי האָט פאַרלאָרען 80 טויזענט שטימען אין פאַרגלייך מיט די וואַהלען אין יאָהר 1924. די סיבות פון דעם דורכפאַל איז די שפּאַלטונג אין די רייהען פון דער זאַקסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אין לאַנדטאַג זיינען דאָ צוויי סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציעס, וועלכע באַקעמפען איינע די אַנדערע. אַ טייל געוועזענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער פאַרטיי. אַ דאַנק דעם אינערליכען קאַמף איז די פאַרטיי אָפּגעשוואַכט געוואָרען און האָט פאַרלאָרען 80 טויזענט שטימען. דער סכסוך איז איצט אויסגעגליכען געוואָרען, אָבער די פאַרטיי קאָן צו זיך ניט קומען. די זאַקסישע גענאָסען האָבען טייער באַצאָהלט פאַר זייער קורצען ראָמאַן מיט די קאָמוניסטען.

די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אויסגעוואַקסען צו אַן אומגעהייער גרויסער קראַפט, און דאָס וועלען באַשטעטיגען די נאָהענטע פּאָליטישע געשעהענישען אין דער דייטשער רעפּובליק.

אין פראַנקרייך איז די פראַגע פון איבערנעהמען די מאַכט דורך די סאָציאַליסטען אַביסעל מעהר קאָמפּליצירט. נאָך דעם זיג פונ׳ם לינקען בלאָק אין די אַלגעמיינע וואַהלען, דעם 11טען מאַי 1924, האָבען זיך די סאָציאַליסטען אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטען אין דער רעגירונג, זיי האָבען אָבער געשטיצט די רעגירונג. די דאָזיגע שטיצע האָט געבראַכט צו דעם, אַז די סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז פאַקטיש געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער רעגירונגס־פּאָליטיק, וועלכע איז גאַנץ אָפט געווען געגען איהרע פּרינציפּען און פּראָגראַם. ניט זייענדיג פאַרטראָטען אין דער רעגירונג, האָט די סאָציאַליסטישע פאַרטיי געהאַט נאָר איין מיטעל צו ווירקען אויף דער רעגירונגס פּאָליטיק: שטימען געגען דער רעגירונג אין פּאַרלאַמענט און אַזוי אַרום אומוואַרפען זי. דאָס איז אָבער געווען אַ צו שאַרפער מיטעל, און די פאַרטיי האָט זיך ניט געקאָנט באַשליסען אויף דעם, ווייל דאָס וואָלט געקאָנט ברענגען צו דער מאַכט דעם רעאַקציאָנערען רעכטען בלאָק.

ביי דער פאַרטיי זיינען געווען געבונדען די הענט און פיס. אומוואַרפען דעם קאַבינעט האָט זי מורא געהאַט, אַריינטרעטען אין דער רעגירונג האָט זי ניט געוואָלט, פאַר דער צייט זיינען אָבער פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין די שטימונגען פון די בורזשואַזע דעמאָקראַטישע מאַסען פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג. די וואַהלען פון יאָהר 1924 זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט פון אַלגעמיינער אומצופרידענהייט מיט פּואַנקאַרעס נאַציאָנאַליסטישע אַוואַנטיורעס, מיט דער אומגעלומפּערטער רעאַקציאָנערער אויסלענדישער פּאָליטיק פון זיין רעגירונג. דאָס איז שוין אָבער אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. די אויסלענדישע פּראָגראַם פון לינקען בלאָק איז שוין דורכגעפיהרט געוואָרען. עס זיינען אַנטשטאַנען פראַגען פון

אינערליכען לעבען פון לאנד, פראגען פון סאציאל-עקאנאמישער וויכטיגער באדייטונג. די בורזשואזע אינטערעסען האבען גענומען ארויסשפארען אינדרויסען, דער „לינקער” בלאק האט גענומען ארויסווייזען זיין אמת'ען פנים. די פראנצויזישע ראדיקאלען האבען זיך גענומען רוקען אויף רעכטס. דער לינקער בלאק איז זיך ענדליך צופאלען. אין פראנקרייך איז אין יאהר 1926 געקומען א רעגירונג פון „נאציאנאלער איינינונג” מיט פואנקארען אין דער שפיץ. די אינטערנאציאנאלע פאליטיק פון דער נייער רעגירונג האט זיך ניט געענדערט, פארקעהרט, די אינערליכע פאליטיק האט זיך שטארק געענדערט, דאס איז די פאליטיק פון דעם אויפגעריכטען „נאציאנאלען בלאק”. דאס צופאלען פון לינקען בלאק האט געבראכט צו א ריס ניט נאר מיט דער רעגירונג אין אלגעמיין, נאר אויך מיט די ראדיקאלע קרייזען פון פראנקרייך, וועלכע ווערען אנגעפיהרט פון הערריא. אין ליאן, וואו די שטאדט-פארוואלטונג האט א סאציאליסטישע מערהייט, איז הערריא דער מעיאר פון שטאדט. די סאציאליסטען טרעטען איצט ארויס געגען הערריא פאר זיין אנטייל נעמען אין פואנקארע'ס קאבינעט. איצט קען שוין אפילו דער רעכטער פליגעל פון דער סאציאליסטישער פארטיי ניט פאדערען דעם ארייננטריט פון די סאציאליסטען אין דער רעגירונג, ווען אפילו פואנקארעס קאבינעט זאל פאלען.

די פארהעלטניש פון די געזעלשאפטליכע כוחות אין פראנקרייך איז איצט ניט גינסטיג פאר די סאציאליסטען, די ראדיקאלע אינטעליגענץ, וואס האט ביז דא ניט לאנג סימפאטיזירט מיט די סאציאליסטען, איז אוועק רעכטס, דער ארבייטער קלאס געפינט זיך אין א שווערער מאטעריעלער לאגע צוליב דעם וואוקס פון יקרות. די אפאזיציאנעלע שטעלונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי וועט דערנעהענטערען די פארטיי צו די טיילען פון פראלעטאריאט, וועלכע זיינען באהערשט געווארען פון דער לינקער פראזע, און דעמאראליזירט געווארען פון דער קאמוניסטישער דעמאגאגיע. די פארטיי האט זיך דעם לעצטען יאהר פארפעסטיגט, זי באקומט אלץ א גרעסערען איינפלוס אויף די ברייטע ארבייטער מאסען. דער קאמוניסטישער טשאד פארשווינדט. איצט וועט די פארטיי קאנען זיך שטיצען אויף א פעסטען פראלעטארישען באזיס, און אנהויבען דעם קאמף פאר דער מאכט. די פארטיי האט באשלאסען צו האבען פונ'ם אנהויב יאהר 1927 אן אייגענע טעגליכע צייטונג. פאר דער פארטיי עפענען זיך ברייטע מעגליכקייטען פאר קאנסטרוקטיווער סאציאליסטישער ארבייט. אמת, דער פראנצויזישער סאציאליזם איז איצט פיל ווייטער פון דער מאכט, ווי מיט צוויי יאהר צוריק, דעמאלט האט די פארטיי זיך צופיל אומגעקוקט אויף די „לינקע”, האט ניט פארפעסטיגט ווי געהעריג איהרע פאזיציעס. דערפאר אבער וועט איצט די פארטיי ווייטער פיהרען דעם קאמף פאר דער מאכט אויפ'ן פעסטען באזיס פון די ברייטע שיכטען פון פראנצויזישען ארבייטער קלאס, מיטגלידער פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

די **בעלגישע** ארבייטער פארטיי איז איינע פון די מעכטיגסטע אין איירפא. אויב די בעגלישע ארבייטער פארטיי וועט קומען צו דער מאכט, וועט דאס זיין א רעזולטאט פון דער אומגעהייער גרויסער פאליטישער, פראפעסיאנעלער, קולטורעלער און קאאפעראטיווער ארבייט פון דער פארטיי. דער בעלגישער ארבייטער איז ענג צונויפגעבונדען מיט דער פארטיי, זי פיהלט אן דעם גאנצען לעבען זיינעם.

דער 1926 יאהר איז געווען זעהר א שווערער פאר די בעלגישע סאציאליסטען.

דער עקאָנאָמישער און פינאַנציעלער קריזיס האָט שלעכט געווירקט אויפ'ן פּאָליטישען לעבען פון לאַנד. נאָך די זיגגרייכע וואהלען אין 1925 יאָהר זיינען די בעלגישע סאָציאַליסטען אריין אין דער רעגירונג, וועלכע האָט דורכגעפיהרט אַ גאַנצע רייהע וויכטיגע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען. דער רעגירונגס קאַבינעט איז באַ־שטאַנען, הויפּטזעכליך, פון לינקע עלעמענטען. די ווערט פון בעלגישען פראַנק איז שטאַרק געפאַלען. די אָנשטרענגונג צו סטאַביליזירען דעם פראַנק האָט ניט גע־האָלפען, ווייל די פינאַנס־מאַגנאַטען האָבען סאַבאָטאַזשירט און מיט פאַרשידענע קונצען צונישט געמאַכט די גאַנצע ארבייט. אין די אונטערהאַנדלונגען, וואָס האָבען זיך געפיהרט מיט די באַנקירען וועגען דער סטאַביליזאַציע פון פראַנק, האָבען די געלד־מאַגנאַטען געפאָדערט איבערצוגעבען זיי אין די הענט די אייזענבאַהנען. די סאָציאַליסטען האָבען בשום אופן ניט געוואָלט איינגעהן אויף דעם און דער קאַבינעט איז געפאַלען. נאָך דעם האָט זיך די פינאַנציעלע לאַגע נאָך מעהר פאַרערגערט. דעמאָלט האָבען די פאָרשטעהער פון פילע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס גענומען פאָדערען, אַז די סאָציאַליסטען זאָלען אריין אין דער רעגירונג. ס'איז געשאַפען געוואָרען די „גרויסע קאָאַליציע", אַ פיעל מעסיגערע רעגירונג, ווי נאָך די וואהלען אין יאָהר 1925.

די סאָציאַליסטען איז דאָך געלונגען איינצוהאַלטען די אייזענבאַהנען, און ניט דערלאָזען דעם געזעצפּראָיעקט צו פאַרגרעסערען די שטייערען פון די אָרימע קלאַסען. חוץ דעם איז די סאָציאַליסטען געלונגען דורכצופיהרען אין פּאַרלאַמענט דעם וואַ־שינגטאָנער אָפּמאַך וועגען דעם אכט־שעה'דיגען ארבייטס־טאָג און דעם געזעץ וועגען ארבייטער־אינשורענס. אין ענדע אָקטאָבער האָט זיך פאַרענדיגט די סטאַביליזאַציע פון בעלגישען פראַנק. די רעגירונג האָט באַקומען אַ באַדייטענדע אויסלענדישע הלואה, אזוי ארום האָט זיך דער שווערער פינאַנציעלער קריזיס פאַרענדיגט.

אזוי ווי יעטווידע סטאַבילאַציע איז שטענדיג פאַרבונדען מיט שווערע קרבנות, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די פּאָליטיש־צוריקגעשטאַנענע טיילען פון די פּאָלקס־מאַסען וועלען אָפּגעקיהלט ווערען צו דער ארבייטער פּאַרטיי. די קאָמוניסטען האָבען טאַקע געוואָלט אויסנוצען דעם גינסטיגען מאָמענט... אָבער די מוניציפּאַלע וואהלען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין בעלגיע דעם 10טען אָקטאָבער, 1926, האָבען באַוויזען, אַז די ארבייטער מאַסען זיינען געבליבען געטריי דער פּאַרטיי. ביז די לעצטע וואהלען האָט די ארבייטער פּאַרטיי געהאַט 2964 פאָרשטעהער אין 806 שטאָדט־פּאַרוואַל־טונגען. 213 שטאָדט־פּאַרוואַלטונגען האָבען געהאַט אַ סאָציאַליסטישע מערהייט. דעם 10טען אָקטאָבער, 1926, האָט די ארבייטער פּאַרטיי געוואונען נייע 300 ערטער, אין 30 שטאָדט־פּאַרוואַלטונגען האָט זי ווידער באַקומען אַ מעהרהייט, אין 24 האָט די פּאַרטיי פאַרלאָרען די פריהערדיגע מערהייט, אזוי ארום איז די אַלגעמיינע צאָהל פון שטאָדט־פּאַרוואַלטונגען מיט אַ סאָציאַליסטישער מערהייט פאַרגרעסערט געוואָ־רען ביז 219. אין פאַרגלייך מיט די פריהערדיגע וואהלען האָט די ארבייטער פּאַרטיי באַקומען נייע 62,000 שטימען.

מען דאַרף נעהמען אין אכט, וואָס אין די לעצטע וואהלען האָבען אַנטייל גענומען פרויען, וועלכע האָבען ניט קיין וואהל־רעכט אין פּאַרלאַמענט. די וואהלען אין די שטאָדט־פּאַרוואַלטונגען זיינען אָבליגאַטאָריש, און די צאָהל פרויען איז גרע־סער ווי די צאָהל מענער־וועהלער. די בעלגישע פרויען זיינען פּאָליטיש צוריקגע־שטאַנען, דער איינפלוס פון די קאַטוילישע גלחים איז גרויס. די ביידע בורזשואַזע פּאַרטייען — די ליבעראַלע און קאַטוילישע — האָבען זיך פאַראייניגט געגען דער

ארבייטער פארטיי. ביי די אומשטענדען איז דער אויסגאנג פון די מוניציפאלע וואהלען א גרויסער נצחון פאר די בעלגישע סאציאליסטען, דאס באווייזט, ווי גרויס ס'איז דער סאציאליסטישער איינפלוס אין לאנד.

עס איז קיין שום ספק ניט, אז די בעלגישע ארבייטער פארטיי וועט דערפיהרען דעם קאמף פאר דער מאכט ביז צו אן ענדגילטיגען זיעג.

אין ד ע נ מ א ר ק איז נאכ'ן גלענצענדען זיג אין יאהר 1924 געשאפען געווארען א ריינע סאציאליסטישע רעגירונג. אין פארלאמענט (פאלקעטינג) אבער האבען די סאציאליסטען ניט געהאט קיין מערהייט. די סאציאל-דעמאקראטישע רעגירונג האט זיך גענויטיגט אין דער שטיצע פון דער ראדיקאלער פארטיי. אבער אפילו צוזאמען מיט דער ראדיקאלער גרופע אין פארלאמענט האט די רעגירונג געהאט א מערהייט בלויז פון איין שטימע. און דאס איז געווען ניט גענוג פאר אן אויסגע-האלטענער סאציאליסטישער פארלאמענטארישער ארבייט. די סאציאל-דעמאקרא-טישע רעגירונג איז געווען געבונדען אין איהר טעטיגקייט.

די פאליטישע און עקאנאמישע לאגע איז געווען זעהר א שווערע. די ארבייטסלאזיגקייט און דער פינאנציעלער קריזיס האבען ארויסגערופען גרויס אומ-צופרידענהייט. כדי ארויסצוגעהן פון דער שווערער לאגע האט זיך די סאציאל-דעמאקראטישע רעגירונג אנטשלאסען אויף ראדיקאלע רעפארמען. פריהער פון אלץ האט זי שטארק פארקלענערט דעם מיליטערישען בודזשעט. דער געזעץ-פראיעקט איז דורכגעגאנגען אין פארלאמענט, אין דער אונטערשטער פאלאטע. אין דענמארק איז אבער פאראן אן אויבערשטע פאלאטע (לאנדסטינג), וועלכע איז פיינדליך גע-שטימט געגען דער סאציאל-דעמאקראטישער רעגירונג.

אין ענדע פון יאהר 1926 האט זיך די לאגע פון דער רעגירונג פארערגערט. דער עקאנאמישער און פינאנציעלער קריזיס האט זיך פארשארפט. די רעגירונג האט אויסגעארבייט א געזעץ-פראיעקט וועגען גרויסע שטייערן אויפ'ן קאפיטאל, האט אסיגנירט גרויסע סומען געלט אויף בויען הייזער. די אינדוסטריעלער און גרויסע גוט-באזיצער האבען אויפגעהויבען א ליארם. זיי האבען געפאדערט, אז די רעגירונג זאל פארגרעסערען דעם צאהל-טאריף אויף אויסלענדישע סחורות, זאל פארקלענערען די שטיצע פאר די ארבייטסלאזע און אזוי ווייטער.

דער סאציאל-דעמאקראטישער רעגירונג איז געלונגען צו סטאביליזירען די קראנע, זי האט איינגעפיהרט א מיניסטעריום פאר סאציאלע פארזארגונג. זי האט בטל געמאכט דעם אלגעמיינעם מיליטער-צוואנג, און האט פארקלענערט דעם מיליטערישען בודזשעט פון 60 מיליאן אויף 17. די רעגירונג האט אויך איינגעשטעלט פריינדליכע באציהונגען מיט דייטשלאנד, וועלכע האט געמוזט, לויט'ן ווערסאלער פרידענס-אפמאך אפטרעטען דענמארק א טייל פון איהר טעריטאריע. בכלל איז דער פרעסטיזש פון דער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי שטארק אויסגעוואקסען אין לאנד. אין די וואהלען אבער פון לעצטען דעצעמבער האבען זיך די קאנסערוואטארען מיט די ליבעראלען פאראייניגט, און דער רעזולטאט איז געווען, אז די סאציאליסטען האבען פארלארען 2 פלעצער אין פארלאמענט און די ראדיקאלען 2. די סאציאליסטישע רעגירונג האט אויף אזא אופן פארלארען די מאיאריטעט און זי האט געמוזט רעזיגנירען.

אין 1926 איז אין ש ו ו ע ד ע ן געפאלען דער סאציאליסטישער קאבינעט, וועלכער איז געקומען צו דער מאכט אין יאהר 1924. אזוי ווי אין דענמארק, אזוי

אויך אין שוועדען, איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געווען אין דער מינדערהייט אין פּאַרלאַמענט. פון די 230 ערטער אין פּאַרלאַמענט האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען געהאַט בלויז 104. די ווירקונג און דער איינפלוס זייערער צווישען די ברייטע שיכטען פון דער באַפעלקערונג איז געווען אָבער זעהר גרויס. די ראַדיקאַל־בורזשואַזע און פויערשע פּאַרטייען האָבען געשטיצט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען קאַבינעט. אַ דאַנק דער שטיצע איז דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונג געלונגען דורכצופיהרען אַ גאַנצע רייהע ראַדיקאַלע רעפאָרמען און איינע פון די וויכטיגסטע איז די אַנטוואַפנונג. דער סאָציאַליסטישער קאַבינעט איז געפאַלען מחמת דעם, וואָס דער ארבייטס־מיניסטעריום האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שיקען ארבייטסלאָזע אויף אַ טעקסטיל־אונטערנעהמונג, וואו ס'איז פאָרגעקומען אַ סטרייק. לויט'ן געזעץ טאָר מען ניט שיקען ארבייטסלאָזע אין די אונטערנעהמונגען, וואו ס'קומט פאָר אַן אַלגעמיינער סטרייק. אין דעם פאַל האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם, וואָס קומט דאָרט פאָר, אַן אַלגעמיינער אָדער טיילווייזער סטרייק.

יעדענפאַלס האָבען די בורזשואַזע גרופּען, וואָס האָבען ביז איצט געשטיצט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען קאַבינעט, באַשלאָסען צו נידערשטימען די רעגירונג. די רעגירונג האָט געמוזט אָננעמען דעם ארויסרוף. איןביידע פּאַלאַטעס איז אויסגעדריקט געוואָרען אומצוטרוי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונג, און דער קאַבינעט איז געפאַלען.

אין סעפּטעמבער 1926 זיינען פאָרגעקומען וואַהלען אין דער שוועדישער אויבערשטער פּאַלאַטע, וואָס איז די פעסטונג פון די קאָנסערוואַטאָרען פון לאַנגע יאָהרען אָן. און צו אַלעמענס איבערראַשונג האָבען די וואַהלען געבראַכט אַ גרויסע מפּלה די קאָנסערוואַטאָרען, ליבעראַלען און... קאָמוניסטען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט פאַרגרעסערט איהרע מאַנדאַטען אויף 25%. אין אַ סך שטעדט האָבען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען צונויפגענומען צוויי דריטעל פון אַלע שטימען, און אין אַ סך פּראָווינציעלע לאַנדטאַגען האָבען זיי באַקומען אַ מערהייט.

אַזוי אַרום זעהען מיר, אַז דאָס שוועדישע פאָלק האָט אויסגעדריקט זיין פולען צוטרויען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונג. און ס'איז קיין שום ספק ניט, אַז דער נאָהענטסטער קריזיס פון איצטיגען קאַבינעט, וועט ווידער ברענגען צו דער מאַכט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אין שוועדען איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאַבינעט קיין נייעס ניט. אין 1924 האָט דער פאַרשטאָרבענער בראַנטינג שוין געשאַפען דעם דריטען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען קאַבינעט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט אַן אומגעהייער גרויסען איינפלוס אויפ'ן פּאָליטישען און ווירטשאַפטליכען לעבען פון לאַנד, און אין דער נאָהענטער צוקונפט וועט איהר מאַכט און איינפלוס ווערען נאָך גרעסער. דער שוועדישער ביישפּיל האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַנטשיידונג פון דער אַלגעמיינער אייראָפּעאישער פּראָבלעם וועגען איבערנעמען די מאַכט דורך די סאָציאַליסטען. די שוועדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז איינע פון די מעכטיגסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּא און איהר ערפאָלגרייכע אַנטוויקלונג איז אַ פעסטע און זיכערע.

די ע ס ט ר י י כ י ש ע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט זיך אין יאָהר 1926 פאַרפעסטיגט און אַנטוויקעלט אַזוי ווי אין די פאָריגע יאָהרען. די עסטרייכישע פּאַרטיי געהט ניט אריין אין דער רעגירונג. ביי דער איצטיגער פּאָליטישער און ווירטשאַפטליכער לאַגע אין לאַנד קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגען אַנטייל

נעמען אין אַ קאָאַליציאָנס רעגירונג. די נאָהענטסטע אויפגאַבע איז — אַ ריינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונג, וואָס שטיצט זיך אויף איהר אייגענער מערהייט. עס איז גענוג, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זאָלען אָפּרייסען פון די אַנדערע פּאַרטייען הונדערט טויזענט וועהלער, און זי ווערט די שטאַרקסטע און מעכטיגסטע פּאַרטיי אין לאַנד. ס'איז גענוג, אַז זי זאָל ביי די נאָהענטע וואַהלען צום פּאַרלאַמענט באַקומען נאָך 220 טויזענט שטימען, דאַן האָט זי אין פּאַרלאַמענט אַן אַבסאָלוטע מערהייט.

איז דאָס מעגליך? אַן ענטפער אויף דער פראַגע גיבען אונז די לעצטע וואַהלען אין אָקטאָבער, 1923. די פּאַרטיי האָט דעמאָלט באַקומען נייע 239 טויזענט שטימען.

מען דאַרף געדענקען, אַז שוין איצט איז די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין סאָציאַל־עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד אַן אומגעהייער וויכטיגער פאַקטאָר. די פּאַרטיי האָט אַ מערהייט אין ווינער שטאָדט־פאַרוואַלטונג, אַ שטאָדט, וואָס פאַרמאָגט אַ דריטעל פון דער באַפעלקערונג פון'ם גאַנצען לאַנד. דאָ האָט די פּאַרטיי באַוויזען, אויף וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיינען פעהיג. איהר אַרבייט אויפ'ן געביט פון פאָלקס־בילדונג, היגיענע, סאָציאַלע פאַרזאָרגונג, פינאַנסען און אַ סך אַנדערע צווייגען פון ווירטשאַפט איז פשוט וואונדערבאַר. אין יאָהר 1926 האָט זיך די טעטיגקייט פון דער סאָציאַליסטישער שטאָדט־פאַרוואַלטונג נאָך מעהר אַנטוויקעלט. עס זיינען פאַרענדיגט געוואָרען פּראַכטפולע הייזער פאַר צעהנדליגער טויזענט איינוואוינער, צעהנדליגער נייע גראַנדיעזע בנינים פאַר שולען, סטריט־קאַרס וכדומה.

די פּאַרטיי וואַקסט. אין הערבסט 1926 האָט זי געצעהלט 592,346 מיט־גלידער — 15% פון דער גאַנצער דערוואַקסענער באַפעלקערונג פון לאַנד. אין ווין געהערען צו דער פּאַרטיי 38% פון אַלע דערוואַקסענע מענער. נאָך די לעצטע אַלגע־מיינע וואַהלען האָט די פּאַרטיי באַקומען 78 טויזענט נייע מיטגלידער. איבערהויפּט איז גרויס דער צוואוקס פון פרויען אין דער פּאַרטיי. אין ווין אַליין פאַרמאָגט שוין די פּאַרטיי הונדערט טויזענט פרויען־מיטגלידער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע וואַקסט, די סירקולייש‏אַן פון דער פּאַרטייאישער טעגליכער, וועכענטליכער און מאָנאַטליכער פּרעסע דערגרייכט ביז 1,245,000 קאָפּיעס. אין דעם חשבון געהען ניט אריין די פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע צייטונגען און זשורנאַלען.

אַזוי זעהט אויס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין די וויכטיגסטע אייראָפּעאישע לענדער. אומעטום זעהען מיר אַן אינערליכע געזונטע באַוועגונג, פריי פון יעטווידער פּשרה מיט די קאָמוניסטען, אַ פאַלשטענדיגע ליקווידאַציע פון די אַלע פּלענער וועגען אַ „פאַראייניגטען פראָנט" מיט'ן קאָמוניזם, אַ פאַרשטאַרקטע אינטערנאַציאָנאַלע איינינגונג פון באַזונדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אַ פאַרשטאַרקונג פון סאָציאַ־ליסטישען אַרבייטער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז געוואָרען די געוועהר פון פּראַקטישער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון אַרבייטער קלאַס.

אַ ק אַ מ ף פ אַ ר ש ל ו ם א ו ן מ אַ כ ט — דאָס איז דער אינהאַלט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אייראָפּאַ פאַר'ן יאָהר 1926. אויף דעם וועג קאָן מען פאַרצייכענען אַן אומגעהייער גרויסען ערפאָלג. אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג וועט דער 1926 יאָהר פאַרנעמען איינע פון די שענסטע צייטלאַך.

דער אייראָפּעאישער קאָמוניזם אין 1926

פון פ. גאַרווי.

אין ענדע פון יאָהר 1926 איז אויפ'ן פערצענטען צוזאַמענפאָהר פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פּאָרגעקומען דער אידייאישער און פּאָליטישער ריס צווישען די צוויי פליגלען פון דער הערשענדער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. דער דאָזיגער פאַקט האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין מערב־אייראָפּא. ד ע ר י אָ ה ר 1926 א י ז ד ע ר ק ר י ז י ס־י אָ ה ר פ ו ן אַ ל ו ו ע ל ט ל י כ ע ן ב אָ ל ש ע ו ו י ז ם

דער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבען ניט אין יאָהר 1926, נאָר אַ סך פריהער. ער האָט זיך אָנגעהויבען באַלד נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער „רוסישער אָקטאָבער" וועט זיך אין די לענדער פון מערב־אייראָפּא ניט איבער'חזר'ן.

דער מערב־אייראָפּעאישער קאָמוניזם קאָן ניט באַטראַכט ווערען בלויז אַלס אַ מאָסקווער אָנשיקעניש. ער האָט זיינע אייגענע וואָרצלען. מיר קאָנען באַגרייפען דעם אַלוועלטליכען קאָמוניזם, ווען מיר באַקענען זיך מיט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיבות, וואָס האָבען איהם געבאָרען.

נישט קוקענדיג אויף דעם גרויסען אונטערשייד פון עקאָנאָמישען, פּאָליטישען און קולטורעלען לעבען אין מערב־אייראָפּא און רוסלאַנד, האָט די מלחמה און די ירושה, וואָס זי האָט איבערגעלאָזען, געשאַפען כמעט אומעטום דעם גינסטיגען באָדען פאַר דעם בונטארישען, אוטאָפּישען רעוואָלוציאָניזם.

דער ווירטשאַפטליכער חורבן, דער פינאַנציעלער קריזיס, דער הונגער און נויט, דער נאַאיווער גלויבען, אַז מיט געוואַלד־טהאַטען קאָן מען אַלץ אויפטאָן, דער נאָך־מלחמה'דיגער פסיכאָלאָגישער צושטאַנד פון די פאָלקס־מאַסען האָט געשאַפען דעם באָדען, פון וועלכען דער אַלוועלטליכער באָלשעוויזם האָט געצויגען זיין חיונה.

און וואָס שווערער ס'איז געוואָרען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די פאָלקס־מאַסען, וואָס גרעסער ס'איז געוואָרען דער ווירטשאַפטליכער חורבן, אַלץ העכער האָבען זיך געהויבען די באָלשעוויסטישע כוואַליעס.

די כוואַליעס אָבער האָבען ניט געקאָנט דורכרייסען די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע פאַרצאַמונגען, וואָס טיילען אָפּ רוסלאַנד פון מערב־אייראָפּא. דער פייער האָט העל אויפגעפלאַקערט, אָבער איז באַלד אויסגעלאָשען געוואָרען. אַנשטאָט דעם „זיגרייכען אָקטאָבער" — אַ מיאוסער דורכפאַל, אַנשטאָט דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט על פּי נוסח מאָסקווע — אַ שרעקלאַכע קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע און ווילדער פאַשיסטישער שגעון.

נאָר אַ דאַנק די מעכטיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון מערב־אייראָפּא, נאָר אַ דאַנק דער פּאָליטישער באַוואוסטזיניגקייט און הויכער קולטור פון די אַלטע קאַדרען פון אייראָפּעאישען פּראָלעטאַריאַט, האָט די באָלשעוויסטישע כוואַליע ניט פאַרגאָסען די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, האָט ניט פאַרניכטעט די דעמאָקראַטישע ערוואָרבונגען פון ארבייטער קלאַס.

דער דורכפאַל פון די רוסישע מעטאָדען אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער

האט פאראורזאכט דעם אידעאישען און ארגאניזאציאנעלען פלאנטער און מישמאש, די צופאלונג און דעזארגאניזאציע אין די רייהען פון די קאמוניסטישע פארטייען אין מערב־איירָאפּא. פון אנהויב אן האבען זיך אנגעמערקט צוויי אפּווייכונגען: לינקס, אין דער ריכטונג פון רעוואלוציאנער־מאקסימאליסטישע סעקטאנסטווא, און רעכטס, אין דער ריכטונג צוצופאסען זיך צו די נייע סאציאל־עקאנאמישע און פּאליטישע אומשטענדען.

פון דעמאלט אן האט זיך די געשיכטע פון אלוועלטליכען באלשעוויזם פארוואנדעלט אין א שטענדיגען קאמף מיט די רעכטע און לינקע אפּווייכונגען, מיט די אפּיקורסים פון רעכטס און פון לינקס.

דער פּאפּסטליכער טראן אין מאסקווע האט כסדר געמאכט שווערע כירורגישע אפּעראציעס איבער פארשידענע גרופּעס און ריכטונגען אין די איירָאפּעאישע קאמוניסטישע פארטייען. לענינ׳ס ארויסטריט געגען דער „קינדערשער קראנקהייט פון דעם לינקען פליגעל” האט פעסטגעשטעלט דעם מיאוסען דורכפאל, האט באוויזען קלאר, אז דער רוסישער קאמוניזם קאן זיך ניט איבער׳חזר׳ען אין מערב־איירָאפּא.

דער דורכפאל פון דער קאמוניסטישער רעוואלוציע אין הערבסט 1923 האט נאך מעהר פארשנעלערט דעם פּראצעס פון ארגאניזאציאנעלער און אידייעאישער צופאלונג. מאסקווע האט כסדר געביטען די קאמיסארען, וועלכע האבען באדארפט איינפיהרען ארדנונג אין די מערב־איירָאפּעאישע קאמוניסטישע פארטייען. די נעכטיגע גוטע און פרומע נאכפאלגער פון מאסקווע זיינען דורך נאכט פארוואנדעלט געווארען אין „פארדעטער פון דער רעוואלוציע”, אין „קליין־בירגערליכע אידעאלאגען”.

אין יאהר 1926 איז די לאגע אין די מערב־איירָאפּעאישע קאמוניסטישע פארטייען געווארען איינפאך א קאטאסטראפאלע. די פארשארפונג פון קריזיס דערקלערט זיך מיט צוויי וויכטיגע סיבות: ערשטענס, מחמת דער געענדערטער אלגעמיינער לאגע אין מערב־איירָאפּא, און צווייטענס, מחמת דעם אינערליכען קריזיס אין די רייען פון דער רוסלענדישער קאמוניסטישער פארטיי גופא.

נישט קוקענדיג אויף דער ארבייטסלאזיגקייט און פינאנציעלען קריזיס אין איינצעלנע לענדער, אויף פּאליטישע קריזיסען אין אנדערע, איז דאך דער יאהר 1926 געוועזען א יאהר פון ווירטשאפטליכער און פינאנצעלער אויפלעבונג. דער קריזיס אין דער פעלקער־ליג אין פריהלינג 1926 האט אביסעל אויפגעמונטערט די קאמוניסטען, האט זיי צוגעגעבען מוט, עס האט זיך געדאכט, אז אט איצט עפענען זיך נייע מעגליכקייטען פאר דער „אלוועלטליכער סאציאלער רעוואלוציע” לויט לענין׳ס נוסח. אבער באלד האבען זיי איינגעזעהען זייער טעות. דייטשלאנד איז אריין אין דער פעלקער־ליג אלס א פולבארעכטיגטער מיטגליד, די באציהונגען צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך זיינען פיעל פריינדליכער געווארען, די פּאליטישע אטמאספערע אין איירָאפּא בכלל איז פיל ריינער געווארען — און דאס האט אינגאנצען ארויסגעריסען דעם באדען ביי די מאסקעווער נאכשטופער.

דער ענגלישער קוילען־סטרייק האט אביסעל אויפגערודערט דעם קאמוניסטישען געמייזאכץ. אבער אויך דא האט זיך ארויסגעוויזען, ווי נאריש עס זיינען זייערע האפנונגען, ווי זיי הויבען ניט אן צו פארשטעהן די רעאלע עקאנאמישע

אומשטענדען פון פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף אין מערב־אייראָפּא. דער ענגלישער סטרייק איז געווען ניט קיין אָנגריף־קאַמף, נאָר אַ פאַרטיידיגונג אין אומגעהייער שווערע באַדינגונגען. דער דורכפאַל פון די קאָמוניסטען אין דעם אַלגעמיינעם סטרייק אין ענגלאַנד, וועלכען זיי האָבען געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ בירגערקריג, כדי צו פאַרכאַפּען די מאַכט, האָט געגעבען אַ טויט־קלאַפּ די קאָמוניסטען פונקט ווי דער דורכפאַל פון האַמבורגער אויפשטאַנד אין יאָהר 1923.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין צענטער פון אידייאישען קאַמף אין מערב־אייראָפּעאישען קאָמוניזם אין יאָהר 1926 איז געשטאַנען די פראַגע וועגען דער סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם. די וויכטיגקייט פון דער פראַגע איז געווען קלאָר פאַר אַלע ריכטונגען אין אייראָפּעאישען קאָמוניזם. די טאַקטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אויסגערעכענט סאַי אויף „אָרגאַנישע”, סאַי אויף „קריטישע” עפּאָכעס. אין „קריטישע עפּאָכעס” פאַרלירט זיך ניט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, זי שטעלט זיך נייע אויפגאַבען אום צוצופּאַסען דעם קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט צו די נייע געענדערטע אומשטענדען. אַנדערש איז מיט די קאָמוניסטען. זייער טאַקטיק, זייער „אידעאָלאָגיע” איז „צוגעפּאַסט” בלויז צו „קריטישע עפּאָכעס”, זיי ווייסען בלויז פון אַ גראַדער ליניע: אַטאַקירען די פעסטונגען פון קאַפּיטאַליזם, די „סאָציאַלע רעוואָלוציע” קאָן מען „מאַכען” בלויז דורך מעטאָדען פון טעראָריסטישער דיקטאַטור, פאַרכאַפּען די מאַכט אין בירגער קריג און אַזוי ווייטער. די דעמאָקראַטיע אַלס אַ מיטעל איבערצונעמען די פּאָליטישע מאַכט אַנערקענען ניט די קאָמוניסטען.

און דעריבער איז די סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם אַ טויט־קלאַפּ פאַר׳ן קאָמוניזם, דאָס רייסט אַרויס דעם באָדען אינגאַנצען פון אונטער זייערע פיס. פאַר די מעהר רעוואָלוציאָנער־געשטימטע קאָמוניסטען שטעהט די פראַגע אַזוי: מ׳טאָר ניט דערלאָזען צו דער סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם, מ׳מוז אויסנוצען זיין צייטווייליגע שוואַכקייט און ניט־געזיכערטקייט און מיט אַ דרייסטען אָנגריף אָראָפּרייסען די סטאַביליזאַציע. די מעסיגערע קאָמוניסטען טענה׳ען ווידער, אויב די סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם איז אַ געשעהענער פאַקט, מוז מען זיך אָפּזאָגען פון די ביז איצטיגע מעטאָדען, מ׳מוז אַריבערגעהן צו אַ לאַנג־דויערענדער אַרומרינגלונג, צו דער באַלאַגערונג פון קאַפּיטאַליזם.

די מאָסקווער דירעקטיוון, אין געגענזאַץ צו דיביידע עקסטרעמע ריכטונגען, דיקטירען צו האַלטען זיך אָן „דער מיטעלער ליניע”. סטאַלינ׳ס פאָרמולע „די פאַרהעלטניסמעסיגע ניט זיכערקייט פון דער סטאַביליזאַציע” באַווייזט, אַז אין אַלוועלטליכען צענטער פון דער „סאָציאַלער רעוואָלוציע” האָט מען זיך אינגאַנצען פאַרלאָרען. דער אָפיציעלער קאָמוניזם איז פאָלשטענדיג דעזאָרגאַניזירט און ער פּרואווט ראַטעווען די לאַגע מיט טעאָרעטישען פּלפּול וועגען דער גרינדליכער פּראָבלעם.

נאָר אויב פאַר די רוסישע באָלשעוויקעס איז דאָס בלויז אַ טעאָרעטישע פראַגע, איז דאָס פאַר די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין מערב־אייראָפּא אַ פראַגע פון טויט און לעבען. אָט פאַרוואָס די לינקע קאָמוניסטען אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע, פּוילען זיינען אַזוי דערשלאָגען, זיי זעהען שוין קלאָר פאַר זיך דעם אָנהויב פון ביטערען סוף, דעם סוף פון

ק אַ מ אַ י נ ט ע ר ן (קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל). די פאַרשידענאַר־טיגע אָפּאָזיציעס אין די מערב־אייראָפּעאישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען הויבען אָן צו פאַרשטעהן, אַז דער מאָסקעווער קאָמאינטערן נוצט אויס דעם מערב־אייראָ־פּעאישען קאָמוניזם אין די רוסישע נאַציאָנאַלע מלוכה־אינטערעסען, אַז זיי זיינען בלויז אַ שפּילצייג אין די הענט פון דער סאָוועטישער דיפּלאָמאַטיע...

— —

דער צווייטער וויכטיגער פאַקטאָר אין דער צופאַלונג פון אַלוועלטליכען באָלשעוויזם איז ד ע ר ק ר י ז י ס א י ן ד י ר י י ה ע ן פ ו ן ד ע ר ר ו ס ל ע נ ד י ש ע ר ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר פּ אַ ר ט י י ג ו פ אַ. מ'דאַרף זיך גענוי פאַרשטעלען די אידייאישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע און מאַטעריעלע אָפּהענגיגקייט פון אַלע פאַרטייען פון'ם „קאָמאינטערן" פון מאָסקווע, כדי צו פאַרשטעהן די אומגעהייער גרויסע וויכטיגקייט פון רוסישען קריזיס פאַר אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון מערב־אייראָפּאַ. שוין גלייך נאָך דער ערשטער דיסקוסיע אין יאָהר 1923 האָבען זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון מערב־אייראָפּאַ אריינגעצויגען אין רוסישען קריג. אין 1926 האָט די רוסישע פּראָבלעם שוין אינגאַנצען פאַרגוועלטיגט מיט דער אויפמערקזאַמקייט פון אַלע מערב־אייראָפּעאישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען. דער קאַמף פון דער פאַראייניגטער אָפּאָזיציע פון טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, סאָקאָלניקאָוו, שליאַפּניקאָוו, מעד־וועדיעוו מיט סטאַלינ'ס זעלבסט־הערשאַפט האָט געפונען אַ שטאַרקען אָפּקלאַנג אין אַלע סעקציעס פון „קאָמאינטערן". די מפּלה פון די פריהערדיגע אָפּגעטער פון קאָמוניזם, דאָס באַזייטיגען זיי פון אַלע וויכטיגסטע פּאָסטענס אין „קאָמ־אינטערן", אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּארטיי, אין דער מלוכה פאַר־וואַלטונג, אַרמיי און פלאָט, האָט שטאַרק אויפגערודערט די מערב־אייראָפּעאישע קאָמוניסטען, מ'האָט גענומען ריידען וועגען דעם רוסישען טערמידאָר, וועגען דעם בורזשואַזען באָנאַפּאַרטיזם, וועלכער וועט סוף כל סוף פאַרוואַנדלען דעם „קאָמאינ־טערן" אין אַ געוועהר פון בורזשואַז־נאַציאָנאַלער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק פון דער סאָוועטישער רעגירונג.

זינאָוועיעוו, ראַדעק און אַנדערע פיהרער פון דער אָפּאָזיציע, האָבען זיך שוין לאַנג באַמיהט צו געפינען זיכערע שטיץ־פּונקטען אין די מערב־אייראָפּעאישע קאָ־מוניסטישע פּאַרטייען, כדי אויסצואיבען אַ דרוק פון דרויסען אויף דער הערשענדער קליקע אין מאָסקווע.

דער אַרויסטריט פון דער רוסישער אָפּאָזיציע האָט נאָך מעהר פאַרפעסטיגט די איבערצייגונג פון די אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטען אין מערב־אייראָפּעאישען קאָמוניזם אין דער געפאַהר פון דער אָנפיהרענדער ראָליע פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין „קאָמאינטערן". לויט'ן ביישפּיל פון דער רוסישער אָפּאָזיציע האָבען זיך אויך אין מערב־אייראָפּאַ געגומען אָרגאַניזירען „טאַקטישע בלאָקען" פון דער אָפּאָ־זיציע. די דאָזיגע בלאָקען האָבען עפענטליך דעמאָנסטרירט זייער סאָלידאַריטעט מיט דער רוסישער אָפּאָזיציע, האָבען געשטיצט די פּלאַטפאָרם פון דער אָפּאָזיציע אין די רוסישע און אינטערנאַציאָנאַלע פראַגען און האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם „באַ־לאַגערונגס־צושטאַנד" אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין „קאָמאינטערן".

ניט אומזיסט לייענען מיר אין דעם באַריהמטען אולטימאַטום פון דעם צענט־

ראַלען קאָמיטעט צו דער פּאַראייניגטער רוסישער אָפּאָזיציע, וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען דעם 11טען אָקטאָבער, דעם אַכטען פונט: „ס'ווערט אנערקענט די אבסאָלוטע ניט דערלאָזבארקייט פון וועלכער עס איז דירעקטער אָדער אומדירעקטער שטיצע אין קאַמף פון די אָפּאָזיציאָנעלע גרופּען אין די באזונדערע סעקציעס פון „קאָמאינטערן" (סואווארין'ס גרופּע אין פראנקרייך, אורבאנס-וועבער אין דייטשלאנד, באָרדיגעס גרופּע אין איטאַליע).

דאָס אָננעמען פון דעם אולטימאַטום איז אַ מיאוסער פאַררעט געגען די אייראָפּעאישע חברים פון דער רוסישער אָפּאָזיציע, אַ פאַרברעכען געגען חברים, צו וועמעס הילף מ'האָט נאָר וואָס גערופען, צו וועמען מ'האָט נאָר וואָס אַפּעלירט.

אין דער באַריהמטער מעלדונג וועגען קאַפּיטולאַציע, וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען דעם 16טען אָקטאָבער און איז אונטערגעשריבען געוואָרען פון זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, פּיאַטאַקאָוו, סאָקאָלניקאָוו, טראָצקי און יעוודאָקימאָוו — באמת אַ דאָקומענט פון שאנדע און מיאוסער פּחדנות — שרייבען די פיהרער פון דער רוסישער אָפּאָזיציע: „מיר זיינען אבסאָלוט געגען די, וועלכע פיהרען וועלכע ס'איז אגיטאַציע געגען „קאָמאינטערן", געגען דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָדער געגען דער סאָוועטישער רעגירונג און פּרעטענדירען אויף וועלכער עס איז סאָלידאַריטעט מיט זיי... מיר מיינען, אז ס'איז אבסאָלוט ניט דערלאָזבאר צו אונטערשטיצען דירעקט אָדער אומדירעקט דעם פראַקציאָנעלען קאַמף פון וועלכע ס'איז גרופּען אין די באַזונדערע סעקציעס פון „קאָמאינטערן", מעג דאָס זיין סואווארינ'ס גרופּע אין פראנקרייך; מאַסלאָוו, רוט פישער, אורבאנס-וועבער אין דייטשלאַנד; באָרדיגעס גרופּע אין איטאַליע, אָדער וועלכע ס'איז אַנדערע גרופּע אומאָפּהענגיג פון דעם, ווי זי באציהט זיך צו אונזער שטאַנדפּונקט".

דער דאָזיגער פאַררעט געגען זייערע חברים און נאָכפאָלגער האָט ניט נאָר אָפּגעשוואַכט די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון מערב-אייראָפּאַ, נאָר פאַרקערט, נאָך מעהר פאַרשטאַרקט. די פּאָליטישע פּחדנות, אידייאישע נישטיגקייט, אינערליכע פּוסטקייט פון די פיהרער פון דער רוסישער אָפּאָזיציע מיט זינאָוויעוו'ן אין דער שפּיץ, האָט אינגאַנצען אנטוישט די מעהר ערנסטערע קאָמוניסטען.

צי קאָן מאָסקווע ווייטער בלייבען די אידייאישע פיהרערין פון קאָמוניזם, אויב ס'איז מעגלאַך אַזאַ מין קאַפּיטולאַציע פאַר סטאַלין'ס מערהייט? און צי הערשט טאַקע אין מאָסקווע די דיקטאַטור פון אַ קליקע איבער'ן פּראָלעטאַריאַט? און צי געהט טאַקע די סאָוועטישע רוסלאַנד צום סאָציאַליזם, אָדער אפשר גאָר צום קאַפּיטאַליזם? די דאָזיגע פראַגען באַאומרוהיגען, פאָדערען אַן ענטפער, פאַרשטאַרקען נאָך מעהר די אידייאישע צופאַלונג.

דער הייליגער שיין, וואָס האָט ארומגערינגעלט דעם מאָסקווער קרעמל, איז פאַרשוואונדען. דאָס, וואָס מ'האָט באזייטיגט זינאָוויעוו'ן, איז שוין ניט וויכטיג. דער „קאָמאינטערן" איז געוואָרען קלענער אויף אַ קאָפּ, נאָר דאָס איז דאָך דער קאָפּ פון זינאָוויעוו'ן, וועלכער האָט אַזוי מיאוס פאַררעטען זיינע חברים, זיינע נאָכפאָלגער אין מערב-אייראָפּאַ.

דער מערב-אייראָפּעאישער קאָמוניזם גוססט. און ווי שטענדיג אין אַזוינע פאַלען קומט דער גייסטיגער און מאָראַלער טויט פאַר דעם פיזישען. די קאָמוניסטישע סעקציעס וועלען זיך נאָך פּלאָנטערען אונטער די פיס, זיי וועלען נאָך טומלען,

פארפעסטען די לופט מיט דעמאגאגיע... אבער דאס וועט שוין זיין א טויטער קערפער, אהן א נשמה, א גולם.

מ'וועט נאך פון צייט צו צייט אונטערוואַרפען אביסעל טשערוואנצעס פון דער רוסישער קאסע, ס'וועט זיך נאך ארומדרעהען איבער אייראפא א „כאפטע גע־דונגענע קדישים", ווי ס'האט זיך אמאל אויסגעדריקט דער אפאזיציאנער מעדוועדיעוו, מ'וועט נאך אונטער דער פירמע פון „קאמאינטערן" ברעכען און צושטערען די אר־בייטער־באוועגונג. אבער גייסטיג איז דער קאמוניזם שוין טויט. דער לעניניזם איז פארגליווערט געווארען, ער האט זיך פארוואנדעלט אין א הייליגען יעוואנגעליום. מען ציטירט די טעקסטען פון די הייליגע שריפטען, מען איז זיך מפלפל, מ'חקרנ'ט זיך. די ארבייט פון לעבעדיגען געדאנק האט אויפגעהערט. ס'איז קיין שום ספק ניט, אז אויך דער פיזישער טויט פון לעניניזם אין מערב־אייראפא איז א זאך פון דער גאר נאהענטער צוקונפט.

— —

דער שרעק פאר דער גסיסה, דאס אנטלויפען פון די קאמוניסטישע ארגאניזאציעס האט געצוואונגען דעם „קאמאינטערן" ארויסצורוקען דעם „מאניעוור פון פאראייניגטען פראנט". דער אויטאר פון דעם קלוגען פלאן איז געווען זינאוויעוו, דער געוועזענער פאפסט פון „קאמאינטערן" בכבודו ובעצמו. נאך דעם, ווי די קאמוניסטישע טאקטיק אויפצורייסען און צוברעכען די יוניאנס אין מערב־אייראפא איז מיאוס דורכגעפאלען האבען די קאמוניסטען באשלאסען דורך דעם מאניעוור פון פאראייניגטען פראנט געפינען א וועג צו די ארגאניזירטע מאסען פון אייראפעאישען פראלעטאריאט. אבער שוין אין יאהר 1925 איז קלאר געווארען, אז אלע זייערע באמיהונגען צו פיהרען דעם אמסטערדאמער טרייד־יוניאן אינטער־נאציאנאל אין חדר פונ'ם „פאראייניגטען פראנט" זיינען ניט געלונגען.

אביסעל מעהר ערפאלג האבען זיי געהאט אין אנהויב ביי די ענגלישע טרייד־יוניאנס, ווייל מ'האט זיי דארטען נאך ניט געקענט. אבער אין יאהר 1926 איז שוין ענדגילטיג קלאר געווארען, אז אויפרייסען פון אינווייניג דעם אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל און צוזאמען מיט איהם אויך דעם סאציאליסטישען ארבייטער אינטערנאציאנאל וועט זיך זיי ניט איינגעבען.

דער עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון סאציאליסטישען־ארבייטער אינטערנאציאנאל האט איינשטימיג אפגעווארפען דעם פארשלאג פון דער ענגלישער אומאפהענגיגער ארביי־טער פארטיי צו פאראייניגען זיך מיט דעם „קאמאינטערן". די וויטערדיגע קאמו־ניסטישע מאניעווערן, ווי די באריהמטע רייזע פון דער ענגלישער ארבייטער דעלע־גאציע מיט פורסעל'ן אין דער שפיץ קיין מאסקווע, דער ענגליש־רוסישער קאמיטעט פון איינינקייט, זיינען אויך מיאוס דורכגעפאלען. די פלענער אויפצורייסען דעם אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל פון אינווייניג, און אויב דאס וועט ניט געלינגען, איז כאטש אפרייסען די ענגלישע טרייד־יוניאנס פון אמסטערדאם, זיינען ניט געלונגען.

די וואנטוריסטישע טאקטיק פון די מאסקווער באלשעוויקעס אין דער צייט פונ'ם אלגעמיינעם סטרייק אין ענגלאנד, די פרואווען דורך דער געלד־שטיצע פאר די סטרייקענדע קוילען־גרעבער צו כאפען פיש אין מוטנע וואסער, האט געווירקט פונקט פארקערט. די „לינקע" פיהרער פון די ענגלישע טרייד־יוניאנס האבען זיך אפגע־

שאָקעלט פון מאָסקווע, דער ענגליש־רוסישער קאָמיטעט האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין א טויטער פיקציע.

דעמזעלבען מיאוסען סוף האָבען אויך געהאַט די דייטשע קאָמוניסטען, ווען זיי האָבען אין דעם רעפערענדום קאמפּיין גענומען זיך שאַפען די פאַראייניגטע „קאָמי־טעטען פון דירעקטער אַקציע". דאַסזעלבע האָט זיך אויך איבערגע'חזרט אין דער שווייץ.

נישט אַכטענדיג אויף די אַלע מאַניעווערען פאַרלירט דער „קאָמאינטערן" און דער „פּראָפאינטערן" דעם באָדען פון אונטער די פיס. פאַראייניגען די ארבייטער־באַווע־גונג קאָן מען ניט דורך פשרות מיט די קאָמוניסטען, נאָר דורך אַן ענערגישען קאַמף מיט זיי.

די צופאַלונג און דעזאָרגאַניזאַציע פון די קאָמוניסטישע רייהען אין יאָהר 1926 וועט דערנענטערען די לעצטע שעה פון די קאָמוניסטישע געדונגענע קדישים.

— —

נאָך בולט'ער, ווי אין אינטערנאַציאָנאַלען מאַסשטאַב, איז אין יאָהר 1926 פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון צופאַלונג אין די באַזונדערע סעקציעס פון „קאָמאינטערן" אין מערב־אייראָפּאַ.

ד י י ט ש ל א נ ד. דער קאָמוניסטישער דורכפאַל אין דייטשלאַנד אין יאָהר 1923, האָט פעסטגעשטעלט, אַז די אַלוועלטליכע רעוואָלוציע אונטער דעם דיקטאַט פון מאָסקווע איז בלויז אַ פרומער וואונש. אוועקפיהרען די ארבייטער מאַסען אויפ'ן וועג פון בירגער־קריג האָט מען געקענט אין דער צייט פון שרעקלאַכען פינאַנ־ציעלען קריזיס און דער אָקופּאַציע פון די רייהנישע פּראָווינצען. די סטאַביליזאַציע פון די דייטשע פינאַנסען, דאָס באַפרייען דעם רור־געביט, האָבען ארויסגעריסען דעם באָדען פון אונטער די דייטשע קאָמוניסטען. בראַנדלער, דער העלד פון דעם מערץ־פּוטש אין יאָהר 1921 און פון דער אָקטאָבער „רעוואָלוציע" אין יאָהר 1923, איז פאַרטריבען געוואָרען פון זיין פּאָסטען. אויף זיין אָרט האָט מאָסקווע באַשטימט אַ נייעם „לינקען" צענטראַלען קאָמיטעט, אין דער שפּיץ מיט רוט פישער, מאַסלאָוו און שאָלעם.

די טאַקטיק פון'ם נייעם „לינקען" קאָמיטעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס פייער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז געריכטעט געוואָרען, הויפּטזעכליך, געגען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען. זינאָוויעוו האָט אריינגעלייגט אין חרם די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, דאָס איז „די דריטע פּאַרטיי פון דער בורזשואַזיע", „דער לינקער פליגעל פון פאַשיזם". ניט דורך פשרות מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, נאָר אין פייער פון בירגער קריג, אויף די באַריקאַדען, וועלען מיר זיגען, האָט זינאָוויעוו געשריבען.

אָבער דער קאַמף מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָט ניט געהאָלפען. די ארבייטער־מאַסען האָבען גענומען לויפען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין די אַלגעמיי־נע וואַהלען אין 1923 פאַלט די פּאַרטיי מיאוס דורך. אין סעפּטעמבער 1925 האָט די עקזעקוטיווע פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל שטרענג געפאָדערט צו ענדערען דעם קורס. די נעכטיגע „לינקע" פיהרער, רוט פישער, שאָלעם, מאַסלאָוו, זיינען אריינגעלייגט געוואָרען אין חרם און באַזייטיגט געוואָרען פון די אָנפיהרענדע פּאָסטענס. אויף זייער אָרט האָט מאָסקווע באַשטימט אַ נייעם צענטראַלען קאָמיטעט מיט טעלמאַנען אין דער שפּיץ. אַזוי האָבען זיך געביטען, ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ, די

פיהרער, מיט וועלכע מאָסקווע האָט מזכה געווען די דייטשע קאָמוניסטען. די אינערליכע לאגע אין דער פארטיי איז געוואָרען אלץ ערגער און ערגער. די לינקע ריכטונגען און גרופּירונגען אין די רייהען פון דער פארטיי האָבען זיך פארמערט. דאָס איז געווען א נאטירליכע רעאקציע געגען סטאלינ'ס זיעג אין רוסלאנד, געגען דער מאָסקווער זעלבסטהערשענדער-קאָמאנדע איבער דער דייטשער קאָמוניסטישער פארטיי.

פון דעם לינקען פליגעל אין דער דייטשער קאָמוניסטישער פארטיי האָט זיך אינגאנצען אָפּגעטיילט די גרופּע פון איוואן קאץ, וועלכע וויל שאפען א נייע פארטיי, די צווייטע לינקע גרופּע, וואָס ווערט אָנגעפירט פון קאָרש און שוואַרץ, איז דאָ ניט לאנג אינגאנצען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער פארטיי. די גרופּע פון רוט פישער, מאסלאָוו און אורבאנס איז דערקלערט געוואָרען פאר אפּיקורסיש און איז אויך אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער פארטיי. אין דער פארטיי איז נאָך פארבליבען וועבער'ס גרופּע. די אלע גרופּען זיינען אנטשיידען געגען דער מאָסקווער דיקטאטור, דאָס הייסט, געגען סטאלינ'ען. די דאָזיגע גרופּען האָבען א שטארקען איינפלוס אין בערלין, האמבורג, זאקסען, רהיינישער פראָווינץ און האנאָווער. לעצטענס האָבען זיך די גרופּעס פאראייניגט אין א „טאקטישען בלאָק” און זיינען געמיינזאַם ארויסגעטראָטען אין אן עפענטליכער דערקלערונג געגען סטאלין'ס טעראָר, געגען דער ברוטאלער דערשטיקונג פון דער רוסישער אָפּאָזיציע. די דערקלערונג איז אונטערגעשריבען פון 700 פאראַנטוואָרטליכע פארטייאישע טוער פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פארטיי, צווישען אנדערע אויך פון שאָלעם, וועבער, אורבאנס און אנדערע. אויף דער לעצטער אלגעמיינער פארזאמלונג פון דער בערלינער אָרגאניזאציע זיינען צוויי דריטעל מיטגלידער אנטשלאָסען ארויסגעטראָטען געגען דעם צענטראלען קאָמיטעט פון דער פארטיי פאר זיין שקלאפישער אונטערטעניגקייט צו מאָסקווע.

דער נאָהענטער צוזאַמענפאַהר פון דער דייטשער קאָמסניסטישער פארטיי וועט מסתמא זיך אָפּרעכענען מיט די ווידערשפּעניגע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּען, אזוי ווי סטאלין האָט עס געטאָן מיט דער רוסישער אָפּאָזיציע. אין דייטשלאנד איז אָבער די לאגע אנדערש. דאָ קאָן מען ניט צומאכען דאָס מויל, מ'קאָן ניט פארשיקען קיין סיביר. די שפּאלטונג אין דער דייטשער קאָמוניסטישער פארטיי איז אומפארמיידליך.

די איצטיגע פיהרער פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פארטיי באשולדיגען די אָפּאָזיציע אין „מענשעוויזם”. דאָס איז גראדע א קלוגער איינפאל! אויף'ן לינקען פלאנג פון דייטשען קאָמוניזם גרופּירען זיך די בונטאריש-סעקטאנטישע עלעמענטען, וועמעס וועג איז ניט צו דער סאָציאל-דעמאָקראטיע, נאָר צום אנארכאָ-בלאנקיזם.

די אָפיציעלע דייטשע קאָמוניסטישע פארטיי שטיצט זיך אויף א גוט גע-אוילטער מאשין. פינף הונדערט גוט באצאָהלטע אגענטען געפינען זיך אין דינסט פון דער פארטיי. דער אפּאראט באמיהט זיך מיט אלע כוחות איינצוהאלטען

זיך אויף דער אויבערפלעכע פון פּאָליטישען לעבען. אניט וועט מען דאָך אויפהערען צו שיקען די מטבע.

זייער ארבייט איז באַשטאַנען אין אָרגאַניזירען סקאַנדאַלען אין פּאַרלאַמענט, אין די לאַנדטאַגען און שטאָדט־פּאַרוואַלטונגען. אזוי ווי די דאָזיגע „רעוואָלוציאָנערע" ארבייט הויבט אָן שטאַרק צו דערעסען די דייטשע ארבייטער, האָט מען זיך לעצטענס גענומען פאַר קאָנסטרוקטיווער ארבייט. דאָס אנטייל נעמען אין רעפערענדום וועגען אוועקנעמען ביי די האָהענצאָלערנס זייער פאַרמעגען האָט באַוויזען, אז די קאָמוניסטען קאָנען בלויז זיך נאָכשלעפּען נאָך די סאָציאַל־דמאָקראַטען.

די ארבייטער, וואָס געהען נאָך די קאָמוניסטען, ווילען זיך מאַסענווייז אַ לאָז טאָן אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. שוין אין יאָהר 1926 האָט זיך באַמערקט אַ גרויסער צופלוס פון ארבייטער אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. פאַר צוויי קלאַסען־פּאַרטייען פון פּראָלעטאַריאַט איז קיין אָרט ניטאָ אין דייטשלאַנד.

פ ר אַ נ ק ר י י ך. די צושפּליטערונג אין דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט זיך פאַרשטאַרקט אין יאָהר 1926. די רייסערייען האָבען זיך אָנגעהויבען נאָך אין יאָהר 1923. פריהער האָט מען באַזייטיגט פראָסאַר'ען, שפּעטער דעם טראָצקיסט, סואַווארינען. נאָכדעם איז אַוועק אַ סדרה פון אויסשליסונגען, פון אָפּטע בייטען די פּאָליטביוראָ פון דער פּאַרטיי.

די פּראָקלאַמירטע באָלשעוויזירונג פון דער פּאַרטיי, אין אָנהויב פון יאָהר 1924 איז נאָך ביז איצט ניט פאַרענדיגט. די רעאָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי אויפ'ן יסוד פון אינדוסטריעלע „קעמערלאַך" האָט אריינגעבראַכט אַ פּלאָנטער און מישמאַש. אין דעם טומעל און כאַאָס זיינען פאַרניכטעט געוואָרען די לעצטע שפּורען פון פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע. די „הומאַניטע" פאַרעפענטליכט ניט קיינע אַרטיקלען אָדער דאָקומענטען פון דער אָפּאָזיציע. דעם 21טען דעצ., 1925, איז די רעכטע אָפּאָזיציע געצוואונגען געווען אַרויסצוטרעטען מיט אַן אָפענעם בריוו, אונטערגע'חתמעט פון אַ גרויסער צאָהל אַלטע פּאַרטייאישע טוער, אין וועלכען זיי באַקלאָגען זיך אויף דער דיקטאַטור און דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד, וואָס די מאָסקווער אַגענטען האָבען איינגעפיהרט אין דער פּאַרטיי.

אפילו דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וואָס באַשטעהט פון 70 פּערזאָן, האָט קיין שום ווירקונג ניט, איז אַ שפּילצייג אין די הענט פון די מאָסקווער דיקטאַטאָרען. א ז ו י, צ ו ם ב י י ש פּ י ל, פּ ל ע ג ע ן ד י ו ו י כ ט י ג ס ט ע ב אַ ש ל ו ס ע ן ו ו ע ג ע ן ד ע ם ק ר י ג א י ן מ אַ ר אָ ק אָ אָ נ ג ע נ ו מ ע ן ו ו ע ר ע ן אָ ה ן ד ע ם ו ו י ס ע ן פ ו ן צ ע נ ט ר אַ ל ע ן ק אָ מ י ט ע ט. דאָס אידעאישע לעבען אין דער פּאַרטיי איז אָפּגעטויט געוואָרען. די אָפּאָזיציאָנערען זיינען אלס שלימזדיגע אינטעליגענטען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון דער פּאַרטיי.

די אַרויסגעטריבענע שווייגען ניט. די בורזשואַזע פראַנצויזישע רעפּובליק איז דאָך ניט די קאָמוניסטישע סאָוועטען־רעפּובליק. סואַווארין גיט אַרויס דעם זשורנאַל „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע", אין וועלכען ער פיהרט אַן אומ־רחמנות'דיגען קאַמף מיט דער אָפיציעלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פאַר דער מיטאַרבייטערשאַפט אין אָפּאָזיציאָנעלען זשורנאַל „דער קאָמוניסטשיער ביולעטין"

זיינען אין דעצעמבער, 1925, אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער פארטיי א גאנצע רייהע אָנגעזעהענע מיטגלידער, ווי בארטו, לעמור, פעללעטיער און א סך אנדערע. אין יאנואר, 1926, איז פון דער פארטיי אויסגעשלאָסען געוואָרען א גרופע פון 280 פערזאָן. צווישען די אָפּאָזיציאָנערען זעהען מיר אזוינע חשוב'ע פארטיי־מיטגלידער, ווי ראָסמער און מאָנאט. ראָסמער איז איינער פון די גרינדער פון'ם דריטען אינטערנאציאָנאל, דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבען די שפּאלטונג אין דער פראנצויזישער סאָציאליסטישער פארטיי.

די אינערליכע רייסערייען און צושפּליטערונג איז אויפגעדעקט געוואָרען אויפ'ן קאָמוניסטישען צוזאמענפאהר אין ליל, יוני 1926. דער אָפיציעלער באריכט ווייזט אָן אויף דער קאטאסטראָפאלער לאגע אין דער פארטיי. אין יאנואר, 1925, איז אין דער פארטיי געווען 76,000 מיטגלידער, אין יוני, 1926 בלויז 55,000. די אָפּאָזיציע אָבער באהויפּטעט, אז אין דער קאָמוניסטישער פארטיי זיינען פארבליבען בלויז 30,000 מיטגלידער.

ס'איז אינטערעסאנט דער פאקט, וואָס די סאָציאליסטישע פארטיי, וועלכע האָט אין דעם מאָמענט פון צושפּאלטונג, אין טור, פארמאָגט צעהן טויזענט מיט־גלידער צעהלט יעצט אין איהרע רייהען **הונדערט מיט צוואנציג טויזענט מיטגלידער.**

דער סאָציאלער צוזאמענשטעל פון דער קאָמוניסטישער פארטיי איז, לויט אָפיציעלע ידיעות, פאָלגענדער: 78% ארבייטער, 14% פויערים, 8% פרייע פּראָפעסיעס. הינטער די אָפיציעלע ציפערן אנטפּלעקט זיך די גוט באקאנטע קאָמוניסטישע בלאָפעריי. די צאָהל פון גוטשטעהענדע מיטגלידער אין יאָהר 1926 איז נישטיג אין פארגלייך מיט דער צאָהל פון ניי צוגעקומענע מיטגלידער. די קאָמוניסטישע פארטיי איז א דורכגאנגס-הויף. אין א סך אָרגאניזאציעס זיינען 50% מיטגלידער וועיניגער ווי א האלב יאָהר אין דער פארטיי, 75% וועניגער ווי א יאָהר. אָט דאָס זיינען די רעזולטאטען פון דער באריהמטער באָלשעוויזירונג פון דער פארטיי.

דער פּאָליטישער ערפאָלג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי איז אויך קלאָגעדיג. זי פארלירט איהר פּאָליטישען איינפלוס אפילו אויף די טיילען ארבייטער, וואָס געהען נאָך איהר. דער קאָמוניסטישער טומעל האָט שוין דערעסען. נאָר אין די פאריזער פאָרשטעדט מיט דער בונטאריש־אנארכיסטיש געשטימטער באפעלקערונג האלט זי נאָך איין איהרע פּאָזיציעס, ווי מיר האָבען לעצטענס געזעהען אין די דערגענצונגס-וואהלען אין יאָהר 1926.

דער מאַניעוור פון פאראייניגטען פראָנט האָט אויך געהאַט זעהר וועיניג ערפאָלג. די קאָמוניסטישע פארטיי האָט טיילוויז אויסגענוצט דעם קריג אין מאראָקקאָ און דעם פינאנציעלען קריזיס. אָבער אויך ביי דער געלעגענהייט האָבען די קאָמוניסטען קיין גרויסען פּראָפיט ניט געהאָט. נאָך אביסעל טומעלדיגע דעמאגאָגיע... און דאָס אַלץ.

קיין רעאלע פּאָליטישע פּראָגראם פארמאָגט ניט די קאָמוניסטישע פארטיי. דער לאָזונג פון „אַן ארבייטער און פויערים" רעגירונג איז ביי די פראנצויזישע אומשטענדען שוין א צו ביליגער בלאָף.

ענגלאנד. נאָכ'ן וועלט-קריג האָט די ענגלישע ארבייטער באוועגונג פארנומען א וויכטיגען אָרט אין'ם פּאָליטישען לעבען פון ענגלאנד. דער

עקאָנאָמישער קריזיס, די ארבייטסלאָזיגקייט, די אינדוסטריעלע סכסוכים — דאָס אַלץ צוזאמענגענומען האָט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון „קאָמאינטערן" אויף ענגלאַנד. ניט אומזיסט האָט טראָצקי נאָכ'ן דורכפאַל אין דייטשלאַנד ערקלערט, אַז איצט דאַרף מען „זוכען די רעוואָלוציע" ניט אויפ'ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט, נאָר אין ענגלאַנד.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ענגלאַנד איז אמת אומבאַדייטענד אין צאָהל, זי איז אָבער ריהרעוודיג און אַנטוויקעלט אַ לעבעדיגע טעטיגקייט, אויסנוצענדיג די סימפּאַטיע פון די ענגלישע ארבייטער צו דער רוסישער רעוואָלוציע. אין'ם דורכפאַל פון דער ערשטער ארבייטער רעגירונג אין ענגלאַנד האָבען אַ היבשען חלק די רוסישע באָלשעוויקעס. דער צוזאמענפאָהר פון דער ענגלישער ארבייטער פּאַרטיי אין ליווערפּול, אין דעצעמבער, 1925, האָט אויסגעשלאָסען די קאָמוניסטען פון דער פּאַרטיי. דער דאָזיגער באַשלוס איז געווען אַזוי אומדערוואַרטעט, ווייל דער נאָר וואָס פאַרענדיגטער קאָנגרעס פון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס אין סקאַר־באָראָ איז געווען לינק געשטימט.

אין צענטער פון פּאָליטישען לעבען אין ענגלאַנד אין יאָהר 1926 איז געשטאַנען דער קוילען־סטרייק. דער „קאָמאינטערן" האָט באַשלאָסען, אַז איצט איז טאַקע געקומען דער הייליגער מאָמענט, די „רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע", וועלכע עס האָט „פּראָפעטיש" פאָראויסגעזעהען טראָצקי. זינאָוויעוו — נאָך דעמאָלט דער הויפּט פון „קאָמאינטערן" — האָט געמאָלדען, אַז די סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם איז אָראָפּגעריסען געוואָרען, מ'דאַרף נעמען אַטאַקירען דעם קאַפּיטאַליזם. די קאָמוניסטען האָבען געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעגלאַך געווען כדי צו שטויסען דעם ענגלישען ארבייטער קלאַס אויף אַ „דירעקטער אַקציע".

דער פּאַרטיידיגונגס־סטרייק פון די קוילען־גרעבער, וועלכער איז געשטיצט געוואָרען דורך אַן אַלגעמיינעם סטרייק, האָט געהאַט אַ גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג. די קאָמוניסטען אָבער האָבען עס געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ דירעקטען קאַמף פאַר דער מאַכט, אין דעם „לעצטען און אַנטשידענדעם" קאַמף. זיי האָבען זיך באַמיהט צו פאַרוואַנדלען דעם קוילען־סטרייק אין אַ בירגער־קריג. לויט די דירעק־טיווען פון מאָסקווע האָט מען אַרויסגערוקט דעם לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט דעם גענעראַל־ראַט פון די טרייד־יוניאָנס", שפּעטער האָט מען עס פאַרביטען מיט'ן לאָזונג: „ די גאַנצע מאַכט די ראַטען פון דירעקטער אַקציע".

די ענדע פון דעם אַלגעמיינעם סטרייק האָט אינגאַנצען אַנטוישט די קאָמו־ניסטען. דער ענגלישער ארבייטער־קלאַס האָט זיך ניט געלאָזט פיהרען אין חדר. שפּעטער איז די גאַנצע אויפמערקזאמקייט פון די קאָמוניסטען געווענדעט געוואָרען אויף דעם קוילען־גרעבער סטרייק. דער רוסלענדישער צענטראַלער פאַרבאַנד פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט אַריבערגעשיקט אין ענגלאַנד 10 מיליאָן רובעל, וועלכע זיינען דורך צוואַנג אַרויסגעריסען געוואָרען פון די רוסישע ארבייטער. די דאָזיגע „ברידערליכע הילף" איז אויפ'ן מיאוסטען אופן אויסגענוצט געוואָרען פון די קאָמוניסטען. קוק, דער פיהרער פון די קוילען־גרעבער, געפינט זיך אונטער'ן איינ־פלוס פון די מאָסקווער קאָמוניסטען, ער האָט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט די רעאַלע מעגליכקייטען און מיט זיין איינגעשפּאַרטקייט האָט ער געגאָסען וואַסער אויפ'ן מויל פון די קוילען־מאַגנאַטען. די שרעקליכע נויט פון די קוילען־גרעבער איז אויסגענוצט געוואָרען פון די קאָמוניסטען כדי צו דיסקרעדיטירען די פיהרער

פון דער לייבאָר פּארטיי און פון די טרייד־יוניאַנס, און אפילו די פריהערדיגע קאָמוניסטישע אָפּגעטער, די לינקע פיהרער, פּוירסעל, סמיט און אנדערע.

אויפ'ן לעצטען צוזאַמענפּאָהר פון דער לייבאָר־פּארטיי האָבען די קאָמוניסטען זיך מיט פארשידענע קונצען אהין אריינגעשמוגעלט. מ'האָט מיט אלע כוחות געאַרבייט צו ענדערען דעם ליווערפּולער באשלוס, מ'האָט געוואָלט אָנבינדען דעם קאָנגרעס קאָמוניסטישע לאָזונגען. אָבער אומזיסט! די מערהייט פון קאָנגרעס האָט באַשטעטיגט דעם ליווערפּולער באשלוס וועגען ניט אריינגעמען די קאָמוניסטען אין דער לייבאָר־פּארטיי, און אַזוי אַרום זיינען איצט די קאָמוניסטען שוין אויף זיכער מחוץ למחנה. די מעהרהייט, וואָס האָט אָנגענומען דעם באשלוס, איז אן איבערוועגענדע: 3,414,000 געגען 209,000 שטימען. ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס צוזאַמען מיט דער מערהייט האָבען געשטימט די פאָרשטעהער פון 900,000 קוילען־גרעבער.

אין אָקטאָבער, 1926, איז פאָרגעקומען דער קאָנגרעס פון דער ענגלישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. לויט'ן אָפיציעלען באריכט האָט זיך די צאָהל מיטגלידער פאר'ן לעצטען יאָהר פארדאָפּעלט — פון 5,000 אויף 10,730. אין פארגלייך מיט דער מעכטיגער לייבאָר פּארטיי איז דאָס אַ נישטיגקייט. מ'דאַרף ניט פארגעסען, אז די ענגלישע קאָמוניסטען זיינען איצט שטאַרק אין דער מאָדע אין מאָסקווע, מ'שטיצט זיי מיט אַ ברייטער האַנט.

נאָכ'ן אַלגעמיינעם סטרייק פיהלען זיך די קאָמוניסטען אין ענגלאַנד ניט איבעריג הייִמלאַך. די לינקע, פּוירסעל און אנדערע, האָבען זיך פון זיי אָפּגעשאָקעלט. דער פּראַקטישער ענגלענדישער ארבייטער וועט מיט זיין געזונטען חוש פארשטעהן, וואוהין עס פיהרען די קאָמוניסטען און זייערע נאָכשטופּער. זיי וועלען נאָך זאָגען זייער הארבען וואָרט.

ב ע ל ג י ע. אין בעלגיע שפּילט די קאָמוניסטישע באוועגונג אַ קנאַפּע ראָליע. די צאָהל פארעגיסטרירטע מיטגלידער איז 700—600. אויפ'ן לעצטען צוזאַמענפאָהר פון דער בעלגישער קאָמוניסטישער פּארטיי אין סעפּטעמבער, 1926, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז די מאָסקווער דיקטאַטור פאראליזירט דאָס לעבען פון דער קליינער פּארטיי. דער לאָזונג פון „אַן ארבייטער און פּויערים רעגירונג" איז אין בעלגיע דערזעלבער נאָנסענס ווי אין פראַנקרייך. דאָס אַנטיילנעמען פון די סאָציאַליסטען אין דער קאָאַליציאָנס־רעגירונג, כדי צו סטאַביליזירען דעם פראַנק, ווערט אויסגענוצט פּאר אַ גיפטיגער העצע געגען די סאָציאַליסטען. אין די געמיינדע וואַהלען אין אָקטאָבער, 1926, האָבען די קאָמוניסטען געוואונען עטליכע מאַנדאַטען ביי די סאָציאַליסטען אין ברויסעל, גהענט און ליעזש: אָבער אין אַלגעמיין זיינען אין די וואַהלען די קאָמוניסטען מיאוס דורכגעפאַלען. כאַ־ראַקטעריסטיש איז, וואָס אין דעם וויכטיגסטען אינדוסטריעלען ראַיאָן באָרינאַזש האָבען די קאָמוניסטען ניט באַקומען קיין איין מאַנדאַט, אין דער צייט ווען די סאָציאַליסטען האָבען געוואונען נייע 50 ערטער. נאָך קלענליכער איז זייער ערפאָלג אין די יוניאָנס. זייער קורצער ראָמאַן מיט דער עלטסטער אָרגאַניזאַציע פון די קוילען־גרעבער, „די ריטער פון ארבייט", האָט זיך שוין פארענדיגט. מ'האָט זיי פון דאָרטען משלח געווען. די בעלגישע יוניאָנס זיינען ענג פארבונדען מיט ־ער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי.

אין ה אָ ל אַ נ ד האָט די שפּאַלטונג אין די רייהען פון דער קאָמו־

ניסטישער פּאַרטיי אָנגענומען אַ שאַרפע פאָרם. די פּאַרטיי צופאַלט זיך אויף ברעקלאַך, די קאָנפערענץ פון דער אויסגעשלאָסענער גרופּע „ווינקאָאָפּ" האָט באַשלאָסען צונויפרופען אַ צוזאַמענפאָהר פון אַלע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּען, און אָרגאַניזירען זיך אין אַ נייער פּאַרטיי.

אין די ס ק אַ נ ד י נ אַ וו י ש ע לענדער פאַרשווינדען די קאָמוניסטען לחלוטין. אין ש וו ע ד ע ן איז נאָך דער שפּאַלטונג אין סעפּטעמבער, 1924, געווען צוויי קאָמוניסטישע פּאַרטייען: איינע איז אָנגעשלאָסען אָן מאָסקווע און די צווייטע, די אַזוי גערופענע אומאָפּהענגיגע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, מיט העגלונד'ען אין דער שפּיץ. די ערשטע צעהלט אָן ערך פינף טויזענט מיטגלידער, די צווייטע — דריי טויזענט מיטגלידער. אויף'ן צוזאַמענפאָהר אין סטאָקהאָלם האָבען די אומאָפּהענגיגע קאָמוניסטען באַשלאָסען צו פאַראייניגען זיך מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטען. אין די קרייז-וואַהלען אין יאָהר 1926 האָבען די שוועדישע קאָמוניסטען באַקומען 14 מאַנדאַטען, אַנשטאָט די פריהערדיגע 32, די סאָציאַל-דעמאָקראַטען האָבען באַקומען 444, אַנשטאָט 368.

אין נ אָ ר וו ע ג י ע קייקלען זיך די קאָמוניסטען שוין לאַנג באַרג אַראָפּ. די אונטערהאַנדלונגען צווישען די סאָציאַל-דעמאָקראַטען און דער עקסטרעם לינקער „אַרבייטער פּאַרטיי", וועלכע האָט פאַרלאָרען איהר פריהערדיגען קאָמוניסטישען גלאַנץ, האַלטען ביי פאַרענדיגט ווערען. די מיינונגס-פאַרשידענהייטען באַציהען זיך אויף פראַגען פון אויסערליכער פּאָליטיק. די „אַרבייטער פּאַרטיי" איז געגען דער פעלקער-ליג, געגען אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטס-ביוראָ, און דערהויפּט זיינען זיי געגען אַנטייל נעמען אין סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין נאָרוועגיע איז נאָך אַלע שפּאַלטונגען געבליבען אַזוי בלוט-אָרים, אַז זי שפּילט ניט קיין שום ראָלע אין דער אַרבייטער באַוועגונג.

אין די ב אַ ל ט י ש ע ל ע נ ד ע ר זיינען די קאָמוניסטען אויף גרויסע צרות. דער עסטאָנישער אויפשטאַנד האָט פאַרבלוטיגט דעם אַרבייטער קלאַס, אַזוי, אַז מען קאָן נאָך עד היום ניט קומען צו זיך. די קאָמוניסטישע פּאַרטייען זיינען אומלעגאַל. זיי פיהרען זייער אַרבייט אונטער דער פירמע פון אומפּאַרטייאישע לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס.

אין פּ ו י ל ע ן האָבען די קאָמוניסטען גענומען אַ טעטיגען אַנטייל אין דער מאַי איבערקערעניש אויף פּילסודסקי'ס זייט. מאָסקווע האָט זיך שפּעטער שטאַרק געבייזערט פאַר דעם. אין דער שפּיץ פון די אָפּאָזיציאָנעלע גרופּען אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי שטעהט דאָמסקי. דער איינפלוס פון די קאָמוניסטען אויף די אַרבייטער מאַסען אין פאַרגלייך מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) איז אַ סך אַ קלענערער.

אין ט ש ע כ אָ ס לאָ וו אַ ק י ע האָבען די קאָמוניסטען יאָ אַ איינפלוס. דער גרעסטער ערפאָלג זייערער איז אין די געגענדען, וואס זיינען באַזעצט מיט נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, אין קאַרפּאַטען-רוסלאַנד און אין סלאָוואַקיע. די שאַרפע נאַציאָנאַלע קעמפע זיינען אָן אויסגעצייכענטער באָדען פאַר דער קאָמוניסטישער דעמאַגאָגיע. דאָך איז אין די לעצטע פּאַרלאַמענט-וואַהלען דעם 15טען נאָוועמבער, 1925, האָבען די קאָמוניסטען באַקומען 933,710 שטימען, די אומאָפּהענגיגע קאָמוניסטען — 7,866 שטימען, ד. ה. מיט 108,223 שטימען ווייניגער ווי אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צוזאַמען (1,041,934). די רייסערייען צווישען

די טשעכישע און דייטשע סאָציאַליסטען איז א גליק פאר די קאָמוניסטען. אָבער לעצ־טענס מערקט זיך א דערנענטערונג צווישען די דייטשע און טשעכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וואָס וועט זיכער פאַרקלענערען דעם קאָמוניסטישען איינפלוס.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן רוסישען קריזיס האָבען זיך אויך דאָ פאַרשאַרפט די מיינונגס־פאַרשידענהייטען אין די רייהען פון דער קאָמ. פאַרטיי. די „רעכטע" אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע איז אַרויסגעטראָטען מיט פאָדערונגען. דער „קאָמאינטערן" האָט ערקלערט קריג דער „אָרגאַניזירטער פראַקציע". די פּרואוון פון א גרופּע אָפּאָזיציאָנערען מיט קרייצען און נעטראט'ען אין דער שפּיץ זיינען ליקווידירט גע־וואָרען מיט באָלשעוויסטישע מעטאָדען.

דעם 14טען אָקטאָבער, ווען ס'האָט זיך געעפענט דער פּאַרלאַמענט, האָבען די קאָמוניסטען אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינעם סטרייק אַלס א פּראָטעסט געגען דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע. דער ניט געלונגענער סטרייק האָט באַוויזען, אַז לעצטענס פאַרלירען די קאָמוניסטען זייער איינפלוס. די טשעכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען אָפּגעוואָרפען דעם קאָמוניסטישען פאָרשלאַג וועגען צונויפ־רופען א קאָנפערענץ פון אַלע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס.

אין עסטרייך פיהרט די קאָמוניסטישע פאַרטיי אַן אָרימען, נישטיגען לעבען, נישט אַכטענדיג אויף אַלע לעגאַלע מעגליכקייטען.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך דאָס, וואָס די שווייצאַרער סאָציאַליס־טישע פאַרטיי, וועלכע האָט זיך אין האַמבורג, אין יאהר 1923, אָפּגעזאָגט אַריינ־צוטרעטען אין סאָציאַליסטישען אַרבייטער אינטערנאַציאָנאַל און וועלכע האָט די גאַנצע צייט געפאָדערט די פאַראייניגונג פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל מיט'ן קאָמוניסטישען, האָט אין יאָהר 1926 באַשלאָסען אַריינצוטרעטען אין סאָ־ציאַליסטישען אַרבייטער אינטערנאַציאָנאַל.

דער יאָהר 1926 איז געוועזן א קריטישער יאָהר פאר'ן „קאָמאינטערן". דער פּראָצעס פון צופאַלונג און דעגראַדאַציע האָט אָנגענומען א קאַטאַסטראָפאַלען כאַראַקטער. אָבער דערווייל האַלטען מיר נאָך ניט ביי זיין לויה. דער קאַמף געגען דער גיפטיגער ווירקונג פון קאָמוניזם וועט נאָך פאָדערען אַן אומגעהייער גרויסע אָנשטרענגונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין מערב־אייראָפּא. די מלחמה און די רעוואָלוציעס האָבען אויפגעהויבען פון דער טיפעניש אויף דער אויבערפלאַכע פון געזעלשאַפטליכען לעבען די גרויסע שיכטען פון די פאָלקס־מאַסען. די נאָכמלחמה אומשטענדען וועלען נאָך לאַנג ווירקען אויף די פּאָליטיש־צוריקגעשטאַנענע טיילען פון פּראָלעטאַריאַט און פויערטום. פון דער צווייטער זייט וועט די מאָסקווער דיקטאַטור נאָך לאַנג שטיצען די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין מערב־אייראָפּא.

אָבער דער איצטיגער קריזיס אין מאָסקווע האָט געגעבען א טויט־קלאַפּ דעם אַלוועלטליכען באָלשעוויזם. ער האָט צונישט געמאַכט די לעגענדע וועגען דעם סאָציאַליסטישען גן־עדן אין רוסלאַנד. די דאָזיגע לעגענדען וועלען שוין ניט אויפ־לעבען די אַלע אַרבייטער־דעלעגאַציעס, וואָס זיינען עולי רגל קיין מאָסקווע.

ניט איינמאָל, אפשר, וועט נאָך אויפפלאַקערען דער באָלשעוויזם, אַזוי ווי ס'פלאַקערט אויף א וואַלד־שרפה פאר'ן אונטערגעהן. בלייבען אָבער וועלען מעהר ניט ווי אַרומגעבראַנטע האַלאָוועשקעס — קליינע סעקטאַנטישע גרופּקעס, וועלכע וועלען בלייבען א זכר פון דער גרויזאַמער צובושעוועטער באָלשעוויסטישער סטיכיע.

סאָציאַליזם און קאָמוניזם אין די פאַראייניגטע שטאַטען אין יאָהר 1926

פון דזשיימס אָניעל.

1. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט פּאַר דעם משך פון כמעט צעהן יאָהר געהאַט אַזאַ ערפאַהרונג, וואָס וואָלט פּאַרניכטעט אירגענד וועלכע אַנדער אָרגאַניזאַציע. מיט ניין יאָהר צוריק האָט זי אָנגענומען אַ דעקלאַראַציע בנוגע דעם וועלט־קריג, וואָס האָט געבראַכט געגען איהר די העפטיגסטע אַטאַקעס וואָס זי האָט ווען עס איז געהאַט בייצושטעהן. טויזענטער ברענטשעס אין די קלענערע שטעדט זיינען פּאַרניכטעט געוואָרען פון די אָרטיגע רעאַקציאָנערען. עס איז געוואָרען אומעגליך אָפּצוהאַלטען מיטינגען, אויסער אין די גרויסע שטעדט. איהרע צייטונגען זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון דער פּאָסט. קאָנגרעסמאַן בערגער און אַן אַנצאָהל פון די העכסטע פּאַרטיי־באַאַמטע זיינען אָנגעקלאָגט און פּאַראורטיילט געוואָרען צו געפענגנים. דער ניט לאַנג פּאַרשטאָרבענער יודזשין וו. דעבס איז פּאַראורטיילט געוואָרען צו צעהן יאָהר געפענגנים. אונזערע סאָציאַליסטישע אַסעמבלילייט זיינען צוויי מאָל אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער ניו יאָרקער לעדזשיסלייטשור. צוויי מיטגלידער פון קליוולענדער סיטי־קאַונסיל זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען. אַ מיטגליד פון דער וויסקאָנסינער לעדזשיסלייטשור איז אויסגעשלאָסען געוואָרען.

אין פילע טיילען פון לאַנד איז די לאַגע געוואָרען אַזאַ, אַז פּאַר אַ סאָציאַליסט איז שווער געווען צו געפינען באַשעפטיגונג. ער איז אָפּגעשטויסען געוואָרען אַלס אַ „פּאַררעטער". עס איז פּאַר אונז זאָגאַר געווען אומעגליך צו קריגען גענוג געלט צו פּאַרטיידיגען אונזערע מיטגלידער אין די געריכטען. די פּאָסט־באַאַמטע האָבען ניט דורכגעלאָזען אונזערע אַפּילס פּאַר געלט־שטיצע. אונזערע געלט־מיטלען זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען. מיר האָבען זיך פּאַרשולדיגט. מיר האָבען פּאַרקלענערט אונזערע הוצאות, אָבער אונזערע חובות זיינען אַלץ געשטיגען. אונזער לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז מיר האָבען שוין מעהר ניט געקענט צוריקטרעטען, אָבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַלעס אַריבערגעטראָגען.

אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. מיר זיינען באַפאַלען געוואָרען אין אונזערע אייגענע רייהען. אַ שרעקליכער פראַקציאָנעלער קריג איז אָנגעהויבען געוואָרען פון יענע מיטגלידער אונזערע, וועלכע זיינען געוואָרען קאָמוניסטען. די מלחמה איז אָנגעגאַנגען מאָנאַטען־לאַנג. דאַן איז געקומען די שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי אין ענדע אויגוסט, 1919. די קאָמוניסטען האָבען מיט זיך מיטגענומען אַרום 35,000 מיטגלידער, וועלכע האָבען זיך אַליין צושפּאָלטען אין דריי פּאַרטייען — די פּראָלעטאַרישע, די קאָמוניסטישע און די קאָמוניסט־לייבאָר פּאַרטיי. ווידער פראַקציאָנעלע מלחמות! מאַנכע פון אונזערע אייגענע מיטגלידער איז מיאוס געוואָרען דער פראַקציאָנעלער קאַמף און זיי האָבען פּאַרלאָזען די פּאַרטיי. דאָס דאָזיגע ביסלעכווייזע אָפּפאַלען פון דער פּאַרטיי האָט אָנגעהאַלטען עטליכע יאָהר צייט, אָבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אַלץ געבליבען.

די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט פּאַרלאָרען פּונקט אַזוי פיל מיטגלידער ווי מיר. אונזער וואוט אין פילע פון די גרויסע שטעדט איז אַ סך אַרונטערגעפאַלען, אָבער די צאָהל קאָמוניסטישע שטימען האָט זיך ניט געהויבען. זייער שטימען־צאָהל איז ניט גרעסער ווי מיט פינף יאָהר צוריק. דאָס איז אַ וויכטיגער פאַקט. מיר מעגען זיך פּאַרלירען טויזענטער שטימען, אָבער די קאָמוניסטישע באַוועגונג

קען זיי ניט געווינען פֿאַר זיך. פֿון דער צווייטער זייט אָבער, איז נאָך אַ צווייפעל צי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַלס גאַנצע, האָט פֿאַרלאָרען שטימען איבער׳ן גאַנצען לאַנד, טראָץ די אַלע שוועריגקייטען וואָס איהר איז אויסגעקומען בייצוקומען און טראָץ דעם וואָס איהר צאָהל שטימען אין די גרויסע שטעדט איז געפֿאַלען. שוין נאָך דער שפּאַלטונג פֿון 1919 האָט דעבס באַקומען איבער 900,000 שטימען.

נאָך מעהר, אונזער צאָהל שטימען הויבט אָן צו צייגען אַ פֿאַרגרעסערונג אין די לעצטע וואַהלען. פֿאַריגען יאָהר האָט אונזער קאַנדידאַט פֿאַר מעיאָר פֿון ניו יאָרק סיטי, נאָרמאַן טאָמאַס, באַקומען עטוואָס איבער 39,000 שטימען. הייניגעס יאָהר האָט דזשייקאָב פּענקין, וועלכער איז געלאָפֿען פֿאַר גאָווערנאָר, באַקומען אין ניו יאָרק סיטי ארום 50,000 שטימען. אין מילוואָקי איז וויקטאָר ל. בערגער ווידער־ערוועהלט געוואָרען אַלס קאָנגרעסמאַן מיט אַ גרעסערער צאָהל שטימען ווי פֿאַר צוויי־יאָהרען, און אין אַ דערבייאיגען דיסטריקט האָט עדמונד ט. מעלמס באַקומען כמעט אַזוי פֿיל שטימען ווי דער זיגרייכער קאַנדידאַט. אין קאַליפֿאָרניא האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין די לעצטע וואַהלען געצויגען דעם איבערראשענדען וואוט פֿון 50,000 און האָט דערמיט באַקומען איהר אָפֿיציעלע אַנערקענונג אַלס פּאָליטישע פּאַרטיי. אין קענזעס — אַן אַגריקולטורעלער סטייט, וואו מיר האָבען פּאַקטיש קיין אָרגאַניזאַציע ניט, — האָט די פּאַרטיי געצויגען 30,000 שטימען. אין רעדינג, פּאַ., האָט אונז בלויז געפֿעהלט אַ פּאָר הונדערט שטימען צו ערוועהלען דזשיימס ה. מאורער און נאָך אַ סאָציאַליסט אַלס אַסעמבלילייט.

דאָס איז די אַלגעמיינע טענדענץ פֿון דעם סאָציאַליסטישען וואוט, וואָס דעקט־אויף זעהר אַ וויכטיגע זאַך וועגען דער סאָצ. פּאַרטיי — און דאָס איז אַז: זי האָט זיך אַזוי פֿיל איינגעוואָרצעלט אין די 25 יאָהר פֿון אַמעריקאַנער פּאָליטישען לעבען אַז זי קען ניט פֿאַרניכטעט ווערען פֿון אונזערע רעאַקציאָנערע קלאַסען. און איהר אָרט קען אויך ניט פֿאַרנומען ווערען פֿון דער וואָירקערס (קאָמיוניסט) פּאַרטיי. די צאָהל קאָמוניסטישע שטימען אין די וואַהלען אין ניו יאָרק סיטי לעצטען נאָוועמבער איז געווען אַזוי קליין, אַז מען קען עס אַפֿילו מיט אַ מיקראָסקאָפּ ניט געפֿינען. און ווי קליין די דאָזיגע שטימען־צאָהל איז אין ניו יאָרק, איז עס נאָך קלענער אַנדערשוואו און אין די מעהרסטע שטאַאַטען עקזיסטירט עס אינגאַנצען ניט. ווי איך האָב ערקלערט, איז אונזער מיטגלידער־צאָהל געפֿאַלען אַלס רעזולטאַט פֿון פֿראַקציאָנעלע קריגערייען, אָבער די מאַסע סאָציאַליסטישע שטימען־אָפּגעבער זיינען מיט אונז און וועלען בלייבען מיט אונז.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געשטעלט געוואָרען צו פּראָבע פֿון נאָך אַן אַנדער ריכטונג. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט זיך אָרגאַניזירט די פֿאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי, וועמעס פּראָגראַם איז ניט געווען אַזוי ראַדיקאַל ווי אונזערע. איך וואָלט געווען צופֿרידען ווען זי אַנטוויקעלט זיך און באַקומט די אונטערשטיצונג פֿון אַזעלכע טרייד־יוניאָנס וועלכע מיר האָבען ניט באַקומען. זי איז אָרגאַניזירט געוואָרען דורך טרייד־יוניאָנס אַלס די „אַמעריקען לייבאָר פּאַרטי” אויף אַ נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ אין יאָהר 1919 און זי איז געוואָרען דעם קומענדען יאָהר די „פֿאַרמער־לייבאָר פּאַרטי”. ווען זי וואָלט זיך געהאַלטען ביי איהר אָנגעצייכענטער ליניע, האָט זי געהאַט אַ געלעגענהייט זיך צו אַנטוויקלען און פֿאַרנעמען אַזאַ פּאָזיציע, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וואָלט געמוזט טראַכטען וועגען אַרבייטען מיט איהר צוזאַמען.

אָבער זי האָט אין יאָהר 1923 די דאָזיגע געלעגענהייט אַוועקגעוואָרפֿען. זי האָט, מיט די בעסטע אַבזיכטען, צוזאַמענגערופֿען אַ „פּאַראייניגטען פֿראָנט”־קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, צו וועלכער זי האָט אויך איינגעלאַדען די קאָמוניסטען. די סאָציאַליסטען האָבען צו דער קאָנווענשאָן ניט געשיקט קיין דעלעגאַטען. מיר האָבען גאַנץ גוט געוואוסט וואָס עס וועט געשעהן, און אַזוי איז טאַקע געשעהן. די קאָמוניסטען האָבען געשיקט הונדערטער דעלעגאַטען פֿון אויסגעטראַכטע אָרגאַניזאַציעס און האָבען „פֿאַרכאַפּט” די קאָנווענשאָן. די פֿאַרמער־לייבאָר

פּאַרטיי האָט אויסגעהויכט איהר נשמה אין משך פון אַ יאָהר צייט. און דאָס זעלבע איז געשעהן מיט דער „פאַרכאַפּטער" אָרגאַניזאַציע וואָס די קאָמוניסטען האָבען אויף דער דאָזיגער קאָנווענשאָן געגרינדעט.

איך דערמאָן די דאָזיגע געשיכטע, ווייל זי איז אונבאַדינגט נויטיג אום מיר זאָלען פאַרשטעהן דעם צושטאַנד פון דער סאָצ. פּאַרטיי אין יאָהר 1926. פון סאַמע אָנהויב ווען די קאָמוניסטען האָבען געשפּאָלטען אונזער פּאַרטיי, אין יאָהר 1919, האָבען מיר געוואוסט, אַז בלויז דער טויט ערוואַרט יעדער פּאַרטיי וואָס וועט קומען אין באַריהרונג מיט דער קאָמוניסטישער גיפט. דערפאַר האָבען מיר זיך אַנטזאָגט אַנטייל צו נעמען אין דער קאָנווענשאָן אין יאָהר 1923 אין שיקאַגאָ. פאַר דער זעלבער אורזאַכע האָבען מיר צוריקגעוויזען יעדען פאָרשלאַג פאַר אַ „פאַראייניגטען פראָנט" וואָס איז געקומען פון די קאָמוניסטען. פאַר דער זעלבער אורזאַכע וועלען מיר אַלעמאָל צוריקווייזען אַזעלכע פאָרשלעגע.

עס איז איצט אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז אַ פּאַרטיי וואָס איז געווען וועניגער ראַדיקאַל ווי אונזערע איז דורכגעפאַלען. עס איז אויך קלאָר פאַר אַלע־מען, אַז אונזערע לעבערליכע באָלשעוויקעס זיינען דורכגעפאַלען. דאַרפען מיר נאָך האָבען אַ בעסערען באַוויז, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז בייגעקומען אַ משוגע'נע געשיכטס־פּעריאָדע און איז ארויסגעקומען זיגרייך טראָץ די שווערסטע באַדינגונגען, וואָס דער פּאַרטיי איז ווען אויסגעקומען צו באַקעמפען דאָ אין לאַנד?

נאָך אַ באַוויז, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וואַקסט לאַנגזאַם אָבער זיכער און קריגט צוריק איהר פריהערדיגע מאַכט, איז דער וואוקס פון דעם נאַציאָנאַלען פּראָפּאַגאַנדאַ־אָרגאַן, „דהי אַמעריקען אַפּיל". צו פאַרדאַנקען הויפּטזעכליך דעם גרויסמוט פון דער „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן, האָט דער דאָזיגער אָרגאַן אָנגע־הויבען צו ערשיינען לעצטען יאַנואַר און ער האָט זייט דאַן באַקומען אַ גרויסע צירקולאַציע, וואָס וואַקסט מיט יעדער וואָך. אין צייט פון אַ יאָהר אָדער צוויי וועט דער דאָזיגער אָרגאַן זיך אליין באַצאָהלען און וועט האָבען אַ מעכטיגען איינפלוס אויף דער ארבייט צוריק אויפצובויען די פּאַרטיי.

דעם ערשטען מאַי פון היינטיגען יאָהר האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָפּ־געהאַלטען אַ נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג, וואו זיבעצעהן סטייטס, 1 דיסטריקט־אָרגאַניזאַציע און 4 שפּראַכען־פעדעראַציעס זיינען געווען פאַרטראָטען. דער גייסט פון דער קאָנווענשאָן האָט זיך אם בעסטען ארויסגעוויזען דורך די מאַס־מיטינגען וואָס זיינען ביי דער געלעגענהייט געהאַלטען געוואָרען און דורך דעם וואָס עס איז געזאַמעלט געוואָרען די סומע פון 3,000 דאָלאַר פאַר אָרגאַניזאַ־ציאָנס־ארבייט. די דעלעגאַטען זיינען געקומען צו דער קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג מיט דער זעלבער אַנטשלאָסענהייט הויך צו האַלטען די פאָהן פון דער פּאַרטיי, וואָס זיי האָבען ארויסגעוויזען אין דער גאַנצער שווערער צייט זייט די פאַר־אייניגטע שטאַאַטען איז אריינגעטראָטען אין דער וועלט־מלחמה.

דער פינאַנציעלער רעפּאָרט פון נאַציאָנאַלען אָפּיס, וואָס איז אָפּגעגעבען גע־וואָרען צו דער קאָנווענשאָן, האָט געוויזען אַז די אַלטע חובות פון דער פּאַרטיי זיינען פּאַקטיש אָפּגעצאָהלט געוואָרען. דאָס אַליין איז אַ גרויסע ערמוטיגונג און אַ גוטער סימן. דער דאָזיגער חוב איז אויסגעוואַקסען אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס די פּאַרטיי האָט געמוזט פּאַרטיידיגען אין געריכט ניט נאָר אונזערע אייגענע מיטגלידער נאָר אויך אַנדערע „פּאָליטישע" און קלאַסען־קאַמף־„פאַרברעכער". איצט קענען מיר זיך לכל הפּחות טרייסטען, אַז אונזערע געלט־מיטלען וועלען קענען פאַרברויכט ווערען פאַר די לעגיטימע הוצאות פון נאַציאָנאַלען אָפּיס און פאַר פּראָפּאַגאַנדאַ.

דער באַריכט וועגען דער מיטגלידערשאַפט האָט אין זיך אַנטהאַלטען אַ גרויסע איבעררצשונג פאַר די דעלעגאַטען. אין דער פאַר־מלחמה־צייט, ווען די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי האָט געהאַט אַ גרויסע מיטגלידערשאַפט, איז געווען אַ היבשע צאָהל סטייטס אין דער סאַוטה וואו מיר האָבען כמעט גאָר קיין אָרגאַניזאַציעס ניט

געהאַט. מיר האָבען געהאַט עטליכע ברענטשעס אין די מעהרסטע סטייטס פֿון דער סאַוטה און אַ געוויסע צאָהל „מעמבערס עט לאַרדזש" — דאָס הייסט אַזעלכע וואָס האָבען באַלאַנגט דירעקט צום נאַציאָנאַלען אָפֿיס, ווייל קיין אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט געווען. אויף אַזאַ אופֿן האָבען מיר געהאַט מיטגלידער אין אָט די אַלע סטייטס. דער מעמבערשיפּ־רעפּאָרט האָט געוויזען, אַז כאָטש מיר האָבען אין דער סאַוטה אַ קליינע מיטגלידערשאַפֿט, איז זי אָבער פּונקט אַזוי ווייט פֿאַרשפּרייט איבער די פֿאַרשיידענע סטייטס ווי פֿריהער. מיר האָבען מיטגלידער פֿון אונזער פּאַרטיי אין 39 פֿון די 48 שטאַאַטען און איינעם אָדער מעהרערע ברענטשעס אין די מעהרסטע פֿון די דאָזיגע 39 שטאַאַטען.

דאָס וואָס אונזער פּאַרטיי איז אַזוי ווייט פֿאַרשפּרייט איבער'ן לאַנד גיט אונז אַ פֿונדאַמענט, אויף וועלכען צו בויען אַ קאַמפּס־לוסטיגע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. אין פֿילע פֿון די סטייטס האָבען די מיטגלידער אָנגעהאַלטען זייערע פּאַרטיי־קאַרטען טראָץ דעם כסדר'דיגען נסיון זיך אָנצושליסען אָן די אָרטיגע אונצופֿרידענע פֿאַרמערס אָדער שטאָדטישע אַרבייטער, וועלכע האָבען געזוכט צו ערוועהלען אַ „פֿריינד" וואָס איז נאָמינירט געוואָרען פֿון די בורזשואַזע פּאַרטייען.

אויף דער קאָנווענשאָן איז פֿאָרגעקומען אַ לעבהאַפֿטע דעבאַטע איבער צוויי פֿראַגען. איין פֿראַגע איז געווען, צי זאָל די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי נאָכפֿאָלגען דעם ביישפּיל פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און פֿון דעם אַרבייטער־ און סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל און אונטערשטיצען די ליג אָוו ניישאָנס; און די צווייטע פֿראַגע איז געווען, וואָס פֿאַר אַ שטעלונג די פּאַרטיי זאָל נעמען צו דער פּראָהיבישאָן־פֿראַגע. מאָריס הילקוויט האָט אָנגעפֿיהרט די דעבאַטע פֿאַר דער ליג אָוו ניישאָנס און וויקטאָר ל. בערגער האָט אָנגעפֿיהרט די אָפּאָזיציע. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסען אָפּצולעגען די פֿראַגע אויף דער נעקסטער קאָנווענשאָן און אין דער צווישען־צייט זאָל די פֿראַגע גרינדליך דיסקוטירט ווערען אין דער פּאַרטיי־פּרעסע און אין די פּאַרטיי־ברענטשעס.

די דיסקוסיע וועגען דער פּראָהיבישאָן־פֿראַגע האָט באַוויזען, אַז די זעלבע צוטיילונג וואָס הערשט אין דער פֿראַגע צווישען דער איסט און דער וועסט אין אַלגעמיין עקזיסטירט אויך אין דער פּאַרטיי. די מעהרסטע אַרגומענטען פֿאַר פּראָהיבישאָן זיינען געקומען פֿון די דעלעגאַטען פֿון דער וועסט, בעת די געגנערשאַפֿט צו פּראָהיבישאָן איז געקומען פֿון די דעלעגאַטען פֿון דער איסט. די געגנער פֿון פּראָהיבישאָן האָבען אָבער אָנגענומען גאָר אַן אַנדער שטעלונג ווי די שטעלונג פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פּאָליטישענס; זיי האָבען ניט געפֿאָדערט אַז דאָס לאַנד זאָל זיך צוריקקערען צו פּריוואַטער פּראָדוקציע און פֿאַרקויף פֿון שאַרפֿע משקאות, נאָר אַז די רעגירונג זאָל אַליין באַטרייבען די דאָזיגע אינדוסטריע, און דאָס איז טאַקע געווען דער באַשלוס פֿון דער קאָנווענשאָן.

צווישען די רעזאָלוציעס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף דער קאָנווענשאָן זיינען געווען די פֿאָלגענדע: אַז עס זאָל געמאַכט ווערען אַ פֿאַרזוך צו אַראַנזשירען טורס פֿאַר מאַנכע ענגלישע סאָציאַליסטישע רעדנער; אַז עס זאָלען אַרויסגעגעבע ווערען „סטאַדי־אַוטליינס", וועלכע זאָלען פֿאַרקויפֿט ווערען אויף מיטינגען און זאָלען געברויכט ווערען אין שטודיר־קלאַסען; אַ רעזאָלוציע, וואָס דריקט אויס סימפּאַטיע צו דעם כינעזישען און מעקסיקאַנער פֿאָלק אין זייער קאַמף געגען אימפּעריאַליסטישע עראָבערונגען; אַ רעזאָלוציע, וואָס פּראָטעסטירט געגען דעם וואָס עס איז געמאַכט געוואָרען אַזאַ גינסטיגער סעטעלמענט פֿון די קריגס־חובות מיט דער מוסאָליני־רעגירונג; אַ רעזאָלוציע צו באַגריסען די פּאָרטערס וואָס זיי אָרגאַניזירען זיך אין אַ יוניאָן, און אַן ערקלערונג וועגען דעם „לעכערליכען צוזאַמענברוך פֿון די זאָגענאַנטע פּראָגרעסיווס און צוריק אַריינטריט אין דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי".

אונזער פֿאַרשטאָרבענער גענאָסע יודזשין וו. דעבס האָט ניט געקענט זיין אויף דער קאָנווענשאָן, צוליב דער קראַנקהייט וואָס האָט איהם ענדליך געבראַכט אין קבר

אריין. ער איז אָבער פונדעסטוועגען איינשטימיג ווידער־ערוועהלט געוואָרען אַלס נאַציאָנאַלער טשערמאַן און מאָרים הילקוויט איז איינשטימיג ווידער־ערוועהלט גע־וואָרען אַלס אינטערנאַציאָנאַלער סעקרעטער. דזשאָרדזש ר. קירפּעטריק, דער עקטינג נעשאָנאַל סעקרעטער, האָט זיך אנטזאגט אָנצונעמען דעם אַמט אַלס נאַציאָ־נאַלער סעקרעטער, און וויליאם ה. הענרי פון אינדיאנאפּאָליס איז באשטימט געוואָרען אַלס נאַציאָנאַלער סעקרעטער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, וועלכע איז באפאָלמעכטיגט פון דער קאָנסטיטוציע דאָס צו טאָן.

עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרען מאַנכע ענדערונגען אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטע, וועלכע ווערט ערוועהלט דורך דער קאָנווענשאָן. די נייע מיטגלידער זיינען: מאָרים הילקוויט פון ניו יאָרק; וויקטאָר ל. בערגער פון וויסקאָנסין; וויליאם סנאָו פון אילינאָיז; דזשאָזעף שאַרטס פון אָהייאָ; דזשיימס ד. גרעהעם פון מאָנטאַנאַ; וויליאם וואַן עסען פון פּענסילווייניא, און דזשיימס אָניעל פון ניו יאָרק. די קאָמיטע האָט אָפּגעהאַלטען איהר ערשטען מיטינג אין ניו יאָרק דעם 18טען דעצעמבער.

די קאָמיטע האָט אָפּגעהאַלטען אַ קורצע זיצונג דעם 23טען אָקטאָבער אין טערע האָט. די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע — מיט דער אויסנאַהמע פון גרעהעם, וועלכער האָט ניט געקענט זיין אנוועזענד — זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין טערע האָט צוצוטיילען די לעצטע עהרע צו יודזשין וו. דעבס, וועמעס לויה עס איז פאָרגעקומען יענעם טאָג. עס איז דאָ וויכטיג צו באַמערקען, אַז די פאַמיליע פון גענאָסע דעבס האָט ספּעציעל פאַרלאַנגט, אַז די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זאָל האָבען די אויפזיכט איבער דער לויה. די קאָמיטע האָט אויסגעקליבען מאָרים הילקוויט, וויקטאָר ל. בערגער, נאָרמאַן טהאָמאַס, וויליאם א. קאָניע און סימאָר סטעדמאַן צו ריידען ביי דער לויה.

ביי דער זיצונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע אין טערע האָט איז אָנגע־נומען געוואָרען אַ פאָרשלאָג צו באַדאַנקען דעם „פאָרווערטס" דערפאַר וואָס ער האָט אין דער קריטישער צייט ארויסגעהאָלפען פינאַנציעל דער באַוועגונג. די קאָמיטע האָט אויך באַשלאָסען אָנצושטעלען אַ באַזונדער רעדאַקטאָר פאַר דעם „אַמעריקען אַפּיל", וועמעס אויפגאַבע זאָל זיין צו באַשטעלען ספּעציעלע אינטע־רעסאַנטע אַרטיקלען, צו אַראַנזשירען דעבאַטען און אַרטיקלען פון באַריהמטע שרייבער פאַר דעם „אַמעריקען אַפּיל". הערבי וו. לעידלער פון דער „ליג פאַר אינדאַסטריעל דעמאָקראַסי" איז ערוועהלט געוואָרען פאַר דעם דאָזיגען וויכטיגען אַמט און ער האָט זיך באַראַטען מיט דער קאָמיטע וועגען זיין אַרבייט בעת די קאָמיטע האָט אָפּגעהאַלטען איהר מיטינג אין ניו יאָרק דעם 18טען דעצעמבער.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי הויבט אָן צו באַקומען אַ נייעם לעבען. די „יאָנג פּיפּעלס סאָשעליסט ליג" הויבט אויך אָן ארויסצואווייזען אַ פאַרגרעסערטע טעטיג־קייט. דערוויל מערקט זיך ניט קיין ערנסטע שטרעמונג אין די טרייד־יוניאָנס צו אָרגאַניזירען אַ לייבאָר־פּאַרטיי. אויב די יוניאָנס וועלען זיך אָפּזאָגען פון דער נוצלאָזער פּאָליטיק פון אונטערשטיצען „פריינד" פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, וועט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זיין זעהר צופרידען צו באַטראַכטען די פראַגע וועגען קאָאָפּערירען מיט די יוניאָנס. דערוויל וועט די פּאַרטיי האַלטען הויך די פאַהן פון זעלבסטשטענדיגער פּאָליטישער אַקציאָן פון דעם אַרבייטער־קלאַס, האָפענדיג אַז די אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און קאַפּי־טאַליסטישער פּאָליטיק וועט ווייזען אַז זי איז געווען גערעכט.

עס בלייבט איבער פאַר די סאָציאַליסטען אָנצוהאַלטען זייערע רויטע מיט־גלידרשאַפט־קאַרטען און צו אַרבייטען איבערגעבען כדי אויפצובויען אַ פּאַרטיי, וואָס וועט מאַכען געשיכטע. זיי האָבען די געלעגענהייט דערצו. לאָמיר האָפען, אַז זיי וועלען זיך מיט דער געלעגענהייט באַנוצען!

2. די קאמוניסטישע פארטיי

די אויפגאבע צו געבען א ריכטיגען בילד פון דער אמעריקאנער קאמוניסטישער באוועגונג אין א געוויסער צייט איז זעהר א שווערע צוליב דעם כאראקטער פון דער דאזיגער באוועגונג. זי נעמט אן אזעלכע מאדנע מיאוס'ע פארמען, און די דאזיגע פארמען גופא בייטען זיך אזוי שנעל, אז מען בלייבט אין א פארלעגענהייט. עס מאכט דעם זעלבען איינדרוק ווי מען געהט אריין אין א זאל מיט פארשיידענע קרומע שפיגלען. שטעהענדיג פאר איין שפיגעל זעהט איהר א לאנגע דינע פיגור. צוקומענדיג צו אן אנדער שפיגעל, זעהט איהר שוין א קארליקעל, וועלכער זעהט אויס ווי א ריזיגער האמער וואלט איהם דערלאנגט איבער'ן קאפ און איהם אויס־געפלאטשיגט. איין שפיגעל ווייזט אייך די פיס פינף פוס לאנג און צוויי פוס פון קאפ ביז דער טאליע; און אן אנדער שפיגעל ווייזט אייך שוין קורצינקע פיסעלאך א פוס די לענג און א העסליכער אויסגעצויגענער קערפער וואס זיצט אויף די דינינקע פיסעלאך.

אט דאס איז די קאמוניסטישע באוועגונג. שטיצענדיג סאוועט־רוסלאנד זיינען זיי צופרידען צוזאמענצוארבייטען מיט די קאפיטאליסטען און באנקירען פון די בורזשואזע לענדער, און אין דער זעלבער צייט פארדאמען זיי די טרייד־יוניאנס דערפאר וואס זיי ארבייטען כלומרשט צוזאמען מיט די קאפיטאליסטען. זיי לאדען איין דעם וועלט־קאפיטאל צו קומען עקספלואטירען רוסלאנד, און אין דער זעלבער צייט רופען זיי צו, אז מען זאל ארונטערווארפען דעם זעלביגען וועלט־קאפיטאל. זיי שרייען געגען דעם פראקציאנאליזם אין זייערע אייגענע רייהען, און אין דער זעלבער צייט זוכען זיי צו פארפלאנצען פראקציאנאליזם אין די רייהען פון אנדערע. זיי פאדערען אויסדרוקס־פרייהייט פאר זיך דא אין לאנד, און אין דער זעלבער צייט צוברעכען זיי די פארזאמלונגען פון אנדערע ארגאניזאציעס. זיי טרעטען ארויס געגען „ביוראקראטיזם" אין די טרייד־יוניאנס, בעת די קאמוניס־טישע באוועגונג גופא איז די פאלשטענדיגסטע ביוראקראטיע, אנפאנגענדיג פון דעם קלענסטען „ניוקלוס" ביז דער עקזעקוטיווו קאמיטע אין מאסקווע. זיי שרייען, אז די טרייד־יוניאן־פיהרער אין די נאדעל־טריידס אין ניו יארק „פארראטען" די מיטגלידער פון די יוניאנס, בעת זייערע אייגענע פיהרער מאכען אגרימענטס מיט די באסעס וואס פארניכטען די געווינסען פון א גאנצען דור. זיי שטעהען אויף די קני פאר זינאוויעוו'ן, און ווען ער ווערט אויס גענעראל גיבען זיי איהם א בריק. זיי גיבען זיך ארויס פאר „רעוואלוציאנערען" און נעמען אן אזעלכע פלאטפארמען, אונטער וועלכע א וויליאם דזשעניננגסברייען וואלט זיך אונטערגעשריבען. זיי זיינען דערפאר אז זייערע „ניוקלוסעס" זאלען זיך געפינען אין די יוניאנס, און פארשרייען זייערע אייגענע מיטגלידער ווען זיי גיבען זיי אליין די זעלבע מעדיצין. די קאמוניסטישע באוועגונג איז הויך און קורץ, גראב און דין, הייס און קאלט, יונג און אלט, קריגעריש און הכנעה'דיג, אבער קיינמאל ניט ביים פולען פארשטאנד.

דאס איז געוועזן די געשיכטע פון דער קאמוניסטישער באוועגונג אין די פאר־שיידענע פארמען וואס זי האט אנגענומען זינט 1919, און דאס וועט ווייטער זיין איהר געשיכטע ביז זי וועט איינפאקען איהר באגאזש און פארמאכען דאס קרעמעל. היינטיגער יאהר איז ניט קיין אויסנאהם פון כלל. זי האט אפגעשלאסען דעם יאהר 1925 מיט דעם טשיקאוועסטען עקספערימענט פון אלע — דאס איז די רעארגאניזירונג פון דער ווארקערס (קאמיוניסט) פארטיי אויף דעם באזיס פון „נוקלעאוסעס". איהר אנפיהרענדע פילאזאפען האבען פאר דעם משך פון זעקס יאהר באנוצט אן ארגאניזאציאנס־פארם, וועלכע איז פראקלאמירט געווארען אלס די וואונדערבארסטע אין ארבייטער־ארגאניזאציע, ווען מיט אמאל איז אראפגע־קומען א פריקאז פון מאסקווע צו פארלאזען די דאזיגע פארם און אויפצולייזען זיך אין „ניוקלעאוס"־טיילען. און די פילאזאפען האבען דאס ווידער אויפגענומען אלס א וואונדערבארע אנטדעקונג. זיי האבען געזאגט די מיטגלידער, אז די אלטע

אָרגאַניזאַציע איז געווען לויט דעם מוסטער פון די „געלע סאָציאַליסטען". נידער מיט איהר!

און אַזוי האָבען זיך די אונדערשראָקענע גענומען פאַר דער „אונגעהויערער אויפגאַבע" צו פאַרניכטען די ברענטשעס און צו אָרגאַניזירען „ניוקלעאוסעס". יעדער זאַך צו וואָס זיי נעמען זיך ווערט גלייך באַקאַנט געמאַכט אַלס אַן „אונגע־הויערע אויפגאַבע". אַ שרעק וויפיל אַט אַזעלכע „אויפגאַבען" זיינען שוין אונטער־נומען געוואָרען דאָ אין לאַנד! זיי האָבען שוין געזאָלט האָבען „גאַס ניוקלעאוסען" און „שאַפּ ניוקלעאוסען" און „נאַכבאַרשאַפט ניוקלעאוסען" און „סאַב־סעקשאָנס" און „אינטערנאַציאָנאַלע ברענטשעס" און אַ משונה'דיג־פאַרוויקעלטע סעריע פון באַציהונגען און פאַרבינדונגען. די ערנסטע דענקער אויף דער שפּיץ פון קרעמעל האָבען זיך אינגאַנצען פאַרפּלאָנטערט ווען זיי האָבען גענומען ערקלערען וואָס דאָס איז אַזוינס, און וואָס מעהר זיי האָבען ערקלערט אַלץ ווייניגער האָבען עס די מיטגלידער פאַרשטאַנען.

די לאַגע איז געוואָרען ערנסט. די מיטגלידער פון דער צענטראַלער קאָמיטע זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און נאָכדעם ווי זיי האָבען גוט געשוויצט האָבען זיי ווידער געזוכט דאָס צו ערקלערען. אָט איז אַן אויסצוג פון דער דאָזיגער ערקלע־רונג, און זאָל אירגענד וועלכער מענש פּרובירען ערקלערען די ערקלערונג! פּרובירט עס אפשר אויסשפּילען אויף דער פּיאַנאָ. אָט איז עס:

„דער סאַב־סעקשאָן איז דער נעקסטער העכערער טייל איבערביידע ניוקלעאוס־טיפּען און אָט דער סאַב־סעקשאָן באַשטעהט אינגאַנצען פון: א) שאַפּ־ניוקלעאוס אין אַ באַשטימטען אינדוסטריעלען אָדער ארבייטס־שטח; ב) פון שאַפּ־ און גאַס־ניוקלעאוסען (אינטערנאַציאָנאַלע ברענטשעס) אין אַ געוויסען אינדוסטריעלען אָדער אַרבייטס־שטח; ג) אינגאַנצען פון גאַס־ניוק־לעאוסען (אינטערנאַציאָנאַלע ברענטשעס) אין אַ געוויסען אינדוסטריעלען אָדער אַרבייטס־שטח, אָדער אַ געוויסען טעריטאָריעלען, וואוינונגס־שטח. יעדער טייל פון דער פּאַרטיי, דער שאַפּ־ניוקלעאוס, דער גאַס־ניוקלעאוס (אינטער־נאַציאָנאַלער ברענטש) אָדער דער סאַב־סעקשאָן, דאַרף אָפּהאַלטען פּעריאָדישע מיטינגען פון אַלע מיטגלידער פון איהרע טיילען."

די מיטגלידער פון דער קאָמיטע האָבען זיך געמוזט גוט אָנ'שיכור'ען איידער זיי האָבען זיך גענומען פאַרפאַסען די דאָזיגע „ערקלעהרונג". ווען מען פרעגט מיר וואָס דאָס מיינט וואָלט איך אָפענהערציג געזאָגט אַז איך וויים נים און די פאַרפאַסער דערפון ווייסען אויך ניט. די מיטגלידער פון זייער פּאַרטיי ווייסען ניט און קיין אַנדער לעבעדיגע באַשעפעניש וויים ניט. וואָס מעהר איהר לייענט עס, אַלץ צומישטער ווערט איהר.

ביים סוף פון יאָהר האָבען די שוואַרצקינצלער פון דער פּאַרטיי באַהויפּטעט, אַז זיי האָבען אָרגאַניזירט ארום זעכציג ניוקלעאוסען. אַ שרייבער אין „דעילי וואָירקער" האָט זיך באַקלאָגט, אַז אין ניו יאָרק זיינען פאַראַן בלויז 32 מיטגלידער אין 7 ניוקלעאוסען און אין דעטראָיט זיינען פאַראַן בלויז 14 מיטגלידער. אין יאַנואַר 1926 זיינען אַלע גרויסע שטעדט, לויט זייער באַהויפּטונג, אָרגאַניזירט געוואָרען לויט דעם נייעם פּלאַן, אָבער דער דערמאָנטער שרייבער באַקלאָגט זיך אַז דער באַזוך פון די מיטגלידער צו די מיטינגען איז אַראָפּגעפאַלען צו 30 פּראָ־צענט און אַז מען שרעקט זיך פאַר „אַ פינאַנציעלען קריזיס אין דער פּאַרטיי". אין אַנדערע ווערטער מיינט דאָס, אַז אַ סך מיטגלידער זיינען אָפּגעפאַלען. מען דאַרף ווירקליך זיין אַ חכם צו קענען געפינען דעם ניוקלעאוס צו וועלכען מען דאַרף באַלאַנגען. מאַנכע מיטגלידער האָבען דאָס משמעות קיינמאָל ניט געפונען. און אָט דאָס רופען זיי „באָלשעוויזירען די פּאַרטיי".

צוליב דעם פאַרלוסט פון מיטגלידער איז די לאַגע געוואָרען אַזוי שלעכט, אַז אין יאַנואַר האָט די צענטראַלע קאָמיטע זיך געווענדעט צו די מיטגלידער צו שאַפען

אַ פאָנד פון 20,000 דאָלאר „צו באגעגענען דעם פינאַנציעלען קריזיס פון וועלכען די פאַרטיי ליידט". אין „דעילי וואָירקער" פון 10טען דזשוליי גיט י. אַמטער אַן איבערבליק איבער דעם חורבן וואָס די „באָלשעוויזאַציע" האָט אָנגעמאַכט אין דער פאַרטיי. אַמטער שרייבט: „די רעאָרגאַניזאַציע האָט געקאָסט אונזער פאַרטיי אַ גרויסע צאָהל מיטגלידער, און קיין חבר טאָר ניט קוועטשען מיט די פלייצעס און זאָגען אז די פאַרטיי האָט דורכדעם ניט פארלאָרען, סיידען די אָפּגעפאַלענע מיטגלידער זאָלען זיך צוריק אָנשליסען. מאַנכע חברים, וועלכע וואָלטען געווען זעהר ווערטפול פאר דער פאַרטיי, האָבען זי פארלאָזען אָדער דורך אַ מיספארשטענדניש אָדער צוליב דעם וואָס זיי האָבען זיך ניט געקענט אריינטראַכטען אין דער נייער אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרם". די אויפלייזונג פון די שפּראַכען־פעדעראַציעס האָט אויך דער פאַרטיי געמאַכט צו פארלירען אַ סך מיטגלידער, — זאָגט אַמטער.

באמערקט נאָר, ער זאָגט אז די מיטגלידער „האָבען זיך ניט געקענט אריינטראַכטען אין דער נייער אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרם". געוויס ניט. וואָרים ווער קען דאָס דען יע? אַמטער אַליין זוכט ניט צו ערקלערען וואָס „באָלשעוויזירונג" איז. ער גיט בלויז זיינע ליבע חברים דריי „שלאָג־ווערטער". דאָס איז זעהר אַ גוטער וועג ארויסצוקריכען פון די קאָמוניסטישע שוועריגקייטען. גיב נאָר די „צאָן קדשים" עפּעס אַ „שלאָג־וואָרט"! נו, האָט אַמטער בייגעשטייערט גאַנצע דריי „שלאָג־ווערטער" צו דער „אונגעהויערער אויפגאַבע".

נעקסט לאָמיר הערען וואָס עס האָט צו זאָגען רוטענבערג, דער גענעראַל סעקרעטער פון אַלע ניוקלעאוסען. אין דעם „דעילי וואָירקער" פון 29טען דזשוליי באַקלאָגט זיך דער דאָזיגער גרויסער מאַן אויף די פאַרטיי־פארלוסטען צוליב דער „באָלשעוויזאַציע". ער גיט אָן אַ צעטעל פון מאַנכע אָנגעזעהענע מיטגלידער, וואָס האָבען אָדער זיך אנטזאגט אָנצושליסען אָדער ניט געקענט געפינען זייערע באַטרעפענדע ניוקלעאוסען. אין דעם ליסט געפינען זיך די נעמען פון בוירט מילער, וו. וו. וויינסטאָון, א. דזשאַקירא, ארני סוואַבעק, ג. ה. טאַלענטייר און — ווער דענקט איהר? — ניט קיין אַנדערער ווי י. אַמטער אַליין! משמעות, אַז אַפילו אָט דער חכם, וועלכער האָט מיט צוויי וואָכען פריהער בייגעשטייערט דריי „שלאָג־ווערטער" פאר דער פאַרטיי, האָט ניט געקענט געפינען זיין ניוקלעאוס ארומשוויםענדיג. אפשר האָט ער איהם שוין געפונען זינט דאָס איז געשריבען געוואָרען.

אָבער רוטענבערג זינגט דאָס פאָלגענדע טרויעריגע לידעל: „אין דעם פּראָצעס פון רעאָרגאַניזאַציע האָבען אַ היבשע צאָהל פאַרטיי־מיטגלידער פארלאָרען זייער באַריהרונג מיט דער פאַרטיי. זיי האָבען זיך ניט אָנגעשלאָסען אָן די שאַפּ אָדער גאַס־ניוקלעאוסען . . . פילע פון זיי האָבען צייטווייליג פארלאָרען זייער קאָנטאַקט מיט דער פאַרטיי צוליב באַדינגונגען וואָס האָבען זיך געשאַפען אין רעאָרגאַניזאַציאָנס־פּראָצעס".

די „וואָירקערס (קאָמוניסטישע) פאַרטיי" פארעפענטליכט שוין מעהר ניט די צאָהל פון איהר מיטגלידערשאַפט. איך נעהם זיך אונטער צו טרעפען, אַז זי האָט ווייניגער פון 10,000 מיטגלידער און פיליכט אַ סך ווייניגער. זינט יולי ביז דער צייט ווען איך שרייב די דאָזיגע ווערטער, אין נאָוועמבער, האַלט זיך די פאַרטיי אין איין באַקלאָגען אויף אַ שווערען מיטגלידערשאַפט־פארלוסט. דער „דעילי וואָירקער" פון 18טען נאָוועמבער דרוקט איינע פון יענעם טיפּ רעזאָלוציעס, מיט וועלכע ער איז אַזוי באַרימט. די דאָזיגע רעזאָלוציע פארנעמט אַ גאַנצע געדרוקטע זייט פון דער צייטונג און מאַכט אַזוי צו זאָגען אַ חשבון־הנפש און אין דער זעלבער צייט איז זי פול מיט דער געוועהנליכער באָמבאַסטיק. דאָרט ווערט צוגעגעבען, אַז אַ גייסט פון פעסימיזם איז באַפאַלען די אַמעריקאַנער סאָוועטשיקעס. די רעזאָלוציע ערקלערט, אַז „די צוריקווייזונג פון יעדער פעסימיסטישער שטימונג איז פריהער פאַר אַלעם נויטיג כדי צו קענען ערפאָלגרייך דורכפיהרען די רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבען". דער געדאַנק „צוריקצואווייזען" אַ פעסימיסטישע שטימונג קען נאָר

איינפאַלען קאָמוניסטען. מיר וואָלטען נויטיג געדאַרפט האָבען אַ „טעזיס" וועגען דעם.

די רעזאָלוציע ווייזט אויך, אַז די פּאַרטיי האָט זיך ניט ערהאַלט פון דער „באָלשעוויזאציע"־בהלה. די צענטראַלע קאָמיטע ערקלערט אַז „זי ווייזט ענערגיש צוריק אירגענד וועלכע אָנצוהערעניש אַז די רעאָרגאַניזאַציע איז געווען אַ פעהלער". דערפון איז צו דרינגען, אַז די ניוקלעאוס־אָרגאַניזאַציע איז נאָך אַלץ אַן „אישו", וואָרים עס האָט דאָך קיין זינען ניט אַפילו פאַר קאָמוניסטען „צוריקצואווייזען" עפּעס וואָס עקזיסטירט ניט. עס איז קלאָר, אַז פאַר פילע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי איז אָט דער קאָמוניסטישער אונזין געווען אַ ביסעל צופיל און זיי האָבען זיך מיט אנטריסטונג צוריקגעצויגען ווען מ'האָט זיי געהייסען זיך אָנשליסען אַן אַ ניוקלעאוס.

דערווייל געהט אָן אַ קאַמף ביז'ן ביטערען סוף אין דער פּאַרטיי, ווי צווישען קעץ און הינט. די קאָמישסטע זאַך אין דעם דאָזיגען קאַמף איז דאָס, וואָס יעדע עטליכע מאָנאַטען שיקען די לעניניסטישע גענעראַלען ארויס אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער זיי ערקלערען אַז דער קאַמף ווערט „ליקווידירט". די לעצטע רעזאָלוציע איז ערשינען היינטיגען מאָנאַט (נאָוועמבער, 1926), און לאָזט אונז וויסען, אַז די מלחמה געהט נאָך אָן אָבער אַז זי ווערט נאָך אַלץ „ליקווידירט". צוויי פראַקציעס פיהרען צווישען זיך אַ קאַמף פאַר די עמטער און פאַר די שכירות — איינע ווערט אָנגפיהרט פון פאָסטער'ן און די אַנדערע פון רוטענבערג'ן. די פאָסטער־פראַקציע האָט געוואונען די אויבערהאַנט אויף אַ קאָנווענשאָן לעצטען יאָהר און האָט געהאַלטען ביי פארכאַפּען אַלע דזשאָבס. די פאָסטער־פראַקציע האָט געהאַט אַ מאַיאָריטעט און די רוטענבערג־פראַקציע איז ארומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגע־לאָזענעם נאָז. אָבער פונקט אין דעם מאָמענט ווען די פאָסטער־פראַקציע האָט געהאַלטען אין פאַרכאַפּען אַלעס, איז אָנגעקומען אַ קייבעל פון דער מאָסקווער ביוראָקראַטיע, אַז דער קריגס־רויב באַלאַנגט ניט צו איהם. רוטענבערג'ס פראַקציע איז ווידער אריינגעזעצט געוואָרען אין מאַכט און זי האָט צוטיילט די דזשאָבס צווישען איהרע נאָכפאָלגער.

וועגען אָט דעם פראַקציאָנעלען קריג איז ערשינען איין רעזאָלוציע נאָך דער אַנדערער. מאָסקווע האָט דאָס אויפגענומען, האָט געגעבען אַ פריקאַז דאָס צו „ליקווידירען", אָבער עס האָט אַלץ ניט געהאָלפען. סיי פאָסטער און סיי רוטענ־בערג טראָגען זיך ארום מיט אַ מעסער און זיי זיינען גרייט אריינצושטעכען איהם איינער דעם אנדערען אין בויך.

ס'וואָלט געווען צו לאַנגווייליג צו ציטירען אַלע רעזאָלוציעס, אבער מיר מעגען זיך אָפּשטעלען אויף דער לעצטער רעזאָלוציע וואָס איז ערשינען אין „דעילי וואָירקער", 18טען נאָוו., וועלכע ערקלערט: „די פּאַרטיי האָט געמאַכט אַ היבשען גראַד פאָרט־שריט אין אָפּשאַפען פראַקציאָנאַליזם אין דער פּאַרטיי אין משך פון דעם לעצטען יאָהר, איבערהויפּט זינט דער לעצטער פּלענאַר־זיצונג פון דער צענטראַל־קאָמיטע אין מאַי". דאָס חזר'ט פאַקטיש איבער דאָס וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען אין יעדער אַנדער רעזאָלוציע אומגעפעהר אין די לעצטע צוויי יאָהר, און דאָס מיינט בלויז אַז פאָסטער און רוטענבערג קריגען זיך נאָך אַלץ ארום פאַר דעם קאָנטראָל פון די דזשאָבס. פאַר דער פאָסטער־נאָכפאָלגערשאַפט איז עס געווען אַ מאָגערער יאָהר וועהרענד רוטענבערג הערשט איבער אַלעס.

אין דער זעלבער צייט איז זינאָוויעוו ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון זיין דזשאָב אין מאָסקווע. אין דעם הייליגען לאַנד פון קאָמוניזם איז אנטדעקט געוואָרען, אַז דאָס האָט זינאָוויעוו אָנגעפּלאָדיעט ניוקלעאוסען אין דער פּאַרטיי כדי צו געווינען קאָנטראָל. מיט אַ יאָהר צוריק איז די אַמעריקאַנער פּאַרטיי געווען פול מיט געהיימע ניוקלעאוסען, אַלס רעזולטאַט פון דעם פראַקציאָנעלען קריג. איינע פון די קאָמישסטע זאַכען אין דעם אָנפּלאָדיען פון ניוקלעאוסען אין דער רוסישער און אַמעריקאַנער פּאַרטייען זיינען די לאַנגע רעזאָלוציעס פון די קאָנטראָלירענדע פראַק־

ציעס געגען דעם. זיי ערקלערען דאס פשוט אלס פאררעט צו ארגאניזירען פראק־ציעס אין דער פארטיי, אבער סיי מאסקווע און סיי שיקאגא שיקען ארויס רעזאָ־לוציעס איינע נאך די אנדערע אז מען זאל ארגאניזירען פראקציעס אין די טרייד־יוניאנס. ווען מען שעכט זייער איינענעם אקס, איז עס מארד; אבער ווען זיי שעכטען אימיצען אנדערש'ס אקס, איז עס א ברכה!

נאך איין פאזע פון אמעריקאנער קאמוניזם איז ווערט צו דערמאנען בקיצור — די אגרימענטס פון די קאמוניסטישע פיהרער פון דזשאינט באארד פון די פאריערס און די ליידיס גארמענט וואירקערס. עס איז ניט נויטיג זיך צו לאנג אפצושטעלען אויף די איינצעלהייטען. עס איז א טרויעריגע געשיכטע. איןביידע פעלע האבען די דאזיגע פיהרערס ארויסגעוויזען זייער אומפעהיגקייט אנצופיהרען סטרייקס. די סעטעלמענטס, וואס זיי האבען אונטערגעשריבען, האבען צוריקגעגעבען די באסעס מאנכע געווינסען וואס עס האט גענומען די ארבייטער צעהן און צוואנציג יאהר אויסצוקעמפען. אויב עס איז ווען־עס־איז געווען א „פאררעט צו די ארבייטער" איז עס זיכער געשעהן אין אט די צוויי סטרייקס.

איינס איז זיכער אהן דער שטיצע פון רוסלאנד וואלט דער אמעריקאנער קאמוניזם צוזאמענגעפאלען ווי א קארטען־הייזעל. אין די נאוועמבער־וואהלען איז די צאהל שטימען זיינע געווען לעכערליך קליין. איצט בעט זיך דער אמעריקאנער קאמוניזם ביי די סאציאליסטען צו שאפען „א פאראייניגטען פראנט", און זידעלט אונז דערפאר וואס מיר לאזען איהם איבער צו זיין איינענעם שיקזאל. פאר קיין זאך האבען זיי אזוי קיין מורא ניט ווי ארויסצושטעלען אליין זייערע אייגענע קאנדידאטען, ווארים זיי ווייסען אז די צאהל שטימען וואס זיי קריגען איז דער בעסטער ענטפער אויף זייערע באריהמערייען אז זייער באוועגונג וואקסט. נאך מעהר ווילען זיי זיך אויספיינען פאר מאסקווע. די אמעריקאנער קאמוניסטען וואלטען געווען גליקליך ווען זיי וואלטען קענען זאגען, אז זיי זיינען א חלק פון א הונדערט טויזענטיגער סאציאליסטישער שטימען־צאהל אין ניו יארק סטייט אליין. אנשטאט דעם האבען זיי אבער נאר אנצואווייזען אויף עטליכע טויזענט שטימען דא און עטליכע הונדערט אין איינינע אנדערע סטייטס.

די פאסטערס, רוטענבערגס, גיטלאווס און זייער מין האבען אויסגעקליבען זייער איינענעם וועג, און מיט זיי קען קיין קאמפראמיס ניט זיין. זיי ווייסען דאס פונקט אזוי גוט ווי מיר. זיי געהען מיט דעם זעלבען וועג ווי אלע אוטאפיסטען, און זייער סוף וועט זיין אז זיי וועלען אינגאנצען פארגעסען ווערען. זיי האבען גארניט וואס צו לערנען די ארבייטער פון דעם לאנד, זיי האבען אבער אליין זעהר א סך צו לערנען. די „וואירקערס (קאמוניסטישע) פארטיי" וועט ארייגפאלען אין דעם גרוב וואס זי האט געגראבען פאר אנדערע און זי וועט נאר איבערלאזען נאך זיך א שלעכטען ריח.

די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג אין יאהר 1926

(איבערבליק)

פון ה. לאנג

1. — דאס אמעריקאנער יוניאן־לעבען.

א שטריך אלס א הקדמה:

דעם אכטצעהנטען נאוועמבער בין איך געוועזן מיט פרעזידענט גרין פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אף לייבאר ביי א באנקעט פונ'ם „טשעימבער אף קאמערס" פון ניו יארק סטייט. גרין איז אהין געקומען מיט א צוגעגרייטער רעדע, וועלכע ער האט געלייענט פון א פאפיר. שפירענדיג מסתמא, אז ארום איהם איז א געזעלשאפט, וואס פארשט איהם אין די אויגען אריין, האט ער פון פאפיר אוועקגעקוקט און געווארפען רייד איבער אלעמענס קעפ. ער האט דערביי זשעסטיקולירט, אט מיט אן אויסגעשטרעקט אפענע האנט, און אט מיט א צוזאמענגענומענעם פויסט. איך האב באמערקט א נערוועזיטעט צווישען די געסט, און איך האב אנגעהויבען זיך אינטערעסירען מעהר מיט דעם אפקלאנג פון זיין רעדע ווי מיט דער רעדע גופא. די געסט זיינען געוועזן פון די ראקאפעלערס און וואנדערבילטס ביז אלע וויכטיגע קעפ פון אינדוסטריע און האנדעל פון גאנצען לאנד און אפשר אויך די גאנצע וועלט. עס איז געוועזן דער אלטער דור מאגנאטען, גראהע קעפ, וועמענס לעבען אין זייערע ערשטע יאהרען איז געוועזן נויט און שווערע ארבייט; און עס איז געוועזן דער פיל־אינגערער דור, וועמענס רייכטום איז א גע'ירש'ענטער, און דעם גאנג פון אינדוסטריע און האנדעל האט ער פריהער שטודירט אין א קאלעדזש, איידער ער האט איהם דערזעהן אין דער פראקטיק. איך האב באמערקט: ווען גרין האט גערעדט וועגען דער אלגעמיינער יושר־אידעע אין דער ארבייטער באוועגונג, איז ער אפלאדירט געווארען פון אלעמען; ווען ער האט אפעלירט פאר די דאלאר־און־סענט פאדערונגען פון די ארבייטער, איז ער אפלאדירט געווארען בלויז פון עלטערען דור; ווען ער האט דיסקוטירט די פראקטישע אנווענדונג פון קאאפעראציע צווישען ארבייטס־געבער און ארבייטער דורכ'ן אנערקענען די ארבייטער אלס דעם צד, וואס בויט און פערוואלטעט די אינדוסטריע, און דערפאר קומט איהם א העכערע און א ברייטערע רעכט, און קיין איין פאזע פון גאנצען אינדוסטריעלען לעבען דארף ניט באשטימט ווערען אהן איהם, איז ער אפלאדירט געווארען נאר פון אינגערען דור. איך האב אזוי געזעהן ביי באנקעט־טישען אין דעם אריסטאקראטישען וואלדארף אסטאריע האטעל די גאנץ אונגעוועהנליכע אטמאספערע פון זיך־בייטענדע מאראל־באגריפע און צייט־שטימונגען, אזוי גוט, ווי פון קאלטע אינדוסטריעלע חשבונות, דורך וועלכע די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג מוז זיך איצט דורכרייסען אום צו זיין אין הארץ פון עקאנאמישען לעבען אין לאנד.

דאס וואס מען רופט „קאפיטאליזם" אין אמעריקא, איז ניט קיין אבסאלוט־איינגעשטעלטער און פעסט־פארווארצעלטער קלאס מיט דורכאויס־אונפארענדערליכע טראדיציעס. דער עלטערער מאגנאט געדענקט נאך זיין נויט פון די פריהע יאהרען, אדער דאס הארעפאשנע לעבען פון זיינע עלטערען. ער איז דערפאר געניגט צו געבען די ארבייטער א סענט און צוויי. געבען מאכט די ארבייטער — דאס ניט. דער אינגערער מאגנאט זעהט דעם ארבייטער'ס אויפקום. ס'איז איהם ניט פרעמד די נויטווענדיגקייט פאר א גרעסערע צוטיילונג פון רייכטום, כאטש עס שאפט אן איבערברוך אין קאפיטאליזם. ער איז דערפאר גרייט צו געבען די ארבייטער גלייכהייטס־אנערקענונג — טיילווייזען רעכט אין דער פערוואלטונג פון פאבריקען;

אָבער גאָרניט פון די פאבריק־פּראָפיטען; וועגען דאָלאַר־און־סענט פאָדערונגען וויל דער יונגער מאגנאט שטארק חשבונ'ען.ביידע דורות, אָבער לאָזען זיך אָפט פאַר־טרוימען פון אַן אַלגעמיינע יושר־אידעע. אמאָל קומט דאָס אָן דורך אַ רעליגיעזען אָנפאַל, און אמאָל דורך אַן אידעאַליזם מיט אַ פּאָליטישען אינהאַלט. יעדענפאַלס, די אַרבייטער באַוועגונג זעהט דאָס אַלץ, און מיט דעם פאַר'ן אויג באַשטימט זי איהרע טריט.

מיר וועלען איצט זעהן איהרע טריט אין יאָהר 1926.

דער יאָהר האָט געקראָגען ירושה פון זיין פאָרגענגער — דעם גרויסען סטרייק פון די קויהלען־גרעבער אויף די „הארטע" קויהלען־פעלדער פון שטאַט פּענסילוועניע. אין סטרייק זיינען געווען הונדערט־און־פופציג טויזענד אַרבייטער, וועלכע געהערען צו דריי הונדערט און פינף־און־צוואַנציג לאָקאַל־יוניאָנס פון דער „יונייטעד מאַין וואָירקערס" (די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון די אמעריקאַנער קויהלען־גרעבער), און וועלכע זיינען באַשעפטיגט אין אַכט הונדערט און אַכט־און־צוואַנציג קויהלען־גרובען, וואָס געהערען צו הונדערט און פינף־און־דרייסיג קאָמפּאַניס. דורך דעם סטרייק האָבען דירעקט געליטען נאָך פופצעהן טויזענד אַרבייטער — אייזענבאַהן־אַרבייטער, וועלכע זיינען באַשעפטיגט אויף לאָקאַלע באַהנען, וואָס טראַנספּאָרטירען געצייג פון איין גרוב צו צווייטער, און וואָס פיהרען אויך איבער פון די גרובען צו די צענטראַל־הויפען פון די קאָמפּאַניס אויסגעאַרבייטע קויהלען. דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבען דעם ערשטען סעפּטעמבער, 1925, און איז פאַרענדיגט געוואָרען דעם 12טען פעברואַר, 1926. אַ מאָנאַט, איידער עס איז געקומען צום סעטעלמענט, האָט זיך צושטורעמט אַ פּאָליטישע פראַגע אין פּענסילוועניע. גאָווער־נאָר פּינטשאָט, אַ ליבעראַלער רעפּובליקאַנער מיט סימפּאַטישע באַציהונגען צו די יוניאָנס פון די קויהלען־גרעבער, האָט פאָרגעשלאָגען אין דער סטייט לעדזשיסלייטשור אַ גרופּע בילס, וועלכע האָבען געזאָלט געבען דעם סטייט אַ רעכט צו קאָנטראָלירען מאַנכע האַנדלונגען פון די בעלי־הבתים. דאָס האָט דער סענאַט פון סטייט אָפּגעלעגט אָן אַ זייט, און אַנשטאָט דעם האָט דער סענאַט גאָר גענענדערט אַ געזעץ, וואָס איז געווען אין קראַפט זייט דעם יאָהר 1889, און וואָס האָט פאַרלאַנגט צוויי יאָהר גוטע ערפאַהרונג אין מאַין־אַרבייט ביז מען קען ווערען אָנגענומען צו דער אַרבייט. צוליב דעם געזעץ האָט מען ניט געקענט אַריינברענגען אין די מאַינס נייע אַרבייטער — סטרייק־ברעכער; די ענדערונג, דורכגעפיהרט פון סענאַט, האָט דאָס מעגליך געמאַכט. דערפון איז געוואָרען גאָר אַ שאַרפער ריס צווישען גאָווערנאָר פּינטשאָט און די רעאַקציאָנערע רעפּובליקאַנער מאַשין פון אַ רייהע פּענסילוועניער שטעדט. דער גענענדערטער געזעץ האָט אָבער דעם סטרייק סאַי־ווי ניט געשעדיגט. עס איז געווען איינע פון די מערקווירדיג וואונדערליכע סטרייקס אין אמעריקאַ. ווי אַ מעכטיגע וואַנט איז געשטאַנען די הונדערט און פופציג טויזענד קעפּיגע סטרייקער־מאַסע. ביז'ן זעקסטען מאָנאַט אַריין, האָט זיך קיינער פון איהר ניט אַרויסגעריסען, און קיינער האָט זיך דורך איהר ניט געקענט דורכ־רייסען. דעם 12טען פעברואַר האָבען די פיהרער פון דער נאַציאָנאַלער און לאָקאַלער מיינער אָרגאַניזאַציע אָנגענומען סעטעלמענט־באַדינגונגען, וועלכע די סטרייקער־מאַסע האָט גוטגעהייסען דעם 16טען פעברואַר, דורך אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון זיבען הונדערט פאַרטרעטער. פון די זיבען הונדערט פאַרטרעטער האָבען בלויז צוויי געשטימט געגען די סעטעלמענט־פּונקטען. זעקס הונדערט און אַכט־און־נייניג האָבען געשטימט פאַר זיי. עס האָבען געזאָלט זיין דריי שטימען געגען. די דריטע שטימע האָט געזאָלט זיין פון אַ קאָמוניסט, אָבער איהם האָט די קאָנווענשאָן אויסגעשלאָסען. די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון די מיינערס האָט אַ געזעץ, אַז קיינער פון. איהרע מיטגלידער קען ניט געהערען — 1) צו דער „סיוויק פעדעריישאָן"; 2) צום „קו־קלוקס־קלען"; 3) צו דער „קאָמוניסטישער פּאַרטיי".

דער געשלאָסענער אַגרימענט צווישען דער יוניאָן און די קוילען־באַראָנען, וועהרענד ער איז כמעט איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען פון דער סטרייקער־מאַסע

און איז באגריסט געווארען פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג, האט אבער די אלגעמיינע עפענטליכע מיינונג פיל דיסקוטירט איבער איהם. דער אגרימענט דארף פארמיידען סטרייקס אויף די הארטע קוילען-פעלדער פאר די נעקסטע פינף יאהר, און מיט דעם איז די עפענטליכע מיינונג געווען צופרידען. דער סטרייק האט גע־בראכט א קוילען-הונגער אין פילע געגענדען איבער'ן לאנד, כאטש קוילען זיינען אימפארטירט געווארען פון איראפא, און מען האט זיך אויך באנוצט מיט „ווייכע" קוילען, ביי וועלכע דער סטרייק האט ניט אנגעשלאגען. אויף וויפיל „הארטע" קוילען זיינען געווען פון פריהער, איז זייער פרייז געווען שטארק ארויפגעשטיגען. אן אגרימענט צו פארמיידען סטרייקס אין די נעקסטע פינף יאהר האט, אלזא, צופרידענגעשטעלט די אלגעמיינע באפעלקערונג. מען האט אבער געזוכט אונטער־צוציהען סך-הכל'ס און שליסען מוסר-השכלס פון סטרייק, און ביי א טייל קריטיקער איז אויסגעקומען, אז די יוניאן האט פארלארען, און דער סטרייק איז געווען נוצלאז. א שטרייט-פונקט אין סטרייק איז געווען „ארביטריישאן". די אייגענטימער פון די קוילען-גרובען האבען געוואלט „ארביטריישאן", און די יוניאן האט ניט געוואלט. דורכ'ן סעטעלמענט איז אבער איינגעשטעלט געווארען אן „ארביטריישאן-מאשי־נערי". קיין פארלוסט פאר דער יוניאן איז דאס אבער פארט ניט געווען, ווייל די יוניאן איז ניט ארויסגעקומען געגען „ארביטריישאן" אין אלגעמיין. זי האט נאר ניט געוואלט ארביטרירען די „טשעק-אף" מעטאדע, וואס איז דא אין דער אינדוסטריע, און דורך וועלכער די יוניאן קאנטראלירט איהרע מיטגלידער; און דאס האט די יוניאן געוואונען. די „טשעק-אף" מעטאדע איז געבליבען ווי געווען. אויך וועגען דעם ארבייטס-לוין האט די יוניאן קיין פארלוסט ניט געהאט. דער שטרייט האט זיך אנגעהויבען דערפון, וואס די בעלי-הבתים האבען געוואלט רעדו־צירען דעם ארבייטס-לוין, ווי ער איז געווען באפעסטיגט דורכ'ן פריהערדיגען אגרי־מענט. אלס א געגען-שטעלונג האט די יוניאן געמאנט נאך א העכערען לוין. דער סעטעלמענט איז געמאכט געווארען, אז דער אלטער לוין בלייבט, און אז אין די נעקסטע פינף יאהר קען אין דעם ניט זיין קיין ענדערונג אהן א באשטימונג פון ספעציעל-אויסגעקליבענע פארמיטלער — געקליבען פון ביידע צדדים.

דער סטרייק האט אבער אויפגעטאן מעהר. ער האט דעמאנסטרירט די מאכט פון דער אמעריקאנער טרייד-יוניאן באוועגונג, ניט אין דעם געוועהנליכען זין, וואס די פראזע אנטהאלט. עס איז, צום ביישפיל, געווען א מאמענט, ווען די קולידזש־אדמיניסטראציע האט געזאלט שטעלען דעם גאנצען קוילען-דיאן פון פענסיל־וויינע אונטער א מיליטערישער דיסציפלין. פאליטישע מאשינען האבען געארבייט, אז די אויטאריטעט פון גאווערנאר פינטשאט זאל געבראכען ווערען, און דערמיט זאל געבראכען ווערען די באזונדערע שטאאטס-רעכט פון פענסילווייניע, וואס זאל געבען א מעגליכקייט דער פעדעראלער רעגירונג צו „זאגען אווארט". א צוזאמענ־קונפט פון זעכציג מעיארס פון די זעכציג מאינער-שטעדט אין פענסילווייניע, וואו דער וואוט פון די קוילען-גרעבער באשטימט די פאליטישע לאגע, האט דאס צו־שטערט. א צווייטער מאמענט איז געווען, ניט קיין פאליטישער, ווען די פיהרער־שאפט פון קאמף מצד די בעלי-הבתים איז פלוצלונג געביטען געווארען. אויף דער סצענע איז ארויף אן עלעמענט, וואס האט געזוכט דעם סטרייק נאכמעהר ביטער צו מאכען — אויפשפילען אין סטרייק בלוט-סצענעס, ארייננברענגען סקאדראנען פראוואקאטארען. מ'האט זיך גערעכט, אז די ערשטע פראוואקאציע וועט זיין גע־ריכטעט אויף די אכט טויזענט אויפפאסער אין די מאינס, וועלכע בלייבען ביי זייער באשעפטיגונג אפילו אין סטרייק-צייטען, כדי צו פארמיידען א וועלכע-עס-איז שעדיגונג ביי די וואסער-רעהרען, וואס קען ברענגען א וואסער-פארפלייצונג אין די גרובען. די געצילטע פראוואקאציע איז געווען געריכטעט אויף דעם. דערפון האט זיך, אויסער אלעס, גענומען אן אינטערעסאנטער שפיל פון קרעפטען: ארבייטס-געבער אין דער ראלע פון אייגענטום - צושטערער; ארבייטער אלס אייגענטום-פארהיטער. אום אפצושלאגען אזא פראוואקאציע, האט די יוניאן געמוזט האבען נאר אן אנדער סארט עפענטליכע מיינונג; מעהרער א

פּראָפעסיאָנעלע: אינדזשענירען און עקאָנאָמיסטען. פון פיר ערטער איז געליפערט געוואָרען פאַר דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג אַזאַ הילף: פון דער סאָציאַליסטיש־געשטימטער „ליג פאָר אינדאָסטריעל דעמאָקראַסי"; פונ׳ם עקאָנאָמישען אינסטיטוט אין וואַשינגטאָן; פון די אוניווערזיטעטען אין ניו יאָרק און פּענסילווייניע; און פונם אינדזשענירען־פאַרבאַנד, פון וועלכען מיניסטער הואווער איז דער אָנפיהרער. דער סטרייק האָט, אַלזאָ, אַרויסגעהויבען ווירקענדע כחות פון און פאַר דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג סיי אויפ׳ן פּאָליטישען געביט און סיי אין געזעלשאַפטליכע בילדונגס־קרייזען.

און נאָך גרעסער איז געווען די באַדייטונג פון סטרייק מיט דער גאַנץ היבשער צאָל בילס, וואָס זיינען דורך איהם פאָרגעשלאָגען געוואָרען אין קאָנגרעס — מאַנכע פאַר רעגירונגס־קאָנטראָל איבער דעם פאַרברויך פון קוילען, אַנדערע פאַר רעגירונגס־קאָנטראָל נאָר איבער דער פּראָדוקציאָן, ווידער אַנדערע סיי איבער פאַרברויך און סיי איבער פּראָדוקציאָן, און גאָר אַנדערע פאַר נ א צ י אָ נ א ל י ז י ר ע ן ד י מ אַ י נ ס. דער סטרייק, אָנגעהויבען אין יאָהר 1925 און פאַרענדיגט אין יאָהר 1926. האָט, אַלזאָ, אַרויפגעבראַכט אויפ׳ן טאָג־אָרדנונג פון קאָנגרעס אַ גאַנץ ווייט־געהענדע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פראַגע.

אין סטרייק ראַיאָן זיינען אָרגאַניזירט געווען אַלערליי הילפס־סטאַנציעס: פון שפּייז־געוועלבען ביז מעדיצינישע צענטרען. די יוניאָנס פון אַנדערע טריידס האָבען פיל געהאָלפען מיט געלט, געזאַמעלט פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. אַ סך הילף איז אויך געווען פון די קירכען אין געגענד. איין פּריסטער, אַן אַלטער מאַן אין די זיבעציגער יאָהרען, בישאָפּ מ. דזש. האָבאַן, איז דורך זיין הילפס־אַרבייט אַזוי באַליבט געוואָרען ביי די מאַינער־פאַמיליעס, אַז ווען ער איז שפּעטער דורכ׳ן יאָהר געשטאָרבען זיינען טויזענטער מאַינער פון מאַסען שטעדטלאַך געקומען צו דער לויה אין סקרענטאָן, וואָס איז דורך דעם געוואָרען אַ מערקווירדיגע הייליגע פּראָצעסיע.

נאָך אַ קאַמף אין די ערשטע חדשים פון יאָהר האָט געהאַלטען געשפּאַנט די אַמעריקאַנער יוניאָן־וועלט.

ניט קיין סטרייק, נאָר אַ פּאָליטישער אַרויסטריט פון דער גרופּע אייזענבאַהן־יוניאָנס.

זיי האָבען ענדליך דער׳הרג׳עט דעם „רײלוויי לייבאָר באָארד", וואָס איז געווען אַ קינד פון אַ רעאַקציאָנערען קאָנגרעס און אַ רעגירונגס־אַגענטור פאַר „געצוואונגענע אַרביטרײשאָן". זיי האָבען דערביי אַרויסגעוויזען גוט־געשולטע סטראַטעגיק. זיי האָבען פריהער דורך אַ רייהע אָבסטרוקציעס ביי אַ רייהע פאַרהערען פאַר׳ן „באָארד" געוויזען די באַהן־קאָמפּאַניס, אַז אין דער ווירקליכקייט קען דער „באָארד" אויך זיי ניט דינען. דערצו איז נויטיג געווען, אַז די יוניאָנס זאָלען שליסען אַ פּאָליטישען בונד מיט פאַרמער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס קעמפען כסדר געגען פאַרגרעסערטע קאָסטען פאַר טראַנספּאָרטאַציאָן. „דער רײלוויי לייבאָר באָארד" האָט זיך דערפון געפונען הילפלאָז. דאַן זיינען די יוניאָנס אַריין אין אַ קאָמבינאַציע מיט די באַהן־קאָמפּאַניס צו פאַרלאַנגען אַ מעהר אַרבייטזאַמען געזעץ אין באַצוג צו שליכטען סכסוכים ביי באַהן־באַשעפטיגונג. עס איז אַזוי געשאַפען געוואָרען אַן „אַרביטרײשאָן"־סיסטעם, מעהר פרייהייטליך; יעדענפאַלס, אָהן וועלכען־עס־איז פאַרבאָט פון סטרייקס.

די שפּאַנונג צום קאַמף פאַר דיזען געזעץ איז געווען אויף פאָלגענדע פּונקטען:

1) די נייע אַרביטרײשאָן־סיסטעם באַשאַפט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו אַרבייטען אויפ׳ן קאָסט פון דער רעגירונג — וועמען, אַלזאָ, וועט פּרעזידענט קולידזש באַשטימען אין דער קאָמיסיע?

2) דורך דער קאָמבינאַציע מיט די באַהן־קאָמפּאַניס האָבען די יוניאָנס זיך געשטעלט אין אַ קריג מיט די פאַרמער — ווי ווייט וועט דער קריג געהן?

3) דער געזעץ פאַר אַזאַ קאָמיסיע ווערט דורכגעפיהרט מיט דער הילף פון די באַהן־קאָמפּאַניס — ווער וועמען נוצט דאָ אויס?

4) דער גנעזעץ שאַפט טאַקע פריִיע „אַרביטריישאָן“, ס'איז אָבער מיט רעגירונגס־אינטערווענציע — וועט ניט די רעגירונג זוכען אַריינצודרינגען מיט אַזאַ סיסטעם אויך אין אַנדערע אינדוסטריען?

די ערשטע פראַגע איז ערליידיגט געוואָרען ניט צום גונסטען פון די יוניאָנס. פּרעזידענט קולידזש האָט ניט באַשטימט קיין אַנערקענטע יוניאָן פריינט אין דער קאָמיסיע. די צווייטע פראַגע איז אַריבער אין די הענט פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. דער עקזעקוטיוו קאָונסיל האָט זיך דערפאַר פאַרפליכטעט צו שטיצען אַלע פאַרמער־בילס אין קאָנגרעס. אויף דער דריטער פראַגע האָבען די אייזענבאַהן־יוניאָנס אַליין גלייך געגעבען אַן ענטפער. גלייך ווי די קאָמיסיע איז געוואָרען איינגעשטעלט, האָבען זיי אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג פאַר אַ העכערען לוין; און שפּעטער האָט מען אַ העכערונג אויף אַ טייל באַהן־ליניעס טאַקע געקראָגען. די פערטע פראַגע איז אויפגעקומען ביי אַ קאָנפערענץ צווישען פּרעזידענט גרין און פּרעזידענט קולידזש, און נאָך דער קאָנפערענץ האָט גרין עפענטליך ערקלערט, אַז די רעגירונג גיט נערעכט דער אַרבייטער־באַוועגונג מיט איהר בליק, אַז עס קען ניט זיין איין סאָרט אַרביטריישאָן־סיסטעם פאַר אַלע אינדוסטריען; אַז דער געזעץ וועגען באַהן־סכסוכים קען איבערהויפּט ניט אויסגעטייטשט ווערען אַלס אַ פּרעצעדענט פאַר אַנדערע..

דער געזעץ ווערט אָבער אָנגענומען אַלס אַ באַווייז, אַז דער פּאָליטישער שטאַאַט, ווילליג אָדער אונווילליג, מוז וואָס ווייטער אַריינגעהמען אַלץ מעהר עקאָנאָמישע פונקציעס. און אויף אַזוי ווייט איז אין מאַנכע טיילען פון דער אַרבייטער באַוועגונג ניט געוועזען קיין איבעריגענס גרויסע התלהבות פאַר'ן געזעץ. גאַנץ היבשע סעקציעס פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג זיינען נאָך גאָר ניט שוה בשוה מיט דער שטאַאַט־אידעע. זיי ווילען האַלטען אַ גרענעץ צווישען דעם פּאָליטישען שטאַאַט און די כוחות וואָס שאַפען דאָס עקאָנאָמישע לעבען אין לאַנד. פאַר אַזאַ געדאַנק האָבען זיך דורך אַ רייהע רעזאָלוציעס אין פאַרגאַנגענעם יאָהר אַרויסגעזאָגט די פּאָטאָ־ענגרייווערס קאָנווענשאָן, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען אין מאָנאַט אויגוסט אין פילאַדעלפיע; די מאַסאַטשוזעטס פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וועמענס קאָנווענשאָן איז אויך געהאַלטען געוואָרען אין מאָנאַט אויגוסט — אין ספּרינגפיעלד; די פּרינטינג פּרעסמענ'ס קאָנווענשאָן, אויך אין מאָנאַט אויגוסט, אין טענעסי; די קאָנווענשאָן פון דער קאָנעקטיקוט פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין דענבורי, און די בריקלייערס קאָנווענשאָן אין אַטלאַנטיק סיטי, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין מאָנאַט סעפּטעמבער.

דער יאָהר 1926 האָט געהאַט אַכט־און־אַכציג אַרבייטער־צוזאַמענפאָהרען — קאָנווענשאָנס פון אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס און סטייט פעדערײשאָנס. די אָנציהענדסטע איז געווען די קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין דעטראָיט; אָבער אויך ביי די אַנדערע קאָנווענשאָנס זיינען אויפ'ן טאָג־אָרדנונג געווען פּאָליטישע פראַגען און ברייטערע אַרבייטער־פּראָבלעמען. די קאָנווענשאָנס פון דער פּענסילווייניא פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, אין אירי, אין מאָנאַט מאַי, פון דער אַלאַבאַמאַ פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין מאָשקעל שאָלס, אויך אין מאָנאַט מאַי, און פון דער אָהייאָ פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין עקראָן, אין מאָנאַט דזשולאַי, האָבען אָפּגעגעבען אַ סך צייט פאַר קולטור־פראַגען. די אַלאַבאַמאַ סטייט פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט זיך אונטערנומען אויפצובויען אַן אַרבייטער־אוניווערזיטעט אין דער סאָוט, לויט דעם מאָדעל פון'ם אַרבייטער־אוניווערזיטעט אין ברוקוואוד, ניו יאָרק. די קאָנווענשאָנס פון דער איידאַהאָ פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין פּאָקאַטעללאָ, אין מאָנאַט יוני, פון דער מינעסאָטאַ פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, אין היבינג, אין מאָנאַט אויגוסט; פון דער יוטאַ פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, אין סאָלט לעיק סיטי, און פון דער סאָוט דאַקאָטאַ פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, אין יוראָן, ביידע אין מאָנאַט סעפּטעמבער, האָבען אָנגענומען פּראָגרעסיווע פּאָליטישע פּראָגראַמען. ביי דער קאָנווענשאָן פון דער סאָוט דאַקאָטאַ'ר פעדערײשאָן איז לעבהאַפט דיסקוטירט

געוואָרען דער צוזאמענברוך פון דער „נאָן-פארטיזאן-ליג", וואָס איז א צייט לאנג געווען א ווירקענדע פאָליטישע אָרגאניזאציע פון פארמער און ארבייטער. צווישען די צוזאמענפאָהרען מיט א גאנץ אייגענארטיגען כאראקטער אין פארלויף פון יאָהר דארף מען אויך אריינרעכענען די קאָנווענשאָן פון דער פארמער-לייבאָר פארטיי אין טעקסעס און ארקאנזא, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָנאט מערץ אין פאָרט וואָירטה, טעקסאס; די קאָנווענשאָן פון דער נעשאָנאל וואומענס טרייד יוניאָן ליג, אין מאָנאט יוני, אין קענזאס סיטי; און די קאָנווענשאָן פון דער „נאַיטס אָוו לייבאָר" (פאראן נאָך א פאָר גרופען יוניאָנס פון דיזען פארעלטערטען פארבאנד), וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָנאט נאָוועמבער, אין וואשינגטאָן.

צוויי פראגען האָבען פארנומען דעם אויבען-אָן אין אלע דיסקוסיעס אין און ארום דער ארבייטער באוועגונג.

פראגען פון א סאָציאל-עקאָנאָמישען כאראקטער —

קאָמפאני יוניאָנס;

און דאָס שטרעבען פון די ארבייטער צו א באקוועמערען לעבען דורך קויפען אקציעס אין קאָרפאָריישאָנס.

אָפט זיינען ביידע פראגען געגאנגען צוזאמען. די „קאָמפאני יוניאָן" איז שוין ניט מעהר בלויז א להכעיס-אָרגאניזאציע געגען דער ארבייטער באוועגונג, געשאפען פון ארבייטס-געבער אלס אן אינסטרומענט צו האלטען זייערע ארבייטער ווייט פון דער ארבייטער באוועגונג. אזעלכע „קאָמפאני יוניאָנס" זיינען אויך דאָ. אזעלכע זיינען אָבער ניט קיין פּראָבלעם. פאר אזעלכע האָט די ארבייטער באוועגונג א באשטימטע וואפע. אזעלכע „קאָמפאני יוניאָנס" זיינען אין דער אמת'ען גאָר קיין אָרגאניזאציעס ניט. ס'איז נאָר דאָ א נאָמען — „קאָמפאני יוניאָן" — אין דער אמת'ען איז דאָס נאָר א שפּיאָנען-סיסטעם אין דער פאבריק. די ארבייטער באוועגונג באטראכט אזא אָרגאניזאציע אלס א סקעב-נעסט און זוכט איהר צו שלאָגען דורך קאמפּעינס צו אָרגאניזירען די ניט-אָרגאניזירטע. פאראן אבער „קאָמפאני יוניאָנס", און די מעהרען זיך און שטארקען זיך, וועלכע זיינען אָדער א רעזולטאט פון א באוואוסטזיין ביי די ארבייטער צו וועלען זיין פארטראָטען אין דער פאבריק-פאר-וואלטונג — זיי שאפען זיך דאן א פאבריק-אָרגאניזאציע אָהן וועלכע עס איז אלגעמיינע צילען; אָדער זיי זיינען טיילוויז פארוויילונגס-פאראיינען, און טיילוויז שותפות'ע אגענטורען צו קויפען צוזאמען אקציעס פון דערזעלבער קאָרפּאָריישאָן פאר וועלכע זיי ארבייטען, און צו קריגען צוזאמען אן עקסטרא „באָנוס" נאָכ'ן אָפּאר-בייטען א יאָהר. אין דיזע פעלע קען די ארבייטער באוועגונג זיי ניט באטראכטען אלס דורכאויס געגענעריש צו זיך. די ארבייטער באוועגונג ערמונטערט א שטרעבען ביי ארבייטער צו זיין פארטראָטען אין דער פאבריק-פארוואלטונג און וועגען קויפען קציעס אין די פאבריקען אָדער קאָרפּאָריישאָנס קען נאָר די ארבייטער באוועגונג קוקען ווי אויף אן עקאָנאָמישע ערשיינונג, וואָס דארף בעסער רעגולירט ווערען איידער באקעמפען איהר. יעדענפאלס, אין באצוג צו אזעלכע „קאָמפאני יוניאָנס", קען די ארבייטער באוועגונג נאָר שטרעבען זיי ארונטערצוקריגען אונטער איהר דאָך.

ווי אזוי? וועלכע מעטאָדען אָנצוואווענדען? — דאָס איז די פּראָבלעם.

איין שטערונג איז באזייטיגט געוואָרען.

די „קאָמפאני יוניאָנס", אויף וויפיל זיי זיינען אמת'ע פאבריק-אָרגאניזאציעס, זיינען זיי אינדוסטריעלע איינהייטען (אינדוסטריעלע יונאָנס). אָבערפאָרמירען זיי לויט פאכען וואָלט געמיינט צוטיילען די ארבייטער, און עס וואָלט געווען א לעבערליכער שטייגער צו קומען צו ארבייטער און זיי זאָגען: מיר ווילען אייך אָרגאניזירען, און דערפאר טיילען מיר אייך פאנאנדער. אום צו קריגען זיי אלס אָרגאניזאציעס פאר דער ארבייטער באוועגונג, האָבען די פארשיידענע אינטערנע-שעאָנאל יוניאָנס אין אזעלכע פאכען געדארפט, אלזא, אויפגעבען זייער יורידיקציע איבער זיי. די 1926 קאָנווענשאָן פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט דאָס אזוי גוט ווי דורכגעפיהרט פאר דער אויטאָמאָביל-אינ-

דוסטריע, וואָס וועט גילטען אויך פאַר עהנליכע צושטענדען אין אַנדערע אינדוסטריען. מ'וועט זיי, הייסט עס, פּרובירען קריגען אלס פעדעראַלע יוניאָנס; דירעקט אָנגעשלאָסען אָן דער אמעריקאַן פעדערייששאָן אָוו לייבאָר, ניט דורך אַ נאַציאָנאַלע טרייד־אָרגאַניזאַציע. און אַזוי ווי די א. פ. אָוו ל. האָט אין דערזעלבער צייט אָנגעהויבען פּאָפּולער צו מאַכען די אידעע פון קאָאָפּעראַציע צווישען „שאָפּ" און „מענעדזשמענט" דורך איינגעשטעלטע פּאַרטנערשאַפטען, האָט זיך באַוויזען אַ מעגליכקייט דעם פּראָבלעם פון „קאָמפּאַני יוניאָנס" צו לייזען.

אָבער וואָס איז מכח דעם אינהאַלט פון מאַנכע „קאָמפּאַני יוניאָנס", וועלכע זיינען מערק אָפּצוזעצען אַקציעס פון קאָרפּאָריישאָנס? און וואָס איז בכלל וועגען דעם שטרעבען ביי אַרבייטער צו קויפען קאָרפּאָריישאָן־אַקציעס?

די אַרבייטער באַוועגונג האָט דורכ'ן יאָהר באַוויזען, אַז זי איז איינע פון יענע פּראָגרעסיווע כוחות אין לאַנד, און דער שטאַרקסטער פון אַלע, וואָס זוכט די קאָרפּאָריישאָנס צו דעמאָקראַטיזירען; אין אַנדערע ווערטער: דעמאָקראַטיזירען די אינדוסטריען; און גאָר אין אַנדער אויסדרוק: דאָס לאַנד־רייכטום זאָל דעמאָקראַטישער צוטיילט ווערען — די גרויסע מאַסען „שער־האָלדערס" פון אַ קאָרפּאָריישאָן זאָלען אי האָבען גרעסערע פּראָפיטען דורך גרעסערע דיווידענדען, אי האָבען מעהר באַשטימונגס־מאַכט איבער די קאָרפּאָריישאָנס. אין די לעצטע חדשים האָט פּראָפעסאָר ריפּלי אויפגעשטורעמט די עפענטליכע מיינונג מיט זיינע אויפדעקונגען פון פאַלשע טראַסט־חשבונות אין פאַרבינדונג מיט דעם; און די אַרבייטער באַוועגונג האָט זיך איהם גלייך איבערגעגעבען אלס אַ פּלאַטפאָרמע דורך וועלכער ער זאָל קענען אַדרעסירען גרויסע מאַסען, און קריגען פון זיי אָן אָפּקלאַנג.

אין דעם פּרט פון אָפּרופען זיך אויף סאָציאַל־עקאָנאָמישע ערשיינונגען אין לאַנד איז דער יאָהר 1926 געווען פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג אַ שאַפונגס־יאָהר.

איינגעהאַלטען, אויסגערעכענט, טריט ביי טריט — אויף אָן אָרט איז די אַרבייטער באַוועגונג ניט געשטאַנען.

און זי איז אויך אַוועק מיט אַ שוואונג. דער יאָהר האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ מערקווירדיג ברייט־פאַרשפּרייטער פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ 5 טאָגיגע אַרבייטס־וואָך. אין די לעצטע חדשים איז ניט געווען קיין צוזאַמענקונפט פון אַרבייטער אָדער אַרבייטס־געבער, פינאַנסירען אָדער כלל־טוער, רעליגיעזע געזעלשאַפטען אָדער בירגערליכע אינסטיטוציעס, וואו די פראַגע פון אַ פינף טאָגיקע אַרבייטס־וואָך איז ניט אַרויפגעקומען. די אַרבייטער באַוועגונג האַלט דיזע פראַגע פאַר די אויגען פון לאַנד, און עס איז ניט שווער פאָראויסצוזעהן, אַז דיזער אינדוסטריעלער רעפאָרם וועט גאָר גיך קריגען אַ פעסטען אָנשפּאַר אין גרויסע אינדוסטריען. עס ווייזט זיך שוין אפילו, אַז אין אינדוסטריען וואו קיין יוניאָנס זיינען ניטאָ, זאָל מען אויך ריידען וועגען אַ פינף־טאָגיקע אַרבייטס־וואָך. אַ סטראַטעגישען שריט האָט די אַרבייטער־באַוועגונג געמאַכט, ווען זי האָט די פראַגע געבראַכט פאַר דעם „בילדינג טרייד קאָנגרעס", אין ניו יאָרק — אַ פרייוויליגע פאַראייניגונג מיט סאָציאַלע אויפגאַבען פון גרויסע בוי־קאָנטראַקטאָרס און וויכטיגע אַרבייטער גרופּען. די בוי־אינדוסטריע פון ניו יאָרק איז געווען די ערשטע אויף דער וועלט איינצופיהרען אָן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג; זאָל זי אַלזאָ אויך זיין די ערשטע איינצושטעלען אַ פינף־טאָגיקע אַרבייטס־וואָך. אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער האָט דער קאָנגרעס געהאַט זיין יעהרליכען צוזאַמענקונפט, און פּרעזידענט גרין, פון דער א. פ. אָוו ל. האָט דאָרטען פאָרגעלייגט די פראַגע אי פון אַ שטאַנדפּונקט: וואָס פאַר אַ גרויסער סאָציאַלער אויפטו אַ פינף־טאָגיקע אַרבייטס־וואָך וועט זיין; אי מיט גאַנץ־קלאָרע אינדוסטריעלע חשבונות, אַז אַ רייהע אינדוסטריען קענען לויט זייער „עפישענסי" אין פּראָדוקציאָן טאַקע טראָגען אַזאַ משא ווי אַ פינף־טאָגיקע אַרבייטס־וואָך.

אויף וועלכע פּונקטען זיינען געווען אַרויסטרעטונגען פון אָן אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער?

אויף דריי:

וועגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען שטאָל־טראַסט;

וועגען דעם קאַמף פון דער קאַטוילישער קירך געגען דער מעקסיקאַנער רעגירונג;

א באַנייטע שטעלונג אין דער פראַגע צו די אמעריקאַנער רעגירונג זאָל אָנער־קענען די סאָוויעטען־רעגירונג פון רוסלאַנד.

וועגען ערשטען פונקט איז געווען א ווענדונג פון א דעלעגאַציע פונ'ם אייראָפּע־אישען פאַרבאַנד פון די מעטאַל־אַרבייטער צו דעם מעטאַל טריידס דעפּאַרטמענט פון דער אמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. דער פאַרלאַנג פון די אייראָפּעאישע מעטאַל־אַרבייטער איז געווען, אז די אמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע (דער מעטאַל טריידס דעפּאַרטמענט) זאָל זיך אָנשליסען אָן דעם אייראָפּעאישען פאַרבאַנד, און דערמיט פאַרפאָלקאָמען אן אינטערנאַציאָנאַל פון מעטאַל־אַרבייטער. פאַראייניגטער קאַפּיטאַל זאָל אזוי האָבען געגען זיך אַלוועלטליך־פאַראייניגטע אַרבייט. די קאָנווענשאָן פונ'ם מעטאַל טריידס דעפּאַרטמענט, געהאַלטען גלייכצייטיג מיט דער קאָנווענשאָן פון דער אמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער, אין דעטראַיט, האָט דעם פאָרשלאַג פון די אייראָפּעאישע יוניאָן־לייט אויפגענומען און אָנגענומען. צו דעם מעטאַל טריידס דעפּאַרטמענט געהערען די באַהן־שאַפּ יוניאָנס, מאַנכע יוניאָנס פון דער בוי־אינדוסטריע, און די יוניאָן פון אַרבייטער, דירעקט באשעפטיגט אין דער שטאָל־אינדוסטריע. די לעצטע איז ניט קיין גרויסע אָרגאַני־זאַציע, אָבער פאַר דעם אויפשטעל פון אן אינטערנאַציאָנאַל פון מעטאַל־אַרבייטער אַלס א ווירקענדע מאַכט אויף די געשעפטס־וועגען פון אן אינטערנאַציאָנאַלען שטאָל־טראַסט איז די יוניאָן ביי דער פּראָדוקציאָן פון שטאָל ניט אזוי וויכטיג. מעהרער וויכטיג אין דיזען פאַל זיינען די יוניאָנס אין די טריידס פון אויסגעאַרבייטען שטאָל. דיזע יוניאָנס אינ'ם דעפּאַרטמענט האָבען שוין יאָ מאַכט און איינפלוס. דער שריט צו דער פאַרברידערונג פון די אמעריקאַנער מעטאַל־יוניאָנס און די אייראָפּעאישע איז, יעדענפאַלס, געווען א צייטיגער אינטערנאַציאָנאַלער אַקט אויפ'ן עקאָנאָמישען פעלד.

די אנדערע צוויי זיינען געווען פּאָליטישע.

צוערשט וועגען מעקסיקא:

א גרויסע באַוועגונג איז געווען אַרום דער אמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, אז זי זאָל אַרויסטרעטען געגען דער מעקסיקאַנישער רעגירונג אין איהר שטרייט מיט דער קאַטוילישער קירך. די באַוועגונג איז אָנגעפיהרט געוואָרען דירעקט פון דער קאַטוילישע קירכען, אויך פון פרום־קאַטוילישע געזעלשאַפטען, ווי פון די „נאַיטס אָוו קאָלאָמבוס", און פון די נאַציאָנאַליסטישע איירישע גרופּען. זיי האָבען געזוכט מיט זיך צו האָבען די אמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר צוליב צוויי אורזאַכען. די אמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר איז געווען דער גרויסער כח אין די פאַראייניגטע שטאַטען, וואָס האָט געהאָלפען די קאַיאַס־רעגירונג אין מעקסיקא קומען צו מאַכט; די אמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר איז דער ענטשיידענדער כח אין דער פּאַן־אמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר פון וועלכער די מעקסיקאַנישע פעדעריישאָן אָוו לייבאָר איז א טייל, און די מעקסיקאַנישע פעדעריישאָן אָוו לייבאָר איז די גרעסטע שטיצע פון דער קאַיאַס־רעגירונג. די באַוועגונג צו ווירקען אויף דער א. פ. אָוו ל. אַרויסצוטרעטען געגען דער קאַיאַס־רעגירונג האָט געדאַרפט זיין א ווירקענדע באַוועגונג. א גרויסע מיטגלידערשאַפט אין די אמעריקאַנער יוניאָנס איז איריש־קאַטוילִיש. אָבער ניט די פעדעריישאָן פיהרער און ניט די פעד. קאָנווענשאָן האָבען זיך געלאָזען פאַרדרעהען די קעפּ. די פראַטוירנעל דעלעגאַטען פון מעקסיקא זיינען ביי דער קאָנווענשאָן אויפגענומען געוואָרען מיט דערזעלבער ברודער־פריינדשאַפט, ווי אין אַלע לעצטע יאָהרען: אויס טאַקט האָט די קאָנווענשאָן נאָר באַשלאָסען צו פאָרשען די פראַגע דורך א ווענדונג צו דער מעקסיקאַנישער פעדעריישאָן אָוו לייבאָר נאָך אינפאָרמאַציע. דאָ דאַרף פאַרצייכענט ווערען, אז דיזער באַשלוס איז ניט געווען צום האַרצען פון אזעלכע ראַדיקאַלען, וועלכע האָבען א קנאַפּען חוש פאַר פאַר־אַנטוואָרטליכע האַנדלונגען פון אן אַרבייטער באַוועגונג.

די „רוסישע פראגע" האט אין יאהר 1926 געהאט איהר געוועהנליכען אפשניט. די אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג האט באנייט און פארפעסטיגט איהר שטעלונג — צו ווירקען, אז די פאראייניגטע שטאטען זאלען די סאוויעטען רעגירונג פון רוסלאנד נאך ניט אנערקענען. די אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג איז נאך דערווייל ניט גרייט צו מאכען קאמפראמיסען איבער אזעלכע פרינציפען ווי דעמאקראטיע און פולע פאלקס־פרייהייטען. די אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג וויל אויך ניט וויסען פון דעם פלפול, אז די סאוויעטען־רעגירונג איז איין זאך און דער „דריטער אינטערנאציאנאל" איז א צווייטע זאך. זאל די אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג זיך ארויסזאגען פאר דער סאוועטען־רעגירונג, מוז זי גלייכצייטיג פארקוקען די טעטיגקייט פון „דריטען אינטערנאציאנאל", און מיט אזא האנדלונג, ווייסט זי, אז זי וואלט אונטערגעצונדען איהר אייגענע הויז. און אז זי איז גערעכט מיט אזא בליק, שטעלען שוין צו ארגומענטען די קאמוניסטען אליין. אין פארלויף פון יאהר 1926 האבען זיי געטאן אלץ אין דער וועלט, אז די אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג זאל זיי באטראכטען פאר דעם גרעסטען אומגליק, וואס די ארבייטער באוועגונג פון דער וועלט האט ווען געהאט צו באגעגענען. דורכ'ן יאהר זיינען אפילו געווען א גאנצע רייהע „באוועגונגען" צו ווירקען אויף אמעריקאנער ארבייטער־גרופען ערשט צו שיקען קיין רוסלאנד א „לייבאר־דעלעגאציע" פאר א כלומר'שטע אונפארטייאישע אויספארשונג פון דער לאגע. עס איז אבער געווען לייכט צו זעהן, אז ארום דעם איז דא קאמוניסטישע פראפאגאנדא. קיינע פון די אנערקענטע ארבייטער־גרופען האט זיך דערפאר ניט געלאזען בעאיינפלוסען.

סטרייקס — אויסער דעם סטרייק פון די קוילען־גרעבער אויף די „הארטע" קוילען־פעלדער, וואס האט זיך פון 1925 אריינגעצויגען אין 1926, איז דעם יאהר געווען נאך א סטרייק מיט גרויס אויפמערקזאמקייט אין לאנד — דער פאסייקער סטרייק פון וועבער. די טעקסטיל־אינדוסטריע אין אמעריקע איז דער קראנקער פונקט אין דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג. אלע אנשטרענגונגען די אינדוסטריע צו ארגאניזירען—און אנשטרענגונגען זיינען געווען פילע און מיט בלוט־און הונגער־קרבנות—האבען קיין רעזולטאטען ניט געבראכט. סטרייקס זיינען געווען א סך, אבער פון די סטרייקס האבען זיך קיין שטאנדהאפטע יוניאנס ניט אפגעשטעלט. די סטרייקס זיינען געווען ארויסגעשפרונגענע וועהטאג־פראטעסטען פון די ארבייטער, וועמענס לעבען איז א שקלאפען־לעבען אין דער אינדוסטריע. אין דער אינדוסטריע הערשט קינדער־ארבייט. פארצווייפעלטע מוטערס בילדען א גרויסען טייל פון איהר פראלעטאריער־מאסע. די גרעסטע צאהל ארבייטער זיינען אימיגראנטען פון אזעלכע נאציאנאליטעטען, וועלכע בלייבען אן דער זייט פון אמעריקאנישען לעבענס־שטראם. צו אזא פערסאנאל אין די פאבריקען קען לייכט צוקומען דער אגיטאטאר, וואס צויבערט אן א מאסע מיט האפנונגען, אהן א מעגליכקייט זיי צו רעאליזירען; און אויך דער שפיאן און פראוואקאטאר האט א לייכטען צוטריט. זיינען שוין פארשריבען אויף די בלעטער פון דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג אומצעהליגע וועבער־סטרייקס, צופאלענע און צוטראטענע. דער מאגנאט פון וועבערייען איז היינט־צו־טאג כמעט דער איינציגער אויטאקראט אין אמעריקאנער אינדוסטריעלען לעבען. אפילו די אלגעמיינע עפענטליכע מיינונג איגנארירט ער. פאליטישע איינפלוסען, אויב זיי בויגען זיך נאר לטובת ארבייטער־אינטערעסן, ווירקען אויך ניט. דער פאסייקער סטרייק איז אבער געקומען אין א מאמענט אויף צו קענען פארענדיגט ווערען מיט אן איינגעשטעלטער ארגאניזאציאן. פאר דעם האט שוין געזאלט ווירקען פאליטישער איינפלוס. די „טאריף" פראגע אויף טעקסטיל האט געקענט אויסגענוצט ווערען. האט זיך אבער אריינגעריסען א קאמוניסטישע פיהרערשאפט אין סטרייק, און מענשען מיט א רעפוטאציע האבען ניט געוואלט צוטרעטען. אין דעם סטרייק האבען די קאמוניסטען אנגעווענדעט זייער גאנצען בלאף־ארסענאל פון שרייען „רעוואלוציע" היינט, און זיך באנוצען מיט „קלעס־קאלאבארײשאן" מארגען; פון בילדען „פאראייניגטע פראנטס", און אין

דער זעלבער צייט פיהרען אינטריגעס; פון א נעבאכדיגען קרעכצען ביז אויסנוצען הונגעריגע קינדער פאר ספעקטאקלען. צולאָזען די ארבייטער־באוועגונג ארויסצושטעלען קאָנסטרוקטיווע פיהרער אויף צו פאָדערען באשטימטע פאבריק־רעפאָרמען — דאָס האָט זיך זיי ניט געלוינט. מאָנאטען האָט א מאסע געהונגערט, ביז דער סטרייק האָט צוזאמענגעבראָכען, און ערשט דאַן איז די ארבייטער־באוועגונג צוגעלאָזען געוואָרען וואָס צו ראטעווען. די סטרייקער־מאסע איז אזוי פאָרט אריינגעפיהרט געוואָרען אין דעם עקזיסטירענדען טעקסטיל־ארבייטער־פארבאנד פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, און איידער דער יאָהר האָט זיך פארענדיגט, איז מען פאָרט געקומען צו איינגעשטעלטע פאבריק־באדינגונגען דורך אַן אָפמאך מיט די בעלי־הבתים. מיט א סך וועהטאָג, אלזאָ, און מיט גאָרניט קיין שעהנע גרימאסען, איז דורכ'ן יאָהר פאָרט געמאכט געוואָרען א טריט צו ברעכען אויטאָקראטיע אין איינער פון די גרויסע און רייכע אינדוסטריען אין לאנד.

נאָך א סטרייק — מיט ווייניג אויפמערקזאמקייט פון לאנד, אָבער מיט גאָר א סך אינטערעס אין דער ארבייטער־באוועגונג — איז געווען פון די קארפענטערס אין סאַן פראנציסקאָ. דער סטרייק איז נאָך איצט ביים סוף יאָהר ניט געענדיגט, כאָטש ער האָט זיך אָנגעהויבען דעם 1טען מאי. דער סטרייק איז א פארזוך צוריק איינצושטעלען אין די בילדינג־טריידס אויפ'ן פאסיפישען ברעג דעם פרינציפ פון קלאָוזד שאפ", וועלכען די יוניאָנס האָבען מיט א פאָר יאָהר צוריק, א דאנק דער דעמאָראליזאציע אין יוניאָן־לעבען און ביטערע עקשנות ביי די קאָנטראקטאָרען, נאָך א לאנגען קאמף פארלאָרען. דערווייל זיינען שוין דורך דעם סטרייק געפאלען א צעהנדליג מענשען אלס טויט־קרבנות; א גרופע יוניאָן־באאמטע און צוויי קאָנטראקטאָרען זיינען אָנגעקלאָגט פאר מאָרד; און עס איז אַן אויפטרייסלונג אין דער אדמיניסטראציע פון שטאָדט. בירגערליכע אָרגאניזאציעס באשולדיגען דעם דיסטריקט אטוירני, אז ער דינט די יוניאָנס; די יוניאָנס, ווידער, באשולדיגען עטליכע ריכטער, אז זיי דינען די קאָנטראקטאָרען. א פאָליטישער קאמף אין שטאָדט, און ארום איהם טעראָר־אקטען — דאָס איז דערווייל דער רעזולטאט פון סטרייק.

אנדערע סטרייקס, לויט די רעקאָרדס אין די אָפיסעס פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, זיינען געווען אכט־און־זעכציג אין צאָל. אין דעם געהען אריין איינצעלנע פאבריק־סטרייקס און גאנצע טרייד־קאמפען. מאנכע האָבען אָנגעהאלטען בלויז א טאָג — דער סטרייק פון די קארפענטערס אין דענווער, קאָלאָראדאָ, און דער סטרייק פון די האפען־ארבייטער ביי דעם טייך מיסיסיפי. דער לענגסטער פון דיזע „שטילע" סטרייקס האָט אָנגעהאלטען דריי וואָכען—א סטרייק אין א גלאָז־פאבריק אין מישיגען.

צווישען די סטרייקס דורכ'ן יאָהר דארף אויך דערמאָנט ווערען דער סאָבוויי־סטרייק אין ניו יאָרק. עס איז געווען א סטרייק פון א פארהעלטניסמעסיג קליינער צאָל ארבייטער, וואָס ווערען באשעפטיגט ביים באטרייבען די אונטערערדישע באהנען. עס איז אָבער געווען א וויכטיגער סטרייק דערמיט, וואָס די סטרייקער האָבען זיך ארויסגעריסען פון דער קאָמפאני־יוניאָן, וועלכע ווערט פון די סאָבוויי־מאגנאטען אויפגעהאלטען. דער סטרייק איז פארלאָרען געגאנגען, כאָטש עס איז געווען א גרויסער סימפאטישער אינטערעס ארום איהם. קיין דירעקטע הילף פון דער ארבייטער־באוועגונג האָט דער סטרייק ניט געהאט, ווייל מען האָט די סטרייקער אין אָרגאניזאציאָנס־קרייזען ניט געטרויט. זיי אליין האָבען געבראָכען א פריהערדיגען סטרייק, אָנגעפיהרט פון דער קאר־ארבייטער־יוניאָן. זיי האָבען, אלזאָ, געצאָלט שטראָף. די גרופע פיהרער פון סטרייק האָבען אָבער בראוו געהאנדעלט ביים אויפגעבען דעם קאמף. זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער רעגולערער קאר־ארבייטער־יוניאָן און דערמיט געוויזען אַן אמת'ן ווואונש צו זיין אין א יוניאָן פון דער ארבייטער־באוועגונג . דערפאר האָט זיי די ארבייטער־באוועגונג געהאָלפען זיך באפרייען פון פארשידענע געריכט־פראָצעסען, וואָס די סטרייק־האנדלונגען האָבען אויף זיי געבראכט.

מאַנכע איינצעלנע וויכטיגע געשעהענישען אינ׳ם יוניאָן־לעבען זיינען דורכ׳ן יאָהר געווען די פאָלגענדע:

דער גלאָז־אַרבייטער־פאַרבאַנד האָט אויפגעגעבען דעם פּונקט אין זיינע אַגרימענטס מיט די בעלי־הבתים, וואָס האָט גאַראַנטירט דאָס רעכט פון די אַרבייטער אַליין צו ערוועהלען פאָרלייט פאַר אָפּטיילונגען אין פאַבריקען. די ערפאַהרונג האָט געוויזען, אַז דאָס ברענגט „דזשעלאָסי” צווישען די אַרבייטער, אַ ניט־פאַרגינען. מען מוז צוגעבען, אַז דאָס האָט אַ שטוים געטאָן אויף צוריק די אידעע פון אַרבייטער זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין פאַבריקען.

דער בעקער־פאַרבאַנד האָט דורכ׳ן יאָהר געפיהרט אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע געגען דעם ברויט־טראָסט; אַן אונטערזוכונג פון טראָסט איז געפאָדערט געוואָרען אין סענאַט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

די דרוק־פּרעסמענ׳ס יוניאָן האָט איינגעשטעלט אַ מעכאַנישען דעפּאַרטמענט אויף אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב; אויב געדרוקטע שריפט אין צייטונגען און ביכער־דרוקערייען ווייזט זיך אַרויס פאַר ניט קלאָר גענוג, שיקט די יוניאָן מעכאַניקער, אין וואָס פאַר אַ שטאָדט זיי זאָלען ניט דאַרפען פאָהרען, פעסטצושטעלען די אורזאַכען און פאָרצושלאָגען אויסבעסערונגען. דערזעלבער דעפּאַרטמענט אַרבייט אויך אויף אַ גאַנץ נייע, אַ מעהר קלאָרע שריפט. דערזעלבער פּרעסמען־פאַרבאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַ גאַנצע קאָלאָניע, אַן אייגענע, אין דער סאַוט, און די קאָלאָניע איז געטשאַרטעט אַלס אַ באַזונדערע שטעדטעל, האָט דורכ׳ן יאָהר אויפגעבויט אַן אייגענע קירך אין שטעדטעל.

אינערליכע אָרגאַניזאַציאָנס־צרות האָבען זיך אַ סך, דורכ׳ן יאָהר, צוזאַמענגעלייגט אין דער מאַינערס יוניאָן.

סכסוכים איבער יורוסדיקציע אין די בילדינגס־טריידס, וואָס פאַרשאַפען אַלעמאָל דעם אינעווייניגסטען לעבען פון די יוניאָנס צרות איבער צרות, זיינען דורכ׳ן יאָר 1926 אויסגעגליכען געוואָרען דורך פּרעזידענט גרינ׳ס פאַרמיטלונגען. די אויפמערקזאַמקייט צו אינערליכע מחלוקות האָט מען שוין געמוזט ווענדען צו גרינ׳ס אייגענער אָרגאַניזאַציע — די יונייטעד מאַין־וואָירקערס. דאָרטען זיינען אין די לעצטע טעג פון דעצעמבער געווען וואַהלען פאַר נאַציאָנאַלע באַאַמטע, אָבער טראָבעל אַרום דעם איז געווען אַ גאַנץ יאָהר. עס איז געווען אַן אָפּאָזיציע צו דער איצטיגער אַדמיניסטראַציע פון דזשאָן לואיס, און די אָפּאָזיציע איז געווען פון אַ מערקווירדיגען צוזאַמענשטעל. טרייד־יוניאָניסטען פון גאָר אַלטען שניט, אויסגעמישט מיט „טשוירטש”־פאַראיינען און קלובען פון אַלטען טיפּ פּאָליטישענס, האָבען זיך פאַראייניגט מיט סאָציאַליסטיש־געשטימטע און גוט באַקאַנט אַלס פּראָגרעסיווע יוניאָן־טוער; אויפגעהעצטע מיטגלידער דורך קאָמוניסטישע גרופּען זיינען געווען אין אַ פאַרבאַנד מיט אונטערוועלט־עלעמענטען אין די פאַרוואָרפענסטע מאַינער־שטעדטלאַך, וואו בוטלעגערס זיינען די פּאָליטישע בעלי־הבתים; עס איז געווען אַ ניי־מאָדנער „פאַראייניגטער פראָנט”. דער קאַנדידאַט געגען לואיס׳ן איז געווען בראָפי פון פּענסילווייניע, אַן אינטעליגענטער פּראָגרעסיווער אידעאַליסטען־טיפּ. קאַנדידאַטען זיינען אויך געווען געגען אַנדערע פיהרער פון דער אַדמיניסטראַציע; אַפילו געגען דעם איצטיגען סעקרעטאַר קענעדי, וועלכער איז פון דערזעלבער פיהרער־גרופּע, וואו בראָפי געהערט. די אישום זיינען געווען אָרגאַניזאַציאָנעלע. קוילען־גרעבער פון קענזאַס האָבען אַ בייז האַרץ אויף דער לואיס־אַדמיניסטראַציע פון פריהעריגע יאָהרען; די קליינע מאַינער־לאָקאַלען פון וועסט ווירדזשיניע האָבען געהאַט טענות פאַר די ניט־ערפאָלגרייכע סטרייקס אין זייער טעריטאָריע; דורכ׳ן יאָהר האָט לואיס אַרויסגעזעצט פון אַמט דעם אילינאָיז פיהרער פאַרינגטאָן, און אַ געברום פון אומצופרידענהייט איז אויך געקומען פון דאָרטען. און עס זיינען געווען באַקאַנטע מאַינער־פּערזענליכקייטען אין דעם שטרייט, אויסער די קאַנדידאַטען אַליין. האָוואַט פון קענזאַס, באַליבט ביי אַ סך קוילען־גרעבער און אויך ביי אַמעריקאַנער טריידיוניאָניסטען אין אַלגעמיין; און נאָך פילע אַנדערע זיינען

געווען. און קאליר צו דעם שטרייט האט צוגעגעבען דער סופרים-קאורט פון די פאראייניגטע שטאטען. אין נאוועמבער איז אויפגעקומען אין סופרים-קאורט די קייס פון דארשי, א חבר פון האוואט אין קענזאס, וועלכער האט געבראכען לאקאלע געזעצע אין קענזאס, רופענדיג סטרייקס פון קוילען-גרעבער געגען דעם „אינדאסטריעל קאורט" אין קענזאס. ער איז פאראורטיילט געווארען צו טורמע, און ער איז געווען א געגנער צו דער לואיס-אדמיניסטראציע. דער קאמף געגען לואיס'ן האט אזוי געהאט א מארטירער, מיט וועמען צו שלאגען קאפיטאל. אין דעם שטרייט זיינען אויך געווען אנדערע עלעמענטען, דרוויסענדיגע. די באהן-אינדזשענירען-יוניאן האט א שטרייט מיט דער מאינערס-יוניאן איבער ניט-יוניאניזירטע קוילען-גרובען, וועלכע די באהן-אינדזשענירען-יוניאן פארמאגט, און דער רעדאקטאר פון איהר זשורנאל, קאיל, האט געזוכט צו קריגען די עפענטליכע מיינונג געגען דער לואיס-אדמיניסטראציע. אסקאר אמערינגער, א סאציאליסטישער זשורנאליסט, איז געווען פארבונדען מיט אנטי-לואיס גרופען אין דער מאינערס-יוניאן פון אילינאיז און ער איז געווען פאר'חבר'ט מיט קאיל. עס איז, אלזא, געווען א בורעניגע, און ס'האט געהאלטען די גאנצע ארבייטער-באוועגונג טיף-געשפאנט. אין די לעצטע טעג פון דעצעמבער איז אלץ אויפגעבראכען געווארען — לואיס מיט זיין אדמיניסטראציע איז ווידער ערוועהלט געווארען. דער שטרייט האט אבער געגעבען וויניג פרעסטיזש די פראגרעסיווע טוער ארום די אמעריקאנער יוניאנס. דאס, וואס די פראגרעסיווע טוער האבען זיך באנוצט מיט גארניט קיין געווינשטע עלעמענטען אין דעם גאנג פון יוניאנס, אבי צו קריגען קאנטראל איבער א יוניאן, האט זיי פיל פאר'מיאוס'ט.

ווען ניט א געוויסער ווינקעל אין דער ארבייטער באוועגונג וואלט דער יאהר 1926 זיך שוין אזוי געענדיגט מיט גאר א בייזען בליק פון די יוניאנס אויף אינטעליגענץ. דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר, וואס איז אייגענטליך די „וואירקערס עדיוקיישאן ביורא", איז דורכ'ן יאהר געווארען אלץ א שטארקערער און געזינטערער כח צו ציהען די יוניאנס צו אינטעליגענץ און צו ענטוויקלען א בעסערע באציהונג פון דער אינטעליגענץ צו די יוניאנס. אויסער, וואס די ביורא, האט דורכ'ן יאהר איינגעשטעלט א פארבינדונג צווישען די ארבייטער-שולען און אבענטער אוניווערזיטעטען אין פארשיידענע פונקטען איבער'ן לאנד, איז אויך ארויסגעגעבען געווארען א גרויסע צאהל פאמפלעטען איבער וויכטיגע טרייד יוניאן פראבלעמען און טעטיגקייטען; אויך גרעסערע ווערק זיינען געמאכט געווארען צוגענגליך צו די גרויסע מאסען יוניאן-מיטגלידער. די ביורא האט דורכ'ן יאהר אזוי געשאפען א גאנץ היבשע ביבליאטעק פון ביכער און שריפטען איבער ענינים אין שייכות מיט דער ארבייטער באוועגונג, און נאך מעהרער אויפגעטאן אין דעם פרט פון ערמונטערען שטודירענדע יונגע לייט זיך וואס מעהר אפצוגעבען מיט ארבייטער-פראבלעמען. די רעזולטאטען פון אזא ארבייט וועלען זיך ערשט אנזעהן שפעטער, ווען די צייט וועט אנהויבען ברענגען איינגערע פיהרער-גרופען.

דורכ'ן יאהר איז איינגעשטעלט געווארען די פון פריהער געפלאנטע לאיף אינשורענס קאמפאני צוזאמענגעשטעלט און פארוואלטעט פון יוניאנס. די ארגאניזאציע און פארוואלטונג גיבען האפנונגען אויף ערפאלג. דער „סטאק" פון דער קאמפאניע איז פארקויפט געווארן נאר צו ארבייטער ארגאניזאציעס און איינצעלנע טרייד יוניאניסטען. די צאל „שערס" וואס איינצעלנע מענשען האבען געקענט קויפען איז געווען באגרעניצט אויף בלויז צעהן, וועהרענד לאקאל-יוניאנס און צענטראלע קערפערשאפטען פון יוניאנס האבען געקענט קויפען צו אכציג „שערס", און נאציאנאלע ארגאניזאציעס האבען געקענט קויפען צו אכט הונדערט „שערס". די קאמפאניע האט ניט געקענט אינקארפארירט ווערען ביז מ'האט פארקויפט „סטאק" אין ווערט פון זעקס הונדערט טויזענט דאלאר, און אזא צאהל איז פארקויפט געווארען.

די אַרבייטער באַנקען און „אינוועסטמענט קאָמפּאַניס" פון יוניאָנס האָבען דורכ'ן יאָהר געהאַט אי ערפאָלגען, אי דורכפאַלען. די פראַגע, וואָס אַזעלכע געשעפט־ליכע אונטערנעהמונגען פון יוניאָנס האָבען אַרויסגערופען — צי זיי וועלען ניט פאַרבלאַסען דעם אַרבייטער־כאַראַקטער פון די אָרגאַניזאַציעס — איז דערווייל ניט קלערער געוואָרען. פון איין זייט האָט זיך געוויזען, אַז גראָד יוניאָנס מיט אַזעלכע אונטערנעמונגען קריגען אַ ברייטערען בליק און זוכען אַן ענד־ציל פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג, און מעהר כאַראַקטער און נשמה פון דער אַלגעמיינער אַרבייטער באַוועגונג דריקט זיך אָפּ אין זיי; פון דער צווייטער זייט ווירקען אַזעלכע אונטער־נעמונגען, אַז די יוניאָנס זאָלען אָפּט האַנדלען ווי עגאָאיסטישע פאַר־זיך אָרגאַניזאַ־ציעס, וואָס זאָרגען נאָר וועגען דעם אייגענעם ערפאָלג.

---

2. — אין אידישען יוניאָן־לעבען

וואָס ווייטער אַלץ מעהר פיהלט מען, אַז ביי די ווערטער: „אידישע יוניאָנס" זאָל מען אַוועקשטעלען אַ פראַגע־צייכען — זיינען זיי אידיש?...

אידישע אַרבייט ליגט נאָך הויפּטזעכליך אין די נאָדעל־טריידס, און די לאַגע איז אַזאַ:

די אידישע מיטגלידערשאַפט אין דער אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס איז אַ מינאָריטעט; און זאָל די אינטערנעשאָנאַל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן צוקו־מען צו די אַלע אָפּטיילונגען פון איהר פאַרצווייגטער אינדוסטריע, וואָלט איהר אידישע מיטגלידערשאַפט געווען אויך גאָר אַ קליינע מינאָריטעט.

און נאָך וואָס:

אויף וויפיל דער טערמין „אידישע יוניאָנס" קאָן מיינען דירעקטער איינפלוס פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג אויף די אידען־מיטגלידער אין די נאָדעל טרייד יוניאָנס, קען מען אויך ביי דעם אַוועקשטעלען אַ פראַגע־צייכען. דער אַמעריקאַניזירטער אידישער יונגערמאַן און די אַמעריקאַניש־אויסגעוואַקסענע אידישע טאָכטער וועלכע קומען אַריין אין די טריידס זיינען אַ גאַנץ פרעמדער עלעמענט פאַר די צילען און שטרעבונגען פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. אין דעם פּרט האָט זיך די אידישע אַרבייטער באַוועגונג אָפּגעשטעלט ווי אַ שיף אויף פלוצלינג פלאַך־געוואָרענע וואַסערען. דער אָפּשטעל פון אימיגראַציאָנס־שטראָם האָט אין גאָר אַ סך פּרטים פאַרהאַלטען דעם גאַנג פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג. דאָס מיינט ניט, אַז די אידישע אַרבייטער באַוועגונג האָט שוין אָפּגעזונגען איהר לעצטע ליד. אפילו ווען נייע אידישע מאַסען זאָלען ניט צוקומען אין אַמעריקע, קען נאָך די אידישע אַרבייטער באַוועגונג לאַנג ציהען איהר „גאָלדענע קייט". נייע רינגען וועלען נאָר דאַרפען צוקומען, אָהן אַן אימיגראַנטישען פאַרב אויף זיי. נאָר דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער טעמע. איך האָב איהר אָנגעמערקט, כדי מיר זאָלען וועגען איהר טראַכטען, און אַזוי טראַכטענדיג וועלען מיר בעסער פאַרשטעהן אַ סך ערשיינונגען אין דעם אידישען יוניאָן־לעבען.

דער יאָהר 1926 — אין דער געשיכטע פון אידישע יוניאָנס געהט ער אַריין אַלס אַ יאָהר פון משוגעת. אַנדערש קען מען גאָרניט אויסטייטשען די געדול־דעטע הפקרות און געוואַגטע אַוואַנטיורעס.

דער פאָריער־סטרייק און דער קלאָוקמאַכער־סטרייק, ביידע, האָבען ניט געהאַט קיין שום עקאָנאָמישען גרונד. ס'איז ניט געווען קיין איין אורזאַכע, וועלכע זאָל די סטרייקס באַרעכטיגען. יעדע רעפאָרם, וועלכע די אַדמיניסטראַציעס פון די יוניאָנס האָבען געוואָלט אַריינברענגען אין די טריידס, האָט מען געקענט איינשטעלען דורך פרידליכע פאַרהאַנדלונגען מיט די בעלי־בתים. קיין איין שטרייט־פּונקט צווישען די יוניאָנס און די אַרבייטס־געבער איז ניט געווען פון אַזאַ פונדאַמענטאַלען כאַראַק־טער, וואָס זאָל באַרעכטיגען אפילו פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ סטרייק. און אויף וויפיל

די שטרייט־פונקטען האבען געהאט אין זיך געשעפטליכען ערנסט ביי דעם צד פון די ארבייטס־געבער און טיפען זארג פון א שווער־געדריקטער לאגע אין שאפ (פשוט: ניט קענען מאכען א לעבען) ביי דעם צד פון די ארבייטער, ווי די דזשאבער־פראגע אין קלאוק־טרייד און די מעהר־קלארע ארבייטסלאזיגקייט־פראגע אין פאר־טרייד — אזעלכע שטרייט־פונקטען קענען סטרייקס איבערהויפט ניט פאנאנדערנעמען און זיי לעזען. האבען דאך די ארבייטער אין די נאדעל־טריידס און זייערע פיהרער פארט געדארפט האבען עפעס געלערענט. אויב ניט פון דעם אלגעמיינעם טרייד יוניאן לעבען אין לאנד, איז אם ווייניגסטען פון זייערע אייגענע ערפאהרונגען. נאר די מעהר פאראנטווארטליכע טוער אין די יוניאנס האבען טאקע געהאט געלערענט, און זיינען געווען געגען די סטרייקס; דער גאנצער צושטאנד ארום די יוניאנס איז אבער געווען אזא ווילד־צוטראגענער, די מאסע יוניאן־מעמבערס איז געווען אזוי אויפגעהעצט און צושויבערט, און דוקא איבער זאכען ניט דירעקט פארבונדען מיט דער טרייד־לאגע, אז די שטימען פון די מעהר פאראנטווארטליכע טוער אין די יוניאנס זיינען ניט געהערט געווארען. אום ניט צו בלייבען אפגעזונדערט פון דער מאסע, זיינען די פאראנטווארטליכע טוער מיט איהר מיטגעגאנגען. דאס איז געווען גוטע סטראטעגיק פון ערנסטע מענשען. זיי וועלען זיין אם פלאץ, ווען דער ערשטער ניכטערער מאמענט וועט קומען, האבען זיי געקלערט. און אזא מאמענט איז געקומען, און זיי זיינען אויפ'ן פלאץ געווען. ביים שלום פון פאריער סטרייק און נאך מעה־רער און ווירקענדער ביים שלום פון קלאוקמאכער סטרייק, איז די מאסע מעהר אדער ווייניגער געווארען אויפגעקלערט ווי אזוי מ'האט איהר אריינגעצויגען אין א קאסט־בארען און אבסאלוט גארנישט ברענגענדען קאמף. און אויף אזוי פיל, איז דער יאהר 1926 אוועק, איבערלאזענדיג אביסעל א באלויכטענעם וועג.

זיך אפשטעלען לענגער ביי דיזע צוויי סטרייקס, און זיי זיינען געווען די וויכטיגסטע פאסירונגען אינ'ם אידישען יוניאן־לעבען, מיינט איבערקלייבען הונ־דערטער פאסירונגען, וואס קענען צוזאמענשטעלען א צעטעל פארברעכענס, פאליטישע, געזעלשאפטליכע און אויך קרימינעלע. מען קען געוויס ניט מאכען פאר דעם פאראנט־ווארטליך אזעלכע אדער אנדערע איינצעלנע פערזאנען. אמת איז אבער איין זאך—די קאמוניסטען האבען געשאפען אזא אטמאספערע, וואס האט געגעבען די אידישע יוניאנס דעם אנבליק פון די ערגסטע אונטערוועלט „גענגס“. איין גרויסער אויסגוס פון ווילדע טעראר־אקטען, ציניש ספעקטאקלען, און אלערליי בלאף־מעטאדען איז איבער'ן אידישען יוניאן־לעבען געווען. ביי אזעלכע באדינגונגען ווערט אונבאדייטעד דער פאקט, אז „לינקיזם“, אויף וויפיל דאס איז א טערמין פאר א נייער אידעאלאגיע פאר דער ארבייטער באוועגונג, האט דורכ'ן יאהר פאלשטענדיג באנקראטירט. דאס וואס מען האט די עלטערע ווארט־פיהרער אין דער ארבייטער באוועגונג געווארפען אין די פנימ'ער, אז זיי זיינען צו־וויט אוועק מיט „קלעס־קאלאבאריישאן“, געגען קלאסען־קאמף, און אז ווען נייע פיהרער וועלען צוגעלאזען ווערען, פיהרער „רעוואלוציאנערען“, פיהרער געפיהרטע פון „דריטען אינטערנא־ציאנאל“, וועט דער טראדיציאנעלער ראדיקאליזם אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג האבען זיין תיקון, און קלאסען־קאמף וועט שלאגען אין אלע שעפער — דאס איז וואס ווייטער געווארען אוים שלאג־ווארט. ווארים, גלייך ווי די „לינקע“ האבען אין א וועלכען־עס־איז טרייד אריינגעקראגען א יוניאן אין די הענט איז דארטען דער „קלעס־קאלאבאריישאן“ געווארען דער געבאט פון טאג, און אין מאנכע פעלע האט ער אפילו אנגענומען גאנץ־אפשייליכע פארמען. דאס איז געווען דער סוף פון יעדען פונקט, וואס האט פאנאנדערגעטיילט יוניאנס אויף גרופען „רעכטס“ און גרופען „לינקס“. נאר דאס אלץ ציהט ניט מעהר די אויפמערקזאמקייט פון דעם בעאבאכטער. פאר די אויגען שטעהט בולט דער פאקט, אז די אידישע טרייד יוניאן באוועגונג איז אין דעם יאהר 1926 געווען איין גרויסע הפקר־מאנעוורע.

אן „אינדייטמענט“ אין אלגעמיינע טערמינען — יא. אויף ארויסצוברענגען איינצעלהייטען דארף מען זיין א „מאק־רעיקער“.

און דערביי שטעלען די זעהר אומעטיגע פראגע: —

וואו איז אַהינגעקומען דער קולטורעלער כאַראַקטער פון דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג?

סטרייקס זיינען געווען אויך ביי די קאַפּען־מאַכער (אַן אַלגעמיינער טרייד־סטרייק) און ביי דער אַמאַלגאַמייטעד (איינצעלנע שאַפּ־סטרייקס פון גרויס באַדייטונג). דער סטרייק פון די קאַפּען־מאַכער איז געווען פאַר אַ בעסערער אָרדנונג אין די שעפּער, ווערענד די אַמאַלגאַמייטעד האָט ערשט געהאַט אַן אויפגאַבע צו באַוועגען די פירמעס, אַז זיי זאָלען אַנערקענען איהר אינטערעס אין זייערע שעפּער. דער אויסלאַז פון די סטרייקס איז געווען — אַ סעטעלמענט אין קאַפּען־טרייד, וועלכען די יוניאָן האָט ערקלערט פאַר צופרידענשטעלענד; איין גרויסע „אָפּען־שאַפּ"־פירמע (פרוהאָף בראָדערס) האָט אַנערקענט די אַמאַלגאַמייטעד.

פּראָבעס פאַר צוזאַמלונגען אָנגעפיהרט פון קאָמוניסטען, זיינען אויך געמאַכט געוואָרען אין דיזע צוויי יוניאָנס; זיי זיינען אָבער געווען אומגעלונגען. אַלס אַן ערקלערונג פאַר די קאַפּען־מאַכער קען מען אָנגעבען דעם פאַקט, וואָס אין דעם טרייד איז דאָ אַן אַלטער קערענדיגער יוניאָן־עלעמענט, וואָס לאָזט זיך ניט הינרייסען פון געפליגעלטע פראַזען, און די „נייע רעטער" קוקט מען אויף די פינגער; פאַר דער אַמאַלגאַמייטעד איז אַן ערקלערונג דער פאַקט — איהר גרויסע מיטגלידערשאַפט איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרען מיט אַ גאַנץ־אייגענאַרטיגען פּאַטריאָטיזם פאַר דער אָרגאַניזאַציע. די אַמאַלגאַמייטעד־קאָנווענשאָן אין פאַרלויף פון יאָהר האָט דיזען פּאַטריאָטיזם נאָך מעהר פאַרשטאַרקט.

אנדערע וויכטיגע פונקטען אין דעם גאַנג פון די אידישע יוניאָנס אין 1926 —

די אַמאַלגאַמייטעד האָט געשטעלט אַ פאַר טריט צו קענען ווערען אריינגענומען אין דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו אונטערזוכען די פיהרערשאַפט פון פאַריער־סטרייק.

די אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן האָט אָנגעהויבען איבערבויען איהרע קלאָוק און דרעס לאָקאַלס אין ניו יאָרק און דערמיט פאַרטרייבען אוואַנטוריסטען.

ביי אַ קאָנווענשאָן פון דעם אַלגעמיינעם בעקער־פאַרבאַנד, איז אויפגעקומען די פראַגע וועגען אַ פאַראייניגונג פון אַלע אידישע בעקער־יוניאָנס פון ניו יאָרק אין איין יוניאָן — צוליב ענדערונגען אין טרייד און נייע אומשטענדען אין די געבעק־מאַרקעטס.

די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט דורכגעפיהרט אַ רייהע קאָנטראַקטען צווישען קלענערע יוניאָנס און אַרבייטס־געבער; האָט אָנגעפיהרט אַ געלט־זאַמלונג פאַר די אַרבייטער־אינסטיטוציעס אין פּאַלעסטינע; אויף איהר איניציאַטיווע איז פאַר'ן אָפּשלוס פון יאָהר געהאַלטען געוואָרען אַ גרויסע קאָנפערענץ צו פאַרטרייבען דעם „קאָמוניזם" פון די יוניאָנס. אין דער קאָנפערענץ האָבען זיך באַטייליגט הונדערט און פופציג לאָקאַלע יוניאָנס פון ניו יאָרק, די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון שיקאַגאָ און פילאַדעלפיע און די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אַלע פעדערײשאָן־יוניאָנס פון ניו יאָרק.

דער הויפּט־פּראָבלעם, אין וועלכען יעדע אידישע יוניאָן האָט זיך אָנגעשטויסען, איז געווען דער געענדערטער אידיש־אַמעריקאַנישער לעבען, וואָס האָט זיך שטאַרק געמערקט אין אַלע קוואַרטאַלען פון גרויסע אידישע צענטערען און אויף אַלע לעבענס־געביטען.

דאָס יאָהר 1926 אין אַרבייטער רינג

פון י. באַסקין

דאָס יאהר 1926 איז געווען אַ שטורמישער אין אַרבייטער רינג. אויף דעם האָריזאָנט פון אַרבייטער רינג זיינען געהאַנגען שוואַרצע, דיקע כמאַרעס. די גאַנצע לופט איז געווען אָנגעפילט מיט שנאה און האַס, מיט פאַרביטערונג און צאָרן. דער קאַמף, וועלכען די „לינקע" האָבען אָנגעפאַנגען אין אַרבייטער רינג, האָט דערגרייכט זיין העכסטען קלימאַקס אין דער עפענטליכער דעמאָנסטראַציע, וואָס זיי האָבען אַראַנזשירט געגען דער פאַרוואַלטונג פון אַרבייטער רינג, אין סאַמע אָנפאַנג יאָהר, אין דער צייט ווען די נאַציאָנאַלע באָארד אָוו דירעקטאָרען האָט געדאַרפט שליסען איהרע זיצונגען.

אַן עפענטליכע אַרויסטרעטונג פון אייגענע מיטגלידער אין די רייען פון אַ פראַטוירנאַל אָרגאַניזאַציע, איז אַ זאַך, וואָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען אין דער געשיכטע פון פראַטוירנאַל אָרגאַניזאַציעס אין דער גאַנצער וועלט. אזא טייפעלשער פּלאַן האָט געקאָנט איינפאַלען אין קאָפּ נאָר אזעלכע מענשען, וועלכע קימערען זיך גאַנץ ווייניג וועגען די אינטערעסען פון זייער אָרגאַניזאַציע, נאָר זיינען באַאיינפלוסט און געטריבען פון אַנדערע מאָטיווען. אין דער צייט ווען דיזע דעמאָנסטראַציע איז באַשלאָסען געוואָרען, איז אויך באַשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, פון די זאָגענאַנטע פּראָגרעסיווע ברענטשעס. מען האָט ערוועהלט אַ גאַנצע עקזעקוטיווע, אויסגעאַרבייט פּראָגראַמען, מיט איין וואָרט, עס איז געשאַפען געוואָרען אַ שפּאָגעל נייע זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציע אין דעם אַרבייטער רינג, וועלכע האָט געדאַרפט פאַרטרעטען די „לינקע" ברענטשעס אין אַלע זייערע אַרויסטרעטונגען און געבען זיי דירעקטיווען ווי אזוי אָנצופיהרען זייער אַרבייט אין אַלגעמיין.

די דעמאָנסטראַציע געגען דעם אַרבייטער רינג אויף ראַטגערס סקווער, און די גרינדונג פון דעם לינקען „פאַרבאַנד" האָבען געצוואונגען די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע צו פאַרטראַכטען זיך וועגען דעם ווייטערדיגען שיקזאַל פון אַרבייטער רינג, וועגען דער מעגליכקייט פון אויפהאַלטען די דיסציפּלין אין דער אָרגאַניזאַציע און וועגען דער מאָס פון פאַראַנטוואָרטליכקייט, וועלכע די מיטגלידער פון אונזער אָרדען דאַרפען טראָגען פאַר די גאַנצקייט פון דעם אַרבייטער רינג. דער מאָמענט איז געווען אַן ערנסטער. ראַדיקאַלע שריט האָבען געמוזט גענומען ווערען, און די פאַרוואַלטונג האָט איינגעזעהן, אַז אויב די ראַדיקאַלע מיטלען וועלען ניט גענומען ווערען אין צייט, וועט דער אַרבייטער רינג אַלס אַן איינהייטליכע אָרגאַניזאַציע ווייטער ניט קענען עקזיסטירען.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט אַרויסגעלאָזען אַ וואָרנונג צו אַלע ברענטשעס, וועלכע זיינען געווען אָנגעשלאָסען אָן דעם לינקען „פאַרבאַנד" און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז אויב זיי וועלען זיך ניט צוריקציהען פון דעם „פאַרבאַנד", וועלען זיי אויפגעלייזט ווערען. דער טאָן פון דער וואָרנונג איז געווען אַ שטרענגער און אַ פעסטער. די ברענטשעס, וועלכע זיינען אָבער געווען פאַרפיהרט און פאַרגיפטעט פון די אַלע פריהערדיגע העצעס און אַטאַקעס אויף דער פאַרוואַלטונג, האָבען אָנפאַנגס ניט גענומען ערנסט די ווערטער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, האָבען זיך איינפאַך אויסגעלאַכט פון דיזער וואָרנונג, און די עקזעקוטיוו קאָמיטע איז געווען געצוואונגען אויפצולייזען עטליכע און זעכציג ברענטשעס. עס איז געווען אַ געוואַגטער שריט, אַן אונערהערטער אין דער געשיכטע פון אַרבייטער רינג. ער האָט אָבער געראַטעוועט די גאַנצקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. דורך דיזער אָפּעראַציע איז בלויז פאַרלאָרען געגאַנגען, אָבער דאָס ווילד פלייש איז אויסגעשניטען געוואָרען און דער קערפּער איז געראַטעוועט געוואָרען. די פאַרפיהרטע ברענטשעס האָ־

בען איינגעזעהן, אַז די פאַרוואַלטונג שפּילט זיך דאָ ניט אין ווערטער, אַז זי מיינט ערנסט; די „לינקע" פיהרער פון דעם ארבייטער רינג האָבען געקראָגען ארדערס, אַז מען זאָל זיך צוריקציהען פון „פאַרבאַנד", און דער „פאַרבאַנד" איז פאַרניכטעט געווארען. די גרעסטע צאָהל ברענטשעס זיינען היינט צו טאָג ריאינסטיטיוטעט געווארען.

די גרעסטע צאָהל ברענטשעס, וועלכע זיינען געווען פאַרפיהרט און אויפגערייצט, האָבען אליין דערנאָך איינגעזעהן דעם גרויסען פעהלער, וואס זיי זיינען באַגאַנגען, און האָבען ערקלעהרט, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועלען זיי זיך מעהר ניט מישען אין פראַגען, וועלכע האָבען ניט צו טאָן דירעקט מיט'ן ארבייטער רינג און זיי האַלטען וואָרט. עס איז אָבער פאַראַן אַן אומבאַדייטענדע צאָהל מיטגלידער אין דעם ארבייטער רינג, וועלכע פיהלט ניט די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון אַן אָרגאַניזאַציע און די פליכטען, וואס מיטגלידער דאַרפען האָבען אויף זיך און אויב די פאַרוואַלטונג טוט ניט דאָס וואָס זיי ווילען, זיינען זיי גרייט צו פאַרראַטען די אָרגאַניזאַציע און אַוועקגעהן אַנדערשוואו. אויף אַזאַ עלעמענט האָבען מיר זיך לײדער אָנגעטראָפען אין קענעדע. דיזער עלעמענט איז ניט געווען צופרידען מיט דעם פּלאַן פון ריאָר־גאַניזאַציע, וואָס די עקזעקוטיוו האָט פאָרגעשלאָגען און זיי האָבען באַשלאָסען צו גרינדען אַן אייגענעם קענעדער ארבייטער רינג, וואו זיי זאָלען קענען באַלעבאַטעווען ווי זייער האַרץ געלוסט. גליקליכערווייזע האָבען זיי געקראָגען אַ גאַנץ קליינע צאָהל אָנהענגער און זייערע אַלע באַמיהונגען וועלען קיין גרויסען ערפאָלג ניט האָבען.

דער שטורעם, וועלכער האָט זיך דורכגעטראָגען אין דעם ארבייטער רינג האָט אָפּגערייניגט די אַטמאָספערע. די אונגעהויערע מאַיאָריטעט פון די ארבייטער רינג מיטגלידער האָט זיך קאָנצענטרירט ארום דער פאַרוואַלטונג און האָט איהר געגעבען די נויטיגע שטיצע אין דיזען ביטערען, ארויפגעצוואונגענעם קאַמף.

דער ליכטיגסטער מאָמענט פון דעם קאַמף, איז וואָס די גרויסע מאַיאָריטעט פאַרנאַרטע, האָבען דערזעהן דעם אמת, האָבען זיך איבערצייגט, אַז מען האָט זיי פאַרפיהרט. זיי האָבען באַשלאָסען זיך צו נעמען צו קאָנסטרוקטיווע ארבייט. און ארבייט איז דאָ אַ סך. פאַראַן נאָך פיל פּלאַץ אין ארבייטער רינג פאַר אויסבעסערונג, פאַר בויען, פאַר אויסשפּרייטען די פעלד פון אַקטיוויטעט. איינע פון די פרעהליכסטע ערשיינונגען פון לעצטען יאָהר איז די ארבייט אויף דעם געביט פון צוציהען דאָס יונגוואַרג. דאָס איז אַ גרויסע ארבייט, און פּיליכט אַ לאַנג־דויערענדע. דער אָנפאַנג אָבער איז געמאַכט געוואָרען, און די באַוועגונג הויבט זיך אָן צו פאַרשפּרייטען פון איין שטאָט צו אַ צווייטער, פון איין טעריטאָריע צו אַן אַנדערער. איבערהויפּט איז דיזע אַרבייט אונגעהויער וויכטיג, ווייל עס זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען די אַנדערע קוואַלען פון וועלכע דער אַרבייטער רינג האָט ביז איצט געשעפּט נייע רעקרוטען. די אימיגראַציע איז אָפּגעשטעלט אינגאַנצען און דער אַלטער תושב אין אמעריקא וועט היינט צום אַרבייטער רינג ניט געהן.

דער ארבייטער רינג האָט געגרינדעט דיזען יאָהר איינינע ענגליש־שפּרעכענדע ברענטשעס, וועלכע וועלען זיך מיט דער צייט ענטוויקלען אין שטאַרקע פעסטונגען פאַר אונזערע אידעען און אידעאַלען.

די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציאָנס טעטיגקייט איז אָנגעפיהרט געוואָרען אויף דעם זעלבען מאַסשטאַב. עס זיינען גערופען געוואָרען מיטינגען פון איינצעלנע ברענטשעס און פון גרופּען פון ברענטשעס פאַר דעם צוועק פון מעמבערשיפּ־קאַמפּיין. עס זיינען באַזוכט געוואָרען כמעט אַלע טיילען פון לאַנד, מיט דער אויסנאַהמע פון די גאָר ווייטסטע געגנדען. מיר מוזען אָבער באַשטעטיגען דעם טרויעריגען פאַקט, אַז די צאָהל געשטראָכענע פון לעצטען יאָהר איז געווען פיל גרעסער ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען. און די צאָהל פון די נייע אריינגעקומענע מיטגלידער איז ניט געווען גענוג גרויס אויסצופילען דעם פאַרלוסט פון די געשטראָכענע. אַרום און אַרום, וועט וואַרשיינליך דעם יאָהר זיין אַ פאַרלוסט פון ארום 15 הונדערט מיטגלידער.

די לאַנגע סטרייקס פון די פאָריערס, פון די קלאָוק־מאַכער און פון די אַנדערע

טריידס האבען זיך זעהר שלעכט אפגערופען אויף דעם צושטאנד פון ארבייטער רינג.

די ברענטשעס האבען געטאן דאס בעסטע, וואס מען האט געקאנט טאן אונטער די אומשטענדען פאר זייערע סטרייקענדע מעמבערס, אבער א לעכערדיגען זאק קען מען ניט אנפילען.

עס מוז דא באטאנט ווערען דער פאקט, אז איינזיגע ברענטשעס האבען געשטיצט זייערע סטרייקענדע קלאוק מאכער מיט הונדערטער און הונדערטער דאלארס. אין דער סומע געהט ניט אריין דער ספעציעלער טעקס פון 50 סענט פער מעמבער פאר די קלאוקמאכער, וואס די ניו יארקער קאנפערענץ פון די ארבייטער רינג ברענטשעס האט באשלאסען צו רעקאמענדירען צו די ברענטשעס פון גאנצען לאנד. דיזע קאנ-פערענץ איז געווען גערופען פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיוו קאמיטע און דער טעקס וועט קאלעקטעט ווערען אין יאהר 1927. אויף דעם רעכענונג פון דעם טעקס האט די נאציאנאלע עקזעקוטיוו קאמיטע אויסגעליהען 25 טויזענד דאלאר און דאס איבערגעשיקט צו דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן.

ריידענדיג וועגען ארגאניזאציאנס-טעטיגקייט ווילען מיר דערמאנען דעם נייעם עקספערימענט וועלכען די נאציאנאלע ארגאניזאציאנס- און עדיוקיישאנאל-קאמיטעס האב;ען געמאכט לעצטען יאהר. מיר מיינען דא די קאנצערט טורס, וועלכע ביידע קאמיטעס האבען דורכגעפיהרט לעצטען יאהר און ווילען אויך דורכגעפיהרט ווערען דעם נייעם יאהר. די קאנצערט-טורס ברענגען אריין א פרישען לעבען, אז אויפמונטערונג אין די שטעדט, וואו די קאנצערטען ווערען אפגעהאלטען. זיי ציהען צו א גרויסען זייטיגען עולם, וועלכער האט א מעגליכקייט צו באקענען זיך מיט דעם ארבייטער רינג, ווייל צוזאמען מיט די קאנצערטיסטען פאהרט אויך מיט א ספע-ציעלער פארטרעטער פון דער עקזעקוטיווע, וועלכער רעדט וועגען דעם ארבייטער רינג.

די עדיוקיישאנאל טעטיגקייט האט זיך אויסגעדריקט לעצטען יאהר הויפטזעכליך אין אויפהאלטען פארומס אין ניו יארק און אין דער קאונטרי. די פארומס ווערען אן אמת׳ע פלאטפארמע פאר אויסטוישונג פון מיינונגען וועגען פאסירונגען אין אר-בייטער רינג און וועגען אנדערע געזעלשאפטליכע פראגען.

די עדיוקיישאנאל קאמיטע האט גענוג געהאט אויף איהרע הענט לעצטען יאהר מיט דעם קאמף אין די שולען פון ניו יארק. דאס האט אוועקגענומען א גאנץ באדייטענדען טייל פון איהר צייט, ענערגיע און געלט.

מיט א יאהר צוריק האבען די לינקע אין ניו יארק אפגעריסען ארום צוואנציג שולען פון ארבייטער רינג, ווייל זיי האבען צו יענער צייט געהאט די פעדים פון אלע שול פארוואלטונגען ביי זיך אין די הענט. זיי האבען זיך ניט בלויז באנוגענט מיט אפרייסען די שולען ,נאר זיי האבען אויך פארכאפט דעם קעמפ „קינדערלאנד" און צוגענומען דאס ארבייטער רינג הויז אין הארלעם. דעמאלט האבען פילע געדענקט, אז די גאנצע ארבייטער רינג שול באוועגונג שטעהט פאר א קריזיס, אז אונזערע שולען זיינען אין א געפאהר פון אונטערגאנג. די לינקע, וועלכע האבען זיך שטענ-דיג אזוי פיל בארימט מיט זייער טריהייט צו דער שול באוועגונג, האבען אנגעווענ-דעט אלע מיטלען צו מאכען אונזערע שולען צו אש און בלאטע אין דער עפענטליכ-קייט. פארשטעהט זיך, אז ניו יארק, דער צענטער פון אונזער אידישען געזעלשאפט-ליכען לעבען, ווערט שטענדיג באטראכט אלס א מוסטער פון דער אדער יענער בא-וועגונג. ווען די לינקע האבען געשאפען דעם ברוך אין די ארבייטער רינג שולען, און האבען דערצו נאך, אויף זייער שטייגער, אטאקירט אויפ׳ן העסליכסטען אופן די נאציאנאלע פארוואלטונג און אלע לעהרער און טוער, וועלכע זיינען געבליבען לאָ-יאל צו אונזערע שולען, האט זיך מאמענטענווייז טאקע אויסגעוויזען, אז די פאזיציעס פון אונזערע שולען ווערען אלץ מעהר אפגעשוואכט.

וואס האט אבער פאסירט אין משך פון דעם לעצטען יאהר? וואס איז געטאן געווארען, אז די ארבייטער רינג שול באוועגונג זאל בלייבען גאנץ און אומבאשע-דיגט? אין אונזער שול באוועגונג איז פארגעקומען דאס זעלבע, וואס מיט דער אטאקע פון די דייטשען אויף דער שטאדט פאריז. די לינקע האבען געמאכט דעם

אָנפאַל אויפ׳ן צענטער פון דער באוועגונג, האָבען געפיהרט צו א שפּאַלטונג אין די שולען פון ניו יארק. אונזער „גענעראל שטאַב" האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקען פאר די אטאַקעס און פאר די קוילען, וואס זיינען געוואָרפען געוואָרען פון דעם ישונא׳ס לאַגער. אונזערע לערער, אונזערע טוער, אונזער נאַציאָנאַלע פאַרוואַלטונג האָבען געהאַט אין זינען בלויז איין זאַך — די גאַנצקייט פון די ארבייטער רינג שולען. דאָס איז געווען דער פּונקט, וואס זיי האָבען זיך גענומען צו באשיצען. ניט דעם שונא האָבען מיר געוואָלט פאַרניכטען, נאָר די אַרבייטער רינג שולען האָבען מיר געוואָלט אָפּהיטען, די ארבייטער רינג שולען האָבען מיר געזוכט צו האַלטען אויף דעם באָדען, אויף וועלכען זיי זיינען לכתחילה אוועקגעשטעלט געוואָרען. האָבענדיג פאַר זיך די דאָזיגע אבזיכטען, איז אונז אין א קורצער צייט ווירקליך געלונגען צו באַשיצען די פעסטונג פון די ארבייטער רינג שולען.

די לינקע האָבען מיט א יאהר צוריק פארכאַפּט און צוגענומען אלץ, וואס זיי האָבען נאָר געקענט, פון די שולען. ביי אונז איז בלויז געבליבען די פעסטע איבערצייגונג, אז ארבייטער רינג אינסטיטוציעס דארפען שטעהן אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון ארבייטער רינג, אז זייטיגע מענשען טאָרען ניט האָבען קיין דעה אויף די שולען, וועלכע טראָגען אונזער נאָמען און פאר וועלכע מיר זיינען מאָראַליש פאַראנטוואָרטליך. ביי אונז איז געבליבען דער גלויבען, אז א באוועגונג קען ניט און טאָר זיך ניט שטיצען אויף איינצעלנע מענשען. מיר האָבען געוואוסט און געפיהלט, אז די גערעכטיגקייט איז אויף אונזער זייט. די ארבייטער רינג מיטגלידער אין ניו יארק, אזוי גוט ווי איבער׳ן לאנד, האָבען אונז פאַרשטאַנען אין דער הינזיכט, ווי אין אַלע אַנדערע פעלע, וואו אונז איז אויסגעקומען צו פיהרען א קאמף פאר דער עקזיסטענץ פון די שולען און פאר דער עלעמענטארער דיסציפּלין פון דער אָרגאַניזאציע.

רוהיג, סיסטעמאַטיש, פּלאַנמעסיג האָבען מיר ווייטער פארטגעזעצט די שול טעטיגקייט. עס האָבען זיך ארום דער שול באוועגונג אין פארלויף פון א קורצער צייט גרופּירט די בעסטע כחות, וואס האָבען פארשטאַנען די וויכטיגקייט פון אָפּהיטען און באשיצען אָט די דאָזיגע פעסטונג. דוכט זיך, בלויז איין יאָהר איז פאָריבער זינט די שפּאַלטונג אין דער שול באוועגונג איז פאָרגעקומען. ווען מען גיט אָבער א קוק אויף דער פארגאנגענהייט הינטער דעם דאָזיגען יאהר ארבייט, זעהט אויס, אזוי ווי אלע אטאקעס און דאָס גאנצע „רעוואָלוציאנערע קאַנאָנען־פייער" זיינען ווי אין רויך פארשוואונדען, אזוי ווי די צייט אליין וואָלט זייערע פּוסטע פראזען געפיהרט צו פארגעסענהייט. בלויז איין יאהר פון קאמף, און דאָך זעהט עס אויס, אזוי ווי דאָס איז שוין א ביסעל פארגעסענע געשיכטע.

יא, מיר זאָגען, אז דער קאמף פון לעצטען יאהר זעהט אויס, ווי פארגעסענע געשיכטע, ווייל די טרייהייט, די איבערגעבענהייט פון אלע אונזערע לערער און טוער האָט כסדר געווירקט, אז די צושטערונגס־אַרבייט פון די שונאים זאָל אין אונזער שול באוועגונג קיין באָדען ניט געפינען. שריט ביי שריט, ניט אפּשטעלענדיג זיך פאר קיין שוועריגקייט, זיינען מיר אין פאַרלויף פון לעצטען יאהר געגאנגען פאָרווערטס און פאָרווערטס אויפ׳ן געביט פון אונזער שול־טעטיגקייט. ווען די שורות ווערען געשריבען, האָבען מיר אין ניו יארק און אומגעגענד איין און צוואנציג שולען. חוץ דעם, האָבען מיר אין ניו יארק א מיטעל־שול, וועלכע איז אין משך פון לעצטען יאהר אויפגעבויט געוואָרען. איצט האַלטען זיך אין גרינדען נאָך 4 נייע שולען אין פארשידענע געגענדען פון ניו יארק.

דאָס איז געווען א ריזיגע ארבייט פון א קאָנסטרוקטיווען כאראקטער, אַן ארבייט וואָס קען אָפּגעשאַצט ווערען בלויז פון די, וואָס ווייסען, מיט וויפיל מיה עס איז פאַרבונדען די גרינדונג און אויפהאַלטונג פון יעדער איינצעלנער שול.

נאָכדעם, ווי עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין דער שול באוועגונג פון ניו יאָרק, און יענע האָבן אויך פאַרכאַפּט דעם קעמפּ „קינדערלאַנד", האָבן מיר געפיהלט, אז די ארבייטער רינג שולען קענען ניט בלייבען אָהן א קעמפּ. די צייט איז געווען זעהר קורץ צו בויען, אפילו צו קויפען אן אייגענעם קעמפּ. די שולען פון ניו יארק,

מיט דער הילף פון דער נאציאנאלער עדיוקיישאנאל קאמיטע און דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע, האבען לעצטען זומער גערונגען א קעמפ, וואו עס האבען זיך אין פארלויף פון זומער געפונען ארום פיר הונדערט קינדער. איבער פיר טויזענד מיטגלידער פון ארבייטער רינג האבען אין פארלויף פון זומער באזוכט דעם ארבייטער רינג קעמפ, וועלכער איז געווען זעהר און זעהר פאפולער.

דער קאמף ארום די שולען אין ניו יארק האט געפיהרט דערצו, אז די ארבייטער רינג שולען אין ניו יארק, אזוי גוט ווי אין אנדערע שטעדט, זאלען ווערען ענגער און נעהענטער פארבונדען מיט דער ארגאניזאציע. אויב די שולען זיינען מיט א יאהר צוריק געווען באזונדערע טיילען פון אונזער בילדונגס ארבייט, זיינען זיי א דאנק דעם קאמף געווארען פעסט צוזאמענגעוועבט אין דער ברייטער ארבייט פון אונזער קולטור טעטיגקייט.

די עלעמענטען, וועלכע האבען אפגעריסען די ארבייטער רינג שולען אין ניו יארק, האבען אויך געזוכט ארייצוברענגען א שפאלטונג אין דער שול באוועגונג איבער'ן לאנד. אויף איינעגע פלעצער האבען זיי פרובירט גרינדען זייערע זאגענאנטע „אומפארטייאישע שולען". זיי האבען אבער אין יענע פלעצער געהאט א דורכפאל. ווען די פעסטונג פון די ארבייטער רינג שולען אין ניו יארק איז באשיצט געווארען, איז דאס געווען א סיגנאל פאר די ארבייטער רינג שול טוער איבער'ן לאנד נאכצופאלגען דיזען ביישפיל און האלטען הויך די פאהן פון ארבייטער-רינג איבער אלע ארבייטער רינג שולען, וועלכע זיינען מיט אזוי פיל מיה און אויפאפערונג אויפגעבויט געווארען.

עס איז באמת ערפרעהענד צו דערמאנען, אז אין משך פון לעצטען יאהר זיינען ניט בלויז רעארגאניזירט און באפעסטיגט געווארען די שולען אין ניו יארק, אז ניט בלויז זיינען די שולען איבער'ן לאנד מעהר איינגעפונדעוועט געווארען נאר דא און דארט האבען זיך אויך געעפענט נייע שולען. אזוי, צום ביישפיל, זיינען נייע שולען אין פארלויף פון לעצטען יאהר געגרינדעט געווארען אין אסבורי פארק, דאללאס, מייקאן, מאלדען, מאריסטאון, נוארק, פיטסבורג, וואשינגטאן, סאנטא אננא און פילאדעלפיע. דער ארבייטער-רינג האט איצט ארום הונדערט שולען איבער'ן לאנד.

די לעהרער-קורסען האבען פון דעם קאמף ארום די ניו יארקער שולען אויך ניט געליטען. פארקערט, זיי האבען היינטיגען יאהר א גרעסערע צאהל סטודענטען. ווי אין די פריהערדיגע יאהרען. דער ארבייטער רינג לעהרער-סעמינאר איז געווארען ניט בלויז א בילדונגס-אנשטאלט צוצוגרייטען לעהרער פאר די שולען, נאר אויך א פלאץ, וואו יונגע מענער און פרויען קומען אויסברייטען זייער אלגעמיינע בילדונג. זאל דא אויך פארצייכענט ווערען, אז אלע סטודענטען, וועלכע האבען לעצטען יאהר געענדיגט די מיטעל-שוסל, האבען זיך היינטיגען יאהר פארשריבען אויף די א. ר. לעהרער-קורסען. אט דאס איז אויך א סימבאל פון דעם ענגען צוזאמענבונד, וואס עקזיסטירט איצט צווישען אלע אונזערע קולטורעלע אינסטוטוציעס.

צום סוף ווילען מיר זאגען א פאר ווערטער וועגען דער זעהר דערפרעהענדער ערשיינונג, וואס עס האט זיך געגומען באמערקען צווישען די מיטגלידער פון ארב. רינג. מיר מיינען די באוועגונג וועלכע ווערט אנגעפיהרט איצט אין ניו יארק פאר א גרויסען ארבייטער רינג קעמפ. א קעמפ פאר קינדער, וועלכער זאל אויך האבען פלאץ פאר גרויסע, פאר די עלטערען, און פאר די אנדערע מיטגלידער פון ארבייטער רינג, וועלכע זאלען האבען א מעגליכקייט צוזאמענצוקומען זיך אויף וועקיישאן און פארברענגען א געוויסע צייט אין אן אייגענער היימישער אטמאספערע. דער קאמפיין איז יעצט אין פולען גאנג. איינעגע ברענטשעס האבען זיך מערקווירדיג אויסגעצייכענט אין דיזען קאמפיין און די אנדערע ווערען זיי נאכפאלגען.

דער ניו יארקער מעדיקאל דעפארטמענט פיהרט אן א גאנץ ברייטען קאמפיין אוועקצושטעלען דיזען דעפארטמענט אויף א זיכערען באדען. דער דעפארטמענט פארנעמט זיך איצט מיט גאנץ גרויסע פלענער און האט זאגאר די אמביציע אנצופאנגען א קאמפיין פאר בויען אן אייגענעם האספיטאל פאר די ניו יארקער מיטגלידער.

עס איז אויך אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ניו יאָרק אַ קאָנפערענץ וועגען שאַפען אַ ספּעציעלען דעפּאַרטמענט פאַר „סאָשעל סוירוויס“. עס איז ניט וויכטיג צו די אַלע פּלענער וועלען רעאַליזירט ווערען אָדער ניט, מעגליך, אַז דער פאַרנעם איז אַ צו גרויסער, אָבער איין זאַך איז יאָ וויכטיג און ערפרעהענעד און דאָס איז דער פאַקט, וואָס מען האָט גענומען טראַכטען, קלעהרען, דענקען וועגען די אָדער אַנדערע אויסבעסערונגען. וועגען דער אָדער יענער נייער אינסטיטוציע אין אַרבייטער רינג און אַז מען טראַכט און מען דענקט וועט מען זיך דערטראַכטען צו עפּעס.

פון די וויכטיגסטע קאָנסטרוקטיווע אַרבייט איז צו פאַרצייכענען די אַרבייט פון דער סאַניטאַריום קאָמיטע. די פּלענער פאַר די נייע געבײדעס, וועלכע זיינען נאָך אָנגעפאַנגען געוואָרען לעצטען יאָהר, זיינען פאַרענדיגט געוואָרען און זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרען פאַר עסטימטייטס צו גרויסע קאָנטראַקטאָרס. ווען מיר שרייבען דיזע צײלען זיינען נאָך די עסטימייטס ניט פאַרעפּענטליכט געוואָרען, אַבער איין זאַך איז זיכער, אַז די צוגרייטונגס אַרבייט איז פאַרענדיגט. מען ערוואַרטעט, אַז אין אַפּריל זאָל מען זיך שטעלען בויען.

עס זיינען געמאַכט געוואָרען אויך פאַרשידענע אויסבעסערונגען אין די עקזיס־טירענדע לינ־טוס, כדי די פּאַציענטען זאָלען זיך פיהלען באַקוועם. דער גאַנצער סאַניטאַריום זעהט היינטיגען טאָג אויס פּראַכטפאָל. די אויסגאַבען פאַר דער אויפ־האַלטונג פון סאַניטאַריום, אַריינרעכענענדיג די אויסגאַבען פאַר פאַרשעהנערען און אויסבעסערען די גראָונדס פון סאַניטאַריום, האָבען דערגרייכט אומגעפעהר 125 טויזענט דאָלאַר.

מיר קענען ניט געבען קיין גענויעם באַריכט וועגען דעם פינאַנציעלען צושטאַנד פון אַרבייטער רינג היינט צוטאָג, ווייל די רעכענונגען פון לעצטען יאָהר זיינען נאָך ניט אָפּגעשלאָסען. מיר קאָנען אָבער זאָגען, אַז דער אַרבייטער רינג שטעהט היינט צוטאָג מיט אַ פאַרמעגען פון אַריבער 4 מיליאָן דאָלאַר. אין קראַנקען־בענעפיט האָט דער אַרבייטער רינג אויסגעצאָהלט פאַר׳ן יאָהר 335 טויזענט דאָלאַר. אין קאָנסאָמפּ־שאָן־בענעפיט — אַרום 20 טויזענט דאָלאַר און אין טויטען־בענעפיט אַרום 120 טויזענט דאָלאַר. סך הכל, הייסט עס, אַז דער אַרבייטער רינג האָט אויסגעצאָהלט אין בענעפיטס אין פאַרלויף פון יאָהר, אַרום אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם מאָראַלען איינפלוס פון אַרבייטער רינג אויף דער אידישער גאַס, איז ער איצט פונקט אַזוי גרויס, אויב ניט גרעסער, ווי אין די פאָריגע יאָהרען. אין אַלע וויכטיגע אינסטיטוציעס פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט שפּילט דער אַרבייטער רינג אַ באַדייטענדע ראָלע. מען הערט זיך צו צו די מיינונגען פון זיינע פאַרטרעטער און מען רעכענט זיך מיט זיי גאַנץ שטאַרק אין אַלע קרייזען.

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אין יאָהר 1926

פון נ. כאַנין

דער יאָהר 1926 האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט קיין גרעסערער ריין־סאָציאַליסטישער אַקטיוויטעט פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד. דער פאַרביטערטער קאַמף, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם לעצטען יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג, האָט אַוועקגענומען די גאַנצע ענערגיע פון יעדען איינציגען מיטגליד פון פאַרבאַנד, ווי אויך פון דעם נאַציאָנאַלען אָפיס פון דעם פאַרבאַנד. איז דער קאַמף געווען ביי די פאָריער, אָדער ביי די קלאָוקמאַכער, אָדער אין אַנדערע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, איז געווען דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אויסערגעוועהנליך שטאַרק פאַרנומען מיט דיזען קאַמף. די מיטגלידער פון די בראַנטשעס פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד, ווי אויך די מיטגלידער פון די טרייד־ און דיסטריקט־בראַנטשעס זיינען אַלעמאַל געווען פאַרבונדען מיט אונזער אָפיס, און דער אָפיס האָט זיי שטענדיג געהאָלפען צו פיהרען דעם קאַמף אין זייערע אָרגאַניזאַציעס. עס איז אוממעגליך אין איינצעלהייטען איבערצוגעבען די ריזיגע אַרבייט פון דעם פאַרבאַנד אין דעם אינערליכען טרייד־יוניאָן־קאַמף אין ניו יאָרק פאַר דעם יאָהר 1926. דאָך, ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, האָט אויך דעם יאָהר דער פאַרבאַנד ניט פאַרנאַכלעסיגט צו טאָן די ריין־סאָציאַליסטישע אַרבייט צווישען די אידישע מאַסען.

די צירקולאַציע פונ׳ם „וועקער" האָט זיך דעם יאָהר באַדייטענד פאַרגרעסערט, דאָך האָט דער „וועקער" דורכגעמאַכט אַן אויסערגעוועהנליך־שווערען קריזיס, צוליב די גרויסע דעפיציטען, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען פון די פריהערדיגע יאָהרען. אין די פיהרענדע קרייזען פון דעם אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד האָט מען זעהר שטאַרק דיסקוטירט די פראַגע וועגען דעם, צי זאָל דער „וועקער" ווייטער אַרויסגעהן. אַלע זיינען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער „וועקער" האָט זיין פּלאַץ אין דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג, זיינע פאַרדינסטען פאַר דער באַוועגונג. אָבער דאָך איז דער דעפיציט פון „וועקער" נאָך אַלץ אַזוי גרויס, אַז מיר קאָנען זיך ניט פאַרגינען איהם ווייטער אַרויסצוגעבען. אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע איז גערופען געוואָרען אַ ספּעציעלע לאַנדס־באַראַטונג, וועלכע איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען דעם 15טען אָקטאָבער. די לאַנדס־באַראַטונג האָט באַשלאָסען קיין ענדערונגען זאָלען ניט געמאַכט ווערען ביז 1927, און פאַר דער צייט זאָל מען אָנשטרענגען אַלע כחות דעם דיפיציט פון „וועקער" און פון פאַרבאַנד צו פאַרקלענערען, כדי דער „וועקער" זאָל ווייטער קענען אַרויסגעהן.

דער „וועקער" האָט געפייערט זיין פינף־יעהריגען יובילעאום, און עס זיינען לכבוד דעם פינף־יאָהריגען יובילעאום אַרויסגעגעבען געוואָרען פיער פאַרגרעסערטע יובילעאום־נומערען „וועקער", וועלכע האָבען אַריינגענומען ניו יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, באָסטאָן, דעטראָיט און לאָס אַנדזשעלעס. די אַלע נומערען האָבען געהאַט אַ סך לעזע־שטאָף, ווי אויך ספּעציעלע אַדווערטייזמענטס פון די אויבענדערמאָנטע שטעדט.

מיר האָבען דעם יאָהר, אַזוי ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָהרען, דורכגעפיהרט אַ גאַנצע רייהע אָפּען־פאָרומס אין ניו יאָרק, ניו דזשוירזי און אין אַנדערע שטעדט. די אָפּען־פאָרומס זיינען דעם יאָהר געווען באַזוכט פון אַ פיל גרעסערער צאָל מענשען, ווי פאָריגען יאָהר. די מעהרסטע פראַגען, וועלכע זיינען ביי די אָפּען־פאָרומס באַטראַכט געוואָרען, זיינען געווען פראַגען, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו דעם אינערליכען קאַמף אין דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג.

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט אויך דעם יאָהר אַראַנזשירט אַ רייהע טורס פון פאַרשידענע לעקטאָרס איבער די וויכטיגסטע שטעדט און שטעדט־לאַך פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קאַנעדע. אין יעדער שטאָדט זיינען אָפּגע־האַלטען געוואָרען פאַרזאַמלונגען, אין מאַנכע שטעדט צוויי און דריי פאַרזאַמלונגען.

דעם יאָהר האָט דער פאַרלאַג „וועקער" קיין פילע נייע ביכער נים אַרויסגעגע־בען. אין אָנפאַנג 1926 איז ערשינען „דער אידישער וועלט־אַלמאַנאַך" פון 1926. דער אַלמאַנאַך איז געווען אַן אומערוואַרטעטער ערפאָלג. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז ערשט אַרויס אין מאָנאַט מאַי, האָט זיך אונז איינגעגעבען צו פאַר־שפּרייטען צוויי אויפלאַגעס אין 6000 עקזעמפּלאַרען.

דער פאַרלאַג „וועקער" האָט אויך אַרויסגעגעבען אַ בוך „געזאַמעלטע שריפטען פון יודזשין וו. דעבס", רעדאַגירט פון חיים קאַנטאָראָוויטש. אין בוך זיינען אויך אַריין ספּעציעלע אַרטיקלען און עראינערונגען וועגען דעבס'ען פון א. ליעסין, דזשיימס אָ'ניעל, ב. פייגענבוים, און אַן אויספיהרליכע ביאָגראַפיע, געשריבען פון חיים קאַנ־טאָראָוויטש. דער בוך איז פאַרשפּרייט געוואָרען ביז איצט אין 5000 עקזעמפּלאַרען.

דער פאַרלאַג האָט אויך אַרויסגעגעבען יהואָש'ס און דר. ספּיוואַק'ס „אידיש־העברעאישען ווערטערבוך". ווען דיזע צייל ווען ווערען געשריבען, ווערען צוגעגרייט צום דרוק אַ רייהע אַנדערע ווערק, וואָס דער פאַרלאַג „וועקער" קלייבט זיך אַרויס־צוגעבען.

דער פאַרלאַג „וועקער" האָט אויך דעם יאָהר געמאַכט ביכער־סיילס אין ניו יאָרק, נוארק, שיקאַגאָ, קליוולאַנד, דעטראָיט און באָסטאָן. די ביכער־סיילס אויסער ניו יאָרק זיינען געווען אַ גרויסער ערפאָלג. אין ניו יאָרק איז דער ביכער־סייל ניט געווען אַזאַ גרויסער ערפאָלג, ווי דעם פאָריגען יאָהר. דאָס ערקלערט זיך, וואַר־שיינליך, מיט דעם, וואָס די אידישע אַרבייטערשאַפט פון ניו יאָרק איז איצט זעהר פאַראָרימט פון די פאַרשידענע סטרייקס, וואָס די אידישע יוניאָנס האָבען דורכגע־מאַכט.

אין אַ גאַנצער רייהע שטעדט זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען דעבס־מעמאָריעל־מיטינגען, אַראַנזשירט פון די בראַנטשעס פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד, און רעדנער זיינען געשיקט געוואָרען פון נאַציאָנאַלען אָפּיס. מעמאָריעל־מי־טינגען זיינען געווען זעהר גוט באַזוכט. ביי דיזע מיטינגען זיינען פאַרשפּרייט גע־וואָרען אין אַ גרויסער צאָל דעבס'עס שריפטען.

דער יאָהר 1926 האָט אַרויסגעריסען פון אונזערע רייהען איינעם פון אונזערע אָנגעזעהענסטע אידישע סאָציאַליסטען, וועלכער איז געווען דער בויער פון אַ גאַנ־צער רייהע אידישע יוניאָנס, און פאַר יאָהרען אַ מיטגליד אין דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס, ערוועהלט פון די בירגער פון דער איסט־סייד. דער טויט פון מאיר לאָנ־דאָן האָט אַרויסגערופען גרויס טרויער אין די רייהען פון דער אידישער און אַמערי־קאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט אין אַ גאַנצע רייהע שטעדט אַראַנזשירט לאָנדאָן־מעמאָריעל־מיטינגען. די מיטינגען זיינען איבעראַל געווען זעהר גוט באַזוכט.

דעם יאָהר איז די מעמבערשיפּ אין אונזערע בראַנטשעס באַדייטענד פאַרגרע־סערט געוואָרען. עס זיינען צוגעקומען צעהן נייע בראַנטשעס מיט איבער 300 מיטגלידער.

צוויי סטייט־קאָנפערענצען זיינען דעם יאָהר אָפּגעהאַלטען געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד. איינע איז פאָרגעקומען אין וואָוסטער פון אַלע שטעדט פון ניו־ענגלאַנד. די ניו־ענגלאַנדער קאָנפערענץ האָט אויסגעאַרבייט אַן אויספיהרליכען פּלאַן פון טעטיגקייט און האָט דיסקוטירט אַ גאַנצע רייהע אַלגעמיינע פראַגען, וועגען וועלכע עס זיינען אָנגענומען געוואָרען באַשטימטע רעקאָמענדאַציאָנס־רעזאָלוציעס צום אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד. אַ ספּעציעלע ניו־ענגלאַנד ביוראָ איז ערוועהלט געוואָרען, וועלכע האָט אין פאַרלויף פון דער צייט געטאָן אַ סך וויכטיגע אַרבייט. אַ צווייטע קאָנפערענץ איז אָפּגע־האַלטען געוואָרען אין פּאַסייק פון אַלע בראַנטשעס פון ניו דזשוירזי סטייט. אויך

די פאסייקער קאנפערענץ איז געווען זעהר אן ערפאלגרייכע. זי האט אויסגעארבייט א גאנצע רייהע פלענער פאר ווייטערדיגער ארבייט אין סטייט. די סטייט־קאמיטע איז צוגעטראטען צו דער ארבייט צו פארווירקליכען די אלע פלענער, וואס די קאנפע־רענץ האט אנגענומען.

אין ניו יארק סטייט זיינען דא פינף וויכטיגע שטעדט, אין וועלכע עס געפינט זיך א אידישע ראדיקאלע באוועגונג. דאס זיינען: אלבאני, יוטיקא, סיראקיוז, ראטשעסטער און באפאלא. פאר דער גאנצער צייט האבען מיר זיך באמיהט אין די שטעדט צו ארגאניזירען ברענטשעס פון אידישען סאציאליסטישען פארבאנד און מיר זיינען ניט געווען ערפאלגרייך. די נאציאנאלע עקזעקוטיווע האט באשלאסען ארויסצושיקען א ספעציעלען ארגאנייזער אויף צוויי וואכען צו ארגאניזירען ברענ־טשעס אין יענע שטעדט. אונזער ארגאנייזער האט באזוכט סיראקיוז, ראטשעסטער און באפאלא, האט אפגעהאלטען דארטען א גאנצע רייהע מיטינגען און האט צוגע־גרייט דעם באדען פאר דער ווייטערדיגער ארבייט. די ברענטשעס, וועלכע עס האבען עקזיסטירט מיט א קורצער צייט פריהער, איידער ער איז געקומען אהין, זיינען דורך זיין באזוך פארשטארקט געווארען.

אין סעפטעמבער, 1926, איז געווארען פינף יאהר, זינט דער אידישער סא־ציאליסטישער פארבאנד און זיין ארגאן דער „וועקער" זיינען געגרינדעט געווארען. די נאציאנאלע עקזעקוטיווע האט דורכגעפיהרט א גאנצע רייהע פייערונגען איבער'ן לאנד לכבוד דעם פינף־יאהריגען יובילעאום. אין ניו יארק איז די פייערונג פארגע־קומען אין קארנעגי האל, וואו איבער 3000 מענשען האבען זיך אין דער פייערונג באטייליגט. אין שיקאגא איז די פייערונג פארגעקומען אין איינעם פון די אידישע טעאטערען. דער טעאטער איז געווען פול מיט מענשען. פייערונגען זיינען אויך אפגעהאלטען געווארען ערפאלגרייך אין באסטאן, וואוסטער און אין אנדערע שטעדט.

די ברענטשעס פון אידישען סאציאליסטישען פארבאנד האבען אויך גענומען אן אקטיווען אנטייל אין דעם וואהל־קאמפיין פון דער סאציאליסטישער פארטיי. אויף דער נאציאנאלער קאנווענשאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי, וואס איז אפגע־האלטען געווארען אין מאי מאנאט אין פעטסבורג, איז דער אידישער סאציאליסטי־שער פארבאנד געווען פארטראטען דורך 2 דעלעגאטען, וועלכע האבען גענומען אן אקטיווען אנטייל אין די פארהאנדלונגען פון דער קאנווענשאן.

די אידישע ליטעראַטור אין יאָהר 1926

פון א. ליטוואַק

.1

ניט קיין ביבליאָגראַפיע, נאָר אַ פּאָר באַטראַכטונגען איבער אַ פראַגע, וועלכע מ'האָט דעם לעצטען יאָהר אַ היבש ביסעל דיסקוטירט אין אונזער ליטעראַרישען וועלטעל.

וואו איז דער צענטער פון אונזער ליטעראַטור־שאַפונג, אין רוסלאַנד, פוילען אָדער אַמעריקע? ווער מען געהערט די העגעמאָניע, וואַרשע, ניו יאָרק אָדער מאָסקווע?

די פראַגע וועגען צענטער איז אַ פראַגע פון פאַקט. אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך מעהר אָדער ווייניגער קאָנטראָלירען; הגם אין געזעלשאַפטליכע שטרייטיגקייטען זוכט זיך יעדער צד אָפּ זיינע פאַקטען, און אָפט טרעפט, אַז איינער און דערזעלביגער פאַקט רעדט צו איין צד פונקט קאַפּויר דערפון, וואָס ער רעדט צום אַנדערען צד. די פראַגע פון העגעמאָניע איז מעהר אַ זאַך פון פאַרלאַנג; עס האַנדעלט זיך ניט אַזוי אום דעם, וואָס עס איז שוין פאַראַנען, ווי אום דעם, וואָס מען וויל עס זאָל זיין; דאָס איז אַ זאַך פון פּרינציפּען, מיינונגען און שטימונגען, וואו מענשען ריידען אויף פאַרשיידענע שפּראַכען און קאָנען זיך שווער צונויפריידען.

די פראַגע וועגען צענטער איז אייגענטליך אַן ענין פאַר דעם אָביעקטיווען היסטאָריקער, וואָס וועט אַמאָל שרייבען די געשיכטע פון אונזער צייט. פאַר דעם אַקטועלען היינט איז עס מעהרער אַ פראַגע פון יחוס, ווי פון תוך. פאַר דער וועלט־מלחמה האָבען מיר געהאַט אין רוסלאַנד איין גרויסען אידישען קבוץ, וואָס אין צאָהל האָט ער ווייט איבערגעשטיגען אַלע אידישע קבוצים פון גאָר דער וועלט; און ער איז געווען גענוג אַלט און אויסקריסטאַליזירט, האָט פאַרמאָגט אַ קלאָרע, בולט'ע פיזיאָנאָמיע. קיינער פון די איבעריגע אידישע קבוצים האָט זיך מיט איהם ניט געקענט מעסטען; און זיין גרויסער איינפלוס אויף זיי, זיין נאַטירליכע העגעמאָניע, איז געשטאַנען אויסער יעדען ספק. איצט איז יענער גרויסער קבוץ צושפּאָלטען. אויסער אַ ריהע קלענערע, פאַרמאָגען מיר היינט־צו־טאָג דריי, לויט זייער צאָל, כמעט גלייך גרויסע אידישע קבוצים — די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע, פוילען און רוסלאַנד. ווען מען זאָל נעהמען די צאָל פון די אַלע, וואָס רופען זיך אידען, פאַרנעהמט אַמעריקע אפשר דעם ערשטען אָרט צווישען די דריי. ווען מ'זאָל אָבער נעהמען בלויז די ניט־אַסימילירטע אידען—און ווען מ'רעדט וועגען אַ צענטער פון אידישער ליטעראַטור, קומען דאָך נאָר אַזעלכע „אידישע אידען" אין באַטראַכט — שטעהט אַמעריקע אין איין שורה מיט רוסלאַנד און פוילען. דאָס אַמעריקאַנער אידענטום האָט פאַר די לעצטע 12 יאָהר באַוויזען זיך מעהר אויסצוקריסטאַליזירען ווי פריהער. דערפאַר האָבען די אידען פון פוילען און רוסלאַנד אין דיזעלביגע יאָהרען איבערגעלעבט די שטאַרקסטע צורודערונגען. דער אַקער־אייזען פון דער געשיכטע האָט זיך טיף איינגעשניטען אין זייער לעבען און האָט איהם צוגראָבען אין דער לענג און אין דער ברייט, און איצט האַלט דאָרטען אַלץ אין ווערען, אין פּראָצעס פון איבערגאַנג. האָבען מיר דערווייל ניט קיין איין צענטער, וואָס זאָל איבערשטייגען די אַנדערע אין צאָל און אין איינפלוס. אַמעריקע, פוילען, רוסלאַנד — יעדער איינער פון אָט די דריי קבוצים האָט זיינע שטאַרקע און שוואַכע זייטען, זיינע פעטע און מאָגערע יאָהרען; יעדער איינער פון זיי האָט אַ געוויסע ווירקונג אויף די איבעריגע; אָבער קיינער פון זיי איז ניט דער וויכטיגסטער צענטער, וועלכען אַלע איבעריגע זאָלען קוקען אין מויל אַריין און וואַרטען פון איהם דאָס גרויסע וואָרט, דעם פיהרענדן טאָן.

נעהמען מיר רוסלאַנד. דאָרטען ווערט איצט אַרויסגעגעבען די גרעסטע צאָל

אידישע שול- און לערן-ביכער, ווייל די אידישע שול ווערט דאָרטען אָנערקענט און
אויסגעהאַלטען פון דער מלוכה, און די צאָל קינדער, וואָס לערנען זיך אין אידישע
שולען, איז ניט אין ערך העכער, איידער אין פוילען און אַ פשיטא שווין איידער אין
אַמעריקע. אין רוסלאַנד ווערט אויך אַרויסגעגעבען מעהר ווי אומעטום פּאָליטישע
ליטעראַטור אין אידיש. אָבער אָט די פּאָליטישע בראָשורען און ביכער, וואָס ווערען
אַרויסגעגעבען אונטער דער השגחה פון די יעווסעקען, זיינען דאָס רוב איבערגעזעצט
פון רוסיש, דורכאויס פון איין ריכטונג, און געשריבען זיינען זיי מעהר פון אַלץ אויר־
בערפלעכליך, ווי אַ שטיקעל אַגיטאַציע. אויף אַלע איבעריגע געביטען פונ'ם אידישען
געדרוקטען וואָרט און אין דעם סך־הכל פון אַרויסגעגעבענע נייע ביכער שטעהט
רוסלאַנד אַ סך נידעריגער פאַר פוילען.

אויף נייע טאַלאַנטען און באַדייטענדע ווערק, וועלכע מ'קען רעכענען פאַר
אַ געשעהעניש, איז ביי אונז די לעצטע עטליכע יאָהר אין ערגעץ ניט געווען קיין
גרויס גערעטעניש. און ווען מ'זאָל אפילו פאַרגלייכען אביונים מיט דלפנים, וועט
אויך רוסלאַנד אַרויסקומען אָרימער פאַר פוילען און אַמעריקע. די נייע פּראָזע איז
דאָרטען דערווייליע שוואַך און הילפלאָז. גאָדינער, דניאל, וואָלקענשטיין—וויפיל
נייע נעמען פאַרמאָגען זיי דאָרטען אין אַלעמען? — געהען ניט ווייטער פון מיטעל־
מעסיגקייט. זיי האָבען ניט געבראַכט קיין ניי וואָרט, קיין נייעם טאָן, אפשר
אַ נייע גרימאַסע. וואָס איז שייך פּאָעזיע, קאָן מען מעהר אָדער וויניגער האַלטען
פון די פעפערס, כאַשטשעוואַצקים און כאַריקס. אָבער פון זיי ביז מאַניע לייב,
מ. ל. האַלפּערין און לייוויק, אָדער ביז משה קולבאַק און ישראל שטערן איז נאָך
אַ ווייטער מהלך.

דער ערב רעוואָלוציע רופט אומעטום אַרויס פרישע טאַלענטען, גיט דער
ליטעראַטור היים בלוט, שטאַרקען אימפּעט און פאַרנעהם, מאַכט זי פאַר דעם
אליהו הנביא, וואָס טראָגט אַ ליכטיגע בשורה. וועגען דער צייט פון דער רעוואָ־
לוציע גופא איז נאָך אַ גרויסער ספק, צי זי איז דירעקט פרוכטבאר פאַר דער ליטע־
ראַטור. גאָר די אויפמערקזאַמקייט און גאָר די כחות געהען אוועק אויף מעשים.
דאָס קונסט-וואָרט רוקט זיך אָפּ אין הינטער-גרונד; פאַר דאָס קונסט-וואָרט פעהלט
די נויטיגע רוהיגקייט, די מעגליכקייט פון אריין אין זיך. און ווען אַ רעוואָלוציע
האָט ניט געבראַכט דאָס, וואָס מ'האָט פון איהר דערוואַרט, קומט אויף אַ געוויסע
צייט אָן אַ פאַרמאַטערטקייט, אַ געדריקטע, נידערגעשלאָגענע שטימונג, וואָס לאָזט
ניט דער ליטעראַטור פאַנאַנדערנעמען איהרע פליגלען. בפרט ביי אידען אין רוס־
לאַנד, וועלכע שטעהען פאַר אַ חורבן פון זייער אַלטען לעבען און זעהען קוים די
קאָנטורען פון אַ נייעם לעבען. די צאָהל פּראָדוקטיווע עלעמענטען איז אין די
יאָהרען פון מלחמה און רעוואָלוציע אומגעהויער קלענער געוואָרען. די צאָהל לופט־
מענשען האָט זיך אומגעהויער פאַרגרעסערט. די באַמיהונגען פון דער סאָוויעט־
רעגירונג (קאָלאָניזאַציע און ד. גל.) האָבען דערוויל אויף דער גערדיכטעניש פון אידי־
שען לעבען ניט שטאַרק געווירקט. די אידישע אינטעליגענץ און אפילו
די אינטעליגענטע אַרבייטער זיינען ביוראָקראַטיזירט, פאַרכאַפּט פון דער יאָגעניש
נאָך מלוכה־שטעלעס, און דאָס האָט מיטגעבראַכט קאַריעריזם און אַסימילאַטאָרישע
טענדענצען, וואָרים וואָס מעהר איינער איז רוסיפיצירט, אַלץ גרעסערע אויסזיכטען
האָט ער אויף אַ מלוכה־שטעלע. און דער צוואַנג פון דער יעווסעקישער דיקטאַטור
גיט ניט גענוג פרייע לופט פאַר דער אויפבליהונג פון דער אידישער ליטעראַטור.
ביי דער ברייטער ניט קאָמוניסטישער באַפעלקערונג איז צוגענומען יעדע מעג־
ליכקייט פון איניציאַטיוו, פון פרייער קולטורעלער זעלבסטבאַשטימונג. די נייע
קולטור ווערט ניט איינגעפלאַנצט, נאָר אַריינגעשלאָגען אין די קעפּ. אַ שרייבער
מוז זיך שטענדיג מיהען צוצוטרעפען די אָפיציעלע שטימונגען פונ'ם מאָמענט, ווען
ניט, וועט זיין ווערק די ליכטיגע וועלט ניט דערזעהן. און ווען שרייבער מוזען זיך
נאָכאַנאַנד צופּאַסען, ווען זיי מוזען זיך אַליין אַלע ווייל לעגען אויף אַ סדום־
בעטעל, קען פאַר דער ליטעראַטור דערפון קיין גוטס ניט אַרויסקומען.

די אידען פון פוילען קרעכצען אונטער'ן יאָך פון שאַרפער נויט און רעכט־

לאָזיגקייט. די ארומיגע אָרימקייט און זייער אייגענע נויט־באַדערפטיגקייט דריקט אויף דעם געמיט פון די אידישע שרייבער, לעגט זיך ווי בליי אויף זייער טאַלענט. דער שמוגעל און די ספעקולאַציע, וואָס אין די יאָהרען פון וועלט־מלחמה און נאָך איהר האָבען זיך צולעגט אין דער לענג און אין דער ברייט און האָבען אויף לאַנג פאַר'סמ'ט דאָס אידישע לעבען, דער פאַרשטאַרקטער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט ארויסגערופען ביי אונז אַ געשוואָלענעם נאַציאָנאַליזם, דאָס ווילדעווען פון די גערער און אַנדערע שלומי אמוני, וועלכע האָבען געפונען אַ מעכטיגע שטיצע אין דער פוילישער רעאַקציע, די ירידה פון דער פוילישער אינדוסטריע, וועלכע האָט געשאַפען אַזאַ אוממעגליכע לאַגע, אַז פון הונדערט אידען, וואָס וואוינען אין פוילען, קוקען 75 ארויס אויף אַ וויזע — דאָס אַלץ שאַפט זעהר ניט קיין גינסטיגע אַטמאָספערע פאַר דער אויפלעבונג פון דער אידישער ליטעראַטור.

ווען עס זאָל זיין נאָר דאָס אַליין, וואָלט די אידישע ליטעראַטור אין פוילען איצט געווען אַ מדבר. פאַראַנען אָבער אויך ליכטיגע ערשיינונגען. דער קאַמף פון די אידישע מאַסען פאַר רעכט אויף ארבייט, פאַר רעכט אויף קולטור ; די אידישע וועלטליכע שול, וואָס ווערט געבויט מיט אַזוי פיל מיה און קרבנות, און טראָץ די רדיפות פון דער רעגירונג, טראָץ די שווערע שטיינער, וואָס די ציוניסטען און די פרומאַקעס לעגען איהר אויפ'ן וועג, וואַקסט זי, פאַרשפּרייט זיך און ערציהט אַ נייעם יונגען דור, וואָס די אידישע ליטעראַטור איז זיין טאָג־ברויט פון קינדהייט אָן ; די ברייטע מאַסען, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די שול פון דער אַרבייטער־באַוועגונג, און וואוהין זיי זאָלען ניט אַוועק, וואָס פון זיי זאָל שפּעטער ניט ווערען, האָבען זיי מיט־גענומען אַ אינטערעס פאַר דעם אידישען בוך, פאַר דער אידישער קולטור — דאָס זיינען אַלץ פאַקטאָרען, וועלכע זיינען זעהר גינסטיג פאַר דער אידישער קולטור־שאַפונג.

און מיר זעהען טאַקע, אַז די אַלע יאָהרען, וואָס נאָך דער מלחמה פאַרנעמט ביי אונז פוילען דעם ערשטען אָרט לויט דער צאָהל ארויסגעגעבענע אידישע ביכער. אין פוילען אַליין ווערען ארויסגעגעבען אַ יאָהר מעהר אידישע ביכער, איידער אין אַלע אַנדערע אידישע קבוצים צוזאַמענגענומען, אויסער סאָוויעט־רוסלאַנד. און אפילו אין פאַרגלייך מיט סאָוויעט־רוסלאַנד, וואו די יעווסעקען אַרבייטען מיט דעם כח פון דער מלוכה, פאַרנעמט די אויסגאַבע פון אידישע ביכער אין פוילען אויך אַ סך אַ העכערען אָרט. וואָלט מען געקאָנט זאָגען, אַז דאָס איז נאָך אַ קנאַפּער באַוויז, ווייל פוילען איז אַ פאַבריק פון אידישע ביכער פאַר אַנדערע לענדער ; דאָרטען דרוקט מען אידישע ביכער פאַר ליטע, לעטלאַנד, רומעניען, אַמעריקע, אַרגענטינע, ביז אַ געוויסען גראַד אפילו פאַר סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער אין פוילען קומט פּראָצענטועל פאַר די גרעסטע צאָהל אידישע לעקציעס. קליינע שטעדטלאַך ארום וואַרשע, לאָדז, ביאַלאַסטאָק און ווילנע פאַרמאָגען אידישע ביבליאָטעקען, כאָרען, דראַמאַטישע און ליטעראַרישע פאַראיינען, שרייבען אויף שבת אָפט אויס אַ לעקטאָר פון אַ גרעסערען צענטער. אין דער קליינער גריציע קומען פאָר אידישע לעקציעס אָפטער, ווי אין באַלטימאָר. אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער אָרימקייט, וואָס הערשט איצט אין פוילען, ווערט דאָרטען געקויפט און געלייענט מעהר אידישע ביכער, ווי אין אַנדערע אידישע קבוצים.

און דער גרויסער יראת־הכבוד פון די מאַסען צום אידישען בוך, דער קולט פונ'ם אידישען שרייבער — וואו און ווען האָבען מיר דאָס פריהער געזעהן ? אין רוסלאַנד איז די אידישע מאַסען־אינטעליגענץ פאַרנומען מעהר ווי אַלץ מיט פּאָ־ליטיק. די מאַסע גופא איז נידערגעשלאָגען, אין גאַנצען אריינגעטאָן אין זוכען ברויט און האָט ווייניג גייסטיגע אינטערעסען. די שרייבער, וואָס קומען פון אַ נסיעה קיין רוסלאַנד, וועלען אייך דערצעהלען, וואָס פאַר אַ פּאַראַד די יעווסעקען האָבען פאַר זיי געמאַכט, איהר וועט זיך דערוויסען, אַז מ'האָט זיי דאָרטען גוט באַצאָהלט פאַר זייערע ווערק — איך האַלט עס ניט פאַר קיין עולה, זאָל מען מיך ניט שלעכט פאַרשטעהן ! איהר וועט פון זיי ניט הערען, ווי די אידישע מאַסע, די פּשוט'ע ניט־קאָמוניסטישע מאַסע, האָט זיי באַגעגענט. מיר ווייסען אפילו

ניט, צי זי האָט זיי בכלל באַגעגענט. אין אַמעריקע איז אַזאַ זאַך, ווי אינטערעס צו דער אידישער ליטעראַטור, ביים ברייטערען עולם וועניג בנמצא. אַ לעקציע אויף אַ ליטעראַרישע טעמע וועט דאָ זעלטען־ווען אַנקלייבען אַן עולם. דעם ערשטען מאָל, ווען איך האָב דאָ גערעדט וועגען ליטעראַטור אויף אַן עפּענטליכער פאַרזאַמלונג, האָט אַן ארבייטער גענומען אַ וואָרט און האָט שאַרף געזאָגט: מיר זיינען קלאָוקמאַכער, פּיינטער, קאַרפּענטער — ארבייטער זיינען מיר. וואָס געהט אונז אָן ליטעראַטור? אונז גיט רוסלאַנד . . . קאָמוניזם גיט אונז . . . און נאָך יעדער ליטעראַרישער לעקציע וועט מען אייך כמעט שטענדיג שטעלען פראַגען פּאָליטישע, וואָס האָבען מיט דער טעמע די מינדעסטע שייכות ניט.

אין פּוילען איז אין דעם פּרט אַ ברכה. די עלטערע קינדער, די יוגענד — לויפען הערען אַ אידישען שרייבער, לויפען איהם זעהן. אַפילו דערוואַקסענע געהען אויף ליטעראַרישע לעקציעס ניט וועניגער און אָפט נאָך מעהר, ווי אויף פּאָליטישע. און דאָרטען שלאָגט דאָך ביי די אידישע מאַסען דער פּאָליטישער פּולס אַ סך שטאַרקער, ווי אין אַמעריקע. די אידישע שרייבער אין פּוילען פאָהרען ארום איבער שטעדט און שטעדטלאַך מיט פאָרטראַגען, מיט רעציטאַציעס, און זייער קומען איז אומעטום אַ שטיקעל יום־טוב. רעדט מיט אַ אידישען שרייבער, וואָס איז געקומען פון אַמעריקע צו־גאַסט אין פּוילען. ער וועט זיך אפשר אָפּרופען סקעפּטיש וועגען דער אויפנאַהמע, וואָס די קאָלעגען־שרייבער האָבען איהם דאָרטען געמאַכט; ער וועט אפשר געפינען, אַז דאָ האָבען געווירקט חשבונות: יעדער אידישער שרייבער אין פּוילען זעהט דאָך אין חלום אַמעריקע — ער וועט אַליין אַהין קומען, אָדער מ'וועט איהם דאָרטען דרוקען... אָבער יעדער אַמעריקאַנער גאַסט אין פּוילען וועט אייך מיט אמת'ער התפעלות דערצעהלען, ווי די ניט־שרייבערישע אינטעליגענץ האָט איהם אויפגענומען. ער וועט אייך דערצעהלען, ווי עס האָט איהם אָפּגעפרישט און דערמונטערט די באַגעגעניש מיט דער יוגענד, מיט דער מאַסע. אַ שאָד, וואָס אונזערע קאָלעגען אין פּוילען ווייסען ניט גענוג אויסצונוצען אָט די באַהעפטונג מיט'ן פאָלק, אָט דער קוואַל פון שעפּערישער באַגייסטערונג.

און ביי דער גרעסטער דחקות, ביים שטאַרקסטען דרוק האָט דאָך דאָס אידישע פּוילען פאַר די לעצטע יאָהרען צו פאַרצייכענען עטליכע פרישע קרעפטיגע טאַלענטען, אויף וועלכע מ'לעגט האָפנונגען אויך דאָ אין אַמעריקע און אַפילו אין רוסלאַנד. די אַמעריקאַנער געסט, וואָס קומען קיין פּוילען, קלאָגען זיך, אַז די אידישע שרייבער האָבען דאָרט ניט געשאַפען פאַר זיך קיין ליטעראַרישע סביבה, קיין אידישע קונסט־אַטמאָספערע. אודאי איז עס אַ גרויסער פעהלער. וואָרים די דאָזיגע סביבה דערשטיקט ניט די אינדיווידואַליטעט, ווי דער פּאָעט ישראל שטערן און אַנדערע מיט איהם מיינען; פאַרקערט, עס רעגט זי אָן, סטימולירט, העלפט ארויסברענגען פולער און בולט'ער איהר אָריגינעלע אייגענטימליכקייט. אָבער וואו האָבען מיר איצט יאַ אַזאַ ליטעראַרישע סביבה, אַזאַ אידעאַישע קונסט־אַטמאָספערע? ליידער אין ערגעץ ניט; ניט אין פּוילען און ניט אין רוסלאַנד, אַפילו ניט אין אַמעריקע, וואו אַמאָל איז עפּעס אַזוינס יאָ געווען. די אַלטע ליטעראַרישע גרופּירונגען זיינען זיך דאָ שוין לאַנג צופאַלען. טאָמער האַלטען זיך נאָך ביי אונז צוויי־דריי שרייבער צוזאַמען, זיינען זיי פאַרבונדען ניט מיט פעדים פון קונסט, נאָר מיט חשבונות פון פאַרלאַג און קאָנקורענץ, אָדער דאָס זיינען קליינע קלייזעלאַך, וואָס פאַרבינדען זייערע צופעליגע מיטגלידער בלויז מיט איין ציל: לויב מיך און איך וועל דיך לויבען!... און זאָל דאָ דערמאָנט ווערען, אַז ווי ווייט דער ליטעראַטען־ און זשורנאַליסטען־פאַראיין אין וואַרשע זאָל ניט זיין פון אידעאַל, וויפיל צופוילטקייט עס זאָל ניט שטעקען אין דעם דאָזיגען „רעסטאָראַן אויף טלאָמאַצקע 13", איז ער דאָך אַ שטיקעל קולטור־צענטער ניט בלויז פאַר די אידישע שרייבער גופא, נאָר אפשר נאָך מעהר פאַר דער אידישער וואַרשע. די רייכע אידישע ניו יאָרק האָט דאָס אויך ניט געקאָנט שאַפען: דער היגער פּרץ־פאַראיין האָט נאָך אַפילו קיין אייגענעם לאָקאַל ניט. ער האָט ניט קיין שום איינפלוס אויף די אידישע שרייבער

גופא, אויף'ן ברייטערען אַרום אודאי ניט. די אידישע ליטעראַטור שטיקט זיך דאָ נאָך אַלץ אין די פיזיש־און גייסטיג־ענגע קיבעצאַרניעס, וואוהין מ'גהעט אַריין אָהן חשק און פון וואַנען מ'גהעט אַרויס מיט אַ ביטערקייט אין מויל און אַ שטויב אויף דער נשמה. וואָס איז צו ריידען — אין אַלע אונזערע צענטרען זיינען נאָך די אידישע שרייבער איינזאַמע וועלטען, דורכאויס סאָליסטען און קיין שום כאָר. יעדער איינער איז ביי זיך און וויל ניט אַנדערש זיין ביי אונז אַ בן־יחיד: מיט אים הויבט זיך אָן די ליטעראַטור און מיט אים וועט זי זיך ענדיגען...

און איצט וועגען אונזער אַמעריקע. געוויס זיינען דאָ פאַראַן אַ סך שוואַכע זייטען. די אידישע מאַסע — דער גרעסטער טייל איהרער איז מיט קאָפּ און לייב און לעבען אַריינגעטאָן אין יאַגעניש נאָך פּרנסה. דער קלענערער טייל איז באַנומען פון אַ טעמפּער זעלבסט־צופרידענער זאַטקייט. ביידע טיילען זעטיגען זייער „גייסטיגען" אַפּעטיט אין סענסאַציעס פון צייטונגען און „שאָוס", וואָס שמייסען איבער די נערוועז אָדער גלעטען די אַלט פּעטערישע מאָראַל. די צייטונגען העלפען ניט צו פאַרשפּרייטען דאָס גוטע בוך, נאָר זיי קאָנקורירען עס אויס, זיי פאַרטעמפּען דעם געשמאַק פאַר דעם קונסט־וואָרט. און טאָמער גהעט איין מאָל אין וואָך אויף די שפּיגעל־זייטען אַ בעסערע דערצעהלונג, ווערט עס בטל בששים אינ'ם ים פון שונד, וואָס דרוקט זיך אין אַלע טעג פון דער גאַנצער וואָך און אפילו דעם זעלביגען טאָג אויף אַנדערע זייטען. מ'קאָן ניט זאָגען, אַז מ'זאָל דאָ גאָר קיין ביכער ניט קויפען. מ'קויפט, אָבער ניט אַזוי צום לייענען ווי כדי צו האָבען אַ שאַפע מיט ביכער אין הויז. דוכט זיך, גענאָסע קאַהאַן האָט עס אַמאָל געזאָגט, אַז „ביכער זיינען פויר־ניטשור פאַר דער נשמה"; און מיר ווייסען דאָך, אַז אין אַמעריקע איז פוירניטשור ניט אַזוי צו נוץ, ווי צו פּוץ; מ'קויפט מעבעל, ניט ווייל מ'דאַרף עס טאַקע, אָדער ווייל עס געפעלט שטאַרק, נאָר ווייל אַנדערע האָבען אַזעלכע. ווייטער. פון דער אַלט־היימישער קולטור איז מען אַוועק און אין דער קולטור פון אַמעריקע זיינען אפילו די אויסגעגרינטע ניט אין גאַנצען אַריין: די אַמעריקאַניזירונג גהעט דאָך דאָס רוב ניט ווייטער פון באַרבער־שאַפּ און ביוטי פּאַרלאָר — לעבט מען אָפּט גאָר אָהן אַ קולטור. די דינע שיכטען, וואָס לעבען מיט שטיקלאַך פון דער אַלטער און ברעקלאַך פון דער נייער קולטור, האָבען ניט באַשאַפען פאַר זיך קיין קולטור־סביבה. אידעאַלען זיינען דאָ ניט קיין גאַנגבאַרע סחורה. פּרינציפּען זוכט מען בלויז ביי געגנער; אַליין קאָן מען לייכט אויסקומען אָהן דעם. דער העכסטער אידעאַל איז ערפאָלג. ביזנעס פאַרשלינגט די בעסטע פעהיגקייטען, די גרעסטע מאָס אויפמערקזאַמקייט; די אידישע ערציהונג האָט זיך דאָ ערשט ניט לאַנג אָנגע־הויבען, און ביי דאָס רוב פון אונזערע שרייבער איז ניטאָ קיין זיכערקייט, אַז די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור וועלען ניט אָפּשטאַרבען צוזאַמען מיט זיי. מ'פּראָוועט זיך טרייסטען, פאַרשרייען די אינוועניגסטע אומרוה, אָבער אין האַרצען נאָגט דער וואָרים פון ספק, און וואָס העכער מ'שרייט וועגען „אויפקום" אַלץ שוואַרצער שטעהט פאַר די אויגען דער שאָטען פון אומקום. יאַ — אַ סך שוואַכע זייטען, ניט גינסטיגע פאַר דער אויפבליהונג פון דער אידישער ליטעראַטור דאָ אין לאַנד.

פאַראַנען אָבער שטאַרקע זייטען אויך, וואָס האָבען געווירקט און ווירקען נאָך היינט צום גונסטען פון אונזער ליטעראַטור־שאַפונג, שטאַרקע זייטען, וואָס ניט זעהן זיי קאָנען נאָר אַזעלכע, וועלכע פאַרמאַכען אוממישנע די אויגען.

אין אַמעריקע זיינען זיך צונויפגעקומען אידען פון אַלע עקען וועלט. צום ערשטען מאָל האָבען זיך נאָהענט באַגעגנט פּוילישע מיט ליטוואַקעס, אוקראַאינער מיט גאַליציאַנער און רומענישע; זיי קוקען נאָך איינע אויף די אַנדערע מיט אַ שטיקעל פאַרדאַכט, מיט אומצוטרוי, ווי האַלב פרעמדע; אָבער ביסלעכוויז קאָכען זיי זיך אויס אין דעם גרויסען אַלגעמיין־אידישען קעסעל, מישען זיך אויס מיט זייערע אייגענטימליכקייטען און עס שאַפט זיך אַ פילפאַרביגקייט, אַ רייכע פאַר־שיידענאַרטיגע איינהייט.

עס איז אַ כלל, אַז מעהר ווי אַלץ עמיגרירען די ענערגישערע, וואָס פאַר־מאָגען מעהר מוט און אונטערנעמערישען גייסט. און דאָס בייטען דעם אָרט, דאָס

אויסרייסען זיך פונ'ם אַלטען, איינגעזעסענעם באָדען און די נויטווענדיגקייט זיך אריינצופּאַסען אין דורכאויס נייע באדינגונגען — דאָס אַליין פרישט אָפּ אַ מענשען, רופט ביי איהם אַרויס אַ נייעם אימפּעט, וועקט אויף פרישע כחות, וואָס האָבען לאַנג אין איהם געשלאָפען און ער האָט פון זיי גאָר ניט געוואוסט. איז דאָס אַמעריקאַנער אידענטום אינגער, באַוועגליכער, רייכער אין נייע קרעפטען. שוין דאָס אַליין וואָלט גערארפט ארויסרופען אַ גרויסען צופלוס פון טאַלענטען. און דער שטראָם פון עמיגראַציע האָט געבראַכט מיט זיך אַ סך יונגע טאַלענטען פון אַלע טיילען פון דער אידישער צושפּרייטונג (דיאַספּאָרא). די יונגע טאַלענטען זיינען אריינגעפאַלען אין אַ שטאָדט, וואָס פאַרמאָגט אומגעפעהר אָנדערטהאַלבען מיליאָן אידען — אַזאַ גרויסע מאַסע אידען צוזאַמען האָט נאָך קיינמאָל די וועלט ניט געזעהן; זיי זיינען אריינגעפאַלען אין אַ גרויסען קעסעל-גרוב, אין אַ שטאָדט, וואו דאָס לעבען ברויזט און שוימט און געהט איבער די ברעגעס, אין אַ גוואַלדיגע דינאַמאָ, וואָס האָט זיי גענוזט מעכטיג אָנלאָדען, שטויסען. אמת איז, אַז דאָס רוב פון אונזערע היגע אידישע שרייבער זיינען ניט דאָ אין לאַנד געבוירען און ניט פון דאַנען האָבען זיי איינגעזויגען זייערע ערשטע טיפסטע איינדרוקען; און לעבען לעבען זיי אין אַ סביבה, וואָס איז העכער האַלב עמיגראַנטיש. זיינען זייערע טעמעס, סימבאָלען און שטימונגען נאָך אַלץ מעהר פון דער אַלטער היים. אָפט איז דער גרונד-טאָן אויך פון דאָרטען גענומען; אָבער אין זייער איבערלעבען און שאַפען פיהלט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר דער מעכטיגער פולס פון אַמעריקע. האָבען זיי אריינגעטראָגען אין דער אידישער ליטעראַטור אַ גרעסערע ברייטקייט, אַ שטאַרקערען אימפּעט, וואָס האָט געווירקט אָפּפרישענד אויך אויף דער אידישער ליטעראַטור אין אייראָפּאַ.

און גראָד אין די יאָהרען, ווען אין רוסלאַנד און פוילען האָבען אידען געליטען די שרעקליכסטע קלעפּ פון דער געשיכטע, זיינען די אידען אין אַמעריקע געזעסען בשלוה, און זייער וואוילשטאַנד האָט געבליהט. די אידישע שרייבער האָבען דאָ געהאַט די גייסטיגע רוה, וועלכע איז אַזוי נויטיג פאַר'ן פּראָצעס פון שאַפען און וועלכע האָט אין רוסלאַנד און פוילען אין גאַנצען געפעהלט. די מאַטעריעלע לאַגע פון די אידישע שרייבער איז דאָ ניט אין ערך בעסער, ווי אין אייראָפּע. אמת, ווען מ'דערמאָנט זיך, אַז אַזאַ טאַלענט, ווי ראַבאָי, מוז ארבייטען אין שאַפּ און קאָן זיך ניט אָפּגעבען אין גאַנצען מיט ליטעראַרישער שאַפונג, ווערט ביטער אויפ'ן האַרצען. אָבער פון וואָס אַ שרייבער זאָל דאָ ניט מאַכען אַ לעבען, אָבער אַז ער זאָל הונגערען איז דאָ אַ זעלטענע זעלטענקייט, בעת אין רוסלאַנד און פוילען איז עס אַ גאַנץ געוועהנליכע ערשיינונג. און אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז אין דעם, וואָס ניט ווייניג פּאָעטען און בעלעטריסטען מוזען ביי אונז מאַכען אַ לעבען ניט פון זייער פעדער, שטעקט ניט בלויז אַ חסרון, נאָר אויך אַ מעלה: דאָס מאַכט זיי אָפּהענגיג פון זייטיגע קאַפּריזען, צווינגט זיי ניט אַרויסצולאָזען פון האַנט ניט קיין אומרייפע זאַכען. אונזערע אַמאָליגע „יונגע" וואָלטען אפשר אַזוי ניט אויסגעוואַקסען, ווען זיי וואָלטען גלייך פון אָנהויב געמאַכט פון זייער פעדער פּרנסה.

פונ'ם רייכען טיש פון אַמעריקאַנער אידענטום פאַלט ניט זייער פיל צו דער אידישער ליטעראַטור. אָבער דאָך גיט דער אידישער וואוילשטאַנד אין אַמעריקע אַ מעגליכקייט אויסצופיהרען דאָ אַזעלכע אונטערנעמונגען, וואָס אין אייראָפּע קען מען וועגען זיי אַפילו ניט חלומ'ען. דער איינציגער גרויסער אידישער זשורנאַל, וואָס די אידישע ליטעראַטור פון אַלע לענדער פאַרמאָגט — איז די „צוקונפט" אין ניו יאָרק. און וויפיל האָבען מיר דאָ קלענערע און גאָר קליינע זשורנאַלכעלאַך, וואָס ביי אַלע זייערע חסרונות האָבען זיי איין גרויסע מעלה: זיי עקזיסטירען. נעמען מיר אַזאַ גרויסען אויפטו, ווי יהואש'עס איבערזעצונג פון תנך. אין קיין אַנדער לאַנד אויסער אַמעריקע וואָלט דאָס איצט ניט מעגליך געווען. יאָ, אין פוילען אָדער רוסלאַנד וואָלט עס געוויס ניט געווען קיין ארבייט פאַר איין מענשען, ווי פעהיג און געלערענט ער זאָל ניט זיין. דאָרטען וואָלט מען זיך בשום אופן ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז איין מענש זאָל זיין אימשטאַנד איבערצוזעצען מיט

גלייכען ערפאָלג די עפּישע געשיכטען פון שמואל און מלכים, דעם הויכען פּאַטאָס פון די נביאים, די ריינע ליריק פון שיר השירים און די דידאַקטיק פון משלי, אז איין דיכטער און מעג ער אפילו זיין אַזאַ ריז ווי וואָלפגאַנג געטע, זאָל זיין קאָנ־געניאַל צו ישעיה, ירמיה, יחזקאל און צום מחבר פון איוב. דאָרטען וואָלט מען געזוכט פאַר יעדען טייל דעם געהעריגען איבערזעצער, מ׳וואָלט צוזאַמענגעשטעלט רעדאַקציעס מיט קאָמיסיעס פון וויסענשאַפטסלייט, ביבעל־פאָרשער; אויספיהרען אָבער וואָלט מען דאָרט איצט קיין זאַך ניט געקאָנט. און דאָ האָט איין מענש איבערגעזעצט שוין העכער העלפט פון ביבעל, ארויסגעגעבען דעם חומש און גרייט־צו אין אַ בוך־פאָרם די ווייטערדיגע טיילען. איהר וועט זאָגען — דאָס איז ניט אַמעריקע, דאָס איז יהואש... און איהר וועט זיין ניט אינגאַנצען גערעכט: געוויס האָט דאָ יהואש אַ ריזיגען פאַרדינסט; אָבער כדי ער זאָל קאָנען לאַנגע יאָהרען זיך אָפּגעבען מיט דער דאָזיגער ארבייט, זיינען נויטיג די עקאָנאָמישע מעגליכקייטען, וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט. אַ מענש, וואָס דאַרף אָפּזיצען זיינע טעג אין שאָפּ אָדער אין אָפיס כדי צו פאַרדינען אויף ברויט, קאָן זיך פאַר אַזאַ שווערע ארבייט ניט נע־מען, קאָן זי ניט אויספיהרען אפילו ווען ער האָט זיך דערפאַר גענומען....

ביי מיר האָט זיך ארויסגעכאַפּט „אין אונזער אַמעריקע", און מיר איז גע־וואָרען אַ ביסעל פריקרע: ווי לאַנג בין איך דאָ אין לאַנד און וואו וועל איך זיין אין זעקס חדשים ארום — פאַרוואָס איז עס מיין אַמעריקע און באַלד האָט מיך צעטומעלט אַ האַרבע פראַגע: צו וועלכען צענטער געהער איך — צו ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע, וואו איך האָב פאַרבראַכט שעהנע עטליכע יאָהר, צו ליטע און פוילען, פון וואַנען איך בין מיט אַ יאָהר צוריק אהער געקומען און וואו איך האָב איבערגעלאָזען אַ שטיק פון מיין לעבען, אָדער גאָר צו אַמעריקע, וואו איך בין שוין איינמאָל געוועזען אַ לענגערע צייט, בין שוין איצט העכער אַ יאָהר און האָף צו זיין דאָ נאָך אַמאָל? און וואָלט די פראַגע געשטאַנען נאָר וועגען מיין ווענינקייט אַליין, וואָלט ניט געלוינט צו שטעלען זי פאַר׳ן לעזער. אָבער וואָס טוט מען מיט אַזעלכע וואַנדערענדע שטערן, ווי שלום אַש, פּרץ הירשביין, ד. ה. נאָמבערג, דוד בערגעלסאָן און אַ היבש ביסעל קלענערע — וואוהין זאָל מען זיי צורעכענען, אז היינט זיינען זיי דאָ און מאָרגען דאָרטען? אָט זאָגט שלום אַש, אַז בעת ער וואוינט אין אַמעריקע ציהט איהם מעהר ווי אַלץ צו באַארבייטען זיינע איינדרוקען פון פוילען, און ווי נאָר ער פאָהרט אריבער קיין פוילען, הויבט זיין מוזע אָן צו שוועבען איבער די גרויסע אידישע ישובים פון ניו יאָרק, פילאַדעלפיע און שיקאַגאָ... די גרויסע אידישע ישובים זיינען איצט נעהנטער געוואָרען איינער צום אַנדערען. פון וואַרשע קיין ניו יאָרק איז איצט דער וועג אַ סך גיכער און ניט אין ערך לייכטער, ווי אַמאָל פון ווילנע קיין פּראַג. אונזער דיאַספּאָראַ איז גע־וואָרען גרעסער, איידער ווען עס איז פריהער, אָבער איהרע איינצעלנע טיילען זיינען געוואָרען נעהנטער, ענגער צונויפגעבונדען און ווירקען שטאַרקער איינע אויף די אַנדערע, ווי ווען עס איז פריהער. מיר האָבען היינט ניט וועניג אַזעלכע שרייבער און טוער, וואָס זיינען אין פּאַריז און אין ניו יאָרק פּונקט אַזוי אין דער היים, ווי אין קיעוו, מינסק אָדער וואַרשע; זייער היים איז די גאַנצע אידישע דיאַספּאָראַ.

2.

און איצט וועגען העגעמאָניע. די יעווסעקען און זייערע חסידים און אונטער־שטופּער אין אַלע לענדער פאַרזיכערען אונז, אַז רוסלאַנד איז איצט די אַקס, ארום וועלכער עס דרעהט זיך די גאַנצע וועלט און ממילא מוז מאָסקווע האָבען די העגעמאָניע איבער דער אידישער ליטעראַטור. רוסלאַנד, שרייען זיי, איז דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד פון דער צוקונפט, אַ לאַנד איבער אַלע לענדער; די אידען, וואָס האָבען די זכיה דאָרטען צו וואוינען, זיינען די בכורים פונ׳ם אידישען פאָלק, דאָס אויבערשטע פון שטויסעל. די אידישע שרייבער פון גאָר דער וועלט מוזען זיך אָריענטירען אויף רוסלאַנד, אויף איהרע אָרדנונגען און שטרעבונגען; די אידען פון אַנ־דערע לענדער זיינען בלויז אַ טפל און פאַרדינען ניט, מ׳זאָל זיך מיט אַז אָפּגעבען.

ווי איז דער אמת — האָט טאַקע מאָסקווע אזא גרויסע, אזא איבערוועגנדע השפּעה אויף אונזער ליטעראַטור? איך בין זיכער, אַז ניט. די גרויסע מערהייט פון אונזערע שרייבער קאָנען זיך לייכט באַגעהן אָהן וועלכער ניט איז אָריענטאַציע. זיי „זינגען, ווי דער פויגעל זינגט", אָדער זיי אָריענטירען זיך אַלע טאָג אויף אַן אַנדער זייט, פון וואַנען דער ווינט בלאָזט. פאַראַנען אַ מינדערהייט, וועלכע קאָן אָהן אַן אידעאַל ניט אויסקומען, אָריענטירט זיך אַ טייל פון דער דאָזיגער מינדערהייט אויפ'ן ציוניזם. צווישען דעם איבעריגען טייל זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס אָריענטירען זיך אויף רוסלאַנד, אָבער אין פאַרגלייך מיט דעם גאַנצען סכום אידישע שרייבער זיינען זיי נאָר אַ מינדערהייט פון אַ מינדערהייט.

איך זאָג ניט, אַז די געשעהענישען פון די לעצטע 12—10 יאָהר, די מלחמה, די אידישע צרות, די רעוואָלוציעס (מאָסקווע אריינגערעכענט) האָבען גאָר ניט געהאַט קיין השפּעה אויף דער אידישער ליטעראַטור. זיי האָבען איבערגעלאָזען אַ רושם. און ניט דוקא בעת מ'שרייבט דירעקט וועגען רעוואָלוציע, סאָציאַליזם און פּראָלעטאַריאַט. וועגען וואָס אַ באַדייטענדער שרייבער זאָל די לעצטע יאָהרען ניט האָבען געשריבען, מעג זיין טעמע זיין ווי ווייט פון די אַקטועלע געשעהענישען, פיהלט זיך אין דעם אַ געוויסער קנייטש, אַן אָפּקלאַנג פון ווייענישען פון אַ וועלט, פון די גרויסע האָפענונגען און גרויסע אַנטוישונגען פון אונזער דור. אָבער, ערשטענס, איז געווען דער רושם ניט פון מאָסקווע אַליין, נאָר פון'ם גאַנצען קנויל געשעהענישען; צווייטענס, בין איך זיכער, אַז די ענטוישונג אין מאָסקווע האָט איבערגעלאָזען אויף דער ליטעראַטור ניט קיין קלענערען רושם, ווי דער גלויבען אין איהר.

מ'קאָן דאָך ניט באַצייכענען, ווי אַ זיג פון דער אָריענטאַציע אויף רוסלאַנד דאָס, וואָס אַ פּאָר פּאָעטישע שרייער דעקלאַמירען אויפגעשרויפטע אָדעס לכבוד רוסלאַנד. אַזעלכע קלוגע יעווסעקען, ווי מ. ליטוואַקאָוו פאַרשטעהען עס און נעמען די דעקלאַמאַטאָרען ניט ערנסט. ניט אַלע, וואָס שפּרינגען אין מיטען מאַרק קדוש פאַר'ן קאָמוניזם, קאָנען אַריין אין דעם קאָמוניסטישען גן־עדן. און ווען אַזאַ קאַבאַרעט־טאַלענט ווי משה נאַדיר, וואָס שטעקט אַרויס אַ צונג יעדען אידעאַל און אָטעמט מיט הפקר, וואַרפט מיטאַמאָל אַוועק די מלאכה פון פלעכטען פוסטע ווערטער אין קרענצלאַך, אָדער קיצלען די תאוה ביי בעלנים און הייבט אָן זאָגען דעם גרויסען הלל לכבוד מאָסקווע, דערצעהלט פון דאָרטען מעשיות, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען און פאַרזיכערט אונז, אַז עס איז אַ חרפּה פאַר איינעם ניט געבוירען צו ווערען אין רוסלאַנד — ווייסען אפילו די, וואָס האָבען איהם געשיקט, אַז דאָס איז אַ ברחן, וואָס זינגט היינט אויף איין חתונה און קאָן מאָרגען מיט דעם זעלביגען כח זינגען אויף אַן אַנדער חתונה. אָדער ווען אַזאַ זיידענער יונגערמאַנטשיק, ווי מנחם, וועלכער איז בטבע קאַלט ווי אַ שטשאַוו צו אַלע אידעען און באַוועגונגען, שוועבט זיך דורך צוויי־דריי וואָכען איבער'ן גרויסען רוסלאַנד און דערנאָך פאַרגלאָצט ער די אויגען און האַלט בוימעלדיג־סענטימענטאַלע רעדעס וועגען די גליקען, מיט וועלכע די יעווסעקען זיינען מזכה דאָס פאָלק ישראל — איז ביי קיינעם קיין ספק ניט, אַז דאָס איז מעהר ניט ווי אַ מאָדע, רחמנא ליצלן, פון וועלכער מ'קאָן ניט אָפּשטעהן, פונקט ווי עס איז פריהער געווען אַ מאָדע אויף „דזשאָינט" און מלחמה קרבנות. אָדער אפשר פאַרשרייבען אויפ'ן חשבון פון מאָסקווער העגעמאָניע דאָס, וואָס אַזאַ ריינער ליריקער און אויסגעשפּראָכענער געגנער פון סאָציאַלער פּאָעזיע ווי מאַניע לייב איז אַוועק אין דער „פריהייט" ווייסען דאָך אַלע, אַז פאַר איהם איז עס מעהר ניט, ווי אַן אָרט, וואו זיך צו דרוקען; בשום אופן ניט קיין אידעאישע פאַרבינדונג; און דאָס איז אַ מענש, וואָס איז בכלל ניט קיין גרויסער איבערקלייבער, מיט וועמען צום טיש צו געהן.

געווים פאַרמאָגען מיר אויך אַזעלכע, וואָס אָריענטירען זיך באמת אויף מאָסקווע. אָבער צווישען זיי זיינען פאַראַנען ניט קיין סך הונדערט־פּראָצענטיגע קאָמוניסטען, וואָס זיינען גרייט צו שווערען פולע טרייהייט צו די יעווסעקען. אָט האָט דער פּאָעט לייוויק געהאַט דעם מוט אין מאָסקווע און דאָ צו זאָגען זיי ביטערע

אמת'ן אינדי אויגען, און עס קימערט איהם ווייניג, וואָס אַלגין אָדער שכנא וועלען איהם ערקלעהרען פאַר אַ קליינבירגער און אַ געשריי טאָן: מי שמך — ווער האָט דיר געגעבען דאָס רעכט זיך צו מישען?

און דוקא אָט די אויפריכטיגע סימפּאַטיקער פון מאָסקווע זיינען געגנער פון דער אזוי גערופענער העגעמאָניע. זיי ווילען זיך ניט גלייכען צו די ציוניסטען, ווילען ניט מאַכען פון רוסלאַנד קיין צווייטע פּאַלעסטינע. ביי יענע איז איין איד אין תל־אביב וויכטיגער פאַר 100 אידען אין ווילנע. דוד בערגעלסאָן, אַלכסנדר כאַשין (להבדיל צווישען אַ גרויסען טאַלאַנט מיט אַ ווינד־מיל!) און די איבעריגע, וואָס געהען „אין שפּאַן" ביי מאָסקווע, האַלטען אויך, אַז אַלע אידישע קבוצים זיינען פאַראורטיילט אויף גסיסה, זיי זיינען מעהר ניט פעהיג צו שאַפען גרויסע זאכען און נאָר פון רוסלאַנד וועט קומען ליכט, פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

גראָד צווישען די אויפריכטיגע סימפּאַטיקער פון מאָסקווע געפינען זיך אַזעלכע, וואָס האַלטען מיט אונז, אַז פאַר דער אידישער ליטעראַטור זיינען נישטאָ, ניט קיין אויסדערוועהלטע, ניט קיין ארויסגעוואָרפענע לענדער. אומעטום, וואו גרעסערע אידישע מאַסען לעבען, ארבייטען, קעמפען, געניסען און שאַפען קולטור — זיינען זיי פאַר אונז וויכטיג, שמידען זיי צו אונזער שעפערישע אויפמערקזאַמקייט.

יאָ, מאָסקווע איז פאַר אונז פונקט אזוי ווייניג בת יחידה, ווי תל אביב. ניט קיין בת־יחידה און אפילו ניט דער וויכטיגסטער צענטער. היינט האָבען מיר בכלל ניט אַזאַ צענטער. און מאָרגען — ווער ווייס? די, וואָס זיינען היינט די לעצטע, קאָנען מאָרגען ווערען די ערשטע.

אידישער טעאַטער אין 1925–1926

פון דר. א. מוקדוני

אמעריקא.

דאָס יאָהר 1925—1926 איז דאָס שפּע'דיגסטע אין דער געשיכטע פון דעם אידישען טעאַטער: 23 אידישע טעאַטערס זיינען דאָס יאָהר געווען אין אמעריקא און פון זיי 13 אין ניו יאָרק.

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז דער וואוקס פון דעם אידישען טעאַטער פאַר די לעצטע יאָהרען איז דער פועל יוצא פון דער גרויסער מאַטעריעלער שפּע, מיט וועלכער דאָס אַמעריקאַנער אידענטום איז געבענשט. די אַמעריקאַנער „פּראָספּע־ריטי", וועלכע ווערט אויסגעלאַכט אין פעליעטאָנען און ווערט באַצווייפעלט פון פּעסימיסטישע עקאָנאָמיסטען, איז דאָך אַ פאַקט. די „פּראָספּעריטי" לאָזט זיך ממש אָנטאַפען מיט די הענט ביי דער אידישער באַפעלקערונג; ווי דורך אַ כשוף איז אין אַ קורצער צייט אויפגעקומען אַ זעהר וואוילהאַבענדיגער אידישער מיטעל־קלאַס. די גרויסע מאַטעריעלע שפּע האָט זיך אָנגעהויבען אין דער צייט פון דער מלחמה און זי האַלט נאָך אָן ביז היינטיגען טאָג.

אין דער מאַטעריעלער שפּע איז אויסגעוואַקסען שטאַרק דער פאַרלאַנג נאָך פאַרוויילונג. דער געוועזענער פאַרוואָגעלטער עמיגראַנט איז געוואָרען אַ זעהר פלייסיגער טעאַטער געהער. די אידישע באַפעלקערונג פון ניו יאָרק גיט דעם גרעסטען פּראָצענט טעאַטער־געהער, אַ חוץ, וואָס זי פיהלט אָן די 13 אידישע טעאַטערס, שטעלט זי צו דעם גרעסטען טייל פון די טעאַטער־געהער אין די ענגלישע טעאַטערס.

דער איד איז פון קדמונים ניט געווען קיין שטוב־זיצער. פון אייביג אָן האָט דער איד געזוכט קאָלעקטיווע איבערלעבונגען. רעליגיעזע איבערלעבונגען

זיינען געווען כסדר צבור'דיגע. פון אייביג אן א שטאדטישער עלעמענט, האט ער ניט געלעבט ביחידות. ער האט מיט קהל דורכגעלעבט אלע פראבלעמען אלע וויכטיגע לעבענס-ערשיינונגען, אלע האפנונגען און אלע פאליטישע און נאציאנאלע אויפטרייסלונגען.

אין זיין נייעם לעבען, אין אמעריקא, האט ער זיך א ווארף געטאן צום טעאטער, וואו ער זוכט קאלעקטיווע איבערלעבונגען. ער איז דער בעסטער טעאטער-געהער. מען פיהלט איהם שטארק אין טעאטער, טומלדיג, אביסעל נערוועז, געניסט ער א טעאטער-פארשטעלונג; ער לאכט הילכיג ביי א קאמעדיע, ער וויינט מיט הייסע טרעהרען ביי א מעלאדראמע. ער נעהמט אויף מיט ברען די סאציאלע קאנפליקטען פון א סאציאלע דראמע און די קלענערע קאנפליקטען פון דער פאמיליען-דראמע.

וועגען א אידישען טעאטער לעבען קאן מען אבער יידען בלויז אין ניו יארק. אין דער פראווינץ איז דאס אידישע טעאטער לעבען זעהר בלאס און האט א זעהר קליינע ווירקונג אויף דעם אידישען לעבען. די פראווינץ שפייזט זיך מיט די ברעקלאך פון דעם ניו יארקער אידישען טעאטער. דארט ווייזט דער טעאטער ניט ארוים קיין זעלבסטשטענדיגקייט און קיין אייגענארטיגקייט. בכלל איז די פראווינץ א שוואכע און אפט א פארקריפעלטע אפשפיגלונג פון דעם טעאטער-לעבען איז ניו יארק.

אין ניו יארק זיינען קאנצענטרירט די בעסטע שוישפילער. ניו יארק איז די הויפט-שטאדט פון דער אידישער קולטורעלער טעטיגקייט. אזוי ארום זיינען די 12 טעאטערס אין דער פראווינץ בלויז די שיריים פון דעם רייכען טעאטער-לעבען אין ניו יארק. די טעאטערס אין דער פראווינץ געפינען זיך מייסטענס אין א צושטאנד פון גסיסה, אין א צושטאנד פון ביטערען יאוש און טיפער אפאטיע. דאס טעאטער-לעבען אין דער פראווינץ איז דער סאמע אומגעזונדסטער. א נס, וואס די ניו יארקער טעאטערס לאזען זיך אוועק צום סוף פון יעדען טעאטער-סיזאן איבער דער פראווינץ און מונטערען אביסעל אויף דאס פארשלאפענע און אפהענדיגע טעאטער-לעבען. די באזוכען פון די ניו יארקער טעאטערע אין די פראווינץ-שטעדט ווערען כסדר געקרוינט מיט א גרויסען מאטעריעלען און מא-ראלישען ערפאלג און דאס באווייזט, אז די פראווינץ וואלט געקענט האבען גוטע טעאטערס, ווען די טעאטער-פראפעסיע וואלט געווען וויטזיכטיגער און קליגער ארגאניזירט.

אזוי ארום קאן מען ריידען בלויז וועגען דעם אידישען טעאטער אין ניו יארק. דא, לכל הפחות, האט דער טעאטער א פעסטען עקאנאמישען באדען און דא ווערט זיין קינסטלערישער געשטאלט אויסגעפורימט.

* * *

דער אידישער טעאטער האט אנגעהויבען פאר די לעצטע יאהרען זיך צו דיפערענצירען און צו ספעציאליזירען. ער האט שוין כמעט זיינע טראדיציאנעלע גרופירונגען. עס וועט שוין זיין כמעט פריקרע, אז א טעאטער, וואס שפילט היינט א מעלאדראמע זאל זיך נעמען שפילען „א ליטעראַרישע" דראמע, עס קאן שוין ניט געמאלט זיין, אז א טעאטער, וואס שפילט אפערעטעס, זאל זיך נעמען שפילען דראמעס.

די 13 טעאטערס, וואס האבען געשפילט אין דעם פארגאנגענעם יאהר, זיינען צוטיילט אין דריי גרופען און יעדע גרופע האלט זיך פעסט פאר איהר רעפערטואר. די גרעסטע גרופע שפילט מעלאדראמעס, א קלענערע גרופע שפילט אפערעטעס און נאך א קלענערע גרופע שפילט מאדערנעם רעפערטואר און ווענדעט אן מאדערנע מעטאדען ביי די אויפפיהרונגען.

בראש פון דער מעלאדראמאטישער גרופע שטעהט דער פיפלס טעאטער. דאס איז, אזוי צו זאגען, די היים פון דער מעלאדראמע. דארט ווערט די מעלאדראמע מיט באוואוסטזיניגקייט קולטיווירט. דער פיפלס טעאטער האט אויסגעארבייט

א שטרענגען נוסח, א פעסטע פאָרם און א באַשטימטע טענדענץ. דער נוסח איז, ווי די וויסענשאַפטליכע טערמינאָלאָגיע רופט איהם — לאַרמאַיאַנט (וויינענדיג), די פאָרם איז — די אבסאָלוטע צופעליגקייט פון די קאָנפליקטען און די טענדענץ איז — דער טריאומף פון דער גערעכטיגקייט, בירגערליכער אָפּטימיזם און בירגער־ליכע מאָראַל.

אין פיפּלס טעאַטער איז די מעלאָדראַמע דריין פון אנדערע עלעמענטען, זי רייסט זיך ניט אריין אין דעם גרעניץ פון דער אָפּערעטע. אין די אַנדערע טעאַטערס פון דער דאָזיגער גרופּע איז ניטאָ קיין שטרענגע אויסגעהאַלטענקייט. אין דער מעלאָדראַמע זיינען דאָ געזאַנגס־נומערן, טענץ און אנדערע עלעמענטען פון דער אָפּערעטע.

אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר זיינען אין פיפּלס טעאַטער אויפגעפיהרט גע־וואָרען מיט גרויסען מאַטעריעלען ערפאָלג פיער מעלאָדראַמעס: „וואָס וועלען מענשען זאָגען", „די געשיכטע פון א ליבע", „דאָס אַנטלאָפענע מיידעל" און „אַ פרוי פון דער וועלט". די דאָזיגע פיער מעלאָדראַמעס געהערען צו פאַרשידענע מחברים, אָבער דער ריכטיגער פאַרפאַסער, וואָס האָט זיי געשריבען, אָדער, וואָס האָט זיי צוגעפּיקסט צו זיין טעאַטער, איז מאַקס גאַבעל.

נאָך דעם פיפּלס טעאַטער קומען: האָפּקינסאָן טעאַטער, מעקינלי סקוועָר טעאַטער, אמפּיאָן טעאַטער (איצט פאַרמאַכט), ליריק טעאַטער, גרענד־טעאַטער (איצט פאַרמאַכט) און לענאָקס טעאַטער.

דאָס זיינען טעאַטערס, וואָס שפּילען הויפּטזעכליך מעלאָדראַמעס, אָבער זיי האַלטען זיך ניט שטרענג ביי דעם מין רעפּערטואַר. די דערמאָנטע טעאַטערס געפינען זיך אין פאָרשטעדט פון ניו יאָרק, און זיי דאַרפען באַפרידיגען דעם געשמאַק און די נאָכפראַגען פון די פאַרשידענע גרופּען פון דער באַפעלקערונג.

דער האָפּקינסאָן טעאַטער שפּילט דעם סאַמע פאַרשיידענאַרטיגסטען רעפּער־טואַר, אָנהויבענדיג פון מעלאָדראַמע און ענדיגענדיג מיט דעם מאָדערנעם רעפּער־טואַר. דער האָפּקינסאָן טעאַטער שפּילט אויך אָפּערעטעס.

פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר האָט דער האָפּקינסאָן טעאַטער, וואָס האָט עטלאַכע שוישפּילער, וועלכע האָבען געשפּילט אַ מאָדערנעם רעפּערטואַר, דורכגע־לופען אין מיטען־דער־וואָך אַ פּאָר צעהנדליג דראַמעס פון אַזעלכע מחברים ווי ל. קאָברין, פּרץ הירשביין, שלום אַש און אַנדערע. אין די טעג פון פרייטאַג, שבת און זונטאַג זיינען געשפּילט געוואָרען די מעלאָדראַמעס „פאַרשפּילטע יוגענד", „דערצער צו פאַרקויפען" און אַן אָפּערעטע „מאַשקאַ", וואָס איז בעצם אַ מעלאָ־דראַמע מיט געזאַנג און טענץ. מיט דעם גרעסטען קינסטלערישען ערפאָלג האָט דער דאָזיגער טעאַטער געשפּילט ה. קאַלמאַנאָוויטש'עס פאָלקס־שטיק „שטיפ־מאַמעס". איצט ווערט געשפּילט „אין די גאַסען פון ניו יאָרק" און אַנד.

עהנליך צו האָפּקינסאָן טעאַטער איז געווען דער אמפּיאָן טעאַטער, וואָס האָט אויך געהאַט אַ געוויסע צאָהל שוישפּילער פון בעסערען טעאַטער. דאָרט האָט מען אויך געשפּילט אין מיטען־דער־וואָך ליטעראַרישען רעפּערטואַר און אין די טעג פרייטאַג, שבת און זונטאַג אַ לייכטערען רעפּערטואַר. דער דאָזיגער טעאַטער האָט אויפגעפיהרט אַ גאַנצע רייהע פּיעסען פון ז. ליבין: „געקויפטע יוגענד", „שאָ־טענס פון ליבע", „איהר ערשטער חתן", „דער הפקר יונג", „בלינדע ליבע" און „גלויב דיין פרוי". אין אמפּיאָן טעאַטער האָט מען אויך פּרובירט אויפפיהרען אָפּערע־טעס און מעלאָדראַמעס. די פּילזייטיגקייט פון דעם דאָזיגען טעאַטער האָבען איהם ניט אַרויסגעהאָלפען און אין אָנהויב פון דעם היינטיגען סעזאָן איז ער שוין געווען פאַרמאַכט.

* * *

אין לענאָקס־טעאַטער זיינען געשפּילט געוואָרען אָפּערעטען, מעלאָדראַמעס, דאָס נעמליכע אויך אין גרענד־טעאַטער, אין ליריק טעאַטער און אין מעקינלי־סקוועָר טעאַטער. אין די דאָזיגע טעאַטערס זיינען די מעלאָדראַמעס געווען מייסטענס פון

א זעהר נידעריגער ליטעראַרישער מדרגה און אגב זיינען זיי אויפגעפיהרט געוואָרען אין גרויס איילעניש איינע נאָך די אנדערע, אז קיין שוישפּילער פלעגט ניט באַוויזען צו אנוואָרעמען זיין ראָלע. אזוי זיינען אויך געווען די אָפּערעטעס און די אנדערע מינים פון דער טעאַטער־ליטעראַטור.

אין די דאָזיגע טעאַטערס האָבען זיך די שטיק ניט געהאַלטען לאַנג, אין די מייסטע פעלע פלעגען זיי געהן איין וואָך, אמאָל צוויי, אָדער העכסטענס דריי וואָכען און פון אזא איילעניש קען, פאַרשטעהט זיך, עפּעס רעכטס ניט ארויסקומען.

וועגען א סיסטעמאַטישען רעפּערטואַר און וועגען ערנסטע און איינגעשטודירטע אויפפיהרונגען קען אין די דערמאָנטע טעאַטערס גאָר קיין רייד ניט זיין. די דאָזיגע טעאַטערס האָבען ניט קיין באַשטימט טעאַטער־פּובליקום וואס האָט וועלכע עס איז קינסטלערישע פאָדערונגען. דאָס איז א פּובליקום, וואס פאַלט אריין צופעליג אין טעאַטער, עס איז א פּובליקום, וואס איז אין דעם טעאַטער־זין זעהר פּראָווינציעל און זעהר נאַאיוו.

האָבען מיר בעצם אין סאַמע ניו יאָרק א שטיק פּראָווינץ מיט פּראָווינציעלע טעאַטערס.

* * *

די אָפּערעטע האָט איהר צוויי פעסטע טעאַטערס: דער סעקאָנד עוועניו טעאַטער און דער נעשאָנאַל־טעאַטער.

דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר איז געווען א מזל ברכה'דיג יאָהר פאַר די דאָזיגע צוויי טעאַטערס. דער סעקאָנד־עוועניו־טעאַטער האָט דורכגעמאַכט דעם סעזאָן מיט צוויי שטיק: „קאַטינקא", „מאַלי דאַלי". און איצט געהט מיט גרויס אימפּעט די אָפּערעטע „דער קליינער מזיק".

דער נעשאָנאַל טעאַטער האָט אנגעהויבען דעם פאַרגאַנגענעם סעזאָן מיט דער אָפּערעטע „מאָדעלס פון ליבע" און האָט איהם געענדיגט מיט „וואָלאָדקא און אדעס". פון אָנהויב פון דעם היינטיגען סעזאָן איז דער נעשאָנאַל טעאַטער אריבער צו זיינע בעלי־הבתים און דער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער פּרעכטיגער אָפּערעטע „סטודענט־פּרינץ", וועלכער האָט, ליידער, ניט מאריך ימים געווען צוליב די גרויסע קאָסטען פון דער אויפפיהרונג און אגב אויך צוליב דער ניט דערוואַקסענקייט פון דעם פּובליקום פאַר אזא פיינער מוזיק און פאַר אזא צאַרטער און שעהנער ליברעטאָ. נאָך דעם „סטודענט־פּרינץ" איז מיט א מיטעלען ערפאָלג געשפּילט געוואָרען ה. קאַלמאַנאָוויטש'עס „שטיף־מאַמעס". איצט ווערט געשפּילט א נייע אָפּערעטע מיט'ן נאָמען „אין גאָרטען פון ליבע".

די טרופּע פון נעשאָנאַל־טעאַטער איז צייטווייליג אריבער אין דעם ליבערטי־טעאַטער און האָט אָנגעהויבען דעם סעזאָן מיט אַן אָפּערעטע „סיאָמקע האָט חתונה". דער ערפאָלג איז געווען ניט זעהר קיין גרויסער און איצט ווערט דאָרט געשפּילט א מעלאָדראַמע „די צובראָכענע היים".

אין אָנהויב פון דעם פאַרגאַנגענעם סעזאָן האָט אין דעמזעלבען טעאַטער געשפּילט אַן אָפּערעטען־טרופּע מיט מיכאַלעסקאָ בראש. אָבער זי האָט אויך קיין גרויסען ערפאָלג ניט געהאַט. דער פּרוב צו קאָנקורירען מיט ניו יאָרק אין זיינע פאָרשטעדט אויף דעם געביט פון אָפּערעטע האָט זיך ניט איינגעגעבען.

די אָפּערעטען־טעאַטערס זיינען דערווייל אויך ניט אינגאַנצען קיין שטרענגע אָפּערעטען־טעאַטערס. אין מיטען־דער־וואָך שפּילט מען דאָרט מעלאָדראַמעס. דער נעשאַנאַל־טעאַטער וויל נעמען די מעלאָדראַמע אביסעל ערנסטער, אָבער ער גיט זיך פאָרט אָפּ דער עיקר מיט אָפּערעטע.

די אָפּערעטען פאַר'ן פאַרגאַנגענעם יאָהר זיינען נאָך מעהר אמעריקאַניזירט. די אידישע אָפּערעטע דערנעהנטערט זיך וואס ווייטער אַלץ מעהר צו דער אמעריקאַנישער מיוזיקעל־קאָמעדיע. זי פאַרמאָגט ניט, אמת, דעם רייכען, בלענדענדיגען לוקסוס אין דער אויסשטאַטונג, וואס די בראָדווייער אמעריקאַנישע מוזיקאַל קאָמעדיע פאַרמאָגט, אָבער לויט'ן אינהאַלט, לויט איהרע השגות איז זי שוין אזוי גוט ווי אמעריקאַניש.

די אידישע אָפּערעטע זוכט ווי אַלע אָפּערעטעס, די יונגע טעאַטער־געהער, די יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבען ליב טאַנצען, וואָס כאַפּען אויף אַ קופּלעטעל, און וואָס נעמען אויף שטיפערישע מאַנירען. דער יונגער אידישער עולם איז אַמעריקאַניזירט און צוליב זיין כבוד וועגען ווערט די אידישע אָפּערעטע אַמע־ריקאַניזירט. פון דער אידישער אָפּערעטע ווערט ביסלעכווייז ארויסגעדריכערט אפילו די אידישע שפּראַך: אַ גוטע העלפט פון דעם פּראָלאָג איז ענגליש. אָבער פון דער אַנדער זייט ווערט די אָפּערעטע אויסערליך שעהנער און ציהט צו ניט בלויז דעם יונגען עולם אַלס טעאַטער־באַזוכער. זי ציהט צו נייע יונגע קרעפטען פאַר דער סצענע: פאַר דער לעצטער צייט האָט די אידישע אָפּערעטע באַקומען יונג און פריש בלוט; נייע יונגע זינגער און זינגערינס און יונגע קרעפטען אין כאָר.

* * *

אַ טעאַטער, וואָס האָט געוואָלט האָבען זיין אייגענעם קאָמעדישען רעפּערטואַר, איז געוועזן דער אוירווינג פּלייס טעאַטער. דער סטאַר פון דעם דאָרטיגען טעאַטער איז געוועזן אין דעם פאַרגאַנגענעם סעזאָן, לודוויג זאַץ, וואָס איז הויפּטזעכליך אַ קאָמעדיען־שוישפּילער. אָבער דער דאָזיגער טעאַטער האָט ניט געקענט געפינען דעם ריכטיגען וועג זיינעם; ער האָט ניט געקאָנט שאַפען פאַר זיך דעם נויטיגען רעפּער־טואַר. האָט ער גענומען מעלאָדראַמעס פון דעם סאַמע געוועהנליכען מין און זיי פאַרקאָמעדיעוועט אויף אַ זעהר פּרימיטיווען אַקטיאָרישען אופן. פאַר'ן סעזאָן זיינען אויפגעפיהרט געוואָרען פאָלגענדע שטיק: „דער פרעהליכער חזן", פון משה ריכטער, „אַ מיליאָנער אויף צרות", אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע מיט'ן נאָמען „אין פרעמדע קליידער".

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס לודוויג זאַץ איז אַ זעהר פּאָפּולערער און אַ זעהר באַליבטער אַקטיאָר האָט דער אוירווינג פּלייס טעאַטער ניט געהאַט ניט קיין מאַטע־ריעלען און ניט קיין מאָראַלישען ערפאָלג, און דאָס ערקלערט זיכער די אומפעהיגקייט צו שאַפען דעם פּאַסענדען רעפּערטואַר.

גאָר אַן אַנדער גרופּע, וואָס איז לחלוטין ניט עהנליך צו די דערמאָנטע טעאַטערס, שטעלט מיט זיך פאָר דער אידישער קונסט־טעאַטער, דער שילדקרויט־טעאַטער, וואָס האָט געשפּילט דעם דאָזיגען סעזאָן אין אַ קליין טעאַטערל אין בראָנקס, דער נייער אוירווינג פּלייס טעאַטער, וואָס האָט זיך געעפענט אין דעם אָנהויב פון דעם היינטיגען סעזאָן אונטער דער דירעקציע פון יעקב בן־עמי און טיילווייז אויך דער ליפּצין־טעאַטער אין וועלכען עס שפּילט איצט די ווילנער טרופּע.

די דאָזיגע גרופּע פון טעאַטערס שטעלט מיט זיך פאָר דעם נייעם אידישען טעאַטער־דור, עס איז דער נייער טעאַטער־דור, וואָס זוכט נייע וועגען אין דער טעאַטער־קונסט, וואָס אָריענטירט זיך אויף די נייע שטרעבונגען און ריכטונגען אין דעם מאָדערנעם אייראָפּעאישען טעאַטער און אויף דעם אידישען קינסטלערישען רענעסאַנס אין דער דיכטונג, אין דער מאַלעריי און אין דער פּלאַסטיק.

די דאָזיגע גרופּע איז נאָהענט צו דער גרופּע פון די אידישע טעאַטערס, וועלכע זיינען אויפגעקומען אין אייראָפּע פאַר די לעצטע יאָהרען, ווי: די „הבימה", דער מאָסקווער אידישער קאַמער־טעאַטער, דער וואַרשעווער קונסט־טעאַטער אונטער דער לייטונג פון טורקאָוו און אַנד.

דער אידישער קונסט־טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון מאָריס שווארץ האָט צוליב אויסערליכע סבות ניט געקענט פאָרזעצען זיין פּרוכטבאַרע טעטיגקייט מיט דערזעלביגער פלייסיגקייט און ערפאָלג ווי אין די פריהערדיגע סעזאָנען. דער קונסט־טעאַטער האָט געמוזט שפּילען דעם פאַרגאַנגענעם סעזאָן אויף בראָדוויי, אין אַ פרעמדער סביבה, אין ניט גינסטיגע שכנות און אין אַ זעהר ניט באַקוועמען טעאַטער.

דער קונסט־טעאַטער האָט געעפענט דעם סעזאָן אין נאָראַ־בעיס טעאַטער מיט אַן אַלט שטיקע פון פּאָול הויזע, „שאול המלך". אין דער דאָזיגער אויפיהרונג האָט דער קונסט־טעאַטער אריינגעלייגט זעהר פיל ארבייט און אַ תהום פון קינסטלערישער ענערגיע, אָבער די אויפיהרונג איז ניט געווען קיין געראָטענע. דאָס שטיק אַליין איז פּסוידאָ־קלאַסיש אָנגעבלאָזען. זי איז ניט ריהרעוודיג און ניט באַוועגליך און אָהן

א טיכטיגע אָפּעראַציע אין טעקסט איז זי פאר דעם מאָדערנעם טעאטער לחלוטין נים שפּילבאר. אגב איז דער ביבלישער טאָן פאר דער אידישער ביהנע, אפילו פאר דער בעסערער, א צו־היימישער און דער אידישער שוישפּילער פּאַלט אריין אָדער אין דעם היימישען חדר־טאָן, אָדער אין דעם פרעמדען פּסוידאָ־קלאַסישען טאָן. גרויסע פּעהלערען זיינען געמאכט געוואָרען אויך אין דער פארטיילונג פון די ראָליען, ניט אָריגינעל און כמעט באנאל איז געווען אויך די אויסשטאַטונג.

דער פּועל יוצא איז געווען, אז די גרויסע אנשטרענגונג האָט זיך געענדיגט מיט א זעהר יאָמערליכען דורכפאל.

דער קונסט־טעאטער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען מיט א לייכט שטיק, וואָס פּאָדערט ניט קיין ערנסטע פּאַרבאַרייטונג און ער האָט אויפגעפיהרט א לייכטע קאָמעדיע „שעקספּיר און קאָמפּ.", פון אן אנאָנימען מחבר. דאָס שטיק איז שוין געווען צו־באַנאַל ,צו־קליין און צו־נישטיג פאר'ן קונסט־טעאטער. די דאָזיגע אויפּ־פיהרונג איז געווען א פּחיתת־הכבוד פאר דעם בעסטען אידישען טעאטער אין אמעריקע. דאָס האָט געפיהלט די אידישע טעאטער־קריטיק און מיט איהר אויך דער בעסערער אידישער טעאטער־עולם, וואָס איז קאָנצענטרירט ארום דעם קונסט־טעאטער. דאָס שטיק איז באַלד אראָפּגענומען געוואָרען.

נאָך די צוויי שווערע דורכפאַלען האָט דער קונסט־טעאטער זיך ווידער געפונען און עס הויבט זיך אָן א רייהע פון פּרעכטיגע אויפפיהרונגען. עס ווערט אויפגעפיהרט ס. יושקעוויטש'עס „דער לופט־מענש" און ד. קלאָבענד'ס פּראַכטפולע כינעזישע מעשה'לע „דער קרייד־צירקעל". די דאָזיגע צוויי אויפפיהרונגען האָבען דעם קונסט־טעאטער אוועקגעשטעלט אויף דער געהעריגער קינסטלערישער הויך. נאָך אן אויפּ־פיהרונג פון א שטיק, כאָטש עס איז געווען אויף א זעהר קורצער צייט, דאַרף דאָ דערמאָנט ווערען. דאָס איז די אויפיהרונג פון ה. סעקלער'ס מיסטערישע חסידישע בייקע, „דעם צדיק'ס נסיעה". עס איז איינע פון די בעסטע חסידיש טעאטער־שטיק אין דעם אידישען רעפּערטואר. עס איז פול מיט פיינעם הומאָר, מיט לעגענדאַרישען רייז און מיט פאָלקסטימליכקייט פון גאר א העכערען ארט.

א חוץ די נייע אויפפיהרונג האָט דער קונסט־טעאטער געשפּילט א סך פּיעסען פון זיין אַלטען רעפּערטואר. עס איז אָפּגעפרישט געוואָרען די אויפפיהרונג פון ה. לייוויק'ס „שמאַטעס" און אנדערע שוין געשפּילטע שטיק.

אין דעם אָנהויב פון דעם היינטיגען סעזאָן האָט זיך דער קונסט־טעאטער אריינגעצויגען אין זיין נייער פּראַכטפולער היים און האָט געעפענט דעם סעזאָן מיט א גרויסער אויפפיהרונג פון אברהם גאָלדפאַדען'ס „לא תחמוד".

צום ערשטען מאָל אז אין דעם אידישען טעאטער אין אמעריקע ווערען צוגעצויגען צו אָן אויפיהרונג די בעסטע קינסטלערישע כוחות וואָס מיר פּאַרמאָגען, די דעקאָ־ראַציעס זיינען קאָנסטרואירט פון דעם יונגען און טאַלאַנטפולען טעאטער־מאָלער, ב. אהרנסאָן. די מוזיק איז בעארבייט געוואָרען פון איינעם פון די בעסטע און מאָדערנסטע אידישע קאָמפּאָזיטאָרען, פון אחרון. די טענץ זיינען איינגעשטודירט פון איינעם פון די גרעסטע מייסטערס אויף דעם דאָזיגען געביט—פון מישעל פאָקין. א חוץ דעם זיינען די שוישפּילערישע קרעפטען, וואָס דער קונסט־טעאטער האָט קאָנצענטרירט, די בעסטע, וואָס מיר פאַרמאָגען.

אזוי ארום איז דורך א וואונדערליכען קאָלעקטיוו פון קינסטלער געשאַפען געוואָרען א גרויסער ספּעקטאַקעל, א ספּעקטאַקעל, וואָס דער אידישער טעאטער אין אמעריקע באַווייזט צום ערשטען מאָל.

אין דעם פאַרגאַנגענעם סעזאָן איז אין א שטיל און באשיידענעם ווינקעלע ערגעץ אין בראָנקס, אויפגעקומען א טעאטערל, וואָס האָט געשאַפען מיט אייטערן ברען, מיט עקסטאַז און מיט גרויסער קינסטלערישער פּאַרשטענדניש. בראש פון דעם דאָזיגען טעאטערל איז געשטאַנען דער אַלטער מייסטער רודאָלף שילדקרויט און דער דראַמאַטורג אָסיפּ דימאָוו. ארום זיי איז קאָנצענטרירט געוואָרען א גרופּע פון יונגע שוישפּילער, וואָס האָבען זיך געלאָזט פיהרען און לערנען פון דעם גרויסען מייסטער רודאָלף שילדקרויט.

דער דאָזיגער קליינער שילדקרויט-טעאַטער איז אפשר דער מעכטיגסטער פּונקט אין דעם סעזאָן 1925-6 פון דעם אידישען טעאַטער אין אמעריקע. שוין דאָס אויסערליכע בילד איז ריהרענד: אַן אַלטער גרויסער מייסטער רינגעלט זיך אַרום מיט אַ גרופּע יונגע, שטרעבענדיגע שוישפּילער און שאַפט מיט זיי ערגעץ אין אַ זייטיגען טייל פון שטאָדט. אַ חוץ דעם איז יעדע אויפיהרונג געווען אַ גרויסע ענטפּלעקונג. געעפענט האָט זיך דער סעזאָן מיט אָסיפּ דימאָוו׳ס „בראָנקס עקספּרעס".

די אויפיהרונג פון „בראָנקס עקספּרעס" איז געווען איינע פון די פיינסטע אויפיהרונגען וואָס דער אידישער טעאַטער האָט אַמאָל פאַרמאָגט. דאָ האָט זיך באַהעפט אַלטע גרויסע שוישפּילערישע מייסטערשאַפט מיט די נייעסטע מעטאָדען פון סצענישער טעכניק, דאָ האָבען זיך צונויפגעגאָסען אַלטע, געניאַלע שוישפּיל-קונסט מיט יונגע, מאָדערנע טעאַטראַלישקייט.

אַ צווייטע פּראַכטפולע אויפיהרונג איז געווען „די לעצטע ליבע", פון אָסיפּ דימאָוו. עס איז אַ זעהר ראַפינירטע דראַמע: גרויס-וועלטיג, סאַלאָניש און זי. פיינער סקעפּטיציזם, מענשליכער סענטימענטאַליטעט און קלוגע, רייצענדיגע רעזיגנאַציע שימערן אַרויס פון איהר.

אַ פיינע אויפיהרונג פון „יאַשקע מוזיקאַנט", און פון אַ פּרץ-אָווענט, מיט דעם שעפּט זיך אויס דער רעפּערטואַר פון דעם קורצען סעזאָן.

ליידער האָט ער נאָר אַ בליץ געטאָן אין אונזער טעאַטער-וועלטעל; דער טייל פון ניו יאָרק, וואָס האָט געהאַט די זכיה צו האָבען פאַר זיך אַזאַ טעאַטערל, האָט ניט אָפּגעשאַצט ווי געהעריג די מתנה, וואָס עס איז איהם אַראָפּגעפאַלען פון הימעל. דאָס שילדקרויט טעאַטערל האָט זיך פאַרמאַכט, ער האָט זיך פאַרמאַכט און האָט געלאָזען נאָך זיך אַ שעהנע עראינערונג...

אין דעם אירווינג-פּלייס טעאַטער האָט זיך היינטיגס סעזאָן אָרגאַניזירט אַ נייע טרופּע מיט יעקב בן-עמי אַלס דירעקטאָר.

דער סעזאָן האָט זיך געעפענט מיט נ. יעווריעינאָוו׳ס זעהר פּיקאַנטע און זעהר קלוגע שטיק „די שיף מיט צדיקים".

די אויפפיהרונג פון דעם דאָזיגען שטיק איז געווען אַ זעהר חן-עוודיגע. אגב האָט יעקב בן-עמי צוזאַמענגעשטעלט אַ זעהר פיינע טרופּע, אַ טרופּע פון לויטער טאַלאַנטפולע אַקטיאָרען און דורך זיי איז די אויפיהרונג זעהר בע-טעם׳ט געוואָרען.

דער אירווינג פּלייס טעאַטער איז אַ טעאַטער מיט אַ פיינעם טאָן. עס פיהלט זיך דאָרט גוטע טעאַטער-קולטור, ערנסטע באַציהונג, קינסטלערישע אויפריכטיגקייט און גרויסע לוסט צו אַרבייט.

נאָך „דער שיף מיט צדיקים" איז אויפגעפיהרט געוואָרען אַ שטיק פון י. ד. בערקאָוויטש, „פון יענער וועלט". דאָס דיזיגע שטיק האָט זעהר גרויסע שריפטשטעלערישע מעלות, אָבער אַלס טעאַטער-שטיק האָט זי גרויסע פעהלערען.

עס איז אָפּגעפרישט געוואָרען די פּיעסע דורך וועלכע בן-עמי איז באַריהמט געוואָרען איבער גאַנץ אַמעריקע — „שמשון און דלילה". די נייע אויפפיהרונג פון דעם דאָזיגען שטיק האָט געהאַט אַ פיינעם ערפאָלג, דערהויפּט איז וואָרים אויפגענומען געוואָרען בן-עמי אין דער ראָליע פון דעם דיכטער פּעטער. און ער איז ווירקליך איבעראַשענד שטאַרק און טיף אין דער דאָזיגער ראָלע.

איצט שפּילט מען אין אירווינג פּלייס טעאַטער אַ נייע סאָציאַלע דראַמע פון ה. לייוויק, „שאָפּ".

עס איז איינע פון די בעסטע אַרבייטער-דראַמעס אין אונזער טעאַטער-ליטעראַטור. לייוויק ווייזט זיך דאָ אַרויס ווי אַ פיינער דיכטער און אַ זעהר שטאַרקער דראַמאַטישער טאַלאַנט.

דאָס שטיק ווערט געשפּילט מיט אַ געוויסער מאָס פון ראַפינירטקייט, וואָס מען באַגעגענט זעלטען אין אונזער טעאַטער.

די ווילנער טרופּע, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע מיט עטליכע יאָהר צוריק,

האט זיך באזעצט אין ניו יארק און פון אנהייב סעזאן 1926-1927 שפילט זי אין ליפצין-טעאטער.

דער דאזיגער טעאטער ווייזט לײדער ניט ארויס קיין לעבעדיגע קינסטלערישע טעטיגקייט. נאך מעהר, ער האט פארלארען דאס ביסעל קינסטלערישען באגאזש וואס ער האט געהאט קומענדיג אהער. אמעריקע האט אויפגעגעסען די ווילנער.

דער דאזיגער טעאטער האט ניט קיין באשטימטען רעפערטואר. ער ווארפט זיך פון איין מין רעפערטואר צו אן אנדערען, פון דראמע צו מעלאדראמע, פון קאמעדיע צו ספעקטאקולערע אויפיהרונגען און ווייזט ניט ארויס קיין אריגינאליטעט און קיין רעפערטואר.

אנגעהויבען דעם היינטיגען סעזאן האבען די ווילנער מיט א רוסיש שטיק, „ראספוטין און די צאריצא”, א שטיק, וואס האט ריין פראפאגאנדיסטישע צוועקען בלויז פאר רוסלאנד. דאס שטיק האט קיין ערפאלג ניט געהאט. נאך דער דאזיגער פיעסע איז אויפגעפיהרט געווארען „דער שווארצער פלעק”, פון קאדעלבערג, מיט א קליינעם ערפאלג. א גרעסערען ערפאלג האט געהאט לואי מילער'ס „אהן א הארץ”, אבער דאס איז א מעלאדראמע פון דעם סאמע געוועהנליכען מין און האט די ווילנער קיין קינסטלערישען כבוד ניט געבראכט. בכלל שפילען די ווילנער זייער אלטען רעפערטואר. און עס איז א גרויסער ספק צי וועלען זיי זיך באפעסטיגען אלס א שטענדיגער טעאטער אין אמעריקע.

אויף די טעאטערס אין די פראווינץ-שטעדט לוינט זיך ניט אפצושטעלען: ווי געזאגט, זיינען זיי ברעקלאך און פיצלאך פון דעם ניו יארקער טעאטער-לעבען, זיי ווייזען ניט ארויס קיין שום זעלבסטשטענדיגקייט, סיי אין רעפערטואר און סיי אין די מעטאדען פון אויפפיהרונג און פון שפילען.

רוסלאנד.

אין רוסלאנד זיינען דא דריי אידישע מלוכה-טעאטערס: דער אידישער קאמער-טעאטער אין מאסקווע, דער אידישער ווייס-רוסישער טעאטער אין מינסק און דער אידישער כארקאווער מלוכה-טעאטער אין כארקאוו. די אלע דריי טעאטערס ווערען אויסגעהאלטען פון דער סאוועטישער רעגירונג, און דאס גיט זיי די מעגליכקייט צו ארבייטען ערנסט אויף די אויפיהרונגען, צו פארטיפען זיך אין אלע פראבלעמען פון טעאטער-קונסט, צו זוכען נייע וועגען, צו מאכען פארשידענע עקספערימענטען און דער עיקר — צו האלטען זיך ביי א קינסטלערישען רעפערטואר.

דער רעפערטואר פון די דאזיגע דריי טעאטערס איז דער שטרענגסטער, וואס דער אידישער טעאטער האט אמאל געהאט. י. ל. פרץ, שלום-עליכם, א. גאלדפאדען, א. ווייטער, דאס זיינען די דראמאטורגען פון די דערמאנטע טעאטערס. די הויפט-זאך איז אבער די מעטאדען פון אויפפיהרונגען — עס ווערען אנגעווענדט די סאמע נייעסטע און די סאמע פריינסטע מעטאדען סיי אין דער שוישפיל-קונסט, סיי אין דער דעקאראטיווער קונסט און סיי אין דער מוזיק.

אין די אלע דריי טעאטערס זיינען די שוישפילער, די רעזשיסארען און אלע אנדערע קינסטלער פון א נייען דור, וואס האט מיט דעם אלטען אידישען טעאטער כמעט קיין שום פארבינדונגען ניט געהאט. דער גאנצער מענשען-מאטעריאל קומט פון די אידישע אינטעליגענטע קרייזען, וועלכע זיינען ראדיקאל געזאנען, אדער ריכטיגער — קאמוניסטיש געשטימט. און דאס לאזט זיך שטארק פיהלען אין זייערע אויפפיהרונגען. די קאמוניסטישע וועלט-אנשויאונג ווערט אריינגעלייגט אין שלום-עליכם'ס און אפילו אין י. ל. פרץ'ס ווערק. אבער מען מוז מודה זיין, אז די קינסט-לערישע זייט ליידט פון דעם לחלוטין ניט.

אין פארגאנגענעם טעאטער-סעזאן איז קיין שום ענדערונגען אין דעם רעפערטואר און דער טעאטראל-קינסטלערישער ריכטונג ניט פארגעקומען. אלע טעאטערס שטעהען אויף א קינסטלערישער הויכקייט און שטעהען לחלוטין ניט אפ פון די בעסערע קונסט-טעאטערס אין רוסלאנד.

דערווייל איז רוסלאנד די איינציגע מדינה אויף דער וועלט, וואס האט דריי אידישע מלוכה־טעאטערס.

דער מלוכה־טעאטער אין ווייס־רוסלאנד איז געעפענט געווארען היינטיגס סעזאן מיט י. ל. פרץ'ס א דראמע.

אין רוסלאנד זיינען דא נאך עטליכע טרופעס, רעשטלאך פון די אלטע אידישע טעאטערס, אבער זיי האבען ניט קיין איינפלוס אויף דעם טעאטער־לעבען, אייניגע לעבען אפ זייערע לעצטע יאהרען און אנדערע זיינען צופעליגע ערשיינונגען. אזוי איז די טרופע מיט קלארא יאנג בראש, וואס שפילט אמעריקאנער אפערעטעס. די דאזיגע טרופע האט א גרויסען מאטעריאלען ערפאלג אין אלע גרויסע שטעדט, אבער דאס איז א גאסטראלירענדע טרופע, וואס האט גארניט בדעה צו באפעסטיגען זיך אין רוסלאנד.

צו די אידישע טעאטערס אין רוסלאנד געהערט אויך דער העברעאישער טעאטער „הבימה". דער דאזיגער טעאטער האט היינטיגס סעזאן געמאכט זיין ערשטען טור איבער אייראפע מיט אן אומגעוועהנליכען קינסטלערישען ערפאלג. איצט איז די „הבימה" געקומען קיין אמעריקע.

די „הבימה" איז אויך געשטיצט געווארען פון דער סאוועט־רעגירונג ביז דער לעצטער צייט. איצט איז די „הבימה" א פריוואטער טעאטער און וועגען זיין נאהענטער צוקונפט ווייס מען גארניט, מסתמה וועט זיך די „הבימה" סוף כל סוף באזעצען אין פאלעסטינע.

ארגענטינע.

ביז מיט א פאר יאהר צוריק האט ארגענטינע קיין איין טעאטער ניט געהאט, פון צייט צו צייט פלעגען קומען אהין פארשיידענע טרופעס פון גאר דער וועלט אויף גאסטראלען.

די לעצטע צייט האט ארגענטינע אזוי גוט ווי דריי טעאטערס מיט אן אקטיארען יוניאן מיט א טעאטער־זשורנאל און מיט'ן גאנצען טעאטראלען קלאפער־געצייג.

אין דעם פארגאנגענעם סעזאן איז אין בוענאס־איירעס געעפענט געווארען א פאלקס־טעאטער, וואס שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון א געזעלשאפט. דער דאזיגער טעאטער האלט זיך ביים בעסערען רעאליסטישען רעפערטואר און ביי די „גוטע, אלטע" טראדיציעס פון שוישפיל־קונסט.

דער צווייטער טעאטער שפילט א געמישטען רעפערטואר, וואס באשטעהט פון אפערעטעס, מעלאדראמעס און לייכטע קאמעדיעס.

דער דריטער טעאטער איז א קאמבינאציע פון א מאווי, מיט א טעאטער. עס איז בעצם א מאווי, מיט אידישע געזאנג־נומערען און מיניאטורען.

פוילען.

פוילען, וואס איז געווען דער צענטער פון דעם אידישען טעאטער־לעבען אין רוסלאנד ביז נאך דער מלחמה, איז אין דעם אידישען טעאטער־זין כמעט אינגאנצען חרוב געווארען. ווארשע, די שטאדט אין וועלכער עס זיינען בסדר געווען דריי שטענדיגע אידישע טעאטערס, האט איצט כמעט קיין איין־איינציגען שטענדיגען אידישען טעאטער ניט.

די הויפט־סבה איז וואס עס זיינען ניטא קיין טעאטער־געביידעס. פאראן איין אידישע טעאטער־געביידע, קאמינסקי'ס טעאטער, איז זי אבער ניט גוט פאר שפילען אין איהר טעאטער. די אקוסטיק איז א שוידערליכע און בכלל פעהלט דער געביידע געמיטליכקייט און היימישקייט.

פוילען האט פיל אידישע טרופעס, וואס וואנדערען ארום און קענען דעריבער ניט פיהרען א געזונד און נארמאל קינסטלעריש לעבען.

אין פוילען זיינען פאר דער לעצטער צייט אויפגעקומען עטליכע נייע טעא־

טערס, וואס זיינען עהנליך אין אַ געוויסער מאָס צו אונזער אידישען קונסט־טעאַטער. אזוי איז דער טעאַטער „וויקט", אונטער דער לייטונג פון טורקאָוו, דער פאַרשטאָרבענער אסתר רחל קאמינסקי'ס אַן איידים. דער דאָזיגער טעאַטער האָט עטליכע יאהר געארבייט רוהיג און מיט אַ געהעריגען קינסטלערישען ערפאָלג אין ווארשע. די לעצטע צייט וואנדערט דער טעאַטער ארום איבער פּוילען. אין היינטיגען סעזאָן איז דאָ אַ האָפענונג, אז דער דאָזיגער טעאַטער וועט זיך ווידער באזעצען אין ווארשע.

דער רעפּערטואַר און די טעאַטראַל־קינסטלערישע השגות פון דעם דאָזיגען טעאַטער דערמאָנען אין אַ געוויסער מאָס דעם רעפּערטואַר און די קינסטלערישע שטרעבונגען פון אונזער אמעריקאנער אידישען קונסט־טעאַטער.

היינטיגעס יאהר איז אין פּוילען אויפגעקומען אַ נייַ טעאַטערל מיט'ן נאָמען „עזאזל", אונטער דער לייטונג פון דעם אמאָליגען רעזשיסאָר פון דער ווילנער טרופּע, דוד הערמאַן. „עזאזל" איז אַ מיניאַטור־טעאַטער. ער פיהרט אויף קליינע טעאַטער־שטיק, אינסצענירט פאָלקס־לידער, פּאַראָדיעס און טענץ. בעצם איז עס אַ טעאַטערל, וואס איז עהנליך אויף באַלייעוו'ס „שאָו סורי", אדער יוזשני'ס „בלויער פויגעל". אין דעם דאָזיגען טעאַטערל איז קאָנצענטרירט אַ יונגער עולם, וואס טוט זיין קינסטלערישע ארבייט מיט ליבע און מיט יוגענדליכער באַגייסטערונג.

„עזאזל" איז אַ וואנדער־טעאַטער און האָט דעם גרעסטען ערפאָלג אין אַלע שטעדט אין פּוילען.

אין פּוילען זיינען דאָ עטליכע וואנדער־טרופּעס פון דעם אלטען מין. די דאָזיגע טרופּעס שפּילען אמעריקאנער אָפּערעטעס, מעלאָדראַמעס און פון צייט צו צייט רעאַליסטישע „ליטערארישע" דראמעס.

לאַטוויא.

די דאָזיגע קליינע מדינה'לע, וואס איז געשאַפען געווארען נאָך דער מלחמה, האָט ביז היינטיגען סעזאָן קיין שטענדיגען אידישען טעאַטער ניט געהאַט. פון צייט צו צייט פלעגען קומען אַהין אויף גאַסטראָלען וואנדערענדע טרופּעס פון פּוילען און פון אנדערע מדינות.

היינטיגען סעזאָן האָט זיך דארט געעפענט אַ אידישער טעאַטער מיט דעם באוואוסטען און טאַלאַנטפאָלען אידישען שוישפּילער, אברהם מאַרעווסקי. א. מאַרעווסקי, איז געווען אמאָל איינער פון די זיילען אין דער ווילנער טרופּע. ער שטאַמט אָבער ניט פון די ווילנער, כאָטש ער איז אַ ווילנער, ער קומט פון דער רוסישער ביהנע אויף וועלכער ער איז געווען אַן אקטיאָר מיט אַ גרויסען נאָמען.

א. מאַרעווסקי איז אויך אַ זעהר באַגאַבטער רעזשיסאָר און אַ געבילדעטער טעאַטראַל.

דעם סעזאָן פון זיין נייעם טעאַטער אין ריגע האָט ער געעפענט מיט דער היסטאָרישער דראמע „דורות" (די לעגענדע פון גר־צדק) פון אלטער קאַציזנע. דער ערפאָלג איז געווען זעהר גרויס און מען דאַרף האָפען, אז דאָס אידישע לאַטוויא וועט האָבען אַ שטענדיגען טעאַטער.

* * *

פארשידענע אידישע וואנדערענדע טרופּעס האָבען אין דעם פאַרגאַנגענעם יאהר געשפּילט אין רומעניען, טשעכאָ־סלאָוואַקיא, ליטע עסטלאַנד, דרום־אפריקע, פראנקרייך, ענגלאַנד און אַנדערע מדינות.

לויט מיינע ידיעות האָבען אין דעם פאַרגאַנגענעם יאהר געשפּילט איבער דער גאַנצער וועלט לערך פופציג טרופּעס מיט פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער. מיט האַלבּ־פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס און מיט אמאַטאָרישע טרופּעס דערגרייכט די צאָהל איבער הונדערט.

אַזוי אַרום איז דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר געווען דאָס גרעסטע טעאַטער יאָהר אין דער געשיכטע פון דעם אידישען טעאַטער. דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר איז אויך געווען דאָס גרעסטע יאהר אין זינען פון קינסטלערישען וואוקס.

א חוץ טעאַטער אין פּשוט'ן זינען פון ווארט איז דאָס פאַרגאַנגענע יאהר געווען מזל־ברכה'דיג אין אנדערע פאַרמען פון אידישער פאַרוויילונג. אַזוי איז דאָס פאַרגאַנגענע יאהר געווען רייך אין אידישע מואווים. אמעריקע אליין האָט ארויסגעלאָזען א האלבען טוץ אידישע מואווים. אייניגע מיט גוטע שוישפּילער, ווי, למשל, „דאָס שטאָלצע הארץ" מיט רודאָלף שילדקרויט אלס סטאַר, און אַנדערע.

אין דעם פאַרגאַנגענעם יאהר איז באַשאַפען געווארען דער ערשטער אידישער מאַריאָנעטען־טעאטער אין אמעריקע פון די דריי קינסטלער: ז. מאוד, י. קאָטלער און זש. טוואָרקאוו (אונטער'ן נאָמען „מאָדיאקאָט"). עס איז א ליב טעאַטערל מיט שארפען הומאָר, מיט פיינעם ליריזם און מיט פּיקאנטער קינסטלערישער ווירטואזיטעט אין אויסמאָדולירען ליאַלקעס. דער רעפּערטואר פון „מאָדיאקאָט" איז געווען „קעניג אחשורוש", פון ז. מאוד; „וואָס טוסטו קרענקען", פון י. קאָטלער; אַן איין אקטער פון א. רייזען, א סאַטירע פון משה נאַדיר, און היינטיגען סיזאָן — א פּאַראָדיע „דבוק", פון ז. מאוד; „די פּעפּערדיגע אידעלעך", פון י. קאָטלער, און א מינועט פון זש. טווארקאוו.

אין פּוילען ווערט אויפגעלעבט דאָס מאַריאָנעטען טעאטערל „סמבטיון", וואס איז מיט א פּאָר יאהר צוריק געשאפען געווארען.

א בהלה אויף אידישע פּיעסען איז היינטיגען סעזאָן געווען אין דעם ענגלישען טעאַטער אין אמעריקא. אין היינטיגען סעזאן זיינען געשפּילט געווארען ארום צעהן ענגליש־אידישע טעאטער שטיק. מען האָט זאָגאר געוואָלט אָפּצאַפּען שוישפּילעריש בלוט פון דעם אידישע טעאַטער, כדי צו באַפעסטיגען דעם דאזיגען ענגליש־אידישען רעפּערטואר. עס האָט אבער קיין ערפאלג ניט געהאַט; איינע נאָך די אנדערע זיינען די אידיש־ענגלישע טעאַטער־שטיק דורכגעפאלען און איצט זיינען געבליבען א צוויי־דריי אידיש־ענגלישע שטיק, וואס גערען נאָך דערוויל.

דער סך־הכל איז:

א גרויס אידישע טעאַטער־יאָהר געווען. א יאָהר פון גרויסער און פאַרצווייגטער טעטיגקייט אויף דעם געביט פון טעאַטער.

דער סאָציאַליזם און דער קאָמוניזם אין ציפערן

די צאָהל מיטגלידער פון די סאָציליסטישע און קאָמוניסטישע פּאַרטייען, די צאָהל שטימען וואָס זיי האָבען באַקומען אין די לעצטע וואַהלען און די צאָהל דעפּוטאַטען וואָס זיי האָבען אין די פאַרשידענע פּאַרלאַמענטען.

אַרגענטינע.

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1892, צאָהל מיטגלידער 10,000 פאַרמאָגט צוויי טעגליכע צייטונגען, 32 וואָכענשריפטען און איין זשורנאַל. אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי „לא וואַנגאַרדיאַ" (אַ טעגליכע צייטונג) ערשיינט אין בוינעס־איירעס. האָט 18 דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 158), און צוויי דעפּוטאַטען אין סענאַט. אין די לעצטע פּרעזידענט וואַהלען פון 1925 האָט די ס. פּ. געצויגען 57,159 שטימען. דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי איז גאָנזאַלעס מאַסעדא.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט 3500 מיטגלידער און האָט קיין איינציגען דעפּוטאַט נים אין פּאַרלאַמענט. די קאָמוניסטען האָבען געהאַט איין פאָרשטעהער אין דער שטאָדט־פאַרוואַלטונג פון בוינעס־איירעס, אָבער אין די לעצטע וואַהלען איז ער אויך דורכגעפאַלען.

אַרמעניען.

אַרמענישע רעוואָלוציאָנערע פעדעראַציע — „דאַשנאַקציון". — געגרינדעט אין יאָהר 1890. צעהלט 58,000 מיטגלידער (אַריינגערעכענט די אימיגראַנטען). פאַרמאָגט פיר טעגליכע צייטונגען, צוויי וואָכענשריפטען, דריי צייטונגען וואָס ערשיינען דריי מאָל אַ וואָך, צוויי וואָס ערשיינען צוויי מאָל אַ וואָך און צוויי מאָנאַט־שריפטען. אַלע צייטונגען ערשיינען אין אויסלאַנד. דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי „דראַשאַק" ערשיינט אין זשענעווא, שווייץ. איידער אַרמעניע איז פאַרנומען געוואָרען פון דער באָלשעוויסטישער און פון דער טערקישער אַרמייען האָט די פּאַרטיי אין 1920 געהאַט 37 דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 82), אין די וואַהלען פון 1920 האָט זי באַקומען 196,000 שטימען. דער פיהרער פון דער פּאַרטיי איז א. אישאַקיאַנץ.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט 1900 מיטגלידער. דאָס איז די צאָהל וואָס ווערט אָנגעגעבען פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. אָט די קאַרגע 2,000 מיטגלידער האַלטען דאָס אָן די דיקטאַטור איבער אַרמעניע.

אונגאַרן.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1894. צאָהל מיטגלידער 190,000 (אַריינגערעכענט 20,000 פרויען). פאַרמאָגט איין טעגליכע צייטונג און דריי מאָנאַטליכע זשורנאַלען. אָפיציעלער אָרגאַן „נעפּשאַוואַ", ערשיינט אין בודאַפּעסט. אין די וואַהלען פון 1922 האָט זי באַקומען 272,356 שטימען און ערוועהלט 24 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 245). סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי סטעפאָן פאַרקאַס.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צאָהל מיטגלידער ווערט נישט אָנגעגעבען אין דעם באַריכט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. די פּאַרטיי עקזיסטירט אונלעגאַל און זי האָט נישט אַרויסגעשטעלט קיין קאַנדידאַטען אין די פאָריגע וואַהלען.

איטאַליען.

פאַראייניגטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. געגרינדעט אין 1922. צאָהל מיטגלידער 31,000. אין די וואַהלען פון 1924 האָט זי באַקומען 422,957 שטימען. און האָט ערוועהלט 25 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 535). די פּאַרטיי האָט ביז נישט לאַנג פאַרמאָגט צוויי טעגליכע צייטונגען, 9 וועכענטליכע, און איין מאָנאַטליכען זשורנאַל. אָפיציעלער אָרגאַן „זשוסטיציא", א טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין מילאַן. לעצטענס איז

די צייטונג אונטערדריקט געוואָרען פון דער פאַשיסטישער רעגירונג און די הויפּט פיהרער פון דער פּאַרטיי — פיליפּאָ טוראַטי און טרעוועס, זיינען געצוואונגען געווען צו אַנטלויפען אין אויסלאַנד צוליב דעם פאַשיסטישען טעראָר.

די מאַקסימאַליסטישע פּאַרטיי. — אין די לעצטע וואַהלען האָט זי באַקומען 360,694 שטימען און האָט ערוועהלט 22 דעפּוטאַטען. די דאָזיגע פּאַרטיי איז פריהער געווען אָנגעשלאָסען אָן דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. לעצטענס אָבער האָט זי אָפּגעבראָכען אַלע איהרע באַציהונגען מיט מאָסקווע, און זי האָט זיך שטאַרק דערנעהנטערט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דיזער פּאַרטיי איז די „אוואַנטי״, אַ טעגליכע צייטונג, וועלכע ערשיינט אין רוים.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צאָהל מיטגלידער 12,000. אין די לעצטע וואַהלען האָט זי באַקומען 268,192 שטימען און האָט ערוועהלט צוזאַמען מיט די מאַקסימאַליסטען 39 דעפּוטאַטען.

אוקריינע.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער־פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1900. אין 1919 האָט די פּאַרטיי פאַרמאָגט 35,000 מיטגלידער. זייט די באָלשעוויקעס האָבען פאַרנומען אוקריינע, איז די פּאַרטיי אונטערדריקט. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַליסטישנאָ דומקאַ״ ערשיינט אין אויסלאַנד. די פאַרשטעהער פון דער פּאַרטיי אין אויסלאַנד זיינען: י. בעזפּאַלקאָ און אַ. מערקלינג.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — אָפיציעלע רעגירונגס־פּאַרטיי, צעהלט, לויט דעם באַריכט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, 39,000 מיטגלידער.

בעלגיען.

אַרבייטער־פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1885. צאָהל מיטגלידער, 621,559 (פון וועלכע 88,960 זיינען פרויען). פאַרמאָגט אַכט טעגליכע צייטונגען, 29 וועכענטליכע, 29 מאָנאַטשריפטען און 14 פאַרשידענע אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבען. אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, „לאַ פּעפּל״, אַ טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין ברוסעל. די פּאַרטיי האָט 79 דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 186) און 59 פאַרשטעהער אין סענאַט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 153).

אין די לעצטע וואַהלען (אַפּריל, 1925) האָט זי באַקומען 820,650 שטימען. די פיהרער פון דער פּאַרטיי זיינען וואַנדערוועלדע, דעברוקער, דזש. וואַטערס און אַנדערע.

בולגאַריע.

סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1893. צאָהל מיטגלידער, 26,562. פאַרמאָגט צוויי טעגליכע צייטונגען, 9 וועכענטליכע און איין מאָנאַטליכען זשורנאַל. אָפיציעלער אָרגאַן „נאַראָד״ — אַ טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין סאָפיע. די פּאַרטיי האָט 29 דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 250).

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — די צאָהל מיטגלידער וואָס זי ציילט איצט איז נישט באַוואוסט, ווייל זינט דעם קאָמוניסטישען אויפשטאַנד פון 1923, איז די פּאַרטיי אויפגעלייזט און עקזיסטירט אונלעגאַל. אין 1925 נאָך דעם קאָמוניסטישען אויפשטאַנד, זיינען די זעקס קאָמוניסטישע דעפּוטאַטען דעם 18־טען מערץ אויסגעשלאָסען געוואָרען פון פּאַרלאַמענט פאַר באַטייליגען זיך אין אויפשטאַנד.

גרוזיען.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער־פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1899. זייט די באָלשעוויקעס האָבען פאַרכאַפּט גרוזיען עקזיסטירט די פּאַרטיי אונלעגאַל. זי צעהלט איצט אַרום 8000 מיטגלידער. ניט לאַנג איז דאָרטען פאָרגעקומען אַן אונלעגאַלער צוזאַמענפאָהר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אויף וועלכען עס זיינען געווען פאַרטרעטער פון גאַנצען לאַנד. די פּאַרטיי גיט אַרויס אַן אונלעגאַלע צייטונג „אונזער איינהייט״ דער צענטראַל קאָמיטעט געפינט זיך אין גרוזיען. די אויסלענדישע דעלעגאַציע פון דער פּאַרטיי באַשטעהט פון נ. זשאָרדאַניא און י. צערעטעלי.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — לויט דעם באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל צעהלט זיך איצט 11,000 מיטגלידער. דאָס איז די איינציגע פּאַרטיי וואָס עקזיסטירט לעגאַל אין לאַנד און וואָס רעגירט איבער דער גאַנצער באַפעלקערונג.

גריכענלאַנד.

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1911. צאָהל מיטגלידער 3,480. אין די פּאַרלאַמענט וואַהלען פון 1923 האָט זי באַ־

קומען 8,600 שטימען און ערוועהלט עטליכע דעפוטאטען אין פארלאמענט.

קאמוניסטישע פארטיי. — לויט דעם באריכט פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל צעהלט זי 2200 מיטגלידער. אין די לעצטע וואהלען האט זי באקומען 25,000 שטימען.

דאנציג.

סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי. — געגרינדעט אין 1919. צאהל מיטגלידער 3514 אפיציעלער ארגאן „דאנציגער פאלקס־שטימע" (א טעגליכע ציטונג). האט 30 פארשטעהער אין פארלאמענט (פון דער אלגעמיינער צאהל 120). אין די וואהלען פון יאהר 1923 האט די פארטיי געקראגען 39,755 שטימען, סעקרעטאר פון דער פארטיי דזשיי. מאו.

קאמוניסטישע פארטיי. — צאהל מיטגלידער ווערט ניט אנגעגעבען אין דעם באריכט פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. אין די וואהלען פון 1923 האט זי באקומען 14,901 שטימען און האט ערוועהלט 11 דעפוטאטען.

דענמארק.

סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי. — געגרינדעט אין 1871. צאהל מיטגלידער 143,203 פון וועלכע 44,406 זיינען פרויען). פארמאגט 61 טעגליכע ציטונגען און 2 מאנאט־שריפטען. אפיציעלער ארגאן „סאציאל־דעמאקראטען", א טעגליכע ציטונג, וואס ערשיינט אין קאפענהאגען. אין די פארלאמענט וואהלען פון 1926 האט די פארטיי באקומען 497,471 שטימען און האט ערוועהלט 55 דעפוטאטען (פון דער אלגעמיינער צאהל 149). דער פרעזידענט פון דער פארטיי — ט. סטאונינג, איז איצט אויך דער פרעמיער־מיניסטער פון דענמארק.

קאמוניסטישע פארטיי. — צאהל מיטגלידער נישט אנגעגעבען אין דעם באריכט פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. אין די לעצטע וואהלען האט זי באקומען 5,612 שטימען און האט נישט ערוועהלט קיין איינציגען דעפוטאט.

דייטשלאנד.

סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי. — געגרינדעט אין יאהר 1875. צאהל מיטגלידער 868,914 (פון וועלכע 144,328 זיינען פרויען). פארמאגט 167 טעגליכע ציטונגען, פילע וועכענטליכע און מאנאטליכע זשורנאלען. הויפט ציטונג „פארווערטס", א טעגליכע ציטונג, ערשיינט אין בערלין. אין די וואהלען פון 1924 האט זי באקומען 7,880,963 שטימען און האט ערוועהלט 131 דעפוטאטען. (פון דער אלגעמיינער צאהל 493.) דער פרעזידיאום פון דער פארטיי באשטעהט פון הערמאן מיולער, אטא וועלס און ארטור קריספיען.

קאמוניסטישע פארטיי. — צאהל מיטגלידער ווערט אנגעגעבען פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל אלס 350,000. צוליב די רייסעריייען וואס זיינען אין די לעצטע פאר יאהר פארגעקומען אין דער פארטיי האט זיך די צאהל מיטגלידער זעהר פארקלענערט. אין די וואהלען פון דעצעמבער, 1924, האט די פארטיי באקומען 2,708,345 שטימען און האט ערוועהלט 45 דעפוטאטען, אבער אין די וואהלען פון מארטש 1925 האט די קאמוניסטישע פארטיי באקומען שוין נישט מעהר ווי 1,871,207 שטימען. די קאמוניסטען האבען איצט ניט קיין מאיאריטעט אין קיין ווינכטיגער ארבייטער ארגאניזאציע אין דייטשלאנד.

די אונאפהענגיגע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי. — די צאהל מיטגלידער איהרע איז נישט באוואוסט. אין די לעצטע וואהלען האט זי באקומען 99,126 שטימען און האט נישט ערוועהלט קיין איינציגען דעפוטאט אין פארלאמענט. דיזע פארטיי איז געגרינדעט געווארען פון געארג לעדעבור, פון דער קליינער מינאריטעט, וואס איז געווען געגען דעם אז די „אונאפהענגיגע סאציאליסטישע פארטיי" זאל זיך פאראייניגען מיט דער אלטער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, אבער די לעצטע צייט האט לעדעבור אליין אויך פארלאזען די פארטיי און זי האט איצט נישט קיין שום פאליטישען איינפלוס. דער פיהרער פון דער גרופע איז טעאדאר ליבקנעכט, א ברודער פון קארל ליבקנעכט.

האלאנד.

סאציאל דעמאקראטישע ארבייטער פארטיי. — געגרינדעט אין 1924. צעהלט 43,000 מיטגלידער. (פון זיי 9,273 פרויען). פארמאגט צוויי טעגליכע ציטונגען, פיר וועכענטליכע און איין מאנאטליכען זשורנאל. אפיציעלער ארגאן „העט פאלק", א טעגליכע ציטונג, ערשיינט אין אמסטערדאם. אין די וואהלען פון 1925 האט זי באקומען 706,317 שטימען און האט ערוועהלט 24 דעפוטאטען (פון דער אלגעמיינער צאהל 100). פארזיצענדער פון דער פארטיי וו. ווליגען.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט 1,700 מיטגלידער לויט דעם באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. אין די וואַהלען פון 1922 האָט זי באַקומען 63,664 שטימען און האָט ערוועהלט צוויי דעפּוטאַטען. מיט דריי יאָהר שפּעטער, אין די וואַהלען פון 1925 איז די צאָהל שטימען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געפאַלען אויף 36,786 שטימען. זי האָט איצט נאָר איין דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט.

טשעכאָ־סלאָוואַקיע.

טשעכאָ־סלאָוואַקישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1872. צעהלט 116.062 מיטגלידער (אַריינגערעכענט 19,671 פרויען). פאַרמאָגט פינף טעגליכע צייטונגען, 28 וואָכענטליכע, צוויי צייטונגען וואָס ערשיינען דריי מאָל אַ וואָך, דריי וואָס ערשיינען צוויי מאָל אַ וואָך און צוויי זשורנאַלען. אָפיציעלער אָרגאַן, "פּראַוואָ לידו", אַ טעגליכע צייטונג, וואָס ערשיינט אין פּראַג. עהרען פּאַרזיצענדער פון דער פּאַרטיי, אַ. נעמעץ. אין די לעצטע וואַלען פון 1926 האָבען אַלע סאָצ. דעמ. פּאַרטייען באַקומען 1,751,590 שטימען און האָבען ערוועהלט 48 דעפּוטאַטען.

דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון טשעכאָ־סלאָוואַקיע. — צאָל מיטגלידער 72,209, אַריינגערעכענענדיג 19,305 פרויען. פאַרמאָגט זיבען טעגליכע צייטונגען, איין צייטונג וואָס ערשיינט דריי מאָל אַ וואָך. 5 צוויי מאָל אַ וואָך, דריי וואָכענשריפטען און צוויי זשורנאַלען. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַל־דעמאָקראַט“, טעגליכע צייטונג ערשיינט אין פּראַג.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — לויט איהר אייגענעם באריכט האָט זי אין נאָוועמבער 1925 פאַרמאָגט אַרום 100,000 מיטגלידער, פון וועלכע 69 פּראָצענט זיינען געווען טשעכען און 31 פּראָצענט דייטשען, אין די לעצטע וואַהלען פון 1925 האָט זי באַקומען 939,635 שטימען און האָט ערוועהלט 42 דעפּוטאַטען.

אונגאַרישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1921 צאָהל מיטגלידער 3060. פאַרמאָגט איין וועכענטליכע צייטונג „מונקאַסיוסאַג“ וואָס ערשיינט אין בראַטיסלאַווא.

פּוילישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1921. צאָהל מיטגלידער 2000. פאַרמאָגט איין טעגליכע צייטונג, איין וועכענטליכע און איין מאָנאַטליכען זשורנאַל. אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי „ראַבאָטניק סלאַסקי“ אַ טעגליכע צייטונג וואָס ערשיינט אין פריהשטאַט. פּרעזידענט פון דער פּאַרטיי אַ. סטעפעק.

סאָציאַל דעמאָקראַטישע אַרבייטער פּאַרטיי פון קאַרפּאַטען־רוסלאַנד. — געגרינדעט אין 1920. צאָהל מיטגלידער 6420 פאַרמאָגט צוויי וועכענטליכע צייטונגען און איין זשורנאַל. אָפיציעלער אָרגאַן „וופּעריאָד“ אַ וועכענטליכע צייטונג וואָס ערשיינט אין אושהאָראָד. סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי וו. פיטשאַ.

יוגאָ־סלאַוויע.

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1921. צאָהל מיטגלידער 4000. פאַרמאָגט 4 וועכענטליכע צייטונגען און 1, וואָס ערשיינט אַלע צוויי וואָכען. אָפיציעלער אָרגאַן „אַרביטצקע נאָווינע“, וואָכענבלאַט, ערשיינט אין בעלגראַד. אין די וואַהלען פון 1925 האָט די פּאַרטיי באַקומען 25,000 שטימען און זי האָט ניט קיין איין פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט. פיהרער פון דער פּאַרטיי דר. ז. טאָפּאַלאָוויטש.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט צוויי טויזענט מיטגלידער. אין די ערשטע וואַהלען גלייך נאָך דער מלחמה האָבען די קאָמוניסטען ערוועהלט 54 דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט. אין די לעצטע וואַהלען אָבער פון 1925 האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַקומען בלויז 13 טויזענט שטימען און האָט ניט ערוועהלט קיין איינציגען דעפּוטאַט.

לאַטוויע.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1904. צאָהל מיטגלידער 4,600. פאַרמאָגט צוויי טעגליכע צייטונגען, פיר וועכענטליכע און פיר מאָנאַטשריפטען. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַל־דעמאָקראַץ“, טעגליכע צייטונג ערשיינט אין ריגע. אין די וואַהלען פון יאָהר 1922 האָט די פּאַרטיי באַקומען 260,000 שטימען און ערוועהלט 33 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָהל הונדערט) פּאַרזיצענדער אַ. רודעוויץ. סעקרעטאַר ברונאָ קאַלנין.

סאָציאַל דעמאָקראַטישע מענשעוויסטישע פּאַרטיי. — האָט באַקומען אין די לעצטע וואַהלען 40,000 שטימען און האָט ערוועהלט 7 דעפּוטאַטען.

קאמוניסטישע פארטיי. — צעהלט לויט דעם באריכט פון דעם קאמוניסטישען אינטערנציאנאל 1000 מיטגלידער. די פארטיי איז אונלעגאל און האט נישט קיין איין פארשטעהער אין פארלאמענט.

„בונד”. — (אלגעמיינער אידישער ארבייטער „בונד” פון לאטוויע.) איז אנגעשלאסען אן דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, האט איין דעפוטאט אין פארלאמענט (דר. מייזעל פון דווינסק).

ליטע.

סאציאל - דעמאקראטישע פארטיי. — געגרינדעט אין 1896. צאל מיטגלידער 2000. פארמאגט איין וועכענטליכע ציימונג און צוויי מאנאטליכע זשורנאלען. אפיציעלער ארגאן „סאציאל דעמאקראטאס”, ערשיינט אין קאוונא. אין די וואהלען פון 1923 האט די פארטיי באקומען 102,000 שטימען און האט ערוועהלט אכט דעפוטאטען (פון דער אלגעמיינער צאהל 78). פארזיצענדער פון דער פארטיי ב. בעלינים.

קאמוניסטישע פארטיי. — צאהל מיטגלידער ווערט נישט אנגעגעבען אין באריכט פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. זי איז אונלעגאל און האט נישט קיין איין פארשטעהער אין פארלאמענט.

לוקסעמבורג.

ארבייטער פארטיי. — געגרינדעט אין 1903 אלס א סאציאליסטישע פארטיי און רעארגאניזירט זיך אלס א לייבאר פארטיי אין 1924. צאהל מיטגלידער 1055. אפיציעלער ארגאן „ארבייטער צייטונג”, טעגליכע צייטונג ערשיינט אין לוקסעמבורג. אין די וואלען פון 1925 האט זי באקומען 17,379 שטימען און האט ערוועהלט 9 דעפוטאטען (פון דער אלגעמיינער צאהל 48). פארזיצענדער פון דער פארטיי — יאזעף טארן.

קאמוניסטישע פארטיי. — צעהלט 210 מיטגלידער. האט אין די לעצטע וואהלען באקומען 965 שטימען. האט נישט קיין איין פארשטעהער אין פארלאמענט.

נארוועגיען.

סאציאל - דעמאקראטישע ארבייטער פארטיי. — געגרינדעט אין 1921. פארמאגט פיר טעגליכע צייטונגען, 15 וועכענטליכע און עטליכע וואס ערשיינען א פאר מאל א וואך. אפיציעלער ארגאן „דען נייע סאציאלדעמאקראטען” אין די וואהלען פון 1924 האט זי באקומען 87,000 שטימען און האט ערוועהלט 8 דעפוטאטען (פון דער אלגעמיינער צאהל 150).

ארבייטער פארטיי. — אין דער צייט פון דער שפאלטונג אין 1923 האט די פארטיי געצעהלט 30,000 מיטגלידער. אין די וואהלען פון 1924 האט זי באקומען 178,000 שטימען און האט ערוועהלט 24 דעפוטאטען. זי איז ביז ניט לאנג געווען אנגעשלאסען אן דעם מאסקווער קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. לעצטענס אבער האט זי איבערגעריסען איהרע פארבינדונגען מיט מאסקווע.

קאמוניסטישע פארטיי. — די קאמוניסטישע פארטיי האט זיך געגרינדעט נאך דעם ווי די ארבייטער פארטיי האט איבערגעריסען איהרע פארבינדונגען מיט מאסקווע. לויט דעם באריכט פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל צעהלט די נארוועגישע פארטיי 1,600 מיטגלידער. אין די וואהלען פון 1924 האבען די קאמוניסטען באקומען 58,000 שטימען און ערוועהלט 6 דעפוטאטען.

עסטרייך.

סאציאל - דעמאקראטישע פארטיי. — געגרינדעט אין 1889. צאהל מיטגלידער, 600,000 (צווישען זיי 165,190 פרויען) כמעט א העלפט פון זיי (301,744) געפינען זיך אין דער שטאדט וויען. די פארטיי פארמאגט זעקס טעגליכע צייטונגען, 15 וואכענטליכע און 9 מאנאטשריפטען. די הויפט צייטונג פון דער פארטיי איז די וויענער „ארבייטער צייטונג”. די פארטיי האט 68 דעפוטאטען אין פארלאמענט (פון דער לגעמיינער צאהל 165) און אין דעם פעדעראל־ראט, 21 פארשטעהער (פון דער אלגעמיינער צאהל 50). אין די וואהלען פון יאהר 1923, האט די פארטיי געקראגען 1,311,870 שטימען. (39 און א האלב פראצענט פון דער אלגעמיינער צאהל אפגעגעבענע שטימען). פארזיצענדער פון דער פארטיי איז קארל זייטץ. אין דער עקזעקוטיוו קאמיטע געהען אריין: פרידריך אדלער, פרידריך אויסטערליץ, אטא באוער, מאטיעס עלדערש, ווילהעלם עלענבאגען, אדעלהייד פאפ, קארל רענער, יאקאוו רייכמאן, יאזעף טאמשיק. די פארטיי האט א מאיאריטעט אין דער ווינער שטאדט פארוואלטונג.

קאמוניסטישע פארטיי. — די צאהל מיטגלידער ווערט נישט אנגעגעבען אין די באריכטען פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. אין די לעצטע וואהלען פון יאהר

1923, האָט זי באַקומען 22,164 שטימען און האָט נישט ערוועהלט קיין איין איינציגען דעפּוטאַט.

טשעכא־סלאָוואַקישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון עסטרייך. — געגרינדעט אין 1876. צאָהל מיטגלידער 14,200. פאַרמאָגט איין טעגליכע צייטונג און צוויי מאָנאַטשריפטען. אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי „דעלניצקע ליסטי“, אַ טעגליכע צייטונג, וואָס ערשיינט אין ווין. האָט ניט קיין איין פאַרשטעהער אין פּאַרלאַמענט. איהרע צוויי פאַרשטעהער אין וויענער שטאָדט־פאַרוואַלטונג זיינען ערוועהלט געוואָרען אויפ'ן טיקעט פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין די וואַהלען צום פּאַרלאַמענט זיינען זיי אַרויסגעטראָטען צוזאַמען מיט דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. פּאַרזיצענדער פון דער פּאַרטיי — לעסאַק.

עסטאָניע.

סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי — געגרינדעט אין 1917. האָט 42,000 מיטגלידער. פאַרמאָגט איין וועכענטליכע צייטונג „אוהענדוס“, וואָס ערשיינט אין רעוועל. אין די וואַהלען פון 1923, האָט זי באַקומען 86 טויזענט שטימען און האָט ערוועהלט 22 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָהל הונדערט). פּרעזידענט פון דער פּאַרטיי — אַ. ריי.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — לויט דעם באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, צעהלט די פּאַרטיי 3250 מיטגלידער. אין די וואַהלען פון 1923 האָט זי ערוועהלט 10 מיטגלידער אין פּאַרלאַמענט, אָבער פון זיי זיינען 4 אַריבער צו די סאָציאַליסטען, 2 האָבען זיך ערקלערט פאַר אונאָפּהענגיגע און די איבעריגע 4, וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט'ן קאָמוניסטישען אויפשטאַנד אין 1925, האָבען פאַרלאָרען זייערע פּלעצער אין פּאַרלאַמענט.

ענגלאַנד.

לייבאָר פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1900, צאָהל מיטגלידער 3,155,911. די פּאַרטיי איז צוזאַמענגעשטעלט פון טרייד יוניאָנס און פון אַנדערע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, פאַרמאָגט איין טעגליכע צייטונג, 22 וועכענטליכע און 50 מאָנאַטליכע. אָפיציעלער אָרגאַן „דיילי העראַלד“ ערשיינט אין לאָנדאָן. אין די לעצטע וואַהלען פון אָקטאָבער 1924 האָט די פּאַרטיי באַקומען 5,551,549 שטימען און האָט ערוועהלט 151 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 650). פּאַרזיצענדער ס. ט. קרעמפּ, פיהרער פון דער לייבאָר פראַקציע אין פּאַרלאַמענט רעמזי מעקדאָנאַלד.

אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1893. איז פּאַרטראָטען אין דער לייבאָר פּאַרטיי, צעהלט 65,000 מיטגלידער (אַריינגערעכענט 20,000 פרויען.) פאַרמאָגט 2 וועכענטליכע צייטונגען, אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל און אַ ריהע אַנדערע נישט פּעריאָדישע צייטשריפטען. אָפיציעלער אָרגאַן „די ניו לידער“ ערשיינט אין לאָנדאָן. פון די 151 אַרבייטער־דעפּוטאַטען, אין פּאַרלאַמענט זיינען 106 מיטגלידער פון דער אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי. פּאַרזיצענדער קליפאָרד עלען.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — לויט דעם אָפיציעלען באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל צעלט די ענגלישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי 3,700 מיטגלידער. אין די לעצטע וואַהלען האָט זי באַקומען 555,436 שטימען. זי האָט איין דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט.

פּאַלעסטינע.

אידישער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פאַרבאַנד „פּועלי ציון“. — געגרינדעט אין 1909. צעהלט 13,200 מיטגלידער. די פּועלי ציון פּאַרטיי איז אַ פאַרבאַנד פון באַזונדערע פּועלי ציון אָרגאַניזאַציעס וואָס עקזיסטירען אין פאַרשיידענע לענדער. די צאָהל מיטגלידער אין די פאַרשיידענע פּועלי ציון אָרגאַניזאַציעס זיינען ווי פאָלגט: פּאַלעסטינא, 3,500 מיטגלידער; פאַראייניגטע שטאַטען, 3000; פּוילען, 3200; רומעניען, 1300; אַרגענטינע, 1100; ענגלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך און אַנדערע לענדער 1,200. די פּועלי ציון פאַרמאָגען 4 וואָכענטליכע צייטונגען וואָס ערשיינען אין פּאַלעסטינא, רומעניען, מזרח־גאַליציע און פּוילען. אויסער דעם אַ ריִיע אַנדערע פּעריאָדישע שריפטען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, אַרגענטינע און עסטרייך. אין פּאַלעסטינא ערשיינט אויך אַ העברעאישע טעגליכע צייטונג, וואָס ווערט אָפיציעל אַרויסגעגעבען פון די דאָרטיגע טרייד יוניאָנס. דער סעקרעטאַר פון דעם פּועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד איז ב. לאָקער.

קאָמוניסטישע פּועלי ציון. — זיינען אַנגעשלאָסען אַן דעם קאָמוניסטישען אינטער־

נאַציאָנאַל. צאָהל מיטגלידער נישט באַוואוסט.

פּוילען.

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. — (פּ. פּ. ס.) געגרינדעט אין 1892. צאָהל מיטגלידער 59,600 פאַרמאָגט 4 טעגליכע צייטונגען, 5 וועכענטליכע און 1 מאָנאַט שריפט. אָפיציעלער אָרגאַן „ראַבאָטניק", טעגליכע צייטונג ערשיינט אין וואַרשע. אין די וואַהלען פון 1922 האָט די פּאַרטיי באַקומען 911,067 שטימען און האָט ערוועהלט 41 דעפּוטאַטען, (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 444.) זי האָט אויך 7 פאַרטרעטער אין סענאַט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 111). פּאָרזיצענדער פון דער פּאַרטיי פעליקס פּערל.

אונאָפּהענגיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1922. צעהלט 2500 מיטגלידער, פאַרמאָגט 2 וועכענטליכע צייטונגען און איין מאָנאַטשריפט. אָפּיציעלער אָרגאַן „סאָציאַליסטאָ" אַ וואָכענבלאַט ערשיינט אין וואַרשע. אין די וואַהלען פון 1922 האָט זי באַקומען 5000 שטימען. זי האָט נישט קיין איין פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט. פּאָרזיצענדער פון דער פּאַרטיי דר. באָגעסלאַוו דראבנער.

דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — האָט דריי טויזענט מיטגלידער, פאַרמאָגט 1 טעגליכע צייטונג און 2 וועכענטליכע. אָפּיציעלער אָרגאַן „פּאָלקסווילע", טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין קאַטאָוויץ אין די וואַהלען פון 1922 האָט זי באַקומען 1800 שטימען און האָט ערוועהלט 1 דעפּוטאַט אין סיים.

„בונד" (אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער-בונד פון פּוילען). — צעהלט 6000 מיטגלידער. אין די לעצטע וואַהלען באַקומען 81 טויזענט 473 שטימען און האָט נישט ערוועהלט קיין איין דעפּוטאַט אין סיים. אָפּיציעלער אָרגאַן „אונזער פאָלקס-צייטונג", אַ טעגליכע צייטונג אין אידיש, ערשיינט אין וואַרשאַ.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט, לויט דעם באַריכט פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, 5000 מיטגלידער. אין די לעצטע וואַהלען האָט זי באַקומען 128,000 שטימען און האָט ערוועהלט צוויי דעפּוטאַטען. די פּאַרטיי איז אומלעגאַל.

לינקע פּועלי-ציון. — צאָהל מיטגלידער נישט באַוואוסט. אין די לעצטע וואַהלען האָבען זיי באַקומען 14,000 שטימען.

פּאָרטוגאַל.

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1875. צאָל מיטגלידער 2,500. פּאַרמאָגט 2 וועכענטליכע צייטונגען, 2, וואָס ערשיינען צוויי מאָל אַ מאָנאַט, און 1 מאָנאַטליכען זשורנאַל. אָפּיציעלער אָרגאַן „העראַלדאָ" ערשיינט אין ליסאַבאָן. 2 דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט (אַלגעמיינער צאָהל 164).

פינלאַנד.

סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — 28,000, פאַרמאָגט פינף טעגליכע צייטונגען, זעקס וואָס ערשיינען דריי מאָל אַ וואָך און צוויי וואָכענשריפטען. אָפּיציעלער אָרגאַן „סיואָמען סאָציאַל דעמאָקראַטי", אַ טעגליכע צייטונג, וואָס ערשיינט אין העלסינגפאָרס. אין די וואַהלען פון 1924 האָט די פּאַרטיי באַקומען 254,672 שטימען און האָט ערוועהלט זעכציג דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 200). פּאָרזיצענדער פון דער פּאַרטיי איז וו. טאַנער.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צאָהל מיטגלידער ווערט נישט אָנגעגעבען פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל. אין די לעצטע וואַהלען האָט די פּאַרטיי באַקומען 91,664 שטימען און האָט ערוועהלט 18 דעפּוטאַטען.

פראַנקרייך.

סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1905. צאָהל מיטגלידער 110,000. פאַרמאָגט פינף טעגליכע צייטונגען און 47 וועכענטליכע. אָפּיציעלער אָרגאַן „פּאָפּולער" ערשיינט אַלע צוויי וואָכען. אין די לעצטע וואַהלען האָט די פּאַרטיי געקראָגען 1,700,000 שטימען און האָט ערוועהלט 105 דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 600.) זי האָט אויך זעקס פאַרשטעהער אין סענאַט, (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 300.) גענ. סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי פּאול פאַור.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — פּאַרמאָגט לויט דעם באַריכט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל 50,000 מיטגלידער. אין די לעצטע וואַהלען האָט זי באַקומען 800,000 שטימען און האָט ערוועהלט 27 דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט. אין דער צייט פון דער שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבען די קאָמוניסטען פאַרכאַפּט די הויפּט צייטונג די „לאַ יומאַניטע", די איינפלוסרייכסטע טעגליכע סאָציאַליסטישע צייטונג פון פראַנקרייך און די צייטונג געפינט זיך עד היום אין זייערע הענט.

רומעניע.

פעדעראַציע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. — געגרינדעט אין 1921. צאָהל מיטגלידער 12,660. פאַרמאָגט 2 טעגליכע צייטונגען (אין דייטש), 5 וועכענטליכע (2 אין רומעניש, 1 אין אידיש, 1 אין אונגאַריש און 1 אין רומעניש). אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַליזמו", אַ וואָכענבלאַט, וואָס ערשיינט אין בוקאַרעסט. אין די וואַהלען פון 1922 האָט זי באַקומען 25,000 שטימען און האָט ערוועהלט 1 דעפּוטאַט.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט, לויט דעם באַריכט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, 2,500 מיטגלידער. די פּאַרטיי עקזיסטירט אומלעגאַל און זי האָט ניט אַרויסגעשטעלט קיין קאַנדידאַטען אין די וואַהלען.

„בונד" (אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער בונד פון רומעניע). — איז אַנגעשלאָסען אָן דער רומענישער פעדעראַציע. דער איינציגער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין רומענישען פּאַרלאַמענט, דר. פּיסטינער, איז אַ מיטגליד פון „בונד".

רוסלאַנד.

סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבייטער-פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1898. זייט די באָלשעוויקעס האָבען פאַרכאַפּט די מאַכט, עקזיסטירט די פּאַרטיי אומלעגאַל. די מעהרסטע טוער און אַקטיווע פיהרער זיינען אָדער פאַרשפּאַרט אין די באָלשעוויסטישע טורמעס, אָדער פאַרשיקט אין די ווייטע מקומות, אָדער זיי געפינען זיך אין אויסלאַנד. די פּאַרטיי גיט אַרויס עטליכע אומלעגאַלע צייטשריפטען אין רוסלאַנד גופא. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַליסטישעסקי וועסטניק" ערשיינט אין בערלין צוויי מאָל אַ מאָנאַט, אונטער דער רעדאַקציע פון פ. דאַן, ר. אַבראַמאָוויטש און ד. בערלין.

פּאַרטיי סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען. — געגרינדעט אין 1900. זייט נאָוועמבער, 1917, ווען די באָלשעוויקעס האָבען פאַרכאַפּט די מאַכט, עקזיסטירט די פּאַרטיי אומלעגאַל. די מיטגלידער פון איהר צענטראַל קאָמיטעט זיינען פאַרשפּאַרט אין די טורמעס. די פּאַרטיי גיט אַרויס עטליכע אומלעגאַלע צייטונגען און ביולעטינען אין רוסלאַנד. דער אָפיציעלער אָרגאַן „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָסיאַ" (אַ מאָנאַט-שריפט) ערשיינט אין פּראַג, טשעכאָ-סלאָוואַקיע, אונטער דער רע-

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — אָפיציעלע

דאַקציע פון וו. טשערנאָוו.

רעגירונגס פּאַרטיי פון רוסלאַנד. די איינציגע פּאַרטיי, וואָס עקזיסטירט לעגאַל. לויט דעם באַריכט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, צעהלט זי צוזאַמען מיט די קאַנדידאַטען 741,117, (דאָ געהען ניט אַריין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון גרוזיען, אַרמעניען און אוקראַינע, וועלכע ווערען אָנגעגעבען באַזונדער).

שפּאַניע.

סאָציאַליסטישע אַרבייטער-פּאַרטיי.— געגרינדעט אין 1879. צאָל מיטגלידער 8555. פאַרמאָגט 1טעגליכע צייטונג און 5 וועכענטליכע. אָפיציעלער אָרגאַן „על סאָציאַליסטאַ". ערשיינט אין מאַדריד. אין די וואַהלען פון 1923 האָט זי באַקומען 50 טויזענט שטימען און האָט ערוועהלט 7 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָל 408). פּאַרזיצענדער פון דער פּאַרטיי יוליאַן בעסטיירא.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי. — צעהלט, לויט דעם באַריכט פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, 5000 מיטגלידער. לויט דעם באַריכט פון דער שפּאַנישער קאָמוניסטישער פּרעסע, נאָר 1000 מיטגלידער. אין די לעצטע וואַהלען האָט די פּאַרטיי באַקומען בלויז צוויי טויזענט שטימען און האָט ניט ערוועהלט קיין איין דעפּוטאַט.

שוועדען.

סאָציאַל - דעמאָקראַטישע אַרבייטער-פּאַרטיי. — געגרינדעט אין 1889. צעהלט 149 טויזענט 429 מיטגלידער (אַריינגערעכענט 19 טויזענט 582 פרויען). פאַרמאָגט 15 טעגליכע צייטונגען. איין צייטונג ערשיינט אין פיר באַזונדערע אויסגאַבען, 6 צייטונגען, וואָס ערשיינען דריי מאָל אַ וואָך, און 6 מאָנאַטשריפטען. אָפיציעלער אָרגאַן „סאָציאַל-דעמאָקראַטען", טעגליכע צייטונג, ערשיינט אין שטאָקהאָלם. אין די וואַהלען פון 1924 האָט די פּאַרטיי באַקומען 725,844 שטימען און האָט ערוועהלט 104 דעפּוטאַטען (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 230). די פּאַרטיי האָט אויך 52 פאַרשטעהער אין סענאַט (פון דער אַלגעמיינער צאָהל 150). פּאַרזיצענדער פון דער פּאַרטיי אַלבין האַנסאָן. די רעגירונג האָט זיך א צייט געפונען אין די הענט פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטען.

שווייץ.

סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. — געגרינדעט אין יאָהר 1888. צאָל מיטגלידער 45 טויזענט. צאָל דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַ-

מענט 49 (פון דער אלגעמיינער צאל 198). פארמאגט א רייכע טעגליכע און וועכענטליכע ציימונגען אין דייטש, פראנצויזיש און איטאליעניש. הויפט ציימונגען „בערנער טאגוואכט", „ציוריכער פאלקס-רעכט". פארזיצענדער פון דער פארטיי ריינהארד.

קאמוניסטישע פארטיי. — האט אין 1922 געצעהלט 5,400 מיטגלידער, אין 1924 — 1,400 און אין 1925 איז די צאהל מיטגלידער נאכמעהר ארונטערגעפאלען. אין פארלאמענט 3 דעפוטאטען.

25 יאהר טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל

פון דוד מייער

מיט 25 יאהר צוריק, דעם 21טען סעפטעמבער 1901, זיינען זיך אין קאפענהאגען צוזאמענגעקומען 13 טרייד-יוניאן טוער, וועלכע האבען רעפרעזענטירט די יוניאנס פון ענגלאנד, דייטשלאנד, בעלגיע, פינלאנד, דענעמארק, נארוועגיען און שוועדען, צו בעראטען זיך וועגען א געמיינזאמע טעטיגקייט פון אלע יוניאנס, פון אלע לענדער. די 13 דעלעגאטען פון די 7 אויסגערעכענטע לענדער האבען דאמאלסט פארטראטען אן ערך פון א מיליאן ארגאניזירטע ארבייטער. די דאזיגע בעראטונג האט באשלאסען צו בילדען אן אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציע, וועלכע זאל ארומנעהמען אלע טרייד-יוניאנס פון דער וועלט.

דאס פראגראם און די צילען פון דער נייער ארגאניזאציע זיינען געוועזען זעהר באשיידענע. די ארגאניזאטארען האבען פארלויפיג נאר געוואלט, אז די יוניאנס פון די פארשידענע לענדער זאלען זיך געגענזייטיג אינפארמירען וועגען זייער טעטיגקייט און ערפאהרונג, זאמלען סטאטיסטישע מאטעריאלען וועגען דער אלוועלטליכער טרייד-יוניאן באוועגונג און, אין פאל פון א לאנגען און שווערען סטרייק אין וועלכען עס איז לאנד, דורכפיהרען געלט-זאמלונגען פאר די סטרייקענדע.

דאס געפיהל פון אינטערנאציאנאלער ארבייטער סאלידאריטעט און די נויטיגקייט פון אן אינטערנאציאנאלע טרייד-יוניאן ארגאניזאציע איז נאך דאמאלס געוועזן אזוי שוואך ענטוויקעלט, אז עס האט גענומען צוויי יאהר ביז די ארגאניזאציע האט זיך פאקטיש קאנסטיטואירט, ביז וואנען זי האט געשאפען איהר אייגענעם סעקרעטאריאט (1903).

ביז'ן אנהויב פון דער וועלט-מלחמה האט דער טרייד-יוניאן אינטערנאציאנאל שטארק אפגעהיט די פון אנהויב אנגעמערקטע פראגראם און פרינציפען. ווען אין יאהר 1905, אויף דעם אינטערנאציאנאלען טרייד-יוניאן קאנגרעס אין אמסטערדאם, האבען די פארשטעהער פון די פראנצויזישע יוניאנס פארגעלעגט צו באהאנדלען די פראגען וועגען אן אלגעמיינעם סטרייק, 8 שעה'דיגען ארבייטס-טאג, קאמף מיט'ן אלץ וואקסענדען מיליטאריזם, האט די מעהרהייט נידערגעשטימט דעם פארשלאג און די פראגען ניט געוואלט באהאנדלען. מיט אזעלכע פראגען האט זיך דער דאמאלסדיגער טרייד-יוניאן אינטערנאציאנאל ניט געוואלט פארנעהמען.

פון 1901 ביז 1914 זיינען פארגעקומען 7 אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען: אין 1902 — אין שטוטגארט; 1903 — אין דובלין; 1905 — אין אמסטערדאם;

1907 — אין כריסטיאַניע; 1909 — אין פּאַריז; 1911 — אין בודאַפּעסט; 1913 — אין ציוריך.

די בייגעלעגטע טאַבעלע ווייזט ווי אַזוי דער טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך ענטוויקעלט, וויפיל, פון 1903 ביז דער מלחמה (1914) איז איהם צוגעקומען מיטגלידער און וויפיל לענדער האָבען זיך אין איהם אַנגעשלאָסען:

יאָהר	צאָהל לענדער	צאָהל מיטגלידער
1903	11	1,759,022
1904	15	2,477,077
1905	15	2,939,453
1906	15	3,664,647
1907	16	4,097,002
1908	17	4,312,633
1909	20	5,859,257
1910	20	6,121,719
1911	19	6,900,995
1912	19	7,394,461
1913	16	7,682,308
1914	16	6,829,609

ווי מיר זעהען איז די צאָהל מיטגלידער אין די יוניאָנס, וואָס זיינען געווען אַנגעשלאָסען אָן טרייד-יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל פאַר דער צייט שטאַרק אויסגעוואַקסען (פון 1 מיליאָן 700 טויזענט ביז קנאַפּע 7 מיליאָן). זיי האָבען זיך פאַרגרעסערט אומגעפער אויף 4 מאָל. די צאָהל אַנגעשלאָסענע לענדער האָבען זיך ניט אַזוי שטאַרק פאַרגרעסערט. אין גאַנצען זיינען צוגעקומען פינף לענדער. דערפון איז צו זעהן, אַז די יוניאָן-באַוועגונג האָט זיך שטאַרק ענטוויקעלט און פאַנאַנדערגעוואַקסען אין די שוין אַנגעשלאָסענע לענדער. די יוניאָנס אין די באַזונדערע לענדער האָבען שטאַרק פאַרגרעסערט זייער מיטגלידערשאַפט.

די שוידערליכע וועלט-מלחמה האָט צייטווייליג אָפּגעשוואַכט און דעזאָרגאַניזירט די גאַנצע אַרבייטער-באַוועגונג. דער טרייד-יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל איז זיך צופאַלען, פונקט ווי עס איז זיך אויך צופאַלען דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל.

גלייך נאָך דער מלחמה, עטליכע מאָנאַטען נאָכ'ן שליסען דעם וואַפען-שטילשטאַנד, אין פעברואַר 1919, זיינען זיך אין בערן ווידער צונויפגעקומען די פאַרטרעטער פון די טרייד-יוניאָנס פון אַלע לענדער. דער טרייד-יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל האָט צוריק אויפגעלעבט, האָט באַנייט זיין טעטיגקייט.

דער נייער, צוריק אויפגעבויטער, אינטערנאַציאָנאַל איז שוין אָבער געווען פיל גרעסער, שטאַרקער און קאָנסאָלידירטער, ווי דער פאַר-מלחמה'דיגער. פון די קנאַפּע 7 מיליאָן איז ער אויפגעוואַקסען אויף אריבער 23 מיליאָן מיטגלידער. די מיטגלידערשאַפט איז געוואָרען מעהר ווי דריי מאָל אַזוי פיל. עס איז פאַרגרעסערט געוואָרען די צאָהל אַנגעשלאָסענע אין איהם לענדער. עס איז געוואַקסען זיין אינערליכער כח און באַדייטונג.

זיין טעטיגקייטס-פּראָגראַם האָט זיך ביי די נייע, נאָך מלחמה באַדינגונגען ראַדיקאַל געענדערט. פּאָליטישע טעטיגקייט איז שוין איצט ביי איהם ניט געווען טריף, פאַרקעהרט. ער שטעלט עס אין פאָדערגרונד פון זיין פּראָגראַם און פון זיינע פּרינציפּען. אין פּראָגראַם פון באַנייטען אינטערנאַציאָנאַל געפינט זיך שוין אַ פּונקט וועגען די נויטיגקייט פון קאַמף געגען קאַפּיטאַליזם און פאַר פאַרגעזעלשאַפטליכען די פּראָדוקציע. דער קאָנגרעס פון 1919 רעדט שוין וועגען געמיינזאַמע אינטערנאַציאָנאַלע אַקציעס פאַר דער סאָציאַליזירונג פון געוויסע אינ-

סטריע־צווייגען. אין דער רעזאָלוציע פון קאָנגרעס פון 1924 זאָגט זיך שוין גאַנץ דרייסט, אז „די טרייד־יוניאָנס אלס אָרגאַניזאציעס, וואָס זיינען בארופען צו פארטיידיגען די ווירטשאפטליכע אינטערעסען פון ארבייטער־קלאָס, דארפען ווירקען אויף דער מלוכה־פּאָליטיק אויף דעם זעלבען אופן ווי דאָס טוען קאָנסע־קווענט די פארשידענע פארבאנדען פון די אונטערנעהמער“. אין דעם אויפרוף געגען מלחמות, וואָס דער טרייד־יוניאָן אינטערנאציאָנאל האָט צוזאמען מיט'ן סאָציאליסטישען אינטערנאציאָנאל און אינטערנאציאָנאלע סאָציאליסטישע יוגענט־אָרגאניזאציע אין 1924 ארויסגעלאָזט, זאָגט זיך שוין בפירוש, אז כדי אונטער־צוברענגען אלע מלחמות „מוזען מיר באזייטיגען די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט־ליכע אָרדענונג. דאָס איבערנעהמען אין אלע לענדער די מלוכה־מאכט דורך די ארבייטער וועט מאכען אַ סוף ניט נאָר צו די עקספּלואטאציע פון די ארבייטער, נאָר אויך פון מלחמות“.

די „אינטערנאציאָנאלע פעדעראציע פון טרייד־יוניאָנס“, אָדער ווי מען רופט איהר קורץ: „דער אמסטערדאמער אינטערנאציאָנאל“, האָט זיך טאקע באמת אקטיוו באטייליגט אין אלע אינטערנאציאָנאלע פּאָליטישע פראגען און קאמפען, וואָס האָבען אינטערעסירט דעם ארבייטער קלאָס. צוזאמען מיט'ן סאָציאליסטי־שען אינטערנאציאָנאל, מיט וועלכען ער געפינט זיך אין אַן ענגען קאָנטאקט, און גאַנץ אָפט אויך איינער אליין, האָט דער אמסטערדאמער אינטערנאציאָנאל רעאגירט אויף דעם אינטערנאציאָנאלען פּאָליטישען לעבען און ארויסגעהאָלפען דעם ארבייטער־קלאָס פון פארשידענע לענדער. דער טרייד־יוניאָן אינטערנאציאָ־נאל געפינט זיך אויך אין אַן ענגען קאָנטאקט מיט'ן אינטערנאציאָנאל פון אלע קאָאָפּעראטיוועז. צוזאמען מיט'ן סאָציאליסטישען און קאָאָפּעראטיווען אינטער־נאציאָנאל רופט ער זיך שטענדיג אָפּ אויף אלע ארבייטער־פראגען און רעאגירט אויף זיי אין גייסט פון אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם.

נישט אָנגעשלאָסען אין אמסטערדאמער אינטערנאציאָנאל (פון די גרעסטע לענ־דער) זיינען נאָך איצט די טרייד־יוניאָנס פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אמערי־קא און פון סאָוועט רוסלאנד. די אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט זיך צוריקגעצויגען פון אינטערנאציאָנאל נאָכ'ן בערנער קאָנגרעס פון 1919. די אָר־גאניזאציע איז פאר איהר געווען צו לינק, צופיל סאָציאליסטיש. די רוסישע יוניאָנס האָבען אליין געגרינדעט אַ „לינקען“ טרייד־יוניאָן אינטערנאציאָנאל, דעם רויטען „פּראָפינטערן“. דעם אמסטערדאמער אינטערנאציאָנאל האָבען די רוסישע, באָלשע־וויסטישע יוניאָנס באטראכט אלס אַ „ווערקצייג אין די הענד פון די בורזשואזע קלאסען, פון די קאפּיטאליסטען אָפּצונארען די ארבייטער“.

אין איצטיגען מאָמענט ווערען געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט דער אמע־ריקאן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר וועגען איהר צוריקאָנשליסען זיך אין אמסטערדאמער אינטערנאציאָנאל. דער לעצטער קאָנגרעס פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אָוו ליי־באָר האָט די פראגע באשלאָסען אין פּאָזיטיווען זינען. די אונטערהאנדלונגען ווע־רען געפיהרט צוליב די באדינגונגען פון דער פאראייניגונג.

אויך מיט די רוסישע יוניאָנס ווערען געפיהרט אונטערהאנדלונגען וועגען זייער אריינטריט אין אמסטערדאמער אינטערנאציאָנאל. זיי ווערט אבער געשטעלט פאר אַ באדינג דאָס ארויסטרעטען פון מאָסקווער „פּראָפינטערן“ (וואָס מיינט פּאקטיש

זיין ליקווידאַציע) און דאָס אבסאָלוטע אונטערוואַרפען זיך די באַשלוסען פון אמ־סטערדאמער אינטערנאַציאָנאַל, אויספאָלגען זיין קאָנסטיטוציע. די פראַגע טרעפט אָן אויף גרויסע שוועריגקייטען. די צייט און דאָס לעבען אַרבייטען אבער פאַר'ן אמסטערדאמער אינטערנאַציאָנאַל. ס'איז זיכער נישט ווייט דער מאָמענט ווען אין איהם וועלען זיין אנגעשלאָסען אַלע טרייד-יוניאָן אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט.

פון 1919 ביז היינט זיינען נאָך פאָרגעקומען 5 אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען.

אין איצטיגען מאָמענט געהערען צום אמסטערדאמער אינטערנאַציאָנאַל די טרייד יוניאָנס פון פאָלגענדע לענדער: דייטשלאַנד, ענגלאַנד, עסטרייך, בעלגיע, בולגאַריע, טשעכיען, דענמאַרק, פראַנקרייך, שפּאַניע, האָלאַנד, יוגאָסלאַוויע, קענעדע, מעמעל, לוקסעמבורג, לעטלאַנד, פּאַלעסטינע, פּוילען, דרום־אַפריקע, רומעניע, שוויי־צאַריע, שוועדען, אונגאַרען, יאַפּאַן און איטאַליע.

די צאָהל מיטגלידער און לענדער וואָס זיינען געווען אָנגעשלאָסען אין אמסטער־דאמער אינטערנאַציאָנאַל אין די נאָך מלחמה יאהרען ווייזט די פאָלגענדע טאַבעלע:

יאָהר	צאָהל לענדער	צאָהל מיטגלידער	יאָהר	צאָהל לענדער	צאָהל מיטגלידער
1919	19	23,029,329	1922	21	18,158,531
1920	21	22,641,633	1923	24	15,316,127
1921	24	21,991,615	1924	24	13,749,133
			1925	24	13,216,217

מיר זעהען פון די ציפערען, אז אין די שפּעטערדיגע יאהרען איז, א דאַנק דעם שרעקליכען עקאָנאָמישען קריזיס אין אייראָפּא, די צאָהל מיטגלידער פון אינטערנא־ציאָנאַל באַדייטענד פאַרקלענערט געוואָרען. פון 23 מיליאָן איז זי געפאַלען ביז עפּעס מעהר ווי 13 מיליאָן. די צאָהל לענדער וואָס זיינען אָנגעשלאָסען אין אינ־טערנאַציאָנאַל האָט זיך נישט פאַרקלענערט נאָר געוואַקסען: פון 19 אויף 24. דאָס הייסט, אז די פאַרקלענערונג פון דער צאָהל מיטגלידער איז פאָרגעקומען נישט דער־פאַר, ווייל איינינגע לענדער האָבען זיך אָפּגעריסען פון אינטערנאַציאָנאַל נאָר ווייל די צאָהל טרייד־יוניאָן מיטגלידער אין די באַזונדערע לענדער האָבען זיך צוליב דעם קריזיס פאַרקלענערט. פאַראַלעל מיט פאַלען פון די צאָהל מיטגלידער פאַרגרעסערט זיך די צאָהל פון די אָנגעשלאָסענע לענדער.

די „אינטערנאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון די טרייד־יוניאָנס" שטרעבט אַריינצו־ציהען אין איהר אָרגאַניזאַציע אַלע טרייד־יוניאָנס פון אַלע לענדער, פון דער גאַנצער וועלט. נאָר דאַמאַלס וועט זי זיין אַן ערנסטער און ווירקזאַמער כוח.

כחות פארהעלטנים פון די פארשידענע ריכטונגען אין די יוניאנס דעם 1טען יאנואר, 1922, און דעם 1טען יאנואר, 1925.

די ריכטונגען.	די צאָל מיטגלידער: יאנואר 1, 1522	די צאָל מיטגלידער: יאנואר 1, 1925	פארמעהרונג (+) אדער פארמינדערונג (—): אין צאָהל	פארמעהרונג (+) אדער פארמינדערונג (—): אין פראָצ.
אמסטערדאמער אינטערנאציאָנאל	22,411,826	17,702,431	—4,709,395	—21.0
קריסטליכע יוניאנס	3,759,106	2,112,109	—1,646,997	—43.8
אנארכאָ-סינדיקאַליסטישע	1,254,217	471,439	—782,778	—62.4
מאָסקווער פראפאינטערן	7,069,000	7,333,845	+264,845	+3.7
פארשידענע יוניאנס	11,778,983	8,442,887	—3,336,096	—28.3
אלע יוניאנס	46,273,132	36,062,711	—10,210,421	—22.1

די צאָהל אָרגאַניזירטע ארבייטער אין פארשידענע לענדער

לאַנד	צום ערשטען יאַנואַר 1922 אין מיליאָנען	צום ערשטען יאַנואַר 1925 אין מיליאָנען
רוסלאנד (ס. ס. ס. ר.)	6.9	6.6
דייטשלאַנד	12.6	6.9
ענגלאַנד	6.6	5.5
פראַנקרייך	1.1	1.1
איטאַליע	2.1	2.2
פוילען	0.8	0.5
שפּאַניע	1.3	0.5
רומעניע	0.2	0.05
טשעכאָ-סלאָוואַקיע	2.0	1.7
יוגאָ-סלאַוויע	0.3	0.06
אונגאַרן	0.3	0.3
בעלגיע	0.9	0.7
האָלאַנד	0.7	0.5
פּאָרטוגאַל	0.1	0.04
עסטרייך	1.1	1.0
שוועדען	0.4	0.5
גריכענלאַנד	0.2	0.06
בולגאַריע	0.04	0.05
שווייץ	0.3	0.3
פינלאַנד	0.05	0.05
דענעמארק	0.4	0.3
נאָרוועגיע	0.1	0.1
ליטע	—	0.03
לאַטוויע	0.05	0.04
עסטאָניע	—	0′03
לוקסענבורג	0.03	0.01
פאַראייניגטע שטאַטען	5.2	3.6
קענעדע	0.3	0.2
אַרגענטינא	0.3	0.1
מעקסיקאָ	0.7	0.8
פּערו	0.03	0.03
טשילי	—	0.2
כינע	—	0.3
יאַפּאַן	0.1	0.2
אינדיע	0.5	0.2
פּאַלעסטינא	—	0.2
דרום אפריקא	0.1	0.3
אויסטראַליע	0.7	0.7
ניי-זעעלאַנד	0.08	0.1
סך הכל	46.5	36.05

די פאַראייניגטע שטאַטען

די פאַראייניגטע שטאַטען זיינען א רעפּובליק, וואס באשטעהט פון 48 שטאַטען און דעם דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא (וואו די הויפּט שטאָדט, וואַשינגטאָן, געפינט זיך). דאָס זיינען די אזוי־גערופענע „קאָנטינענטאַל יונייטעד סטייטס".

חוץ דעם געהערען נאָך צו די פאַראייניגטע שטאַטען די טעריטאָריעס אַלאַסקא און האוואַאי־אינזלען, די פיליפּינען, פּאָרטאָ ריקא, וואוירדזשין איילענדס, די אמעריקאנער סאַמאָא, גואַם, וועיק, די מידוועי איילענדס אין פּאַסיפישען אָקעאַן און דער פּאַנאַמא קאנאַל ראַיאָן.

דער שטח פון די אַלע טעריטאָריעס איז 716,721 קוואדראט מייל, און די באַפעלקערונג ווערט געשעצט ארום 12,148,875.

דער שטח פון די פאַראייניגטע שטאַטען איז 3,026,789 קוואדראַט מייל; צוזאמען — 3,743,510.

די באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען איז (לויט דעם צענזוס פון 1920): אין די שטאַטען — 105,710,620; צוזאמען — 117,859,495.

דער שטח און די באַפעלקערונג (אַלגעמיינע און אידישע) פון די באַזונדערע שטאַטען, און די נעמען פון זייערע הויפּטשטעדט

נאָמען פון שטאַט		שטח אין סקווער מייל	באַפעלקערונג אין יאָהר 1925	אידישע באַפעלקערונג אין יאָהר 1920	קעפּיטאַל
אַלאַבאַמאָ	Alabama	51,998	2,467,190	11,086	מאָנטגאָמערי
אַריזאָנאַ	Arizona	113,956	407,702	1,012	פעניקס
אַרקענסאָ	Arkansas	53,335	1,852,905	5,012	ליטל ראַק
קאַליפאָרניא	California	158,297	4,021,320	63,652	סאַקראַמענטאָ
קאָלאָראַדאָ	Colorado	103,948	1,019,286	14,565	דענוועր
קאָנעטיקוט	Connecticut	4,965	1,531,255	66,862	האַרטפאָרד
דעלאַווער	Delaware	2,390	234,720	3,805	דאָווער
דיסט. אָוו קאָלאָמביא	Dist. of Col'bia	70	497,906	4,900	וואַשינגטאָן
דזשאָרדזשיאַ	Georgia	59,265	3,058,260	22,414	אַטלאַנטאַ
פלאָרידא	Florida	58,666	1,090,754	6,451	טאלאהעסי
איידאהאָ	Idaho	83,888	492,071	1,073	באָיז
אילינאָי	Illinois	56,665	6,964,950	246,637	ספּרינגפילד
אינדיאַנאַ	Indiana	36,354	3,060,416	25,833	אינדיאַנאַפּאָליס
אַיאָוואַ	Iowa	56,147	2,505,569	15,555	דעמאָין
קענזעס	Kansas	82,158	1,813,621	9,450	טאָפּיקאָ
לואיזיאַנאַ	Kentucky	40,598	2,488,423	13,362	פרענקפאָרט
מעין	Louisiana	48,506	1,879,024	12,723	בייטאָן רוזש
קענטאַקי	Maine	33,040	782,541	7,387	אגוסטא

נאָמען פון שטאַט		שטח אין סקווער מייל	אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין 1925	אידישע באַפעלקערונג אין 1920	קעפּיטאל
מערילענד	Maryland	12,327	1,537,085	63,642	אַנאַפּאָליס
מעסעטשוזעטס	Massachusetts	8,266	4,127,653	189,671	באָסטאָן
מישיגען	Michigan	57,980	4,154,625	63,254	לענסינג
מינעסאָטאַ	Minnesota	84,682	3,563,550	31,462	סט. פּאול
מיסיסיפּי	Mississippi	46,865	1,790,618	3,881	דזשעקסאָן
מיזורי	Missouri	69,420	3,466,781	80,807	דזשעפערסאָן סיטי
מאָנטאַנאַ	Montana	146,977	646,806	2,518	העלענאַ
נעבראַסקאַ	Nebraska	77,520	1,355,371	13,547	לינקאָלן
נעוואַדאַ	Nevada	109,821	77,407	503	קארסאָן סיטי
ניו העמפּשייר	N. Hampshire	9,341	450,171	3,257	קאָנקאָרד
ניו דזשוירזי	New Jersey	8,224	3,506,428	149,476	טרענטאָן
ניו מעקסיקאָ	New Mexico	22,634	379,074	858	סאַנטאַ־פּעי
ניו יאָרק	New York	49,204	11,105,615	1,603,923	אַלבעני
נאָרטה קאַראָליינאַ	North Carolina	52,426	2,759,014	4,915	־עלעי
נאָרטה דאַקאָטאַ	North Dakota	70,837	686,414	1,492	ביסמאַרק
אָהייאָ	Ohio	41,040	6,321,539	166,361	קאָלאָמבוס
אָקלאַהאָמאַ	Oklahoma	70,057	2,338,536	5,186	אָקלאַהאָמאַ סיטי
אָרעגאָן	Oregon	96,699	846,161	9,767	סיילעם
פּענסילווייניא	Pennsylvania	45,126	9,317,647	322,406	העריסבורג
רהאוד איילענד	Rhode Island	1,248	639,401	20,502	פּראָווידענס
סאוטה קאַראָליינאַ	South Carolina	30,989	1,779,084	4,816	קאָלאָמביא
סאוטה דאַקאָטאַ	South Dakota	77,615	666,380	1,262	פּיערע
טענעסי	Tennessee	42,022	2,424,616	14,034	נעשוויל
טעקסעס	Texas	265,896	5,097,574	35,889	יוסטאָן
יוטאַ	Utah	84,990	492,478	3,737	סאָלט לייק סיטי
ווערמאָנט	Vermont	9,564	352,428	2,221	מאָנטפּעליע
וואַשינגטאָן	Washington	69,127	1,478,214	9,117	אָלימפּיא
וועסט־ווירדזשיניאַ	West Virginia	24,170	1,601,130	5,127	טשאַרלסטאָן
וויסקאָנסין	Wisconsin	56,066	2,801,008	28,531	מעדיסאָן
ווייאָמינג	Wyoming	97,914	221,842	498	שייען
ווירדזשיניא	Virginia	42,627	2,449,445	35,455	ריטשמאָנד

אַמעריקאַנער טעריטאָריעס אין 1920.

אַלאַסקאַ	Alaska	590,884	54,899	500	דזשונאַ
האַוואַי־אינזלען	Hawaii	6,499	255,912	150	האָנאָלולו

אַמעריקאַנישע דעפּענדענסים אין 1920.

פיליפּינישע אינזלען	Philippine Is.	114,400	10,350,730	500	מאַנילאַ
פּאָרטאָ ריקאָ	Porto Rico	3,453	1,299,809	200	סאַן זשואַן
ווירדזשין אינזלען	Virgin Islands	132	26,051		שאַרלאָט אַמאַליע
אַמעריקאַנישע סאַמאָאַ	Amer. Samoa	57.9	8,324		פּאַגאַ פּאַגאַ
גואַם	Guama	210	14,246		אַגאַנזאַ

מידוועי אינזלען צוגערעכענט אלס א טייל צו די האַוואַי אינזלען.

גרויסע אמעריקאנער שטעדט מיט א באפעלקערונג מעהר פון 100,000, לויט דעם צענזוס פון 1925.

אלבאני, נ. י.	117,820
אטלאנטא, דזש.	227,710
באלטימאר, מד.	796,296
בוירמינגהעם, אלא.	205,670
באסטאן ,מאס.	781,529
באפאלא, נ. י.	538,016
קעמברידזש, מאס.	120,053
קעמדען, נ. דזש.	128,642
קענטאן, א.	106,260
שיקאגא, איל.	2,995,239
סינסינעטי, א.	409,333
קליוולאנד, א.	936,485
קאלומבוס, א.	279,836
דאלאס, טעק.	194,450
דייטאן, א.	172,942
דענווער, קאל.	289,911
דעטרויט, מיש.	1,242,044
דולוט, מינ.	110,502
על פאזא, טעק.	104,929
עליזאבעט, נ. דזש.	103,947
אירי, פא.	112,571
פאל ריווער, מאס.	129,662
פלינט, מיש.	130,316
פארט ווארט, טעק.	154,847
גרענד רעפידס, מיש.	153,698
הארטפארד, קאנ.	160,197
האוסטאן, טעק.	164,954
אינדיאנאפאליס, אינד.	358,819
דזשוירזי סיטי, נ. דזש.	315,280
קענזעס סיטי, מא.	367,481
לאס אנדזשעלעס, קאל.	1,222,500
לואיזוויל, קענטאקי	259,259
לאועל, מאס.	110,542
לין, מאס.	103,147
מעמפיס, טענ.	174,533
מילוואקי, וויס.	509,192
מינעאפאליס, מינ.	425,435
נעשוויל, טענ.	136,220
ניו בעדפארד, מאס.	120,494
ניו הייווען, קאנ.	178,927
ניו ארלינס, לואיזיאנא	414,493
נוארק, נ. דזש.	452,513
ניו יארק	6,251,817
נארפאלק, ווירדזשיניא	164,105
אקלאנד, קאל.	253,700
אקלאהאמא סיטי, אקל.	104,080
אמאהא, נעב.	211,768
פעטערסאן, נ. דזש.	141,695
פילאדעלפיא, פא.	1,979,364
פיטסבורג, פא.	631,563
פארטלאנד, ארעגאן	282,383
פראווידענס, ר. א.	287,918
רעדינג, פא.	112,707
ריטשמאנד, ווירדזשיניא	186,403
ראטשעסטער, נ. י.	316,786
סט. לואיס, מיז.	821,543
סט. פאול, מינ.	246,401
סאלט לייק סיטי, יוטא	130,948
סאן אנטאניא, טעק.	198,069
סאן דיעגא, קאל.	106,047
סאן פראנציסקא, קאל.	557,530
סקרענטאן, פא.	142,266
ספאקיין, וואש.	108,897
ספרינגפילד, מאס.	142,324
סיראקיוז, נ. י.	182,003
טאקאמא, וואש.	104,455
טאלידא, א.	287,380
טרענטאן, נ. דזש.	132,020
טולסא, אקל.	124,478
יוטיקא, נ. י.	101,604
וואשינגטאן, ד. ק.	497,906
ווילמינגטאן, דעל.	122,049
וואוסטער, מאס.	192,242
יאנקערס, נ. י.	113,647
יאנגסטאן, א.	159,970

פיר שטעדט אין די פאראייניגטע שטאטען האבען א באפעלקערונג פון איבער א מיליאן: ניו יארק, שיקאגא, פילאדעלפיא, דעטראיט.

עס זיינען פאראן אין לאנד 12 שטעדט מיט א באפעלקערונג פון איבער א האלבען מיליאן, 21 שטעדט מיט איבער 300,000, און 31 שטעדט מיט איבער 200,000 איינוואוינער.

די פּרעזידענטען פון די פאַראייניגטע שטאַטען

דער נאָמען פון יעדען פּרעזידענט, ווען ער איז געבוירען, ווען ער איז ערוועהלט געוואָרען, ווי לאַנג ער איז געווען אין אַמט, וויפיל יאָהר ער האָט געלעבט און ווען ער איז געשטאָרבען.

די צאָהל	נאָמען	געבוירען			אינויגורירט אין יאָהר	געווען פּרעזידענט			געלעבט יאָהרען	געשטאָרבען		
		טאָג	מאָנאַט	יאָהר		טאָג	מאָנאַט	יאָהר		טאָג	מאָנאַט	יאָהר
1	דזשאָרדזש וואַשינגטאָן	22	פעב.	1732	1789	4	10	7	67	14	דעצ.	1799
2	דזשאָן עדעמס	30	אָקט.	1735	1797	—	—	4	90	4	יולי	1826
3	טהאָמאַס דזשעפערסאָן	13	אַפּר.	1743	1801	—	—	8	83	4	יולי	1826
4	דזשיימס מעדיסאָן	16	מאַר.	1751	1809	—	—	8	85	28	יוני	1836
5	דזשיימס מאָנראָ	28	אַפּר.	1758	1817	—	—	8	73	4	יולי	1831
6	דזשאָהן קווינסי עדעמס	11	יולי	1767	1825	—	—	4	80	23	פעב.	1848
7	ענדריו דזשעקסאָן	15	מאַר.	1767	1829	—	—	8	78	8	יוני	1845
8	מאַרטין וואַן בורען	5	דעצ.	1782	1873	—	—	4	79	24	יולי	1862
9	וויליאַם ה. העריסאָן	9	פעב.	1773	1841	—	1	—	68	4	אַפּר.	1841
10	דזשאָהן טיילאָר	29	מאַר.	1790	1841	—	11	3	71	17	יאַנ.	1862
11	דזשיימס נאָקס פּאָלק	2	נאָוו.	1785	1845	—	4	—	53	15	יוני	1849
12	זאַכארי טעילאָר	24	נאָוו.	1784	1849	5	4	1	65	9	יולי	1850
13	מיללאַרד פילמאָר	7	יאַנ.	1800	1850	26	7	2	74	8	מאַר.	1874
14	פראַנקלין פּיערס	23	נאָוו.	1804	1853	—	—	4	64	8	אָקט.	1869
15	דזשיימס בוקהענען	23	אַפּר.	1791	1857	—	—	4	77	1	יוני	1868
16	אייבערעהעם לינקאָלן	12	פעב.	1809	1861	11	1	4	56	15	אַפּר.	1865
17	ענדריו דזשאָנסאָן	29	דעצ.	1898	1865	19	10	3	66	31	יולי	1875
18	יוליסעס סימפּסאָן גרענט	27	אַפּר.	1822	1869	—	—	8	63	23	יולי	1885
19	רוטערפאָרד ב. העיס	4	אָקט.	1822	1877	—	—	4	70	17	יאַנ.	1893
20	דזשיימס א. גאַרפיעלד	19	נאָוו.	1831	1881	15	6	—	49	19	סעפּ.	1881
21	טשעסטער אַלען אַרטהור	5	אָקט.	1830	1881	15	5	3	56	18	נאָוו.	1886
22	גראָווער קליוולאַנד	18	מאַר.	1837	1885	—	—	4	71	24	יוני	1908
23	בענדזשאַמין העריסאָן	20	אויג.	1833	1889	—	—	4	67	13	מאַר.	1901
24	גראָווער קליוולאַנד	18	מאַר.	1837	1893	—	—	4	71	24	יוני	1908
25	וויליאַם מעקינלי	29	יאַנ.	1843	1897	10	6	4	58	14	סעפּ.	1901
26	טהעאָדאָר רוזוועלט	27	אָקט.	1858	1901	18	5	7	61	6	יאַנ.	1919
27	וויליאַם האָוואַרד טעפט	15	סעפּ.	1857	1989	—	—	4	—	—	—	—
28	וואודראָו ווילסאָן	28	דעצ.	1856	1913	—	—	8	—	3	פעב.	1924
29	וואָררען ג. האַרדינג	2	נאָוו.	1865	1921	29	4	2	58	2	אויג.	1923
30	קאַלווין קולידזש	4	דעצ.	1865	1923	—	—	—	—	—	—	—

וויטקייט צווישען אמעריקאנער גרויסע שטעדט

די טאבעלע צייגט וויפיל מייל עס איז צווישען די שטעדט, וועלכע זיינען דא אויסגערעכענט.

פון / ביז	ניו יארק	שיקאגא	פילאדעלפיא	סיינט לואיס	באסטאן	באלטימאר	קליוולאנד	סאן פראנציסקא	פיטסבורג	סינסינעטי
אלבאני	145	832	236	1028	202	333	480	3106	567	724
אטלאנטא	876	733	785	611	1106	688	736	2805	805	492
באלטימאר	188	802	97	934	418	——	474	3076	334	593
באסטאן	217	1034	321	1230	——	418	682	3308	674	926
באפאלא	442	525	416	731	499	398	183	2799	270	427
שיקאגא	912	——	821	284	1034	802	357	2274	468	298
סינסינעטי	757	298	666	341	926	593	244	2572	313	——
קליוולאנד	584	357	493	548	682	474	——	2631	135	244
קאלאמבוס	637	314	546	428	820	511	138	2588	193	116
דענווער	1934	1022	1843	916	2056	1850	1379	1371	1490	1257
דיטראיט	693	272	669	488	750	649	173	2546	321	263
גאלוועסטאן	1792	1144	1691	860	2012	1594	1408	2157	1481	1157
גרענד רעפידס, מיש.	821	178	815	462	878	796	332	2452	462	308
אינדיאנאפאליס	825	183	734	240	965	704	283	2457	381	111
דזשעקסאנוויל, פלא.	983	1097	892	975	1213	795	1085	3098	1057	841
קענזעס סיטי	1342	458	1251	277	1466	1211	755	1981	898	618
לאס אנדזשעלאס	3149	2265	3058	2084	3273	3018	2562	475	2705	2425
לואיזוויל	871	304	780	274	1040	703	358	2468	427	114
מילוואקי	997	85	906	369	1119	778	442	2359	553	383
מיניאפאליס	1332	420	1241	586	1454	1222	777	2096	888	718
אמאהא	1405	493	1314	413	1527	1295	1750	1781	961	791
נוארק, נ. דזש.	9	903	82	1056	226	179	575	3177	435	748
ניו הייווען, קאנ.	76	980	167	1141	140	264	628	3254	520	833
ניו ארליאנס	1372	912	1281	699	1602	1184	1073	2482	1142	829
ניו יארק	——	912	91	1065	217	183	584	3186	444	757
פילאדעלפיא	91	821	——	974	321	97	493	3095	353	666
פיטסבורג	444	468	353	621	674	334	135	2742	——	313
פארטלאנד, מעין	332	1149	436	1345	115	533	797	3423	789	1041
פארטלאנד, ארעגאן	3204	2292	3113	2212	3326	3094	2649	772	2760	2590
פראווידענס	190	1034	281	1230	45	378	682	3308	634	926
ריטשמאנד, ווא.	343	879	252	918	573	155	553	3153	417	581
ראטשעסטער, נ. י.	373	603	361	799	430	354	251	2877	338	495
סיינט לואיס	1065	284	974	——	1230	934	548	2194	621	341
סיינט פאול	1322	410	1231	576	1444	1212	767	2086	878	708
סאן אנטאניא	1943	1240	1852	920	2150	1755	1468	1911	1541	1217
סאן פראנציסקא	3186	2274	3095	2194	3308	3076	2631	——	2742	2572
סיאטעל	3151	2239	3060	2332	3273	2941	2596	957	2707	2537
ספרינגפיעלד, מאס.	139	935	230	1131	99	327	583	3209	583	827
וואשינגטאן	228	790	137	894	458	40	437	3064	302	553

די איינוואַנדערונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען פאַר

יאָהר	די גאַנצע צאָהל איינ־געוואַנדערטע	אידען צאָהל	אידען %	פּאָליאַקען צאָהל	פּאָליאַקען %	רוטענער צאָהל	רוטענער %	ליטווינער צאָהל	ליטווינער %	רוסען צאָהל	רוסען %
1900	448,572	60,764	13,5	46,938	10,5	2,832	0,6	10,311	2,3	1,200	0,3
1901	487,918	58,098	11,9	43,617	8,9	5,288	1,1	8,815	1,8	672	0,1
1902	648,743	57,688	8,9	69,620	10.7	7,533	1,2	11,629	1,8	1,551	0,2
1903	857,046	76,203	8,9	82,343	9,6	9,843	1,1	14,432	1,7	3,608	0,4
1904	812,870	106,236	13,1	67,757	8,3	9,592	1,2	12,780	1,6	3,961	0,5
1905	1,026,499	129,910	12,7	102,437	10,0	14,473	1,4	18,604	1,8	3,746	0,4
1906	1,100,735	153,748	14,0	95,835	8,7	16,257	1,5	14,257	1,3	5,814	0,5
1907	1,285,349	149,182	11,6	138,033	10,7	24,081	1,9	25,884	2,0	16,807	1,3
1908	782,870	103,387	13,2	68,105	8,7	12,361	1,6	13,720	1,8	17,111	2,2
1909	751,786	57,551	7,7	77,565	10,3	15,808	2,1	15,254	2,0	10,038	1,3
1910	1,041,570	84,260	8,1	128,348	12,3	27,907	2,7	22,714	2,2	17,294	1,7
1911	878,587	91,223	10,4	71,446	8,1	17,724	2,0	17,027	1,9	18,721	2,1
1912	838,172	80,595	9,6	85,163	10,2	21,965	2,6	14,078	1,7	22,558	2,7
1913	1,197,892	101,330	8,5	174,365	14,6	30,588	2,6	24,647	2,1	51,472	4,3
1914	1,218,480	138,051	11,3	122,657	10,1	36,727	3,0	21,584	1,8	44,957	3,7
1915	326,700	26,497	8,1	9,065	2,8	2,933	0,9	2,638	0,8	4,459	1,4
1916	298,826	15,108	5,1	4,502	.1,5	1,365	0,5	599	0,2	4,858	1,6
1917	295,403	17,342	5,9	3,109	1,1	1,211	0,4	479	0,2	3,711	1,3
1918	110,618	3,672	3,3	668	0,6	49	0,0	135	0,1	1,513	1,4
1919	141,132	3,055	2,2	732	0,5	103	0,1	160	0,1	1,532	1,1
1920	430,001	14,292	3,3	2,519	0,6	258	0,1	422	0,1	2,378	0,6
1921	805,228	119,036	14,8	21,146	2,6	958	0,1	829	0,1	2,887	0,4
1922	309,556	53,524	17,3	6,357	2,1	698	0,2	1,602	0,5	2,486	0,8
1923	522,919	49,719	9,5	13,210	2,5	1,168	0,2	1,828	0,3	4,346	0,8
1924	706,896	49,989	7,1	19,371	2,7	2,356	0,3	1,991	0,3	9,531	1,3
1925	294,314	10,292	3,5	3,178	1,1	667	0,2	329	0,1	1,225	0,4
1900—1925	17,618,682	1,810,752	10,3	1,458,086	8,3	264,745	1,5	256,748	1,5	258,436	1,5

די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר (1925—1900).

איטאַליענער %	איטאַליענער צאָל	ענגלענדער %	ענגלענדער צאָל	פראַנצויזען %	פראַנצויזען צאָל	דייטשען %	דייטשען צאָל	טשעכען %	טשעכען צאָל	מאַדיאַרן %	מאַדיאַרן צאָל	רומענער %	רומענער צאָל
22,7	101,662	2,4	10,897	0,5	2,095	6,6	29,682	0,7	3,060	3,1	13,777	0,1	398
28,2	137,807	2,8	13,488	0,8	4,036	7,1	34,742	0,8	3,766	2,7	13,311	0,2	761
27,8	180,535	2,3	14,942	0,6	4,122	8,0	51,686	0,9	5,590	3,6	23,610	0,3	2,033
27,3	233,546	3,3	28,451	0,8	7,166	8,4	71,782	1,1	9,591	3,2	27,124	0,6	4,740
24,1	196,028	5,1	41,479	1,4	11,557	9,2	74,790	1,5	11,911	2,9	23,883	0,5	4,364
22,0	226,320	5,0	50,865	1,1	11,347	8,0	82,360	1,1	11,757	4,5	46,030	0,8	7,818
26,1	286,814	4,1	45,079	0,9	10,379	7,9	86,813	1,2	12,958	4,0	44,261	1,0	11,425
22,9	294,061	4,0	51,126	0,7	9,392	7,2	82,936	1,1	13,554	4,7	60,071	1,5	19,200
17,3	135,247	6,3	49,056	1,6	12,881	9,3	73,038	1,3	10,164	3,1	24,378	1,2	9,629
25,3	190,398	5,2	39,021	2,5	19,423	7,8	58,534	0,9	6,850	3,8	28,704	1,1	8,041
21,5	223,453	5,1	53,498	2,0	21,107	6,9	71,380	0,8	8,462	2,6	27,302	1,4	14,199
21,6	189,950	6,5	57,258	2,1	18,132	7,6	66,471	1,0	9,223	2,3	19,996	0,6	5,311
19,4	162,273	5,9	49,689	2,2	18,382	7,8	65,343	1,0	8,439	2,8	23,599	1,0	8,329
22,9	274,147	4,6	55,522	1,7	20,652	6,8	80,865	0,9	11,091	2,6	30,610	1,1	13,451
24,3	296,414	4,2	51,746	1,5	18,166	6,6	79,871	0,8	9,928	3,7	44,538	2,0	24,070
17,5	57,216	11,8	38,662	3,9	12,636	6,3	20,729	0,5	1,651	1,1	3,604	0,4	1,200
13,0	38,814	12,1	36,168	6,5	19,518	3,9	11,555	0,2	642	0,3	981	0,3	953
13,2	38,950	10,9	32,246	8,3	24,405	3,3	9,682	0,1	327	0,1	434	0,2	522
5,7	6,308	11,7	12,980	6,2	6,840	1,8	1,992	0,1	74	0,0	32	0,1	155
2,4	3,373	19,1	26,889	8,9	12,598	1,3	1,837	0,1	105	0,0	52	0,1	89
22,7	97,800	13,6	58,366	6,4	27,390	1,7	7,388	0,1	415	0,1	252	0,2	898
27,6	222,496	6,8	54,627	3,0	24,122	3,0	24,168	0,2	1,743	1,2	9,377	0,8	5,925
13,3	41,154	9,8	30,429	4,4	13,617	10,1	31,218	1,0	3,086	2,0	6,037	0,5	1,520
9,2	48,280	11,6	60,524	6,6	34,371	12,5	65,543	1,1	5,537	1,3	6,922	0,3	1,397
8,4	59,209	13,3	93,939	6,9	48,632	13,5	95,627	1,0	6,869	1,0	7,446	0,2	1,727
2,5	7,296	17,2	50,580	7,9	23,240	18,4	54,215	0,6	1,833	0,3	885	0,1	391
21,3	3.749.552	6,3	1.107.527	2,5	436,206	7,6	1,344,247	0,9	158,626	2,8	487,216	0,8	148,546

די צוריק־וואַנדערונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1908—1925)

יאָהר	די גאַנצע צאָהל צוריק וואַנדערער	אידען	פּאָליאַקען	רומענער	ליטווינער	רוסען	רוטענער	מאַדיאַרען	טשעכען	דייטשען	פראַנצויזען	ענגלענדער	איטאַליענער
1908	395,073	7,702	46,727	3,310	3,388	7,507	5,264	29,276	1,051	14,418	3,063	5,320	167,335
1909	225,802	6,105	19,290	1,672	1,990	5,125	1,352	11,507	746	13,541	2,862	5,061	86,439
1910	202,436	5,689	16,884	1,719	1,812	5,682	1,834	10,533	943	13,303	4,029	6,508	55,202
1911	295,666	6,401	31,952	3,838	2,430	8,439	5,230	18,975	1,208	15,243	3,400	9,432	76,218
1912	333,262	7,418	37,764	5,521	4,141	9,744	5,824	17,575	1,149	15,026	4,189	10,341	109,887
1913	308,190	6,697	24,107	5,327	3,276	10,548	3,156	11,496	871	11,871	4,019	10,794	90,052
1914	303,338	6,826	35,028	5,049	5,522	17,491	3,837	14,254	1,011	11,977	2,930	11,187	85,430
1915	204,074	1,524	7,912	860	988	11,256	899	2,262	219	2,749	5,799	10,272	97,508
1916	129,765	199	358	17	28	4,716	138	394	42	873	2,297	7,826	73,001
1917	66,277	329	119	21	38	6,393	61	123	59	767	2,829	6,316	13,494
1918	94,585	687	1,035	25	45	4,926	61	41	455	563	5,427	12,810	9,176
1919	123,522	373	153	2	6	1,717	60	10	412	343	5,472	9,406	38,175
1920	288,315	358	18,392	693	719	1,151	21,490	14,619	259	4,178	7,026	11,659	89,114
1921	247,718	483	42,207	465	4,507	11,085	8,603	12,457	564	6,770	3,836	11,622	48,479
1922	198,712	830	31,004	448	4,606	2,891	4,219	4,758	4,246	5,715	3,464	9,668	54,010
1923	81,450	413	5,278	29	1,109	1,611	1,098	1,039	1,716	2,217	1,896	7,979	23,567
1924	76,789	260	2,590	52	381	734	1,085	587	1,287	1,832	2,205	6,505	23,067
1925	92,728	291	3,693	76	527	887	1,343	1,030	2,128	4,352	1,261	9,108	27,252
1908—25	3,667,702	52,585	324,493	29,124	35,513	111,903	65,554	150,936	18,366	125,738	65,104	161,914	1,167,407

דער נאַציאָנאַלער רייכטום און איינקונפט פון די פאַראייניגטע שטאַטען

(לויט דעם רעפּאָרט פון דער „פעדעראל טרייד קאָמישאָן", פאַרעפענטליכט אין יוני, 1926).

דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער רייכטום פון אונזער לאַנד אין יאָהר 1922, איז געווען 353 ביליאָן (353,000 מיליאָן) דאָלאַר, און דער נאַציאָנאַלער איינקונפט פאַר דעם זעלבען יאָהר ווערט אָפּגעשאַצט אין 63 ביליאָן דאָלאַר. אין יאָהר 1923 איז דער נאַציאָנאַלער איינקונפט געווען 70 ביליאָן דאָלאַר.

דער גרעסטער טייל פון נאַציאָנאַלען רייכטום באַשטעהט פון גרונד און באָדען, אין אַ בעאַרבייטען און אונבעאַרבייטען צושטאַנד, געביידעס, וועגען, א. אז. וו. דאָס אַלץ געהט אַריין אין קלאַס פון „ריעל עסטייט". די פאַרטיילונג פון דעם אַלגעמיינעם רייכטום לויט די צוויי הויפּט־קלאַסען איז אַט ווי:

„ריעל עסטייט" — — —	$230,000,000,000	אדער 65	פּראָצענט
באַוועגליכער רייכטום —	123,000,000,000	" 35	"
צוזאַמען — — —	$353,000,000,000	" 100	"

פון דער טאָטאַל־סומע פון „ריעל עסטייט" פאַלט 42 ביליאָן (17 פּראָצענט) אויף דעם אייגענטום פון שטאַאַט (פעדעראל און סטייט רעגירונגען) און פון די שטאָדטישע (מיוניסיפּאַל) פאַרוואַלטונגען. די גאַנצע ריעל עסטייט פון לאַנד קען איינגעטיילט ווערען אין די פאָלגענדע צוויי קלאַסען:

גרונד און באָדען — — — —	$122,000,000,000	אָדער 53	פּראָצענט
געביידעס און לאַנד־פאַרבעסערונגען	108,000,000,000	" 47	"
צוזאַמען — — — —	$230,000,000,000	" 100	"

די פאַרטיילונג פון דעם גאַנצען נאַציאָנאַלען פאַרמעגען לויט דעם געברויך וואָס ווערט פון איהם געמאַכט, און לויט דעם פּראָצענט פון יעדער גרופּע צו דער אַלגעמיינער סומע פון רייכטום (353 ביליאָן דאָלאַר), ווערט געשאַצט ווי פאָלגט:

1)	לאַנדווירטשאַפטליכער רייכטום — — — — — — — —	18	פּראָצענט
2)	פאַבריקאַציע און מיינינג — — — — — — — —	14	"
3)	אייזענבאַהנען און אַנדערע „פּאָבליק סורוויס" אונטערנעמונגען	13	"
4)	פעדעראַלע, סטייט און שטאָדטישע פאַרמעגענס — — — —	12	"
5)	סחורות אין האָלסייל האַנדעל — — — — — — — —	8	"
6)	סחורות אין ריטעיל האַנדעל — — — — — — — —	3	"
7)	סחורה־אינווענטאַר אין אַנדערע געשעפטען — — — — —	7	"
8)	הויז־געגענשטאַנדען, קליידונג און צירונג — — — — —	25	"
	צוזאַמען — — — — — — — — —	100	"

1. די איינטיילונג פון פריוואַטען רייכטום לויט דער גרויס פון פאַרמעגען.

אַלס מאַטעריאַל פאַר אזא סטאַטיסטיק זיינען גענומען געוואָרען די אָנגאַבען פון 43,512 רעגיסטרירטע, און אָפיציעל-באַשטעטיגטע, ירושות אין 24 קאָונטיס פון דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלען רייכטום, דאָך קאָן די פּאַרטיילונג לויט געוועזן 671,322,676 דאָלאַר, אדער ניט מעהר ווי א פערטעל פון איין פּראָצענט פון דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלען רייכטום, אבער דאָך קאָן די פּאַרטיילונג לויט גרופּען פון דיזע ירושות זיין רעפּרעזענטאַטיוו, ד. ה. כאַראַקטעריסטיש, פאַר דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד אין לאַנד.

טאַב. 1. — די פאַרטיילונג פון רייכטום אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען, ווי דאָס קומט אוים לויט די 43,512 ירושות (אין 1912—1923).

גרופּע	צאָל פון ירושות	אַלגעמיינער ווערט פון די ירושות (אין דאָלאַר)	דורכשניטלעכער ווערט פון איין ירושה	פּראָצ. פון אַלגעמיינעם ווערט פון אַלע ירושות: צאָל פון ירושות	פּראָצ. פון אַלגעמיינעם ווערט פון אַלע ירושות: ווערט פון ירושות
אונטער 500 דאָלאַר	6,099	1,574,598	258	3.3	0.2
500 ביז 1000 דאָלאַר	4,824	3,388,144	702	4.6	0.5
1000 ביז 2500 דאָלאַר	8,766	14,196,279	1,619	4.7	2.0
2500 ביז 5000 דאָלאַר	7,573	26,933,713	3,557	4.1	3.8
5000 ביז 10,000 דאָלאַר	6,446	45,160,804	7,006	3.5	6.4
10,000 ביז 25,000 דאָלאַר	5,518	85,233,637	15,446	3.0	12.0
25,000 ביז 50,000 דאָלאַר	2,231	77,930,090	34,930	1.2	11.0
50,000 ביז 100,000 דאָלאַר	1,105	76,040,228	68,815	0.6	10.7
100,000 ביז 250,000 דאָלאַר	651	97,599,624	149,922	0.4	13.8
250,000 ביז 500,000 דאָלאַר	179	60,325,705	337,015	0.1	8.5
500,000 ציז 1,000,000 דאָלאַר	76	52,026,811	684,563	—	7.4
1,000,000 און מעהר	44	130,913,033	2,975,296	—	18.5
ס"ה פון אַלע רעגיסטרירטע ירושות	43,512	671,322,666	15,428	23.5	94.8
ניט-רעגיסטרירטע ירושות (לויט דער שטערבליכקייט ציפער פון צעגזוס)	141,446	36,493,068	258*	76.5	5.2
סך הכל	184,958	707,815,744	3,827	100.0	100.0

פון דער דאָזיגער טאַבעלע קען מען שליסען, אז ארום איין (1) פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָהל יורשים פאַרמאָגט ניין-און-פופציג (59) פּראָצענט פון דעם אַלגעמיינעם ווערט פון אַלע ירושות צוזאַמענגענומען. מעהר ווי 90 פּראָצענט

---

* דער דורכשניט-ווערט פון די ירושות, וואס זיינען ניט באַשטעטיגט געוואָרען (פּראָביי-טעד) אין א קאָורט, ווערט אָנגענומען ווי דער דורכשניט פון די רעגיסטרירטע ירושות אונטער 500 דאָל.

פון אלע יורשים האבען פארמאגט ארום און ארום בלויז דרייצעהן (13) פראצענט פון דעם אלגעמיינעם ווערט.

לויט אזא מאטעריאל קומט, אלזא, אויס, אז ארום 60 פראצענט פון דעם גאנ־צען נאציאנאלען רייכטום געפינט זיך אין די הענט פון איין (1) פראצענט פון דער גאנצער אמעריקאנער באפעלקערונג.

דער דורכשניטליכער ווערט פון א ירושה איז געווען 3,800 דאלאר, אבער 91 פראצענט פון די יורשים האבען באקומען ווייניגער ווי דיזע סומע. די גרעס־טע צאהל אפיציעל־באשטעטיגטע (פראבייטעד) ירושות פאלט אויף דער גרופע „פון 1,000 ביז 2,500 דאלאר", בעת די אלגעמיינע סומע פון אלע ירושות אין איין גרופע איז אם גרעסטען אין דעם קלאס „1 מיליאן און מעהר". ארום 65 פראצענט פון דער גאנצער צאהל אפיציעל־באשטעטיגטע ירושות איז אריין אין די קאטעגאריעס פון איין טויזענט ביז פינף און צוואנציג טויזענט דאלאר.

א פארגלייך מיט דער סטאטיסטיק פון יאהר 1912 ווייזט, אז דער נאציא־נאלער רייכטום איז, לויט דער מיינונג פון דער „פעדעראל טרייד קאמישאן", איצט פארטיילט דעמאקראטישער ווי מיט צעהן יאהר צוריק. אין 1912 איז 29 פראצענט פון די אפיציעל־באשטעטיגטע ירושות אריין אין דער גרופע אונטער 1000 דא־לאר, בעת און 1923 זיינען אין דיזען שטאפעל געווען בלויז 20.8 פראצענט (לויט דעם מאטעריאל איבער עטליבע טויזענט אפיציעל־באשטעטיגטע ירושות אין 1912 און 1923, און ניט אויף דעם גרונד פון די קארגע 185 טויזענד ירושות, וואס זיי־נען אנאליזירט געווארען אין טאב. 1).

אין 1912 האבען די ירושות איבער 100 טויזענט דאלאר אויסגעמאכט 52,6 פראצענט פון דעם אלגעמיינעם ווערט, און אין 1923 האבען זיי באטראפען בלויז 45.9 פראצענט פון דעם סך הכל.

2. דער רייכטום פון די קארפארייישאנס.

לויט דער סטאטיסטיק פון דעם טרעזשורי דעפארטמענט, זיינען אין 1923 אין דעם גאנצען לאנד געווען 366,690 ביזנעס קארפארייישאנס.

דער גרעסטער טייל פון זיי פאלט אויף דעם קלאס פון האנדעלס־פירמעס (23.6 פראצענט), פינאנץ און ריעל־עסטייט אונטערנעהמונגען (23.3 פראצענט) און פאב־ריקאציע (21.9 פראצענט). דיזע דריי „ליינס" נעהמען, אלזא ארום כמעט 70 פראצענט פון אלע געשעפטליבע קארפארייישאנס.

טאבעלע 2 ווייזט דעם צוזאמענשטעל פון דעם פארמעגען, וועלכען די גע־שעפטליבע קארפארייישאנס האבען אונטער זייער קאנטראל.

ווי מען זעהט, ווערט א דריטעל פון דעם גאנצען קארפארייישאן רייכטום גע־ברויכט אין דער פאבריקאציע (מאנופעקטשורינג). אויף דעם צווייטען ארט קומט טראנספארטיישאן (אייזענבאהנען, עלעקטרישע באהנען, א. ז. וו.) און אנדערע „פאב־ליק סירוויס" קארפארייישאנס, ווי גאז און עלעקטרישע ליכט און קראפט קאמפא־ניעס א. ז. וו. — צוזאמען 26.7 פראצענט פון דעם אלגעמיינעם רייכטום, וואס גע־פינט זיך אין דעם קאנטראל פון אלע קארפארייישאנס.

טאַב. 2. — אָפּגעשאַצטער רייכטום פון די האַנדעלס-קאָרפּאָריישאָנס (1922).

גרופּע	לאַנד, געביידעס, מאַשינען		סחורה אינווענטאַר		אַלגעמיינער ווערט	
	ווערט אין מי־ליאָנען דאָלאַרן	פּראָצענט	ווערט אין מיליאָנען דאָלאַרן	פּראָצענט.	ווערט אין מיליאָנען דאָלאַרן	פּראָצענט.
פאַבריקאַציע — — —	18,265	26.9	15,386	44.6	33,651	32.9
טראַנספּאָרט און „פּאַבליק סוירוויס" — — —	23,632	34.8	3,697	10.7	27,329	26.7
פינאַנץ — — — — —	8,908	13.1	2,984	8.6	11,892	11.6
האַנדעל — — — —	3,409	5.0	8,056	23.3	11,465	11.2
מיינינג — — — —	8,462	12.5	1,613	4.7	10,075	9.8
קאָנסטראַקשאָן — —	1,580	2.3	1,295	3.8	2,875	2.8
לאַנד, וואַלד, און פיש־ווירטשאַפט — — —	1,167	1.7	770	2.2	1,937	1,9
פאַרשידענע — — —	2,475	3.7	700	2.1	3,175	3.1
סך הכל — — —	67,898	100.0	34,501	100.0	102,399	100.0

דער דורכשניטליכער קאָרפּאָריישאָן סטאָק אין באַזיץ פון די אָפּיסערס (די־רעקטאָרן), אָנגעשטעלטע און ארבייטער, און פריוואַטע פּערזאָנען ווערט אָנגע־וויזען אין טאַבעלע 3.

טאַב. 3. — דורכשניטליכער סטאַק ביי די שעהרהאָלדערס פון די קאָרפּאָ־שאָנס (1923).

אינדוסטריע.	פּריפוירד סטאַק (אין דאָלאַרן)			קאַמאָן סטאַק (אין דאָלאַרען)		
	אָפּיסערס און דירעקטאָרען	ארבייטער און אָנגעשטעלטע	פּריוואַטע פּערזאָנען	אָפּיסערס און דירעקטאָרען	ארבייטער און אָנגעשטעלטע	פּריוואַטע פּערזאָנען.
לאַנד און וואַלד־ווירטשאַפט —	11,177	——	2,229	22,977	2,670	10,049
מיינס און שטיין־גרובען — —	63,646	1,747	3,767	38,138	1,430	2,886
פאַבריקאַציע — — — —	48,342	3,472	4,525	77,462	1,472	7,021
טראַנספּאָרט און „פּאַבליק סוירוויס" — — — —	13,949	904	3,493	25,616	712	4,188
האַנדעל — — — — —	11,836	2,332	2,352	29,111	5,100	9,557
פינאַנץ און ריעל עסטייט —	19,651	1,456	2,128	12,739	1,240	3,113
אַלע אינדוסטריען (גרויסער דורכשניט) — — — — —	34,264	2,803	3,879	34,843	1,419	4,955

דער דורכשניטליכער סטאָק פון איין שערהאָלדער אין אַ ל ע קאָרפּאָריישאָנס איז געווען 969 דאָלאַר פון „קאָמאָן" סטאָק, און 5,271 דאָלאַר פון „פּריפּוירד" סטאָק. די סטאַטיסטיק פון 4,367 רעפּרעזענטאַטיווע קאָרפּאָריישאָנס האָט אָבער באוויזען, אַז כמעט איין דריטעל פון אַלע סטאָק־האָלדערס האָבען יעדער איינער אין דורכשניט ווייניגער פון 500 דאָלאַר סטאָק.

אין דער לעצטער צייט האָבען אַ סך קאָרפּאָריישאָנס אָנגעהויבען פאַרקויפען סטאָק (אויף אינסטאָלמענטס) צו זייערע ארבייטער און אָנגעשטעלטע. דערוויל ווייזט די סטאַטיסטיק, אַז פון יעדער 1000 שערהאָלדערס פון „קאָמאָן" סטאָק זיינען בלויז 75 געווען ארבייטער, און ביי דעם „פּריפּוירד" סטאָק איז דער טייל פון די ארבייטער נאָך אַ קלענערער: פון יעדע 1000 שערס פאַלט אויס אויף דעם חלק פון ארבייטער און אָנגעשטעלטע ניט מעהר ווי 15.

3. דער קאָנטראָל איבער די נאַטירליכע רייכטימער.

וואס ווייטער קאָנצענטרירט זיך דער באַזיץ פון די נאַטירליכע רייכטימער אַלץ מעהר אין די הענט פון אַ קליינער הייפעל אומגעהייער רייכע קאָרפּאָריישאָנס.

זעקס קאָמפּאַניעס קאָנטראָלירען אַ דריטעל פון דער גאַנצער וואסער־קראַפט, וואס ווערט ביז איצט שוין אויסגענוצט דאָ אין לאַנד. אכט קאָמפּאַניעס האַלטען אין זייער רשות דעם קאָנטראָל איבער דריי פערטעל פון די ניט־אויסגעגראָבענע זאַ־פּאַסען פון די אַנטראַציט (האַרטע) קוילען, און דרייסיג קאָמפּאַניעס באַזיצען דעם גאַנצען ערד־זאַפּאַס פון די ווייכע קוילען. צוויי קאָמפּאַניעס באַזיצען איבער אַ העלפט פון דער אייזען־רודע, פיר קאָמפּאַניעס האָבען דעם קאָנטראָל פון כמעט אַ העלפט פון די אונטערערדישע זאַפּאַסען קופּער, און דרייסיג קאָמפּאַניעס קאָנ־טראָלירען ארום דרייצעהן פּראָצענט פון אַלע זאַפּאַסען פון רויהע אויל.

דער וויכטיגסטער נאַטירליכער רייכטום פון אמעריקא איז אויל. פון דעם גאַנצען אונטערערדישען אויל־זאַפּאַס (56 ביליאָן באַררעל) אין דער גאַנצער וועלט, זאָל אין די פאַראייניגטע שטאַטען זיך געפינען ניין און אַ האַלב ביליאָן באַ־רעלס. פון 264 אויל־קאָמפּאַניעס, וועלכע האָבען צוגעשיקט רעפּאָרטס, ווערט פון פינף קאָמפּאַניעס קאָנטראָלירט ארום 44 פּראָצענט פון דעם גאַנצען ניט־ארויסגע־צויגענעם רעזערוו אויל אין לאַנד, און ניין קאָמפּאַניעס האָבען 57.2 פּראָצענט פון דעם דאָזיגען זאַפּאַס. די צוויי הונדערט און דריי און דרייסיג (233) קלענסטע אויל קאָמפּאַניעס, וואס מאַכען אויס גאַנצע 88.2 פּראָצענט פון אַלע אויל־קאָמפּאַניעס, וועלכע האָבען צוגעשיקט רעפּאָרטס, האָבען קאָנטראָלירט ארום און ארום בלויז 11.4 פּראָצענט פון דעם אויל־רעזערוו אין דער אמעריקאַנער ערד.

די פּראָדוקציע פון רויהע אויל איז אָבער נאָך ניט אַזוי שטאַרק קאָנצענטרירט ווי ס'איז די לייטערונג (ריפיינינג) און דער פאַרקויף פון אויל און גאַזאָלין. דער מעכטיגסטער אויל טראַסט, „סטאַנדאַרד אויל קאָמפּאַניע", האָט אין 1923 קאָנ־צענטרירט אין זיינע הענט כמעט אַ העלפט פון דער גאַזאָלין פּראָדוקציע און האָט קאָנטראָלירט כמעט צוויי דריטעל פון די פאַרטיגע גאַזאָלין. זיין אויל־פּראָדוקציע אין יענעם יאהר האָט באַטראָפען בלוז 14.4 פּראָצענט פון די גאַנצע רויהע אויל, וואס איז ארויסגעצויגען געוואָרען פון די אויל־ברונימער אין גאַנצען לאַנד.

4. די פאַרטיילונג פון דעם נאַציאָנאַלען איינקונפט.

לויט דעם אַנאַליז פון אַלע מאַטעריאַלען אין דעם אינקאָם טעקס דעפּאַרטמענט פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג, פאַר 1922 און 1923, קומט אויס אין יעדען פון דיזע צוויי יאָהר, אַז גאַנצע דריי-פערטעל פון דעם געטעקסטען נאַציאָנאַלען איינקונפט — 25,000 מיליאָן אין 1922 און 31,000 אין 1923 — זיינען אַריינגעקומען צו פערזאָנען, וועלכע האָבען פאַרדינט ווייניגער ווי צעהן טויזענד דאָלאַר יעדערער.

4.4 פּראָצענט פון דעם נאַציאָנאַלען איינקונפט אין 1922 און 7 פּראָצענט אין 1923 זיינען אַריינגעפאַלען צו יחידים מיט אַן איינקונפט פון 100 טויזענט דאָלאַר אָדער מעהר. אין 1923 איז דער דורכשניטליכער איינקונפט אין דעם קלאַס „אונטער 1000 דאָלאַר" געווען 863 דאָלאַר, און פאַר דעם קלאַס פון „איבער א מיליאָן דאָלאַר" איז דער דורכשניט געווען גאַנצע 1,529,526.

טאַבעלע 4 ווייזט די פאַרטיילונג פון איינקונפט לויט באַזונדערע גרופּען, די צאָהל פון אַלע פערזאָנען (שטייער-צאָהלער, זייערע קינדער און אַנדערע פאַמיליען-מיטגלידער) אין יעדער גרופּע, און דעם דורכשניט-איינקונפט פער קאָפּ אין יעדער גרופּע.

טאַב. 4. — די פאַרטיילונג פון דער באַשטייערטער באַפעלקערונג און איהר איינקונפט לויט די רעפּאָרטס (טעקס סטייטמענטס) צו דער רעגירונג אין 1923.

ריינער איינקונפט	אַלגעמיינער פערזענליכער איינקונפט. סומע	אַלגעמיינער פערזענליכער איינקונפט. פּראָצענט	אָפּגעשאַצטע באַפעלקערונג. צאָהל נפשות	אָפּגעשאַצטע באַפעלקערונג. פּראָצענט	איינקונפט פער קאָפּ.
אונטער 1000 דאָלאַר — —	483,950,988	1.5	560,561	3.0	863
1000 ביז 3000 דאָלאַר — —	10,924,570,646	35.1	10,588,597	56.9	1,032
3000 ביז 10,000 דאָלאַר —	12,327,865,459	39.6	6,770,846	36.4	1,821
10,000 ביז 30,000 דאָלאַר —	4,080,396,597	13.1	594,477	3.2	6,864
30,000 ביז 100,000 דאָלאַר	2,163,369,533	7.0	90,133	0.5	24,002
100,000 ביז 300,000 דאָלאַר	669,864,901	2.2	7,074	(*	94,694
300,000 ביז 1,000,000 דאָלאַר	278,454,363	0.9	677	(*	411,306
1,000,000 און מעהר — —	178,954,543	0.6	117	(*	1,529,526
סך הכל — — — — —	31,107,427,030	100.0	18,612,482	100.0	1,671

דיזע טאַבעלע ווייזט, אַז דער גרעסטער טייל פון דעם נאַציאָנאַלען איינקונפט, כמעט 77 פּראָצענט, איז אַריינגעפאַלען צו די דריי ערשטע גרופּען, ד. ה. צו די שטאַפּלען ביז 10 טויזענד דאָלאַר א יאָהר איינקונפט, צו וועלכע ס'געהערען 96 פּראָצענט פון דער באַשטייערטער באַפעלקערונג (אינקאָם טעקס צאָהלער).

דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער איינקונפט פאַר 1918 איז אָפּגעשאַצט געוואָרען אין 60,223 מיליאָן דאָלאַר, און פאַר דעם יאָהר 1923 — אין 69,833 מיליאָן

*) ווייניגער ווי איין צענטעל פון איין פּראָצענט.

דאָלאַר, וועלכע ווערען איינגעטיילט, לויט די צווייגען פון דער עקאָנאָמישער טע־טיגקייט ווי פאָלגט:

טאַב. 5. — אָפּגעשאַצטער איינקונפט פון איינצעלנע צווייגען פון דער עקאָ־נאָמישער טעטיגקייט (אין מיליאָנען דאָלאַר).

צווייג פון טעטיגקייט	פאַר דעם יאָהר 1918.		פאַר דעם יאהר 1923	
	איינקונפט אין מיליאָנען דאָלאַר	פּראָצענט	איינקונפט אין מיליאָנען דאָלאַר	פּראָצענט
לאַנדווירטשאַפט	14,296	23.7	9,433	13.5
מיינינג, פאַבריקאַציע און בוי־אַרבייט	23,525	39.1	29,371	42.0
טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע	5,379	8.9	7,445	10.7
האַנדעלס־געשעפטען	5,660	9.4	8,641	12.4
פּראָפעסיאָנעלע אַרבייט	8,304	13.8	11,520	16.5
באַנק־געשעפטען און אַנדערע	3,059	51	3,423	4.9
סך הכל	60,223	100.0	69,833	100.0

טאַב. 6. — אָפּגעשאַצטער איינקונפט אין 14 אינדוסטריען און זיין פּאַרטיילונג לויט די סאָציאַלע קלאַסען אין 1923.

צווייג פון דער אינדוסטריעלער טעטיגקייט.	אָפּגעשאַצטער אינקונפט (אין מיליאָנען דאָלאַר)	דערפון אין %	
		צו לוין	צו פּראָפיט, רענט און פּראָצענט
1) שפּייז און עהנליכע פּראָדוקציעס	1,369	59.0	41.0
2) טעקסטיל און איהרע פּראָדוקטען	4,364	60.5	39.5
3) אייזען, שטאָהל און זייערע פּראָדוקטען	5,499	75.5	24.5
4) געהילץ און איהר בעאַרבייטונג	1,794	61.8	38 2
5) לעדער און פאַרטיגע לעדער־סחורות	820	62.6	37.4
6) פּאַפּיר און דרוקעריי	1,366	65.4	34.6
7) פאַבריקאַציע פון געטראַנקען	268	13.2	86.8
8) כעמישע פּראָדוקטען	1,705	51.2	48.8
9) שטיין, ליים און גלאָז	696	62.9	37.1
10) מעטאַל־פּראָדוקטען (א חוץ אייזען און שטאָל)	1,061	66.4	33.6
11) טאַבאַק פאַבריקאַציע	309	59.0	41.0
12) אַפּאַראַטען פאַר לאַנד־טראַנספּאָרט (אַטאָמאָבילס א. אַ.)	1,329	58.7	41.3
13) אייזענבאַהן־ריפּעיר שאַפּס	891	61.7	38.3
14) פאַרשידענע אינדוסטריען	2,700	70.0	30.0
סך הכל	24,164	64.4	35.6

ווי מיר זעהען, זיינען די שאַרפסטע וואקלונגען אויף דעם געביט פון נאַציאָ־נאַלען איינקונפט אין משך פון די לעצטע 15 יאָהר (1918—1923) פאָרגעקומען אין דער לאַנדווירטשאַפט. דאָרט, אין דער פאַרמעריי, איז דער איינקונפט רעלאַטיוו, ד. ה. אין זיין פּראָפּאָרץ צום אלגעמיינעם נאציאנאלען איינקונפט, געפאלען כמעט אויף 50 פּראצענט — פון 7. 23 פּראצענט ביז 13.5 פּראצענט.

דאָס איז א דירעקטער רעזולטאַט פון דעם עקאָנאָמישען קריזיס, וועלכען די אַמעריקאַנער לאַנדווירטשאַפט מאַכט דורך די לעצטע 6 יאָהר.

5. די איינקונפט פאַרטיילונג אין דער אינדוסטריע.

די איינטיילונג פון דעם אינדוסטריעלען איינקונפט לויט (1) לוין און גע־האלט און (2) רענט, אינטערעסט און פּראָפיט, אין פערצעהן פון די וויכטיגסטע אינדוסטריען, ווערט געוויזען אין טאבעלע 6.

די סטאַטיסטיק פון די ווייִדזשעס און געהאַלטען, וואָס זיינען געצאָהלט גע־וואָרען אין דער אינדוסטריע אין 1914, 1918, 1919 און 1923, איז פאַרעפענטליכט געווארען אין די פּעריאָדישע „סענזוסעס און מאַנופעקטשורס". טאבעלע 7 ווייזט די דורכשניטליכע יעהרליכע ווייִדזשעס און געהאַלטען אין 15 צווייגען פון דער אינ־דוסטריע און אין א „געמישטער" גרופּע פון טריידס.

טאַב. 7. — דורכשניטליכער יעהרליכער לוין פון אן ארבייטער אין די וויכ־טיגסטע אַמעריקאַנער אינדוסטריען פאר 1914, 1919, 1921 און 1923.

	אינדוסטריע	1914	1919	1921	1923
(1	טראַנספּאָרט: לופט, לאַנד, וואסער	$738	$1,466	$1,457	$1,589
(2	אייזען, שטאָהל און זייערע פּראָדוקטען	682	1,449	1,279	1,484
(3	אייזענבאהן־ריפּעיר שאפּס	692	1,409	1,606	1,477
(4	פּאפּיר און דרוקעריי	655	1,107	1,364	1,409
(5	מאַשינערי (א חוץ טראַנספּאָרט מאַשינען)	667	1,242	1,257	1,381
(6	גומי־פּראדוקטען	597	1,222	1,197	1,329
(7	מעטאל־פּראדוקטען (אחוץ אייזען און שטהאָל)	646	1,177	1,206	1,327
(8	כעמישע פּראדוקטען	645	1,195	1,303	1,308
(9	שטיין, ליים און גלאָז	614	1,100	1,216	1,293
(10	מוזיק־אינסטרומענטען און פאָנאָגראפס	633	1,104	1,208	1,261
(11	„געמישטע" אינדוסטריען	554	1,076	1,199	1,229
(12	שפּייז און עהנלאכע פּראדוקטען	565	1,056	1,176	1,166
(13	לעדער און פארטיגע לעדער סחורות	552	1,040	1,123	1,128
(14	געהילץ און עהנליכע פּראָדוקטען	516	995	953	1,033
(15	טעקסטיל און שניידעריי	422	920	975	1,017
(16	טאבאק־פאבריקאציע	435	789	806	823
	אַלע פאבריק־אינדוסטריען	579	1,157	1,180	1,254

די טאבאק אינדוסטריע צאָהלט, ווי מיר זעהען פון טאבעלע 7, די נידעריגסטע ווייִדזשעס, און גלייך נעקסט צו איהר קומט די טעקסטיל אינדוסטריע, שוין אריינ־

רעכענענדיג די בעאַרבייטונג פון די טעקסטיל־פּראָדוקטען, ווי שניידעריי, א. אז. וו. אין אַלע יאָהרען, א חוץ 1921, איז דיזער צווייג געשטאַנען אויף דעם כמעט סאַמע לעצטען פּלאַץ אין דעם צעטעל פון די אינדוסטריען לויט דעם דורכשניטליכען אַר־בייטס־לוין.

די דאָזיגע ציפערען פון געלט־לוין ווייזען נאָך אָבער ניט דעם אמתן פאַרדינסט פון דעם קלאַס פון די פאַבריק־אַרבייטער. שטענדיג געהט א גרויסער טייל פון דעם אַרבייטער קלאַס אַרום אָהן באַשעפטיגונג און אין מאַנכע יאָהרען דערגרייכט די ציפער פון די אַרבייטסלאָזע דאָ אין לאַנד צו א קאָלאָסאַלער הויך.

זעהר אינטערעסאַנט איז צו פאַרגלייכען דעם יעהרליכען דורכשניטליען איינ־קונפט פון א פאַבריק־אַרבייטער אין פאַרשידענע טיילען פון לאַנד, ווי דאָס איז גע־מאַכט געוואָרען אין טאַבעלע 8.

טאַב. 8. — דורכשניטליכער יעהרליכער לוין פון א פּערזאָן, וואָס איז באַ־שעפטיגט אין דער פאַבריק־אינדוסטריע, לויט די ראַיאָנען פון לאַנד, אין די יאָהרען 1914, 1919 און 1921.

ראַיאָן (לויט סטייטס)	1914	1919	1921
1) „מאונטעין" (איידאַהאָ, מאָנטאַנאַ, יוטאַה, וויאָמינג, נע־וואַדאַ, קאָלאָראַדאָ, אריזאָנאַ, ניו מעקסיקאַ) — — — — —	$318	$1,299	$1,446
2) „פּאַסיפיק" (וואַשינגטאָן, אָרעגאָן, קאַליפאָרניאַ) — —	757	1,336	1,370
3) „איסט נאָרטה סענטראַל" (וויסקאָנסין, אילינאָיס, מישי־גאַן, אינדיאַנאַ, אָהיאָ — — — — — — — — — — —	638	1,249	1,294
4) „וועסט נאָרטה סענטראַל" (מינעסאָטאַ, אייאָוואַ, נאָרט דאַ־קאָטאַ, סאַוטה דאַקאָטאַ, נעבראַסקאַ, מיזורי, קענזעס) —	617	1,093	1,238
5) „מידל אַטלאַנטיק" (ניו יאָרק, פּענסילווייניאַ, ניו דזשוירזי) — — — — — — — — — — — — — — —	582	1,206	1,233
6) „ניו ענגלאַנד (מאַסאַטשוזעטס, קאָנעטיקוט, ראָוד איי־לענד, ווערמאָנט, ניו העמפּשיר, מעין) — — — — — —	551	1,063	1,084
7) „וועסט סאַוטה סענטראַל" (טעקסאַס, לואיזיאַנאַ, אַרקאַנ־זאַס, אָקלאַהאָמאַ) — — — — — — — — — — — —	548	1,027	1,037
8) „סאַוטה אַטלאַנטיק" (מערילאַנד, דעלאַווער, ווירדזשיניאַ, נאָרט קאַראָליינאַ, סאַוט קאַראָליינאַ, דזשאָרדזשיאַ, פלאָ־רידאַ, וועסט ווירדזשיניאַ, דיסט. אָוו קאָלאָמביאַ) — — —	428	952	874
9) „איסט סאַוטה סענטראַל" (מיסיסיפּי, אַלאַבאַמאַ, טענעסי, קענטאָקי) — — — — — — — — — — — — — —	446	907	869
אַלע ראַיאָנען — — — — — — — — — — — — —	579	1,157	1,180

אין די צוויי לעצטע ראַיאָנען פון דער דאָזיגער ליסטע („סאַוטה אַטלענטיק" און „איסט סאַוטה אַנטלענטיק"), וואו מען געפינט דעם גרעסטען נעגער ישוב, מיט א סך ביליגע נעגער און פרויען־אַרבייטער, און וואו מען באַנוצט זיך אַם שטאַרק־סטען מיט דער קינדער־אַרבייט אין די פאַבריקען און שעפּער, איז דער דורכשניט־ליכער לוין אַם קלענסטען. אין 1921 איז ער געווען אַרום 17 דאָלאַר א וואָך. פאַר די שפּעטערדיגע יאָהרען איז נאָך קיין מאַטעריאַל ניט אַרויס.

דר. ה. פ.

די ארבייטער-געזעצגעבונג אין די פאראייניגטע שטאאטען

פון דר. הערמאן פראנק

דער קאמף פאר א מאדערנער ארבייטער-געזעצגעבונג אין אמעריקא.

די ארבייטס-געזעצגעבונג, וועלכע איז דערווירקזאמסטער מיטעל פון סאציאלען קאנטראל און שוץ אין א קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, קען זיך אנשטויסען אויף א שארפע אפאזיציע אין צוויערליי פארמען. ערשטענס, דער דירעקטער דרוק מצד די „ספעציעלע אינטערעסען“, ד. ה. די הערשענדע קלאסען, אויף די געזעצגעבענדע אנשטאלטען — די סטייט לעדזשיסלייטשור און דעם קאנגרעס. צווייטענס, די איינדירעקטע ווירקונג פון דיזע שיכטען, דורך דער פרעסע און שול-סיסטעם, אויף דער פאלקס-שטימונג, כדי צו שאפען אין דער ברייטער געזעלשאפט א גלייכגילטיגקייט, אדער אפילו א פיינדשאפט, צו דעם אדער יענעם פראגרעסיווען געזעץ.

מיטביידע מיטלען האט זיך דער אמעריקאנער קאפיטאל פון שטענדיג אן פראנק און פריי באנוצט. באזונדערס שעדליך און ווייטגעהענד איז דער פארבארגענער איינפלוס פון די פריוויליגירטע קלאסען, דורך די צייטונגען און שולען, אויף די סאציאלע מנהגים און באגריפען פון פאלק. אזא רעאקציאנערען און גוט-ארגאניזירטען פאקטאר קען מען ניט אנטרעפען אין קיין צווייטען לאנד.

די אמעריקאנער ארבייטער-באוועגונג האט איהר הויפט-ענערגיע געמוזט אפגעבען אויף דער ארגאניזאציאנס-טעטיגקייט און אויף דעם קאמף געגען די שווערע רעכטליכע באשרענקונגען, וועלכע פארשטעלען דעם וועג פאר א נארמאלער אנטוויקלונג פון טרייד-יוניאניזם אין אמעריקא. דאך איז דער קאמף פאר די נויטיגסטע פאבריק-געזעצען שטענדיג געווען א וויכטיגער פראגראם-פונקט פון דער היגער ארבייטער באוועגונג. דורך א ברייטער פראפאגאנדע פאר באשטימטע רעפארמען און א דרוק ביי פאליטישע וואהלען איז ניט זעלטען, אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון די ארבייטער-מאסען, איינגעפיהרט געווארען א געזעץ אין א באשטימטען סטייט אדער אויף א נאציאנאלען מאסשטאב, ד. ה. אין אלע 48 סטייטס פאר אמאל, דורך דער האנדלונג פון דער צענטראלער רעגירונג אין וואשינגטאן.

אויסער די ארגאניזירטע ארבייטער באטייליגען זיך אין דעם קאמף פאר פאבריק-געזעצען אויך סתם פראגרעסיווע עלעמענטען, וועלכע באטראכטען די פראבלעם אין ליכט פון ריין הומאניטארישע פרינציפען. די געמיינע עקספלואטאציע פון קינדער און פרויען-ארבייטער אין דער ערשטער עפאכע פון דעם אינדוסטריעלען קאפיטאליזם אין ענגלאנד האט, ווי באקאנט, באשאפען א ברייטע פאלקס-באוועגונג איינצוצאמען, דורך פאבריק געזעצען, דעם ווילקיר פון די מאדערנע שקלאפען-האלטער. דיזעלבע מאטיוען שפילען אויך א גרויסע ראלע ביי יעדער סאציאלער רעפארם אין אמעריקא, אנהויבענדיג פון דער נעגער-באפרייאונג ביז צום איצטיגען מאמענט.

פאר דעם ערשטען פאבריק־געזעץ אין אמעריקא קען באטראכט ווערען דער ארבייטס־פארבאט פאר קינדער אונטער 12 יאהר, וועלכען דער סטייט מאסא־טשוזעטס האט איינגעפיהרט אין יאהר 1842. דער געזעץ איז געווען א טייל פון א פלאנמעסיגער שול־פאליטיק מיט דעם צוועק צו פארזיכערען אן עלעמענטארע בילדונג פאר אלע קינדער. אין מאסאטשוזעטס איז אויך, אין 1879, איינגעפיהרט געווארען דער ערשטער געזעץ וועגען פרויען ארבייט.

די נארמען פון ארבייטס־צייט (ארבייטס שטונדען) פאר מענער זיינען צום ערשטען מאל באשטימט געווארען אין 1842, ווען פרעזידענט וואן ביורען האט דורך א דעקרעט איינגעפיהרט א 10־שטונדען טאג אין אלע דאקס פון דעם אמעריקאנער פלאט. פונקט אזוי ווי אין ענגלאנד, האבען אויך די אמעריקאנער ארבייטער אין זייער קאמף פאר קירצערע שטונדען זיך פארלאזען אויף דער מאכט פון די טרייד־יוניאנס מעהר ווי אויף דער אפיציעלער פאבריק־געזעצגעבונג. דער קאמף פון די יוניאנס פאר אן 8־שטונדען טאג האט זיך אנגעהויבען מיט א יאהר 40 צוריק. אין די טריידס, וואו די מאיאריטעט באשטעהט פון מענער, איז דער ערפאלג געקומען לאנגזאם אבער זיכער, און אין די לעצטע 5—6 יאהר איז דער 8־שטונדען טאג איינגעפיהרט געווארען כמעט אין 90 פראצענט פון די ארגאני־זירטע טריידס.

די רעאקציאנערע עלעמענטען, שטיצענדיג זיך אויף די טעארעטישע פרינציפען פון פערזענליכער פרייהייט, האבען מיט אלע מיטלען געזוכט צו דערשטיקען די מאדערנע ארבייטס־געזעצגעבונג. אין נאמען פון דער הייליגקייט פון „פרייהייט" פלעגען אלע שונאים פון סאציאל־פאליטיק אפעלירען צו די העכערע געריכטען, ביי וועלכע ס'נעפינט זיך די קראפט צו פסק'נען וועגען דער קאנסטיטוציאנעלער כשרות פון יעדען געזעץ, און האבען געזוכט די אפשאפונג פון דעם פראגרעסיווען געזעץ. ניט זעלטען זיינען אויף אזא אופן די געזעצען פון פארשידענע סטייטס, און אויך פון דעם פעדעראלען קאנגרעס, בטל געווארען נאך איידער זיי האבען באוויזען אויפצובליהען און ברענגען פרוכט. אין דעם דאזיגען קאנסטיטוציאנעלען אומשטאנד ליגט איינער פון די שווערסטע מניעות אויף דעם וועג צו א מאדערנער ארבייטס־געזעצגעבונג ביי אונז אין לאנד.

אין יאהר 1908 האט דער העכסטער געריכט (סופרים קאורט) אין וואשינגטאן ענדליך גע'פסק'ענט, ביי א געלעגענהייט פון דעם געזעץ וועגען 10־שטונדען פאר פרויען־ארבייטער אין סטייט ארעגאן, אז יעדער סטייט מעג געברויכען צו אט דעם דאזיגען צוועק זיין „פאליציי־מאכט", דאס מיינט דעם אלגעמיין־אנערקענטען שטאאטס־רעכט צו באשרענקען געוויסע פריוואטע רעכטע צוליב דעם נוצען פון דער גאנצער געזעלשאפט, צוליב „טובת הכלל". דאס האט גאנץ באדייטענד גע־האלפען איינצופיהרען עהנליכע פאבריק־געזעצען פאר פרויען אין א סך אנדערע טיילען פון לאנד. געגנוי דיזעלבע מניעות, די קאנסטוציאנעלע פראבלעם, פארליגען אבער נאך אלץ דעם וועג צו א געזעצליכען מינימום־לוין פאר פרויען און „יוגענד־ליכע" ארבייטער (16—21 יאהר). נאך ביז איצט שוועבט איבער אלע דאזיגע געזעצען אין עטליכע און צוואנציג סטייטס די גרויסע סכנה, אז מען קען זיי אין איין שעהנעם טאג מבטל מאכען.

ניט פריהער ווי אין 1886 איז ערשט איינגעפיהרט געווארען א געזעץ וועגען שוץ פון ארבייטער געגען פאבריק עקסידענטס. ביז מיט א יאהר 15 צוריק האט

אָבער אויף דיזען געביט נאָך אלץ געהערשט דער פּאַרצייטיגער יורידישער פּרינציפּ פון דעם ענגליש-אַמעריקאַנישען בירגערליכען קאָדעקס, וועלכער באַפרייט דעם אונטערנעהמער כמעט שטענדיג פון יעדער פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַן איני-דוסטריעלען עקסידענט. די באַוועגונג צו באַשיצען די ארבייטער פון די לעבענס-געפערליכע טריידס, ווי די פאָספאָר ארבייט ביי דער פאַבריקאַציע פון שוועבעלעך, ווי אויך דער שוץ געגען די אַזוי גערופענע טרייד-קראַנקהייטען ביי פּיינטערס און אַנדערע ארבייטער, געפינט זיך דערוויי״ל אין דער אָנפאַנג פאַזע און וועט נאָך פאָדערען אַ לאַנגען און סיסטעמאַטישען קאַמף.

עפענטליכע ארבייטס-פאַרמיטלונג ביוראָס זיינען צום ערשטען מאָל איינגע-פיהרט געוואָרען אין אָהייאָ אין 1890, נאָר זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט דערשלאָגען ביי אונז אין לאַנד צום פּלאַץ, וועלכער זיי קומט אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט. ערשט אין די לעצטע יאָהרען פון דער וועלט-מלחמה איז איינגעפיהרט געוואָרען אין אַ סך טיילען פון אַמעריקאַ אַ פעדעראַלע סיסטעם פון ארבייטס-פאַרמיטלונג, דורך די שטאַאַטליכע „עמפּלאָימענט אַגענטורען“, אָבער זי איז ליידער זעהר גיך פאַרשוואונדען. אָהן אַזאַ סיסטעם קען ניט געמאָלט זיין קיין ווירקזאַמער קאַמף געגען ארבייטסלאָזיגקייט אויף אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב, ווי דאָס פאָדערען די לעבענס-אינטערעסען פון דעם ארבייטער-קלאַס.

ווי מיר זעהען, האָט פאַרט די אַמעריקאַנער ארבייטס-געזעצגעבונג אַ גאַנץ לאַנגע און אינהאַלטרייכע געשיכטע, אָבער איהרע הויפּט-ערפאָלגען זיינען געקומען ערשט אין די לעצטע 15 יאָהר.

דער איצטיגער צושטאַנד פון דער אַמעריקאַנער ארבייטס-געזעצגעבונג.

די פאַבריק-געזעצען, דורך וועלכע דאָס לעבען און געזונט פון די ארבייטער דאַרף באַשיצט ווערען, האָבען אין די לעצטע יאָהרען ניט געמאַכט קיין גרויסען פאָרטשריט. באַזונדערס שאַרף שטעהט איצט די דאָזיגע פראַגע אין באַציהונג צו די קוילען-מיינערס, וועלכע קומען אום אין גרויסע מאַסען ביי די עקספּלאָזיאָנען אין די גרובען. כמעט 3000 מיינערס ווערען יעהרליך גע׳הרג׳עט ביי דער ארבייט, דאָס איז אַרום 4—5 פּראָצענט פון די קוילען מיינערס אין לאַנד.

דער שוץ פון די ארבייטער ביי שטאַרקע עלעקטרישע שטראָמען איז אַ צווייטע דרינגענדע אויפגאַבע פון דער ארבייטס-געזעצגעבונג אויף דעם דאָזיגען געביט. אין אַלע טריידס, וואו שטויב און גיפטיגע גאַזען רופען אַרויס טובערקולאָזיס, און אַנדערע פּראָלעטאַרישע חולאת׳ן, פעלט נאָך כמעט אינגאַנצען אַ סיסטעם פון די עלעמענטאַרסטע פאַבריק-געזעצען צו באַשיצען דעם געזונט פון די ארבייטער.

דאָ און דאָרט ווערען אין דער לעצטער צייט דאָך געמאַכט פאַרזוכען איינצו-פיהרען פאַרבעסערונגען אין דער אָפּגעשטאַנענער סיסטעם פון דער אַמעריקאַנער פאַבריק-געזעצגעבונג. באַזונדערס וויכטיג זיינען די געזעצען און איינינע פּראַק-טישע מיטלען צו גאַראַנטירען יעדען ארבייטער, דאָס זיין לוין וועט איהם פּינקטליך באַצאָהלט ווערען. נאָר געצעהלטע סטייטס האָבען דערוויי״ל געגעבען זייערע לייבאָר קאָמישאָנס דאָס רעכט צו באַשיצען די ארבייטער געגען אַזאַ עולה אָהן אַ לאַנגען געריכטס-פּראָצעס מיט דעם אונטערנעהמער. דאָס איז געשעהן אין מאַסאַטשו-

זעטס, נעוואדא, יוטאה, וויאמינג, וואשינגטאן און קאליפארניא. פון דיזע זעקס סטייטס געפינט מען אבער בלויז אין מאסאטשוזעטס א גאנץ צופרידענשטעלענדע לייזונג פון דער פראגע. דארט איז דורך א ספעציעלען פאבריק־געזעץ יעדער אונטערנעהמער פארפליכטעט געווארען צו צאהלען די וויידזשעס פינקטליך יעדע וואך. ווען א באס צאהלט ניט אפ די פולע וויידזשעס אין דער געהעריגער צייט, באגעהט ער, לויט דיזען געזעץ, א קרימינעלען פארברעכען, וואס פיהרט צו א שווערער שטראף.

אין איניגע טיילען פון לאנד זיינען אין די לעצטע יאהרען איינגעפיהרט געווארען באדייטענדע געריכטליכע רעפארמען, וואס ריהרען דירעקט אן די ארבייטער־אינטערעסען. אזוי, למשל, געפינט מען איצט אין 4 סטייטס (מאסאטשוזעטס, איידאהא, נעוואדא און קאליפארניא) באזונדערע קאורטס, די אזוי גערופענע „סמאל קלעימס קאורטס", וועלכע סעטלען אויף א גיכען און ווירקזאמען אופן אלע קלעימס, וואס שטייגען ניט איבער די סומע פון 50 דאלאר. אין פיער איינצעלנע גרויסע שטעדט (פילאדעלפיא, קליוולאנד, סט. פאול און מינעאפאלים) איז אויך איינגעפיהרט געווארען דיזעלבע איינריכטונג, און זי האט אומעטום די בעסטע רעזולטאטען.

דער גרונד־פעלער אין דער איצטיגער סיסטעם פון דער פאבריק־געזעצגעבונג אין אמעריקא, באשטעהט אין דעם קלעגליכען קאנטראל איבער דער אויספאלגונג פון דיזע געזעצען. אין אלע אנדערע לענדער פון דער וועלט, וואו די אינדוסטריע איז מעהר אדער ווייניגער אנטוויקעלט, איז די פאבריק־אינספעקציע געווארען א פראפעסיע, וועלכע שפילט א וויכטיגע ראלע אין דעם שוץ פון די ארבייטער־מאסען און אין דעם פראגרעס פון דער ארבייטס־געזעצגעבונג. ביי אונז אין לאנד געפינט מען אבער, אין 90 פאלען פון 100, אז די אדמיניסטראציע פון די פאבריק־געזעצען ליגט אין די הענט פון דעם ערגסטען און ביליגסטען סארט „פראקטישען פאליטישען", וועלכער הויבט ניט אן צו פארשטעהן זיינע אויפגאבען און קלערט וועגען זיינע אייגענע אינטערעסען פיל מעהר ווי וועגען דער גרויסער פליכט וואס ליגט אויף איהם.

נאר אן עהרליכער און ערנסטער, טעכניש־צוגעגרייטער פערסאנאל פון דער אדמיניסטראציע איבער פאבריק־געזעצען איז בכח צו פארטיידיגען דיזע געזעצען פון דער מחנה שונאים, וועלכע זוכען מיט אלע מיטלען אונטערצוגראבען יעדען שטיקעל פארטשריט אויף דיזען פעלד. אין די געריכטען, וואו די דאזיגע פראגען ווערען סוף כל סוף אנטשידען, שפילט א גרויסע ראלע, צי די פארטיידיגונג פון א באשטימטען געזעץ קומט פון א פאך־מאן, מיט א גרינדליכער טעכנישער בילדונג און א געפיהל פון א סאציאלע פאראנטווארטליכקייט, אדער פארקערט — צי דער בלומרשטער באשיצער פון די ארבייטער־אינטערעסען איז אן אומוויסענדער און פארקויפטער בעאמטער, וועלכער האט א קאלטע, און אפילו א קארופטע באציהונג צו דער ארבייטס־געזעצגעבונג.

מען קאן זאגען, אז איינע פון די וויכטיגסטע און דרינגענדסטע פראגען אויף דעם געביט פון דער פאבריק־געזעצגעבונג אין אמעריקא איז צו שאפען א באדען און אן אטמאספערע פאר דעם באלדיגען איינפיהר פון א ווירקזאמער און פאראנטווארטליכער פאבריק־אינספעקציע איבער'ן גאנצען לאנד.

די סאָציאַלע פאַרזיכערונג אין אמעריקא.

אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער איז די סאָציאַלע פאַרזיכערונג, ד. ה. די קאָלעקטיווע אינשורענס מיט דער פינאַנציעלער אונטערשטיצונג פון די אונטערנעהמער און דעם שטאַאט, דורך די טרייד־יוניאָנס אַנערקענט געוואָרען פאַר איינער פון די וויכטיגסטע לעבענס־פראַגען פון דעם ארבייטער קלאַס.

די סאָציאַלע פאַרזיכערונג קען איינגעטיילט ווערען אין די פאָלגענדע פינף קלאַסען, לויט די געפאַהרען, וועלכע באַדראָהען כסדר די עקזיסטענץ פון דעם ארבייטער: 1) פאבריק עקסידענט אינשורענס; 2) קראַנקהייטס אינשורענס; 3 אינוואַליד־פאַרזיכערונג (דיזעביליטי) אינשורענס; 4) עלטער אינשורענס, און 5) אַרבייטסלאָזיגקייט אינשורענס.

בלויז איינע פון דיזע פינף צווייגען פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג (אינשורענס) איז שוין איינגעפיהרט געוואָרען כמעט איבער'ן גאַנצען לאַנד — די אינשורענס געגען אינדוסטריעלע עקסידענטס, וועלכע איז באַקאַנט מיט דעם נאָמען „וואָירקמענס קאָמפּענסיישאָן" אָדער „לייעבילִיטי אינשורענס".

דער ערשטער שטאַאט איינצופיהרען אַ מאָדערנע סיסטעם פון אַן אינדוסטריעלער עקסידענט קאָמפּענסיישאָן איז געווען ניו דזשוירזי, וואו אַזאַ געזעץ איז אָנגענומען געוואָרען אין יאָהר 1911. אין די לעצטע 15 יאָהר זיינען אין פאַראייניגטע סטייטס און אין קאָנגרעס אָנגענומען געוואָרען ניט ווייניגער ווי 47 קאָמפּענסיישאָן געזעצען. דורך אַזאַ געזעצגעבונג איז ניט נאָר איינגעפיהרט געוואָרען אַ סיסטעם פון בענעפיטס פאַר די קרבנות פון דער אינדוסטריע, נאָר ס'איז אויך געשאַפען געוואָרען אַ ווירקזאַמע אַדמיניסטראַטיווע סיסטעם איבער אַלע ענינים, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער קאָמפּענסיישאָן סיסטעם. די „אינדאָסטריעל עקסידענט קאָמישאָנס", וועלכע זיינען איינגעפיהרט כמעט אין יעדען סטייט, שטעלען מיט זיך פאָר אַ מין ספּעציעלען ארבייטס־קאָורט, וואו עס ווערען ערליידיגט 95 פּראָצענט פון אַלע קאָמפּענסיישאָן קליימס. די פּראָצעסען קומען פאָר גיך און קאָסטען די געליטענע ארבייטער און זייערע פאַמיליעס קיין געלט ניט. ווען די געליטענע שטעלען זיך אָבער דאָך ניט צופרידען מיט אַזאַ סעטלמענט און ווילען אָנקומען צו די רעגעלע קאָורטס, ווערען געוויינליך אַלע נויטיגע פּאַפּירען צום קאָורט אויפגעשטעלט אין דער „אינדאָסטריעל קאָמישאָן" גופא.

אַלע שטאַאטען, אַ חוץ ארקאַנזאַס, פלאָרידא, מיסיסיפּי, מיזורי, נאָרטה קאַראָליינא און סאָוט קאַראָליינא, האָבען שוין ביי זיך היינט געזעצען וועגען קאָמפּענסיישאָן. אויף דער פעדעראַלער רעגירונג איז אויך, לויט אַ ספּעציעלען געזעץ, אַרויפגעלייגט געוואָרען די פליכט פון קאָמפּענסיישאָן, וואָס באַשיצט 750 טויזענט ציווילע בעאַמטע און ארבייטער אין די שעפּער און דאָקס, וועלכע באַלאַנגען צו דער צענטראַלער רעגירונג פון לאַנד. אַ לאַנגער קאַמף איז געפיהרט געוואָרען איינצופיהרען די „וואָירקמענס קאָמפּענסיישאָן" אין וואַשינגטאָן, דיסטריקט אוו קאָלאָמביא, די הויפּט שטאָדט פון לאַנד. יענע שטאָדט שטעהט, ווי באַקאַנט, אונטער דער יורידיקציע פון קאָנגרעס, און ס'געפינען זיך דאָרט אַרום הונדערט טויזענט ארבייטער. דערווייל איז נאָך דאָס ציל אָבער ניט דערגרייכט געוואָרען.

דער פּראָצענט פון דער ארבייטערשאַפט, וועלכע איז באַשיצט דורך דעם

קאמפענסיישאן געזעצע, וואקלט זיך גאנץ באדייטענד פון פלאץ צו פלאץ. אין פארטא ריקא, למשל, איז ער 20 און א האלב, און אין ניו דזשורזי 99 מיט פיער פינפטלאך, פשוט ווייל דער פארנעהם פון די פארשידענע געזעצען איז זעהר ניט קיין איינהייטליכער. אין איין פלאץ ווערען אונטער איהם געשטעלט בלויז די זעהר געפעהרליכע אינדוסטריען און די ארבייטער אין די גרויסע שעפער און פאבריקען, בעת אין אנדערע פלעצער איז דער געזעץ גילטיג פאר אלע ארבייטער איינשליסליך די פארם־הענט און אפילו די הויז־דינערשאפט.

א באזונדערן קאפיטעל פאר זיך שטעלט פאר דער שוץ פון די „לאנגשאָרמען”, ד. ה. די דאק־ארבייטער, וועלכע צעהלען איבער'ן לאנד ארום א דריטעל מיליאן. ווען די קאמפענסיישאן געזעצען אין די סטייטס זיינען איינגעפיהרט געווארען, האט מען בדרך כלל געהאלטען, אז זיי גילטען אויך פאר די דאקערס. אין 1917 האט אבער דער סופרים קאורט פון לאנד גע'פסק'נט, אז ווען אן ארבייטער ווערט באשעדיגט, געפינענדיג זיך אויף א שיף, גילט פאר איהם ניט די סטייט געזעצגעבונג, מחמת די „מאריטימע” (פלאט ענינים) פראגען שטעהען אונטער דעם קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען און ניט אונטער דעם קאנטראל פון סטייט, וואו עס געפינט זיך דער האפען.

צוויי מאל האט שוין דער קאנגרעס, דורך ספעציעלע געזעצען, פארזוכט צו רעגולירען די פראגע, באשטימענדיג דאס אין דיזען פאל געהערט דער קאנטראל איבער די שיפען דירעקט צו דער קאמפעטענץ פון די סטייטס. דאך האט דער סופרים קאורט זיך געהאלטען ביי זיינס, אז דער קאנגרעס האט קיין רעכט ניט איבערצוגעבען א טייל פון זיינע פולמאכטען די איינצעלנע סטייט לעדזשיסלייטשורס. דער איינציגער אויסוועג איז, אלזא, אנצונעמען א פעדעראלען קאמפענסיישאן געזעץ פאר אלע דאק־ארבייטער, און דיזע רעפארם איז איצט א דרינגענדע און ברענענדע טאג־פראגע.

כמעט יעדער פון די 47 קאמפענסיישאן געזעצען איבער'ן לאנד שרייבט פאר צו געבען דעם געליטענעם ארבייטער אומזיסטע מעדיצינישע און כירורגישע הילף, ווי אויך פרייע האספיטאל־באהאנדלונג. דער פראבע פעריאד (ווייטינג פעריאד), ד. ה. די ערשטע צייט נאך דעם עקסידענט, פאר וועלכער ס'ווערט ניט געצאהלט קיין קאמפענסיישאן, איז געוועהנליך פון דריי ביז זיבען טעג, אבער אין עטליכע סטייטס איז ער פון צוויי ביז דריי וואכען. די געוועהנליכע נארמע פון קאמפענסיישאן איז 66 און צוויי־דריטעל פראצענט פון די ווייזשעס, וואס דער געליטענער ארבייטער פלעגט לעצטענס באקומען, אבער אין איניגע סטייטס איז עס בלויז פון 50 ביז 60 פראצ. כמעט אין אלע סטייטס ווערט די קאמפענסיישאן געצאהלט אין פארלויף פון דער גאנצער צייט פון דער פולער ארבייטס־אומפעהיגקייט נאך דעם אומגליק. פאר א שטענדיגער טיילווייזיגער ארבייטס אומפעהיגקייט (דורך א פארלוסט פון איין האנט, איין אויג א. אז. וו.) באקומט דער געליטענער אין איניגע סטייטס א רעכט אויף א פענסיע אין פארלויף פון זיין גאנצען לעבען, בעת אין אנדערע סטייטס גיט מען איהם בלויז אן איינמאליגע קאמפענסיישאן לויט א באשטימטען טאריף.

ביי א טויטען פאל, נאך אן עקסידענט, ווערט באצאהלט די הוצאה פון דער לויה (75 ביז 225 דאלאר), און די אלמנה באקומט א פענסיע פון 15 ביז 66 מיט צוויי־דריטעל פראצענט פון מאנ'ס יעהרליכען לוין, לויט א באשטימטען טאריף און לויט דער צאהל קליינע קינדער. בלויז אין איין פערטעל פון די סטייטס

ווערען דורך דער קאמפענסיישאן סיסטעם באשיצט אויך די קרבנות פון די טרייד־קראנקהייטען. אין די 12 יאהר, וואס דער קאמפענסיישאן געזעץ איז אין קראפט אין ניו יארק סטייט, האט מען אויסגעצאהלט קאמפענסיישאן צו זעקס הונדערט און זעכציג טויזענט (660,000) געליטענע ארבייטער און זייערע משפחות. די סומע פון דיזע בענעפיטס האט באטראפען הונדערט זיבען און זיבעציג (177) מיליאן דאלאר. דאס גיט א באגריף וועגען דעם קאלאסאלען נוצען פון דער דאזיגער רעפארם.

כדי צו גאראנטירען דעם ארבייטער, אז די קאמפענסיישאן וועט איהם באצאהלט ווערען, איז כמעט דורך אלע געזעצען באשטימט געווארען, אז יעדער אונטערנעהמער מוז זיין אינשורט ביי א פארזיכערונגס געזעלשאפט אדער אין א ספעציעלען סטייט פאנד. 17 שטאאטען האבען שוין אזעלכע פאנדס, און אין עטלאכע שטאאטען איז דיזער פאנד דער איינציגער געזעצליכער מיטעל צו פארווירקליכען דעם קאמפענסיישאן פלאן, ווייל קיין פריוואטע פארזיכערונג געגען פאבריק עקסידענטס ווערט ניט ערלויבט. אין אזעלכע סטייטס איז די סומע פון דער דורכשניטליכער קאמפענסיישאן פאר די געליטענע ארבייטער העכער ווי אין די פאלען, וואו זייער גורל ליגט אין די הענט פון די פריוואט־קאפיטאליסטישע אינשורענס געזעלשאפטען.

דורך די לעצטע אייניגע יאהר זיינען געמאכט געווארען עטלאכע וויכטיגע ענדערונגען און אמענדמענטס צו די שוין עקזיסטירענדע געזעצען. אין ניו יארק סטייט איז דער „וועיטינג פעריאד" פארקירצט געווארען פון צוויי וואכען ביז איין וואך. עס איז אבער ניט מעהר ווי רעכט, אז דער פראבע־פעריאד זאל איינגאנצען אפגעשאפט ווערען, ווייל נאר דורך דעם קען דער ארבייטער זיין זיכער מיט דער פולער מאס פון דער מעדיצינישער הילף, וועלכע ס'קומט איהם לויט דעם געזעץ.

דער קאמפענסיישאן געזעץ אין אייניגע סטייטס וויל ניט אנערקענען דאס רעכט אויף א פענסיע פאר די יעניגע פאמיליעס פון די אומגעקומענע ארבייטער, וועלכע געפינען זיך ניט דא אין לאנד. דאס איז א שרייאיגע עולה לגבי די פאמיליעס פון די אימיגראנטען, וועלכע זיינען פארבליבען אין דער אלטער היים און מוזען ליידען דחקות צוליב דעם טויט פון זייער שפייזער, בעת די גאנצע שולד פאר אזא אומגליק פאלט אויף דער אמעריקאנער אינדוסטריע. אין ניו יארק סטייט איז אן אמענדמענט צו באזייטיגען אזא אומרעכט אנגענומען געווארען ערשט מיט א יאהר צוויי צוריק.

פון אנהויב האט מען געגלויבט, אז א געזיכערטער געלד־בענעפיט פאר די קרבנות פון פאבריק־עקסידענטס וועט זיין דער איינציגער רעזולטאט פון דעם קאמפענסיישאן געזעץ, הגם מען האט אויך געקענט ערווארטען אז דער געזעץ וועט מוזען פיהרען צו א פיעל ווייטערען ציעל — געפינען ווירקזאמע מיטלען צו פארמיידען איינגאנצען די פאבריק־עקסידענטס, אויף וויפיל מען קען עס אויספירען. די פראקטיק האט באוויזען, אז דוקא אין דעם באשטעהט טאקע דער הויפט־נוצען פון דער „לייעבילעטי אינשורענס", ווייל יעדע פארקלענערונג פון דער צאהל עקסידענטס פיהרט צו א ממשות'דיגער עקאנאמיע אין די אויסגעצאהלטע בענעפיטס. דאך פאדערט זיך נאך א דריטער גליד אין דער דאזיגער קייט, אום צו מאכען די פראגראם פון שוץ געגען פאבריק אומגליקען פאלקאם און קאנסטרוקטיוו. ס'מוז

נעמליך איינגעפיהרט ווערען די סיסטעם פון „רעהאביליטיישאן" (צופאסונג) פון די אינדוסטריעלע קאליקעס, ד. ה. א פראקטישער מעטאד ווי אזוי צו מאכען זיי פעהיג צו א וועלכער עס איז פראדוקטיווער ארבייט, כדי דורך דעם זאל לייכטער ווערען זייער ביטערער שיקזאל.

אין יאהר 1920 איז אנגענומען געווארען דער ערשטער פעדעראלער געזעץ וועגען א פינאנציעלער הילף פאר אזא ארבייט, ווי למשל, אויסלערנען די קאליקעס א לייכטען טרייד, באזארגען זיי מיט קינסטליכע אברים א. ז. וו., וואס דארף פאלען אלס א דירעקטע לאסט ניט בלויז אויף דעם סטייט, נאר אויך אויף דעם גאנצען לאנד. אין די לעצטע איייניגע יאהר האבען שוין איבער 30 סטייטס אנגענומען וועגען דעם געזעצען, און דיזע אנטוויקלונג איז א העכסט באפרידיגענדע און ערמוטיגענדע.

דער הויפט־עיקר פון דער אינדוסטריעלער קאמפענסיישאן סיסטעם אין אמעריקא איז ווי פאלגט: סאציאלע שטיצע דורך געלד און ניט קיין קהל'שע הילף דורך די אלטפרענקישע צדקה איינריכטונגען פאר קאליקעס און ארימע לייט. דיזער איינציג־ריכטיגער און זעהר פארטגעשריטענער קוק האט אין די לעצטע 6—7 יאהר ארומגעכאפט נאך א צווייטען פעלד פון דער סאציאלער פארזיכערונג — די שטאאטליכע עלטער־פענסיעס פאר ארבייטער.

אין די אמעריקאנער אומשטענדען זיינען שטאאטליכע פענסיעס, לויט דעם ענגלישען מוסטער, דער איינציגער פאסענדער מיטעל פון עלטער־פארזיכערונג. די אזוי גערופענע „טרייענגעל" סיסטעם פון דייטשלאנד (די פינאנציעלע באטייליגונג פון די ארבייטער, אונטערנעהמער און דעם שטאאט) איז דערווייל נאך פרעמד די סאציאל־פאליטישע טראדיציעס פון אמעריקא. זעהר א שטארקע אפאזיציע פון די רעאקציאנערע עלעמענטען ערלויבט אפילו ניט איינצופיהרען אזא אומשולדיגען מיטעל ווי א געזעץ וועגען שטאאטליכע פענסיעס פאר די נויט־ליידענדע אלטע בירגער, כדי זיי צו באפרייען פון דער אומווירדיגער באהאנדלונג אין די „הייזער פאר ארימעלייט", וואס זיינען אין דער אמת'ן פריזאנס פאר די ארימע בירגער, וועלכע זיינען געווארען אלט און שוואך.

א פענסיע געזעץ אין פענסילווייניא איז אנגענומען געווארען אין 1922, אבער ער איז באלד אפגעשאפט געווארען דורך דעם סטייט סופרים קאורט, און דער קאמף פאר איהם ווערט נאך אלץ געפיהרט מיט דעם זעלבען אימפעט ווי מיט 5 יאהר צוריק. אין די לעצטע איייניגע יאהר זיינען אנגענומען געווארען, און אריינגעטראטען אין זייער פולער קראפט, בילס וועגען א מאנאטליכער פענסיע (פון ארום 30 דאלאר) פאר די אלטע ארבייטער אין אייניגע ווייניג אינדוסטריאלי־זירטע סטייטס, ווי וויסקאנסין, נעוואדא, מאנטאנא, קענטאקי, און די אלאסקא טערי־טאריע.

די געזעצליכע באשרענקונגען פון טרייד־יוניאניזם.

א גאנץ איינגנארטיגער שטריך פון דער אמעריקאנער יוסטיץ־סיסטעם איז די ברייטע פולמאכט, וואס איז געגעבען געווארען די ריכטער, ארויסצוגעבען אדמי־ניסטראטיווע באפעלען (אינדזשאנקשאנס).

אין דער צייט ווען אין ענגלאנד, פון וואנען עס קומט ארויס די גאנצע

יורידישע סיסטעם פון די פאראייניגטע שטאאטען, איז שוין מיט א יאהר 20 צוריק געזעצליך אפגעשאפט געווארען דאס רעכט פון געריכט ארויסצולאזען אזעלכע באפעלען געגען די טרייד-יוניאנס, איז נאך דא אין לאנד דער צושטאנד געבליבען דערזעלבער ווי מיט 50 יאהר צוריק. דאס איז די שווערסטע מניעה פאר דער פארשפרייטונג פון טרייד-יוניאניזם אין אמעריקא.

דאס געזעצליכע רעכט פון דעם ארבייטער-קלאס צו סטרייקען פאר דער פארבעסערונג פון זיין לאגע בלייבט א פוסטער קלאנג, אויב דער געזעץ באהאנדעלט ניט גלייך, מיט דערזעלבער מאס פון טאלעראנץ, ביידע צדדים. היינט צו טאג באקומען די אונטערנעהמער אן אפענע און פילזייטיגע אונטערשטיצונג פון די קאורטס, בעת די ארבייטער ווערען אפט געבונדען פון אלע זייטען דורך פארבאט פון די פרידליכסטע קאמפס-מיטלען, ווי פיקעט, באיקאט א. אז. וו.

ביז 1914, ווען דער קאנגרעס האט אנגענומען דעם קלעיטאן אקט, וועלכער זאגט בפרוש, אז א מענשליכע ארבייט איז ניט קיין סחורה און מען טאר דעריבער די ארבייטער ארגאניזאציעס ניט שטעלען זייט ביי זייט מיט די טרייד-קאמבי־ניישאנס (טראסטס), וואס זיינען פארבאטען דורך דעם געזעץ, זיינען אלע קאורטס געווען גענייגט בכלל צו פארבאטען דעם טרייד-יוניאניזם. די יוניאנס זיינען געווען א „קאנספיראסי", א פארשווערונג, געגען וואוילזיין און פרייהייט פון פאלק. נאך דעם זיג פון די עלעמענטארסטע געבאטען פון סאציאלער גערעכטיגקייט און גלייכען פארשטאנד, אין 1914, וואלט שוין נאטירליך מעהר קיין פלאץ ניט געדארפט זיין פאר וועלכע ס'איז באשרענקונגען אין דעם סטרייק-רעכט. דאך האבען אויך ווייטער די פעדעראלע דזשאדזשעס זיך געהאלטען ביי זייערס און אלץ ניט אויפגעהערט ארויסצולאזען אינדזשאנקשאן ארדערס.

די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג פיהרט שוין זייט יאהרען א פארבי־סענעם קאמף געגען דער אינדזשאנקשאן מכה.

אין די פריהערדיגע יאהרען, מיט א יאהר 40—50 צוריק, ווען די טראסטס זיינען נאך געווען זעהר יונג און האבען געזוכט אויסצושפרייטען זייער נעץ איבער'ן גאנצען לאנד, האבען די פאלקס-מאסען געהאפט צו געפינען שוץ דורך די ספעציעלע אנטי-טראסט געזעצען. ענדליך איז, אין אנהויב פון די 90-ער יאהרען פון לעצטען יאהרהונדערט, דורכגעגאנגען אין קאנגרעס דער שערמאן אקט, דער ווינקעלשטיין פון דער מאדערנער שוץ-געזעצגעבונג געגען די טראסטס. זיין עיקר איז געווען, דאס מען טאר ניט באשאפען קיין ארגאניזאציעס, וואס באשרענקען די עקאנאמישע פרייהייט און דאס רעכט פון יעדען יחיד צו פראדוצירען, קויפען און פארקויפען וואס ער וויל. דאסנלייכע האט אויך באשטעטיגט דער קלעיטאן אקט פון 1914, וועלכער האט אגב איינגעפיהרט די פעדעראל טרייד קאמישאן און האט לעגאליזירט דעם טרייד-יוניאניזם.

די מעהרסטע אמעריקאנער ריכטער קוקען נאך אלץ אויף א יוניאן ווי אויף אן ארגאניזאציע, וועלכע זוכט צו באשרענקען די פרייהייט פון אן ארבייטער צו טאן וואס ער וויל מיט זיין ארבייטס-קראפט. פון דער צווייטער זייט האט מען אפיציעל אנערקענט די עקזיסטענץ-רעכט פון די טרייד-יוניאנס (קלעיטאן אקט). די ריכטער וואקלען זיך אהין און אהער, און דער שאדען וואס קומט דערפון ארויס שטערט געוואלדיג דער ארבייטער-באוועגונג און במילא אויך די פאבריק-געזעצגעבונג.

ס'איז קלאר ווי דער טאג, אז דיזער צושטאנד איז אן אומגעהייערער אבסורד. אין דער צייט ווען מען פארבאט דעם קאלעקטיווען ארויסטריט פון די ארבייטער צו באקומען וואס מעהר פאר זייער סחורה, דער ארבייטס־קראפט, איז ניט מעגליך צו פארווערען די קאפיטאליסטען צו באשטימען דורך אן אפמאך צווישען זיך, וועלכען פרייז זיי זאלען באצאהלען די ארבייטער פאר דער דאזיגער סחורה, ד. ה. די הויך פון לוין. מען קאן, אלזא, ניט זאגען אז ביידע צדדים ווערען דורך דעם געזעץ באהאנדעלט מיט א גלייכער האנט, ווי ס'טענה'ן כסדר די רעאקציאנערע געזעצגעבער און ריכטער. פאקטיש איז דער דאזיגער טייל פון דער ארבייטס־געזעצגעבונג און יוריספרודענץ א פראדוקט פון דער קאפיטאליסטישער קלאסען־יוסטיץ.

אין די לעצטע יאהרען האט דארום די אמעריקאנער יוניאן־באוועגונג, אין דער געשטאלט פון דער „אמעריקאן פעד. אוו לייבאר", איינגעזעהן אז די אינטער־רעסען פון דעם ארבייטער־קלאס פאדערען איינגאנצען בטל צו מאכען די אנטי־טראסט געזעצען. פאקטיש האבען דאך די טראסטס געזונטע ווארצלען אין לעבען, און מ'קאן זיי במילא דורך די פאפירענע געזעצען ניט צושטערען. דאך ווערען די פרינציפען פון אזא געזעצגעבונג, וואס שטעלט זיך כלומרשט דעם ציעל פון סאציאלען קאנטראל, אויסגענוצט אויף יעדען שריט און טריט געגען די אינטער־רעסען פון די ברייטע פאלקס־מאסען, די הארעפאשניקעס אין די שעפער, פאבריקען, מיינס און באהנען.

א דירעקטער מיטעל אין קאמף מיט דער אינדזשאנקשאן אנשיקעניש קען אפשר זיין דער באשלוס פון די לעדזשיסלייטשורס, אז די ריכטער טארען ניט ארויסגעבען קיין אינדזשאנקשאן געגען סטרייקערס אהן א פארהער פאר א דזשורי און אהן אנדערע גאראנטיעס פון גערעכטיגקייט און אמת. אזא ביל איז מיט א יאהר צוויי צוריק אנגענומען געווארען פון דער לעדזשיסלייטשור פון אילינאיז. דער העכערער געריכט פון סטייט האט אבער ערקלערט, ווי דער שטייגער, אז דער נייער געזעץ איז ניט אין איינקלאנג מיט דער קאנסטיטוציע און מיט דער סיסטעם פון אנגלא־סאקסישען רעכט, און דער געזעץ איז איינס און צוויי בטל געווארען.

נאר ווען דער ברייטער עולם וועט פריי און אפען אנערקענען דעם טרייד־יוניאניזם און ניט זעהן אין יעדער ארבייטער ארגאניזאציע א פארשטעלטע געפאהר פאר דער געזעלשאפט, וועט ערשט מעגליך זיין פטור צו ווערען פון דער אומזיניגער אינדזשאנקשאן סיסטעם. דעמאלט וועט אפשר נויטיג זיין אנצונעמען וועגען דעם א ספעציעלען אמענדמענט צו דער אמעריקאנער קאנסטיטוציע. עס וועט דאן אפגעווישט ווערען א שאנד־פלעק פון דער אמעריקאנער יוסטיץ, וועלכער איז א באליידיגונג פאר די איינפאכסטע באגריפען פון יושר און בירגערליכער פרייהייט.

די אפאזיציע צו דער ארבייטס־געזעצגעבונג.

די באזונדערע אומשטאנדען, אין וועלכע ס'איז אויסגעוואקסען די מעכטיגע עקאנאמישע ארגאניזאציע פון אמעריקא, האבען זיך אויך אפגעשפיגעלט אויף דעם אנטוויקלונגס־גאנג פון דער ארבייטס־געזעצגעבונג. ביז דער עפאכע פון דעם בירגער־קריג (1860—1870) האט דער אינדוסטריאליזם נאך בכלל ניט געהאט

קיין פעסטען באָדען דאָ אין לאַנד, ווייל פאַרמעריי איז געווען דער הויפּט-געביט פון דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע. די אינדוסטריעלע פּראָבלעם אין זין פון אַן ארבייטער-פראַגע, ווי דאָס ווערט פאַרשטאַנען אין אייראָפּאַ, האָט זיך אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען געשאַפען ערשט מיט אַ יאָהר 40 צוריק. פון שטענדיג איז אָבער שטאַרק געווען די טענדענץ צו באַטראַכטען די געשעפטס-טעטיגקייט פון די בירגער אַלס אַ פעלד, וואו דער יחיד געניסט די פולע אונטערנעמונגס-פרייהייט.

אין דעם סאָציאַלען אויפבוי פון דעם אַמעריקאַנער ארבייטער קלאַס גופא זיינען געלעגען ניט ווייניג מניעות פאַר אַ גיכען פּאָרטשריט פון דער ארבייטס-געזעצגעבונג. אַ לאַנגע צייט איז די ארבייטער באַוועגונג געשטאַנען הויפּטזעכליך אונטער דעם איינפלוס פון די געלערנטע (סקילד) ארבייטער, בעת די אומגעלערנטע אָדער די האַלב-געלערנטע ארבייטער זיינען דער עיקר באַשטאַנען פון נעגערס און ניט קיין אויסגעגרינטע אימיגראַנטען, מיט וועלכע די „ארבייטער-אַריסטאָקראַטיע" האָט קיין מגע ומשא ניט געוואָלט האָבען. אַזאַ ראַסען-שאָוויניזם האָט דירעקט געשטערט דעם וואוקס פון אַן ארבייטער-סאָלידאַריטעט און קלאַסען-באַוואוסט-זיין, אָהן וועלכע דער קאַמף פאַר אַ מאָדערנער ארבייטס-געזעצגעבונג איז ניט מעגליך.

דער פעדעראַלער כאַראַקטער פון דער שטאַאַטס-אָרדנונג אין אַמעריקאַ, וואו יעדער סטייט איז אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה, איז, נאַטירליך, אַן אומגעהייערע שטערונג צו אַן איינהייטליכער ארבייטס-געזעצגעבונג, הגם אין אַנדערע פעדעראַלע לענדער, ווי שווייץ און דייטשלאַנד, וואָלט פון דער זייט קיין שום הינדערניש ניט געקאָנט קומען. דאָרט האָט מען, נעמליך, ניט געשפירט דעם שעדליכען איינפלוס פון די אינדיווידואַליסטישע טענדענצען, וועלכע צייכענען מיט זיך אויס די אַמעריקאַנער פּאָליטישע טעאָריע און געהען דורך, ווי אַ בונטער פאָדים, דורך אַלע גערייכטליכע באַגריפען וועגען דער בירגערליכער פרייהייט.

דער צענטער, וואו ס'קלייבט זיך אויף די גאַנצע אָפּאָזיציע צו אַ מאָדערנער ארבייטס-געזעצגעבונג אין אַמעריקאַ, איז די פיינדליכע שטעלונג פון די גערייכטען. דערביי איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר די נייע שטרעמונגען אין אַמעריקאַ, אַז אפילו דאָרט, אין דעם טעמפּעל פון דער בלינדער געטין פון גערעכטיגקייט, באַמערקט זיך שוין אַ סימן פון סאָציאַלען יושר. פאַר די לעצטע 40 יאָהר האָט דער סופרים קאָורט פון לאַנד, וועלכער באַשטעהט פון 9 ריכטער, זעהר אָפט אַרויסגעטראַגען אַ פסק-דין מיט אַ שטימען איינטיילונג פון 4 צו 5 אָדער 4 צו 4. און דערביי איז אין 95 פּראָצענט דער דין געווען גענגען די אינטערעסען פון די ארבייטער. דאָס באַווייזט, אַז וועגען אַן איינהייטליכקייט אין געדאַנק ביי די העכסטע ריכטער פון לאַנד קען גאָר קיין רייד ניט זיין. כמעט צוויי-דריטעל פון די דאָזיגע צווייפעלהאַפטע באַשלוסען זיינען אַרויסגעטראַגען געוואָרען אין פאַרלויף פון די לעצטע 10 יאָהר.

די אַמעריקאַנער גערייכטען, אַזוי ווי די געזעצגעבענדע הייזער, דריקען בלויז אויס די אַלגעמיינע פּסיכאָלאָגיע פון די העכערע קלאַסען. אין די צייטען פון אַ געזעלשאַפטליכער רעאַקציע זיינען די גערייכטען די ערשטע אָפּצושטעלען יעדען פאַרזוך פון אַ סאָציאַלען פּאָרטשריט. ווען ס'זאָל זיך בייטען די אַרומיגע שטימונג,

וועט אויך אין די געריכטען אנהויבען צו בלאזען א פרישער, ערמוטיגענדער ווינטעל.

די הויפט־אפאזיציע צו דער ארבייטס־געזעצגעבונג קומט איצט פון די ענגאיסטישע און קורצזיכטיגע געשעפטס־קרייזען, וועלכע געפינען פאר זיך א גוטע סביבה אין דער נאך־מלחמה רעאקציע. דיזע שיכטען האבען אפגעמינטערט די האלב־טויטע פארצייטיגע באגריפען פון פאליטישען אינדיווידואליזם און פון אומצוטרוי צו יעדער פארם פון דער שטאאטליכער סאציאל־פאליטיק.

די צוקונפט פון דער אמעריקאנער ארבייטער־געזעצגעבונג.

געגען דער שטערענדער ווירקונג פון די אויסנערעכענטע אומשטאנדען טרעטען אבער אין דער לעצטער צייט ארויס אויך אנטגעגענגעזעצטע פאקטארען, וועלכע באגינסטיגען דעם פארטשריט אויף דיזען געביט.

ערשטענס, ווירקט דאך ווי ניט ווי די פראפאגאנדע און אויפקלערונג וועגען דעם נוצען און דער וויכטיגקייט פון א סאציאלער געזעצגעבונג. אונטער דעם איינפלוס פון אזא פאקטאר האט, למשל, דער פארטווירנאל ארדען פון די „איגעלס", מיט א מיטגלידערשאפט פון דריי פערטעל מיליאן, אונטערגענומען מיט עטלאכע יאהר צוריק א קאמפיין פאר שטאאטליכע פענסיעס פאר אלע בירגער. ער האט אקטיוו געהאלפען די סטייט „פעדערייששאנס אוו לייבאר" אנצופיהרען דעם קאמף פאר אזא רעפארם דארט, וואו נאר די ארגאניזירטע ארבייטער זיינען גרייט געווען אויפצונעהמען די פראגע.

איינינע ספעציעלע ארגאניזאציעס גיבען זיך סיסטעמאטיש אפ מיט דער באארבייטונג און פארשפרייטונג פון מאטעריאלען, וועלכע האבען א שייכות צו פאבריק־געזעצען. דאס מוז ברייננען א גרויסען מאראלישען און פראקטישען נוצען ביי יעדען ארויסטריט פון פראגרעסיווע עלעמענטען געגען די פארעלטערטע סטאנדארדס פון ארבייטער־שוץ און פאר א נייעם געזעץ לויט די פאדערונגען פון דעם מאדערנעם לעבען. די וויכטיגסטע צווישען אזעלכע קערפערשאפטען זיינען די „קאנסומערס ליעג" און די צוויי ארגאניזאציעס, וועלכע זי האט געהאלפען גרינדען: די „טשיילד לייבאר קאמיטע" און די „אמעריקען אסאסיאיישאן פאר לייבאר לעדזשיסליישאן".

צווייטענס, איז גאנץ מעגליך, אז א נייער וויכטיגער פאקטאר אין דעם פראגרעס פון דער ארבייטס־געזעצגעבונג וועט זיין די פאליטישע אקטיוויטעט פון די פרויען. איינינע וויכטיגע רעפארמען, ווי דער קאמף געגען קינדער־ארבייט, זיינען שוין אין די לעצטע יאהרען פארבונדען געווארען מיט די שטרעבונגען און דער אקטיוויטעט פון די נייע פרויען ארגאניזאציעס.

דריטענס, באמערקט זיך אין דער לעצטער צייט א שטארקע טענדענץ איינצופיהרען א פינאנציעלע קאאפעראציע צווישען דער פעדעראלער רעגירונג און די סטייט רעגירונגען ביי דער דורכפיהרונג פון נייע סאציאלע רעפארמען, ווי די מעדיצינישע הילף פאר מוטערס און זויג־קינדער (מאטערנעל ענד אינפענסי פראטעקשאן) און די קאנסטרוקטיווע הילף (רעהאביליטיישאן) פאר קאליקעס. ביידע רעפארמען זיינען שוין איצט פארווירקליכט אין כמעט 40 סטייטס פון לאנד. די הוצאות, וועלכע זיי רופען ארויס, ווערען בשותפות געדעקט, טיילווייז פון

וואשינגטאָן און דער איבעריגער טייל — פון די לאָקאלע מיטלען, פון דעם סטייט בודזשעט.

צוליב דעם פעדעראלען כאראקטער פון דער אמעריקאנער קאָנסטיטוציע איז דאָ ווייניג האָפנונג, אז די סיסטעם פון א שטאטליכער צוואנגס־ארביטריישאָן ביי די אינדוסטריעלע סכסוכים זאָל זיך דאָ אין לאנד פארשפרייטען. די ארבייטער באוועגונג איז אויך ניט געניינגט אנצוערקענען, אין די איצטיגע אומשטענדען, אזא טריבונאל אלס א גינסטיגען מיטעל אין קאמף מיט דעם קאפיטאל. די טרייד־יוניאָנס האָבען דארום איבער דעם טויט פון דעם איינציגען טריבונאל אין לאנד, דעם קענזעסער „קאָורט אָוו אינדאָסטריעל רילייישאָנס", אין אָנהויב 1925, קיין טרעהרען ניט פארגאָסען. דערפאר זיינען דאָ שאנסען, אז דער געזעצליכער איינפיהר פון אינדוסטריעלע קאָנפערענצען צווישען די פארטרעטער פון ארבייט און קאפיטאל, ווי דאָס איז געשעהן אין פריהלינג 1926 מיט דער „רעילראָוד לייבאָר באָארד", אנשטאָט דעם צוואנגס־ארביטריישאָן באָארד פון יאָהר 1920, וועט זיך יאָ פארשפרייטען אין א סך אינדוסטריען. ביי דעם סעטלמענט פון דעם אנטראציט סטרייק אין פעברואר 1926 איז, ווי באקאנט, אזא באָארד איינגעפיהרט געוואָרען לויט דער פאָדערונג פון די ארבייטער פארטרעטער.

ווען מעןווארפט א בליק אויף דער 90־יעהריגער געשיכטע פון דער ארבייטס־געזעצגעבונג אין אמעריקא און מען זעהט, אז דער גרעסטער טייל פון פאָרטשריט פאלט אויס אויף די לעצטע 15 יאהר, קאָן מען האָפען, אז אין דער גאנץ נאָהענטער צוקונפט וועלען, צום טראָץ פון אלע מניעות, ווידער אָפגעהאלטען ווערען וויכטיגע נצחונות אויף דיזען געביט.

פרויען און קינדער־ארבייט אין די פאראייניגטע שטאטען

דער פלאַץ פון דער פרוי אין דעם עקאָנאָמישען לעבען ווערט איצט גרעסער פון יאָהר צו יאָהר. די צאָהל פרויען אַרבייטער אין שעפער און פאַבריקען, פאַרקויפערינס אין סטאָרס, פראָפעשאָנאלס און די אזוי גערופענע „ביזנעס לוידיס", וועט ביים נעקסטען צענזוס (1930) זיכער איבערשטייגען צעהן מיליאָן און זי וועט ווייטער כסדר וואַקסען. שוין אין איצטיגען מאָמענט זיינען אין לאַנד פאַרהאַן איבער 8 מיליאָן פרויען, וואָס געהען אַרבייטען. פון די 572 טריידס, וועלכע מען האָט פאַרציייכענט אין דעם לעצטען צענזוס (1920), זיינען פרויען בלויז אין 35 ניט געוועזן פאַרטראָטען. איבער 90 פראָצענט פון אַמעריקאַנער טריידס זיינען שוין צוגענגליך געוואָרען פאַר ביידע געשלעכטער.

פון יעדע 5 אַמעריקאַנער פרויען איין עלטער איבער 10 יאָהר איז איינע אַ פאַרדינערקע, און פון יעדע 5 פערזאָנען, וואָס לעבען פון לוין אָדער געהאַלט, איז איינע אַ פרוי. אין דיזען סטאַטיסטישען זאַץ קען קורץ, אָבער קלאָהר, אויסגעדריקט ווערען די ראָלע, וועלכע די פרויען־אַרבייט שפילט היינט אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון אַמעריקא.

די רעזולטאַטען פון אַזאַ צושטאַנד מוזען באַריהרען ניט נאָר דעם גאַנצען אַרבייטס־מאַרק נאָר אויך אַ פיל ברייטערען פעלד — דעם געזעלשאַפטליכען לעבען בכלל. די לעבענס־באַדינגונגען פון די פאַרהייראַטע פרויען, וואָס געהען אַרבייטען, באַשטימען דעם שיקזאַל פון פאַ־

מיליען־לעבען און פון דער קינדער־ערציהונג, דעם גורל פון דעם אויפוואקסענדען דור.

אין ליכט פון די אַרבייטער־אינטערעסען ערשיינט די פראַגע פון פרויען־אַרבייט אין אַ צווייפאַכע געשטאַלט. פון איין זייט שטעהט פאַר אונז די פראָבלעם וועגען פאַבריק־געזעצען פאַר פרויען, דעם שוואַכען און ווייניג באַוואוסטזיניגען טייל פון פראָלעטאַריאַט. ענג פאַרבונדען מיט דעם איז אויך די באַציהונג צווישען די פרויען־אַרבייטער און די טרייד־יוניאָנס.

דער קאמף אַרום די פאבריק־געזעצען פאר פרויען.

אונטער דעם דרוק פון די טרייד־יוניאָנס און די סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישע שטרעמונגען אין דער בירגערליכער געזעלשאַפט איז אין די לעצטע 40 יאָהר אויסגעוואקסען אַ גאַנץ ברייטע סיסטעם פון פאַבריק־געזעצען פאַר פרויען־אַרבייט.

דער רעכטליכער שוץ פון פרויען־אַרבייטער לויט די מינימאַלע מאָדערנע באַגריפען, ווי אַ שטייגער דער 8־שטונדען טאָג, איז נאָך דערווייל כמעט אומבעקאַנט אין דעם גרעסטען טייל פון לאַנד. בלויז ניין סטייטס און צוויי טעריטאָריעס (פּאָרטאָ־ריקא און דיסטריקט פון קאָלאָמביאַ) האָבען געזעצען וואָס לאָזען ניט צו קיין לאַנגע אַרבייטס־שטונדען פאַר פרויען. דאָס זיינען אָבער די אַמווייניגסטען אינדוסטריאַליזירטע סטייטס, ווי נעוואדא, קאָלאָראַדאָ, יוטאַה, מאָנטאַנא, קענזאַס א. ז. וו. אין צוויי שטאַטען (וויאָמינג און נאָרד דאַקאָטאַ) איז די געזעצליכע נאָרמע 8 און אַ האַלב שטונדען.

אין דעם גרעסטען טייל פון די סטייטס (28 פון 48) איז דער געזעצליכער אַרבייטס־טאָג פאַר פרויען פון 9 ביז 10 שטונדען. דער פאַראַיאָהריגער פאַרזוך אײנצופיהרען אַן 8־שטונדען טאָג אין ניו יאָרק איז דורך דער סטייט לעגיסלאַטור אָפּגעוואָרפען געוואָרען.

אין פיער סטייטס איז דער געזעצליכער אַרבייטס־טאָג פאַר פרויען פון 10 ביז 11 שטונדען, און אין פינף סטייטס (אַלאַבאמא, פלאָרידא, אינדיאַנא, אײאָווא, וועסט ווירדזשיניא) זיינען בכלל קיין געזעצליכע באַגרענצונגען פאַר דער אַרבייטס־צייט פון פרויען ניטאָ.

נאָך דעם באַשלוס פון דעם העכסטען געריכט פון לאַנד אין 1908, לויט וועלכען דער פאַבריק־געזעץ וועגען אַ 10 שטונדיגען אַרבייטס־טאָג אין סטייט אָרעגאָן איז ערקלעהרט געוואָרען פאַר קאָנסטיטוציאָנעל, האָט אויפגעהערט צו שוועבען די שווערע סכנה פון אַ געריכטליכע גזרה בנוגע צו דעם דאָזיגען טייל פון אונזער סאָציאַלער געזעצגעבונג. דערפאַר איז אָבער, אין די לעצטע צעהן יאָהר, פיל שווערער געוואָרען דורכצופיהרען פאָרטגעשריטענע געזעצען דורך די סטייט לעדזשיסליטשורס.

כמעט אין אַלע סטייטס איז שוין דורכגעפיהרט געוואָרען אַ געזעצליכער פאַרבאָט פון נאַכט־אַרבייט פאַר פרויען, און אין די לעצטע 10—15 יאָהר זיינען אײנגעפיהרט געוואָרען אין אַ צעהן־צוועלף סטייטס געזעצליכע מינימום־ווידזשעס פאַר פרויען־אַרבייטער. לעצטענס זיינען צוויי אַזעלכע געזעצען (אין דיסטריקט פון קאָלאָמביאַ און סטייט אַריזאָנאַ) דורך דעם באַשלוס פון דעם העכסטען געריכט פון לאַנד בטל געוואָרען, און אויך איבער די עהנליכע פאַרבליבענע געזעצען שוועבט, אַלזאָ, אַ גאַנץ גרויסע געפאַהר אָפּגעשאַפט צו ווערען דורך איין פעדער־שטריך אין וואַשינגטאָן.

אַ טייל פון דער בירגערליכער פרויען־וועלט איז געגען די באַזונדערע געזעצען אָדער „פריוויליגיעס“ פאַר פרויען אַרבייטער, וועלכע זיינען כלומרשט מעהר שעדליך ווי נוצליך פר די פרויען גופא. אין נאָמען פון אַ פולער און פאַקטישער גלייכבאַרעכטיגונג פון די געשלעכטער פאָדערען דיזע עלעמענטען די אָפּשאַפונג פון אַלע באַזונדערע פאַבריק־געזעצען בנוגע צו פרויען. זיי ווייזען אויך אָן, אַז אפילו די טרייד־יוניאָנס מאַכען קיין אונטערשיעד ניט צווישען מענער און פרויען, און דאָס זאָל זיין אַן אונדירעקטער באַוויז, דאָס ס'פאָדערט זיך אויך ניט קיין ספּעציעלע פאַבריק־געזעצגעבונג פאַר פרויען.

מיט דער אויסנאַם פון די נאָדעל־טריידס זיינען דערווייל אָרגאַניזירט נאָר אַזעלכע טריידס, וואו די פרויען־אַרבייטער זיינען אַזוי גוט ווי אינגאַנצען ניטאָ, ווי למשל, די בוי־אַרבייט, מיינינג, דרוקעריי און אוי־

זענבאהן אינדוסטריע. דאגעגען געפינט מען הויפטזעכליך פרויען־ארבייטער אין אזעלכע טריידס, וואס זיינען נאך כמעט אינגאנצען ניט ארגאניזירט און לאזען זיך גאנץ שווער ארגאניזירען, ווי למשל, אפיס־ארבייט, הויז־דינערשאפט, סטאר־פארקויפעריננס א. ז. וו. אין דיזע צווייגען פון אינדוסטריע און האנדעל געפינט מען ביז 60 פראצענט פון דער גאנצער צאהל ארביישענדע פרויען. דא־געגען איז אבער כמעט א העלפט פון די פרויען אין די שניידער טריידס און אין דער שיך־אינדוסטריע שוין ארויסגעטרא־טען אין די טרייד־יוניאנס.

ביז דער לעצטער צייט איז דער דורכ־שניטליכער עלטער פון די פרויען־ארביי־טער געווען פון 20 ביז 25 יאהר. דערפון איז געקומען, אז פרויען פלעגען קוקען אויף זייער טרייד ווי אויף א צייטוויילי־גע באשעפטיגונג און האבען ניט געהאט קיין פעסטען אינטערעס צו קעמפען דורך יוניאנס פאר בעסערע ארבייטס־באדינגונ־גען. ס'איז אבסאלוט נויטיג געווען א ספע־ציעלע געזעצגעבונג צו באשיצען דעם גע־זונט און די מאראל פון פרויען־ארבייטער, בפרט ווען אין אלע טריידס געפינט מען פרויען־ארבייטער אין די פארווארפענסטע ווינקלען פון לאנד, וואו ס'זיינען נאך כמעט אינגאנצען קיין יוניאנס ניטא. דורך אן אומבאשרענקטער עקספלואטאציע פון די פרויען־ארבייטער ווערט, נטירליך, אראפגע־דריקט אויך דער לוין־סטאנדארד פון די מענער.

וואס זיינען פארט די טיפערע אורזא־כען פון דער שנאה צו סאציאלע געזעצען, וועלכע א טייל פון דעם זעלבסטשטענדיגען פרויען־שטאנד ווייזט ארויס?

דיזע פיינדשאפט קומט פון יענע שיכ־טען פון די עקאנאמיש־זעלבסטשטענדיגע פרויען, וועלכע זיינען ווייט פון דער פאב־ריק־ארבייט בכלל און פון דעם טרייד־יוניאניזם בפרט. דאס זיינען, אלזא, די העכערע אפיס־אנגעשטעלטע, קעשירס פון סטארס און אייזענבאהן־סטאנציעס, — אלץ אזעלכע פערזאנען, וועלכע קלעהרען מעהר פון זייער געהאלט ווי וועגען דעם ביטע־רען שיקזאל פון די טויזענטער הארעפאש־נע פרויען אין שעפער און פאבריקען.

די ארבייט פון פארהייראטע פרויען.

אין די לעצטע יאהרען באמערקט זיך א גרויסער אונטערשיעד אין דעם כאראקטער פון דער פרויען־ארבייט. ווי עס שטעלט זיך ארויס, קומען, נאך אן איבעררייס פון עטליכע יאהר, די פארהייראטע פרויען צו־ריק צו דער ארבייט אין די פאבריקען, וואו זיי האבען געארבייט ביז דער חתונה.

כמעט 5 מיליאן פון די 8 און א האלב מיליאן פרויען־ארבייטער זיינען פערהיי־ראט. פאר די לעצטע צעהן יאהר (1910 ביז 1920) איז די צאהל ארבייטענדע פרויען אין די מעכאנישע פאבריקען גרע־סער געווארען אויף 42 פראצענט; אין די האנדעלס־פראפעסיעס איז די פארמעהרונג געווען 88 פראצענט, און ביי די טוילס־פרויען — 134 פראצענט, ביי די אפיס־קלויירקס — 290 פראצענט. ווייטער, איז קלאהר געווארען, דורך די ספעציעלע אנ־קעטעס, אז די דאזיגע פרויען געהען אר־ביטען, ווייל די נויט פון דער פאמיליע טרייבט זיי צו דעם. געוועהנליך מאכט אוים דער פארדינסט פון דער מוטער א דריטעל פון דעם פאמיליען־בודזשעט. לויט אן אונ־טערזוכונג אין א גרעסערער שטאדט פון דער איסט, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז 80 פראצענט פון די אומפארהייראטע פרויען־ארבייטער האבען געמוזט אוועקגעבען זייער גאנצען פארדינסט אין דער פאמיליע אריין, און אז גאנצע 60 פראצענט האבען געמוזט אונטערשטיצען זייערע נאהענטסטע קרובים, ווי עלטערען אדער קראנקע ברידער און שוועסטער.

די פרויען־ארבייטער פון דער אזוי גע־רופענער „היים ארבייט“, דעם איצטיגען גלגול פון דער טרויעריג־באקאנטער פאר־צייטיגער שוויץ־סיסטעם, באשטעהען צום גרעסטען טייל ניט פון עלענדע אלמנות אדער גרושות, נאר פון פרויען, ביי וועל־כע די מענער זיינען באשעפטיגט אין סי־זאן־טריידס און מוזען ארומגעהן ליידיג א לאנגע צייט נאכאנאנד.

אפט מוזען די ארבייטענדע פרויען אונ־טערשטיצען זייערע נאהענטע קרובים, וואס איז א לאסט, וועלכע בלייבט אויף שטענ־דיג. דאגעגען מוז דער פאטער ערנעהרען זיינע קינדער נאר ביז צו א באשטימטער צייט, כל זמן זיי זיינען קליין און קע־

נען נאָך ניט פֿאַרדינען. די אינטערעסען פֿון אַזעלכע פרויען־אַרבייטער פֿאָדערען אַלזאָ, מען זאָל איינפֿיהרען די אַזוי גערופֿענע פֿאַמיליען־לוין סיסטעם, ביי וועלכער די ווייזשעס בייטען זיך לויט דער גרויס פֿון די פֿאַמיליעס, וואָס לעבען פֿון דעם אַרבייטערס איינקונפֿט. דאָס איז אָבער דערווייל נאָר אַן עקספּערימענט אין איניגע אייראָפּעאישע לענדער, און זיינע נוצען און פֿאָרמען זיינען נאָך ניט גענוג גרינדלדיך אויסגעפֿאָרשט געוואָרען פֿון די אַרבייטער־עקאָנאָמיסטען.

אויף יעדער פֿאַרהייראַטער פרוי, וואָס געהט אַרבייטען, פֿאַלט נאָך, אויסער דעם באַצאָהלטען דזשאָב, אַ שווערע אַרבייט אַרום דער הויז און ביי דער קינדער־ערציהונג. דאָס אַלץ קומט פֿאָר אין אַ געזעלשאַפֿט, וואו מען האָט זיך פֿון דורות לאַנג איינגעוואוינט צו צאָהלען די אַרבייטענדע פרויען קלעגליכע ווייזשעס, אַן אמתן הונגער־לוין... פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון די פרויען־אַרבייטער פֿאַרדינט אַ באַזונדערען אינטערעס די נייע פֿאָדערונג פֿון די אָרגאַניזירטע טרייד, דאָס די אַרבייטס־וואָך זאָל באַשטעהן פֿון 5 טעג. דעם שבת׳דיגען טאָג, וואָס איז אַגב, אַ שוהל יום־טוב, וועט אַלזאָ יעדע אַרבייטענדע פרוי קענען אויסנוצען איבגאַנצען פֿאַר זיך, פֿאַר דער אייגענער פֿאַמיליע, ווייל מאַן און קינדער לעגען אַרויף אויף יעדער ערנסטער פרוי און מוטער ניט ווייניג שווערע זאָרגען און מיה.

קינדער־אַרבייט אין אַמעריקאַ.

די קינדער־אַרבייט איז ביי הויינטיגען טאָג פֿאַרשפּרייט איבער׳ן גאַנצען לאַנד, הגם ס׳זיינען דאָ באַדייטענדע אונטערשיעדען צווישען איינצעלנע סטייטס בנוגע צו דער צאָהל קינדער־אַרבייטער (אין עלטער פֿון 10 ביז 15 יאָהר). לויט דעם צענזוס פֿון 1920 איז זייער צאָהל געווען 1,060,858. פֿון זיי זיינען געווען 717,748 איינגלאַך און 343,110 מיידלאַך. דאָס קען אויך אויסגעדריקט ווערען ווי פֿאָלגט: פֿון יעדע 12 אַמעריקאַנער קינדער מוז איינער, אין זיינע פֿריהסטע יאָהרען פֿון לעבען, ליידען קערפּערליך און גייסטיג צוליעב דער שווערער אַרבייט פֿאַר אַ קליינעם לוין.

כמעט איינער פֿון יעדע צעהן איינגלאַך איז אַ לוין־אַרבייטער, און כמעט איינע פֿון יעדע צוואַנציג מיידלאַך אַרבייט צוזאַמען מיט די ערוואַקסענע אין שאָפּ אָדער פֿאַבריק.

אין 1910 איז די צאָהל אַרבייטענדע קינדער געווען כמעט טאָפּעל אַזוי פֿיל ווי אין 1920 — 1,990,225, וואָס איז אין יענעם יאָהר געווען 5,2 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער צאָהל לוין־אַרבייטער דאָ אין לאַנד. דאָס דאַרף אָבער ניט באַווייזען, אַז אין יענע 10 יאָהר האָט זיך די קינדער־אַרבייט פֿאַרקלענערט. פֿאַרקעהרט, גיכער האָט זי זיך פֿאַרמעהרט אין משך פֿון די 10 יאָהר צווישען 1910 און 1920. דער לעצטער צענזוס (1920) איז פֿאָרגעקומען ניט אין אַפּריל, ווי דער פֿון 1910, נאָר אין יאַנואַר, ווען אויף די פֿעלדער און אין די קאָנסערוו־פֿאַבריקען (קעננערים) איז דער סיזאָן כמעט טויט. די צאָהל קינדער, וועלכע זיינען געווען באַשעפֿטיגט אין דער לאַנדווירטשאַפֿט, איז אין 1910 געווען איבער 1.400.000, און אין 1920 איז זי געפֿאַלען ביז קנאַפּע 650.000, ד. ה. זי האָט זיך פֿאַרקלענערט אויף מעהר ווי 46 פּראָצענט. דאָס ערקלעהרט זיך פּשוט צוליעב דער פֿאַרשידענהייט אין די צייטען ווען דער צענזוס איז גענומען געוואָרען.

אויך אין די לעצטע 5—6 יאָהר האָט זיך די קינדער־אַרבייט באַדייטענד פֿאַרמעהרט, באַזונדערס נאָך דעם ווי ס׳איז, אין 1922, בטל געוואָרען דער פֿעדעראַלער פֿאַרבאָט פֿון קינדער־אַרבייט.

אין די איינצעלנע סטייטס זיינען שוין מיט אַ שטיק צייט צוריק איינגעפֿיהרט געוואָרען געזעצען צו רעגולירען די קינדער־אַרבייט. אַ מינימום עלטער פֿאַר די קינדער־אַרבייטער איז שוין איינגעפֿיהרט אין אַלע סטייטס אַ חוץ יוטאה און וויאָמינג. נאָר אין איין סטייט, מאָנטאַנאַ, איז דער דאָזיגער עלטער 16 יאָהר, אין אַלע אַנדערע טיילען פֿון לאַנד איז ער העכסטענס 14 יאָהר. דאָס באַווייזט, אַז כמעט איבער׳ן גאַנצען לאַנד ווערט די אַרבייט פֿון קינדער אונטער 16 יאָהר, דיזער שרעקליכסטער שאַנד־פֿלעק פֿון קאַפּיטאַליזם, געדולדעט און געמאַכט לעגאַל, ווען אַפֿילו זי ווערט ניט דערלאָזען אין איניגע פּלעצער אַנדערש ווי מיט ספּעציעלע ערלויבנישען (פּערמיטס) אין יעדען איינצעלנעם פֿאַל.

אַזאַ פלאַנטער אין די געזעצען וועגען קינדער־אַרבייט מאַכט זעהר שווער דעם קאָנטראָל איבער דער דורכפיהרונג פון דער עקזיסטירענדער געזעצגעבונג און פאַרשאַרפט בלויז די פראַגע. אַ סך פאַבריקאַנטען פון די „פראָגרעסיווע“ סטייטס אין דעם נאָרדליכען טייל פון לאַנד, טראָגען אַריבער זייערע פאַבריקען אין דער סאוטה אריין, וואו מען קען זיך פראַנק און פריי באַנוצען מיט דער ביליגער און געהאָרכזאַמער קינדער־אַרבייט.

אין 1916 האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אַ פעדעראַלען געזעץ צו פאַרבאָטען די אַרבייט פון קינדער אונטער 16 יאָהר. כדי צו שאַפען אַ קאָנסטיטוציאָנעלען באָדען פאַר אַזאַ אַקט, וועלכער באַריהרט די סאווערענע (זעלבסטשטענדיגע) רעכט פון די סטייטס, האָט די אַדמיניסטראַציע פון פרעזידענט ווילסאָן זיך באַנוצט מיט דער מאַכט פון דער „אינטערסטייט קאמערס קאָמישאָן“, וועלכע רעגולירט די האַנדעלס־באַציהונגען צווישען די סטייטס און האָט שוין פאַרבאָטען דעם האַנדעל מיט גיפטיגע דראָגס, דעם לאָטערעי־געשעפט, דעם פרויען־האנדעל א. אז. וו. לויט יענעם געזעץ, האָבען אַלע פירמעס, וואָס באַשעפטיגען ביי זיך קינדער, ניט געטאָרט צוגעלאַזען ווערען צו פיהרען האַנדעלס־געשעפטען אויף אַ נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב, ד. ה. אין אַלע 48 סטייטס; און דאָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פאַרמאַסקירטען, אָבער דירעקטען, פאַרבאָט פון דער קינדער־שקלאַפעריי.

דער סופרים קאורט האָט אָבער אין עטליכע יאהר ארום בטל געמאכט דיזען געזעץ, ערקלעהרענדיג, אז ער איז געגען דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע. אין 1919 האָט דער קאָנגרעס ווידער באַשלאָסען איינצופיהרען אַ פאַרבאָט פון קינדער־אַרבייט, ארויפלייגענדיג אַ ספעציעלען טעקס פון צעהן פראָצענט אויף דעם גאַנצען פראָפיט, וואָס א פירמע מאכט פון די פראָדוקציאן, וועלכע מען האָט אויסגעאַרבייט מיט דער מיה פון קינדער־אַרבייטער. אין דריי יאָהר אַרום האָט דער סופרים קאורט אויך דיזען געזעץ אָפגעשאַפט. פון יענער צייט אָן (1922) האָט זיך באַדייטענד פאַרשפרייט די קינדער־ארבייט אין די קאָנסערוון־פאַבריקען, אין דער טעקסטיל אינדוסטריע, און אין אַלע אַנדערע צווייגען פון דער פראָדוקציאָן, וואו די קינדער קענען פאר זיך געפינען אַרבייט.

די גרויסע באַוועגונג איבער'ן לאַנד אָנצונעהמען דעם לעצטען און שאַרפסטען מיטעל אין קאַמף געגען דער קינדער־אַרבייט, ד. ה. אריינשטעלען אין דער קאָנסטיטוציע פון לאַנד אַ פונקט, אַז דער קאָנגרעס האָט דאָס רעכט צו באַשטימען דעם מינימום־עלטער פון קינדער, וואס מעגען געהן ארבייטען, האָט ענדליך געבראַכט גוטע פרוכט. אין אַפריל 1924 האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען דעם קאָנסטיטוציאָנעלען אַמענדמענט וועגען אַזאַ פאַרבאָט, וועלכער וואָלט אריין אין זיין פולער געזעצליכער קראַפט אויב 36 סטייטס, ד. ה. ניט ווייניגער ווי צוויי דריטעל פון אלע סטייטס, וואלטען איהם ראַטיפיצירט (באַשטעטיגט).

לוידער האָבען בלויז פיר סטייטס ראַטיפיצירט דיזען אַמענדמענט — וויסקאָנסין, קאַליפאָרניאַ, אַריזאָנא און אַרקאנזאס. די פוינדליכע פראָפאגאנדע איז אָנגעפיהרט געוואָרען זעהר ענערגיש, ניט וועניגער ווי 21 סטייט לעדזשיסלייטשורס האָבען זיך, אין יאָהר 1925, אָפגעזאָגט דעם אַמענדמענט צו באשיצען.

אין אַ סך טיילען פון לאַנד זיינען איינגעפיהרט געוואָרען באַזונדערע שוץ־געזעצען פאַר די האַלב־דערוואקסענע אַרבייטער (פון 16 ביז 18 יאָהר). אין אייניגע סטייטס (מינעסאטא א. אנד.) איז אפילו דער עלטער־גרענעץ נאָך העכער — ביז 21 יאָהר. פאַר אַזעלכע מינדעריעהריגע אַרבייטער איז אין אַ סך סטייטס איינגעפיהרט געוואָרען אַ געזעצליכער מינימום־לוין. אויך בנוגע צו דער „וואָרקמענס קאָמפענסיישאָן“ ווערען אין אייניגע סטייטס פאָרגעשריבען באַזונדערע נאָרמען פאַר די האַלב־דערוואקסענע אַרבייטער אָדער די אַרבייטער, וואָס זיינען נאָך צו יונג בכלל צוגעלאָזען ווערען צו דער אַרבייט. אַ טייל שטראָף פאַלט דירעקט אויף דעם אונטערנעהמער, וועלכער האָט אומגעזעצליך אָנגענומען די קינדער־אַרבייטער און דעם אַנדערען טייל באַצאָהלט די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט. דער גרעסטער טייל פאַבריק־עקסידענטס מיט די האַלב־דערוואקסענע פערזאָנען קומט פאָר מיט אַרבייטער אין עלטער פון 16 ביז 18 יאָהר. אפילו ווען דיזע געפעהרליכסטע צייט פון לעבען ווערט

פון די יונגע אַרבייטער דורכגעמאַכט בשלום, מוז דאָך געזאָגט ווערען, אַז די שלעכטע ווירקונג פון דער אינדוסטריעלער אַרבייט אויף דעם קערפּער און גייסט פון די קינדער ווייזט זיך ערשט ווי געהעריג ארויס אין די שפּעטערדיגע יאָהרען פון לעבען.

די „היים־אַרבייט“ פון פרויען איז זעהר נאָהענט פאַרבונדען מיט קינדער־אַרבייט, ווייל די פרויען־ארבייטער אין די טענעמענט־הייזער פון די גרויסע שטעדט באַנוצען זיך אין דער גרעסטער מאָס מיט דער אומזיסטער אַרבייט פון זייערע קינדער, אָפט אפילו קינדער אונטער צעהן יאָהר. דאָס ווייזט אגב, גאַנץ קלאָהר, אַז דורך די פאַבריק־געזעצען אליין קען מען נאָך ניט אויסוואָרצלען אינגאַנצען די דאָזיגע טרויעריגע ערשיינונג. אַזאַ רעפאָרם פאָדערט אַ פיל ברייטערע און טיפערע רעאָרגאַניזירונג פון דער היינטיגער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג.

דער קאַמף געגען דער קינדער־ארבייט אין אמעריקא.

ווי ס'ווייזט די סטאַטיסטיק, האָט די קינדער־אַרבייט אַ טענדענץ אַריבערצוגעהן בירושה פון דור צו דור. עלטערען וועלכע האָבען אין דער פריהסטער יוגענד געאַרבייט שיקען אויך זייערע קינדער אין די פאַבריקען. מיט דעם ערקלעהרט זיך אויך דער טרויעריגער פאַקט, וואָס ניט זעלטען צווינגען די עלטערען אליין זייערע קינדער צו געהן אַרבייטען און ווייסען גאָרניט ווי ס'ליידט דערפון דער קערפּערליכער און גייסטיגער געזונט פון קינד.

די קינדער־אַרבייט דאַרף, ווי מיר זעהען, באַקעמפט ווערען ניט נאָר פון אויסען, דורך פאַרבאָטען, נאָר אויך פון אינוועניג, דורך דער אָפּשאַפונג פון די באַדינגונגען אין וועלכע ס'וואַקסט אויס די קינדער־אַרבייט. די סאָציאַלע פאַרזיכערונג (אינשורענס) דאַרף עקאָנאָמיש העלפען די אָרימע שיכטען פון פאָלק זיי זאָלען ניט דאַרפען פאַרקויפען זייערע קינדער צום פאַבריקאַנט, כדי צו פאַרמעהרען דורך דעם דעם איינקונפט פון דער פאַמיליע.

ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, גיבען אין ניו יאָרק די אַרבייטענדע קינדער ארויס פיער מאָל אזוי פיל פאַרברעכער ווי ס'פאַלט אויס דער פּראָצענט ביי די קינדער, וועלכע וואַקסען אויס אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. אויך קינדער־קאַלעקעס זיינען איצט פיל מעהר אין צאָהל ווי אַמאָל. קינדער האָבען אַ פיזאַלאָגישע (נאַטירליכע) באַדערפניש צו שפּילען זיך, און ווען מען גיט זיי ניט די געהעריגע געלעגענהייט דערצו, שפּילען זיי זיך ביי דער אַרבייט, פון וואָס ס'קומען ארויס אזוי פיל אינדוסטריעלע אומגליקען מיט די האַלב־דערוואַקסענע אַרבייטער (ביז 18־21 יאָהר). ניט בעסער איז דער סך־הכל אין דער גייסטיגער הינזיכט. אין יענע סטייטס, וואו די קינדער־אַרבייט איז פאַרשפּרייט אמשטאַרקסטען, ווי דזשאָרדזשיאַ, אַלאַבאַמאַ און מיסיסיפּי, געפינט מען אויך די גרעסטע צאָהל קינדער וואָס קענען ניט לעזען און שרייבען. מ'טאָר אויך ניט פאַרגעסען, אַז אין דער קאָונטרי איז בכלל קיין ווירקזאַמער מיטעל ניטאָ, צו פאַרווירקליכען דעם שולצוואַנג ווי געהעריג, און די גאַנצע רעגולירונג פון דער קינעדר־אַרבייט דורך די סטייט־געזעצען פאַרבלייבט סוף כל סוף בלויז אויף דעם פּאַפּיר.

דער קאַמף, וועלכען מ'פיהרט איצט פאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלען אַמענדמענט, שטויסט זיך אָן אויף אַ שטאַרקער און געשלאָסענער אָפּאָזיציע מצד די אָנהענגער פון שטאַאַטליכער דעצענטראַליזאַציע, דעם פּרינציפּ פון „סטייט רייטס“, אויף וועלכען עס באַזירט זיך די פעדעראַלע קאָנסטיטוציע פון לאַנד.

דערויף ענטפערען אָבער די קעמפער פאַר דער דאָזיגער רעפאָרם, אַז קינדער־אַרבייט איז אַן ענין, וועלכער געהט אָן די לעבענס־אינטערעסען פון דעם גאַנצען לאַנד. די פּראָדוקטען פון דיזער ארבייט געהען אַרום איבער אַלע סטייטס, אַ קינד וואָס געהט אַרבייטען ווערט אַ בירגער ניט פון אַן איינציגען סטייט נאָר פון די „יונייטעד סטייטס“. אַזאַ שוואַכער און פאַרחושך'טער בירגער וועט פראַנק און פריי אַרומגעהן איבער'ן גאַנצען לאַנד, טראָגענדיג מיט זיך דעם שלעכטען געזונט און די אומוויסענהייט, וואָס זיינען געקומען פון דער אַרבייט אין זיינע קינדער־יאָהרען...

די סאָציאַלע הילפס־אַרבייט אין דער

מאָדערנער געזעלשאַפט מוז דורכגעהן דריי שטופען. פון אָנהויב זוכט מען בלויז ווי ס'איז צו פאַרהיילען די שווערסטע ליידען אין דעם סאָציאַלען לעבען. נאָכדעם טרעט ארויס די שטרעבונג צו פאַרהיטען די געזעלשאַפט פון אַט די דאָזיגע ליידען. צום סוף ערשט קומט די קאָנסטרוקטיווע שטעלונג צו דער פּראָבלעם. דעמאָלט ווערט אויך מעגליך צו זעהן די ערשיינונג אין איהר גאַנצער גרויס, און נאָר פון אַזאַ שטאַנדפּונקט מוז ארויסגעהן יעדע ראַדיקאַלע סאָציאַלע רעפאָרם.

בנוגע צום שוץ פון די קינדער געפינט זיך אַמעריקא ערשט אין סאַמע אָנהויב פון דער צווייטער שטופע. ס'ווערען אָנגענומען מיטלען צו פאַרהיטען קינדער פון אַ צו שטאַרקער עקספּלואַטאַציע, אָבער מען הויבט אויך שוין אָן צו באַמערקען, אַז אַלע פּאַליאַטיווען (האַלבע מיטלען) פיהרען גאָרניט צום ציל. די אמת'ע רעפאָרם דאַרף שטרעבען צו דעם, אַז אַלע קינדער זאָלען באַקומען פון דער געזעלשאַפט אַ געזונטע סביבה אין וועלכער ס'זאָל וואַקסען נאָרמאַל דער קערפּער און דער גייסט פון דעם יונגען דור. שפּיל און פרייע ארבייט זיינען צוויי נויטיגע עלעמענטען פון דער ערציהונג, פּונקט אַזוי וויכטיג ווי געזונט און בילדונג.

ה. פ.

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען

פון מארק כינאָי

אויב מען זאָל ניט רעכענען די קאָאָפּעראַטיווע הייזער און קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט אינסטיטוציעס וועלכע האָבען לעצטענס געשלאָגען באַזונדערס טיפע וואָרצלען אין דעם אמעריקאַנישען לעבען, האָט דער פאַרגאַנגענער יאָהר זיך ניט אויסגעצייכענט, אויפ'ן קאָאָפּעראַטיווען געביט, מיט קיינע וויכטיגע פּאַסירונגען, מיט קיינע סענסאַציאָנעלע ענדערונגען.

דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג איז אויך געבליבען דערזעלבער. די פאַרמערס קאָאָפּעראַטיווען אין אַלע זייערע פאָרמען שפּילען נאָך אַלץ אַן אונגעהויער גרויסע ראָלע, אָבער די אַרבייטער געברויך-קאָאָפּעראַטיווען זעהר אַ קליינע ראָלע אין דער אַלגעמיינער ווירטשאַפט פון לאַנד. אויך דער טעמפּאָ פון זייער ענטוויקלונג האָט זיך ניט געענדערט. אין דער צייט וואָס די פאַרמערס קאָאָפּעראַטיווען וואַקסען און אַנטוויקלען זיך זעהר שנעל, אָפּנעהמענדיג ביי די קאַפּיטאַליסטישע פאַרמיטלער און ספּעקולאַנטען אַלץ נייע פּאָזיציעס, איז דער פּראָגרעס פון די געברויך קאָאָפּעראַטיווען, אויף ווי ווייט ער באַמערקט זיך אין איינצעלנע געגענדען, אַ גאַנץ שוואַכער.

דער זיגרייכער מארטש פון דער פאַרמערס קאָאָפּעראַציע אין אמעריקא

ווי וויכטיג עס איז שוין דער פּלאַץ וואָס די פאַרמערס קאָאָפּעראַטיווען פאַרנעמען אין דער ווירטשאַפט פון די פאַראייניגטע שטאַטען איז לייכט צו זעהן פון דעם וואָס די „האַנדעלס" אָדער „פאַרקויף" קאָאָפּעראַטיווען פון די אמעריקאַנער פאַרמערס האָבען אין איין יאָהר צייט פאַרקויפט:

תבואה אויף 490 מיליאָן דאָלאַר;

מילך, פּוטער און קעז — אויף 300 מיליאָן דאָלאַר;
פּרוכטען און גרינס — אויף 280 מיליאָן דאָלאַר;
פיה — אויף 220 מיליאָן דאָלאַר;
טאַבאַק — אויף 132 מיליאָן דאָלאַר;
קאַטאָן — אויף 1 מיליאָן דאָלאַר.

דאָס זיינען אָפיציעלע ציפערען פון דעם אַגריקולטור דעפּאַרטמענט, וואָס צייגען ווי טיף דער געדאַנק פון קאָאָפּעראַציע האָט איינגעוואָרצעלט צווישען די אַמעריקאַנער פאַרמערס. די ציפערען זיינען פאַר דעם יאָהר 1923. זינט דאַן האָבען די פאַרמערס קאָאָפּעראַטיווען געמאַכט אַ ריזיגען פאָרטשריט. אַ באַגריף וועגען דיזען פאָרטשריט גיבען די קאָאָפּעראַטיווען פון די פאַרמערס, וואָס זייען קאַטאָן. דיזע קאָאָפּעראַטיווען האָבען אין יאָהר 1923 פאַרקויפט אויף אַ מיליאָן דאָלאַר קאַטאָן, און אין צוויי יאָהר אַרום, אין דעם יאָהר 1925, האָבען זיי שוין פאַרקויפט צעהן פּראָצענט פון דעם גאַנצען קאַטאָן, וואָס דאָס לאַנד פּאָבריצירט. עס מיינט, אויב די אינפאָרמאַציע פון דעפּאַרטמענט אָוו אַגריקולטור איז ריכטיג, אַז די קאַטאָן קאָאָפּעראַטיווען האָבען אין יאָהר 1925 פאַרקויפט פאַר 146 מיליאָן דאָלאַר, אַנשטאָט דעם איין מיליאָן אין 1923.

די ערשטע קאַטאָן קאָאָפּעראַטיווען זיינען געגרינדעט געוואָרען אין 1920 און אין 1925 האָבען זיי זיך שוין צושפּרייט איבער 15 סטייטס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 285 טויזענד! די גרעסטע געזעלשאַפט פון דעם סאָרט געפינט זיך אין אָקלאַהאָמאַ סטייט. זי צעהלט 55 טויזענד מיטגלידער און האָט געטאָן ביזנעס אין די פינף יאָהר אויף דער סומע פון 80 מיליאָן דאָלאַר.

אַ צווייטען ביישפּיל פון דעם וואוקס צייגט דער קאָאָפּעראַטיווער פאַרקויף פון פּרוכטען און גרינס. די 944 געזעלשאַפטען, וועגען וועלכע דער דעפּאַרטמענט האָט אַ באַריכט, האָבען אין 1923 פאַרקויפט אויף 280 מיליאָן דאָלאַר פּראָדוקטען און אין 1924 — שוין מעהר ווי 300 מיליאָן. אַ צואוואוקס פון 20 מיליאָן דאָלאַר אין איין יאָהר צייט.

צוזאַמען צעהלען די פּרוכט און גרינס קאָאָפּעראַטיווען 210 טויזענד מיטגלידער. איינינע פון זיי זיינען זעהר רייך. עלף פון זיי האָבען יעדע געטאָן ביזנעס אויף מעהר ווי אַ מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר. זיי האָבען אָפּגעשיקט אויף די מאַרקעטס אין איין יאָהר (1924) 456 טויזענד וואַגאָנען מיט פּרוכטען און 487 טויזענד וואַגאָנען מיט גרינס.

דער צענטער פון פּרוכט און גרינס קאָאָפּעראַטיווען איז נאָך אַלץ קאַליפאָרניע און די פּאַסיפיק סטייטס. דאָ האָבען זיי (אין יאָהר 1925) געהאַט 98 טויזענד מיטגלידער און געטאָן ביזנעס אויף 194 מיליאָן דאָלאַר. דאָ האָבען פינף קאָאָפּעראַטיווע פעדעראַציעס פאַרקויפט (אין 1922) אַרענזשעס און לעמאָנס אויף 69 מיליאָן דאָלאַר — 99 פּראָצענט פון'ם גאַנצען פאַרקויף; דאָ האָבען אַכט פעדעראַציעס פאַרקויפט 90 פּראָצענט פון אַלע וויינטרויבען — אויף 42 מיליאָן דאָלאַר; דאָ ענדליך, האָבען זעקס קאָאָפּעראַטיווע פעדעראַציעס פאַרקויפט 76 פּראָצענט פון קאַרטאָפעל — אויף דער סומע פון 11 מיליאָן דאָלאַר.

די פאַרמערס באַקומען איצט גרעסערע פרייזען פאַר זייערע פּראָדוקטען און די שטאָדטישע באַפעלקערונג קריגט זיי ביליגער

און פון א פיל בעסערער קוואליטעט. א דאנק די קאָאָפּעראַטיווען פאַרנוצט איצט די באַפעלקערונג פיר מאָל מעהר פּראָדוקטען, ווי מיט עטליכע יאָהר צוריק און באַ־קומט זיי דערצו נאָך אין א פיל בעסערען צושטאנד.

די פּראָפּאַגאַנדע, וואס די קאָאָפּעראַטיווען פיהרען אָן, די אינסטרוקטאָרען און סעמפּעלס וואס זיי שיקען ארויס, די סקלאַדען מיט די בעסטע זריעה, וואָס זיי שטעל־לען צו צו זייערע מיטגלידער, צוזאַמען מיט אנדערע נויטיגע אינפאָרמאַציע, האָבען שטאַרק אויסגעבעסערט די פּראָדוקטען פון די אַמעריקאנער פאַרמס און איינגעפיהרט אזעלכע סארטען, וועגען וועלכע מען האָט פריהער קוים געטרוימט.

די אַלע פאַרמער־קאָאָפּעראַטיווען האָבען אין 1925 געטאָן ביזנעס אויף ניט ווייניגער ווי צוויי און א האַלב ביליאָן דאָלאַן ($2,500,000,000). דאָס איז ניט ווייניגער ווי 20 פּראָצענט פון די גאַנצע אַגריקולטורעלע ביזנעס פון לאַנד.

און זיי אַלע, זאָגט דער דעפּאַרטמענט־בולעטין אין אַנאַנדער פּלאַץ, זיינען געבויט אויף אמת קאָאָפּעראַטיווע יסודות. „אַלס אַ כלל, זאָגט דער בולעטין, זוכען ניט די קאָאָפּעראַטיווען קיינע פּראָפיטען”. זיי שטרעבען ניט צו מאַכען פּראָפיטען אויף זייערע שערס אָדער אויף דעם „אינוועסטמענט קאַפּיטאַל”, ווי דאָס איז דער פאַל, אין אַלע געוועהנליכע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען. די גאַנצע ביזנעס פון צוזאַמענקלייבען די פּראָדוקטען, פון סאָרטירען זיי, פאַרפּאַקען, היטען און טראַנס־פּאָרטירען צו די ווייטע און נאָהענטע מאַרקעטס, ווערט געטאָן, לויט דעם, וואָס דאָס קאָסט זיך זעלבסט”. „טאָמער בלייבט אויס געלט נאָכדעם, ווי דער ביזנעס־יאָהר האָט זיך געענדיגט, ווערט די געלט צוריקגעקערט צו די מיטגלידער אין איינקלאַנג מיט דער פּראָפּאָרציע ביזנעס, וואָס יעדער פון זיי האָט געטאָן אין דער קאָאָפּעראַטיווע”.

„דער אמת דעמאָקראַטישער קאָנטראָל פון די מעמבערס ווערט געווינלאַך פאַר־זיכערט דורך דעם, זאָגט דער רעגירונגס רעפּאָרט, וואָס יעדער מיטגליד האָט ניט מעהר ווי איין שטימע”. עס שטימען מיטגלידער און ניט קיין שערס. מענשען און ניט קאַפּיטאַליסטען. די מעמבערס זיינען אין דערזעלבער צייט אי פּאַרטנערס אי קאָסטאָמערס פון דער ביזנעס.

דערצו באַנוגענען זיך ניט די „האַנדעלס”־קאָאָפּעראַטיווען מיט דעם וואָס זיי פאַרקויפען די פּראָדוקטען פון זייערע מיטגלידער און קריגען פאַר זיי העכערע פּרייזען. ביסלאַכווייז קויפען זיי אויך איין אַלץ, וואָס דער פאַרמער דאַרף: געצייג, מאַשינען, קרעדיט, אינשורענס, זריעה, קליידער, שיך, שטאָדטישע שפּייז, אויטאָמאָבילס, ראַ־דיאָס, וויקטראָלאָס, פּיאַנאָס, טעלעפאָנען...

יע, טעלעפאָנען. אויב מען זאָל גלויבען די באַריכטען פון דער „קאָאָפּעראַטיווער ליג אָוו אַמעריקא”, האָבען מיר שוין איצט אַרום דריי הונדערט טעלעפאָן קאָמפּאַניס, וואָס באַלאַנגען צו פאַרמער־קאָאָפּעראַטיווען. און אין דיזע געזעלשאַפטען קומט אויס צו צאָהלען פאַר'ן פאַרגעניגען צו האָבען א טעלעפאָן אין הויז פופציג סענט א מאָנאַט, אנשטאָט די פיר דאָלאַר, וואס די ניו יאָרקער איינוואוינער צאָהלען.

די פאַרמערס קאָאָפּעראַטיווע סטאָרס האָבען נאָך מיט דריי יאָהר צוריק (אין 1923) צוטיילט צו זייערע מיטגלידער פאַר „קאָסט־פּרייז” וואַרע אויף 47 מיליאָן דאָלאַר.

וואָס אַזוינע קאָאָפּעראַטיווען קאָנען אויפטאָן פאַר זייערע מיטגלידער, צייגט דער ביישפּיל פון דעם „קענזעס פאַרמערס יוניאָן”, וועלכער האָט אין 15 יאָהר צייט

איינגעשפּאָרט איהרע מיטגלידער 3 מיליאָר דאָלאר בלויז אין די קאָסט פון שפּאָגאַט, פון שטריקלאַך...

דערזעלבער פאַרבאַנד האָט (אין 1922) געקויפט אין די מאַינס 191 וואַגאָנען קוילען. א צווייטער פאַרבאַנד, אין אָקלאַהאָמאַ, האָט אין איין מאָל איינגעשפּאָרט זיינע מיטגלידער דריי דאָלאַר אויף יעדען טאָן פון די 400 וואַגאָנען קוילען, וואָס זיי האָבען געקויפט. א דריטער פאַרבאַנד — אין וואַשינגטאָן סטייט — פּאַרמאָגט, נאַטירליך, אַלס א „סאַיד-לאַין", אַלס א ביזנעס וואָס האָט ניט צו טאָן מיט די דירעקטע אויפגאַבען פון דער קאָאָפּעראַטיווע 90 אייגענע מילען פון פּיה־שפּייז, וואָס טוען א יעהרליכע ביזנעס פון 500 טויזענט דאָלאַר. א פערטער, אין אָהייאָ און נעבראַסקאַ, פאַרמאָגט א האָלסייל ביזנעס, וואָס באַדינט די קאָאָפּעראַטיווע סטאָרס פון די דאָרטיגע פאַרמערס. די סטאָר האָט אין איין יאָהר צייט (1924) געטאָן ביזנעס אויף איבער אָנדערהאַלבען מיליאָן דאָלאַר.

שטאַרק זיינען אויך די פאַרמערס קאָאָפּעראַטיווען אין מידל וועסטערן און אין נאָרטהערן סטייטס. די לעצטע — מינעסאָטאַ, מישיגען, וויסקאָנסין און די אַרומיגע סטייטס — באַהויפּטען, אַז זיי האָבען כמעט א העלפט פון אַלע קאָאָפּעראַטיווען וואָס אַמעריקא פאַרמאָגט. אויף ווי וויט זייערע פּרעטענזיעס זיינען באַרעכטיגטע, צייגט, אַז מינעסאָטאַ אַליין צעהלט ביי זיך ביי 12 הונדערט פאַרמער קאָאָפּעראַטיווען.

געברויך־קאָאָפּעראַטיווען

מינעסאָטאַ סטייט איז אויך רייך אין געברויך־קאָאָפּעראַטיווען (קאָנסום-פאַראיינען). זייער צאָהל דערגרייכט שוין אין דעם סטייט א הונדערט, וועלכע טוען א יעהרליכע ביזנעס פון 11 מיליאָן דאָלאַר.

ווי איך האָב שוין אויבען באַמערקט, איז דער פאָרטשריט, וואָס די געברויך־קאָאָפּעראַטיווען האָבען לעצטענס געמאַכט אין אַמעריקא, געוועזן זעהר א שוואַכער. דער איינציגער דיסטריקט, וואו מען קאָן פאַרצייכענען א באַדייטענדען פּראָגרעס אויפ'ן געביט פון געברויך־קאָאָפּעראַטיווען, איז דער דיסטריקט פון די אַזויגערופענע נאָרטהערן סטייטס — מישיגען, מינעסאָטאַ און וויסקאָנסין.

צווישען די קאָאָפּעראַטיווען פון דעם דיסטריקט פאַרנעמט דעם חשוב'סטען פּלאַץ די יונגע — אינגאַנצען 5 יאָהר אַלט — אָבער זעהר ערפאָלגרייכע געזעלשאַפט, וואָס געפינט זיך אין מינעאַפּאָליס, מיננ., און איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „פרענקלין קאָאָפּעראַטיוו קרימערי". די געזעלשאַפט טוט שוין איצט ביזנעס אויף 4 מיליאָן דאָלאַר א יאָהר (אין 1926 — דריי און א האַלב מיליאָן דאָלאַר).

די קאָאָפּעראַטיווע דעירי האָט אָנגעפאַנגען, אין מאַרטש 1921, מיט א קליינע מילך און פּוטער אונטערנעמונג און 18 וואָגענס. איצט פּאַרמאָגט זי צוויי ריזיגע געביידעס מיט 190 דעליווערי טראָקס, מיט אייגענע גרויסע אויטאָ-טענקס, וואָס זיינען געבויט ווי „טערמאָס באָטעלס", מיט גלאָז אינוויינינ און מיט מעטאַל פון דרויסען, אין וועלכע די מילך ווערט געבראַכט פון די פאַרמערס אין שטאָדט. די געזעלשאַפט האָט א פאַרמעגען פון אָנדערהאַלבען מיליאָן דאָלאַר און שטעלט צו פּוטער, פּוטערמילך, קעז און אייז-קרים צו פופציג טויזענט פאַמיליעס אין מינעאַפּאָליס. זי צאָהלט די פאַרמער קאָאָפּעראַטיווען פאַר יעדע 100 פונט מילך מיט

15 סענט מעהר ווי מען צאהלט אין אנדערע פלעצער און פארקויפט דעם בעסטען סארט מילך צו 12 סענט א באטעל — מיט 2, 3, 5 און אפילו 6 סענט א באטעל ביליגער ווי אין אנדערע גרויסע שטעדט.

אין אן אפיציעלען סטייטמענט, וואס דער העלטה-קאמישאנער האט פארעפענטליכט, האט ער צוגעגעבען, אז די שטערבליכקייט פון קינדער האט זיך אין מינעאפאלים פארקלענערט א דאנק די גוטע מילך פון דער קאאפעראטיווער קרימערי.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער קאאפעראטיוו צאהלט די פארמערס פאר די מילך טייערער ווי פריוואטע דעירים, און פארקויפט עס צו די געברויכער ביליגער און פון א בעסערער קוואליטעט, מאכט ער דאך גרויסע פראפיטען.. אין 1925 האבען די פראפיטען איבערגעשטיגען די סומע פון הונדערט טויזענט דאלאר. דער גרעסטער טייל איז אוועק אויף פארגרעסערען די אונטערנעמונג און די איבעריגע—אויף גרינדען א העלטה-קליניק פאר די קינדער פון די מיטגלידער, אויף א סעמינאר פאר פארוואלטער פון קאאפעראטיווע סטארס, אויף אלגעמיינע קאאפעראטיווע פראפאגאנדע און אויף פארשידענע קולטורעלע און ספארט געזעלשאפטען צווישען די מיטגלידער.

אין סופיריאר, וויסקאנסין, וואו עס געפינט זיך דער צענטער פון דער פינישער קאאפעראטיווער באוועגונג אין אמעריקא, דער „סענטראל קאאפעראטיוו עקסטשיינדזש", האט די קאאפעראטיווע האלסייל אין א יאהר צייט פארגרעסערט איהר אומזאץ אויף מעהר ווי 30 פראצענט — פון 613 טויזענט דאלאר אין 1924 אויף 835 טויזענט דאלאר אין 1925. די 44 געזעלשאפטען, וואס זיינען אנגעשלאסען אין דער האלסייל, האבען דעם יאהר געטאן ביזנעס אויף קנאפע 4 מיליאן דאלאר.

וואס אמבאלאנגט די אנדערע קאאפעראטיווע צענטרען, איז אילינאי, וואו די קאאפעראטיווע באוועגונג האט נאך דעם קריזיס פון 1920 און דעם באנקראט פון פעיק קאאפעראטיווען פון פארקער'ס „קאאפערייטיוו סאסייעטי או אמעריקא", איבערגעלעבט עטלאבע זעהר שלעכטע יאהרען, איז זי איצט ווידער אויף א מעהר געזונטען באדען. דארט עקזיסטירען איצט ארום הונדערט געברויך-קאאפעראטיוון, וועלכע האבען 80 גראסערי סטארס, 46 דרייגודס סטארס, 45 שיך קראמען, 37 פלייש קראמען, 34 הארדוועיר סטארס, 34 סטארס פון קליידער און געצייג פאר מאנערס, 10 קוילען סקלאדען און 9 סקלאדען מיט אגריקולטורעלע מאשינען. (די ציפערן זיינען ארויסגענומען געווארען פון ס. ווערן'ס אינטערעסאנטען בוך „קאנסומערס קאאפערייטיוו מאוומענטס אין אילינאי", וואס דער שיקאגא'ער אוניווערסיטעט האט ערשט ארויסגעגעבען. זיי באציהען זיך אויף דעם יאהר 1923. זינט דאן, זאגט דער פארפאסער, האט זיך די צאהל סטארס פארגרעסערט).

אין די ניו-ענגלאנד סטייטס רעכענט מען אומגעפעהר 140 געברויך-קאאפעראטיוון. פון זיי זיינען 30 גאנץ ערפאלגרייכע. אין די מידל-איסטערן סטייטס רעכענט מען איצט ארום 150 געברויך-קאאפעראטיוון, וועלכע געפינען זיך הויפטזעכליך צווישען די קוילען און אייזען ארבייטער פון פענסילווייניא סטייט און די סטייטס ארום ניו יארק. עס זיינען אויך דא עטלאבע ערפאלגרייכע קאאפעראטיוון אין דעם ווייטען וועסט, אין אהייא און אין אינדיאנא. אין אהייא סטייט, אין דילאנוויל, געפינט זיך איינע פון די גרעסטע קאאפעראטיווע סטארס, וואס אמע-

ריקאָ פּאָרמאָגט — אַ געזעלשאַפט פון טשעכישע אַרבייטער, וואָס טוט אַ יעהרליכע ביזנעס אויף מעהר ווי 500 טויזענט דאָלאַר.

פון וועמען באַשטעהען אָט די אַרבייטער געברויך־קאָאָפּעראַטיוון?

אַ העכסט אינטערעסאַנטען ענטפער אויף דער פראַגע גיט דער אָקטאָבער נומער פון „איסטערן קאָאָפּעריי־טאָר". פון די 108 געברויך־קאָאָפּעראַטיוון אין די איסטערן סטייטס, וואָס באַלאַנגען צו דעם נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד פון קאָאָפּעראַ־טיווע געזעלשאַפטען זיינען בלויז 34 „אַמעריקאַנישע" אָדער „האַלב אַמעריקאַנישע". די איבעריגע 74 באַשטעהען פון „פרעמד־שפּרעכענדע": 18 פון זיי זיינען איטאַ־ליענישע, 14 — אידישע, 13 — פינישע, 11 — פּוילישע, 5 — דייטשע, 5 — ליט־ווישע, 3 — ענגליש־איירישע, 2 — רוסישע, 1 — אוקראַינישע, 1 פראַנצויזיש־קענעדישע און איינער וואָס באַשטעהט פון „סלאַוועו" — פּאָליאַקען, ליטווינער און רוסען.

וואָס אַמבאַלאַנגט ניו יאָרק, איז די צאָהל קאָאָפּעראַטיווע סטאָרס דאָ זעהר קליין. די גרעסטע שיינט צו זיין דער קאָאָפּעראַטיוו פון די פינישע אַרבייטער, אין ברוקלין, מיט אַ מעמבערשיפּ פון איבער 2000. די געזעלשאַפט האָט אַ גראָסערי, אַ פלייש־מאַרקעט, אַ גרויסע בעקערי, אַ רעסטאָראַן, אַ זאַל פאַר פאַרוויילונגען און אַ גאַראַזש. אַ באַדייטענדע טייל מיטגלידער פון דער קאָאָפּעראַטיווע לעבט אין איינענע, זעהר גוט איינגעאָרדענטע און ביליגע קאָאָפּעראַטיווע הייזער.

אַ צווייטע ערפאָלגרייכע אונטערנעמונג אין ניו יאָרק איז די קאָאָפּעראַטיווע בעקערי אין בראָנזוויל.

עס איז כדאי צו באַמערקען, אַז צווישען די 45 קאָאָפּעראַטיווע בעקערייען, וואָס געפינען זיך איצט אין די פאַראייניגטע שטאַטען, זיינען די מעהרסטע אידישע. אַ זעהר בכבוד'יגען פּלאַץ צווישען זיי פאַרנעמט די גרויסע און ערפאָלגרייכע קאָאָפּע־ראַטיווע בעקערי אין פּעטערסאָן, ניו דזשוירזי.

עס איז דאָ אויך ווערט צו דערמאָנען די קאָאָפּעראַטיווע רעסטאָראַנען און באָרדינג־הייזער. דער גרעסטער טייל פון זיי ווערט אויסגעהאַלטען פון פינישע אַרבייטער. עס זיינען אָבער אויך דאָ עטליכע שוועדישע, אידישע און איין אַמעריקאַנער.

דער אַמעריקאַנער געפינט זיך אין ניו יאָרק און איז איינער פון די ערפאָלגרייכסטע. ער פאַרמאָגט שוין פיער גרויסע רעסטאָראַנען — צוויי אין וואָל סטריט דיסטריקט און צוויי אין דעם „אַפּ־טאַון" דיסטריקט, לעבען 14טע סטריט. זיי סערווירען אַרום 75 טויזענט מאָלצייטען אַ מאָנאַט און באַלאַנגען צו אַ געזעלשאַפט — „קאָנסומערס קאָאָפּעריי־טיוו סורוויסעס" — וועלכע באַשטעהט כמעט אויסשליסליך פון אָפּיס באַאַמטע, לעהרער, שטאָדט און רעגירונגס־אָנגעשטעלטע און מענשען פון אינטע־ליגענטע פּראָפעסיעס. די געזעלשאַפט איז 5 יאָהר אַלט, און צעהלט שוין 2,000 מיטגלידער. זי האָט אָפּגעשפּאָרט אַ גאַנץ גרויסען רעזערוו פאָנד — 55 טויזענט דאָלאַר — און האָט אַ חוץ דעם אויסגעצאָהלט שוין די ערשטע פיער יאָהר 14 טוי־זענט דאָלאַר אין „סעיווינגס־דיווידענדס" צו איהרע מיטגלידער, אחוץ די 6 פּראָצענט וואָס זיי באַקומען אַלס אינטערעסט אויף זייערע שערס.

די געזעלשאַפט האָט אויך אַן אייגענע קאָאָפּעראַטיווע לאָנדרי.

* * *

די אלע געברויך-קאאפעראטיווען האבען לעצטען נאוועמבער אפגעהאלטען זייער פינפטע נאציאנאלע קאנווענשאן. די קאנווענשאן איז צוזאמענגערופען געווארען פון דער „קאאפעראטיוו ליג אוו אמעריקע", און איז אפגעהאלטען געווארען אין מינעא־פאלים. אין איהר האבען זיך באטייליגט 132 קאאפעראטיווע געזעלשאפטען און 25 פארטרעטער פון פראטוירנעל ארגאניזאציעס. דרייסיג אויסלענדישע פארבאנדען האבען צוגעשיקט זייערע באגריסונגען.

בילדינג און לאאן אסאסיאיישאנס

לויט די לעצטע אפיציעלע באריכטען האבען מיר איצט אין אמעריקא מעהר ווי 12 טויזענד קאאפעראטיווע געזעלשאפטען, וואס טראגען דעם נאמען „בילדינג און לאאן אסאסיאיישאנס". די 12,000 געזעלשאפטען צעהלען א מיטגלידערשאפט פון קנאפע 10 מיליאן (ריכטיגער 9 מיליאן 900 טויזענט) און האבען א פארמעגען פון פינף ביליאן (5 טויזענד מיליאן) דאלאר.

לויט דער אויספארשונג פון קלארק און טשעיס*) זיינען די אלע געזעלשאפטען געבויט אויף עכט קאאפעראטיווע יסודות. דער פראפיט מאטיוו איז דעם געוועהנ־ליכען קאפיטאליסטישען זין פון ווארט איז אין זיי אינגאנצען אויסגעשלאסען. עס זיינען מעהרסטענס געזעלשאפטען פון שכנים, וועלכע שאפען צוזאמען אויף קאאפע־ראטיווע יסודות, פינאנציעלע אינסטיטוציעס פאר געגענזייטיגע הילף. זיי זיינען דאס, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס סיי די מיטגלידער און סיי די פיהרער האבען אפט ניט דעם מינדסטען באגריף וועגען דער מאדערנער קאאפעראטיווער באוועגונג און זיינען מיט איהר ניט פארבונדען. די פיהרערשאפט אין דעם סארט קאאפע־ראטיוון זיינען מעהרסטענס אנגעזעהענע כלל טוער און ביזנעס לייט, פאר וועמען די גאנצע באוועגונג שיינט צו זיין א מין פילאנטראפישער ספארט, און וועלכע האל־טען זיך דעריבער גאנץ ווייט פון די איבעריגע פארמען פון דער קאאפעראטיווער באוועגונג.

דיזע „בילדינג און לאאן אסאסיאיישאנס" האבען א רעפוטאציע פאר זייערע סאלידע אינסטיטוציעס, סאלידער אפט פון געוועהנליכע באנקען. עס ווערט אנ־געוויזען, אז אין פארלויף פון די לעצטע 60 יאהר האבען אין אמעריקא באנקראטירט זעקס פראצענט פון אלע באנקען, וואס זיינען אין דער צייט געטשאר־טערט געווארען און אז אין דער זעלבער צייט האט בלויז איין פראצענט פון די רעגיסטרירטע „בילדינג און לאאן אסאסיאיישאנס" באנקראטירט. דיזע באהויפטונג איז ריכטונג, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס דוקא דעם יאהר האט פאסירט, אז עטליכע אסאסיאיישאנס, מיט א אידישער מעמבערשיפ, אדער פיהרער־שאפט, האבען באנקראטירט און געשאפען דיזע געזעלשאפטען ניט קיין גוטע רע־פוטאציע. אייניגע באנקראטען זיינען געווען אין ברוקלין, מאנהעטען, ניו יארק, און אין פילאדעלפיא. אין דער לעצטער שטאדט האבען באנקראטירט דריי „ב. און לאאן" געזעלשאפטען, געפיהרט פאקטיש פון איין פערזאן, א זאך וואס קען ניט פא־סירען אין קיין אנדער געזעלשאפט, וואו די פארוואלטונג און דער קאנטראל טראגט אן אמת דעמאקראטישען כאראקטער.

---

* See "Building and Loan Assns.," by Horace Clark and Frank Chase. The Macmillan Co. 1926.

קרעדיט־יוניאָנס

א חוץ די „בילדינג און לאָאַן אַסאָסיאיישאָנס" („בוי און לאַי קאַסעס") איז דאָ אין אַמעריקא אַן אַנדער טיפּ שפּאָר און לאַי קאַסעס. די לעצטע זיינען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „קרעדיט יוניאַנס" און שטעלען מיט זיך פאָר קליינינקע פאָלקס־באַנקען, וואו די מאַסען לערנען זיך אליין צו פאַרוואַלטען זייערע פינאַנציעלע אַנ־געלעגענהייטען. די צאָהל פון אַזוינע „יוניאָנס" איז נאָך זעהר קליין — עטוואָס מעהר ווי דריי הונדערט. אונגעפעהר איין „קרעדיט יוניאָן" אויף יעדע 40 „בילדינג און לאָאַן אַסאָסיאיישאָן". ווי קליין דיזע צאָהל איז קען מען זעהן פון דעם, וואָס אין איירּאָפּא איז נאָך מיט צעהן יאהר צוריק געוועזן 65 טויזענד אַזוינע „פאָלקסבאַנקען" מיט א מעמבערשיפּ פון 15 מיליאָן און א יעהרליכען אומזאַץ פון זיבען ביליאָן דאָלאַר.

דער גרעסטער טייל פון די אַמעריקאַנער קרעדיט יוניאַנס געפינען זיך אין דריי סטייטס, אין ניו יאָרק, מאַסאַטשוזעטס און נאָרטה קאַראָליינאַ. אין די איבעריגע סטייטס איז זייער צאָהל נאָך גאָר קליין. און אפילו אין ניו יאָרק סטייט באַ־מערקען מיר, אַז פון 120 קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט יוניאָנס, וואָס פיגורירען אין דעם יעהרליכען באַריכט פון סופּעראינטענדענט אָוו בענקס (פאַר 1925), געפינען זיך מעהר ווי הונדערט אין דער שטאָדט ניו יאָרק און בלויז א האַלבער טוץ — אויסער ניו יאָרק.

איך האָב אַבזיכטליך אונטערגעשטראָכען די ווערטער „קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט יוניאָנס", ווייל אַ גרויסע צאָהל פון די „קרעדיט יוניאָנס" וואָס טוען ביזנעס צווישען די אידישע אַרבייטער, די אַלע „לאָאַן אַסאָסיאיישאָנס", „אַקציעס" א. אַז. וו., זיינען נ י ט קיין קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס. דאָס זיינען אָפט ניט קיין געלונגענע אימיטאַציעס אויף אמת'ע קרעדיט יוניאָנס. ניט זיי זיינען געטשאַרטערט אַלס קרעדיט יוניאָנס, ניט זיי האַלטען זיך פאַר די פּרינציפּען פון קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט יוניאָנס און ניט זיי ווערען קאָנטראָלירט פון דעם „סטייט סופּעראינטענדענט אָוו בענקס", אונטער וועמעס השגחה עס אַרבייטען די אינקאָרפּאָרירטע קרעדיט יוניאָנס...

וואָס אַנבאַלאַנגט די רעגיסטרירטע קרעדיט יוניאָנס פון ניו יאָרק האָבען זיי אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר (1925) געצעהלט אַ מעמבערשיפּ פון מעהר ווי 68 טויזענד. זייער אויסגעצאָהלטע שער־קאַפּיטאַל איז ווערט געווען אין 1924 — מעהר ווי 10 מיליאָן דאָלאַר און אין 1925 — מיט אַנדערהאַלבען מיליאָן מעהר — 12 מיליאָן דאָלאַר.

דער צווייטער סטייט, וואו קרעדיט יוניאָנס האָבען געשלאָגען טיפע וואָרצלען, איז מאַסאַטשוזעטס. דער לעצטער באַריכט פון דער סטייט קאָמיטע פון קרעדיט יוניאָנס צייגט, אַז דעם 30טען דזשון 1926, זיינען אין דעם סטייט געווען קנאַפּע הונדערט קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט יוניאָנס מיט אַ מעמבערשיפּ פון 70 טויזענד 568. נאָר אַ דריטעל פון זיי (36 פּראָצענט) האָט זיך געווענדעט פאַר הלוואות. די איבעריגע האָבען געהאַט אַ חוץ די שערס אויך דעפּאָזיט אַקאָונטס. דער באַריכט צייגט, אַז דיזע קרעדיט יוניאָנס פאַרמאָגען אַ „בענק באַלאַנס", וואָס איבערשטייגט אַ מיליאָן דאָלאַר.

איינגע פון דיזע קרעדיט יוניאָנס זיינען שוין גאַנץ באַדייטענדע אָרגאַניזאַ־ציאָנען. און דאָס מאָל דוקא ניט די אידישע און ניט די פינישע, נאָר עכט אַמערי־

קאנישע. אזוי צעהלט די „קרעדיט יוניאן" פון דער ניו ענגלאנד טעלעפאן און טעלעגראף קא. — 13 טויזענד מיטגלידער, די קרעדיט יוניאן פון די שטאדט בעאמטע אין ניו יארק — 10 טויזענד, א. אז. וו.

די „העדגער וואירקערס קרעדיט יוניאן" שיינט צו זיין די גרעסטע און ערפאלג־רייכסטע קרעדיט געזעלשאפט צווישען די אידישע ארבייטער אין אמעריקא. נאר מיטגלידער פון קעפמייקערס יוניאן קענען באלאנגען צו דיזער קרעדיט יוניאן.

ארום און ארום, ווי שוין געזאגט, זיינען איצט דא אין אמעריקא בערך 400 קרעדיט יוניאנס, וועלכע טוען א ביזנעס פון אונגעפעהר 30 מיליאן דאלאר.

אין דער שפיץ פון דער באוועגונג שטעהט א נאציאנאלע קאמיטע פאר קרעדיט יוניאנס מיט אפיסעס אין באסטאן. דיזע נאציאנאלע קאמיטע דרוקט א מאנאטלי־כען זשורנאל און גיט אכטונג אויף דעם, אז די יונגע באוועגונג זאל ניט אוועקגעהן אויף פאלשע וועגען און זאל פארבלייבען א ריין קאאפערטיווע. איינע פון די אויפ־גאבען פון דער דערמאנטער קאמיטע איז די זארגען פאר דעם, אז די געזעצען, וועגען קרעדיט יוניאנס, וואס איינצעלנע סטייטס גיבען ארויס, זאלען העלפען איינוואָרצלען דעם קאאפעראטיווען געדאנק צווישען די מיטגלידער.

אזוינע געזעצען וועגען קרעדיט יוניאנס זיינען איצט דא אין 21 סטייטס. פענ־סילווייניא האט א חוץ דעם אויך א געזעץ, וואס ערלויבט קאאפעראטיווע באנקען. די איבעריגע סטייטס האבען עס נאך ניט און דאס איז איינע פון די אורזאכען פארוואס די ארבייטער באנקען זיינען נאך ניט קיין קאאפעראטיווע באנקען. ביז מיט צוויי יאהר צוריק האבען נאר 12 סטייטס געהאט קרעדיט־יוניאן געזעצען.

אין 14 סטייטס פאדערט דער געזעץ, אז דער קאאפעראטיווער פרינציפ פון ניט מעהר ווי איין וואוט צו א מעמבער זאל שטרענג אפגעהיט ווערען. אין 13 סטייטס פאדערט דער געזעץ, אז אן אלגעמיינער מיטינג פון אלע מיטגלידער זאל פארקומען ניט ווייניגער ווי איין מאל א יאהר און פארבאט צו שטימען „ביי פראקסי", ווי עס פיהרט זיך אין קאפיטאליסטישע קארפארייזשאנס.

די שערס דארפען זיין צו פינף דאלאר אין דריי סטייטס, פון 5 ביז 10 דאלאר אין 7 סטייטס און ניט מעהר ווי 25 דאלאר אין פיער סטייטס.

הלואות קאנען געגעבען ווערען בלויז צו מעמבערס. וואס אנבאלאנגט „סייווינגס דעפאזיטס", זיינען זיי ערלויבט נאר פון מיטגלידער אין פינף סטייטס און פון אירגענד וועמען — אין די איבעריגע סטייטס.

* * *

וואס אמבאלאנגט די פראצענטען אויף די הלואות, וואס א קרעדיט יוניאן גיט, ווערט די פראגע פארהאנדעלט אין די געזעצען פון עלף סטייטס. אין איינעם פון זיי, אין טעקסעס, פארבאט דער געזעץ צו נעמען מעהר ווי זעקס פראצענט א יאהר, אין די איבעריגע ערלויבט מען צו רעכענען עטוואס מעהר, אבער אלץ ווייניגער ווי דער לעגאלער פראצענט פון דעם באטרעפענדען סטייט.

אין פארלויף פון דעם יאהר 1926 זיינען צוגעקומען 26 נייע „קרעדיט יוניאנס".

ארבייטער־באנקען

די צאהל „קאאפעראטיווע" אדער ארבייטער באנקען האט זיך אין פארלויף פון דעם יאהר ווייניג געענדערט. אנשטאט 35 ארבייטער באנקען פון דעצעמבער, 1925, האבען מיר איצטער (אין סעפטעמבער, 1926) זעקס און דרייסיג. א צוואוקס

איינגאַנצען פון איין באַנק אין 9 מאַנאַטען, אַנשטאַט 9 באַנקען, וואָס זיינען צוגעקומען אין 1925, 9 אין 1924 און 8 אין 1923.

די לעצטע ציפערן דערמאָנען אָן דעם, אַז די גאַנצע באַוועגונג פון יוניאָן באַנקען איז אַ זעהר יונגע. פון די 36 באַנקען, זיינען 28 געגרינדעט געוואָרען אין די לעצטע 4 יאָהר, בלויז 8 זיינען עלטער.

איינער פון די עלטסטע איז דער באַנק פון דער בראָדערהוד אָוו לאָקאָמאָטיוו אינזשענירס, וועלכער איז אויך דער גרעסטער.

דער באַנק אַליין האָט שוין אַן אומזאַץ (ריסאָרסעס) פון קנאַפּע 30 מיליאָן דאָלאַר. וואָס אַמבאַלאַנגט די איבעריגע ארבייטער באַנקען, זיינען זייערע „ריסאָרסעס" פאַרשידען און ציהען זיך פון אַ האַלבען מיליאָן ביז 17 מיליאָן (דער פעדערײשאָן באַנק פון ניו יאָרק). צוזאַמען האָבען די יוניאָן באַנקען איצט (אין סעפּטעמבער, 1926) „ריסאָרסעס"—$126,849,318 ; דעפּאָזיטס—$108,584,597 ; קאַפּיטאַל—$9,366,600 און „סורפּלוס" מיט „פּראָפיטען"—$3,799,422.

די באַוועגונג פון יוניאָן באַנקען האָט אין זיך אַריינגעצויגען פאַרשידענע טיפּען יוניאָנס — ראַדיקאַלע און קאָנסערוואַטיווע — און אין פאַרשידענע טיילען פון לאַנד. פון די אַזוי אָנגערופענע ראַדיקאַלע יוניאָנס זיינען אויפ'ן וועג פון באַנק ביזנעס אַוועק די אַמאַלגאַמייטעד און די אינטערנײשאָנאַל, און פון די קאָנסערוואַטיווע — די אייזענבאַהן בראָדערהודס. פון די 36 באַנקען אין לאַנד פאַרמאָגען די בראָדערהודס 19, (14 פון די 19 ווערען קאָנטראָלירט פון דער בראָדערהוד אָוו לאָקאָמאָטיוו אינזשענירס) און די איבעריגע 17 באַלאַנגען צו פאַרשידענע טריידס, צו אידישע נאָדעל-טריידס, מאַינערס, מאַשיניסטען, פּרינטערס און פאַרשידענע שטאָדט און סטייט פעדערײשאָנס אָוו לייבאָר.

די באַנקען זיינען צוואָרפען אין 32 שטעדט און 19 סטייטס. ווי ווייט זיי זיינען צושפּרייט קאָן דינען דער ביישפּיל פון בראָדערהוד אָוו לאָקאָמאָטיוו אינזשענירס וועלכע האָט אַ רייהע באַנקען אין קליוולאַנד, ניו יאָרק, פילאַדעלפיא, באָסטאָן, סיאַטל, מינעאַפּאָליס, פּאָרטלאַנד, טאַקאָמאַ, ספּאָקיין, בירמינגהאַם, ראַטינגאַם, העמאָנד (אינד.), טרי פּאַרק (מאָנטאַנאַ), און האַליאַרד (וואַש.).

אַ חוץ די באַנקען, און אין אייגער פאַרבינדונג מיט זיי, פאַרמאָגט אויך די בראָדערהוד אַכט אינוועסטמענט קאָמפּאַניס, אַן אינשורענס קאָמפּאַני, אַ גרויסע דרוקעריי, ריזיגע הימעל-קראַצערס און אָפיס בילדינגס אין ניו יאָרק און קליוולאַנד, און אַ שטרעקע פון 31 טויזענט אַקער לאַנד אין פלאָרידאַ.

ביז אַ געוויסער מאָס איז דאָס אויך דער פאַל מיט די אַנדערע לייבאָר באַנקען. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט דער אַמאַלגאַמייטעד באַנק אָרגאַניזירט שוין 9 „באַזונדערע" קאָרפּאָרײשאָנס צו הענדלען די פאַרשידענע צווייגען פון זיין ארבייט, וואָס האָבען ניט קיין דירעקטע שייכות צו די באַנק-ביזנעס.

וועגען דעם כאַראַקטער פון די ארבייטער באַנקען און זייער טעטיגקייט, איז אין דער ארבייטער פּרעסע אָנגעגאַנגען דעם יאָהר אַ לעבעדיגע און גאַנץ אינטערעסאַנטע דיסקוסיע. אין דער דיסקוסיע איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען דער פאַקט, אַז די „קאָאָפּעראַטיווע" ארבייטער באַנקען מיט אַלע זייערע מעלות און פאַרדינסטען האָבען דאָך איין גרויסען חסרון: זיי זיינען אין דער אמת'ן נאָך ניט קיין קאָאָפּעראַטיווע באַנקען, אין דעם זין ווי דאָס וואָרט ווערט און דאַרף פאַרשטאַנען

ווערען. מאנכע פון זיי באַמיהען זיך צו דערנעהנטערען צום קאָאָפּעראַטיווען אי־דעאַל, באַמיהען זיך צו באַגרעניצען דעם פּראַצענט פון דיווידענדען און פּראָפּי־טען פון די שערהאָלדערס און אויסנוצען די איבעריגע „פּראָפּיטען" אין די אינ־טערעסען פון אַלע „געברויכער", דעפּאָזיטאָרס אַזוי גוט ווי שערהאָלדערס. אין דער ריכטונג, אויף דעם וועג, געהען טאַקע מאַנכע פון די באַנקען. זעהר קליין איז אָבער פאָרלויפיג די צאָהל פון די וועלכע האָבען שוין באַוויזען דאָס דורכצופיהרען אין לעבען. מעהר ווי אַ העלפט פון די באַנקען ערלויבען ניט איינצעלנע שערהאָלדערס זייערע צו האָבען מעהר ווי 3-5 שערס. די צאָהל שערהאָלדערס איז זעהר גרויס און די מערהייט פון די שערס געפינט זיך אין די הענט פון יוניאַנס. צו דעם קומט צו דער פּונקט פון זייערע ביי־לאָאָס, וועלכער פאַרבאָט צו ערקלערען מעהר ווי 10 פּראַצענט דיווידענד...

וואָס אָנבאַלאַנגט „דיווידענדס" צו די דעפּאָזיטאָרס זיינען די בראָדערהוד באַנקען די איינציגע, וועלכע האָבען שוין דאָס באַוויזען צו טאָן. די איבעריגע זיינען נאָך צו יונג און האָבען אָנגעזאַמעלט צו קליינע זאַפּאַסען אום צו קענען דאָס שוין טאָן, אפילו ווען זיי זאָלען וועלען.

וואס אנבאלאנגט דער ערציהערישער ראָלע פון ארבייטער באַנקען, אזוי גוט ווי פון די קרעדיט־יוניאָנס און די קאָאָפּעראַטיווע בילדינג און לאָאַן אַסאָסיאיישאָנס, איז זי זעהר גרויס. זיי פאַרשטאַרקען צווישען די מאסען דעם אינטערעס צו קאָ־אָפּעראטיווען און אַרבייטער באַוועגונגען. זיי גרייטען צו דעם גייסטיגען באַזיס פאר אן ארבייטער קאָנטראָל איבער די פינאנצען פון לאַנד און גיבען די מאסען א מעגליכקייט צו באקענען זיך פון אינווייניג מיט דעם ווי די מאָדערנע פינאנץ סיסטעם ארבייט. זיי בויען אויף אין די ראַמען פון דער איצטיגער קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאפט, געזעלשאפטליכע ארגאניזמען פון א נייער ארדנונג, זיי ווערען נייע פעדים, וואָס פאַרבינדען דעם אַרבייטער מיט זיין יוניאָן.

קאָאָפּעראַטיווע אינשורענס

מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט קאָאָפּעראַטיווע אינשורענס, מיט וועלכער די דעטראָיטער קאָנווענשאָן פון דער אמעריקאן פעדעריישאָן אוו לייבאָר האָט זיך פאראינטערעסירט. אין פארבינדונג מיט דעם, איז ווערט צו פארצייכענען, אז אונזער ארימע קאָאָפּעראטיווע באוועגונג באזיצט שוין עטליכע אינשורענס קאָמ־פּאָניס. אייניגע פון זיי גאַנץ אַלטע. אייניגע באשעפטיגען זיך מיט פייער אינ־שורענס, אנדערע מיט עקסידענט און אָטאָמאָביל אינשורענס, נאָך אנדערע, מיט קראַפּ (געוועטעניש) אינשורענס און א פּאָר — מיט לייף אישורענס. די „ניו עראַ אינשורענס אסס'ן" איז איינע פון די גרעסטע און צעהלט 34 טויזענד מיט־גלידער.

קאָאָפּעראטיווע הייזער

„קאָאָפּעראטיווע אפּאַרטמענטס" און „קאָאָפּעראטיווע הייזער" ווערען אַלץ מעהר און מעהר א נאָרמאַלע ערשיינונג אין די גרויסע אמעריקאנער שטעדט. די באוועגונג איז אַ גאַנץ יונגע. איינגאנצען עטליכע יאהר אלט און דאָך פארנעמט זי שוין א זעהר באדייטענדען פּלאַץ אין דער בוי אינדוסטריע פון אונזערע גרויסע שטעדט.

למן האמת איז אָבער ווערט צו באמערקען, אז אין די מעהרסטע פון די „קאָאָפּעראַטיווע אַפּאַרטמענט הייזער”, וואס האָבען אין פאַרלויף פון די לעצטע פאָר יאָהר פאַרפלייצט ניו יארק, וואוינען ניט קיין ארבייטער, נאָר קאַפּיטאַליסטען. און אָפּט גאַנץ רייכע קאַפּיטאַליסטען, מיליאָנערען, באַלעבאַטים פון גרויסע אַפּאַרטמענט הייזער און האָטעלען. עס איז אויך ווערט פאַרצייכענט צו ווערען, אז פון דעם שטאַנדפּונקט פון פּרינציפּיעל אויסגעהאַלטענער „ראַטשדעל קאָאָפּעראַציע”, אזוי ווי זי ווערט פאַרשטאַנען אין אייראָפּא, פאַרדינען זיי קוים דעם נאָמען „קאָאָפּעראַטיווע”. דער „קאָאָפּעראַטיווער פּלאַן”, אויף וועלכען זיי ווערען געבויט, איז אין דער אמת'ן א מין געמישעכץ פון ארבייטער „ק אָ אָ פּ ע ר אַ צ י ע” און פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע „ק אָ ר פּ אָ ר אַ צ י ע”. דיזע „קאָאָפּעראַטיווע אַפּאַרטמענטס” ווערען געבויט פון פּריוואַט בילדער ניט פאַר זייער אייגענעם געברויך און אפילו ניט פאַר'ן געברויך פון וועלכען עס איז אָרגאַניזירטען קאָלעקטיוו, נאָר פאַר צופעליגע קאָסטאָמערס, אויפ'ן זעלבען ספּעקולאַטיווען פּרינציפּ, ווי מען בויט און פאַרקויפט געוועהנליכע הייזער. יעדער „טענענט” איז דער באַלעבאָס פון זיין אַפּאַרטמענט און קען מיט איהם טאָן וואס ער וויל, — פאַרקויפען, פאַררענטען אדער גאָר האַלטען ליידיג פאַר ספּעקולאַטיווע צוועקען.

די „קאָאָפּעראַטיווע אידעע”, אויף ווי ווייט זי געפינט זיך דאָרט, געפינט איהר אויסדרוק נאָר אין דעם, וואָס אַלגעמיינע פונקציעס פון פאַרוואַלטונג, באהייצונג, באַלייכטונג, רייניגונג און רעמאָנט, ווערען געטאָן פון איין ריעל עסטייט אָפיס, אונטער דעם קאָנטראָל פון ערוועהלטע טראָסטיס, און דער קאָסט ווערט דערנאָך צעטיילט צווישען די מיטגלידער פון דער קאָאָפּעראַטיווע, לויט דעם געלד־ווערטה פון יעדען אַפּאַרטמענט. אויפ'ן זעלבען שטייגער ווערען אויך אויסגעצאָהלט אלע אינשורענס, אסעסמענטס און טעקסעס. און, נאַטירליך, אויפ'ן זעלבען פּרינציפּ, ווערען פאַרוואַלטעט די געמיינשאַפטליכע לאָנדריס, קאָמיוניטי און בענקעט רומס, רעסטאָראַנען און דזשימנעזיומס פאַר פיזישע איבונגען, אין די הייזער, וועלכע האָבען אזוינע „פיטשורס”.

אָנגעפּאַנגען אין די רייכע קוואַרטאַלען, זיינען די „קאָאָפּעראַטיווע אַפּאַרטמענטס” אין פאַרלויף פון לעצטען יאהר אריינגעדרונגען אויך אין די קוואַרטאַלען, וואו עס וואוינען געוועהנליך קליינע ביזנעס־לייט, אפיס אָנגעשטעלטע, מענשען פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס און די בעסער באַצאָהלטע ארבייטער אריסטאָקראַטיע.

אין די מעהרסטע פאַלען אָבער פעהלט אויך צווישען דעם קלאַס „קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגען” דער הויפּט־פּרינציפּ פון אמת'ע קאָאָפּעראַציע: „איין מענש, איין שטימע”. די אַפּשטימונג קומט פאַר לויט דעם קאַפּיטאַליסטישען פּרינציפּ פון סטאַק אייגענטום. ווער עס האָט מעהר שערס, אדער מ ע ה ר אַ פּ אַ ר ט מ ע נ ט ס, האָט מעהר שטימען. איך האָב אַבזיכטליך אונטערגעשטראָכען די ווערטער „מעהר אַפּאַרטמענטס”, ווייל אין די דאָזיגע האַלב־און פערטעל־קאָאָפּעראַטיווע הייזער קען איין מענש האָבען עטליכע אַפּאַרטמענטס. ער קען אפילו פאַרדינגען די אַפּאַרטמענטס פאַר מעהר געלט, ווי זיי קאָסטען זיך, און אליין וואוינען אין אנדער פּלאַץ. אלץ זאכען, וועלכע זיינען אונבאַגרייפליך אין אן אויסגעהאַלטענער „ראַטשדייל קאָאָפּעראַטיווע”.

וואס אנבאַלאַנגט די לעצטע, די אמת'ע קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגען איז אויך

זייער צאָהל אין לויף פון לעצטען יאָהר שטאַרק אויסגעוואַקסען. אין ניו יאָרק אליין רעכענט מען שוין איצט ארום 50 אזוינע געזעלשאַפטען. לויט דעם „מאָנטלי לייבאָר רעוויו", וואָס די וואַשינגטאָנער „ביוראָ אָוו לייבאָר סטאַטיסטיקס" דרוקט, זיינען איצט דאָ אין ניו יארק ניט ווייניגער ווי פערציג געזעלשאַפטען, וועלכע בויען איצט וואוינונגען פאַר זייערע מיטגלידער און וואו דער פּראָפיטען־מאָטיוו איז אינגאַנצען ניטאָ. 32 פון דיזע 40 געזעלשאַפטען קאָנטראָלירען א פאַרמעגען פון מעהר ווי 4 מיליאָן דאָלאַר.

די ערשטע און עלטסטע פון דיזע קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגען געפינען זיך אין ברוקלין, וואו זיי זיינען אויסגעוואַקסען אלס צווייג פון דער דארטיגער קאָאָפּעראַטיווער באוועגונג (גראָסערים, בעקערייען, רעסטאָראַנען) צווישען די פינישע פּראָלעטאַריער. די לעצטע פאַרמאָגען איצט אַ גרויסע צאָהל הייזער אַזוינע, אייניגע צעהלען צו פערציג און מעהר אַפּאַרטמענטס אין אַ הויז. אנדערע פון דיזע אמת־קאָאָפּעראַטיווע הייזער געפינען זיך אין די געגענדען פון גרינוויטש ווילעדזש, בראָנקס, און קווינס קאַונטי. די גרעסטע און רייכסטע צווישען זיי שיינט צו זיין די „יו־נייטעד וואָרקערס קאָאָפּעראַטיוו אַסס'ן", אין אויבערשטען טייל פון בראָנקס, מיט אַ פאַרמעגען, וואָס ווערט אָפּגעשאַצט אין דריי פערטעל מיליאָן דאָלאַר און מיט קאָ־אָפּעראַטיווע הייזער, וואָס וועלען פאַרנעמען, ווען זיי וועלען פארטיג ווערען פיר סקווער בלאָקס.

אויך די אַמאַלגאַמייטעד האָט זיך לעצטענס פאַרנומען מיט קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגען פאַר ארבייטער. דער ווינקעלשטיין פאַר דער ערשטער גרופּע אַפּאַרט־מענט הייזער איז געלייגט געוואָרען אין נאָוועמבער, 1926.

* * *

א חוץ די צוויי דערמאָנטע טיפּען פון קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגען האָט זיך לעצטענס אויך באוויזען א דריטער טיפּ קאָאָפּעראַטיווע און האלב קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגען, וואָס ווערען פינאַנסירט און געבויט פון רייכע פילאַנטראָפּישע אָרגאַ־ניזאַציאָנען און אייניצעלנע פּערזאָנען. אין דעם פאַל האָבען מיר צו טאָן מיט מי־ליאָנערען און רייכע בילדער וואָס זיינען גרייט זיך צו באַנוגענען מיט „געזעצ־ליכע" 5½-6 פּראָצענט אויף זייערע קאַפּיטאַלען און בויען אויף די געלט וואוינונגען פאַר מענשען מיט קליינע פאַרדינסטען. אזוינע קאָלאָניעס זיינען איצט שוין דאָ אין א רייהע גרויסע שטעדט. אין ניו יארק פאַרנעמט צווישען זיי דעם ערשטען פּלאַץ די „סאָנני־סאַיד" קאָלאָניע פון דער „סיטי האוזינג קאָרפּאָריישאָן", וועל־כע בויט א באַזונדערע שטעדטעל אין הארץ פון ניו יארק, אין לאָנג איילענד סיטי, צוואַנציג מינוט פון גרענד סענטראַל. 700 פאַמיליעס וואוינען שוין אין די קאָאָפּע־ראַטיווע אַפּאַרטמענטס און האלב קאָאָפּעראַטיווע הייזער פון דיזער אייגענאַרטיגער קאָלאָניע, און פאַר נאָך פינף הונדערט ווערען וואוינונגען צוגעגרייט,

הונדערט באַריהמטע אַמעריקאַנער

(קורצע ביאָגראַפיעס און כאַראַקטעריסטיקס)

וואַשינגטאָן אירווינג — ערשטער וויכטיגער אַמעריקאַנער אויטאָר, וואָס איז אַנערקענט געוואָרען אויך אין אייראָפּע (1783 — 1859). אירווינג האָט יאָהרען לאַנג פאַרבראַכט אין אויסלאַנד. ער האָט געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין ענגלאַנד און איז געווען אַמבאַסאַדאָר אין שפּאַניע. זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט האָט ער אָנגעהויבען מיט עסעיס, אין 1802, און איז באַלד אַריבערגעגאַנגען צו סקיצען און ערצעהלונגען. ער איז געווען דורכגעזאַפּט מיט דער אייראָפּעאישער קולטור פון זיין צייט, און זיינע ערצעהלונגען זיינען געשריבען אין אַ פיינעם לייכטען סטיל און פאַרמאָגען אַ סך חן און אַ מילדען, אָנגענעמען הומאָר. אירווינג איז אַ זעהר וויכטיגע פיגור אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און איז דער דירעקטער פאָרגעהער פון פּאָ און האָטאָרן. זיינע בעסטע ערצעהלונגען זיינען „ריפּ וואַן ווינקעל", „די לעדזשענד אָוו די סליפּי האָלאָו", „די סטאַוט מען", א. אַנד. ער האָט אויך געשריבען איניגע זעהר גוטע ווערק פון געשיכטע און ביאָגראַפיע, צווישען זיי אַן אויסגעצייכענטע ביאָגראַפיע פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אין 5 בענד.

יודזשין אָניל — ערשטער וויכטיגער אַמעריקאַנער דראַמאַטורג (1888). די אַמעריקאַנער ביהנע איז ביז דער לעצטער צייט געווען אינגאַנצען „קאָמערציאַליזירט". פאַרשיידענע אַמעריקאַנער שרייבער האָבען פון צייט צו צייט געשריבען אויך ליטעראַרישע דראַמען, אָבער זיי זיינען, מיט אַ פּאָר אויסנאַמען, ניט געשפּילט געוואָרען. אין 1915 האָט זיך אָנגעהויבען אין ניו יאָרק און אַנדערשוואו די אַזוי גערופענע „קליין-טעאַטער באַוועגונג". די באַוועגונג האָט סוף כל סוף דורכגעבראָכען אַ וועג פאַר בעסערער דראַמע אויף בראָדוויי. די באַוועגונג האָט אַרויסגעבראַכט יודזשין אָניל, וועלכער איז אין אַ קורצע צייט געוואָרען באַריהמט ניט נאָר אין אַמעריקא, נאָר אויך אין אייראָפּעאישע לענדער. צווישען זיינע דראַמען זיינען: „ביאַנד די האָריזאָן", „די העירי איים", „עמפּעראָר דזשאָונס", „אַנאַ קריסטי", „די גרייט גאָז בראַון" און אַנדערע.

טשעסטער עלען אַרטור — דער איין און צוואַנציגסטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, איז געבאָרען געוואָרען אין פערפילד, ווערמאָנט, אין 1830, איז געשטאָרבען אין ניו יאָרק אין יאָהר 1886. זיין פאָטער איז געווען אַ גלח. אַרטור איז געווען צוערשט אַ לעהרער, דערנאָך אַן אַדוואָקאַט. אין 1880 איז ער ערוועהלט געוואָרען וויצע-פּרעזידענט ווען גאַרפילד איז געוואָרען פּרעזידענט. נאָכדעם ווי גאַרפילד איז ערמאָרדעט געוואָרען אין 1881, איז אַרטור געוואָרען פּרעזידענט. קיין צווייטע נאָמינאַציע האָט ער ניט באַקומען.

דזשיימס בּאָקענען — דער פופצעהנטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1791, און געשטאָרבען אין 1868. ער איז געווען דער זוהן פון אַן אירישען פאַרמער. פּרעזידענט דזשעקסאָן האָט איהם געשיקט קיין רוסלאַנד צו שליסען אַ האַנדעלס אָפּמאַך. אונטער פּרעזידענט פּאָלק איז ער געווען סעקרעטערי אָוו סטייט. אונטער איהם איז דעמאָלט אַנעקסירט געוואָרען טעקסעס און עס איז געפיהרט געוואָרען די מלחמה מיט מעקסיקאָ. אין 1856 איז ער ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט. דאָס איז געווען איינער פון די קריטישסטע מאָמענטען אין דער געשיכטע פון לאַנד. די דרום שטאַטען האָבען זיך אָפּגעריסען פון די פאַראייניגטע שטאַטען. בּאַקענען'ס שטעלונג איז געווען, אַז די דרום שטאַטען האָבען קיין רעכט ניט געהאַט זיך אָפּצורייסען, אָבער אַז דאָס לאַנד האָט אויך קיין רעכט ניט זיי אָפּצוהאַלטען פון דעם. ער האָט אָבער געשטיצט לינקאָלנ'ס אַדמיניסטראַציע און די מלחמה מיט די דרום שטאַטען.

עדווין טאָמאַס בוט — גרויסער אַמעריקאַנער אַקטיאָר (1833 — 1893), ער איז

געוועזן דער זוהן פון אַן אַקטיאָר. אין 1869 האָט ער אויסגעבויט אין ניו יאָרק דעם בוט טעאַטער, וואָס האָט געקאָסט אַ מיליאָן דאָלאַר. בוט איז געוועזן באַריהמט און ערפאָלגרייך ניט נאָר אין אַמעריקא, נאָר אויך אין אייראָפּעאישע לענדער. זיין פּאָפּולערסטע ראָל איז געוועזן האַמלעט. שפּעטער האָט ער אויך צוגעגעבן קעניג ליר און אָטעלאָ.

לוטער בוירבענק — „דער מכשף פון פלאַנצען“, (1849 — 1926), איז געוועזן דער דרייצעהנטער פון 15 קינדער ביי אַ פאַרמער פאַמיליע אין מאַסאַטשוזעטס. ער האָט זיך אויפגעצויגען אויף אַ פאַרם אין קאַליפאָרניע, און דאָס איז געוועזן דער אָנהויב פון אַ לאַנגען און פרוכטבאַרען לעבען. בוירבענק האָט באַשאַפען הונדערטער נייע מינים פרוכט, גרינסען און בוימער, און ער ווערט פאַררעכענט פאַר איינעם פון די גרעסטע מענשענפריינט פון דער נייער צייט.

דעניעל בון — באַריהמטער אַמעריקאַנער קאָלאָניסט־פּיאָנער (1735 — 1820), ער האָט געשאַפען די ערשטע קאָלאָניע אַריבער די אַלעגעני בערג. ער האָט זיך שטאַרק באַטייליגט אין דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה און אין די מלחמות מיט די פראַנצויזען און אינדיאַנער.

אַלעקסאַנדער גרעהעם בעל — באַריהמטער ערפינדער פון טעלעפאָן. דעם 14טען פעברואַר, 1876, האָבען צוויי אַמעריקאַנער ערפינדער, אַלעקסאַנדער גרעהעם בעל און אַלישע גרעי, אַריינגעגעבען באַזונדערע אַפּליקאַציעס אויף אַ פּאַטענט אויף אַ טעלעפאָן צום ריידען. בעל׳ס אַפּליקאַציע איז אַריינגעקומען מיט עטליכע שעה פריהער, האָט מען איהם באַוויליגט דעם פּאַטענט. דאָס איז געוועזן דער אָנהויב פון דער ריזיגער טעלעפאָן אינדוסטריע אין אַמעריקא און אויף דער וועלט.

דזשודאַ פיליפּ בענדזשאַמין — אַמעריקאַנער שטאַטסמאַן (1811 — 1884). זיינע עלטערען זיינען געוועזן ענגלישע אידען. בענדזשאַמין איז געוועזן סענאַטאָר פון 1852 ביז 1860, ווען זיין שטאַט לואיזיאַנאַ האָט זיך אָפּגעריסען פון די פאַראייניגטע שטאַטען. אונטער דזשעפערסאָן דייוויס, פּרעזידענט פון דער קאָנפעדעראַציע, איז ער געוועזן יוסטיץ מיניסטער, קריגס מיניסטער און אויסלאַנדס מיניסטער. ווען דייוויס איז געכאַפּט געוואָרען, איז בענדזשאַמין קוים אַנטלאָפען קיין ענגלאַנד, וואו ער איז שפּעטער געוואָרען אַן איינפלוסרייכער יוריסט.

דזשאָן בראַון — אידעאַליסט און מאַרטירער אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגערען (1800 — 1859). בראַון האָט געשטאַמט פון אַמעריקאַנער מיוחסים. זיינע אורעלטערען זיינען געוועזן צווישען דער באַריהמטער „מעיפלאָוער גרופּע“, די ערשטע קאָלאָניסטען. ער איז אויך געוועזן טיף רעליגיעז. ווען אין די צפון שטאַטען האָט זיך צוברענט דער קאַמף געגען דער נעגער שקלאַפעריי אין לאַנד, האָט בראַונס משפחה געשוואָרען ניט צו רוהען און צו טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגליך, צו באַפרייען די קנעכט און אָפּצושאַפען די שרעקליכע אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי אין אַמעריקא. בראַונס צוואַנציג זיהן זיינען אַלע געוועזן מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען זייער פּאָטערס אידעאַל און קאַמף. דאָס איז אין דער געשיכטע אַ זעלטענער פאַל פון אַזאַ מערקווירדיגער איינשטימיגקייט פון אַ גרויסער פאַמיליע אין אַזאַ מין אידעאַליסטישען קאַמף. אַ סך אַבאָליציאָניסטען (אָנהענגער פון פרייהייט פאַר די נעגערען) אין די צפון שטעדט האָבען געהאָלפען בראַונען אין אַלע זיינע פּלענער און אונטערנעמונגען. ער האָט זיך באַזעצט דאָ אין איין שטאַט, דאָ אין אַן אַנדערען, אויספּרואווענדיג פאַרשיידענע פּלענער, ווי אַזוי צו באַקעמפען שקלאַפעריי. אין קענזעס איז דער קאַמף געווען באַזונדערס שאַרף. בראַון האָט איינמאָל דאָרטען דערשאָסען פינף געגנער. אין 1859 האָט ער זיך אַנטשלאָסען אויף אַ געוואַגטען שריט. צוערשט איז זיין פּלאַן געוועזן צו פאַרכאַפּען ערגעץ וואו אַ הויכען אָרט, אַ באַרג, און דאָרטען מאַכען אַ פעסטונג פאַר זיין פרייהייטס קאַמף. ער האָט אָבער פּלוצלונג געענדערט דעם פּלאַן און האָט מיט אַ קליינער קאָמפּאַניע פון 19 מאַן, צווישען וועלכע עס זיינען געוועזן פינף פון זיינע זיהן און עטליכע נעגערען, פאַרכאַפּט דעם רעגירונגס אַרסענאַל ביי האַרפּערס פערי, אין ווירדזשיניע. די באַפעלקערונג פון שטעדטעל האָט זיך געשטעלט געגען איהם, פון וואַשינגטאָן איז אָנגעקומען ראָבערט ע. לי, און בראַון איז פאַרטריבען געוואָרען אין

אַ אינדזשין הויז. ער האָט געקעמפט, ביז וואַנען ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרען. מען האָט איהם דעמאָלט גענומען געפאַנגען, געמשפט און אויפגעהאַנגען.

אין אַ פאָר יאָהר אַרום איז שוין דער בירגער קריג געווען אין פולען גאַנג, באַלד האָט לינקאָלן אַרויסגעגעבען די באַריהמטע פראָקלאַמאַציע, וואָס באַפרייט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַלע נעגער־שקלאַפען אין לאַנד. צווישען די סאָלדאַטען פון די צפון אַרמייען איז דעמאָלט געווען זעהר פאָפולער אַ ליד, וואו עס געפינען זיך די צוויי שורות:

„דזשאַן בראַונס באַדי ליים מאָלדערינג אין די גרייוו,

באַט היז סאָול איז מאַרטשינג אָן״.

וויליאַם קאָלען ברייענט — ערשטער וויכטיגער אָמעריקאַנער פאָעט (1794 — 1878). ברייענט האָט אויך געשריבען קריטיק און עסעיס, און איז געווען רעדאַקטאָר פון דער ניו יאָרקער „איווענינג פאָסט״ אין פאַרלויף פון פופציג יאָהר. האָט איבערזעצט האָמער׳ס „איליאַד״ און „אָדיסיי״.

סעמיועל גאָמפּערס — גרינדער און איבער 40 יאָהר פרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדערייש‌אָן אָוו לייבאָר (1850—1924). גאָמפּערס איז געבאָרען געוואָרען אין לאָנדאָן און איז געווען אַ ציגאַר מאַכער. פון דער יוגענט אָן איז ער געווען אַ טיכטיגער און איבערגעבענער אַרבייטער פיהרער און יוניאָן טוער. און ער האָט, צוזאַמען מיט נאָך איניגע אַרבייטער פיהרער, געגרינדעט אין 1886 די גרויסע אַמעריקאַנער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, די „אַמער. פעדע אָוו לייבאָר״, וואָס צעהלט מיליאָנען אַרבייטער פון די פאַרשיידענסטע פאַכען איבער׳ן גאַנצען לאַנד. אין זיין פאָליטיק איז פרעזידענט גאָמפּערס געווען קאָנסערוואַטיוו און אַנטי־סאָציאַליסטיש. אין דער צייט פון דער מלחמה איז די אַמעריקען פעדערייש‌אָן אָוו לייבאָר געווען זעהר פאַטריאָטיש. אין 1924, ווען לאַפאלעט איז נאָמינירט געוואָרען פרעזידענט קאַנדידאַט פון דער „קאָנפערענס פאָר פראָגרעסיוו פאָליטיקעל עקשאָן״ און דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, האָט די פעדערייש‌אָן אינדאָרסירט די נאָמינאַציע.

אין 1908 איז גאָמפּערס פאַראורטיילט געוואָרען אויף אַ יאָהר געפענגעניש אויף אַ „קאָנטעמפט אָוו קאָורט״ קלאַגע, וואָס די באַקס סטאָוו ענד ריינדזש קאָמפּאַני האָט געגען איהם געבראַכט. דער אורטייל איז אַפעלירט געוואָרען, און ריכטער לאַמאַר האָט דעם אורטייל אומגעוואָרפען.

וויליאַם לאָיד גאַריסאָן — באַריהמטער פובליציסט און קעמפער געגען נעגער שקלאַפעריי (1805 — 1879), ער איז צוערשט געווען אַ געזעל ביי אַ שוסטער, דערנאָך איז ער געוואָרען אַ שריפטשטעלער. צו 16 יאָהר הויבט ער אָן שרייבען אַרטיקלען אין אַ לאָקאַלער צייטונג און ציהט אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. באַלד ווערט ער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. שפעטער גיט ער אַרויס אַ צייטונג אין באַלטימאָר געגען שקלאַפעריי. מען האָט איהם אַריינגעזעצט אויף אַ טערמין אין געפענגעניש, אָבער אַ ניו יאָרקער סוחר האָט איהם באַפרייט, באַצאָהלענדיג פאַר איהם אַ געלט־שטראָף. אין פאַרלויף פון 35 יאָהר גיט ער דערנאָך אַרויס זיין באַריהמטען „ליבערייטאָר״, וואָס איז ערשינען כסדר ביז די נעגערען זיינען בעפרייט געוואָרען. יאָהרענלאַנג האָט מען געסטראַשעט איהם צו ערמאָרדען, אויב ער וועט ניט אָפשטעלען זיין אויסגאַבע. אין יאָהר 1832 האָט ער געגרינדעט די „אַמעריקען אַנטי־סלייווערי סאָסייעטי״. אין יאָהר 1835 איז ער באַפאַלען געוואָרען פון אַ ווילדען המון אין באָסטאָן, און דער באָסטאָנער מעיאָר האָט ניט אויפגעהערט צו באַקומען פון די דרום שטאַטען בקשות, אַז מען זאָל אָפשטעלען געריסאָנס „ליבערייטאָר״, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. אין 1865, ווען שקלאַפעריי איז ענדליך אָפגעשאַפט געוואָרען אין לאַנד, האָבען געריסאָנס פריינד איהם געגעבען אַ מתנה 30.000 דאָלאַר פאַר זיין גרויסע אַרבייט. אין באָסטאָן געפינט זיך אַ געריסאָן סטאַטוע.

געריסאָן האָט צווישען זיינע שריפטען אויך אַ באַנד פאָעזיע.

דזשיימס אייברעם גאַרפילד — דער צוואַנציגסטער פרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1831 — 1881). אַלס איינגעל האָט ער געאַרבייט אויף זיין פאָטערס פאַרם אין אָהייאָ. ווען דער בירגער קריג האָט אויסגעבראָכען, איז גאַרפילד אַריינגעטראָטען אַלס וואָלונטיר אין דער אַרמיי און איז געוואָרען גענעראַל־מאַיאָר פון די וואָלונטירען. ער איז ערוועהלט געוואָרען אין קאָנגרעס נאָך זייענדיג אין דער אַרמיי.

ער איז געווען טעטיג אין ראדיקאלען פליגעל פון דער רעפובליקאנער פארטיי. אין 1880 איז ער ערוועהלט געווארען פרעזידענט. אין 1881 איז ער אויף א וואשינגטאנער וואקזאל דערשאסען געווארען פון איינעם טשארלס דזש. גיטאו, וואס האט ערווארט צו קריגען א רעגירונגס שטעלע און איז אנטוישט געווארען. נאך לינקאלן איז גארפילד דער צווייטער פון די דריי פרעזידענטען-מארטירער. דער דריטער איז געווען מעקינלי.

טשארלס גודיער — ערפינדער (1800—1860). ער איז צוערשט געווען אן אייזען פאבריקאנט, האט אבער קיין ערפאלג ניט געהאט. שפעטער האט ער זיך פאראינטערעסירט אין אינדיא ראבער, וועלכען מען האט ניט געקאנט באנוצען צוליב דעם, וואס דער גומי שמעלצט אונטער דער זומערדיגער היץ. אין 1844, נאך א סך עקספערימענטען, האט ער ענדליך ארויסגענומען א פאטענט אויף א וואלקאניזירטען גומי. שפעטער האט ער ארויסגענומען נאך צעהנדליגער פאטענטען אויף א סך אויסבעסערונגען. ער האט געהאלטען אין איין לאדען זיך מיט אלערליי קאפיטאליסטען, וואס האבען געניצט זיין ערפינדונג. אליין האט ער אפגעלעבט זיין לעבען אין דחקות און איז אפילו געזעסען אין געפענגעניש צוליב חובות.

דזשיימס גיבאנס — קארדינאל, דער קאפ פון דער קאטוילישער קירך אין אמעריקא (1834 — 1921). ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע פראגרעסיווע אנזיכטען און פריינדליכער שטעלונג צו ארבייטער יוניאנס. ער איז אפט געווען א פארמיטלער צווישען יוניאנס און בעלי בתים. אין 1888 האט ער געגרינדעט דעם קאטוילישען אוניווערסיטעט אין וואשינגטאן.

האריס גרילי — גרעסטער אמעריקאנער זשורנאליסט (1811 — 1872). ער איז געווען דער זוהן פון אן ארימען פארמער אין ווערמאנט, און זיין גאנצע בילדונג האט ער באקומען אין א דארפס שול. ער איז געווארען א דרוקער און האט ארויסגעגעבען א ליטעראריש וואכענבלאט „די ניו יארקער". שפעטער איז ער באריהמט געווארען אלס פאליטישער שרייבער. ער האט אין 1841 אנגעהויבען ארויסגעבען די ניו יארקער „טריביון". אין דרייסיג יאהר איז זי געווארען א מעכטיגע איינפלוסרייכע צייטונג, און איהר ווערט איז געשטיגען פון 2.000 דאלאר ביי איהר גרינדונג ביז א מיליאן דאלאר, ווען גרילי איז געשטארבען. איצט, איבער 50 יאהר נאך זיין טויט, איז ער נאך אלץ דער גלענצענדסטער צווישען די אמעריקאנער זשורנאליסטען. אין דעם לעצטען יאהר פון זיין לעבען איז ער געווען דער דעמאקראטישער פרעזידענט קאנדידאט, אבער ער איז דורכגעפאלען.

יוליסעס סימפסאן גרענט — אכצעהנטער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען (1822 — 1885). ער איז געווען א גרויסער קריגספיהרער. זיין יוגענט האט ער פארבראכט העלפענדיג זיין פאטער אויף א פארם אין אהייא. ער האט זיך אויסגעצייכנט אין דער מעקסיקאנער מלחמה אין 1847 — 1848. אין אנהויב פון בירגער קריג איז ער אריינגעטראטען אין דער ארמיי. דעם 4טען יולי, 1863, האט ער איינגענומען די פעסטונג וויקסבורג מיט ארום 30.000 געפאנגענע. דאס איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע מאמענטען אין דער מלחמה. גרענט איז געווארען הויפט קאמאנדיר פון צפון ארמייען און האט דערפירט די מלחמה צו א זיגרייכען סוף. אין 1868 און אין 1872 איז ער ערוועהלט געווארען פרעזידענט. ווען ער האט, אין 1880, זיך אומגעקערט פון א רייזע ארום דער וועלט, האט מען שטארק גערעדט וועגען ארויסשטעלען איהם ווידער אלס פרעזידענט קאנדידאט, אבער דער פאראורטייל געגען א דריטען טערמין האט געשטערט. גרענט האט איבערגעלאזען מעמוארען. אין ניו יארק, אין ריווערסאיד פארק, איז גרענטאנען אויפגעשטעלט געווארען א שעהנער מאנומענט.

דזשאן פאול דזשאונס — דער גרינדער פון אמעריקאנער פלאט אין דער צייט פון דער רעוואלוציע (1747—1792). א געבארענער פון סקאטלאנד, איז ער צוגעשטאנען צו דער אמעריקאנער רעוואלוציע. קאנגרעס האט איהם באשטימט פאר'ן קאמאנדיר פון פלאט און ער האט געהאט עטליכע גלענצענדע זיגען איבער די ענגלענדער ביי די ברעגען פון ענגלאנד. אין 1788 האט קאטערינע די צווייטע געמאכט איהם פאר אדמיראל און קאמאנדיר פון רוסישען פלאט אויפ'ן שווארצען ים, און ער האט געפיהרט א מלחמה

מיט טערקיי אויפ'ן ים. געשטאָרבען איז ער אין פּאַריז.

ענדריו דזשאָנסאָן — זיבעצעהנטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1808 — 1875). אין דער יוגענט איז ער געווען אַן אָרימער שניידער. שפּעטער האָט ער זיך פאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג און זיך פאַראינטערעסירט מיט פּאָליטישער טעטיגקייט. ער איז געווען גאָווערנאָר פון טענעסי און יונייטעד סטייטס סענאַטאָר. כאָטש ער איז געווען אַ דעמאָקראַט פון די דרום שטאַטען, איז ער אָבער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער פון נעגער שקלאַפעריי, און ער איז צוליב דעם ערוועהלט געוואָרען וויצע פּרעזידענט מיט לינקאָלן אַלס פּרעזידענט. ווען לינקאָלן איז געשטאָרבען, איז דזשאָנסאָן געוואָרען פּרעזידענט, זיין טערמין איז געווען אַ שטורעמדיגער, ווייל ער האָט שטענדיג געהאַט געגען זיך די שאַרפסטע געגנערשאַפט פון סענאַט.

העגרי דזשאָרדזש — באַריהמטער עקאָנאָמיסט און פיהרער פון דער „סינגעלטעקס" באַוועגונג (1839 — 1897) לויט זיין טעאָריע נעמען זיך אַלע אינדוסטריעלע קריזיסען פון צו הויכער רענט אויף לאַנד, וואָס שטערט פרייע אָנווענדונג פון אַרבייט און קאַפּיטאַל. זיין מיטעל איז דעריבער צו באַשטייערען דאָס לאַנד און אַראָפּנעמען אַלע שטייערען פון אינדוסטריע און קאַפּיטאַל. „פּראָגרעס ענד פּאָווערטי" איז זיין באַריהמטעסטע אַרבייט.

העגרי דזשיימס — איינער פון די פּאָפּולערסטע אַמעריקאַנער בעלעטריסטען און אַ ברודער פון דעם פילאָסאָף וויליאַם דזשיימס (1843 — 1916), ער האָט כמעט זיין גאַנצען לעבען געוואוינט אין ענגלאַנד און איטאַליע. ער האָט פאַרעפענטליכט אַ סך ראָמאַנען און קורצע ערצעהלונגען, וואָס צייכענען זיך אויס מיט פיינעם פּסיכאָלאָגישען אַנאַליז.

וויליאַם דזשיימס — באַריהמטער אַמעריקאַנער פילאָזאָף (1842 — 1910). פון 1880 איז דזשיימס געוואָרען פּראָפעסאָר אין האַרוואַרד אוניווערסיטעט. ער איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער געלעהרטער און דענקער, נאָר אויך אַ גלענצענדער שרייבער און איינער פון די פיהרער פון דער פיזישער שולע אין פּסיכאָלאָגיע.

טאָמאַס דזשעפערסאָן — דריטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1743—1826). דזשעפערסאָן איז איינער פון די גרעסטע מענשען, וואָס אַמעריקע האָט אַרויסגעגעבען. ער איז כמעט 40 יאָהר געווען טעטיג אין פּאָליטישען לעבען. ער איז געווען גאָווערנאָר פון זיין שטאַט, ווירדזשיניא, אין דער ערגסטער צייט פון דער רעוואָלוציע. ער האָט פאַרנומען בענדזשאַמין פרענקלינ'ס אָרט אַלס אַמבאַסאַדאָר קיין פראַנקרייך. אונטער וואַשינגטאָן איז ער געווען סעקרעטערי אָוו סטייט, אונטער דזשאַן עדעמס איז ער געווען וויצע-פּרעזידענט. אין 1800 האָט ער באַקומען אַ גלייכע צאָל שטימען פאַר פּרעזידענט מיט אַראָן באַוער. דער קאָנגרעס האָט געשטימט פאַר איהם, און ער איז דערנאָך ערוועהלט געוואָרען פאַר אַ צווייטען טערמין.

דזשעפערסאָן איז געווען דער אויטאָר פון דעם מערקווירדיגען היסטאָרישען דאָקומענט, די „אומאָפּהענגיגקייטס-ערקלערונג", וואָס איז געווען דער אָפיציעלער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע אַנטקעגען דער ענגלישער הערשאַפט. דזשעפערסאָן איז געווען אַ גרויסער דעמאָקראַט. אין פאַרלויף פון זיין פּרעזידענט-טערמין האָט ער אָפּגעשאַפט אַלע צערעמאָניעס אַרום דעם אַמט, וואָס זיינען געבליבען נאָך זיינע אַריסטאָקראַטישע פאָרגעהער. ער אַליין האָט פאַר זיין מצבה צוגעגרייט אַזאַ מין אויפשריפט: „דאָ ליגט באַגראָבען טאָמאַס דזשעפערסאָן, דער אויטאָר פון דער דעקלאַראַציע פון דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיגקייט, דער אויטאָר פון דעם ווירדזשיניער געזעץ וועגען פרייהייט פון רעליגיע און דער פאַטער פון דעם ווירדזשיניער אוניווערסיטעט." די גרינדונג פון דעם אוניווערסיטעט אין ווירדזשיניא איז געווען דזשעפערסאָנ'ס לעצטער אויפטו.

ענדריו דזשעקסאָן — זיבעטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1767—1845). אין 1825 האָט ער באַקומען אַ מאַיאָריטעט שטימען פאַר פּרעזידענט געגען דזשאַן קווינסי עדעמס, אָבער ניט גענוג ערוועהלט צו ווערען, און קאָנגרעס האָט עשטימט פאַר עדעמסען. ביי די נעקסטע וואַהלען אָבער

האט ער באזוכט עדעמסען און איז דערנאך ערוועהלט געווארען אויף א צווייטען טערמין. ער איז געווען אומגעבילדעט, דערפאר אבער האט ער געוואוסט, ווי אזוי צו אפעלירען צו די פאלקסמאסען, און ער האט איבערגעלאזען דעם פרעזידענט אמט א סך פאפולערער ביים פאלק, איידער דער אמט איז געווען פריהער.

דזשעפערסאן דייוויס — דער קאפ פון דער קאנפעדעראטיווער רעגירונג אין פארלויף פון בירגער קריג (1808 — 1889). ער האט זיך באטייליגט אין איניגע מלחמות. אין 1845 איז ער ערוועהלט געווארען צום קאנגרעס, אין 1847 צום סענאט, וואו ער איז געווארען דער פיהרער פון סענאטארען פון די דרום שטאטען. אין 1853 איז ער געווען קריגס מיניסטער. ווען דער בירגער קריג האט זיך אנגעהויבען, האט דער קאנגרעס פון די דרום שטאטען איהם ערוועהלט פרעזידענט. ער האט באשאפען פאר דער קאנפעדעראציע אן ארמיי, א פלאט, די ארסענאלען — אלץ, וואס איז געווען נויטיג פאר א לאנגער מלחמה. ווען גענעראל לי האט זיך אונטערגעגעבען, האט דייוויס געפרואווט דערגרייכען זיין ארמיי פון וועסט, אבער מען האט איהם געכאפט, און א גרענד דזשורי האט איהם אנגעקלאגט אין פארראט. דייוויס האט געפאדערט א פראצעס און ניט געבעטען קיין באגנאדיגונג. מען האט איהם אבער קיינמאל ניט געמשפט. אין צוויי יאהר ארום האט מען איהם ארויסגעלאזען אויף הארויס גרילי׳ס גאראנטיע. שפעטער איז ער איינגעשלאסען געווארען אין דער אלגעמיינער אמנעסטיע.

יודזשין וויקטאר דעבס—גרינדער און פיהרער פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי (1855 — 1926). איינער פון די פאפולערסטע און באליבטסטע פיהרער פון דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער און ארבייטער־באוועגונג. דעבס איז אין דער יוגענד געווען אן ארבייטער. ער האט ארגאניזירט די אייזענבאהן־ארבייטער אין שיקאגא און איז געווען דער אנפיהרער פון זייער ערשטען גרויסען סטרייק. מען האט איהם פארשיקט אין געפענגניש, פון וואנען ער איז ארויסגעקומען אן איבערצייגטער סאציאליסט. אין 1886—1893 איז דעבס געווען גרענד־סעקרעטערי פון די לאקאמאטיוופייערמען, אין 1893—1897 איז ער געווען פרעזידענט פון דער אמעריקען ריילוויי יוניאן און אין 1897—1898 — טשערמאן פון נעשאנאל קאונסיל פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי.

דעבס איז פינף מאל געווען פרעזידענט־קאנדידאט פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי: אין 1900, 1904, 1908, 1912 און 1920 קיין אנדער מענש איז ניט געווען אזוי צוגעפאסט צו זיין דער באנערטרעגער פון סאציאליזם אין אמעריקע. דעבס האט פארמאגט אלע בעסטע אייגענשאפטען פון א פיהרער פון די מאסען. מיט זיין מאגנעטישער פערזענליכקייט, זיין ריינעם אידעאליזם און זיין פאעטישער נשמה, וואס האט געאטעמט מיט ליבע צו דער מענשהייט, און מיט דער פעסטקייט פון זיינע איבערצייגונגען און טריהייט צו זיינע פרינציפען— איז דעבס געווען א גרויסע פיגור אין אמעריקאנער לעבען, אומפארגעסליך פאר א סך זייטיגע מענשען, וואס זיינען געקומען מיט איהם אין באריהרונג. די ביטערסטע געגנער פון זיין פארטיי און זיין קלאס האבען צו דעבס׳ן געפיהלט דעם גרעסטען דרך־ארץ. ער איז געווען באליבט סיי ביי די אמעריקאנער מאסען און סיי ביי דער אמעריקאנער אינטעליגענץ.

ווען אמעריקע איז ארייגעטראטען אין דער וועלט־מלחמה, איז דעבס געבליבען א געגנער פון קריג. אין קענטאן, אהייא, האט ער געהאלטען א רעדע געגען מלחמה און איז דערפאר אפגעזעסען א לאנגען טערמין אין אטלאנטא, דזשארדזשיא. מען האט ביי איהם אפגענומען זיינע בירגער־רעכט; און יודזשין וויקטאר דעבס, וועלכער איז אין פארלויף פון צעהנדליגער יאהרען געווען איינע פון די אנגעזעהענסטע פיגורען אין אמעריקאנער פאליטישען לעבען, איז געשטארבען א „פרעמדער" אין זיין לאנד.

טעאדאר דרייזער — (1871). אין דער נייער אויפלעבונג, וואס איז געקומען אין דער אמעריקאנער ליטעראטור אין די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר, איז טעאדאר דרייזער איינער פון די וויכטיגסטע שרייבער־רעאליסטען. דרייזער איז א וויטערדיגער שריט אין דער אנטוויקלונג פון דעם אמעריקאנער רעאליסטישען ראמאן. ער געהער צו דער טראדיציע פון סטעפען קריין, פרענק נאריס, דזשעק לאנדאן. זיינע באקאנטסטע ווערק זיי־

נען: „די דזשוניוס“, „די פינאַנסיר“, „אַן אַמעריקען טראַדזשעדי“, זיין לעצטער ראָמאַן. איז דראַמאַטיזירט און אויפגעפיהרט געוואָרען אין אַ בראָדווייער טעאַטער.

לעאָפּאָלד דעמראָש (1832 — 1885) — באַריהמטער אַמעריקאַנער מוזיקער. ער האָט צוזאַמען מיט זיינע זיהן, וואָלטער (געבאָרען אין 1862) און פרענק (געבאָרען אין 1859) אויפגעטאָן אַ סך פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון גוטער מוזיק אין אַמעריקע. ער האָט געגרינדעט כאָר־געזעלשאַפטען און אָרקעסטערס. די „אָראַטאָריאָ סאָסייעטי“ איז געגרינדעט געוואָרען פון איהם אין 1873 און די „סימפאָני סאָסייעטי“ — אין 1877. אין 1884 האָט ער אויפגעפיהרט מיט ערפאָלג דייטשע אָפּערע אין ניו יאָרק מעטראָפּאָליטען אָפּערא־האַוז. זיינע ביידע זיהן זיינען באַקאַנטע פיהרער פון סימפאָנישע און אַנדערע מוזיקאַלישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

הענרי האָדסאָן — ערשטער פאָרשער פון ווייטע געגענטען און גרינדער פון ניו יאָרק. זיין נאָמען טראָגען דער טייך האָדסאָן, האָדסאָן סטרעיט און האָדסאָן בעי. ער האָט זיי אַנטדעקט אין פאַרלויף פון זיינע פיר רייזעס צווישען 1607 און 1611. זיין נאַציאָנאַליטעט, משפחה און געזעלשאַפטליכער שטאַנד זיינען נאָך עד היום אַ געהיימניס. דער גאַנצער ביאָגראַפישער מאַטעריאַל וועגען האָדסאָנ׳ען באַשטעהט פאַקטיש נאָר פון די באַריכטען פון די פיר רייזעס, וואָס ער האָט געמאַכט מיט דעם צוועק צו געפינען אַ קירצערען וועג צו כינע דורך אַ צפונדיגען ים.

די ערשטע צוויי רייזעס זיינען קיין ערפאָלג ניט געווען. ער האָט ניט אַנטדעקט קיין נייעם וועג צו אַזיע. דערפאַר אָבער האָט ער אָנגעזאַמעלט אַ סך מאַטעריאַל וועגען די נייע ערטער, וואָס ער האָט באַזוכט. די דריטע רייזע האָט ער געמאַכט אין 1609, לויט אַ קאָנטראַקט מיט דער האָלענדישער אָסט־אינדישער קאָמפּאַניע. ער האָט געזאָלט פאָהרען צו צפון, אַרום אינזעל „נאָוואַיאַ זעמליאַ“, און צו מזרח. אָבער צוליב די שרעקליכע קעלטען האָט די מאַנשאַפט רעוואָלטירט, און, ניט וועלענדיג זיך אומקערען קיין האָלאַנד, איז ער געפאָהרען אין דער ריכטונג פון דרום־מערב און האָט אַנטדעקט דעם טייך האָדסאָן, וואו עס איז שפּעטער געגרינדעט געוואָרען די האָלענדישע קאָלאָניע „ניי־אַמסטערדאַם“. ווען דער פונקט איז איבערגעגאַנגען אין ענגלישע הענט, איז געגרינדעט געוואָרען די איצטיגע גרויסע וועלט שטאָדט ניו יאָרק.

די פערטע רייזע האָט האָדסאָנ׳ען געקאָסט זיין לעבען. ער האָט געהאַלטען אין אויספאָרשען דעם האָדסאָן סטרעיט און האָדסאָן בעי, ווען זיין מאַנשאַפט האָט רעוואָלטירט. זיי האָבען אַריינגעזעצט האָדסאָנען מיט זיין זוהן און איניגע מאַטראָסען אין אַ קליין שיפעל און זיי איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. מעהר האָט מען פון הענרי האָדסאָנ׳ען און זיין קליינער קאָמפּאַניע ניט געהערט.

עלייעס האַו — ערפינדער פון דער נייה־מאַשין (1819 — 1867). צו 17 יאָהר איז ער געוואָרען אַ מאַשיניסט, און האָט באַלד גענומען מאַכען עקספּערימענטען אין נייה־מאַשין. אין 1846 האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַטענט אויפ׳ן ערשטען מאָדעל, אָבער ביז 1854 האָט ער געמוזט פיהרען לאַנגע און קאָסטבאַרע פּראָצעסען געגען דריי אַנדערע פּערזאָנען, וואָס האָבען פאַרלעצט זיינע רעכט. ענדליך אָבער איז זיין רעכט באַשטעטיגט געוואָרען, און דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער גרויסער אַמעריקאַנער נייה־מאַשין אינדוסטריע.

נאַטעניעל האָוטהאָרן — באַריהמטער שרייבער (1804 — 1864). איינער פון די געצעהלטע מייסטער פון פּראָזע אין אַמעריקא, זיינע ראָמאַנען און ערצעהלונגען זיינען באַקאַנט יעדען לעזער פון ענגליש און יעדען שול־קינד. ער האָט אויך אָנגעשריבען עטליכע אויסגעצייכענטע ביכער פאַר קינדער. אין זיינע ווערק פאַרנעמט זיך האָוטאָרן הויפּטזעכליך מיט פּראָבלעמען פון דער מענשליכער נשמה, מיט דער אינערליכער דראַמע פון לעבען, מיט דעם מענשענס באַציהונג צו דער נאַטור, זיין קאַמף געגען פאָראורטיילען און מיט׳ן געהיימניספולען און איבערנאַטירליכען. זיינע באַריהמטסטע ביכער זיינען: „טוויס טאָלד טיילס“, „טענגעלוואוד טיילס“, „די סקאַרלעט לעטער“, „די האוז אָוו די סעווען גייבעלס“, „די מאַרבעל פאָון“.

וויליאַם דין האָועלס — באַריהמטער אַמעריקאַנער שרייבער (1837 — 1920).

האָועלס האָט קיין העכערע בילדונג ניט באַקומען און איז אין דער יוגענט געווען אַ דרוקער. שפּעטער איז ער געווען אַ צייטונגס מיטאַרבייטער און רעדאַקטאָר. ער האָט רעדאַקטירט דעם אַמעריקאַנער זשורנאַל „אַטלאַנטיק מאָנטלי“ און איז די לעצטע פינף און דרייסיג יאָהר פון זיין לעבען געווען פאַרבונדען מיט „האַרפּערס מעגעזין“. האָועלס האָט געשריבען ראָמאַנען, פּאָעזיע, דראַמעס, עסעיס און קריטיק. ער איז איינער פון די געצעהלטע מייסטער פון אַמעריקאַנער ראָמאַן און איז אין פאַרלויף פון צוויי דורות געווען דער טאָן־געבער אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

אַליווער ווענדעל האָלמס — פּאָעט, עסייאיסט, ראָמאַנען שרייבער און געלעהרטער (1809 — 1894). אַ פּאָר פון זיינע ביכער און אַ גאַנצע רייה פּאָעמעס און לידער זיינען קלאַסישע ווערק און ווערען געלייענט און געלערענט פון אַלע שול־קינדער. די פּאָעמעס „אָלד אייראָנסיידס“, „די טשעמבערד נאָטילוס“ און די „אויטאָקראַט“ סעריע זיינען זעהר פּאָפּולער.

וואָרען גמליאל האַרדינג — נײַן און צוואַנציגסטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, (1865 — 1923). האַרדינג האָט אין דער יוגענט געאַרבייט אין אַ דרוקעריי. שפּעטער איז ער געוואָרען אַ צייטונגס אַרויסגעבער און האָט זיך אויסגעצייכענט אַלס זשורנאַליסט. ער איז געווען יונייטעד סטייטס סענאַטאָר. אין 1920 איז ער ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט, דער ערשטער זשורנאַליסט אין ווייסען הויז.

פרענסיס ברעט האַרט — באַריהמטער נאָוועליסט און פּאָעט (1839 — 1902). זיינע ערצעהלונגען, מעהרסטענס פון קאַליפאָרניער לעבען, זיינען זעהר דראַמאַטיש, פּסיכאָלאָגיש, האָבען אַ פיינעם הומאָר און זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער סימפּאַטיע צו זיינע העלדען, וועמעס שאָטענדיגע זייטען ער באַהאַלט ניט. ער האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף שפּעטערדיגע אַמעריקאַנער שרייבער און אויף דעם ענגלישען שרייבער קיפּלינג.

וויקטאָר הוירבערט — איינער פון די פּאָפּולערסטע קאָמפּאָזיטאָרען און דיריגענטען אין אַמעריקא, (1859—1915). הוירבערט האָט געשטאַמט פון אירלאַנד. ער האָט געגעבען טשעלאָ קאָנצערטען איבער גאַנץ אייראָפּא. אין 1886 איז ער אָנגעקומען אין מעטראָפּאָליטען אָרקעסטער אין ניו יאָרק. שפּעטער איז ער געווען פאַרבונדען מיט די הויפּט אָרקעסטערס פון לאַנד אַלס סאָליסט און דיריגענט. פון 1904 ביז 1907 איז ער געווען קאַפּעלמייסטער אין ניו יאָרק און אין פּיטסבורג. פון 1907 און ביז זיין טויט איז ער געווען דיריגענט פון אַן אייגענעם אָרקעסטער אין ניו יאָרק. ער האָט איבערגעלאָזען אַ רעכט ביסעל אָפּערעטעס, אָראַטאָריאָס און אַנדערע מוזיק.

רוטערפאָרד בוירטשאַרד העיס — ניינצעהנטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1822 — 1893). ער איז געווען אַ געגנער פון שקלאַפעריי און האָט געדינט אין בירגער קריג, דערדינענדיג זיך ביז צום ראַנג פון גענעראַל־מאַיאָר. ער איז געווען גאָווערנאָר פון אָהייאָ. אין 1876 איז ער ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט. אין דער צייט פון זיין אַדמיניסטראַציע איז אַ סך אויפגעטאָן געוואָרען פאַר דער אויסבעסערונג פון דער לאַגע פון די אינדיאַנער און פאַר דער פאַרהיטונג פון די קהל'שע וועלדער.

אַלעקסאַנדער העמילטאָן — איינער פון די וויכטיגסטע פּערזענליכקייטען אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע און ערשטער סעקרעטערי אָוו די טרעזשורי פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק (1757 — 1804). ער האָט נאָך זייענדיג אין קאַלעדזש זיך אויסגעצייכענט אַלס פּאָליטישער שרייבער, ער האָט געדינט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי און איז געווען אין וואַשינגטאָנס שטאַב. ער האָט זעהר אַ סך אויפגעטאָן צו באַשאַפען אַ פעסטע רעגירונג. זיינע באַריהמטע עסייען אין דער צייטשריפט „פעדעראַליסט“ האָבען געוואונען מאַסען אָנהענגער פאַר דער נייער קאָנסטיטוציע. ער ווערט געהאַלטען פאַר דעם פאָטער פון אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציאָנעלען רעכט. וואַשינגטאָן האָט אין זיין ערשטען קאַבינעט באַשטימט העמילטאָנען פאַר סעקרעטערי אָוו די טרעזשורי, און דאָ האָט העמילטאָן באַוויזען זיין גרעסטען אויפטו, ער האָט אָרגאַניזירט די פינאַנצען פון דער נייער רעפּובליק, האָט געגרינדעט אַ נאַציאָנאַלע באַנק און אַ מינץ און האָט איינגעפיהרט אַ מעסי־

גען טאַריף סיסטעם און אַ געזונטע סיסטעם פון שטייערען. ער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען אין אַ דועל מיט אַראָן בויר.

דזשאָהן הענקאָק — איינער פון די פּראָמינענטסטע פיהרער אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע (1737 — 1793). די ענגלישע רעגירונג האָט געשטעלט איהם און סעמיועל עדעמס „אויסער געזעץ”. אַ מיליטערישע עקספּעדיציע איז געשיקט געוואָרען פון באָסטאָן קיין קאָנקאָרד צו אַרעסטירען די צוויי פיהרער. דער רעזולטאַט איז געוועזן די היסטאָרישע שלאַכט ביי לעקסינגטאָן. די צוויי פּאַטריאָטען זיינען ניט געכאַפּט געוואָרען. הענקאָק איז געוועזן דער ערשטער אונטער צו שרייבען זיין נאָמען אויף דער אומאָפּהענגיגקייטס דעקלאַראַציע.

אָ. הענרי — פּסעוודאָנים פון וויליאַם סידני פּאָרטער, איינער פון די פּאָפּולערסטע אַמעריקאַנער שרייבער (1862 — 1910) זיינע קורצע ערצעהלונגען, מעהרסטענס פון ניו יאָרקער לעבען, האָבען געמאַכט אַ רושם אין אַמעריקע און אין אייראָפּע. „די פאָור מיליאָן” איז איינס פון זיינע פּאָפּולערסטע זאַמלונגען.

פּאַטריק הענרי — באַריהמטער פּאַטריאָט און אָראַטאָר אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע (1736 — 1799) ער האָט געפּועלט, אַז דער שטאַט ווירדזשיניאַ זאָל דורכפיהרען רעזאָלוציעס געגען ענגלאַנד. זיין איינפלוס איז געוועזן אַ געוואַלדיגער, און ער האָט אַ סך ביגעטראָגען אויפצוהויבען די קאָלאָניעס אין אַ רעוואָלוציע געגען ענגלאַנד. ער ווערט געהאַלטען פאַר דעם גרעסטען אָראַטאָר פון זיין צייט.

בענדזשאַמין הערִיסאָן — דריי און צוואַנציגסטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1833 — 1901). ער איז געוועזן אַן אייניקעל פון פּרעזידענט וויליאַם הענרי הערִיסאָן. אין פאַרלויף פון בירגער־קריג האָט ער געדינט אין דער קאָנפעדעראַטיווער אַרמיי און איז געוואָרען בריגאַדיר־גענעראַל. ער איז געוועזן יונייטעד סטייטס סענאַטאָר. שפּעטער, אין 1888, האָט די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איהם אַרויסגעשטעלט פאַר איהר פּרעזידענט קאַנדידאַט, און ער איז ערוועהלט געוואָרען. אין 1892 אָבער איז ער באַזיגט געוואָרען פון גראָווער קליוולאַנד, דעם דעמאָקראַטישען קאַנדידאַט.

וויליאַם הענרי הערִיסאָן — ניינטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1773 — 1841). ער איז געשטאָרבען אַ מאָנאַט נאָך דער איינשווערונג. זיין פאָטער איז געוועזן איינער פון די, וואָס האָבען אונטערגעשריבען די „דעקלערייטשאָן אָוו אינדעפּענדענס”.

מאַרטין וואַן ביורען — אַכטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1782 — 1862). ער איז געוועזן דער זוהן פון אַ פאַרמער און האָט באַקומען אַ קנאַפּע בילדונג. שפּעטער איז ער געוואָרען אַן אַדוואָקאַט. ער איז געוועזן סענאַטאָר, גאָווערנאָר פון ניו יאָרק, סעקרעטערי אָוו סטייט אונטער דזשעקסאָנען און נאָך דזשעקסאָנ׳ס טערמין, פּרעזידענט.

דזשאָן גרינליף ווהיטיער — פּאָעט, רעדאַקטאָר און קעמפער געגען נעגער שקלאַפעריי (1807 — 1892). ער איז יונגערהייט געוועזן אַ שוסטער. שפּעטער איז ער אַריינגעטראָטען אין דער אַקאַדעמיע אין זיין שטעדטעל הייווערהיל, מאַסאַטשוזעטס, און האָט דערנאָך גענומען שרייבען פּראָזע און פּערזען פאַר די צייטונגען. ער איז געוועזן רעדאַקטאָר פון אַ סך צייטשריפטען. ער איז געוועזן אַ מיטגליד פון אַ קאָמיטעט, וואָס האָט אין פילאַדעלפיאַ אויסגעאַרבייט די „אַנטי־סלייווערי קאָנווענשאָן”. זיינע לידער און באַלאַדען זיינען צווישען די פּאָפּולערסטע אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

בוקער טאַליאַפעראָ וואַשינגטאָן — נעגער רעפאָרמער און שרייבער (1859—1915). האָט אַלס אינגעל געאַרבייט ביי אַ זאַלץ גרוב, דערנאָך אין אַ קוילענגרוב, שפּעטער איז ער געוואָרען אַ הויז דינער ביי אַ ווייסער פאַמיליע. ער האָט זיך דערשלאָגען צו בילדונג, דינענדיג אין אַ שול אַלס דזשעניטאָר. ער האָט אַ סך אויפגעטאָן צו פאַרשפּרייטען בילדונג און קולטור צווישען די נעגערען, די אוניווערסיטעטען האַרוואַרד און דאַרטמוט האָבען איהם באַעהרט מיט דיפּלאָמען. אין 1900 האָט ער אין באָסטאָן אָרגאַניזירט די „נעשאָנאַל ניגראָ ביזנעס ליג”. ער האָט פאַרעפענטליכט אַ רייהע ביכער איבער פאַר־

שידענע געגענשטאַנדען און וועגען נעגערען, צווישען זיי אויך אַן אויטאָביאָגראַפיע.

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן — ערשטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, „פאָטער פון זיין לאַנד" (1732 — 1793). נאָך יונגערהייט האָט ער געהאַט אַ סך צו טאָן מיט די אינדיאַנער אין זיין שטאַט ווירדזשיניע און האָט זיך באַטייליגט אין דער מלחמה געגען די אינדיאַנער און פראַנצויזען. צווישען די אינדיאַנער האָט ער זיך דאָס אויסגעלערענט די אַלע קונציגע גענג פון מלחמה, פאַר וועלכע אַן ענגלישער גענעראַל האָט איהם שפּעטער, אין דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה, אָנגערופען „דער פוקס".

נאָך דער מלחמה מיט די פראַנצויזען, אין 1759, באַזעצט זיך וואַשינגטאָן אויף זיין לאַנד און איז אין פאַרלויף פון 15 יאָהר פונקט אַזאַ ערפאָלגרייכער פּלאַנטאַטאָר אין ווירדזשיניע, ווי ער איז פריהער געווען אַ סאָלדאַט, ער איז אפשר געווען דער גרעסטער לענדלאָרד אין אַמעריקא. ער האָט געהאַט עטליכע הונדערט שקלאַפען. אָבער אין זיין צוואה האָט ער זיי אַלעמען באַפרייט. וואַשינגטאָן האָט געוואָלט, אַז שקלאַפעריי זאָל אָפּגעשאַפט ווערען, אָבער נאָר עטליכע ליבעראַלע און גרויסמוטיגע מענשען פון זיין צייט האָבען מיט איהם איינגעשטימט.

דער אויסברוך פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָט איבערגעריסען דאָס אנגענעמע לעבען פון דעם ווירדזשיניער דזשענטעלמען. די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבען אין באָסטאָן, אָבער דער ערשטער אויסברוך איהרער איז געווען גראָד אין דער לאָיאַלער ווירדזשיניע, וואו עס האָבען געדונערט די פייערדיגע רעדעס פון פּאַטריק הענרי. די געשעהענישען האָבען אויפגעוועקט אין וואַשינגטאָנען זיין קריגעריש בלוט, און ער האָט זיך אָנגעבאָטען צונויפצוזאַמלען 1000 מאַן און אויף זיינע קאָסטען זיי פיהרען העלפען באָסטאָן.

זיין ערשטער מיליטערישער ערפאָלג איז געווען, ווען ער האָט אַרויסגעטריבען די ענגלישע אַרמיי פון באָסטאָן. דאָס איז געווען אַזאַ קונציגער מאַנעווער, אַז די ענגלענדער האָבען אַפילו ניט באַוויזען אָפּצוענטפערען איהם אויף זיינע קלעפּ. 10.000 בריטישע סאָלדאַטען האָבען געמוזט אַנטלויפען פאַר 2.000 אַמעריקאַנער, וואָס האָבען זיי באָמבאַרדירט אין באָסטאָן פון די בערגלאַך אין דאָרטשעסטער. פון באָסטאָן איז וואַשינגטאָן אַוועק קיין ניו יאָרק און דערנאָך קיין פילאַדעלפיא, וואו ער האָט פאַרלאַנגט פון קאָנגרעס, אַז אַמעריקא זאָל זיך אינגאַנצען אָפּרייסען פון ענגלאַנד. און געשטאַרקט פון זיין אָנוועזענהייט און איינפלוס, האָט דער קאָנגרעס דעם 4טען יולי, 1776, אָנגענומען די היסטאָרישע „אומאָפּהענגיגקייטס דעקלאַראַציע", וואָס איז געשריבען געוואָרען פון זיין פריינד טאָמאַס דזשעפערסאָן.

מיט זיין שלעכטער אַרמיי און ניט באַקומענדיג קיין הילף פון קאָנגרעס. איז וואַשינגטאָן ניט שטענדיג געווען זיגרייך. אָבער ער איז געווען אַזוי קלוג און רייך אין אידייען און האָט פאַרמאָגט אַזויפיל מוט און אויסדויער, אַז די רעוואָלוציאָנערע מלחמה האָט קיינמאָל ניט אויסגעוויזען צו זיין אינגאַנצען פאַרלאָרען.

וואַשינגטאָנ'ס מערקווירדיגסטער צוג איז געווען זיין צוריקטריט פון ניו יאָרק דורך ניו דזשוירזי און דערנאָך אַריבער דעם דעלעווער. דאָס איז געווען דער קליגסטער מאַנעווער, ער האָט זיך באַלד אומגעקערט, האָט געגעבען דער בריטישער אָפּטיילונג ביי טרענטאָן אַ שרעקליכען קלאַפּ, האָט דערביי אויסגעמידען אַ צוזאַמענשטויס מיט דער הויפּט אַרמיי, האָט אָבער צוקלאַפּט דעם ענגלישען אַריערגאַרד ביי פּרינסטאָן. קיין וואונדער ניט, אַז דער אָפּגענאַרטער בריטישער גענעראַל קאָרנוואַליס האָט דעם פלינקען אַמעריקאַנעם גענעראַליסימאָ אָנגערופען „פוקס".

וואַשינגטאָנ'ס רוהם איז געוואַקסען פון יאָהר צו יאָהר, ביז וואַנען ער איז פאַר די אַמעריקאַנער מאַסען געוואָרען דאָס פולקאָמסטע און גרעסטע, וואָס אַ מענש קאָן נאָר זיין. זיין נאָמען איז אַרומגעוועבט געוואָרען מיט לעגענדעס, און אויזער אַ קינד הויבט נאָך אָן געהן אין שול, ווערט שוין דזשאָרדזש וואַשינגטאָן פאַר איהם אַוועקגעשטעלט פאַר אַ מוסטער פון מענשליכער פולקאָמענהייט.

וואָלט וויטמאַן — וועלט באַריהמטער פּאָעט (1819 — 1892). ער איז געווען דרוקער, לעהרער, זשורנאַליסט, האָט געבויט הייזער אין ברוקלין, געטאָן מעדיצינישע אַרבייט אין דער אַרמיי אין דער צייט פון בירגער קריג. האָט געדינט אַ קורצע צייט אויף אַ רעגירונגס שטעלע, וועלכע ער האָט פאַרלאָרען נאָך אַ מסירה פון אַ באַאַמטען, אַז

זיין פּאָעזיע איז שעדליך. די לעצטע יאָהרען האָט ער געלעבט אין קעמדען, ניו דזשוירזי, אַן אינוואַליד.

וואָלט וויטמאַן איז געווען איינער פון די רעוואָלוציאָנערען און ערפינדער אין דער פּאָעטישער קונסט. ער איז געווען דער צווייטער אַמעריקאַנער פּאָעט נאָך עדגאַר עלען פּאָ, וואָס האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף דער פּאָעזיע און ליטעראַטור פון דער גאַנצער וועלט. ער האָט אויסגעמידען אַלע פריהער אָנגענומענע פאָרמען אין פּאָעזיע, ווי די רעגעלמעסיגע פערז־מאָס, דעם ריים (גראַם), די באַזונדערע פּאָעטישע שפּראַך און באַזונדערע פּאָעטישע טעמעס. ער האָט איינגעפיהרט פרייערע ריטמען, פאָלקס שפּראַך און פרייהייט פון טעמעס. ער האָט געשטרעבט צו זיין מאָדערן, נאַטירליך, אַלוועלטליך און אַמעריקאַניש.

דזשיימס עבאט מעקניל וויסלער — באַריהמטער מאַלער (1834 — 1903). זיין פאָטער, אַ מאַיאָר אין דער אַרמיי, האָט רעזיגנירט, כדי זיך אָפּצוגעבען מיט אינזשינעריע, ער איז געפאָהרען קיין רוסלאַנד אַלס אינזשעניר־קאָנסולטאַנט פאַר דער באַריהמטער מאָסקווע־פּעטערבורגער אייזענבאַהן. אין רוסלאַנד האָט דער יונגער וויסלער באַקומען זיין ערשטע לעהרע אין קונסט. מען האָט איהם שפּעטער געשיקט שטודירען אין פּאַריז. נאָכ׳ן פאָטער׳ס טויט האָט די פאַמיליע זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, וואו וויסלער האָט פאַרבראַכט כמעט זיין גאַנץ לעבען.

וויסלער איז געווען אַן ערשט קלאַסיגער קינסטלער, וואָס ווערט אין איניגע פּרטים געהאַלטען אַפילו העכער פון רעמבראַנטען. אין אַ סך אַמעריקאַנער מוזייען קאָן מען זעהן זיינע אַרבייטען, אין מעטראָפּאָליטען, אין ניו יאָרק געפינען זיך זיינע ווערק, אין פּיטסבורג געפינט זיך זיין וואונדערליכער פּאָרטרעט פון דעם באַריהמטען שפּאַנישען פידעל־שפּילער סאַראַסאַטע. זיין באַריהמטסטע אַרבייט איז זיין ריהרענדיג בילד פון זיין מוטער. דער אָריגינאַל פון בילד געפינט זיך אין פראַנקרייך. אין „מאָדערנס דעיי״ ווערען דאָ פאַרקויפט אַ סך קאָפּיעס פון יענעם בילד. וויסלער איז באַעהרט געוואָרען פון אַקאַדעמיעס און רעגירונגען פון אַ סך לענדער.

אילאַי וויטני — ערפינדער (1765 — 1825). ער האָט אויסגעפונען אַן אַגריקולטורעלע מאַשין, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער גאַנצער אינדוסטריעלער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון לאַנד. שפּעטער האָט ער זיך פאַרנומען מיט פאַבריצירען געוועהר פאַר דער רעגירונג, און ער האָט אין זיין פאַבריק דער ערשטער איינגעפיהרט צוטיילונג פון אַרבייט.

וואודראָו ווילסאָן — אַכט־און־צוואַנציגסטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1856 — 1924). ער איז געווען פּראָפעסאָר פון יוריספּרודענץ, פּאָליטישער עקאָנאָמיע און פּאָליטיק אין פאַרשיידענע אוניווערסיטעטען, און שפּעטער פּרעזידענט פון פּרינסטאָנער אוניווערסיטעט, ביז 1910, ווען ער איז ערוועהלט געוואָרען דעמאָקראַטישער גאָווערנאָר פון ניו דזשורזי. אין 1912 האָט איהם די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי נאָמינירט פאַר פּרעזידענט, און ווייל די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי איז דעמאָלט געווען צושפּאָלטען, איז ער ערוועהלט געוואָרען.

אין פאַרלויף פון ווילסאָנ׳ס ערשטען טערמין האָט זיך אָנגעהויבען די וועלט מלחמה. ווילסאָן איז צום סוף פון זיין טערמין ווידער נאָמינירט און ערוועהלט געוואָרען, טיילווייז צוליב דעם, ווייל מען האָט געהאַלטען, אַז אין אַזאַ צייט איז צו געפעהרליך צו בייטען פּרעזידענטען. אָבער איידער ער איז נאָך איינגעשוואָרען געוואָרען, זיינען אָפּגעבראָכען געוואָרען די דיפּלאָמאַטישע באַציהונגען מיט דייטשלאַנד, און צום אָנהויב פון זיין צווייטען טערמין איז שוין דאָס לאַנד אַריינגעטראָטען אין מלחמה. צוויי מיליאָן סאָלדאַטען זיינען אַריבערגעשיקט געוואָרען קיין פראַנקרייך. די אַמעריקאַנער האָבען זיך באַטייליגט אין גרויסע שלאַכטען. באַלד נאָכ׳ן וואָפענשטילשטאַנד, דעם 11טען נאָוועמבער, 1918, איז דער פּרעזידענט אָפּגעפאָהרען קיין פראַנקרייך, צו באַטייליגען זיך אין די פרידענס פאַרהאַנדלונגען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַ פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען פאַרלאָזט דאָס לאַנד אין צייט פון זיין טערמין.

ווילסאָן איז באַריהמט געוואָרען איבער דער וועלט מיט זיינע „14 פּונקטען״ אַלס אַ באַזיס פאַר פרידען. ער האָט אויך זעהר שטאַרק געאַרבייט פאַר דער באַשאַפונג פון דער פעלקער־ליג.

וואודראָוו ווילסאָן איז דער אויטאָר פון

איניגע פּאָליטישע, היסטאָרישע און סאָציאָלאָגישע ווערק, וואָס זיינען געשריבען אין אַ פיינעם ליטעראַרישען סטיל.

ראַדזשער וויליאַמס — גרינדער פון ראָוד איילענד (1606 — 1684) ער איז אָנגעקומען פון ענגלאַנד קיין באָסטאָן אין יאָהר 1631. די פּוריטאַנער פון סיילעם האָבען איהם פאַרטריבען צוליב זיינע צו ראַדיקאַלע אָנזיכטען. ער האָט דעמאָלט אָפּגעקויפט ביי די אינדיאַנער פּראָווידענס און האָט געגרינדעט די קאָלאָניע ראָוד איילענד. די קאָלאָניע איז געוואָרען אַן עיר מקלט פאַר מענשען, וואָס האָבען געזוכט געוויסענס פרייהייט.

דעניעל וועבסטער — גרויסער אָראַטאָר, (1782 — 1852). ער איז געווען סענאַטאָר און צוויי מאָל סעקרעטערי אָוו סטייט, אונטער וויליאַם העריסאָן און אונטער פילמאָר. אין 1850 האָט ער געהאַלטען זיין באַריהמטע רעדע וועגען שקלאַפעריי און נאַציאָנאַלער איינעגקייט, פון וועלכער אַ סך זיינע געבליבען אַנטוישט. זיינע באַריהמטסטע רעדעס זיינען וועגען די פּילגרים פאָטערס און ביים לייגען דעם ווינקעלשטיין פון באָנקער היל מאָנומענט.

בענדזשאַמין וועסט — מאַלער (1738—1820). האָט אינגעלווייז זיך געמאַכט אַ פּינזעל פון קעצישע האָר, און פאַרב האָט ער גענומען ביי פאַרבייפאָהרענדיגע אינדיאַנער. צו 22 יאָהר האָט ער באַזוכט רוים. שפּעטער האָט ער אויסגענומען אין לאָנדאָן און איז געוואָרען הויף מאַלער, ער האָט אין 1792 דאָרטען געגרינדעט די קעניגליכע אַקאַדעמיע, פון וועלכער ער איז געווען פּרעזידענט. איין בילד „דער טויט פון גענעראַל וואולף“ האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין קונסט, ווייל די סאָלדאַטען זיינען ניט געווען געמאָלען אין קלאַסישע קאָסטיומען, נאָר אין בריטישע אוניפאָרמס. וועסט האָט איבערגעלאָזען אַרום 400 בילדער. זיין הויפּט פאַרדינסט איז זיין ראָל אין דער ערשטער אַמעריקאַנער מאַלעריי, און וואָס ער האָט געהאָלפען אַוועקרייסען זיך פון אָנגענומענע שאַבלאָנען אין קונסט.

הענרי דייוויד טאָראָ — פּאָעט־נאַטוראַליסט (1817 — 1862). נאָך אַ קורס אין האַרוואַרד, האָט ער עטליכע יאָהר געהאַלטען לעקציעס אין אַלערליי שטעדטלאַך און צווישען די לעקציעס האָט ער געמאַכט בלייפּעדערס. איבער צוויי יאָהר האָט טאָראָ פאַרבראַכט אין אַ וואַלד לעבען קאָנקאָרד, מאַסס. דאָ האָט ער געזאַמעלט שטאָף פאַר זיין „וואָלדען“, דאָס פּאָפּולערסטע און קלאַסישסטע פון זיינע ווערק. אין 1841 האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו צאָהלען שטייערען צו אַ רעגירונג, וואָס האָט צו טאָן מיט שקלאַפעריי און איז דערפאַר געזעסען עטליכע שעה אין געפענגניש. ער, זאָגט מען, האָט דאָס געקלונגען אין גלאָק, ווען עמערסאָן האָט געדאַרפט האַלטען אַ רעדע געגען קנעכטשאַפט. ער אַליין האָט אויך שאַרף פאַרטיידיגט דזשאַן בראַון. מען האָט געזאָגט, אַז טאָראָ האָט געהאָלפען באַהאַלטען אַנטלאָפענע שקלאַפען. טאָראָ צייכענט זיך אויס מיט זיינע פיינע נאַטור באַשרייבונגען און שאַרפע געדאַנקען.

מאַרק טוויין — פּסעוודאָנים פון סעמיועל לענגהאָרן קלעמענס, באַריהמטער שרייבער (1835 — 1910). זיין בילדונג האָט ער באַקומען אין אַ פאָלקס שול. שפּעטער האָט ער אויסגעפּרואווט אַלערליי באַשעפטיגונגען. ער איז געווען אַ דרוקער, אַ שיף אַרבייטער, אַן אָנגעשטעלטער ביי מאַינס, אַ צייטונגס מיטאַרבייטער, און איז אַרומגעפאָהרען איבער שטעדט און שטעדטלאַך און געהאַלטען פאָרטראַגען. זיין בוך „די אינאָסענטס עבראָד“ איז געווען אַ סענסאַציע אין די ליטעראַרישע קרייזען פון אַמעריקא און אייראָפּע. דאָס בוך איז זעהר פּאָפּולער, כאָטש עס פאַרמאָגט אַ סך חסרונות. אַ סך העכער שטעהען זיינע שפּעטערדיגע ווערק. מאַרק טוויין איז איינער פון די בעסטע הומאָריסטען אין דער וועלט ליטעראַטור.

אונטער זיין פאָלקסטימליכען הומאָר, וועלכער איז זעהר אָפט ביי איהם געמישט מיט ערנסט, מערקט זיך אַביסעל אַ פּעסימיסטישער אונטערטאָן. ער איז איינער פון די אַמעריקאַנישסטע צווישען די אַמעריקאַנער שרייבער. ער איז באַאיינפלוסט געוואָרען פון ברעט האַרט און וויליאַם דין האועלס. אין זיין בעסטען בוך „האַקעלבערי פין“ און אין „די אַדווענטשורס אָוו טאָם סאָיער“, ביכער פאַר קינדער, ווייזט ער אַרויס אַ גרויסע קענטשאַפט פון אינגעלשער פּסיכאָלאָגיע. די דערמאָנטע ביכער, און אויך „פּרינס ענד פּאָפּער“ זיינען באַליבט ביי קינדער איבער דער גאַנצער וועלט. מאַרק טוויין געהערט אויך צו די ראַדיקאַלע דעמאָקראַטען אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

זאַקאַרי טעילאָר — צוועלפטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1784 — 1850). אין 1808 איז ער געוואָרען ליוטענאַנט אין דער אַרמיי, און אין דער אַרמיי איז ער געבליבען, ביז מען האָט איהם ערוועהלט פּרעזידענט אין 1848. אין דער צייט פון דער מלחמה מיט מעקסיקאָ האָט גענעראַל טעילאָר מיט נאָר 5,000 מאַן צוריקגעשטויסען אַ פּלוצלונגען אָנפאַל פון 30,000 מעקסיקאַנער און האָט זיי פאַרטריבען. „אָלד ראָף ענד רעדי", ווי די סאָלדאַטען האָבען איהם גערופען, איז געוואָרען אַזוי שטאַרק פּאָפּולער ביים פאָלק, אַז ביידע פּאַרטייען האָבען איהם געוואָלט האָבען פאַר פּרעזידענט. ער האָט קיינמאָל ניט געשטימט און מען האָט ניט געוואוסט זיינע פּאָליטישע מיינונגען. די פּאָליטישע פיהרער זיינען געווען געגען איהם, אָבער די וויהיג פּאַרטיי האָט איהם דאָך נאָמינירט, און ער איז ערוועהלט געוואָרען. ער האָט אָבער באַוויזען צו זיין אין ווייסען הויז נאָר אַ יאָהר מיט פיר מאָנאַטען און פינף טעג און איז געשטאָרבען פון פיבער.

וויליאַם האָוואַרד טעפט — זיבען־און־צוואַנציגסטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען. געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1857. זיין פאָטער איז געווען ריכטער, סעקרעטערי אָוו וואָר אונטער גרענט'ען, אַטוירני דזשענעראַל, און אַמבאַסאַדאָר קיין עסטרייך־אונגאַרן און רוסלאַנד. טעפט האָט זיך אויסגעצייכענט אַלס יוריסט און אַלס אומערשראָקענער ריכטער. ער איז באַריהמט געוואָרען מיט זיין אַרבייט אין פאַרבינדונג מיט די אַנטי־טראָסט געזעצען. פּרעזידענט רוזוועלט האָט איהם באַשטימט פאַר סעקרעטערי אָוו וואָר. אין 1908 איז ער נאָמינירט געוואָרען פאַר פּרעזידענט, רוזוועלט האָט איהם געשטיצט מיט זיין גאַנצען איינפלוס, און ער איז ערוועהלט געוואָרען. אין 1912 איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, און רוזוועלט איז נאָמינירט געוואָרען באַזונדער געגען טעפט'ען. ביידע קאַנדידאַטען האָבען פאַרלאָרען און ווילסאָן איז ערוועהלט געוואָרען

אין 1921 איז טעפט באַשטימט געוואָרען הויפּט ריכטער פון דעם יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט.

דזשיימס ראַסעל לאָועל — פּאָעט, עסייאיסט און דיפּלאָמאַט (1810 — 1891). לאָועל איז צוערשט געווען אַן אַדוואָקאַט. אין 1848 האָט ער פאַרעפענטליכט זיין פּאָפּולערסטע אַרבייט אַלס פּאָעט, די „ביגעלאָו פּייפּערס", אַ סעריע פּאָליטישע סאַטירעס אין דעם יענקי דיאַלעקט וועגען אַזעלכע ענינים, ווי די מעקסיקאַנער מלחמה, די נעגער שקלאַפעריי און דער בירגער קריג. לאָועלס פּערזען ווערען נאָך איצט אויך ציטירט און געלערענט אין די שולען. ער איז געוואָרען פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אין האַרוואַרד נאָך לאָנגפעלאָ'ס רעזיגנאַציע. שפּעטער האָט ער רעדאַקטירט דעם „אַטלאַנטיק מאָנטלי", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען פון עמערסאָן, לאָנגפעלאָ, האָלמס און איהם אַליין, און דעם „נאָרד אַמעריקען רעוויו". זיינע צוויי ווערק „עמאָנג מאַי בוקס" און „מאַי סטאַדי ווינדאָוס" האָבען איהם געשאַפען אַ גרויסע רעפּוטאַציע אַלס עסייאיסט. זיין פּאָפּולערסטע פּאָעמע איז „וויזשאָן אָף סיר לאָנפאַל".

אין 1877 איז לאָועל געווען אַמבאַסאַדאָר אין שפּאַניע און אין 1880 — אין ענגלאַנד. ער איז געווען איינער פון די איינפלוסרייכסטע אַמבאַסאַדאָרען, וואָס האָבען ווען עס איז פאַרטראָטען די פאַראייניגטע שטאַטען.

העגרי וואַדסוואָירט לאָנגפעלאָ — איינער פון די ערשטע און פּאָפּולערסטע אַמעריקאַנער פּאָעטען (1807 — 1882). אין 1817 האָט מען איהם אָנגעבאָטען די שטעל פון פּראָפעסאָר פון מאָדערנע שפּראַכען אין באָדאָין קאַלעדזש, און אין 1836 איז ער געוואָרען פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אין האַרוואַרד אוניווערסיטעט. אין 1853 האָט ער רעזיגנירט פון האַרוואַרד צוליב שלעכטען געזונט. פאַר דער צייט האָט ער אַ סך אַרומגערייזט איבער אייראָפּאַ און האָט באַוויזען צו פאַרעפענטליכען איניגע פון זיינע באַקאַנטסטע פּאָעמעס, צווישען זיי „איוואַנדזשעלין" און „הייאַוואַטאַ". אין 1861 האָט ער אָנגעהויבען איבערזעצען דאַנטע'ס גרויס ווערק, „דער גיהנום". ער האָט דאָס אַרויסגעגעבען אין פינף בענד, און זיין איבערזעצונג ווערט פאַררעכענט פאַר די בעסטע אין דער ענגלישער שפּראַך. צווישען זיינע בעסטע לענגערע ווערק דאַרף אויך פאַררעכענט ווערען „די קאָורטשיפּ אָוו מיילס סטענדיש".

לאָנגפעלאָ איז ביים אַמעריקאַנער עולם געווען פּאָפּולער אַלס פּאָעט, אָבער זיין פּראָמינענטען אָרט אין דער אַמעריקאַנער ליטע־

ראַטור האָט ער פאַרנומען מעהר מיט זיינע גרויסע פאַרדינסטען אַלס איבערזעצער און איבערטראַגער פון דער קולטור און ראָמאַנ־טיק פון דער אַלטער וועלט. אַזעלכע אויטאָ־רען, ווי פאָו, עמערסאָן, האָטאָרן שטעהען אַ סך העכער פון איהם מיט זייער אָריגינאַ־ליטעט און פיינערע קינסטלערישע אייגענ־שאַפטען, אָבער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור האָט לאָנג־פעלאָו זעהר אַ סך אויפגעטאָן.

ראָבערט עדוואַרד לי — הויפט קאָמאַנ־דיר פון דער קאָנפעדעראַטיווער אַרמיי (דרום שטאַטען) אין בירגער קריג (1807 — 1870) ער האָט געדינט אין דער פעדעראַלער אַרמיי, ביז זיין שטאַט ווירדזשיניע האָט זיך אָפּגע־ריסען אין אַפּריל, 1861. לי איז געוואָרען דער הויפט מיליטערישער פיהרער פון דער קאָנפעדעראַציע און האָט אָנגעפיהרט אַ האַרט־נעקיגען קאַמף. לי איז געווען איינער פון די גאַר גרויסע קריגס פיהרער אין דער גע־שיכטע. נאָך דעם פאַלען פון דער קאָנפעדע־ראַציע, איז לי באַשטימט געוואָרען פּרעזי־דענט פון וואַשינגטאָן קאָלעדזש, וואָס רופט זיך איצט וואַשינגטאָן ענד לי יוניווערסיטי.

דזשעק לאָנדאָן — איינער פון די פּאָ־פּולערסטע אַמעריקאַנער שרייבער־רעאַליסטען מיט אַ סאָציאַלער טענדענץ (1876 — 1916) אין זיינע ערצעהלונגען און ראָמאַנען קאָמ־בינירט לאָנדאָן אָפטמאָל דעם שאַרפסטען רעאַליזם מיט די ראָמאַנטישסטע טעמעס. אין זיין באַריהמטעסטען און פּאָפּולערסטען ווערק, „די קאָל אָוו די ווײַלד”, ווערט דערצעהלט, ווי אַ הונט שטעהט צו צו אַ סטאַדע וועלף לאָנדאָן איז זעהר פּאָפּולער ניט נאָר אין אַמע־ריקא, נאָר אויך אין די אייראָפּעאישע לענ־דער. זיינע אַנדערע גרעסערע ווערק זיינען: „די סי וואָלף”, „די געים”, „ביפאָר עדעם” און „די איירען היל”.

אייבערעהעם לינקאָלן — זעכצעהנטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1809 — 1865). לינקאָלן ווערט גערופען „דער אויסלייזער פון זיין לאַנד” און „דער באַפרייער פון די נעגערען”. לינקאָלן האָט געשטאַמט פון אַן אָרימער פאַמיליע אין קענטאָקי. זיין פאָטער, טאָמאַס לינקאָלן, איז געווען אַן אומגעבילדעטער און זעהר אָרימער מענש. זיין מוטער, נענסי ברוקס, איז גע־וועזען אַ פרוי מיט פאַרשטאַנד און כאַראַקטער. דער יונגער לינקאָלן האָט אויסגעפּרואווט פאַרשיידענע באַשעפטיגונגען, ביז ער איז אין 1837, נאָך יאָהרען פון זעלבסטבילדונג, געוואָרען אַן אַדוואָקאַט. ער איז געווען טעג־טיג אין פּאָליטישען לעבען און האָט געהאַט באַשטימטע געדאַנקען וועגען דער נעגער פראַ־גע. ווען די דאָזיגע פראַגע איז געוואָרען די הויפט פראַגע אין די פּרעזידענט וואַהלען פון 1860, האָט איהם די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי נאָמינירט פאַר פּרעזידענט, און ער איז ער־וועהלט געוואָרען.

אַ מאָנאַט נאָכדעם, ווי ער איז איינגע־שוואָרען געוואָרען פּרעזידענט, האָט זיך אָנ־געהויבען דער בירגער קריג. דאָס זיינען געווען זעהר שווערע יאָהרען פאַר'ן לאַנד, און לינקאָלן איז גראַד געווען זעהר גוט צו־געפּאַסט צו זיין צייט און אויסצופיהרען די גרויסע אַרבייט, וואָס איז אויסגעפאַלען אויף זיין גורל. ווי אַ גוטער קאַפּיטאַן, האָט ער מיט אַ פעסטער האַנט געפיהרט די שיף פון דער רעפּובליק און האָט עס אַרויס־געפיהרט פון די גרויסע געפאַהרען.

לינקאָלן איז געווען זעהר באַליבט ביי די אַמעריקאַנער פאָלקס מאַסען. ער איז גע־ווען אַזוי עהרליך, אַז מען האָט איהם געגע־בען אַ צונאָמען „אָנעסט אייב”. ער איז גע־ווען שטאַרק, מענליך, אמת'דיג, געטריי און טיף רעליגיעז, האָט ליב געהאַט דעם אמת און האָט פיינט געהאַט די פאַרשיידענע פּאָלי־טישע קונצען. ער האָט פאַרמאָגט הויכע אידעאַלען און אַ שטאַרקען כאַראַקטער.

צום סוף פון זיין ערשטען פּרעזידענטס טערמין, איז די הויפט פראַגע געווען, צי זאָל מען די מלחמה ווייטער פיהרען ביז צו אַ זיגרייכען סוף. אויף דער דאָזיגער אישו איז לינקאָלן ווידער ערוועהלט געוואָרען פּרע־זידענט.

אַ מאָנאַט נאָך זיין צווייטער ערוועהלונג, ווען דער פּרעזידענט איז געזעסען אין פאָרד'ס טעאַטער, אין וואַשינגטאָן, האָט אַ פּאָליטי־שער פאַטריאָט פון די דרום שטאַטען, דער אַקטיאָר דזשאָן ווילקעס בוט, אויסגעשאָסען אין פּרעזידענט און איהם טויטליך פאַר־וואונדעט.

די באַפרייאונג פון די נעגערען איז אָפי־ציעל ערקלערט געוואָרען דורך לינקאָלן'ס אַ פּראָקלאַמאַציע. די רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין געטיסבורג, אויפ'ן נאַציאָנאַ־לען בית עולם, וואָס מען האָט געמאַכט לעבען

אַ שלאַכטפעלד, ווערט גערעכענט פאַר איינע פון די גרעסטע רעדעס, וואָס זיינען דאָ ווען עס איז געהאַלטען געוואָרען. זי איז איבערזעצט געוואָרען אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען.

דזשיימס מאָנראָו — פינפטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1758—1831). אין 1776 האָט ער פאַרלאָזען דעם קאָלעדזש און איז אַריינגעטראָטען פריוויליג אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. אין 1780 האָט ער גענומען שטודירען יוריספּרודענץ אונטער טאָמאַס דזשעפערסאָן, וואָס איז דעמאָלט געווען גאָווערנאָר פון ווירדזשיניע. צו 24 יאָהר איז ער שוין געווען אַ מיטגליד פון גאָווערנאָרס קאָונסיל. אין 1783 איז ער געוואָרען קאָנגרעסמאַן, און אין 1790 — סענאַטאָר. אין 1794 איז ער געווען אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך, אין 1799 גאָווערנאָר פון ווירדזשיניע. אין 1803 איז ער געפאַהרען קיין פראַנקרייך צו העלפען אין דעם אָפּמאַך וועגען אָפּקויפען לואיזיאַנאַ. ער איז שפּעטער געווען סעקרעטערי אָוו סטייט און סעקרעטערי אָוו וואָר. אין 1816 איז ער ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט, און אין 1820 איז ער ווידער ערוועהלט געוואָרען כמעט איינשטימיג.

פּרעזידענט מאָנראָו איז באַריהמט געוואָרען מיט זיין מעסעדזש פון 1823, וואו ער האָט פאָרמולירט די אַזוי גערופענע „מאָנראָו דאָקטרין", אַז „אַמעריקא איז פאַר די אַמעריקאַנער".

עדווין מאַרקהעם — דיכטער (1852—) ער שטאַמט פון וויליאַם פען, דעם גרינדער פון פּענסילוועניע. ער איז געווען אַ לעהרער אין קאַליפאָרניע. שפּעטער איז ער באַריהמט געוואָרען מיט זיין פּאָעמע: „די מען וויד די האָו", אינספּירירט פון אַ באַריהמטען בילד מיט דעם זעלביגען נאָמען פון דעם פראַנצויזישען מאַלער מילע. זיין פּאָעמע „לינקאָלן" ווערט גערעכענט פאַר זיין בעסטע אַרבייט, מאַרקהעם ווערט גענומען פאַר אַ מוסטער פון אַמעריקאַנער סאָציאַלער דיכטונג.

סעמיועל פינלי בריז מאָרס — ערפינדער פון טעלעגראַף און קינסטלער (1791—1872). אין אָנהויב פון זיין קאַריערע איז מאָרס געווען א באַדייטענדער קינסטלער, אין 1813 האָט ער אויסגעשטעלט זיין סטאַטוע „דער טויט פון הערקולעס" און האָט פאַר איהר באַקומען צוויי גאָלדענע מעדאַלען. ער האָט אין 1824—1825 געגרינדעט די „נייטאָנאַל אַקאַדעמי אָוו דעזיין". שפּעטער איז ער געוואָרען פּראָפעסאָר אין ניו יאָרקער אוניווערסיטעט, וואו ער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט עקספּערימענטען אין עלעקטראָ־מאַגנעטיזם. אין 1835 האָט ער אויסגעשטעלט אַ מאָדעל פון אַ טעלעגראַף. די רעגירונג אָבער, צו וועלכער ער האָט זיך געהאַט געווענדעט, האָט ערשט אין 1843 באַוויליגט 30,000 דאָלאַר אויף אַן עקספּערימענטאַלע ליניע צווישען וואַשינגטאָן און באַלטימאָר. די ערשטע ווערטער „וואָס האָט גאָט באַשאַפען?" זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען פון וואַשינגטאָן דעם 24טען מאַי, 1844. דער טעלעגראַף איז געווען אַן ערפאָלג. מען האָט מאָרס'ען פאַרשאָטען מיט מתנות און כבוד פון דער גאַנצער וועלט. די הויפּט רעגירונגען פון אייראָפּע האָבען צוזאַמען איהם געגעבען א מתנה פון 200000 פראַנק.

מאָרס האָט אויך געמאַכט אַן אָנהויב פון אַן אונטערוואַסער טעלעגראַף אין ניו יאָרקער האַפען, און אין אַ בריף האָט ער געגעבען אָנצוהערען וועגען דער מעגליכקייט פון אַן אַטלאַנטישען קייבעל. מאָרס איז אויך דער ערפינדער פון דאַגערעאָטיפּ.

האַדסאָן מאַקסים — ערפינדער און אינזשענער (1853—1926). צו 30 יאָהר האָט ער געעפענט אַ דרוקעריי און האָט אַרויסגעגעבען אַ בוך וועגען שרייבען און צייכענען. ער האָט פון דעם בוך פאַרקויפט אַ האַלבען מיליאָן קאָפּיעס. ער האָט אויסגעפונען א נייעם כעמישען טינט און אַ נייעם פּראָצעס פון דרוקען אין קאָלירען. אין 1888 האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט פאַברוצירען געוועהר און עקספּלאָזיווע שטאָפען. ער האָט דער ערשטער דאָ אין לאַנד פּראָדוצירט רויכלאָזען פּולווער. אין 1891 האָט ער פאַרקויפט דער רעגירונג דעם סוד פון דעם אויפריים שטאָף „מאַקסיטים", וואָס איז מיט פופציג פּראָצענט שטאַרקער פון דינאַמיט.

דזשיימס מעדיסאָן — פערטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1751—1836). „דער פאָטער פון דער קאָנ־

סטיטוציע". אין 1775 איז ער געווען פאַרזיצער פון דער „קאָמיטי אָוו פּאַבליק סייפטי", און שפּעטער איז ער ערוועהלט געוואָרען אין קאָנגרעס. אין 1801 איז ער געוואָרען דזשעפערסאָנ'ס סעקרעטערי אָוו סטייט. אין 1808 איז ער געוואָרען פּרעזידענט און איז ווידער ערוועהלט געוואָרען אין 1812.

די באַריהמטע אַרטיקלען אין אלעקסאַנדער העמילטאָנ'ס פּאָליטישער צייטשריפט „פעדעראַליסט" (1787—1788), וואָס האָט געהאט אַ גוואלטיגען איינפלוס און האָט געוואונען אזוי פיל פריינד פאר דער נייאָנגענומענער קאָנסטיטוציע, זיינען געשריבען געוואָרען פון האַמילטאָן, מעדיסאָן און דזשאַן דזשעי. די אַרטיקלען זיינען אזוי גרינטליך, אַז זיי ווערען געהאַלטען פּאָר פּונקט אזוי וויכטיג, ווי די קאָנסטיטוציע גופא. מעדיסאָן האָט אַ סך געהאָלפען פאָרמולירען די קאָנסטיטוציע און האָט זעהר שטאַרק געווירקט, אַז זי זאָל אָנגענומען ווערען.

וויליאַם מעקינלי — פינף־און־צוואַנציגסטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1843 — 1901). ווען דער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעהויבען, איז דער 18 יאָהריגער מעקינלי אַריינגעטראָטען אין דער אַרמיי און האָט זיך דערדינט ביז צום ראַנג פון מאַיאָר, נאָך דער מלחמה האָט ער שטודירט, איז געוואָרען אַן אַדוואָקאַט און האָט זיך שטאַרק פאַרנומען מיט פּאָליטישער טעטיגקייט. אין 1876 איז ער ערוויילט געוואָרן אין קאָנגרעס, אין 1896 איז ער נאָמינירט און ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט. אין פאַרלויף פון זיין אַדמיניסטראַציע איז פאָרגעקומען די שפּאַניש־אַמעריקאַנער מלחמה. און די פיליפּינען, פּאָרטאָ ריקאָ, גואַם, די האַוואַי אינזלען זיינען געוואָרען אַמעריקאַנער טעריטאָריע. אין 1900 איז ער ווידער ערוועהלט געוואָרען, אָבער אין 1901, ביי דער פּאַן־אַמעריקאַנער אויסשטעלונג אין באָפאַלאָ, איז ער דערשאָסען געוואָרען פון לעאָן טשאָלגאָש.

מעקינלי איז געווען אַ שטאַרקער פּאַרטיי פיהרער און האָט געוואוסט, ווי זיך אַרומצורינגלען מיט פעהיגע מענשען. זיין סעקרעטערי אָוו סטייט דזשאַן העי איז געווען איינער פון די בעסטע שטאַטסמענער אין דער געשיכטע פון דער רעפּובליק.

אויגוסטוס סט. גאָודענס — סקולפּטאָר (1848 — 1867) ער איז געבראַכט געוואָרען פון אירלאַנד קיין אַמעריקא, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. אינגעלוויז האָט ער זיך געלערענט קאַמעאָ שניצעריי. שפּעטער האָט ער שטודירט אין פּאַריז. אַ סך פון זיינע אַרבייטען קאָן מען זעהן אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ, באָסטאָן, ספּרינגפילד, מאַס. און אַנדערע ערטער אין לאַנד. צווישען זיי זיינען: „לינקאָלן", „דער פּוריטאַנער", „דיאַנע" (געהערט צום ניו יאָרקער אוניווערסיטעט) און די מערקווירדיגע סטאַטוע פון אַדמיראַל פאַראַגוט, פון דער סעריע העלדען פון בירגער קריג (שטעהט אין מעדיסאָן סקווער, ניו יאָרק).

קאַרל סאַנדבורג — פּאָעט (1878). ער האָט געהאַט אַ רייכע לעבענס ערפאַהרונג, איידער ער האָט גענומען דרוקען זיינע לידער און פּאָעמעס. ער האָט אויסגעפּרואווט אַלערליי שווערע באַשעפטיגונגען, פון פאַרם אַרבייט ביז רעדאַקטירען צייטשריפטען. ער איז אויך געווען אַ סאָלדאַט און אַ קעפּטיין פון אַ קאָלעדזש פוטבאָל טים. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם, שטאַרקען טאָן אין דער אַמעריקאַנער דיכטונג און די געוועהנליכע גאַסען שפּראַך פון דעם געוועהנליכען מענשען פון דער מאַסע. זיינע זאַמלונגען „שיקאַגאָ פּאָעמס", „קאָרן האַסקערס", „סמאָוק ענד סטיל" זיינען וועלט־באַריהמט. סאַנדבורג איז אויך דער אויטאָר פון אַ ביאָגראַפיע פון אייבערעהם לינקאָלן. סאַנדבורג איז אין דיכטונג אַן אייגענאַרטיגער יורש פון וואָלט וויטמאַן. ער שטאַמט פון אַ שוועדישער פאַמיליע.

הערייעט ביטשער סטאָו (1812—1896) —איהר ראָמאַן „אָנקעל טאָמ'ס קעבין" איז דאָס באַרימטסטע בוך, וואָס האָט צו טאָן מיט'ן בירגער־קריג. אין ראָמאַן ווערט אויף אַ דראַמאַטישען אופן פאָרגעשטעלט די נעגער־שקלאַפעריי אין די דרום־שטאַטען. זי האָט אויך פאַרעפענטליכט אַ באַנד ערצעהלונגען פון דעם לעבען אין ניו־ענגלאַנד.

דזשאָזעף סמיט — נביא פון דער אַמעריקאַנער סעקטע מאָרמאָנען (1805 — 1844). אין 1830 איז געגרינדעט געוואָרען די מאָרמאָנישע קירך. די סעקטע האָט געהאַט צרות מיט דער אַרומיגער באַפעלקערונג, און מען

האט סמיט'ן אפט ארעסטירט, איינמאל, ווען סמיט איז געזעסען אין געפענגעניש אין קארטיידזש, אילינאי, האט זיך אהין ארויפגעריסען א המון און האט סמיט'ן ערמארדעט. איצט געפינען זיך זיינע נאכפאלגער אין סאלט לייק סיטי, יוטא.

דזשאן סמיט — קאפיטאן, ענגלישער אוואנטוריסט און גרינדער פון דער קאלאניע דזשיימסטאון (1580 — 1631) האט זיך באטייליגט אין אייראפעאישע מלחמות, האט געגרינדעט דזשיימסטאון אין 1607 און איז געווארען גאווערנאר פון דער קאלאניע. שפעטער האט ער באזוכט ניי־ענגלאנד און האט געצייכענט די ערשטע לאנדקארטע פון יענער געגענט. האט אנגעשריבען איניגע ביכער פון געשיכטע און באשרייבונגען, איינס פון וועלכע איז געווען דאס ערשטע געדרוקטע בוך אין אמעריקא (1608).

דזשאן סינגער סארדזשענט, מאלער (געב. 1856) — סארדזשענט איז באריהמט געווארען מיט זיינע פארטרעטען און ווערט גערעכענט פאר איינעם פון די גרעסטע פארטרעטיסטען פון זיין צייט. די קארידארען פון דער גרויסער באסטאנער פאבליק־לייברערי זיינען באצירט מיט סארדזשענט'ס מאלעריי „דער פארטשריט פון רעליגיע".

דזשאן עדעמס — דער צווייטער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען, איז געבארען געווארען אין ברוינטרי, מאסאטשוזעטס, אין 1735. געשטארבען איז ער אין 1826, א יאהר נאכדעם ווי זיין זוהן, דזשאן קווינסי עדעמס, איז איינגעשווארען געווארען פרעזידענט.

דזשאן עדעמס האט אפגעשטאמט פון פארמערס. ער איז געווען א פראמינענטער אדוואקאט אין די צייטען פון דער רעוואלוציע און איז געווען איינער פון די אנגעזעהענסטע פיהרער פון דער געגנערשאפט צו ענגלאנד, וועלכע האט ענדליך געבראכט צו דער רעוואלוציאנערער מלחמה און צו דער באפרייאונג פון ענגלישער הערשאפט.

ווען וואשינגטאן איז ערוועהלט געווארען פרעזידענט צום ערשטען מאל, איז דזשאן עדעמס ערוועהלט געווארען וויים־פרעזידענט. שפעטער איז ער געווען פרעזידענט־קאנדידאט געגען דזשעפערסאן צוויי מאל. דעם ערשטען מאל האט ער געוואונען, דעם צווייטען מאל—דזשעפערסאן. ער האט זיך אויסגעצייכענט אלס א נוצליכער, ארבייטסזאמער, עהרליכער און איבערגעגעבענער פאטריאט, און זיין אדמיניסטראציע איז געווען זעהר נוצליך פאר דעם אויפבוי פון לאנד.

דזשאן קווינסי עדעמס — א זוהן פון דזשאן עדעמס, דער זעקסטער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען, איז געבארען געווארען אין ברוינטרי, מאסאטשוזעטס, אין 1767 און געשטארבען אין וואשינגטאן אין 1848. ווען מעדיסאן איז ערוועהלט געווארען פרעזידענט, איז עדעמס באשטימט געווארען אמבאסאדאר קיין רוסלאנד. אונטער פרעזידענט מאנראו איז ער באשטימט געווארען סעקרעטערי אוו סטייט. זיין גרעסטער אויפטו איז געווען דער אפמאך מיט שפאניע, לויט וועלכען אמעריקע האט אפגעקויפט די שפאנישע קאלאניע פלארידא פאר פינף מיליאן דאלאר. שפעטער איז ער ערוועהלט געווארען פרעזידענט געגען ענדריו דזשעקסאן, אבער ביי די נעקסטע וואהלען האט איהם דזשעקסאן באזיגט.

פונקט ווי זיין פאטער, האט דזשאן קווינסי עדעמס זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פאטריאטיזם, עהרליכקייט און פעהיגקייט און מיט זיין אויפרעגבארען כאראקטער, וואס האט געמאכט אלעמען פאר זיינע שונאים. ער איז געווען דער אויטאר פון דער „מאנראו דאקטרינע".

נאכדעם ווי ער איז שוין געווען פרעזידענט, האט מען איהם ערוועהלט אין קאנגרעס. אין קאנגרעס איז ער געווען אהן א פארטיי און אהן פריינט, אבער דער פעהיגסטער, ענערגישסטער און אויפריכטיגסטער פאטריאט. אין קאנגרעס איז ער געשטארבען פון אפאפלעקסיע.

סעמיועל עדעמס—באריהמטער פאטריאט און פיהרער פון דער רעוואלוציע אין באסטאן. ווען די ענגלענדער האבען געשיקט א מיליטערישע אפטיילונג פון באסטאן קיין קאנקארד, האבען זיי הויפטזעכליך געוואלט כאפן אים און דזשאן הענקאק און ארעסטירען זיי אלס די „רעדעלפיהרער", אבער די רעוואלוציאנערע באוועגונג איז געווען א סך ערנסטער, ווי די ענגלענדער האבען געמיינט. סעמיועל עדעמס האט אויפגעטאן מער פון אלעמען אויפצוהויבען די רעוואלוציע און צו באפרייען די קאלאניעס פון ענגלישען יאך. ער איז געבא־

רען געוואָרען אין 1722 און געשטאָרבען אין 1803.

דזשיין עדעמס — געבאָרען אין 1860, באַריהמטע סעטעלמענט טוערין. האָט אין 1889 געגרינדעט אין שיקאַגאָ דעם פּאָפּולערסטען סעטעלמענט אין לאַנד, די „האָל האַוז". „דעמאָקראַטיע און סאָציאַלע עטיק" און „די נייעסטע פרידענס אידעען", זיינען די נעמען פון ביכער, וואָס זי האָט פּאַרעפענטליכט.

ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן — באַריהמטער פּאָעט און פילאָסאָף (1803 — 1882). עמערסאָן איז צוערשט געווען אַ פּאַסטאָר אין באָסטאָן. צווישען 1832 און 1872 האָט ער זיך באַשעפטיגט מיט לעקציעס. ער איז געווען דער הויפּט טעאָרעטיקער פון דער באָסטאָנער „טראַנסצעדענטאַליסטען" און האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אין אַמעריקא און אין אייראָפּא. ער איז מעהר באַריהמט מיט זיינע פילאָזאָפישע עסעיס, איידער מיט זיין פּאָעזיע, אָבער אויך אַ טייל פון זיינע פּערזען זיינען געבליבען צווישען דער בעסטער דיכטונג אין דער ענגלישער שפּראַך. אין זיין גרויסען איינפלוס דאָ אין לאַנד און אין אויסלאַנד קאָן ער זיך פאַרגלייכען נאָר מיט פּאָו און וויטמאַן.

טאָמאַס אַלוואַ עדיסאָן — באַריהמטער ערפינדער (1843) אינגעלוויז האָט ער פאַרקויפט צייטונגען אויף די באַהנען. שפּעטער איז ער געווען דער שנעלסטער טעלעפאָן און טעלעגראַף אָפּערייטאָר, אין 1869 איז איהם געלונגען צו ווערען סופּעראינטענדענט פון אַ טעלעגראַף קאָמפּאַניע. ער האָט דער קאָמפּאַניע באַלד פאַרקויפט אַן ערפינדונג, און מיט'ן געלט האָט ער געעפענט אַ פאַבריק אין וועסט אָרעדזש, ניו דזשוירזי, וואו ער האָט געמאַכט די מעהרסטע פון זיינע ערפינדונגען.

עדיסאָן האָט געמאַכט צופיל ערפינדונגען, אַז מען זאָל זיי דאָ קאָנען אויסרעכענען. ער האָט אַרויסגענומען טויזענטער פּאַטענטען דאָ אין לאַנד און אין אַנדערע לענדער, מיט זיינע ערפינדונגען האָט ער געגעבען אַ מיליאָן מענשען באַשעפטיגונג.

מיר וועלען דאָ נאָר דערמאָנען איינציגע פון זיינע ערפינדונגען.

ער האָט אויסגעפונען דעם מימעאָגראַף. ער האָט אויסגעבעסערט די שרייב־מאַשין. ער האָט אויסגעפונען דעם פאָנאָגראַף, וואָס ווערט איצט באַנוצט פאַר מוזיק און וואָדעוויל, ער האָט אויסגעפונען סטענאָגראַפיע און אַ מעטאָד פון שפּראַך לערנען, דעם אוידאָפאָן פאַר טויבע, אַ סובמאַרין טאָרפּעדאָ א. אַז. וו.

אפשר די גרעסטע פון אַלע זיינע ערפינדונגען איז די אינקאַנדעסענט לאָמפּ. זיין צווייטע וויכטיגסטע ערפינדונג איז די אַנטוויקלונג פון דעם קינעטאָסקאָפּ אין דער איצטיגער קינעמאַטאָגראַף אינדוסטריע, וואָס איז אינגאַנצען באַזירט אויף עדיסאָנס פּאַטענטען.

צווישען די מאָדערנע ערפינדער שטעהט קיין נאָמען ניט העכער פון טאָמאַס אַלוואַ עדיסאָן.

טשאַרלז וויליאַם עליאָט (1834—1926) — באַרימטער ליבעראַלער געלערטער און פיהרער פון האַרוואַרדער אוניווערזיטעט, וואו ער איז געוואָרען פּראָפעסאָר אין 1854 און איז געווען פּרעזידענט אַ צייט פון פערציג יאָהר, פון 1869 ביז 1908, ווען ער האָט רעזיגנירט עליאָט איז געווען איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטען אין ערציהונגס און בילדונגספראַגען. ער האָט אויך אַ סך געשריבען איבער סאָציאַלע פּראָבלעמען.

דזשאָן עריקסאָן — ערפינדער (1803 — 1889) אין 1836 האָט ער אויסגעפונען דעם שרויף פּראָפּעלער פאַר דאַמפּשיפען. די ענגלישע אַדמיראַליטעט האָט זיך מיט דעם ניט פאַראינטערעסירט, און עריקסאָן האָט די ערפינדונג פּאַטענטירט אין אַמעריקא. ער האָט אויסגעבויט פאַר דער רעגירונג די קריגשיף „פּרינסטאָן", די ערשטע מיט'ן אינדזשין און קעסלען אונטער'ן וואַסער. די „פּרינסטאָן" איז געווען דער פּיאָנער פון מאָדערנער שיף קאָנסטרוקציע און דער פונדאַמענט פון דעם דאַמפשיף פלאָט אויף דער וועלט. אין 1861 האָט ער אויסגעבויט פאַר דער רעגירונג דעם באַריהמטען „מאָניטאָר", געפּאַנצערט מיט אייזען, מען האָט דעם „מאָניטאָר" פאַרענדיגט בויען פונקט אין צייט צו באַזיגען די „מעררימאַק", אויך אַן אייזענגעפּאַנצערטע שיף פון דער קאָנפעדעראַציע, וואָס האָט אין אָנהויב פון בירגער קריג אָנגעטאָן אַ סך שאָדען דעם נאָרד. עריקסאָן איז געבאָרען געוואָרען אין שוועדען.

דזשיימס נאָקס פּאָלק — עלפטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1795 — 1849). אין 1823 איז ער ערוועהלט גע־

וואָרען קאָנגרעסמאַן און איז געווען ספּיקער אין קאָנגרעס פון 1835 ביז 1839. אין 1839 איז ער געווען גאָווערנאָר פון טענעסי, אין 1844 האָט די דעמאָקראַטישע קאָנווענשאָן ניט געקאָנט זיך איינינגען אויף אַ פּרעזידענט קאַנדידאַט, און פּאָלק איז נאָמינירט און ערוועהלט געוואָרען.

צווישען די גרויסע געשעהענישען אונטער פּרעזידענט פּאָלק׳ס אַדמיניסטראַציע זיינען: די גרינדונג פון אן אומאָפּהענגיגער טרעזשורי, די פאַרקלענערונג פון טאַריף און די מלחמה מיט מעקסיקאָ, וואָס האָט גע־בראַכט די פאַראייניגטע שטאַטען אַ סך נייע טעריטאָריע.

פרענסיס פּאַרקמען — היסטאָריקער, (1823 — 1893). דער בעסטער פון דער פּלעיאַדע אַמעריקאַנער היסטאָריקער (בענק־ראָפט, פּרעסקאַט, מאָטלי). פּאַרקמענס ווערק צייכענען זיך אויס מיט אַ פיינעם ליטעראַ־רישען סטיל, און דערביי ווערען אַלע היסטאָ־רישע פּאַקטען ריכטיג איבערגעגעבען.

עדגאַר עלען פּאָו — איינער פון די גרעסטע ליטעראַרישע גאונים פון אַמעריקאַ און פון זיין צייט (1809 — 1849). פּאָו׳ס עלטערען זיינען געווען אָרימע וואַנדערענ־דיגע אַקטיאָרען. פּאָו איז געבליבען אַ יתום צו צוויי יאָהר און איז אַדאָפּטירט געוואָרען פון אַ רייכען באַלטימאָרער סוחר דזשאָן עלען, פון וועמען פּאָו האָט איבערגענומען זיין מיטעלסטען נאָמען. ער האָט שטודירט אין ענגלאַנד, אין ווירדזשיניער אוניווער־סיטעט און אין דער מיליטערישער אַקאַדע־מיע אין וועסט פּאָינט, נ. י., און איז אַ פּאָר יאָהר געווען אין דער אַרמיי. דערנאָך איז ער געווען מיטאַרבייטער און רעדאַקטאָר פון פאַרשיידענע אויסגאַבען אין ריטשמאָנד פילאדעלפיע און ניו יאָרק.

פּאָו האָט געשריבען ערצעהלונגען, קרי־טיק און פּאָעזיע. זיין טעאָריע פון פּאָעזיע און פון דער קורצער ערצעהלונג האָט ער שטרענג אַליין דורכגעפיהרט. פּאָעזיע איז לויט פּאָו, די ריטמישע באַשאַפונג פון שעהנקייט". אַ פּאָעמע מוז זיין אינערליך גאַנץ און איינס, און דעריבער קאָן זי ניט זיין זעהר לאַנג. זי טאָר ניט אונטערבראָכען ווערען, ווייל אַניט פאַרלירט זיך איהר ווירקונג. דאָס זעלביגע מיט דער קורצער ערצעהלונג. פּאָו האָט געהאַלטען, אַז פּאָעזיע דאַרף ניט האָבען פאַר איהר הויפּט אינהאַלט ניט דעם „אמת" און ניט די „גערעכטיג־קייט". מיט׳ן „אמת" האָט צו טאָן די וויסענשאַפט, און מיט „יושר" באַשעפטיגט זיך די עטיק.

אין זיינע בעסטע ווערק איז פּאָו׳ס ליטע־ראַרישע פאָרם כמעט אָהן אַ פּגימה. ער צייכענט זיך אויס אין זיין פּאָעזיע און אין די ערצעהלונגען מיט אַ שטאַרקער איינבילדונגס קראַפט, אן אָריגינעלער פאַראייניגונג פון אַ שאַרפען אַנאַליטישען שכל מיט דער פעהיג־קייט אויפצובויען אַ גאַנצע און קאָנצענט־רירטע זאַך. אין זיינע בעסטע ערצעהלונגען איז שווער צו געפינען אן איבעריג וואָרט. די שורות פון זיינע פּאָעמעס זייגען מערק־ווירדיג מוזיקאַליש. די דרויסענדיגע וועלט האָט זעהר ווייניג אָרט אין פּאָוס ווערק. שאַרף איז ביי איהם דער אַנאַליז פון גע־פייניגטע נשמות. זיין הימעל איז אַשיג־גרוי, זיינע געשטאַלטען — שאָטענס, זיין וועלט — אַ שווערער, שרעקליכער, אָבער שעהנער חלום. פּאָו איז אויך געווען דער ערפינדער פון דער „דעטעקטיוו סטאָרי". צווישען פּאָו׳ס בעסטע ערצעהלונגען זיינען: „די פּאָל אָוו די האַוז אָוו אשר" און „לי־גייאַ". צווישען די בעסטע פּאָעמעס: „טו העלען", „אנאבעל לי", „איזראַפעל" „יולאלום".

דייוויד גלעזגאָוו פאַראַגוט — בּאַריהמ־טער אַמעריקאַנער אַדמיראַל (1801 — 1870) דעם 5טען אויגוסט, 1864, אין דער צייט פון בירגער קריג האָט פאַראַגוט געוואונען די שלאַכט ביי מאָביל בעי, איינע פון די גרעסטע ים־שלאַכטען אין דער מאָדערנער געשיכטע.

ראָבערט פולטאָן — ערפינדער פון דאַמפשיף (1765 — 1815). ער האָט צו־ערשט געוואָלט ווערען אַ מאַלער און איז גע־פאָהרען קיין ענגלאַנד צו שטודירען אונטער בענדזשאַמין וועסט. אָבער אין ענגלאַנד האָט ער זיך באַקענט מיט דעם ערפינדער וואַט און האָט זיך פאַראינטערעסירט אין וויסענ־שאַפטליכע ערפינדונגען. ער האָט אויסגעפו־נען אַ מאַשין צו שפּינען פלאַקס און מאַכען שטריק. אין 1796 האָט ער פאַרעפענטליכט אַ בוך וועגען דער אויסבעסערונג פון קאַנאַל פאַרקער. אין 1891 האָט ער דעמאָנסטרירט אַ סובמאַרין, אָבער ניט נאַפּאָלעאָנ׳ס רעגי־

רונג און ניט די רעגירונג פון ענגלאַנד האָבען זיך אין דעם פּאַראינטערעסירט, ווייל די סובמאַרין איז געווען הילפלאָז אַנטקעגען אַ שטאַרקען שטראָם. אין 1806 האָט ער זיך אומגעקערט קיין אַמעריקאַ. אין 1807 האָט ער באַוויזען, אַז אַ שיף קאָן ווערען געטריבען מיט דאַמף. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דאַמפּשיפען. זיין ערשטער דאַמפּער „קלערמאָנט" איז געפאָהרען אויפ'ן טייך האָדסאָן מיט דער שנעלקייט פון פינף מייל אַ שעה. דער דאַמפּער פּאַרקער האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער אַמעריקאַ און איבער דער גאַנצער וועלט. פולטאָן אָבער האָט ביז צו זיין פריהצייטיגען טויט געמוזט פיהרען ענדלאָזע פּראָצעסען מיט מענשען, וואָס האָבען אויסגענוצט זיינע פּאַטענטען.

ווענדעל פיליפּס — באַרימטער ראַדיקאַל און באַקעמפּער פון שקלאַפעריי (1811 — 1884). פיליפּס איז געווען אַ פייערדיגער אָראַטאָר און אַ גרויסער אידעאַליסט. מיט זיין פּערזענליכקייט, גרויסען רעדנער־טאַלאַנט און אידעאַליזם האָט ווענדעל פיליפּס געהאַט אַן אומגעהויערען איינפלוס. ער איז געווען איינער פון די אַנגעזעהענסטע אַבאָליציאָניסטען, ווי די געגנער פון נעגער־שקלאַפעריי האָבען זיך דעמאָלט גערופען.

מילאַרד פילמאָר — דרייצעהנטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1800 —1874). ביז 15 יאָהר האָט ער זיין בילדונג באַקומען אין דער היים. דערנאָך האָט מען איהם אָפּגעגעבען לערנען אַ פאַך. אָבער צו 19 יאָהר האָט ער זיך אויסגעקויפט און האָט גענומען שטודירען, אַרבייטענדיג אַלס לעהרער און אַלס פּאָסט־אָפיס אַגענטשעלטער. ער איז געוואָרען שפּעטער אַן ערפאָלגרייכער אַדוואָקאַט. אין 1833 איז ער ערוועהלט געוואָרען צום קאָנגרעס. אין 1848 איז ער ערוועהלט געוואָרען וויים־פּרעזידענט מיט טעילאָר אַלס פּרעזידענט. ווען פּרעזידענט טעילאָר איז געשטאָרבען, איז פילמאָר געוואָרען פּרעזידענט. מען האָט איהם מעהר ניט נאָמינירט. אין 1856, ווען די „אַמעריקאַנער" אָדער „נאָו נאָטינג" פּאַרטיי האָט איהם נאָמינירט, האָט ער געוואונען נאָר איין שטאַט, מערילענד.

ראָבערט עדווין פּירי — אַנטדעקער פון נאָרד פּאָל (1856). ער איז געווען אַן אָפיציר אין אַמעריקאַנער פלאָט. זיין ערשטע רייזע צו די צפון געגענטען האָט ער געמאַכט אין 1886. אין פאַרלויף פון אַ סך שפּעטערדיגע רייזעס האָט ער אויסגעפאָרשט די צפון ברעגען פון גרינלאַנד און באַשטימט, אַז דאָס איז אַן אינזעל. אַ שטיק פון דעם אינזעל רופט זיך פּירילענד, נאָכ'ן נאָמען פון אַנטדעקער. מיט יעדער רייזע איז ער געקומען אַלץ ווייטער צו צפון, און דעם 6טען סעפּטעמבער, 1909 איז אָנגעקומען פון איהם די ידיעה, אַז ער האָט דערגרייכט דעם נאָרד פּאָל דעם 6טען יולי, 1909. ער איז באַעהרט געוואָרען פון וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפטען אין אַ סך לענדער.

פרענקלין פּירס — פערצעהנטער פּרעזידענט פון די פּאַראייניגטע שטאַטען (1804 — 1869). צו 23 יאָהר איז ער געוואָרען אַן אַדוואָקאַט. צו 25 יאָהר איז ער געוואָרען קאָנגרעסמאַן, דערנאָך ספּיקער, צו 33 יאָהר איז ער געוואָרען סענאַטאָר און איז געווען דער אינגסטער מיטגליד אין סענאַט. אין 1846, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה מיט מעקסיקאָ, איז ער אַריינגעטראָטען אין דער אַרמיי אַלס פריוווילוגער און האָט דערגרייכט דעם ראַנג פון בריגאַדיר־גענעראַל פון וואָלונטירען. אין 1852 איז ער נאָמינירט געוואָרען פּרעזידענט קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און האָט באַקומען די גרעסטע מאַיאָריטעט זינט מאָנראָ. ער איז געווען דער אינגסטער פּרעזידענט, וואָס דאָס לאַנד האָט געהאַט. צוליב דעם, וואָס זיין שטעלונג צו נעגער שקלאַפעריי איז ניט געווען גענוג פעסט, איז ער פאַר אַ צווייטען טערמין ניט נאָמינירט געוואָרען.

וויליאַם פּען — גרינדער פון פּענסילווייניע (1644 — 1718). פּען האָט פון קעניג געבעטען און באַקומען לאַנד אין אַמעריקע, פאַר אַ חוב פון 16,000 פונט, וואָס דער קעניג האָט געקומט פּענס פאָטער. פּען איז געווען אַ קווייקער און האָט אין דעם גרויסען שטח לאַנד, פון וועלכען ער איז געוואָרען גאָווערנאָר, געוואָלט אויפבויען אַן עיר מקלט פאַר מענשען, וועלכע מען האָט פאַרפאָלגט צוליב זייער רעליגיע.

פּען איז אָנגעקומען קיין אַמעריקאַ אין 1682, ער האָט באַלד געשלאָסען דעם באַריהמטען אָפּמאַך מיט די אינדיאַנער, וועמעס

ליבע און אַכטונג ער האָט געוואונען מיט זיין גוטסקייט און גערעכטיגקייט, ער האָט איינגעאָרדענט די קאָלאָניע און איז געפאָהרען צוריק קיין ענגלאַנד. דאָרטען איז ער דריי מאָל אַרעסטירט געוואָרען פאַר באַטוויליגען זיך צו שטאַרק אין אַ רעליגיעזען קאַמף. דריי יאָהר האָט ער זיך געמוזט באַהאַלטען. דערווייל האָבען די קאָלאָניסטען זיך געקריגט צווישען זיך, און אייניגע פון זיי האָבען אויסגעפיהרט, מען זאָל פען'ען אַרונטערזעצען פון זיין גאָווערנאָר אַמט. שפּעטער אָבער האָט מען פען'ען אומגעקערט זיין רעכט, און ער האָט אויסגעאַרבייט פאַר פענסילוואַניא אַ קאָנסטיטוציע, אונטער וועלכער זי איז געבליבען ביז צו דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

בענדזשאַמין פרענקלין — שטאַטסמאַן

און געלעהרטער (1706 — 1790). פרענקלין איז געווען דער אינגסטער פון 17 קינדער פון אַ באָסטאָנער ליכט־מאַכער. פרענקלין איז געווען איינער פון די באַגאַבטעסטע און פּאָליטיגסטע מענשען פון זיין צייט. אין פאַרלויף פון די ערשטע 70 יאָהר פון זיין לעבען איז ער געווען דער פּאָפּולערסטער מענש אין ענגלאַנד, וועלכע האָט מיט איהם שטאָלצירט. אין די לעצטע יאָהרען אָבער, די יאָהרען פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, איז קיינער נישט געווען אַזוי פאַרהאַסט ביי דער ענגלישער רעגירונג, ווי דערזעלביגער פרענקלין.

פרענקלין איז געווען אַ דרוקער און אַ צייטונגס אַרויסגעבער, אַ זשורנאַליסט, אַ כלל טוער, אַ דיפּלאָמאַט, אַ געלעהרטער און אַ שרייבער. און אויף אַלע געביטען האָט קיינער פון זיין צייט זיך נישט געקאָנט מיט איהם פאַרגלייכען.

אַלס אַ זשורנאַליסט, האָט בענדזשאַמין פרענקלין געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויפ'ן פאָלק, אַ סך אַ גרעסערען איינפלוס, איידער דער קעניג מיט זיין רעגירונג און פּאַרלאַמענט האָבען דאָ ווען עס איז געהאַט. דורך אַרטיקלען אין דער „פילאַדעלפיא גאַזעט", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען, האָט ער אין איין שטאָט פילאַדעלפיא איינגעפיהרט אַזעלכע רעפאָרמען: אַ פּאָליציי, אַ מיליץ, אַ קאָמפּאַניע פייערלעשער; די שטאָדט זאָל קערען און ברוקירען די גאַסען; די ערשטע פאָלקס ביבליאָטעק; אַן אַקאַדעמיע, פון וועלכער עס איז אויסגעוואָקסען דער איצטיגער גרויסער פענסילוואַניער אוניווערסיטעט. זיין באַריהמטער יעהרליכער „פּור ריטשאַרד'ס אַלמאַנאַק", וועלכען ער האָט אַרויסגעגעבען אין פאַרלויף פון 26 יאָהר איז געווען אַזוי פּאָפּולער און באַליבט ביים פאָלק, אַז מען האָט אויף איהם געוואַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולד און אויפגענומען מיט'ן גרעסטען ענטוזיאַזם, אַ סך מעהר, איידער מען נעמט איצט אויף אין לאַנד דעם פּרעזידענטס מעסעדזש צום קאָנגרעס.

פרענקלין איז אין פאַרלויף פון איבער 40 יאָהר געווען אַמעריקא'ס דיפּלאָמאַט. ער איז געווען איינער פון די פינף, וואָס האָבען אָנגעשריבען די „דעקלערייששאָן אָוו אינדעפּענדענס", און איינער פון דריי קאָמישאָנערס, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען קיין פראַנקרייך צו בעטען איהר הילף געגען ענגלאַנד. זיין דינסט פאַר דער יונגער רעפּובליק איז שווער אָפּצושאַצען. ער האָט אויך געשלאָסען דעם פרידענס אָפּמאַך מיט ענגלאַנד.

פרענקלין איז געווען אַ גרויסער געלעהרטער און האָט געמאַכט אַ גאַנצע רייהע ערפינדונגען, די וויכטיגסטע פון וועלכע איז דער בליץ־אָפּלייטער.

ווען פרענקלין האָט זיך אומגעקערט אַהיים נאָך ניין יאָהר דינסט אין אויסלאַנד, האָט איהם דאָס לאַנד נישט געלאָזען צוריקציהען זיך פון עפענטליכען לעבען, נישט קוקענדיג אויף זיינע 79 יאָהר. אין 1887 איז ער ערוועהלט געוואָרען אַ מיטגליד פון דער קאָנווענשאָן, וואָס האָט אויסגעאַרבייט די איצטיגע קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַטען, און פרענקלינס ביישטייער צו דער קאָנסטיטוציע איז געווען זעהר גרויס. פרענקלין האָט אָרגאַניזירט דעם פּאָסט אָפיס פון לאַנד.

דאָס באַריהמטסטע פון זיינע ליטעראַרישע ווערק, אויסער דעם „אַלמאַנאַך", איז זיין „אויטאָביאָגראַפיע", וואָס ווערט געלייענט פון אַלע שול קינדער, און וואָס איז דערפיהרט געוואָרען פון פרענקלינ'ען ביז 1759.

פרענקלין האָט געגרינדעט די ערשטע געזעלשאַפט אויף דער וועלט געגען שקלאַפעריי.

קאַלווין קולידזש—דרייסיגסטער פּרעזידענט

פון די פאַראייניגטע שטאַטען, געבאָרען 1872. זיין יוגענט האָט ער פאַרבראַכט אויף זיין פאָטער'ס פאַרם אין פלימוט, ווערמאָנט. אין 1907 איז ער ערוועהלט געוואָרען אין

מאסאטשוזעטס סטייט לעדזשיסלייטשור. אין 1910 איז ער געוואָרען מעיאָר פון דער שטאָט נאָרטהעמטאָן, אין 1912 סטייט־סענאַטאָר און אין 1914 פּרעזידענט פון סטייט־סענאַט. דריי יאָהר איז ער דערנאָך געווען לייטענאַנט־גאָווערנאָר פון מאסאטשוזעטס און אין 1919 איז ער געוואָרען גאָווערנאָר. דעמאָלט איז פאָרגעקומען דער באַרימטער באָסטאָנער פּאָליצי סטרייק, ווען דריי פערטעל פון דער באָסטאָנער פּאָליצי האָבן פאַרלאָזן זייערע פּאָסטענס. די געשעהעניש און קולידזשעס האַנדלונג האָבן צו אים געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצען לאַנד. אין 1920 האָט מען איהם געהאַלטען פאַר אַ מעגליכען פּרעזידענט־קאַנדידאַט. ער איז ערוועהלט געוואָרען וויים־פּרעזידענט מיט דער האַרדינג־אַדמיניסטראַציע, און ווען האַרדינג איז געשטאָרבען אין 1923, איז קולידזש געוואָרען פּרעזידענט. אין 1924 איז ער ווידער ערוועהלט געוואָרען.

דזשיימס פעני מאָר קופּער—ראָמאַניסט (1789—1851). קופּער האָט באַשאַפען דעם אַמעריקאַנער ראָמאַן פון אַוואַנטורעס. זיינע 32 ראָמאַנען האָבען פאַר העלדען מאַטראָסען, פּיאָנערען, אינדיאַנער. זיי זיינען זעהר פּאָפּולער ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין איירָאָפּע, באַזונדערס ביי קינדער. די באַריהמטסטע ראָמאַנען זיינען: „די ספּאַי“ און די „לעדערסטאַקינג“ סעריע.

סטעפען גראָווער קליוולאַנד — צוויי־און־צוואנציגסטער און פיער־און־צוואנציגסטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1837—1908). ער איז צוערשט ערוועהלט געוואָרען מעיאָר פון באָפאלאָ מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט. דערנאָך האָט ער באַקומען אַ גוואַלדיגע מאַיאָריטעט אין די וואַהלען פאַר גאָווערנאָר. אין 1884 איז ער צום ערשטען מאָל ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט און אויסגעצייכענט מיט זיין פעסטער שטעלונג אין אַלע פראַגען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַנעקסירען די האַוואַי אינזלען און האָט זיך ניט געוואָלט מישען אין קובאַ. אין 1904 האָט מען אַ סך גערעדט וועגען אַרויסשטעלען זיין קאַנדידאַטור פאַר אַ דריטען טערמין, ער האָט זיך אָבער אַנטשידען אָפּגעזאָגט. אין 1894 האָט ער זיך אַריינגעמישט אין דעם שיקאַגאָער סטרייק.

סעמיועל לענגהאָרן קלעמענס — זעה מאַרק טוויין.

טעאָדאָר רוזוועלט — זעקס־און־צוואנציגסטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען (1858—1919). צו 23 יאָהר איז ער ערוועהלט געוואָרען אין ניו יאָרקער לעדזשיסלייטשור. אין 1886 איז ער געווען רעפּובליקאַנישער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון ניו יאָרק, אָבער ער איז דורכגעפאַלען. אין 1889 האָט איהם פּרעזידענט העריסאָן באַשטימט אין דער פעדעראַל סיוויל סוירוויס קאָמישאָן, וועלכען אַמט ער האָט אָנגעהאַלטען זעקס יאָר. אין 1896 איז ער געוואָרען פּרעזידענט פון דער באָארד אָוו קאָמישאָנערס פון דעם שטאַט ניו יאָרק. אין 1897 האָט פּרעזידענט מעקינלי איהם באַשטימט פאַר סעקרעטערי אָוו די נייווי. רוזוועלט האָט געוואוסט, אַז עס וועט קומען צו אַ מלחמה מיט שפּאַניע און ער האָט טיכטיג געאַרבייט אויף צוצוגרייטען דעם פלאָט. ווען די מלחמה איז געקומען, האָט ער רעזיגנירט און האָט אָרגאַניזירט אַ רעגימענט קאַוואַלעריע, וועלכען מען האָט אָנגערופען „ראָף ריידערס“, ווייל אַ גרויסער טייל פון רעגימענט איז באַשטאַנען פון קאַובאָיס פון דער וועסט, אויסגעצייכענטע רייטער. ער האָט דעם רעגימענט געפיהרט מיט דער אויסערגעוועהנליכער ענערגיע און ענטוזיאַזם, וועלכע איז געווען פאַר איהם אַזוי כאַראַקטעריסטיש און האָט געוואונען פאַר איהם אומעטום אַ סך פריינד און אָנהענגער. אין 1898 איז ער געוואָרען גאָווערנאָר פון ניו יאָרק. אין 1900 איז ער ערוועהלט געוואָרען וויים־פּרעזידענט מיט דער מעקינלי־אַדמיניסטראַציע, און ווען מעקינלי איז אין 1901 געשאָסען געוואָרען, איז רוזוועלט געוואָרען פּרעזידענט, דער אינגסטער פון אַלע פּרעזידענטען, ווייל ער איז דעמאָלט אַלט געווען 43 יאָהר. ער איז ווידער ערוועהלט געוואָרען אין 1904.

אין דער צייט פון רוזוועלט׳ס אַדמיניסטראַציע איז אַ סך אויפגעטאָן געוואָרען פאַר דער אינערליכער אַנטוויקלונג פון לאַנד. פאַר דער צייט איז אויך אויפגענומען געוואָרען די אַרבייט אויפצובויען דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, אַ פּלאַן, וואָס איז געבאָרען געוואָרען כמעט מיט פיער הונדערט יאָהר צוריק.

אין 1912 איז אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג און די נייע אַזוי־גערופענע פּראָגרעסיווע פּאַרטיי האָט נאָמינירט רוזוועלט׳ן פאַר פּרעזידענט. דער קאַנדידאַט פון דער אַלטער פּאַרטיי איז געווען פּרעזידענט טעפט.ביידע קאַנדידאַטען זיינען

דורכגעפאַלען, און דער דעמאָקראַטישער קאַנדידאַט ווילסאָן איז ערוועהלט געוואָרען.

רוזוועלט האָט אַ סך געשריבען. זיין „געשיכטע פון דער מלחמה פון 1812“ ווערט נאָך איצט אויך גערעכענט פאַר אַ וויכטיג ווערק. ער האָט זי געשריבען צו 24 יאָהר.

דזשיימס ווהיטקאָם ריילי — זעהר פאָפולערער פּאָעט (1849—1916). זיין בילדונג האָט ער באַקומען אין אַן אָנפאַנג־שול. ער איז געווען אַ סיין־פּיינטער, אַ וואַנדערענדער אַקטיאָר און שפּעטער אַ לייט־אַרטיקעל־שרייבער. ער האָט אָנגעהויבען דרוקען לידער אין דעם דיאַלעקט פון זיין שטאַט אינדיאַנאַ. די לידער זיינען שפּעטער געוואָרען באַריהמט, און אַנדערע פּאָעטען האָבען איהם גענומען נאָכמאַכען און שרייבען פּאָעזיע אויף אַ לאָקאַלער שפּראַך. ריילי האָט אויך געשריבען אַ סך לידער און פּאָעמעס אין אַן ענגליש, וואָס אַלע באַנוצען און פאַרשטעהען. אין אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט איז ריילי געווען איינער פון אַמעריקע׳ס פּאָפּולערסטע שרייבער. דער גאָווערנאָר פון אינדיאַנאַ האָט דורך אַ פּראָקלאַמאַציע פאַראָרדענט אַ ריילי־יום־טוב, אַלס אָנערקענונג צום באַליבטען פּאָעט.

י. ק.

די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לײבאָר אין ציפערן

די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר איז געגרינדעט געוואָרען ווען די נייטס אָוו לייבאָר האָט נאָך עקזיסטירט. אָבער די נייטס אָוו לייבאָר האָט כסדר פאַרלאָרען איהר מאַכט, בעת די אַמעריקען פעדערײשאָן האָט געהאַלטען אין איין שטייגען.

אין 1886 איז פאָרגעקומען אַ רעאָרגאַניזאַציע אין דער קערפּערשאַפט, און עס איז אָנגענומען געוואָרען איהר איצטיגער נאָמען דעמאָלט איז איהר מיטגלידערשאַפט געווען 150.000. ביז 1898 איז דער וואוקס פ ן דער צאָהל מיטגלידער צוגעגאַנגען לאַנגזאַם. פון יענעם יאָהר אָן אָבער וואַקסט די מיטגלידערשאַפט זעהר שנעל. מיר גיבען דאָ אונטען די ציפערן, וואָס ווייזען, ווי שנעל עס איז צוגעגאַנגען דער וואוקס פון דער צאָהל מיטגלידער זינט 1898.

כדי צו קאָנען פאַרגלייכען און זעהן דעם אמת׳ען וואוקס, ברענגען מיר דאָ אויך די צאָהלען מיטגלידער און די אָנגעגעבענע יאָהרען אין אַלע אַרבייטער יוניאָנס אין לאַנד. די ציפערן וועגען דעם זיינען גענומען געוואָרען פון לעאָ וואָלמאַנ׳ס בוך „דער וואוקס פון די אַמעריקאַנער טרייד יוניאָנס פאַר 1880—1923, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דער נעשאָנאַל ביוראָ אָוו עקאָנאָמיק ריסוירטש. זיי זיינען די פאַרלעסליכסטע ציפערן, וואָס מיר האָבען וועגען דעם. דאָ ווערען ניט איינגעשלאָסען די מיטגלידער פון אַזעלכע יוניאָנס, וואָס די קאָמפּאַניעס האָבען ביי זיך געגרינדעט.

די צאָהלען פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר זיינען לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק פון דער פעדערײשאָן. מען דאַרף דערביי נאָך אין זינען האָבען, אַז עס ווערען אין זיי ניט אַריינגערעכענט די ניט־גוט־שטעהענדע מיטגלידער, און די גרויסע צאָהלען מיטגלידער, וואָס האָבען צו יענער צייט געסטרייקט, וויל אַזעלכע זיינען געווען פריי פון צאָהלען דיוס. אַזוי זעהען מיר, למשל, אַז אין 1925 האָבען געסטרייקט 500.000 מיטגלידער פון דער א. פ. אָוו ל. ווען מיר גיבען צו אָט די צאָהל, האָבען מיר אַ מיטגלידערשאַפט פון 3.378.297 פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר.

אין 1898 איז די צאָהל מיטגלידער אין אַלע יוניאָנס אין די פאַראייניגטע שטאַטען געווען 500.700; די אַמעריקען פעדערײשאָן האָט געהאַט 278.016 מיטגלידער.

אין די ווייטערדיגע יאָהרען זיינען די ציפערן געווען:

	אין אַלע יוניאָנס	אין דער א. פ. אָוו ל.
אין 1900 —	868.500 און	548.321 ;
אין 1902 —	1.375.900 און	1.024.399 ;
אין 1904 —	2.072.700 און	1.676.200 ;
אין 1910 —	2.184.200 און	1.562.112 ;
אין 1914 —	2.716.900 און	2.020.671 ;
אין 1915 —	2.607.700 און	1.946.347 ;
אין 1916 —	2.808.000 און	2.072.702 ;
אין 1917 —	3.104.600 און	2.371.434 ;
אין 1918 —	3.508.400 און	2.736.478 ;
אין 1919 —	4.169.100 און	3.260.068 ;
אין 1920 —	5.110.800 און	4.078.740 ;
אין 1921 —	4.815.000 און	3.906.528 ;
אין 1922 —	4.059.400 און	3.195.635 ;
אין 1923 —	3.780.000 און	2.926.468.

אין 1924 איז די צאָהל גוטשטעהענדע מיטגלידער פון דער אַמעריקן פעדעריישאָן געווען 2.865.979, און אין 1925 איז די צאָהל געווען 2.878.297.

די צאָהל מיטגלידער אין יאָהר 1926 איז געווען 2,813,910.

פון די אַנגעגעבענע צאָהלען קאָן מען לייכט זעהן, אַז פון זינט 1898 איז געשטיגען די פּראָפּאָרציע פון די יוניאָנס פון דער א. פּ. אָוו ל. אין דער אַלגעמיינער צאָהל יוניאָנס פון לאַנד. מיר האָבען דאָ אַזאַ פּראָצענט פאַרהעלטניש:

אין 1898 איז דער פּראָצענט געווען 55; אין 1910 — 71 פּראָצענט; אין 1920 — 79 פּראָצענט, און אין 1923 — 77 פּראָצענט.

די א. פּ. אָוו ל. איז אַ פעדעראַציע פון יוניאָנס. דער נאָמען „פעדעראַציע" איז אויסגעקליבען געוואָרען מיט אַ מיין. די אויטאָנאָמיע, אָדער דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג, פון יעדער אַנגעשלאָסענער יוניאָן איז אַ גרונט פּרינציפּ אין דעם בוי פון דער פעדעראַציע. די פעדעראַציע האָט קיין רעכט ניט זיך אַריינצומישען אין דער אינוועניג־סטער אָרגאַניזאַציע אָדער פּאָליסים פון דער אַנגעשלאָסענער יוניאָן. זי האָט אָבער יע אַ רעכט אויסצושליסען געוויסע יוניאָנס, און זי האָט זיך מיט אָט דעם רעכט אָפט באַנוצט.

אָט דאָס רעכט איז באַזונדערס וויכטיג, ספּעציעל פאַר די קליינע יוניאָנס. ווייל די אמת'ע מאַכט פון דער א. פּ. אָוו ל. ליגט אין איהר מאָראַלען איינפלוס איבער דער אַרבייטער באַוועגונג. נאָך אַלעמען איז דער שטאַרקסטער צובונד אין אַן אָרגאַניזאַציע די עפענטליכע מיינונג צווישען איהר מיטגלי־דערשאַפט.

די פונקציעס פון דער א. פּ. אָוו ל. באַ־שטעהען אין העלפען די אַלגעמיינע אינטערע־סען פון אַרבייט, אויף ווי ווייט דאָס קאָן גע־טאָן ווערען דורך באַאיינפלוסען די עפענטלי־כע מיינונג; צו העלפען אָרגאַניזירען נייע לאָקאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס; צו העלפען דורכפיהרען געזעצען, וואָס זיינען פריינדליך צו אַרבייט; און אויסגלייכע־טרייד דיספּוטען צווישען די יוניאָנס, אויף ווי ווייט דאָס קען געטאָן ווערען, ניט אַריינ־מישענדיג זיך אין די אינערליכע געשעפטען פון יעדער יוניאָן.

די פעדעראַציע קאָן האָבען אַ מעכטיגען איינפלוס דורך איהר פּראָפּאַגאַנדא פאַר די אינטערעסען פון אַרבייט, ווי, למשל, באַ־קעמפענדיג „אָפּען־שאָפּס", אַגיטירענדיג פאַר אַ קורצערען אַרבייטס־טאָג, אָדער אָנפיהרענדיג אַ סטרייק.

די פּאָליסיס פון דער פעדעראַציע ווערען באַשלאָסען אויף די יעהרליכע קאָנווענשאָנס. אין 1924 האָבען די דעלעגאַטען צו דער קאָנ־ווענשאָן רעפּרעזענטירט 107 יוניאָנס, נאַצי־אָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע, 458 לאָקאַלע און פעדעראַלע יוניאָנס, 49 סטייט פעדעראַ־ציעס, 855 שטאָדטישע צענטראַלע אַרבייטער קערפּערשאַפטען, און פיר דעפּאַרטמענטס.

די אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבען רעפּרעזענ־טירט איבער 32.000 לאָקאַלען.

די א. פּ. אָוו ל. איז קודם כל אַן עקאָנאָ־מישע אָרגאַניזאַציע, דאָס מיינט, אַז זי איז הויפּטזעכליך באַשעפטיגט מיט פראַגען פון שכירות, אַרבייט שטונדען און אַרבייט באַ־דינגונגען אין אַמעריקאַנער ווערקשטאַטען און פאַבריקען.

זי איז אָבער אויך געצוואונגען דערביי צו פאַרהאַנדלען סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגען, אויף ווי ווייט זיי באַריהרען דאָס עקאָנאָמי־שע וואוילזיין פון איהר מיטגלידערשאַפט. זי אַרבייט, למשל, פלייסיג דורכצופיהרען גע־זעצען, וואָס זאָלען רעגולירען קינדער און פרויען אַרבייט. די קאָנטראָלירונג פון אי־מיגראַציע, סאַניטאַרישע רעגולירונג אין די פאַבריקען, א. אז. וו. א. אז. וו.

די פרעזידענט וואהלען אין די פאראייניגטע שטאטען

דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען ווערט אויסגעקליבען אלע פיר יאהר.

צוזאמען מיט דעם פרעזידענט ווערט אויך אויסגעקליבען דער וויצע־פרעזידענט, אבער ער האט אזוי ווייניג צו טאן מיט דער רעגירונג, אז זיינע וואהלען האט מען ווייניג אין זינען. דער וויצע־פרעזידענט איז דער פארזיצער פון דעם סענאט. ער ווערט אויסגעקליבען נאר כדי מען זאל האבען גרייט אן אנדער באאמטען, אין פאל דער פרעזידענט שטארבט, אדער ווערט אונפעהיג צו ערפילען זיינע פליכטען.

דער פרעזידענט און דער וויצע־פרעזידענט ווערען ניט ערוועהלט פון די וועהלער דירעקט. זיי ווערען ערוועהלט פון א ספעציעלער קערפערשאפט פון מענשען, וועלכע מען רופט „פרעזידענט עלעקטאראל קאלעדזש”, און יעדער שטאט איז בארעכטיגט צו אזא צאהל עלעקטארס, וואס איז גלייך צו דער צאהל קאנגרעסלייט און סענאטארען, וואס ער האט אין וואשינגטאן.

אזוי, למשל, אויב א שטאט האט צעהן מיטגלידער אין רעפרעזענטאנטען הויז און צוויי סענאטארען (דאס איז די צאהל סענאטארען, וואס יעדער שטאט האט), וועט דער באטרעפענדער שטאט האבען צוועלף פרעזידענט עלעקטארס.

אין יעדען שטאט ווערען די פרעזידענט עלעקטארס ערוועהלט פון די וועהלער אויף אן אלגעמיינעם טיקעט. יעדע איינע פון די פאליטישע פארטייען אין יעדען שטאט קלייבט אויס א פולשטענדיגע ליסט פון עלעקטארס פאר יענעם שטאט, און די שטים אפגעבער, שטימענדיג דעם פארטיי טיקעט, זיינען איינפאך די גוטהייסער פון דער גאנצער ליסט, וואס איז צוגעגרייט געווארען.

אין דעם טאג פון די פרעזידענט וואהלען (דינסטאג נאך דעם ערשטען מאנטאג אין נאוועמבער אלע פיר יאהר, 1924, 1928, און אז. וו.) ווערט נאך דער פרעזידענט ניט געוועהלט. דער וועהלער שטימט נאך ניט פאר פרעזידענט און וויצע־פרעזידענט, כאטש זייערע נעמען שטעהען אויף'ן באלאט אונטער'ן עמבלעם פון דער פארטיי. ער וועהלט נאר אויס די קאנדידאטען פאר פרעזידענט עלעקטארס, וועמעס נעמען די באטרעפענדע פארטייען האבען ארויפגעשטעלט אויף דעם באלאט.

די פארטיי, וואס באקומט די גרעסטע צאהל שטימען, געווינט אלע עלעקטארס, ווייל געוועהנליך שטימט דער וואוטער פאר אלע עלעקטאר קאנדידאטען, וואס זיין פארטיי האט ארויסגעשטעלט.

די עלעקטארס פון יעדען שטאט פארזאמלען זיך נאכדעם אין דעם סטייט קעפיטאל דעם צווייטען מאנטאג אין יאנואר נאך די נאוועמבער וואהלען, און זיי ווארפען אריין זייערע באלאטס פאר פרעזידענט און וויצע־פרעזידענט, וואס זייער פארטיי האט נאמינירט.

די קאפיעס פון די באלאטס, וואס די עלעקטארס האבען אויף אזא אופן אריינגעווארפען, ווערען דעמאלט אפגעשיקט צום פארזיצער פון דעם סענאט פון די פאראייניגטע שטאטען.

דעם צווייטען מיטוואך אין פעברואר דארף דער פרעזידענט פון סענאט אין דער אנוועזענהייט פון די רעפרעזענטאנטען אין א געמיינשאפטליכער זיצונג מיט'ן סענאט עפענען די באלאטס, וועלכע ווערען דעמאלט איבערגעצעהלט.

די צוויי קאנדידאטען פאר פרעזידענט און וויצע־פרעזידענט, וואס האבען באקומען א מאיאריטעט שטימען, ווערען ערקלערט ערוועהלט. זייער אינאגוראציע קומט פאר דעם 4טען מערץ.

אין פאל קיין קאנדידאט באקומט ניט קיין מאיאריטעט פון די עלעקטאר שטימען, וואס זיינען אפגעגעבען געווארען פאר פרעזידענט, מוז דאס רעפרעזענטאנטען הויז מיט א מאיאריטעט שטימען אויסקלייבען א פרעזידענט צווישען די דריי קאנדידאטען, וואס שטעהען העכער אין די וואהלען. אין פאל פון אט אזעלכע וואהלען אין רעפרעזענטאנטען הויז, האבען די רעפרעזענטאנטען פון יעדען שטאט נאר איין שטים.

דאס מיינט, אז אונטער אזעלכע אומשטענדען ווערט דער פרעזידענט ערוועהלט פון א רעפרעזענטאנטען הויז, וואס איז אויסגעקליבען געווארען מיט צוויי יאהר צוריק.

אין דעם פאל, ווען קיין קאנדידאט פאר וויצע־פרעזידענט באקומט ניט קיין מאיאריטעט, ווערט ער ערוועהלט אין דעם סענאט,

צווישען די צוויי העכסטע אויף דער ליסט, און יעדער סענאטאר האט דערביי איין שטים.

עס זיינען געווען צוויי פאלען פון אזעלכע וואהלען פאר פרעזידענט: אין 1800, ווען עס האט ניט געקענט אנטשיידען ווערען צווישען דזשעפערסאן און וויר, און אין 1842, ווען עלעקטאר שטימען זיינען אפגעגעבען געווארען פאר פיר קאנדידאטען, און דאס הויז האט אויסגעקליבען דזשאן קיו. עדעמס.

דער פרעזידענט מוז זיין ניט ווייניגער פון 35 יאהר אלט, מוז זיין א היי־געבארענער בירגער פון לאנד און האבען געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטען וועניגסטענס די לעצטע פערצעהן יאהר.

דער טערמין פון דעם פרעזידענט'ס אמט איז פיר יאהר, און ער קאן ווידער ערוועהלט ווערען וויפיל מאל מען וויל, כאטש דער מנהג איז, ניט צו האלטען קיין פרעזידענט אין אמט מעהר ווי צוויי טערמינען, וועניגסטענס ניט כסדר.

דעם פרעזידענט'ס געהאלט איז 75,000 דאלאר א יאהר, און חוץ דעם באקומט ער נאך דאס עקזעקוטיוו הויז, אדער ווי מען רופט עס דאס „ווייסע הויז", און באדייטענדיגע סומען אויף ארומפאהרען און אנדערע הוצאות.

דעם וויצע־פרעזידענט'ס געהאלט איז 12,000 דאלאר, און ער באקומט ניט קיין פריי הויז.

געזעצליכע יום־טובים פון די פאראייניגטע שטאטען

יאנואר 1. ניי יאהר. — ווערט געהאלטען אין אלע שטאטען, טעריטאריעס און קאלאניעס.

פעברואר 12. לינקאלנ'ס געבורטס־טאג. — ווערט געהאלטען אין די פאלגענדע טיילען פון לאנד: אלאסקא, קאליפארניא, קאלאראדא, דעלאווער, איליניאי, אינדיאנא, לואיזיאנא, קענזעס, קענטאקי, מישיגען, מינעסאטא, מיזורי, מאנטאנא, נעבראסקא, נעוואדא, ניו־דזשוירזי, ניו יארק, נארד דאקאטא, אהייא, ארעגאן, פענסילווייניא, פארטא ריקא, סאוטה דאקאטא, יוטאה, וואשינגטאן, וועסט ווירדזשיניא, וויאמינג.

פעברואר 22. וואשינגטאנ'ס געבורטס־טאג. — ווערט געהאלטען אין אלע שטאטען, טעריטאריעס און קאלאניעס.

מאי 30. דעקארייטשאן דעי אדער מעמאריעל דעי. — (צום אנדענק פון די געפאלענע סאלדאטען פון בירגער־קריג און אויך פון די שפעטערע מלחמות). ווערט געהאלטען אין געפייערט אין אלע שטאטען, טעריטאריעס און באזיצונגען.

יולי 4. אומאפהענגיגקייט־טאג. — אין אלע שטאטען, א חוץ פאלגענדע זידליכע שטאטען: אלאבאמא, פלארידא, דזשארדזשיא, לואיזיאנא, מיסיסיפי, נארטה קאראליינא, סאוטה קאראליינא, טענעסי און טעקסעס.

ערשטער מאנטאג אין סעפטעמבער. לייבאר דעי. — ווערט געהאלטען אין אלע טיילען פון לאנד, א חוץ וויאמינג און די פיליפינען־אינזלען.

אקטאבער 12. קאלומבוס־טאג. — ווערט געהאלטען אומעטום, אחוץ: אלאסקא, ארקענסא, דיסטריקט אוו קאלאמביא, פלארידא, דזשארדזשיא, האוואאי, לואיזיאנא, מעין, מינעסאטא, מיסיסיפי, נארטה קאראליינא, אקלאהאמא, פיליפינען, סאוטה קאראליינא, סאוטה דאקאטא, טענעסי, יוטאה, ווירדזשיניא, וויסקאנסין און וויאמינג. אין קענזעס איז עס א האלבער יום טוב. די געריכטען זיינען אפען.

ערשטער דינסטאג נאכ'ן ערשטען מאנטאג אין נאוועמבער. וואהל־טאג. — עס איז א געזעצליכער רוה־טאג אומעטום, א חוץ אלאסקא, דיסטריקט אוו קאלאמביא (די שטאדט וואשינגטאן), האוואאי, איליניאי, מאסאטשוזעטס, מיסיסיפי, אהייא, פיליפינען און ווערמאנט. אין איליניאי איז עס א געזעצליכער יום־טוב נאר אין איניגע שטעדט. אין אהייא איז עס א האלבער יום־טוב. אין מעין זיינען נאר די געריכטען געשלאסען.

לעצטער דאנערשטאג אין נאוועמבער. דאנקזאגונג־טאג. — ווערט געהאלטען אומעטום. אין יוטאה איז עס ניט קיין אפיציעלער געזעצליכער יום־טוב, ווערט אבער געהאלטען.

דעצעמבער 25. קריסטמעס. — ווערט געהאלטען אומעטום.

באזונדערע שטאטען האבען נאך זייערע אייגענע יום טובים.

די וויכטיגסטע אַמעריקאַנער אינדוסטריען

וואו געפינען זיך די אַמעריקאַנער אינדוסטריען ?

מיר וועלען דאָ בקיצור איבערגעבען די געאָגראַפישע קאַרטען פון די וויכטיגסטע אמעריקאַנער אינדוסטריען.

די שטאָט וואָס פּראָדוצירט די גרעסטע מאַסע אגריקולטורעלע אינסטרומענטען, איז ראַסין, וויסקאָנסין. דער צווייטער וויכטיגער פּלאַץ איז מאָלין, אילינאָי, און ספּרינגפּילד, מאַסאַטשוזעטס, פאַרנעמט דעם דריטען אָרט.

דער גרעסטער אויטאָמאָביל צענטער איז דעטראָיט, מישיגען. דערנאָך קומען אין דער אָרדנונג פון וויכטיגקייט, אָייהאָ, אינדיאַנאַפּאָליס, אינדיאַנא, און שיקאַגאָ, אילינאָי.

די וויכטיגסטע שטאָט אין דער שוך פּראָדוקציע איז בראָקטאָן, מאַסאַטשוזעטס. דערנאָך קומען: לין, מאַס. סט. לואיס, מיזורי, הייווערהיל, מאַס., די שטאָט ניו יאָרק, באָסטאָן, מאַס., און מאַנטשעסטער, ניו העמפּשייר

גומענע שטיוועל ווערען פּראָדוצירט הויפּטזעכליך אין די שטאַטען מאַסאַטשוזעטס און קאָנעטיקוט.

צווישען די שטעדט וואָס פאַבריצירען מעש, בראָנז און קופּער, איז די ערשטע וואָטערבורי, קאָנעטיקוט, און נאָך וואָטערבורי קומען דעטראָיט, מישיגען, די שטאָדט ניו יאָרק און שיקאַגאָ, אילינאָי.

די פּראָדוקציע פון פּוטער, קעז און קאָנדענסירטע מילך, געהט אָן צום גרעסטען טייל אין די שטאַטען וויסקאָנסין און ניו יאָרק. עס זיינען אָבער אויך פאַראַן גרויסע אונטערנעהמונגען אזעלכע אין מינעסאָטאַ, מישיגען, אָהייאָ, אילינאָי, אייאָווא און קאַליפאָרניע.

קענינג און פריזווירווירונג ווערט אָנגעפיהרט אין א סך שטאַטען, אָבער הויפּטזאכליך אין קאַליפאָרניע, ניו יאָרק, מערילענד, ניו דזשוירזי, פּענסילווייניע, אילינאָי, אינדיאַנאַ, וואַשינגטאָן, מעין און אָרעגאָן.

די וויכטיגסטע אינדוסטריעלע פּירמעס, וואָס פּראָדוצירען מענער קליידער, איינשליסענדיג העמדער, געפינען זיך אין דער שטאָט ניו יאָרק, אין שיקאַגאָ, אין באָלטימאָר, אין פילאַדעלפיע און אין ראַטשעסטער.

פרויען קליידער ווערען געמאַכט הויפּטזעכליך אין דער שטאָט ניו יאָרק, אין פילאַדעלפיע און אין שיקאַגאָ.

ניו בעדפאָרד, מאַס., איז דער גרויסער צענטער פון דער קאַטאָן (באַוועל) אינדוסטריע אין די פאַראייניגטע שטאַטען. דערנאָך קומען אין דער אָרדנונג פון וויכטיגקייט: פאָל ריווער, מאַס., פּאָטאָקעט, ראָוד איילענד, לאָועל, מאַס., פילאַדעלפיע, לאָורענס, מאַס., פּאַסעיק נ. דזש., יוטיקא, נ. י., באָלטימאָר, מערילאַנד און גאַסטאָניע, נאָרטה קאַראָליינא.

סיגאַרען און סיגאַרעטען ווערען הויפּטזעכליך פּאַבריצירט אין דער שטאָדט

ניו יארק, אין ריטשמאנד, ווירדזשיניא, טאמפא, פלארידא און פילאדעלפיא.
קוילען ווערען געגראבען אין מעהר ווי א העלפט שטאטען פון לאנד. אנטראציט, וואס ווערט אין דער איסט באנוצט פאר היימישע צוועקען, ווערט אויסגעגראבען אין פענסילוואניא, ארום סקרענטאן און ווילקעסבאר. ווייכע קוילען מינען געפינען זיך הויפטזעכליך אין פענסילווייניע, וועסט ווירדזשיניע, אילינאי, אהייא, קענטאקי, אינדיאנא, אלאבאמא, קאלאראדא, ווירדזשיניא, וויאמינג און אייאווא.
עס איז דא איין שטאדט אין די פאראייניגטע שטאטען, וואס באריהמט זיך מיט פראדוצירען מעהר קעלנער פון יעדער אנדער שטאדט. דאס איז די שטאדט טראי, ניו יארק, וואס ווערט אויך אנגערופען „קאלער טאון", די קאלנער-שטאט.
קופער ווערט אויסגעגראבען אין אסך שטאטען, באזונדערס אין מאנטאנא, אריזאנא, מישיגען, יוטא, קאליפארניע, טענעסי, קאלאראדא, איידעהא, ניו מעקסיקא, וויאמינג און נעוואדא.
פאבריקען, וואס פראדוצירען עלעקטרישע מאשינעריע, געפינען זיך מעהרסטענס אין שיקאגא, קליוולאנד, ניו יארק, פילאדעלפיע, לין, מאס., און אין נוארק, נ. דזש.
די פישעריי אינדוסטריען ווערען אנגעפיהרט ביי די צפון ברעגען אין מעין, מאסאטשוזעטס און ניו יארק, אין דער איסט, און אין ארעגאן, וואשינגטאן און קאליפארניע, אין דער וועסט.
גלאז פאבריקען באגעגענט מען הויפטזעכליך אין פילאדעלפיע און פיטסבורג און אין קעמדען, נוארק, מילוויל און ווינלאנד, נ. דזש.
היט ווערען פאבריצירט הויפטזעכליך אין דענבורי, קאנעטיקוט, און אין פילאדעלפיע און ניו יארק.
די שטאטען וואס פראדוצירען דעם גרעסטען טייל פון אונזער אייזען און שטאל, זיינען פענסילווייניע, אהייא, אינדיאנא, אילינאי און ניו יארק. פיטסבורג, פענסילווייניע, און קליוולאנד, אהייא, זיינען די צוויי וועלט-בארימטע צענטרען פון אייזען און שטאל.
די פירמעס, וואס פראדוצירען געשטריקטע ארטיקלען געפינען זיך מעהרסטענס אין פילאדעלפיע, ניו יארק, אין רעדינג, פא., מילוואקי, וויס., יוטיקא און אמסטערדאם, נ. י., און אין לאועל, מאס.
לעדער ווערט פראדוצירט הויפטזעכליך אין פילאדעלפיע, מילוואקי, שיקאגא, נוארק, פיבאדי, מאס., און קעמדען, נ. דזש.
די הויפט צענטרען פאר געהילץ און געהילץ פראדוקטען זיינען ווייט פאנאנדערגעווארפען. אין דער נארד געפינען זיי זיך אין די שטאטען וואשינגטאן, ארעגאן און וויסקאנסין, און אין סאוט זיינען זיי אין לואיזאנא, מיסיסיפי, ארקאנסא, אלאבאמא און נארטה קאראליינא.
די מעהרסטע פאפיר און האלץ מאסע ווערט פראדוצירט אין ניו יארק, מעין, מאסאטשוזעטס, וויסקאנסין, מישיגען, פענסילווייניע, אהייא און ניו העמפשיר.
פעטראלעאום ווערט ראפינירט הויפטזעכליך אין ניו דזשוירזי, ווייטער אין טעקסאס, קאליפארניע, פענסילווייניע, אקלאהאמא און לואיזיאנא.
וויכטיגע פאטערים (טעפערייען) געפינען זיך אין טרענטאן, ניו דזשוירזי, און אין קעמדען, ניו דזשוירזי.
גומי ארטיקלען ווערען פראדוצירט הויפטזעכליך אין אייקראן, אייהא, און אין טרענטאן, ניו דזשוירזי.

די מעהרסטע אמעריקאנער שיפבוי יארדס געפינען זיך אין ניו דזשוירזי, פענסילוואניע, וואשינגטאן און ניו יארק.

זיידענס ווערט פראדוצירט מעהר ווי אומעטום אין פענסילוואניע, ניו דזשוירזי, ניו יארק און קאנעטיקוט. פעטערסאן, נ. דזש., איז די שטאדט, וואס איז באריהמט מיט איהר זיידענס פאבריקאציע. די שטאדט ניו יארק איז די צווייטע, און דער־נאך קומט אלענטאון, פא.

שלאכטהייזער און פלייש פאקרייען געפינען זיך הויפטזעכליך אין שיקאגא, קענזעס סיטי, אמאהא, נעב., ניו יארק, סיו סיטי, אינדיאנאפאלים און סט. לואיס.

די צענטרען פון דער וואל און וואוסטעד מאנופעקטור זיינען אין לאורענס, מאס., פילאדעלפיא, פראווידענס, ראוד איילענד, און פאסעיק נ. דזש.

די אמעריקאנער ליטעראטור

פון א. פעלדמאן.

מיט א הונדערט יאהר צוריק און נאך א שטיק צייט שפעטער איז פאר דער אמעריקאנער אינטעליגענץ געשטאנען די גרויסע פראגע: צי איז מעגליך אן אמעריקאנער ליטעראטור? נאך ערשט מיט פינף און זיבעציג יאהר צוריק זיינען די אמעריקאנער ניט געווען אין גאנצען זיכער, צי זיי האבען אן אייגענע ליטעראטור. און אין יענער צייט זיינען שוין געווען באקאנט אויף דער וועלט די גרעסטע אמע־ריקאנער שרייבער, און איינינע פון די ערשטע שרייבער פון אמעריקע האבען שוין שטארק קאנקורירט אין פאפולאריטעט מיט די שרייבער פון ענגלאנד, ניט נאר אויף די אמעריקאנער ברעגען, נאר אויך אויף ענגלישער טעריטאריע. פונדעסטוועגען איז נאך לאנג ביי דער עפענטליכער מיינונג, סיי אין ענגלאנד און סיי אין אמעריקע געבליבען איינגעווארצעלט די איבערצייגונג, אז כאטש פאליטיש האט אמעריקע זיך אפגעריסען פון ענגלאנד, איז זי אבער געבליבען א גייסטיגע קאלאניע פון איהר מוטערלאנד.

נאר ווייטזעהענדיגע מענשען אויףביידע זייטען פון דעם אטלאנטישען אקעאן האבען פארשטאנען, אז עס אנטוויקעלט זיך א נייע גרויסע נאציאנאלע ליטעראטור אין דער נייער וועלט. איינער פון אזעלכע מענשען אין אמעריקע איז געווען דער גרויסער אמעריקאנער דענקער, ראלף וואלדא עמערסאן. ער האט נאך אין די דרייסיגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט גערעדט באשטימט וועגען אן אמערי־קאנער ליטעראטור, און זיינע ווערטער, וואס זיינען היינט פאר אונז א גאנץ געוועהנ־ליכע באשטעטיגונג פון א גוט באקאנטען פאקט, האבען פאר די אמעריקאנער פון יענער צייט געקלונגען, ווי א משונה׳דיגע איבערטרייבונג.

און אויף יענער זייט ים, אין ענגלאנד, האט דער אידישער שטאטסמאן און ראמאנען־שרייבער ביקאנספילד־דיזראעלי געזאגט צו זיינע ענגלישע קאלעגען, אז „די אמעריקאנער זיינען היינט פאר אונז דאסזעלביגע, וואס אונזערע קומענדיגע דורות וועלען זיין, און אויב אן ענגלישער שרייבער וויל וויסען, וואס עס וועלען וועגען איהם

זאָגען די ענגלענדער מיט עטליכע דורות שפּעטער, טאָ זאָל ער הערען, וואָס די אמעריקאנער זאָגען וועגען איהם היינט."

דער אמת איז טאַקע, אז די ענגלישע שרייבער וואָלטער סקאָט, בייראָן, וואָירדסוואָירד, קאָלרידזש, סאוטי האָבען אין אמעריקע געהאט אין יענער צייט מעהר לעזער איידער אין זייער אייגענעם לאנד. און איינציגע שרייבער פון ענגלאנד, ווי, למשל, קאַרלייל, זיינען צוערשט געווארען פּאָפּולער אין אמעריקע, נאָך איידער זיי זיינען אָנערקענט געווארען אין ענגלאנד.

דאָך האָט מען אַ לאַנגע צייט דאָ, אין אמעריקע, זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט, וואָס איז געקומען פון אַן ענגלישען זשורנאליסט און פון אַן ענגלישען קריטיקער, און אייגענע שרייבער האָבען געהאט אַ סך אַ קלענערע רעפּוטאציע, און אייגענע אמעריקאנער זשורנאַלען האָבען ניט געקאָנט עקזיסטירען.

אבער שוין אין עמערסאָנ'ס צייטען איז די סיטואציע אינגאנצען געענדערט געווארען. עס איז אין אמעריקע ארום מיטען פון פארגאנגענעם יאָהרהונדערט אויסגעוואַקסען אַ גרויסע מאסע לעזער, און דאָס האָט געשאַפען אַ מעגליכקייט פאַר גרויסע זשורנאלען צו עקזיסטירען. און די דאָזיגע זשורנאַלען, די „נאָרד אמעריקען רעוויו" און „אַטלאַנטיק מאַנטלי" פון באָסטאָן, און עהנליכע זשורנאַלען אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיע און אייניגע אנדערע שטעדט, האָבען געשפּילט גאר אַ גרויסע ראָל איז דער אנטוויקלונג און פארשפּרייטונג פון דער אמעריקאנער ליטעראַטור. אין יענע זשורנאַלען האָבען געדרוקט זייערע בעסטע ווערק אַלע שרייבער פון דער „גאָלדענער צייט" אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער ליטעראטור: עמערסאָן, לאָנגפעלאָו, וויטיער, האָלמז, לאָועל, האוטאָרן, פּאָו. עס איז ענדליך דורכגעבראָכען געווארען אַ וועג פאַר אַ נאַציאָנאַלער ליטעראטור אין אמעריקע.

ווען האָט זיך אָנגעהויבען די אמעריקאנער ליטעראטור, און וואָס איז געווען איהר אנטוויקלונגס-גאַנג?

אויב איינצעלנע ביכער און איינצעלנע שרייבער זיינען אַ ליטעראטור, האָט אמעריקע שוין געהאט איהר ליטעראטור אין אָנהייב פון 17טען יאָהרהונדערט. גענוי: פון יאָהר 1607 אָן. אין יענעם יאָהר, 1607, האָט דער רייזענדער און אוואַנטוריסט, קעפּטען דזשאָן סמיט געגרינדעט די שטאָט דזשיימסטאָן און דעם שטאַט ווירדזשיניע. ער האָט אָפּגעדרוקט אַ בוך, וואו עס ווערען זעהר לעבעדיג באַשריבען די געשעהענישען אין ווירדזשיניע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע בוך, וואָס איז אין אמעריקע געדרוקט געווארען. און אַ פּאָעט האָט אין יענעם יאָהר פארעפענטליכט אַן אָדע, און דאָס איז געווען די ערשטע אמעריקאנער פּאָעמע.

אמת, אין דיזעלביגע יאָהרען זיינען אין ענגלאַנד ערשינען שעקספּירס דראַמען, פרענסיס בעיקאָנ'ס פילאָסאָפישע עסעיס און מילטאָנ'ס פּאָעטישע ווערק. אָבער אין אמעריקע איז די ליטעראַרישע ארבייט אנגעגאנגען ווייטער. די שרייבער פון 17טען און 18טען יאָהרהונדערט האָבען מעהרסטענטיילס געגעבען שריפטען איבער רעליגיעזע ענינים, געשיכטע, מעמואַרען און טאָג-ביכער, באַשרייבונגען. עס זיינען געווען פּאָליטישע שריפטען. עס איז געווען אַ פּאָעטעסע, ען ברעדסטריט, ביי וועלכער די נאַטור-באַשרייבונגען האָבען אַ סך מעהר דערמאָנט דעם טייל פון ענגלאַנד, פון וואַנען זי איז געקומען, איידער די ניי-ענגלענדער קאָלאָניע, אין וועלכער זי האָט געלעבט. אַ טייל פון די אַלע ערשינענע ביכער האָבען געהאט אַ געוויסען ליטעראַרישען ווערט, אָבער קיין אָנהייב פון אַן אמת'ער נאַציאָנאַלער ליטעראטור אין

אַמעריקע האָט די צוויי־הונדערט יאָהריגע געשיכטע פון די אמעריקאנער קאָלאָניעס ניט געשאַפען.

פון אָנהייב 18טען יאָהרהונדערט הייבט זיך אָן די אנטוויקלונג פון צייטונגען אין אמעריקע. די צייטונגען זיינען אין די לעצטע יאָהרען פאר דער רעוואָלוציע שטאַרק געשטערט געווארען פון דער ענגלישער אדמיניסטראַציע. אין דער רעוואָלוציאָנערער צייט פון דער אמעריקאַנער געשיכטע זיינען אויפגעקומען פּאָליטישע שרייבער און רעדנער־פּאַטריאָטען. דעם אָרט פון די רעליגיעזע פּלפּולים און שטרייטען הויבען אָן פארנעמען פּאָליטישע און געזעלשאפטליכע טעמעס. די פּאָעזיע פון יענער צייט איז כמעט דורכאוים פּאָליטיש און סאַטיריש. אין דער רעוואָלוציאָנערער צייט איז ארויסגעטראָטען דער ערשטער באַגאַבטער אמעריקאנער פּאָעט פיליפּ פרענאָ, וואָס איז געווען אונטער'ן איינפלוס פון ענגלישע פּאָעטען פון יענער צייט.

די גרעסטע ליטעראַרישע פיגור אין אמעריקע פאר דער גאַנצער צייט ביז נאָך דער רעוואָלוציע איז אָהן צווייפעל געווען בענדזשאמין פרענקלין. אויב דער דעמאָקראַטישער גייסט איז דער שטאַרקסטער סימן, וואָס אונטערשיידט די אמעריקאנער ליטעראטור פון דער ענגלישער, האָט די אמעריקאנער ליטעראטור זיך אָנגעהויבען נאָך מיט פרענקלינ'ען.

אָבער פרענקלין איז געווען ניט נאָר א גרויסער שרייבער, נאָר נאָך מעהר א נאַטוראליסט, א שטאַטסמאַן, א כלל־טוער, א בילדונג פארשפּרייטער, א פּובליציסט און צייטונג־ארויסגעבער. זיין ליטעראַרישע ארבייט איז פאר איהם ניט געווען א באַשעפטיגונג פאר זיך אליין.

אויפ'ן גרענעץ צווישען דער רעוואָלוציאָנערער צייט און נייגצעהנטען יאָהרהונדערט געפינען מיר צוויי באדייטענדע שרייבער, וואָס זיינען שוין א קלאָרער אָנזאָג פון אן ערנסטער אמעריקאנער ליטעראטור. דאָס זיינען דער דערמאָנטער פּאָעט פיליפּ פרענאָ און דער ראָמאַנען־שרייבער טשארלז בראָקדען בראון. פרענאָ איז געווען דער איינציגער פיינער אמעריקאנער פּאָעט פאר ברייענט. און בראון איז געווען דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער ליטעראַט אין אַמעריקע און דער ערשטער באַדייטענדער שרייבער פון ראָמאַנען: ער איז געווען דער פּאָרגעהער פון האָטאָרן און פּאָו מיט זיינע טעמעס: געפּייניגטע נשמות און שרעק. ער איז געווען אונטער'ן שטאַרקען איינפלוס פון דעם ענגלישען ראדיקאל וויליאם גאָדווין און האָט אליין שטאַרק באַאיינפלוסט דעם ענגלישען פּאָעט שעלי.

דער ריכטיגער אָנהויב פון דער אמעריקאנער ליטעראטור איז געקומען מיט די ערשטע ווערק פון וואשינגטאָן אירווינג. זיי זיינען שוין געווען אן ארויספאָדערונג צו ענגלאַנד. זיי זיינען אין ענגלאַנד געווען געדרוקט, און זיינען דאָרטען געווען זעהר פּאָפּולער. אירווינג איז געווען דורכגעזאפּט מיט אייראָפּעאישער קולטור. ער האָט אָנגעהויבען מיט עסעים אין דעם סטיל פון דעם ענגלישען עסעיסט עדיסאָן. ער האָט זיך אבער באַלד אנטוויקעלט אין אן אייגענאַרטיגען שרייבער פון סקיצען און ערצעהלונגען מיט א פיינעם און אנגענעמען הומאָר.

דזשיימס פענימאָר קופּער האָט באַשאַפען דעם אמעריקאנער ראָמאַן פון אוואַנטורעס. ער האָט געהאַט מעהר לעזער אין אמעריקע און אין אייראָפּע, ווי וועלכער עס איז אנדערער ראָמאַנען־שרייבער פון אמעריקע. ער איז נאָך איצט אויך שטאַרק

פּאָפּולער. ער איז איבערזעצט געוואָרען אין אַלע שפּראַכען און איז באַזונדערס באַליבט ביי קינדער.

אין עדגאַר עלען פּאָו און נייטעניעל האָטאָרן האָט אַמעריקע געגעבען די ערשטע גאָר גרויסע מייסטער פון פּראָזע. ביידע שרייבער זיינען נאָהענט צום איבענדער־מאַנטען בראָון, אָבער שטעהען אַ סך העכער פון בראָון אַלס קינסטלער. פּאָו איז אויך איינער פון אַמעריקע׳ס גרעסטע פּאָעטען, אַ שאַרפער קריטיקער, אַ גלענצענדער עסעיאיסט און דער ערפינדער פון דער „דעטעקטיוו סטאָרי״. האָטאָרן האָט געגעבען אַמעריקע אַ פּאָר ערשט קלאַסיגע ראָמאַנען.

האָטאָרן האָט געהערט צו דער גלענצענדער פּלעיאַדע שרייבער, פּאָעטען, דענקער, עסעיאיסטען, היסטאָריקער און אָראַטאָרען, וואָס איז אויפגעקומען אין באָסטאָן און קעמברידזש. אין דער גרופּע זיינען געווען די פּאָעטען לאָנגפעלאָו און וויטיער, דער פּאָעט און פילאָסאָף עמערסאָן, דער פּאָעט, עסעיאיסט און נאָוועליסט האָלמז, דער פּאָעט און קריטיקער לאָועל, דער עסעיאיסט טאָראָ, די היסטאָריקער פּרעסקאָט, מאָטלי און פּאַרקמען און די אָראַטאָרען דעניעל וועבסטער און ווענדעל פיליפּס. אין ניו יאָרק זיינען אין יענער צייט געווען נאָך דריי גרויסע שרייבער: ברייענט, פּאָו און וויטמאַן. דאָס איז געווען די „גאָלדענע צייט״ פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ווען זי האָט געוואונען איהר העכסטען פּרעסטיזש אין אַמעריקע און אין אייראָפּע. און דאָס זיינען שוין געווען ניט נאָר איינצעלנע גלענצענדע נעמען, נאָר פאָרשטעהער פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

איצט האָט שוין אַמעריקע זיך אויסגעגלייכט מיט ענגלאַנד, סיי אין פּאָפּולאַ־ריטעט און סיי אין פּרעסטיזש און איינפלוס פון איהרע שרייבער.

אויב וואָלטער סקאָט איז פריהער געלייענט געוואָרען אין אַמעריקע מעהר, ווי ביי זיך אין לאַנד איז גאָר אינגיכען קופּער געוואָרען נאָך פּאָפּולערער אין ענגלאַנד. און לאָנגפעלאָו איז געווען אין ענגלאַנד מעהר באַקאַנט, איידער דער ענגלישער פּאָעט טעניסאָן!

זעהען מיר אָבער אויך, אַז אויב קאַרלייל איז צוערשט געוואָרען פּאָפּולער אין אַמעריקע, איז פּאָו צוערשט אַנטדעקט געוואָרען גאָר אין פראַנקרייך. דער איינפלוס אין אייראָפּע פון עמערסאָן איז געווען זעהר גרויס. פּאָו׳ס איינפלוס האָבען געפיהלט עטליכע דורות פּאָעטען אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און רוסלאַנד. שפּעטער האָט דער געוואַלטיגער איינפלוס פון וואָלט וויטמאַן נאָך שטאַרקער געלאָזט פיהלען אין אייראָפּע, אַז די נייע וועלט איז געקומען ניט נאָר מיט איהר אייגענער ליטעראַטור, נאָר אפשר אויך מיט איהר נייעם וואָרט.

וואָס האָט געקאָנט זיין דאָס נייע וואָרט, וואָס אַמעריקע האָט געהאַט צו זאָגען?

אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור איז אַ שטראָם, וואָס געהט גלייך מיט דעם שטראָם פון דעם פאָלק׳ס לעבען. ביידע שטראָמען הערען ניט אויף. און ביידע האָבען אין זיך זייטיגע קלענערע שטראָמען. אָבער עס איז נאַטירליך צו ערוואַרטען, אַז אין דער יונגער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע זאָל די שטאַרקסטע טראַדיציע זיין די דעמאָ־קראַטישע טראַדיציע, בענדזשאַמין פרענקלין׳ס טראַדיציע.

די געוואַלדיגע פּאָפּולאַריטעט פון ביטשער סטאָ׳ס ראָמאַן „אָנקעל טאָם׳ס קעבין״ און דער אומגעהויערער שפּעטערדיגער איינפלוס פון דער פּאָעזיע פון וואָלט וויטמאַן, דעם „נביא פון דעמאָקראַטיע״, זיינען צוויי גוטע ביישפּילען.

די „גאָלדענע צייט״ אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז געווען אַ צייט,

ווען באָסטאָן איז ווידער געוואָרען דער קולטורעלער צענטער פון אמעריקע. די אויבענדערמאָנטע באָסטאָנער גרופע האָט זיך אויסגעצייכענט ניט נאָר מיט ליטע־ראַרישער מייסטערשאַפט, נאָר אויך מיט גרויסע אידעאַלען. זי איז געווען די אָנפיהרערין ניט נאָר פון אַ ליטעראַרישער אויפלעבונג, נאָר אויך פון צוויי גרויסע באוועגונגען, איינע פון וועלכע איז געווען אַ רעליגיעזע און פילאָסאָפישע, און די אַנדערע — אַ פּאָליטישע, מיט אַ עטישען באַזיס. די יורשים פון די פּוריטאַנער האָבען ניט געקענט שלום מאַכען מיט'ן געדאַנק, אַז קנעכטשאַפט פון אַ מענשליכער ראַסע איז ביי זיי אין לאַנד אַן אינסטיטוציע. און די פייערדיגסטע פיהרער פון דער אַזוי גערופענער „אַבאָלוציאָניסטישער" באוועגונג זיינען געווען אין מאַסאַ־טשוזעטס.

ווען העריעט ביטשער סטאָו האָט אין 1851־1852 פאַרעפענטליכט איהר ראָמאַן „אַנקעל טאָמ'ס קעבין", איז דער שטרייט שוין געווען אין פולען ברען. אָבער דער ראָמאַן איז געווען אַ געוואַלטיגע סענסאַציע. דאָס איז נאָך עד היום דער באַריהמטסטער ראָמאַן אין פאַרבינדונג מיט דעם בירגער קריג, און אייניגע מיינען, אַז דער ראָמאַן האָט דערנענטערט די גרויסע טראַגעדיע, וואָס אמעריקע האָט מיט צעהן יאָהר שפּעטער דורכגעלעבט. אָבער דער וואונדער איז, וואָס דער ראָמאַן איז גראָד אין ענגלאַנד געלייענט געוואָרען מעהר פון אַלע אַנדערע ביכער. קיין אַנדער בוך האָט נאָך ניט געהאַט אַזאַ געוואַלטיגע פאַרשפּרייטונג, מיט דער מעגליכער אויסנאַהם פון „ראָבינזאָן קרוזאָ". דער העלד פון „ראָבינזאָן קרוזאָ" איז גראָד אַן אַריסטאָקראַט, אַ שקלאַפען־הענדלער, בעת „אַנקעל טאָמ'ס קעבין" איז ניט נאָר אַ ראָמאַן מיט אַ דעמאָקראַטישער טענדענץ, נאָר איז געווען מאַטעריאַל פאַר אַ שאַרפער אַגיטאַציע געגען נעגער שקלאַפעריי. און די שפּעטערדיגע באַציהונג פון דער ענגלישער עפענטליכער מיינונג און פון די ענגלישע שרייבער צום באַפרייאונגס־קאַמף אין אַמעריקע איז געווען ווייט ניט קיין פריינדליכע.

מען וואָלט אפשר אין דעם איין פאַקט געקענט איינזעהען אַ באַגעגעניש פון צוויי וועלטען מיט צוויי גרויסע טראַדיציעס, דעם אַריסטאָקראַטיזם פון דער אַלטער וועלט מיט דעם דעמאָקראַטיזם פון דער נייער. אָבער וואָס עס זאָל ניט זיין די הויפּט אידעע, וואָס דער גרויסער שטראָם פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור טראָגט מיט זיך, פאַר אונז איז גענוג דער פאַקט, אַז אַמעריקע פאַרמאָגט אַזאַ גרויסען שטראָם פון ליטעראַרישער טעטיגקייט און אַנטוויקלונג, און אַז דער דאָזיגער שטראָם געהט שוין לאַנג אויף זיין אייגענעם וועג.

אין דעם גרויסען שטראָם זיינען די גאַנצע צייט געווען פאַרשידענע קלענערע זייטיגע שטראָמען. אין דער הונדערט יאָהריגער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור זיינען ביי פאַרשידענע שרייבער אויפגעקומען פאַרשידענע ריכטונגען, שולען און טענדענצען. די גרויסע מאַיאָריטעט פון די אמעריקאַנער שרייבער, למשל, זיינען דורכאויס דעמאָקראַטיש אין זייער אויפפאַסונג פון לעבענס־באַציהונגען און אין אויסוואַהל פון זייער שטאָף. עס זיינען אָבער אויך געווען גענוג אַמעריקאַנער שרייבער מיט אַריסטאָקראַטישע טענדענצען און נייגונגען.

פאַרשידען איז אויך געווען די באַציהונג פון אַמעריקאַנער שרייבער צו זייער אַמעריקע. דער גרויסער שטראָם פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור געהט אפילו אויף זיין אייגענעם וועג, אָבער עס זיינען געווען אַ סך אַפּווייכונגען, און דער קאַמף פאַר אַן אייגענער ליטעראַטור איז ניט געוואונען געוואָרען מיט אַמאָל.

א סך אמעריקאנער שרייבער האָבען יאָהרענלאַנג געוואוינט אין איירָאפּא. און א סך שרייבער האָבען מעהר גענומען פאר זייער מאַטעריאל דאָס לעבען אין איירָאפּא, איידער דאָס אמעריקאנער לעבען. אוידווינג און האָטאָרן האָבען געוויזען, אַז זיי זיינען פונקט דיזעלביגע מייסטער, צי זיי באַהאַנדלען אמעריקאנער טעמעס אָדער איירָאפּעאישע. קופּער איז געווען ערפאָלגרייך נאָר ווען ער האָט געהאַט צו טאָן מיט פּרימיטיווע אמעריקאנער טיפּען, פּיאָנערן, אינדיאַנער און מאַטראָזען. דערפאַר אָבער האָט שפּעטער הענרי דזשיימס זיך כמעט אינגאַנצען אָפּגעגעבען מיט „אינטערנאַציאָנאַלע טעמעס". ער איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרען פון פראַנצויזישע און רוסישע שרייבער. כמעט זיין גאַנצען לעבען האָט ער פאַרבראַכט אין ענגלאַנד, וואו ער איז אפילו אין 1915, א יאָהר פאר זיין טויט, געוואָרען א בירגער. אין אויסלאַנד האָבען אויך מעהרסטענס געוואוינט קראָופאָרד, מרס. ווהאַרטאָן און אַנדערע אמעריקאנער שרייבער.

די גרויסע מעהרהייט אָבער פון די אמעריקאנער שרייבער זיינען דאָך געבליבען אויף אמעריקאנער באָדען. א שטאַרקע רעאַקציע געגען הענרי דזשיימס'עס „איירָאפּעאיזם" און געגען טעמעס פון „העכערער געזעלשאַפט" האָבען מיר אין מאַרק טוויין.

מיט דעם וואוקס פון דער אמעריקאנער ליטעראַטור איז אמעריקע אַלץ מעהר און מעהר „אַנטדעקט" און „אויסגעפאָרשט" געוואָרען פון די אמעריקאנער שרייבער. עס האָבען זיך באַוויזען א סך „לאָקאַלע" שרייבער און פּאָעטען: פון ניו ענגלאַנד, פון דער מיטעלוועסט, דער וייטער וועסט און דער סאָוט, און פון ניו יאָרק און שיקאַגאָ. העמלין גאַרלאַנד, ברעט־האַרט, מאַרק טוויין, מערי ווילקינס־פרימען, האָפּקינסאָן סמיט, אָ. הענרי, שורוואוד ענדערסאָן, ריילי, ראָבערט פראָסט, — זיי אַלע זיינען שוין ניט נאָר דורכאויס אמעריקאניש, נאָר זיי באַשרענקען זיך מיט א געוויסער געגענט אין אמעריקא. אָבער זיי זיינען שוין ניט פּראָווינציאַלען, נאָר געהערען צו דער וועלט־ליטעראַטור.

אין דעם לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט האָט די אמעריקאנער ליטעראַטור געהאַט צו פאַרצייכענען אויך אידישע נעמען. צו די אַלטע תושבים אין אמעריקע האָט געהערט די פּאָעטעסע עמאַ לאַזארוס. שפּעטער האָבען מיר דזשיימס אָפּענהיים, דעם בעלעטריסט און פּאָעט, וועמעס באַנד „פּעי ענוועלאָופּס" האָט געמאַכט א געוויסען רושם, און אונזער אב. קאַהאַן, וועמעס ערצעהלונגען („יעקעל") און דער ראָמאַן „די ראַיז אָוו דייוויד לעווינסקי" זיינען זעהר וואַרים אויפגענומען געוואָרען און האָבען פאַר די אמעריקאנער אויפגעדעקט א נייעם ווינקעל פון אמעריקע, דעם נייעם אידישען אימיגראַנט. לואי אונטערמייער, פּאָעט, קריטיקער און אַנטאָלאָגיסט, איז באַקאַנט מיט זיינע זאַמלונגען פון אמעריקאנער און בריטישער פּאָעזיע און מיט זיין מיטווירקונג אין קאַמף פאר דער נייער פּאָעזיע אין אמעריקע. א רייה אידישע אויטאָרען, ראָמאַנען־שרייבער, פּאָעטען און עסעיאיסטען האָבען זיך באַוויזען אין דער אמעריקאנער ליטעראַטור אין די גאָר לעצטע יאָהרען.

אין די לעצטע פופציג יאָהר האָט אמעריקע דורכגעמאַכט דעם וועג פון א קליינעם פאָלק, פאַרוואָרפען ערגעץ „אין עק־וועלט", וואָס איז דער „ציוויליזירטער וועלט" פון איירָאפּא וויניג באַקאַנט אפילו, ביז צו דעם גרעסטען, רייכסטען און מעכטיגסטען לאַנד, וואָס אמעריקא איז איצט, א לאַנד, וואָס איז שוין איצט דער

צענטער פון דער וועלט. די באַפעלקערונג פון לאַנד האָט זיך פאַר דער צייט פאַרדרייפאַכט.

בילדונג און קולטור האָבען זיך שנעל פאַרשפרייט אין אמעריקע. די אומגעהויערע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען האָט ארויסגערוקט צום פאָדערגרונט קלאַסנקאַמף און עקאָנאָמישע פראַגען. די פאַרבינדונג מיט איירָאפּאַ און מיט דער איבעריגער וועלט איז געוואָרען אַלץ ענגער, באַזונדערס זינט דער גרויסער מלחמה.

דאָס אַלץ האָט זיך באַלד געמוזט אָפּרופען אויף דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור אין אמעריקע. דער רעזולטאַט איז געווען אַ נייע אויפלעבונג אין דער ליטעראַטור. מען האָט גענומען זוכען נייעם לעבענס-אינהאַלט און נייע פאָרמען. די ליטעראַטור איז פאַרטיפט געוואָרען און איז אויפגעהויבען געוואָרען אין דערזעלביגער צייט אויף אַ העכערער מדרגה פון קונסט.

אַ וויכטיגער שטריך אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז די פאַרטיפונג פון רעאַליזם. נאָך אין די זיבעציגער יאָהרען האָבען זיך גענומען באַוויזען ווערק מיט רעאַליסטישע באַשרייבונגען פון לאָקאַלען לעבען. דאָס איז געווען אַ רעאַקציע געגען די ראָמאַנטיש-סענטימענטאַלע ערצעהלונגען און ראָמאַנען פון דער צייט צווישען די זעכציגער און אַכציגער יאָהרען. אין די נייינציגער יאָהרען באַווייזט זיך נאָך אַ שאַרפערער רעאַליזם אין די ווערק פון סטעפען קריין, פרענק נאָריס, דזשעק לאָנדאָן.

דזשעק לאָנדאָן איז אַגב איינער פון אַ גאַנצער רייה ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע ערצעהלער און ראָמאַנען שרייבער אין אמעריקע. די פּאָפּולערסטע צווישען זיי זיינען: עדוואַרד בעלאַמי (די אוטאָפּיע „לוקינג בעקוואַרד") און אַפּטאָן סינקלער, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם מיט זיין „דזשאַנגל", וואו ער האָט אויפגעדעקט די אומסאַניטאַרישקייט פון די שיקאַגאָער סטאָק-יאַרדס און די שלעכטע ארבייטס-באַדינגונגען דאָרטען, און האָט שפּעטער דאָס זעלביגע געטאָן מיט די מיינס אין „קינג קאָול".

דער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט, באַזונדערס די לעצטע 15 יאָהר, האָבען געבראַכט מיט זיך אַ נייע אויפלעבונג אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, אין ראָמאַן, פּאָעזיע און דראַמע. טעאָדאָר דרייזער איז געווען אַ נייער שריט אין דער פאַרטיפונג פון רעאַליזם. דרייזער און סינקלער לואיס האָבען ארויסגעשטעלט פאַר דער וועלט די גייסטיגע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ אין דער וועסט. אָן אומצופרידענקייט האָט ארומגעכאַפּט אַ גרויסען טייל פון דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ מיט דער גאַנצער פלאַכקייט און זעלבסטצופרידענקייט, וואָס האָבען זיך אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט אין אַמעריקאַנער לעבען. נייע זשורנאַלען האָבען זיך באַוויזען, וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט בעסערער פּאָעזיע, ליטעראַטור, קריטיק און פּובליציסטיק. דער טאָן איז אין זיי אָפטמאָל געווען אַ פּראָטעסטירענדיגער, אַ קריגערישער, אָדער אַ בייז-אָפּלאַכענדיגער. די ענגערע באַריהרונג מיט דער קולטור פון איירָאפּאַ און פון דער איבעריגער וועלט איז פאַר דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור געווען זעהר פּרוכטבאַר, דאָס איז געווען אַ צייט פון אָפּפרישונג און אויפלעבונג. אין דער צייט איז אויך געמאַכט געוואָרען דער אָנהויב פון דער אַמעריקאַנער דראַמע.

צו דער צייט געהערען די עסעאיסטען ראַנדאָלף בורן און מענקען; די פּאָעטען

מאסטערס, ראָבינסאָן, קאַרל סאַנדבורג, איימי לאָועל, פראָסט, פלעטשער און א סך אנדערע, און א גאַנצע רייהע אינטערעסאַנטע פראָזע־שרייבער, איינינע פון וועלכע זיינען שוין דאָ דערמאָנט געוואָרען.

די אמעריקאנער דראַמע האָט ביז דער לעצטער צייט ניט געוויזען קיין שום סימנים פון זעלבסטשטענדיגער אַנטוויקלונג. קלאַיר פיטש, אגוסטאס טאָמאַס, דייוויד בעלאַסקאָ און דזשאָרדזש מ. קאָהען, האָבען געגעבען פּיעסען, וואָס זיינען א געוויסע צייט געווען אין „ערפאָלג" אויף דער ביהנע, אָבער זיי האָבען געהאַט א קנאַפּען ליטעראַרישען ווערט. די אמעריקאַנער דראַמע איז געווען אינגאַנצען „קאָמערציאַליזירט".

פון דער אַנדער זייט, זיינען אָנגעשריבען געוואָרען פאַר דער צייט מעהר אָדער ווייניגער גוטע ליטעראַרישע פּיעסען פון אַזעלכע שרייבער, ווי וויליאַם דין האָועלס, הענרי דזשיימס און אַלדריזש. א גרויסען ערפאָלג האָט מיט אַמאָל געהאַט מודי׳ס דראַמע „דהי גרעיט דיוואיד", און דאָס איז געווען א באַווייז, אַז גוטע פּיעסען קאָנען אויך אויפגעפיהרט ווערען מיט ערפאָלג אויף דער אמעריקאַנער ביהנע. אַן אַנדער ערנסטער פאַרזוך איז געמאַכט געוואָרען פון פּוירסי מעקעי.

מיט א יאָהר פופצעהן צוריק האָט זיך אין ניו יאָרק און אין באָסטאָן אָנגעהויבען א באַוועגונג, וואָס איז באַקאַנט אַלס די „קליין־טעאַטער באַוועגונג". אין קליינינקע טעאַטערלאַך, ערגעץ וואו אין פאַרפאָרפענע געסלאַך, האָבען אייניגע גרופּעס ליבהאָבער אויפגעפיהרט ערנסטערע נייע פּיעסען, אייראָפּעאישע און איינענע.

די באַוועגונג האָט ניט נאָר געהאַט א היבשען ערפאָלג ביים בעסערען עולם, נאָר זי האָט שוין באַוויזען זיך אַריבערצוקלייבען אויף בראָדוויי און צו האָבען א געוויסע ווירקונג אפילו אויפ׳ן גרויסען „קאָמערציעלען" טעאַטער. אַזוי איז פון די „וואַשינגטאָן סקוועער פּלייערס" אויסגעוואַקסען די „טעאַטער גילד", וואָס פיהרט אויף א סך פּיעסען דורכ׳ן יאָהר אין עטלאַכע טעאַטערס אויף בראָדוויי. די „נייבאָרהוד פּלעיהאַוז" אויף גרענד סטריט, ניו יאָרק, האָט שוין הינטער זיך א געשיכטע פון יאָהרען.

די „פּראָווינסטאַון פּלעיערס", וואָס האָבען אָנגעהויבען זייער טעטיגקייט אין פּראָווינסטאַון, מאַסאַטשוזעטס, שפּילען שוין אויך יאָהרען לאַנג אין אַן אַלטער געביידע אויף מעקדוגאַל סטריט, ניו יאָרק. אַלע דריי האָבען זיך געגרינדעט אין יאָהר 1915 און אַלע דריי זיינען זעהר באַליבט ביים בעסערען ניו יאָרקער טעאַטער עולם. אין „נייבאָרהוד", אגב, איז לעצטענס אויפגעפיהרט געוואָרען דער „דבוק" אויף ענגליש.

די נייע טעאַטער באַוועגונג האָט דאָ געמאַכט פּאָפּולער א סך אויסלענדישע דראַמאַטורגען, ווי ניראַנדעלאָ, פראַנץ מאָלנער, לענאָרמאַן, ווערפעל און אַנדערע. זי האָט אויך באַשאַפען אייגענע דראַמען־שרייבער. אַזעלכע זיינען: סוזאַן גלאַספעל, פּוירסיוואַל ווייַלד, און דער ערשטער אמת גרויסער אמעריקאַנער דראַמאַטורג, יודזשין אָניל, וועלכער איז איצט שוין פונקט אַזוי פּאָפּולער און באַליבט אין אייראָפּעאישע טעאַטערס, ווי אייניגע אייראָפּעאישע דראַמאַטורגען זיינען אויף דער אמעריקאַנער ביהנע.

אַ וועג־ווייזער איבער דער שעהנער אַמעריקע

די שעהנסטע און אינטערעסאַנטסטע פּלעצער, וואָס מען קען זעהן אין די פאַרשידענע טיילען פון לאַנד.

אין דער אוראַלטער וועלט האָט מען געוואוסט וועגען זיבען וואונדער. אין אונזער צייט באַגעגענט יעדער איינער פון די זעקס מיליאָן איינוואוינער פון דער שטאָדט ניו יאָרק טויזענטער וואונדער, און זיי זיינען פאַר איהם אַ טאָג־טעגליכע ערשיינונג. און טאַקע ווייל אַזעלכע וואונדער זיינען אַזאַ געוועהנליכע זאַך, און דער ניו יאָרקער איינוואוינער ווייס, אַז ווען ער זאָל נאָר וועלען, קאָן ער זיי לייכט זעהן, זיינען טאַקע אַ סך ניו יאָרקער אליין ניט באַקאַנט מיט די וואונדערליכע זאַכען פון זייער שטאָדט. אַ סך ניו יאָרקער ווייסען אפילו ניט וועגען דעם, אַז געוויסע מערקווירדיגע געביידעס אָדער אַנדערע זאכען געפינען זיך גאָר נאָהענט פון זייער וואוינונג אָדער פון דעם אָרט, וואו זיי געפינען זיך אַלע טאָג ביי זייער ארבייט. דערצו איז ניו יאָרק אַזאַ ריזיגע שטאָדט, אַז ווען מען לאָזט זיך אַוועק זעהן די שטאָדט אָהן אַ פּלאַן און ניט וויסענדיג וואוהין מען פאָהרט און וואָס מען וויל זעהן, וועט מען זעהן נאָר אַ קליינעם טייל פון אלע אינטערעסאַנטע זאכען, און דערביי וועט מען מוזען פארלירען אַ סך צייט.

אייגענטליך איז אַ וועגווייזער, ווי דער, וואָס מיר לעגען דאָ פאָר, ווייט ניט גענוג אפילו פאר דער איין שטאָדט ניו יאָרק, ווער רעדט שוין וועגען אָנווייזען אויף די אַלע מערקווירדיגע זאַכען, וואָס זיינען פאַראַן צו זעהן איבער דעם גאַנצען ריזיגען לאַנד. עס וואָלט אַ מענשען גענומען יאָהרען און יאָהרען צו באַקענען זיך מיט די אַלע שעהנע און זעלטענע זאכען, וואָס זיינען צואוואָרפען אין אַלע טיילען פון דער אומגעהויערער טעריטאָריע פון די פאראייניגטע שטאַטען.

דער צוועק פון אונזער קורצען וועג־ווייזער איז צו געבען אַ פארצייכעניש פון די בארימסטע פּלעצער און זאכען, אַנגעבענדיג וועגען יעדען פּלאַץ באזונדער נאָר די וויכטיגסטע פאַקטען. די לעזער, וואָס וועלען זיך ספּעציעל פאראינטערעסירען אין אַ געוויסען באַרג, פּאַרק, קעניאָן (טהאָל), אָדער געביידע, וועלען לייכט קאָנען געפינען גענויערע ידיעות וועגען דעם אין ספּעציעלע ביכער. דער עיקר איז צו וויסען, וואָס צו זוכען. פאר מענשען, וואָס האָבען אַ געלעגענהייט ארומצופאָהרען איבער געוויסע טיילען פון דעם גרויסען לאַנד, איז אַ וועג־ווייזער אַ נויטיגע זאַך. זיי דארפען וויסען, וואָס עס איז פאַראַן צו זעהן אין אמעריקא. אָבער די צאָהל פון אזעלכע מענשען צווישען אונז איז זעהר קליין. די מעהרסטע פון אונז וואוינען יאָהרען לאנג אין איין שטאָט אָדער שטעטעל. ווערט אַזאַ וועגווייזער נאָך אינטערעסאנטער, ווייל דורך איהם באקענען מיר זיך כאָטש פון דערווייטען מיט איניגע פון די טויזענטער וואונדער פון דער נייער וועלט.

די גרויסע וועלט־שטאָדט ניו יאָרק

די ריזיגע וועלט־שטאָדט, וואָס ליגט ביים אויסגוס פון דעם טייך האָדסאָן, איז אַ מאָדערנער בבל. די שטאָדט איז אייגענטליך ניט אזוי עכט־אַמעריקאניש, ווי אַנדערע גרויסע שטעט אין לאַנד. זי קאָן דאָס ניט זיין, ווייל ער איז אַ געמיש פון אַלע עלעמענטען, פעלקער און ראַסען אויף דער וועלט. איהר וועט דאָ געפינען מענשען פון אַלע הויט־קאָלירען און לשונות. איהר וועט דאָ געפינען באַזונדערע קוואַרטאַלען פון אידען, איטאַליענער, דייטשען, טשעכען, רוסען, פּאָליאַקען, גריכען, ארמעניער, נעגערען, כינעזער א. אז. וו. און זיי אלע לעבען אויסערליך מעהר אָדער וועניגער איין אַרט לעבען. זיי זיינען אלע ניו יאָרקער.

די הויכע געביידעס, די בריקען, טונעלען, אייזענבאהנען, שיפען אין די ארומיגע וואסערען, די סאָבווייס און עלעוויטאָרס, וואָס שניידען דורך אַלע טיילען פון דער אומגעהויערער שטאָדט. — דאָס אַלץ ווארפט זיך באלד יעדען איינעם אין די אויגען. פריהער

פון אַלץ מוז מען באמערקען די ריזיגע טורעמס, די „סקייסקרייפּערס“, וועלכע זיינען דער שטאָלץ פון יעדען אמעריקאנער, און אין וועלכע די שטאָדט ניו יאָרק איז אזוי רייך.

דער „סקייסקרייפּער“ איז אַן עכט־אמעריקאַנישע ערפינדונג. מאַהנעטען, דער הויפּט טייל פון דער גרויסער שטאָדט, איז א שמאָלער פּאַס לאַנד ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט וואסער. לאַנד איז דאָ זעהר טייער, ממש מיט גאָלד צוגלייך. איז דער פּראַקטישער אמעריקאנער געפאלען אויף אַ פּלאַן. צו וואָס זאָל ער זיך אויסשפּרייטען אין דער ברייט, אַז ער קען זיך ארויפציהען אין דער הויך. און ער האָט אויפגעשטעלט איינעם נאָכ'ן אַנדערען ריזיגע בבל טורעמס, אנטקעגען וועלכע די אמת'ע רייכע טורעמס פון די אוראַלטע צייטען זיינען קאַרליקעס. נשקשה, עלעווייטאָרס וועלען מיט אייך ארויפפליהען אין איין אויגענבליק, פּונקט ווי אָדלערס, צו אזעלכע הויכקייטען, אַז ווען איהר וועט פון זיי אראָפּקוקען ארונטער צו דער גאס, וועט אייך די גאַס אויסזעהן ווי אַ לאַנגער דינער בענדעל, און די מאסען מענשען אויף איהר ווי מוראשקעס.

דעם סאמע אויבענאָן צווישען די „וואָלקענקראצער“ פארנעהמט די וואולוואָירט בילדינג. דאָס איז דער גרעסטער אָפּיס בילדינג אויף דער וועלט. ער הויבט זיך ארויף אויף 785 פוס איבער דעם טראטואר. מיט דער אויסנאם פון דעם אייפעל טורעם אין פּאַריז, איז וואולוואָירט די העכסטע געביידע, וואָס מענשליכע הענט האָבען ווען עס איז אויפגעשטעלט.

אין דער אמת'ען איז וואולוואָירט נאָך אַ סך העכער, ווי די 785 פוס, וואָס ווערען איהם אָפיציעל צוגעשריבען. ער האָט נאָך אַ טיפען און פעסטען פונדאַמענט, וואָס האלט אליין 120 פוס די הויך, צוזאמען מיט דעם פונדאַמענט איז דער וואולוואָירט טורעם 905 פוס הויך.

אויפצובויען דעם וואולוואָירט בילדינג האָט אָפּגעקאָסט צוועלף מיליאָן דאלאר. שטאָל אליין האָט מען אויף איהם פארטאָן גאנצע 23 טויזענט טאָן. ערשט ניט לאַנג, דוכט זיך, האָט מען דעם ריזיגען און שעהנעם טורעם אויפגעשטעלט. אָבער אין אמעריקע באַוועגט זיך אַלץ צו שנעל, אַז מען זאָל קאָנען זיך וואונדערען צו לאַנג איבער עפּעס. דער וואולוואָירט בילדינג איז נאָך אַלץ די ה ע כ ס ט ע געביידע אויף דער וועלט, אָבער ער איז שוין ניט די ג ר ע ס ט ע. גאָר נאָהענט צו איהם איז מיטאַמאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרען נאָך אַ ריז, וואָס האָט פון דעם וואולוואָירט אַראָפּגעריסען די קרוין אויב ניט פאר הויכקייט, איז פאר גרויסקייט. דער גרויסער שכן פון וואולוואָירט איז דער עקוויטייבעל בילדינג, דורך וועלכען עס געהען דורך הונדערטער טויזענטער מענשען יעדען טאָג.

נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דער סינגער בילדינג שטאָלץ געשטאַנען אויף דער וואַך פון ניו יאָרק. איצט איז שוין די סינגער בילדינג באַלד גאָר אַ קנאַפּער יחסן, ווייל מען באגעגענט שוין אַ סך אַזעלכע ריזען פון אַלע זייטען.

ניו יאָרק איז שוין איצט זעהר רייך אין „סקייסקרייפּערס“. אָבער כדי צו זעהן איין „סקייסקרייפּער“, דאַרף שוין דער אַמעריקאַנער פון דער פּראָווינץ ניט פאָהרען דוקא קיין ניו יאָרק, ווארום די „סקייסקרייפּערס“ האָבען זיך שנעל פארשפּרייט איבער'ן גאנצען לאַנד, און מען קאָן זיי זעהן אין יעדער גרעסערער אַמעריקאנער שטאָדט. אלע גרויסע שטעט האָבען אָנגעהויבען קאָנקורירען מיט ניו יאָרק, וועניגסטענס אין „סקייסקרייפּערס“. דער שטאַרקסטער קאָנקורענט אין דער הויכקייט פון נייעסטען „סקייסקרייפּער“ איז די יונגע אויטאָמאָביל שטאָדט, דעטרויט, וואָס האָט זיך בכלל פארמאָסטען איבערצויאָגען די עלטערע שטעט, ניו יאָרק, שיקאגאָ און פילאַדעלפיע, מיט איהר ריזיגען וואוקס. דער נייער באָק בילדינג אין דעטרויט איז אַ סך העכער פון וואולוואָירט און האָט 85 שטאָק אַנשטאָט די 57 פלאָרס פון וואולוואָירט און די 48 פון עקוויטייבעל.

ווען איהר קומט אָן אין ניו יאָרק מיט אַ באַהן, פאַלט איהר גלייך אריין אין אַ ריזיגען קעסעל־גרוב, **וואָס קאָכט און רוישט** טאָג און נאַכט און ווייס ניט פון קיין שטילקייט און קיין אַפּרוה. די גאַסען זעהן אויס ווי שרעקליך טיפע, לאנגע גרובען צווישען די הויכע מויערען. ביינאַכט איז אַלץ באַגאָסען מיט ליכט, די גאַסען זיינען פול מיט מענשען, און נאָך מעהר אין די רעסטאָראנען און טעאַטערס.

און ווען איהר קומט אָן קיין ניו יאָרק פון ים, דערזעהט איהר פריהער פון אַלץ די שטאָלצע „הימעל ליניע“, אַ הויכע וואַנט פון מויערען און טורעמס. אַזאַ בילד קאָנט איהר אין ערגעץ אויף דער גאנצער וועלט ניט טרע־

פען. אויף אַן אינזעל אין ניו יאָרק האַפען שטעהט באַרטאָלד'ס „סטאַטוע פון פרייהייט", די געטין פון פרייהייט מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט, א צייכען פון אמעריקא'ס גאסטפריינדליכקייט צו אלע פארוואָגעלטע פון דער וועלט.

איהר וועט אויך באַמערקען די ריזיגע צאָהל דאקס און שיפען ארום אלע ניו יאָרקער ברעגען. פון דאנען געהען אָפּ שיפען אין אלע עקען און ווינקעלאך פון דער ערד, שיפען פון איבער אַ הונדערט שיף קאָמפּאניעס. ניו יאָרק איז דער גרעסטער צענטער פון דער וועלט־קאמערץ, וואָס אמעריקא פיהרט אָן אויף אלע ימים און מיט אַלע לענדער.

די באַריהמטע וואָל סטריט, די גרעסטע פינאַנץ בערזשע פון אמעריקע און פון דער וועלט, איז סך הכל אַ קליין געסעל, וואָס ליגט ניט ווייט פון ניו יאָרקער האפען. דער „סטאק עקסטשיינדזש" אויף דער דערבייאיגער בראָד סטריט איז דער גרעסטער מאַרק פון אלערליי סטאקס, באנדס און סעקיוריטיס. ריזיגע פארמעגענס ווערען דאָ געוואונען און פארלאָרען זעהר שנעל אין דעם שפּיל מיט דער מיה פון הונדערטער מיליאָנען מענשען איבער דער וועלט און מיט דעם גורל פון פעלקער און מלוכות. דאָ ניט ווייט, אויף ווהייטהאָל סטריט, געפינט זיך דער „פּראָדיוס עקסטשיינדזש", מיט אַ יעהרליכען אומזאַץ פון ביליאָנען דאלארס.

פון וואָל סטריט און אָנהויב בראָדוויי קען מען זיך לייכט פארקירעווען צו אונזער אידישער איסט סייד. די איסט סייד איז אין דער אמת'ן גאָר ניט דורכאויס אידיש. דער פאַקט איז, אַז די אידישע באפעלקערונג רוקט זיך וואָס ווייטער אלץ מעהר אַוועק פון דער איסט סייד און פון מאַנהעטען אין אַנדערע טיילען פון דער שטאָדט: אין בראנקס און אין ברוקלין. די איסט סייד איז אן אמת'ער ריזיגער שמעלץ־טאָפּ, אין וועלכען מאַסען איטאַליענער, ליטווינער, רוסען, פּאָליאַקען, אונגארען, רומעניער, גריכען און אַנדערע פעלקערשאַפטען ווערען איבערגעקאָכט און קומען ארויס פארטיגע, פריש־אויסגעבאקענע אַמעריקאנער.

אין אַן אַנדער טייל פון שטאָדט וואוינען טערקען, אַראַבער, אַרמעניער און סיריער. „טשיינאַטאון", וואָס ליגט אויף דער אַנדערער זייט פון דער באַוערי, אנטקעגען דעם אָנהויב פון דער אידישער איסט בראָדוויי, איז איינע פון די אינטערעסאנטסטע זאַכען פאר אַ באַזובער אין ניו יאָרק. דאָס איז כינע אין אמעריקע. עס זיינען אויך פאַראַן אין ניו יאָרק פראנצויזישע, דייטשע און אַנדערע קווארטאַלען. מען זאָגט, אַז עס זיינען פאַראַן אין ניו יאָרק מעהר דייטשען, איידער אין וועלכער עס איז שטאָדט אין דייטשלאנד, און מעהר אירישע, איידער אין דער הויפּטשטאָדט פון אירלאנד — דובלין.

די ניו יאָרקער אידישע קהלה צעהלט א מיליאָן און דריי פערטעל און איז דער גרעסטער אידישער קיבוץ ניט נאָר אין אונזער צייט, נאָר אין דער גאנצער אידישער געשיכטע.

בראָדוויי, דער „גרויסער ווייסער וועג" פון ניו יאָרק, ציהט זיך אין דער גאנצער לענג פון מאַנהעטען. דאָס איז דער צענטער פון געשעפטליכען לעבען פון דער שטאָדט. דאָ געפינען זיך די גרעסטע ריטייל סטאָרס, און דאריבער איז בראָדוויי דער גרעסטער „שאָפּינג צענטער" פון ניו יאָרק. דער הויפּט „שאָפּינג דיסטריקט" איז ארום דער 34טער סטריט. די טעאַטערס, וואָס זיינען צואוואָרפען איבער דער גאנצער שטאָדט, קאָנצענטרירען זיך אין דעם גרויסען טעאַטער דיסטריקט אויף בראָדוויי ביי דער 42טע סטריט, וואו עס געפינען זיך אויך א סך פון די גרעסטע ניו יאָרקער האָטעלען. דאָ איז דער לעבעדיגסטער פּונקט פון דער שטאָדט. ביינאַכט איז דאָ בראָדוויי ממש פארפלייצט מיט ליכט, וואָס שטראַמט פון אַלע זייטען פון די עלעקטרישע סיינס.

ביי דער מיט פון בראָדוויי ציהט זיך אויך די באריהמטע פינפטע עוועניו, וואָס איז געווען און איז געבליבען די אַריסטאָקראַטקע אַנטקעגען דעם דעמאָקראַטישען בראָדוויי. דאָ געפינען זיך די בעסערע סטאָרס, און ווייטער ארויף — די פּאַלאַצען פון די אַסטאָרס און אַנדערע אַמעריקאנער מיליאָנערען.

אויף פינפטע עוועניו, אין דעם טייל, וואו עס געפינען זיך די ריזיגע סטאָרס, הערט ניט אויף צו שטראָמען מיט מענשען, פּונקט ווי אויף בראָדוויי. מען טוט דאָ געשעפטען און מען שפּאַצירט ארום. קיין קאַרס געהן ניט אויף פינפטע עוועניו, דערפאר אָבער איז ער שטענדיג איבערגעפּאקט מיט אויטאָמאָבילען, טעקסיס און מיט די אייגענארטיגע צוויי שטאָקיגע „באָסעס", וואָס זיינען זעהר שטאַרק באַליבט ביי די ניו יאָרקער איינוואוינער. אַ „ראַיד" אויף אַ באָס איבער פינפטע עוועניו איז אַן אמת'ער פארגעניגען. די באָסעס לויי־

פען פון אָנהויב פינפטע עוועניו, ביי וואַשינגטאָן סקווער, פון דעם באַריהמטען גריניטש ווילעדזש, איבער דעם גרעסטען טייל פון דער רייכער און אינטערעסאנטער עוועניו.

צווישען דער פערציגסטער און דער צוויי און־פערציגסטער סט. אויף 5טע עוועניו, אויף דער לינקער זייט, קען מען פון באָס זעהן די גרויסע צענטראלע פּאָבליק לייברערי, וואָס האָט אין דער געביידע איבער אַ מיליאָן ביכער, ווייטער אַרויף ביי דער 52־טער, אויף דער רעכטער זייט, זעהט איהר דעם סט. פּעטריק׳ס קאַטידראַל, די גרעסטע און שעהנסטע גאָטישע קירך אין אַמעריקע. ביי דער 59טער סטריט קומט איהר צום גרויסען סענטראַל פּארק, וואָס פארנעמט 879 אַקער לאַנד. דער פּארק האָט די פארשיידענסטע בוימער, אַ זאָאָלאָגישע קאָלעקציע, לאָנקעס, אזערעס און דעם פיינסטען מוזיי אין אַמעריקע, דעם מעטראָפּאליטען מוזעאום אָוו אַרט.

פון פינפטע עוועניו וועט איך דער באָס ארויפפיהרען אויף דעם שעהנעם ריווערסייד דרייוו, וואָס ציהט זיך לאנג איבער דעם ברעג פון האָדסאָן. ביים סוף פון „דרייוו“ שטעהט אויף אַ בערגעל, באַדעקט מיט גראָז, אַ גרויסער מאָנומענט, וועלכען מען קען זעהן פון גאַנץ ווייט. דאָס איז דער קבר פון דעם גרויסען גענעראל, פּרעזידענט גרענט, „גרענט׳ס טום“. יעדער איינער קאָן ארויינגעהן אינווייניג, אין דער מאַרמאָרנער געביידע, וואָס זעהט אויס ווי אַ מוזיי.

ניט ווייט פון דאנען געפינט זיך דער באַריהמטער ניו יאָרקער אוניווערסיטעט, קאַלאָמביא. די אינטערעסאנטסטע פון די געביידעם אין אוניווערסיטעט איז די ביבליאָטעק, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרען אין 1900. צווישען די פארשידענע פאקולטעטען אין דעם אוניווערסיטעט איז אויך פאַראַן אַ „סקול אָוו דזשורנאַליזם“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם אידיש־אַמעריקאנעם זשורנאַליסט דזשאָזעף פּוליצער, גרינדער פון דער ניו יאָרקער „וואָירלד“.

ניו יאָרק פארמאָגט א סך היסטאָרישע פּלעצער. מיר וועלען דאָ אָנרופען די וויכטיגסטע פון זיי: בעטערי פּארק; נידעריגער פון וואָל סטריט, ביים האַפען, איז דער אמאָליגער באריהמטער „קעסעל גאַרדען“, וואו אזוי פיל אימיגראנטען האָבען פארבראכט זייערע ערשטע שטונדען און טעג אין אמעריקע. די אימיגראנטן סטאַנציע געפינט זיך איצט אויף אַן אינזעל אין האַפען, אויף עלים איילאנד, וואָס איז אָנגערופען געוואָרען דער „טרערען אינזעל“. אין בעטערי פּאַרק, ביים וואַסער, שטעהט דער אַקוואַריום, מיט אַ גרויסער קאָלעקציע פון פיש און שרצים און אַנדערע וואַסער־באַשעפענישען.

אַז מיר האַלטען שוין ביי פּארקס, דארפען מיר דערמאָנען, אַז, חוץ דעם גרויסען סענטראַל פּארק, טאָר קיינער ניט פארפעלען צו זעהן נאָך דריי זעהר גרויסע פּארקס אין ניו יאָרק: בראנקס פּארק, מיט אַ רייכער זאָאָלאָגישער און באָטאַנישער קאָלעקציע, וואן קאָרטלענד פּארק, אין בראנקס, און פּראָספּעקט פּארק, אין ברוקלין.

אויף בראָד און פּוירל סטריט שטעהט די „פּאָונסעס טעווערן“, וואו וואשינגטאָן האָט אין 1783 זיך געזעגענט מיט זיינע אָפיצערען. דזשומעל מענשאָן, אויף 160טער סטריט און אַמסטערדאם עוועניו, איז געווען וואשינגטאָנ׳ס און סער קלינטאָנ׳ס העדקוואָדערס. סט. פּאָול׳ס טשעפּעל, אויף בראָדוויי און וויזי סטריט, איז אויפגעבויט געוואָרען אין 1767, און האָט אן זיך אַרטיקלען פון גרויסען היסטאָרישען אינטערעס. דערביי געפינט זיך אויך טריניטי טשורטש, ביים אָנהויב פון וואָל סטריט. ער איז געגרינדעט געוואָרען אין 1696. אמאָל האָט מען זי מסתמא געקאָנט זעהן ווייט ארום, יעצט אָבער שטעהט זי אַ פארקלעמטע און פארשעהמטע מיט איהר שפּיציגען טורעם און קליינעם מאהילניק, צווישען הויכע „סקייסקרייפּערס“ פון אלע זייטען. זי געהערט צו דער רייכסטער קאָנגרעגיישאָן, און באריהמטע אַמעריקאנער רוהען דאָ אויף דעם קליינעם בית עלמין, אין דעם צענטער פון אַמעריקאנער עשירות.

אויף וואָל סטריט ביי נעסאָו סטריט געפינט זיך די יונייטעד סטייטס סאָב־טרעזשורי. אויף דעם זעלביגען פּלאַץ, אין פעדעראל האָל, האָט זיך פארזאמעלט דער ערשטער אמעריקאנער קאָנגרעס, און וואַשינגטאָן איז דאָ צום ערשטען מאָל איינגעשווארען געוואָרען.

פאר דעם אַמעריקאנער איז קיין טייך אויף דער וועלט ניט אזוי ליב און שעהן, ווי דער מאַיעסטעטישער האָדסאָן. אַ רייזע אויפ׳ן האָדסאָן איז אן אמת׳ער פארגעניגען, ווייל די ברעגען פון האָדסאָן זיינען מערקווירדיג שעהן און זיינען, אויסער דעם, רייך מיט פארשיידענע היסטאָרישע פּלעצער. תיכף אויפ׳ן טייך, אויפ׳ן ניו־יאָרקער זייט, געפינען זיך

פאָרט וואשינגטאָן און פאָרט לי, וואָס זיינען שוין לאנג מעהר ניט קיין פאָרטיפיקאציעס.

אויפ'ן איסט ריווער געפינען זיך די פיר גרעסטע ניו יאָרקער בריקען: ברוקלין, מאַנהעטען, וויליאמסבורג און קווינסבאָראָ.

ווייטער ארויף געפינען זיך נאָך אַ סך שעהנע און היסטאָרישע פּלעצער, פון וועלכע מיר וועלען דאָ דערמאָנען נאָר די בארימטע אמעריקאנער מיליטערישע אַקאַדעמיע וועסט פּאָינט.

ווייטער ארויף קומען מיר מיט'ן האָדסאָן צו דער מערקווירדיג שעהנער געגענט פון די קעטסקיל בערג. דאָ האָט דאָס דער ערשטער באדייטענדער אַמעריקאנער שרייבער, וואַשינגטאָן אירווינג געפונען זיין העלד ריפּ וואַן ווינקעל.

דאָ האָט אויך דער ערשטער אַמעריקאנער ראָמאַניסט, קופּער, געפונען אַ סך מאַטעריאל פאר זיינע ראָמאנען. די קעטסקיל געגענט איז איצט אין א סך ערטער שטאַרק באפעלקערט מיט אידען, און יעדער ניו יאָרקער איד וויים, אַז אויף זומער וואקיישאָן פאָהרט מען ארוים „אין די קעטסקילס". די צוויי העכסטע בערג אין דעם געגענט זיינען: ראונד טאָפּ, 3400 פוס הויך, און האַי פּיק, 3600 פוס הויך. די אינדיאַנער האָבען זיי גערופען „די בערג פון הימעל", און פילע אינדיאַנער לעגענדעס זיינען פארבונדען מיט זיי.

באָסטאָן.

באָסטאָן איז די ענגלישסטע פון אַלע גרויסע אמעריקאנער שטעט. זי איז זעהר קאָנסערוואטיוו, אנשטענדיג און פרום, כמעט אַלט מאָדיש אין די אַלע זאכען, אין וועלכע די איבגערע שטעט, ווי ניו יאָרק און פילאַדעלפיא, זעהן אוים פאר די באָסטאָנער אזוי וואולגאר. באָסטאָן איז טאַקע די עלטסטע גרויסע שטאָדט. פאר דער רעוואָלוציע איז באָסטאָן געווען די גרעסטע און וויכטיגסטע אַמעריקאנער שטאָדט, מיט אַ באַפעלקערונג פון 25,000 — אַ גאַנץ היבשע באפעלקערונג פאַר יענע צייטען. זי האָט געהאט שעהנע הייזער מיט אייניגע ברוקירטע גאסען און זי איז געווען דער צענטער פון קולטור און גייסט אין אמעריקע. באָסטאָן איז פול מיט'ן גייסט פון טראדיציע און רעספּעקטירט די פארגאנגענהייט. די באָסטאָנער זיינען שטיל, אנגעזאפּט מיט קולטור, היטען שטרענג אפּ זונטאָג, און זייערע הוימען זיינען פול מיט „אנטיקס", מאהאגאני און אלטען פאַיאַנס. מוזיק, לעקציעס און טעאטער קאָן מען דאָ געפינען לרוב.

באָסטאָן איז געווען די וויגעלע פון אמעריקאנער פרייהייט. און דעריבער איז באָסטאָן און די ארומיגע געגענט פול מיט עראינערונגען פון דעם וואוקס פון אמעריקא און איהר קאמף פאר פרייהייט.

אין צענטער פון שטאָדט, אויף ביקאָן היל, וואו עס האָבען זיך אמאל געפּאשעט דזשאן הענקאָק'ס קיה, שטעהט די שעהנע געביידע, די סטייט האוז. פון דעם שפּיץ פון דער געביידע זעהט זיך גאנץ באָסטאָן ארום. אין סטייט האוז זיינען פאראן א סך מערקווירדיגע זאכען פון גרויסען היסטאָרישען אינטערעס. אין דער סטייט לייברערי ווערט געהאלטען דער זשורנאל פון דער „מעיפלאוער", וואָס האָט געבראכט קיין אמעריקע די גרעסטע מיוחסים, די ערשטע קאָלאָניסטען. דער זשורנאל איז געפיהרט געווארען פון גאָווערנאָר וויליאם ברעדפאָרד.

אונטען ליגט דער שעהנער איינפאכער פּארק, באָסטאָן קאָמאָן. ביי איין ענד פון „קאמאן", ביי טרימאָנט און פּארק סטריט. געפינט זיך די אלטע פארק סטריט טשוירטש, וואו די פּוריטאַנער פלעגען זיך אמאל פארזאמלען. אויפ'ן קליינעם בית עולם פון דער קירך זיינען באגראבען א סך גרויסע אמעריקאנער פון די אמאָליגע צייטען, ווי דזשאן הענקאָק, סעמיועל עדעמס, פּאול ריוויער, דזשיימס אָטיס, פּיטער פעניועל, א סך אמאָליגע גאָווערנאָרס און די עלטערען פון בענדזשאמין פרענקלין. אויף טרימאָנט סטריט געפינט זיך קינגס טשעפּעל, און דאָרטען געפינט זיך דער עלטסטער בית עולם פון באָסטאָן מיט די קברים פון גאָווערנאָר דזשאן ווינטראָפּ און א סך פון די גאר ערשטע קאָלאָניסטען.

דער „קאמאן" האלט פופציג אַקער לאנד און איז אָפּגעצאַמט געוואָרען פאר אַ קהל'שען פּארק אין יאָהר 1634, באלד דריי הונדערט יאָהר צוריק.

דורך שמאָלע געסלעך און דורכגאנגען קומט איהר ארוים פון טרימאָנט סטריט אויף וואשינגטאָן סטריט, די הויפּט־גאס פון דער שטאָדט, וואו עס געפינען זיך די רייכסטע און גרעסטע געשעפטען, די רעדאקציעס פון די צייטונגען און די טעאטערס. אין איין הויז דאָ איז געבאָרען געווארען בענדזשאַמין פרענקלין. איצט איז אויף דעם פּלאַץ א צייטונגס אָפּיס. אַביסעל ווייטער־

אראָפּ איז די „אָלד סאוט טשורטש“, די באַריהמטסטע קירך פון באָסטאָן, וואָס איז איצט אַ מוזיי פון דער רעוואָלוציע. די קאָנגרעגיישאָן האָט אויפגעשטעלט א נייע אָלד סאוט טשורטש אין דעם רייכען קוואָרטאַל בעק בעי. די קירך איז אויפגעשטעלט געוואָרען אין 1729. זי איז זעהר אינטערעסאַנט אויסערליך און אינווייניג און איז געווען א נעסט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישען די קאָלאָניסטען.

ניט וויט געפינט זיך דאק סקווער און דערביי דער באריהמטער פעזיועל האָל, די אמת'ע וויגעלע פון פרייהייט אין באָסטאָן. דער האָל איז אויסגעבויט געוואָרען אין 1742 פון דעם סוחר פּיטער פעזיועל, וועלכער האָט עס אוועקגעשאָנקען דער שטאָדט פאר א מארק. אויפ'ן אונטערשטען פלאָר געפינט זיך דער מארק, און אויבען איז דער האָל, וואָס ווערט ביי יעדער וויכטיגער געלעגענהייט באנוצט פאר מאסענפארזאמלונגען. קיין פלעצער צום זיצען זיינען דאָרטען ניטאָ. פעזיועל האָל ליגט אינמיטען פון א סקווער. הינטער'ן האָל און ביז צום האַפען ציהט זיך דער קווינסי מארקעט.

נאָך באָסטאָן קאָמאָן, אין דער ריכטונג פון וועסט, ליגט נאָך אַ פּאַרק, אַ העלפט די גרויס פון קאָמאָן, וואָס רופט זיך „פּאבליק גארדען“. צו נאָרד און וועסט פון קאמאָן ליגט די וועסט ענד, א טייל פון וועלכער איז אוינער פון די אידישע קווארטאַלען, און אַן אַנדער טייל, וועסט פון פּאָבליק גארדען, איז דער רייכסטער טייל פון באָסטאָן. דאָ ציהט זיך אויף איבער א מייל די שעהנע און ברייטע קאָמאָנוועלט עוועניו, מיט א פּארק און אן אלייע אינמיטען און בולוואַרען פון ביידע זייטען. ליגקס, אויף באָילסטאָן סטריט געפינען זיך דער מוזעאום אָוו נעטשוראל היסטאָרי, און דער מאסאטשוזעטס אינסטיטוט אָוו טעקנאָלאדזשי. ווייטער ארויף איז קאפּלעי סקווער, וואו עס געפינט זיך א גרופּע פון די פיינסטע געביידעס אין שטאָדט, איינע פון זיי די באַריהמטע טריניטי טשורטש.

דאַ געפינט זיך די אויסגעוועהנליךשעהנע געביידע פון דער באָסטאָנער פּאָבליק לייברערי, וואָס האָט געקאָסט צוויי און א האלב מיליאָן אויפצובויען. די קאָרידאָרען פון דער ביבליאָטעק זיינען דעקאָרירט מיט מאַלערייען פון באקאנטע קינסטלער.

ווייטער ארויף קומען מיר צום קונסט מוזעי, צו דער פּרעכטיגער קריסטשיען סייענס טשורטש און צו סימפאָני האָל, דער הוים פון דער באָסטאָן סימפאני ארקעסטער, אוינער פון די בעסטע ארקעסטערס אין לאנד.

באָסטאָן האָט א גרויסע אידישע באַפעלקערונג, וועלכע איז צוואווארפען אין אלע טיילען פון דער שטאָדט און אין די פארשטעדט. די דריי אַלטע אידישע צענטערס זיינען: די וועסט ענד, די סאוט ענד און די נאָרד ענד, וואָס איז איצט כמעט דורכאויס איטאַליעניש. ראָקסבורי, דאָרטשעסטער און אַנדערע נייערע טיילען פון דער שטאָדט זיינען שוין אויך כמעט אינגאנצען באַוואוינט פון אידען.

ניט וויט פון נאָרט ענד, האָט באָסטאָן איהר אייגענעם קליינעם טשאַינאטאַון, וואו מען קאָן זעהן אמת'ע כינעזער, ניט דוקא אין די לאנדריס, און עסען אמת'ע כינעזישע מאכלים.

אויף דער אַנדערער זייט פון טשאַרלס ריווער, אין דער שטאָדט קעמברידזש, געפינט זיך דער באריהמסטער הארווארד אוניווערסיטעט, וואס איז געגרינדעט געווארען מיט ארום דריי הונדערט יאָהר צוריק.

לעבען קעמברידזש געפינט זיך די היסטאָרישע טשאַרלסטאָן, וואו עס זיינען פארגעקומען די ערשטע ערנסטע שלאכטען אין דער רעוואָלוציע, און וואו עס שטעהט דער באָנקער היל מאָנומענט.

פילאדעלפיא.

פילאדעלפיע איז די שטאָדט פון „קוויקערס“, פון „ברודער ליבע“ און פון דעם היסטאָרישען פרייהייטס גלאָק, וואָס ווערט געהאלטען אין אינדעפּענדענס האָל. דאָ איז געבאָרען געווארען די גרויסע רעפּובליק. דאָ זיינען באשאַפען און אנגענומען געווארען די „דעקלערעישאָן אוו אינדעפּענדענס“ און די קאָנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאַטען, דאָ איז געזעסען די ערשטע רעגירונג פון לאנד. דאָ איז אויך געשאפען געווארען די פאָן פון לאנד, די „סטאַרס ענד סטרייפּס“, און דער פרייהייטס גלאָק האָט פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיגקייט און פרייהייט פון נייעם לאנד.

ניט וויט פון אינדעפּענדענס האָל געפינט זיך קאָנגרעס האָל, וואו עס איז געזעסען דער קאָנגרעס, איידער ער איז אריבערגעטראָגען געווארען קיין וואשינגטאָן. דערביי איז דער האָל פון דער אמעריקען פילאָסאָפיקעל סאָסייעטי, וואס האָט זיך אנטווי־

קעלט פון אן ארגאניזאציע, וועלכע בענדזשאמין פרענקלין האָט געגרינדעט אין 1743. אויף נאָרד פינפטער סטריט איז פרענקלינ׳ס קבר. ווייטער אויף טשעסנאַט סטריט איז דער „האָל אָוו די קארעפּנטערס קאמפּאני“, וואו עס האָט זיך פארזאמעלט דער ערשטער קאָנגרעס אין 1774. און אויף דער דריטער און אַרטש סטריטס געפינט זיך דאָס הויז וואו בעטסי ראָס האָט געמאכט די אמעריקאנער פאָן.

מארקעט סטריט איז די בראָדוויי פון פילאדעלפיע, און טשעסטנאָט סטריט איז פאר פילאדעלפיע, וואס די פינפטע עוועניו איז פאר ניו יאָרק. טשעסטנאָט סטריט האָט אבער א געפעהרליכען קאָנקורענט אין זיין נאָהענטסטען שכן וואלנאט סטריט.

מארקעט סטריט ציהט זיך פון איסט צו וועסט, און בראָד סטריט געהט פון נאָרד צו סאוט. אויף בראָד סטריט געפינט זיך די אַקאַדעמיע אָוו מוזיק און אנדערע אינטערעסאנטע און גרויסע געביידעס. בראָד סט. איז די לענגסטע גלייכע גאס אויף דער וועלט און ציהט זיך אויף מיילען און מיילען.

די פילאַדעלפיער שטאָלצירען מיט זייער פערמאונט פארק. דאָס איז איינער פון די גרעסטע פארקס אויף דער וועלט. ער איז צושפּריים אויף דריי טויזענט אקער לאנד. דער סקולקיל ריווער און נאָך אַ טייכעל פליסען דורך דעם פארק. עס געפינען זיך אין איהם סטאַטועס פון וואשינגטאָן, לינקאָלן און גרענט. ביי איינעם פון די אריינגאַנגען צום פארק שטעהט וויליאם פענ׳ס „לעטישיא האוז“.

איינער פון די נייעסטע וואונדער פון פילאדעלפיע איז דער ריזיגער בריק איבער דעם ברייטען טייך דעלעווער. דער בריק פארבינדט איצט פילאדעלפיא מיט דער שטאָדט קעמדען אויף דער דזשוירזיער זייט פון טייך.

דער ים-ברעג פון מעין ביז אטלאַנטיק סיטי.

די פארשיידענע זומער פלעצער אויפ׳ן ים ברעג אין איסט ווערען באזוכט פון צעהנדליגער טויזענטער מענשען יעדען יאָהר. די באריהמטסטע זומער פלעצער אויפ׳ן נאָרד אטלאנטישען ברעג זיינען די אריסטאָקראַטישע באַר הארבאָר, אין מעין, דער מיליאָנערסקער ניופּאָרט, אין ראָוד איילענד, און די דעמאָקראטישע אטלאנטיק סיטי, אין ניו דזשוירזי.

זעהר שעהן איז דער גאנצער ים ברעג פון מעין. דער פּאָפּולערסטער זומער פּלאַץ אין מעין איז מאונט דעזערט איילענד. דער אָרט איז א הויכער, א בערגיגער. פון די ארומיגע בערג איז „גרין מאונטעין“, דער העכסטער. איבער 1,500 פוס די הויך. אין דער געגענט, ביי ניופאָרט מאונטיין, ליגט די אריסטאָקראטישע באר הארבאָר. דאָ זיינען פאראן עטליכע שעהנע לייקס. דער וויכטיגסטער פון זיי איז איגעל לייק. באַר האַרבאָר איז מערקווירדיג שעהן. אָפט אבער הענגט דאָ א געדיכטער נעבעל איבער׳ן ים און דער ארומיגער געגענט.

פון פּאָרטלענד, מעין, קען מען קומען צו די באריהמטע ווהייט מאונטיינס, וואס זיינען אזוי באליבט ביים עולם, וועלכער זוכט וואו אפצורוהען זיך אין די זומער מאנאטען.

נאָך באריהמטער פון באר הארבאָר איז ניופּאָרט, ראָוד איילענד, וואס געפינט זיך ניט ווייט פון פּראָווידענס. ניופּאָרט באַשטעהט ניט נאָר פון האָטעלען, נאָר אויך פון פיינע הוימען, מיט לאָנקעס און בלומען גארטענס. א סך פון זיי זיינען רייכע פּאלאצען פון פארשיידענסטער ארכיטעקטור. די מולטימיליאָנערען פון ניו יאָרק און באָסטאָן וואוינען דאָ.

דער ים ברעג פון ניו דזשוירזי איז פול מיט זומער פלעצער און זאמדיגע ביטשעס. דער גרעסטער פון זיי איז אטלאנטיק סיטי, מיט איהרע פּארגעניגענס פלעצער, האָטעלען און ריזיגען באָרדוואָק. עטליכע אייזענבאהן ליניעס פיהרען צו אַטלאַנטיק סיטי, און הונדערטער טויזענטער מענשען קומען אהער יעדען זומער.

אין אַטלאנטיק סיטי איז אויפגעבויט געוואָרען דער ערשטער באָרדוואָק. דער באָרדוואק דאָ ציהט זיך אויף ניין מייל און האלט צווישען צוואנציג און זעכציג פוס אין דער ברייט. אַטלאנטיק סיטי ווערט גערעכענט פאר דעם אמעריקאנישסטען פון אלע ים-פּלעצער.

טאָלען, הייהלען און וואַסער-פאלען.

אין דעם שענאַנדאָא טיול, אין ווירדזשיניע, האָט מען אין 1878 ענטדעקט א אונטערערדישע דורכגאנגען. מען האָט זיי מערקווירדיגען לאַבירינט פון הייהלען און

אלע געננו אויסגעפּאַרשט און פּאַרצייכענט, און א באַזוכער קען דורכגעהן אלע ווינקעלאַך פון די געדרעהטע וועגען אונטער דער ערד. דאָס זיינען די היילען פון לורעי.

דאָס איז אַן אמת'ע אונטערערדישע מלוכה, וואָס פילט אַן דעם באַזוכער מיט עהרפורכט. איהר זעהט דאָ פאַרשיידענע פאַנטאַסטישע געשטאַלטען און פאָרמען און זיילען. יעדער אָרט האָט א באַזונדערען נאָמען. די טעמפּעראַטור איז דאָ 54 גראַד פאַרענהייט, און די לופט — זעלטען ריין. מען האָט דאָ געפונען שפּורען פון אייניגע חיות און אפילו פון מענשען, וואָס האָבען אמאָל די היילען באַוואוינט.

אין קענטאָקי, ארום 90 מייל צו סאוט פון לואיזוויל, געפינט זיך מאַמאָט קעיוו. דאָס איז די גרעסטע הייל אויף דער וועלט. די קעיוו ציהט זיך אויף ניין ביז צעהן מייל, און די פאַרשיידענע גאַסען אין איהר זיינען צוזאַמען ארום צוויי הונדערט מייל לאַנג. די געלאָגען מיינען, אז אונטער דער קעיוו געפינען זיך א הונדערט טויזענט מייל פון אַנדערע אָפענע היילען. ביים ארייננגאַנג אין מאַמאָט קעיוו שטעהט א האָטעל. דער קעיוו איז אנטדעקט געווארען אין 1809. דאָ געפינען זיך א סך וואונדערליכע גראָזען, קאַמערען, אָזערעס, טייכען, וואַסערפאַלען, אין די וואַסערען געפינט מען פיש אָהן אויגען.

ארום א הונדערט מייל צו דרום פון לורעי געפינט איהר אַן אנדער גרויסען וואונדער. דאָס איז דער „נייטשורעל ברידזש" פון ווירדזשיניע. א קליין טייכעל, סידער ברוק, פליסט דאָ דורך פאַרביי די צוויי העכסטע בערג פון די אלעגאַנס, 4,000 פוס הויך. איבער'ן טייכעל, 215 פוס הויך, געהט דער נאַטירליכער בריק צווישען צוויי פעלזען אויף א לענג פון א הונדערט פוס און ניינציג פוס אין דער ברייט.

אויב דער נאַטירליכער בריק אין ווירדזשיניע איז א גרויסער וואונדער אין שטיין איז ניאַגאַרא פאָלס, ביי דער גרענעץ פון קענעדע, נאָך א גרעסערער וואונדער פון וואַסער. די אינדיאַנער האָבען דעם וואַסערפאַל ריכטיג אנגערופען „דער דונער פון וואַסערען". דער רויש פון דעם וואַסער פאַל קאָן באמת טויב מאַכען.

ניאַגאַרא פאָלס איז שטענדיג וואונדערליך שעהן, כאָטש דער אויסזעהן האַלט זיך כסדר אין איין ענדערען. דער וואַסערפאַל איז א טייל פון טייך ניאַגאַרא, וואָס פליסט פון לייק אירי אין לייק אָנטעריאָ. לייק אירי ליגט 564 פוס איבער דער פלאַך פון ים, און לייק אָנטעריאָ — 231 פוס הויך. דער וואַסערפאַל נידערט אראָפּ אויף 333 פוס. דער גאַנצער טייך ניאַגאַרא איז 36 מייל לאַנג. די דורכשניטליכע שנעלקייט פון דעם וואַסער ביים פאַלען איז 222,400 קוביק פוס אין א סעקונדע, וואָס דאָס מיינט ארום 4.900,000 פערד־קראַפט. די מורא'דיגע קראַפט איז נאָך אין 1704 אויסגענוצט געווארען פאַר א מיל. ביי אונזער היינטיגער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג איז ענטשטאַנען די געפאַהר, אז מען וועט אָפּציהען פון דעם וואַסער פאַל צופיל קראַפט און דערמיט צושטערען די גאַנצע שעהנקייט פון דער וואונדערליכער ערשיינונג. עס איז דאַריבער געשלאָסען געוואָרען אַן אָפּמאַך צווישען די רעגירונגען פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע, לויט וועלכען מען מעג אויסנוצען פאַר קראַפט נאָר 56,000 קוביק פוס פער סעקונדע: 36,000 פאַר קענעדע און 20,000 פאַר די פאַראייניגטע שטאַטען.

די הויפּטשטאָדט וואַשינגטאָן, „דהי סיטי ביוטיפול" — ריטשמאָנד.

די אַמעריקאַנער הויפּטשטאָדט, וואַשינגטאָן איז איינע פון די שעהנסטע שטעדט אין לאַנד. זי איז אויך אַ מוסטער פון אַ נייער שטאָדט, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרען לויט אַ פּלאַן. די שטאָדט איז פול מיט פּאַרקס און ביימער, און פון אַ הויכען אָרט קוקט זי אויס, ווי איין גאָרטען.

דער צענטער פון אינטערעס אין וואַשינגטאָן איז דער קעפּיטאָל, וואָס שטעהט אויף אַ בערגעל און האָט דעם שעהנסטען קופּאָל אויף דער וועלט. מען קאָן דעם קעפּיטאָל מיט זיין קופּאָל זעהן פון זעהר ווייט און פון אַלע זייטען שטאָדט. ארום דעם קעפּיטאָל איז אַ פּאַרק, וואָס פאַרנעמט 50 אַקער לאַנד.

די הויפּט גאַס פון וואַשינגטאָן איז די שעהנע פּענסילווייניע עוועניו, וואָס איז 160 פוס ברייט.

לעבען קעפּיטאָל געפינט זיך די וועלט באַריהמטע קאָנגרעשאָנאַל לייברערי, וואָס פאַרמאָגט איינע פון די דריי אָדער פיר רייכסטע ביכער־קאָלעקציעס אויף דער וועלט. דער ביבליאָטעק איז וואונדערליך־שעהן, די געביידע

איז פאַרענדיגט געוואָרען אין יאָהר 1897 און האָט אָפּגעקאָסט זעקס מיליאָן דאָלאַר.

די היים פון די אַמעריקאַנער פּרעזידענ־טען, די „ווהייט הויז", ליגט אין אַ פּאַרק אַביסעל ווייטער פון דער גאַס. די געביידע האָט צוויי שטאָק, אַרום 170 פוס לאַנג און 86 פוס ברייט. דער שעהנסטער און גרעסטער זאַל איז דער היסטאָרישער „איסט רום", וואָס האַלט 82 פוס אין דער לענג און 50 פוס אין דער ברייט.

אַרום דעם ווייסען הויז קאָן מען זעהן די געביידעס פון די פאַרשידענע מיניסטער־ריומס. די שעהנסטע און גרעסטע איז די געביידע פון סטייט, אַרמיי און נייווי דע־פּאַרטמענט; דער אַמבאַסאַדאָרען זאַל איז דער־פיינסטער זאַל אין דער געביידע.

די אינטערעסאַנטסטע און שעהנסטע פון די נייערע געביידעס אין וואַשינגטאָן איז די „פּאַן אַמעריקען", וואָס ווערט אויפגעהאַלטען פון די 21 רעפּובליקען פון ביידע אַמעריקאַ־נישע קאָנטינענטען, פאַר דער אַנטוויקלונג פון קאָמערץ און פריינדשאַפט צווישען די פאַרשיידענע מדינות אין אַמעריקא. די גע־ביידע האָט געקאָסט אַ מיליאָן דאָלאַר, פון וועלכע ענדריו קאַרנעגי האָט געגעבען דריי פערטעל, און די אַמעריקאַנער רעפּובליקען — אַ פערטעל.

לעבען ווייסען הויז געפינט זיך די וועלט באַריהמטע קאָרקאָרען אַרט גאַלערי, דאָ געפי־נען זיך די פיינסטע מוסטערען פון אַלטער און מאָדערנער קונסט.

אויסערגעוועהנליך אינטערעסאַנט איז די סמיטסאָניען אינסטיטושאָן, וואָס פיהרט אָן אַ ברייטע וויסענשאַפטליכע און בילדונגס אַרבייט איבער אַמעריקאַ און איבער דער וועלט, איהר גרינדער איז געוועזען דער ענג־לענדער דזשיימס סמיטסאָן. דאָ קאָן מען אויך זעהן די מוזייען פון נאַטור וויסענ־שאַפט און אַנטראָפּאָלאָגיע, און דערביי איז אויך דער נעשאָנאַל מוזעאום.

הינטער דעם אַגריקולטור דעפּאַרטמענט, ניט ווייט פון ברעג פון דעם טייך פּאָטאָמאַק שטעהט דער באַריהמטער וואַשינגטאָן מאָנו־מענט, 555 פוס הויך. דער באַזוכער קאָן אַרויף צום שפּיץ פון מאָנומענט מיט אַן עלע־ווייטאָר אָדער מיט אַ טרעפּ פון ניין הונדערט שטאַפּלען.

גאָר אויבען קאָן מען זעהן פון די פענ־סטער אין אַלע פיר ריכטונגען די אַרומיגע געגענט אויף צעהנדליגער מיילען ווייט.

נאָך וואַשינגטאָן איז פאַר דעם באַזוכער, וואָס איז באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין אַמעריקאַנער געשיכטע, ווערט צו זעהן אויך די שטאָדט ריטשמאָנד, ווירדזשיניע, וואָס איז אין פאַרלויף פון בירגער קריג געוועזען די הויפּטשטאָדט פון דער קאָנפעדעראַציע פון די דרום שטאַטען.

ריטשמאָנד האָט איהר אייגענעם קעפּיטאָל און איהר אייגענעם ווייסען הויז, וואָס איז געוועזען די היים פון פּרעזידענט דזשעפערסאָן דייוויס אין די עטליכע יאָהר פון דעם שרעק־ליכען קריג. די שטאָדט איז רייך אין אַלער־ליי היסטאָרישע פּלעצער און זאַכען.

פּיטסבורג — די מלוכה פון שטאָל.

פּיטסבורג ווערט גערופען „די סמאָוק סיטי", צוליב די מאַסען פאַבריקען, וואָס ציהען זיך ביי די ברעגען פון די דריי טייכען, וועלכע פאַראייניגען זיך דאָ. דאָס איז אַ שטאָדט פון סקייסקרייפּערס און פאַבריק קוימענס, דער צענטער פון דער ריזיגער אַמעריקאַנער שטאָל אינדוסטריע און די היים פון דער יונייטעד סטייטס סטיל קאָרפּאָריי־שאָן.

פּיטסבורג האָט אָבער אויך גענוג שעהנ־קייט אין דער נאַטור און שעהנע געביידעס. די געגענט פון דער שטאָדט איז ניט פלאַך, ווי שיקאַגאָ, נאָר איז פול מיט בערגלאַך.

פאַר'ן באַזוכער איז ווערט צו זעהן דעם היסטאָרישען פאָרט פּיט, פון וועלכען די שטאָדט האָט באַקומען איהר נאָמען. שעהן זיינען דער פאָסט אָפּיס און דער סיטי האָל. די פיינסטע געביידע און איינע פון די בעסטע אין לאַנד איז די קאָורט האַוז, וואָס ליגט אויף אַ בערגעל ביי פיפט עוועניו, דורך אַ „ברידזש אָוו סאַיז" איז די געביידע פאַר־אייניגט מיט אַ פּריזאָן, פון דעם זעלביגען אַרכיטעקטור.

צו איסט פון דער שטאָדט, ביי שענלי פּאַרק, געפינט זיך די שעהנע קאַרנעגי לייב־רערי, און מוזעאום, אַ געשאַנק פון ענדריו קאַרנעגיע.

שיקאַגאָ, די מעטראָפּאָלע פון דער וועסט.

שיקאַגאָ איז נאָך ניו יאָרק די גרעסטע שטאָדט אין אַמעריקא. מען רופט שי־קאַגאָ די „ווינדי סיטי" און די קעניגין פון דער וועסט, זי איז דער צענטער פון די אַמע־ריקאַנער אינדוסטריען און איז דורכאויס אַ

שטאָדט פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, מיט אַ הונדערט יאָהר צוריק איז שיקאַגאָ געווען אַ קליין דערפעלע, פון וועלכער קיינער האָט אַפילו ניט געהערט, איצט איז שיקאַגאָ מיט איהר באַפעלקערונג אַזוי גרויס ווי פּאַריז.

שיקאַגאָ איז אַ שטאָדט פון אינדוסטריע, קאָמערץ און ראַדיקאַלע באַוועגונג. דאָ זיינען אין די 80ער און 90ער יאָהרען געווען גרויסע סטרייקס. אין 1886 איז דאָ פאָרגעקומען די הײמאַרקעט טראַגעדיע און זעקס אַנאַרכיסטען זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרען. די שטאָדט איז אויך באַקאַנט מיט איהרע „סאָשעל וואָירקערס", מיט דעם באַריהמטען סעטעלמענט „האָל האוז", וואו דזשיין עדעמס האָט אויפגעפיהרט איהר יאָהרענלאַנגע אַרבייט.

די שעהנסטע זאַך אין שיקאַגאָ איז אָהן צווייפעל דער לייק מישיגען, ביי וועלכען די שטאָדט שטעהט. דאָס איז אַ גרויסער אינלענדישער ים, איינער פון דעם סיסטעם פון פינף גרויסע אָזערעס, וואָס זיינען צוזאַמען גרעסער פון דעם שטח פון אייראָפּע. שיקאַגאָ איז דער צענטער פון גרויסע וואַסערוועגען און פון די גרעסטע אַמעריקאַנער אייזענבאַהנען, און איבער אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד געפינט זיך פון שיקאַגאָ ניט ווייטער ווי אַ צוועלף שטונדען רייזע מיט דער באַהן.

די מערקווירדיגסטע שיקאַגאָער אינדוסטריע קאָן מען זעהן אין סאוט סאַיד, דאָס זיינען די ריזיגע יוניאָן סטאָק יאַרדס. פון שיקאַגאָ ווערט צושיקט פלייש מכל המינים איבער דער גאַנצער וועלט, דאָס איז די היים פון דעם גרויסען פלייש טראָסט. די סטאָקיאַרדס אין שיקאַגאָ זיינען מיט עטליכע יאָהר צוריק געווען דער צענטער פון אַ גרויסען סקאַנדאַל, ווען אַפּטאָן סינקלער, אַ סאָציאַליסטישער שרייבער, האָט אין זיין ראָמאַן „די דזשאָנגעל" באַשריבען, ווי שמוציג זיי ווערען געהאַלטען, און ווי שלעכט עס ווערען דאָרטען באַהאַנדעלט די צעהנדליגער טויזענטער אַרבייטער.

די מערקווירדיגע געביידע פון דער באָרד אָוו טרייד, אויף לאַסאַל סטריט, דערמאָנט אַייך, אַז שיקאַגאָ איז ניט דער גרעסטער מאַרק פון בהמות און חזירים, נאָר אויך פון דעם תבואה און געהילץ האַנדעל פון דער מיטעלוועסט און פילע אַנדערע אינדוסטריען. די אַרכיטעקטור פון דער געביידע איז איינע פון די שעהנסטע זאַכען, וואָס מען קאָן זעהן אין דער ריזיגער שטאָדט, און דער טורעם איז 322 פוס הויך. די ווילדסטע פינאַנציעלע ספעקולאַציעס געהען אָן אין אָט דער גרויסער און שעהנער געביידע.

די שטאָדט האָט אַ סך זומער-פּלעצער אויף די ברעגען פון גרויסען לייק און א סך שעהנע בולוואַרען.

שיקאַגאָ פאַרמאָגט דעם פיינעם און גרויסען שיקאַגאָער אוניווערסיטעט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אויף די פאָנדען פון דזשאַן ד. ראָקעפעלער, און דעם „אַרט אינסטיטוט".

פלאָרידא, דאָס לאַנד פון זונשיין.

פלאָרידא האָט אין די לעצטע יאָהרען באַקומען אַ סך „פּובליסיטי", צוערשט מיט דעם גרויסען „ריעל עסטייט בום", וואָס האָט, ווי אַלע אַזעלכע „בומס", געפּלאַצט, און האָט איבערגעלאָזען היבשע פאַרמעגענס פאַר פלינקע ספעקולאַטאָרס אויפ'ן חשבון פון צעהנדליגער טויזענטער מענשען, און לעצטענס צוליב די גרויסע שטורעמס, וואָס האָבען אָנגעמאַכט חורבנות אין די נײ-אויפגעקומענע שטעדט און שטעדטלאַך.

אָבער פלאָרידא אליין איז אין די 2 גרויסע אומגליקען גאָרניט שולדיג. זי בלייבט אַלץ דער גן עדן פון אַמעריקא און אַ וויכטיגער פונקט פאַר טוריסטען.

פלאָרידא האָט אַ גרויסען היסטאָרישען אינטערעס, אַנטדעקט פלאָרידא האָט פאָנס דע לעאָן, וואָס האָט געזוכט אין יענע מקומות דעם קוואַל פון אייביגער יוגענט. פלאָרידא פאַרמאָגט די עלטסטע שטאָדט אין לאַנד, סט. אויגוסטין, וואָס איז באַזעצט געוואָרען פון שפּאַנישע קאָלאָניסטען אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, די שטאָדט האָט אַ סך אַלטע געביידעס און אַנדערע היסטאָרישע מאָנומענטען. סט. אגוסטין איז אויך באַריהמט מיט זיינע רייכע האָטעלען.

פלאָרידא איז באַקאַנט יעדען איינעם מיט איהרע ווינטער רעזאָרטס, דער רייכסטער און באַריהמטסטער פון זיי איז פּאַלם ביטש. די געגענט איז רייך אין אַלערליי טראָפּישע פלאַנצען. צוויי פּרעכטיגע האָטעלען שטעהען אין צענטער פון דעם רייכען רעזאָרט.

ניו אָרלינס, אַטלאַנטא, פּאַנאַמאַ.

די שטאָדט ניו אָרלינס איז באַקאַנט מיט איהר קאַרניוואַל, „מאַרדי גראַ". זי איז אַ

זעהר אַלטע שטאָדט, אי אַ נייע. זי איז פול מיט היסטאָרישע טראַדיציעס, זי איז געווען שפּאַניש און פראַנצויזיש. די אינטערעסאַנטסטע געביידעס און פּלעצער זיינען: די „קאַבילדאָ", דער פראַנצויזישער מאַרקעט, דער סט. לואיס קאַטעדראל, האָטעל ראָיאל, די פראנצויזישע אָפּערא הויז, און אין א הויזנומער 514 טשאַרלז סט. וועט מען אייך דערצעהלען, ווי א רייכער פראנצויזישער סוחר זשיראָ האָט דאָ געמאַכט אַ פּלאַן ארויסצוגנב'ענען נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען פון זיין געפאַנגענשאַפט אויף דעם סט. העלענא איבזעל.

ניו אָרלינס איז דער גרעסטער מאַרקעט פאַר צוקער, און אויך פאַר רייז און קאַווע.

אַטלאַנטאַ איז די מעטראָפּאָליע פון סאוטאיסט. זי איז פול מיט עראינערונגען וועגען בירגער קריג און וועגען דעם באַריהמטען „מאַרש דורך דזשאָרדזיא", וואָס גענעראַל שוירמאַן האָט געמאַכט, אַלס אַ לעצטען קלאַפּ צו צוברעכען די קאָנפעדעראַציע. דער ציל פון דעם מאַרש איז געווען אַטלאַנטא, און דער ציל איז דערגרייכט געוואָרען, און די קאָנפעדעראַציע איז צושפּאָלטען געוואָרען.

אַטלאַנטאַ איז דער צענטער פון דער גרויסער קאטאן אינדוסטריע.

דער פּאַנאַמא קאַנאַל איז איינער פון די ־עסטע נצחונות פון מענשען איבער דער נאַטור. איידער דער קאַנאַל איז דורכגעגראָבען געוואָרען, האָט מען געמוזט מאַכען אַ רייזע פון אַרום צעהן טויזענט מייל, כדי צו קומען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן אין פּאַסיפישען ביים שמאָלען פּאַס לאַנד פּאַנאַמא, וואָס האַלט אַרום 45 מייל צווישען די צוויי פּונקטען קאלאן און פּאנאמא ביי ביידע אָקעאַנען.

די נאַציאָנאַלע פּאַרקס און דער גרענד קעניאָן אין אריזאָנאַ.

די נאַציאָנאַלע פּארקס זיינען גרעסערע טעריטאָריעס ווילדלאַנד, וואָס קאָנגרעס האָט באַשטימט צו ווערען אויפגעהאַלטען אין זייער ווילדען צושטאַנד, צוליב זייער נאַטירליכער שעהנקייט אָדער אַנדערע אייגענשאַפטען, און זיין דאָס אייגענטום פון פאָלק. דאָס זיינען ניט קיין פּאַרקס אין דעם געוועהנליכען זין, ווי, למשל. סענטראַל פּאַרק אין ניו יאָרק, לינקאָלן פּאַרק אין שיקאַגאָ, אָדער גאָלדען גייט פּאַרק אין סאַן פראַנציסקאָ. יענע פּאַרקס זיינען קולטיווירטע גאָרטענס מיט גלאַטע לאָנקעס און געדרעהטע שטעגען, וואָס מענשען האָבען געמאַכט. די נאַציאָנאַלע פּאַרקס זיינען איבערגעלאָזען געוואָרען אין דעם צושטאַנד, אין וועלכען די נאַטור אליין האָט זיי געבראַכט. מיט דעם טאַקע זיינען די נאַציאָנאַלע פּאַרקס געוואַלדיג אינטערעסאַנט פאַר יעדען איינעם.

עס זיינען פאראַן ארום צוואַנציג נאַציאָנאַלע פּאַרקס אין לאַנד, נאָר איינער פון זיי געפינט זיך אין דער איסט. דאָס איז דער לאַפאַיעט נעשאָנאַל פּאַרק אין מעין, וואָס איז באַריהמט מיט זיינע בערג פון גראַניט און זיין אויסערגעוועהנליכער שעהנקייט. אַלע איבעריגע פּאַרקס געפינען זיך צו וועסט פון דעם טייך מיסיסיפּי.

אינטערעסאַנט איז, וואָס יעדער איינער פון די גרויסע נאַציאנאַלע פּארקס איז גאָר ניט ענליך צו אַנאַנדער נאציאָנאלען פּארק. יעדער פּארק האָט זיך זיינע באַזונדערע מערקווירדיגע אייגענשאַפטען.

דער יעלאָוסטאָן נעשאָנעל פּארק געפינט זיך אין וויאָמינג. דאָ קען מען זעהן מעהר גייזערס און פּרעכטיגערע גייזערס, ווי ערגעץ אויף א וועלכען עס איז אנדערען פּונקט אויף דער ערד. חוץ די גייזערס, זיינען דאָ פאראן א סך הייסע קוואַלען, וועלכע האָבען באשאפען שיינענדיגע פּלאַטאָס און טעראסען מיט מינעראלע מאסען פון פארשידענע קאָלירען. דאָ געפינט זיך א קעניאן, וואָס פארמאָגט אַלע קאָלירען און שאַטירונגען פון רעגענבויגען. אין ערגעץ ווערען ניט געהאלטען און אָפּגעהיט אזויפיל זעלטענע ווילדע חיות, ווי אין יעלאוסטאָן פּארק.

דער ראקי מאונטיין נעשאָנעל פּארק געפינט זיך אין קאָלאָראדאָ. ער פּארמאָגט א סך ערהאבענע בערג, וואס זיינען אויבען באַדעקט מיט שניי, און אַ סך גלעטשיערס, אָזערעס פון אייז.

דער יאסעמייט נעשאָנעל פּארק געפינט זיך אין קאליפאָרניע, צו וועסט פון די סיעראַ נעוואַדאַ בערג. דאָ געפינט זיך דער וועלטבאַריהמטער יעסאָמייט טאָל, מיט טויזענט וואונדערס, שעהנקייטען, וואס האלטען אין איין פארענדערען זיך, הויכע וואסערפאלען, איניגע פון וועלכע זיינען כמעט אזוי הויך, ווי די ניאַגאַראַ פאלס ווען זיי וואָלטן געווען איינע אויף די אנדערע. אין דעם פּארק געפינען זיך אויך מאַיעסטעטישע בערג באַדעקט מיט שניי.

דער סעקוואָיאַ נעשאָנאַל פּאַרק ליגט אויך אין קאַליפאָרניע. אין איהם געפינען זיך טויזענטער סעקוואָיאַ ביימער, איניגע פון

וועלכע האלטען ביי דער ערד פון 25 ביז 36 פוס אין דיאמעטער. זיי זיינען גאר אהן ספק די עלטסטע ערשיינונגען פון לעבן, וואס זיינען געבליבען אויף דער ערד. אייניגע פון זיי זיינען שוין געווען מעכטיג, ווען מען האט אין די מדבריות פון מצרים גע־בויט די פיראמידען מיט דריי־פיר טויזענט יאהר צוריק.

דער גרענד קעניאן נעשאנאל פארק געפינט זיך אין אריזאנא. אין איהם קאן מען זעהן דעם פורכטבארסטען אפגרונט אויף דער גאנצער ערד, דעם גרענד קעניאן. דאס איז איינער פון די גרעסטע וואונדער אויף דער וועלט, וואס עס איז גאר שווער צו באשריי־בען אין איינפאכע ווערטער.

דער גלייטשיער נעשאנאל פארק ליגט אין מאנטאנא. גאר־גאר אמאל האט זיך די ערד דא געשפאלטען, און איין זייט איז אריבערגע־פאלען אויף דער אנדערער. איהר האט דא א סך פעלזען, וואס האלטען עטליכע טויזענט פוס די הויך, און איבער 60 גלייטשערס, וואס פיהלען אן מיט וואסער הונדערטער לייקס. אויף איינעם פון די לייקס שווימען ארום אייזבערג א גאנצען זומער.

מאונט רייניער נעשאנאל פארק געפינט זיך אין דעם שטאט וואשינגטאן. ער איז באריהמט מיט זיין אויסגעלאשענעם וואול־קאן. אין די אור־אלטע צייטען, ווען דער אמעריקאנער קאנטינענט האט זיך געהאלטען אין פארמירען, איז דאס געווען א פייער־שפייענדיגען בארג, וואס האט געקאנט דינען פאר א לייכט־טורעם אויף ווייטע ימים. איצט איז דער וואולקאן לאנג שטיל און איז באדעקט מיט אייז און שניי.

קרייטער לייק נעשאנאל פארק איז אין ארעגאן. דא איז אויך פאראן אן אויס־געלאשענער וואולקאן, מאונט מאזאמא. אין די אוראלטע צייטען איז אראפגעריסען גע־ווארען דער אויבערשטער טייל פון דעם בארג, און ס'איז געווארען אן אפגרונט. דער אפגרונט איז איצט פול מיט וואסער פון א מערקווירדיג שעהנעם בלויען קאליר. דאס איז דער ריזיגער קרייטער לייק, א לייק אין דעם קראטער פון א וואולקאן.

דער מעזא ווארד נעשאנאל פארק ליגט אין קאלאראדא. אין זיינע טיפע קעניאנס באהאלט ער די רעשטען פון א ציוויליזאציע, וואס איז אזוי אלט, אז עס זיינען קיין שום אנדערע שפורען פון איהר ניט געבליבען.

דער מאונט מעקינלי נעשאנאל פארק גע־פינט זיך אין דער טעריטאריע אלאסקא. דא שטעהט דער העכסטער בארג אין די פאראיי־ניגטע שטאטען, 20,300 פוס הויך.

דער לאסען וואלקייניק פארק ליגט אין קאליפארניע. אין איהם געפינט זיך לאסען פיק, דער איינציגער אקטיווער וואולקאן אין די קאנטינענטאלע פאראייניגטע שטאטען.

דער האט ספרינגס נעשאנאל פארק גע־פינט זיך אין ארקענסאו. ער פארמאגט א פערציג־פופציג הייסע קוואלען. דאס איז דער באריהמטסטער קוראָרט פון אמעריקא.

דער פלאט נעשאנאל פארק, וואס געפינט זיך אין דרום אקלאהאמא, פארמאגט אויך הייסע קוואלען, וואס האבען א גרויסען מע־דיצינישען ווערט.

דער זייאן נעשאנאל פארק געפינט זיך אין דעם שטאט יוטא. ער האט א קעניאן, וואס שיינט מיט וואונדערליך בונטע קאלי־רען.

דער ווינד קעיוו נעשאנאל פארק געפינט זיך אין סאוט דאקאטא. ער פארמאגט א זעהר גרויסע הייהל און זעהר אינטערעסאנטע דע־קאראציעס, וואס די נאטור אליין האט גע־שאפען.

דער סולים היל נעשאנאל פארק געפינט זיך אין נארד דאקאטא. דא געפינט זיך א וויכטיגע קאלעקציע פון אויסשטארבענדיגע ווילדע חיות, וואס ווערען דא אפגעהיט, ווי אין דעם יעלאוסטאון פארק.

די נעשאנאל פארקס זיינען אונטער דער אויפזיכט פון א ספעציעלע ביורא פון דער רעגירונג אין וואשינגטאן. אין יעדען פארק האט די רעגירונג איינגעארדענט האטעלען און קעמפס פאר דער באקוועמליכקייט פון די הונדערטער טויזענטער יעהרליכע באזו־כער פון די שעהנסטע און מעכטיגסטע נאטור ערשיינונגען, וואס זיינען פאראן צו זעהן אין די נאציאנאלע פארקס.

טעקסאס און אריזאנא.

דער אינטערעסאנטסטער היסטארישער פונקט אין דעם ריזיגען שטאט טעקסאס איז די שטאט סאן אנטאניא. די שטאט איז מיט וועניגער ווי הונדערט יאהר צוריק געווען דער צענטער פון דעם רעוואלוציאנערען אויפשטאנד געגען מעקסיקא. די שטאדט איז נאך עד היום פול מיט אלערליי היסטארישע אנדענקען פון יענער אומרוהיגער צייט. די שטאדט איז, אויסער דעם, אויסערגעוועהנ־ליך שעהן. זי איז גאר ניט עהנליך צו אנדע־

רע אַמעריקאַנער שטעדט. זי איז שפּאַניש אין טראַדיציע, כאָטש זי אַנטוויקעלט זיך גאָר שנעל אין אַ מאָדערנע פּראָגרעסיווע שטאָדט.

דער אינטערעסאַנטסטער אַרכעאָלאָגישער פּונקט אין גאַנצען לאַנד געפינט זיך אין נױ מעקסיקאָ, באַזונדערס אין דער געגענט פון סאַנטאַ פע. עס זיינען דאָ פאַראַן מענשליכע וואוינונגען אין פעלזען און היילען. דער צענטער איז דער פּאַדזשאַריטאָ פּאַרק, וואָס געפינט זיך אויף אַ הויכען אָרט צווישען צוויי קעניאָנס. די פעלזען פון דער געגענט זיינען בוכשטעבליך באַדעקט מיט אַזעלכע אויסגעשניטענע וואוינונגען, ווי אַ ביהנ־שטאָק. אין די וואוינונגען זיינען די צימער־רען אָפּט באַדעקט מיט אלערליי פּרימיטיווע באַפּוצונגען, מען האָט דאָ געפונען מאַסען כלים, איניגע פון זיי דעקאָרירטע, און געצייג, ווי שטיינערנע בויגענס און העק.

אין אַריזאָנאַ קען מען זעהן, חוץ דעם גרענד קעניאָן, פינף פאַרשטיינערטע פעלדער. דאָ געפינט זיך דער אַזוי גערופענער „פּיינ־טעד דעזורט", דער אויסגעמאָלענער מדבר, אַ הויכער אָרט צווישען די קעניאָנס פון צוויי טייכען, וואו די פעלזען זיינען פון וואונדערליכע קאָלירען.

די געגענט איז רייך אין רואינען, יע־ראַגליפען און אַנדערע צייכענס פון אַן אַמאָ־ליגער ציוויליזאַציע פון אינדיאַנער שבטים. איצט איז דאָ דער צענטער פון דעם פּראָגרע־סיווען אינדיאַנער שבט נאַוואַדזשאָס. די אינ־דיאַנער פון דיזען שבט צייכענען זיך אויס מיט זייער פאַרשטענדיגקייט, פעהיגקייט און ארבייטסזאַמקייט און מיט די פיינע קאָלד־רעס, וואָס זיי שפּינען און באַפּוצען מיט שעהנע צייכענונגען.

אין די ראָקי מאַונטיינס.

דער גרויסער רוקענביין פון דעם אַמערי־קאַנער קאָנטינענט איז די קייט פון בערג, וואָס רופט זיך ראָקי מאַונטיינס. אויפ'ן העכסטען אָרט ווערען דאָ צוטיילט די גרויסע וואַסער סיסטעמען פון קאָנטינענט, אַמאָל זיינען צווישען די בערג געווען אַ סך וואָול־קאַנען. מען געפינט נאָך איצט אויף זיי די לאַוואַ, וואָס פלעגט פון זיי שטראָמען.

דער שטאַאַט קאָלאָראַדאָ, און זיין הויפּט־שטאָדט דענווער זיינען דער שעהנסטער גע־געגענט אין די ראָקי מאַונטיינס. אַמעריקאַ־נער האַלטען, אַז דער געגענט איז אַ סך שעה־נער פון דער שווייץ און די אַלפּען בערג.

דענווער, „די קווין סיטי אָוו די פּלעינס", איז באַזעצט געוואָרען אַלס אַ מאַיינינג קעמפּ אין 1858 און איז זעהר שנעל אויסגע־וואַקסען. דענווער ליגט אין אַן אמת'ען וואונדערלאַנד. פינף און צוואַנציג מייל ווייט פון דער שעהנער הויפּטשטאָדט, אויף אַ פּלאַטאָ, וואָס איז זעקס טויזענט פוס הויך, געפינט זיך קאָלאָראַדאָ ספּרינגס, דער באַ־ריהמטער קוראָרט, ער ליגט ביים גרויסען פּייקס פּיק, אַ באַרג וואָס האַלט איבער 14,000 פוס די הויך און וואָס איז באַריהמט מיט זיין שעהנקייט. אונטען איז דער באַרג באַ־דעקט מיט וועלדער, און אויבען — מיט איביגען שניי.

סאָלט לייק סיטי.

יוטאַ איז אַמאָל געווען אַ טייל פון אַ רי־זיגען ים. אונטער'ן וואַסער זיינען אויך געווען טיילען פון די שכנ'ישע שטאַאַטען. דער ים האָט פאַרנומען 20,000 סקווער מייל. די וואַסערען זיינען געווען 1000 פוס העכער פון דער איצטיגער גרויס סאָלט לייק, אָבער זיי זיינען געווען פריש. מען געפינט דאָ איצט סימנים פון פאַרהיסטאָרישען לעבען.

יוטאַ איז די אַמעריקאַנער איטאַליע. ווער עס האָט געזעהן דעם הימעל און דעם זון־אונטערגאַנג אין יוטאַ, דער וועט דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

סאָלק לייק סיטי איז באַקאַנט אַלס דער צענטער פון דער סעקטע מאָרמאָנען אין אַמע־ריקע. אויף טעמפּעל סקווער שטעהט דער וואונדערליכער מאָרמאָנישער טעמפּעל און דערביי איז די טאַבערנאַקעל, וואָס פאַרמאָגט איינעם פון די פיינסטע אָרגאַנס אויף דער וועלט, אַן אָרגאַן מיט 5,500 רעהרען. יעדען טאָג אין די זומער מאָנאַטען ווערט דאָ גע־שפּילט אויפ'ן אָרגאַן. אַרום געפינט זיך אַ גאַנצע רייהע מאָרמאָנישע געביידעס.

18 מייל ווייט פון דער שטאָדט געפינט זיך סאָלטער ביטש. דאָ קאָנט איהר געהן אין וואַסער וויפיל איהר ווילט, און איהר וועט קיינמאָל ניט דערטרונקען ווערען, וויל דאָס וואַסער איז זעהר שווער אָנגעזאַפּט מיט זאַלץ. סאָלטעיר האָט איינעם פון די גרעסטע טאַנץ־זאַלען אויף דער וועלט. דער לייק איז אַכטציג מייל אין דער לענג און פערציג אין דער ברייט, כאָטש דאָס וואַסער אין לייק איז אַזוי געזאַלצען, האָבען אָבער די אינזלען אויף איהם קוואַלען פון אויסגעצייכענטען פרישען וואַסער.

אין ווייטען נאָרד־וועסט.

דער ווייטער נאָרד־וועסט בײם ברעג פון פּאַסיפישען אָקעאַן איז אַ לאַנד. פון די שעהנסטע נאַטור וואונדער, וואָס מען קאָן זיך נאָר ווינשען צו זעהן. אויסער דעם איז דאָס אַ לאַנד פון כל טוב. עס שפּרייטען זיך דאָ ריזיגע וועלדער און ענדלאָזע פעלדער פאַרזייהט מיט ווייץ. און דאָ געפינען זיך די באַריהמטע סעמאָן פישערים, דאָ טראָגט זיך מאַיעסטעטיש דער גרויסער טייך פון [illegible]יסט, קאָלאָמביא, וואָס איז אין זיין אונטערשטען טייל גרויס ווי אַ ים און אַזוי טיף, אַז די גרעסטע שיפען קאָנען פאָהרען אויף איהם הונדערט מייל אַרויף אין לאַנד.

פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן, ווערט גערופען „די שטאָדט פון רויזען". יעדען יאָהר ווערט דאָ געהאַלטען אַ „ראָוז פעסטיוועל". די גרויסע שטאָדט ליגט בײם פוס פון מאונט הוד, איינעם פון די עטליכע זעהר הויכע בערג אין דער געגענט, שטענדיג באַדעקטע מיט אַייז.

פונקט ווי פּאָרטלאַנד אין אָרעגאָן, אַזוי געפינען זיך אויך טאַקאָמאַ און סיאַטעל, וואַשינגטאָן, בײם פוס פון אַ זעהר הויכען באַרג, דעם באַריהמטען מאונט רייניער, וועלכער איז דאָ פריהער דערמאָנט געוואָרען. די צוויי שטעדט ליגען ביי פאַרשיעדענע זייטען פון דעמזעלביגען ריזיגען באַרג.

די זוניגע קאַליפאָרניע.

אויב אימיצער וויל זיך אומקערען „צוריק צו דער נאַטור", איז לאָס אַנדזשעלעס, אין דרום קאַליפאָרניע, ווי באַשאַפען געוואָרען פאַר איהם. דער קלימאַט אין דרום קאַליפאָרניע איז דער פּאָלקאָמסטער. אויפ'ן ברעג ים איז קיהל. ווייטער אין לאַנד איז וואַרימער, אָדער אַביסעל היים, אָבער 100 גראַד היץ אין יענער געגענט איז לייכטער אַריבערצוטראָגען, איידער 80 גראַד היץ אויפ'ן אַטלאַנטישען ים ברעג, ווייל די אַטמאָספער איז דאָרטען אַ טרוקענע.

אין אַ ווינטערדיגען טאָג קאָנט איהר דאָ האָבען פריהשטיק בײם ים, כאַפּען אַ שווים, האָבען לאָנטש ערגעץ אין אַ מאַראַנצען וועלדעל, און דינער ערגעץ אויף די שניי־פעלדער פון די סיעראָס. עס איז דאָ באמת ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי ווינטער אָדער זומער, עס זיינען נאָר פאַראַן טרוקענע און נאַסע צייטען. אין אַ סך הי[illegible]כטען איז די רעגענדיגע צייט אָפילו אָנגענעמער פון אַ גאַנץ יאָהר. דער פריהלינג דאָ איז איינפאַך אומבאַשרייבליך.

די אַרכיטעקטור פון דער שטאָדט איז נאָך אין אַ גרויסער מאָס שפּאַניש. די באַפעלקערונג איז אַ געמישטע. זעהר אינטערעסאַנט איז דער היגער טשיינאַטאַון, באַזונדערס אַרום דער צייט פון כינעזישען ניי־יאָהר, ווען די כינעזישע גאַסען און באַלקאָנען ווערען אילומינירט, און יעדער לאָנדרימאַן וויקעלט איין אין אַיער שניי־ווייסען וועש אַ פּעקעל טיי אָדער קענדי, און דערלאַנגט אַייך אַיער פּעקעל מיט דעם ליבליכסטען שמייכעל און בעסטע צו וואונשונגען. אויף די גאַסען וועט איהר דאָ אָפט זעהן כינעזישע קאָסטיומען, און עס זיינען דאָ פאַראַן אַ סך פיינע כינעזישע און יאַפּאַנעזישע סטאָרס.

דער מאָדערנערער טייל פון דער שטאָדט איז איין גאָרטען, די גאַסען זיינען אמת'ע פּאַרקס, באַדעקט מיט גרינס און בלומען, און די באַזונדערע הייזער זעהר אנגענעם.

לאָס אַנדזשעלעס האָט איצט די לענגסטע וואַסערלייטונג אויף דער וועלט, פון די העכסטע בערג 240 מייל ווייט באַקומט די שטאָדט וואַסער, וואָס איז גענוג פאַר אַ באַפעלקערונג פון צוויי מיליאָן, און וואָס ווערט אויך באַנוצט צו באַוואַסערען די אַרומיגע פעלדער.

אַרום לאָס אַנדזשעלעס זיינען פאַראַן באַצויבערענדיגע זומער פלעצער און פאָרשטעדט. די באַריהמטסטע פון זיי זיינען: פּאַסאַדענאָ, וואו מיליאָנערען האָבען זייערע וואוינונגען, דער אינזעל עוועלאָן און דער אינזעל סאַנטא קאַטאַלינא, וואָס האָבען גאָר צו זיך קיין גלייכען ניט מיט זייער שעהנקייט און רייכקייט, און מיט די מערקווירדיגע פויגעל און פיש, וואָס מען זעהט דאָרטען. שיפלאַך האָבען דאָ גלעזערנע דעקען, דורך וועלכע מען קאָן אַראָפּקוקען און זעהן די וואונדער אין די וואַסערען.

סאַן פראַנציסקאָ, וואָס איז אין 1906 כמעט אינגאַנצען צושטערט געוואָרען פון אַן ערדציטערניש און אַ שׂרפה, איז איצט ווידער איינע פון די ערשטע און שעהנסטע און רייכסטע שטעדט אין לאַנד. סאַן פראַנציסקאָ איז געוואָרען וויכטיג צוליב דעם, וואָס זי האָט איינעם פון די פיינסטע האַפענס אויף דער וועלט, וואָס איז אי גרויס, און אי באַשיצט פון אַלע זייטען.

אריבער'ן בעי, אין דער שעהנער בוירקלי, געפינט זיך די יוניווערסיטי אָוו קאַליפאָר־

ניע, איינער פון די גרעסטע אוניווערסיטע־טען אין לאנד.

סאן פראנציסקא איז זעהר א פרעהליכע גרויסע שטאדט, זי איז דער פאריז פון דער וועסט. די איינוואוינער האבען ליב צו פאר־ברענגען אין די ליכטיגע קאפעס. די שטאדט איז זעהר באליבט ביי אלע רייזענדע. זעהר אינטערעסאנט איז דער סאן פראנציסקא׳ער טשיינאטאון. ער איז בארימט איבער׳ן גאנצען לאנד און איז אנציהענדער, איידער די טשיינאטאונס פון אן אנדער אמעריקאנער שטאדט.

די אידען אין די פאראייניגטע שטאאטען

(א היסטארישער איבערבליק)

פון דר. יעקב שאצקי.

די געשיכטע פון די אידען אין די פאראייניגטע שטאטען קען מען פארטיילען אין פיר פעריאדען. דער ערשטער פעריאד איז די צייט פון שפאניש־פארטוגעזישער הערשאפט, דער צווייטער — איז די צייט פון דער האלענדיש־ענגלישער ממשלה, דער דריטער — איז די צייט פון דער רעוואלוציע ביז דעם גרויסען שטראם פון דער עמיגראציע פון יאהר 1881 און ענדליך די לעצטע 45 יאהר פון אידישען לעבען אין אמעריקע — איז אייגענטליך די פערטע, די נייעסטע עפאכע.

מיר וועלען זיך באמיהען צו געבען א קורצע כאראקטעריסטיק פון יעדער עפאכע באזונדער.

1.

די שפאניש־פארטוגעזישע עפאכע.

עס איז שוין לאנג ארויסגעזאגט געווארען דער געדאנק, אז די געשיכטע פון אמעריקע איז א פארטזעצונג פון דער אייראפעאישער געשיכטע. די ערָאבערער פון דעם נייעם קאנטינענט האבען מיט זיך געבראכט אט די אלע פארמען און מוסטערען פון קאמף און באפעסטיגען זיך אין א לאנד, וועלכע זיינען געווען כאראקטעריסטיש פאר די אייראפעאישע אנגעלעגענהייטען פון יענער צייט.

תשעה באב 1492 האט מען ארויסגעטריבען די אידען פון שפאניען. אויפ׳ן צווייטען טאג, דעם 3טען אויגוסט, 1492, האט קאלומבוס פארלאזען שפאניען, כדי צו אנטדעקען דעם נייעם קאנטינענט.

די ערשטע אידען, וועלכע האבען זיך דעמאלט געפונען אויף דעם נייעם קאנ־טינענט, זיינען געווען די פאר אידישע מיטגלידער פון קאלומבוס׳עס עקספעדיציע. זיי זיינען אבער אין לאנד נישט געבליבען. די אידען, וועלכע קומען דעמאלט קיין אמעריקע, זיינען אנוסים, די געהיימע אידען, וועלכע האבען געמוזט אונטער דעם צוואנג פון דער שפאנישער אינקוויזיציע אננעהמען דעם קאטולישען גלויבען. זיי קענען אבער לאנג נישט לעבען אין דער אטמאספערע פון חשד און שטענדיגען שפיאנאזש. זיי זוכען פאר זיך נייע טעריטאריעס. זיי האבען געהערט, אז דא, אויף דעם פריש־ענטדעקטען קאנטינענט, קען יעדער טאן, וואס ער וויל. די ערד בעט זיך, מען זאל זי באארבייטען. די שפאנישע אידען האבען זיך זעהר פיל פאר־נומען מיט ערד־ארבייט. זיי קומען אהער מיט דער האפענונג, אז זיי וועלען קענען זיך פריי אפגעבען מיט ערד־ארבייט און האנדעל.

אָבער די דאָזיגע כלומר'שטע קריסטען, וועלכע האָבען געהאָפט, אַז דאָ וועט זיי נישט פאַרפאָלגען דאָס בייזע אויג פון'ם אינקוויזיטאָר, האָבען זיך ביטער אַנטוישט. צוזאַמען מיט דער שפּאַניש-פּאָרטוגעזישער הערשאַפט קומט אָן אויף דעם נייעם קאָנטינענט—די אינקוויזיציע! די גרויסע צאָל גלחים, מערסטענטייל יעזואיטען, וועלכע זיינען געקומען אַהער, האָבען אַכטונג געגעבען, אַז די „נייע קריסטען", אָדער די מאַראַנען, זאָלען זיין גוטע קריסטען. די מאַראַנען, וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון די אינקוויזיטאָרישע הענט אין שפּאַניען און אין פּאָרטוגאַליען, זיינען אַריינגעפאַלען אין נאָך אַ גרויזאַמערען קלעם.

דער היסטאָריקער ק י י ז ע ר ל י נ ג זאָגט, אַז די צאָל פאַר'משפט'ע און פאַרברענטע מאַראַנען איז אַזוי געוואַקסען, אַז מען האָט געמוזט אַ טראַכט טאָן וועגען אָפּשטעלען די דאָזיגע פאַרניכטונגס-אַרבייט. ווי שווער עס איז געווען זיך אָפּצוזאָגען פון אַ „רעליגיעזער" מיסיע צו פאַרגרעסערען די צאָל פון די „גלויביקע" און אויסוואָרצלען די „עקשנים", איז אָבער די פראַגע פון עקאָנאָמישער עקס־פּלאָאַטאַציע פון די נייע טעריטאָריעס געווען אַ סך אַ וויכטיגערער ענין.

די ערשטע אידישע איינוואַנדערער האָבען געבראַכט מיט זיך ניט נאָר האַנדעלס־ערפאַרונג, נאָר אויך האַנדעלס-מאַרקען. שפּאַנישע משפחות, צושפּרייט איבער פאַרשידענע לענדער, האָבען זיך געפיהלט נאָהענט דערמיט, וואָס עס איז צווישען זיי אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיגער קאָנטאַקט אויפ'ן געביט פון האַנדעל. די אידען, וועלכע האָבען זיך באַזעצט אין ניי-שפּאַניען, האָבען געהאַנדעלט מיט פאַרשידענע אייראָפּעאישע לענדער. שוין אין מיטען פון 16טען יאָהרהונדערט פיהרען זיי אַ לעבהאַפטען האַנדעל מיט טערקיי און ווענעדיק, ווייל דאָרטען האָבען אויך געוואוינט ספרד'ישע אידען, אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניען. די ברייטע האָריזאָנטען, וועלכע עס האָבען זיך געעפענט אין די נייע לענדער, האָבען פאַרגרעסערט דעם עמיגראַציע-שטראָם, נישט קוקענדיג דאַרויף, וואָס עס איז געווען אַ געפאַהר מצד דער אינקוויזיציע. אָבער די אינקוויזיטאָרען האָבען גע'רודפ'ט נאָר די מאַראַנען. אידען האָבען זיך געפיהלט פרייער. מען האָט אויף זיי געקוקט, ווי אויף אַ קוואַל פון הכנסה און מען האָט זיי אויסגענוצט, ווי נאָר עס האָט זיך געלאָזט.

דעם 30טען יוני, 1567, האָט דער ק אַ ר ד י נ אַ ל ע נ ר י ק, וועלכער איז געווען דער רעגענט פון פּאָרטוגאַליען, אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט, אַ מען זאָל אָפּשטעלען די עמיגראַציע פון די אידען קיין אינדיען און בראַזיליען. דער ציל פון דעם פאַר־באָט איז זעהר שנעל קלאָר געוואָרען, ווען די אידען האָבען פאַרגעשלאָגען דער מלוכה אַ גרויסע סומע געלט. מען האָט דאַן די גזירה אָפּגעשאַפען, און דעם 21טען מאַי, 1577, ערלויבט מען זיי ווידער זיך באַזעצען און האַנדלען.

די פּיאָנערישע אַרבייט פון די אידען צו יענער צייט האָט געפאָדערט אויסער גרויסע קאַפּיטאַלען, אויך אַ פרייע פּאָליטישע אַטמאָספערע — און זי קומט אָן ערשט מיט'ן מאָמענט, ווען די האָלענדער עראָבערען די טעריטאָריעס, וועלכע האָבען געהערט צו שפּאַניש-פּאָרטוגעזישע שותפים.

2.

די האָלענדיש-ענגלישע עפּאָכע.

די דאָזיגע עפּאָכע הויבט זיך אָן אין מיטען פון 17טען יאָהרהונדערט און ציהט זיך ביז דער גרינדונג פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק.

אין דער דאזיגער עפאכע באווייזען זיך, אייגענטליך, די ערשטע אידישע קהלות. דער עלעמענט, וועלכער שאפט די באפעלקערונג, איז דער ספרד'ישער. אבער צום סוף פון דער עפאכע קומט צו שוין דער אשכנזישער עלעמענט, ד. ה. דייטשע און טיילווייז אויך פוילישע אידען.

די לאגע פון די אידען אין די אמאליגע שפאניש־פארטוגעזישע טעריטאריעס איז נישט קיין זיכערע. מיט פרייד האבען די מאראנען אויפגענומען די נייע עראבערער, די האלענדער. האלאנד האט געבראכט מיט זיך דעם גייסט פון טאלעראנץ, א פראדוקט פון דער אייגענארטיגער, אינטערנאציאנאלער האנדעלס־שטעלונג פון דער דאזיגער מדינה צו יענער צייט. אין בראזיליען האבען די מאראנען געהאלפען די האלענדער איינעהמען די שטאדט ב א ה י א. די אידען האבען געהאט די זעלבע רעכט, ווי די קריסטען. דעריבער איז דער עמיגראציע־שטראם געוואקסען. דאס פעלד איז געווען פריי און ברייט, די פאליטישע אטמאספערע — א גינסטיגע, דער קאפיטאל האט געזוכט גרויסע פראפיטען און האט זיי דא געפונען. ווי שנעל עס איז געוואקסען די אידישע באפעלקערונג, באווייזט אמבעסטען דער פאקט, אז אזא שטאדט ווי ר ע ס י ף אדער פ ע ר נ א מ א ב א, האט געהאט מעהר אידען ווי קריסטען. אלע אידען זיינען אנערקענט געווארען פאר האלענדישע בירגער.

אבער מיט דעם מאמענט, ווען דאס מזל פון דער מלחמה האט אנגעהויבען צו שמייכלען צום צווייטען צד, האט זיך אויך געביטען דאס אידישע מזל. אזוי איז געווען צו יעדער צייט, ווען שפאניער פלעגען צוריק עראבערען די שטעדט און לענדער. אידען האבען געמוזט עמיגרירען, אוועקווארפענדיג דאס, וואס זיי האבען מיט גרויס מיה און ענערגיע אנגעזאמעלט.

די דאזיגע אומזיכערקייט אין די דרום־טעריטאריעס פון אמעריקע האט געמוזט ווירקען אויף די טענדענצען פון דער אידישער עמיגראציע. די דאזיגע עמיגראציע איז אן אינערליכע, ד. ה., אז אין לאנד גופא טראגען זיך די אידען איבער פון איין פלאץ אין אן אנדערען, געהענדיג אין דער ריכטונג, וואו צוליב פארשידענע סיבות זיינען די מלחמות נישט אזא אפטע ערשיינונג, ווי אין דרום. דער וועג האט געפיהרט צום צפון — אין דער ריכטונג פון די היינטיגע סטייטס ניו יארק, פענסילווייניא א. אז. וו.

שוין צו יענער צייט האט מען געטראכט וועגען א מקום־מקלט פאר די אידען. עס איז אן אינטערעסאנטע איינצעלהייט, אז א האלענדישער איד מיט'ן נאמען י ו ס ף נ ו נ ע ס ד ע פ י נ ס ע ק א האט זיך אונטערגענומען צו גרינדען א אידישען ישוב אויף א ספעציעל באשטימטער טעריטאריע. ער האט אויסגעקליבען ק ו ר א ס א א — באקומען א טשארטער, אז אין משך פון צען יאר זיינען די אידישע קאלאניסטען פריי פון צאלען שטייערען, און עס ווערט פארזיכערט די פרייהייט פון גלויבען. דאס איז געווען אין יאהר 1652. קיין גרויסען ערפאלג האט די דאזיגע אידעע נישט געהאט. אמת, דאס עראבערען פון רעסיף דורך די שפאניער האט געצוואונגען א סך אידען זיך צו באזעצען אין דער ערשטער אידישער „רעפובליק". אבער מען האט געפיהלט, אז נישט אין דער קאלאניע איז דער פלאץ פאר'ן אידען. ס'האט איהם געצויגען אין שטאדט, און הויפטזעכליך אין דער שטאדט, וואו עס איז געווען דער צענטער פון דער דאמאלסדיגער האלענדישער אקופאציע.

דאס איז געווען ניו אמסטערדאם — היינטיגע ניו יארק.

און צוויי יאָהר נאָך דעם, ווי דער האָלענדישער באראָן הירש, פון 17טען יאָהר־הונדערט, האָט באקומען זיין טשערטער אויף אַ אידישער „טעריטאָריע", האָבען זיך אויף די ברעגען פון ניו אַמסטערדאַמער פּאָרט באוויזען די ערשטע אידישע אימי־גראַנטען.

דעם 8טען יוני, 1654, איז געקומען די ערשטע שוואַלב, דער איד י ע ק ב ב ן ש מ ש ו ן. אין סעפּטעמבער 1654 האָט אַ שיף מיט'ן נאָמען „הייליגע קאַטערינע" געבראַכט קיין ניו אַמסטערדאַם 27 אידישע קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען אנטלאָפען פון בראַזיליען.

שווער, זעהר שווער איז אָנגעקומען די אידען צו באַקומען דאָס רעכט צו וואוינען אין ניו אַמסטערדאַם. די דאָזיגע ערשטע אימיגראַנטען האָבען געקוקט אויף זיך, ווי אויף האָלענדישע בירגער, און דעריבער האָבען זיי נישט געבעטען קיין רחמנות, נאָר געפאָדערט ענערגיש, וואָס עס קומט זיי. די געגנער פון דעם אידישען עלעמענט, מיט דעם בירגערמייסטער סטייוועזען בראש, האָבען געפיהרט אַ יורידיש־דיפּלאָמאַטישע מלחמה געגען אריינלאָזען אידען. אָבער ניו אַמסטערדאַם איז געווען ענג פארבונדען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער טעטיגקייט פון דער האָלענדיש־מערב־אינדיען־געזעלשאַפט (Dutch West India Co.). אין דער דאָזיגער געזעלשאַפט האָט דער אידי־שער „שער־האלדער" געשפּילט אַ צו גרויסע ראָלע, אַז מען זאָל איהם קענען איגנאָ־רירען. מען האָט דעריבער זיך געמוזט רעכענען מיט דער מיינונג פון די קאַפּיטאַלי־סטען. די אידען האָט מען ערלויבט צו וואוינען אין דער איצטיגער ניו יאָרק מיט אַ באַדינגונג, אַז זיי וועלען נים האָבען קיין עפענטליכע שולען און בכלל נישט גרינדען קיין קהלות.

אין אַ תשובה, וואָס די דירעקטאָרען פון דער „וועסט אינדיא קאָמפּאַני" האָבען געשיקט צום גאָווערנאָר סטייוועזען, געפינען מיר די רעכטליכע מאָטיווען און באַדינ־גונגען, אויף וועלכע עס איז ערלויבט געוואָרען די אידען זיך דאָרט צו באַזעצען. עס ווערט געזאָגט, אַז אידען דאַרפען האָבען פול פּרייהייט, סיי פּאָליטישע און סיי רע־ליגיעזע, נישט נאָר אין ניו אַמסטערדאַם, נאָר אין גאַנץ ניו האָלאַנד. זיי טאָרען אָבער נישט פארנעהמען קיין שום עפענטליכען אמט. זיי טאָרען זיך נישט פארנעהמען מיט קיין האַנדעל. זיי קענען אָבער אומגעשטערטערהייט פיהרען זייער מסחר און אָפּהיטען זייער אמונה „ביי זיך" אין דער היים.

„צוליב דעם דאַרפען זיי בויען זייערע הייזער נאָהענט איינס פון אנדערען אין דעם קוואַרטאַל פון ניו אַמסטערדאַם, וואָס זיי וועלען אויסוועהלען פאר זיך."

די דאָזיגע באַדינגונגען זיינען אָבער געווען אַ דערנידערונג פאר די שטאָלצע האָלענדישע אידען. זיי האָבען דעם גאַנצען ענין אווקגעשטעלט אויף אַ ריין־יורידי־שען באַזיס און זיך באַשיצט אַלס האָלענדישע בירגער און געפאָדערט פולע רעכט.

דם 14טען יולי, 1656 האָט מען זיי ערלויבט האָבען אַן אייגענעם בית־עולם. אין מיליטער־דינסט האָט מען זיי אָבער באין־אופן נישט געוואָלט נעהמען.

דערוויל האָט זיך די פּאָליטישע לאַגע שטאַרק געביטען. אין יאָהר 1664 טרעטען אָפּ די האָלענדער די הערשאַפט אין ניו־האָלאַנד לטובת די ענגלענדער. די אידען פיהרען אָן וויטער דעם קאַמף. איצט וועלען גילטען פאר זיי די ענגלישע געזעצען—געזעצען, אַ סך וויניגער טאָלעראַנטע בנוגע די אידען, ווי די האָלענדישע.

אין יאָהר 1683 איז די לאַגע פון די אידען אין ניו יאָרק (אַזוי האָבע די ענג־לענדער אַ נאָמען געגעבען דער שטאָדט) ערגער געוואָרען, אַ דאַנק דער קאָלאָניאַלער

געזעצגעבונג, אין וועלכער עס ווערט ערקלערט, אַז „קיינער זאָל ניט ווערען באַלעסטיגט, באַשטראָפט, באַאומרוהיגט אָדער אויסגעפרעגט וועגען זיין רעליגיע", אויב ער גלויבט נאָר, אַז קריסטענטום איז די איינציגע רעליגיע. דאָס האָט גע־הייסען, אַז אידען זיינען אָנערקענט אַלס רעכטלאָזע. עס האָט זיך אויסגעדריקט קודם כל אין דעם, וואָס מען האָט זיי נישט ערלויבט צו האָבען קיין אייגענע שול. אין דער צייט פון קעניג דזשיימס דעם צווייטען (1633—1701) האָט מען ערלויבט יעדען „צו וואוינען רוהיג אונטער דער רעגירונג", אָהן אונטערשיד פון רעליגיע.

אָבער דער וועג צו פּאָליטישער רעכט איז געווען נאָך אַ ווייטער. קודם כל האָט מען באַדאַרפט אָפּשאַפען די קריסטליכע שבועה, וועלכע האָט פאַרפליכטעט יעדען, וועלכער האָט געוואָלט פאַרנעהמען וועלכען עס איז אַמט.

ערשט דעם 15טען נאָוועמבער, 1727, האָט מען די דאָזיגע שבועה אָפּגעשאַפט. אידען האָבען באַקומען די מעגליכקייט זיך צו נאַטוראַליזירען. דער ערשטער איד, וועלכער האָט אַרויסגענומען בירגער־פּאַפּירען, האָט געהייסען דניאל נונעץ דע קאַסטראָ, אַ ספרדישער איד.

דאָס האָט אָבער נישט געהייסען, אַז אַלע אידען האָבען געקענט ווערען בירגער. קיין פּאָליטישע רעכט האָט מען זיי נישט געגעבען אפילו אין יאָהר 1740, ווען מען האָט ערקלערט, אַז די אַלע, וועלכע וואוינען זיבען יאָהר אין די קאָלאָניעס, ווערען בירגער. בלויז רייכע אידען האָבען זיך געקענט נאַטוראַליזירען—אַזעלכע, פון וועמען די רעגירונג האָט געהאַט אַ גרויסען פינאַנציעלען נוצען. אמת, זייער צאָל איז געווען אַ באַדייטענדע, שוין צוליב דעם, וואָס צו יענער צייט איז כמעט די גרעסטע טייל פון די אידען געווען רייך. די אידען האָבען זיך פאַרנומען מיט האַנדעל צווישען די קאָלאָניעס. דער דאָזיגער האַנדעל האָט געפאָדערט גרויסע קאַפּיטאַלען. דעריבער האָט זיך דער אויסלענדישער האַנדעל קאָנצענטרירט אין געוויסע משפחות, וועלכע האָבען געלעבט זעהר באַשיידען, געשפּאָרט געלט און בכלל זיך אויסגעצייכענט מיט אַ מין אידישען פּוריטאַניזם. די דאַמאָלסדיגע אידען זיינען געווען פּאָליטיש־קאָנסערוואַטיוו, פרום. זייער וועלטליכע בילדונג איז געווען זעהר אַ מאָגערע. דער צואוואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג איז געווען אַ קליינער.

צו יענער צייט אַנטוויקלען זיך שוין אַנדערע אידישע קהלות, ווי למשל, פילאַדעלפיא, וואו מיר האָבען שוין אין 1722 אַ אידישען קיבוץ. דאָרט האָבען מיר שוין נישט נאָר ספרדישע אידען, נאָר אויך דייטשע און פּוילישע. אין 1733 גרינדעט זיך אַ אידישער ישוב אין סאַוואַננאַ און אין אַנדערע שטעדט.

די דאָזיגע ישובים זיינען זעהר צוואָרפען איבער דעם גרויסען שטח. זיי האָבען נישט קיין שום קאָנטאַקט צווישען זיך. זיי באַפעסטיגען זיך אויפ'ן געביט פון האַנדעל און טיילוויז אויך פון אינדוסטריע. זייער גאַנצע אידישקייט באַשטעהט אין אָפּהיטען די דינים פון כשר און טריף, פון דאַוונען א. אַז. וו. קיין גייסטיגע פּערזענליכקייטען גיבען די דאַמאָלסדיגע אידען נישט אַרויס. זייענדיג עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיג און רייך, באַמיהען זיך די אידען ווי אַמשנעלסטען זיך צוצופּאַסען צו די מנהגים און אַרט לעבען פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע. אַמ'בולט'סטען זעהען מיר דאָס אין דער עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע.

2.

פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע ביז דער גרויסער עמיגראציע פון 1881.

אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע איז די לאגע פון די אידען אין די שפּעטערדיגע פאראייניגטע שטאטען געווען א באפעסטיגטע. לויט דער סטאטיסטיק פון יאהר 1790, האבען אין די שטאטען געלעבט אן ערך פון 4 מיליאן איינוואוינער, פון זיי אן ערך 3300 אידען (700 משפחות). די גרעסטע אידישע קהלה האט דאמאלס פארמאגט די שטאדט טשארלסטאן; דאן איז געגאנגען פילאדעלפיא און אויף דעם דריטען פלאץ — ניו יארק.

אלס א סוחרים-קלאס זיינען די אידען, אייגענטליך, נישט געווען פאראינטער-רעסירט, אז אמעריקא זאל זיך אפרייסען פון ענגלאנד. די סוחרים, מעהרסטענטייל ספרדים, האבען זיך פלוצלונג געפונען אין א מאדנער לאגע. זיי האבען נישט געוואוסט מיט וועמען צו געהן. אלס א פינאנציעלער כח זיינען די אידען געווען א סך נוציגער פאר אמעריקע, איידער פאר ענגלאנד, ווייל די ערשטע האט נישט געהאט קיין געלט אויף צו פיהרען די מלחמה פאר זעלבסטשטענדיגקייט. די אידען האבען זיך געמוזט דעריבער צופּאסען צו די אומשטענדען, ד. ה. פיהרען אזא פאליטיק, וועלכע זאל זיי כשר'ן אין די אויגען פוןביידע קעמפענדע צדדים.

קיין גרויסע האפנונגען, אז פון דער מלחמה וועט אמעריקע ארויס די זיגעריןָ, האט מען בכלל נישט געהאט. און נאך קלענערע האפנונגען זיינען געווען בנוגע דעם אפשאפען פון דער רעכטלאזיגקייט. עס זיינען געווען סטייטס, וואו מען האט די אידען נישט טאלערירט, פארבאטען זיי צו פארנעהמען וועלכען עס איז אמט און אפילו איינגעפיהרט א רייהע באגרעניצונגען פאר זיי.

די אידישע אקטיוויטעט אין דער אמעריקאנער רעוואלוציע איז געווען א צופּאסונגס-פּאליטיק. עס איז אויסגעוואקסען א דור פון רייכע סוחרים, וועלכע האבען זיך מיט אלע כחות געשטופּט אין דער קריסטליכער געזעלשאפט, געזוכט כבודים און אמאל זיי אויך באקומען—אלץ איינס מיט וואס פאר א מיטלען, צי מיט גרויסע סומען געלט, צי פאר כלומר'שטע פארדינסטען. צו יענער צייט איז געווען געווען געווען א גענוג, אז א פרעזידענט פון א קאנגרעגיישאן זאל צושטעהן צו א באוועגונג און עס זאל הייסען, אז אלע אידען פון דער שטאדט זיינען איניג מיט איהר. אזוי איז אויך געווען אין דער באפרייאונגס-מלחמה.

די „נאן פארטישאן רעזאלושאן" פון 1765 האבען אונטערגעשריבען א פאר אידען-סוחרים. די אנטי-ענגלישע רעזאלוציע פון 1770, וועלכע איז אנגענומען געווארען אין ניו יארק, איז אויך „אינדארסירט" געווארען פון אידען. די קהלה אין טשארלסטאן, די גרעסטע און רייכסטע צו יענער צייט, האט אפילו ארויס-געשיקט אן אפּטיילונג פון פרייוויליגע אידישע סאלדאטען.

אין א סך אידישע הייזער איז צוליב דער רעוואלוציע אויסגעבראכען א היימישע „רעוואלוציע". איין צד האט געהאלטען מיט ענגלאנד, דער צווייטער איז געווען געגען איהר. אין געוויסע משפחות האט איין ברודער געקעמפט אין דער ענגלישער ארמיי און דער צווייטער — אין דער אמעריקאנער. באמת, האבען אידען ווייניג געקעמפט. זיי האבען געהאט גוטע מיליטער-שטעלעס אלס פּראוויאנט-ליפערער, קווארטיר-מייסטערס, סתם הויכע אפיצירען אהן א פארוואס — מעהר כבודים, ווי פארדינסטען.

געווען אפילו א אידישער פינאנסיסט פון דער רעוואלוציע, דער פוילישער איד חיים סאלאמאן, וועלכער איז געשטארבען אין 1785.

די „דעקלארײשאן אוו אינדעפענדענס" פון 4טען יולי, 1776 האט אין פרינציפ איינגעפיהרט די רעליגיעזע גלייכהייט. אבער ביז דער פרינציפ איז געווארען א ווירקליכקייט, איז אריבער א לאנגע צייט. אייגענטליך איז דער גאנצער אינ־האלט פון דער אידישער געשיכטע אין די פאראייניגטע שטאטען אין דעם ערשטען פערטעל פון 19טען יאהרהונדערט — א קאמף פאר פולער רעכט, נישט טעארע־טישע, פרינציפיעלע, נאר פראקטישע, פאקטישע.

עס ענדיגט זיך די קאלאניאלע עפאכע און עס הויבט זיך אן די גרויסע, די אמת'ע אידישע רעוואלוציע אין אמעריקע, דאס איז די אנטשטעהונג, אנטוויקלונג און דיפערענצירונג פון דעם אידישען ישוב אין דעם לאנד.

דער דאזיגער פראצעס באשטעהט פון דריי מאמענטען: 1) פון דעם אפזונ־דערען זיך פון די אלטע יחסנ'ישע, ספרדישע משפחות אין באזונדערע רעליגיעזע און געזעלשאפטליכע גרופען; 2) פון אויסבילדען זיך פון א נייעם אידיש־דייטשען ישוב און 3) פון דער גרויסער עמיגראציע פון מזרח־אייראפע.

דער אידיש־דייטשער עמיגראנט באווייזט זיך אין די פאראייניגטע שטאטען שוין צום סוף פון 18טען יאהרהונדערט. אין יאהר 1783 בעטען זיך די דייטשע אידען קיין אמעריקע. אין א פעטיציע צום קאנגרעס אין נאמען פון א פאר טויזענט אידען שלאגען זיי פאר, אז זיי זיינען אפילו גרייט צו צאלען דאפעלטע שטייערן, אבי מען זאל זיי לאזען זיך דא באזעצען און גרינדען קאלאניעס. אייגענטליך קומען אן די דייטשע אידען ערשט אין אנפאנג פון 19טען יאהרהונדערט. זיי באזעצען זיך קאלעקטיוו און אלס א גרופע ארדנען זיי זיך איין, לויט דעם שטייגער, ווי זיי האבען געלעבט אין זייער אלטער היים. דער „נייער מענש" באגעגענט זיך דא מיט שטאלצע אריסטאקראטישע ספרדישע אידען, וועלכע האלטען זיך פאר די איינציגע, אמת'ע, הונדער־פראצענטיגע „אמעריקען היברוס". זייער נוסח איז דער ספרדישער, דאמאלס, ווען די נייע אימיגראנטען ווילען איהם נישט אננעהמען, ווייל זיי האבען זייער נוסח אשכנזי. עס איז אבער נישט דער נוסח, וועלכער האט אפגעטיילט די ספרדים פון די אשכנזים. דער אמת'ער נוסח איז געווען דער עקאנאמישער. די ספרדים האבען מיט זיך פארגעשטעלט די געלט־אריסטאקראטיע מיט א קרענקליך־אנטוויקעלטען יחוס־געפיהל, בעת דער דייטשער איד איז געווען דער נישט־פראפעסיאנעלער, עקאנאמיש—א לופט־מענש, העכסטענס—א קליין־סוחר, וועלכער איז געווען גרייט צו יעדער ארבייט און וועט אזוי לאנג עקספערימענטירען עקאנאמיש, ביז ער וועט זיך דערשלאגען צו אן אייגענעםווירטשאפטליכען לעבען און ממילא אויך צו אן אייגענעם געזעלשאפטליכען לעבען.

שוין אין יאהר 1825 באווייזט זיך אן אויפרוף צו די אייראפעאישע אידען, אז זיי זאלען עמיגרירען קיין אמעריקא. דעם דאזיגען אויפרוף האט ארויסגעגעבען דער אריגינעלער טרוימער פון א אידישער „מלוכה" אין אמעריקע, דער ערשטער „טעריטאריאליסט" מרדכי מאנועל נאאה (1785—1851). שוין צו יענער צייט האבען מיר דייטש־אידישע אויסוואנדערער אין פארשידענע שטעדט פון די פאראייניגטע שטאטען. די רעכטלאזע לאגע פון די אידען אין דייטשלאנד און אויך די עקאנאמישע קריזיסען פון יענער צייט האבען געהאלפען צו דער עמי־

גראציע. דער נייער אידישער עלעמענט האט זיך גענומען צו די פשוט'סטע אר־ בייטען, צו פעדלעריי א. אז. וו.

„א גרויסער טייל פון די אידישע עמיגראנטען, — זאגט א היסטאריקער, — האבען זיך דאן גענומען צום פעדלען אדער צו אנדערע פארמען פון קליין־האנדעל. און עס איז פאר זיי געווען נאטירליך, אז זיי זאלען זיך פארשפרייטען איבער'ן גאנצען לאנד, כאטש פילע האבען זיך באזעצט אין די גרויסע שטעדט, וואו די צאהל פון די אידען איז שנעל געוואקסען.“

א דאנק זייער פארשפרייטונג איבער'ן לאנד האבען זיי זיך זעהר שנעל אמע־ ריקאניזירט, אנגענומען די היגע פארמען פון לעבען, באהערשט די שפראך און דעריבער אנגעהויבען שפילען א גרויסע ראלע אין דעם אידישען לעבען. זיי זיינען דאס געווען די שנעל־ארויפגעארבייטע גבירים, וועלכע האבען געגרינדעט קהלות אין דעם גייסט און אין דער פארם, אין וועלכע עס האט זיך שוין אנגעהויבען די באוועגונג אין דייטשלאנד צו יענער צייט, ווען זיי האבען פארלאזט זייער לאנד. עס איז נישט קיין צופאל, וואס די פיאנערען פון דער רעפארם־באוועגונג זיינען געווען דייטשע אידען, און אז די אידעע פון פארבייטען דעם בית־מדרש אויף א טעמפעל קומט צו יענער צייט, ווען מען פארבייט דאס וואנדערענדע לעבען פון א פעדלער אדער דאס שמוציגע ווינקעל פון א קליין־סוחר אויף א גרויסע קאפי־ טאליסטישע אונטערנעהמונג. די רעפארם־באוועגונג שפיגעלט אפ די טענדענצען פון דער אידישער בורזשואזיע, וועלכע האט געשטרעבט צו א פולשטענדיגער אסי־ מילאציע פון פארמען און מנהגים מיט די, וועלכע הערשען אין לעבען פון דער הערשענדער נאציע, ד. ה. ביי דער אמעריקאנער בורזשואזיע.

די גרויסע אינטעלעקטועלע כוחות, וואס די דייטשע אידען האבען געבראכט מיט זיך פון דער אלטער היים האט זיי געהאלפען שנעל זיך איינפונדעווען אין לאנד און פארנעמען די אנפיהרענדע ראלע אין דעם היגען אידישען לעבען.

דער פראצעס פון דער איינוואנדערונג זעהט אויס זעהר אינטערעסאנט אין ליכט פון ציפערן: אין יאהר 1826 האבען איינגעוואנדערט 10.837, אין 1832 — 60,482, אין 1842 — 104,565. וואס איז שייך דער אידישער באפעלקערונג צו יענער צייט, זיינען די ציפערן נישט זיכער. עס לאזט זיך אבער פעסטשטעלען פאלגענדע דאטען:

די אידישע באפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאטען איז באשטאנען —

אין יאהר 1818 — — — — — —	פון 3,000 נפשות.	
„ 1826 — — — — — —	„ 6,000 „	
„ 1840 — — — — — —	„ 15,000 „	
„ 1848 — — — — — —	„ 50,000 „	
„ 1861 — — — — — —	„ 15,000 „	
„ 1877 — — — — — —	„ 190,000 „	(23 קהילות).
„ 1880 — — — — — —	„ 230,000 „	

אזא גראנדיעזער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין אזא קורצער צייט האט געמוזט אריינברענגען א גוואלדיגע רעוואלוציע אין אידישען לעבען. די רעפארם באוועגונג פון איין זייט, די ארטאדאקסישע ארגאניזאציעס אלס א ווידערשטאנד כח געגען דער דאזיגער באוועגונג פון דער צווייטער זייט — דאס זיינען

די פּאָליוסען פון דעם דאמאָלסדיגען לעבען. דער אידישער ראדיקאל, וועלכער האָט גע־מוזט נאָך דער דורכגעפאלענער רעוואָלוציע פון 1848 זוכען פאר זיך א מקום מקלט אין אמעריקא, האָט אָנגעהויבען ביסלאכווייז פארלירען זיינע ראדיקאלע פעדערען און פון א פּאָליטישען ראדיקאל איז ער געוואָרען א רעליגיעזער ראדיקאל. אין פּאָליטישען לעבען פון לאנד אָבער האָט ער ארויסגעוויזען די נויטיגע דאזע פון אָפּאָרטוניזם, וועלכע מאכט דאָס לעבען באקוועם און זיכער, — בפרט אז דאָס שנעלע רייך ווערען האָט ארייגעפיהרט דעם געדאנק אין די שטילע וואסערען פון קליין־בירגערליכער צופרידענהייט.

דער אידיש־דייטשער עלעמענט געווינט די אויבערהערשאפט אין אידישען לעבען. ער ווערט א מוסטער פון „לייטישער" אמעריקאניזאציע, פון שנעלער „פּראָספּעריטי" און ארויפשטייגען אויף די נאָך צו יענער צייט לייכטע טרעפּ פון די געזעלשאפטליכע אמביציעס. דער שפּעטערדיגער שטראָם פון אידישע עמיגראנטען, וועלכער קומט פון מזרח אייראָפּא, געפינט שוין נישט די גינסטיגע עקאָנאָמישע באדינגונגען. דער „יהודימשער" עלעמענט באמיהט זיך צו ווערען זיין אפּוטרופּס, פריהער דורך „טשאריטי" און פארשיענע אָרגאניזאציעס צו העלפען איהם, און שפּעטער דורך דעם, וואָס ער שטעלט זיך אוועק אלס דער „באָס", דער „ברויט־געבער". אין די שפּעטער פון די עקס־פּעדלער פון פאר פערציג יאָהר צוריק מוז יעצט אָנקומען און ארבייטען דער נייער עמיגראנט, דער וועלכער קומט פון רומעניען, רוסלאנד, פּוילען א. א. וו.

די דאָזיגע נייע עמיגראציע ברענגט אריין מיט זיך נייע באגריפען און פאָרמען און שאפט גאָר אנדערע געזעלשאפטליכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, טראָגט אריין א טאָן, וועלכער איז אין ווידערשפּרוך מיט דער אידעאָלאָגיע פון די אמעריקאניזירטע אידען, די דייטשע עמיגראנטען.

4. די לעצטע עפּאָכע — די מזרח־אייראָפּעאישע.

עס איז אָנגענומען צו מיינען, אז די מזרח־אייראָפּעאישע אימיגראציע פאנגט זיך אָן פון די 70 יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. באמת איז די אימיגראציע א סך אָן עלטערע. שוין די רעוואָלוציע פון 1848 ברענגט קיין אמעריקא אונגארישע און עסטרייכישע אידען, וועלכע האָבען גערעדט אידיש. אין ניו יאָרק האָבען מיר א קהילה פון רוסישע אידען שוין אין יאָהר 1852. קהילות פון פּוילישע אידען האָבען מיר אין יאָהר 1850 אין אָלבאני, באָסטאָן, קליוולאנד א. א. דער הונגער אין רוסלאנד און פּוילען אין 1850 און 1859 האָט פאראורזאכט א גרעסערע עמיגראציע. אין די יאָהרען 1881—1871 האָבען פון רוסלאנד איינגעוואנדערט קיין אמעריקא 41,000 אידען.

אין משך פון די יאָהרען 1881—1898 איז פון רוסלאנד אריינגעקומען אין די פאראייניגטע שטאאטען 526,120 אידען, און אין די יאָהרען 1899 —1907 — 594,579 אידען. דער רוסיש־אידישער עלעמענט האָט איבערגעוואויגען, הגם מען דארף נישט גרינגשעצען די צאָהל פון אידען פון אנדערע לענדער פון מזרח־אייראָפּא. אזוי, למשל, זיינען אין די יאָהרען 1907—1899 געקומען פון עסטרייך 143,936 אידען. אזוי ווי גאליציען האָט דעמאָלסט געהערט צו עסטרייך, און דאָרט איז די נויט געווען אזוי גרויס, אז עמיגראציע איז געווען די איינציגע לייזונג

פון דעם כראָנישען פּראָבלעם, דעריבער דאַרף מען אריינרעכענען די עסטרייכישע אידען אויך צו די פּוילישע.

רומעניען האָט אין דיזעלבע יאָהרען אוועקגעשיקט 47,281 אידישע עמי־גראַנטען אין די פאראייניגטע שטאַאטען.

דער סך הכל איז אַז אין משך פון 25 יאָהר (1881—1907) האָבען אימיגרירט אין די פאראייניגטע שטאַאטען אַ מיליאָן און אַכט הונדערט אַכט און צוואַנציג טויזענט אידען. דאָס איז די גרעסטע איבערוואַנדערונג אין דער אידישער געשיכטע.

אַזאַ מין מאַסע האָט שוין ממילא געמוזט האָבען אַ ווירקונג אויף די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון אידישען לעבען דאָ אין לאַנד.

צוויי כאַראַקטעריסטישע שטריכען געפינען מיר אין דער דאָזיגער נייער עמיגראַציע: געזעלשאַפטליכער ראַדיקאַליזם און גרייטקייט צו פיזישער ארבייט. אויב די דייטשע אידישע אימיגראַציע איז געווען ליבעראַל געשטימט און האָט פאַרנומען די סאָציאַלע פּאָזיציע פון דעם קליין־בירגערליכען פאַרמיטלער, האָט די נייע אימיגראַציע געבראַכט מיט זיך דעם לאַנג־געשטיקטען אין זיך דראַנג נאָך פרייהייט פון וואָרט און געדאַנק. די אימיגראַנטען פון די פערציגער יאָהרען זיינען געגאַנגען פּעדלען, די מזרח־אייראָפּעאישע זיינען געגאַנגען אין שאַפּ אריין. די ערשטע האָבען געשאַפען דעם אידישען קליין־בירגער קלאַס, וועלכער האָט זיך געריסען אין די אָרעמס פון דער אַלטער ספרדישער אידישער אריסטאָקראַטיע, און דורך איהר אין דער וועלט פון דער עכט־אַמעריקאַנער בורזשואַזיע.

די אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּאַ האָט געגעבען דעם פונדאַמענט פאַר אַ אידישען ארבייטער קלאַס אין די פאראייניגטע שטאַאטען.

די אַלטע אימיגראַציע האָט זיך צוואָרפען איבער שטעדט און שטעטלאַך פון די גרויסע שטאַאטען און איז זעהר שנעל איינגעזאַפּט געוואָרען דורך דער אַמעריקאַנער קולטור. די נייע אימיגראַציע האָט זיך קאָנצענטרירט אין אַ פּאָר שטעדט, שאַפענדיג דאָרט אַ גרויסען אידישען ישוב מיט אייגענאַרטיגע מנהגים, אינסטיטוציעס און פאָרמען פון לעבען.

די קאָנצענטראַציע פון דער אידישער באַפעלקערונג איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער אינדוסטריע, אין וועלכער די אידען האָבען זיך אָנגעהויבען צו באַפעסטיגען. אין יאָהר 1907 האָבען אַן ערך 85 פּראָצענט פון אַלע אידישע אימיגראַנטען געוואוינט אין פיער סטייטס (ניו יאָרק, פּענסילווייניא, מאַסאַטשו־זעטס און אילינאָי).

די אידישע אימיגראַנטען האָבען „מאָנאָפּאָליזירט" געוויסע פּראָפעסיעס, ווי למשל, שניידעריי, און האָבען מיט דער צייט אויסגעבויט פון אַ קליינער אינדוסטרי, ווי די קליידער אינדוסטרי איז געווען אין די אכציגער יאָהרען, אַ גרויסע מעכטיגע אינדוסטרי. פּאַראַלעל צו דעם אַנטוויקלעט זיך די טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, אַ שעהן און אינטערעסאַנט קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער אידישער ענערגיע אין די פאראייניגטע שטאַאטען.

מען קאָן אָבער נישט באַהויפּטען, אַז נאָר אין די רייען פון די ארבייטער־מאַסען האָט זיך געפונען דער נייער דור פון איינוואַנדערער. אַ סך האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט האַנדעל, גאָר אַ גרויסע צאָהל איז אוועק שטודירען לאָו, מעדיצין און דענטיסטרי. אַ קלענערע גרופּע האָט געבראַכט מיט זיך די משכילישע אידעאַלען

פון ערד־ארבייט, אלס א עטישע אוןווירטשאפטליכע לייזונג פון דער אידען־פראגע. זי האט זיך דא אפגעגעבען מיט פארמעריי.

די פארמען פון דעם אידישען לעבען האבען שאקירט דעם אלטען, שוין אמעריקאניזירטען דור פון אימיגראנטען. דער געזעלשאפטליכער ראדיקאליזם פון די מאסען, דער אויפבוי פון א אידישער פרעסע, מעהרסטענטייל א סאציאליסטישער, די ערשטע סטרייקען, די ארגאניזאציע פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען — דאס אלץ האט אנגעווארפען א שרעק אויף די יהודים. זיי האבען געזעהן אין דעם שאפען א ספעציפיש־אידישען לעבען פון די „אידיש־שפרעכענדע" אידען, א געפאהר פאר. דער רוהיגקייט און זיכערקייט פון דעם אידישען לעבען דא אין לאנד. זיי האבען געדענקט, אז דאס קאן ארויסרופען א ווידערווילען ביי די אמעריקאנער און דאמאלסט איז דער וועג צום אנטיסעמיטיזם אפען.

דעריבער האט זיך אנגעהויבען ביסלאכווייז די אינוואזיע פון די יהודים אין די אידישע „געטאס", כדי צו באאיינפלוסען דאס אידישע לעבען און ארויסווארפען פון איהר די „אנטי־אמעריקאנישע" פארמען. די „עדיוקיישאנאל אליינס", די באראן הירש שולען, די סאנדעי־סקולס, דאס זארגען פאר די רעליגיעזע נויטען אדער בעסער געזאגט — דער קאמף געגען דעם רעליגיעזען אינדיפערענטיזם פון די מאסען — אט אויף דער ליניע איז געלעגען די טעטיגקייט פון די יהודים, כדי צו האבען די קאנטראלע איבער די ניי־איינגעוואנדערטע מזרח־אייראפעאישע אידען.

די אידעע פון אסימילאציע, וועלכע די יהודים האבען דא אנטוויקעלט, האט אפעלירט אפילו צו די משכילים, וועלכע זיינען אהער אנגעקומען. דאס איז געווען אן אסימילאציע אהן שום באדינגונגען — ווי דאס האט זיך אנטוויקעלט אין מערב אייראפא. פארקערט, דא, אין דעם לאנד פון פרייהייט, איז געווען א פשוטע זאך אפען זיך ערקלערען אלס א איד און גלייכצייטיג פיהלען זיך אינגאנצען אמעריקאניש. א סך פון די נאציאנאל־געשטימטע אידען אויף יענער זייט ים זיינען, קומענדיג קיין אמעריקא געווארען די פרעדיגער פון אמעריקאניזאציע.

אין די מאסען איז אבער ניט געווען קיין באוואוסטזיניגקייט בנוגע צום אידישען לעבען. דער אינטעליגענט האט געשפילט אזא קליינע ראלע אין דער ארבייטער באוועגונג, אז מען האט איהם כמעט דארט נישט געזעהן. די אידישע אינטעליגענץ האט זעהר שנעל זיך אמעריקאניזירט און איז געווארען באוואוסטזיניג אמעריקאניש־בורזשואז. די פאר אנפיהרער פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג האבען אייגענטליך קיין קלארען באגריף פון אידישע פראבלעמען נישט פארמאגט. זיי זיינען געקומען אהער אלס רוסישע „נאראדניקעס", זיך געפיהלט קאסמאפאליטיש, געקוקט אויף די שפראך פון די אידישע מאסען, ווי אויף א נויטווענדיגע אבער צייטווייליגע זאך, זיך באנוצט מיט איהר, ווי מיט א מיטעל צו א צוועק — ביז געהענדיג לאגיש און קאנזעקווענט אויף דער ליניע פון זייער נעדאנקען־גאנג — זיינען זיי געקומען צו דעם זעלבען אויספיר, פון וועלכען די אמאליגע דייטש־אידישע אימיגראנטען האבען אנגעהויבען — צו אמעריקאניזאציע.

אבער דאס לעבען האט ארויסגעבראכט פארשידענע פראבלעמען, וועלכע האבען זיך אנגעהויבען צו פארקערפערען אין געוויסע ריכטונגען און פארפלאנטערט. אדער בעסער געזאגט — באוויזען אז דער ענין פון אמעריקאניזאציע איז נישט אזא פשוטער, ווי מען מיינט.

דער ציוניזם, די נאציאָנאַלע פראגען און די ארבייטער באוועגונג, די קולטור־שטרעמונגען אויף דער אידישער גאס, די בילדונגס טעטיגקייט פון דעם גרעסטען אידישען אָרדען אין דער וועלט, פון דעם ארבייטער רינג — דאָס זיינען אַלץ מאָמענטען פון גרויסער באדייטונג פאר דעם גייסטיגען און פאָליטישען לעבען פון די אידען אין אמעריקא.

די ראָלע פון די אמעריקאנער יהודים אין געוויסע אידישע באוועגונגען, און הויפּטזעכליך אין דער ציוניסטישער, די אָרגאניזאציע פון רעליגיעזע צענטערען, דער שטענדיגער קאָנטאקט מיט דעם פרישען דור פון עכט־אמעריקאנער בורזשואזיע, וועלכער שטאַמט פון די סלאַווישע לענדער, באווייזט אַז די מינדערהייט פון די רייכע אידען ווילען נישט דערלאָזען, אַז די אידישע מאסען זאָלען זיך אנטוויקלען אַן אייגענאַרטיג לעבען און זיי ווילען פאָרטזעצען די „מיסיע" פון אמעריקאניזאציע אין די אידישע געטאָס.

דער וועג פון דער נייעסטער אידישער געשיכטע אין אמעריקא, איז דער וועג צו געפינען די פאָרמען פון לעבען, וועלכע זאָלען אַנטשפּרעכען די טענדענצען און שטרעבונגען פון די ארבייטער מאסען, און גלייכצייטיג זאָלען די דאָזיגע פאָרמען נישט זיין קיין „געטאָ"־פאָרמען, נאָר פאָרמען פון באוואוסטזיניגער, וועלט־ליכער קולטור שאפונג אין דער שפּראך פון די אידישע ארבייטער מאסען.

ווי אזוי וועט די דאָזיגע פאָרמולע געלייזט ווערען — וועט באווייזען די נאָהענטע צוקונפט. זי וועט אונז ענטפערען אויף די באאומרוהיגענדע פראגע: וואוהין געהט די אידישע מאסע אין אמעריקא?

אידישע אָרדענס אין די פאַראייניגטע שטאַאטען

פון מ. איווענסקי.

אידישע אָרדענס אין אמעריקא האָבען זיך אָנגעפאנגען צו אנטוויקלען אין דעם צווייטען העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט. די אָרדענס האָבען זיך שטארק צוואוקסען מיט דעם וואוקס פון דער אידישער אימיגראציע. היינט צו טאָג זיינען די אידישע אָרדענס אזוי אנטוויקעלט, אַז זיי נעהמען אריין אין זייערע רייהען אַ מיליאָן מיטגלידער, רעכענענדיג אויך די פאַמיליעס.

עס זיינען דאָ פארשידענע סאָרטען אָרדענס, ווייל אויך דער געזעלשאפטליכער לעבען ביי אידען איז פארשידען. עס זיינען דאָ קאָנסערוואַטיווע, פּראָגרעסיווע און ראדיקאַלע אָרדענס. עס זיינען דאָ אויך אָרדענס מיט אַ סאָציאַליסטישער פּראָגראם, ווי דער ארבייטער רינג, דער אידישער נאַציאָנאַלער ארבייטער פארבאנד. עס זיינען דאָ ריין־ציוניסטישע, ווי אסימילאַטאָרישע. די פארשידענאַרטיגקייט פון די אָרדענס באווייזט אָבער, אַז די אָרדענס זיינען אַ גרויסער פאקטאָר אין אידישען לעבען. זיי פארטרעטען אַלערליי סאָרטען שיכטען פון די אידישע איינוואוינער אין אמעריקא.

די פארשידענע אָרדענס קאָנען זיך האָבען פארשידענע צוועקען. איין שטריך

אָבער, וואָס מען מערקט אין אַלע אָרדענס איז דער שטריך פון גגענזייטיגער הילף. די אָרדענס באַשטעהען פון מיטגלידער, וועלכע זיינען פארפליכטעט צו העלפען איינער דעם צווייטען אין צייט פון אַ נויט. אַ מיטגליד, וועלכער ווערט געשטיצט פון דעם אָרדען, אין וועלכען ער איז אָנגעשלאָסען, פארלירט דערביי ניט זיין זעלבסטווירדע. ער קריגט ניט קיין צדקה, וואָס ערנידעריגט, נאָר אַ סאָרט געזעלשאפטליכע פארזיכערונג, צו וועלכער ער איז פאָלשטענדיג בארעכטיגט.

אָרדענס קאָנען איבערהויפט אָנגערופען ווערען ברייטע קאָאָפעראַטיווע פאַר־זיכערונגס־געזעלשאפטען. די מיטגלידער זיינען פאָלשטענדיגע שותפים אין די פיהרונגען פון די געשעפטען. זיי מוזען געמיינשאפטליך טראָגען די לאַסטען און פארלוסטען פון דער געמיינשאפטליכער אָרגאַניזאַציע און זיינען דעריבער אויך בארעכטיגט צו דעם קאַפיטאַל פון דער אָרגאַניזאַציע, צו אַלע פאַרדינסטען און בענעפיטס.

אין אַמעריקאַ זיינען אָרדענס, אָדער ווי זיי ווערען אויך אָנגערופען ברידערליכע אָרגאַניזאַציעס, זעהר פיעל פארשפרייט. עס זיינען דאָ אָרדענס מיט מיליאָנען מיטגלידער און צעהנדליגע מיליאָנען דאָלאַר קאַפּיטאַל. די אַמעריקאַנער אָרדענס זיינען אַ פאָרטזעצונג פון די אייראָפּעאישע און פון די ענגלישע פריינדליכע געזעלשאפטען. מעהר אָבער, ווי אין יעדען אַנדער לאַנד האָבען דאָ די ברידערליכע אָרגאַניזאַציעס געפונען אַ פרוכטבארען באָדען. די אידישע אָרדענס האָבען נאַ־טירליך פיל איבערגענומען פון די אַמעריקאַנער אָרדענס. זיי האָבען איבערגענומען געוויסע פיהרונגען און אפילו אויך געוויסע לעכערליכע צערעמאָניעס. עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז די אידישע אָרדענס זיינען פיל באאיינפלוסט געוואָרען פון די אַמעריקאַנער. עס וואָלט אָבער געווען דער גרעסטער טעות צו דענקען, אַז די אידעע פון ברידערליכע געמיינשאפטליכע שטיצע, די אידעע פון זעלבסטהילף אָדער זעלבסטבילדונג איז ביי אידען אַ נייע אידעע. חברות פאר גגענזייטיגער שטיצע איבער בילדונג זיינען ביי אידען אַזוי אַלט, ווי זייער גלות, אפשר נאָך אַ סך עלטער. עס איז גראָדע אַ פאַקט, אַז פילע אידעען פון גגענזייטיגער שטיצע האָבען אַנדערע פעלקער איבערגענומען פון אידען.

„גמילת חסדים" און „בקור חולים" זיינען די בעסטע פאָרמען פון גגענזייטי־גער הילף. קיינער ווייס ניט וועמעס מאָרגען עס איז. הייגט טוה איך יענעם אַ טובה און מאָרגען מוז איך אָנקומען צום צווייטען. די הויפּט פליכטען, וואָס יעדער איד האָט, זיינען — גמילת חסדים, לייהען געלט אין אַ נויט; „הכנסת אורחים" — אויפנעמען עלענדע אורחים; „בקור חולים" — וויזיטען קראַנקע; „הלוית המת" — באַגלייטען טויטע צו זייער אייביגער רוה, און „תלמוד תורה" — ברייטע זעלבסטבילדונג. זעהר שעהן דריקט זיך אוים דער תלמוד וועגען דיזע פליכטען: „אדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קימת לעולם הבא" — טוט אַ מענש דיזע פליכטען, געניסט ער פון די פּראָצענטען גלייך און דער קרן בלייבט אויף שפּעטער. „ די תורה הויבט זיך אָן מיט גמילת חסדים און ענדיגט זיך מיט גמילת חסדים" — זאָגט דער תלמוד נאָך אין אַ פּלאַץ.

חברות אין אַלגעמיין האָבען געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָלע אין אידישען לעבען. דער געפיהל פון גגענזייטיגער הילף, וואָס דער רוסישער דענקער קראָ־פּאָטקין געפינט אפילו ביי חיות, איז ביי אַלערליי סאָרטען פעלקער אַנטוויקעלט, אָבער מעהר איז דער געפיהל אַנטוויקעלט ביי אונטערדריקטע גרופען. אונטער־

דריקטע טוליען זיך איינער צום צווייטען. זיי פיהלען דאס איינציגוויז זיינען זיי שוואך און אומבאהאלפען. אפשר האט זיך טאקע דערפאר דער געפיהל פון נעגענזייטיגער הילף ביי אידען מעהר אנטוויקעלט, ווי ביי אנדערע פעלקער, ווייל מיר זיינען אין אונזער לאנגער מארטירער-געשיכטע אונטערדריקט געווארען מעהר, ווי יעדער פאלק פון דער וועלט.

די אידישע ארדענס האבען זיך אין אמעריקא אזוי ברייט אנטוויקעלט, ווייל מיר זיינען געווען געוואוינט צו חברה-לעבען און חברות זיינען ביי אידען געווען אין גאנץ פארצייטיגע יאהרען.

אויסער דער שטרעבונג פון געגענזייטיגער הילף האט נאך א פאקטאר גע-האלפען דער אנטוויקלונג פון אידישע ארדענס. און דאס איז די צוגעבונדקייט פון אימיגראנטען פון איין שטאדט, פון איין געגענד און פון איין לאנד, איינער צום צווייטען. לאנדסלייט פאראיינען, זעלבסטשטענדיגע, זיינען נאך איצט אויך שטארק פארשפרייט אהן א סוף צווישען אידען אין אמעריקא. יעדע שטאדט האט איין פאראיין אדער איניגע פון לאנדסלייט, וועלכע קומען זיך אפט צוזאמען. ניט נאר איינצעלנע פאראיינען פון לאנדסלייט זיינען פארשפרייט, נאר אויך גאנצע פעדעראציעס. עס איז דא א פעדעראציע פון פוילישע אידען, פון גאליציאנער, פון אוקראינער און פון אונגארישע. אין ארדענס זיינען די לאנדסמאנשאפטען געבליבען, ווי פריהער. עס זיינען דא לאנדסמאנשאפטען אפילו אין אזעלכע ארדענס, וואס האבען אלגעמיינע צוועקען. עס זיינען דא לאנדסמאנ-שאפטען אין אינדעפענדענט ברית אברהם און אפילו אין דעם סאציאליסטישען ארבייטער רינג. אידישע ארדענס זיינען אנטשטאנען צוליב פארשידענע צוועקען. עס האבען זיך געגרינדעט ארדענס מיט ברייטע אידישע נאציאנאלע צוועקען און צוליב ענגע לאקאלע. עס זיינען דא ארדענס, וועמעס אויפגאבען עס זיינען גאנץ באגרעניצטע.

ארדענס האבען זיך מאנכעס מאל אנטוויקעלט פון איינצעלנע פאראיינען. פילע פאראיינען האבען זיך פארבונדען אין א גרעסערע ברייטערע קערפערשאפט. פון איינצעלנע פאראיינען זיינען געווארען פעדעראציעס מיט א צענטראלער פארוואל-טונג. אין געוויסע פעלע איז אבער די צענטראלע קערפערשאפט אנשטאנען איידער די איינצעלנע טיילען, וואס שטעלען איהר צוזאמען.

אינדעפענדענט ארדען בני ברית.

דער ערשטער וויכטיגסטער אידישער ארדען, וואס האט זיך געגרינדעט אין אמעריקא, איז געווען דער אינדעפענדענט ארדען בני ברית. דער ארדען „בני ברית" איז געגרינדעט געווארען פון דייטשע אידען אין יאהר 1849. איינער פון זיינע גרינדער איז געווען א געוויסער דזשאנס. דער ארדען האט פריהער געשפילט זעהר א וויכטיגע ראלע און שפילט נאך איצט אויך א גרויסע ראלע אין דעם אידישען לעבען פון דער גאנצער וועלט. און עס איז כדאי מיט דעם ארדען זיך אביסעל נעהנטער צו באקענען.

דער ארדען „בני ברית" איז ניט מעהר א ארדען אין דעם ריכטיגען זין פון ווארט. בענעפיטס שפילען שוין ניט קיין גרויסע ראלע אין די לאדזשעס. עס זיינען נאך דא „ענדאומענט" מיטגלידער, מיטגלידער, וועלכע זיינען בארעכטיגט צו אינשורענס און צו אנדערע בענעפיטס. ביי די מעהרסטע מיטגלידער שפילען

שוין אָבער די בענעפיטס אַ קליינע ראָלע. דער אָרדען איז געוואָרען אינטערנאַ־ציאָנאַל. פון די 14 דיסטריקטען פון אָרדען געפינען זיך בלויז 7 אין אַמעריקאַ. 7 דיסטריקטען געפינען זיך אין אַנדערע לענדער. די ראָלע פון „בני ברית" איז איצט אַ געזעלשאַפטליכע, און דאָ קומען מיר צו אַ וויכטיגען שטריך פון אַזוינע אָרדענס, זייער געזעלשאַפטליכע באַדייטונג. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די געזעל־שאַפטליכע ראָלע פון די רייכע מיטגלידער פון די „בני ברית" איז אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די ראָלע פון די באַלעבאַטישע אידען פון ברית שלום, אָדער פון דיביידע אָרדענס ברית אברהם. גאַנץ אַנדערש איז די ראָלע פון ארבייטער רינג, דער אָרדען פון די ראַדיקאַלע אידישע ארבייטער.

די פּראָגראַם פון דעם אָרדען „בני ברית" ווערט ערקלערט אין פאָלגענדע הויך־קלינגענדיגע ווערטער:

„דער צוועק פון אונזער אָרגאַניזאַציע איז צו פאַראייניגען אידען, צו ענטוויקלען זייערע העכסטע אינטערעסען זוי זאָלען זיין אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסען פון דער גאַנצער מענשהייט. אונזערע צוועקען זיינען צו ערהויבען דעם גייסטיגען מאָראַלען כאַראַקטער פון די ברידער פון אונזער אמונה; צו פערשפּרייטען די ריינע פּרינציפּען פון דער פילאָזאָפיע; צו שטיצען וויסענשאַפט און קונסט; צו פאַגרינגערען די לאַגע פון די אָרימע און נויטליידענדע, צו בעזוכען קראַנקע און אומגליקליכע, צו ראַטעווען די קרבנות פון פאַרפאָלגונגען; צו העלפען און צו בעשיצען אלמנות און יתומים לויט די הייליגע פּרינציפּען פון מענשען־ליבע".

זעהר ברייטע אידעאַלען האָבען זיך געשטעלט די גרינדער פון „בני־ברית". עס איז אָבער אַ ווייטער מהלך פון דער ווירקליכקייט ביז אַן אידעאַל. לאָזענדיג אָבער די מליצות אָן אַ זייט, מוז מען דאָך צוגעבען, אַז די מיטגלידער פון די „בני־ברית" האָבען זעהר פיל אויפגעטאָן פאַר די צייט פון זייער עקזיסטענץ. די „בני־ברית" האַלטען אויס אַ אונגעהויערע צאָהל וויכטיגע אינסטיטוציעס. זיי האָבען געגרינדעט האָספּיטעלער, יתומים הייזער, הייזער פאַר קריפּעלס און פאַר אַלטע. דער אָרדען „בני־ברית" האָט אויך פיל אויפגעטאָן פאַר אידען פון אַנדערע לענדער.

גלייך ביי דעם אָנפאַנג האָט דער אָרדען „בני ברית" באַשלאָסען ניט אריינ־צומישען אין די לאָדזשען פון אָרדענס דעבאַטען וועגען רעליגיעזע אָדער פּאָלי־טישע פראַגען. זיינע אויפגאַבען זיינען בלויז פילאַנטראָפּיע און גערעכטיגקייט־הילף.

דער אָרדען „בני־ברית" האָט זיך צוואַוקסען. ער האָט זיך פאַרשפּרייט אין אַנדערע לענדער. איצט ווערט דער אָרדען איינגעטיילט אין דיסטריקטען. יעדער דיסטריקט האָט אַ געוויסע צאָהל לאָדזשען. 7 דיסטריקטען געפינען זיך אין די פאַראייניגטע שטאַאטען און 7 דיסטריקטען געפינען זיך אין אַנדערע לענדער — אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד, אין פּאַלעסטינע. דער ערשטער דיסטריקט נעהמט אין זיך אריין די מזרח־שטאַאטען: ניו יאָרק, מאַסאַטשוזעטס, ראָוד איילאַנד, קאָנעקטיקוט, מעין און ניו־העמפשייר. דער פּרעזידענט פון ניו יאָרקער דיסטריקט איז ל. פּאַבריקאַנט, און דער דזשענעראַל סעקרעטער איז מאַקס ליוויי. דער פּרעזידענט פון דעם גאַנצען אָרדען, וואָס נעמט איין אַלע פערצעהן אינטערנאַציאָנאַלע דיסטריקטען, איז אַלפרעד מ. קאָהען. פאַר אַ לאַנגע צייט איז געווען פּרעזידענט אַדאָלף קרויז. דער ערשטער פּרעזידענט פון דעם אָרדען איז געווען דזשוליוס ביק.

דער אָרדען האָט זעהר אַ פאַרצווייגטע טעטיגקייט. עס זיינען איצט געגרינדעט געוואָרען אין די מייסטע גרויסע אוניווערסיטעטען „הלל־פאָונדיישאָנס", פאַראיי־

ניגונגען פון אידישע סטודענטען, א „ווידער סקאפ קאמיטי", וואס האט אפט קאנפערענצען צו פארברייטערען און צו פארגרעסערען די טעטיגקייט פון דעם ארדען. דער ארדען האט ארום 85 טויזענט מיטגלידער, אבער ניט אלע מיט־גלידער זיינען ענדאומענט מיטגלידער, דאס הייסט מיטגלידער, וואס טראגען אינ־שורענס. פילע מיטגלידער קימערן זיך וויניג וועגען זייערע אינשורענס. דער עיקר איז ביי זיי די געזעלשאפטליכע טעטיגקייט פון ארדען.

ארדער און טרו סיסטערס.

אין יאהר 1846 האט זיך געגרינדעט א צווייטער אידישער ארדען, דאס איז געווען א פרויען־ארדען, „ארדען אף טרו סיסטערס". דער ארדען פון אמת'ע שוועסטער. דער ארדען האט איצט 10,400 מיטגלידער און 27 לאדזשען. די פרעזידענטין פון דעם פרויען־ארדען, אדער, ווי זי ווערט אנגערופען, די „גראנד מאניטרעס", איז מיסעס פעני מארקס.

ארדער בני ישראל („פרי סאנס און איזראעל")

דער ארדען בני ישראל, אדער פרי סאנס אף איזראעל, האט זיך געגרינדעט אין 1849. דער דאזיגער ארדען האט איצט 6043 מיטגלידער מיט א קאפיטאל פון ארום צוויי מיליאן דאלאר. דער ארדען גיט זיך מעהרסטענס אפ מיט אמע־ריקאנער פאטריאטישע אויפגאבען. ער האט אבער אויך וויכטיגע אינסטיטוציעס. דער פרעזידענט פון ארדען איז סאלאן דזש. ליבסקינד און דער גרענד סעקרעטער הענרי היימאן.

ארדען ברית־אברהם.

דער „ברית אברהם", האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1859. דער ארדען האט אמאל געשפילט א וויכטיגע ראלע. היינט איז זיין באדייטונג פיל קלענער. דער אלטער „ברית אברהם" האט נאך אבער איצט אויך ארום 32 טויזענט מיטגלידער און 185 לאדזשען. דער גרענד מאסטער (פרעזידענט) איז מ. גרין. דער סעקרעטער לייזערסאן.

אינדעפענדענט ארדער ברית־אברהם.

דער „אינדעפענדענט ארדען ברית אברהם" האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1887. דער אינדעפענדענט ארדען „ברית אברהם" איז דער גרעסטער אידישער ארדען. לויט די צאהלען פון פארשידענע אינשורענס דעפארטמענטס, האט דער אינדעפענדענט ארדען ברית אברהם געהאט 132,132 מיטגלידער און 549 לאדזשעס אין ענדע פון 1925. דער ארדען צאהלט פינף הונדערט דאלאר אינשורענס און האט נאך געוויסע בענעפיטס. דער ארדען צוטיילט פיל געלד אויף צדקה און האט זיך שטארק באטייליגט אין דער רעליף ארבייט פאר די מלחמה־קרבנות. ווי אדאלף שטערן, דער פאראיאהריגער גרענד מאסטער פון ארדען, דער־צעהלט, האט זיך דער ארדען געגרינדעט מיט גאנץ פראקטישע צוועקען פון געגענזייטיגער הילף. דער ארדען האט אבער אויך פיל אויפגעטאן פאר אלגעמיינע אידישע נאציאנאלע אינטערעסען. דעם 5טען און 6טען יוני איז אפגעהאלטען געווארען אין סאראטאגא די 40טע קאנווענשאן פון ארדען. אלס גרענד מאסטער איז ערוויילט געווארען ריכטער הארטמאן, דער גרענד סעקרעטער איז מאקס האלענדער.

בני בנימין („פרי סאָנס אָוו בענדזשאַמין").

דער אָרדען „בני בנימין" אָדער „פרי סאָנס אָף בענדזשאַמין", האָט זיך געגרינדעט אין יאָהר 1897. דער אָרדען האָט עטליכע טויזענט מיטגלידער. אַ וויכטיגער שטריך פון די געשעפטס־פיהרונגען פון דעם אָרדען איז, וואָס יעדע פּאָליסי פון די מיטגלידער פון אָרדען איז אונטערגעשריבען און פאַרזיכערט פון דער מעטראָפּאָליטאַן לאַיף אינשורענס קאָמפּאַני.

די אָרדענס פון דער וועסט.

פון די אידישע אָרדענס פון דער וועסט זיינען באַוואוסט דער אינדעפּענדענט וועסטערן סטאַר אָרדען" און דער „פּראָגרעסיוו אָרדען אָף די וועסט". דער „וועסטערן סטאַר אָרדען" האָט זיך געגרינדעט אין 1894, און דער „פּראָגרעסיוו אָרדען" אין יאָהר 1896. דער „וועסטערן סטאַר" האָט אַרום 18 טויזענט מיטגלידער און דער „פּראָגרעסיוו אָרדען" אַרום 19 טויזענט. דער גרענד מאַסטער פון דעם פּראָגרעסיוו אָרדען איז סעמועל עפּשטיין, און דער סעקרעטער מאָריס שאַפּירא. אין יאָהר 1896 האָט זיך געגרינדעט אין דער וועסט נאָך אַן אָרדען „דהי נייטס אָף דזשאָזעף". דער אָרדען האָט 10,500 מיטגלידער און 70 לאָדזשעס. דער פּרעזידענט פון די „נייטס אָף דזשאָזעף" רופט זיך מיט דעם הויכען נאָמען „סופרים קאָמענדער", און דאָס איז ניט קיין אַנדערער, ווי סעם שפּיצער. דער סופרים סעקרעטער איז צינער, פון קליוולאַנד.

דער ארבייטער רינג.

אין יאָהר 1900 איז פאָרגעקומען אַ וויכטיגע פּאַסירונג אין דער אַנטוויקלונג פון אידישע אָרדענס. עס האָט זיך געגרינדעט דער אַרבייטער רינג. דער אַר־בייטער רינג איז אויסגעוואַקסען פון סאָציאַליסטישע אונטערשטיצונגס־פאַראיינען, וואָס האָבען פריהער עקזיסטירט. די וויכטיגקייט פון דעם נייעם אידישען אַרבייטער אָרדען באַשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט אָפּגעשאַפט פילע נאַרישע צערעמאָניעס פון די אַלטע קאָנסערוואַטיווע אָרדענס און האָט אויך אוועקגעשטעלט זיינע אויפגאַבען זעהר ברייט. אַרבייטער נויטיגען זיך אין געגענזייטיגער אונ־טערשטיצונג פיל מעהר ווי אַנדערע קלאַסען. אין אַנדערע אָרדענס צווישען די באַלעבאַטים האָבען זיך די אידישע אַרבייטער געפיהלט זעהר אומבאַקוועם. ווי קאָן מען זיין ברידער, ווען עס געהט אָן אַ שווערער קלאַסען־קאַמף צווישען אַרבייטער און באַלעבאַטים? אידישע אַרבייטער האָבען דעריבער געגרינדעט זייער זעלבסטשטענדיגען פאַראיין. די אויפגאַבען פון אַרבייטער רינג זיינען אָבער ניט געוועזען בלויז אונטערשטיצונג. גלייך אין דער ערשטער פּרינציפּען־ערקלערונג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער ערשטער קאָנווענשאָן, ווערט אָנגעצייגט, אַז די אמת'ע אויפגאַבע איז די באַפרייאונג פון אַרבייטער פון די אורזאַכען פון די נייטען און קראַנקהייטען. „צו באַפרייען דעם אַרבייטער פון זיין אונטערדריקונג".

אין יאָהר 1925 האָט דער אַרבייטער רינג געפייערט זיין 25טען יעהרליכען יובילעאום. דער אַרב. רינג פאַרמאָגט איצט אַ קאַפּיטאַל פון אַרום 4 מיליאָן דאָלאַר און האָט אַרום 85 טויזענט מיטגלידער. פאַר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ האָט דער אַרבייטער רינג געהאָלפען אַלע צווייגען פון דער אַרבייטער באַוועגונג דאָ אין אַמעריקא און אין אויסלאַנד מיט אַ ברייטער האַנט. דער אַרבייטער רינג

האט צווישען אנדערע גרויסע בענעפיטס א וואונדערבארען סאניטאריום פאר זיינע קראנקע מיטגלידער און האט אויך א גרויסע נעץ פון אידישע שולען. דער פרעזידענט פון ארבייטער רינג איז נ. פיינערמאן, און דער דזשענעראל סעקרעטער יוסף באסקין.

אינדעפענדענט ארדער ברית שלום.

דער אינדעפענדענט ארדען ברית שלום האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1905. דער ארדען האט ארום 25 טויזענט מיטגלידער און 196 לאדזשעס. דער פרעזידענט פון דעם ארדען איז סאול קרויז און דער סעקרעטאר מארטין א. ליווי. די לעצטע קאנווענשאן פון ארדען איז פארגעקומען אין באלטימאר דעם 22טען יוני, 1926. דער ארדען קאן פארצייכענען פראגרעס אויף יעדען געביט.

אינדעפענדענט ארבייטער רינג.

דער אינדעפענדענט ארבייטער רינג האט זיך אפגעטיילט פון ארבייטער רינג און איז געווארען זעלבסטשטענדיג צוליב דעם, וואס אין סטייט מאסאטשוזעטס האט זיך געפאדערט די סיסטעם פון „פראטוירנאל רייטס”. אזוי ווי דער ארבייטער רינג האט ביז דעם יאהר 1917 דיזע וויסענשאפטליכע סיסטעם נים געהאט, האט ער ניט געקענט ווערען געזעצליך אין סטייט מאסאטשוזעטס. דער אינדעפענדענט ארבייטער רינג האט דעריבער אין יאהר 1906 ארויסגענומען א באזונדער טשארטער און האט זאגאר אנגעפאנגען צו קאנקורירען מיט'ן ארבייטער רינג. איצט, ווען די לעגאלע שוועריגקייטען זיינען באזייטיגט געווארען, האט מען געקאנט ערווארטען, אז דער „אינדעפענדענט ארבייטער רינג” זאל זיך צוריק פאראייניגען מיט דער מוטער-ארגאניזאציע. דערווייל אבער בלייבט נאך אלץ דער „אינדעפענדענט” זעלבסשטענדיג. אין יאהר 1925 האט דער „אינדעפענדענט” פארמאגט 5431 מיטגלידער. דער פרעזידענט פון דעם אינדעפענדענט א. ר„ איז ה. הורוויטץ, און דער סעקרעטער, ד. מענעסאהן.

ארדער בני-ציון.

דער ארדען „בני ציון” איז א ציוניסטישער ארדען, וואס נעהמט אן די באזעלער פראגראם פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. דער ארדען איז גע-גרינדעט געווארען אין יאהר 1907. ער פארמאגט 4285 מיטגלידער. דער „נשיא” (פרעזידענט) פון דעם ארדען איז י. פרידלאנד און דער מזכיר (סעקרעטער) יעקב איש כישור. קעמפס (ברענטשעס) זיינען דא אין ארדען ארום 50. די לעצטע קאנווענשאן איז פארגעקומען אין לאנג בראנטש אין יוני, 1926. די קאנווענ-שאן האט זיך געענדיגט אין אומארדנונג. עס איז פארגעקומען א שארפער קאמף צווישען די אנהענגער פון זשאבאטינסקי'ן, די ציוניסטישע „רעוויזיאניסטען”, און די אנטי-רעוויזיאנסטען.

נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד.

דער „אידישער נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד” האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1912. די פראגראם פון דעם פארבאנד איז א ציוניסטישע, ווי א סאציאליסטישע. דער פארבאנד טוט זעהר פיל פאר די ארבייטער פון פאלעסטינא און ארבייט זעהר פיל אויפ'ן שוהל-געביט דא אין אמעריקא. אויסער דער ציוניסטישער פראגראם, אונטערשיידט זיך זעהר ווייניג דער „נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד” פון ארבייטער רינג. דער פארבאנד האט 112 ברענטשעס און 35 פרויען-

קלאַבס. די צאָהל פון זיינע מיטגלידער איז געווען 5939 ענדע דעצעמבער, 1925. אין מאי פון יאָהר 1926 האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער ארבייטער פארבאַנד אָפּגעהאַלטען זיין יובילעאום קאָנוועגשאָן אין ניו יאָרק. דער פּרעזידענט פון פאַרבאַנד איז מאיר בראון און דער סעקרעטאר ל. סיגעל. פון די רעזאָלוציעס, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָנגענומען אויף דער קאָנווענשאָן, איז זעהר כאַראַקטע־ריסטיש די רעזאָלוציע וועגען רוסלאַנד. די רעזאָלוציע פאָדערט די אנערקענונג פון רוסלאַנד און צו דערזעלבער צייט פאַרדאַמט די רעזאָלוציע די פאַרפאָלגונגען פון די סאָציאַליסטען. כמעט דיזעלבע רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער קאָנווענשאָן פון ארבייטער רינג. דער פאַרבאַנד קלייבט פאָנדען פאַר סאַנאַטאָריומס אין ארץ ישראל.

די קלענערע אידישע אָרדענס

פון די קלענערע אידישע אָרדענס זיינען דאָ די הר פּראַטוירניטי, מיט אַ טשיף אַ נביא און אַ סקרייב. „סאָנס אָף דייוויד“ און „יונייטעד בראָדערס“. עס זיינען אויך דאָ ספרדישע אָרדענס פון די אָריענטאַלישע אידען.

אויסער די אידישע אָרדענס זיינען נאָך אידען טעטיגע מיטגלידער אין עכט אַמעריקאַנער אָרדענס. עס זיינען נאָך דאָ פילע לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס האָבען ברייטע אויפגאַבען פון זעלבסט־הילף און באַזונדערע פאַראיינען.

אויסער אָרדענס זיינען נאָך דאָ אין אַמעריקא אונצעהליגע לאַנדסמאַנשאַפטען: פאַראיינען, וועלכע פאַרנעהמען זיך מיט געגענזייטיגער הילף. פון דער שטאָדט וווילנע אַליין זיינען דאָ זעלבסטשטענדיגע פעראיינען, העכער ווי אַ צעהנדליג. יעדער שטאָדט און שטעדטעל האָט אַ לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיין. די לאַנדסמאַנשאַפטען טראָגען אַ לאָקאַלען כאַראַקטער. אָרדענס, ווי באַגרעניצט זייערע צוועקען זיינען ניט, האָבען אָבער אַ גרויסע געזעלשאַפטליכע נאַציאָנאַלע בעדייטונג.

די אידישע אָרדענס האָבען איבערגענומען פון די אַמעריקאַנער קריסטליכע אָרדענס זייערע אָרגאַניזאַציאָנס פאָרמען און אויך געוויסע צערעמאָניעס. די אַלגע־מיינע אָרדענס האָבען אָבער אויך געשפּילט אַ ראָלע אין אַ העכסט נעגאַטיווען זין. עס איז אַ פאַקט דאָס דער אידישער אָרדען „בני־ברית“ האָט זיך געגרינדעט, ווייל די אַלגעמיינע אָרדענס האָבען געשטעלט גרויסע שוועריגקייטען פאַר אידישע מיט־גלידער. אידישע אָרדענס זיינען געוואָרען נויטיג פאַר אידען, אין די אַלגעמיינע אָרדענס האָבען זיי זיך געפיהלט פרעמד. ניט נאָר האָבען זיך אידען געפיהלט שלעכט אין קריסטליכע אָרדענס, אַפילו די מזרח אייראָפּעאישע אידען האָבען זיך געפיהלט פרעמד אין די אָרדענס, וואו דייטשע יהודים זיינען געווען די טאָן־געבער.

די אידישע אָרדענס האָבען זיך געגרינדעט צוליב פאַרשידענע צוועקען אַ גרויסע ראָלע האָט אָבער געשפּילט דער צוועק פון זעלבסט־הילף די אינשורענס פון מיט־גלידער. מיר קומען איצט צו זעהר אַ וויכטיגען פּונקט. עס איז די פראַגע ווי ווייט זיכער די אידישע אָרדענס זיינען פון דעם אינשורענס שטאַנדפּונקט.

עס זיינען דאָ אָרדענס, וועלכע זיינען שוין אַלט איבער 80 יאָהר. זיי האָבען איבערגעלעבט פאַרשידענע צייטען. פון דער געשיכטע פון די אַלטע אָרדענס קען מען זעהן, ווי ווייט זיי זיינען נאָכגעקומען זייערע פאַרפליכטונגען.

עס איז אַ טרויעריגער פאַקט, דאָס פילע אָרדענס זיינען אונטערגעגאַנגען, ווייל זיי האָבען ניט געקענט נאָכקומען זייערע פאַרפליכטונגען. עס זיינען אונטערגעגאַנגען

די אָרדענס „קשר־של־ברזל“, „בני יהודה“ און נאָך פאַרשידענע אָרדענס. ווי עס הערט זיך געהט אויך אונטער דער אָרדען „בני־בנימין“ די פראַגע פון זיכערקייט איז דאַריבער איינע פון די וויכטיגסטע.

אין דער טאַבעלע, וואָס דאָ ווערט געגעבען ווערט אָנגעוויזען, דער פאַרזיכערונגס־קאַפּיטאַל, וואָס יעדער אָרדען פאַרמאָגט. עס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע פאַקטען, דאָס אין דער פראַגע פון זיכערקייט שטעהען די אידישע ארבייטער אָרדענס פעסטער, ווי די באַלעבאַטישע אָרדענס. צוליב פינאַנציעלע שוועריגקייטען, האָט דער גרויסער אידישער אָרדען „בני־ברית“ געמוזט רעאָרגאַניזירט ווערען. אינשורענס האָבען ניט אַלע מיטגלידער פון אָרדען. זעהר שוואַך שטעהט דער אַלטער אָרדען „ברית אברהם“. ניט לאַנג האָט אַפילו פּענסילווייניע סטייט אָפּגענומען די לייסענס פון אָרדען. זעהר שטאַרק שטעהט אָבער דער ארבייטער רינג. דער ארבייטער רינג האָט אַ „וואַליואַיישאָן“, וואָס איז 118 פּראָצענט. דאָס הייסט ער פאַרמאָגט מעהר 18 פּראָצענט, וויפיל עס איז נויטיג.

די אידישע אָרדענס, די שטאַרקע פיהרען איין וויסענשאַפטליכע רייטס. דאָס הייסט אָבצאָהלונגען, וואָס זיינען וויסענשאַפטליך אויסגערעכנעט לויט טאַבעלען פון אַ קאָנגרעס פון געגענזייטיגע אינשורענס געזעלשאַפטען. וויסענשאַפטליכע רייטס האָט דער אַרבייטער רינג, דער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד, דער אָרדען ברית־שלום פון פענסילווייניע און אַנדערע אידישע אָרדענס.

אין דעם גרעסטען אידישען אָרדען „אינדעפּענדענט אָרדען ברית אברהם“, שטעהט די פראַגע וועגען פראַטוירנאַלוויסענשאַפטליכע רייטס אויפ'ן טאָגעסאָרדנונג ניט קאָנענדיג איינפיהרען וויסענשאַפטליכע רייטס פאַר אַלע קלאַסען, האָט דער אָרדען איינגעפיהרט קלענערע אינשורענס און אויך אַ באַזונדער קלאַס בי פון אינשורענס, וואָס איז געגרינדעט אויף וויסענשאַפטליכע רייטס.

אויף דעם געביט פון געגענזייטיגער הילף זיינען אידען אין אמעריקא פיל טעטיג. די אידישע פאַראיינען און די גרויסע אידישע אָרדענס באַנוגענען זיך אָבער ניט מיט בלויז געגענזייטיגער הילף. זיי האָבען ברייטע נאַציאָנאַלע אויפגאַבען.

טאַבעלע פון די וויכטיגע אידישע ארדענס.

	געגרינדעט אין יאהר	צאהל מיט־גליעדער אין 1926	צאהל אפטיילונגען	הכנסה פאר'ן יאהר 1925	הוצאות פאר'ן יאהר 1925	פארזיכערונגס קאפיטאל
בני ברית — — —	1843	85,000	——	——	——	——
סאָנס אָף איזראַעל	1849	6,043	——	320,116.08	320,186.60	1,722,323.83
ברית אברהם — —	1859	32,000	185	269,926.78	298,323.73	34,350.00
אינד. ברית אברהם	1887	132,132	549	1,302,466.85	1,228,543.07	3,236,205.39
ארבייטער רינג —	1900	84,791	705	1,279,931.43	998,076.16	3,312,703.02
ברית שלום — —	1905	25,400	105	362,713.54	287,080.61	900,500.00
אינד. ארב. רינג —	1906	5,431	——	141,032,07	125,879.56	93,966.28
פראָג. אָרדער אָף וועסט — — — —	1896	9,875	——	161,135.28	135,425.74	404,393.62
בני ציון — — — —	1907	4,285	50	76,303.08	71,593.09	185,099.62

די אידישע באַפעלקערונג פון די אמעריקאנער שטעדט — לויט דעם צענזוס פון 1920.

שטאָדט	צאָהל אידען
אָלבאַני, נ. י.	7,000
אַלטונא, פּאַ.	1,000
אַטלאַנטיק סיטי, נ. דזש.	4,000
אַטלאַנטאַ, דזשאָ.	10,000
איוועגסוויל, אינד.	1,500
אָוקלענד, קאַליפ.	5,000
אָמאַהא, נעב.	10,000
אינדיאַנאַפּאָליס, אינד.	10,000
אגוסטא, דזש.	2,500
אָקלאהאָמא, אָקלא.	1,000
איסט סט. לואיס, איлל.	1,000
אירי, פּאַ.	1,500
באַלטימאָר, מד.	60,000
בענגאָר, מע.	1,000
בעי סיטי, מיש.	1,000
בעיאָן, נ. דזש.	10,000
בינגהעמפּטאָן, נ. י.	1,500
בורמינגהעם, אַלאַ.	3,500
בלומפילד, נ. דזש.	1,000
באָסטאָן, מאַסס.	77,500
ברעדהאק, פּא.	1,600
ברידזשפּאָרט, קאָננ.	12,000
בראָקטאָן, מאַסס.	1,500
באָפאָלאָ, נ. י.	20,000
ביוט, מאָנט.	1,000
גאַלוועסטאָן, טעקס.	1,100
גרענד רעפּידס, מיש.	1,000
גערי, אינד.	1,200
דאַלאַס, טעקס.	8,000
דעיטאָן, אָ.	4,000
דענווער, קאָלאָ.	11,000
דעמאָין, אַיאָוואַ	3,200
דעטראָיט, מיש.	50,000
דולוטה, מיננ.	2,300
דזשעקסאָנוויל, פלאָ.	2,000
דזשוירזי סיטי, נ. דזש.	12,500
דזשאָליעט, איлл.	1,100
העריסבורג, פּאַ.	4,000
העריסאָן, נ. דזש.	1,000
האַרטפאָרד, קאָננ.	16,000
הייווערהיל, מאַסס.	3,500
האָבאָקען, נ. דזש.	5,000
האליאָוק, מאַסס.	1,000
האַוסטאָן, טעקס.	5,000
וואַשינגטאָן, ד. ק.	10,000
וואָטערבורי קאָננ.	6,000
וויקאָ, טעקס.	5,000
וועסט ניו יאָרק, נ. דזש.	1,500
ווהילינג, וו. וואַ.	1,000
ווילקעסבאַר, פּאַ.	3,000
ווילמינגטאָן, דעל.	3,500
וויגטראָפּ, מאַסס.	1,500
וואודביין, נ. דזש.	1,900
וואוסטער, מאַסס.	10,000
טאַמפּא פלאָ.	1,000
טאָלידא, אָהייאָ	7,500
טאפּעקאָ, קענ.	1,000
טרענטאָן, נ. דזש.	7,000
טראָי, נ. י.	3,000
טשאַרלסטאָן, ס. ק.	1,900
טשאַרלסטאָן, וו. וואַ.	1,000
טשאַטאַנוגא, טענ.	1,400
טשעלסי, מאַסס.	13,000
טשעסטער, פּא.	1,000
יאָנקערס, נ. י.	5,000
יאָנגסטאַון, אָהייאָ	5,000
יוטיקא, נ. י.	1,600
לאַנקעסטער, פּאַ.	1,400
לאָרענס, מאַסס.	2,000
לינקאָלן, נעב.	1,200
ליטל ראק, ארק.	1,500
לאָנג ברענטש, נ. דזש.	1,300
לאס אַנדזשעלעס, קאַל.	18,000
לואיסוויל, קענ.	9,000
לאָועל, מאַסס.	6,000
לינן, מאַסס.	7,500
מאָלדען, מאַסס.	9,000
מעקיספּאָרט, פּאַ.	3,000
מעמפיס, טעננ.	7,000
מערידען, קאָננ.	1,000
מילוואָקי, וויסק.	20,000
מינעאַפּאָליס, מיננ.	15,000
מאָביל, אַלאַ.	2,200
מאָנטגאָמערי, אַלאַ.	1,650
מאונט ווערנאָן, נ. י.	3,000
נעשוויל, טעננ.	3,000
נואַרק, נ. דזש.	51,000
ניו בעדפאָרד, מאַסס.	3,500
ניו בריטיין, קאָננ.	2,500
ניו בראָנזוויק, נ. דזש.	3,000
ניו הייווען, קאָננ.	18,000
ניו לאָנדאָן, קאָננ.	1,000

ש ט אָ ד ט	צאָהל אידען
ניו אָרלינס, לואיזיאַנאַ	8,000
ניופּאָרט ניוס, וואַ.	2,000
ניו ראָשעל, נ. י.	3,000
ניו יאָרק, נ. י.	1.500,000
נאָרפאָלק, וואַ.	5,000
נאָרוויטש, קאָננ.	1,500
סינסינעטי, אָ.	25,000
סאַגינאַ, מיש.	1,000
סט. דזשאָזעף, מאָ.	3,300
סט. לואיס, מאָ.	60,000
סט. פּאָול, מיננ.	10,000
סיילעם, מאַסס.	1,500
סאָלט לייק סיטי, יוטא	2,500
סאַן אַנטאָניאָ, טעקס.	3,000
סאַן פראַנציסקאָ, קאַל.	30,000
סאַוואַנאַ, דזשא.	5,000
סקענעקטעדי, נ. י.	3,500
סקראַנטאָן, פּאַ.	7,500
סיאַטל, וואַש.	5,000
סיו סיטי, איאָוואַ	2,500
סאָמערוויל, מאַסס.	2,000
סאַוט בענד, אינד.	2,000
סאַוט בעטלעהעם, פּאַ.	1,300
סאַוט נאָרוואָק, קאָננ.	1,000
ספּאָקיין, וואַש.	1,100
ספּרינגפילד, מאַסס.	6,000
סטעמפאָרד, קאָננ.	1,500
סטאָקטאָן, קאַל.	1,000
סיראַקיוז, נ. י.	12,000
עלענטאַון, פּאַ.	1,200
עליזאַבעטה, נ. דזש.	5,000
עלמיירא, נ. י.	1,200
על פּאַזא, טעקס.	1,800
עקראָן, אָהייאָ	2,000

ש ט אָ ד ט	צאָהל אידען
פּאַסייק, נ. דזש.	6,000
פּעטערסאָן, נ. דזש.	15,000
פּענסאַקאָלאַ, פלאָ.	1,000
פּעאָריאַ, איל.	1,750
פּוירטה עמבאָי, נ. דזש.	5,000
פילאַדעלפיאַ, פּאַ.	200,000
פּיטסבורג, פּאַ.	60,000
פּיטספילד, מאַסס.	1,500
פּליינפילד, נ. דזש.	1,500
פּאָרט טשעסטער, נ. י.	1,000
פּאָרטלענד, מע.	1,000
פּאָרטלענד, אָרע.	2,500
פּאָרטסמוטה, וואַ.	8,000
פּאָקיפּסי, נ. י.	1,600
פּראָווידענס, ר. אַ.	15,000
פּועבלאָ, קאָלאָ.	1,000
פאָל ריווער, מאַסס.	7,500
פאָרט וועין, אינד.	1,650
פאָרט וואָירטה, טעקס.	2,250
קווינסי, מאַסס.	1,250
קיימברידזש, מאַסס.	8,000
קעמדען, נ. דזש.	2,000
קענטאָן, אָ.	1,000
קליוולענד, אָ.	100,000
קאָלאָמבוס, אָ.	9,000
קאָונסיל בלאָפס, איאָווא	1,000
קענזעס סיטי, קענ.	3,500
קענזעס סיטי, מאָ.	12,000
רעדינג, פּאַ.	1,750
רעוויר, מאַסס.	6,000
ריטשמאָנד, וואַ.	4,000
ראָטשעסטער, נ. י.	20,000
שיקאַגאָ, איל.	225,000
שריוופּאָרט, לואיז.	1,500

צעהן אמעריקאנער שטעדט וואס האָבען די גרעסטע צאָהל אידען.

שטאָדט	איד. באַפעלקערונג
ניו יאָרק	1,643,012
שיקאַגאָ	225,000
פילאַדעלפיא	200,000
קליוולאַנד	100,000
באָסטאָן	77,500

שטאָדט	איד. באַפעלקערונג
באַלטימאָר	60,000
סט. לואיס	60,000
פּיטסבורג	60,000
דעטראָיט	50,000
נוארק	55,000

די אידישע פארמעריי אין די פאראייניגטע שטאאטען

פון דר. הערמאן פראנק.

1. געשיכטליכער איבערבליק.

דער ערשטער ערנסטער פארזוך צו פארווירקליכען צווישען די אמעריקאנער אידען א ברייטען קאלאניזאציאנס-פלאן איז געמאכט געווארען אין דער צווייטער העלפט פון די 80-ער יאהרען, ווען ס'האבען אנגעהויבען אריינצוקומען אין לאנד גרויסע מאסען פון די ארימע אידיש-רוסישע אימיגראנטען. צווישען זיי האבען זיך געפונען ניט ווייניג יונגע אידעאליסטען, טרוימער פון א פשוט'ען און ארבייטסזאמען לעבען אויפ'ן שוים פון דער נאטור. איניגע גרופעס, ווי די „עם עולם", האבען געפלאנט צו גרינדען אין דער פרייער אמעריקא א גרויסען, אויטאנאמען אידישען לאנדווירטשאפטליכען ישוב. ליידער זיינען אבער צווישען יענע אימיגראנטען קיין געניטע ערד-ארבייטער כמעט אינגאנצען ניט געווען, און דערפון האבען אלע פלענער שטארק געליטען.

מיט דער הילף פון אידישע בעלי-צדקות אין אייראפא און אמעריקא איז גע-לונגען, אין אנהויב פון די 80-ער יאהרען, צו באזעצען עטלאכע הונדערט אידישע אימיגראנטען אויף לאנד, וואס מ'האט פאר דיזען צוועק געקויפט אין דעם זידליכען טייל פון סטייט ניו דזשוירזי. אויך אין א סך אנדערע טיילען פון לאנד, איינרעכענענדיג דעם סטייט ארעגאן, ביים פאסיפישען ים, און דער ווייטער וועסט, פלעגען זיך אין יענער צייט באשאפען אידישע פארם-ישובים. דאך זיינען די ניו דזשוירזיער קאלאניעס דער איינציגער ישוב פון די 80-ער יאהרען, וועלכער איז בשלום איבערגעקומען אלע קינדער-קראנקהייטען פון דער קאלאניזאציע און לעבט נאך ביז היינט צו טאג. דער דאזיגער ישוב באשטעהט פון וואודביין, ראזענהיין, כרמל און נאך א 5—6 אידישע קאלאניעס, וועלכע מען האט געבויט אויף די מיטלען פון דער פאריזער „אליאנס איזראעליט" און ניו יארקער „היברו אימיגראנט עיד סאסייעטי", ביי א נאהענטער מיטארבייט פון דעם אידישען שריפטשטעלער און פילאנטראפ, מיכאל העילפרין (1823—1888).

מיט גרויסע שוועריגקייטען האט זיך א טייל פון די ערשטע אידישע קאלאניסטען אין ניו דזשוירזי צוגעפאסט צום שטייגער פון דער ארטיגער פארמעריי, וועלכע באשטעהט דער עיקר פון פרוכט און גרינס-גערטנעריי. א סך פון די ערשטע קאלאניסטען האבען פארלאזען דאס לאנד באלד אין די ערשטע יאהרען, און נאך א גרעסערער טייל פון די, וואס זיינען פארבליבען אויפ'ן ארט, האבען זיך געמוזט נעהמען צו אינדוסטריעלע און קאמערציעלע פרנסות, ווי שניידעריי, קליין-האנדעל, מעקלעריי א. אז. וו.

אין יאהר 1891 איז אין יענער געגענד געקויפט געווארען א גרויסער שטח לאנד צו גרינדען א אידישע גארטען-שטעדטעל — וואודביין. דיזער עקספערימענט איז אין לאנדווירטשאפטליכען זינען קיין ערפאלג ניט געווען. אין 1892 זיינען אין וואודביין געווען פון 50 ביז 60 פאמיליעס, דאס הייסט

הויז-געזינדען, וואס האבען איינגאנצען אדער טיילוויז געצויגען די חיונה פון ערד-ארבייט און אזעלכע פרנסות, וואס זיינען מיט דער לאנדווירטשאפט פארבונדען, ווי, למשל, האדעוואניע פון עופות און בהמות. אין 1901 איז די צאהל פון אזעלכע פאמיליעס געווען 52, און אין 1905 — ניט מעהר ווי 20. אין 1909 אבער איז די צאהל שוין געווען פילפאך גרעסער ווי אין 1905.

אין 1894 איז אין וואודביין, מיט די מיטלען פון די פאקטישע באלעבאטים פון דער קאלאניע, דעם „באראן הירש פאנד“, געגרינדעט געווארען א לאנדווירטשאפט-ליכע שולע, וועלכע האט פיל געהאלפען אויפצוהויבען דעם מצב פון דער אידישער פארמעריי אין אמעריקא. אין וואוקס פון דער דאזיגער שולע און פון דעם גאנצען וואודביינער ישוב בכלל האט א באזונדערס באדייטענדע ראלע געשפילט דער די-רעקטאר פון דער קאלאניע, אליין א רוסיש-אידישער אימיגראנט, א „פראקטישער אידעאליסט“, הירש ליב סאבסאוויטש (1860—1915), פראפעסאר פון אגראנאמיע.

די פאלגענדע מניעות האבען געשטערט דעם אנטוויקלונגס-גאנג פון דעם אידי-שען ישוב אין דעם זידליכען טייל פון ניו דזשוירזי: 1) ניט א גאנץ געלונגענער אויסוואהל פון באדען; 2) מאנגעל אין נאהענטע מארקעטס; 3) אומפאסיגער מענשען-מאטעריאל צווישען די ערשטע אידישע קאלאניסטען-פיאנערען; 4) ווייניג הילף מצד די פרויען און קינדער אין די פארמער פאמיליעס; 5) ווייניג חשק ביים יונגען דור צו פארבלייבען ביי דער פארמעריי, און 6) די שלעכטע ווירקונג פון דער פאטערנאליסטישער (אפעקונסקער) סיסטעם אין דער געשטאלט פון דער פארוואלטונג פון אויבען — דורך די שררות פון „באראן הירש פאנד“.

אין 1909 האבען 8—9 קאלאניעס, א חוץ וואודביין, געהאט ארום און ארום 419 אידישע פאמיליעס מיט 2713 נפשות, און בלויז 201 פאמיליעס האבען געלעבט פון פארמעריי. וואודביין האט אין יענעם יאהר געצעהלט 2300 איינוואוינער, פון וועלכע 94 פראצענט זיינען געווען אידען.

אידישע הענט האבען, אלזא, דאך פארוואנדעלט א פארלאזענעם ווינקעל מיט א שלעכטען באדען, א שטיק וויסטע לאנד, פארוואקסען מיט בוימער און געדיכטע קוסטעס, אין א געזונטען און בליהענדען ישוב. אינדוסטריעל איז וואודביין געווא-רען איינער פון די טעטיגסטע פונקטען אין יענער געגענד, און קולטורעל, דורך שולען, ביבליאטעקען, קלאבס א. ז. וו., האבען זיך אלע קאלאניעס גלייך פון אנהויב אן געשטעלט אויף א הויכער מדרגה. אין אלגעמיין איז דער עקספערימענט געווען זעהר וויכטיג, ווייל ער האט אויפגעדעקט אלע פעהלערען און געפאהרען פון א פילאנט-ראפיש-ביוראקראטישער סיסטעם אין דער אידישער קאלאניזאציע פון אמעריקא.

גאנץ אנדערש איז די ענטוויקלונג געגאנגען אין אנדערע טיילען פון לאנד. אין מאסאטשוסעטס און קאנעקטיקוט האבען זיך, אין די 80ער און 90ער יאהרען, אויף א נאטירליכען און אונארגאניזירטען אופן, באשאפען קליינע, צעווארפענע ישובים. די אידען פון באסטאן, הארטפארד און אנדערע שטעדט, האבען אפגעקויפט פארמס פון די ניט-אידישע פארמערס. אויך יענע אידען האבען גאנץ ווייניג גע-וואוסט פון דער מאדערנער פארמעריי און האבען פון דער ערד-ארבייט און מילך-פראדוקציע קוים געקענט מאכען אפילו אן ארימען, געמאטערטען לעבען. ערשט דורך דעם איינפיר פון זייטיגע פרנסות, ווי זומער-געסט (בארדינג-הייזער), אלטווארג-אויפ-קויף און מעקלעריי, האבען יענע אידישע קאלאניסטען זיך ווי עס איז דורכגעשלאגען, ביז זיי האבען זיך ענדליך, מעהר אדער ווייניגער, פעסט געשטעלט אויף די פיס. אזוי

איז אויך אָנגעגאַנגען די ענטוויקלונג פון אַ ישוב, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען אַ ביסעל שפּעטער (מיט אַ יאָהר 20־25 צוריק), נאָר האָט אָבער גיך איבערגעוואָקסען אַלע אַנדערע ישובים — דער ישוב אין די קעטסקיל בערג אין ניו יאָרק סטייט.

דעם בעסטען ערפאָלג צווישען אַלע אידישע פאַרם־ראַיאָנען אין דער איסט, וואו עס געפינען זיך 75 פּראָצענט פון די אידישע פּאַרמערס אין אַמעריקא, האָט געמאַכט דער ישוב אַרום עלינגטאָן, קאָנעקטיקוט. ער האָט זיך אָנגעהויבען ערשט מיט אַ יאָהר 25 צוריק און איז גלייך אַוועק הויפּטזעכליך אויף אַ וועג פון דער ספּעציאַלי־זירטער לאַנדווירטשאַפט — טאַבאַק־קולטור. די דאָרטיגע אידישע קאָלאָניסטען זיי־נען אַלע מייסטענס פּראַקטישע פּאַרמערס פון פריהער (אין רוסלאַנד), און כמעט אַלע האָבען אַריינגעלעגט אין עסק אביסעל אייגענע געלד. מיט דער פינאַנציעלער און אינסטרוקטאָרישער הילף פון דעם „באַראָן הירש פאָנד" (איצט — „די אידישע אַג־ריקולטורעלע געזעלשאַפט") איז געלונגען אויפצוהויבען דעם עלינגטאָנער ישוב, מיט זיינע עטליכע הונדערט נפשות, צו דעם העכסטען שטאַפּעל פון דעם מאַטעריעלען און מאָראַלישען ערפאָלג.

ביי די אידישע פּאַרמערס אין קאָנעקטיקוט איז אין 1909 געבאָרען געוואָרען דער פּלאַן פון אַן אידישער לאַנדווירטשאַפטליכער פעדעראַציע, אַ פאַרבאַנד פון אַלע אידישע פאַרמער־געזעלשאַפטען, ווי קרעדיט־יוניאָנס, איינקויפס־קאָאָפּעראַטיוועו, קלאָבס, א. ז. וו., איבער'ן גאַנצען לאַנד. אין אָנהויב איז דער וואוקס פון דער פעדע־ראַציעס געגאַנגען גאַנץ שנעל. אין 1915 האָט דער פאַרבאַנד געצעהלט 56 לאָקאַלע גרופּעס אין 27 סטייטס מיט אַן אַלגעמיינער מעמבערשיפּ פון 1178. ער האָט גע־עפענט אַ צענטראַלע קאָאָפּעראַטיווע איינקויפס־ביוראָ און האָט אָנגעהויבען צו טאָן בילדונגס־אַרבייט צווישען די אידישע פּאַרמערס. נאָך דעם ווי אַמעריקא איז אריין אין דער מלחמה, איז אויף דעם פאַרבאַנד אויסגעפאַלען אַ וויכטיגע ראָלע — צו רע־אַליזירען צווישען די אידען דעם רעגירונגס־פּלאַן פון די „פאַרם לאָון אַסאָסיאיי־שאָנס", וועלכע האָבען געשטרעבט צו פאַרברייטערען, דורך ביליגע קרעדיטען, די לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקציע אין לאַנד.

דער אומזאַץ־קאַפּיטאַל פון דעם פאַרבאַנד איז ליידער שטענדיג געווען אונטער דעם באַשיידענסטען מינימום פון באַדאַרף, ניט קוקענדיג אויף דער שטיצע מצד דער „אידישער אַגריקולטורעלער געזעלשאַפט". אין די מלחמה־יאָהרען האָט, צוליב דער אַלגעמיינער פּרייז־העכערונג, דער פאַטאַלער געלד־מאַנגעל זיך דערשפּירט נאָך שאַר־פער. אין דער צייט פון דעם ערשטען פּאַרמער־קריזיס נאָך דער מלחמה, אין 1920, איז דער „אידישער פּאַרמער פאַרבאַנד" אונטערגעגאַנגען.

2. דער פאַקטישער צושטאַנד.

אין דעם איצטיגען מאָמענט געפינען זיך אין די פאַראייניגטע שטאַאטען אַם וויינינגסטענס 15 טויזענד אידישע פּאַרמער־פאַמיליעס, מיט אַן אַלגעמיינער צאָהל פון 75 טויזענד נפשות, און מיט איבער אַ מיליאָן אַקער לאַנד, צעוואָרפען איבער אַלע 48 סטייטס פון לאַנד. קלענערע אָדער גרעסערע אידישע ישובים געפינען זיך, אַ חוץ דער איסט, אין מישיגען סטייט (אַרום בענטאָן האַרמאָר און אַנד. פּלעצער), אין אָהייאָ, אילינאָיז, נאָרטה דאַקאָטאַ, קאַליפאָרניאַ און נאָך סטייטס. מען קען מיט זיכערקייט אָננעהמען, אַז ס'איז שוין ניטאָ קיין איין־איינציגער צווייג פון דער אַמעריקאַנער פּאַרמעריי, אין וועלכען אידען זאָלען ניט נאָר ניט זיין פאַרטראָטען,

נאָר אין וועלכען זיי זאָלען ניט האָבען באַוויזען בייזשפּילען פון אַ באמת שטוינענדע, פענאָמענאַלען ערפאָלג.

דער זעהר שנעלער פאָרטשריט פון דער אידישער פאַרמעריי, פאַר די לעצטע 15 יאָהר, איז געקומען, אין אַ באַשטימטער מאָס, צוליב דער געענדערטער פאָליסי פון דעם „באַראָן הירש פאָנד“ זינט 1908. פון יאָהר 1900, ווען די „אידישע אַגריקולטורעלע געזעלשאַפט“ אין איהר איצטיגער געשטאַלט איז געגרינדעט געוואָרען, ביז 1908 איז איהר הויפּט־אַרבייט באַשטאַנען אין הילף צו פאַרמערס דורך אַ ביליגען און לייכט־צוגענגליכען קרעדיט (מאָרטגיידזשעס און לאָונס) — אַ גאַנץ נויטיגע און חשובע אויפגאבע. פאַר די ערשטע 25 יאָהר (1900 ביז 1924) האָט די געזעלשאַפט אַרויסגעגעבען 7,741 הלואות, אויף אַ סך־הכל פון פיר מיליאָן און זיבען הונדערט און זעקס און צוואנציג טויזענד (4,726,158) דאלאר, צו עטליכע טויזענד אידישע פאַרמערס אין 39 סטייטס. אין 1925 איז די צאָהל לאָונס געווען 442, די גאַנצע סומע — 280,291 דאלאר. די דורכשניט סומע פון איין הלואה (1925) איז געווען 634 דאלאר, און אַראָפּנעמענדיג די „גמילת חסדים“־הלואות (עמוירדזשענסי לאָונס), וועלכע שטייגען ניט אַריבער הונדערט דאָלאַר, וועט זיך דער דורכשניט פון אַ הלואה אויפהויבען ביז 1009 דאלאר.

אין 1908 האָט די געזעלשאַפט אויסגעפונען, אַז געבען דעם פאַרמער אַ הלואה און דערנאָך איבערלאָזען איהם אויף גאָטס בעראָט, איז אַן אומפּראַקטישע און אומבאַקלערטע פּאָליסי. אום זיכער זיין, אַז דער בעל־חוב וועט פּינקטליך אָפּצאָהלען די הלואה, איז קודם כל נויטיג אַוועקצושטעלען זיין ווירטשאַפט אויף אַזאַ שטאַרקען און פעסטען פונדאמענט, אַז דער פאַרמער זאָל קענען באַקומען פון זיין פאַרם אַ וואָס גרעסערען און געזיכערטען איינקונפט. איבער דעם האָט די „געזעלשאַפט“ איינגעטיילט איהר טעטיגקייט אין עטליכע באַזונדערע אָפּטיילונגען מיט אַ קאָנסטרוקטיווער און קאָנקרעטער פּראָגראַם פון אַרבייט אויף יעדען איינעם פון די באַשטימטע געביטען.

די קאָלאָניזאַציע אָפּטיילונג (פאַרם סעטלמענט דעפּאַרטמענט) איז געגרינדעט געוואָרען ערשט אין 1913, אָבער זי פאַרדינט, צוליב איהר וויכטיגקייט, באַהאַנדעלט צו ווערען צו אַלער־ערשט. די גאַנצע 30 יעהריגע פּראַקטיק פון דער אידישער פאַרמעריי ביז 1913 האָט קלאָר באַוויזען, אַז דער איד באַצאָהלט געוויינליך אַ פיל צו הויכען מקח פאַר דער געקויפטער פאַרם. איהם, וואָס ווייס בדרך כלל זעהר ווייניג פון דער פּראַקטישער פאַרמעריי אין אַמעריקא און שאַצט לויט די פּרייזען פון די שטאָדטישע ריעל עסטייט, קומט שטענדיג אויס איבערצוצאָהלען, כמעט כפל כפלים, ביי דער ערשטער קניה. אָפט פאַלט ער נאָך דערצו אַן אומשולדיגער קרבן פון אַלערליי לאַנד־ספּעקולאַנטען און ריעל־עסטייט אַפעריסטען, ווי אויך פון סתם געמיינע לומפּען — די שווינדלער מיט באָדען און פאַרמס. דעם דורכשניטליכען אַמעריקאַנער אידען איז, אָהן דער הילף פון עקספּערטען, זיך שווער צו אָריענטירען אין די האַרבע פראַגען פון קאָלאָניזאַציע. אַ סך דורכפאַלען פון די אידישע פאַרמערס ערקלערען זיך פּשוט מיט דעם מיאוסען פעלער, וואָס זיי באַגעהן, קויפענדיג אַ פאַרם בלינד.

די „אַגריקולטורעלע געזעלשאַפט“ נוצט אויס די אידישע פּרעסע מודיע צו זיין אַלע בעלנים צו קויפען פאַרמס, אַז אין זייערע אייגענע בלוטיגע אינטערעסען טאָרען

זיי ניט טאָן קיין איינציגען שריט, ניט זייענדיג זיך פריהער מישב מיט דער „גע־זעלשאַפט“.

פון 1920 ביז 1924 (איינשליסליך) האָבען די אַגראָנאָמען פון דער „געזעלשאַפט“, צוזאַמען מיט די צוקונפטיגע אידישע פאַרמערס, באַזוכט 2391 פאַרמס, פון וועלכע מ'האָט פאַקטיש געקויפט ניט מער ווי 665 פאַרמס. ווי מען זעט, האָט, במשך פון די לעצטע פינף יאָהר, די „געזעלשאַפט“ געהאָלפען צו באַזעצען 3355 אַמעריקאַנער אידען אויף דעם לאַנד (אַ משפחה האָט 5-6 נפשות). אַזוי ווי ניט אַלע נייע אידי־שע פאַרמערס קומען אָן צו דער געזעלשאַפט נאָך אַן עצה, קען מען אָננעהמען, אַז דורך די לעצטע 5 יאָהר, האָבען ווענינסטענס אַרום 10 טויזענד אידישע נפשות זיך באַזעצט אויף פאַרמס.

די „בילדונגס אָפטיילונג“ (עקסטענשאָן דעפּאַרטמענט) פון דער „אידישער אַגרי־קולטורעלער געזעלשאַפט“ פיהרט אויס פאַר די אידישע פאַרמערס אַ סך פון יענע אויפגאַבען, וועלכע דער יונייטעד סטייטס דעפּאַרטמענט אָוו אַגריקולטור און די 48 סטייט־רעגירונגען, ווי אויך זייערע אַגריקולטור קאָלעדזשעס, טוען אויף פאַר די ניט־אידישע פאַרמערס — נעמליך, זיי העלפען יעדען האָרעפּאַשנעם פאַרמער מיט ראַט און טאַט, און דאָס — גאַנץ אומזיסט.

אַלס אַ התחלה פון אַזא קולטורעלער אַרבייט, האָט די „געזעלשאַפט“ אָנגעהויבען, אין 1908, אַרויסצוגעבען איהר מאָנאַטליכען פאַך־זשורנאַל — „דער אידישער פאַרמער“ און פאַרעפענטליכט אַנדערע אויסגאַבען איבער ספּעציעלע פּראַקטישע פראַגען אין וועטערינאַריע (געזונט פון בהמות און עופות), אַגראָנאָמיע, וכדומה. עטליכע אַגראָנאָמען פון דער „געזעלשאַפט“ באַזוכען רעגעלמעסיג די אידישע פאַרמערס און גיבען אויפ'ן אָרט, צו יחידים און גאַנצע גרופּען, וויכטיגע און באַלעהרענדע פּראַקטישע עצות.

די „אַרבייטס־פאַרמיטלונג אָפטיילונג“ (פאַרם עמפּלאָימענט דעפּאַרטמענט) האָט פאַר איהר ערשטען יאָהר (1908) געגעבען פעלד־אַרבייט 172 אַפּליקאַנטען, און אין צווייטען יאָהר — אַ טאָפּעלטע צאָהל „הענד“. אין 1924 איז זייער צאָהל שוין געווען 682. פאַר די גאַנצע 16-17 יאָהר האָט דיזע ביוראָ געקראָגען שטעלעס פאַר 14,169 אידישע פעלד־אַרבייטער אין 32 סטייטס. די אַרבייט אויף אַ פאַרם איז שטענדיג די בעסטע צוגרייטונג פאַר יעדער ערפאָלגרייכער פאַרמעריי. די דאָזיגע פאַרמיטלונגס־טעטיגקייט איז אַלזאָ אין עצם אַ פאָרשטופע צו דער קאָלאָניזאַציע אַרבייט.

אַ גרויסע און נויטיגע אַרבייט ווערט געטאָן דורך דעם „סאַניטיישאָן דעפּאַרט־מענט“ (געגרינדעט אין 1918) צו העלפען ביי אַ סך הארבע פּראַקטישע פראַגען, ווי למשל, וואַסער־לייטונג (פּלאָמבינג), מיסט־פאַרניכטונג, אויסראָטונג פון פליגען, און ד. גל. אַ באַזונדערע אָפּטיילונג בעאַרבייט אַלע אָנפראַגען, וואָס זיינען נוגע פאַר־זיכערונגס (אינשורענס) ענינים און אַנדערע יורידישע פּראָבלעמען.

אויף דעם קולטורעלען און רעליגיעזען געביט ווערט די אַרבייט געפיהרט אין שותפות מיט דעם „קאָונסיל אָוו דזשואיש וויִמען“, דער גרעסטער אידישער פרויען־פאַראיין אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

נאָך דעם ווי די צאָהל אידען־פאַרמערס איבער'ן לאַנד האָט זיך, במשך פון די לעצטע 15 יאָהר, באַדייטענד פאַרמעהרט, האָט די געזעלשאַפט אָנגעהויבען צו עפע־נען אָפּטיילונגען. אין 1912 איז געגרינדעט געוואָרען אַ „וועסטערן אָפיס“ אין

שיקאגא. אין 1917 האט מען געעפענט אן אפטיילונג אין פילאדעלפיא, און אין צוויי יאהר ארום האט זיך געגרינדעט א צווייג-אפיס אין עללענוויל, אלסטער קאונטי, אין דעם צענטער פון דעם זעהר געדיכטען אידישען ישוב אין די קעטסקיל בערג. אין זעלבען פלאץ איז, אין 1913, געשאפען געווארען די ערשטע „קאאפעראטיווע פייער פארזיכערונג געזעלשאפט פון סוליוואן און די ארומיגע קאונטיס", וואס בליהט ביז דעם היינטיגען טאג.

אין די מלחמה-יאהרען האבען כמעט אלע פארמערס פון דעם דארטיגען ישוב, וועלכער פאסט זיך, לויט זיין באדען, גאר גוט נאר פאר דער האדוואַניע פון בהמות און ניט מעהר, זיך פאראייניגט אין א פראדוקציאנס-קאאפעראטיוו, וועלכער האט אפגעקויפט פון דער גרויסער באָרדען-קאמפאני א מילך פלענט אין הורלוויל. דיזער קאאפעראטיוו קויפט ביי די פארמערס אפ די גאנצע מילך פראדוקציע, אום אליין אויסצואַרבייטען די קעז, פוטער און שמאנד. דורך דעם האט זיך פארגרעסערט די פראדוקטיווע טענדענץ צווישען די אידישע פארמערס אין די קעטסקיל-בערג, וועלכע לעבען פון צוויי, ניט גאנץ-הארמאנירענדע צווישען זיך פרנסות — דעם „באארדינג" געשעפט און די פראדוקטיווע פארם-ארבייט, דערהויפט מילך-פראדוקציע..

3. די אידישע יוגענד און די פארמעריי.

אין 1908 זיינען בלויז 12 פראצענט פון די יונגע אידישע אמעריקאנער, וועלכע די „אגריקולטורעלע געזעלשאפט" האט פארמיטעלט, געווען געניטע (סקילד) פארם-הענד, בעת אין 1924 האט זייער צאהל שוין באטראפען גאנצע 51 פראצענט. דער דאזיגער ארבייטער-עלעמענט באשטעהט פון יונגע לייט, וואס האבען גראדואירט פון דער וואודביינער לאנדווירטשאפטליכער שולע (האט אין 1917, צוליב דער מלחמה, זיך איינגאנצען ליקווידירט), פון דער „נעשאנאל פארם סקוהל" (א האלב-שטאטליכע, האלב-פילאנטראפישע לעהר-אנשטאלט לעבען פילאדעלפיא, געגרינדעט אין 1896, דורך דעם ראבינער דר. קרויזקאפף), און פון די אנדערע היגע און אויסלענדישע פארמער-שולען.

א ביישפיל, וואס ווייזט, אז די פארמעריי הויבט אלץ שטארקער אן צוציהען צו זיך די אמעריקאנער-געבארענע אידישע יוגענד, איז דער פאקט דאס 49 פראצענט פון די פארם-הענד, וועלכע זיינען אנגעקומען צו דעם פארמיטלונגס-ביורא אין 1924, זיינען שוין היגע געבוירענע, און 22 פראצענט זיינען אנגעקומען קיין אמעריקא אלס גאנץ קליינע קינדער.

דער „פארם עקסטענשאן דעפארטמענט" פון דער „אידישער אגריקולטורעלער געזעלשאפט" האט, מיט א יאהר 15 צוריק, אנגענומען א באזונדערע ערציהונגס-פראגראם פאר דער אידישער פארם-יוגענד. דער צוועק איז געווען „צו מאכען דאס קינד פון דעם אידישען פארמער פאר א וויכטיגען פאקטאר אין דער עקאנאמיע פון דעם פאטער'ס באלעבאטישקייט, צו ערוועקען ביי די קינדער א שטאלצע און באוואוסטזיניגע באציהונג צו די פארמער-פרנסות, און איינפלאנצען אין זיי די ליבע צו דער מוטער-ערד".

אויסצופיהרען די דאזיגע פראגראם האט די געזעלשאפט איינגעפיהרט ביי זיך א סיסטעם פון סקאלארשיפס און הלואות פאר סטודענטען אין די אגריקולטורעלע קאלעדזשעס. פון אנהויב האט מען עס באשרענקט בלויז אויף די קינדער פון די פארמערס, שפעטער אבער האט מען דעם פלאן פארברייטערט און אריינ-

גענומען אין איהם די גאנצע אידיש־אמעריקאנישע יוגענד. במשך פון די לעצטע 15 יאהר, האט די „אגריקולטורעלע געזעלשאפט" ארויסגעגעבען איבער 300 סקאלארשיפס פאר אידישע סטודענטען אין די אגריקולטורעלע קאלעדזשעס פון קאליפארניא, קאנעקטיקוט, דזשארדזשיא, מאססאטשוזעטס, מישיגאן, נארד דאקאטא, ניו דזשוירזי, ניו יארק, אהייא, וויסקאנסין און וויאמינג. 39 הלואות פאר סטודיום־צוועקען זיינען ארויסגעגעבען געווארען צו אידישע סטודענטען אין די אגריקולטורעלע קאלעדזשעס פון זיבען סטייטס.

די „אידישע אגריקולטורעלע געזעלשאפט" האט געעפענט אווענד־קורסען פאר פארם־הענד און סתם דערוואקסענע פארמערס אין עטליכע פונקטען מיט א געדיכטען אידישען פארם־ישוב. דאס אלץ טראגט ביסלאכווייז ארייין א העכערע מדרגה פון דער לאנדווירטשאפטליכער טעכניק אין דער אידישער פארמעריי. דורך אזא בריק פון בילדונג און קולטור קען מען אם בעסטען פארבינדען דעם אלטען פארמער דור מיט דעם נייעם, די קינדער פון די ערשטע פיאנערען. פאך־בילדונג און אלגעמיינע קולטור איז סוף כל סוף די זיכערסטע גאראנטיע פאר א שנעלען ערפאלג אין דער פארמעריי. דאס איז אבער 10 מאל ריכטיגער היינט צו טאג, ווען די שארפע קאנקורענץ אויף די וועלט־מארקעטס און די פרייז־וואקלונגען מאכען די אינטעליגענץ, די אונטערנעמונגס־קראפט און די וויטזיכטיגקייט פון דעם איינצעלנעם פארמער פאר די הויפט־באדינגונגען פון דעם מאטעריעלען און מאראלישען ערפאלג אין דער פארמעריי.

אין דער אגריקולטורעלער פראפעסיע, אלס פראפעסארען און עקספערטען אין די אגריקולטור־קאלעדזשעס, געפינט מען שוין איצט צעהנדליגער אידען אנגעזעהענע ספעציאליסטען, ווי למשל, דר. יוסף ראזען, פראפעסאר יעקב ליפמאן, דיען פון דעם אגריקולטור קאלעדזש אין ניו דזשוירזי; זיין ברודער, טשארלס ליפמאן, פראפעסאר פון באדען־פיזיקס אין דעם אגריקולטור קאלעדזש פון קאליפארניע; און נאך א סך אנדערע. אויף דעם דאזיגען וויכטיגען געביט וועלען אפשר שטענדיג זיין נייע וואקאנסיעס פאר פעהיגע און שטרעבענדע אידישע יונגע לייט, וועלכע קענען און ווילען פארבינדען די טעאריעס פון דער נאטור־וויסענשאפט מיט דער פראקטישער ארבייט — צו פארשען און ערוועקען די פרוכטבארקייט פון דער מוטער־ערד און שטודירען אנדערע געביטען פון דער לאנד־ווירטשאפטליכער פראדוקציע.

אלע אידישע יונגע לייט, וועלכע באקומען א פאך־בילדונג אין די אלגעמיינע אגריקולטור־קאלעדזשעס, קענען לייכט קריגען שטעלעס אלס אינסטרוקטארען אדער אלס אנדערע ספעציאליסטען פון דער אידישער אגריקולטורעלער געזעלשאפט אדער פון די אידישע פארמער־קאאפעראטיווען, צי סתם אלס עקספערטען אין די גרויסע אידישע לאנדווירטשאפטליכע אונטערנעהמונגען. א סטאטיסטיק וועגען אלע, וואס האבען געענדיגט די „נעשאנאל פארם סקול", האט אנומעלט באוויזען, אז 70 פראצענט פון זיי געפינען זיך איצט אין דער פראקטישער לאנדווירטשאפט. פון די געענדיגטע אין די לעצטע 10 יאהר איז דער פראצענט פון באשעפטיגטע אין דער פארמעריי געווען 77.3; צווישען די וואס זיינען ארוים פון סקול אין די לעצטע 5 יאהר איז ער 84.4; און פון די, וואס האבען געענדיגט אין די לעצטע 2 יאהר — פולע 100 פראצענט. ס'ווערט, אלזא, אלץ קענטיגער, אז די אמעריקאנער פארמעריי הויבט אן ארייינציהען אין זיך א שעהנעם טייל פון דער אידישער יוגענד — די, נעמליך, וואס האבען ליב די נאטור און שעצען הויך די פראדוקטיווע ארבייט אונטער

דעם פרייען הימעל, הגם דאס איז פארבונדען מיט מעהר פרימיטיווע און לאנגווייליגע לעבענס־באדינגונגען, ווי די עקזיסטענץ אין די שטעדט.

4. די פערספעקטיווען פון דער אידישער פארמעריי.

די ערפאהרונג פון דער „אידישער אגריקולטורעלער געזעלשאפט" פאר די לעצטע 5 יאהר לערענט, אז מעהר ווי א העלפט פון די קאלאניזירטע פארמערס דארפען ניט האבען קיין הלוואות, בעת זיי באזעצען זיך אויפ'ן לאנד. אפילו די, וואס האבען שוין יע געדארפט אנקומען צו א לאן, זיינען געווען בכח אליין צו אינוועסטען דורכשניטליך 2½ מאל אזוי פיל. נאך א צווייטער באוויז, אז די איצטיגע פרישע קאלאניסטען קומען דער עיקר פון די קרייזען, וועלכע האבען אנגעקליבען אביסעל געלד פון די שטאדטישע פרנסות, איז דער פאקט, אז כמעט 50 פראצענט פון די אפליקאנטען פון יאהר 1924 — 750, האבען יעדער איינער פארמאגט אן אייגענטום פון איבער 2,000 דאלאר, און בלויז ווענינער ווי 20 פראצענט פון דער אלגעמיינער צאהל האבען געהאט יעדער איינער אונטער 1,000 דאלאר אייגענס.

אן אינטערעסאנטער כאראקטער־שטריך פון דער איצטיגער באוועגונג איז די פארטיילונג לויט דעם עלטער. 65 פראצענט פון די באזעצטע קאלאניסטען אין 1924 זיינען געווען אונטער 40 יאהר אלט. 94 פראצענט זיינען שוין געווען דא אין לאנד צעהן יאהר צייט און נאך לענגער; 54 פראצענט זיינען אדער היגע געבארענע, אדער זיי זיינען געקומען אהערצו ווען זיי זיינען געווען אינגער ווי 20 יאהר.

די 40־יעהריגע געשיכטע פון דער אידישער פארמעריי דא אין לאנד לערנט אונז, אז אין די היגע אומשטענדען קען ניט געמאלט זיין, אז ס'זאל געלינגען מאסענווייז צו באשאפען א אידישען פארמער־קלאס. א טענדענץ צום איבערגאנג צו לאנדווירטשאפטליכע פרנסות איז יע דא, אבער דער גאנג פון אזא באוועגונג איז ניט, און וועט קיינמאל ניט זיין, א שטורמיש־סטיכישער, נאר — א גאנץ לאנגזאמער, אבער דערפאר — א גאנץ זיכערער. א ספעציעלע אונטערזוכונג פון דער „אידישער אגריקולטורעלער געזעלשאפט", וואס איז אנומעלט געמאכט געווארען בנוגע צו 608 אידישע פארמערס אהן אויסוואהל, אין דער איסט און מידל־וועסט, האט באוויזען, אז 32 פראצענט זיינען געזעסען אויף זייערע פארמס פון 1 ביז 5 יאהר, 19 פראצענט — פון 5 ביז 10 יאהר, און 49 פראצענט — איבער 10 יאהר. כמעט ביי 50 פראצענט פון די פארמערס איז, אלזא, די פארמעריי שוין געווארען אן איינגעפונדעוועטע פרנסה.

די אמשטארקסטען כאראקטעריסטישע אייגענשאפט פון די אידישע פארמערס אין אמעריקא איז זייער ענערגישער שטרעבען איינצופיהרען נייע פארמען פון דער לאנדווירטשאפטליכער פראדוקציע. דער ניט־אידישער, דער יענקישער פארמער איז, מעהר קאנסערוואטיוו און מעהר גלייכגילטיג צו נייע עקספערימענטען. כמעט אלע יונגע אידישע פארמערס דא אין לאנד האבען מיט גרויס ערפאלג אפגעגעבען זיך מיט ספעציעלע קולטורען, ווי פרוכט און גרינס, גראזען פאר מעדיצינישען געברויך, בלומען, היהנער, קאטשקעס וכד. די אידען האבען זעהר פיל געהאלפען צו אנטוויקלען די טאבאק־פלאנצונג אין דער געגענט ארום עלינגטאן, קאנעקטיקוט. דארט זיינען זיי צווישען די בעסטע פראדוצענטען פון טאבאק. איינער פון זיי איז א פיאנער פון דער קאמבינירטער ווירטשאפט — פלאנצען טאבאק און פיטערען בהמות אויף א ספעציעלע „פעט־דייעט". מיט א יאהר צוויי צוריק איז ער איינגעלאדען געווארען

פון דעם קאנעקטיקוט סטייט אגריקולטור קאלעדזש צו געבען א לעקציע, פאר די פראפעסארען און סטודענטען, וועגען זיין אויסערגעוועהנליכען געלונגענעם אויפטו.

איצט האט די איד. אגריק. געזעלשאפט איינגאנצען פארווארפען די פריהערדיגע פאליטיק, פון פאר 35־40 יאהר צוריק, צו באזעצען, פון רחמנות־וועגען, ארימע אידען אויף פארמס. אזא עקספערימענט האט, ווי מיר האבען געזעהן, ניט געהאט קיין גוטען סוף. פון זיך אליין איז אבער, צווישען 1900 און 1910, אויסגעוואקסען, אין דער איסט און מידל־וועסט, א היבשע ביסעל אידישע פארמערס. ערשט אין 1909 האט די „געזעלשאפט" אנגעהויבען א סיסטעמאטישע ארבייט צו העלפען די אלטע און די נייע קאלאניסטען מיט ראט און טאט.

אין די אינטערעסען פון א גיכען פארטשריט פון דער אידישער פארמעריי דא אין לאנד, מוז טאקע געגעבען ווערען די נויטיגע געזעלשאפטליכע הילף צו די אלע עלעמענטען, וועלכע זיינען ערנסט גרייט אריבערצוגעהן צו א לאנדווירטשאפטליכער באשעפטיגונג און פארבלייבען ביי איהר אויף שטענדיג.

די אידישע באפעלקערונג פון די אמעריקאנער לענדער

פאראייניגטע שטאאטען.

פעסטשטעלען גענוי די צאהל אידען אין די פאראייניגטע שטאטען, איז לוידער אונמעגליך. צוליב דעם, וואס ביי אלע אפיציעלע פאלקס־צעהלונגען (צענזוסעס) ווערט די פראגע פון רעליגיע פארשוויגען, עס איז אויך ניטא קיין סטאטיסטישער מאטעריאל בנוגע צו דער גרויס און דער נאטירליכער באוועגונג (פארמעהרונג וכד.) פון דער אידישער באפעלקערונג דא אין לאנד.

אלע שאצונגען ווערען באזירט אויף השערות און זייטיגע באווייזען (ווי למשל די צאהל אידישע אימיגראנטען און עמיגראנטען, דורכשניטליכע געבורטען און טויטען־סטאטיסטיק פון דעם גאנצען לאנד, וכד.) איבער דעם מוזען זיך די ציפערען וועגען דער צאהל אידען אין אונזער לאנד שטארק וואקלען צווישען די שאצונגען פון פארשידענע סטאטיסטיקער. די דאזיגע דיפערענצען דערגרייכען אפט א מיליאן און מעהר. אט דאס ערקלערט אונז, ווארום די צאהל אידען אין די פאראייניגטע שטאטען ווערט איצט געשאצט אויף א צאהל, וואס הויבט זיך אן מיט 3,600,000 און קען שטייגען אזש ביז 4,750,000.

אין א בעסערען מצב געפינט זיך די אפיציעלע סטאטיסטיק פון די אידען אין א סך פון די איבעריגע אמעריקאנער לענדער, באזונדערס דארט, וואו די אידען ווערען אפיציעל רעגיסטרירט ביי די פאלקס־צעהלונגען. אויף דעם גרונד פון אזעלכע, און אנדערע וועניגער וואגיגע, קוועלען, גיבען מיר די פאלגענדע סטאטיסטישע איבערזיכט.

1.

די אידען אין קאנאדע.

לויט דעם לעצטען צענזוס (1921) זיינען אין גאנץ קאנאדע געווען 126,196 איינוואהנער פון אידישער אפשטאמונג (לויט דעם רובריק פון „נעשאנאל ארידזשין"). פון זיי האבען 125,190 זיך גערעכענט פאר אנהענגער פון דער אידישער רעליגיע. היות ווי א טייל אידען איז אומעטום גענויגט צו פארלייקענען זייער אייגענע נאציאנאליטעט, ווערט אנגענומען, אז אין דער אמת'ן האט קאנאדע אין 1921, געצעהלט 140,000 אידען.

זינט יענער צייט ביז איצט זיינען, דורך דער אימיגראציע, צוגעקומען ארום 28

טויזענט אידען. מ'קען, הייסט עס, אָננעה־מען אַז, צוזאַמען מיט דעם רעזולטאַט פון דער נאַטירליכער פאַרמעהרונג, באַטרעפט היינט די צאָהל אידען אין קענעדע אַרום 180 טויזענט. במשך פון דעם לעצטען דור האָבען אין קענעדע איינגעוואַנדערט אַרום 100 טויזענד אידען. פאַר די לעצטע 25 יאָהר האָט זיך, אַלזאָ, די אידישע באַפעלקערונג אין קענעדע אַזוי גוט ווי פאַרדאָפּעלט.

די סטאַטיסטיק פון דער אידישער איינ־וואַנדערונג, לויט 5 יעהריגע פעריאָדען, איז ווי פאָלגט:

1901 — 1905		17,288
1906 — 1910		26,241
1911 — 1915		32,214
1916 — 1920		371
1921 — 1925		22,674
סך הכל	— —	98,788

די אידישע באַפעלקערונג אין קענעדע איז זעהר אומגלייכמעסיג פאַרטיילט איבער יענעם אומגעהויער גרויסען לאַנד. דאָך באַ־מערקט זיך אין דער לעצטער צייט צווישען די קענעדער אידען אַ בולט'ע טענדענץ, זיך צו צושפּרייטען ווייט און ברייט און גרינ־דען נייע ישובים אין די אָפּגעלעגענסטע פּלע־צער. איבער 80 פּראָצענט פון די אידען אין קענעדע לעבען אין די צוויי סטייטס, וואָס זיינען קאָמערציעל און אינדוסטריעל אַמ־שטאַרקסטען ענטוויקעלט — קוויבעק און אָנטאַריאָ, וואו ס'געפינען זיך, אגב, די עלטסטע אידישע ישובים אין יענעם לאַנד.

גאַנץ וועסטליכע קענעדע (די סטייטס: מאַניטאָבאַ, סאַסקאַטשעוואַן, אַלבערטאַ און בריטיש קאָלאָמביאַ) מיט איהר אומגעהויער פּרוכטבאַרען באָדען און ניט צו שווערען קלי־מאַט, האָט אין 1901 געצעהלט אַרום 2,000 אידען. איצט געפינען זיך דאָרט אַרום 30 טויזענט אידען.

דער זעהר אָפּגעלעגענער איסטליכסטער סטייט, נאָוואַ סקאָשיאַ, מיט זיין באַדייטענ־דער מיינינג אינדוסטריע און דעם גרויסען האַפען, האַליפאַקס, האָט אַ זעהר יונגען, אָבער ענערגיש וואַקסענדען, אידישען ישוב — אַרום 2,500 אין יאָהר 1921.

די אידישע באַפעלקערונג אין די שטעדט מיט אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 60 טויזענד און העכער, איז אין 1921 געווען ווי פאָלגט:

מאָנטרעאָל, קוויבעק	— —	42,717
טאָראָנטאָ, אָנטאַריאָ	— —	34,619
וויניפּעג, מאַניטאָבאַ	— —	14,449
אָטאַוואַ, אָנטאַריאָ	— —	2,799
העמילטאָן, אָנטאַר.	— —	2,560
קאַלגאַרי, אַלבערטאַ	— —	1,247
לאָנדאָן, אָנטאַריאָ	— —	703
קוויבעק, קוויבעק	— —	375
סך הכל	— —	99,469

ווי מ'זעהט האָבען, אין 1921, אַרום 85 פּראָצענט פון די קענעדער אידען געלעבט אין די גרויסע און מיטעלע שטעדט פון לאַנד.

די רעלאַטיווע גרויס פון דער אידישער באַפעלקערונג (איהר פּראָפּאָרץ צו דער אַלגע־מיינער באַפעלקערונג) וואַקסט זעהר גיך. אין 1901 איז זי געווען 0.30 פּראָצענט, אין 1905 — 1.05 פּראָצענט און אין 1921 — 1.44 פּראָצענט. איצט איז די רייט שוין מסתמא 2.5 פּראָצענט, און מ'קען אָהן גוזמא אָננעמען אַז ביום נעקסטען צענזוס (1931) וועט די פּראָפּאָרץ אידען אין קענעדע באַטרע־פען פון 3 ביז 4 פּראָצענט.

ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז גאָר אין גיכען וועט די פּראָפּאָרץ־רייט פון די אידען אין קענעדע איבערשטייגען די דאָזיגע רייט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, וועלכע איז איצט אַרום 3.5 פּראָצענט (4 מיליאָן אידען צו 115 מיליאָן איינוואוינער פון לאַנד).

אין גאַנץ קענעדע ווערט גערעכענט 12 ריין־אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים און אַ חוץ דעם נאָך אַ גרויסע צאָהל איינ־צעלנע אידישע פאַרמערס, צעוואָרפען איבער אַלע סטייטס. צוזאַמען ווערען געצעהלט אַרום 600 אידישע פאַמיליעס, אָדער איבער 3,000 נפשות, וואָס לעבען פון פאַרמעריי. זיי באַ־אַרבייטען אַרום 125 טויזענט אַקער לאַנד אין ווערט, צוזאַמען מיט אַלע פאַרם געביידעס און אינוועיטאַר, פון אַרום 3 מיליאָן דאָלאַר. (די דאָזיגע ידיעות ווערען געבראַכט אין דעם בוך פון אַבר. רייזנווייז, „דער איד אין קענעדע”. באַנד 1, טאָראָנטאָ, 1925).

2.

די אידען אין מעקסיקא און סענטראַל אמעריקא.

די אידישע באַפעלקערונג אין מעקסיקאָ ווערט איצט אָפּגעשאַצט אַרום 10,000. דר. מ. העקסטער פון באָסטאָן, וועלכער האָט אין

1924 באַזוכט דאָס לאַנד, אום אויסצוגעפינען איהר פאַסיגקייט פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע, גלויבט, אַז עס איז ניט מעגליך גענוי פעסטצושטעלען די צאָל אידען אין יענער גרויסער מדינה מיט איבער 15 מיליאָן איינוואוינער. ער ברענגט אָבער אין זיין רעפּאָרט די פאָלגענדע היפּאָטעטישע סטאַטיסטיק פון מעקסיקאַנער אידען:

אידען אין דעם פעדעראַלען דיסטריקט	8,000
אין די סטייטס אַרום דעם פעדעראַלען דיסטריקט — — — — — — —	600
אין די סטייטס אויפ'ן גרעניץ מיט די פאַראייניגטע שטאַטען — — —	300
אין די סטייטס אויפ'ן ברעג פון פּאַסיפיק — — — — — — —	150
אין די סטייטס פון קאַריביען ים —	100
סטייט יוקאַטאַן — — — — — — —	25
אַנדערע טעריטאָריעס — — — — —	150
בסך־הכל —	9,325

אַ העלפט אידען אין מעקסיקאָ סיטי (פעדעראַלער דיסטריקט) באַשטעהט פון די פאַרמעגליכע, אַלט־איינגעזעסענע אידען — דער עיקר „יאַהודים". כמעט אַ העלפט פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין יענעם לאַנד באַשטעהט איצט פון די אָרימע אידען, וואָס זיינען אַהינגעקומען פון אויסט־אייראָפּע מיט דער האָפנונג צו געפינען פון דאָרט אַ גלאַטען וועג צו די פאַראייניגטע שטאַטען. זייער האָפנונג איז ניט מקוים געוואָרען, און זיי לעבען שוין דערווייל עטליכע יאָהר אין די ערגסטע מאַטעריעלע און מאָראַלישע באַדינגונגען.

יוסף שלאָסבערג, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס יוניאָן", האָט באַזוכט מעקסיקאָ אין דעצעמבער, 1924. ער באַשרייבט די לאַגע פון די אידישע אימיגראַנטען, וועלכע ער האָט געפונען אין דער פּראָווינץ בוארעץ, לעבען דער גרעניץ פון די פאַראייניגטע שטאַטען, אַט ווי:

„די דאָזיגע אומגליקליכע אימיגראַנטען זיינען געווען קאָנצענטרירט אין קאַיע פּאַזו, וואו איניגע פון זיי האָבען געעפענט קליינע גאַלאַנטעריי (דריי גודס) סטאָרס און סטאַרקעס פון אַלטע קליידער. אַנדערע זיינען פּעדלערס. זעהענדיג, אַז זיי וועלען ניט קענען אַריינקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, פאַרלאָזען זיי ביסלאַווייז דעם געגענד אַרום גרעניץ און געהען אַוועק אין די אינערווייניגסטע טיילען פונ'ם לאַנד. אויף זייער פּלאַץ קומען אָבער באַלד אָן נייע אימיגראַנטען, וועלכע ווערען ווידער זעהר גיך אַנטוישט. אַזוי איז די צאָל אידען אין בואַרעץ, במשך פון אַ באַדייטענדע צייט, געווען פאַקטיש אומפאַרענדערט (אַ 20 פאַמיליעס), הגם די פּערזאָנען האָבען זיך געביטען. איינציגע פון די אידען אין בואַרעץ זיינען שוין דאָרט געזעסען אַרום 3 יאָהר און קלייבען זיך דאָרט צו באַזעצען אַלס „תושבים".

די דאָזיגע שילדערונג גיט אין אַ קליינעם מאַסשטאַב אַ קלאָר בילד וועגען דעם איצטיגען טרויעריגען לעבען פון די נייאיינגעוואַנדערטע אידען אין גאַנץ מעקסיקאָ. אַלע אידיש־אַמעריקאַנישע עקספּערטען האָבען איינגעזעהן, אַז מעקסיקאָ פּאַסט זיך ניט פאַר אַ לאַנד פון אידישער קאָלאָניזאַציע.

אין קובאַ (אַרום 3 מיליאָן איינוואוינער) האָט מען אין 1910 געשאַצט 4,000 אידען. אין די לעצטע יאָהרען זיינען אַהינצו, פונקט אַזוי ווי אין מעקסיקאָ, אַריינגעפאַלען עטליכע טויזענט פאַרוואָגעלטע און פאַרצווייפעלטע אידישע אימיגראַנטען, וואָס לעכצען צו באַטרעטען די ערד פון דער „גאָלדענער אַמעריקע". זיי לעבען אין קובאַ אין די שווערסטע באַדינגונגען, ליידען הונגער און קומען אום פון שווינדזוכט און פיבער. ס'זעהט זיך דערווייל ניט קיין שום שטראַל ליכט, וואָס זאָל קענען ווי עס איז פאַרלייכטערען זייער פינסטערען לעבען.

אויף דעם אינזעל ד ז ש א מ ע י ק א (בריטישע קאָלאָניע אין קאַריביען ים) האָט מען אין 1921 געצעהלט 1250 אידען, צווישען אַן איינוואוינערשאַפט פון 858,188.

אויף דעם אינזעל פּ אָ ר ט אָ ר י ק אָ, וואָס איז, צוזאַמען מיט די קליינע שכנ'ישע אינזלען „ווירדזשין איילענדס", אַ קאָלאָניע פון די פאַראייניגטע שטאַטען און האָט 1,300 טויזענט איינוואוינער, ווערט געשאַצט ניט מעהר ווי עטליכע הונדערט אידען, דערהויפּט איינוואוינער פון סאַן הואַן, די הויפּטשטאָדט פון אינזעל (באַפעלקערונג—75000).

אין די סענטראַל אַמעריקאַנישע רעפּובליקען: ניקאַראַגואַ, גוואַטעמאַלאַ, סאַלוואַדאָר, האָנדוראַס און קאָסטאַריקאַ זיינען דערווייל קיין אידען כמעט אינגאַנצען ניטאָ.

.3

די אידען אין אַרגענטינע.

דער גרעסטער און עלטסטער אידישער ישוב אין זיד־אַמעריקע געפינט זיך אין אַרגענטינע, וואו ס'לעבען היינט צו טאָג כמעט 90 פּראָצענט פון אַלע אידען פון יענעם וועלט־טייל.

די „דזשואיש קאָלאָניזיישאָן אסאָסיאיישאָן" (איק"א), וועלכע איז דער אַפּיטראָפּוס און גרינדער פון אַלע אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס אין יענעם לאַנד, האָט לעצטענס (1924) אָפּגעשאַצט די צאָל אַרגענטינער אידען אין 200 טויזענט.

אין 1915 איז די שאַצונג געווען 100 טויזענט. אין די לעצטע 5-6 יאָהר זיינען אין אַרגענטינע, דורך אימיגראַציע, צוגעקומען 40-50 טויזענט אידען, וואָס זיינען גרעסטענטיילס פאַרבליבען אין בוענאָס־איירעס דעם גרעסטען האַפען און הויפּט־שטאָדט פון לאַנד. אַ קלענערע צאָל האָט זיך באַזעצט אין ראָזאַריאָ און אין אַנדערע גרעסערע פּונקטען פון לאַנד.

די אידישע פאַרמעריי אין אַרגענטינע, וואָס איז שוין אַרום 35 יאָהר אַלט, פאַרבליבט אין אַן אומבאַוועגליכען צושטאַנד און זאָל ארומנעמען בסך־הכל 4.000 פאַמיליעס מיט אַן אַלגעמיינער צאָל 25-30 טויזענט אידישע נפשות. איהר אָנהויב איז געווען אַ גאַנץ שווערער און די שלעכטע רעזולטאַטען און פעהלערען פון אָט־דעם דאָזיגען קאָלאָניזאַציאָנס־פּאַרזוך זיינען נאָך עד־היום ניט אָפּגעווישט געוואָרען, ווי אַ שטייגער די אומצופרידענהייט מיט דער אַדמיניסטראַציע ביי אַ טייל קאָלאָניסטען, פאַרשלעפּטע חובות צו דער יק"א א. אז. וו. אַ היבשער טייל האָט זיך אָבער פאָרט אַרויפגעאַרבייט אויף אַ בעסערען מצב, און דאָס לעבען אין די 15-20 אידישע קאָלאָניעס האָט בדרך־כלל אומגעהויער שטאַרק פּראָגרעסירט במשך פון די לעצטע 15 יאָהר.

אַ גענויעם בילד פון דעם אַנטוויקלונגסגאַנג און אַביסעל אינפאָרמאַציע מכח דעם איצטיגען שטאַנד פון די קאָלאָניעס גיט דאָס אינטערעסאַנטע מעמוּאַרען־ווערק פון אַ קאָלאָניסט־פּיאָנער, מרדכי אַלפּערסאָן, אונטער דעם טיטול: „דרייסיג יאָהר אין אַרגענטינע, מעמואַרען פון אַ אידישען קאָלאָניסט" (בערלין, 1923) מיט אַ הקדמה פון ה. ד. נאָמבערג, וועלכער האָט אין די לעצטע יאָהרען באַזוכט די אידען אין אַרגענטינע.

די ערשטע אויפלאַגע פון דעם דאָזיגען מערקווירדיגען בוך איז אַרויס אין בוענאָס־איירעס אין 1922 און הייסט „קאָלאָניע מאַאוריציא, 30-יעהריגע יק"א קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע" (381 זייטלאַך, מיט אַ בילד פונ'ם מחבר).

.4

די אידען אין בראַזיליע.

ביז די לעצטע 6-7 יאָהר האָט בראַזיליע געהאַט אַ גאַנץ קליינע אידישע באַפעלקערונג (3000 לויט דער שאַצונג פון 1910). אין 1921 האָט מען שוין געשאַצט איבער 21 טויזענט, און איצט איז זייער צאָל מסתמא ניט ווייניגער ווי 25,000.

די גרעסטע צאָל צוגעקומענע אידען, די אימיגראַנטען פון מזרח־אייראָפּע, פאַרבליבען אין די גרויסע האַפען־שטעדט, ריאָ־דע־זשאַניירא און סאַנטאָס, וואו זיי שטויסען זיך אָן אויף זעהר אומגינסטיגע מאַטעריעלע באַדינגונגען. דאָס רוב אידישע אימיגראַנטען פאַרנעהמען זיך מיט פעדלעריי, קליין־האַנדעל און ענליכע לופט־געשעפטען. אַ חוץ פאַרמעריי זיינען אין בראַזיליע ניטאָ קיינע געלעגענהייטען פאַר אַן אימיגראַנט פון מזרח־אייראָפּע צו געפינען אַ פּראָדוקטיווע באַשעפטיגונג. דערווייל זיינען נאָך כמעט אינגאַנצען ניטאָ קיין אידישע פאַרם־ישובים אין בראַזיליע, וועלכע זאָלען קענען אויפנעהמען כאָטש אַ קליינעם טייל פון די אַרבייטסלאָזע אידישע אימיגראַנטען, וואָס דרעהען זיך אַרום אין די האַפען־שטעדט, זוכענדיג די צוויי־פעלהאַפטע לופט־פּרנסות.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט די בראַזילישע פעדעראַלע רעגירונג אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן שטאַרק צו באַגרענוצען דעם פעלד פון קליין האַנדעל און באַזונדערס — פון דער פעדלעריי. דאָס קען ברענגען אַן אומגעהויערען שאָדען טויזענטער אידישע אימיגראַנטען, וואָס קענען נאָך דערווייל קיין אַנדער מקור פון חיונה, אַחוץ דעם וואַנדערענדען ריטייל־האַנדעל אויף דעם לאַנד, ניט געפינען. דורך דער השתדלות פון די אייגעזעסענע אידען, די רייכע „אשכנזים" (יאַהודים) און „ספרדים" (שפּאַניאָלען) ביי דער צענטראַלער רעגירונג, איז דערווייל געלונגען אָפּצוציהען דעם שעדליכען געזעץ. דאָך איז די גזרה ניט אויף שטענדיג פאַר־

שוואונדען. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די פרישע אימיגראַנטען קען דורך שתדלנות אַליין נאָך ניט פאַרבעסערט ווערן ראַדיקאַל און ווירקזאַם.

בראַזיליע אַלס די גרעסטע לאַנד פון זיד־אַמעריקע (באַפעלקערונג—33מיליאָן), ציהט שטאַרק צו זיך צו די פאַרצווייפעלטע אידישע עמיגראַנטען־מאַסען אין מזרח־איראָפּע. אָבער פאַקטיש זיינען דאָרט די באַדינגונגען פאַר אַן אידישער איינוואַנדערונג דערווייל גאָר ניט קיין גינסטיגע.

.5

די אידען אין אורוגוואַי, פאַראַגוואַי און טשילי.

אין אורוגוואַי, וואו מ'האָט אין 1910 געשאַצט בסך־הכל 150 אידען, געפינט מען היינט עטליכע טויזענט אידען. אין דער הויפט־שטאָדט, מאָנטאָווידעאָ, ווערט איצט געצעהלט ביז 2,000 אידישע נפשות, בעת מיט דריי יאָהר צוריק זיינען דאָרט געווען בלויז 400 אידען.

אין דער רעפובליק אורוגוואַי טרעפט מען איצט אָן אַ געמיש פון דריי סאָרטען אידען: 1) נײַ־איינגעוואַנדערטע פון מזרח־איראָפּע, 2) די אַזוי־גערופענע „טערקישע" אידען, ד. ה. שפּאַניאָליש־רעדענדע אידען, די „ספר־דים", און 3) גאָר די אַלט־איינגעזעסענע אשכנזים, — דייטשע און רוסישע אידען. דער צושטראָם פון די נײַע מזרח־איראָפּעאי־שע אידישע עלעמענטען האָט באַלד אַריינגע־טראָגען אַ פרישען לעבען אין די אידישע קבוצים פון אוראַגוואַי.

אַ קאָרעספּאָנדענט פון מאָנטאָווידעאָ שרייבט אין דער „אידישער עמיגראַציע" (ערשיינט אין בערלין) פון חודש סעפּטעמבער, 1926, ווי פאָלגט: „אין דער פּראָווינץ איז דער אַמבולאַנטען־האַנדעל (פּעדלעריי) ניט קיין שלעכטע פרנסה און אויך ניט קיין פרנסה בזויה. פאַרקערט, אין מאָנטאָווידעאָ איז שוין די פּעדלעריי, מסתם ווייל זי איז צופיל פאַרשפּרייט, אַ פרנסה בזויה, הגם ניט אַזוי שטאַרק ווי אין בוענאָס־איירעס."

אוראַגוואַי איז די לעצטע צייט געוואָרען אַ לאַנד ניט נאָר פאַר אידישע עמיגראַנטען פון מזרח־איראָפּע, נאָר אויך פאַר אַ סך אַלט־איינגעזעסענע אידישע פאַמיליעס פון אַרגענטינע און בראַזיליע. אויך אַ סך פון די אָנגעקומענע פון מזרח־איראָפּע, וואָס אוּ־ראַגוואַי איז פאַר זיי געווען נאָר אַן עטאַפּ אויפ'ן וועג קיין אַרגענטינע, האָבען זיך דאָ באַזעצט אויף שטענדיג, זיך אָפּגעבענדיג מיט קליין־האַנדעל אָדער מיט נוצליכערע אַרבײַ־טען, ניט פאַרזעהענדיג אפילו די האָרעוואַ־ניע פון די „שוואַרצעסטע" טאָג־אַרבייטער...

אין גאַנץ פּאַראַגוואַי, דאָס שכנ'ישע לאַנד פון אַרגענטינע און אוראַגוואַי, האָט מען אין 1924 געשאַצט אַרום 400 אידען. אין די לעצטע צוויי יאָהר האָט זיך אויך דאָרט די אידישע באַפעלקערונג גאַנץ באַדייטענד פאַר־גרעסערט. צוליב די אָפטע פּאָליטישע אי־בערקערענישען און מלחמות מיט די שכנ'י־שע לענדער, איז פּאַראַגוואַי פאַרבליבען זעהר ריקשטענדיג מאַטעריעל און גײַסטיג. פאַר פאַרמעריי קען דאָרט יאָ זיין אַ גאַנץ גוטע אויססיכט, אָבער דאָס קען די אידישע אימי־גראַנטען ניט צוציהען.

אין טשילי זיינען אין 1924 געשאַצט געוואָרען 2,000 אידען. דאָס זיינען געווען די אידישע איינוואוינער פון 4 גרויסע שטעדט: סאַנטיאַגאָ, וואלפּאַראַיזאָ, קאָנצעפּ־ציאָן און טעמיוקאַ. דער גרעסטער טייל פון זיי באַשטעהט פון פּערזאָנען, וואָס האָבען איינגעוואַנדערט פון אַרגענטינא, דעם שכן פון טשילי. די אידען, וואָס קענען זיך ניט איינאָרדנען אין טשילי, געהען באַלד צוריק אַוועק קיין אַרגענטינע. פון די איבעריגע זיד־אַמעריקאַנישע לענדער: באָליוויע, פּערו, ווענעצועלא, קאָלאָמביא און עקוואַדאָר ווערט דערווייל ניט באַריכטעט וועגען אידישע איינ־וואוינער.

ה. פּ

די אידישע איינוואַנדערונג קיין ארגענטינע (1904—1925)

יאָהר	די גאַנצע איינוואַנדערונג	די אידישע איינוואַנדערונג	% פון דער אידישער איינוואַנדערונג
1904	161,078	4,000	2,5
1905	221,622	7,516	3,4
1906	302,249	13,500	4,5
1907	157,924	2,518	1,0
1908	303,112	5,444	1,8
1909	278,148	8,557	3,1
1910	345,275	6,581	1,9
1911	281,622	6,378	2,3
1912	379,117	13,416	3,5
1913	364,878	10,860	3,0
1914	182,676	3,693	2,0
1915	83,019	606	0,7
1916	15,381	..	..
1917	51,665	..	..
1918	50,662	..	..
1919	69,879	280	0,4
1920	115,302	2,071	1,8
1921	122,367	4,095	3,3
1922	161,009	7,198	4,5
1923	232,501	13,701	5,9
1924	159,939	7,799	4,9
1925	..	6,920	..
1904—1925	4,199,425*	125,133	2,8*

*) אָהן דעם יאָהר 1925.

די אידישע איינוואַנדערונג קיין פאַלעסטינע.

יאָהר	צאָהל איינוואַנדערער	צאָהל אויסוואַנדערער	% אויסוואַנדערער
1919	2,000	..	..
1919	10,000	..	..
1922	7,844	1,503	19,2
1923	7,421	3,466	46,7
1924	12,856	2,937	15,8
1925	33,801	2,151	6,4
1919—1925	82,922	9,157*	14,8*

*) פאַר 1922—25.

די אידישע איינוואַנדערונג קיין קענעדע.

יאָהר	די גאַנצע איינוואַנדערונג	די אידישע איינוואַנדערונג		די רוסישע איינוואַנדערונג		די פוילישע איינוואַנדערונג	
		צאָהל	%	צאָהל	%	צאָהל	%
1901	49,149	2,765	5,6	1,044	2,1	..	..
1902	67,379	1,015	1,5	2,467	3,7	..	..
1903	128,364	2,066	1,6	5,505	4,3	274	0,2
1904	130,331	3,727	2,9	1,955	1,5	669	0,5
1905	146,266	7,715	5,3	2,759	1,9	1,887	1,3
1906	189,064	7,127	3,8	1,796	1,0	3,152	1,7
1907	124,667	6,584	5,3	1,903	1,5	1,927	1,5
1908	262,469	7,712	2,9	2,363	0,9	6,281	2,4
1909	146,908	1,636	1,1	1,257	0,9	3,547	2,4
1910	208,749	3,182	1,5	1,516	0,7	4,564	2,2
1911	311,084	5,146	1,7	2,530	0,8	6,621	2,1
1912	354,237	5,322	1,5	4,645	1,3	9,805	2,8
1913	402,432	7,387	1,8	4,938	1,2	18,623	4,6
1914	384,878	11,252	2,9	24,485	6,4	9,793	2,5
1915	144,789	3,106	2,1	5,201	3,6	1,969	1,3
1916	48,537	65	0,1	40	0,1	8	0,0
1917	75,374	136	0,2	25	0,0	12	0,0
1918	79,074	32	0,0	42	0,1	..	..
1919	57,702	22	0,0	42	0,0	4	0.0
1920	117,336	116	0,1	51	0,0	76	0,1
1921	148,477	2,763	1,9	1,077	0,7	4,061	2,7
1922	89,999	8,404	9,3	321	0,4	2,707	3,0
1923	72,887	2,793	3,8	222	0,3	2,921	4.0
1924	148,563	4,255	2,9	3,058	2,1	4,211	2,8
1925	111,362	4,500	4,0	..	..	..	..
1901—25	4,000,122	98,828	2,5	69,242	1,8*	83,112	2,1*

*) אָהן 1925־טען יאָהר.

די בויער פון דער אידישער ליטעראַטור

ישראל אַקסענפעלד (1855—1803)

געבאָרען געוואָרען אין נעמיראָוו, פּאַדאָליער געגענט אין א מיוחסדיגער פאַמיליע. די יוגענד פארבראכט אין א חסידישער סביבה, געווען אַ מקורב ביי ר׳ נחמן בראַסלאווער. אַ דאַנק זיינע ידיעות אין רוסיש, פּויליש, דייטש און זיין עהרליכקייט האָט ער באַקומען אַ נאָמען און אין דער צייט פון דער רוסיש־פראַנצויזישער מלחמה האָט ער צוגעשטעלט פּראָוויאַנט פאַר דער רוסישער אַרמיי און דורכגעמאַכט דעם וויטען וועג קיין פּוילען און דייטשלאַנד. אין יאָהר 1824 האָט זיך אָקסענפעלד באַזעצט אין אָדעס, אויסגעהאַלטען עקזאַמען אויף נאָטאַריום און אַדוואָקאַט. אין אָדעס איז אָקסענפעלד׳ס הויז געוואָרען דער צענטער פון משכילים און לומדים. דאָרט האָט ער געשאַפען צעהנדליגער ראָמאַנען, ערצעהלונגען און פּיעסען — אַלע אין אידיש. צום באַדויערען איז דער גרעסטער טייל פון זיינע מאַנוסקריפּטען פאַרלאָרען געגאַנגען. און בלויז איניגע זאַכען זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען, צווישען זיי „דער ערשטער אידישער רעקרוט“, „דאָס שטערענטיכעל“, „מאַן און ווייב, שוועסטער און ברידער“ (אַ טעאַטער שטיק), און אַנדערע. אָקסענפעלד איז איינער פון די וויכטיגסטע אידישע שרייבער פון דער השכלה־עפּאָכע, די קולטור היסטאָרישע און שפּראַכליכע ווערט פון זיינע ווערק איז זעהר גרויס.

שלמה עטינגער (1855—1803)

געבאָרען געוואָרען אין זאַמאָשץ, לובלינער געגענט, ביי אַ אינטעליגענטער אידישער פאַמיליע. פאַרענדיגט מעדיצין אין לעמבערגער אוניווערזיטעט, און שפּעטער געוואוינט אין אָדעס. ער איז איינער פון די ערשטע שריפטשטעלער פון דער השכלה־עפּאָכע, וואָס האָט געשריבען אידיש. זיינע פאַבעלן און לידער זיינען פאַרשפּרייט געווען אין מאַנוסקריפּט צווישען די לעזער. זעהר פּאָפּולער איז געווען זיין פינפאַקטיגע פּיעסע „סערקעלע“, וואו עס ווערט געשילדערט דער אַלטער אידישער לעבענסשטייגער, און טיפּען פון דער השכלה באַוועגונג. צום ערשטען מאָל פאַרעפענטליכט אין יאָהאַניסבורג, 1861 יאָהר, נאָכדעם אין וואַרשע, אין 1874 יאָהר. א סך משלים און לידער זיינען געדרוקט געוואָרען אין „קול מבשר“, „וואַרשעווער צייטונג“ און „אידישען פאָלקסבלאַט“. אין 1889 יאָהר זיינען ארויס פון דרוק אין איין באַנד זיינע „משלים לידעלאַך, קליינע מעשה׳לאַך“ אין 1925 איז ערשינען א פולשטענדיגע זאַמלונג פון זיינע כתבים אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַן איינלייטונג פון דר. מ. וויינרייך, אין צוויי בענד.

אברהם־בער גאָטלאָבער (1899—1811)

געבאָרען געוואָרען אין אַלט־קאָנסטאַנטין, געלערענט אין חדר, שפּעטער ביי מלמדים און לערער אין דער היים, תלמוד און אַפילו דיקדוק. פריה חתונה געהאַט, אַנטלאָפען צוליב דער גזירה פון מיליטער־דינסט קיין גאַליציע, צוריקגעקערט זיך, וואַנדערט ארום איבער אוקראַינע און באַקענט זיך אין קרעמעניץ מיט י. ב. לעווינזאָן. אין 1851 יאָהר אויסגעהאַלטען עקזאַמען אויף לערער און אין 1865 זיך באַזעצט אין זשיטאָמיר אַלס לערער אין דער ראַבינער־שול. דאָס איז געווען די גליקליכסטע צייט אין זיין לעבען. אין דעם שטורם און דראַנג עפּאָכע פון דער השכלה־באַוועגונג האָט גאָטלאָבער געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אַלס לערער, שריפטשטעלער און פאָרקעמפער פון דער באַוועגונג. ווי דער גרעסטער טייל משכילים פון יענער צייט האָט גאָטלאָבער נאַאיוו געגלויבט אין דער רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף איהר. אין דעם העברעאישען זשורנאַל „הבוקר אור“ איז גאָטלאָבער ארויסגעטראָטען געגען די פאַרלוימדער פון מענדעלסאָנישער השכלה. נאָך די פּאָגראָמען אין די 80טע יאָהרען, האָט גאָטלאָבער זיך אָפּגעטרייסעלט פון זיינע פריהערדיגע אידעאַלען, געוואָרען אַ חובב־ציוניק. ניט קוקענ־

דיג אויף דער פראַכטליכער באַציאונג פון גאָטלאָבער, דעם משכיל, צו אידיש, האָט ער דאָך געהאַט די פאזיטיווע שטעלונג צו אידיש פון אַ פאָלקס־מענש. דער גרעסטער טייל פון זיינע אידישע לידער און זיין ווערק „די פארקעהרטע וועלט“ זיינען פארלאָרען געגאַנגען. אָפּגעדרוקט איז זיין דריי־אַקטיגע קאָמעדיע „דער דעקטוך אָדער צוויי חופות אין איין נאַכט“, די פּאָעמע „איש חסיד“ און עטליכע אידישע לידער. איניגע פון זיינע לידער זיינען אפילו געזונגען געוואָרען פון פאָלק. אַ גרעסערען ליטעראַרישען ווערט האָט זיין סאַטירישע קאָמעדיע: „דער סעים אָדער די גרויסע אסיפה אין וואַלד“ און זיין הומאָריסטישע ערצעהלונג „דער גלגול“, אין וועלכער עס ווערט באַטאָנט דער סאָציאַלער מאָמענט.

מיכל גאָרדאָן

(1890—1823)

געבאָרען אין ווילנע. זיין פאָטער, אהרן דוד, איז געווען דער מחבר פון ספר „אפיק נחלים“. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע אידישע ערציהונג אין חדרים און בתי־מדרשים, געלערנט פאר זיך תנ״ך, דקדוק, דייטש, געשריבען העברעאישע שירים. נאָכ'ן טויט פון זיין ערשטער פרוי באַזעצט זיך אין ניי־זאַגער, אין דעם נעסט פון השכלה, פארנומען אַן אָנגעזעהנעם אָרט צווישען די אָרטיגע משכילים. נישט קוקענדיג אויף זיין געדריקטער מאַטעריעלער לאַגע, אָפּגעזאָגט זיך פון אַלע גוט באַצאָהלטע שטעלעס, און פארבליבען אַ לעהרער אין אָרימקייט און נויט זיין גאַנץ לעבען. אָנגעהויבען שרייבען אין די העברעאישע צייטונגען „המגיד“, „השחר“ „הכרמל“ און אַנדערע. באַריהמט געוואָרען איז מיכל גאָרדאָן צוליב זיינע אידישע לידער. אמת, די ערשטע צייט האָט ער זיך אַ ביסעל געשעהמט מיט זיין אידישער שאַפונג, ניט געחתמעט זיין נאָמען, אָבער שפּעטער שרייבט ער שוין אונטער זיין פולען נאָמען. זיינע לידער „שטעה אויף מיין פאָלק“, „דער איד אין גלות“ דריקען אויס די האָפנונגען און דעם גלויבען פון די משכילים אין פראָגרעס און ציוויליזאציע. ער האָט אויך געשריבען אַ ריי לידער מיט אַנטי־חסידישע טענדענצען. איניגע פון זיינע לידער זיינען זעהר פאָלקסטימליך, זיין ליד „די משקה“, באַאַרבייט פון מ. וואַרשאַווסקי, ווערט געזונגען נאָך איצט. זייענדיג אַן איבערגעגעבענער פאָלקס־פריינד האָט מיכל גאָרדאָן געשטרעבט אויפקלערען די אידישע פאָלקס־מאַסען. ער האָט אויך געהאַט בדעה ארויסצוגעבען אין אידיש אַ גאַנצע ריי פּאָפּולער וויסענשאַפטליכע ביכער. אָבער די שווערע מאַטעריעלע לאַגע זיינע האָט איהם ניט ערלויבט דורכצופיהרען דעם פּלאַן. ער האָט בלויז באַוויזען אַרויסצוגעבען די געשיכטע פון רוסלאַנד אין אידיש.

אייזיק־מאיר דיק

(1893—1807)

געבאָרען געוואָרען אין 1807 יאָהר, אין ווילנע. דערצויגען געוואָרען, ווי געוועהנליך אַמאָליגע יאָהרען, אויף גמרא, גוט געקענט די תלמודישע ליטעראטור און קבלה־ספרים, האָט זיך שטילערהייט אויסגעלערנט דייטש, רוסיש און פויליש. איז געווען דער איינציגער משכיל אין דעם קליינעם שטעטעל נעסוויזש וואו ער איז געזעסען אויף קעסט ביי זיינע פארמעגליכע שוויגער־עלטערען. שפּעטער איז דיק אַריבערגעפאָהרען מיט זיין פאמיליע קיין ווילנע און צוזאמען מיט אַנדערע משכילים געגרינדעט אַ געהיימען קרייז פון השכלה־פריינד און גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אין דער השכלה־באַוועגונג. מ'האָט איהם פאר'מסר'ט פאַר דער מאַכט און ער איז ארייגעזעצט געוואָרען אין טורמע. דורך די שתדלנות פון זיינע פריינד איז ער באַפרייט געוואָרען. מאַטעריעל האָט ער זיך שטאַרק געפּלאגט, געלעבט פון דעם, וואָס ער פלעגט פארקויפען זיינע מעשה־ביכלאך די וואַרשעווער און ווילנער דרוקער. דיק האָט צום ערשטען געשריבען העברעאיש, געקוקט אויף אידיש ווי אויף אַ פארדאָרבענעם זשאַרגאָן. שפּעטער איז ער אַריבער צו אידיש, און זיין גאנצע שריפטשטעלערישע 40 יאָהריגע ארבייט האָט ער אָפּגעגעבען דער אידישער ליטעראטור. דער אָנהויב פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט איז געווען אין די 50סטע יאָהרען פון פארגאַנגענעם יאָהרהונדערט. אין דער אידישער ליטעראטור פון דער השכלה־עפּאָכע פארנעהמט דיק דעם אָנגעזעהנסטען אָרט, זיינע ווערק זיינען די ערשטע וועלטליכע ביכער אויף אידיש, וואָס זיינען פארשפּרייט געוואָרען צווישען פאָלק אין אַן אויסערגעוועהנליך גרויסער צאָהל עקזעמפּליאַרען. אַלע זיינע

מעשה־ביכלאך האָבען אַ מוסר־השכל. ער האָט געשטרעבט צו בילדען דעם פּראָסטען פאָלק, דעם המון, אויסצובעסערען זיינע זיטען, אַוועקרייסען פון אבערגלויבען. ווי מינדערווערטיג עס זאָלען ניט זיין זיינע מעשה־ביכלאַך אין קינסטלערישען זין, זיינען זיי אָבער געווען אָן אָנפאַנג, דער ערשטער גרונדשטיין אין דער נייער וועלטליכער אידישער ליטעראטור. פון קולטור־היסטאָרישען שטאַנדפונקט האָבען זיינע ווערק נאָך איצט אַ גרויסע באדייטונג, ווייל אין אַ סך פון זיינע ערצעהלונגען האָבען מיר לעבעדיגע טיפּען פון דעם פאַרצייטיגען אידישען לעבענס שטייגער. זיי זיינען אויך אַ לעבעדיגער קוואַל פון פאָלקס־ווערטלאַך, שפּריך־ווערטער, וויצען, פאָלקס־מעשיות און רעטענישען. דיק איז געווען זעהר פּאָפּולער ביים פאָלקס־לעזער, זיינע מעשה ביכלאך, נאָוועלען, ביז 400, זיינען זיך צוגאנגען אין די צענדליגער טויזענטער אין אַלע שטעט און שטעטלאַך פון דעם אידישען תחום המושב. געשטאָרבען איז אייזיק־מאיר דיק אין ווילנע אין 1893 יאָהר, אָרים, קראנק און איז באגראָבען אויפ'ן נייעם אידישען בית־עולם אין ווילנע.

י. לינעצקי
(1915—1839)

י. י. לינעצקי איז געבאָרען געוואָרען אין וויניצע, אַ שטעטעל אין פּאָדאָליע. זיין פאָטער, דער רב, איז געווען אַ הייסער חסיד. שוין אין די קינדער יאָהרען איז לינעצקי באַריהמט געוואָרען פאר אן עלוי. צו 10 יאָהר באַקומען סמיכה אויף רבנות. צו דער זעלבער צייט האָט ער זיך באַקאַנט מיט די שטעטעלדיקע משכילים און בשתיקה גענומען לערנען די העברייאישע השכלה־ליטעראטור, וועלכע האָט איהם ארויפגעבראכט אויף אַפּיקורסישע רעיונות. דער טאַטע זיינער האָט עס באַמערקט און האָט איהם צו 14 יאָהר חתונה געמאַכט. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפען. ער האָט אראָפּגעוואָרפען די מאַסקע פון פרומקייט און איז אָפּען צוגעשטאַנען צו די משכילים. אויף דער פאָדערונג פון זיין טאַטען איז צווישען דעם יונגען פּאָר פאָלק פאָרגעקומען אַ גט. מ'האָט איהם שפּעטער חתונה געמאַכט מיט אַ שטומער מיידעל. די רדיפות פון די חסידים האָבען זיך פארשטאַרקט, אַזוי האָט עס געדויערט ביז איהם איז געלונגען צו אַנטלויפען קיין אָדעס, וואו ער האָט געגעבען העברעאישע לעקציעס און געלערנט רוסיש און דייטש. פון אָדעס איז ער אַוועק קיין ברעסלוי, און איז אריינגעטראָטען אין ראַבינער שול. די שונאים האָבען איהם דאָרטען אויך פאַרפאָלגט, מען האָט איהם אַרעסטירט. ער האָט זיך ווידער צוריקגעקערט אין זיין שטעטעל, האָט אָפּגע'גט זיין ווייב און איז שפּעטער אַוועק קיין זשיטאָמיר, אין דעם צענטער פון דער השכלה־באַוועגונג.

אין יענער צייט האָט ער אָנגעשריבען זיינע סאַטירישע לידער „דער בייזער מאַרשאַלעק“. שפּעטער האָט ער געשריבען אין „קול מבשר“ און „המליץ“ און אין 1868 יאָהר האָט פארעפענטליכט זיין בעסטע ווערק, אַ ראָמאַן אין צוויי טיילען: „דער פּוילישער אינגעל“. ער האָט נאָך דעם געשריבען אַ סך אַנדערע ווערק, אָבער אַלע איבעריגע ווערק זיינע קומען ניט צום „פּוילישען אינגעל“. זייער ליטעראַרישער ווערט איז אַ קליינער.

לינעצקי האָט צוזאַמען מיט גאָלדפאַדען ארויסגעגעבען אין לעמבערג אַ צייט־שריפט „ישראַליק“, שפּעטער אין רומעניע אַ צייטונג „נאַציאָנאַל“.

אין די אַכציגער יאָהרען איז ער געווען אַ הייסער חובב ציון. געשטאָרבען איז לינעצקי אין אָדעס, אין 1915 יאָהר.

אברהם גאָלדפאַדען
(1908 — 1840)

געבאָרען געוואָרען אין קאָנסטאַנטין, וואָהלין אין 1840, פאָלקסדיכטער און דער פאָטער פון אידישען טעאַטער. ער האָט אליין געשריבען זיינע אָפּערעטעס, אליין פארפאַסט די מוזיק צו זיי, אַליין זיי אויפגעפיהרט, רעזשיסירט און געשפּילט. אין די איבער פופציג יאָהר אידישען טעאַטער איז נאָך געווען אַ גרעסערער נאָמען, ווי אברהם גאָלדפאַדען. גאָלדפאַדען'ס אָפּערעטעס ווערען נאָך איצט אויך אַמאָל געשפּילט, אַמאָל אָבער זיינען זיי געווען באַליבט ביים אידישען עולם און באַקאַנט אין יעדען אידישען הויז. געשטאָרבען אין ניו יאָרק, אין יאָהר 1908.

שלום־יעקב אבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר־ספרים)

(1917—1836)

געבאָרען געוואָרען דעם 2טען יאנואר, 1836 יאָהר אין דעם שטעטעל קאַפּוליע, מינסקער גובערניע, זיין פאָטער, חיים משה ברוידע (די פאַמיליע אַבראַמאָוויטש האָט מענדעלע מוכר־ספרים אָנגענומען שפּעטער) אַן אנגעזעהענער באַלעבאָס, האָט געגעבען דעם זוהן זיינעם אַ טראַדיציאָנעלע אידישע ערציהונג. צו 14 יאָהר האָט אַבראַמאָוויטש שוין געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין תלמוד און אין דער רבנישער ליטעראַטור. באזונדערס האָט ער ליב געהאט דעם תנ"ך, וועלכען ער האָט צו 9 יאָהר געקענט אויף אויסווייניק. צו זיין 14טען לעבענסיאָהר איז איהם אָפּגעשטאָרבען דער פאָטער, און די קרובים זיינע האָבען איהם אַוועקגעשיקט לערנען אין ישיבה, פריהער אין סלוצק, נאָכדעם אין ווילנע. שפּעטער האָט אַבראַמאָוויטש זיך באַזעצט אין אַ דאָרף, וואו ער האָט געקנעלט מיט זיין שטיף־פאָטערס אינגלאַך. צו דער צייט געהערען זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרואווען — לויב־געזאנגען דער נאַטור אין העברעאישער מליצה, אַן אַלעגאָרישע דראמע אין גראמען און אַנדערע. אין קאַפּוליע האָט זיך אַבראַמאָוויטש באַקאַנט מיט אברהמעל דעם הינקענדיגען, אַ שנאָרער, וואָס האָט ארומגעוואַנדערט איבער דרום רוסלאַנד, און האָט זיך געלאָזען מיט איהם אין דער ווייטער וועלט אַריין. דורך ליטע, וואָלין, פּאָדאָליע, אוקראינע האָט זיך אַבראַמאָוויטש ארומגעשלעפּט מיט'ן קרומען שנאָרער. אזוי איז דער שנאָרער וועגעלע מיט דער דאַרער שקאַפּע געוועזן דער איבערגאנג צו מענדעלע מוכר־ספרים'ס בידל מיט דער קליאַטשע; אין קאַמעניעץ איז אַבראַמאָוויטשען געלונגען פּטור צו ווערען פון דעם שנאָרער. דאָ האָט ער זיך באַקאַנט מיט אברהם־בער גאָטלאָבער, געלערנט זיך רוסיש, דויטש און שפּעטער אויסגעהאַלטען עקזאַמען אויף לערער. אין בערדיטשעוו האָט אַבראַמאָוויטש פאַרעפענטליכט זיינע קריטישע און פּובליציסטישע ארטיקלען: „משפט שלום", „עין משפט", דעם ראָמאַן „האבות והבנים". אָבער דער אינערליכער דראַנג און דער חשק נוצען צו ברענגען דעם פאָלק האָט איהם געטריבען אָנצופאַנגען שרייבען אידיש אונטער דעם נאָמען מענדעלע מוכר ספרים. צוערשט „דאָס קליינע מענשעלע", שפּעטער, „דאָס ווינטשפינגערל" (דאָס וויכטיגסטע ווערק מענדעלע'ס) „פישקע דער קרומער", „מסעות בנימין השלישי", „שלמה ר' חיימס", „די קליאַטשע" און אַ סך אַנדערע.

דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען פאַרברענגט מענדעלע אין אָדעס, וואו ער פאַרנעמט די שטעלע פונ'ם פארוואלטער פון אָדעסער תלמוד תורה. כאָטש די שווערע ארבייט אין תלמוד תורה נעמט ביי איהם אַוועק פיל צייט און מיה, דאָך הערט מענדעלע מוכר־ספרים ניט אויף צו שאַפען. ער דערהויבט אידיש צו דער מדרגה פון אן אייראָפּייאישע שפּראַך, און פארדינט באמת דעם נאָמען דער „זיידע פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור".

ער איז געשטאָרבען דעם 8טען דעצעמבער 1917 אין אָדעס. זיין טויט האָט אַרויסגערופען אַ טיפען טרויער אין דער גאַנצער אידישער וועלט.

שלום עליכם

(1916—1859)

דער פּסעוודאָנים פון דעם בארימטען אידישען הומאָריסט, דעם גרויסען אידישען שריפטשטעלער, שלום ראבינאָוויץ. געבאָרען אין אַ קליין שטעטעל, נעעבען פּערעיאסלאוו, פּאָלטאַווער געגענט. זיין פאָטער איז געווען אַ טאַלנער חסיד און אַ משכיל. אין דער יוגענט געלערענט אין חדר, שפּעטער אין אַ רוסישער שול. יונגערהייט האָט זיך שלום עליכם באַקענט מיט דער העברעאישער ליטעראַטור, גענומען זיך דרוקען אין די העברעאישע צייטשריפטען „המליץ" און „הצפירה". שפּעטער איז שלום עליכם געווען אַ געוויסע צייט ראַבינער אין לובני. זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבייט האָט שלום עליכם פאַרעפענטליכט אין „אידישען פאָלקסבלאט" און אין די ביילאַגעם צום „פאָלקסבלאט". אין 1888 יאָהר האָט שלום עליכם געגרינדעט די „אידישע פאָלקס ביבליאָטעק", צוגעצויגען די בעסטע אידישע שרייבער. צווישען אנדערע שלום עליכם'ס ווערק זיינען דאָרטען פארעפענטליכט געוואָרען: „סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי", מוסטערען פון אידישע ראָמאַנען. אין 1890 יאָהר האָט שלום עליכם צוליב זיין געדריקטער מאַטעריעלער לאַגע, פארלאָזען קיעוו און אַוועק קיין אָדעס, געווען אַ מעקלער, אַ פאַר־

זיבערונגס אגענט. אין 1892 יאהר האט שלום עליכם באנייט זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט אין דעם „קול מבשר צו דער אידישער פאלקס ביבליאטעק", וואו צווישען אנדערע ווערק זיינען פארעפענטליכט געווארען זיינע באַרימטע „בריוו פון מנחם-מענדעל מ'יעהופעץ". אין 1893 יאהר האט שלום עליכם פארעפענטליכט אין ספעקטאר'ס „הויז פריינד" דעם אנהויב פון זיין סעריע: „טביה דער מילכיגער" און אנדערע. דער טאלאנט פונ'ם גרויסען אידישען הומאריסט אנטוויקעלט זיך אלץ שטארקער. ער באטייליגט זיך אין „יוד", „פריינד", „טאג". אין 1905 איז שלום עליכם אוועק קיין שווייץ, וואו ער האט פארטגעזעצט זיין ליטעראַרישע ארבייט, פארעפענטליכט אין „פריינד" קאפיטלען פון „מאטעל פייסי דעם חזנס", איינס פון די שעהנסטע זיינע ווערק. נאך זיין צוריקקעהר פון אמעריקע האט שלום עליכם באזוכט די וויכטיגסטע אידישע צענטרען אין מערב־אייראפא, פוילען און רוסלאנד. שפעטער פארט אריבער שלום עליכם אין דער שווייץ, און מיט'ן אויסברוך פון דער מלחמה באזעצט ער זיך אין ניו יארק, וואו ער פארעפענטליכט אין 3 בענדער דעם „יאריד"—זיין אויטאביאגראפיע — א פערל אין דער אידישער ליטעראטור. די שווערע איבערלעבענישען פון דעם וועלט-קריג, די פאמיליע אומגליקען האבען אונטערגעגראבען דעם אזוי אויך שוואכען געזונד פון דעם גרויסען אידישען שריפטשטעלער און ער איז געשטארבען אין 1916 יאהר. דער גרויסער אידישער הומאריסט און שריפטשטעלער האט איבערגעלאזען א רייכע ירושה פאר'ן פאלק, אן אוצר פאלקס-קולטור, וואס וועט קלעקען אויף לאנגע דורות.

שלום עליכם'ס פיעסען און דראמען, ווי „דער גט", „צוזייט און צושפרייט", „א דאקטאר", „שווער צו זיין א איד" און אנדערע זיינען די שענסטע זאכען פון אריגינעלען אידישען רעפערטואר.

מרדכי ספעקטאר
(1858 — 1925)

געבארען געווארען אין אומאן, קיעווער געגענט אין א חשוב'ער חסידישער פאמיליע. דער יונגער מרדכי האט באקומען א שטרענגע ארטאדאקסישע ערציהונג, מ'האט גוט אכטונג געגעבען, אז דער זוהן זאל זיך, חלילה, ניט אנשטעקען מיט אפיקורסישע געדאנקען. און דאך האט זיך ספעקטאר נאך יונגערהייט באקענט מיט דער נייער אידישער ליטעראטור, און האט שטילערהייט גענומען שרייבען ערצעהלונגען. אין יאהר 1885 האט ספעקטאר פארעפענטליכט זיין ערשטע ערצעהלונג אין „אידישען פאלקס־בלאט" „א ראמאן אהן א נאמען", שפעטער איז ערשינען זיין ערשטער ראמאן „דער אידישער מוזשיק", וועלכער האט געצויגען די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט אויף זיך. פון דעמאלט אן איז ספעקטאר געווארען א שטענדיגער מיטארבייטער פון „אידישען פאלקס בלאט", וואו ער האט פארעפענטליכט זיינע: „עניים ואביונים", „א שטומער גוטער איד", „א וועלט מיט וועלטעלאך" און א סך אנדערע, וועלכע האבען איהם באריהמט געמאכט. אין יאהר 1888 באזעצט זיך ספעקטאר אין ווארשא, וואו ער האט ארויסגעגעבען דעם „הויז פריינד", וועלכער האט געשפילט א גרויסע ראליע אין דער אנטוויקלונג פון דער מאדערנער אידישער ליטעראטור. אין „הויז-פריינד" האט ספעקטאר פארעפענטליכט זיין ערצעהלונג „אידישע טעכטער" דעם היסטארישען ראמאן „דער בעל שם" און איינע פון זיינע בעסטע ערצעהלונגען „דער פעטער". צוזאמען מיט איגנאץ בערנשטיין האט ער פארעפענטליכט א באנד „אידישע גלייכווערטלאך". א לענגערע צייט האט ספעקטאר מיטגעארבייט אין זשורנאל „דער יוד", וואו ער האט געפיהרט די פראווינציעלע אפטיילונג „שטעדט און שטעדטלאך". שפעטער האט ספעקטאר מיטגעארבייט אין „פריינד", רעדאקטירט די טעגליכע צייטונג „די צייט" אין ווילנע, „אונזער לעבען", „די נייע וועלט". די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען האט ספעקטאר פארבראכט אין ניו-יארק, מיטגעארבייט אין „טאגעבלאט". נאך א לענגערער קראנקהייט איז ספעקטאר געשטארבען אין יאהר 1925.

יעקב דינעזאן
(1856—1919)

געבארען געווארען אין ניי-זאגער, קאוונער געגענט. זיין פאטער, בנימין, א איד א למדן, האט געגעבען זיין זוהן א טראדיציאנעלע אידישע ערציהונג. פון קינדווייז אן האט דינעזאן ארויסגעוויזען א נייגונג צום שרייבען. צו 12 יאהר איז געשטארבען זיין פאטער און יעקב איז אריבערגעפאהרען קיין מאהילעוו־אויפ'ן דניעפר צו זיינס א פעטער. דארטען האט דינענזאן געלערענט אין ישיבה ביז 16

יאָהר צו יענער צייט האָט דינעזאָן זיך באַקענט מיט דער העברייאישער השכלה־ליטעראַטור, געלערנט רוסיש און דייטש. אין ווילנע האָט זיך דינעזאָן באַקאַנט מיט די ווילנער משכילים און האָט פארעפענטליכט אַרטיקלען אין „המגיד“, „החלוץ“. שוין דעמאָלט איז ער געווען אַן אָנהענגער פון אידיש אַלס אַ מיטעל אויפצוקלערען דאָס פאָלק, האָט באַאַרבייט נאַטורוויסענשאַפטליכע לעקציעס ווי „דונער און בליץ“, „רעגען און שניי“ און אַנדערע, האָט אָנגעשריבען אין אידיש אַ ראָמאַן — דעם „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק“, וועלכער האָט געהאַט אַן אומגעהייער גרויסען ערפאָלג צווישען די ברייטסטע קרייזען פון די פאָלקס־לעזער. אין סוף פון די 80טע יאָהרען, ווען דינעזאָן האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע, האָט ער גענומען עפּטער אַרויסטרעטען אין דער ליטעראַטור. ער שרייבט דערצעהלונגען און בילדער פון אידישען פאָלקס־לעבען. אַן אומגעהייער גרויסען איינפלוס אויף דינעזאָנ'ען האָט געהאַט זיין באַקאַנטשאַפט מיט י. ל. פּרץ. די דאָזיגע באַקאַנטשאַפט איז אַריבער אין אַ אינטימער פריינדשאַפט, וואָס האָט זיי פאַרבונדען אויפ'ן גאַנצען לעבען. צו יענער צייט פארעפענטליכט דינעזאָן זיין דריטען גרויסען ראָמאַן „הערשעלע“, די קינדער ערצעהלונג „יאָסעלע“. נאָך פּרצ'עס טויט האָט זיך דינעזאָן אָפּגעגעבען איינגאַנצען מיט דער אַרבייט פאַר די אידישע וועלטליכע שולען און קינדער־היימען. געשטאָרבען אין וואַרשאַ אין יאָהר 1919.

יצחק־לייבוש פּרץ

(1915—1851)

יצחק לייבוש פּרץ איז געבאָרען געוואָרען אין זאַמאָשץ, לובלינער געגענט ביי אַן אָנגעזעהענער באַלעבאַטישער פאַמיליע. די קינדערשע יאָהרען פארבראַכט ביי זיין זיידען, געלערנט אין חדר און צו זעקס יאָהר שוין אָנגעהויבען לערנען גמרא און גע'שומ'ט אין שטאָדט פאר אַן עילוי. פּרץ איז געווען אַ לעבעדיגער, אַ ריהרעוודיגער אינגעל. דער ענגער חדר מיט'ן שטרענגען רבין האָבען געשטיקט, איהם האָט געצויגען צום וואַלד, צום טייך, צו דער לאָנקע. ער זיצט ביים טיש אַ פאר'חלומ'טער, אַ פאַרטיפטער אין זיך... דורך אַ צופאַל האָט פּרץ בשעת ער איז אַלט געווען 13 יאָהר באַקומען אָ צוטריט צו אַ פּריוואַטער ביבליאָטעק מיט אַ סך פּוילישע, רוסישע און דייטשע ביכער. ער הויבט זיך אָן לערנען שפּראַכען, לייענען. מיט ליטעראַרישער אַרבייט האָט זיך פּרץ פאַרנומען בשעת ער איז שוין אַלט געווען 20 יאָהר. אָנגעשריבען עטליכע שירים אין העברייאיש. אין זיינע שפּעטערדיגע העברייאישע „לידער פון דער צייט“ טרעט פּרץ אַרויס אַלס הייסער אָנהענגער פון אידיש, די שפּראַך, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט די ליידען, דעם וויי־געשריי פון דורות מאַרטירער, וואָס האָט פאַרקערפּערט די פאָלקס־נשמה. מיט אַ סך יאָהר שפּעטער פאַרעפענטליכט פּרץ זיין פּאָעמע „מאָניש“, וועלכע האָט איהם באַריהמט געמאַכט. אין 1890 יאָהר פאָהרט פּרץ אַריבער קיין וואַרשע, וואו ער האָט באַקומען אַ שטעלע אין דער וואַרשעווער אידישער קהילה (גמינע). דאָ האָט זיך זיין טאַלאַנט גענומען אַנטוויקלען. ער גיט אַרויס מיט זיין אינטימען פריינד, יעקב דינעזאָן, „די אידישע ביבליאָטעק“ מיט'ן צוועק צו אויפקלערען דאָס פאָלק, צו פאַרשפּרייטען ליכט צווישען די דערשלאָגענע אידישע פאָלקס־מאַסען, ער ציהט צו אַ גאַנצע רוי יונגע אידישע שרייבער. שפּעטער גיט פּרץ אַרויס די „יום טוב בלעטלאַך“, וואו ער פאַרעפענטליכט ערצעהלונגען, לידער, סקיצען, מאָהלט מיט זיין קינסטלערישען פּעדער דעם שרעקליכען דלות, די נויט פון דער אידישער פאָלקס־מאַסע, געשטאַלטען פון אידישע קינדער, די גוטע, הארציגע אידישע פרוי, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שווערען יאָך פון פּרנסה. אין 1901 יאָהר פייערט מען אין וואַרשע דעם 25 יאָהריגען יוביליי פון זיין ליטעראַרישער אַרבייט, דאַן געהט אַרויס פון דרוק די יובילעאום אויסגאַבע פון פּרץ'עס ווערק. פּרץ'עס טאַלאַנט האַלט נאָך דעמאָלט אין וואַקסען. דער דיכטער איז פול מיט יוגענדליכע שעפערישע כוחות. ער פאַרעפענטליכט זיינע חסידישע מעשיות, ער שאַפט די „פאָלקסטימליכע געשיכטען“, די שעהנסטע און גרעסטע ווערק אין דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. פּרץ איז ניט נאָר דער שאַפער פון דער נייער אידישער ליטעראַטור, ער איז דער וועגווייזער, דער גייסטיגער פיהרער פון דער מאָדערנער אידישער קולטור בכלל. דער אָנהויב פון דער וועלט מלחמה האָט שרעקליך געווירקט אויף פּרץ'ען. וואַרשע איז געווען דער צענטער פון די קריגס־אָפּעראַציעס, יעדען טאָג פלע־

גען אָנקומען טויזענטע נאַקעטע, הונגעריקע אידען, ארויסגעטריבענע פון זייער היים, קינדער, אַלטע לייט וואלגערען זיך אין די גאַסען. פרץ ווארפט זיך אריין מיט׳ן גאַנצען ברען פון זיין הייסער דיכטערישער נשמה אין דער ארבייט צו העלפען די אומגליקליכע. באַזונדערס גיט ער זיך אָפּ פיל מיט די קינדער, שאַפט קינדער היימען, שפּילט זיך מיט די פּיצלאך, טרייסט די אַלטע, צובראָכענע מענשען. פרץ ברענט אין דער הילפס ארבייט, זיין מענשליך האַרץ קען ניט אויסהאַלטען און פּלאַצט. דאָס איז געווען שבת חול־המועד פסח, תרעה, 1915 יאָהר אינדערפריה.

מאַרק וואַרשאַווסקי
(1907—1848)

געבאָרען געוואָרען אין אָדעס, אין אַ אינטעליגענטער אידישער פאמיליע. באַזוכט די ראבינער שול אין זשיטאָמיר, שפּעטער פארענדיגט דעם יורידישען פאקולטעט אין קיעווער אוניווערזיטעט. אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען באַריהמט געוואָרען אַלס אידישער פאָלקס־דיכטער. געזונגען פאר זיך אידישע לידער און פאַרפאַסט צו זיי ניגונים. אונטער דער ווירקונג פון שלום עליכם, פארשריבען די לידער מיט די ניגונים צו זיי. שפּעטער איז ארויסגעגעבען געוואָרען אַ זאַמלונג פון 25 לידער מיט אַ הקדמה פון שלום עליכם, און אַ צווייטע אויסגאבע מיט נייע 21 לידער. די שפּראַך פון וואַרשאַווסקי׳ס לידער איז איינפאַך, פאָלקסטימליך. אין זיי הערט זיך דאָס ליידען און פריידען פון פאָלק, אידישע שמחה, אידישער טרויער. דאָס זינגט דער אידישער פאָלקס מענש. קיין וואונדער ניט, וואָס די פאָלקסטימליכע לידער זיינען שטאַרק באַליבט געוואָרען צווישען די אידישע מאַסען און ווערען געזונגען צווישען די אידישע מאַסען עד היום.

שמעון פרוג
(1916—1860)

געבאָרען געוואָרען אין דער אידישער ערד־ארבייטער קאָלאָניע באָבראָוויקוט, כערסאָנער געגענט, אין דעם ברייטען, פרייען סטעפּ. די שעהנע נאַטור פון דער זוניקער אוקראאינע האָט שטאַרק געווירקט צו אנטוויקלען דעם פּאָעטישען טאַלאַנט פון יונגען דיכטער. די ערשטע ליד זיינע האָט פרוג פארעפענטליכט אין 1879, אין רוסישען וואָכענשריפט „ראַזסוועט". די בלוטיגע פּאָגראָמען אין די אַכציגסטע יאָהרען פונ׳ם פארגאנגענעם יאָהרהונדערט האָבען צושטערט די האָפנונגען פון דער אידישער אינטעליגענץ, יאוש און פארצווייפלונג האָבען באהערשט די אנטוישטע אידעאַליסטישע יוגענד. די ליידען פון געפייניגטען פאָלק האָבען פארביטערט פרוג׳ס לעבען. ער זעהט פאר זיך שטענדיג דעם „בלייכען, געפייניגטען ברודער", ער הערט דעם וויי־געשריי פון שונא. דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו טער פון שונא. דאָס איז דער הויפּט מאָטיוו פון פרוג׳ס צענדליגער לידער, באַלאַדען, פּאָעמען, וועלכע ער האָט פארעפענטליכט אין די רוסיש־אידישע און רוסישע צייטשריפטען, און וועלכע האָבען איהם באַריהמט געמאַכט אַלס דעם דיכטער פון נאַציאָנאַלען אומעט. שפּעטער איז פרוג אריבער צו דער אידישער ליטעראטור און האָט אריינגעטראָגען אין איהר די פרישקייט פון דער רחבות׳דיגער סטעפּ, די מונטערע קלאנגען און פארבען פון דער זוניקער אוקראאינע, דאָס געזאַנג פון אַרבייט: „געזונט זאָלען זיין די הענט מיט מאַזאָליעס, דער שטערן, פון וועלכען עס גיסט דער שווייס". צו 46 יאָהר איז פרוג קראנק געוואָרען אויף די נירען און פון דעמאָלט אָן האָט איהם שוין די קראנקהייט ניט אָפּגעלאָזען זיין גאַנץ לעבען. געשטאָרבען איז פרוג אוינזאם און עלענד אין דעם דריטען גרויזאמען יאָהר פון דער וועלט־מלחמה.

ב. גאָרין
(1925—1868)

דער פּסעוודאָנים פון יצחק גוידאָ, געבאָרען אין לידע, ווילנער געגענט, ביי פרומע עלטערען. ביז 13 יאָהר געלערנט אין חדר, אין ישיבה. אין יאָר 1899 פארעפענטליכט אין ספּעקטאָר׳ס „הויז פריינד": „זכרונות פון חדר", אַ ריי קליינע דערצעהלונגען אין דער „אידישער ביבליאָטעק". אין 1894 יאָהר אַוועקגעפאָהרען קיין ניו יאָרק, מיטגעארבייט אין די סאָציאַליסטישע „ארבייטער צייטונג", „אבענד בלאַט", „צוקונפט", רעדאַקטירט דעם מאָנאַטליכען זשורנאל „דער נייער גייסט", דעם צוויי־וועכענטליכען „טעאַטער־זשורנאַל", שפּעטער אַ מיטאַרבייטער אין „פאָרווערטס", פון 1906 יאָהר אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער אין „מאָרגען זשורנאַל". גאָרין האָט געמאַכט פיל איבערזעצונגען פון טאָלסטאָי, זאָלא, און אַ סך

אַנדערע. אין משך פון דרייסיג יאָהר האָט גאָרין זיך ספּעציאַליזירט אויפ׳ן געביט פון טעאַטער־קריטיק, האָט פאַרפאַסט די פּיעסען: „דער ווילנער בעל־הבית׳ל“, „לעבעדיגע קויטען“, „אין יעדען הויז“ און אַ סך אַנדערע. איינע פון די וויכטיגסטע אויפטואונגען גאָרינ׳ס איז זיין ארבייט: „די געשיכטע פון אידישען טעאַטער — צוויי טויזענט יאָהר טעאַטער ביי אידען“. נאָך זיין באזוך אין אייראָפּא, אין 1924 יאָהר, איז גאָרין נאָך אַ לענגערער קראנקהייט געשטאָרבען אין יאָהר 1925.

דוד פּינסקי

געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1873 אין מאָהילעוו אין אַ חשוב׳ער באַלעבאַטישער פאַמיליע, באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע אידישע ערציהונג אין חדר. צו 11 יאָהר איבערגעפאָהרען מיט די עלטערען קיין מאָסקווע און נאָכדעם קיין וואַרשא, וואו ער איז אַ געוויסע צייט געווען אַ לעהרער. די ערשטע ליטעראַרישע אַרבייט זיינע האָט פּינסקי פאַרעפענטליכט אין ספּעקטאָרס „הויז־פריינד“, שפּעטער מיטגעאַרבייט אין פּרצ׳עס אויסגאַבען. אין יאָהר 1899 איז פּינסקי אַריבערגעפאָהרען קיין אַמעריקא, וואו ער האָט פאַרעפענטליכט אַ רייהע ערצעהלונגען אין דער ניו־יאָרקער „אַרבייטער צייטונג“, אין דער וואָכענשריפט „דער אַרבייטער“. אין זיינע ערצעהלונגען שילדערט אונז פּינסקי די אויפוואַכונג פון קלאַסען־באַוואוסטזיין ביי די אידישע אַרבייטער. פּינסקי׳ס דראַמאַטישע שאַפונגען האָבען אַ גרויסען ליטעראַרישען ווערט. אין זיין דראַמע „די פאַמיליע צבי“ שילדערט אונז פּינסקי דעם טראַגישען אונטערגאַנג פונ׳ם אַלטען אידישען דור און די נייע שטרעמונגען ביי די אידען. זיינע פּיעסען „די מוטער“, „יענקעל דער שמיד“, „גאברי און די פרויען“ האָבען געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג אויף דער אידישער סצענע.

מאַרים ווינטשעווסקי

פּסעוודאָנים פון בן־ציון נאָוואכאָוויטש איז געבאָרען געוואָרען אין 1856 יאָר אין יאַנאָווע, קאָוונער געגענט, ביי פרומע עלטערען, דערצויגען געוואָרען אין טראַדיציאָנעלען אידישען גייסט, געלערענט אין חדרים. צו 14 יאָהר געקומען קיין ווילנע צוצוגרייטען זיך פאר דער ראבינער־שול. אין 1873 פארעפענטליכט אין „המגיד“ א ריי העברעאישע שירים. שפּעטער זיך צופעליג באקאנט מיט דער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. ליבערמאנס פּראָקלאמאציע „אל שלומי בחורי ישראל“ האָט אויף ווינטשעווסקין געמאכט אַ שטארקען איינדרוק. ווינטשעווסקי נעהמט זיך פאר געזעלשאפטליכער ארבייט, גרינדעט אַ קרייזעל צו פארשפּרייטען מלאכה צווישען אָרימע קינדער. אין קעניגסבערג מיטגעאַרבייט אין דאָדקינסאָנ׳ס „הקול“ און אין דער אידישער ביילאגע „קול לעם“, רעדאקטירט „אספת חכמים, געשריבען שירים, דערצעהלונגען, די באריהמטע סעריע פעליעטאָנען „חזיונות איש הרוה“. אין 1878, נאָך דער פארעפענטליכונג פונ׳ם געזעץ געגען סאָציאַליסטען, ארעסטירט־געוואָרען און דעפּאָרטירט פון פּרייסן. אינגיכן האָט ער עמיגרירט קיין לאָנדאָן. אין לאָנדאָן האָט ווינטשעווסקי געפיהרט אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע צווישען די אידישע אַרבייטער, געגרינדעט צוזאמען מיט א. ראבינאָוויטש די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע צייטונג „דער פּוילישער אידעל“.

ווינטשעווסקי איז אויך געווען דער גרינדער און מיטארבייטער פון „ארבייטער פריינד“. אין 1894 יאָהר געקומען קיין אמעריקע און האָט איבערגענומען די רעדאקציע פון „אמת“, אָנגעפיהרט א קאמף קעגען דעם „אָבענד בלאט“ און „ארבייטער צייטונג“, נאָך דער שפּאַלטונג פון דער ס. ל. פּ., ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען דער „פאָרווערטס“, איז ווינטשעווסקי געוואָרען דער נאָהענטער מיטארבייטער. שפּעטער געשריבען אין „צוקונפט“, „ווארהייט“. ווינטשעווסקי׳ס פארדינסטען פאר דער סאָציאליסטישער אידישער ארבייטער באַוועגונג פאר דער סאָציאליסטישער אידישער ליטעראַטור זיינען אומגעהייער גרויס. זיינע לידער פון קאַמף, אַרבייט און נויט זיינען זעהר פּאָפּולער געווען צווישען די אידישע ארבייטער מאסען אין דער גאנצער וועלט. מען האָט זיי געזונגען און דעקלאמירט אין שאפּ, אויף פאַרזאַמלונגען. זיי האָבען ענטפּלעקט די טיפע ליבע פון דעם סאָציאַלען דיכטער צו די ליידען פון די אַרבייטער, און האָבען געוועקט די אַרבייטער צום קאַמף. ווינטשעווסקי איז געווען איינער פון די ערשטע פּיאָנערען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבייטער באַוועגונג און דער ערשטער שאַפער פון דער אידישער אַרבייטער געדיכט.

דוד עדעלשטאַט
(1866—1892)

געבאָרען געוואָרען אין דער רוסישער שטאָדט קאלוגא, און איז ערצויגען געוואָרען אויף דער רוסישער ליטעראטור. צו 12 יאָהר האָט עדעלשטאַט שוין פארעפענטליכט זיינע לידער און סקיצען אין דער אָרטיגער רוסישער צייטונג. אונטער דעם שווערען איינדרוק פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט עדעלשטאַט אויסגעוואנדערט קיין אַמעריקא. אין ניו יאָרק האָט עדעלשטאַט גענומען אַ טעטיגען אנטייל אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און האָט געדרוקט זיינע לידער און סקיצען אין דער „ווארהייט“ און „ארבייטער פריינד“. פון 1890 יאָהר האָט עדעלשטאַט רעדאקטירט די „פרייע ארבייטער שטימע“. עדעלשטאַט'ס לידער און סקיצען מיט אַ רעוואָלוציאָנער אַנאַרכיסטישער טענדענץ זיינען שטאַרק פּאָפּולער געווען צווישען די אידישע ארבייטער מאַסען.

יוסף באָוושאָווער
(1873—1915)

געבאָרען אין ליבאַוויטש, מאָהילעווער געגענט, אין אַ משפּחה פון סוחרים. געלערענט אין חדר און ביים אייגענעם פאָטער. אַ למדן און אַ פאַנאַטיש פרומען אידען. יונגערהייט אַוועק פון דערהיים, געאַרבייט אין אַ מעל־געשעפט. צו 18 יאָהר אָנגעקומען קיין אַמעריקע, געלערענט זיך פּעלצארבייט, גענומען פאַרדינען, אָבער באַלד אריינגעצויגען געוואָרען אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, אָנגעהויבען צו שרייבען רעוואָלוציאָנערע לידער, פאַרגעלייענט זיי אין שאַפּ און באַלד געוואָרפען די ארבייט. שפּעטער גענומען שרייבען פּיעסען פאַר'ן אידישען טעאַטער, געשטודירט די ענגלישע ליטעראַטור אין יעיל קאָלעדזש, געשריבען לידער, סקיצען אין די אנאַרכיסטישע צייטונגען: „ארבייטער פריינד“, און „פרייע ארבייטער שטימע“. אין משך פון זיין קורצער ליטעראַרישער טעטיגקייט איז ער שטאַרק פּאָפּולער געוואָרען צווישען די אידישע ארבייטער מאַסען. די סאָציאַלע מאָטיווען ווערען אויסגעדריקט דרייסט און קרעפטיג, אַ געזאַנג פון אַ גרויסער און רייכער דיכטער־נשמה. דער יונגער דיכטער האָט שוין צו 23 יאָהר באַוויזען סימנים פון אַ גייסטיגער קראנקהייט און זינט 1899 יאָהר האָט ער זיך געפונען אין אַ ניו יאָרקער שפּיטאָל פאַר גייסטיג־קראַנקע, פאַרזונקען אין אַ שווערער מרה־שחורה, וואו ער איז געשטאָרבען אין 1915.

מאָריס ראָזענפעלד
(1862—1917)

געבאָרען געוואָרען אין דאָרף באָקשאַ, סואוואַלקער געגענט ביי אַ אידישען פיש־הענדלער. געלערענט אין אַ חדר אין וואַרשע, וואוהין די עלטערען זיינען אַריבערגעפאָהרען. ראָזענפעלד האָט שוין אין דער יוגענד גענומען שרייבען לידער. אין 1882 יאָהר האָט ראָזענפעלד אויסגעוואַנדערט קיין אַמסטערדאַם געאַרבייט דאָרטען אַלס אַ דימענטשלייפער, שפּעטער אַריבערגעפאָהרען קיין לאָנדאָן, פון דאָרטען קיין אַמעריקא, איז ווידער געקומען קיין לאָנדאָן, געאַרבייט אין שניידער שעפּער. אין דער פרייער צייט פאַרפאַסט לידער, וועלכע זיינען געווען זעהר פּאָפּולער צווישען די אַרבייטער. פון יאָהר 1886 באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק, געארבייט אין שאַפּ, געשריבען פון לעבען פון די אידישע אימיגראַנטען־אַרבייטער אין ניו יאָרק. די ערשטע ליד זיינע איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אין ”ניו יאָרקער אידישער צייטונג“ אין יאָהר 1886, שפּעטער איז אַרויס אַ זאַמלונג לידער „די גלאָק“, „בלומען קייטען“. ראָזענפעלד'ס לידער זיינען זעהר שטאַרק פּאָפּולער געווען צווישען די אַרבייטער, אָבער זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַ שרעקליכע. ער האָט זיך געפּרואווט אַרויסרייסען פון שאַפּ, אַרויסגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג „דער אשמדי“, די נויט אָבער האָט איהם געצוואונגען ווידער זיך צוריקקעהרען אין שאַפּ. נאָכדעם, ווי אין יאָהר 1897 איז ערשינען „דאָס לידער בוך“ פון ראָזענפעלד. האָט ל. ווינער, פּראָפעסאָר פון סלאַווישע שפּראַכן, פאַרעפענטליכט ראָזענפעלד'ס אַ זאַמלונג לידער מיט'ן לאַטיינישען שריפט, ביילעגענדיג די ענגלישע איבערזעצונג. דאָס האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט צום באַגאַבטען דיכטער ניט נאָר אין אַמעריקא, נאָר אויך אין איראָפּאַ. זיין נאָמען איז באַריהמט געוואָרען איבעראַל, און זיינע לידער זיינען איבערגעזעצט געוואָרען אויף פאַרשיידענע שפּראַכען. דאָס האָט באַדייטענד געלינדערט זיין שווערע מאַטעריעלע לאַגע. ער האָט פאַרלאָזען דעם שאַפּ און האָט זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען דער ליטעראַרישער טעטיגקייט. אין יאָהר 1909 זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען צוויי בענדער פון זיינע ווערק — איינער

— לידער, דער צוויטער — פּראָזא. ראָזענפעלד'ס לידער האָבען שטאַרק באַרייכערט די אידישע פּאָעזיע, איניגע פון זיינע לידער. „דער בלייבער אַפּריוטאָר", „אַ טרעהר אויפ'ן אייזען", „מיין אינגעלע", „אויף סאָציאַלע טעמעס", „די חנוכה ליכט", „דער גלות מאַרש" און אַנדערע — אויף נאַציאָנאַלע טעמעס, ציכענען זיך אויס מיט זייער פּאָעטישער שעהנקייט און קראַפט.

יעקב גאָרדין (1853—1909) געבאָרען אין מירגאָראָד, פּאָלטאַווער גובערניע. זיין פאָטער, יחיאל־מיכל אַ האַלבער־משכיל און אַ האַלבער־חבדניק האָט ערצויגען זיין זוהן אין גייסט פון השכלה, געלערענט איהם רוסיש, דייטש. צו 17 יאָהר האָט גאָרדין אָנגעהויבען שרייבען אין די רוסישע פּראָווינציעלע צייטונגען, שפּעטער געווען אַן ערדאַרבייטער, אַן אַקטיאָר אין אַ וואַנדער טרופּע, אַ לעהרער, מיטגעאַרבייט אין דער רוסישער פּרעסע אין אָדעס און יעליסאַוועטגראַד. אַ גרויסע השפּעה אויף גאָרדינען האָט געהאַט אייגער מיכאַלעוויטש, אַ שטונדיסט און אַ סאָציאַליסט, דורך זיין ווירקונג איז גאָרדין דורכגעדרונגען געוואָרען מיט טאָלסטאָי'ס רעליגיעזע און סאָציאַלע אידעען. דער טעמפּעראַמענטפולער גאָרדין האָט זיך מיט ברען גענומען רעפאָרמירען דעם גאַנצען אידישען לעבענסשטייגער, פאַרוואַנדלען די אידישע רעליגיע אין אַ ראַציאָנאַליסטיש עטיש־סאָציאַלע לעהרע, אַוועקרייסען די אידישע פאָלקסמאַסען פון האַנדעל, אומקעהרען זיי צו פּראָדוקטיווער פיזישער אַרבייט, דערהויפּט צו ערדאַרבייט. צו דעם צוועק האָט גאָרדין געגרינדעט די „גייסטיג ביבלישע ברודערשאַפט". נאָך די פּאָגראָמען אין יאָהר 1881 באַנייט די ביבלישע סעקטע, געגרינדעט אַ קאָלאָניע, געפיהרט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישען די אַרומיגע פּויערים. צוליב די פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער רעגירונג אויסגעוואַנדערט אין יאָהר 1891 קיין אַמעריקא. דאָ אין אַמעריקא הויבט זיך אָן זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט אַלס דראַמאַטורג. אין משך פון 18 יאָהר איז ער פאַרבונדען מיט'ן אידישען טעאַטער, פאַרפאַסט אַ 70-80 פּיעסען איבערגעזעצטע און אָריגינעלע. דורך זיינע אָריגינעלע אידישע פּיעסען קומט פאָר אַן איבערקערעניש אין אידישען טעאַטער, עס הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער אידישער ביהנע. אַנשטאָט די אומגעלומפּערטע שונד פּיעסען הויבט מען אָן שפּילען זיינע קלאַסישע שטיק, ווי „מירעלע אפרת", „דער אידישער קעניג ליר", „כאַסיע די יתומה", „קרייצער סאָנאַטאַ", „אָהן אַ היים". אין זיינע פּיעסען „גאָט, מענש און טייוועל", „אלישע בן אבויה", „דער אומבאַקאַנטער" באַהאַנדעלט גאָרדין טיפערע פילאָסאָפישע פּראָבלעמען. זיינע בעסערע דראַמאַטישע ווערק זיינען ערשינען אין אַ בוך־פאָרם. ער האָט אויך געשריבען ערצעהלונגען און אַרטיקלען הויפּטזעכליך אין די אידישע סאָציאַליסטישע צייטונגען. געשטאָרבען אין ניו יאָרק אין יאָהר 1909.

ז. ליבין דער פּסעוודאָנים פון ישראל גורעוויץ געבאָרען אין יאָהר 1872, אין שטעדטעל האָרקי, מאָהליעווער געגענט אין דער פאַמיליע פון אַן אָרימען מלמד. ביז 18 יאָהר האָט ליבין געהאָלפען זיין פאָטער אין חדר. אין יאָהר 1892 איז ליבין אַוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט געאַרבייט אין שאַפּ. שפּעטער איז ער אַריבערגעפאָהרען קיין ניו יאָרק, וואו ער האָט געפּעדעלט מיט צייטונגען. זיינע ערצעהלונגען און סקיצען פון אַרבייטער לעבען, וועלכע זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען אין דער „אַרבייטער צייטונג", אין „אבענד־בלאַט" און אין „פאָרווערטס" האָבען געצויגען אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. אַ קליינער טייל פון זיינע הונדערטער ערצעהלונגען און סקיצען זיינען אַרויס אין בוך־פאָרם: „אידישע סקיצען", „געקליבענע סקיצען". אין זיין אייגענער לעבענס באַשרייבונג דערצעהלט אונז ליבין: „געבאָרען אין נויט און דחקות, אין נויט בין איך ערצויגען געוואָרען. אַרום זיך זעה איך נויט און מענשליכען עלענד, וועגען דעם האָב איך געשריבען, שרייב און וועל שרייבען כל זמן מיין האַנד וועט קענען האַלטען דעם פעדער. די נויט האָט אַוועקגענומען ביי מיר אַלץ, וואָס איז מיר טייער געווען אין לעבען. איך קאָן נאָר שרייבען וועגען די קרבנות פון נויט און דחקות, פונ'ם לעבען פון די אידישע אַרבייטער, ווייל נאָר דעם לעבען קאָן איך". מיט איינפאַכע מענשליכע ווערטער, מיט צאַרטע האַרציגע שטריכען שילדערט אונז ליבין דאָס לעבען פון די אידישע אַרבייטער אין די פאַרשטיקטע שעפּער, אין דער היים, זייער פאַמיליען לעבען. אַזאַ אידעלער מענשליכער מיט־

ליוד, אַזאַ הארציגער באַנעהמען דאָס אָרימען לעבען רופט אַרויס די אידעלסטע מענשליכע געפיהלען. ליבין האָט אויך געשריבען פאַר דער סצענע, איניגע פון זיינע דראַמעס, ווי „דער טרוימער" האָבען אַ באַדייטענדען ליטעראַרישען ווערט. זיין פיעסע „די געבראָכענע הערצער" האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג אויף דער אידישער סצענע.

חיים־נחמן ביאַליק

געבאָרען געוואָרען אין דאָרף ראדי, וואָלין, אין 1873, אין אַן אָרימער אידישער פאַמיליע, וועלכע האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין זשיטאָמיר. צו 13 יאָהר האָט חיים נחמן פאַרלאָזען דעם חדר און געלערענט אין בית־המדרש, און שפּעטער אין וואלאזשינער ישיבה. אין דער ישיבה האָט ער זיך גענומען אָפּגעבען מיט וועלטליכע בילדונג. שפּעטער איז ער געוואָרען אַ וואלד־הענדלער, אַ העברעאישער לעהרער.

זיין ערשטען העברעאישען שיר „אל הצפור„ האָט ער נאָך אָנגעשריבען זייענדיג אין וואלאזשין. שפּעטער האָט ער זיך געדרוקט אין השלח און אנדערע אויסגאבען. אין 1905 האָט ער געעפענט אַ דרוקעריי אין אָדעס און געגרינדעט צוזאמען מיט י. ח. ראַווניצקי'ן דעם פארלאג „מוריה". נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ביאַליק שטארק געליטען און איז שיעור ניט אומגעקומען אין דעם צוריקטריט פון דעניקינ'ען. שפּעטער האָט מאַקסים גאָרקי זיך משתדל געווען פאַר איהם און נאָך 12 העברעאישע שרייבער, און מען האָט זיי אַלעמען ערלויבט ארויסצופאָהרען פון סאָוועט רוסלאַנד. ביאַליק האָט אין 1924 זיך באזעצט אין ארץ ישראל און האָט באַנייט זיין פארלאגישע טעטיגקייט.

ביאליק איז דער פּאָפּולערסטער העברעאישער דיכטער. באלד נאָכ'ן קישענעווער פּאָגראָם איז ער באריהמט געוואָרען מיט זיין פּאָעמע „מעיר ההריגה", וואָס איז צוליב צענזור טעמים אָנגערופען געוואָרען „משא נמירוב". שפּעטער האָט דער דיכטער אליין איבערגעזעצט די פּאָעמע אויף אידיש און פארעפענטליכט זי אונטער'ן נאָמען „אין ער שחיטה שטאָדט", כמעט גלייכצייטיג מיט אן איבערזעצונג פון פרץ'ען. ביאַליק האָט אויך געשריבען אויף אידיש. אין 1922 איז אין בערלין ארויס אַ זאַמלונג פון זיינע אידישע לידער און פּאָעמעס, וואו עס זיינען אויך פּאַראַן איבערזעצונגען פון זיינע העברעאישע שירים, געמאַכט פון איהם און פון אנדערע. ביאַליק איז דער רעפּרעזענטאַטיווסטער נאַציאָנאַלער פּאָעט ביי אידען און האָט אין דער אידישער דיכטונג לעבראַכט דעם פּאַטאָס פון די נביאים. ביאַליק ווערט גערעכענט פאַר אַ גרויסען מייסטער פון העברעאיש, אָבער אויך זיין אידיש איז ריין און שטאַרק. ביאַליק איז איבערגעזעצט געוואָרען אויף א סך אייראָפּעאישע שפּראכען.

יהואש

יהואש איז דער ליטעראַרישער נאָמען פון יהואש־שלמה בלומגאַרטען. געבאָרען אין יאָהר 1871 אין ווערשזבאָלאָוו, סואוואַלקער געגענט אין אַ פרומער מתנגדישער משפחה. געלערענט אין חדרים, אין וואָלאָזשינער ישיבה, שפּעטער פּאַרלאָזען די ישיבה און גענומען שטודירען פרעמדע שפּראַכען. צו יענער צייט פּאַרעפענטליכט זיינע ערשטע לידער. אין יאָהר 1890 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקא. פּאַרעפענטליכט זיינע לידער און פּאָעמען אין „צוקונפט", „פריינד". אין 1907 זיינען אַרויס פון דרוק יהואָשעס „געזאַמעלטע לידער", אין יאָהר 1910 אין פּאַרלאַג „יהואש" איבערזעצונגען פון אָמאַר כאַיאַם, מערעזשקאָווסקי, לאָנגפעללאָ. יהואָש האָט אין זיינע לידער אַריינגעבראַכט אין דער אידישער פּאָעזיע נייע מאָטיווען, געדאַנקען און בילדער. איינע פון די וויכטיגסטע אויפטואונגען פון. דעם טאַלאַנטפולען אידישען דיכטער איז די איבערזעצונג פון תנ"ך, וועלכע איז ערשינען אין בוך־פאָרם דערוויל דער חומש. אַ גרויסען וויסענשאַפטליכען ווערט האָט דער „אידישער ווערטערבוך" פון יהואש און ספיוואק וועלכער אַנטהאַלט אַלע העברעאישע ווערטער און אויסדרוקען, וואָס זיינען אַריין אין אידיש.

אברהם ליעסין

דער פסעוודאָנים פון אברהם וואלט. געבאָרען געוואָרען אין מינסק ביי אַ חשוב'ער אידישער פאַמיליע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע אידישע ערציהונג, געלערענט אין חדר, אין וואָלאָזשינער ישיבה, גע'שמ'ט פּאַר אַן עלוי. אין די נײַנציגער יאָהרען פונ'ם פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָט ליעסין אַנטייל גענומען אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג, געהערט צו דער אַזוי גערופענער אָפּאָזיציע, פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסען דער „בונד". שוין דעמאָלט האָט

ליעסין פאַרפאַסט לידער און איניגע פון זיי, ווי „אויפ׳ן וויטען צפון", „צוויי תפילות", „אַ טראָפּען בלוט" זיינען שטאַרק פּאָפּולער געווען צווישען דער אידישער רעוואָלוציאָנערער יוגענד. צוליב פּאָליטישע סיבות איז ליעסין געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזען רוסלאַנד און אויסוואַנדערען קיין אַמעריקע. פון יאָהר 1897 איז ליעסין טעטיג אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, מיטגעאַרבייט אין „אַרבייטער-צייטונג" און דערנאָך אין „פּאָרווערטס" און „צוקונפט". פאַר די לעצטע יאָהרען רעדאַקטאָר פון סאָציאַליסטישען מאָנאַט-זשורנאַל „צוקונפט". ליעסין דער דיכטער — פאַרנעהמט איינעם פון די חשוב׳סטע ערטער אין דער אידישער ליטעראַטור. זיינע לידער און פּאָעמען אויף נאַציאָנאַלע טעמעס זיינען אַ מוסטער פון שעהנקייט הן לויט׳ן אינהאַלט, הן לויט דער פאָרם. אַלס זשורנאַליסט פאַרנעהמט ליעסין דעם אויבענאַן אין דער אידישער ליטעראַטור. זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען צייכענען זיך אויס מיט זייער קלאָהרקייט, קאָנצענטרירקייט און שעהנעם פּאָעטישען סטיל.

ש. אַנ—סקי
(1920—1863)

אַנ—סקי איז דער פּסעוודאָנים פון שלמה זאַנוויל ראַפּאָפּאָרט, געבאָרען אין וויטעבסק ביי אַ מיוחס׳דיגער פאַמיליע, געלערנט אין חדר און צו 15 יאָהר געקענט גוט גמרא. אונטער דער ווירקונג פון דער השכלה-ליטעראַטור נעמט זיך אַנ—סקי צו דער רוסישער שפּראַך, באַקענט זיך מיט דער ראַדיקאַלער רוסישער ליטעראַטור, לערענט זיך אַ מלאכה, פריהער ביי אַ שמיד, דערנאָך אַן איינבינדער, גיט שטונדען אין ליאָזנאָ, פאַרלאָזט דאָס שטעדטעל צוליב די רדיפות פון רב פאַר פאַרשפּרייטען סאָציאַליסטישע געדאַנקען צווישען דער יוגענד. אַנ—סקי׳ס ערשטער ליטעראַרישער פּרואוו איז די ערצעהלונג „די געשיכטע פון אַ פאַמיליע" געשריבען אין אידיש, אָפּגעדרוקט אין דער רוסישער איבערזעצונג. די דאָזיגע ערצעהלונג האָט געצויגען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט און פון דעמאָלט אָן ווידמעט אַנ—סקי זיינע כוחות דער רוסישער ליטעראַטור און דער אויפקלערערישער און פּאָליטישער טעטיגקייט צווישען די רוסישע פאָלקס מאַסען. די השפּעה פון די „נאַראָדניקעס" אויף אַנ—סקי׳ן איז געווען זעהר גרויס. ער לאָזט זיך אַוועק קיין צענטראַל-רוסלאַנד אַרבייטען צווישען פאָלק, שפּעטער וואַנדערט ער אַריבער אין די קוילען גרובען אין דאָנעצער ראַיאָן, באַקענט זיך מיט׳ן לעבען פון די רוסישע פאָלקס מאַסען. אין יאָהר 1892 געהט אַנ—סקי אַריין אין קרייז פון די רוסישע נאַראָדניקעס, שרייבט אַ רייהע נאָוועלען פון רוסישען פאָלקס לעבען. אין דעמזעלבען יאָהר פאַרלאָזט אַנ—סקי רוסלאַנד און באַזעצט זיך ענדליך אין פּאַריז, באַשעפטיגט זיך מיט איינבינדעריי. שפּעטער ווערט אַנ—סקי פּריוואַט סעקרעטאַר ביי פּ. לאַווראָווען, וועלכער האָט אויף איהם געהאַט אַן אומגעהייער גרויסען גייסטיגען איינפלוס. אונטער דער ווירקונג פון דער סאָציאַליסטישער מאַסען באַוועגונג אין דער אַלטער היים און זיין נאָהענטען פריינד, זשיטלאָווסקי, הויבט זיך אַנסקי אָן צו דערנעהענטערען צום אידישען פאָלקס לעבען, צו דער אידישער ליטעראַטור. ער שרייבט לידער אין „פריינד", פאַרפאַסט „די שבועה", וועלכע איז עד היום פאַרבליבען דער הימן פון „בונד". זיין סאַטירישע פּאָעמע „דער אשמדי" האָט געצויגען אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. איינע פון אַנ—סקי׳ס וויכטיגסטע אויפטואונגען זיינען זיינע אַרבייטען אויפ׳ן געביט פון אידישען פאָלקלאָר. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט אַנ—סקי אָנגעשריבען די דראַמאַטישע לעגענדע „צווישען צוויי וועלטען", אָדער דער „דיבוק" אַ ציקל פאָלקס מעשיות „דער טורעם פון רוים". נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקעהרעניש איז אַנסקי אַ צובראָכענער געקומען קיין ווילנע. דאָ האָט ער גענומען אַ טעטיגען אנטייל אין געזעלשאַפטליכען און קולטורעלען אידישען לעבען, אָנגעשריבען אַ גאַנצע רייהע ערצעהלונגען, חסיד׳ישע מעשיות, זכרונות, צוגעגרייט אַ פולע אויסגאַבע פון זיינע ווערק. די שווערע ליידען פון זיין נענד לעבען האָבען חרוב געמאַכט זיין געזונד. ער באַזעצט זיך אין אָטוואָצק, נעבען וואַרשע, אָפּצורוען זיך און שטאַרבט פּלוצלונג אויף מאָרגען נאָך דער פאַרזאַמלונג צו גרינדען אַ אידישע היסטאָריש-עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט.

לעאָן קאָברין

לעאָן קאָברין איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1872. אין יאָהר 1892 איז קאָברין געקומען קיין אַמעריקע. באַזעצט זיך אין ניו יאָרק, געאַרבייט אין שאַפּ. זיין ערצעהלונג „אַ מערדער אויס

ליבע", וועלכע איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אין „אַרבייטער־צייטונג", האָט געצויגען אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט און פון דעמאָלט אָן האָט זיך קאָברין געווידמעט דער ליטעראַרישער טעטיגקייט. אין זיינע נאָוועלען און דערצעהלונגען שילדערט קאָברין דאָס לעבען פון די אידישע אימיגראַנטען אין אַמעריקע און פון די אידישע פאָלקסמאַסען אין דער אַלטער היים. קאָברין האָט אויך אַ סך געשריבען פאַר'ן טעאַטער און זיינע פּיעסען האָבען אויף דער אידישער סצענע געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג.

קאָברין האָט אויך פיל איבערגעזעצט פון די אייראָפּעאישע קלאַסיקער, ווי דאָסטאָיעווסקי, טורגעניעוו, זאָלאַ, מאָפּאסאַן, טאָלסטאָי, טשעכאָוו און אַנדערע. אַ סך קאָברינ'ס ערצעהלונגען זיינען איבערזעצט געוואָרען אויף רוסיש, דייטש און ענגליש.

אברהם רייזען

געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1873 אין קוידאַנאָוו, מינסקער געגענט ביי אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע אידישע ערציהונג אין חדר. פון דער פריהעסטער יוגענד שוין אַרויסגעוויזען אַ נייגונג צו ליטעראַטור. רייזענ'ס ערשטע ליטעראַרישע לידער און קליינע סקיצען זיינען ערשינען אין אָנהויב פון די נוינציגסטע יאָהרען פונ'ם פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט. אין יאָהר 1910 זיינען אַרוים פון דרוק 4 בענדער פון זיינע ווערק. דער ערשטער באַנד — לידער, די איבעריגע — ערצעהלונגען, נאָוועלען און סקיצען. רייזען האָט אויך פאַרעפענטליכט אַ רייהע ליטעראַרישע זאַמלונגען: „דאָס צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט" „דאָס אידיש וואָרט", „קונסט און לעבען" און אַנדערע. פון יאָהר 1911 זיך באַזעצט אין ניו יאָרק, אַרויסגעגעבען אַ וואָכענבלאַט „דאָס נייע לאַנד" און מיטגעאַרבייט אין „פאָרווערטס", אין „טאָג" און אין אַנדערע צייטשריפטען. רייזען איז איינער פון די פּיאָנירען פון דער נייער אידישער ליטעראַטור. רייזען איז פריהער פאַר אַלץ דער רעאַליסטישער שילדערער פון דעם קליין אידישען שטעדטעל פון רוסלאַנד, וואו ס'לעבט אין עלענט, דחקות און נויט די אידישע פאָלקס־מאַסע. ס'ציהט זיך פאַר אונזערע אויגען אַ גאַנצע גאַלעריע פאַרשידענאַרטיגע קליינשטעדטעלדיגע טיפּען, דער בעל־מלאכה, קרעמער, מלמד, דאָס גאַנצע אידישע שטעדטעל מיט איהר אייגענאַרטיגען לעבען, מיט איהר שרעקליכער נויט און הונגער, מיט די דערשלאָגענע הילפלאָזע מענשען־שאָטענס אויף דער ערד. רייזענס לידער זיינען שטאַרק פּאָפּולער צווישען די אידישע מאַסען און פילע פון זיי ווערען געזונגען פון די פאָלקס־מאַסען.

ה. ד. נאָמבערג

געבאָרען געוואָרען אין אַמשינאָוו, וואַרשעווער געגענט ביי אַ חשוב'ער חסידישער פאַמיליע. ביז 18 יאָהר באַקומען אַ שטרענג חסידישע ערציהונג, אָבער שפּעטער איז דער פרומער בית־מדרש בחור געוואָרען אַ משכיל, געקומען קיין וואַרשא געלערענט רוסיש, פּויליש, אַליין געגעבען העברעאישע לעקציעס, שפּעטער איז נאָמבערג צוגעשטאַנען צו דער גרופּע יונגע שרייבער, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום י. ל. פּרצ'ען. זיין ערשטער ליטעראַרישער אַרויסטריט איז געווען אין „יוד", שפּעטער האָט נאָמבערג מיטגעאַרבייט אין דער וואַרשעווער טעגליכער פּרעסע, פאַרעפענטליכט אַ רייהע ערצעהלונגען, סקיצען, פעליעטאָנען, חוץ די ערצעהלונגען, וואו נאָמבערג מאָהלט אונז דעם אַלטען אידישען לעבענס־שטייגער, האָט ער אָנגעשריבען עטליכע לענגערע ערצעהלונגען, וואו ער שילדערט אונז מייסטערהאַפט טיפּען פון צובראָכענע עלענדע און הילפלאָזע אידישע אינטעליגענטען. דער „לעהרער פליגעלמאַן" איז דער סינאָנים פון דעם דאָזיגען טיפּ. נאָמבערג איז אין זיינע ערצעהלונגען, סקיצען און פּובליציסטישע אַרטיקלען נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג איינער פון די גלענצענדסטע אידישע סטיליסטען. פאַר דער אידישער סצענע האָט נאָמבערג געשאַפען עטליכע פּיעסען פון אַ באַדייטענדען ליטעראַרישען ווערט. איינע פון די פּאָפּולערסטע איז „די משפּחה".

שלום אַש

געבאָרען געוואָרען אין קוטנע, וואַרשעווער געגענט אין יאָהר 1880. דער פאָטער זיינער אַ פרומער, עהרליכער איד האָט דעם זון געגעבען אַ טראַדיציאָנעלע אידישע ערציהונג. אַש האָט געלערענט אין חדר, שפּעטער אין בית־המדרש ביז 15־16 יאָהר. צו 18 יאָהר פאָהרט אַריבער קיין וולאָצלאַוועק, וואו ער גיט העברעאישע לעקציעס. שפּעטער באַקענט זיך אַש אין וואַרשא מיט פּרצ'ען, נאָמבערג'ען

און רייזענ׳ען. פּרץ האָט אין דעם יונגען בחור׳ל פון דער פּוילישער פּראָווינץ דערקענט דעם קומענדיגען גרויסען טאַלאַנט, און אויפגעמונטערט איהם צו ליטעראַרישע אַרבייט. די ערשטע זאַך אַש׳עס אין אידיש „משה׳לע" איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אין „יוד" אין יאָהר 1900. אַש פאַרבלייבט שוין אין ווארשא און פאַרעפענטליכט אַ ריזהע ערצעהלונגען אין „יוד" „יודישער פאָלקס־צייטונג", ער שרייבט אויך אין העברעאישען זשורנאַל „הדור", אין „הצופה", „הצפירה" „השלח". שפּעטער פאַרבינדט ער זיך שוין אינגאַנצען מיט דער אידישער ליטעראַטור. זיין ערשטע זאַמלונג ערצעהלונגען: „אין אַ שלעכטער צייט" אַנטהאַלט אַ פראַגמענט פון זיין פּאָעמע „אַ שטעדטעל", איינס פון די שעהנסטע ווערק אין אידיש, וועלכע האָט דערהויבען דעם דיכטער און איהם אַוועקגעשטעלט אין איין ריזהע מיט די גרעסטע אידישע שריפטשטעלער. צו דערזעלבער צייט פאַרעפענטליכט אַש זיין ערשטע פּיעסע „יצא וחזר" אין „השלח", שפּעטער איז דיזעלבע פּיעסע אונטערען נאָמען „מיט׳ן שטראָם" ערשינען אין דער „אידישער ביבליאָטעק" און איז מיט גרויס ערפאָלג, אויפגעפיהרט געוואָרען אויף דער פּוילישער און אידישער ביהנע. זיין דראַמע „משיח׳ס צייטען", „גאָט פון נקמה", זיין היסטאָרישע טראַגעדיע „שבתי צבי", די איינאַקטיגע פּיעסען „אמנון און תמר", „ווינטער", „דער זינדיגער", די קאָמעדיע „יחוס" האָבען אין יענער צייט באַרייכערט די יונגע אידישע ליטעראַטור און גרויס געמאַכט זיין נאָמען. נאָך דעם ערשטען באַזוך אין ארץ ישראל האָט אַש אָנגעשריבען די ביבליש־היסטאָרישע בילדער „אין ארץ ישראל". אין משך פון 1910 — 1914 ערשיינען אַ גאַנצע ריזהע גרעסערע ווערק, ווי „אַמעריקע", די פּאָעמע „שלמה נגיד", די פּאָעמע „חורבן בית־המקדש", דער ראָמאַן „מערי". אין אָנהויב פון דעם וועלט־קריג באַזעצט זיך אַש אין ניו־יאָרק און שרייבט אָן אַ גאַנצע ריזהע נייע ווערק, ווי „אָנקעל מאָזעס", „מאָטקע גנב", די „מוטער", די היסטאָרישע ראָמאַנען: „קידוש השם", די „כישופמאַכערין פון קאַסטיליע", די דראַמע „אַ שנירעל פּערל". די היסטאָרישע ראָמאַנען און די פּאָעמעס „דאָס שטעדטעל" און „שלמה נגיד" האָבען דערהויבען דעם טאַלאַנטפולען דיכטער אויף דער הויכער מדרגה פון נאַציאָנאַלער שאַפונג.

ש. ה.

אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקא, מיט אָפּטיילונגען איבער׳ן לאַנד

אַמעריקען אַקאַדעמי פאַר דזשואיש ריסוירטש. אָרגאַניזירט אין 1920. אָפיס אין פילאַדעלפיא.

אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. אָרגאַניזירט אין 1906. רעאָרגאַניזירט אין 1920. אָפיס 171 מעדיסאָן עוועניו, ניו יאָרק.

אַמעריקען דזשואיש קאָנגרעס. אָר־גאַניזירט אין 1916. אָפיס, 8 וועסט 40טע סטריט, ניו יאָרק.

אַמעריקען דזשואיש היסטאָריקעל סאָסייעטי. אָרגאַניזירט אין 1892. אָפיס, 531 א. 123טע סטריט, ניו יאָרק

אַמעריקען זייאָן קאָמאָנוועלטה. אָרגאַניזירט 1914. אָפיס, 114 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק.

באַראָן הירש פאָנד. אָרגאַניזירט אין 1891. אָפיס, 233 בראָדוויי, ניו יאָרק.

ביוראָ אָוו דזשואיש סאָשעל ריסוירטש. אָרגאַניזירט אין 1919. אָפיס, 114 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק.

סענטראַל קאָנפערענס אָוו אַמעריקען ראַביים. אָרגאַניזירט אין 1899. אָפיס, ראָטשעסטער, ניו יאָרק.

נעשאָנאַל קאָונסיל אָוו דזשואיש ווימען. אָרגאַניזירט אין 1893. אָפיס

2109 בראָדוויי, ניו יאָרק. 228 סעק־שאָנס, 7 דזשוניאָר אָקזילעריס.

דראָפּסי קאָלעדזש. אָרגאניזירט אין 1905. בראָד און יאָרק, פילאדעלפיא, פּא.

עדיוקיישאָנעל ליג פאָר דהי ריער עדיוקיישאָן אָוו אָרפענס. אָרגאניזירט אין 1896. אָפיס 336 ענדזשינירס ביל־דינג, קליוולאנד, אָהייאָ.

עקס-פּיישענטס טובערקולאָז האָום אָוו דענוועד, קאָלאָראדאָ. אָרגאניזירט אין 1908. אָפיס, 8000 מאָונטוויו בול־ווארד, דענווער, קאָלאָראדאָ.

פעדערייש אָן אָוו האָנגעריען דזשוס אין אמעריקא. אָרגאניזירט אין 1909. אָפיס, 1 יוניאָן סקוועד, ניו יאָרק.

פעדערייש אָן אָוו פּאָליש דזשוס אָוו אָמעריקא. אָרגאניזירט אין 1908. אָפיס 32 יוניאָן סקוועד, ניו יאָרק.

היברו שעלטערינג ענד אימיגראנט אייד סאָסייעטי אָוו אָמעריקא. (האיאס). די „היברו שעלטערינג האָוז אסאָסיאיישאָן" איז אָרגאניזירט געוואָרען אין 1888. די „היברו אימיגראנט אייד סאָסייעטי" איז אָרגאניזירט געוואָרען אין 1901. אָפיס, 425 לאַפאַיעט סטריט, ניו יאָרק.

היברו טעאָלאָדזשיקאָל קאָלעדזש. אָרגאניזירט אין 1921. אָפיס, 3446-52 דאָגלאס בולווארד, שיקאגאָ.

היברו יוניאָן קאָלעדזש. סינסינע־טי, אָהייאָ. ווערט אויסגעהאלטען פון דער „יוניאָן אָוו אמעריקען היברו קאָנ־גרעגיישאָנס", אָרגאניזירט אין 1873. אָפיס, סינסינעטי, אָהייאָ. דער פאָר־באנד באשטעהט פון 278 קאָנגרעגיי־שאָנס.

הסתדרות עברית. אָרגאניזירט אין 1916. רעאָרגאניזירט אין 1922. אָפיס, 114 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק.

אינדעפּענדענט אָרדער בני ברית. אָרגאניזירט אין 1843. אָפיס, 9 וועסט 4טע סטריט, סינסינעטי, אָהייאָ. 85,000 מיטגלידער, 500 לאָדזשעס אין 14 דיסט־ריקטען (פון זיי 7 אין די פאראייניגטע שטאַאַטען).

אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם. אָרגאניזירט אין 1887. אָפיס, 37 זיבעטע סטריט, ניו יאָרק. 142,000 מיטגלידער, 600 לאָדזשעס.

אינדעפּענד. אָרדער ברית שלום. אָרגאניזירט אין 1850. אָפיס, 506 פיין סטריט, פילאדעלפיא, 26,000 מיטגלי־דער, 214 לאָדזשעס.

אינדעפּענדענט אָרדער פרי סאָנס אָוו איזראָעל. אָרגאניזירט אין 1849. אָפיס, 3109 בראָדוויי, ניו יאָרק. מיט־גלידער 8,659, לאָדזשעס 78, אין 2 די־סטריקטען.

אינדעפּענדענט אָרדער סאָנס אָוו דייוויד. אָרגאניזירט אין 1905. אָפיס, 398 מארקעט, מעקינספּאָרט, פּאַ. 878 מיטגלידער.

אינדעפּענדענט וועסטערן סטאַר אָרדער. אָרגאניזירט אין 1894. אָפיס, 1127 בליו איילאנד עוועניו, שיקאגאָ. 17,924 מיטגלידער, 128 לאָדזשעס.

אינד. וואָירקמענס סוירקל, אינק. (אינדעפּענדענט ארבייטער רינג). אָרגא־ניזירט אין 1906. אָפיס, 86 לעווערעט סטריט, באָסטאָן. 5,369 מיטגלידער.

דזשואיש אגריקולטשור עקספּע־רימענט סטיישאָן. אָרגאניזירט אין 1910. אָפיס 356 צווייטע עוועניו, נ. י.

דזשואיש אגריקולטשורעל סאָ־סייעטי, אינקאָרפּאָרייטעד. אָרגאני־זירט אין 1900. אָפיס, 301 איסט 14 סטריט, ניו יאָרק.

דזשואיש קאָנסאָמפּטיוו רעליף אסאָסיאיישאָן אָוו קאָליפאָרניא. אָר־גאניזירט אין 1912. אָפיס, 404 יוניאָן ליג בילדינג, לאָס אנדזשעלעס, קאָליפאָר־ניא. מיטגלידער 75.000, מיט צוויי

אָקזילערי סאָסייעטיס, האָט אַ סאַניטאַריום אין דוארטי, קאַל.

דזשוואיש קאָנסאָמפּטיוו רעליף סאָסייעטי אָוו דענווער. אָרגאַניזירט אין 1904. אָפיס, דענווער, קאָלאָראַדאָ. 100,000 ביישטייערער, 11 אוקזילערי סאָסייעטיס, 9 אָרגאַניזירטע דיסטריקט, סאַנאַטאָריום האָט 280 בעטען. גיט ארויס צוויי צייטונגען.

דזשואיש אינסטיטוט אָוו רעלידזשאָן. אָרגאַניזירט אין 1920, אָפיס, וועסט 68טע סטריט, לעבען סענטראַל פּאַרק, ניו יאָרק.

דזשואיש מיניסטערס אַסאָסיאיישאָן אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1917. אָפיס, 74 איסט 118טע סט. ניו יאָרק.

דזשואיש מיניסטערס קענטאָרס אַסאָסיאיישאָן אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1918. אָפיס, 40 צווייטע עוועניו, ניו יאָרק.

דזשואיש מאָטהערס עלייענס אָוו די יונייטעד סטייטס אָוו אַמעריקא. אינקאָרפּאָרירט אין 1916, אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַל.

אידיש נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד (דזשואיש וואָירקערס עלייענס). אָרגאַניזירט אין 1912. אָפיס, 228 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. 6,100 מיטגלידער, 112 ברענטשעס. גיט ארויס אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל „די אידישע אַרבייטער שטימע".

דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1888. אָפיס 1201 נאָרד בראָד סטריט, פילאַדעלפיא.

אידישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי פועלי ציון פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע. אַרגאַניזירט 1905. אָפיס 133 צווייטע עוועניו, ניו יאָרק. 3.000 מיטגלידער.

אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד. אָרגאַניזירט אין 1921. אָפיס, 175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. נייטען כאַנין, סעקרעטאַר, סאָל ריפּקין טרעזשורער. י. וויינבערג, טשערמאַן. גיט ארויס אַ וועכענטליכען אָרגאַן, „דער וועקער", ד. שוב רעדאַקטאָר.

אידישער לערער סעמינאַר. אָרגאַניזירט אין 1917. אָפיס, 228 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק, 4,000 מיטגלידער. אָפיסערס: יואל ענטין, פנחס גינגאָלד, דר. יהודה קויפמאַן.

דזשואיש טעאַטריקעל גילד אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1924, אָפיס, 1607 בראָדוויי, ניו יאָרק. 2000 מיטגלידער.

דזשואיש טעאָלאָדזשיקעל סעמינאַרי אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1886. אָפיס, 531 וועסט 123טע סט., ביבליאָטעק האָט 70.000 בענד און 6.000 מאַנוסקריפּטען. באַאַמטע: לואיס מאַרשאַל, סאָל. מ. שטרוק, לואיס ס. שטראוס, רעניעל גוגענהיים, אַדאָלף גוגענהיים, פעליקס מ. ווארבורג, סירוס אדלער און אַנדערע.

דזשואיש טעאָלאָדזשיקעל סעמינאַרי. אָרגאַניזירט אין 1901. 158 מיטגלידער.

דזשואיש וועלפער באָארד. אָרגאַניזירט אין 1917. אָפיס, 352 פערטע עוועניו, ניו יאָרק. פאַראייניגט אין 1921 מיט יאַנג מענס היברו און ענליכע אַסאָסיאַציעס.

דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע אָוו די אַמעריקען פאָנדס פאָר דזשואיש וואָר סאָפערערס (דער דזשאָינט). אָרגאַניזירט אין 1914. אָפיס 40 עקסטשיינדזש פּליים, ניו יאָרק. 65 מיטגלידער. אָפיסערס: פעליקס מ. ווארבורג, הערעט ה. לעהמאַן, דזשיימס נ. ראָזענבערג, פּאָל בערוואַלד, דזשאָרדזש וו. נאַומבורג, מרס. ה. ב. ל. גאָלדשטיין, וויליאַם דזש. מעק.

די מענארא מאוומענט. ארגאניזירט אין 1913. אפיס, 167 וועסט 13טע סטריט, ניו יארק. 5.000 מיטגלידער, 73 געזעלשאפטען. גיט ארויס דעם „מענארא זשורנאל" מאנאטליך, און נאך צוויי פעריאדישע אויסגאבען.

די מזרחי ארגאניזיישאן או אמעריקא. ארגאניזירט אין 1912, אפיס, 31 יוניאן סקוועיר, ניו יארק. 20,000 מיטגלידער, 298 ארגאניזאציעס.

מזרחי הצעיר. ארגאניזירט אין 1920. אפיס, 138 איסט 2טע סטריט, ניו יארק. 3,000 מיטגלידער.

נעשאנאל קאנפערענס או דזשואיש סאשעל סורוויס. ארגאניזירט אין 1899 אלס נעשאנאל קאנפערענס או דזשואיש טשאריטיס אין די יונייטעד סטייטס. אפיס, 114 פינפטע עוועניו, ניו יארק. 1.400 מיטגלידער, 215 געזעלשאפטען.

די נעשאנאל פארם סקול. ארגאניזירט אין 1896. אפיס, 1101 מארקעט סטריט, פילאדעלפיא. 10,000 מיטגלידער.

נעשאנאל פעדערייזשאן או אורקראיניען דזשוס או אמעריקא. רעארגאניזירט אין 1920. אפיס, 1 יוניאן סקוועיר, ניו יארק. פארבונדען מיט 110 ארגאניזאציעס.

נעשאנאל דזשואיש האספיטאל פאר קאנסאמפטיווס. ארגאניזירט אין 1899. אפיס, 3800 איסט קאלפעקס עוועניו, דענווער, קאלארעדא.

ארדער ברית אברהם. ארגאניזירט אין 1859. אפיס, 266 גרענד סט., ניו יארק. 28,650 מיטגלידער, 185 לאדזשעס.

ארדער גייטס או דזשאזעף. ארגאניזירט אין 1896. אפיס, 28-1022 ענדזשינירס בילדינג, קליוולאנד, אהייא. 10.587 מיטגלידער, 68 לאדזשעס.

ארדער או דהי יונייטעד היברו בראדערס. ארגאניזירט אין 1915. אפיס וואירלד עקסטשיינדזש בענק בילדינג, 174 צווייטע עוועניו, ניו יארק.

ארדער בני ציון. ארגאניזירט אין 1908. אפיס, 44 איסט 23טע סטריט, ניו יארק. 7.000 מיטגלידער, 101 קעמפס.

„ארט". ארגאניזירט אין 1922. אפיס, 13 יוניאן סקוועיר, ניו יארק. אפיסערס אדאלף לואיסאן, דזשדזש דזשייקאב פענקין, דזשאדזש אטא ראזאלסקי, ב. וולאדעק און אנדערע.

פאלעסטיין דעוועלאפמענט קאונסיל. ארגאניזירט אין 1921. אפיס, 27 וויליאם סטריט, ניו יארק.

פראגרעסיוו ארדער או די וועסט. ארגאניזירט אין 1896. אפיס, 406 פריסקא בילדינג, 9טע און אליוו סט. סט. לואיס, מיזורי. 11,871 מיטגלידער.

ישיבת ר' יצחק אלחנן. ארגאניזירט אין 1896. אפיס, 301 איסט בראדוויי, ניו יארק. ביבליאטעק האט 8.000 בענד און אייניגע מאנוסקריפטען.

סעפארדיק בראדערהוד או אמעריקא, אינק. ארגאניזירט אין 1921. אפיס, 83 איסט 116טע סט., ניו יארק.

טריינינג סקול פאר דזשואיש סאשעל ווארק. ארגאניזירט אין 1925. אפיס, 210 וועסט 91טע סט., ניו יארק, 25 מיטגלידער.

יוניאן או ארטאדאקס דזשואיש קאנגרעגיישאנס או אמעריקא. ארגאניזירט אין 1902. אפיס, 221 86טע סטריט, ניו יארק.

ווימענס בראנטש או דהי יוניאן או ארטאדאקס דזשואיש קאנגרעגיישאנס או אמעריקא. ארגאניזירט אין 1920. אפיס, 131 וועסט 86טע סט., ניו יארק.

יוניאן או ארטאדאקס ראביים או יונייטעד סטייטס ענד קענעדע. ארגאניזירט אין 1902. אפיס, 221 איסט בראדוויי, ניו יארק. 225 מיטגלידער.

יונייטעד אָרדער „טרו סיסטערס". אָרגאַניזירט אין 1846, אַלס „אינדעפּענ־דענט אָרדער אָוו טרו סיסטערס". אָפּיס, 309 וועסט 109טע סטריט, ניו יאָרק. 10.400 מיטגלידער, 27 לאָדזשעס. גיט אַרוים אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל „די עקאָ".

יונייטעד רומעניען דזשוס אָוו אַמעריקא. אַ פאַראייניגונג פון דער פעדעריישאָן אָוו רומעניען דזשוס אָוו אַמעריקא און דער אַמעריקאַן יוניאָן אָוו רומעניען דזשוס. אָפּיס, 799 בראָדוויי, ניו יאָרק.

יונייטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1913. אָפּיס, 531 וועסט 123טע סטריט, ניו יאָרק.

דער אַרבייטער רינג (וואָירקמענס סוירקעל). אָרגאַניזירט אין 1900. אָפּיס 175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. 84.477 מיטגלידער. אָפּיסערס: נ. פיינערמאַן, פּרעז., י. באַסקין, סעקרעטאַר. גיט אַרוים אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל, „דער פריינד".

צעירי ציון התאחדות אָוו אַמע־ריקא. אָרגאַניזירט אין 1921. אָפּיס, 425 לאַפאַיעט סטריט, ניו יאָרק, 2000 מיטגלידער.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1897. רי־אָרגאַניזירט אין 1918. אָפּיס, 114 5טע עוועניו, ניו יאָרק. 40.000 מיטגלידער. גיט אַרוים צוויי מאָנאַטליכע און צוויי וועכענטליכע צייט־שריפטען. אָפּיסערס: לואי ליפּסקי, בערנאַרד א. ראָזענבלאַט און אַנדערע.

הדסה (די וויסענס זייאָניסט אָרגאַ־ניזיישאָן). אָרגאַניזירט אין 1912. אָפּיס, 114 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק.

פאַרבאַנד פון גאַליציאַנער און בוקאָווינער אידען — אָרגאַניזירט אין 1903; לייבאָר טעמפּעל (צווייטע עווע־ניו און 14טע סטריט, ניו יאָרק).

אַמעריקאַנישע אידישע דאָקטוירים קאָמיטע (אַמעריקען דזשואיש פיזישענס קאָמיטע, צו אָרגאַניזירען אַ מעדיצינישען פאַקולטעט אין דעם ארץ־ישראל׳ער אוני־ווערסיטעט) אָרגאַניזירט אין 1921. אָפּיס, 5 קאָלאָמבוס סוירקעל, ניו יאָרק.

אלף־צדיק־אלף אָוו דהי אינדעפּענ־דענט אָרדער בני ברית. אָרגאַניזירט אין 1914. אָפּיס, 300 פּיטערס טראָסט בילדינג, אָמאַהאַ, נעבראַסקאַ.

בני ברית הלל פאַונדיישאָנס. אָר־גאַניזירט אין 1923. אָפּיס, 625 גריען, שאַמפּיין, אילינאָי.

דזשואיש וויילאָר לידזשאָן (פון אידיש־אַמעריקאַנישע וועטעראַנען פון וועלט־קריג). אָרגאַניזירט אין 1921. אָפּיס, 101 וועסט 42טע סט., ניו יאָרק.

דזשואיש וועטעראַנס אָוו דהי וואָרס אָוו דהי רעפּובליק. אָרגאַניזירט אין 1900. אָפּיס 15 פּאַרק ראָו, ניו יאָרק.

דזשואיש סאַבאַטה עליִיענס אָוו אַמעריקא (שומרי שבת). אָרגאַניזירט אין 1905. אָפּיס, 302 איסט 14טע סט., ניו יאָרק.

ווימענס ברענטש אָוו אָרטאָדאָקס דזשואיש קאָנגרעגיישאָנס אָוו אַמע־ריקא. אָרגאַניזירט אין 1924. אָפּיס, 131 וועסט 86טע סטריט, ניו יאָרק.

ווימענס ליג אָוו דהי יונייטעד סי־נאַגאָג אָוו אַמעריקא. אָרגאַניזירט אין 1918. אָפּיס, 551 וועסט 123טע סט., ניו יאָרק.

יאָנג דזשודיא. אָרג. אין 1908. אָפּיס, 114 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק.

יונגע פּועלי ציון׳ אָרג. אין 1915. אָפּיס, 133 צווייטע עוועניו, ניו יאָרק.

יאָנג פּיפּעלס ליג אָוו דהי יונייטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקא. אָרג. אין 1921. אָפּיס, 531 וועסט 123טע סטריט, ניו יאָרק.

יוניאָן אָוו אַמעריקאַן היברו קאָנג־רעגיישאָנס. אָרג. אין 1873. אָפּיס, סינסינעטי, אָהייאָ.

נעשאנאל פעדערײשאן אוו טעמ־פעל בראדערהודס. ארג. אין 1913. אפיס, מוירטשענט בילדינג, סינסינעטי, אהייא.

נעשאנאל אסאסיאיישאן אוו דזשואיש קאמיוניטי סענטער סעק־רעטערים. ארג. אין 1918. אפיס, 352 פערטע עוועניו, ניו יארק.

די געשיכטע פון אידישער קאלאניזאציע אין פאלעסטינא

פון א. ר. מלאכי

דער ערשטער פארזוך צו פאראינטערעסירען די אידען פון ארץ ישראל אין ערד־ארבייט, איז געמאכט געווארען מיט הונדערט יאהר צוריק. ארץ ישראל האט דאמאלסט באלאנגט צו עגיפטען. דער פאקטישער הערשער פון לאנד איז געווען איבראהים פאשא, וועלכער האט איהר עראבערט פון די טערקען.

איבראהים-פאשא האט געוואלט דאס וויסטע לאנד אויפלעבען און געהאפט דאס די אידען מיט זייער ענערגיע וועלען ענטוויקלען דאס לאנד.

ער האט צוליב דעם דאזיגען צוועק, געגעבען גרויסע קאנצעסיעס צו דעם באַ־קאנטען מאהילעווער גביר לוריא, צו גרינדען וועבעריי־פאבריקען אין ירושלים און דעם דרוקער ישראל ב"ק פון צפת, האט ער געשענקט דעם דארף זשערמאק לעבען צפת, וואו ב"ק מיט דרייסיג אידישע פאמיליעס באזעצען זיך דארט און אין א קורצע צייט ווערען זיי אויסגעצייכענטע ערד־ארבייטער.

דאס האט אבער ניט לאנג אנגעהאלטען. דער איבערפאל פון די דרוזען אויף די אידען און שפעטער די ערד־ציטערניש וואס האט האלב צפת חרוב געמאכט, האט געמאכט אן ענדע צו דער אידישער קאלאניע. די מעהרסטע אידען פון צפת, צווישען זיי ב"ק מיט זיינע קאלאניסטען, זיינען אנטלאפען קיין ירושלים.

אין אנהויב פון די פערציגער יאהרען פון פארגאנגענעם יאהר־הונדערט, הויבט זיך אין אמעריקא אן א גרויסע קריסטליכע באוועגונג צו גרינדען קאלאניעס אין ארץ־ישראל און זיך באזעצען דארט. אין דער הויפט פון דער באוועגונג איז געשטאנען א פראטעסטאנטישער גלח מיט'ן נאמען מילער. מילער האט נביאות געזאגט, דאס די וועלט וועט אינגיכען חרוב ווערען. ער האט פיל אנהענגער באקומען, איבערהויפט איז אין זיינע נביאות שטארק איינגעגלויבט געווען א רייכע פרוי פון פילאדעלפיא מיט'ן נאמען מינאר. אזוי ווי דער טאג וואס דער גלח האט באשטימט פאר דער וועלט-אונטערגאנג איז אריבער בשלום, האט מרס. מינאר דערקלערט דאס מילער האט א טעות געהאט אין רעכענונג. די וועלט איבערקערעניש וועט פאסירען אין דעם קריסטען זיך דערנעהענטערען צו די אידען, מוזען היטען דעם אידישען שבת און אידישען יום כפור פון יאהר 1843, נאר איידער דאס וועט פארקומען מוזען די מוזען זיך באזעצען אין דאס „הייליגע לאנד", ארץ-ישראל. דארט וועט דער גרויסער וואונדער פון דער וועלט-אונטערגאנג, געשעהן.

דער טאג וואס מרס. מינאר האט אויסגערעכענט איז אויך אריבער בשלום. דער

גלויבן אין איהר איז אָבער ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרען. יעדען טאָג באַקומט זי נייע אָנהענגער און ענדע פון יאָהר 1848 פאַרלאָזט זי אַמעריקא, און נאָך אַ לענגערע רייזע איז זי אין יאָהר 1849 אָנגעקומען אין ירושלים.

אין ירושלים איז זי געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס עס איז ניט נויטיג דאָס די וועלט זאָל חרוב ווערען. עס איז מעהר וויכטיגער אויפצובויען דאָס וויסטע לאַנד און העלפען די אידען איהר צוריק צו באַקומען. אויפ'ן ראַט פון דעם משומד משולם, קויפט זי אין דעם אַראַבישען דאָרף אַרטוס, אַ גרויסע שטיק לאַנד מיט דעם צוועק צו גרינדען אַ קאָלאָניע פאַר איהרע אָנהענגער אין אַמעריקא, און מיט איהר אַרבייט ווייזען אַ מוסטער צו די אידען צו ווערען ערד אַרבייטער. זי קעהרט זיך צוריק קיין אַמעריקא וואו זי אַגיטירט פאַר די אויפלעבונג פון ארץ ישראל. רייכע אידען סימפּאַטיזירען מיט איהר און שטיצען איהר מיט געלד און נאָך איהר מאַנ'ס טויט פאַרלאָזט זי, אין נאָוועמבער 1851 אַמעריקא און מיט אַ גרויסע צאָהל פון איהרע אָנהענגער פאָהרט זי אין דער „צוגעזאָגטער לאַנד”, צו פאַרווירקליכען דאָרט איהרע טרוימען און פּלענער.

זייער קומען האָט אויף די אידען פון ירושלים אַ גרויסען רושם געמאַכט. ווי מרס. מינאָר זעלבסט שרייבט: „אונזערע ברידער, די אידען, זעהען אין אונזער באַוועגונג אַ צייכען אויף די אויסלייזונג פון זייער לאַנד און דעם קומען פון משיח. זיי ליבען אונז, ווייל מיר היטען אָפּ דעם שבת פּונקט ווי זיי.”

אונטער מרס. מינאָר'ס איינפלוס האָבען פילע אידען פון ירושלים זיך גענומען צו ערד־אַרבייט. אָבער איידער מרס. מינאָר האָט געפונען מיטלען צו קויפען נייע לאַנד אויף צו קאָלאָניזירען די אידען, האָבען איהרע אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען זיך געפונען ענטוישט. פילע פון זיי זיינען ניט צוגעוועהנט געווען צו דעם קלימאַט פון לאַנד, פילע האָבען זיך געמאַטערט און געפּלאַגט, און געזוכט אַ געלעגענהייט צו פאַרלאָזען ארץ ישראל. אַ יאָהר שפּעטער נאָך זייער קומען פון אַמעריקא, האָט דער באַריהמטער פאָרשער ראָבינסאָן באַזוכט די קאָלאָניסטען און געפונען זיי אין אַ פאַרצווייפעלטער לאַגע. אויף מרס. מינאָר'ס טרוים צו גרינדען קאָלאָניעס פאַר די אידען פון ירושלים, שרייבט ער: „עס איז נאַריש און לעכערליך צו דענקען דאָס די אידען פון פּאַלעסטינא וועלען זיך באַשעפטיגען מיט ערד־אַרבייט”...

אין אַ יאָהר אַרום האָט זיך קיין איין קאָלאָניסט ניט געפונען אין ארץ ישראל. מרס. מינאָר איז געבליבען עלענד און איינזאַם, אָבער פעסט אין איהר גלויבען דאָס די אידען וועלען מיט זייערע הענד באַאַרבייטען זייער לאַנד...

אין יאָהר 1856 באַזוכט משה מאָנטעפיאָרע ארץ ישראל. זיין באַזוך איז דורכאויס געווידמעט צו פאַרלייכטערען די געדריקטע לאַגע פון די אידען אין ירושלים און צפת, וועמעס לעבענס־עקזיסטענץ איז אָנגעוויזען אויף די „חלוקה”־נדבות. מאָנטיפיאָרע זעהט אויך אין אַגריקולטור די איינציגע הילף זייערע, און ער קויפט צוליב דיזען צוועק אַ גרויסען גאָרטען באַפּלאַנצט מיט 1907 פאַרשידענע פרוכטבוימער, מיט אַ היבשען ליידיגען באָדען אַרום איהם, אויף צו לערנען די יוגענד ערד־אַרבייט.

מיט עטליכע יאָהר שפּעטער הויבט זיך אָן אַ שטאַרקע באַוועגונג צווישען אידען און קריסטען אין אייראָפּא, אמעריקא און אויסטראַליע, צו גרינדען אידישע קאָלאָניעם אין ארץ ישראל. די באַוועגונג איז פון אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַל און פילאַנטראָ־

פישען כאראקטער. אין פראנקפורט-אן-מיין גרינדעט זיך די ערשטע חובב-ציוניסטישע חברה, וועלכע זאמעלט געלד צו גרינדען קאלאניעס אין ארץ ישראל. אין דעם איז אויך פאראינטערעסירט די „אליאנס איזראעליט" פון פאריז. באפאלמעכטיגט פון איהר קומט קארל נעטער קיין ארץ-ישראל, און גרינדעט, לעבען יפו, די אקער-בוי שולע „מקוה ישראל".

די גרינדונג פון „מקוה ישראל" האט פון דאס ניי אויפגעלעבט דעם אינטערעס פון די יוגענד אין ארץ ישראל צו ערד-ארבייט. אין ירושלים און אין צפת ווערען געגרינדעט פארשידענע חברות מיט'ן צוועק צו קויפען לאנד. דער קאלאניזאציאן-געדאנק הויבט ביסלעכווייז אן אריבערצוגעהן פון טעאריע אין פראקטיק. אין יאהר 1875 ווערט געקויפט דער באדען פון גי-אוני לעבען צפת, אין יאהר 1878 ווערט געקויפט דער באדען אויף וועלכען די ערשטע קאלאניע אין ארץ-ישראל איז געבויט געווארען.

די ערשטע קאלאניע „פתח תקוה", וועלכע איז צו היינטיגען טאג די גרעסטע אין לאנד, איז געגרינדעט געווארען דורך עטליכע ירושלים'ער פאמיליעס. זי געפינט זיך צוויי שעה ווייט פון יפו. דער באדען-פרוכטבאר, אבער די לופט איז געווען א פארפעסטעטע. ליגענדיג ארום די זומפען פון דער עוג'ה (דער טייך ליטאן), זיינען די מעהרסטע קאלאניסטען קראנק געווארען. דערצו האבען די אראבער איינינגע מאל איבערגעפאלען די קאלאניע, אבער די קאלאניסטען האבען אויף קיין שום שטערונג ניט געקוקט. אום אויסצורייניגען די פארפעסטעטע לופט האט מען גענומען פארפלאנצען אקליפטוס-בוימער. איינינע האבען זיך באזעצט אין דעם נאהענטען דארף יהודיה. איבערקומענדיג אלע שטרויכלונגען האט אין צוויי יאהר צייט די קאלאניע זיך אזוי אויסגעברייטעט, דאס מען האט גענומען צוקויפען מעהר באדען. אין יאהר 1883 האט פתח-תקוה שוין באזעסען 1478750 דונאם לאנד און 95 לאנד-באזיצער. פון 77 וועלכע האבען אליין באארבייט זייער ערד, און די איבעריגע האבען זיך געפונען אין פארשידענע לענדער אין אייראפא, וואס האבען ביי די גרינדער געקויפט צו עטליכע דונאם לאנד, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון באזיצען ערד אין דאס הייליגע לאנד.

אין 1881 גלייך נאך די פאגראמען אויף די אידען אין רוסלאנד, ווערט די אידישע קאלאניזאציע אין פאלעסטינא, אן אלגעמיינע אידישע פראגע. פאר די פאגראמירטע אידען וועלכע האבען געמוזט אויסוואנדערען פון רוסלאנד, איז געשטעלט געווארען די פראגע: וואוהין זאלען זיי געהן? ארץ-ישראל און אמעריקא,ביידע לענדער זיינען אויף איין מאל ארויפגעשוואומען און די אידישע (ריכטיגער געזאגט: די העברעאישע פרעסע) איז צוטיילט געווארען אויף צוויי לאגערען: די האבען געטענה'ט פאלעסטינא און די אמעריקא. און אזוי ווי די פרעסע, אזוי אויך די אידישע פילאנטראפען; איינינע האבען געשטיצט די באוועגונג צו גרינדען קאלאניעס אין ארץ ישראל, די מעהרסטע — צו ארגאניזירען א מאסען-אימיגראציע קיין אמעריקא. עס איז כאראקטעריסטיש צו דערמאנען, דאס דער הויפט געגנער פון אן אימיגראציע קיין פאלעסטינא איז געווען קארל נעטער, דער הייסער נאציאנאליסט און גרינדער פון דער פריהער דערמאנטער „מקוה-ישראל".

אבער איידער עס איז נאך איינגעשטילט געווארען דער קאמף ארום ארץ-

ישראל און אמעריקא, זיינען אין ארץ ישראל געגרינדעט געוואָרען צוויי נייע קאָ־לאָניעס: ראשון־לציון, לעבען יפו און ראש־פנה, לעבען צפת.

די גרינדער פון דער ערשטער קאָלאָניע זיינען געווען רוסישע אידען, אָרגאַני־זירט ארום ז. ד. לעוואָנטין און פון דער צווייטער — רומענישע אידען. אין דער־זעלבער צייט קומען אין ארץ ישראל די „ביל״ו״־פּיאָנירען, די יעניגע וועלכע זיינען אונטער דעם איינדרוק פון די פּאָגראָמען געוואָרען נאַציאָנאַליסטיש געשטימט און געקומען קיין ארץ ישראל מיט דעם איינציגען וואונש מיט זייער שוויס אויפלעבען דאָס לאַנד און מיט זייער בלוט איהר באַפרוכפּערען.

די פּיאָנערען זיינען געווען פול מיט אידעאַליזם, פול מיט באַגייסטערונג, אָבער טרעפענדיג זיך מיט דער ווירקליכקייט, איז זייער לאַגע געווען טרויעריג און האָפנונגסלאָז. זיי זיינען געקומען אָהן געלד, אויסער זייער גוטען ווילן און זייער חשק צו ארבייטען האָבען זיי מיט זיך גאָר ניט געהאַט און האָבען ניט געזעהן קיין שום האָפענונג זיך צו קאָנען קאָלאָניזירען. די ערשטע צייט האָבען זיי באַקומען ארבייט אין „מקוה ישראל״. דער לוין איז זעהר קליין געווען, די באַדינגונגען שווערע און דערצו האָבען זיי געמוזט אויסשטעהן באַליידיגונגען פון דעם דירעקטאָר הירש, א געוועזענער פראַנצויזישער אָפיציר. אין יאָהר 1884 האָט איצט דער חובב־ציון־קאָמיטעט פון אדעס, געקויפט פאַר זיי 3368 דונאם לאַנד און זיי האָבען געגרינדעט די קאָלאָניע „גדרה״.

די געדריקטע לאַגע פון די ערשטע פּיאָנירען האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטען אַנדערע זיי נאָכצוטאָן. טאָג־טעגליך פלעגען אין ארץ־ישראל קומען נייע גרופּען פון רוסלאַנד און רומעניען, מיט'ן צוועק צו קויפען לאַנד און גרינדען קאָלאָניעס. צווישען 1882-1885 זיינען געגרינדעט געוואָרען די פאָלגענדע קאָלאָניעס: זכרון יעקב, יסוד המעלה, וואַדי־חנין און עקרון. די לעצטע איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם באַראָן ראָטשילד וואָס אויף די ביטע פון ר' שמואל מאָהיליווער האָט ער איינגע־שטימט צו שיקען צעהן קאָלאָניסטען פון רוסלאַנד, צו זעהן צי ארץ־ישראל איז גוט פאַר קאָלאָניזאַציע און אויספּרובירען דעם געדולד פון די אידען צו באַארבייטען א לאַנד וואָס איז וויסט, און עס פאָדערט זיך די גרעסטע ענערגיע און מסירות נפש אָנצוהאַלטען זיך ביי דעם.

די לאַגע פון די קאָלאָניסטען איז ניט גלענצענד געווען. די מעהרסטע האָבען פון ערד ארבייט א קנאַפּען באַגריף געהאַט. פון שולע אָדער פון האַנדעל זיינען זיי איבערגעגאַנגען צום אַקער־אייזען. ניט האָבענדיג קיין ערפאַהרונג, זיינען זיי אריינ־געפאַלען אין דעם באָדען. ראשון־לציון האָט געהאַט פילע מעלות: זי איז נאָהענט צו יפו, די לופט א גלענצענדע, די וואַסער קלאָר און ריין, דער באָדען איז גוט צו פאַרשידענע פּלאַנצונגען, אָבער אויף זייען האָט זי ניט געטויגט. די קאָלאָניסטען האָבען זיך פיל אָנגעשטרענגט, האָבען פיל מיה אריינגעלעגט, האָבען זייער געלד פאַר־טאָן אין די אַנטוויקלונג פון די קאָלאָניעס, און ענדליך זיינען זיי געבליבען פאַר־צווייפעלט. די געלד־מיטלען האָבען זיך ביי זיי אויסגעלאָזען, און דערצו האָבען זיי געהאַט אויסצושטעהן פילע צרות וואָס ווען ניט דער געדאַנק דאָס מיט זייער ארבייט בויען זיי א צוקונפט פאַר דאָס אידישע פאָלק, וואָלטען זיי פאַרלאָזען דאָס לאַנד.

די חובבי־ציון, די זאָרגער פאַר דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל, האָבען די־

קאָלאָניסטען אויך ניט געקענט פיל העלפען. די שטיצע וואָס זי האָט צוגעשיקט, איז זעהר קליין געווען. קליינע געלד שטיצע האָבען די קאָלאָניסטען עטליכע מאָל אויך באַקומען פון דייטשלאַנד. אָבער עס איז ניט גענוג געווען ארויסצוראַטעווען זיי פון זייער נעדריקטער לאַגע און די קאָלאָניזאַציע שטעלען אויף אַ פעסטען באָדען.

אין דעם פאַרצווייפעלטען מאָמענט איז אונגעריכט זיי געקומען צו הילף דער באַראָן עדמאָנד ראָטשילד פון פאַריז. די קאָלאָניסטען פון ראשון לציון האָבען זיך געהאט געווענדעט צו דעם פאַריזער פילאַנטראָפּ ערלאַנגער, זיי ארויסצוהעלפען מיט אַ הלואה פון דרייסיג טויזענד פראַנק. ערלאַנג'ער האָט דעם באַראָן פאַראינטערע־סירט מיט די לאַגע פון די קאָלאָניסטען, און ניט נאָר איז די סומע זיי געגעבען גע־וואָרען, דער באַראָן האָט ביסלעכוויז די קאָלאָניעס גענומען אונטער זיין שוץ און די קאָלאָניסטען גענומען אויסהאַלטען ווי זיי וואָלטען זיינע קינדער געווען.

זייט דער באַראָן האָט די קאָלאָניעס איבערגענומען אין זיין רשות, האָט די קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע זיך אויסגעברייט און צובליהט זיך. די קאָ־לאָניסטען זיינען פריי געווען פון אַלע זאָרג, אָבער קיין טובה איז זיי פון דעם ניט ארויסגעקומען. דער באַראָן האָט די קאָלאָניעס איבערגעגעבען אין די הענט פון זיינע אַדמיניסטראַטאָרס, וועלכע האָבען זיך ניט גערעכענט מיט די געפיה־לען פון די קאָלאָניסטען און געקוקט אויף זיי אַלס פּאַראַזיטען, אַלס אַזעלכע, וואָס לעבען פון קצבה. די קאָלאָניסטען האָבען צום אָנהויב פּראָטעסטירט און געהאָפּט דאָס די לאַגע וועט זיך ענדערען צום גוטען, אָבער וואָס ווייטער זיי־נען די קאָלאָניסטען אַלץ מעהר פאַרשקלאַפּט געוואָרען. זיינען געוואָרען פּאַק־טישע קנעכט צו פאַרשידענע פּריצים, פּריצים מיט משוגענע קאַפּריזען. די וואָס האָבען געפּרואווט בונטעווען און רעוואָלטירען, האָט מען ארויסגעיאָגט פון דער קאָלאָניע, מען האָט צוגענומען זייערע הייזער, זייערע פערד און בהמות, און געלאָזען הויל נאַקעט.

די לאַגע איז געוואָרען פיל ערגער נאָכדעם ווי די קאָלאָניסטען האָבען זיך שוין צוגעוואוינט צו זייער מצב. פילע האָבען אָנגעוואָרען יעדען חוש פאַר זעלבסט־רעספּעקט, און זיינען צופרידען געווען צו זיין „קעסט־קינדער" פון באַראָן. דאָס האָט אויך געבראַכט צו דעמאָראַליזירונג. פילע זיינען געוואָרען פויל, האָבען ניט געוואָלט אַרבייטען, האָבען זיך מעהר אָפּגעגעבען צו גע־פעלען די אַדמיניסטראַטאָרען, זיך שמייכלען צו זיי, קושען די רוט וואָס שלאָגט זיי, פאַרשקלאַפּט און דערנידעריגט זיי. דאַגעגען זיינען אָנגענומען געוואָרען אַלס קאָלאָניסטען אַזעלכע, וואָס האָבען קיין שום באַגריף ניט געהאַט פון ערד־אַרבייט, האָבען ניט געהאַט קיין חשק צו דעם. איז ווער נאָר געפעלען דעם אַדמיניס־טראַטאָר, האָט ער איהם געגעבען אַ הויז, עטליכע קיה און אָקסען, אַ שטיק ערד און פאַרשריבען איהם אַלס „קצבה"־נעהמער...

אָט די סיסטעם פון שטיצע, וואָס האָט אָנגעהאַלטען עטליכע יאָהר, איז די גרעסטע שאַנד אויף די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

די מאָס איז אָבער פאַרפולט געוואָרען. די שווידעריכע מעשים פון דער אַדמיניסטראַציע האָט שוין מעהר ניט געקענט פאַרשוויגען ווערען. פאַרשידענע

שרייבער האָבען די אַלע סקאַנדאַלען גענומען פאַרעפענטליכען, האָבען גענומען דערמוטיגען די קאָלאָניסטען אַרונטערצואוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון דער אַדמיניסטראַציע. דער באַריהמטער העברעאישער שרייבער אחד-העם האָט צוליב דעם דאָזיגען צוועק באַזוכט ארץ ישראל און פאַרעפענטליכט זיין „אמת מארץ ישראל". ביסלעכווייז איז געקומען אַן ענדע צו דער אַדמיניסטראַציע. דער באַראָן האָט זיי אייניציגווייז צוריקגערופען פון ארץ-ישראל.

כאָטש די אַדמיניסטראַציע איז ניט אין גאַנצען בטל געוואָרען, די אַפּטרופּסות אויף די קאָלאָניסטען איז ניט אַרונטערגענומען געוואָרען, אָבער זיי זיינען שוין ניט געווען אַזוי פאַרשקלאַפט ווי פריהער. די קאָלאָניסטען הויבען אָן אַ נייע עפּאָכע אין זייער לעבען און עס הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָניזאַציע. לויט דעם וואונש פון באַראָן פאַרבלייבען אין די קאָלאָניעס נאָר די יעניגע, וועלכע זיינען ווירקליך פעהיג צו זיין קאָ-לאָניסטען און די שטיצע באַקומען נאָר די פלייסיגע און די אמת איבערגעגעבענע ערד-אַרבייטער.

אין די נייַנציגער יאָהרען ווערט די קאָלאָניזאַציע פיל פאַרגרעסערט. די חובבי-ציון און דער אויפשוואונג פון פּאָליטישען ציוניזם, האָבען געבראַכט צו גרינדען נייע קאָלאָניעס: רחובות, קוסטינה, חידרה, משמר הירדן, עין זיתים, „בני יהודה", רמה, מוצא, בת-שלמה, שויה, באר-טוביה, ארתוף, כפר-סבא, אטליט, טאַנטור, מחרגים. די מעהרסטע פון זיי — געקויפט פון באַראָן ראָטשילד. אייניגע פון די פאַרשידענע „חובבי ציון" חברות, צוויי (מוצא און רמה) פון ירושלים'ער אידען.

אַ קורצע צייט איז אַריבער און די קאָלאָניעס האָבען זיך ענטוויקעלט. אייניגע האָבען זיך שוין אין גאַנצען ניט גענויטיגט אין שטיצע. אייניגע זיינען געשטיצט געוואָרען פון באַראָן און פון די חובבי-ציון. די וויינען און אָראַנ-דזשעס פון די קאָלאָניעס האָבען באַקומען אַ מאַרק אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. עס איז געגרינדעט געוואָרען דער „כרמל" וויין סינדיקאַט, און כמעט יעדער ציוניסט און נאַציאָנאַל געזאָנענער איד האָט זיך באַנוצט מיט די ארץ-ישראל וויין. פּלוצלונג איז אין 1902 אַריבער אַ קריזיס איבער די קאָלאָניעס. דער-צו האָט דער באַראָן זיך איינגאַנצען צוריקגעצויגען צו שטיצען די קאָלאָניעס. די קאָלאָניעס האָט ער איבערגעגעבען אין דעם רשות פון דער יק"א, וועלכע האָט פאַר די קאָלאָניסטען ניט געזאָרגט מיט דער פּאַטערליכער איבערגעבענהייט פון באַראָן.

דער קריזיס איז אַריבער בשלום. ביסלעכווייז איז די לאַגע געוואָרען נאָר-מאַל. די קאָלאָניסטען האָבען זיך וואָס מעהר איינגעוואָרצעלט און צוגעבונדען צום לאַנד, און פיהלענדיג זיך דאָס זיי מוזען פאַר זיך זעלבסט זאָרגען, האָבען זיי זייער גאַנצע ענערגיע אַריינגעלייגט אין זייער באָדען, אַזוי דאָס די קאָלאָניעס זיינען איצט די הויפּט-עקזיסטענץ פון לאַנד.

צו היינטיגען טאָג געפינען זיך אַרום 115 גרעסערע און קלענערע קאָלאָניעס. אַ גרויסער טייל (189,360 דונאם) איז דער אייגענטום פון נאַציאָנאַל-פאָנד.

סטאטיסטיק פון אידישע קאלאניעס פון ארץ־ישראל*)

נאמען פון קאלאניע	געגרינדעט	דונאם	נפשות	פאמיליעס
יהודה				
פתח תקוה	1878	25,807	7,000	—
ראשון לציון	1882	—	—	2,000
נס ציונה	1882	2,500	—	380
באר יעקב	1908	—	—	200
רחובות	1890	14,198	—	2,000
עקרון	1894	—	—	410
גדרה	1885	—	—	185
באר טוביה	1895	—	—	229
רוחמה	1911	1,200	—	—
עין גנים	1908	765	250	—
פעדג'א	—	840	—	—
כפר גנים	—	3,000	—	—
קבוצת קבץ השלשה	—	96	—	250
קרית שאול	—	—	—	30
עיר שלום	—	2,000	—	10
הרצליה	—	1,300	—	350
ארסוף	—	3,000	—	—
מגדיאל	1924	6,000	200	40
כפר מולי	1912	640	150	40
כפר סבא	1904	7231	220	—
רעננה	1922	4,700	—	—
בית שמן	1906	—	120	—
גזר	1913	6,910	—	10
סוצאן	—	450	18	—
נחל שרק	—	900	20	—
חולדה — יער הערצל	1908	1890	50	—
כפר אוריה	1912	—	—	—
הר טוב (ארטוף)	1896	5,600	150	—
קרית ענבים (דילב)	1812	4,000	90	—
שכונת בארובאוו	1921	650	250	—
נחלת יצחק	—	—	—	—
רמת גן	1921	1,500	—	120
נחלת גנים	1925	280	60	12
ארטין	—	100	10	—
שכונת שיינקין	—	600	—	—
בני ברק	1924	1,330	55	120
ארזה	—	—	35	—

*) קוועלען: נאציאנאל־פאנד קאלענדאר און „כל ארץ־ישראל“.

נאָמען פון קאָלאָניע	געגרינדעט	דונאם	פּרדס	פאַמיליעס
מוצא	1890	—	—	—
עמק הרזים	—	—	—	—
רמה	—	1,400	—	—
באר יעקב	1914	1,317	18	—
בית גן	—	7 000	—	—
מקוה ישראל (שולע)	1870	2,612	300	—
נחלת יהודה	1912	750	215	—
שומרון				
חדרה	1891	32,500	850	—
נחליאל	—	—	109	—
גן שמואל	1899	600	50	—
חפצי בה	1901	5,900	—	—
כרכור	1913	76,000	—	—
קסריה	1920	5,000	30	—
בנימינה	—	—	180	—
בורדז	1920	300	12	—
גבעת עדי	1912	—	—	—
גבעות בנימין — תל צור	1913	10,971	—	—
זכרון יעקב	1882	8,000	1,300	—
מאיר שפיה	1891	7,187	167	—
בת שלמה	1901	4,356	80	—
טאנטורה	1891	259	1	—
עתלית	1909	—	225	—
טירה	1918	500	35	—
גליל התחתון				
רושמיה	1922	—	—	20
אחוה	—	—	—	35
עבודת ישראל — נחלת יעקב	1925	10,000	—	325
עבודת ישראל	—	—	120	—
חרשת הגויים	—	—	—	30
נחלת אברהם	—	3,000	—	60
ג׳דה—תל־שם	—	20,000	—	—
יפה ישראל	—	5,600	20	—
מנור	—	3,400	—	—
נהלל	—	2,300	—	80
מאַרקענהויף—צרופין (קבוצות)	—	—	70	—
גדעון	—	4,000	150	40
תל עדשים	1914	—	—	70
באלפוריה	—	—	320	60

נאמען פון קאלאניע	געגרינדעט	דונאם	נפשות	פאמיליעס
באלפוריה ב.	—	1,000	—	60
מושב תבור	—	4,000	50	—
מרחביה	1911	9,000	—	350
שונם	—	10,000	—	—
כפר תבור	1902	14.900	—	303
אילניה	1898	17,720	—	362
רמה	1913	—	—	—
יבנאל	1902	23,220	—	499
בית גן	1924	5,000	—	160
פוריה	1911	3,445	—	—
מצפה	1908	2,481	—	53
(קאלאניע לעבען טבריה)	—	780	3	—
חיטין	1906-7	—	188	42
מגדל	1910	—	46	—
כנרת	1907	—	67	—
כנרת (פארם)	—	3,410	65	—
הר כנרת	1920	—	—	—
ביתניה	1913	—	—	—
מנחמיה	1902	8,497	129	—
ג'יסר	—	2,000	18	—
דגניה א.	1908	—	75	—
דגניה ב.	1918	—	71	—
עין חרוד	1922	—	300	—
תל יוסף	1922	—	292	—
קומי	—	6,000	—	—
השומר הצעיר — חפצי בה (קבוצות)	—	3,150	228	—
גבע	1922	—	65	—

גליל העליון

נאמען פון קאלאניע	געגרינדעט	דונאם	נפשות	פאמיליעס
ראש פנה	1882	20,152	547	—
מחנים	1892	2,000	75	—
אילת השחר	1892	—	38	—
משמר הירדן	1884	—	102	—
יסוד המעלה	1883	12,228	168	—
תל חי	1917	—	—	—
כפר גלעדי	1896	130	—	—
מתולה	1896	6,730	200	—
עין זיתים	1890	6,000	50	—

די וויכטיגסטע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּא

יק"א

יקא"א (אידישע קאָלאָניזאַציאָנס-אָרגאַניזאַציע) איז געגרינדעט געוואָרען פון באַראָן מאָריץ הירש און אויף זיינע מיטלען אין יאָהר 1891, אין ענגלאַנד.

דער הויפּט-צוועק פון דער געזעלשאַפט איז צום אָנהויב געווען צו העלפען אימיגרירען די אידען פון די לענדער, וואו זיי ווערען אונטערדריקט, און קאָלאָניזירען זיי אין אַמעריקע, אָרגענטינע און אַנדערע צוגעפּאַסטע דערצו לענדער.

נאָכ'ן טויט פון באַראָן הירש (אַפּריל 1896) האָט יק"א פאַרברייטערט איהרע ציעלען און האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען אויך אויף אַ גאַנצער רייהע אַנדערע זעהר וויכטיגע געביטען פון פּראָדוקטיווער טעטיגקייט צווישען דער אידישער באַפעלקערונג דערהויפּט פון רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע.

יק"א האָט געעפענט און געשטיצט לוין שפּאָר-קאַסעס און אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען; לאַנדווירטשאַפטליכע און פּראָפעסיאָנעלע שולען; ביליגע הייזער; געוויסע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען; אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָס פאַר אימיגראַנטען; קאָלאָניעס און פאַרמס.

אין יאָהר 1900 האָט יק"א איבערגענומען די פאַרוואַלטונג מיט די ראָטשילד-קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל; אין יאָהר 1903 האָט יק"א געגרינדעט די ערשטע אידישע קאָלאָניע אין בראַזיליע.

די וויכטיגסטע קאָלאָניזאַציאָנס-טעטיגקייט פון יק"א — זיינען די אָרגענטינער קאָלאָניעס.

נאָך ביים לעבען פון באַראָן הירש, לויט זיין איניציאַטיוו און פּערזענליכער אָנפיהרונג, זיינען איינגעקויפט געוואָרען דורך יק"א די ערשטע גרעסערע שטחים ערד אין אַרגענטינע און ס'זיינען געגרינדעט געוואָרען אַ רייהע אידישע קאָלאָניעס.

יק"א פאַרמאָגט אין אַרגענטינע איבער 600.000 העקטאַר ערד. אין די 7 אַרגענטינער יק"א-קאָלאָניעס געפינט זיך אַ באַפעלקערונג פון איבער 31.000 פּערזאָן.

חוץ אַרגענטינע האָט נאָך יק"א קאָלאָניעס און ישובים אין קענעדע, טשילי, בראַזיליע, פאַראייניגטע שטאַטען, א. אנד.

פון דער איבעריגער טעטיגקייט פון יק"א זיינען די וויכטיגסטע — די לויה- און שפּאָר-קאַסעס (איצטיגע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקסבענק) און די פּראָפעסיאָנעלע שולען.

פון יאָהר 1919 און ווייטער האָט יק"א זיך פאַרנומען אין פּוילען, חוץ מיט פּראָפעסיאָנעלער און לאַנדווירטשאַפטליכער טעטיגקייט, אויך מיט דער אויפבויאונג פון די חרוב-געוואָרענע פון דער מלחמה הייזער און ישובים (דורך ווילנער „יעקאָפּאָ") און מיט אַ טעטיגקייט אויפ'ן געביט פון אימיגראַציע, רעוואַקואַציע א. אַז. וו. און פון קרעדיטירען די אידישע קאָאָפּעראַציע אויף אַרויסגעבען הלואות האַנטווערקער און קליינהענדלער.

די יק"א פיהרט איהר אַרבייט אויף די פּראָצענטען פון איהרע קאַפּיטאַלען און אויף די סומעס, וואָס זי קאַסירט איין צוריק.

דער פאָנד, וואָס באַראָן הירש האָט מנדב געווען יק"א, האָט באַטראָפען 239 מיליאָן גאָלד-פראַנק.

צו פאַרזיכערען די עקזיסטענץ און פונקציאָנירונג פון פאָנד נאָך זיין טויט, האָט באַראָן הירש איהם פאַרוואַנדעלט אין אַן אַקציאָן-געזעלשאַפט מיט אַ גרונט-קאַפּיטאַל פון 2 מיליאָן פונט שטערלינג, וועלכע זיינען צוטיילט אויף 20,000 אַקציעס צו 100 פונט. 19,990 אַקציעס האָט גענומען באַראָן הירש אליין.

די דאָזיגע אַקציעס האָט באַראָן הירש אָפּגעגעבען דער בערלינער, פראַנקפורטער (אַן מיין) און ברוסעלער אידישע געמיינדעס (צו 3600 אַקציעס יעדערער) און די געזעלשאַפטען „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל" און „אַנגלאָ דזשואיש אַסאָסיאיישאַן" (צו 4595 אַקציעס יעדערער).

אין יאָהר 1896 האָט באַראָן הירש'ס אלמנה באַראָנעסע קלאַראַ הירש מנדב געווען יק"א אַ דריטעל פון איהר ירושה און אין יאָהר 1899 — נאָך 10 מיליאָן פראַנק. יק"א האָט אויך באַקומען אַנדערע גרעסערע סומען, צווישען זיי פון באַראָן ראָטשילד, פאַר די פּאַלעסטינער קאָלאָניעס.

נאָכ'ן טויט פון באַראָן הירש האָט די ענגלישע רעגירונג געפאָדערט ביי יק"א אַלס אַקציאָן - געזעלשאַפט אריינצוטראָגען די ירושה-שטייערען פון איהרע קאַפּיטאַלען, און יק"א איז געווען געצוואונגען אין יאָהר 1900 צו באַצאָהלען בערך 1.185.000 פונט שטערלינג שטייערען.

דער קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיך אין רשות פון יק"א, באַטרעפט בערך 12 מיליאָן פונט.

דער פּרעזידענט פון יק"א איז פראַנץ מ. פיליפּסאָן (ברוסעל), דער הויפּט-דירעקטאָר — ל. אונגער.

„האַיאַס"

„האַיאַס" אָדער „היאַס" (הכנסת אורחים און געזעלשאַפט צו העלפען אימיגראַנטען) איז די גרעסטע אידישע אימיגראַציע געזעלשאַפט פון אַן עכטען פאָלקס-כאַראַקטער.

געגרינדעט אין די יאָהרען 1888—1891 אין ניו יאָרק, האָט „האַיאַס" אַנטוויקעלט אַ גרויסע און פּרוכטבאַרע טעטיגקייט לטובת די אידישע אימיגראַנטען פריהער אין די אַמעריקאַנישע האַפענס און שפּעטער, נאָך דער וועלט-מלחמה אויך אין אַלע אייראָפּעאישע אויסוואַנדערונגס-לענדער.

זי צעהלט איבער 150.000 מיטגלידער איבער גאַנץ אַמעריקא און האָט זיך מיט איהר טעטיגקייט דערוואָרבען גרויס פּאָפּולאַריטעט.

אין פּוילען האָט „האַיאַס" געאַרבייט אונטער דער אַנפיהרונג פריהער פון יעקב מזל און דערנאָך פון אַדאָלף העלד און שלוינגער אין זייער אַ גרויסען פאַרנעם אין משך פון די יאָהרען 1921—1923, ווען זי האָט ממש געראַטעוועט פון אונטערגאַנג צעהנדליגער טויזענטער פּאַרוואָרלאָזטע אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד, אוקראַינע, רומעניע, פּוילען, לעטלאַנד און ליטע, וועלכע זיינען אַדאַנק „האַיאַס" בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקא צו זייערע קרובים.

סוף יאָהר 1924 האָט „האַיאַס" איבערגעגעבען די אימיגראַציע-אַרבייט אין פּוילען דער ניי-געגרינדעטער אידישער אימיגראַציע-געזעלשאַפט.

וועגען דער טעטיגקייט פון „היאַס" אין לעצטען באַריכטס-יאָהר (יולי 1924 — יולי 1925) גיט אַ באַגריף דער באַריכט, וואָס דער פּרעזידענט פון „האַיאַס" דזשאָן ל. בערנשטיין האָט אָפּגעגעבען אויף דער יעהרליכער פאַרזאַמלונג פון „האַיאַס" אין ניו-יאָרק.

קודם-כל איז געזאָרגט געוואָרען וועגען די בערך 10,000 אידישע אימיגראַנטען היימלאָזע, וואָס זיינען צוליב די נייע אימיגראַציע-באַגרעניצונגען געבליבען שטעקען אין די פאַרשיעדענע האַפען-שטעדט און לענדער פון אייראָפּע. „האַיאַס" האָט ארויסגעשיקט צו דעם צוועק אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע, וועלכע האָט דורכגעפיהרט אַ רייה פאַרלייכטערונגען. שפּעטער איז לויט דער איניציאַטיוו פון „האַיאַס" געשאַפען געוואָרען דער אזוי-גערופענער „עמוירדזשענסי-קאָמיטעט" ספּעציעל מיט דער אויפגאַבע צו העלפען די אָנגערופענע אימיגראַנטען, צו געפינען נייע לענדער פאַר זייער אימיגראַציע און בכלל רעגולירען די גאַנצע פּראָבלעם, פון דעם האַלבען מיליאָן דאָלאַר-פאָנד וואָס דער „עמוירדזשענסי-קאָמיטעט" האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפען (ד. ד. ק., יק"א און היאַס), האָט „האַיאַס" זיך מתחייב געווען צו געבן 100.000 דאָלאַר.

אַ צווייטע „האַיאַס" דעלעגאַציע איז געפאָהרען קיין קיובע מיט'ן צוועק צו קומען צו הילף די 5000 אידישע אימיגראַנטען, וואָס זיינען אַהין פאַרפיהרט געוואָרען דורך פאַרשיעדענע פאַלשע הבטחות און האָפענונגען (אין די מהומה-צייטען, ווען ס'האָבען זיך געשלאָסען די טויערען פון אַמעריקע). די דעלעגאַציע האָט אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אָנפיהרען מיט דער אַרבייט.

„האַיאַס" האָט אויך אַ סך געטהאָן אין קענעדע (האָט געהאָלפען די קענעדער אידען ביים דורכפיהרען אין לעבען די באַקומענע דורך יק"א קאָנצעסיע פון דער רעגירונג פאַר דער איינוואַנדערונג פון 5000 אידישע היימלאָזע פון רוסלאַנד, וועלכע האָבען זיך געפונען אין רומעניע) און אין אַמעריקע גופא.

אין אַמעריקא האָט „האיאָס" געהאָלפֿען אין הונדערטער פֿאַלען פֿאַרהאַלטענע אידישע אימיגראַנטען אין די אַמעריקאַנער האַפֿענס; אין עליס-איילאַנד זיינען באַדינט געוואָרען 5858 אידישע אימיגראַנטען; אין הכנסת-אורחים פֿון „האיאָס" זיינען אימיגראַנטען באַזאָרגט געוואָרען מיט נאַכטלאַגערס 4700 נעכט, און אורחים — 5874 נעכט, מאָהלצייטען זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען 52629, אינפֿאָרמאַציעס האָט מען געגעבען 19357 פּערזאָן; באַגעגענט האָט מען 383 שיפֿען, געענטפֿערט אויף 7579 אָנפֿראַגען, איבערגעגעבען צו קרובים 825 אימיגראַנטען און געבראַכט צום „האיאָס"-בנין — 1016 אימיגראַנטען; די אַרבייטס-ביוראָ האָט אויסגעזוכט באַשעפֿטיגונג פֿאַר 1973 פּערזאָן; מען האָט ערלעדיגט 51629 בריעף און 1315 דעפּעשען; ס'זיינען אויסגעפֿילט געוואָרען 15766 פֿאַרשיעדענע דאָקומענטען.

די היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט אין פּוילען

די אידישע היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט אין ווילנע איז די איינציגע אין פּוילען און איז געגרינדעט געוואָרען אין פֿעברואַר 1919 דורך ש. אַנ—סקי.

נאָך אַנ—סקי'ס טויט (8 נאָוועמבער 1920) איז די געזעלשאַפֿט אָנגערופֿען געוואָרען אויף זיין נאָמען.

דער מוזיי פֿון דער געזעלשאַפֿט איז געגרינדעט געוואָרען פֿריהער, דורך דער ווילנער „געזעלשאַפֿט פֿון ליבהאָבער פֿון אידישען אַלטערטום" אין יאָהר 1913 און ביי דער גרינדונג פֿון דער היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט איז ער אַריבער צו איהר.

די אידישע היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט האָט פֿאַר דער צייט פֿון איהר עקזיסטענץ אַנטוויקעלט אַ באַדייטענדע וויסענשאַפֿטליכע און זאַמלונגס-טעטיגקייט.

זי פֿאַרמאָגט אַ ווערטפֿולען אַרכיוו און אַ ביבליאָטעק, זי האָט אויסגעטיילט סעקציעס פֿאַר פֿאָלקלאָר, מוזיק, געשיכטע, קונסט, מאַזאַאיק און אַנד., וועלכע האָבען אויפֿגעקליבען אַ גרויסען מאַטעריאַל און טיילוויז איהם פּובליקירט; איהר מוזיקאַלישע סעקציע האָט אויפֿגענומען הונדערטער אָמאָליגע נִגונים; דער מוזיי האָט אַ רייכע אַנטיקען און איז צוטריטליך פֿאַר'ן עולם און פֿאָרשונגען.

די געזעלשאַפֿט האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1922 אַ „פּנקס פֿאַר דער געשיכטע פֿון ווילנא אין די יאָהרען פֿון מלחמה און אָקופּאַציע" (944 זייטען) און אין יאָהר 1926 ערשיינט דער „מוזיקאַלישער פּנקס" פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אידישע מוזייען

אידישע מוזייען זיינען פֿאַראַן איבער אַ צעהנדליג. גרעסטענטיילס זיינען זיי געגרינדעט געוואָרען פֿון געזעלשאַפֿטען פֿאַר אידישער קונסט, געשיכטע און פֿאָלקלאָר מיט דער הילף פֿון מעצענאַטען און זאַמלער אין עסטרייך, דייטשלאַנד, שווייץ, טשעכאָסלאָוואַקיע, ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, פּוילען און אַמעריקע.

דער ערשטער אידישער מוזיי איז געגרינדעט געוואָרען דורך „געזעלשאַפֿט פֿאַר זאַמלונג און קאָנסערווירונג פֿון קונסט און היסטאָרישע דענקמעלער פֿון אידענטום אין ווין" און איז געעפֿענט געוואָרען אין יאָהר 1895. ער ווערט דערמאָנט אין די וועג-ווייזער צווישען אַלע אַנדערע מוזייען. דער ווינער אידישער מוזיי איז אַ זאַמלונג פֿון קולטור-היסטאָרישע דענקמאָלער פֿון אידענטום, דערהויפּט בשייכות צום אַלטען אידישען פֿאַמיליען-לעבען אין ווין. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ געדרוקטען קאַטאַלאָג.

די „געזעלשאַפֿט פֿאַר אידישע פֿאָלקסקונדע" אין האַמבורג האָט איינגעאָרדענט אַ אידישען מוזיי אין יאָהר 1869. דער האַמבורגער אידישער מוזיי איז כמעט אינגאַנצען געווידמעט דעם פֿאָלקלאָר.

די „געזעלשאַפֿט צו ערפֿאָרשען אידישע קונסט-דענקמאָלער" אין פֿראַנקפֿורט אַם מאַין פֿאַרמאָגט אַ באַדייטענדע קונסט-היסטאָרישע זאַמלונג פֿון אידישען לעבען.

אין 1908 איז געעפֿענט געוואָרען אַ אידישער מוזיי אין באַזעל. ער איז גוט איינגעאָרדענט און האָט אַרויסגעגעבען אַ געדרוקטען קאַטאַלאָג פֿון זיינע זאַמלונגען.

אין 1907 איז געעפֿענט געוואָרען אַ אידישער מוזיי אין פּראַג, וועלכער האָט אַ גרויסע באַדייטונג פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער געשיכטע פֿון די אידען אין טשעכיע.

די אידישע „היסטאָרישע געזעלשאַפֿט פֿון ענגלאַנד„ האָט איינגעאָרדענט אין לאָנדאָן אַ אידישען מוזיי אויפֿ'ן נאָמען פֿון פֿרעדעריק מאָקאַטאַ.

א גרויסע און וויכטיגע זאמלונג פון אידישע אלטערטימליכקייטען געפינט זיך אין פאריזער מוזיי קלוני. די אידישע אפטיילונג איז אויסגעטיילט אין א באזונדערע זאל. א אידישער מוזיי עקזיסטירט אויך אין סטראסבורג, עלזאס.

אין ווארשע געפינט זיך ביי דער אידישער גמינע דער מוזיי פון מאטיאס בערסאן מיט א זעהר ווערטפולער זאמלונג פון אידישע אלטערטימליכקייטען.

אין ווילנע עקזיסטירט דער מוזיי ביי דער היסטאריש־עטנאגראפישער געזעלשאפט אויפ'ן נאמען פון ש. אנ־סקי.

אין קעמברידזש (אמעריקע) ביי הארוואר־דער אוניווערזיטעט געפינט זיך א אידישער מוזיי מיט רייכע קאלעקציעס פון אידישע אלטערטימליכקייטען. ער האט ארויסגעגעבען א קאטאלאג.

זאמלונגען פון אידישע אלטערטימליכקייטען געפינען זיך אויך אין אלגעמיינע שטאדטישע און מלוכה'שע מוזייען פון האמבורג, מינכען, רעגענסבורג (מוזיי אולריך), פראנקפורט אם מאין, באזעל, ציריך א. א.

די אידישע שול־ארגאניזאציע אין דער פוילישער רעפובליק

די אידישע שול־ארגאניזאציע איז געגרינדעט געווארען אין ווארשע, אין יוני, 1921, דורך דעם ערשטען שול־צוזאמענפאהר אין דער פוילישער רעפובליק.

די אידישע שול־ארגאניזאציע פאראייניגט דעם גאנצען אידיש־וועלטליכען שול־וועזען פון פוילען, די פאר־שול, פאלקס־שול און אווענט־שול, אויך די גימנאזיע, סעמינארען, קורסען א. אז. וו. זי איז דער צענטראלער אפאראט צו פיהרען דעם געזעלשאפטליכען און פאליטיש־רעכטליכען קאמף פאר דער אידישער שול; אין איהרע הענט געפינט זיך די פעדאגאגישע אנפיהרונג מיט דעם אידיש־וועלטליכען שול־וועזען; זי זארגט פאר דער פינאנציעלער אויסהאלטונג פון דער אידיש־וועלטליכער שול.

די שול־ארגאניזאציע פארשפרייט איהר טעטיגקייט דורך איהרע אפטיילונגען אין איבער 150 שטעדט פון דער פוילישער רעפובליק. די אקטיווסטע טעטיגקייט איז צו מערקען אין די פאלגענדע שטעדט: ווארשע, ווילנע, ביאליסטאק, לאדז, לובלין, בריסק, פינסק. אין ווילנע געפינט זיך א באזונדערע ראיאן־ארגאניזאציע פאר די שול־אינטערעסען פון ווילנע (צ. ב. ק.), אויך א באזונדערע ארגאניזאציע פאר דער ווילנער פראווינץ. אן ענליכע ראיאן־ארגאניזאציע עקזיסטירט אין ביאליסטאק.

ביים צענטער פון דער ארגאניזאציע געפינען זיך: א פעדאגאגישער אמט; א אינסטיטוציע פאר לערער־פארמיטלונג, וועלכע באזארגט די שולען מיט פאסיגען לערער־פערסאנאל און זארגט פאר זייערע רעכט און קוואליפיקאציעס; צוויי רעדאקציעס פאר די צוויי זשורנאלען: „נייע שול" (פעדאגאגישער זשורנאל) און „שול און לעבען" (געזעלשאפטליך־פאליטישער); א קאמיסיע פאר פעדאגאגישע אויסגאבען און פאר לערן־ און הילפסביכער; אן אינסטרוקטאריאט פאר די שולען.

די שול־ארגאניזאציע האט איהר פלענום, וועלכער באשטעהט פון 21 מיטגלידער, אויסגעקליבען דורך דעם שול־צוזאמענפאהר; אן עקזעקוטיוו קאמיטעט פון 11 מיטגלידער און אן אויספיהר־ביורא פון 4 מיטגלידער.

צום יאהר 1925 האבען זיך געפונען אין רשות פון דער א. ש. א. 182 שול־אינסטיטוציעס מיט 22,376 תלמידים, פון זיי פאלקס־שולען—91 מיט 455 אפטיילונגען און 16,364 שילער, אווענט־שולען—63 מיט 176 אפטיילונגען און 4 500 תלמידים, קינדער־היימען—20 מיט 450 תלמידים, 3 גימנאזיעס מיט 780 תלמידים, 1 סעמינאר מיט 124 תלמידים, 1 אינטערנאט מיט 28 קינדער, 2 האנטווערקער־שולען מיט 130 תלמידים.

אין דעם יאהר 1926 זיינען צוגעקומען 20 שולען אין 20 שטעדט, אויסער דעם א נייע אידישע גימנאזיע אין ביאליסטאק.

די צענטראלע אידישע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס: „ארט", „אזע", „עמיגדירעקט"

אין בערלין פונקציאנירען די צענטראל־פארוואלטונגען און די צענטראל־ביוראען פון די אידישע ארגאניזאציעס: „ארט" — פאר פראפעסיאנעלער בילדונג, מלאכה און לאנדווירטשאפט; „אזע" — פאר מעדיציניש־סאניטארער טעטיגקייט; „עמיגדירעקט" — פאר עמיגראציע־ענינים.

„ארט" (אבשטשעסטווא ראספאסטראנעניא טרודא) געהערט צו די עלטסטע אידישע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס, איז געגרינדעט

געוואָרען אין יאָהר 1880 אין פּעטערבורג. „אָזע“ (אָבשטשעסטוואָ זדראַוואָכראַנעניאַ יעווריעיוו) איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1912 אין פּעטערבורג.

נאָך דער מלחמה און די געשעהענישען אין רוסלאַנד האָבען די ביידע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס געעפענט אין יאָהר 1922 זייערע צענטראַלעס אין בערלין און האָבען אַנטוויקעלט אַ ברייטע טעטיגקייט.

„אָרט“ האַלט אויס אָדער סובסידירט און פיהרט אָר מיט 29 פאַך־אַנשטאַלטען אין פּוילען, 10—אין ליטע, 4—אין לעטלאַנד, 11—אין רומעניע,1—אין דאַנציג, צוזאַמען 55 שולען און ווארשטאַטען מיט בערך 100 אָפּטיילונגען און איבער 3,200 שולער. אין רוסלאַנד—30 פאַך־אַנשטאַלטען מיט איבער 2,100 קינדער.

די מיטלען אויף איהר אַרבייט האָט „אָרט“ באַקומען פון ד. ד. ק., יק"א א. אַ., אָבער אַ גרויסען טייל אויך פון אייגענע קוועלען, אַ דאַנק די זעלבסטשטענדיגע זאַמלונגען פון איהרע קאָמיטעטען אין אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד א. אַ., ווי אויך אין די ערטער, וואו ס'עקזיסטירען איהרע אַנשטאַלטען.

„אָזע“ האָט פון אַפּריל, 1923, ביז סוף 1925 געשאַפען און אויסגעהאַלטען אין רוסלאַנד: 21 מעדיצינישע פּונקטען ביי קינדער־קיכען, 17 בייטאָגיגע היימען פאַר קינדער ביז 5 יאָהר, 8 קינדער־סאַנאַטאָריעס, 2 שפּיל־פּלעצער, 12 אַמבולאַטאָריעס, 8 פּאָליקליניקעס, 9 שפּיטאַלען, 7 סאַניטאַרע אימפּונגס־פּונקטען, 4 דעזינפעקציע־סטאַנציעס, 3 מאַלאַריע־סטאַנציעס, 5 דיספּענסעריס, 4 קינדער־קאָנסולטאַציעס.

אין ליטע, פּוילען (ווילנע, ביאַליסטאָק). רומעניע, לעטלאַנד, בערלין—עקזיסטירען 81 „אָזע“־אַנשטאַלטען, פון זיי: 15 אַמבולאַטאָריעס, 11 קאָנסולטאַציעס פאַר מוטערס און זויג־קינדער, 38 שול־מעדיצינישע פּונקטען, 2 סאַנאַטאַריעס, 5 קינדער־קאָלאָניעס, 3 רענטגען־סטאַנציעס, 6 שפּיל־פּלעצער, 3 לערן־אַנשטאַלטען.

פאַר דער היגיענישער אויפקלערונג פון די מאַסען האָט „אָזע“ אַרויסגעגעבען ליטעראַטור אין 200 טויזענט עקזעמפּליאַרען; האָט ארגאַניזירט אַן אויסשטעלונג; צונויפגעשטעלט אַ וואונדער־מוזיי; גיט אַרויס אַ פּאָפּולער־וויסענשאַפטליכען מעדיצינישען זשור־נאַל (צוזאַמען מיט „טאָז“ דורך דעם ווילנער קאָמיטעט „אָזע“) „פאָלקס־געזונט“.

אין פאַרבאַנד „אָזע“ געהען אַריין: 12 „אָזע“־לאַנד אָרגאַניזאַציעס מיט 43 אָפּטיילונגען אין מערב־ און אין מזרח־אייראָפּע און דער פאַרבאַנד „מכבי“.

די טעטיגקייט פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד „אָזע“ איז געשטיצט געוואָרען דורך דעם דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטעט, וואָר־וויקטים־פאָנד, לאָנדאָנער אוקראַאינער פעדעראַציע, דרום־אַפריקאַנער הילפס־קאָמיטעט, וועלט הילף קאָנפערענץ, יק"א, אַליאַנס איזראַעליט און אַנדערע.

דער „עמיגדירעקט“ (עמיגראַציאָנס־דירעקטאָריום) איז געגרינדעט געוואָרען אין סעפּטעמבער, 1921, אויף דער אידישער עמיגראַציע־קאָנפערענץ אין פּראַג, האָט אין יאָהר 1922 געעפענט זיין ביוראָ אין בערלין און אָנגעהויבען אַנטוויקלען אַ גרעסערע טעטיגקייט, דערהויפּט אויף דעם אַלגעמיינעם אינטערווענץ־געביט לטובת עמיגראַנטען און טראַנסעמיגראַנטען אין באַציאונגען מיט רעגירונגען און צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען (דעראַפּמאַך מיט דער ליטווישער רעגירונג אין יאָהר 1922 וועגען טראַנסעמיגראַציע, די אינטערווענץ ביים פעלקער־בונד און רומענישער רעגירונג געגען דעם גירוש פון די עניגראַנטען אין די יאָהרען 1923—1924 וכדומה).

פון סעפּטעמבער, 1924, האָט „היאַס“ איבערגעגעבען דעם „עמיגדירעקט“ די גאַנצע עמיגראַציע־אַרבייט אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער און האָט פאַר זיך איבערגעלאָזען בלויז די רעמיטענס־אַרבייט (געלט־איבערוויזונגען פון די אַמעריקאַנער קרובים).

אויף אַזאַ אופן האָבען זיך צום „עמיגדירעקט“ אָנגעשלאָסען אויך די איינצעלנע לאַנד־אַרגאַניזאַציעס פאַר עמיגראַציע־ענינים אין וואַרשע, קישינעוו, בוקאַרעשט, ריגע, קאָוונע, דאַנציג, טשערנאָוויץ.

דער בודזשעט פון „עמיגדירעקט“ און פון זיינע אָפּטיילונגען ווערט אין גרעסטען טייל געדעקט פון „האַיאַס“ אין אמעריקע.

דער „עמגידירעקט“ גיט אַרויס אַן אָרגאַן „די אידישע עמיגראַציע“ (בערלין).

די אידישע וועלטהילף־קאָנפערענץ

די ערשטע אידישע וועלט־הילף קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 5—13 אויגוסט,

1920, אין קאַרלסבאַד, לויט דער איניציאַטיוו פון דעם קאָמיטעט פון די אידישע דעלעגאַציעס.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבען אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט מיט דעם זיץ־אָרט אין פּאַריז און אַ צענטראַל־ראַט און האָט אָנגעהויבען איהר הילפס־טעטיגקייט אין יאָהר 1921.

סיסטעמאַטיש, אין אַ ברייטען פאַרנעם, האָט זיך די טעטיגקייט פון דער קאָנפערענץ אַנטוויקעלט ערשט אין די יאָהרען 1922—1923, ווען זי האָט קאָנצענטרירט דעם גרעסטען טייל פון איהרע כחות אויף דער הילפס־טעטיגקייט אין אוקראַינע און רוסלאַנד און האָט אויך געפיהרט אַ הילפס־אַרבייט אין אַ ריי אַנדערע לענדער.

די באַזונדערע פאַרדינסטען פון דער וועלט־הילף־קאָנפערענץ באַשטעהען אין דעם, וואָס זי האָט, ערשטענס, ערוואָרבען די נויטיגע באַציאונגען און פאַרבינדונגען מיט די באַטרעפענדע רעגירונגען און אויך מיט די אינטערנאַציאָנאַלע הומאַניטאַרע אָרגאַניזאַציעס און האָט דערמיט געהאָלפען דורכפיהרען אַ רייהע וויכטיגע דערגרייכונגען לטובת די אידישע הילפס־עניינים; און צווייטענס, האָט זי אָרגאַניזירט די זאַמלונג פון די מיטלען אויף אידישע הילפס־צוועקען אין די אויסער אַמעריקאַנישע לענדער און דערמיט פאַראייניגט פאַר הילפס־אַרבייט אידישע קבוצים אין איבער 30 לענדער פון דער וועלט, אַריינדרינגענדיג אין די ווייטסטע ווינקעלאַך.

אין די יאָהרען 1920—1923 האָט זיך דער אידישער וועלטהילף־קאָנפערענץ איינגעגעבען בסך־הכל צונויפזאַמלען אַ סומע פון בערך 24 און אַ האַלבען מיליאָן פראַנק, פון וועלכע איבער 18 מיליאָן זיינען אַוועק אויף הילף אין רוסלאַנד און אוקראַינע.

די איבעריגע געלדער זיינען אויסגעגעבען געוואָרען אויף הילף אין פאַרשידענע אַנדערע לענדער פאַר היימלאָזע, עמיגראַנטען, טראַנסעמיגראַנטען און חלוצים; פאַר קינדער־הילף. הילף פאַר אינטעליגענטען, אינדיווידועלע הילף וכדומה.

די וועלטהילף־קאָנפערענץ האָט אויך צו פאַרצייכענען אַ רייהע וויכטיגע איניציאַטיווען אין די עניינים פון הילף, עמיגראַציע, טראַנסעמיגראַציע וכדומה.

אין אויגוסט, 1924, איז אין קאַרלסבאַד פאָרגעקומען די צווייטע אידישע וועלטהילף־קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַ אידישען וועלט־פאַרבאַנד פאַר סאָציאַלער הילף.

די אייגענטליכע טעטיגקייט אָבער פון דער וועלטהילף־קאָנפערענץ האָט זיך אין די יאָהרען 1920—1925 שטאַרק פאַרקירצט און באַגרעניצט. די מיטאַרבייט פון דער וועלטהילף־קאָנפערענץ און איהרע פאָרשטעהער אין פאַרשידענע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס איז דאָך פאַרבליבען קענטיג און ווירקענד.

זי האָט אויך געמאַכט געוויסע שריט צו אָרגאַניזירען אַ צענטראַלע אידישע קרעדיט־אינסטיטוציע מיט אַ זיץ־אָרט אין מערב־אייראָפּע.

„אָרט“ אין פּוילען.

אין דער פּוילישער רעפּובליק האָט די געזעלשאַפט „אָרט“ אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין יאָהר 1921. דער צענטראַל־קאָמיטעט געפינט זיך אין וואַרשע.

די געזעלשאַפט „אָרט“ האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטען און צו שטיצען מלאכה און ערד־אַרבייט צווישען אידען. פאַר דער צייט, וואָס די געזעלשאַפט איז טעטיג אין דער פּוילישער רעפּובליק, האָט זי באַוויזען צו אָרגאַניזירען 29 פאַרשידענע אַנשטאַלטען פאַר פּראָפעסיאָנעלער בילדונג אין די שטעדט: וואַרשע, ווילנע (דאָ דאַרף באַזונדערס דערמאָנט ווערען דער טעכניקום, וועלכער איז אַ צענטראַלע מיטעל־טעכנישע אידישע שול, די איינציגע אין פּוילען), לאָדז. ביאַליסטאָק, גראָדנע, בריסק, קאָברין, סאַרני, קאָוועל, פּיעטריקאָוו, קרעמעניעץ, וולאָדאַווע. די דאָזיגע אַנשטאַלטען געהערען צו פאַרשידענע טיפּען. איינציגע זיינען באַשטימט צו געבען פאַך־אויסבילדונג יוגענטליכע, וועלכע ווילען זיך אויסלערנען אַ פאַך; אַנדערע האָבען דעם צוועק צו פאַרפאָלקאָמען אין דער מלאכה אידישע האַנטווערקער, אַרבייטער און לערן־איינגלאַך, וועלכע האָבען ניט קיין גענוגענדע פאַך־קענטענישען; און נאָך אַנדערע האָבען דעם צוועק אויסצולערנען אַ פאַך דערוואַקסענע מענער, וועלכע זיינען געצוואונגען אַריבערצוגעהן צו פּראָדוצירענדע באַשעפטיגונגען. אין די אַלע אָנגעוויזענע אינסטיטוציעס באַקומען פאַך־בילדונג 1920 קינדער און דערוואַקסענע. צום אָנהויב פון לערן־יאָהר 1925—1926 זיינען אָנגענומען געוואָרען אין די אנשטאלטען פון „אָרט“ 700 נייע שילער.

אויפ'ן געביט פון לאַנדווירטשאַפט האָט די

געזעלשאַפט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אידישע ערד־אַרבייטער־פאַמיליעס אין ווילנער, גראָדנער, בריסקער און וואָלינער ראַיאָנען און איז זיי געקומען צו הילף מיט הלואות, מיט ביליגע לאַנדווירטשאַפטליכע מכשירים און מיט אַגראָנאָמישע אָנווייזונגען. אין די גרעסערע לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים האָט „אָרט" געגרינדעט אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע עקזיסטירען איצט אין 4 פונקטען: 1) אין בריסק פאַר די לאַנדווירטען פון בריסקער ראַיאָן, 2) אין גראָדנע—פאַר די אָרטיגע גערטנירער און 3-4) אין די גרעסערע אידישע קאָלאָניעס פון וואָלין, אין אָסאָוואָ און איגנאַטאָווקע. פאַר דער גאַנצער צייט האָט די געזעלשאַפט אַרויסגעגעבען די אידשע לאַנדווירטען הלואות אויף אַ סומע פון אַן ערך 20 טויזענט דאלאר, אין לויפענדען יאָהר—25 טויזענט זלאָטעס.

די פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען פון דער געזעלשאַפט באַשטעהען פון: 1) אַ צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס ווערט געקליבען אויף די צוזאַמענפאָהרען פון אַלע אָפּטיילונגען פון דער געזעלשאַפט, 2) פון אַן עקזעקוטיווע, וואָס ווערט געקליבען פון צענטראַל־קאָמיטעט, און 3) פון אָרטיגע קאָמיטעטען פון די אָפּטיילונגען, וואָס ווערען געקליבען אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די אָרטיגע מיטגלידער.

45,200 אידישע מלחמה־יתומים אין מזרח־איראָפּע

די סטאַטיסטישע אויספאַרשונג, וואָס דער אַמעריקאַנער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטעט האָט דורכגעפיהרט, באַווייזט, אַז אין די לענדער פון מזרח־איראָפּע, וועלכע האָבען געליטען פון וועלט־קריג, געפינען זיך 45,200 אידישע יתומים, קרבנות פון דער מלחמה.

דער דעפּאַרטמענט פאַר קינדער־פאַרזאָרגונג פון ד. ד. ק. האָט גענומען אונטער זיין אויפזיכט אַ גרויסע צאָל פון די יתומים, קומענדיג דערמיט צו הילף דער אָרטיגער געזעלשאַפט, וועלכע איז אַליין רואינירט און פאַראָרימט פון דער מלחמה און האָט ניט די מעגליכקייט צו טראָגען אויף זיך אַזאַ שווערע משא.

זעהר אינטערעסאַנט זיינען איניגע ציפער וועגען אָט דער גרויסער הילף פון אַמעריקאַנער ד. ד. ק.

אין די יאָהרען 1922—1925 האָט דער ד. ד. ק. אויסגעגעבען אויף יתומים־פאַרזאָרגונג די אַלגעמיינע סומע פון $2,072,393.20, לויט פאָלגענדער רשימה:

עסטרייך	62,444.94 $
טשעכאָסלאָוואַקיע	186,236.22
דייטשלאַנד	85,633.84
אונגאַרן	26,540.20
לאַטוויע	74,355.00
ליטע	103,420.58
פוילען	1,306,316.53
רומעניע	141,610.77
טערקיי	84,335.12
פאַרש. אַנדערע לענדער	1,500.00
	$2,072,393.20

אידישע פעריאָדישע אויסגאַבען אין דער גאַנצער וועלט.

טעגליכע צייטונגען לויט לענדער.

פאַראייניגטע שטאַאַטען און קענעדע.

„אידישע וועלט" — פילאדעלפיע. נאַציאָנאַליסטיש. רעדאקטאָר און אַרויסגעבער: יעקב גינזבורג. 13טער יאהרגאנג. אדרעס פון רעדאקציע: 225 סאוט 5טע סט., פילאדעלפיע.

„אידישעס טאַגעבלאַט" — ניו יאָרק. אַרויסגעבער: שרהזאָן און זוהן. געגרינדעט אין 1885. אָרטאָדאָקסיש. אדרעס פון רעדאַקציע: 185 איסט בראָדוויי. רעדאקטאָר, גדליה בובליק.

„אידישער זשורנאַל" — טאָראָנטאָ, 13טער

יאהרגאנג. אומפארטייאיש. ה. וויינ־בערג, פרעזידענט און הויפט־פארוואל־טער. אדרעס: 253 קווין סט. וועסט, טאראנטא, קאנעדע.

„אידישע וועלט" — ערשיינט אין קליוו־לאנד, פאר קליוולאנד, סינסינעטי און קאלאמבוס. פערצענטער יאהרגאנג. אומ־פארטייאיש. אדרעס 4981 וואודלאנד עוו., קליוולאנד.

„אידישער קוריער" — שיקאגא. געגרינדעט אין 1887. מ. פ. גינזבורג, פאבלישער. ארטאדאקסיש. אדרעס: 1214 סאוט האלסטעד סט., שיקאגא, איל.

„טאג" — אומפארטייאיש. געגרינדעט אין יאהר 1914. ארויסגעבער: „אמעריקא־נער אידיש פאבלישינג קא". אלפרעד בי־ראק, פרעזידענט. דר. ש. מארגאשעס, רעדאקטאר. אדרעס: 183 איסט בראד־וויי, ניו יארק.

„דער מארגען זשורנאל" — ציוניסטיש־קאנסערוואטיוו. מארגען־צייטונג, געג־ינ־דעט פון יעקב סאפירשטיין. 26טער יאהר־גאנג. יעקב פישמאן, רעדאקטאר. אדרעס: 79 באוערי, ניו יארק.

„פארווערטס" — סאציאליסטיש. 25טער יאהרגאנג. רעדאקטאר, אב. קאהאן. ארויסגעבער: „פארווערטס אסאסיאיי־שאן". אדרעס: 175 איסט בראדוויי, ניו יארק.

„פרייהייט" — קאמוניסטיש. רעדאקטאר: מ. עפשטיין. געגרינדעט אין יאהר 1922. אדרעס: 30 יוניאן סקווער.

„קענעדער אדלער" — 20טער יאהרגאנג. אומפארטייאיש. רעדאקטאר: ה. וואלאפ־סקי. אדרעס: 1207 סט. לאורענס בולע־וואר, מאנטרעאל, קאנעדע.

ארגענטינא.

„די פרעסע" — 9טען יאהרגאנג. בוענאס־איירעס.

„די אידישע צייטונג" — בוענאס־איירעס. 12טער יאהרגאנג. אומפארטייאיש. רע־דאקטאר, מ. סטאליאר. אדרעס: לאדעא, 331.

ליטע.

„די אידישע שטימע" — קאוונע, ציוניס־טיש. 8טער יאהרגאנג. רעדאגירט פון א קאלעגיום. אדרעס קאונאס, ארעס־קילנעס 5.

לעטלאנד.

„דאס פאלק" — 8טער יאהרגאנג. געגרינ־דעט פון אברהם בעקער און יעקב האף, ריגע. באנייט אין 1926, נאך א קור־צען איבעררייס, ריגע.

„גוט־מארגען" — נאציאנאל־דעמאקראטיש. רעדאקטאר: לאצקי־בערטאלדי, ריגע.

ענגלאנד.

„די צייט" — 13טער יארגאנג. מארים מייער, רעדאקטאר. אונפארטייאיש. אד־רעס: 325 וואיטשעפעל ראוד, לאנדאן איסט.

פוילען.

„היינט" — ציוניסטיש. אפיציעלער רע־דאקטאר: י. גראוויצקי. ווארשע, כלאד־נע 8.

„מאמענט" — אונפארטייאיש. 18טער יאהרגאנג רעדאקטאר: צבי פרילוצקי. אדרעס: נאלעווקי 46, ווארשע.

„לאדזער טאגעבלאט" — 19טער יאהר־גאנג. באלעבאטיש. אדרעס: לאדז, פיאטריקאווער 16. רעדאקטאר, ה. האמ־בורסקי.

„נייע פאלקסצייטונג" — ארגאן פון „בונד". ערשטער יאהרגאנג. פאר־אנטווארטליכער רעדאקטאר: מ. בעסער. אדרעס: נאוואליפע 7.

„אוונט־קוריער" — אומפארטייאיש. רע־דאקטאר, א. י. גראדזענסקי. 2טער יאהר־גאנג. ווילנע, רודניצקא 7.

„דאס נייע לעבען" — 8טער יאהרגאנג. דעמאקראטיש. רעדאקטאר: פ. קאפלאן. ביאליסטאק. קילינסקיעגא 17.

„טאג" — אומאפהענגיגע אידישע צייטונג. רעדאקטאר: זלמן רייזען. ווילנע. זא־וואלנע 32.

„גראדנער מאמענט" — 3טער יאהרגאנג. רעדאקטאר: א. גארבונסקי. גראדנע. דא־מיניקאנער 18.

„צייט" — ציוניסטיש. ווילנע. רעדאק־טאר: צינציגאטוס. אדרעס: גרויספאהו־לאנקע 3.

„נייער פאלקסבלאט" — לאדז. 4טער יאהרגאנג. אונפארטייאיש. אדרעס: פיאטראקאווער 21.

„דער יוד" — ווארשע. ארגאן פון „אגודת שלומי אמוני ישראל".

„ווארשעווער עקספרעס" — א סענזאציע־בלאט. 2טער יאהרגאנג.

„ליובלינער טאַגעבלאַט" — 9טער יאָהרגאַנג. רעדאקטאָר: י. ש. סטופּניצקי. אדרעס: לובלין, בערנארדינער 20.

פראַנקרייך.

„פּאַריזער היינט" — 2טער יאהרגאנג. רעדאקטאָר: ש. י. יאצקאן. אונפּארטייאיש. אדרעס: רו טאוּבורג עז טעמפּעל, פּאריז.

סאָוועטען־רוסלאנד.

„עמעס" — אָרגאַן פון צ. ב. פון די אידישע סעקציעס ביים צ. ק. פון ר. ק. פּ. 7טער יאהרגאנג. פאראַנטוואָרטליכער רעדאקטאָר, מ. ליטוואקאָוו, מאָסקווע.

„שטערן" — כאַרקאָוו. ארגאַן פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון אוקראינע און פון אלאוקראינישען ראַט פון די פּראָפעריינען. 2טער יאהרגאנג. אדרעס, סומער געסל 5, כאַרקאָוו.

„אַקטיאבר" — אָרגאַן פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון וויים־רוסלאנד. 2טער יאהרגאנג. מינסק, לעניןגאס 22.

רומעניען.

„דער איד" — א טעגליכע צייטונג, אין קעשענעוו. 8טער יאהרגאנג.

די וויכטיגסטע וואָכענבלעטער.

פאַראייניגטע שטאַאַטען און קענעדע.

„אידישע גאַזעטען" — וועכענטליכע אויסגאַבע פון „אידישען טאַגעבלאַט", ערשיינט יעדען פרייטאָג, 53טער יאָהרגאַנג. אַדרעס: 185־187 איסט בראָדוויי, נ. י.

„דאָס אידישע פאָלק" — אָרגאַן פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. רעדאַקטאָר דר. ש. בערנשטיין, 18טער יאָהרגאַנג, 114 5טע עוועניו, ניו יאָרק.

„דאָס אידישע ליכט" — אָרטאָדאָקסיש, 4טער יאָהרגאַנג. רעדאַקטאָר: ה. הירש. אַדרעס: 54 קאַנאל סטריט, ניו יאָרק.

„אידישער פיהרער" — 5טער יאָהרגאַנג, אַדרעס: 294 וואַשינגטאָן סט., רום 340, באָסטאָן.

„דער וועגווייזער" — 5טער יאָהרגאַנג. רעדאַקטאָר: יואל בארקאן. אַדרעס: 1520 סענטער עוועניו, פּיטסבורג.

„ברוקלינער נייע צייטונג און ברוקלין־בראָנזוויל פּאָסט" — 6טער יאָהרגאנג. אַרויסגעבער: מ. פּ. זיידמאַן, 1776 פּיטקין עוועניו, ברוקלין, נ. י.

„דער אידישער רעקאָרד" — ציוניסטישבעל'בית'שע צייטונג, 13טער יאָהרגאַנג, אַדרעס: 1309 פרענקלין עוועניו, סענטלואיס. אַרויסגעבער: לעאָן געלמאַן.

„פרייע ארבייטער שטימע" — אַנאַרכיסטיש. 27טער יאָהרגאַנג, יוסף קאַפּלאַן — רעדאקטאָר. 84 קאַנאַל סט., נ. י.

„קענעדער וואָכענבלאַט" — ערשטער יאָהרגאַנג. אידישיסטיש. רעדאַקטירט פון א קאלעגיום. מאָנטרעאָל, קענעדע.

„פאָרטשריט" — אָפיציעלער אָרגאַן פון די „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס אָוו אַמעריקא". 12טער יאָהרגאַנג, ניו יאָרק, 15 יוניאָן סקווער.

„גערעכטיגקייט" — אָפיציעלער אָרגאַן פון דער „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, 8טער יאָהרגאנג. אַדרעס: 3 וועסט 16טע סטריט, נ. י.

„דער אַמעריקאַנער און פרויען מאַגאַזין" — „נאַציאָנאַלער וואָכענבלאַט געווידמעט צו דער אידישער היים, קונסט און ליטעראַטור", 24טער יאָהרגאַנג. אַדרעס: 77־79 באוערי, נ. י.

„דער אידישער ארבייטער" — „אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי פועלי־ציון פון אַמעריקא". 4טער יאָהרגאַנג. אַדרעס: 133 2טע עוועניו, נ. י. ערשיינט יעדע צוויי וואָכען.

„דער גרויסער קונדס" — אַ הומאָריסטישער וואָכענבלאַט. 18טער יאָהרגאַנג. רעדאַקטאָר: יעקב מאַרינאָוו. אַדרעס: 201 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

„קאַליפאָרניער אידישע שטימע" — 5טער יאָהרגאַנג. דר. י. וואַרטסמאַן רעדאַקטאָר. אַדרעס: 317 וו. פּייקא סט. לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, האַלב ציוניסטיש.

„דער וועקער" — אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם אידישען סאָציאַליסטישען פּאַרבאַנד אין אַמעריקא. 6טער יאָהרגאַנג. רעדאַקטאָר: ד. שוב. אַדרעס: 175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

„קאמפף" — קאמוניסטישער וואכענבלאט מאנטרעאל, קענעדע, 2טער יאהרגאנג.

„די אידישע שטימע" — די איינציגע אידישע צייטונג אין ניו־דזשוירזי סטייט. ערשיינט יעדען פרייטאג. רעדאקטאר: דר. ק. פארענבערג. דריטער יאהרגאנג.

„דער פאר־ארבייטער" — אפיציעלער ארגאן פון דער „אינטערנעשאנאל פאר־ארבייטער יוניאן". ערשיינט אין ניו יארק. רעדאקטאר: א. ראזבורי.

בראזיליען.

„דאס וואכענבלאט" — 4טער יאהרגאנג, ריא־דע זשאנעירא. אונפארטייאיש, רעדאקטאר: אהרן קויפמאן.

ארגענטינע.

„אווזשאנעדער שטימע" — 3טער יאהרגאנג. רעדאקטאר: מ. שטילמאן.

„די אידישע וועלט" — אפיציעלער ארגאן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ארגענטינע. 10טער יאהרגאנג. רעדאגירט פון א פרעס־קאמיסיאן.

פוילען.

„אונזער לעבען" — גראדנע.

„אונזער שטימע" — בעלעם.

„אילוסטרירטער זשורנאל" — ווארשע.

„זאגלעמביער צייטונג" — בענדין, 8טער יאהרגאנג. רעדאקטאר: ח. שפיגעלמאן.

„דאס אידישע וואכענבלאט" — בענדין.

„דער אידישער וועג" — קראקע.

„דאס אידישע ווארט" — קראקע.

„דער מארגען" — סטאניסלאוו.

„מעזריטשער וואכענבלאט" — מעזריטש.

„פאליעסער שטימע" — בריסק.

„פאלק און לאנד" — ווארשא.

„ליטעראַרישע בלעטער" — ווארשא, 3טער יאהרגאנג. רעדאקטאר: נ. מייזעל. אדרעס: ווארשא, נאלעווקי 2 א.

„האנדעלס־צייטונג" — ווארשא.

„פאלקס־געזונט" — ערשיינט יעדע צוויי וואכען אין ווילנא. רעדאקטאר: דר. צ. שאבאד.

„לאדזער וועקער" — לאדז, 2טער יאהרגאנג.

„וואלינער וואך" — 3טער יאהרגאנג. ראוונע, גימנאזיע גאס 6. רעדאקטאר: ל. גאטליב.

„שעדלעצער וואכענבלאט" — 5טער יאהרגאנג. רעדאקטאר: י. גאלדבערג, אדרעס: סיעדלצע קילינסקאגא 28.

„נייע ארבייטער וועלט" — 3טער יאהרגאנג. פועל־ציוניסטיש, ווארשע, קארמעליצקע 15.

„יוגענט וועקער" — וואכענשריפט פון דער סאציאליסטישער יוגענד, ווארשא. 2טער יאהרגאנג. אדרעס: ווארשא, פאסטקעסטעל 234.

רומעניען.

„אונזער וועג" — בוקארעסט.

„ארבייטער צייטונג" — טשערנאוויץ, ארגאן פון „בונד". רעדאקטאר: י. קיסמאן.

„ערד און ארבייט" — קישינעוו.

„אונזער ווארט" — בוקארעסט.

סאוועטען־רוסלאנד.

„דער יונגער ארבייטער" — ארגאן פון „קאסאמאלצעס" מינסק. אדרעס: קאמסאמאלסקא 25.

די וויכטיגסטע מאנאטליכע און צוויי־מאנאטליכע זשורנאלען.

אמעריקע.

„דער אינזעל" — חודש זשורנאל. 2טער יאהרגאנג.

„דער אויפקום" — רעדאקטאר: ז. וויינפער. ערשטער יאהרגאנג. אדרעס: 84 באוערי, ניו יארק.

„די אידישע ארבייטער שטימע"—ערשיינט מאנאטליך. ארגאן פון דעם אידישען נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד. 12טער יאהרגאנג. אדרעס: 228 איסט בראדוויי, ניו יארק.

„דאס נייע ווארט" — אפיציעלער ארגאן פון אינדעפענדענט ארבייטער רינג. 18טער יאהרגאנג, באסטאן. מארים טאביאש, רעדאקטאר. אדרעס: 86 לעווערעט סטריט, באסטאן.

„אונזער בוך" — זשורנאל פאר ליטעראטור און קריטיק. ערשיינט יעדע 2 חדשים. אדרעס: 129 עוועניו סי, ניו יארק.

„פריינד" — אפיציעלער ארגאן פון ארבייטער רינג. 14טער יאהרגאנג. רעדאקטאר י. באסקין. ערשיינט יעדען חודש. אדרעס: 175 איסט בראדוויי, נ. י.

„פאַרבאַנד" — חודש זשורנאַל, אָרגאַן פון דער פעדעראַציע פון די פּוילישע אידען אין אַמעריקא. רעדאַקטאָר. ז. טיגעל. דריטער יאָהרגאַנג. אַדרעס: 32 יוניאָן סקווער, ניו יאָרק.

„די צוקונפט" — חודש-זשורנאַל. סאָציאַליסטיש, 31טער יאָהרגאַנג, רעדאַקטאָר: א. ליעסין. אַדרעס: 175 איסט בראָדוויי.

„דער האַמער" — חודש זשורנאַל. ערשטער יאָהרגאַנג. קאָמוניסטיש. רעדאַגירט פון אַ קאָלעגיום. מ. אָלגין פאַרזיצער. אַדרעס: 3 יוניאָן סקווער, נ. י.

ארגענטינע.

„דרום אמעריקא" — חודש-זשורנאַל. רעדאַגירט פון אַ קאָלעגיום, בוענאָס-איירעס.

דייטשלאַנד.

„די אידישע עמיגראַציע" — אָרגאַן פון אידישען עמיגראַציע-פאַרבאַנד (עמיגדירעקט) צווייטער יאָהרגאַנג, בערלין.

פּוילען.

„די נייע שול" — פּעדאַגאָגישער זשורנאַל. געהט ארויס איין מאָל אין דריי חדשים, זיבעטער יאָהרגאַנג, ווארשא לעשנא 40.

„אין שפּאָן" — חודש זשורנאַל, ערשטער יאָהרגאַנג. רעדאַקטאָר: ד. בערגעלסאָן, פאַרלאַג קלעצקין, ווילנא.

„שפּראָצונגען" — „אָרגאַן פאַר'ן יונגען אידישען וואָרט", צווייטער יאָהרגאַנג, ווארשא. רעדאַקטאָר: י. פּערעל, אַדרעס: נאַוואליפּקי 42 וו. 6 ווארשא.

„דאָס קינד" — צייטשריפט, געווידמעט די פּראָגען פון קינדער-שוץ און דערציהונג, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. מ. פּעקער, 3טער יאָהרגאַנג, ווארשא נאַוואליפּסקי 30.

פראנקרייך.

„דער נייער וועג" — מאָנאַטליכער געזעלשאַפטליך פּאָליטישער, ליטעראַרישער זשורנאַל, רעדאַגירט דורך וו. זשאַבאָטינסקי און י. קלינאָוו, ערשטער יאָהרגאַנג, פּאַריז.

סאָוועטען-רוסלאַנד.

„די רויטע וועלט" — פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכער, ליטעראַריש-קינסטלערישער און וויסענשאַפטליכער זשורנאַל. „מלוכה פאַרלאַג פון אוקראַינע". צווייטער יאָהרגאַנג, כאַרקאָוו, ענגעלס גאַס, נומער 19.

„שטערן" — ליטעראַריש-קינסטלערישער און פּאָליטיש-וויסענשאַפטליכער זשורנאַל. פאַרלאַג „שול און בוך" ווייסרוסלענדישע אָפּטיילונג, מינסק. צווייטער יאָהרגאַנג, לעניגס גאַס 26.

„רויטער נאָדעל" — אָרגאַן פון צ. ק. און צ. פּ. פון נאָדעל פאַראיין, כאַרקאָוו, אַרבייטער פּלאַץ 48. צווייטער יאָהרגאַנג.

די נייע איראָפּע

די טעריטאָריע, די באַפעלקערונג, די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטען און די פּאָליטישע אָרדנונג פון די לענדער.

דייטשלאַנד.

פון דער גרויסער וועלט-מלחמה איז דייטשלאַנד ארויס שטאַרק צוקלאַפּט. זי האָט פאַרלאָרען אַ באַדייטענדיגען טייל פון איהרע לענדער אין איראָפּא, געמוזט אָפּגעבען אַלע איהרע קאָלאָניעס. איהר פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדייטונג איז שטאַרק געפאַלען. דייטשלאַנד ליגט אין מיטען פון מערב-איראָפּא און פאַרנעמט אַ שטח פון 185 טויזענט מיט 889 סקווער מייל.

לענדער און שטעדט:

1) פּריסען, הויפּטשטאָדט בערלין; באַפעלקערונג דריי און אַ האַלב מיליאָן.

2) בייערען, הויפּטשטאָדט מינכען; באַפעלקערונג 650 טויזענט.

3) זאַקסען, הויפּטשטאָדט דרעזדען; באַפעלקערונג 590 טויזענט.

4) ווירטעמבערג, הויפּטשטאָדט שטוטגאַרט.

5) באַדען, הויפּטשטאָדט קאַרלסרוע; באַפעלקערונג 136 טויזענט.
6) טורינגיען, הויפּטשטאָדט וויימאַר.
7) העססען, הויפּשטאָדט דאַרמשטאַדט.
8) האַמבורג, באַפעלקערונג 986 טויזענט.
9) מעקלענבורג-שווערין, הויפּטשטאָדט שווערין.
10) אָלדענבורג, הויפּטשטאָדט אָלדענבורג.
11) בראַונשווייג, הויפּטשטאָדט בראַונשווייג.
12) אַנהאַלט, הויפּטשטאָדט דעססאַו.
13) ברעמען, באַפעלקערונג 300 טויזענט.
14) ליפּפּע. הויפּטשטאָדט דעטמאָלד.
15) ליובעק, באַפעלקערונג 120 טויזענט.
16) מעקלענבורג-סטרעליץ, הויפּטשטאָדט נײַ-סטרעליץ.
17) וואַלדעק, הויפּטשטאָט אַראָלזען.
18) שאַומבורג-ליפּפּע, הויפּטשטאָדט ביקעבורג.

דייטשלאַנד צעהלט אַ באַפעלקערונג פון 63 מיליאָן נפשות. זי באַשטעהט אין איהר גרעסטער מעהרהייט פון דייטשען. ניט-דייטשען — פּאָליאַקען, אידען און אַנדערע זעהר ווייניג — ביי אַ 4 מיליאָן. דייטשלאַנד איז זעהר געדיכט באַפעלקערט. גרעסער ווי אומעטום אין די אינדוסטריעלע געגענטען פון זאַקסען און אין רוהר-געביט. מעהר ווי אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג וואוינט אין די שטעדט. לויט דער אמונה טיילען זיך די דייטשען אויף פּראָטעסטאַנטען 62 פּראָצענט און קאַטאָליקען 36 פּראָצענט.

אידען. די צאָהל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד דערגרייכט ביז 650 טויזענט. אין דער צאָהל געהען אריין ביי 100 טויזענט איינגעוואַנדערטע פון רוסלאַנד, פּוילען און עסטרייך. דער גרעסטער טייל אידען וואוינט אין פּריסען (490,000) זיי זיינען קאָנצענטרירט, הויפּטזעכליך, אין די שטעדט (80 פּראָצענט).

דייטשלאַנד איז לויט דער קאָנסטיטוציע פון יאָהר 1919 אַ רעפּובליק, די געזעצגעבערישע מאַכט געהערט דעם פּאַרלאַמענט (רייכסטאַג), וואָס ווערט געקליבען אויף 4 יאָהר דורכ'ן גאַנצען פאָלק אָהן אונטערשייד פון געשלעכט פון 20 יאָהר אָן. אין דער שפּיץ פון דער רעפּובליק שטעהט דער פּרעזידענט, וועלכער ווערט געקליבען אויף 7 יאָהר לויט דעם זעלבען מאָדוס. די רעגירונג — די עקזעקוטיווע מאַכט — איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן פּאַרלאַמענט. די אַכטצעהן באַזונדער'ע לענדער פיהרען אָן מיט זייערע אינווענינגסטע ענינים זעלבסטשטענדיג. די געזעצגעבערישע מאַכט געהערט דעם לאַנדטאַג פון יעדער לאַנד. אלס אַלגעמיינע מלוכה ענינים ווערען באַטראַכט: אויסלענדישע פּאָליטיק, אַרמעע, גרעניץ-צאָהל, פּאָסט, טעלעגראַף, אייזענבאַהן, וואַסער-וועגען און געריכט.

פּאָליטישע פּאַרטייען

1) דער צענטער אָדער די קאַטוילישע פּאַרטיי. 2) דייטשע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי. 3) דייטשע פאָלקס פּאַרטיי. 4 דייטשע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. 5) סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. 6) קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

די דייטשע מטבעה איז דער מאַרק.

פאַר דעם וועלט-קריג האָט דייטשלאַנד פאַרנומען דעם דריטען אָרט צווישען די אינדוסטריעלע מלוכות (נאָך ענגלאַנד און די פאַראייניגטע שטאַטען פון צפון-אַמעריקאַ).

די פאַבריקאַציע אין דייטשלאַנד שטיצט זיך, איבערהויפּט, אויף דער באַרג-אינדוסטריע און די נאַטירליכע רייכטימער, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט. ביי היינטיגען טאָג שפּילען אַ ראָליע אין דייטשלאַנד די אינדוסטריעלע ראַיאָנען: 1) רייניש-וועסטפאַלישער (רוהר-געביט). 2) זאַקסען-טורינגינער. 3) אויבער-שלעזיען (דייטשער טייל) און 4) בראַנדענבורגער.

דעם צווייטען אָרט נאָך דער מעטאַל אינדוסטריע פאַרנעמט אין דייטשלאַנד די טעקסטיל אינדוסטריע. דעם דריטען פּלאַץ — די כעמישע אינדוסטריע.

עסטרייך.

פון דער אַמאָליגער גרויסער דונאַי-מאָנאַרכיע (עסטרייך-אונגאַרן), איז פאַרבליבען אַ זכר דאָס היינטיגע קליינע עסטרייך (דייטש-עסטרייך). דאָס איז אַ בערגיג לאַנד אין די אַלפּען מיט אַ שטח פון 32 טויזענט מיט 396 סקוועער מייל.

עסטרייך באַשטעהט פון די פּראָווינצען:

1) נידער-עסטרייך, הויפּטשטאָדט וויען; באַפעלקערונג 2 מיליאָן.
2) אויבער-עסטרייך, הויפּטשטאָדט לינץ; באַפעלקערונג 95 טויזענט.
3) זאַלצבורג, הויפּטשטאָדט מיט דעם-זעלבען נאָמען.

4) שטיריע אָדער שטייערמארק, הויפּט־שטאָדט גראַץ; באַפעלקערונג 160 טויזענט.
5) קאַרינטיע, הויפּטשטאָדט צעלאָוויץ.
6) טיראָל, הויפּטשטאָדט אינסברוק; באַפעלקערונג 56 טויזענט.

די באַפעלקערונג אין עסטרייך איז אַן איינהייטליכע. זי צעהלט עפּעס מעהר ווי 6 מיליאָן זעקס הונדערט טויזענט נפשות — אויסשליסליך דייטשען. אידען איז פאַראַן אין עסטרייך ביי 200 טויזענט. דער גרעסטער טייל פון זיי וואונען אין וויען.

עסטרייך איז אַ רעפּובליק. די געזעצגע־בערישע מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון נאַציאָנאַלראַט (אויף 4 יאָהר), און דעם בונדסראַט (46 דעפּוטאַטען פון די פּראָווינציעלע לאַנדטאַגען). אין עסטרייך איז איינגעפיהרט די אלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואהל־רעכט (פון 20 יאָהר אָן פאַר ביידע געשלעכטער). די עסטרייכישע מטבע איז די קראָנע.

די שטאַרקסטע פּארטיי איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע. ווייטער געהן די קריסט־ליך־סאָציאַלע און די דייטשע פאָלקס־פּארטיי.

די באַפעלקערונג ציהט די חיונה פון די וועלדער, וועלכע פארנעהמען מעהר ווי אַ דריטעל פון דעם גאַנצען שטח. דאָ איז שטאַרק אַנטוויקעלט די האָלץ־אינדוסטריע: זעג־מיהלען, מעבעל־פאבריקען, פּאַפּיר און צעלולאָזע פאַבריקען. ערד־ארבייט איז פארשפּרייט נאָר אין נידער־עסטרייך, שטיריע, און אויבער־עסטרייך. נאָך דער גרויסער וועלט־מלחמה האָט עסטרייך פאַרלאָרען אירע לענדער מיט גרויסע נאַטירליכע רייכטימער. די אינדוסטריע איז שטאַרק געפאַלען. חוץ געהילץ פאַרמאָגט ניט עסטרייך קיין באַדייטענדע נאַטירליכע רייכטימער. ס'איז דאָ אַביסעל שטיין־קוילען, אייזענערדע, זאַלץ, בליי און קופּער. אין די וויכטיגסטע אינדוסטריעלע צענטערען: וויען, גראַץ און לעאבען ווערט אויסגעאַרבייט אייזענערדע. עלעקטרישע מאַשינעס און אַפּאַראַטען, פּאַפּיר, גאַלאַנטעריי, שוכוואַרג, שפּילצייג, צוקערוואַרג און אַנדערע.

אונגאַרן.

אונגאַרן איז אַ קאָנטינענטאַלע מלוכה, זי האָט ניט קיין צוטריט צום ים. זי פארנעמט א שטח פון 35 טויזענט מיט 911 סקווער מייל.

די באַפעלקערונג פון אונגאַרן צעהלט ביי 8 מיליאָן נפשות און באַשטעהט כמעט אויסשליסליך פון אונגאַרן־מאַדיאַרען. די בילדונג שטעהט אויף זעהר אַ נידעריגער שטופע (43 פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען — קאָנען ניט לייענען און שרייבען). דריי פערטעל פון די אונגאַרן זיינען לויט זייער אמונה קאַטויליש, איין פערטעל פּראָטעסטאַנטען.

אידען איז אין אונגאַרן פּאַראַן ביי אַ האַלבען מיליאָן. אַ גרויסער טייל וואוינט אין דער הויפּטשטאָדט — בודאַפּעסט. די אי־דען זיינען **שטאַרק פאַרטראָטען אין האַנדעל** און אינדוסטריע. באַזונדערס שטאַרק אין די פרייע פּראָפעסיעס. **דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען,** ליטעראַטען.

אין יאָהר 1918 האָט אונגאַרן זיך אָפּגעטיילט פון עסטרייך און זיך דערקלערט אַלס רעפּובליק. אין יאָהר 1920 האָט די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג פּראָקלאַמירט אונגאַרן פאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלע קעניגרייך. די פראַגע פון קעניג איז נאָך אָבער ניט ערלעדיגט געוואָרען, און אין דער שפּיץ פון דער מלוכה שטעהט אַ פאַרוואַלטער (רעגענט) און דער פּאַרלאַמענט.

די מטבע איז די אונגאַרישע קראָנע.

פון די פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען אויבפלוסרייך די קריסטליכע סאָציאַלע און די קריסטליכע נאַציאָנאַליסטען — קלעריקאַל אַנטיסעמיטיש. ווייטער געהען די „פּארטיי פון יאָהר 1848" און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

אונגאַרן איז אויסשליסליך אַן אַגראַר מלוכה. די הויפּט באַשעפטיגונג איז ערד־אַרבייט. אָבער די ערד אַרבייט שטעהט ניט אויף דער געהעריגער הויך. אויף אַ העכערער שטופע שטעהט וויינגערטנעריי און פיצוכט. די אינדוסטריע איז דאָ שוואַך אַנטוויקעלט. עס עקזיסטירט נאָר די קליינע אינדוסטריע, וואָס איז דירעקט פאַרבונדען מיט לאַנדווירטשאַפט, ווי מילען, ברויערייען און צוקער־פאַבריקען. קיין נאַטירליכע רייכטימער, חוץ קוואַלען פון מינעראַל וואַסער, פאַרמאָגט ניט אונגאַרן.

די הויפּטשטאָדט איז בודאַפּעשט מיט אַ באַפעלקערונג פון אַ מיליאָן מיט 184 טויזענט נפשות. סעגעדין מיט אַ באַפעלקערונג פון 110 טויזענט. דעברעטשין מיט אַ באַפעלקערונג פון 103 טויזענט.

טשעכאָסלאָוואַקיע.

טשעכאָסלאָוואַקיע איז פאר דעם וועלטקריג געווען אַ טייל פון עסטרייך. ווען עסטרייך איז זיך צופאלען, האָט זיך געבילדעט די טשעכאָסלאָוואַקישע רעפּובליק, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון 54 טויזענט מיט 877 סקווער מייל. די לאַגע איהרע איז ניט קיין גינסטיגע צוליב דעם, וואָס זי האָט ניט קיין צוטריט צום ים.

לויט דער איבערפלאַך פון לאַנד קאָן טשעכאָסלאָוואַקיע איינגעטיילט ווערען אין: 1) ט ש ע כ י ע, מיט דער הויפּטשטאָדט פּראָג (675 טויזענט); 2) מ ע ר ן, מיט דער הויפּטשטאָדט ב ר י ן (225 טויזענט); 3) ס ל אָ ו ו א ק י ע, מיט דער הויפּטשטאָדט פּ ר ע ס ב ו ר ג (80 טויזענט).

טשעכאָסלאָוואַקיע צעהלט אַ באַפעלקערונג פון 14 מיליאָן נפשות, וואָס באַשטעהט פון פאָלגענדע נאַציאָנאַליטעטען: טשעכען, זעקס און אַ האַלב מיליאָן; דייטשען, פיר מיליאָן; סלאָוואַקען, צוויי מיליאָן, דער רעשט, אידען, פּאַליאַקען, רוטענער און מאַדיארען. לויט דער אמונה איז דער גרעסטער טייל קאַטויליש, (11 מיליאָן), איין מיליאָן פּראָטעסטאַניש און זעקס הונדערט טויזענד, פּראוואָסלאַונע.

די צאָהל א י ד ע ן אין טשעכאָסלאַוואַקיע איז 360 טויזענט נפשות, צום גרעסטען טייל שטאָדטישע איינוואוינער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט האַנדעל. די גרעסטע קהילה איז פּראָג. אין די קאַרפּאַטען געגענטען וואוינט אַ היבשע צאָהל אידען, וואָס פאַרנעהמען זיך מיט ערד-ארבייט.

טשעכאָסלאָוואַקיע איז אַ ר ע פּ ו ב ל י ק. די געזעצגעבערישע מאַכט געהערט דעם פּאַרלאַמענט, וואָס באַשטעהט פון צוויי קאַמערען, וועלכע קלייבען אויס דעם פּרעזידענט אויף 7 יאָהר. וואהלרעכט האָבען אלע אָהן אונטערשייד פון געשלעכט פון 21 יאָהר אָן.

די פּאָליטישע פּאַרטייען אין טשעכאָסלאַוואַקיע טיילען זיך אויף טשעכישע, סלאַוואַקישע, דייטשע און אונגאריש-מאַדיארישע:

1) די טשעכאָסלאָוואַקישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי; 2) טשעכאָסלאָוואַקישע פּאָלקס-פּאַרטיי; 3) די טשעכישע אַגראַר-פּאַרטיי; 4) די טשעכישע פּאָלקס-סאָציאַליסטישע פּאַרטיי; 5) טשעכישע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי; 6) סלאָוואַקער פּאָלקס-ארגרארע פּאַרטיי; 7) דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי; 8) דער דייטשער פאַרבאַנד; 9) דייטשער אגרארער פאַרבאַנד; 10) דייטשע קריסטליך-סאָציאַלע פּאַרטיי; 11) אונגאַריש-דייטשע קריסטליך-סאָציאַלע פּאַרטיי; 12) אונגאַריש-דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע; 13) די אידישע פּאַרטיי.

די ל א נ ד ו ו י ר ט ש א פ ט שטעהט אין טשעכאָסלאָוואַקיע אויף אַ הויכער מדרגה. אויך וויינגערטנעריי, פיצוכט געפינט זיך אין אַ בליהענדען צושטאַנד. טשעכאָסלאָוואַקיע פאַרמאָגט אַ סך נאַטור-אוצרות. וועלדער, שטיינקוילען און אייזענרודע, (ברוינע קוילען), אוראַנערץ אויף ארויסצובאקומען ראַדיאום, זילבער און בליי, קוואַרץ-זאַמד פאַר גלאָז, פאַרצעלייר ערד (קאַאָלין). אַ דאַנק די נאַטירליכע רייכטימער אַנטוויקעלט זיך די אינדוסטריע. עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנען איז סלאָוואַקיע. דער באָדען דאָרט איז ניט איבעריג פרוכטבאר און די דאָרטיגע באַפעלקערונג עמיגרירט.

פּוילען

פּוילען איז אין 1919 יאָהר אויפגעשטאַנען תחית-המתים. זי איז צונויפגעשטעלט געוואָרען פון די לענדער, וואָס האָבען פריהער באלאנגט צו רוסלאַנד, פּרייסען, עסטרייך און טיילווייז אונגאַרן. פּוילען ליגט אין מיטען אייראָפּע און פאַרנעמט אַ שטח פון 149 טויזענט מיט 140 סקווער מייל.

לויט דער פריהערדיגער אנגעהעריגקייט קאָנען מיר אזוי איינטיילען דעם גאנצען שטח פון דער איצטיגער פּוילען:

רוסיש-פּוילען, הויפּטשטאָדט, ווארשע. באַפעלקערונג 980 טויזענט.

פּרייסיש-פּוילען, הויפּטשטאָדט פּויזען. באַפעלקערונג 160 טויזענט.

פּאָמערן, הויפּטשטאַדט טארן.

עסטרייכיש-פּוילען:

מערב-גאַליציע, הויפּטשטאָדט קראָקע. באַפעלקערונג, 160 טויזענט.

מזרח-גאַליציע, הויפּטשטאָדט לעמבערג.

מיטעל-ליטע, הויפּטשטאָדט ווילנע.

אויבער-שלעזיע, הויפּטשטאָדט קאַטאָוויץ.

פּוילען צעהלט אַ באַפעלקערונג פון איבער 27 מיליאָן נפשות. די באַפעלקערונג איז ניט קיין איינהייטליכע: פּוילען, 68 פּראָצענט; אוקראַאינער, 15 און אַ האַלב פּראָצענט; אידען, 7 פּראָצענט; דייטשען, 4און א האַלב פּראָצענט; וויים-רוסען, 3 פּראָצענט; רוסען, ליטווינער און אַנדערע, 2 פּראָצענט. לויט דער אמונה זיינען פאראן 62 פּראָצענט, קאַטוי-

ליקען; גריכיש־קאַטוליש (אוניאַטען) 12 פּראָצענט; פּראוואָסלאַווגע, 10 פּראָצענט; פּראָטעסטאַנטען, 5 פּראָצענט.

אין פּוילען וואוינען ביי אַ דריי און אַ פערטעל מיליאָן אידען. זיי זיינען קאָנצענטרירט אין די שטעדט און שטעדטלאך און באַשעפטיגען זיך מיט האַנדעל, האַנדווערקעריי און ארבייט. דער גרעסטער טייל וואוינט אין רוסיש־פּוילען (14 פּראָצענט) דער קלענסטער — אין דייטש־פּוילען (1 פּראָצענט).

די באַפעלקערונג פון פּוילען שטעהט אויף ניט קיין הויכער קולטורעלער מדרגה. ביז איצט איז נאָך דאָ 50 פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען. מעהר ווי אומעטום אין די טיילען פון לאַנד, וואָס זיינען אריבער פון רוסלאַנד, ווייניקער ווי אומעטום אין די דייטשע געגענדען.

פּוילען איז אַ רעפּובליק. די געזעצגעבערישע מאַכט געהערט דעם סיים, וואָס ווערט געוועהלט פון אַלע בירגער, אָהן אונטערשייד פון געשלעכט, פון 21 יאָהר אָן דורך געהיימע, אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַהלען. צום סענאַט קאָנען וועהלען נאָר די, וואָס זיינען אַלט 30 יאָהר. די דעפּוטאַטען פון סיים צוזאמען מיט די סענאַטאָרען בילדען די נאַציאָנאַלע פארזאמלונג, וועלכע קלייבט אויס דעם פּרעזידענט פון רעפּובליק אויף 7 יאָהר.

די פּוילישע מטבע איז די זלאָטע.

די וויכטיגסטע פּאָליטישע פּארטייען אין פּוילען: 1) די דעמאָקראטישע פּאָלקס־פּארטיי (נאַראָדאָוואַ דעמאָקראטיע); 2) די פּויערשע פּארטיי — פּיאַסט, אָדער די פּוילישע פּאָלקס פּארטיי; 3) די נאַציאָנאַלע ארבייטער פּארטיי; 4) פּוילישע סאָציאַליסטישע פּארטיי (פּ. פּ. ס.); 5) די קאָמוניסטישע פּארטיי; 6) דער „בונד”.

פּוילען איז אין אַלגעמיין אן אַגראַרע לאַנד. 48 פּראָצענט פונ'ם גאַנצען שטח פון לאַנד איז פארנומען מיט אַקער פעלד. העכער ווי אומעטום שטעהט די לאַנדווירטשאַפט אין די מערב'דיגע געגענדען, הגם דער באָדען איז דאָ אַן ערגערער. דאָס איז מחמת דעם, וואָס די באַפעלקערונג איז קולטורעלער און די מעטאָדען פון ארבייט זיינען בעסערע.

אין דער פאבריק־ און בארג־אינדוסטריע זיינען באַשעפטיגט 14 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. מעהר ווי אַנדערע זיינען אַנטוויקעלט די צווייגען פון דער אינדוסטריע, וואָס האָבען א שייכות צו דער לאַנדווירטשאַפט, ווי שפּייז אינדוסטריע, צוקער, ספּירט, קראָכמאַל. פון אַנדערע צווייגען פון דער אינדוסטריע איז וויכטיג די באַרג־אינדוסטריע, די טעקסטיל־אינדוסטריע, פּאַפּיר. די נאַטירליכע רייכטימער זיינען גאַנץ באַדייטענד: קוילען, אויל, אייזען, רודע, צינק, בליי, און קופּער.

דאַנציג.

לויט'ן ווערסאַלער טראַקטאַט איז דאַנציג ערקלעהרט געוואָרען אַ פרייש־טאָדט. די קליינע רעפּובליק נעהמט ארום די שטאָדט און די אומגעגענט. זי פארנעמט א שטח פון 729 סקווער מייל מיט אַ באַפעלקערונג פון 365 טויזענט נפשות. דייטשען—93 פּראָצענט און פּוילען 6 פּראָצענט. דאַנציג איז אַ האַפען ביי דער עפנונג פון דער ווייסעל, אויפ'ן ברעג פון באַלטישען ים. פאַר פּוילען האָט דאַנציג אַ גרויסע באַדייטונג מחמת דאָס איז דערווייל דער איינציגער האַפען, וואָס גיט איהר אַ צוטריט צום ים, דאַנציג האָט אַן אייגענע מטבע — דעם דאַנציגער ג ו ל ד ע ן.

רומעניען.

רומעניע פארנעהמט א שטח פון 122 טויזענט מיט 182 סקווער מייל.

די טיילען פון רומעניע זיינען:

1) אַלט־רומעניע, הויפּטשטאָד בוקאַרעשט; באַפעלקערונג 346 טויזענט.

2) בעסאַראַביע, הויפּטשטאָדט קישינעוו; באַפעלקערונג 130 טויזענט.

3) בוקאָווינא, הויפּט־שטאָדט טשערנאָוויץ; באַפעלקערונג 80 טויזענט.

4) טראַנסילוואַניע, הויפּטשטאָדט קלאַוזענבורג; באַפעלקערונג 50 טויזענט.

5) באַנאַט.

די באַפעלקערונג אין רומעניע איז אַ געמישטע: אוקראַינער אַ מיליאָן און אַ האַלב, אונגאַרען אַ מיליאָן און אַ האַלב, דייטשען 650 טויזענט, בולגאַרען 650 טויזענט, טערקען 200 טויזענט אויך ציגיינער און גריכען. סך הכל וואוינען אין רומעניע 17 מיליאָן 300 טויזענט נפשות.

די צאָהל אידען אין רומעניע איז ביי אַ מיליאָן. 75 פּראָצענט פון די אידען וואוינען אין די שטעדט און פאַרנעהמען זיך מיט האַנדעל און מלאכה. אַ טייל איז באַשעפטיגט ביי ערד אַרבייט (בעסאַראַביע).

די רומענער זיינען פּראַוואָסלאַווגע. דער קולטורעלער מצב פון דער באַפעלקערונג איז

אַ נידעריגער. איבער 75 פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען.

רומעניע איז אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. דער פּאַרלאַמענט באַשטעהט פון צוויי קאַמערען. וואַהלבאַרעכטיגט זיינען נאָר די יעניגע, וואָס צאָלען שטייערען און דערגרייכען דעם עלטען פון 21 יאָהר.

די רומענישע מטבע איז די ליי.

די וויכטיגסטע פּאָליטישע פּאַרטייען: 1) נאַציאָנאַל־ליבעראַלע פּאַרטיי, 2) קאָנסערוואַטיוו־פּראָגרעסיווע פּאַרטיי, 3) טראַנסילוואַן־רומענער נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, 4(פּאָלקספּאַרטיי, 5) פּויערשע פּאַרטיי, 6) סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

רומעניע איז אַן אַגראַר־לאַנד. 47 פּראָצענט פונ'ם גאַנצען שטח איז פאַרנומען מיט אַקער־פעלדער. דער באָדען איז אַ גוטער, ער ווערט אָבער שלעכט באַאַרבייט. די אינדוסטריע איז שוואַך אַנטוויקעלט. עס אַנטוויקלען זיך נאָר די צווייגען פון אינדוסטריע, וואָס האָבען אַ שייכות צו ערד־אַרבייט, ווי מילען, זעג־מילען. עס ארבייטען אויך רעפיינעריעס פון נאַפט.

יוגאָסלאַוויען.

יוגאָסלאַוויע איז די גרעסטע מלוכה פון באַלקאַנישען האַלב־איבזעל. פאַרנעמט אַ שטח פון 96 טויזענט מיט 134 סקווער מייל.

יוגאָסלאַוויע באַשטעהט פון פאָלגענדע לענדער: סערביע, מאָנטענעגראָ אָדער טשאָרנאָגאָריע, באָסניע, הערצאָגאָווינע, דאַלמאַציע, כאָרוואַציע, סלאָוואַניע און טיילען פון קראַאינע און באַנאַט.

יוגאָסלאַוויע צעהלט ביי 12 מיט אַ האַלבען מיליאָן נפשות. די באַפעלקערונג איז אַ געמישטע: 50 פּראָצענט סערבען, 25 פּראָצענט קראָאַטען; די איבעריגע 25 פּראָצענט זיינען: סלאָוועגער, אַלבאַניער, אונגאַרען, בולגאַרען. די סערבען זיינען פּראַוואָסלאַוונע, די קראָאַטען און סלאָוועגער זיינען קאַטאָליקען. דער קולטורעלער מצב איז אַ נידעריגער.

יוגאָסלאַוויע איז אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. די געזעצגעבערישע מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון פּאַרלאַמענט (סקופּשציגאַ). די וואַהלען זיינען אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע — פון 21 יאָהר אָן. פרויען וועהלען ניט.

די יוגאָסלאַווישע מטבע איז דער דינאַר.

פון די וויכטיגסטע פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען: 1) ראַדיקאַלע, 2) דעמאָקראַטישע, 3) רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי פון די קראָאַטישע פּויערים, 4) די פּאַרטיי פון די באָסניער פּויערים, 5) קלעריקאַלע סלאָווענישע פּאַרטיי, 6) מחמדאַנישע (ספּאַגאָ), 7) רעפּובליקאַנער, 8) קאָמוניסטישע פּאַרטיי, 9) סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַטיי.

דער הויפּט־קוואַל פון הוונה אין יוגאָסלאַוויע איז ערד־אַרבייט. יוגאָסלאַוויע האָט אויך נאַטירליכע אוצרות, אָבער זיי ווערען ווייניג אויסגענוצט. אין באָסניע און הערצאָגאָווינע באַקומט מען אַרויס קופּער, בליי, אייזען, אַלומיניום, זאַלץ, צעמענט און אַביסעל שטיינקוילען.

טערקיי.

נאָך דער זיגערייכער מלחמה מיט גריכענלאַנד אין יאָהר 1923 האָט טערקיי צוריק באַקומען דאָס, וואָס זי האָט געהאַט פאַר דער מלחמה אויפ'ן באַלקאַנישען האַלב־אינזעל. זי פאַרנעהמט אַ שטח פון 10 טויזענט מיט 882 סקווער מייל.

די באַפעלקערונג פון דער אייראָפּעאישער טערקיי דערגעהט ביז אַ מיליאָן מיט 700 טויזענט נפשות. דריי־פערטעל פון דער אַלגעמיינער צאָל זיינען טערקען, די איבעריגע — גריכען און אַרמענער.

טערקיי איז אַ רעפּובליק. די געזעצגעבערישער מאַכט געהערט דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וועלכע קלייבט אויס דעם פּרעזידענט. די טערקישע מטבע איז דער פּיאַסטער.

די הויפּט־שטאָדט איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען קיין אַנגאָראַ (קליין־אַזיע). קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז אַ וויכטיגער האַפען ביים דורכגוס באָספאָר, וואָס פאַראייניגט דעם שוואַרצען ים מיט'ן מאַרמאָרנעם און מיטללענדישען. צעהלט אַ באַפעלקערונג פון 800 טויזענט, צווישען זיי 65 טויזענט אידען.

בולגאַריען.

בולגאַריע געפינט זיך אין צפונ'דיגען טייל פון באַלקאַנער האַלב־אינזעל. זי פאַרנעמט אַ שטח פון 40 טויזענט מיט 667 סקווער מייל.

די באַפעלקערונג פון בולגאַריען צעהלט 4 מיליאָן מיט 900 טויזענט נפשות, פון זיי איבער 80 פּראָצענט בולגאַרען, די איבעריגע: טערקען, רומענער, גריכען, אידען, אַרמענער. די בולגאַרען זיינען פּראַוואָסלאַוונע.

בולגאַריע איז אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָ־

דער פּאַרלאַמענט באַשטעהט פון איין קאַמער—נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג (סאָבראַניע).

די הויפּט-באַשעפטיגונג פון די בולגאַרען איז לאַנדווירטשאַפט און פי-צוכט.

די וויכטיגסטע שטעדט זיינען: סאָפיע (155 טויזענט) — הויפּט-שטאָדט, וואַרנע, אַ האַפענשטאָדט ביים שוואַרצען ים (52 ט.).

די בולגאַרישע מטבע איז דער לעוו.

גריכענלאַנד.

גריכענלאַנד געפינט זיך אויפ'ן דרום'דיגען טייל פון באַלקאַנישען האַלב-אינזעל און פאַרנעמט אַ שטח פון 41 טויזענט מיט 933 סקוועער מייל.

די באַפעלקערונג פון גריכענלאַנד צעהלט ביז 6 מיט אַ האַלב מיליאָן נפשות. די באַפעלקערונג פאַרגרעסערט זיך, נישט קוקענדיג אויף דער עמיגראַציע קיין אַזיע און אַפריקע. חוץ די גריכען (4 מיליאָן), וואוינען דאָ אַלבאַנער, בולגאַרען, סערבען, טערקען, אַרמענער און אידען. די גריכען זיינען פּראַוואָסלאַווניע, טערקען—מאַכמעדאַנער. די גריכען שטעהען קולטורעל העכער פאַר די איבעריגע איינוואוינער פון באַלקאַנישען האַלב-אינזעל. זיי האָבען נאָר 30 פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען.

גריכענלאַנד איז אין יאָהר 1924 דערקלערט געוואָרען דורך דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג פאַר אַ רעפּובליק. דער פּאַרלאַמענט באַשטעהט פון איין קאַמער און ווערט געקליבען דורך דער באַפעלקערונג אין עלטער פון 21 יאָר אָן. די גריכישע מטבע איז די דראַכמע.

די לאַנדווירטשאַפט פאַרנעמט נישט אין גריכענלאַנד אַזאַ וויכטיגען אָרט, ווי אין די איבעריגע מלוכות פון באַלקאַנישען האַלב-אינזעל. אָן אָנגעזעהענעם אָרט פאַרנעמט דאָ די סעדעריי (איילבערט, פייגען, אָראַנזש און ציטרינען-בוימער) און וויינגאַרטנעריי. דער האַנדעל איז גאַנץ באַדייטענד. דער גריך איז בעצם אַ סוחר, אַ ים-מענש. גריכענלאַנד פירט אַרויס: טאַבאַק, איילבערטען-אויל, ראָזינקעס, וויין. די אינדוסטריע איז שוואַך אַנטוויקעלט.

די הויפּט-שטאָדט איז אַטהען (290 טויזענט), סאַלאָניקי איז אַ וויכטיגער האַפען (200,000).

אַלבאַניע.

אַלבאַניע ליגט ביים ברעג פון אַדריאַטישען ים, אַ בערגיגע לאַנד. זי פאַרנעמט אַ שטח פון 17 טויזענט מיט 364 סקוועער מייל.

אַלבאַניע צעהלט אַ באַפעלקערונג פון 831 טויזענט נפשות. דאָס לאַנד און די באַפעלקערונג איז זעהר אָרים. נאַקעטע פעלזען און זומפּען. די באַפעלקערונג באַשעפטיגט זיך מיט פי-צוכט און האַנד-וועבעריי.

די מעהרהייט פון דער באַפעלקערונג זיינען מאַכמעדאַנער (530 טויזענט).

די הויפּט-שטאָדט איז דוראַצאָ. סקוטאַרי און וואַלאָנע — האַפענס.

איטאַליען.

איטאַליען פאַרנעמט דעם אַפּענינישען האַלב-אינזעל און די אינזלען: סיציליע, סאַרדיניע, עלבע און אַ סך קלענערע. נאָך דער מלחמה האָט זי באַקומען אַ טייל טיראָל, דעם האַלב-אינזעל איסטריע. זי פאַרנעמט אַ שטח פון 117 טויזענט מיט 982 סקוועער מייל.

איטאַליען צעהלט אַ באַפעלקערונג פון 39 מיליאָן נפשות. חוץ איטאַליענער, וואָס בילדען די מעהרהייט פון דער באַפעלקערונג, וואוינען דאָ גריכען, טערקען, דייטשען, אידען, סלאָוועניער און סערבען. די עמיגראַציע פון איטאַליען איז זעהר גרויס און געהט איצט קיין אַרגענטינע, בראַזיליע און טיילווייז אין די פאַראייניגטע שטאַטען. די מעהרהייט פון דער באַפעלקערונג איז קאַטוילויש.

איטאַליען איז אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. די געזעצגעבערישע מאַכט באַשטעהט פון סענאַט און דעפּוטאַטען-הויז. וואַהלרעכט האָבען די מאַנסליוט, וואָס צאָלען 20 לירעס שטייערען, פון 21 יאָהר אָן.

די איטאַליענישע מטבע איז די לירע.

אונטער דער הערשאַפט פון פאַשיסטישען דיקטאַטאָר, מוסאָליני, איז דאָס פּאָליטישע לעבען אינגאַנצען פאַרקריפּעלט געוואָרען. פון די פּאָליטישע פּאַרטייען איז די 1) פאַשיסטישע פּאַרטיי, די הערשענדע אין לאַנד, 2) די קאַטוילישע פּאַרטיי, 3) די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, 4) די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

נישט-קוקענדיג אויף דעם געזעץ פון אַלגעמיינער פאָלקס-בילדונג, איז איטאַליען אַ לאַנד מיט אַ גרויסער צאָל אַנאַלפאַבעטען (87 פּראָצענט), באַזונדערס איז גרויס דער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען אין דרום-איטאַליען (70 פּראָצענט).

דער הויפּט-קוואַל פון חיונה איז לאַנדווירטשאַפט: וויינגאַרטנעריי, סעדעריי, פי-צוכט. נאַטירליכע אוצרות פאַרמאָגט איטאַליען זעהר ווייניג. אויפ'ן אינזעל עלבע האָט זי אייזען, אויף סיציליע—שוועבעל.

אויף סאַרדיניע—צינק און בליי, מאַרמאָר, קו־פּער און קוועקזילבער. קיין שטיינקוילען פאַרמאָגט ניט איטאַליען און מוז דאָס אַרײַנ־פיהרען פון ענגלאַנד. אָנשטאָט שטיינקוילען ווערט דאָ אויסגענוצט די וואַסער־קראַפט, מיט וועלכע איטאַליען איז רייך. דריי־פערטעל פון דער קראַפט געפינט זיך אין די אַלפּישע בערג. אין דער אינדוסטריע פאַרנעמט דעם ערשטען אָרט די זייד־פאַבריקאַציע, באַוועל־ און וואָל־אויסאַרבייטונגען. די אויטאָמאָביל־ און מע־טאַל־אינדוסטריע אַנטוויקעלט זיך שטאַרק. אַ דאַנק דער גינסטיגער געאָגראַפישער לאַגע בײַם ים איז דער האַנדעל שטאַרק אַנטוויקעלט.

די הויפּט־שטאָדט פון איטאַליען איז ר ו י ם (700 טויזענט), ט ו ר י ן (505 טויזענט) איז אַן אינדוסטריעלער און האַנדעלס־צענ־טער, מ י ל אַ ן (720 טויזענט)—זייד־אינדוסטריע, ו ו ע נ ע ד י ג — אַ האַפען בײַם אַדריאַטישען ים, ג ע נ ו אַ (300 טוי־זענט) — אַ האַפען, נ ע אַ פּ אָ ל (790 טוי־זענט) — אַ האַנדעלס־שטאָדט. ניט ווייט פון נעאַפּאָל געפינען זיך די אַמאָליגע שטעדט ה ע ר ק ו ל אַ נ ו ם און פּ אָ מ פּ ע י, וואָס זיינען אין 79טען יאָהר פאַרשאָטען גע־וואָרען.

פראַנקרייך.

פראַנקרייך ליגט אויפ׳ן סאַמע מערב פון איירָאָפּעאישען קאָנטינענט און ווערט אַרומ־געשווענקט דורך די וואַסערען פון אַטלאַנטי־שען און מיטעללענדישען ימים. זי פאַרנעמט אַ שטח פון 212 טויזענט מיט 659 סקוועה־מייל. אין דעם חשבון געהט שוין אַריין ע ל ז אַ ס - ל אָ ט ר י נ ג י ע, וואָס זי האָט נאָך דער מלחמה צוריק באַקומען פון דייטש־לאַנד, און דער אינזעל ק אָ ר ס י ק ע, וואָס איז פּאָליטיש אָנגעשלאָסען אָן פראַנקרייך.

פראַנקרייך צעהלט אַ באַפעלקערונג פון 39 און אַ האַלב מיליאָן נפשות. די איבערווע־גענדע מעהרהייט זיינען פראַנצויזען, אויסער אַ קליינער צאָל דייטשען אין עלזאַס, באַסקען בײַם גרעניץ מיט שפּאַניען און איטאַליענער אויפ׳ן אינזעל קאָרסיקע.

אַן ערך 150 טויזענט אידען וואוינען איצט אין פראַנקרייך. פאַר די לעצטע יאָהרען האָט זיך פאַרגרעסערט די אויסוואַנדערונג פון די פּוילישע אידען קיין פראַנקרייך.

לויט דער אמונה זיינען די פראַנצויזען קאַטוילִיש.

די פאָלקס־בילדונג שטעהט אין פראַנקרייך זעהר הויך. דאָס איז איינע פון די קולטורעל־סטע לענדער אין איירָאָפּע. דער פּראָצענט פון אַנאַלפאַבעטען איז 3.

די פראַנצויזישע מטבע איז דער פּ ר אַ נ ק.

פראַנקרייך איז אַ ר ע פּ ו ב ל י ק. די געזעצגעבערישע מאַכט געהערט צו די צוויי פּאַלאַטעס: דעם דעפּוטאַטענהויז, וואָס ווערט געקליבען דורך אַלע בירגער פון 21 יאָהר אָן אויף 4 יאָהר, און דעם סענאַט, וואָס ווערט געקליבען דורך וואַהל־קאָמיסיעס פון די באַ־זונדערע דעפּאַרטאַמענטען און קאָלאָניעס אויף 9 יאָהר. דער פּרעזידענט ווערט אויסדער־וועהלט אויף 7 יאָהר דורך דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וואָס באַשטעהט פון די דעפּוטאַ־טען פון ביידע פּאַלאַטעס.

די פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען: די רע־פּובליקאַנער, ראַדיקאַלען, ראַדיקאַל־סאָציאַ־ליסטען, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די קאָ־מוניסטישע פּאַרטיי.

פראַנקרייך איז קודם כל אַן אַגראַר־לאַנד. 52 פּראָצענט פונ׳ם גאַנצען שטח איז פאַרנומען מיט אַקער־לאַנד, 4 פּראָצענט—ווייַנגערטנער, 11 פּראָצענט—לאָנקעס, 15 פּראָצענט—וועלדער. די לאַנדווירטשאַפט שטעהט דאָ זעהר הויך. פי־צוכט און מילך־ווירטשאַפט (ברעטאַן, נאָר־מאַנדיע) העלפען אַרויס דער באַפעלקערונג.

די אינדוסטריע אין פראַנקרייך איז אַנט־וויקעלט שוואַכער ווי אין דייטשלאַנד און ענגלאַנד. פראַנקרייך פאַבריצירט הויפּטזעכ־ליך מאָדע און לוקסוס־זאַכען. אַ באַדייטענדען אָרט פאַרנעמען די טעקסטיל־אינדוסטריע, מע־טאַל־אינדוסטריע און די זייד־אינדוסטריע. די אייגענע קוילען קלעקט ניט פאַר דער פראַנ־צויזישער אינדוסטריע. מ׳פיהרט אַריין פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד און בעלגיען. איינציג האָט פראַנקרייך גענוג, איבערהויפּט איצט, ווען זי האָט באַקומען לאָטרינגיען. כדי צו פאַרפילען דעם מאַנגעל אין שטיינקוילען נוצט מען דאָ אויס די וואַסער־קראַפט אין די אַלפּי־שע געגענטען.

א דאַנק דער גינסטיגער געאָגראַפישער לאַגע בײַם ים האָט זיך דער האַנדעל אויך פראַנקרייך שטאַרק אַנטוויקעלט. פראַנקרייך אימפּאָרטירט שטיינקוילען און מאַשינען, זייד, וואָל, באַוועל. זי עקספּאָרטירט ליקערן און מאָדע אַרטיקלען, גלאָז און פּאָרצעלײַ, אויסאַרבייטונגען, אויטאָמאָבילען, ווייַן.

די וויכטיגסטע געגענטען און שטעדט זיי־נען:

צ פ ו ן - פ ר אַ נ ק ר י י ך מיט דער

הויפּט־שטאָדט פּ אַ ר י ז (3 און אַ האַלב מיליאָן).

צ פ ו ן ־ מ ע ר ב ־ פ ר אַ נ ק ר י י ך — ב ר ע ט אַ ן מיט דער גרעסטער שטאָדט נ אַ נ ט.

ד ר ו ם ־ מ ע ר ב פ ר אַ נ ק ר י י ך מיט דער שטאָדט ב אָ ר ד אָ (270 טויזענט).

ד ר ו ם ־ מ ז ר ח פ ר אַ נ ק ר י י ך מיט דער שטאָדט מ אַ ר ס ע ל (590 טויזענט) און ל י אָ ן (550 טויזענט).

ע ל ז אַ ס און ל אָ ט ר י נ ג י ע מיט דער שטאָדט ש ט ר אַ ס ב ו ר ג (180,000).

דער אינזעל ק אָ ר ס י ק ע מיט דער שטאָדט אַ י אַ ט ש י אָ.

בעלגיען.

בעלגיען ליגט אויפ'ן ברעג פון דייטשען ים. דאָס איז איינע פון די קלענסטע מלוכות אין איירעפּע. פאַרנעמט אַ שטח פון 11,752 סקווער מייל. לויט דער איבערפלאַך קאָנען מיר איינטיילען בעלגיען אין 1) צ פ ו ן ־ ב ע ל ג י ע ן אָדער פלאַנדריע, 2) מ י ט ע ל ־ ב ע ל ג י ע ן און 3) ד ר ו ם ־ ב ע ל ג י ע ן.

די באַפעלקערונג פון בעלגיען צעהלט 7 מיליאָן מיט 600 טויזענט נפשות. זי באַשטעהט פון צוויי פעלקער: די וואַלאָנען אין דרום־בעלגיען ריידען פראַנצויזיש, און די פלעמען אין צפון־בעלגיען ריידען אויף אַ דיאַלעקט, וואָס איז נאָהענט צו פלאַט־דייטש. די פלעמען באַטרעפען 50 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. די וואַלאָנען — 45 פּראָצענט. אידען זיינען דאָ פאַראַן אין ערך ביי 18—20 טויזענט.

די פאָלקס־בילדונג איז אין בעלגיען ניט הויך אַנטוויקעלט. קיין צוואַנג־בילדונג. איבערהויפּט איז צוריקגעשטאַנען די דאָרפישע באַפעלקערונג. 10 פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען. די מעהרהייט פון דער באַפעלקערונג איז קאַטוליש.

בעלגיען איז אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. די געזעצגעבערישע מאַכט געהערט דעם קעניג צוזאַמען מיט'ן דעפּוטאַטען־הויז און סענאַט (אויף 8 יאָהר). די וואַהלען צום פּאַרלאַמענט זיינען אַלגעמיינע פון 21 יאָהר אָן. דאָס וואַהל־רעכט צום סענאַט איז באַגרעניצט מיט אַ שטייער־צענז.

די פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען: די קלעריקאַל־קאַטוילישע פּאַרטיי, די ליבעראַלע פּאַרטיי, די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי.

די בעלגישע מטבע איז דער בעלגישער פראַנק. בעלגיע איז אַן אינדוסטריעלע לאַנד. 51 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זיינען פאַרנומען אין דער אינדוסטריע, 17 פּראָצענט אין האַנדעל און טראַנספּאָרט, 17 פּראָצענט ביי לאַנדווירטשאַפט. די בעלגישע שטיינקוילען גרובען זיינען די עלטסטע אין איירעפּע, דעם אויבענאָן אין דער בעלגישער אינדוסטריע פאַרנעהמט די מעטאַלורגיע: לאָקאָמאָטיווען, וואַגאָנעס, רעלסען, שרויפען. די אויסאַרבייטונג פון גלאָז און פּאָרצעליי זיינען הויך אַנטוויקעלט. אין צפון־בעלגיע פאַרנעהמט אַ וויכטיגען אָרט די טעקסטיל אינדוסטריע. די לאַנדווירטשאַפט האָט אַ קלענערע באַדייטונג, כאָטש זי איז אַוועקגעשטעלט מוסטערהאַפט. דורכשפייזען די באַפעלקערונג מיט איהרע אייגענע תבואות קאָן ניט בעלגיע, און מוז אריינפיהרען שפייז פּראָדוקטען פון אויסלאַנד.

בריסעל, איז די הויפּטשטאָדט; באַפעלקערונג 840 טויזענט. אַנטווערפּען, 430 טויזענט. אַ וויכטיגער האַפען ליעזש, 250 טויזענט, גענט, 215 טויזענט.

לוקסעמבורג.

לוקסעמבורג ליגט צווישען דייטשלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך. פאַרנעהמט אַ שטח פון 999 סקווער מייל.

די באַפעלקערונג פון לוקסעמבורג איז 264 טויזענט פון דייטשישער אָפּשטאַמונג און קאַטוליש. די געבילדעטערע ריידען פראַנצויזיש.

אין צפונדיגען טייל באַשעפטיגט זיך די באַפעלקערונג מיט לאַנדווירטשאַפט, אין דרומדיגען טייל איז אַנטוויקעלט די מאַין־אינדוסטריע.

לוקסעמבורג איז אַ גרויס הערצאָגטום. נאָך דער מלחמה האָט לוקסעמבורג געשלאָסען מיט בעלגיע אַ באַן, צאָהל און מטבע בונד.

די הויפּטשטאָדט איז לוקסעמבורג, באַפעלקערונג 46 טויזענט.

ענגלאַנד און אירלאַנד

ענגלאַנד געפינט זיך אין מערב־איירעפּא אויף די אינזלען גרויס־בריטאַניע, אירלאַנד און אַ גאַנצער רייע קלענערע, ווי די אָרקנייע, העברידער, שעטלענדער, מאַן און אַנדערע. דאָס איז די מעטראָפּאָליע — דאָס מוטערלאַנד פון דער ברוטישער אימפּעריע. צוזאַמען מיט אירלאַנד פאַרנעהמט ענגלאַנד אין

אייראָפּע אַ שטח פון 121 טויזענט מיט 633 סקווער מייל.

די ענגלישע מלוכה אין אייראָפּא באַשטעהט פון 3 טיילען : 1) דאָס אייגענטליכע ענגלאַנד. 2) שאָטלאַנד. 3) אירלאַנד. די באַפעלקערונג פון ענגלאַנד צעהלט 47 און אַ האַלב מיליאָן נפשות. די באַפעלקערונג פון ענגלאַנד באַשטעהט פון 1) קעלטען, די קינדסקינדער פון די אוראַלטע איינוואוינער, פון די אינזלען. זיי האָבען נאָך אין אירלאַנד, אויף די האַלב־אינזלען וועלס און קאָרנוועלס, פאַרבאַהאַלטען זייער שפּראַך 2) די ענגלענדער — הערשער, וועלכע שטאַמען פון די קעלטען־בריטען, די אַנגלאָ־סאַקסען, וואָס האָבען זיי באַצוואונגען, און די נאָרמאַנער. דער גרעסטער טייל געהערט צו דער אַנגליקאַנישער קירך, די שאָטלענדער זיינען קאַלוויניסטען און די אירלענדער — קאַטוילען. אידען זיינען געווען אין ענגלאַנד אין יאָהר 1919 375 טויזענט נפשות. אַ באַדייטענדער טייל פון זיי וואוינט אין לאָנדאָן, 150 טויזענט.

קולטורעל שטעהען די ענגלענדער אויף אַ הויכער מדרגה, אָבער אין היגזיכט פון פאָלקס־בילדונג שטעהט זי אָפּ פון אַנדערע מלוכות. די צאָהל אַנאַלפאַבעטען דערגרייכט ביז 10 פּראָצענט. אין אירלאַנד דער גרעסטער פּראָצענט, אין שאָטלאַנד — דער קלענסטער.

ענגלאַנד איז אַ קעניגרייך מיט אַ פּאַרלאַמענטאַרישער אָרדנונג. די געזעצגעבערישע מאַכט געהערט דעם פּאַרלאַמענט, וואָס באַשטעהט פון 2 פּאַלאַטעס : די אויבערשטע פּאַלאַטע אָדער דאָס לאָרדען־הויז און די אונטערשטע — דאָס הויז פון די געמיינדעס. דאָס לאָרדען־הויז באַשטעהט פון באַשטימטע דורכ׳ן קעניג מיטגלידער, טיילוויז געוועהלטע, טיילווייז באַקומט מען אַ פּלאַץ אין לאָרדען־הויז בירושה. די אונטערשטע פּאַלאַטע ווערט געוועהלט אויף 5 יאָהר דורך דער מענלאַכער באַפעלקערונג פון 21 יאָהר אָן און דורך די פרויען פון 30 יאָהר אָן. דער מיניסטאָרען־ראַט ווערט באַשטימט דורכ׳ן קעניג, די רעגירונג אָבער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר׳ן פּאַרלאַמענט.

ביז׳ן יאָהר 1922 האָט ענגלאַנד געהייסען: „דאָס פאַראייניגטע קעניגרייך פון גרויס־בריטאַניע און אירלאַנד”. אין דעם יאָהר אָבער האָבען די אירלאַנדער נאָך אַ לאַנגיעהריגען קאַמף ערוואָרבען זיך די פרייהייט, „די אירלאַנדישע פרייע מלוכה”. דער צפון׳דיגער טייל פון אירלאַנד איז געבליבען אַ טייל פון גרויס־בריטאַניע מיט ברייטע אויטאָנאָמע רעכט.

די וויכטיגע פּאָליטישע פּאַרטייען אין ענגלאַנד זיינען די : 1) קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי די 2) ליבעראַלע פּאַרטיי 3) די ענגלישע לייבאָר פּאַרטיי, וואָס שטיצט זיך אויף די יוניאָנס און איז באַאיינפלוסט פון די סאָציאַליסטען.

נאָך די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקא איז ענגלאַנד די גרעסטע אינדוסטריעלע מלוכה. די לאַנדווירטשאַפט האָט דאָ איצט אַ קנאַפּע באַדייטונג. נאָר אין דרום מזרח׳דיגען טייל פון ענגלאַנד אין איניגע געגענטען פון שאָטלאַנד און אין אירלאַנד שפּילט לאַנדווירטשאַפט אַ וויכטיגע ראָליע.

צווישען די נאַטירליכע אוצרות פון ענגלאַנד פאַרנעהמט דעם וויכטיגסטען אָרט שטיינקוילען און אייזען. חוץ דעם באַקומט מען דאָ ארוים קופּער, צינק, בליי, אלומינום. דעם אויבענאָן אין דער ענגלישער אינדוסטריע פאַרנעהמט די טעקסטיל־אינדוסטריע. דעם צווייטען אָרט — די מעטאַלורגיע : מאַשינעס, וואַגאָנעס, לאָקאָמאָטיווען, רעלסען. ווייטער געהט די פּאַפּיר, זייד און כעמישע אינדוסטריע. חוץ איהרע אייגענע נאַטירליכע רייכטימער באַקומט ענגלאַנד רויע־שטאָפען פון איהרע רייכע קאָלאָניעס אין דער גאַנצער וועלט, ענגלאַנד פיהרט אַ גרויסען האַנדעל מיט אַלע אייראָפּעאישע לענדער און איהרע גרויסע קאָלאָניעס אין אַלע טיילען פון דער וועלט.

די ענגלישע מטבע איז דער פונט סטערלינג.

די הויפּטשטאָדט פון ענגלאַנד איז לאָנדאָן, מיט אַ באַפעלקערונג פון 7 מיט אַ האַלב מיליאָן. בירמינגהאַם, מעטאַל־אינדוסטריע, 1 מיליאָן 80 טויזענט. ליווערפּול — אַ וויכטיגער האַפען, 805 טויזענט. מאַנטשעסטער— טעקסטיל צענטער, 730 טויזענט. שעפילד — מעטאַל אינדוסטריע, 500 טויזענט. אין שאָטלאַנד : גלאַזגאָ — מעטאַל־אינדוסטריע, 1 מיליאָן און 35 טויזענט. עדינבורג — דער פּאָליטישער צענטער — 420 טויזענט. אין אירלאַנד : דובלין — די הויפּטשטאָדט, 400 טויזענט. בעלפאַסט — אינדוסטריע צענטער, 390 טויזענט.

פּאָרטוגאַל.

פּאָרטוגאַל פאַרנעמט דעם מערב׳דיגען טייל פון פּירענייאישען האַלב־אינזעל. זי פאַר־נעהמט אַ שטח פון 35 טויזענט מיט 490 סקוועער מייל.

פּאָרטוגאַל צעהלט אַ באַפעלקערונג פון 5 מיליאָן און 630 טויזענט. פּאָרטוגאַל איז אַ רעפּובליק. דער פּאַרלאַמענט, אָדער דער קאָנג־רעס באַשטעהט פון 2 קאַמערען. די מטבע איז די עסקודאָ.

פּאָרטוגאַל איז אַן אַגראַר לאַנד. די לאַנד ווירטשאַפט געפינט זיך אין אַ קלאָגעדיגען צושטאַנד. פּאָרטוגאַל פיהרט אַרויס וויין, קאָריק, קופּעראָץ. פיהרט אַריין: תבואה, באַוועל, אייזען אויסאַרבייטונגען.

די פּאָרטוגעזען זיינען קאַטוילען. אָפּי־ציעל איז דאָ איינגעפיהרט צוואַנג שול־סיסטעם. אָבער די פאָלקס־בילדונג שטעהט אויף אַ נידעריגער שטופּע, ביז 75 פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען. די הויפּטשטאָדט איז ליסאַבאָן, באַפעלקערונג 490 טויזענט. אָפּאָרטאָ — אַ האַפען, באַפעלקערונג 203 טויזענט.

שפּאַניען.

שפּאַניע פאַרנעהמט פינף זעקסטעל פון׳ם גאַנצען שטח פון פּירענייאישען האַלב־אינזעל — אַ שטח פון 190 טויזענט מיט 50 סקוועער מייל. שפּאַניע צעהלט אַ באַפעלקערונג פון איבער 21 מיליאָן נפשות. די שפּאַניער זיינען קאַטאָליקען. די פאָלקס־בילדונג שטייט אויף אַ נידעריגער מדרגה, ביז 45 פּראָצענט אַנאַלפאַ־בעטען.

שפּאַניע איז אָפיציעל אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. פּאַקטיש אָבער הערשט דאָרטען דער מיליטערישער דיקטאַטאָר גענעראַל מיגועלאָ פּרימאָ־דע־ריוועראַ. דער פּאַרלאַמענט באַ־שטעהט פון צוויי קאַמערען־קאָרטעסען 1) סע־נאַט, די מיטגלידער ווערען טיילווייז גע־קליבען דורך די שטייער צאַהלער און טייל־ווייז נאָמינירט. 2) דעפּוטאַטען־הויז, די מיט־גלידער ווערען געקליבען אויף 5 יאָהר דורך דער מענליכער באַפעלקערונג פון 25 יאָהר אָן. די שפּאַנישע מטבע איז די פּעזעטע.

דער הויפּט קוואַל פון חיונה אין שפּאַניע איז די לאַנדווירטשאַפט. חוץ געוויינטליכע מינים תבואות זעהט מען דאָ אַזוינע, וואָס וואַקסען נאָר אין די הייסע לענדער, ווי רייז, באַוועל און אַנדערע. אויך פּיצוכט העלפט אויס די באַפעלקערונג. שפּאַניע פאַרמאָגט אַ סך נאַטירליכע אוצרות: קופּער, זילבער, צינק, קוועקזילבער. אָבער די אינדוסטריע שטעהט אויף אַ נידעריגער שטופּע. די אינ־דוסטריע און דער האַנדעל איז באַהערשט פון די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען. די באַפעל־קערונג איז פאַראָרעמט און דערשלאָגען און וואַנדערט אויס קיין קובאַ און אַרגענטינאַ.

די הויפּטשטאָדט איז מאַדריד, מיט אַ באַ־פעלקערונג פון 765 טויזענט. באַרסעלאָנאַ, באַפעלקערונג 721 טויזענט — אַ האַפען. וואַלענסיע, באַפעלקערונג 250 טויזענט — זייד־אינדוסטריע. סעוויל, באַפעלקערונג 210 טויזענט — אַ פאַבריק־שטאָדט.

ליטע.

ליטע געפינט זיך אין בעקען פון טייך ניעמאַן און זיינע בייטייכען ווויליע, דוביסע, יורע און שעשופּע. ליטע פאַרנעהמט אַ שטח פון 33 טויזענט סקוועער מייל. די באַפעלקע־רונג פון ליטע צעהלט 2 מיליאָן מיט 300 טויזענט נפשות. 95 פּראָצענט פון דער באַ־פעלקערונג וואוינט אין דערפער. די ליטווי־נער זיינען קאַטוילען. דער אַנאַלפאַבעטיזם צווישען דער דערוואַקסענער באַפעלקערונג איז זעהר גרויס. די צאַהל אידען אין ליטע איז 200 טויזענט נפשות, וועלכע וואוינען אין די שטעדט און שטעדטלעך. די אידען פאַרנעהמען זיך מיט האַנדעל און מלאכה.

ליטע איז אַ רעפּובליק. די געזעצגעבע־רישע מאַכט געהערט דעם סיים (טאַריבע). די וואַהלען זיינען אַלגעמיינע פון 21 יאָהר אָן. די עקזעקוטיווו מאַכט געהערט דעם פּרעזידענט און דער רעגירונג. די ליטווישע מטבע איז דער ליט.

פון די פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען: 1) די קריסטליכע דעמאָקראַטען, 2) דער פּויערים פאַרבאַנד 3) די סאָציאַל־דעמאָקראַטען.

ליטע איז אַן אַגראַר־לאַנד. דער באָדען אָבער איז אַ מאָגערער, אַ זאַמדיגער. 30 פּראָ־צענט פון שטח זיינען פאַרנומען מיט אַקער־פעלדער. אַ וויכטיגע שטיצע אין דער אָרימער־ווירטשאַפט איז די פּיצוכט. די אינדוסטריע איז זעהר שוואַך אַנטוויקעלט, צום מעהרסטען די צווייגען, וואָס האָבען אַ שייכות צו לאַנד־ווירטשאַפט, ווי מילן, ברויערייען, זעגמילן.

די הויפּטשטאָדט פון ליטע איז קאָוונע, מיט אַ באַפעלקערונג פון 95 טויזענט. מעמעל אָדער קלאַיפּעדאַ — אַ האַפען ביים באַלטישען ים.

לאטוויע.

לאטוויא אדער לעטלאנד ליגט הארט בוים ברעג פון באלטישען ים. זי איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון די אמאליגע רוסישע גובערניעס: דרוטליגען טייל ליפליאנדער, קורליאנדער גובערניע. 3 אויעזדען פון וויטעבסקער גוב. זי פארנעהמט א שטח פון 25 טויזענט סקוועער מייל. לעטלאנד צעהלט א באפעלקערונג פון איבער 2 מיליאן נפשות. חוץ לעטען 80 פראצענט וואוינען דא: אידען 6 פראצענט, רוסען 9 פראצענט, דייטשען 3 פראצענט און פאליאקען 2 פראצענט. די לעטען זיינען פראטעסטאנטען. זיי וואוינען, הויפטזעכליך, אין די דערפער, די אידען, דייטשען און רוסען אין די שטעדט. די בילדונג שטעהט דא נישט איבעריג הויך, ביז 25 פראצענט אנאלפאבעטען.

לעטלאנד איז א רעפובליק. די געזעצגעברישע מאכט געהערט דעם סיים (סאיעמא), וועלכער ווערט ערוועהלט פון דער גאנצער באפעלקערונג פון 21 יאהר אן. דער פרעזידענט ווערט ערוועהלט פון סיים אויף 3 יאהר. די קירכע איז אפגעטיילט פון דער מלוכה. די לעטישע מטבע איז דער לאט.

פון די פאליטישע פארטייען זיינען: די קריסטליכע נאציאנאליסטען, דער אומפארטייאישער נאציאנאלער צענטער, דער פויערים פארבאנד, דער דעמאקראטישער צענטער, רעכטע און לינקע סאציאל דעמאקראטען.

לאנדווירטשאפט איז דער מקור פון חיונה. דעם צווייטען ארט פארנעהמט פיצוכט; פישעריי איז שטארק אנטוויקעלט ביי די ברעגען פון ים און די פילע אזיערעס. קיין נאטירליכע אוצרות חוץ בורשטין פארמאגט נישט לעטלאנד.

די הויפטשטאדט איז ריגע, מיט א באפעלקערונג פון 230 טויזענט. דער איינציגער אינדוסטריעלער צענטער. ליבאווע און ווינדאווע — האפענס בוים באלטישען ים.

עסטלאנד.

עסטלאנד אדער עסטאניע פארנעהמט א שטח פון 18 טויזענט 355 סקוועער מייל. זי איז צוזאמענגעשטעלט פון א טייל געוועזענע ליפליאנדער, פסקאווער און פעטערבורגער גובערניעס. עסטלאנד צעהלט א באפעלקערונג פון 1 מיליאן 800 טויזענט נפשות, פון זיי 90 פראצענט עסטען, די איבעריגע לעטען, דייטשען, רוסען און אידען. די עסטען זיינען ליטעראנער. די פאלקס-בילדונג שטעהט גאנץ הויך. די 15 פראצענט אנאלפאבעטען איז א רוסישע ירושה.

די הויפט באשעפטיגונג פון דער באפעלקערונג איז לאנדווירטשאפט און פיצוכט. די אינדוסטריע איז שוואך אנטוויקעלט. קיין נאטירליכע רייכטימער פארמאגט נישט עסטלאנד. עס איז אנטוויקעלט די קליינע אינדוסטריע, וואס האט א שייכות צו לאנדווירטשאפט, **ווי ברויערייען,** מילען און גארבערייען.

עסטלאנד איז א רעפובליק. דער פארלאמענט באשטעהט פון איין קאמער, וועלכער ווערט געקליבען דורך דער גאנצער באפעלקערונג אהן אונטערשייד פון געשלעכט אין עלטער פון 20 יאהר אן. די מטבע איז דער עסטלאנדישער מארק.

די הויפטשטאדט איז רעוועל מיט א באפעלקערונג פון 160 טויזענט. דארפאט, 65 טויזענט — דער קולטורעלער צענטער. נארווא 50 טויזענט, א האנדעלס פונקט.

פינלאנד.

פינלאנד געפינט זיך אויפ'ן גרויסען האלב-אינזעל צווישען באטנישען און פינישען איינגוס און ציהט זיך אזש ביז'ן אייזאקעאן. פינלאנד פארנעהמט א שטח פון 132 טויזענט מיט 510 סקוועער מייל. פינלאנד צעהלט א באפעלקערונג פון 3 מיליאן 400 טויזענט נפשות. פון זיי 88 פראצענט פינען, די איבעריגע שוועדען. די פינען און שוועדען זיינען פראטעסטאנטען. אין צפון פון לאנד וואוינען לאפען, וואס פארנעהמען זיך מיט האדעווען הירשען. ס'זיינען פארבליבען אביסעל רוסען און אידען 2 טויזענט. די פאלקס-בילדונג שטעהט הויך, 1 פראצענט אנאלפאבעטען.

פינלאנד איז א רעפובליק. דער פארלאמענט באשטעהט פון איין קאמער און ווערט געקליבען פון דער גאנצער באפעלקערונג אהן אונטערשייד פון געשלעכט פון 24 יאהר אן.

די הויפט באשעפטיגונג פון דער באפעלקערונג איז ערד-ארבייט. נישט קוקענדיג אויף דעם שטיינערנעם אומפרוכטבארען באדען ווערט די לאנדווירטשאפט אלץ מעהר און מעהר אנטוויקעלט. די שטיינער ווערען אפגעראמט און יעדע פיצעל ערד ווערט גוט באארבייט. א גרויסע הילף פאר דער באפעלקערונג איז פיצוכט, פיש-פאנג, קיין נאטור אוצרות א חוץ וואלד און אייזען-רודע פארמאגט נישט פינלאנד. אזוי ווי קיין שטיינ-

קוילען איז אויך ניטאָ ווערט צוליב אינדוסטריעלע צוועקען אויסגענוצט די וואסערקראַפט. די מעטאַל־אינדוסטריע איז גוט אַנטוויקעלט. דאָ ווערען אויסגעאַרבייט אַייזענוואַרג, בלעך, מאַשינעס. אַ קלענערען אָרט פאַרנעהמט די טעקסטיל־אינדוסטריע, וואו ס'ווערט באַאַרבייט פלאַקס און אימפּאָרטירטער באַוועל. פינלאַנד פיהרט אַ באַדייטענדען האַנדעל, זי פיהרט אַרויס פּאַפּיר, פעל, אַייזען, סמאָלע. פיהרט אַריין שטיינקוילען, קאַווע צוקער, מאַשינעס, טאַבאַק און נאַפט.

די פינלענדישע מטבע איז דער מאַרק.

די הויפּטשטאָדט איז העלסינגפאָרס מיט אַ באַפעלקערונג פון 200 טויזענט. וויבאָרג, 50 טויזענט, טאַמערפאָרס 18 טויזענט.

שוועדען.

שוועדען פאַרנעמט דעם מזרח'דיגען גרעסערען טייל פון סקאַנדינאַווישען האַלב־אינזעל. דער שטח איהרער איז 173 טויזענט 157 סקווער מייל. שוועדען צעהלט אַ באַפעלקערונג פון 6 מיליאָן נפשות. קיין אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען, אַ חוץ 10 טויזענט לאַפּען אין צפונ'דיגען טייל פון לאַנד, זיינען ניטאָ די צאָהל אידען איז קליין, אַן ערך 1 טויזענט נפשות אין דער הויפּטשטאָדט. די שוועדען זיינען לוטעראַנער.

די פאָלקס־בילדונג שטעהט דאָ זעהר אויף אַ הויכער מדרגה, קיין אַנאַלפאַבעטען זיינען ניטאָ.

שוועדען איז אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. דער פּאַרלאַמענט אָדער ריקסדאַג באַשטעהט פון 2 קאַמערען: די ערשטע קאַמער ווערט געקליבען אויף 6 יאָהר דורך די שטייער־צאהלער פון 35 יאָהר אָן. די צווייטע קאַמער ווערט געקליבען אויף 3 יאָהר דורך אַלע שוועדען וואָס האָבען דערגרייכט דעם עלטער פון 24 יאָהר.

די הויפּט באַשעפטיגונג פון דער באַפעלקערונג אין שוועדען איז ערד־אַרבייט, 79 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג וואוינט אין דערפער, די צווייטע וויכטיגסטע באַשעפטיגונג איז וואַלד־ווירטשאַפט. געהילץ ווערט אַרויסגעפיהרט פון שוועדען אין אַלע איראָפּעאישע לענדער, ווי ענגלאַנד, דענעמאַרק, האָלאַנד, אַפילו קיין אויסטראַליע און דרום־אַמעריקא. אַ סך האָלץ ווערט באַאַרבייט אין לאַנד גופא אויף שוועבעלאַך, פּאַפּיר. שוועדען פאַרמאָגט זעהר גרויסע נאַטירליכע אוצרות, ווי אַייזענאַרץ און קופּער. שוועדען האָט אַ באַדייטענדע אייזען אינדוסטריע. דער מאַנגעל פון שטיינקוילען פאַרבייט די וואַסערקראַפט. די שוועדישע מטבע איז די שוועדישע קראָנע.

די הויפּטשטאָדט אין סטאָקהאָלם, מיט אַ באַפעלקערונג פון 425 טויזענט. געטעבורג, 230 טויזענט. מאַלמע — אַ האַפען ביים ים.

נאָרוועגיע.

נאָרוועגיע פאַרנעהמט דעם מערב'דיגען בערגיגען טייל פון סקאַנדינאַווישען האַלב־אינזעל. דער שטח איהרער איז 124 טויזענט מיט 964 סקווער מייל. נאָרוועגיע צעהלט אַ באַפעלקערונג פון 2 מיליאָן 700 טויזענט נפשות כמעט אויסשליסליך נאָרוועגען, אַ חוץ אין צפון וואַנדערען אַרום מיט זייערע הירשען עטליכע צעהנדליג טויזענט לאַפּען. ביי אַ טויזענט נפשות אידען וואוינען אין די גרעסערע שטעדט. די נאָרוועגער זיינען לוטעראַנער. די פאָלקס־בילדונג שטעהט דאָ זעהר הויך. קיין אַנאַלפאַבעטען זיינען ניטאָ

נאָרוועגיע איז אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. די געזעצגעבערישע מאַכט געהערט דעם פּאַרלאַמענט (סטאָרטינג). די עקזעקוטיווע מאַכט געהערט דעם קעניג און דער רעגירונג. דער פּאַרלאַמענט ווערט געקליבען אויף 3 יאָהר פון אַלע נאָרוועגער אָהן אונטערשייד פון געשלעכט פון 23 יאָהר אָן. די נאָרוועגישע מטבע איז די נאָרוועגישע קראָנע.

דער הויפּט קוואַל פון חיונה אין נאָרוועגיע איז פישפאַנג. דער ים איז דער שפּייזער. ערד־אַרבייט פאַרנעהמט אַ קליינעם אָרט אין דער ווירטשאַפט. תבואה מוז מען אַריינפיהרען פון אויסלאַנד. אין דרום פאַרנעהמט זיך די באַפעלקערונג מיט פיצוכט און וואַלד־ווירטשאַפט. נאָרוועגיע פאַרמאָגט אַייזענאַרץ, קופּער, ניקעל. לעצטענס האָט זיך גענומען אַנטוויקלען די אַייזען אינדוסטריע. אַנשטאָט שטיינקוילען נוצט מען אויס די וואַסערקראַפט. נאָרוועגיע פיהרט אַ גרויסען האַנדעל. מ'פיהרט אַרויס פּאַפּיר, פיש, פלייש, בהמות. מ'פיהרט אַריין תבואה, טעקסטיל סחורה און שטיינקוילען.

די הויפּטשטאָדט איז כריסטיאַניע, מיט אַ באַפעלקערונג פון 260 טויזענט. בערגען און טראָנטהיים — האַפענס.

דענמארק.

דענמארק ליגט אויפ'ן האלב־אינזעל יוטלאנד און די אינזלען זעלאנד, פיאנע, לאלאנד און שלעזוויג, וועלכע זי האט באקומען פון דייטשלאנד נאך דער מלחמה. זי פארנעהמט א שטח פון 17 טויזענט מיט 144 סקווער מייל. דענמארק צעהלט א באפעלקערונג פון 3 מיליאן מיט 355 טויזענט נפשות. די דענער זיינען לוטעראנער. די פאלקס־בילדונג שטעהט אויף א הויכער מדרגה. קיין אנאלפאבעטען זיינען ניטא.

דענמארק איז א קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיע. דער פארלאמענט באשטעהט פון צוויי קאמערען: לאנדסדינג — וואס ווערט געליבען אויף 8 יאהר און פאלקעטהינג — אויף 4 יאהר. זיי ווערען ערוועהלט דורך אלגעמיינע וואהלען פון 25 יאהר אן.

דענמארק איז אן אגראר־לאנד. די גאנצע ערד געהערט די פוערים. ערד־ארבייט און פיצוכט זיינען די הויפט קוואלען פון חיונה. איבערהויפט איז דא גוט אנטוויקעלט די מילך־ווירטשאפט. די גרויס־אינדוסטריע שפילט דא א קנאפע ראליע, מחמת ס'פעהלען דא שטיינקוילען, מעטאלען. קיין וואסערקראפט איז אויך ניטא. ס'אנטוויקעלט זיך נאר די קליינע אינדוסטריע, וואס האט א שייכות צו לאנדווירטשאפט, ווי מילען, ברויערייען און צוקער־פאבריקען. דענמארק פיהרט א גרויסען האנדעל מיט ענגלאנד און דייטשלאנד. די דענישע מטבע איז די קראנע.

די הויפטשטאדט איז קאפענהאגען, מיט א באפעלקערונג פון 700 טויזענט, עסביערג — א האפען.

האלאנד.

האלאנד ליגט ביים ברעג פון צפונ'דיגן ים, צווישען דייטשלאנד און בעלגיע. פארנעמט א שטח פון 13 טויזענט מיט 205 סקווער מייל. האלאנד צעהלט א באפעלקערונג פון 7 מיליאן 90 טויזענט נפשות. די איבערוועגענדע מעהרהייט פון דער באפעלקערונג זיינען האלענדער, 85 פראצענט. א חוץ האלענדער וואוינען דא פלעמער 14 פראצענט, דייטשען און אידען 107 טויזענט. די פאלקס־בילדונג שטעהט דא זעהר הויך. קיין אנאלפאבעטען זיינען דא ניטא. די מעהרהייט פון די האלענדער זיינען פראטעסטאנטען — 61 פראצענט.

האלאנד איז א קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיע. דער פארלאמענט באשטעהט פון צוויי קאמערען, אדער גענעראל־שטאטען. די ערשטע קאמער ווערט ערוועלט דורך די פראווינציעלע ראטען אויף 9 יאהר. די צווייטע — אויף 4 יאהר דורך געהיימע וואהלען פון אלע בירגער פון 25 יאהר אן.

די הויפט־באשעפטיגונג פון דער באפעלקערונג איז פיצוכט. ערד־ארבייט שפילט א קלענערע ראליע. מ'זייט ווייץ, פלאקס, צוקער, בוריקעס און זעהר פיל בלומען, טולפען ליליעס, האצינטען, די ציבעלאך פון די געוויקסען פיהרט מען ארויס קיין אמעריקא, דייטשלאנד, ענגלאנד. פישפאנג (הערינג) איז א גרויסע שטיצע פאר דער באפעלקערונג. די אינדוסטריע איז שוואך אנטוויקעלט, מחמת זי פארמאגט ניט קיין מינעראלען, א חוץ אביסעל קוילען און טארף. די אינדוסטריע איז פארנומען מיט איבערארבייטען די רוי־שטאפען, וואס האלאנד באקומט פון איהרע רייכע קאלאניעס. האלאנד איז א האנדעלס מלוכה. זי פיהרט א ים־האנדעל מיט איהרע קאלאניעס און אייראפעאישע לענדער.

די האלענדישע מטבע איז דער גולדען.

די הויפטשטאדט איז האאג, מיט א באפעלקערונג פון 367 טויזענט. אמסטערדאם, 700 טויזענט, ראטערדאם, 531 טויזענט. אוטרעכט, 147 טויזענט. גראנינגעם, 95 טויזענט האארלעם, 81 טויזענט.

שווייץ.

שווייץ ליגט צווישען דייטשלאנד, פראנקרייך, עסטרייך און איטאליע און פארנעהמט א שטח פון 15 טויזענט מיט 976 סקווער מייל. שווייץ איז א קאנטינענטאלע מלוכה, זי האט ניט קיין צוטריט צום ים. לויט דער אויבערפלאך קאן מען איינטיילען שווייץ אין דריי געביטען: 1) אלפישען, פארנעהמט 60 פראצענט פונ'ם גאנצען שטח. 2) שווייצער הויכלאנד 3) שווייצער יורע. די באפעלקערונג פון שווייץ איז א געמישטע: דייטשען — 69 פראצענט, פראנצויזען 21 פראצענט, איטאליענער 8 פראצענט. 56 פראצענט פון דער באפעלקערונג זיינען פראטעסטאנטען און קאטוליקען 42 פראצענט. די אלגעמיינע צאהל פון דער באפעלקערונג איז 3 מיליאן מיט 900 טויזענט נפשות. אין שווייץ וואוינען אן ערך ביי 20 טויזענט אידען אין די גרעסערע שטעדט. די פאלקס בילדונג שטעהט דא אויף א זעהר הויכער מדרגה. די פאלקסשולען זיינען מוסטערהאפט אוועקגעשטעלט. דאס קלענסטע דערפעל האט א שול.

שווייץ איז די עלטסטע רעפובליק אויף

דער וועלט. זי באַשטעהט פונ׳ם פאַרבאַנד פון 25 אויטאָנאָמע רעפּובליקען אין דער שפּיץ פון דער רעפּובליק שטעהט די בונד־פאַרזאַמלונג, וואָס באַשטעהט פון 2 קאַמערען — דעם נאַציאָנאַל־ראַט, וואָס ווערט געוועהלט אויף 3 יאָהר דורך אַלגעמיינע וואַהלען און דעם שטאַנדען־ראַט, וואוהין יעדער קאַנטאָן שיקט 2 פאָרשטעהער. די בונד־פאַרזאַמלונג טיילט אויס דעם פאַרבאַנד ראַט פון 7 מיניסטאָרען. דער פּרעזידענט ווערט ערוועהלט נאָר אויף 1 יאָהר. די מטבע איז דער שווייצאַרישער פראַנק.

די הויפּט באַשעפטיגונג פון דער באַפעלקערונג איז פיצוכט און טיילווייז די אינדוסטריע — די פאַבריקאַציע פון זייגערס, לוקסוס־זאַכען, זייד און באַוועל אויסאַרבייטונגען. אַנשטאַט שטיינקוילען ווערט דאָ אויסגענוצט די וואַסער־קראַפט פון די בערגיגע וואַסער פאַלען. אַ היבש ביסל פרנסה ברענגען אַריין די טוריסטען, וואָס פאָהרען זיך צונויף פון אַלע עקען וועלט צו באַוואונדערען די שעהנע בערגיגע נאַטור.

די הויפּט שטאָדט פון דער שווייץ איז בערן, מיט אַ באַפעלקערונג פון 210 טויזענט. באַזעל, 140 טויזענט. זשענעווע, 140 טויזענט. לאָזאַנע, 70 טויזענט.

ש. הורוויץ.

סאָוועט־רוסלאַנד, ווי אַזוי זי איז איצט פאַרטיילט אַדמיניסטראַטיוו

די באַזונדערע רעפּובליקען. — די איינטיילונג פון דער באַפעלקערונג לויט די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטען.

די געוועזענע רוסלענדישע אימפּעריע, ווייסען מיר, איז געווען איינגעטיילט אין גובערניעס, און די גובערניעס — אין אויעזדען. דאָס איז אומגעפעהר דאָסזעלביגע, וואָס שטאַטען און קאונטיס אין אַמעריקא. ווי אַזוי אָבער ווערט איינגעטיילט אַדמיניסטראַטיוו סאָוועט רוסלאַנד? דאָס איז ווייט ניט יעדערען באַקאַנט. מען ווייס, אַז סאָוועט רוסלאַנד רופט זיך „פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועט רעפּובליקען", אָבער מען ווייס זעהר ווייניג וועגען די אַלע רעפּובליקען, וואָס געהען אַריין אין „פאַרבאַנד", און ווי די באַזונדערע רעפּובליקען זיינען איינגעאָרדענט געוואָרען, און פון וועלכע טיילען זיי באַשטעהען.

די טעריטאָריע פון רוסלאַנד איז געבליבען כמעט דיזעלביגע, וואָס זי איז געווען פאַר דער מלחמה. עס האָט זיך אָפּגעריסען פון רוסלאַנד נאָר אַ קליינער טייל, די אַזוי גערופענע „ראַנד געגענטען", וואָס האָבען נאָך דער מלחמה און די רעוואָלוציעס צונויפגעשטעלט די נייע מלוכות אָדער זיינען געוואָרען אַ טייל פון זיי.

די טעריטאָריעס, וואָס האָבען זיך אָפּגעריסען זיינען: פינלאַנד, עסטלאַנד, לאַטוויע (געוועזענע ליפלאַנדער און קורלאַנדער גובערניעס), ליטע (געוועזענע קאָוונער גובערניע), פּוילען. בעסאַראַביע האָט רומעניע אַנעקסירט צו זיך.

לויט די גאָר לעצטע ציפערען, איז די טעריטאָריע פון גאַנץ סאָוועט רוסלאַנד 21,210,000 קוואַדראַט קילאָמעטער. די באַפעלקערונג באַטרעפט 139.753,000 איינוואוינער. די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג איז אַרום 7 מענשען אויף איין סקווער קילאָמעטער.

ווען איך רייד דאָ וועגען דער אַדמיניסטראַטיווער איינטיילונג פון איצטיגען רוסלאַנד, מיין איך ניט אָנצואווייזען, ווי אַזוי דאָס האָט זיך אויסגעאַרבייט אין פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע. איך וויל נאָר איבערגעבען דעם לעזער, ווי אַזוי עס איז איצט אַדמיניסטראַטיוו איינגעטיילט דאָס לאַנד וואָס טראָגט דעם נאָמען „פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקען".

איין טייל פון פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקען (פ. ס. ס. ר.) איז די רוסלענדישע סאָוועטישע פעדעראַ־

טיווע סאָציאַליסטישע רעפּובליק (ר. ס. פ. ס. ר.) זי האָט אַ באַפעלקערונג פון 96.746.300 אָדער 69.23% פון דער באַפעלקערונג פון גאַנצען לאַנד. די טעריטאָריע פאַרנעהמט 19.968.000 קוואַדראַט קילאָמעטער, און דאָס איז 92.8% פון דער גאַנצער טעריטאָריע פון לאַנד.

די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין ר. ס. פ. ס. ר. איז 5 מענשען אויף איין קוואַדראַט קילאָמעטער. מיר זעהען, אַז ר. ס. פ. ס. ר. איז דער גרעסטער טייל פון לאַנד, סאַי לויט דער טעריטאָריע און סאַי לויט דער באַפעלקערונג. אָבער לויט דער געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג איז זי ווייט ניט די ערשטע, ווייל די געדיכטקייט פון איהר באַפעלקערונג איז נידעריגער פון דער דורכשניטליכער געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין גאַנצען פאַרבאַנד.

אין דעם גרעסטען טייל פון דער טעריטאָריע פון ר. ס. פ. ס. ר. איז געבליבען די פריהערדיגע איינטיילונג אויף גובערניעס. מיר געפינען דאָ 38 גובערניעס, ביי איניגע פון זיי האָט מען געענדערט די נעמען. צוויי פון זיי טראָגען דעם נאָמען פון דעם גרינדער פון ר. ס. פ. ס. ר.: איינע, זיין אמת'ען נאָמען, אוליאַנאָוו (לעניני'ס אמת'ער נאָמען איז געווען אוליאַנאָוו), און די צווייטע — זיין פסעוודאָנים: לעניגראַד.

אין ר. ס. פ. ס. ר. געהען אַריין די פאָלגענדע גובערניעס: אַלטאַיער, אַרכאַנגעלסקער, אַסטראַכאַנער, בריאַנסקער, וולאַדימירער, וואָלאָגדסקער, וואָראָנעזשער, וויאַטקער, האָמעלער, יעניסעיער, איוואַנאָווא—וואָזנעסענסקער, אירקוטסקער, קאַלוגער, קאָסטראָמער, קורסקער, לעניגראַדער, מאָסקווער, מורמאַנסקער, ניזשעגראַדער, נאָוואָגראַדער, נאָוואָניקאָלאַיעווער, אָמסקער, אָרלאָווער, פּענזערפּסקאָווער, ריאַזאַנער, סאַמאַרער, סאַראַטאָווער, סעווערא־דווינסקער, סמאָלענסקער, טאַמבאָווער, טווערער, טאָמסקער, אוליאַנאָווער, סטאַלינגראַדער, טשערעפּאָוועצקער, יאַראָסלאַווער.

אויסער דעם, האָבען מיר דאָ נאָך זיבען אויטאָנאָמע פּראָווינצען: וואָטסקער, קאַלמיקער, קירגיזער, זיריאַנער (קאָמי), מאַריער, אָיראָטער און טשואוואַשער. די אַלע פּראָווינצען זיינען זעהר קליינינקע מיט אַ קליינער באַפעלקערונג, ווי מען קאָן זעהן פון דער פאָלגענדער טאַבעלע:

פּראָווינץ	באַפעלקערונג	טעריטאָריע	געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אויף איין קוואַד־ראַט קילאָמעטער
וואָטסקער —	748,200	27.900	27
קאַלמיקער —	164.000	76.400	2
קירגיזער —	831.600	246.000	3
זיריאַנער — (קאָמי)	210.500	428.500	½
מאַריער — —	459.700	19.200	24
אָיראָטער —	86,900	85.000	1
טשואוואַשער	783.200	15.400	51

אויסער די אויסגערעכענטע אויטאָנאָמע פּראָווינצען, האָבען מיר נאָך אַנדערע פּראָווינצען, וואָס זיינען ניט אויטאָנאָם, כאָטש לויט דער טעריטאָריע און לויט דער באַפעלקערונג זיינען זיי אַ סך גרעסער פון די נאָר וואָס דערמאָנטע אויטאָנאָמע געגענטען.

צווישען די ניט אויטאָנאָמישע געגענטען, וואָס זיינען ווי באַזונדערע גובערניעס, האָבען מיר די פאָלגענדע:

1) דער ווייטער מזרח.
2) די אוראַל געגענט און
3) נאָרד קאַווקאַז.

דער ווייטער מזרח האָט אַ באַפעלקערונג פון 1.666.600 און אַ טעריטאָריע פון 2.628.000 קוו. קילאָמעטער. ער איז איינגעטיילט אין די פיר גובערניעס: אַמורער, זאַבאַיקאַלער, קאַמטשאַטקער און פּרימאָרסקער, און דעם אינזעל סאַכאַלין. די געדיכטקייט פון דער בעפעלקערונג אין דער געגענט איז וועניגער ווי איין מענש אויף אַ קוואַדראַט קילאָמעטער.

די אוראַל געגענט צעהלט אַ באַפעלקערונג פון 6.263.500 מענשען און האָט אַ טעריטאָריע פון 1.655.700 קוואַדראַט קילאָמעטער. די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג דאָ באַטרעפט 4 מענשען אויף איין קוואַדראַט קילאָמעטער.

די אוראַל געגענט נעמט אַריין די פאָלגענדע קרייזען (אָקרוגען): ווערכנע־קאַמסקער, זלאַטאָאוסטער, אירביטער, אישימער, קורגורער, קורגאַנער, פּערמער, סאַראַפּולער, סווערדלאָווער, טאָגילער, טאָבאָלסקער, טראָיצקער, טיומענער, טשעליאַבינסקער, שאַדרינסקער.

נאָרד קאַווקאַז האָט אַ באַפעלקערונג פון

8.394.700 מענשען און אַ טעריטאָריע פון 340.500 קוואַדראַט קילאָמעטער. דאָס באַטרעפט 75 מענשען אויף איין קוואַדראַט קילאָמעטער.

אין נאָרד קאַווקאַז געהען אַריין צוועלף קרייזען: אַרמאַווירער, דאָנעצקער, קובאַנער, מאַיקאָפּער, דאָנער, סאַלסקער, סטאַווראָפּאָלער, טאַגאַנראָגער, טערסקער, טשערנאָמאָרסקער, שאַכטינער.

אין נאָרד קאַווקאַז געהען אויך אַריין זיבען אויטאָנאָמע פּראָווינצען. דאָ פּונקט ווי פריהער, האָבען מיר געגענטען, וואָס זיינען אויסגעטיילט געוואָרען לויט דער ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט פון דער באַפעלקערונג. אַזעלכע פּראָווינצען זיינען דאָ: אַדיגייסקער, אינגושער, קאַבאַרדינער־באַלקאַרער, קאַראַטשאַיעוואָ־טשערקעסער, נאָרד־אָסעטינער, טשעטשענער, און דער סוועשענער אויטאָנאָמער קרייז. און ווידער זעהען מיר, אַז די דאָזיגע אויטאָנאָמע פּראָווינצען זיינען אומבאַדויטענד לויט דער באַפעלקערונג און לויט דער טעריטאָריע.

אָט איז אַ טאַבעלע פון די אויטאָנאָמע פּראָווינצען:

פּראָווינץ	באַפעלקערונג	טעריטאָריע אין קוו. קילאָמעטער	געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אויף יעדן קוו. קילאָמעטער
אַדיגייער —	113.000	2.600	44
אינגושער —	69.600	3.000	23
קאַבאַרדינער־באַלקאַרער —	199.000	12.000	16
קאַראַטשאַיעוואָ־טשערקעסער —	163.300	11.500	14
נאָרד־אָסעטינער	152.400	6.100	25
טשעטשענער —	312.200	10.000	30
סוועזשענער קרייז	30.000	1.500	20

אין דעמזעלביגען נאָרד קאַווקאַז האָבען מיר נאָך צוויי אויטאָנאָמע שטעדט, וולאַדיקאַווקאַז און גראָזני. די ערשטע שטאָדט האָט 73.900 איינוואוינער און 10 קוו. קילאָמעטער. די אַנדערע שטאָדט האָט 65.800 איינוואוינער און 300 קוו. קילאָמעטער.

אויסער די אויסגערעכנעטע אַדמיניסטראַטיווע טיילען פון די ר. ס. פ. ס. ר. (גובערניעס, אויטאָנאָמע פּראָווינצען, ניט־אויטאָנאָמע פּראָווינצען און אויטאָנאָמע שטעדט), האָבען מיר נאָך אַ גאַנצע רייהע אויטאָנאָמע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקען.

אַזעלכע רעפּובליקען זיינען: באַשקירער, בוריאַט־מאָנגאָלער, דאַגעסטאַנער, קאַרעלער, קרימער, די דייטשען פון וואָלגע, טאַטערשע, יאַקוטער, און די קירגיזער, וועלכע באַשטעהט פון ניין גובערניעס: אַקמאָלינער, אַקטיובינער בוקעיעווער, דזשעטיסויער, קוסטאַנאַיער, אָרענבורגער, סעמיפּאַלאַטינער, סיר־דאַריער און אוראַלער, און איין אויעזד, אַדאַיעווער, און איין אויטאָנאָמע פּראָווינץ, קאַראַ־קאַלפּאַקער.

מיר האָבען שוין געזעהן, ווי ניששיג עס איז די באַפעלקערונג און די טעריטאָריע פון די מעהרסטע אויטאָנאָמע פּראָווינצען פון ר. ס. פ. ס. ר. דאָס זעלביגע קאָן מען אויך זאָגען וועגען די אויטאָנאָמע רעפּובליקען ווי עס ווייזט אונז די פאָלגענדע טאַבעלע:

אויטאָנאָמע רעפּ.	באַפעלקערונג	טעריטאָריע אין קוו. קילאָמעטער	געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אויף איין קוו. קילאָמעטער
באַשקירער —	2.483.400	155.000	16
בוריאַט־מאָנגאָלער —	450.700	419.000	1
דאַגעסטאַנער	843.100	53.900	14
קאַרעלער —	242.200	146.300	2
קרימער —	579.300	25.300	23
דייטשען פון וואָלגע — —	502.400	27.400	16
טאַטערשע —	2.925.100	67.000	42
יאַקוטער —	285.200	3.769.000	1-13
קירגיזער —	5.970.800	2.995.000	2
קאַראַ־קאַלפּאַקער אויט. פּר.	170.200	113.000	1½

מיר זעהען, אַז דער טייל פון פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקען, וואָס רופט זיך ר. ס. פ. ס. ר., באַשטעהט פון 38 גובערניעס, 3 פּראָווינצען, 7 אויטאָנאָמע פּראָווינצען און 9 אויטאָנאָמע רעפּובליקען, ניט רעכענענדיג די גובערניעס, קרייזען און אויטאָנאָמע פּראָווינצען, וואָס געהען אַריין אין יענע טיילען און זיינען אַדמיניסטראַטיוו ניט זעלבסטשטענדיג.

אַזוי איז צוזאַמענגעשטעלט די רוסלענדישע סאָוועטישע פעדעראַטיווע סאָציאַליסטישע רעפּובליק (ר. ס. פ. ס. ר.), איצט אַ פּאַר

זיריאַנער	171,495	2
דייטשען	157,996	8
פּאָליאַקען	147,342	12
קירגיזען	113,912	5
פינען	110,489	1
עסטען	95,788	6
לעטען	85,963	8
מאָנגאָלען-בוריאַטען	82,348	1
מאַריאַ	67,043	3
קאַרעלען	63,222	3
וואָטיאַקער	40,630	1
אַלטאַיער	25,852	1
באַשקירען	24,098	2
קאַלמיקען	20,706	2
פּערמיאַקעס	13,214	1
ליטווינער	10,489	1
סאַמאָיעדען	3,345	1

2\. די פאָלגענדע אויטאָנאָמע קרייזען:

1\) וויאַטקער (טיילען פון געוועזענע וויאַטקער און פּערמער גובערניעס).

וואָטיאַקען	369,870
רוסען	276,232
טאָטערען	19,673
באַשקירען	7,759

2\) קאַלמיקער.

קאַלמיקען	85,127
רוסען	32,945
אוקראַינער	17,158

3\) מאַריער (טיילען פון געוועזענע וויאַטקער און קאַזאַנער גובערניע).

מאַריאַ	183,013
רוסען	135,330
טאָטערען	19,409

4\) טשואוואַשער (טיילען פון געוועזענע קאַזאַנער און סימבירסקער גובערניעס).

טשואוואַשען	605,012
רוסען	82,896
טאָטערען	26,192
מאַריאַ	20,748
מאָרדוואַ	3,770

3\. נאָרד קאַווקאַז.

רוסען	5,631,851
אוקראַינער	682,689
טשעטשענצעס	239,929
אַרמעניער	135,335
אָסעטינער	131,343
קאַבאַרדינער	117,206

ווערטער וועגען די פעלקער, וואָס געהען אין איהר אַריין, מיר וועלען דאָ ניט אַריינגעהן אין איינצעלהייטען. מיר וועלען נאָר אָנ־ווייזען אויף די הויפּט פעלקער, וואָס וואוי־נען אין דעם אָדער יענעם טייל פון ר. ס. פ. ס. ר.

דערביי מוז מען באַמערקען, אַז די באַ־פעלקערונג פון פאַרשידענע טיילען פון סאָ־וועטען פאַרבאַנד ווערט דאָ אָנגעגעבען לויט די ציפערען פון 1925, בעת די צאָהלען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע באַפעלקערונגען זיי־נען גענומען פון דעם זאמעלבוך „נאַראָדנאַיע כאָזיאַיסטוואָ” און זיינען באַזירט אויפ'ן צענזוס פון 1920, און זיי ווערען געבראַכט ביי די אַדמיניסטראַטיווע איינטיילונגען פון 1921, וואָס אונטערשיידען זיך אַביסעל פון די שפּעטערדיגע.

מען דאַרף אויך האָבען אין זינען, אַז די ציפערען פון די באַזונדערע פעלקער אין די גובערניעס, פּראָווינצען, קרייזען, באַזונדערע רעפּובליקען, א. אַז. וו., זיינען ניט קיין פולשטענדיגע, נאָר זיי גיבען אַ באַגריף וועגען די הויפּט פעלקער אין יעדען ראַיאָן. דעריבער קאָנען די ציפערען וועגען די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטען נאָר געבען אַן אַלגעמיינעם בילד וועגען דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעלונג פון סאָוועט-רוסלאַנד, אָבער מען דאַרף דאָ ניט זוכען קיין אויספיהרליכע ידיעות וועגען די באַזונדערע פעלקער פון סאָוועטען פאַרבאַנד.

אָט איז אַ טאַבעלע פון די אויבען אויס־גערעכענטע 38 גובערניעס פון ר. ס. פ. ס. ר., אויסער מורמאַנסקער. מיר ברענגען דאָ די באַזונדערע נאַציע, איהר צאָהל, און אין וויפיל גובערניעס זי איז פאַררעכנט פאַר דעם הויפּט טייל פון דער באַפעלקערונג:

נאַציע	צאָהל	גובערניעס, וואו זיי זיינען די הויפּט באַפעלקע־רונג
רוסען	48,991,924	37
אוקראַינער	2,898,500	12
וויים-רוסען	1,020,948	15
מאָרדוואַ	1,012,460	8
טאָטערען	718,059	15
אידען	392,143	25
טשואוואַשען	186,492	5

4. אויטאָנאָמע רעפּובליקען:

1) באַשקירער (טיילען פון געוועזענער אָרענבורגער, אופער און פּערמער גובערניעס).

באַשקירען	1,178,507
רוסען	1,134,704
טאָטערען	284,256
מאַריא	92,693
אוקראַינער	88,239
טשואוואשען	81,875
מאָרדוואַ	52,083
ווייסרוסען	33,115
וואָטיאַקער	24,033
דייטשען	16,217
לעטען	9,342
אידען	4,763

2) קאַרעלער (טיילען פון געוועזענע אָלאָנעצקער און אַרכאַנגעלסקער גובערניעס).

קאַרעלען	69,669
רוסען	50,399

3) קרימער.

רוסען	317,346
טאָטערען	184,568
אוקראַינער	53,542
אידען	50,042
דייטשען	42,546
גריכען	23,855
בולגאַרען	11,899
אַרמעניער	11,736
קאַראַימען	5,050
ציגיינער	2,811

4) די דייטשען פון וואָלגא געגענט (טיילען פון געוועזענע סאַראַטאָווער און סאַמאַרער גובערניעס).

דייטשען	442,362
רוסען	7,992

5) טאָטערשע (טיילען פון געוועזענע קאַזאַנער, סאַמאַרער און אופער גובערניעס).

טאָטערען	1,306,242
רוסען	1,205,314
טשואוואשען	173,896
באַשקירען	139,858
מאָרדוואַ	40,206
מאַריאַ	32,502
וואָטיאַקעס	19,002
אידען	5,351

6) קירגיזער.

קירגיזען	1,709,972
רוסען	1,581,691
אוקראַינער	620,350
טאָטערען	113,005
דייטשען	54,799
מאָרדוואַ	34,120

דער צווייטער וויכטיגסטער טייל פון דעם ראַטען־פאַרבאַנד (סאָוועט רוסלאַנד) איז די אוקראַינער סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק (או. ס. ס. ר.). זי באַשטעהט פון נײַן קרייזען (אָקרוגען): וואָלינער, דאָנעצער, דנעפּראָפּעטראָווסקער, (יעקאַטערינאָסלאַווער), קיעווער, אָדעסער, פּאָדאָלער, פּאָלטאַווער, כאַרקאָווער און טשערניגאָווער. דאָ געפינען מיר אויך די אויטאָנאָמע מאָלדאַוואַנער רעפּובליק, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרען שפּעטער.

די טעריטאָריע פון אוקראַינער ס. ס. ר. פאַרנעמט 439.700 קוו. קילאָמעטער מיט אַ באַפעלקערונג פון 27.663.900. די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג איז 64 מענשען אויף איין קוואַדראַט קילאָמעטער.

די צאָהלען פון די באַזונדערע פעלקער פון אוקראַינע זיינען:

אוקראַינער	21,294,246
רוסען	2,610,267
אידען	1,189,689
דייטשען	210,689
רומעניער	165,823
פּאָליאַקען	117,070
גריכען	103,968

ווייטער האָבען מיר אין דעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקען, אָדער סאָוועט רוסלאַנד, די ווייסרוסישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק (וו. ס. ס. ר.). זי באַשטעהט פון צעהן אָקרוגען: באַברויסקער, באָריסאָווער, וויטעבסקער, קאַלינינער, מינסקער, מאָהילעווער, מאָזירער, אָרשאַנסקער, פּאָלאָצקער, סלוצקער. זי האָט אַ באַפעלקערונג פון 4.204.600 איינוואוינער אויף אַ טעריטאָריע פון 109.800 קוואַדראַט קילאָמעטער, וואָס מאַכט אוים 38 איינוואוינער אויף איין קוואַדראַט קילאָמעטער.

וואָס אַנבאַטרעפט די פאַרשידענע פעלקער פון דער וו. ס. ס. ר., זיינען ניטאָ וועגען דעם קיין גענויע ציפערען, ווי עס זיינען פאַראַן פאַר די אַנדערע טיילען פון סאָוועט רוסלאַנד. מען קאָן אָבער באַקומען אַ געוויסען באַגריף

וועגען די פעלקער אין דער ווייסרוסישער רעפובליק פון די פאלגענדע ציפערען פאר וויטעבסקער קרייז:

ווייסרוסען — — — —	778,795
רוסען — — — — —	445,557
אידען — — — — —	108,914
פאליאקען — — — —	14,894
לעטען — — — — —	12,172

דער פערטער טייל פון דעם פארבאנד פון ס. ס. ר. (סאוועט רוסלאנד) איז ניט קיין איינצעלנע אויטאנאמע רעפובליק, נאר א פעדעראציע פון רעפובליקען, די „זאקאווקאזער סאוועטישע פעדעראטיווע סאציאליסטישע רעפובליק, אדער ז. ס. פ. ס. ר. אין איהר געהען אריין די פאלגענדע דריי סאוועטישע סאציאליסטישע רעפובליקען:

רעפובליק	טעריטאריע	באפעלקערונג	מענשען אויף איין קוואדראט קילאמעטער
אזערביידזשאנער	85,000	2,006,800	21
ארמעניער — —	36,000	9,921,400	26
גרוזינער — —	72,000	2,492,800	34
די גאנצע ז. ס. פ. ס. ר.	193,000	5,421,000	30

דער פינפטער טייל פון סאוועט רוסלאנד איז די טורקמענישע סאוועטישע סאציאליסטישע רעפובליק, וואס פארנעמט א טעריטאריע פון 473,000 קוואדראט קילאמעטער מיט א באפעלקערונג פון 914,600, וואס באטרעפט ארום 2 איינוואוינער אויף איין קוואדראט קילאמעטער.

דער זעקסטער טייל פון סאוועט רוסלאנד איז די אוזבעקישע סאוועטישע סאציאליסטישע רעפובליק, מיט א טעריטאריע פון 322,000 קוואדראט קילאמעטער און א באפעלקערונג פון 4,803.600, וואס מאכט אויס 15 מענשען אויף איין קוואדראט קילאמעטער.

די אוזבעקישע ס. ס. ר. באשטעהט ווידער פון אוזבעקען, מיט א באפעלקערונג פון 4,058,400 אויף א טעריטאריע פון 187,000 קוו. קילאמעטער, וואס באטרעפט 22 מענשען אויף איין קוו. קילאמעטער; און די טאדזשיקער אויטאנאמע סאוועטישע סאציאליסטישע רעפובליק, מיט א באפעלקערונג פון 745.200 אויף א טעריטאריע פון 135.000, וואס באטרעפט ארום 6 מענשען אויף איין קוואדראט קילאמעטער.

די גענויע צאהלען פון די פארשיידענע פעלקער, וואס וואוינען אין די דריי לעצטע רעפובליקען, אין זאקאווקאזער ס. פ. ס. ר., אין טורקמענישער און אוזבעקישער ס. ס. ר., קאנען מיר דא ניט ברענגען, ווייל זיי זיינען אין די ערשינענע אויסגאבען ניט אנגעגעבען.

איצט קאנען מיר מאכען א סך הכל.

מיר האבען געזעהן, אז אין פ. ס. ס. ר. (סאוועט רוסלאנד) געהען אריין זעקס זעלבסטשטענדיגע טיילען. צוויי פון זיי, ר. ס. פ. ס. ר. און ז. ס. פ. ס. ר., זיינען פעדעראציעס פון באזונדערע אדער אויטאנאמע רעפובליקען און קרייזען, די איבעריגע זיינען איינצעלנע רעפובליקען, כאטש אין זיי, ווי, צום ביישפיל, אין דער אוקראינישער און דער אוזבעקישער, געהען אויך אריין אויטאנאמע רעפובליקען.

נאר די ווייסרוסישע ס. ס. ר. און די טורקמענישע ס. ס. ר. האבען ניט קיין באזונדערע אויטאנאמע טיילען און זיינען יעדער איינע פון זיי א גאנצע איינצעלנע רעפובליק.

איבערגעהענדיג צו די באזונדערע אדמיניסטראטיווע טיילען פון לאנד, געפינען מיר אין גאנץ סאוועט רוסלאנד 57 באזונדערע גובערניעס, אדער קרייזען (אקרוגען), 3 באזונדערע פראווינצען, 7 אויטאנאמע פראווינצען, 11 אויטאנאמע רעפובליקען און 3 זעלבסטשטענדיגע סאוועטישע סאציאליסטישע רעפובליקען, וואס זיינען טיילען פון דער זאקאווקאזער ס. פ. ס. ר.

דא האבען מיר אויסגערעכענט נאר די באזונדערע דירעקטע אדמיניסטראטיווע טיילען פון די זעקס רעפובליקען און פעדעראציעס, וואס שטעלען צוזאמען די מדינה מיט'ן נאמען פארבאנד פון סאוועטישע סאציאליסטישע רעפובליקען אבער, ווי מיר האבען שוין פריהער געזעהן, געהען נאך אריין אין טיילען פון די הויפט רעפובליקעס און פעדעראציעס, אלערליי גובערניעס, קרייזען, פראווינצען, אויטאנאמע פראווינצען און אויטאנאמע שטעדט, וואס שטעלען מיט זיך פאר זעלבסטשטענדיגע אדמיניסטראטיווע טיילען פון א נידעריגערען קלאס, אזוי צו זאגען.

אזעלכע צווייטקלאסיגע גובערניעס און קרייזען זיינען פאראן 40, אויטאנאמע קריי-

זען — 8, און אויטאָנאָמע שטעדט — 2, און אויסערדעם איז נאָך פאַראַן איין אויעזד.

פון דעם זעהען מיר, אַז די אַדמיניסטראַטיווע איינטיילונג פון סאָוועט רוסלאַנד איז ווייט ניט קיין איינפאַכע. מיר געפינען דאָ דיזעלביגע נעמען פאַר געגענטען, וואָס שטעהען אויף פאַרשיידענע אַדמיניסטראַטיווע מדרגות און געהערען צו פאַרשיידענע קלאַסען.

אַזוי האָבען מיר אויטאָנאָמע פּראָווינצען אַלס טיילען פון די אויטאָנאָמע רעפּובליקען, ווי, צום ביישפּיל, די אויטאָנאָמע קאַראַקאַלפּאַקער פּראָווינץ, וואָס איז טייל פון דער אויטאָנאָמער קירגיזער רעפּובליק, וועלכע איז אַליין אַ טייל פון דער ר. ס. פ. ס. ר. עס זיינען פאַראַן אויטאָנאָמע פּראָווינצען, וואָס געהען אַריין אין נאָרד-קאַווקאַז, און נאָרד־קאַווקאַז איז איינפאַך אַ פּראָווינץ, און איז פונדעסטוועגען אויך אַ דירעקטער טייל פון ר. ס. פ. ס. ר.

דאָס זעלביגע האָבען מיר מיט די גובערניעס און פּראָווינצען, אייניגע פון זיי שטעלען מיט זיך פאַר זעלבסטשטענדיגע אַדמיניסטראַטיווע טיילען פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקען, און אַפילו פון פעדעראַציעס, בעת אַנדערע זיינען ערשט טיילען פון טיילען פון רעפּובליקען.

וואָס אַנבאַטרעפט די איינטיילונג גופא, אויף אויטאָנאָמע און ניט־זעלבסטשטענדיגע געגענטען, איז דאָס געמאַכט געוואָרען לויט צוויי פּרינציפּען. די גובערניעס און קרייזען ווערען איינגעטיילט לויט דער טעריטאָריע, און די אויטאָנאָמע פּראָווינצען און אויטאָנאָמע רעפּובליקען זיינען איינגעטיילט לויט נאַציע און ראַסע. און דאָ זעהען מיר, ווי מען טיילט און טיילט, אַפּאָמאָל ביז גאָר נישטיגע טיילכעלעך, סאַי לויט דער טעריטאָריע און סאַי לויט דער באַפעלקערונג.

עס איז אַביסעל מאָדנע, וואָס פאַרשטעהער פון דעם אַזוי-גערופענעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל שפּילען אַזוי אויף די נאַציאָנאַלע סטרונעס פון דער באַפעלקערונג. אָבער דאָס האָט ניט צו טאָן מיט אונזער טעמע. פאַר אונז איז וויכטיג געווען צו זעהן, וואָס פאַר אַ שווערער און קאָמפּליצירטער אַפּאַראַט עס איז די אַדמיניסטראַטיווע פיהרונג פון היינטיגען רוסלאַנד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקען.

ק. אבערוטשעוו.

פעלקער און לענדער

אַראַביע.

דער שטח ווערט געשאַצט אין 1,200,000 סקוועער מייל. די באַפעלקערונג—אין פינף מיליאָן.

אַראַביע פאַרנעמט דעם אַראַבישען האַלבאינזעל אין דרום-מערב זייט פון אַזיע, צווישען פּאַלעסטינע, סיריע, מעסאָפּאָטאַמיע און אינדישען אָקעאַן. כמעט האַלב פון אַראַביע באַשטעהט פון מדבריות. די גרעניצען צווישען די באַזונדערע אַראַבישע מלוכות זיינען שוואַך באַצייכענט. זיי שטעהען אַלע אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון ענגלאַנד. די הויפּט-הערשער זיינען דער קעניג פון די העדזשאַס און דער אימאַן פון יעמאַן.

די קעניגרייך פון העדזשאַס.

דער קעניג אַל איבען האסאן האָט איבערגענומען דעם טראָן נאָכדעם ווי זיין פאָטער האָט „אָפּגעדאַנקט", דעם 3טען אָקטאָבער, 1924. פּראָקלאַמירט אַלס קעניג איז ער נאָך געוואָרען אין 1918, ווען ער איז אַרויסגעטראָטען געגען דעם סולטאַן און האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער אַליאירטער אַרמעע געגען טערקיי. אין 1924 איז ער פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס קאַליף פון איסלאַם אין אַ גרויסען טייל פון אַראַביע און איראַק. העדזשאַס, איז אַריינגענומען געוואָרען אין דער פעלקער-ליג. די וויכטיגקייט פון העדזשאַס באַשטעהט אין איהר קאָנטראָל איבער די הייליגע שטעדט פון איסלאַם.

די אַנדערע מלוכות פון אַראַביע זיינען: יעמאַן, טראַנס-דזשאָרדאַניאַ, דער סולטאַנאַט פון נעזשד און האַסאַ.

אַביסיניאַ.

פאַרנעהמט אַ שטח פון 350,000 סקוועער מייל. די באַפעלקערונג ווערט געשאַצט אין

10 מיליאָן. די הויפּט־שטאָדט איז א ד י ס א ב א ב א.

אַביסיניע איז אַ בערגיגע, וואולקאַנישע לאַנד אין צפון־מזרח אַפריקע און גרעניצט אין צפון־זייט מיט עריטריא (איטאַליע) און מיט בערבערא (גרויס בריטאַניע) און איטאַליענישען ס א מ א ל א נ ד, אין מזרח־זייט — מיט קעניא, אוגאנדע צו דרום־זייט און מיט'ן סודאַן צו מערב. די אַגריקולטורעלע און מינעראַלע רייכטומער פון לאַנד זיינען ווייניג אַנטוויקעלט און די וואַסערען איינגאַנצען ניט אויסגענוצט. אין דעם נידעריגערען טייל פון לאַנד און אין די טיפע טאָלען, וואו עס איז זעהר הייס, וואַקסען צוקער־שטעקענס, באַוועל, קאָפע, און עס ווערט פּראָדוצירט אַ סך ראָבער. אין די געגענדען מיט אַ לייכטערע טעמפּעראַטור וואַקסען קאַרטאָפעל, ווייץ, פרוכטען, טאַבאַק אַ. אַז. וו. די בערג־איינוואוינער באַשעפטיגען זיך איבערהויפּט מיט פיה־צוכט. דער סך־הכל פונ'ם האַנדעל ווערט געשאַצט אין 12,000,000. אונטער דער אויפזיכט פון פראַנצויזישע קאָמפּאַניעס איז אויסגעבויט געוואָרען אין לאַנד אַן אייזענבאַן־ליניע, וואָס פאַרנעהמט 495 מייל אין דער לענג.

די רעגירונגס־פאָרם איז אַ מאָנאַרכיסטישע. איצט הערשט דאָרט די קעניגין וואלסערו זא־או־דיטו, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען דעם 27טען סעפּטעמבער, 1918.

אַביסיניע איז אַריינגענומען געוואָרען אין דער פעלקער־ליגע אין סעפּטעמבער, 1923.

אַפגאַניסטאַן.

פאַרנעמט אַ שטח פון 245 סקווער מייל. די באַפעלקערונג ווערט געשאַצט אין זעקס מיליאָן. 330,500 די הויפּט־שטאָדט איז קאבול, וואָס האָט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 150 טויזענט.

דער הערשער (אַמיר) פון אַפגאַניסטאַן איז אַמאַנולאַ כאַן. די רעגירונגס־פאָרם איז אַ מאָנאַרכיסטישע. די הערשאַפט געהט איבער בירושה פונ'ם פאָטער צום זוהן.

אַפגאַניסטאַן איז אַ בערגיג געגענד אין אַזיע. זי גרעניצט זיך צו צפון מיט טראַנס־קאַספּיא (רוסלאַנד) און בוכאַראַ, צו מזרח —מיט בריטיש־אינדיע און אין מערב—מיט פערסיע.

די באַפעלקערונג איז אויסשליסליך מאַבּמעדאַניש. אין די טאָלען איז פאַראַן אַ סך גוטע פלאַכלאַנד, וואָס ווערט אויסגענוצט פאַר אַגריקולטור. עס וואַקסט ווייץ, פּערל־גרויפּען, לינדזען רייז און אנדערע ענליכע פּראָדוקטען. דאָס לאַנד איז זעהר רייך אין פרוכטען און אין הויז־חיות. אין דער ערד פון אַפגאַניסטאַן געפינט זיך קופּער, אייזען און בליי.

קיינע אייזענבאַנען זיינען ניטאָ.

אַלבאַניע.

פאַרנעהמט אַ שטח פון 17,374 סקווער מייל. האָט אַ באַפעלקערונג (לויט'ן צענזוס פון 1921) פון 831,877. די הויפּט־שטאָדט ט י ר א נ א האָט אַ באַפעלקערונג פון 12,000. די פאָרם פון רעגירונג איז אַ רעפּובליקאַנישע.

ערשט אין 1920 האָט אַלבאַניע ענדליך באַקומען איהר אומאָפּהענגיגקייט. אין יאַנואַר, 1921, איז זי אַריינגענומען געוואָרען אין דער פעלקער־ליג.

דאָס לאַנד איז בערגיג. עס גרעניצט זיך אין צפון און אין מזרח מיט יוגאָסלאַוויע, מיט גריכענלאַנד אין דרום און מיט'ן אַדריאַטישען ים צו מערב.

אַגריקולטור און פיה־צוכט זיינען די הויפּט־באַשעפטיגונגען פונ'ם אַלבאַנישען פאָלק. עס זיינען אין לאַנד ניטאָ קיינע אייזענבאַנען, קיינע באַנקען אָדער פּאַפּיר־געלט. די גרעסטע צאָל אַלבאַניער זיינען מאַכמעדאַנער. אַ קלענערע טייל—פּראַוואָסלאַוונע (גריכיש־קאַטוילישע) און אַ גאָר קליינע צאָל—רוימיש־קאַטוילישע.

אַרגענטינע.

רעפּובליק. פאַרנעמט אַ שטח פון 1,153,418 סקווער מייל. די באַפעלקערונג באַשטעהט פון 9,548,092. די הויפּט־שטאָדט איז בוענאָס־איירעס, וואָס האָט אַ באַפעלקערונג פון 2,310,441 (לויט דער צעהלונג פון יולי, 1925). דער איצטיגער פּרעזידענט (1922—1728) איז דר. מארסעלא דע אלוועאר.

אַרגענטינע איז אַן אימיגראַציע־לאַנד. צווישען די יאָהרען 1857—1920 איז די צאָל אימיגראַנטען, וואָס זיינען געקומען איבער'ן ים, געווען 5,121,958. די גרעסטע צאָל אימיגראַנטען קומען פון שפּאַניע און איטאַליע. די צאָל אימיגראַנטען אין 1922 איז געווען 139,953.

וויין, מאאיס און האָבער זיינען די הויפּט־פּראָדוקטען. אַ גרויסען פּלאַץ פאַר־נעמט אויך די צוקער־ און וויין־פּראָדוקציע. שטאַרק איז אויך אין לאַנד אַנטוויקעלט די פיה־צוכט.

אין 1923 זיינען פּראָדוצירט געוואָרען 3,399,651 פעסלאַך פּעטראָליום, טעקסטיל, אויל. כעמישע מאַטעריאַלען, אייזען, אַגרי־קולטורעלע געצייג און מאַשינען ווערען מעהרסטענס אימפּאָרטירט.

בוטאַן.

קעניגרייך. פאַרנעהמט אַ שטח פון 20 טויזענט סקוועער מייל. די באַפעלקערונג ווערט געשאַצט אין 250 טויזענט. די הויפּט־שטאָדט איז פּינאַקהאַ.

בוטאַן איז אַ האַלב־אומאָפּהענגיגער שטאַט. געפינט זיך צווישען טהיבעט. די באַפעלקע־רונג איז מאָנגאָליש. זיי זיינען בודיסטען. אַגריקולטור און פיה־צוכט זיינען די הויפּט־באַשעפטיגונגען.

באָליוויאַ.

רעפּובליק. שטח—514,595 סקוועער מייל. באַפעלקערונג (אין 1920) 2,820,074. הויפּט שטאָדט—לאַ־פּאַז, מיט אַ באַפעלקערונג פון 115,252.

באָליוויאַ ליגט אין סאַוט־אַמעריקע צווי־שען פּערו און טשילי צו מזרח און אַרגענ־טינע צו דרום.

ערד־אַרבייט, פיה־צוכט און בערג־אַרבייט (מיינינג) זיינען די הויפּט־אינדוסטריעס. אַ גרויסע צאָל קופּער, זילבער, בליי און ראַ־בער ווערט פון דאָרט עקספּאָרטירט.

בראַזיל.

(פאַראייניגטע שטאַטען פון בראַזיל).
שטח—2,276,358 סקוועער מייל.
באַפעלקערונג (לויט'ן צענזוס פון 1920):

איינגעבוירענע — — —	29,045,227
איטאַליענער — — — —	558,405
פּאָרטוגעזער — — — —	433,577
שפּאַניער — — — — —	219,142
דייטשען — — — — —	52,370
יאַפּאַנעזישע — — — —	27,976
פון די פאַראייניגטע שטאַט.	3,439

די הויפּט־שטאָדט איז ריאָ־דע־זשאַנעראָ.
די רעגירונגס־פאָרם איז אַ רעפּובליקאַ־ניש.

בראַזיל איז די גרעסטע מלוכה אין דרום־אַמעריקע. דאָס לאַנד איז רייך אין פאַרשידענע מינעראַלען. דערווייל אָבער איז די בערג־אַרבייט שוואַך אַנטוויקעלט. אַגרי־קולטור פאַרנעמט דעם אויבענאַן. גרויסע שטחים לאַנד זיינען דערווייל בכלל נאָך ניט אויסגענוצט. פיר־פינפטעל פון דער וועלט־קאַפע קומט פון בראַזיל. די רעגירונג דער־מוטיגט די בוימוואָל־פּראָדוקציע. 11 פון די 20 שטאַטען האָבען שטאַרק־אַנטוויקעלטע בוימוואָל־פּלאַנטאַציעס. בראַזיל רעכענט זיך פאַר דער פערטער אין ראַנג צווישען די לענדער, וואָס פּראָדוצירען צוקער. די אינ־דוסטריען בכלל זיינען דערווייל שוואַך אַנט־וויקעלט. זיי ווערען אָבער ערמוטיגט.

מיט'ן אויסנאַם פון 100,000 מענשען זיינען אַלע איינוואוינער רוימישע קאַטאָלי־קען. אָבער רעליגיעזע פרייהייט איז גאַ־ראַנטירט פאַר אַלעמען.

טשילי.

שטח—289,796 סקוועער מייל. באַפעלקע־רונג (לויט'ן צענזוס פון 1921) 3,774,485. הויפּט־שטאָדט — סאַנטיאַגאָ.

טשילי ווערט פאַררעכענט פאַר דער צווייטער לאַנד אין דער פּראָדוקציע פון קופּער. עס זיינען דאָרטען אויך פאַראַן אייזען און אַנדערע מעטאַלען.

אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג פאַרנעהמט זיך מיט ערד־אַרבייט און פיה־צוכט.

דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקע־רונג איז פון אייראָפּעאישער אָפּשטאַמונג. איינגעבוירענע טשילער ווערט גערעכענט 10 טויזענט.

דאָס לאַנד פאַרמאָגט 5,642 מייל אייזענ־באַנען, פון זיי זיינען 2,542 מייל פּריוואַט־אייגענטום.

טשילי האָט זיך באַפרייט פון שפּאַניע אין די יאָהרען 1810—19 און איז געוואָ־רען אַ רעפּובליק.

כינע.

פאַרנעהמט אַ שטח פון 4,277,170 סקוועער מייל. די באַפעלקערונג (1920) פאַר כינע גופא איז 375,000.000, סינקלאַנג—2 מי־ליאָן, מאַנדזשוריע—2 מיליאָן, מאָנגאָליע—1,800,000, טהיבעט—2 מיליאָן, דער סך־הכל פאַר גאַנץ כינע איז 400,800,000.

אין 1922 זיינען אין כינע געוועזן 282 טויזענט 491 אויסלענדער.

די הויפּט־שטאָדט איז פּעקין. זי האָט אַ באַפעלקערונג פון 1,200,000.

כינע איז איבערהויפּט אַן אַגריקולטור לאַנד. די דורכשניטליכע פאַרם איז קליין, און די געצייג, וואָס די ערד־אַרבייטער באַ־נוצען, איז פּרימיטיוו. דאָס לאַנד איז אָבער גוט און רייך באַוואַסערט און איז רייך אין פאַרשידענע פּרוכטען. אין מערב און דרום טייל פון לאַנד איז שטאַרק אַנטוויקעלט די פּראָדוקציע פון טיי. כינע פּראָדוצירט איצט 27 פּראָצענט פון דער וועלט'ס זיידענס.

אין דער פּראָווינץ שאַנסי געפינען זיך רייכע קוילען־ און אייזען־ און פּעטראָליום־פעלדער.

די ערשטע אייזענבאַן איז אין כינע אויפגעבויט געוואָרען אין 1876 . איצט איז דאָרט פאַראַן איבער 7000 מייל אייזענבאַנען, אויסער 1857 מייל אין מאַנדזשוריע.

ביז דעם 12טען פעברואַר, 1912, איז כינע געווען אַ מאָנאַרכיע. דערנאָך ווערט זי אַ רעפּובליק. די לעצטע יאָהרען לעבט דאָס לאַנד איבער בסדר'דיגע רעוואָלוציעס און בירגער־קריגען.

קאָנפוציאָניזם, בודאַיזם און טאַאָיזם— זיינען די הויפּט־רעליגיעס פון די כינעזער. עס געפינען זיך אָבער אויך דאָרט אַן ערך פון 10 מיליאָן מוסולמאַנער, 1,994000 קאַ־טאָליקען און 618 טויזענט פּראָטעסטאַנטען.

אין די לעצטע יאָהרען איז אין כינע שטאַרק געוואָרען, פּאַראַלעל מיט דער אַלגע־מיינער נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג און מיט דעם וואוקס פון קאַפּיטאַליזם, אויך אַ מאָ־דערנע אַרבייטער־באַוועגונג. סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, טרייד־יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיווע פאַראייניגען און ראַ־דיקאַלע אַרבייטער־בילדונגס אָרגאַניזאַציעס. אין דעם נאַציאָנאַלען באַפרייאונגס־קאַמף, וואָס ווערט דאָרטען אַנגעפיהרט, באַטייליגען זיך די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס זעהר אַק־טיוו.

יאַפּאַן

ליגט אין מזרח אזיע אויף אינזלען פון פּאַסיפישען אָקעאַן. דער יאַפּאַנעזישער אַר־כיפּעלאַג פאַרנעמט 148,756 סקוו. מייל, פאָר־מאָזא — 13,944 סקוו. מייל, פעסקאַדאָר — 47 סקוו. מייל, אַ טייל פון סאַכאַלין — 13,253 סק. מייל; נאָך דער וועלט מלחמה האָט יאַפּאַן אַנעקסירט דעם האַלבען אינזעל קאָרעאַ 84,738 סקוו. מייל — צוזאַמען הייסט דאָס 260,738 סקוואר מייל.

יאַפּאַן האָט אַ פולע בערג, וועלכע זיינען רייך מיט וואולקאַנען, און דעריבער קומען דאָרטען פאָר אָפטע ערדציטערניסען, וועלכע ברענגען פיל שאָדען, פאַרניכטען גאַנצע שטעדט מיט פיל יאָהריגער מענשליכער קולטור. אין די טיפעניש פון דער ערד געפינען זיך מעטאַלען און קוילען. דאָס האָט געגעבען אַ מעגליכקייט דער אינדוסטריע, זי זאָל זיך דאָרטען שטאַרק אַנטוויקלען און פאַר־שפּרייטען.

דער קלימאַט איז אַ וואַרימער און אַ פייכטער, וואַקסט דאָרטען רייז, מאַאיס, טאַ־באַק, טיי, ווייץ א. ד. ג. דאָרטען וואַקסען אויך בוימער, אויף וועלכע עס האָדעווען זיך זייד־וואָרימלאַך.

באַפעלקערונג, לויט דער צעהלונג פון 1925, איז 83,454,371, באַשעפטיגט זיך מיט ערד־אַרבייט, פישעריי, אויסאַרבייטען זייד, אַלערליי שעהנע האַנט־אַרבייטען און אינ־דוסטריעס.

יאַפּאַן איז אַ באַגרענעצטע מאָנאַרכיע: פאַראַן אַ מאָנאַרך — דער מיקאַדאָ, פאַראַן אָבער אויך אַ פּאַרלאַמענט, די הויפּט שטאָדט איז טאָקיאָ מיט אַ באַפעלקערונג פון 3,859,674.

קאָלאָמביע.

דער שטח ווערט געשאַצט אין 476,916 סקוועער מייל. די באַפעלקערונג (1923) ווערט געשאַצט אין 6,617,833. די הויפּט־שטאָדט איז באָגאָטאַ, מיט אַ באַפעלקערונג פון 166,148.

די רעפּובליק קאָלאָמביע געפינט זיך ווייט אין צפון־מערב זייט פון סאַוט־אַמעריקאַ.

די באַפעלקערונג איז מעהרסטענס אַ וויי־סע. בלויז 138,428 אינדיאַנער זיינען דאָרט פאַראַן.

דאָס לאַנד איז רייך אין וועלדער. אַ סך מאַהאַגאַני, צעדער און פאַרב־האָלץ ווערט פון דאָרטען עקספּאָרטירט. דאָס לאַנד איז אויך רייך אין מינעראַלען, גאָלד, זילבער, קופּער, בליי און קוילען. די זאַלץ־מינען געהערען צו דער רעגירונג, און דאָס ברענגט איהר אַריין אַ גרויסען ריוח.

די הויפּט־פּרוכטען אין לאַנד זיינען: קאַפע, בוימוואָל, באַנאַנעס, קאַקאַאָ, טאַבאַק

און וויץ. פיה־צוכט איז אויך שטארק פארשפרייט.

קאסטא־ריקא.

רעפובליק. שטח—23,003 סקוועך מייל. באפעלקערונג (1923) — 498,435. הויפט־שטאדט—סאן־דזשאזע, האט א באפעלקערונג פון 41,306 מענשען.

קאסטא־ריקא ליגט אין דרום טייל פון צענטראל אמעריקע. זי גרעניצט זיך מיט ניקאראגוא צו צפון און פנאמא צו דרום זייט.

די פלאכלאנד האט א טראפישען קלימאט. עס וואקסען א סך באנאנעס, אבער קאפע איז דער הויפט־פראדוקט.

קיובא.

רעפובליק. שטח—41,634 סקוועך מייל. באפעלקערונג (1924) — 3,368,923: ווייסע —2,294,115, קאלירטע—830,791, ניט־קלא־סיפיצירטע אימיגראנטען—240,017. הויפט־שטאדט—האוואנא, האט א באפעלקערונג פון 432,353.

דאס לאנד האט א טראפישען און א פייכ־טען קלימאט, איז זעהר רייך אין פרוכטען. צוקער איז איינער פון די הויפט־פראדוק־טען, וואס ווערען פון דארט עקספארטירט. די צווייטע אינדוסטריע נאך צוקער איז טאבאק און די אויסארבייטונג פון צי־גארען.

דאמיניקאנישע רעפובליק.

(סאנטא דאמיניקא).

שטח—19,325. באפעלקערונג—(1921) 897,405. הויפט־שטאדט—סאנטא דאמינגא, מיט א באפעלקערונג פון 45,007.

אן אגריקולטור לאנד. די ערד איז זעהר פרוכטבאר. אגריקולטור און פיה־צוכט פאר־נעהמען דעם הויפט־ארט, הגם ס׳ווערט אויך פראדוצירט א סך צוקער. דאס לאנד האט גאלד, קופער, אייזען, זאלץ און קוילען. א סך טאבאק וואקסט דארטען.

די שטאטס־רעליגיע איז רוימישער קא־טאליציזם. דער פרינציפ פון רעליגיעזער טאלעראנץ איז שטארק פארשפרייט.

עקוואדאר.

רעפובליק. שטח—118,827 סקוועך מייל. באפעלקערונג — ארום 1,500,000. הויפט־שטאדט—קוויטא, מיט א באפעלקערונג פון 80,700.

דאס לאנד איז רייך אין מינעראלען. אבער מייונינג איז דערווייל שוואך אנטוויי־קעלט. א גרויסער טייל פון לאנד איז באַ־דעקט מיט אלטע וועלדער. אין מזרח טייל פון לאנד איז פאראן א סך ראבער.

די וויכטיגסטע פראדוקציע איז קאקא. עקוואדאר פראדוצירט א פינפטעל פון דער וועלט׳ס קאקא.

מצרים (עגיפטען).

קעניגרייך. דער שטח ווערט געשאצט אין 347,840 סקוועך מייל, א חוץ סודאן. קולטיווירטע לאנד איז ארום 12,296 סקוועך מייל.

באפעלקערונג (1924) — 13,885,000.

הויפט־שטאדט — ק א א י ר א, מיט א באפעלקערונג (לויט׳ן צענזוס פון 1917) פון 790,939.

דער קעניג פ א ו ד האט איבערגענומען דעם טראן, דעם 29טען אקטאבער, 1917, אבער פראקלאמירט געווארען אלס קעניג איז ער ערשט אין מארטש, 1922, ווען די אומאפ־העגגיגקייט פון מצרים איז ערקלערט געווא־רען.

דער טאל, ארום דער טייך ניל איז דאס אמת׳ע מצרים. דארט זיינען די מעהרסטע און בעסטע קולטיווירטע לענדער. דער ניל באוואסערט 5,400,000 אקער לאנד, די צאהל קען פארגרעסערט ווערען ביז 7,600,000.

דאס לאנד איז איבערהויפט אגריקולטו־רעל, מיט ערד־ארבייט פארנעמען זיך 62 פרא־צענט פון דער באפעלקערונג, א גרויסע צאהל פון זיי זיינען זעלבסטשטענדיגע קליינע פארמערס.

פעטראלעאום האט מען געפונען אין ארא־בישען מדבר און אויפ׳ן בארג סיני. ווי גרויס די קוועלען זיינען ווייס מען נאך ניט.

פיר פינפטעל פון דער באפעלקערונג קו־מען ארויס פון די פארצייטיגע מצרים, א טייל זיינען קריסטען, וואס געהערען צו פאר־שידענע קריסטליכע סעקטעס. אויך זיינען דארט פאראן 59,581 אידען. די גרעסטע טייל פון דער באפעלקערונג איז מאכמעדאניש.

לויט׳ן צענזוס פון 1917 זיינען אין מצרים געווען 209,908 פרעמדע (אימיגראנ־טען),

גואטעמאלא.

רעפובליק. שטח 48,290 סקוועיר מייל. באפעלקערונג (1921) — 2,119,365; הויפטשטאדט: גואטעמאלא, מיט א באפעלקערונג פון 115,938 מענשען.

דאס לאנד ליגט אין צפון טייל פון דרום אמעריקא, איז רייך אין בערג און וואולקאנען. הויפט פראדוקציע איז באנאנאס, האלץ און גאם. קאפע און צוקער זיינען די הויפט פרוכטען. פיה־ציכט פארנעמט אן אנגעזעהענעם ארט אין דעם עקאנאמישען לעבען פון לאנד.

גואטעמאלא האט ארום 8485 מייל אייזענבאנען. דאס געהערט צו א פריוואטער קאמפאניע.

ארום 60 פראצענט פון דער באפעלקערונג איז פון אינדיאנישער אפשטאמונג, די איבעריגע זיינען געמישטע.

האיטי.

רעפובליק. שטח 11,072 סקוועיר מייל, באפעלקערונג (1923) — 2,045,000; הויפטשטאדט פארט־או־פרינס, מיט א באפעלקערונג פון 125,000.

אין 1923-24 האט האיטי עקספארטירט 64,832,000 פונט קאפע, 7,328,073 פונט בוימוואל. 13,765,332 פונט רויען צוקער און 2,425 טאן האלץ (קלעצער), 80 פראצענט פון די פראדוקטען וואס ווערען איז האיטי ארויסגעפיהרט קומט פון די פאראייניגטע שטאטען.

האנדוראס.

רעפובליק. שטח — 46,332 סקוועיר מייל; באפעלקערונג (1923) — 673,408 מענשען. די הויפט שטאדט איז טעגוסי גאלפא, מיט א באפעלקערונג (1921) פון 28,950.

האנדוראס איז אן אגריקולטורעלע און פי־צוכט לאנד אין צענטראל אמעריקא. דאס לאנד פארמאגט גרויסע וועלדער, זיי זיינען אבער דערוייל נאך שוואך באארבייט. די איינגעבוירענע איינוואוינער זיינען שווארצע.

ליבעריא.

רעפובליק. שטח—36,834 סקוועיר מייל. באפעלקערונג — 1,500,000. הויפט־שטאדט —מאנראוויא, מיט א באפעלקערונג (1925) פון 6,000 מענשען.

די באפעלקערונג איז אינגאנצען אפריקאניש. ארום 12 טויזענט אמעריקאנער נעגערס געפינען זיך דארט.

די הויפט־פראדוקטען פון ליבעריא זיינען: קאפע, ראבער, ניס און אנדערע אגריקולטורעלע פראדוקטען און פרוכטען.

מעקסיקא.

רעפובליק. שטח—760,093 סקוועיר מייל. באפעלקערונג (1921) — 14,234,799. די הויפט־שטאדט איז מעקסיקא־סיטי, מיט א באפעלקערונג (אין 1923) פון 633,367.

דער קלימאט אין מעקסיקא איז זעהר גינסטיג פאר דעם וואוקס פון פארשידענע פרוכטען. אין די ווארימע געגענטען וואקסען קאקא־ניס, וואנילא, פעפער, נאטמעג און אנדערע טראפישע געוויקסען. אויך איז דאס לאנד זעהר רייך אין אלגעמיינע אגריקולטורעלע פראדוקטען, אין צוקער, קאפע, רייז, בוימוואל און אנדערע געוויקסען.

די אינדוסטריע און פאבריקאציע זיינען אין מעקסיקא נאך שוואך אנטוויקעלט, הגם אין די לעצטע יאהרען געהט אט די אנטוויקלונג אן גאנץ שנעל.

עס זיינען פאראן אין לאנד א גרויסע צאל בוימוואל־ (קאטאן־מילס) און וואל־פאבריקען און די טעקסטיל־אינדוסטריע אנטוויקעלט זיך שטארק.

זעהר שטארק איז אין די לעצטע יאהרען אויסגעוואקסען די אייזען־ און שטאל־אינדוסטריעס.

מעקסיקא איז רייך אין אויל־ און פעטראליום־פעלדער. אין 1920 האט מעקסיקא פראדוצירט 23,5 פראצענט פון דער וועלט־פעטראליום.

די באפעלקערונג איז אינדיאניש און מעסטיזיאניש (א געמיש פון אינדיאנער און אייראפעער). דער קאטאליציזם איז שטארק פארשפרייט.

מעקסיקא איז געווארען אן אומאפהענגיגע רעפובליק אין יאהר 1810. די גאנצע צייט אבער פון איהר אומאפהענגיג־לעבען האט זי קיין רוה ניט; כסדר'דיגע בירגער־קריגען און רעוואלוציעס שוואכען שטארק אפ און פארהאלטען די אנטוויקלונג פון לאנד.

מעקסיקא האט איצט א ראדיקאלע ארבייטער־רעגירונג.

ניקאראגוא.

רעפובליק. שטח—49.200 סקווער מייל. באפעלקערונג (1920) — 638,119. הויפט־שטאדט—מאנאגווא, מיט א באפעלקערונג פון 38,000.

דאס לאנד איז בערגיג און וואולקאניש. פארמאגט א סך וועלדער. אגריקולטור איז די הויפט־באשעפטיגונג. אין די ווארימער־רע טיילען פון לאנד וואקסען באנאנעס, צו־קער און קאפע. דער הויפט־עקספארט איז באנאנעס, צוקער, קאפע און גערהילץ.

די צוויי וויכטיגסטע פארטייען אין לאנד זיינען קאנסערוואטיווען און ליבערא־לען ,וואס פיהרען כסדר צווישען זיך אמאל א באהאלטענעם און אמאל אן אפענעם קאמף. די קאנסערוואטיווע פארטיי האלט זיך איצט אין מאכט, מיט דער הילף פון די פאר־אייניגטע שטאטען.

פאלעסטינע.

דער שטח ווערט געשאצט אין 9,000 סקווער מייל. הויפט־שטאדט — ירושלים, מיט א באפעלקערונג (1922) פון 62,578.

די באפעלקערונג פון פאלעסטינע, לויט דעם צענזוס פון 1922, איז 755,768. זיי ווערען געטיילט, ווי פאלגט:

מאכמעדאנער — — — — —	589,564
אידען — — — — — —	83,704
קריסטען — — — — — —	73,026
דרוזען — — — — — —	7,028
סאמאריטען (שומרונים) —	163
באהיים — — — — — —	265
הינדוסען — — — — — —	1,454
שייכס — — — — — —	408
אנדערע — — — — — —	156

פאלעסטינע איז אונטער דעם ברייטישען פראטעקטאראט. אגריקולטור פארנעמט דעם הויפט־פלאץ אין דעם עקאנאמישען לעבען. אינדוסטריען זיינען שוואך אדער גארניט אנטוויקעלט.

דאס לאנד איז שטארק אויפגעלעבט גע־ווארען צוליב דער אידישער קאלאניזאציע. די אידישע קאלאניסטען האבען אריינגע־בראכט אין לאנד מאדערנע וויסענשאפטליכע מעטאדען פון ערד־ארבייט, האבען אנגעהוי־בען אנטוויקלען פארשידענע אינדוסטריעס און האנדעל; און לעצטענס ווערען גע־מאכט פארבארייטונגען אויסצונוצען דעם ירדן פאר עלעקטרישער קראפט (דער רו־טענבערג־פלאן), וואס וועט פיל סטימולירען די ווייטערע עקאנאמישע אנטוויקלונג פון לאנד.

די ארבייטער, כמעט אויסשליסליך די אידישע, זיינען גוט ארגאניזירט, זיי האבען א שטארקע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע, די „אחדות העבודה“, און אויך אנדערע סאָ־ציאליסטישע, פועלי־ציוניסטישע און קאָ־מוניסטישע ארגאניזאציעס.

פאנאמא.

רעפובליק. שטח—33,667 סקווער מייל. באפעלקערונג (1923) — 442,522 (ניט רע־כענענדיג דעם קאנאל־זאן). הויפט־שטאדט — פאנאמא, האט א באפעלקערונג (אין 1921) פון 59,458 מענשען.

דאס לאנד אין פאנאמא איז זעהר גוט, אבער מעהר ווי העלפט איז ניט באארבייט. אויך זיינען דארט פאראן א סך וועלדער. פיה־צוכט איז די הויפט־ארבייט. דער הויפט עקספארט פון פאנאמא זיינען באנאנעס, קא־קא־ניס און אנדערע פרוכטען.

פאראגוויי.

שטח־196,000 סקווער מייל. באפעלקע־רונג (אין 1920) — 1,000,000. הויפט־שטאדט—אסונסיאן, מיט א באפעלקערונג (אין 1920) פון 99,836 מענשען.

אגריקולטור און פיה־צוכט זיינען די הויפט־באשעפטיגונגען פון דער באפעלקע־רונג.

פערסיע.

קעניגרייך. שטח—628,000 סקווער מייל. באפעלקערונג—10,000,000 מענשען. הויפט־שטאדט—טעהעראן, מיט א באפעלקערונג פון 250,000 מענשען.

די רעגירונגס פארמע איז א מאנארכיסטי־שע, די הערשאפט געהט איבער בירושה פון פאטער צום זון.

פערסיע איז איינס פון די עלטסטע קעניג־רייכען. עס איז א גרויסע, אבער ארימע און וועניג באפעלקערטע לאנד. די באפעלקערונג איז איינגאנצען מאכמעדאניש, (איסלאם). דאס לאנד פארמאגט א סך פיינע פעלדער, און אויל. די לעצטע ווערען קאנטראלירט איבערהויפט פון דער אנגלא־פערסישער אויל קאמפאניע. אגריקולטור איז שטארק פארשפרייט.

פערו.

רעפובליק. שטח — 533,915 סקווער מייל; באפעלקערונג — 4,620,000. הויפט־שטאדט לימא, מיט א באפעלקערונג אין (1920) פון 176,467.

א בארגיגע לאנד. די בערג זיינען רייך אין פארשידענע מינעראלען, קופער און זילבער זיינען די הויפט פראדוקטען. אין פערו ווערט אויך א סך פעטראליום פראדו־צירט, לויט איהר פעטראליואום פראדוקציע איז זי די אכטע לאנד אין דער וועלט.

אין 1923 האט פערו פארמאגט 21075 מייל אייזענבאהן, וואס זיינען קאנטראלירט געווארען פון דער פערואוויאן אסאסיאיישאן.

קאפיטאלען פון פרעמדע לענדער זיינען שטארק פאראינטערעסירט אין פערו, אין עקספלואטירען איהרע רייכטימער.

סיאם

שטח — 200,148 סקווער מייל; באפעל־קערונג (אין 1924) 9,618,000 מענשען. די הויפט שטאדט באנגקאק, מיט א באפעלקערונג (אין 1923) פון 745,640.

סיאם איז א מאנארכיסטיש לאנד, דאס קעניגטום געהט איבער בירושה.

דאס לאנד האט א סך וועלדער און עקס־פארטירט א סך געהילץ.

דער הויפט אגריקולטורעל פראדוקט איז רייז, דאס איז אויך די נאציאנאלע שפייז פון די סיאמער. פיה־צוכט איז שטארק אנטווי־קעלט, צווישען די הויז חיות פארנעמען אויך א בכבוד׳יגען פלאץ העלפאנדען, בופלאקסען און פערד.

סודאן.

די איינוואוינער זיינען טיילווייז אראבער און טיילווייז ניגערס, די מאכמעדאנער זיינען פיל אין צאהל.

פאר די לעצטע יאהרען איז סודאן אן ענגליש־עגיפטישע טעריטאריע. אגריקולטור איז די הויפט באשעפטיגונג בוימוואל און געהילץ ווערען עקספארטירט.

אורוגוויי.

רעפובליק. שטח — 72,153 סקווער מייל; באפעלקערונג (אין 1924) — 1 662,116 מענשען. הויפטשטאדט, מאנטעווידעא, מיט א באפעלקרעונג (אין 1922) פון 350,956.

די הויפט־באשעפטיגונג איז אגריקולטור און פיה־צוכט, קארן, מאאיס און אנדערע ענ־ליכע תבואות. פיה־צוכט איז שטארק אנט־וויקעלט. 38 טויזענט אקערס גוטע לאנד איז אין 1924 אפגעגעבען געווארען ספע־ציעל פאר פאשען די סטאדעס.

אוראגוויי האט 1,600 מייל אייזענבאנען, וואס ווערען כמעט אינגאנצען קאנטראלירט פון בריטישע קאמפאניעס.

די מעהרהייט פון דער באפעלקערונג איז רוימש־קאטוליש, אבער רעליגיע איז אינ־גאנצען אפגעטיילט פון שטאט.

ווענעזועלא.

רעפובליק. שטח—393,976 סקווער מייל. באפעלקערונג (אין 1920) — 3,000,000. הויפט־שטאדט—קאראקאס, מיט א באפעלקע־רונג (אין 1920) פון 29,466 מענשען.

דער קלימאט איז א טראפישער, אבער ניט קיין אומגעזונטער. עס וואקסען פאר־שידענע טראפישע תבואות און פרוכטען. אגריקולטור און פיה־צוכט זיינען די הויפט־באשעפטיגונגען.

קענעדע. (ענגלישע דאמיניאן)

קענעדע ווערט איינגעטיילט אין די פאל־גענדע פראווינצען:

	שטח אין סקווער מייל	באפעלקערונג אין 1901
אנטאריא — — — — — — — — —	260,862	2,182,947
קוויבעק — — — — — — — — —	351,873	1,648,896
נאווא סקאשיא — — — — — — —	21,428	459,574
ניו בראנזוויק — — — — — — —	27,985	331,120
מאניטאבא — — — — — — — — —	73,732	255,211
בריטיש קאלאמביא — — — — — —	372,630	178,657
פרינץ עדווארד איזלען — — — — —	2,184	103,259
סאסקאטשעוואן — — — — — — —	250,650	91,460
אלבערטא — — — — — — — — —	253,540	72,841

עס ווערען אויך אויסגעטיילט די פאל־גענדע דיסטריקטען: קיינאטין, מוקאן, מא־קענזי, אינגאוווא און פרענקלין.

די געבראכטע ציפערען, ווי שוין דער־מאנט זיינען לויט'ן צענזוס פון 1901. פאר דער צייט איז אבער די באפעלקערונג פיל אויסגעוואקסען, סיי לויט'ן נאטירליכען צוּוואוקס, ווי אויך צוליב דער פארשטארק־טער אימיגראציע פון די לעצטע יאהרען.

אגריקולטור פארנעהמט א זעהר אנגע־זעהענעם פלאץ אין עקאנאמישען לעבען פון קענעדע, אבער אויך אנדערע אינדוסטריען אנטוויקלען זיך שנעל. דער פיש־פאנג בא־שעפטיגט א סך מענשען.

איבער 50 פראצענט פון דער באפעלקע־רונג פארנעהמט זיך מיט אגריקולטור. פיה־צוכט איז שטארק אנטוויקעלט, און א סך מילך־פראדוקטען (פוטער, קעז, א. אז. וו.) ווערט עקספארטירט.

די שול־סיסטעם איז גוט אנטוויקעלט, און דאס לאנד פארמאגט א סך אוניווערזי־טעטען. ווייל קענעדע גרעניצט זיך מיט אמעריקע, ווערען צווישען די צוויי לענדער געטאן א סך געשעפטען.

קענעדע האט איהר אייגענעם פארלא־מענט און מיניסטארען־קאבינעט, הגם זי איז א טייל פון דער בריטישער אימפעריע.

סאלוואדאר.

רעפובליק שטח — 7,225 סקווער מייל; באפעלקערונג (אין 1923) 1,550,000. הויפט־שטאדט — סאן סאלוואדאר, מיט א באפעלקע־רונג פון 80,756.

סאלוואדאר איז איבערהויפט אן אגרי־קולטורעלע לאנד, קארן, צוקער, טאבאק, בוים־וואל און אנדערע עהנליכע פראדוקטען פאר־נעמען דעם אויבענאן. דאס לאנד פארמאגט א סך וועלדער, און עקספארטירט א סך גע־הילץ.

די פארלוסטען אין דער וועלט־מלחמה

די מלחמה פון יאהר 1914 איז געווען די סאמע בלוטיגסטע. די ציפערען ווייזען, ווי־פיל קרבנות עס איז געבראכט געווארען אויף דעם מזבח פון דער מלחמה. די פארלוסטען פון די באזונדערע לענדער טיילען זיך פא־כאנדער אויפ'ן פאלגענדען אופן.

לענדער	געהרג'עטע	פאר־וואונדעטע
דייטשלאנד — —	1.824.051	4.247.195
פראנקרייך — —	1.425.872	2.700.000
ענגלאנד — — —	946.023	2.121.906
איטאליע — — —	496.921	949.576
בעלגיע — — —	115.000	——
סערביע — — —	690.000	——
פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקע —	56.618	254.994
רוסלאנד, עסטרייך, אונגארן און אנד. איבער	12,000,000	9,000,000

די אלגעמיינע צאהל דער'הרג'עטע אין אלע ארמייען דערגרייכט לויט די לעצטע סטא־טיסטישע דאטען ביז 18 מיליאן מענשען. פארוואונדעטע מעהר פון 20 מיליאן מענשען

אויף וויפיל איז פארקלענערט געווארען די באפעלקערונג אין די מלוכות, וואס האבען גע־פיהרט די מלחמה?

	באפעלקערונג		יאהר
פראנקרייך — —	3.350.000	8,5%	1914
איטאליע — —	3.350.000	6 %	1914
ענגלאנד — — —	1.700.000	3,7%	1914
סערביע און מאנ־טענעגרא — —	1.200.000	23%	1914
רומעניע — — —	450.000	6%	1914
פאראייניגטע שטא־טען — — — —	400.000	0,4%	1914
בעלגיע — — —	360.000	4,7%	1914
אלע איבעריגע לענדער (הויפט־זעכליך די קאלא־ניעס) — — —	700.000		1914
סך הכל — —	23.310.000		
דייטשלאנד — —	6.200.000	9,3%	1914
עסטרייך־אונגארן	5.800.000	11%	1914
טערקיי — — —	1.400.000	6.5%	1914
בולגאריע — —	300.000	6.3%	1914
אייראפעאיש רוס.	13.000.000	9%	
צוזאמען —	37.010.000		
סך הכל — —	38,210,000		

די ארמייען פון די גרויסע מלוכות אין יאָהר 1926.

די ארמייען פון די אייראָפּעאישע גרעסערע מלוכות זיינען איצט קלענער איידער זיי זיינען געווען אין 1913.

די פּראָפּאָרציע פון די פארשידענע אַרמייען צו דער גאַנצער איצטיגער מיליטערישער מאַכט פון אייראָפּא איז: פראַנקרייך — 24 פּראָצענט, רוסלאַנד — 21, ענגלאַנד — 19, פּוילען — 9, איטאַליע — 8, יאַפּאַן — 8, און שפּאַניע — 7. די אומנאָרמאַל גרויסע שפּאַנישע אַרמיי ערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער קריג אין מאַראָקא האָט זיך אַזוי לאַנג געצויגען.

כדי צו פאַרגלייכען די מיליטערישע מאַכט פון די פארשידענע מלוכות, דארף מען געדענקען, אַז לויט די וואַשינגטאָנער אָפּמאַכען, זיינען די פלאָטען פון די גרויסמאכטען איינגעשטעלט געוואָרען אין אַזאַ מין פּראָפּאָרציאָנעלער פארהעלטניש: ענגלאנד — 5, פאַראייניגטע שטאַטען — 5, יאַפּאַן — 3, איטאַליע — 1.75, און פראַנקרייך — 1.75. פאַר דער מלחמה איז די פאַרהעלטניש פון מיליטערישע כחות געווען אַזאַ: רוסלאַנד — 28 פּראָצענט, פראַנקרייך — 20, דייטשלאַנד — 19, עסטרייך־אונגאַרן — 10, ענגלאַנד — 10, איטאַליע — 6, און יאַפּאַן — 6.

לויט די גאָר לעצטע און זיכערסטע ידיעות, ווערען געגעבען די פאָלגענדע צאָהלען פון סאָלדאַטען, וואָס שטעהען אונטער׳ן ביקס, ניט רעכענענדיג די אָפיצערען און די רעזערווען:

	1913	1926
אייראָפּא (חוץ קאָלאָניאַלע אַרמייען) — — — — — — — — — — —	4,160,000	2,623,000
אפריקא (חוץ עגיפּטען, אביסיניע, לעמיע) — — — — — — — —	200,000	350,000
נאָרט אַמעריקא (חוץ מעקסיקא) — — — — — — — — — — —	100,000	127,000
זיד אַמעריקא — — — — — — — — — — — — — — — — — —	125,000	136,000
אַזיע (חוץ כינע, טערקיי, סיאם און פערסיע) — — — — — — — —	534,000	494,000
די קאָלאָניאַלע אַרמייען פון די אייראָפּעאישע מלוכות — — — —	513,000	662,000
צוזאַמען די אייראָפּעאישע אַרמייען, איינשליסענדיג די קאָלאָניעס איצטיגע ארמייען פון גרויסמאכטען, איינשליסענדיג די נייוויס,	4,679,000	3,285,000
די לופט ארמייען און די קאַלאָניעס:		
דייטשלאנד — — — — — — — — — — — — — — — — — —	815,000	115,000
רוסלאַנד — — — — — — — — — — — — — — — — — — —	1,200,000	562,000
פראַנקרייך — — — — — — — — — — — — — — — — — —	837,000	641,000
ענגלאנד — — — — — — — — — — — — — — — — — — —	422,000	438,763
איטאַליע — — — — — — — — — — — — — — — — — — —	275,000	249,924
יאַפּאַן — — — — — — — — — — — — — — — — — — —	254,000	241,246
פאַראייניגטע שטאַטען — — — — — — — — — — — — — — —	94,000	124,000

עסטרייך־אונגאַרן האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַן אַרמיי פון 450,000. די איצטיגע אַרמייען פון דעם קליינעם אַנטאַנט און פּוילען צוזאַמען זיינען 598,000. צוגעבענדיג אָט די ציפערען, באַקומען מיר אַ סך הכל פאַר אייראָפּא: אין 1913 — 4,383,000, און אין 1925 — 2,890,000.

דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז אַ גרויסער טייל פון די אַרמייען פון פראַנקרייך און ענגלאַנד זיינען קאָלאָניאַלע. די פראַנצויזישע היימישע אַרמיי, למשל, איז 404,000, און איהר קאָלאָניאַלע אַרמיי איז 237,000. די בריטישע היימישע אַרמיי צעהלט 142,000, און די אַרמייען אין איהרע אַלע קאָלאָניעס צעהלען 282,000 סאָלדאַטען.

פון 1922 האָט ענגלאַנד פארקלענערט איהר היימישע אַרמיי פון 214,000 ביז 142,000, דערפאַר אָבער האָט זי פאַרגרעסערט איהר קאָלאָניאַלע אַרמיי פון 201,000 ביז 282,000.

פראַנקרייך האָט פון 1922 פאַרקלענערט איהר היימישע אַרמיי פון 465,000 ביז 404,000, דערפאַר אָבער האָט זי איהר קאָלאָניאַלע אַרמיי פאַרגרעסערט פון 190,000 ביז 237,000.

קליינער ענציקלאָפּעדישער ווערטערבוך

א

אַבאָליציאָניסטען. — די קעמפער געגען שקלאַפעריי אין די פאַראייניגטע שטאַטען. די באַוועגונג געגען נעגער־שקלאַפעריי אין די נאָרד־שטאַטען האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך צום ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט, נאָר ביז די 30־ער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט האָט זי געטראָגען אַ ריין פילאַנטראָפּישען כאַראַקטער און האָט זיך אויסגעדריקט בלויז אין מונדליכער און שריפטליכער פּראָפּאַגאַנדא. אין יאָהר 1840 האָט זיך אויסגעבילדעט די „ליבערטי פּאַרטי“ און די באַוועגונג געגען נעגער־שקלאַפעריי האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ העפטיגען פּאָליטישען קאַמף. נאָך דעם בירגער־קריג אין די יאָהרען 1861-65, וועלכער האָט זיך פאַרענדיגט מיט דער נעגער־באַפרייאונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען, איז די אַבאָליציאָניסטישע באַוועגונג אונטערגעגאַנגען.

אָביעקט. — אַ געגענשטאַנד, אַ זאַך; אַ ציל, אַ צוועק.

אָביעקטיוויזם. — די שילדערונג פון אַ זאַך ווי זי איז, ניט רעכענענדיג זיך מיט די אייגענע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס; אין דער פילאָזאָפיע — די ריכטונג, וועלכע האַלט, אַז דאָס אמת'ע וויסען קאָן זיך באַקומען נאָר אויפ'ן גרונד פון די פאַרנעהמונגען פון אונזערע חושים און ניט אויפ'ן גרונד פון ספּעקולאַטיווען דענקען.

אַבסטראַקט. — אַ באַגריף, וואָס לאָזט זיך משיג זיין נאָר מיט'ן שכל; אַ באַגריף זאַך.

אַבסאָלוטיזם. — זעלבסטהערשונג, אַזאַ רעגירונגס־סיסטעם, וואו דער קעניג אָדער הערשער איז העכער פון אַלע געזעצען און זיין מאַכט איז אומבאַשרענקט. די אידעע פון אַבסאָלוטיזם איז אַם דייטליכסטען אויסגעדריקט געוואָרען אין דער הערשונג פון פראַנצויזישען קעניג לודוויג דעם 14טען (1638—1715), וועלכער פלעגט שטענדיג זאָגען: „די מלוכה דאָס בין איך“, און האָט געוועלטיגט מיט אַן אייזערנער האַנד פון אַ דעספּאָטישען זעלבסטהערשער.

אַבסורד. — אונזין, נאַרישקייט.

אָבסטרוקציע. — דער קאַמף פון אַ פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט אדער אויף אַ קאָנפערענץ געגען דער מעהרהייט כדי דורך לאַנגע דעבאַטען צו שטערען דורכצופיהרען ניט געוואונשטע געזעצען אדער רעזאָלוציעס.

אָבסערוואַטאָריע. — אַ געביידע, וואָס איז ספּעציעל איינגעאָרדענט פאַר אַסטראָנאָמישע, פיזישע און מעטערעאָלאָגישע פאָרשונגען און באַאָבאַכטונגען און וואו ס'געפינען זיך די נויטיגע אינסטרומענטען און מכשירים.

אַגראַריער. — גרויסע גרונט־באַזיצער. פּאָליטישע פּאַרטיי פון גרויסע גרונט־באַזיצער, אין דייטשלאַנד האָבען זיי אמאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָליע.

אַגראַר־באַוועגונג. — אויפשטאַנד פון ערדלאָזע פּויערים געגען די גרויסע גרונט־באַזיצער. אַ ג ר א ר־ג ע ז ע צ ג ע ב ו נ ג באַשעפטיגט זיך מיט רעגולירען דעם ערד־באַזיץ.

אַגראָנאָמיע. — די וויסענשאַפט פון ערד־ארבייט. א ג ר אָ נ אָ ם, דער וואָס האָט שטודירט אַגראָנאָמיע.

אַגרימענט (קאָלעקטיווער אַגרימענט). — אַן אָפּמאַך, וואָס א יוניאָן שליסט מיט אַ מאַנופעקטשורער, אָדער אַסאָסיאיישאָן פון מאַנופעקטשורערס, וועגען די אַרבייטס־קאָנדישאָנס אין טרייד, ווי די סקייל פון ווייזשעס, אַרבייטס־שטונדען, סאַניטאַרען צושטאַנד אין שאַפּ און אַז. וו.

אַגריקולטור. — ערד־אַרבייט.

אוטאָפּיסטען. — טרוימער, מענשען וואָס טראָגען זיך אַרום מיט אידעאַלען וואָס קענען ניט פאַרווירקליכט ווערען — אָדער ווייל די אידעאַלען אַליין זיינען אומפאַרווירקליכבאַר,

אָדער ווייל די מעטאָדען צו פאַרווירקליכען זיי זיינען ניט קיין ריכטיגע. אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור ווערען מיט דעם וואָרט „אוטאָפּיסטען” באַצייכענט יענע סאָציאַליסטען, וועלכע גלויבען, אַז דער סאָציאַליזם קען פאַרווירקליכט ווערען דורך אַזעלכע וועגען און מעטאָדען, וועלכע קענען אין דער ווירקליכקייט דעם סאָציאַליזם ניט ברענגען. די באַריהמטעסטע סאָציאַליסטישע אוטאָפּיסטען פון 19טען יאָהרהונדערט זיינען געווען: סען-סימאָן, פוריע און ראָבערט אָוען.

אויטאָנאָמיע.—זעלבסטשטענדיגקייט אין באַצוג צו אינערליכע אַנגעלעגענהייטען. דאָס רעכט פון אַ טייל פון אַ מלוכה אָדער פון אַן אָרגאַניזאַציע צו פאַרוואַלטען זיך ניט לויט די אַלגעמיינע געזעצען פון דיזער מלוכה אָדער אָרגאַניזאַציע, נאָר לויט זיינע אייגענע געזעצען.

אוידיטאָריע. — 1) אַ זאַל אין די העכערע לעהר-אַנשטאַלטען, וואו די פּראָפעסאָרען האַלטען זייערע לעקציעס. 2) די צוהערער.

אויטאָביאָגראַפיע. — אַ ווערק, אין וועלכער דער פּראָפעסער באַשרייבט זיין אייגענעם לעבען.

אוואַנס. — 1) אַ סומע געלט, וואָס ווערט פאָראויס אַרויסגעגעבען אויפ'ן חשבון פון אַ געוויסער אַרבייט. 2) דער פאַרדינסט פון אַ דיסקאָנטירטען וועקסעל.

אויטאָקראַטיע. — זעלבסטהערשאַפט, אומבאַגרענעצטע הערשאַפט.

אויטאָקראַט. — 1) זעלבסטהעשער, 2) אָנהענגער פון אומבאַגרעניצטער זעלבסטהערשונג.

אַטאָם. — דאָס וואָרט שטאַמט פון צוויי גריכישע ווערטער: „א“ — ניט, און „טאָמען” — צוברעכען, ס'הייסט, אַ זאַך וואָס קאָן ניט געטיילט ווערען, וואָס קאָן ניט צושפּאָלטען ווערען. אין פיזיקע ווערט מיט דעם וואָרט באַצייכענט דער קלענסטער טייל פון מאַטעריע, וואָס קאָן שוין ווייטער ניט געטיילט ווערען.

אַטמאָספערע. — לופט, גאַז פאָרמיגע פליסיגקייט, וועלכע רינגעלט אַרום דעם ערד-קוגעל און די פּלאַנעטען.

אַטראָפירען. — אָפּדאַרען, אָפּצעהרען, מאַכען געלעהמט.

אַטריבוט. — כאַראַקטעריסטישער צייכען, גרונד-אייגענשאַפט.

אַטעאיזם. — דאָס לייקענען אין גאָט.

אימאָראַליזם. — די אָפּלייקענונג פון מאָראַל. אימאָראַליזם ווערט אָנגערופען ניטשע'ס לעהרע.

אינדיווידואום, אינדיוויד. — אַ באַזונדערס, אומטיילבאַרס וועזען; אַ באַזונדערע פּערזענליכקייט; אַ יחיד.

אידענטיפיצירען. — ערקלערען פאַר איינס און דאָס זעלביגע.

אידעאָלאָג. — איינער, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט אידעען אָדער אידעאַלען, וועלכע האָבען ניט קיין ווירקליכען ווערט; איינער וועלכער בויט אַן אידעאַלען פּלאַן פון צוקונפטיגען לעבען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די פאַקטען פון לעבען, אויף וויפיל זיי גיבען אַ מעגליכקייט צו פאַרווירקליכען אַזאַ פּלאַן; דער פילאָזאָפישער באַגרינדער פון אַ באַוועגונג פון אַ קלאַס, אָדער פון אַ שיטה.

אידעאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג און אויסבילדונג פון אידעען. די פילאָזאָפישע באַגרינדונג פון אַ וועלכען עס איז סיסטעם פון דענקען אָדער פון פּאָליטיק.

אימפּעראַטיוו. — באַפעהלענד, בינדענד, וואָס איז אַ מוז. אין גראַמאַטיק — דער אימפּעראַטיוו אָדער די באַפעהלס-פאָרמע, די פאָרמע פון ווערטער, וואָס דריקען אויס אַ באַפעהל, ווי למשל: געה, שטעה, שרייב, א. ד. גל. אין פילאָזאָפיע — אַן אינערליכער באַפעהל, אַ געוויסענס-באַפעהל.

אינטעלעקט. — דער פאַרשטאַנד, די אורטײלסקראַפט, דער גייסט.

אינטענסיוויטעט. — שטאַרקייט, אָנגעשטרענגקייט, אַן אימפּעט, העפטיג, קרעפטיג.

איראַציאָנאַל. — ניט פאַרנינפטיג, געגען דעם שכל, אונלאָגיש, אַבסורד, זינלאָז.

אילוזיע. — אַ טעות פון די חושים, ווען די בילדער, קולות אָדער קלאַנגען שטעלען זיך אונז פאָר אַנדערש, ווי זיי זיינען.

אימפּאָרט. — אַריינפיהר פון סחורות פון אויסלאַנד.

אימיגראַציע. — איינוואַנדערונג פון אַנדערע לענדער. אין די פאַראייניגטע שטאַאַ-

טען האָבען פאַר די לעצטע 25 יאָהר איינגעוואַנדערט פון פאַרשידענע לענדער כמעט 18 מיליאָן מענשען, און דיזער פאַקט האָט אַרויסגערופען אַ ברענענדע פראַגע: צי איז די איינוואַנדערונג אַ ברכה אָדער אַ קללה פאַר'ן לאַנד. איבער דיזער פראַגע קומט פאָר אַ העפטיגער שטרייט צווישען די געגנער און אָנהענגער פון אימיגראַציע. אין 1924טען יאָהר האָבען די געגנער פון אימיגראַציע געזיגט און אין קאָנגרעס איז אָנגענומען געוואָרען אַ געזעץ, וועלכער האָט שטאַרק באַגרעניצט די איינוואַנדערונג, הויפּטזעכליך פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

אימפּעריאַליזם. — די פּאָליטיק וואָס שטרעבט צו פאַרשפּרייטען די מאַכט און איינפלוס פון דער אייגענער מלוכה אויף אַנדערע לענדער און מלוכות. די פּאָליטיק פון די ענגלישע אימפּעריאַליסטען, למשל, דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס ערשטענס שטרעבען זיי צו פאַרשפּרייטען די ענגלישע מאַכט און איינפלוס אויף נייע קאָלאָניעס און האַנדעלספּונקטען און צווייטענס פאַרלאַנגען זיי אַ נעהענטערע און מעהר צענטראַליזירטע פאַרבינדונג צווישען ענגלאַנד גופא און די טיילען פון דער ענגלישער מלוכה, וועלכע האָבען אייגענע רעגירונגען, ווי קענעדע, אויסטראַליען און ד. ג.

אינדיווידואַליזם. — די סאָציאַל־פילאָזאָפישע לעהרע, אַז יעדער איינצעלנער מענש איז אַן אַבסאָלוטע ווערט אַן און פאַר־זיך און זיין עקזיסטענץ איז באַרעכטיגט ניט צוליב אַן אַנדער זאַך (ווי למשל צוליב דער געזעלשאַפט), נאָר צוליב איהם אליין. יעדער אינדיווידואום איז אַליין פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע זיינע טאַטען, און דעריבער דאַרף זיין דער אויבערהאַר איבער איהם נאָר ער אַליין, זיין אייגענער באַוואוסטזיין און געוויסען. אַזוי ווי דער שטאַאט, ד. ה. די פּאָליטישע איינאָרדנונג פון דער געזעלשאַפט, לעגט אַרויף פאַרשידענע באַגרענעצונגען אויף די אינדיווידואומען און צווינגט זיי צו ערפילען געוויסע פליכטען, וועלכע זיינען אָפט געגען זייער אייגענעם ווילען, דעריבער פאָדערען די פּאָליטיקער־אינדיווידואַליסטען, אַז דער שטאַאט אָדער די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע זאָל זיך וואָס ווייניגער אַריינמישען אין די פאַרשידענע באַציהונגען צווישען די אינדיווידואומען (איינצעלנע פּערזאָנען), און די עקסטרעמע אינדיווידואַליסטען, ווי למשל די אַנאַרכיסטען פאָדערען די פאַרניכטונג פון שטאַט.

אינדוסטריע. — דאָס אַרויסבאַקומען און באַאַרבייטען פון רויע מאַטעריאַלען אין פאַבריקען, קוילען־גרובען, אויל־קוואַלען (גרויס־אינדוסטריע) אין ווערקשטאַטען (קליין־אינדוסטריע) אין שטוב (הויז אינדוסטריע).

אינווענטאַר. — 1) אַ גענויע רשימה פונ'ם פאַרמעגען און דער הכנסה, וואָס ער ברענגט אַריין. 2) לעבעדיגער אינווענטאַר — פיה, בהמות, פערד, וואָס געפינט זיך אין דער ווירטשאַפט. טויטער אינווענטאַר — אַרבייטס געצייג.

אינטערפּעליאַציע. — אַן אָנפראַגע פון אַ פאָלקס־פאָרשטעהער אָדער פון אַ גרופּע דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט אָדער אויף אַ קאָנפערענץ פון אַ וועלכער עס איז אַנדער אָרגאַניזאַציע וועגען אַ געוויסען ענין, אויף וועלכער די רעגירונג אָדער די עקזעקוטיווע דאַרף געבען אַ דערקלעהרונג.

אינטערווענציע. — דאָס אַריינמישען זיך פון איין מלוכה אין די אינטערעסען פון אַ צווייטער.

אינטערנאַציאָנאַל. — די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָציאַציאָן”, אַן אַלוועלטליכע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט פון קאַרל מאַרקס און זיינע אָנהענגער אין 1864 יאָהר, מיט דעם צוועק צו פאַראייניגען אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס פון דער גאַנצער וועלט און אָנצופיהרען אַ געמיינשאַפטליכען קאַמף פאַר די באַפרייאונג פון אַרבייטער קלאַס אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. באַלד אָבער ווי דיזע אָרגאַניזאַציע האָט זיך געגרינדעט, האָבען זיך אָנגעהויבען אינערליכע רייסערייען איבער די פראַגען פון פּראָגראַם, אָרגאַניזאַציע און טאַקטיק. צוערשט האָבען זיך אָפּגעשפּאָלטען פון אינטערנאַציאָנאַל די אַנאַרכיסטישע גרופּען אונטער דער פיהרערשאַפט פון באַקונין. שפּעטער זיינען פאָרגעקומען נאָך איינינגע שפּאַלטונגען, און אין די 70־ער יאָהרען איז דיזע אָרגאַניזאַציע אינגאַנצען פאַנאַנדערגעפאַלען. אָבער די אידעע פון אינטערנאַציאָנאַל און זיינע גרונד־פּרינציפּען זיינען

געבליבען פעסט איינגעווארצעלט אין דער אלוועלטליכער ארבייטער־באוועגונג. זיי דריקען זיך אויס אין די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנגרעסען, וואס פלעגען זיך צונויפקלייבען פעריאדיש ביז דעם אויסברוך פון דעם וועלט־קריג. דער וועלט־קריג האט שטארק אפגעשוואכט דעם אינטערנאציאנאל. ערשט נאך דער מלחמה, ווען די סאציאליסטישע ארבייטער־באוועגונג איז געקומען צו זיך, האט ווידער אויפגעלעבט די אידעע פון פאראייניגען אלע סאציאליסטישע ארבייטער־ארגאניזאציעס און פארטייען אין אינטערנאציאנאלען פארנעהם. דער לעצטער קאנגרעס פון סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין מארסעל, פראנקרייך, אין אויגוסט, 1925טען יאהר, האט באוויזען דעם גרויסען פארשריט פון דער סאציאליסטישער ארבייטער־באוועגונג אין דער גאנצער וועלט. מעהר ווי זיבען מיליאן ארבייטער זיינען פאראייניגט אין דיזער ארגאניזאציע, הונדערטער דעפוטאטען אין די פארלאמענטען פון פארשידענע לענדער. דער אזוי גערופענער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל, וואו די רוסישע באלשעוויקעס שפילען די ערשטע פידעל, איז די איינציגע שטערונג צו אויפבויען א ווירקליך קאמפס־פעהיגען אינטערנאציאנאל.

אינקוויזיציע. — א קירכליך געריכט, וואס איז געגרינדעט געווארען אין 12טען יאהרהונדערט מיט'ן צוועק צו פארפאלגען אפיקורסים און געגנער פון דער הערשענדער קאטוילישער קירכע. די אכזריות און גוואלדטאטען פון דער אינקוויזיציע זיינען אלעמען באוואוסט. אין איין שפאניען, פון 1481 ביז 1498 יאהר, אונטער דער פיהרערשאפט פון גרויסען אינקוויזיטאר טארקוועמאדא, זיינען פארברענט געווארען אויף די פייערען פון דער אינקוויזיציע 8,800 מענשען און 6,500 פארטרעטען פון אנטלאפענע, וועלכע האבען געזאלט פארברענט ווערען. די לעצטע אפפער פון דער אינקוויזיציע זיינען פארברענט געווארען אין שפאניען אין ערשטען העלפט פון 19טען יאהרהונדערט.

אליגארכיע. — די הערשאפט פון ווענינגע. אזא רעגירונגס־סיסטעם, וואו די הערשענדע מאכט פאלט אריין אין די הענט פון א באשרענקטער גרופע מענשען, וועלכע פיהרען די רעגירונג לויט זייערע פערזענליכע אינטערעסען. אליגארכיען פלעגען אפט טרעפען אין אלט־גריכענלאנד, וואו איינציגע אריסטאקראטישע פאמיליעס פלעגען אריינכאפען די רעגירונג אין זייערע הענט, נאר באזונדערס דויערענד האט זי אנגעהאלטען צום ענדע פון מיטעלאלטער אין דער קליינער אריסטאקראטישער רעפובליק ווענעציע (ווענעדיג).

אלימפוס. — דער בארג אלימפוס, וואו עס האבען, לויט דעם גלויבען פון די אמאליגע גריכען, זיך געפונען זייערע 12 הויפט־געטער.

אלטרואיזם. — מענשענליבע אהן אייגעננוצען, אלס געגענזאץ צו עגאאיזם.

אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר („עי עף אוו על"). — די נאציאנאלע צענטראלע ארגאניזאציע פון די טרייד יוניאנס אין אמעריקא און קענעדע, וואס פאראייניגט ארום זיך דעם גרעסטען טייל ארגאניזירטע ארבייטער אין די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא (אן ערך פיער מיליאן). צווישען די יוניאנס, וואס זיינען אנגעשלאסען אן דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר זיינען אמבעסטען ארגאניזירט די מיינערס און די מאשיניסטען. א באדיוטענדער טייל פון די באהן־ארבייטער, די פרויען־קליידער ארבייטער, די קארפענטערס, (סטאליארעס). אנדערע טריידס זיינען ניט אנגעשלאסען אן דער „עי עף אוו על". זיי זיינען ארגאניזירט אין אונאפהענגיגע טרייד יוניאנס. די מעהרהייט פון אינדוסטריעלע און פארם־ארבייטער אין אמעריקא זיינען אינגאנצען ניט ארגאניזירט.

אנטראפאצענטריזם. — די אנשויאונג, אז די וועלט עקזיסטירט נאר צוליב די אינטערעסען פון דעם מענשען, אז דער מענש איז דער צענטראלער פונקט פון דעם באשאף, פון דער גאנצער בריאה.

אנאלאגיע. — עהנליכקייט, גלייכפארמקייט.

אנאטאמיע. — די וויסענשאפט וועגען דעם געבוי פון דעם ארגאניזם.

אנאכראניזם. — 1) א כראנאלאגישער טעות. 2) וואס עס פאסט שוין ניט צו דערצייט.

אנאליז. — 1) א כעמישער צוטיילונג פון א קערפער אדער שטאף אויף זיינע עלעמענטען. 2) די אויספארשונג פון א זאך דורכדעם, וואס מ'באטראכט יעדען פרט באזונדער. 3) א טייל פון דער מאטעמאטיק.

אנאלפאבעט. — וואס קאן ניט לייענען און שרייבען.

אנארכיזם. — א סאציאלע לעהרע, וואס שטרעבט צו אזא געזעלשאפטס־צושטאנד, וואו יעדער איינצעלנער מענש זאל זיין אבסאלוט פריי, ד. ה. אהן קיינע רעכטליכע, סאציאלע און עקאנאמישע באגרענעצונגען. די אנארכיסטישע באוועגונג האט זיך פון אנפאנג אן צוטיילט אין פארשידענע ריכטונגען, פון וועלכע עס צייכענען זיך אויס באזונדערס צוויי: דער אינדיווידואליסטישער און דער קאמוניסטישער אנארכיזם. ביידע דיזע ריכטונגען זיינען געגען יעדער מלוכה־ארדנונג און פאדערען די פארניכטונג פון שטאאט, נאר די אנארכיסטען - אינדיווידואליסטען שטעהען אויפ'ן פרינציפ פון אינדיווידואליזם (זעה אינדיווידואליזם) און פיל פון זיי זיינען אפילו ניט געגען פריוואט־אייגענטום; פארקעהרט, די אנארכיסטען־קאמוניסטען שטעהען אויפ'ן פרינציפ פון קאמוניזם, ד. ה. זיי שטרעבען איבערצובויען די געזעלשאפט אויפ'ן גרונד פון פרייע קאמוניסטישע פראדוקציאנס־פאראיינען. אויסער דעם שיידען זיך אונטער דיזע ביידע ריכטונגען אויך אין דער פראגע וועגען טאקטיק. די מעהרהייט פון די אנארכיסטען־אינדיווידואליסטען איז געגען גוואלד־טאטען און שטעהט פאר פרידליכער פראפאגאנדא; פארקעהרט די מעהרהייט פון די אנארכיסטען־קאמוניסטען אנערקענט די נויטיגקייט פון שארפסטע רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען.

אנטאלאגיע — א זאמלונג פון אויסדערוועהלטע לידער פון פארשידענע פאעטען

אנטאגאניזם. — געגענזאץ, פיינטשאפט.

אנטראפאלאגיע. — די לעהרע וועגען דעם מענשען בכלל, ווי בנוגע צום קערפער, אזוי אויך בנוגע צו דער נשמה; די אנטראפאלאגיע באשעפטיגט זיך אויך מיט דער אויספארשונג פון מענשליכע ראסען אין פארבינדונג מיט זייער קולטורעלער ענטוויקלונג און וועגען דעם, וואסער ארט דער מענש פארנעמט אין דער נאטור.

אנטיסעמיטיזם. — אידענפיינדשאפט. א סאציאל־פאליטישע באוועגונג, וואס איז געווענדעט געגען די אידען מיט דעם צוועק צו בארויבען זיי פון זייערע בירגערליכע, פאליטישע און אפילו מענשליכע רעכטען. די אנטיסעמיטען באהויפטען, אז דער ראסען־כאראקטער פון די אידען און זייערע נאציאנאלע און רעליגיעזע באזונדערהייטען ווירקען זעהר שעדליך אויף די קריסטליכע פעלקער און טראגען אריין א צופוילטקייט און פארדארבענקייט אין דער קריסטליך־אייראפעאישער קולטור. די ערשטע אנטיסעמיטישע אגיטאציע האט אנגעפאנגען אין דייטשלאנד דער גלח אדאלף שטעקער, וועלכער האט אין 1878 יאהר געגרינדעט די דייטשע קריסטליך־סאציאלע פארטיי.

אנימיזם. — דער גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גייסטער; דער גלויבען אין זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ פון א נשמה; דער גלויבען אין ספיריטיזם.

אנקעטע. — א שריפטליכע פראגען־ליסט.

אסקעטיזם. — די לעהרע און דאס לעבען פון אסקעטען, פון נזירים, וועלכע פרעדיגען, אז מען דארף זיך אפשיידען פון אלע וועלטליכע תאוות און פארגעניגענס.

אסטראנאמיע. — די וויסענשאפט, וואס פארנעהמט זיך מיט די באוועגונגען פון די הימעל־קערפער, זייער גרויס, געבוי, לאגע און די פארהעלטניסען פון איינע צו די אנדערע.

אסימילאציע. — פארשמעלצונג. אין סאציאל־פאליטישען זינען באדייטעט דאס ווארט „אסימילאציע" — די שטרעבונג פון א פאלק אדער פון א געוויסען טייל פון איהם אפצוזאגען זיך פון די אייגענע נאציאנאלע באזונדערהייטען און אנצונעהמען די שפראך, די זיטען און דעם גאנצען לעבענס־ארט פון אן אנדער פאלק.

אפאסטאל.—א שליח, א לעהרער פון א גייסטיגער באקענונג, ווי פון א רעליגיע: ספעציעל די ערשטע 12 לעהרער פון דער קריסטליכער רעליגיע, וואס זיינען געשיקט געווארען פון קריסטוס'ן צו פארשפרייטען דעם קריסטענטום.

אפארטוניזם. — דאס צופאסען זיך צו די אומשטענדען. אפארטוניסטען

היסען אַזלעכע פּאָליטיקער, וואָס אָפּפּערען אָפּט מיט די אַלגעמיינע פּרינציפּען פון זייער פּאַרטיי צוליב אַ געוויסען נוצען, וואָס די באַוועגונג אָדער פּאַרטיי קען באַקומען (ווי למשל, ווען סאָציאַליסטישע פּאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט שטימען פאַר דעם בודזשעט פון דער רעגירונג, און דערפאַר ערוואַרטען זיי פון איהר געוויסע הנחות, וואָס קענען ברייני־גען אַ נוצען פאַר די אַרבייטער).

אָפּטימיזם. — אַ פילאָסאָפישע לעהרע, וואָס אַנערקענט, אַז אונזער וועלט איז דאָס פולקאָמסטע געטליכע שאַפונג, אַז אַלץ, וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט איז צום גוטען. דער הויפּט פאָרשטעהער פון דער לעהרע איז געוועזן לייבניץ.

אַפּריאָרי. — אַ פּאָראויס אָנגענומענע מיינונג, וואָס איז ניט באַגרינדעט מיט פּאַקטען, נאָר דער שכל איז מחייב, אַז עס איז אַזוי.

אַקאַדעמיע (גריכיש). — אין אָנהויב האָט עס באַדייט דער וועלדעל פון פּלאַטאָנ'ס שילער אקאדעם (427—347 יאָר פאַר קריסטוס) וואו ער פלעגט פאַרזאַמלען די אָנהענגער פון זיין לעהרע. דערנאָך האָט מען מיט'ן נאָמען אַקאַדעם גענומען באַצייכענען די שוהלע פון פּלאַטאָנ'ס פילאָזאָפיע בכלל. היינט ווערט מיט דעם באַצייכענט אַ שוהלע פון וויסענשאַפטען, אַ פאַראיין פון געלעהרטע.

אָקופּאַציע. — אַריינפיהרען חיל אין אַ לאַנד, פאַרנעהמען זי צוויטוויליג, כדי צו באַשיצען די אינטערעסען פון דער אָקופּירענ־דער מלוכה.

אַקוואַריאום. — אַ פּלאַץ, אין וועלכען מ'האַלט וואסער, פיש און געוויקסען. פון די באַריהמטע אַקוואַריאומס פאַר וויסענשאַפטלי־כע צוועקען זיינען באַקאַנט די אַקוואַריאומס אין האַמבורג, בערלין און ניו יאָרק.

אַקסיאָמאַ. — אַ זעלבסטפאַרשטענדליכער אמת. וואָס דאַרף ניט קיין באַוויז.

אַקלימאַטיזירען זיך. — דאָס צופּאַסען זיך פון אַ מענשען, חיה אָדער געוויקס צו נייע קלימאַטישע באַדינגונגען.

אַרביטריישאָן. — ערליידיגען אַ סכסוך צווישען צוויי צדדים דורך אַ בורר, אַ דריטע פערזאָן צו וועמען ביידע פאַראינטערעסירטע צדדים האָבען צוטרויען.

אַרטעריע. — אַ לאַנגער אָדער, וועלכע־טראָגט פונאַנדער דאָס בלוט פון האַרצען אין אַלע טיילען פון קערפּער.

אָרטאָדאָקס. — דער וואָס גלויבט אָהן קיין שום צווייפעל און איז מקיים אַלע מצוות.

אַריער. —איינער, וואָס געהערט צו דעם אינדאָ־גערמאַנישען שפּראַכשטאַם.

אָריענט. — מזרח, מזרח־לענדער, אָ ר י ־ ע נ ט אַ ל , וואָס איז שייך צו מזרח־לענדער.

אַרכעאָלאָגיע. — די וויסענשאַפט, וועלכע באַשעפטיגט זיך מיט די היסטאָרישע און קינסטלערישע געגענשטאַנדען פון די אַלטע צייטען.

אַריסטאָקראַטיע. — אַדעליגע, דער פּרי־ווילעגירטער קלאַס פון דער געזעלשאַפט, וואָס באַנוצט זיך מיט באַזונדערע יורידישע אָדער פאַקטישע רעכטען צוליב זיין רייכטום אָדער צוליב זיין יחוס'דיגער אָפּשטאַמונג. אין סאָציאַל־פּאָליטישען זינען איז „אַריסטאָ־קראַטיע" דער געגענזאַץ פון „דעמאָקראַטיע" און באַדייטעט אַזאַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואו די הערשענדע מאַכט ליגט ניט אין די הענט פון פאָלק, נאָר אין די הענט פון די רייכע און יחוס'דיגע פאַמיליעס.

אָרעאָל. — גלאַנץ, שטראַהלונג, וואָס ווערט געצייכענט אַרום די פּנימ'ער פון די הייליגע.

ב

באַזיס. — 1) פונדאַמענט, גרונדלאַגע. 2) אַ באַפעסטיגטער געגענט, וואָס דינט אַלס אַ שטיץ־פּונקט צו אָנהויבען פון דאָרטען מילי־טערישע אָפּעראַציעס.

באַלאַנס. — 1) גלייכגעוויכט. 2) דער סך הכל פון אַ האַנדעלס אָפּעראַציע.

באַלאַסט. — 1) אַ שווערע משא. 2) זעק מיט זאַמד, וואָס מ'לעגט אַרויף אויף אַ שיף כדי צו דערהאַלטען דאָס גלייכגעוויכט.

באַסטיליע. — די טורמע פון פּאָליטישע פאַרברעכער אין פּאַריז, וועלכע ס'האָבען חרוב געמאַכט די רעוואָלוציאָנערען אין יאָהר 1789.

בודיזם. — אַ רעליגיע, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט אין אינדיע, טיבעט, כינע, בירמע, סיאַם, יאַפּאַן. די פילאָסאָפיע פון בודיזם: די וועלט, ליידען און פריידען איז מעהר ניט ווי אַ פאָרשטעלונג. דורך אָפּזאָגען זיך פון אַלע תענוגים, דורך ליבע און מסירת נפש פאַר'ן צווייטען דערגרייכט דער מענש די העכסטע מדרגה. די הויכע מאָראַל פון בודיזם

איז מיט דער צייט פארקריפעלט געווארען און אנגענומען געצענדינערישע פארמען.

באלשעוויזם. — דער אורשפרונג פון באלשעוויזם איז די באקוניסטיש־אנארכיסטישע אידעאלאגיע פון א טייל רוסישע סאציאל־דעמאקראטען, וועלכע האבען אין 1903טען יאהר אונטער דער פיהרערשאפט פון וולאדימיר לענין געשטעלט זיך אין אפאזיציע צו דער צווייטער טייל פון דער פארטיי, צו די מענשעוויקעס. אין 1917טען יאהר נאכ'ן פאלען פון קערענסקי'ס רעגירונג האבען די באלשעוויקעס פארכאפט די מאכט, פראקלאמירט די רוסישע סאוועטישע סאציאליסטישע רעפובליק. די באלשעוויסטישע פארטיי, — די איצטיגע רוסישע קאמוניסטישע פארטיי — איז א געגנערין פון די עלעמענטארע דעמאקראטישע פריוויהייטען, פארלאמענטאריזם און אזוי ווייטער. נאר די דיקטאטור פון פראלעטאריאט, קאן לויט איהר מיינונג, אין דעם איבערגאנגס פעריאד פון קאפיטאליזם צו סאציאליזם, אויפבויען די סאציאליסטישע געזעלשאפט.

בודא. — סאקיא־מוני (סידארטרא האאוטאמא) אן אינדישער פרינץ האט לויט דער לעגענדע געגרינדעט אין זעקסטען יאהרהונדערט פאר קריסטוסען דעם בודיזם.

בונד. — דער „אלגעמיינער אידישער ארבייטער בונד אין ליטא, פוילען און רוסלאנד", א סאציאל־דעמאקראטישע אידישע ארבייטער־ארגאניזאציע, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין 1897 יאר און איז געווען א טייל פון דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטישער ארבייטער פארטיי. אין בעצוג צו דער אידען־פראגע שטעלט דער „בונד" ארויס אויסער דער אלגעמיינער פאדערונג פון בירגערליכע און פאליטישע גלייכבארעכטיגונג פאר די אידען, אויך די פאדערונג פון „נאציאנאל קולטורעלער אטאנאמיע", ד. ה. אז אלע פראגען, וואס זיינען שייך צו אידישע קולטורעלע אנגעלעגענהייטען, זאלען באשטימט און דורכגעפיהרט ווערען דורך די אידען אליין אלס א באזונדערע נאציאנאלע קערפערשאפט.

די באלשעוויסטישע רעוואלוציע אין אקטאבער, 1917טען יאהר, וואס האט צעשפליטערט און צובראכען די סאציאליסטישע באוועגונג אין דער גאנצער וועלט, האט אויך צושפאלטען דעם בונד. אין רוסלאנד איז דער בונד געצוואונגען, ווי אלע אנדערע סאציאליסטישע פארטייען צו פיהרען אן אומלעגאלע אונטערערדישע ארבייט, ווי אין די צייטען פון צארישען רעזשים. אין פוילען איז דער בונד געבליבען די שטארקסטע און איינפלוסרייכסטע ארגאניזאציע, וואס פיהרט אן דעם פאליטישען און עקאנאמישען קאמף פון די אידישע ארבייטער. אומגעהויער גרויס איז די קולטורעלע ראלע פון בונד אין אידישען לעבען. עס עקזיסטירט איצט אויך א „בונד" אין לאטוויא און אין רומעניע.

בורזשואזיע. — דאס בירגערטום, דער מיטעלקלאס פון דער געזעלשאפט, וואס שטעהט צווישען דעם אדעל און גייסטליכע פון איין זייט און דעם ארבייטער קלאס און פויערטום פון דער אנדער זייט. צו דיזען קלאס געהערען די פאבריקאנטען, סוחרים, געלד־קאפיטאליסטען און ז. וו. אין דער סאציאליסטישער ליטעראטור בעצייכענט מען אפט מיט דעם ווארט „בורזשואזיע" אלע באזיצענדע קלאסען פון דער היינטיגער געזעלשאפט אין געגענזאץ צום „פראלעטאריאט" אדער ארבייטער קלאס.

ביאגראפיע. — לעבענס־באשרייבונג.

ביאגראף. — דער אויטאר פון א לעבענס־באשרייבונג.

ביוראקראטיזם. — אזא רעגירונגס־סיסטעם, וואו אלע וויכטיגסטע אנגעלעגענהייטען, וואס זיינען שייך צו דער מלוכה און צום פאלק, ווערען באשלאסען און דורכגעפיהרט פון טשינאווניקעס (באאמטע) אין די קאנצעלאריעס, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם ווילען פון פאלק אדער מיט דער מיינונג פון זייבע פארשטעהער. אזא סיסטעם כאראקטעריזירט זיך מיט דעם ווילקיור און אונפאראנטווארטליכקייט פון העכערע און נידעריגערע נאטשאלניקעס, אונטער וועלכע דאס פאלק איז אונטערגעווארפען.

ביליאן. — טויזענט מיליאן, א מיליארד.

בלאקאדע. — דאס באלעגערען, ארומרינגלען דעם שונא'ס לאנד, שטאדט פון אלע זייטען, ניט צולאזען אהין קיין שפייז, אפשניידען עס פון דער ארומיגער וועלט.

בלאנקיסטען. — די נאכפאלגער פון באריהמטער פראנצויזישען סאציאליסט און רעוואלוציאנער, לואי־אגיוסט בלאנקי (1805־1881).

בעלעטריסטיק. —שעהנע ליטעראטור:

ראָמאַנען, ערצעהלונגען, נאָוועלען, סקיצע־ און אַזוי ווייטער.

בעלעטריסט. — שרייבער פון שעהנע ליטעראַטור.

בראַמאַ. — די העכסטע געטליכע באַשע־פעניש ביי די אינדוסען. בראַמינער, די אינדישע גלחים — די העכסטע קאַסטע אין אינדיע. בראַמיניזם, אַ רע־ליגיע אין מזרח־אינדיע. די אמונה אנער־קענט דריי געטליכקייטען בראַמאַ, דעם באַשאַ־פער, ווישנו, דעם באַשיצער און סיווא, דעם צושטערער.

ג

גילדען, — צעכען, די מיטעלאַלטערליכע חברות פון סוחרים און באַזונדערס פון בעלי־מלאכות. אין מיטעלאַלטער האָט קיינער ניט געטאָרט זיך באַשעפטיגען מיט קיין מלאכה, אויב ער האָט ניט באַלאַנגט צו אַ געוויסער גילדע אָדער צעך, און באַלאַנגען צום צעך האָט געקענט נאָר אַ בעל־מלאכה, וועלכער האָט אין דער יוגענד געאַרבייט אַלס פּועל ביי אַ מייסטער.

געטאָ. — אידישע שטאָדט־טהיל. דער אָפּ־געזונדערטער אידישער קוואַרטאַל אין אַ סך אייראָפּעאישע שטעדט, וואו די אידען איז ערלויבט געווען צו וואוינען.

גענעראַציע. — אַ דור.

ד

דאָגמאַ, דאָגמאַט. — אַ גרונד־פּרינציפּ פון רעליגיע; אַ פעסטגעשטעלטער פּרינציפּ; אַן אָנגענומענער לעהר־זאַץ פון אַן אויטאָרי־טעט אָהן אַליין עס צו קאָנען באַווייזען אָדער באַגרינדען (ווי ביי אידען הלכה למשה מסיני).

דאָן־זשואַן. — א העלד פון א שפּאַנישער לעגענדע. דער דאָזיגער העלד איז אַריבער אין דער אַלוועלטליכער ליטעראַטור, אַלס אַ טיפּ פון אַ מענשען, וועמעס אינהאַלט אין לע־בען שעפּט זיך אויס בלויז מיט אַרויסציייגען ליבע צו פרויען. דעם טיפּ פון אַ דאָן־זשואַן טרעפען מיר ביי באַיראָן, מאָליער, פּושקין, טאָלסטאָי.

דאָן־קיכאָט. — העלד פון אַ ראָמאַן פון שפּאַנישען שרייבער סערוואַנטעס, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך אויסערגעוועהנליכעס, האָט אָהן שום פערזענליכע כונות געקעמפט מיט די שלעכטע זייטען פון לעבען און איז שטענדיג באַזיגט געוואָרען, ווייל דער קאַמף זיינער איז געווען אַן אומזיסטער, אַן אומנוציגער, אַ „קאַמף מיט ווינט־מיהלען“.

דואַליזם. — צווייהייט; די פילאָזאָפישע סיסטעמע, וואָס אנערקענט אין דער וועלט צוויי התחלות; למשל, גייסט און מאַטעריע, גוטס און שלעכטס. פּאָליטישער דואַליזם— אַ רעגירונגס־סיסטעמע, וואו צוויי לענדער זיינען פאַראייניגט דורך איין פיהרער, אָבער ווערען רעגירט פון זעלבסטשטענדיגע פּאַרלאַ־מענטען און רעגירונגען.

דיאַגנאָז. — דערקענען אַ קראַנקהייט לויט איהרע סימפּטאָמען. שטעלען דעם דיאַגנאָז, אָנווייזען אויף וואָס דער חולה ליידט.

דיאַלאָג. — צווישענגעשפּרעך. אַ גע־שפּרעך פון צוויי אָדער מעהר מענשען צווישען זיך.

דיאַלעקט. — אַן אָרטיגער אויסשפּראַך. אַ צווייג פון אַ שפּראַך.

דיאַספּאָרע. — 1) גלות. 2) די אידען, וועלכע וואוינען ניט אין ארץ־ישראל.

דילעממאַ. — אַ באַטראַכטונג, וועלכע באַ־שטעהט פון צוויי געגענגעזעצטע געדאַנקען, און אויב מיר נעהמען אָן איינס, מוזען מיר דאָס צווייטע לחלוטין אָפּוואַרפען.

דילעטאַנט. — אַ ליבהאָבער, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט קונסט אָדער וויסענ־שאַפט, ווייס אַ ביסעל, האָט אָבער ניט קיין גרונדליכע ידיעות פון דעם.

דיפערענצירען. — מאַכען אַן אונטער־שייד; ווערען פאַרשידען; געפינען דעם אונטערשייד.

דיקטאַטאָר. — אַ פּערזאָן, וואָס האָט צייטווייליג באַקומען אומבאַגרענעצטע מאַכט, ווען די מלוכה האָט זיך געפונען אין אַ קרי־טישער לאַגע. דיקטאַטאָרישע מאַכט אָדער דיקטאַטור פון איין פּערזאָן געהט ניט אַריבער בירושה.

דירעקטע אַקציאָן. — די קאַמפּפס־מע־טאָדע פון געוויסע אַנאַרכיסטישע און סינדי־קאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע באַ־הויפּטען, אַז דער קאַמף פון די אַרבייטער גע־גען דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג דאַרף גע־פיהרט ווערען ניט דורך פּאַרלאַמענטאַריזם און געזעצגעבונג, נאָר דורך דירעקטע פאַר־ניכטונגס־מיטלען, ווי גענעראַל־סטרייקס, סאַ־באָטאַזש, באָמבעס, עקספּראָפּריאַציעס און ז. וו.

דעגראַדאַציע. — ערנידערונג, שטופענ־ווייזער אומקום.

דעגענעראַציע. — דאָס אונטערגאַנג פון מענשען, חיות אָדער געוויקסען מחמת די ניט

גינסטיגע לעבענס־באַדינגונגען, אָדער מחמת אַנדערע סיבות.

דעזאָרגאַניזאַציע. — צושטערען די אָרדנונג און דיסציפּלין פון אַן אָרגאַניזירטער קערפּערשאַפט.

דעטערמיניזם. — די לעהרע, לויט וועלכער דער מענשליכער ווילען אין אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען איז באַשטימט פון אורזאַכען, אינערליכע און אויסערליכע. פאָלגליך, אַז דער דעטערמיניזם לייקענט אָפּ די פרייהייט פון ווילען.

דעמאָביליזאַציע. — דאָס פריילאָזען פון מיליטער נאָך דער פאַרענדונג פון מלחמה.

דעמאַסקירען. — אַראָפּרייסען די מאַסקע, אויפדעקען דעם אמת'ען כאַראַקטער פון אַ פאַרשטעלטען מענשען.

דעמאָראַליזירען. — שלעכט ווירקען אויף די זיטען און מאָראַל פון אַ יחיד אָדער אַ כלל.

דעמאָקראַטיע. — פאָלקסהערשונג, אַזאַ רעגירונגס־סיסטעם, וואו דאָס פאָלק פאַרוואַלטעט זיך אַליין און די געזעצגעברישע מאַכט באַלאַנגט ניט צו קיין אויבער־הערשער. אַ דעמאָקראַטישע רעגירונגס־סיסטעם קען זיך אויסדריקען אין צוויי באַזונדערע פאָרמען: 1) די ריינע אָדער אונמיטעלבאַרע דעמאָקראַטיע, ווען אַלע אַנגעלעגענהייטען וואָס זיינען שייך צו דער מלוכה אין געזעלשאַפט ווערען באַטראַכט און באַשלאָסען אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון גאַנצען פאָלק און 2) די רעפּרעזענטיווע דעמאָקראַטיע, ווען אַלע שטאַטס־אַנגעלעגענהייטען ווערען באַשלאָסען אין פאַרלאַמענטען דורך די פאַרשטעהער פון פאָלק.

דעמאָקראַטישע פאַרטיי. — די „דעמאָקראַטישע פאַרטיי" פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקא האָט זיך געגרינדעט אונטער פאַרשידענע נעמען כמעט באַלד ווי עס איז אַנגענומען געוואָרען די קאָנסטיטוציאָן פון דער ניי־געגרינדעטער רעפּובליק אין 1789 יאָהר. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג איז געווען אונצופרידען מיט דיזער קאָנסטיטוציאָן, וועלכע האָט געגעבען צופיל מאַכט דער צענטראַלער רעגירונג און אויף אַזאַ אופן געמאַכט צו נישט די אַלע טרוימעריען פון די דאַמאַלסדיגע דעמאָקראַטישע עלעמענטען וועגען די פרייהייט און אָטאָנאָמיע פון די באַזונדערע שטאַטען. דיזע עלעמענטען, אונטער דער אָנפיהרונג פון טאָמאַס דזשעפערסאָן, האָבען אויסגעבילדעט די „דעמאָקראַטישע פאַרטיי", וועלכע איז אַרויסגעטראָטען מיט דער פאָדערונג פון מעהר זעלבסטשטענדיגקייט פאַר די באַזונדערע שטאַטען. — אין היינטיגער צייט רעפּרעזענטירט די דעמאָקראַטישע פאַרטיי די אינטערעסען פון אַמעריקאַנעם מיטעל קלאַס.

דעספּאָטיזם. — טיראַניי, די האַנדלונגען און אויפפיהרונג פון אַ זעלבסטהערשער, וועלכער קוקט אויף זיינע אונטערטאַנען ווי אויף קנעכט, מיט וועלכע ער קען טאָן וואָס ער וויל. אַ דעספּאָט אַנערקענט ניט קיינע פליכטען אין באַצוג צו אַנדערע, רעכענט זיך ניט מיט קיינעמס רעכטען און פיהרט די גאַנצע ממשלה לויט זיין אייגענעם ווילען און קאַפּריז.

דעפּאָרטאַציע. — אַרויסשיקען פון לאַנד אַלס אַ שטראָף.

דעפיניטיוו. — באַשטימט, ענדגילטיג.

דעפיניציע. — פאַרטייטשונג, ערקלעהרונג פון אַ באַגריף.

דעפיציט. — „עס פעהלט". די הוצאות זיינען גרעסער פאַר דער הכנסה.

דעפעקט. — אַ פעלער, אַ טעות, אַן אָרגאַנישער פעהלער.

דעצענטראַליזאַציע. — דער געגענזאַץ פון צענטראַליזאַציע. אַ מלוכה אָרדנונג ביי וועלכער באַזונדערע טיילען פון דער מלוכה האָבען די רעכט פון זעלבסט פאַרוואַלטונג.

דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענשען און בירגער. — דער דאָקומענט, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין יאָהר 1789. עס ווערט דאָרטען פּראָקלאַמירט די רעכט פון יחיד, וועלכע די רעגירונגס מאַכט טאָר ניט אָנריהרען. דער אייראָפּעאישער ליבעראַליזם האָט איבערגענומען די גרונט־יסודות פון דער דעקלאַראַציע.

דעקאַבריסטען. — די רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען גענומען אַנטייל אין דעם ערשטען אָפענעם אַרויסטריט געגען דער רוסישער זעלבסטהערשונג דעם 14טען דעצעמבער 1825 יאָהר, דעם טאָג, ווען ניקאָלאַי דער ערשטער איז געוואָרען קייזער. די „דעקאַבריסטען" זיינען געווען יונגע אָפיציערען פון די פאָרנעהמסטע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס פון רוסלאַנד, און זיי האָבען געפאַ־

דערט א קאנסטיטוציאנעלע רעגירונג און די אבשאפונג פון פאנשטשיזנע (לייב־אייגענ־שאפט). 5 פון זיי האט מען געהאנגען און אלע אנדערע זיינען פארשיקט געווארען אין סיביר אויף קאטארזשנע ארבייט.

ה

האום־רול. — זעלבסט פארוואלטונג. א פאליטישע פאדערונג, לויט וועלכער א געווי־סער טייל פון א מלוכה — ווי א שטאדט, א פראווינץ א. ד. גל.—באנוצט זיך מיט זעלבסט־פארוואלטונג און מיט אן אייגענער געזעצ־געבונג.

הומאניזם.—א גייסטיגע באוועגונג, וואס האט זיך אנגעפאנגען אין אייראפא צום ענדע פון מיטעל־אלטער און האט זיך באזונדערס ארויסגעוויזען אין 15טען און 16טען יאהר־הונדערט. די פארשטעהער פון דיזער באוועגונג—די „הומאניסטען“, ווי עראזמוס פון ראטערדאם, אולריך פון הוטען א. אז. וו. — זיינען ארויסגעטראטען מיט דער שארפסטער קריטיק געגען די פארגליווערטע דאגמען פון דער מיטעלאלטערליכער רעליגיע, פילאזאפיע און וויסענשאפט און האבען דורכגעבראכען א וועג פאר דעם נייעם פראגרעסיווען ארט דענקען.

היפאטעזע. — השערה; א טעאריע, וואס איז נאך ניט דערוויזען עווארען שטרענג ווי־סענשאפטליך.

היסטארישער מאטעריאליזם.—די לעה־רע פון מארקס און ענגעלס וועגען די „פאק־טארען“ אדער קרעפטען, וועלכע ווירקען אויף דער היסטארישער אנטוויקלונג פון דער מענשהייט. דיזע לעהרע באהויפטעט, אז די הויפט טרייב־קראפט אין דער געשיכטע פון יעדער געזעלשאפט זיינען די מאטעריעלע נוי־טען און באדערפענישען פון די מענשען. די אנטוויקלונג פון דער מאטעריעלער קולטור, און באזונדערס די שטענדיגע אומבייטונגען און ענדערונגען, וואס קומען פאר אין דער ארט און וייזע פון דער געזעלשאפטליכער פראָ־דוקציאן, רופן ארויס אנטשפרעכענדע אומבוי־טונגען און ענדערונגען אין דעם סאציאלן און פאליטישען געבוי פון דער געזעלשאפט, אין דער עקזיסטירעדער מאראל און רעכט, אין דער הערשענדער רעליגיאן און פילאזאפיע און דער וויסענשאפט און קונסט און בכלל אין דער גאנצער דענקונגס־ארט פון די מענשען. ווי אזוי דיזע ענדערונגען קומען פאר, ווערט ערקלערט דורך דער טעאריע פון קלאסענקאמף, וועלכע איז א טייל פון דער לעהרע פון היסטארישען מאטעריאליזם (זעה „קלאסענ־קאמף“).

העגעמאניע. — אויבערהערשאפט פון איין מדינה אדער קערפערשאפט איבער אנדערע.

העלעניזם. — גריכענטום, דער גייסט, דער כאראקטער און די קולטור פון די פאר־צייטיגע גריכען.

העקאטאמבען. — העקאטאמב, אן אפפער פון הונדערט אקסען ביי די אלטע גריכען. א גרויסע שחיטה פון מענשען אדער בהמות.

וו.

וואהלרעכט. — שטימרעכט, דאס רעכט צו נעהמען אנטייל אין די וואהלען פון פאלקס־פארטרעטער אין די געזעצגעברישע קערפער־שאפטען, ווי דער פארלאמענט, די שטאדט־פאר־וואלטונג א.ד.גל. די דעמאקראטישע פאדערונג אין באצוג צו וואהלרעכט באשטעהט אין דעם, אז די וואהלען זאלען זיין: 1) אלגע־מיינע, ד. ה. אלע דערוואקסענע מענשען פון דעם אדער יענעם ארט, אהן אונ־טערשיד פון געשלעכט, ראַ־סע און רעליגיע, זאלען קאנען זיך באטייליגען אין וואהלען; 2) גלייכע; ד. ה. יעדער וועהלער זאל האבען בלויז איין שטימע; 3) דירעקטע, ד. ה. יעדער וועהלער זאל שטימען דירעקט פאר דעם קאנדידאט, וואס לויפט פאר׳ן אמט און ניט פאר „עלעקטארס“, וועלכע קלייבען אויס דערנאך דעם דעפוטאט, און 4) גע־היימע, ד. ה. יעדער וועהלער זאל אפ־געבען זיין שטימע אין געהיים, כדי ער זאל ניט קענען פארפאלגט ווערען פון דעם, פאר וועלכען ער האט ניט געשטימט.

ווערט. — די פראגע: פון וואנען שטאמט דער „ווערט“ פארוואס שאצט מען אפ איין זיך טייער און אן אנדערע ביליג, האט שוין פון לאנג באשעפטיגט דעם מענשליכען גע־דאנק. אין דיזער פראגע עקזיסטירען פאר־שידענע לעהרען. די וויכטיגסטע פון דיזע לעהרען זיינען צוויי: די ארבייטס־טעאריע און די נוצען־טעא־ריע. די פארשטעהער פון דער ארבייטס־

טעאָריע באַהויפטען, אַז דער יסוד פון ווערט איז די אַ ר ב י י ט: וואָס־מעהר געזעלשאַפטליך־נויטיגע אַרבייט עס איז אַריינגעלייגט געוואָרען אין דער באַשאַפונג פון דעם אָדער יענעם פּראָדוקט, אַלץ העכער איז זיין ווערט. די פאָרשטעהער פון דער נוצען־טעאָריע באַהויפטען, אַז דער יסוד פון ווערט איז די נ ו צ ל י כ ק י י ט, ד. ה. די פעהיגקייט פון פּראָדוקט צו באַפרידיגען אַ געוויסע מענשליכע באַדערפניש. וואָס־גרעסער עס איז דער זאַפּאַס פון דעם אָדער יענעם נוצליכען אַרטיקעל, אַלץ ווייניגער טייער פאַר דעם מענשען איז יעדער קליינער טייל פון איהם, און דעריבער איז אַלץ־קלענער דער ווערט פון דיזען טייל; פאַרקערט, וואָס־קלענער עס איז דער זאַפּאַס פון אַרטיקעל, אַלץ טייערער פאַר דעם מענשען איז יעדער קליינער טייל פון איהם, און דעריבער איז דער ווערט פון דיזען טייל אַלץ־העכער.

ח.

חובבי ציון. — פאַלעסטינאָפילען, ליבהאַבער פון פאַלעסטינע. אַ באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען די רוסישע אידען, באַזונדערס נאָך די פּאָגראָמען פון 1881־82 יאָהר, מיט דעם צוועק צו גרינדען קאָלאָניעס אין פאַלעסטינע און אויפבויען דאָרטען אַ קולטורעלען צענטער פאַר דעם אידישען פאָלק. פון די חובבי־ציון האָט זיך שפּעטער אַנטוויקעלט דער פּאָליטישער און קולטורעלער ציוניזם (זעה „ציוניזם“).

ט.

טאָלעראַנץ. — באַציהען זיך מיט געדולד צום גלויבען אדער אידייען פון אַנדערע, מיט וועלכע מען איז ניט איינשטימיג.

טעמעני האָל. — אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין ניו יאָרק אין 1789 יאָהר און האָט אָנגענומען דעם נאָמען פון אַן אינדיאַנער „טעמעני“, וועלכען די אַמעריקאַנער פּאַטריאָטען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָבען אין שפּאַס פאַרהייליגט אַלס דעם באַשיצער פון דער ניי־געגרינדעטער רעפּובליק. די געזעלשאַפט האָט זיך געגרינדעט מיט דעם צוועק פון געגענזייטיגער שטיצע, נאָר שפּעטער האָט זי זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ ריין־פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

טעראָר. — שרעקענס־הערשאַפט. די טאַקטיק פון אַ פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע אַרויסצוואַרפען דורך פאַרשידענע גוואַלדטאַטען אַ שרעק אויף איהרע געגנער, כדי צו צווינגען זיי נאָכצוגעבען געוויסע פאָדערונגען. אין דער געשיכטע איז באַקאַנט: דער טעראָר אין פראַנקרייך אין די יאָהרען 1792—93, ווען די דאַמאָלסדיגע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג (דער „נאַציאָנאַלער קאָנווענט“) האָט פאַרפאָלגט מיט דער גרעסטער אכזריות איהרע געגנער; דער ו ו י י ס ע ר ט ע ר אָ ר, ווען די פינסטערע רעאַקציע אין פראַנקרייך נאָך דעם יאָהר 1815 האָט שרעקליך פאַרפאָלגט יעדען אָנדענקען פון דער געוועזענער רעוואָלוציע, און דער ר ע װ ו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ר ט ע ר אָ ר — די טאַקטיק פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ און „סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען“, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין ערמאָרדען פאַרשידענע פאָרשטעהער פון דער רוסישער רעגירונג. אין די יאָהרען 1905־6 זיינען אין רוסלאַנד ערמאָרדעט געוואָרען איבער 2,000 פאָרשטעהער פון דער רוסישער ביוראָקראַטיע, אָנהויבענדיג פון מיניסטאָרען, גובערנאַטאָרען און גענעראַלען און ענדיגענדיג מיט איינפאַכע פּאָליציאַנטען און סטראַזשניקעס. דער באָלשעוויסטישער רויטער טעראָר אין סאָוועט־רוסלאַנד געגען די אַלע געגנער פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור, ווען הונדערטער טויזענטער מענשען זיינען אויסגעשאָסען געוואָרען פון דער „טשעקאַ“ (אויסעראָרדענטליכע קאָמיסיע צו באַקעמפען די קאָנטרעוואָלוציע).

טעריטאָריאַליזם. — די שטרעבונג פון געוויסע אידישע פּאַרטייען צו שאַפען אַן אייגען לאַנד פאַר'ן אידישען פאָלק. די טעריטאָריאַליסטען באַהויפטען, אַז די אידען־פראַגע קען ניט געלייזט ווערען אין די גלות־לענדער און דעריבער דאַרפען די אידען אָדער אַ גרויסער טייל פון זיי אויסוואַנדערען פון דיזע לענדער און זיך באַזעצען אויף אַן אייגענער טעריטאָריע.

טראַסט. — אַ פאַראייניגונג פון קאַפּיטאַליסטען פון אַ געוויסער אינדוסטריע מיט דעם צוועק צו קאָנטראָלירען און רעגולירען די אַלגעמיינע פּראָדוקציע און אויף אַזאַ אופן אָפּשאַפען די קאָנקורענץ צווישען די באַזונדערע אונטערנעהמער. דיזער צוועק ווערט דערגרייכט דורך דעם, וואָס אַלע פאַבריקען

און געשעפטען, וואָס באַלאַנגען צו אַ רייהע אונטערנעהמער, ווערען געשטעלט אונטער דער אַנפיהרונג פון אַ גרופּע „טראַסטים" (נאמנים) וועלבע פאַרוואַלטען מיט דיזע אַלע אונטערנעהמונגען, ווי זיי וואָלטען געווען דאָס אויגענטום פון איין באַלעבאָס. דער „איל־טראַסט", למשל, האָט פאַראייניגט אַלע פאַרשידענאַרטיגע איל־אינדוסטריען פון לאַנד און פיהרט אָן געשעפטען אויף טויזענטער מיליאָנען דאָלאַר. פּאַקטיש איז דיזער טראַסט איין קאָמפּאַני. אויף אַזאַ אופן זיינען אָרגאַנּיזירט אַ רייהע אינדוסטריען, וואָס בילדען אַ גרויסען טייל פון דעם רייכטום פון לאַנד.

טרייד יוניאָן. — אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין. א פאַראייניגונג פון ארבייטער פון אַ געוויסער פאַך אָדער אינדוסטריע מיט דעם צוועק צו פאַרבעסערען זייער עקאָנאָמישע לאַגע. די צאָהל מיטגלידער פון די יוניאָנס אין אַמעריקא האָט דערגרייכט אין 1925 יאָהר ביז פינף מיליאָן. (פיר מיליאָן אין „עי עף אָוו על") און איין מיליאָן אין די אנדערע אונאָפּהענגיגע יוניאָנס (ווי די אַמאַלגאַמייטעד און אַנדערע). אין אַלע ציוויליזירטע לענדער איז די צאָל מיטגלידער פון די טרייד־יוניאָנס אין 1924 יאָהר דערגאַנגען ביז 32 מיליאָן. דער אַזוי גערופענער „רויטער טרייד יוניאָניסטישער אינטערנאַציאָנאַל", וואָס ווערט רעגירט פון די מאָסקוווער באָלשעוויקעס, האָט אַ סך געשטערט דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג.

טערמינאָלאָגיע. — די סיסטעם פון טערמינען. אויסדרוקען און ווערטער וואָס ווערען באַנוצט אין אַ באַשטימטען פאַך פון דער וויסענשאַפט, טעכניק אָדער קונסט; די לעהרע וועגען טעכנישע טערמינען אָדער ווערטער.

טערמין. — 1) אַ באַגריף בכלל; 2) אַ ספּעציעלער באַגריף, וואָס ווערט באַנוצט אין אַ וועלכע עס איז באַזונדער וויסענשאַפט.

טעאָלאָגיע. — רעליגיאָנס־וויסענשאַפט.

טעזיס. — אַ זאַץ, אַ באַהויפּטונג; אַ באַהויפּטונג אָדער אַ זאַץ, וואָס דאַרף באַוויזען ווערען; אַ דיסערטאַציע, אַ וויסענשאַפטליכע אָפּהאַנדלונג איבער וועלכער עס איז טעמע, וואָס ווערט צוגעשטעלט פון אַ קאַנדידאַט אויף אַ געלעהרטען טיטעל, ווי מאַגיסטער, דאָקטאָר און ד. גל.

טאַטואירונג. — די קונסט פון אויסשטעכען פאַרביגע פיגורען אויפ'ן לייב.

טענדענץ. — נייגונג, ריכטונג.

טעאָקראַטיע. — פּריסטער־הערשאַפט, וואו דער פּריסטער קלאַס ווערט דער רעגירענדער עלעמענט פון פאָלק.

טראַנסצעדענטאַל. — אין פילאָזאָפיע — אַ באַגריף, וואָס קומט ניט פון ערפאַהרונג, אָבער ליגט אין דער ערפאַהרונג און איז ניט נויטיג פאַר איהר (ווי די אידעע פון אָרט און צייט); זעהר אַבסטראַקט, וואָס קען ניט באַגריפען ווערען דורך דעם געוועהנליכען דענקען.

טראַנסצעדענט. — וואָס שטייגט אריבער די גרעניץ פון ערפאַהרונג, וואָס איז למעלה מן השכל.

טשאַרטיזם. — די גרויסע פּאָליטישע באַוועגונג פון ענגלישען ארבייטער קלאַס אין די יאָהרען 1837-48. אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט האָט דער ארבייטער־קלאַס אין ענגלאַנד נאָך ניט געהאַט כמעט קיינע פּאָליטישע רעכטע און איז געווען עקספּלואַטירט אויף דעם שווידערליכסטען אופן. שטרעבענדיג צו פאַרבעסערען זיין אונערטרעגליכע לאַגע, האָט ער געפאָדערט גרינדליכע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען. אין די יאָהרען 1838, 1842 און 1848 זיינען דערלאַנגט געוואָרען אין פּאַרלאַמענט פּעטיציעס מיט דיזע פאָדערונגען. דער פּאַרלאַמענט האָט יעדעס מאָל אָנטזאָגט, און דאָס האָט געפיהרט צו אומגעהויערע אומרוהען איבער'ן גאַנצען לאַנד.

י.

יאַקאָבינער. — די עקסטרעם־ראַדיקאַלע פּאַרטיי אין פראַנקרייך אין די צייטען פון דער גרויסער רעוואָלוציע. צו דיזער פּאַרטיי האָבען באַלאַנגט אַזעלכע רעוואָלוציאָנערען, ווי ראָבעספּיער, דאַנטאָן און מאַראַט. די יאַקאָבינער האָבען געשטרעבט איינצופיהרען אין פראַנקרייך אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק און האָבען ביטער געקעמפּט געגען די „זשיראָנדיסטען", וועלכע זיינען געווען מעסיגע ליבעראַלען, דורך טעראָר און דיקטאַטור. די הויפּט פיהרער פון די יאַקאָבינער זיינען שפּעטער אַליין אויך הינגעריכטעט געוואָרען.

יעזואיטען. — אַ קאַטוילישער אָרדען,

וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1539 מיט דעם צוועק צו באקעמפען די פראָטעסטאַנטען און פארשטאַרקען די מאַכט און איינפלוס פון דער קאַטוילישער רעליגיע. די יעזואיטען האָבען זיך ניט אָפגעשטעלט פאַר קיינע גוואַלדטאַטען און קיינע שענדליכע מיטלען, אויב דאָס האָט געבראַכט אַ נוצען דער קאַטוילישער קירך. צוליב זייערע אינטריגען האָט מען זיי אין לעצטען יאָהר־הונדערט ארויסגעטריבען פון פיל לענדער, אָבער זיי עקזיסטירען ביז איצט.

ל.

לאַבירינט. — פאַרצווייטיגע געביידעס מיט איין ארויסגאַנג און מיט אַ סך צימערען, גאַלערייען און פארפלאָנטערטע דורכגענג אזוי, אז מ'קען פון דאָרט לייכט ניט ארויסקומען.

לאַטיפונדיען. — אומגעהויער גרויסע מאַיאָנטקעס, וואָס האָבען אין אלטערטום באַלאַנגט צו איינציגע רייכע פאַמיליעס אין דער רוימישער מלוכה. דיזע רייכע פאַמיליעס האָבען אין דעם משך פון דורות דורך רויבעריי, שווינדעל און אומגעהויער הויכע פראָצענטען פאַר חובות פארכאַפט כמעט דאָס גאַנצע לאַנד פון רוימישען פויערטום. אין דער צייט פון קייזער אוגוסט האָט כמעט גאַנץ איטאַליען פאַקטיש באַלאַנגט צו 8־10 רייכע פאַמיליעס, און אין דער צייט פון נעראָן האָט דער גרעסטער טייל פון צפון־אפריקא, די איצטיגע לענדער אַלזשיר, טוניס און טריפאָלי, באַלאַנגט צו זעקס מענשען.

לוין־ארבייט. — „לוין־ארבייט“ ווערט געוועהנליך געברויכט אין אונטערשיד פון „שקלאַפען־ארבייט“. אין אַלטערטום איז דער ארבייטער געווען אַ ש ק ל אַ ף, אין מיטעלאַלטער איז ער געווען אַ ל י י ב ־ א י י ג ע נ ע ר. אין דיזע ביידע צייטען האָט די ארבייטס־קראַפט באַלאַנגט ניט צום ארבייטער, נאָר צו זיין האַרר אדער פריץ. בלויז אין היינטיגער צייט איז דער אַרבייטער אַ באַלעבאָס איבער זיין ארבייטס־קראַפט און ער קען איהר פארקויפען צו די קאַפיטאַליסטען, דאָס רופט זיך ל ו י ן ־ אַ ר ב י י ט.

ליבעראַליזם. — די סאָציאַל־פאָליטישע באַוועגונג פון ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט, וועלכע איז ארויסגעטראָטען מיט דער פאָדערונג אָפצושאַפען די מיטעלאַלטערליכע פריווילעגיעס פון דעם אַדעל און גייסטליכע און איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף דעם גרונד פון פאָליטישער פרייהייט און בירגערליכער גלייכבאַרעכטיגונג. די לעהרע פון ליבעראַליזם איז באַשטאַנען אין דעם, אַז די האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפט באַקומט זיך דורך דער פרייער קאָנקורענץ צווישען די פערזאָנען, ווי צווישען די קאַפיטאַליסטען אזוי אויך צווישען די ארבייטער, און דעריבער דאַרף יעדער מענש זיין פריי אין זיין דענקען און אין זיינע האַנדלונגען און עס דאַרפען ניט דערלאָזען ווערען קיינע געזעצען און קיינע איינריכטונגען, וועלכע זאָלען באַשרענקען די פרייע קאָנקורענץ צווישען די מענשען. דיזע לעהרע איז געווען אין די אינטערעסען פון דער דאַמאָלסדיגער בורזשואַזיע, און דאָרטען, וואו זי האָט געזיגט, ווי אין די צייטען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און שפעטער אין ענגלאַנד, זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען פארשידענע פאָליטישע פרייהייטען, אָבער ס'זיינען נאָך ניט דערלאָזען געוואָרען קיינע יוניאָנס און קיינע געזעצען, וואָס זאָלען באַשיצען די אַרבייטער געגען די קאַפיטאַליסטען.

לייב־אייגענטום. — פאַנשטשיזנע, אַזאַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואו די פויערים זיינען אונפריי און געפינען זיך אונטער דעם רשות פון די פריצים, צו וועלכע זיי באַלאַנגען. די פויערים־פאַנשטשיזניקעס זיינען געווען פארפליכטעט צו באַאַרבייטען אומזיסט דעם פריץ'ס פעלדער און צושטעלען איהם אומזיסט אַלץ וואָס איהם איז געווען נויטיג און אַלץ וואָס איהם האָט זיך געוואָלט.

מ.

מאַלטוזיאַניזם. — די לעהרע פון דעם ענגלישען עקאָנאָמיסט טאָמאַס מאַלטוס (1766—1834), אַז די מענשליכע באַפעלקערונג וואַקסט אלע מאָל אין אַ פיל גרעסערע פראָפאָרציע איידער די אַלגעמיינע סומע פון לעבענס־מיטלען. און ווייל די צאָהל מענשען איז פיל גרעסער איידער די צאָהל פראָדוקטען, וואָס מען באַקומט פון דער נאַטור, דעריבער הערשט אָרימקייט און אַלע אַנדערע צרות, פון וועלכע די געזעל־

שאפט לווידט. כדי צו פארמיידען דיזע צרות איז נויטיג, אז דער וואוקס פון דער באפעלקערונג זאל ווערען פיל קלענער, און צוליב דעם מוזען מענשען אויפהערען פריה צו הייראטען און דארפען זיך סטארען, אז ביי זיי זאל געבארען ווערען וואס וועניגער קינדער.

מארסעליעזא. — מארסעליער מארש, א מיליטעריש ליד פון די קעמפער פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע. איצט איז דאס דער פראנצויזישער נאציאנאלער הימן.

מאנארכיזם. — א פאליטישע ארדנונג, וואו די אויבערשטע מאכט ליגט אין די הענט פון א מאנארך אדער קעניג. א מאנארכיע קען זיין אן אומבאגרענעצטע, וואו עס הערשט דער פרינציפ פון אבסאלוטיזם (זעה „אבסאלוטיזם“) און א קאנסטיטוציאנעלע, וואו די מאכט פון קעניג איז באשרענקט דורך א פארלאמענט.

מאנראו־דאקטרין. — א פאליטישער פרינציפ פון די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא, וועלכער איז פארמולירט געווארען פון דעם אמעריקאנער פרעזידענט דזשיימס מ א נ ר א ו (1817—1825) מיט די ווערטער „אמעריקא פאר אמעריקאנער“. דאס מיינט, אז קיין אייראפעאישע רעגירונג טאר זיך ניט אריינמישען אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון די אמעריקאנער מלוכות; זי דארף אויך קיין דעה ניט זאגען אין דער פראגע וועגען די באציהונגען צווישען זיי און טאר בכלל ניט פארשפרייטען איהר הערשאפט אין אמעריקא.

מאנטשעסטער שולע. — די פאליטיש־עקאנאמישע לעהרע, וועלכע האט געהערשט אין ענגלאנד און אין אנדערע לענדער אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט אין דער צייט פון אויפבליהונג פון דער גרויסער אינדוסטריע. די פארשטעהער פון דיזער שולע זיינען געוועזען די טעארעטיקער פון ל י ב ע ר א ל י ז ם (זעה „ליבעראליזם“).

מארקסיזם. — די היסטארישע סאציאלאגישע און עקאנאמישע לעהרען פון דעם גרינדער פון וויסענשאפטליכען סאציאליזם, ק א ר ל מ א ר ק ס (געב. 1818, געשט. 1883). דיזע לעהרען, און באזונדערס די לעהרע וועגען ק ל א ס ע נ ק א מ ף און די לעהרע וועגען מ ע ה ר ו ו ע ר ט, האבען ניט נאר געגעבען א נייע ריכטונג דער אנטוויקלונג פון סאציאליסטישען געדאנק, נאר זיי האבען אויך פאראורזאכט א גאנצע איבערקעהרעניש אין דער סאציאלער וויסענשאפט בכלל. (זעה „מעהרווערט“ און „קלאסענקאמף“).

מוניציפאל־סאציאליזם. — די סיסטעם פון שטאדט־ווירטשאפט, וואו פארשידענע אונטערנעמונגען, ווי די וואסער־לייטונג, שטאדט־באלייכטונג, טראמוויי און ד. ג., ליגען ניט אין די הענט פון פריוואטע אונטערנעהמער, נאר באלאנגען צו דער שטאדט און ווערען פארוואלטעט דורכ'ן מוניציפאליטעט (די שטאדט־פארוואלטונג).

מיטעלאלטער. — די צייט אין דער געשיכטע, וועלכע רעכענט זיך פון דעם אונטערגאנג פון דער אלט־רוימישער מלוכה אין 476 יאהר ביז דעם 15טען יאהרהונדערט, ווען עס האט זיך אנגעפאנגען די צייט פון ר ע נ ע ס א נ ס (זעה „רענעסאנס“). די צייט פון מיטעלאלטער כאראקטעריזירט זיך מיט באזונדערע און אייגענארטיגע פארמען פון געזעלשאפטליכען לעבען, ווי די פעאדאלע ארדנונג, די סיסטעם פון לייבאייגענשאפט, די אומגעהויערע מאכט פון דער קירכע און ז. וו.

מיליטאריזם. — א מיליטערישער גייסט, וואס באהערשט די רעגירענדע עלעמענטען פון לאנד און ווירקט, אז די אינטערעסען פון דער ארמעע זאלען שטעהן העכער איידער אלע אנדערע אינטערעסען פון דער מלוכה. א דאנק דיזען גייסט, ווערען די גרעסטע כחות פון לאנד אנגעווענדעט אויף דער אויפהאלטונג פון א גרויסער ארמעע און פלאטע.

מעהרווערט. — די עקאנאמישע לעהרע פון קארל מארקס, וועלכע וויקעלט פאנאנדער די פארפלאנטערטע באציהונגען פון דער מאדערנער געזעלשאפט און באווייזט ווי אזוי דער ארבייטער קלאס ווערט עקספלואטירט פון די אונטערנעהמער. ווי אזוי באקומען זיך פראפיטען, ווי אזוי איז מעגליך, דאס די קאפיטאליסטען, וועלכע שאפען אליין גארניט, באקומען אומגעהויערע יעהרליכע איינקינפטע, מארקס ערקלעהרט אונז, אז די ניט־באצאהלטע ארבייט שאפט דעם „מעהרווערט“.

מאָניזם. — אַ ריכטונג פון פילאָזאָפישען געדאַנק, וועלכע איז אין געגענזאַץ צו דואַליזם, שטרעבט צו ערקלעהרען אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט, ארויסגעהענדיג פון איין פּרינציפּ. (זעה „דואַליזם“).

מעטאָד. — אַ סיסטעמאַטישער, פּלאַנמעסיגער וועג אויף צו דערגרייכען אַ וועלכען עס איז טעאָרעטישען אָדער פּראקטישען ציל.

מיטאָלאָגיע. — די זאַמלונג אָדער די סיסטעמע פון זאגען, פאַבלען, און לעגענדען פון אַ פאָלק וועגען זיין אָפּשטאַמונג, זיינע העלדען, געטער א. ד. ג.; די וויסענשאַפט, וואָס פארנעהמט זיך מיט אויספאָרשען די זאַגען און לעגענדען פון די אַלטע פעלקער.

מיטהוס. — אַ מיף, אַ מיטה, אַ זאַגע, אַ לעגענדע, אַן אויסגעטראַכטע מעשה.

מעטעאָראָלאָגיע. — די וויסענשאַפט וועגען די ערשיינונגען אין דער אַטמאָספערע, באַזונדערס וועגען וועטער.

מעטאַפיזיקע. — די וויסענשאַפט איבער זאַכען און פּרינציפּען אין דער פיזישער און גייסטיגער וועלט, וועלכע קאָנען באַגריפען ווערען נאָר מיט׳ן שכל, אָבער ניט דורך די חושים און ערפאהרונג; די לעהרע וועגען זאכען, וואָס זיינען למעלה מן הטבע.

מיסטיציזם. — די שטרעבונג צו באַגרייפען די העכסטע געהיימניסען פון מענשליכען וויסען (ווי דעם עצם פון געטליכקייט, די אורזאכען פון זיין א. ד. ג.) ניט דורך דעם געוועהנליכען אַרט דענקען, נאָר דורך אַ באַזונדערן אינערליכען צושטאַנד פון גייסט, ווי דורך עקסטאַז, השפעה, באַגייסטערונג, א. א. וו.; דאָס מיסטישע, דאָס געהיימניספולע.

מיסטיפיקאַציע. — אָפּנאַרעריי, אַ פארבלענדעניש.

מאַטריאַרכאַט. — פרויען־הערשאַפט. די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג ביי די פּרימיטיווע פעלקער, ביי וועלכע די פרוי איז געווען דער הויפּט פון דער פאמיליע און די קרובהשאַפט אין ירושה האָט זיך גערעכענט פון דער מוטער׳ס צד.

מאָנאָגראפיע. — אַן אָפּהאַנדלונג איבער אַ געוויסען איינצעלנעם ענין.

מאַגיזם. — צויבער־קראַפט, כשוף־מאַכעריי.

מאַניפּולאַציעס. — האַנדלונגען מיט די הענט; באַארבייטונגען מיט די הענט; צוגרייטונגען; צופּארטיגונגען; דאָס שווינדלען אָדער אָנווענדען המצאות.

מעסיאַניזם. — די משיח־אידעע, די אידעע וועגען רעטען דעם מענשליכען מין.

מעטאַפאָרע. — אַ בילדליכע רעדענסאַרט, אַ מליצה, אַזאַ רעדענס־אַרט, וואו מען גיט צו דער זאַך אַן אייגענשאַפט, וועלכע זי האָט געוועהנליך ניט און וועלכע מען קאָן איהר געבען נאָר אויפ׳ן גרונט פון איהר עהנליכקייט צו אַן אַנדער זאַך. למשל: קריסטאָלענע וואסער; בריליאַנטענע פעהיגקייטען; די זון שיסט מיט גליהענדע פיילען, און אז. וו.

מאַנו. — 1) דער אורפאָטער פון מענשליכען מין, לויט די אינדישע לעגענדען; 2) דער לעגענדארישער פאַרפאַסער פון דעם אינדישען געזעץ־בוך „מאַנו“.

מאָנאָטעאיזם. — דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט.

מאָנאָטעאיסט. — איינער וואָס גלויבט אין איין איינציגען גאָט.

מאָראַליזם. — דער גלויבען אין אַ וועלטליכער מאָראל; מאָראליזירונג, דאָס נעהמען זיך אַ מוסר, דאָס ארויסברענגען אַ מוסר השכל.

נ.

נאָוואַטאָר. — אַ מענש וואָס פיהרט דורך אין לעבען נייע וועזענטליכע רעפאָרמען אָדער אידעען.

נאַטוראַלע ווירטשאַפט. — אַזאַ צושטאַנד פון געזעלשאַפטליכען לעבען, ווען האַנדעל און פאַרקעהר איז זעהר וועניג ענטוויקעלט און יעדע עקאָנאָמישע גרופּע (אַ פאַמיליע אָדער געמיינדע) פּראָדוצירט אַליין פאר זיך כמעט אַלץ וואָס עס איז נויטיג פאַר איהר עקזיסטענץ. אַזאַ צושטאַנד האָט מעהרסטענטיילס געהערשט אין אַלטערטום און מיטעלאַלטער.

נאַציאָנאַליזם. — די שטרעבונג אויפצוהאַלטען דאָס אייגענע פאָלק און באַשאַפען פאר איהם אזעלכע באַדינגונגען, אין וועלכע עס זאָלען אונגעשטערט זיך קענען ענטוויקלען זיינע נאַציאָנאַלע אייגענטימליכ־

קויטען, ד. ה. זיין שפּראַך, זיינע זיטען און בכלל זיין נאַציאָנאַלע קולטור. אלס אַ פּאָליטישע באַוועגונג דריקט זיך אוים דער נאַציאָנאַליזם אין צוויערליי פאָרמען: 1) די שטרעבונג פון געוויסע עלעמענטען פון אַ הערשענדער נאַציאָן אונטערצואוורפען אונטערזיך און אסימילירען די אַרומיגע קלענערע פעלקער, און 2) דער קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער פאַר דעם רעכט אויף זעלבסטשטענדיגער נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג.

נירוואַנאַ. — אין בודיזם — נירוואַנאַ, אַ צושטאַנד פון פאָלשטענדיגער גייסטיגער רוה, ווען דער מענש האָט ניט קיין שום פאַרלאַנגען, געפיהלען און געדאַנקען.

ס.

סאַבאָטאַזש. — אַזאַ פאָרם פון אַרבייטער קאַמף, וואָס דריקט זיך אוים אין פאַראורזאַכען שאָדען און הזיקות דעם בעל הבית. „סאַבאָטאַזש" באַשטעהט אין ברעכען די מאַשינען, פאַרניכטען די וואַארע, אַרויסגעבען שלעכטע אַרבייט, מאַכען ווייניג אַרבייט און ז. וו.

סאַלווישאַן אַרמי. — אַ קריסטליך-סאָציאַלע געזעלשאַפט אין דער פאָרם פון אַ מיליטערישער אָרגאַניזאַציע (ד. ה. מיט „אָפיצערען", „פאָלקאָווניקעס", „גענעראַלען" און ז. וו.) געגרינדעט אין ענגלאַנד אין יאָהר 1865 מיט דעם צוועק צו העלפען געזונקענע און געפאַלענע און פאַרשטאַרקען ביי זיי דעם גלויבען אין יעזוס קריסטוס. אין היינטיגער צייט איז דיזע אָרגאַניזאַציע פאַרשפּרייט איבער 58 לענדער און קאָלאָניעס. אין יאָהר 1913 איז די סאַלווישאַן אַרמי פון אַלע לענדער באַשטאַנען פון 8,415 „קאָרפּוסען" מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 2 מיליאָן מענשען.

סאָציאָלאָגיע. — די לעהרע וועגען די געזעצען, לויט וועלכע עס קומט פאָר דאָס לעבען און אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אין איהר גאַנצער ווידער-פאַראייניגונג, און איהר באַנויטער האַרמאָניע.

סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. — די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַרבייטער קלאַס. דאָס פּאַרטיי פּראָגראַם פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע באַשטעהט געוועהנליך פון צוויי טיילען: פּראָגראַם מאַקסימום און פּראָגראַם מינימום. דאָס „פּראָגראַם מאַקסימום" דריקט אוים דעם ענד-ציל פון דער פּאַרטיי, ד. ה. די באַפרייאונג פון אַרבייטער קלאַס דורך דער איינפיהרונג פון סאָציאַליזם (זעה „סאָציאַליזם"). דאָס „פּראָגראַם מינימום" שטעלט מיט זיך פאָר אַ רייהע פאָדערונגען, וועלכע די פּאַרטיי שטעלט אַרוים מיט דעם צוועק צו פאַרבעסערען די לאַגע פון אַרבייטער קלאַס אין איצטיגער צייט, ווי די פאַרקירצונג פון אַרבייטס-טאָג, די איינפיהרונג פון מינימום-ווייזשעס, די אָפּשאַפונג פון קינדער-אַרבייט, פאָלשטענדיגע פּאָליטישע פרייהייט און ז. וו. די ערשטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט זיך געגרינדעט אין דויטשלאַנד אין 1869טען יאָהר, און איצט עקזיסטירען סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען כמעט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער.

סאָציאַליזם. — די לעהרע וועגען דער נויטווענדיגקייט איבערצובויען די איצטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג אַזוי, אַז אַלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען, ווי לאַנד, פאַבריקען, אייזענבאַהנען און ד. ג., זאָלען ניט באַלאַנגען צו איינצעלנע פּערזאָנען אַלס זייער פּריוואַט-אייגענטום, נאָר זאָלען זיין דאָס געמיינשאַפטליכע אייגענטום פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, און די גאַנצע פּראָדוקציאָן און פאַרטיילונג זאָל רעגולירט און פאַרוואַלטעט ווערען דורכ'ן פאָלק, ד. ה. דורך דעם שטאַט און די געמיינדען. אין באַצוג צו דער פראַגע וועגען דער פאַרווירקליכונג פון דיזען געזעלשאַפטליכען אידעאַל שיידען זיך אונטער דער אוטאָפּישער און דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם. דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם ווענדעט זיך צו אַזעלכע עלעמענטען פון דער געזעלשאַפט און באַנוצט זיך מיט אַזעלכע וועגען און מעטאָדען, וועלכע קענען בשום אופן ניט ברענגען צום סאָציאַליזם. פאַרקעהרט, דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם האָט אויפגעדעקט יענע היסטאָרישע באַדינגונגען און יענע געזעלשאַפטליכע עלעמענטען, וועלכע מאַכען דעם סאָציאַליזם אומפאַרמיידליך.

סאַנקציע. — אַ פייערליכע באַשטעטיגונג, אַ באַקרעפטיגונג; אַ הסכמה; אַ באַפעהל, אַ געזעץ; באַשטעטיגען, באַקרעפטיגען, מסכים זיין, סאַנקציאָנירען, גוטהייסען.

ס. פּ. — די „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ". די ס. פּ. האָט זיך אויסגעבילדעט צום ענדע פון 90־גער יאָהרען נאָך אַ שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין די רייהען פון דער ס. ל. פּ. (זעה „ס. ל. פּ."). דיזע שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען טיילווייז צוליב מיינונגס־פאַרשידענהייטען אין באַצוג צו דער פראַגע וועגען דער פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, באַזונדערס אין באַצוג צו דער פראַגע וועגען דער שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו די עקזיסטירענדע יוניאָנס, און טיילווייז צוליב אונצופרידענהייטען, וואָס זיינען ארויסגערופען געוואָרען געגען געוויסע אָנפיהרער פון דער פּאַרטיי אַ דאַנק זייער דיקטאַטאָרישער האַלטונג. אין יאָהר 1919 האָט זיך די פּאַרטיי געשפּאַלטען. אַ טייל מיטגלידער האָבען געבילדעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

ס. ל. פּ. — די „סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי". אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין יאָהר 1877. באַראַקטעריזירט זיך מיט איהר אונקאָמפּראָמיסליכער טאַקטיק און מיט איהר פיינדליכער שטעלונג צו דער אָרגאַניזאַציאָן און טאַקטיק פון די יוניאָנס פון דער „אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר". אין געגענזאַץ צו דיזע יוניאָנס האָט זי אָרגאַניזירט די „סאָשיעליסט טרייד ענד לייבאָר עלייענס", — אַ פאַראייניגונג פון סאָציאַליסטישע יוניאָנס, אָבער דיזע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַ קנאַפּען ערפאָלג און איז שפּעטער פאַנאַנדערגעפאַלען.

סוועטינג סיסטעם. — די שוויץ־סיסטעם, אַזאַ סיסטעם פון דער אַרבייט, באַזונדערס אין די פריהערדיגע צייטען אין דער קליידער־אינדוסטריע, ווען די גרויסע פאַבריקאַנטען און סוחרים פלעגען אָפּגעבען די אַרבייט צו קליינע קאָנטראַקטאָרס און דיזע פלעגען אָנזעצען אַרבייטער אין ענגע, פינסטערע און שמוציגע צימערלאַך און דאָרטען פלעגען זיי צווינגען די אַרבייטער צו אַרבייטען אונגעהויער לאַנגע שטונדען פאַר אונגעהויער קליינע וויידזשעס.

סינגעל טעקס. — איין איינציגער שטייער, די פאָדערונג פון דעם אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט הענרי דזשאָרדזש (1839—97) און זיינע נאָכפאָלגער (די „סינגעל טעקסער"), אַז דאָס פאָלק זאָל באַפרייט ווערען פון אַלע דירעקטע און אונדירעקטע שטייערען, און אַלע הוצאות פון דער מלוכה און די געמיינדען זאָלען געדעקט ווערען בלויז פון איין איינציגען שטייער, וואָס זאָל ארויפגעלעגט ווערען אויף ל אַ נ ד־ א י י ג ע נ ט ו ם. די לעהרע פון דעם סינגל טעקסער באַשטעהט אין פאָלגענדען: דאָס רעכט אויף אייגענטום איז אַ נאַטור־רעכט און טאָר פון קיינעם ניט אָבגענומען ווערען. אָבער פּריוואַט אייגענטום איז נאָר דאַן אַ נאַטור־רעכט, ווען די פּערזאָן אליין האָט עס באַשאַפען. דאָס לאַנד איז פון קיינעם ניט באַשאַפען געוואָרען, און אויב — למשל — אַן אַקער לאַנד אין ניו יאָרק ווערט אָפּגעשאַצט אין מיליאָנען דאָלאַר, איז דאָס ניט דערפאַר, ווייל דער אייגענטימער פון דיזען אַקער לאַנד האָט אין אים אריינגעלעגט פיל אַרבייט, נאָר דערפאַר, ווייל אויף איהם געפינט זיך אַ געדיכטע באַפעלקערונג. דער ווערטה פון לאַנד ווערט אלזא באַשאַפען ניט פון איינצעלנע פּערזאָנען, נאָר פון דער גאַנצער ג ע ז ע ל ש אַ פ ט, און דאַריבער דאַרף דאָס לאַנד „נאַציאָנאַליזירט" ווערען, ד. ה. עס דאַרף באַלאַנגען צו דער גאַנצער געזעלשאַפט. און דער „סינגל טעקס" איז דאָס בעסטע מיטעל צו נאַציאָנאַליזירען דאָס לאַנד.

סוביעקט. — 1) אַן אונטערטאַן, אַ פּערזאָן, וואָס איז אונטערוואָרפען אונטער איינעמס הערשאַפט אָדער אויטאָריטעט. 2) דער געגענשטאַנד, דער שטאָף, די טעמע. 3) אין גראַמאַטיק אָדער לאָגיק — דער סוביעקט, די הויפּט־זאַך, וועגען וועלכער עס רעדט זיך אין אַ זאַץ. 4) אין פילאָזאָפיע — דער סוביעקט, דער „איך", די דענקענדע פּערזאָן.

סוביעקטיוויזם. — די פילאָזאָפישע לעהרע, אַז יעדע וואָרהייט איז סוביעקטיוו, דאָס הייסט, זי איז ריכטיג בלויז אין באַצוג צו אונזער אייגענער ערפאַהרונג, פאַרשטאַנד אָדער פיהלען.

סוראָגאַט. — אַן ערזאַץ־מיטעל (דאָס, וואָס ווערט באַנוצט צו פאַרבייטען עפּעס־וואָס, למשל, ציקאָריע אַנשטאָט קאַפע א. ד. גל.), אַ במקום, אַ שטעלפאַרטרעטער, אַ ריבטער, וואָס האָט צו טאָן מיט צוואות און ירושות.

סובסטאַנץ. — עפּעס אַזוינס, וואָס עק־זיסטירט אין זיך גופא און דאַרף קיין זאַך ניט צו זיין עקזיסטענץ; דער עצם, דאָס אומבאַוואוסטע „עפּעס", וואָס איז דער אומ־פאַרענדערליכער יסוד פון יעדער פאַרענדער־ליכער ערשיינונג; די עסענץ, דער תמצית.

סינאָפּסיס. — קורץ געפּאַסט, אויף אַ קורץ געפאַסטען אופן, בקיצור.

סטיכיש. — עלעמענטיש, וואָס איז שייך צום עלעמענט אָדער צום גרונד־פּרינציפּ פון עפּעס; וואָס איז שייך צו די יסודות פון דער וועלט. אין פילאָזאָפיע פון אַלטערטום: סטיכיע אָדער עלעמענט — איינער פון די פיר יסודות (ערד, וואַסער, לופט און פייער), פון וועלכע עס באַשטעהט די גאַנצע וועלט. סטיכיע—אַ נאַטור־קראַפט, סטיכיש —מיט דער מאַכט פון אַ נאַטור־קראַפט.

סינדיקאַליזם. — אַ ריכטונג אין דער ארבייטער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך ענט־וויקעלט אין פראַנקרייך און דערנאָך אין אַנדערע לענדער. דער גרונד־פּרינציפּ פון סינדיקאַליזם באַשטעהט אין דעם, וואָס דער אָרגאַניזירטער ארבייטער־קלאַס דאַרף פיה־רען אַ שטענדיגען רעוואָלוציאָנערען קאַמף געגען דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג ניט דורכ'ן פאַרלאַמענט און געזעצגעבונג, נאָר דורך דירעקטע אַקציאָן, ווי גענעראַל־סטרייקס, סאַבאָטאַזש און ז. וו.

סען־סימאָניזם. — די סאָציאַליסטישע לעהרע פון סען־סימאָן (1760—1825) און זיינע נאָכפאָלגער. די סען־סימאָניסטען זיי־נען געווען די ערשטע, וועלכע זיינען ארויסגעטראָטען מיט אַ שאַרפער קריטיק פון דער ערשט איינגעפונדעוועטער בורזשואַזער אָרדנונג, וואָס בויט זיך אויף דער סיסטעם פון פּריוואַט־אייגענטום. זיי האָבען געפאָ־דערט די אָפּשאַפונג פון דיזער סיסטעם און די איינפיהרונג פון סאָציאַליזם. ארויס־געהענדיג פון דעם פּרינציפּ, אַז מענשען זיינען בטבע ניט גלייך, האָבען זיי געפאָ־דערט, אַז די רעגירונג זאָל באַלוינען יעדע־רען לויט זיינע פאַרדינסטען. אָבער ירושה־רעכט דאַרף אָפּגעשאַפט ווערען, כדי יעדע־רער זאָל האָבען אַ גלייכע מעגליכקייט מיט אַלע אַנדערע אַנצוהויבען זיין קאַריערע און דערשלאָגען זיך צו אַ בעסערע באַלוינונג פון דער רעגירונג.

סעפּאַראַטיזם. — דאָס שטרעבונג אָפּ־צוזונדערען זיך פון דעם פּאָליטישען אַל־געמיינעם לעבען, אָדער פון דער הערשענ־דער רעליגיע.

סכאָלאַסטיק. — די מיטעלאַלטערליכע עקלעקטישע פילאָזאָפיע, וועלכע איז געווען אַ מין פאַראייניגונג פון אַריסטאָטעל'ס פי־לאָזאָפיע מיט די רעליגיאָן־לעהרען פון די קירך־פאָטערס; אַ טרוקענער, אינהאַלטסלאָ־זער און נוצלאָזער פּלפול.

ספּיריטואַליזם, ספּיריטיזם. — דאָס גלויבען אין דעם פאַרקער פון גייסטער מיט מענשען.

סקעפּטיציזם. — פילאָסאָפישע לעהרע, וועלכע באַציהט זיך מיט אומצוטרוי צו אַלע פילאָזאָפישע דאָגמען און אָנגענומע־נע אמת'ן.

ע.

עוואָלוציע. — אַנטוויקלונג. די שטופ־פענווייזע אַנטוויקלונג פון בעלי־חיים און געוויקסען און פון געזעלשאַפטליכער אָרדע־נונג. די דאָזיגע טעאָריע איז סיסטעמאַטי־זירט און באַגרינדעט געוואָרען פון עראַזם דאַרווין, בער און טשאַרלז דאַרווין, א. א. אין סאָציאָלאָגיע פון ספּענסער. די עוואָלוציאָנס טעאָריע איז איצט דער יסוד פון נאַטור־וויסענשאַפט און פון געזעלשאַפטליכע ווי־סענשאַפטען.

עטיק.— די לעהרע וועגען מאָראַל, דער טייל פון פילאָסאָפיע, וואָס פאַרנעהמט זיך מיט פאַרשען דעם אורשפּרונג און די אַנט־וויקלונגס־געזעצען פון מאָראַל.

עטנאָגראַפיע. — די וויסענשאַפט וואָס פאַרנעהמט זיך מיט אויספאָרשען דעם לע־בענס שטייגער און מאָראַל פון פאַרשיע־דענע פעלקער.

עמאַנסיפּאַציע. — 1) ביי די רוימער באַפרייען זיך פון פאָטערס מאַכט. 2) באַ־פרייען זיך פון שקלאַפעריי, ווערען אומ־אָפּהענגיג. 3) עמאַנציפּאַציע פון פרויען, גלייכבאַרעכטיגען די פרויען, שטעלען זיי אויף איין רעכטליכער שטופע מיט די מע־נער.

עמיגראַציע. — אויסוואַנדערונג פון פאָ־טערלאַנד אין אַן אַנדער לאַנד. די אויס־וואַנדערונגען פון די אייראָפּעאישע לענדער האָבען זיך אָנגעפאַנגען נאָך אין 15טען און 16טען יאָהרהונדערט, נאָר ביז דעם 19־

טען יאָהרהונדערט זיינען זיי געווען מעהר אָדער ווייניגער צופעליג און ניט רעגעל־מעסיג. אין היינטיגער צייט וואַנדערט אויס פון יעדען אייראָפּעאישען לאַנד אַ באַשטימ־טער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, און דיזער פּראָצענט וואַקסט פון יאָהר צו יאָהר. פון יאָהר 1870 ביז'ן יאָהר 1892 האָבען עמיגרירט פון אייראָפּע 18 און אַ האַלב מיליאָן מענשען, פון וועלכע 15 און אַ האַלב מיליאָן האָבען זיך באַזעצט אין די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע. (זעה „אימיגראַציע").

עמאָציע. — אויפרעגונג פון געמיט, אויפרעגונג פון געפיהלען, ריהרונגען.

עמאָציאָנעל. — וואָס ריהרט, וואָס וועקט די געפיהלען, וואָס ווירקט אויף די געפיהלען; וואָס איז שייך צו אויפרעגונג פון געמיט; וואָס דריקט אויס געמיטס־אויפרעגונג.

עמפּיריקער. — איינער, וואָס האַלט זיך פאַר'ן פּרינציפּ פון עמפּיריזם ס'הייסט, אַז די ערפאַהרונג שטעהט העכער פון דער טעאָ־ריע, אַז נאָר דאָס, וואָס איז באַוואוסט פון ערפאַהרונג, איז ריכטיג; עמפּיריש—וואָס איז באַגרינדעט אויף ערפאַהרונג.

ענציקלאָפּעדיסטען. — די אַזוי גערו־פענע בכלל גרינדער און מיטאַרבייטער פון דער באַוואוסטער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע, וועלכע איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין 1751-72 אונטער דער רעדאַק־ציע פון דידראָ און דעלאַמבער (דירדאָ, דע־לאַמבער, וואָלטער, העלוועצי, האָלבאַך, קאָנ־דיליאַק, לאַמעטרי, מאָנטעקסיע, רוסאָ און אַנדערע).

עפּיגראַף. — אַן איינגעקריצטע אויפ־שריפט אין מעטאַל אָדער שטיין; אַן אויפ־שריפט אויף אַ מאָנומענט, סטאַטוע, מצבה און ד. גל.; אַן אויפשריפט ביים אָנפאַנג פון אַ בוך אָדער פון אַן אָפּהאַנדלונג; אַ ציטאַטע, וואָס ווערט געברויכט אַלס מאָטאָ פאַר אַ ווערק.

עפּיגראַפיש. — וואָס איז שייך צו אַן עפּיגראַף, וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון אַן עפּיגראַף.

עקסטאַז. — אַ צושטאַנד פון העכסטער באַגייסטערונג אָדער ענטציקונג.

עקלעקטיק. — איינער, וואָס נעמט ניט אַן קיין פעסט־באַשטימטע סיסטעם אין דער פילאָזאָפיע אָדער וויסענשאַפט, נאָר ער נעמט אַרויס פאַרשידענע טיילען פון פאַרשידענע סיסטעמען, אַנערקענענדיג זיי פאַר ריכטיג; אַן אָנהענגער פון דער אַלטער עקלעקטישער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט פאַרגעשטעלט אַ גע־מיש פון פּלאַטאָנישע, סטאָאישע און עפּיקו־רעאישע לעהרען. אין מעדיצין: אַ דאָק־טאָר, וואָס באַנוצט באַזונדערע טיילען פון פאַרשידענע הייל־סיסטעמען.

עקספּאַנסיוויטעט. — די אויסציהונג, די אויסשפּרייטונג; עקספּאַנסיווע קראַפט, די קראַפט פון פאַנאַנדערשפּרייטען אָדער אויסציהען זיך; עקספּאַנסיווע פעהיגקייט, די פעהיגקייט זיך אויסצושפּרייטען אָדער זיך אויסצוציהען; אַן עקספּאַנסיווער מענש, אַ מענש, וואָס קאָן זיך ניט באַהערשען, וואָס ווייזט געשווינד אַרויס זיינע געפיהלען.

עקזאַלטאַציע. — הויכע באַגייסטערונג, אַ צושטאַנד פון הויכער באַגייסטערונג.

עסטעטיק. — דער טייל פון פילאָסאָפיע, וועלכער באַטראַכט שיינקייט אין דער נאַ־טור און קונסט און איהר באַציהונג צום ווירקליכען לעבען.

עקספּאָרט. — אַרויספיהר פון רויע מאַטעריאַלען און סחורות קיין אויסלאַנד.

עקספּערימענט. — אַ פּראָבע, אַ פּרואוו, אַ נסיון כדי אויסצוגעפינען די סיבות און נויטווענדיגע באַדינגונגען פון נאַטור ער־שיינונגען.

עראָטיק. — וואָס איז שייך צו ליבע, צו תאוות.

פּ.

פּאַופּעריזם. — אָרימקייט, בעטלער־שטאַנד. די לאַגע פון אַ גרויסען טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבען און דאַרף אָנקומען צו שטיצע פון דער געזעלשאַפט און פּריוואַטע פּערזאָנען. אין 1890 יאָהר האָט זיך אין די פאַראייניגטע שטאַטען געצעהלט אומגעפעהר 3 מיליאָן „פּאָופּערס", ד. ה. אביונים, וואָס האָבען געדאַרפט אָנקומען נאָך פרעמדער הילף. אין די צדקה־אַנשטאַלטען האָבען אין יענעם יאָהר זיך אויפגעהאַלטען 73,045 „פּאָופּערס". אין יאָהר 1910 איז די צאָל „פּאָופּערס", וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין פאַרשידענע צדקה־אַנשטאַלטען, געווען—84,198.

פּאָזיטיוויזם. — די פילאָזאָפישע לעהרע,

וועלכע אָנערקענט, אַז קיין אַנדער וויסען עקזיסטירט ניט אויסער דאָס וויסען וועגען ערשיינונגען, וואָס מיר באַגרייפען מיט אונזערע חושים, וואָס מען קען דערגעהן דורך וויסענשאַפטליכער ערפאַהרונג.

פּאַטריציער. — דער אַדעל־קלאַס, די אַריסטאָקראַטען אין דער אַלטער רוימישער מלוכה, וועלכע האָבען פאַרמאָגט גרויסע לאַטיפונדיעס און די אויסשליסליכע פּאָליטישע רעכט.

פּאַליאַטיוו. — אַ האַלבער מיטעל, וואָס קאָן ניט ווירקען צו באַזייטיגען דאָס שלעכטס אינגאַנצען, וואָס ברענגט מעהר ניט ווי אַ צייטווייליגע דערלייכטערונג.

פּאָסטולאַט. — אַ באַהויפּטונג, וואָס פאָדערט ניט קיין באַווייז, אַ זעלבסטפאַרשטענדליכער אמת.

פּאַנטעאיזם. — די לעהרע, אַז גאָט און די וועלט איז איינס און דאָס זעלבע, אָדער אַז גאָט איז דאָס איינציגע עקזיסטירענדע וועזען און די גאַנצע וועלט איז איינע פון זיינע ערשיינונגס־פאָרמען און דעריבער איז אַלץ אין דער וועלט געטליך.

פּאַן־גערמאַניזם. — די שטרעבונג צו פאַראייניגען אַלע פעלקער פון גערמאַנישער אָפּשטאַמונג (ווי למשל: די דייטשען, סקאַנדינאַווען, האָלענדער, ענגלענדער און אַנד.) אין איין פּאָליטישען פאַרבאַנד. אין דער רעאַלער פּאָליטיק האָט די אידעע פון פּאַן־גערמאַניזם זיך אויסגעדריקט אין דער שטרעבונג צו פאַראייניגען פּאָליטיש אַלע דייטשע לענדער מיט אַלע פעלקער, וואָס געפינען זיך אין זיי (ווי למשל די סלאַווען פון עסטרייך) אונטער דער הערשונג פון איין דייטשער רעגירונג.

פּאַנסלאַוויזם. — די אידעע פון פאַראייניגען אַלע סלאַווישע פעלקער (ווי די רוסען, פּאָליאַקען, טשעכען, באָלגאַרען א. אַז. וו.) אין איין בונד אונטער דער אויבערהערשאַפט פון רוסלאַנד.

פּאַרלאַמענטאַריזם. — אַזאַ רעגירונגס־סיסטעם, וואו די מיניסטאָרען זיינען פאַראַנטוואָרטליך ניט פאַר׳ן קעניג, נאָר פאַר׳ן פּ אַ ר ל אַ מ ע נ ט, און ווען די מעהרהייט פון פּאַרלאַמענט דריקט אויס אומצוטרויען צו דער רעגירונג אָדער נעמט ניט אָן איהרע פּלענער, דאַרפען די מיניסטאָרען רעזיגנירען. אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור באַצייכענט מען אָפט מיט׳ן וואָרט „פּאַרלאַמענטאַריזם” די טאַקטיק פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו באַטייליגען זיך אין די וואַהלען צום פּאַרלאַמענט, כדי אויסצוקעמפען דאָרטען געזעצען, וועלכע זיינען גינסטיג פאַר׳ן אַרבייטער־קלאַס.

פּלאַטאָנישע ליעבע. — גייסטיגע ליעבע, נשמה־נאָהענטקייט, אָהן קיין שום געשלעכטליכע ליידענשאַפט.

פּלוטאָקראַטיע. — די הערשונג פון רייכע. אַזאַ רעגירונגס־אָרדנונג, וואו די געזעצגעבערישע מאַכט ליגט אין די הענט פון דער געלט־אַריסטאָקראַטיע. אין די פאַראייניגטע שטאַטען, למשל, באַשטעהט די גרעסטע מעהרהייט פון סענאַט און קאָנגרעס פון רייכע באַנקירען און פאַבריקאַנטען און פון אַ גרויסער צאָל לאָיערס, וועלכע זיינען די פאַרטרעטער פון די „טראָסטס” און „קאָרפּאָריישאָנס”.

פּלעבעער. — דער נידעריגער קלאַס אין דער אַלט־רוימישער מלוכה, וועלכער האָט אין דעם משך פון פיל דורות געפיהרט אַ קאַמף געגען דער דאַמאָלסדיגער אַריסטאָקראַטיע אָדער „פּאַטריציער” און האָט זיך סוף־כל־סוף דערשלאָגען צו בירגערליכער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיגונג. אין היינטיגער צייט באַדייט דאָס וואָרט „פּלעבעער” — דער המון, דאָס פּראָסטע פאָלק.

פּסיכיק. — די גייסטיגע קרעפטען, דער גייסטיגער צושטאַנד.

פּסיכאָלאָגיע.— די לערע וועגען זעלענערשיינונגען.

פּעדאַנטיזם. — בלינד נאָכפאָלגען די איבעראַל אָנגענומענע פאָרמען, מדקדק זיין אויף יעדער קלייניגקייט, נישט נעהמענדיג אין אַכט דעם גייסט און וועזען פון ערשיינונגען אין וויסענשאַפט, קונסט און אין פּראַקטישען לעבען.

פּעדאַנט. — אַ מענש מיט אַ באַגרעניצטער וועלט־אָנשויאונג, וואָס איז מדקדק אויף קלייניגקייטען.

פּראָגנאָז. — אַ פאָרקענטניס, אַ פאָראויסזאָגונג וועגען דעם גאַנג פון אַ קראַנקהייט, לויט געוויסע סמנים.

פּראָהיבישאָן. — פאַרבאָטונג. די באַוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען און אין אַנדערע לענדער צו פאַרבאָטען די פּראָדוקציע און פאַרקויף פון אַלקאָהאָלישע גע־

טראַנקען אויסער פאַר מעדיצינישע און רעליגיעזע צוועקען.

פּראָטעקשאָן. — פּראָטעקציאָניזם, שוץ געגען אויסלענדישער קאָנקורענץ. אַ סיסטעם פון אַרויפלייגען אַ הויכען טאַריף אָדער הויכע צאָלונגען אויף אויסלענדישע סחורות, כדי זיי זאָלען ניט קענען קאָנקורירען מיט די סחורות, וואָס ווערען פּראָדוצירט אין לאַנד גופא. די אָנהענגער פון פּראָטעקציאָניזם באַהויפּטען, אַז דאָס איז דאָס איינציגע מיטעל אָנצוהאַלטען און אַנטוויקלען די אייגענע אינדוסטריע און דערמיט פאַרזיכערען די אייגענע אַרבייטער מיט אַרבייט. פאַרקערט, די געגנער פון דיזער סיסטעם באַהויפּטען, אַז דער פּראָטעקציאָניזם שוואַכט אָפּ די אַנטוויקלונג פון דער אייגענער אינדוסטריע. די אָרטיגע פאַבריקאַנטען, ניט מורא האָבענדיג פאַר קאָנקורענץ, פיהרען ניט איין קיין נייע מאַשינען, קיין בעסערע סיסטעמען פון דער אַרבייט, גיבען אַרויס שלעכטע וואַרע, און סוף־כל־סוף ווערט דאָס לאַנד אָפּגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער.

פּראָלעטאַריאַט. — דער אַרבייטער־קלאַס. דער קלאַס פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וועלכער באַזיצט ניט קיין לאַנד־אייגענטום און קיין קאַפּיטאַל און לעבט בלויז פון אַ ר ב י י ט ס ־ ל ו י ן, ד. ה. פון די שכירות, וואָס ער באַקומט, פאַרקויפענדיג זיין אַרבייטס־קראַפט.

פּראָפּאָרציאָנעלע וואַהל־סיסטעם. — אַזאַ סיסטעם פון וואַהלען אין די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפטען (אין פאַרלאַמענט, שטאָדט־פאַרוואַלטונג א. אַז. וו.), וואו יעדער טייל פון דער באַפעלקערונג, יעדע פּאַרטיי אַפילו די סאַמע קלענסטע קען זיין פאַרטראָטען מיט אַ געוויסער צאָל דעפּוטאַטען, לויט דער צאָל מיטגלידער פון דער אָדער יענער פּאַרטיי.

פּריזמע. — אַ קאַנטיגע פיגור (אַ דריי־קאַנטיגע, פיר־קאַנטיגע, פינף־קאַנטיגע א. אַז. וו., ביי וועלכע די ענד־פלאַכען זיינען פּאַראַלעל); אַ דריי־קאַנטיג שטיקעל געשליפענע גלאָז אָדער אַנדער דורכזיכטיגער מאַטעריאַל מיט פּאַראַלעלע ענדען, וואָס ווערט באַנוצט פאַר אָפּטישע צוועקען.

פ.

פאַביאַנער. — די פאַביאַנישע געזעלשאַפט, אַ סאָציאַליסטישער פאַראיין, וועלכער האָט זיך געגרינדעט אין ענגלאַנד אין יאָהר 1884 מיט דעם צוועק צו העלפען דער פאַרווירקליכונג פון סאָציאַליזם דורך פרידליכער פּראָפּאַגאַנדע. די פאַביאַנער האַלטען ניט פון קלאַסענקאַמף און גלויבען ניט אין דער מעגליכקייט פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. דער סאָציאַליזם, לויט זייער מיינונג, וועט איינגעפיהרט ווערען לאַנגזאַם און שטופּענווייז, דורך גרעסערע און קלענערע סאָציאַלע רעפאָרמען, אָבער כדי דורכצופיהרען אַזעלכע רעפאָרמען, איז נויטיג אַ שטענדיגע אומערמידליכע פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם.

פוריעריזם.—די סאָציאַליסטישע לעהרען פון שאַרל פוריע (1772—1837) און זיינע נאָכפאָלגער. פוריע באַהויפּטעט, אַז האַרמאָניע און גליק אין דער געזעלשאַפט איז מעגליך נאָר דאַן, ווען יעדער איינער האָט די פולע פרייהייט און מעגליכקייטען צו אַנטוויקלען און אַרויסצואווייזען אַלע זיינע פעהיגקייטען.

פיזיאָקראַטען. — אַ שולע פון עקאָנאָמיסטען אין דער צווייטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטען מיט דער טעאָריע, אַז דאָס רייכטום פון אַ נאַציאָן באַשטעהט בלויז אין ל אַ נ ד און ל אַ נ ד ־ פּ ר אָ ד ו ק ט ע ן, אין געגענזאַץ צו די מערקאַנטיליסטען, וועלכע האָבען באַהויפּטעט, אַז דאָס רייכטום פון אַ נאַציאָן באַשטייט אין גאָלד און זילבער אַרויסגייענדיג פון דיזער לערע, האָבען די פיזיאָקראַטען געפאָדערט, אַז דער בודזשעט, ד. ה. אַלע הוצאות פון דער מלוכה דאַרפען געדעקט ווערען דורך אַ דירעקטען שטייער, וואָס דאַרף אַרויפגעלייגט ווערען אויף לאַנד־אייגענטום. וואָס אנבאלאנגט אינדוסטריע און האַנדעל, דאַרפען זיי זיין פריי פון שטייערען און צאָלונגען.

פיקציע. — אַן אויסגעטראַכטע זאַך.

פעדעראַציע. — אַ פאַרבאַנד פון צוויי אָדער מעהר מלוכות צוליעב די אַלגעמיינע אינטערעסען. אין דער נייער צייט באַמערקט זיך אַ שטרעבונג פון קולטורעלע מלוכות צו פאַראייניגען זיך, בלייבענדיג זעלבסטשטענדיג אין די אינערליכע ענינים. די נייע פאָרם פון פעדעראַציע שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַרבאַנד מלוכה, דאָס הייסט איינגאַנצען אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע אַר־

גאַניזאַציע מיט אייגענער געזעצגעבונג, פינאַנסען, מיליטער וכדומה. די מלוכות, וואָס געהען אריין אין פאַרבאַנד בלייבען זעלבסטשטענדיג נאָר אין אינערליכע ענינים. אַלס אַ ביישפּיעל פון פעדעראַטיווע פאַרבאַנד מלוכות קאָנען אונז דיענען, די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון צפון אַמעריקע, שווייץ, אויסטראַליע, דייטשלאַנד.

פענאַמען. — אַ זעלטענע ערשיינונג.

פעאָדאַליזם. — די פעאָדאַלע סיסטעם, אַזאַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע האָט געהערשט אין אייראָפּע כמעט די גאַנצע צייט פון מיטעלאַלטער. די כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפט פון דיזער אָרדנונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די מאַכט פון דער צענטראַלער רעגירונג איז געווען זעהר אָפּגעשוואַכט, און דערפון האָט יעדע מלוכה מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסע צאָל פון גרעסערע און קלענערע מאַיאָנטקעס, וועלכע זיינען געווען מעהר אָדער ווייניגער אומאָפּהענגיג איינע פון דער אַנדערער ניט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך פּאָליטיש. די אייגענטימער פון די מאַיאָנטקעס זיינען געווען די פּריצים אָדער פּ ע אָ ד אַ ל ע ן. יעדער פעאָדאַל איז געווען אין פּרינציפּ פאַרפליכטעט מיט פאַרשידענע דינסטען צו אַ העכערען פעאָדאַל, אָבער אין באַצוג צו זיין אייגענעם מאַיאָנטעק און צו די דאָרטיגע איינוואוינער איז ער פאַר קיינעם ניט געווען פאַראַנטוואָרטליך. דאָרטען איז ער געווען אַן אַבסאָלוטער זעלבסטהערשער און די פּויערים ערד־אַרבייטער זיינען געווען זיינע לייב־אייגענע (זעה „לייב־אייגענטום”).

פריי־האַנדעל. — האַנדעל, וואָס איז פריי פון באַזונדערע שטייערען און צאָלונגען אויף אויסלענדישע סחורות. די פאָדערונג פון פריי־האַנדעל ווערט אַרויסגעשטעלט אין געגענזאַץ צו דער פאָדערונג פון פּראָטעקציאָניזם (זעה „פּראָטעקשאָן”).

פעטישיזם. — די פאַרגעטערונג פון פאַרשידענע ערדישע געגענשטאַנדען.

פיליסטער. — אַ מענש מיט אַ באַשרענקטער וועלט־אַנשויאונג, וואָס באַנעמט אַלץ אויבערפלעכליך.

פאַזע. — דער צושטאַנד פון אַ זאַך אָדער וועלכע עס איז ערשיינונג אין אַ געוויסער צייט. אין אַסטראָנאָמיע—אַ באַזונדער אויסזעהן פון דער לבנה אָדער פון אַנדערע פּלאַנעטען אין דער אָדער יענער צייט.

צ.

ציוויל־ליסט. — די ספּעציעלע הוצאה אין בודזשעט פון אַ מאָנאַרכישער רעגירונג אויף אויסצוהאַלטען די קעניגליכע פאַמיליע. דאָס יעהרליכע געהאַלט פון ענגלישען קעניג מיט זיין פאַמיליע איז 3,8780.000 דאלאַר אָדער 75,600 אַ וואָך. דאָס יעהרליכע געהאַלט פון רוסישען צאַר איז געווען אומגעפעהר 9 און אַ האַלב מיליאָן דאלאַר אַ יאָהר אָדער 190 טויזענט דאלאַר אַ וואָך.

ציוניזם. — די באַוועגונג אין געוויסע שיכטען פון אידישען פאָלק מיט דעם צוועק ווידער אויפצובויען דאָס נאַציאָנאַלע אידישע לעבען אין פּאַלעסטינע. צווישען די פאַרשידענע ריכטונגען, וועלכע הערשען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, שיידען זיך אונטער באַזונדערס צוויי: דער פּ אָ ל י ט י ש ער און ק ו ל ט ו ר ע ל ע ר ציוניזם. די אָנהענגער פון פּאָליטישען ציוניזם שטרעבען אויפצובויען אין פּאַלעסטינע אַ אידישע מ ל ו כ ה; פאַרקערט, די אָנהענגער פון קולטורעלען ציוניזם שטרעבען, אַז פּאַלעסטינע זאָל ווערען בלויז דער גייסטיגער צענטער פון דער אידישער נאַציאָנאַלער קולטור.

ציטאַטע. — אַן אויסצוג פון אַ ווערק צו באַשטעטיגען אַ מיינונג, אַ געדאַנק.

ציניזם. — 1) די לעהרע פון׳ם גריכישען פילאָזאָף אַנטיסטענעס, וועלכע פאַראַכטעט אַלע אָנגענומענע מנהגים, מיינונגען טראַדיציעס און גלויבונגען, זאָגט זיך אָפּ פון אַלע תענוגים און שעצט בלויז די מעשים טובים פון מענשען. 2) אומפאַרשעמטקייט, גראָבקייט, נבול־פה.

ק

קאָאַליציע. — אַ פאַרבינדונג צווישען מלוכות צוליב באַשטימטע צילען, אָדער אַ פאַרבינדונג פון פּאַרטייען צוליב באַשטימטע צילען.

קאָאָפּטאַציע. — צו קלייבען נייע מיטגלידער אין אַ קאָמיסיע, קאָמיטעט,ראַט. די רעכט פון קאָאָפּטאַציע איז געוועהנליך אַ באַגרעניצטע, נאָר אין באַשטימטע פאַלען.

קאָאָרדינאַציע. — אַ צילבאַשטימטע צופּאַסונג און פאַראייניגונג פון טעטיגקייט.

קאָדעקס. — אַ געזעצבוך. נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס, אַ זאַמלונג פון געזעצען, וואָס איז אַרויס אין יאָהר 1804־1810. האָט געהאַט אַ

גרויסע ווירקונג אויף דער געזעצגעבונג פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער.

קאַטעכיזים. — 1) א קורצער רעליגיעזער לעהרבוך אין דער פאָרם פון פראַגען און ענטפערען. 2) יעדע אויסלייגונג פון וועלכער עס איז לעהרע אין דער פאָרם פון פראַגען און ענטפערען.

קאָנטינענט. — יבשה. אַזוי הייסען די גרויסע שטחים יבשה אין געגענזאַץ צו די קליינע שטחים יבשה, וואָס זיינען אַרומגערינגעלט מיט וואַסער, אָדער אינזלען. די פינף קאָנטינענטען: אייראָפּע, אַזיע, אַפריקאַ, אַמעריקאַ און אויסטראַליע.

קאַטהעדער־סאָציאַליסטען. — אַ נאָמען פאַר אַ גרופּע פּראָפעסאָרען און אַקאַדעמיקער, וועלכע האָבען אין יאָהר 1872 געגרינדעט אין דייטשלאַנד דעם „פאַראיין פאַר סאָציאַלער געזעצגעבונג". די קאַטהעדער־סאָציאַליסטען באַקעמפען דעם סאָציאַליזם און די סאָציאַלע באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר זיי פאָדערען אַ רייהע פאַבריק־געזעצען, וועלכע זאָלען פאַרבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער.

קאַפּיטאַליזם.—די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. די היינטיגע פּעריאָדע אין דער געשיכטע פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וועלכע כאַראַקטעריזירט זיך מיט דעם הויכען וואוקס פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן, מיט'ן ברייטען אַלוועלטליכען פאַרקער און האַנדעל, מיט דער הערשאַפט פון געלטווירטשאַפט און מיט דעם קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט.

קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען.—פרייוויליגע פאַראיינען פון פּערזאָנען, ספּעציעל פון אַרבייטער, מיט דעם צוועק צו באַקומען נוצען אָדער פּראָפיט דורך געמיינשאַפטליכער אַרבייט אָדער דורך געגענזייטיגער שטיצע. אַזעלכע פאַראיינען, וואָס טראָגען דעם נאָמען „קאָאָפּעראַטיווען", זיינען פאַראַן פאַרשידענאַרטיגע, נאָר זיי אַלע קענען זיין איינגעטיילט אין דריי הויפּט־גרופּען: „געווערב־פאַראיינען", „קאָנסום־פאַראיינען" און „קרעדיט־פאַראיינען". אַ געווערב־פאַראיין שטעלט זיך דעם צוועק צו פּראָדוצירען אַ געוויסען אַרטיקעל און דעם פּראָפיט טיילען צווישען די מיטגלידער פּראָפּאָרציאָנעל, לויט דער אַרבייט און קאַפּיטאַל, וואָס יעדער איינער לייגט אַריין אין דער אונטערנעהמונג. אַ קאָנסום־פאַראיין שטעלט זיך דעם צוועק צו פאַרקויפען צו זיינע מיטגלידער פאַרשידענע פּראָדוקטען אויף האָלסייל־פּרייזען און אויף אַזאַ אופן מאַכען פאַר זיי ביליג די לעבענס־מיטעל; אַ קרעדיט־פאַראיין שטעלט זיך די אויפגאַבע צו שאַפען קרעדיט פאַר די מיטגלידער אין דער צייט פון אַ נויט.

קאָלעקטיוויזם. — סאָציאַליזם. (זעה „סאָציאַליזם"). אין פראַנקרייך ווערט דאָס וואָרט „קאָלעקטיוויזם" אָפט געברויכט צום אונטערשייד פון „קאָמוניזם". אונטער „קאָלעקטיוויזם" ווערט פאַרשטאַנען אַזאַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג, וואו יעדער איינער באַקומט לעבענס־מיטעל פון דער געזעלשאַפט, לויט זיינע פאַרדינסטען; פאַרקערט, אונטער „קאָמוניזם" ווערט פאַרשטאַנען אַזאַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג, וואו יעדער איינער באַקומט לויט זיינע באַדערפענישען.

קאָמוניזם. — געמיינשאַפטליכע אייגענטום; די סאָציאַלע לערע, וועלכע פאָדערט די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגענטום. אין אַמאָליגע צייטען האָט מען אונטער „קאָמוניזם" פאַרשטאַנען ניט נאָר געמיינשאַפטליכע פּראָדוקציאָן, נאָר אויך געמיינשאַפטליכען פאַרברויך, ד. ה. אַז אַלע מענשען פון דער געמיינדע זאָלען וואוינען צוזאַמען, עסען צוזאַמען און בכלל קיינער זאָל ניט פיהרען קיין פּריוואַטען לעבען. אין היינטיגע צייטען איז „קאָמוניזם" דאָס זעלבע ווי „סאָציאַליזם" (זעה „סאָציאַליזם").

קאָמונע. — דער אויפשטאַנד פון פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט אין 1870טען יאָהר. דיזער אויפשטאַנד האָט געפיהרט צו דער אויסבילדונג פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער רעגירונג, וועלכע האָט אַריינגעכאַפּט פּאַריז אין איהרע הענט און האָט געהערשט פון מאָנאַט מערץ ביז מאַי. ניט אַלע קאָמונאַרען האָבען געהאַט איינע און דיזעלבע צוועקען: איניגע האָבען געפאָדערט די איינפיהרונג פון סאָציאַליזם; די אַנדערע, פאַרקערט, האָבען געשטרעבט קודם־כל צו „דעצענטראַליזירען דעם שטאַט", ד. ה. אָפּצושאַפען די צענטראַלע רעגירונג און איינפיהרען זעלבסטשטענדיגע געמיינדעס (קאָמונעס). אָבער דיזער אויפשטאַנד איז באַלד באַזיגט

געווארען פון די הערשענדע קלאסען. טויזענטער קאמונארען זיינען פאראורטיילט געווארען צו שיסען, הענגען אויף אייביגע קאטארגע.

קאנסטיטוציע. — די גרונד־געזעצען, וועלכע באשטימען די מלוכה־פארם פון א לאנד. אין דער קאנסטיטוציע ווערען גענוי באשטימט די מאכט און די קאמפעטענץ פון די באזונדערע עלעמענטען, וועלכע האבען א דעה אין דער געזעצגעבונג און רעגירונג פון, לאנד (ווי למשל אין א רעפובליק — די מאכט און קאמפעטענץ פון פרעזידענט פון איין זייט און פון „קאנגרעס" אדער פארלאמענט פון דער אנדער זייט).

קלאסענקאמף. — דער קאמף צווישען די געזעלשאפטליכע קלאסען פאר עקאנאמישער און פאליטישער הערשונג. די לעהרע וועגען קלאסענקאמף איז באגרינדעט געווארען פון קארל מארקס און איז געווארען דער גרונד־פרינציפּ פון וויסענשאפטליכען סאציאליזם. דיזע לעהרע באשטעהט אין פאלגענדען: יעדע געזעלשאפטליכע ארדנונג בויט זיך אויף א באשטימטער פארם פון מאטעריעלער קולטור, ד. ה. אויף דעם ארט און ווייזע ווי אזוי מענשען פראדוצירען פארשידענע לעבענס־מיטלען און ווי אזוי דיזע לעבענס־מיטלען ווערען פארטיילט צווישען דער באפעלקערונג. אין פּראצעס פון פּראדוקציאן און פּארטיילונג ווערען באשאפען פארשידענע עקאנאמישע באציהונגען צווישען די מענשען. און דיזע באציהונגען ווירקען אזוי, דאס די געזעלשאפט ווערט צושפּאלטען אויף באזונדערע קלאסען, וועלכע טרעטען ארויס איינע געגען די אנדערע מיט געגענזעצליכע אינטערעסען און שטרעבונגען.

קאסטע. — א שטאנד, א קלאס מענשען, וואס האלטען זיך אפּגעזונדערט פון אנדערע, אדער וואס האבען זיך אויסגעטיילט פון אנדערע צוליב זייער רייכקייט, יחוס, פּראפעסיע און באזונדערע פּריווילעגיעס.

קאנאניזירען. — הייליג מאכען, ערקלערען איינעם צווישען די הייליגע פון דער קירכע.

קאסמאס. — די גאנצע וועלט מיט די הימלען און פלאנעטען אלס הארמאניש גאנצע.

קולט. — רעליגיעזע פארמען, מנהגים. פארגעטערען א מענשען, א אידעע.

קאנצעפּציע. — א באגריף, א אידעע, א מיינונג, א פּלאן.

קריטעריום. — א צייכען, לויט וועלכען מ'קאן אונטערשיידען דאס ווירקליכע, אמת'דיגע פון פאלשען, ניט ריכטיגען.

ר.

ראיאליסטען. — די אנהענגער פון אומבאגרענצטער קעניגליכער מאכט, געגנער פון קאנסטיטוציאנאליסטען, די אנהענגער פון א באגרענצטער מאכט.

ראטיפיצירען. — באשטעטיגען אן אפּמאך, וואס איז געשלאסען געווארען צווישען מלוכות דורך זייערע פארשטעהער.

ראציאנאליזם. — דאס שטעלען העכער דעם שכל אידער וועלכע עס איז אויטאריטעט אין די פראגען פון גלויבען און אויפפיהרונג. די פילאזאפישע שיטה, אז דער ווירקליכער קוואל פון קענטניש איז ניט די ערפאהרונג דורך די חושים, נאר דער שכל, די „ריינע פארנונפט", ס'הייסט די אוממיטעלבארע דענקונגס־פעהיגקייט פון מענשען. אין טעאלאגיע — דאס אפּלייקענען אין די רעליגיעזע לעהרען און דאגמען אלץ, וואס לייגט זיך ניט אויפ'ן שכל.

ריטואל. — זאמלונג פון רעליגיעזע דינים און מנהגים, ווי דער אידישער שולחן־ערוך.

רעאביליטירען. — אומקערען צו דער פריהערדיגער לאגע, באשטעטיגען אין די פריהערדיגע רעכטען, רייגוואשען.

רעזיומירען. — ווידערהאלען אין קורצען, מאכען דעם סך־הכל.

רעוויזיאניזם. — א טייל פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פּארטיי (באזונדערס אין דויטשלאנד). וואס טרעט ארויס געגען דער אנגענומענער פּראגראם און טאקטיק פון דער פּארטיי. די רעוויזיאניסטען האלטען, אז די סאציאלע ארדנונג קען פארווירקליכט ווערען ניט דורך א סאציאלער רעוואלוציע, נאר שטופענווייז דורך סאציאלע רעפארמען.

רעלאטיוו. — ניט אבסאלוט, וואס עס עקזיסטירט ניט אן און פאר זיך, וואס הענגט אפּ פון עפּעס, וואס באציהט זיך אויף עפּעס, וואס האט א שייכות צו עפּעס, וואס ווערט באטראכט אין שייכות מיט אן אנדער זאך.

רענעסאנס. — די אויפלעבונג פון דער

קלאַסישער קולטור פון אַלטערטום. די עפּאָכע אין דער געשיכטע פון די אייראָפּעאישע פעל־קער, וועלכע ליגט צווישען מיטעלאַלטער און דער נייער צייט (אומגעפעהר דער 15טער און 16טער יאָהרהונדערט). דיזע צייט כאַראַק־טעריזירט זיך מיט אַ זעלטענער אויפבליהונג פון ליטעראַטור און קונסט.

רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי. — די פּאָלי־טישע פּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטען, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין יאָהר 1854 מיט דעם הויפּט־צוועק ניט צו דערלאָזען די פאַרשפּרייטונג פון דער נעגער־שקלאַפעריי אין די טעריטאָריעס. אין היינטיגער צייט איז איינע פון די הערשענדע פּאַרטייען און פאַרטרעט איבערהויפּט די אינטערעסען פון גרויס־קאַפּיטאַל.

רעפערענדום. — די אַלגעמיינע אָפּשטי־מונג פון פאָלק וועגען אַ געוויסען געזעץ אָדער תקנה, וואָס איז פריהער אָנגענומען געוואָרען פון די געזעצגעבערישע קערפּער־שאַפטען. אין דער שווייץ און אין אייניגע שטאַטען פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע קען קיין וויכטיגער געזעץ ניט האָבען קיין מאַכט, אויב ער ווערט ניט אָנגע־נומען דורך אַ רעפערענדום.

ש.

שטייערען. — טאַקסע, די צאָלונגען וואָס ווערען אַרויפגעליגט אויף יעדען איינוואוי־נער פון לאַנד צו דעקען די הוצאות פון דער מלוכה אָדער פון דער געמיינדע. שטייערען זיינען פאַראַן צווייערליי: **דירעקטע** און **אינדירעקטע**. „דירעקטע" היי־סען אַזעלכע שטייערען, וועלכע ווערן דירעקט גענומען פון פּערזאָן, פון די איינקינפטע אָדער פון פאַרמעגען (ווי די שטייערען, וואָס ווערען אַרויפגעליגט אויף ערד־אייגענטום, אויף הייזער, אויף יעהרליכע איינקינפטע, אויף ירושות א. אַז. וו.). „אינדירעקטע" הייסען אַזעלכע שטייערען, וואָס ווערען אַרויפגעליגט אויף דער פּראָדוקציאָן און פאַרקויף פון געוויסע סחורות און די איינ־וואוינער צאָלען דיזען שטייער אינ'ם פּרייז פון דער סחורה (ווי למשל, פאַרשידענע **אַקציזען**, צאָלונגען אויף אויסלענדי־שע וואַרען און אַז. וו.).

ווי אַזוי אַראָפּצוברענגען קרובים אין אַמעריקא

די וויכטיגסטע פּונקטען פון דעם אימיגראַציאָנס געזעץ פאַרעפענטליכט פון דעם יונייטעד סטייטס דעפּאַרטמענט אָוו אימיגריישאָן.

1) אימיגראַנטען.

אַן עמיגראַנט, וועלכער וויל פאָהרען נאָך אַמעריקע, מוז זיך פּערזענליך ווענדען צום אַמעריקאַנער קאָנסול אין ראַיאָן, וואו ער וואוינט צו קריגען אַן אימיגראַציע־וויזע, וואָס ער מוז אָפּגעבען צו די אימיגראַציע־אינספּעקטאָרען אין דעם אַמעריקאַנער האַפען וואו ער קומט אָן. בלויז אַ באַשרענקטע צאָל אימיגראַציע־וויזעס קענען אַרויסגעגעבען ווערען פון אַמעריקאַנער קאָנסולען צו אי־מיגראַנטען פון יעדער נאַציאָנאַליטעט. די נאַ־ציאָנאַליטעט פאַר דיזען צוועק ווערט באַ־שטימט לויט'ן לאַנד, וואו דער עמיגראַנט איז געבאָרען געוואָרען, אָהן אונטערשיד אין וועלכען לאַנד ער איז בירגער אָדער אַן אונ־טערטאַן. אַ יערליכע קוואָטא איז באַשטימט פאַר יעדער נאַציאָנאַליטעט, און ניט מעהר ווי 10 פּראָצ. אימיגראַציע־וויזעס פון דער יערליכער קוואָטא פאַר יעדער נאַציאָנאַליטעט קענען אַרויסגעגעבען ווערען פון די קאָנ־סולס אין אירגענד וועלכען קאַלענדאַר מאָנאַט.

2) וועלכע אימיגראַנטען זיינען פריי פון דער קוואָטאַ.

אימיגראַציע־וויזעס, וואָס זיינען ניט באַ־שרענקט דורך דער קוואָטא, קענען אַרויסגע־געבען ווערען פון אַמעריקאַנער קאָנסולען צו:

א) אַן אימיגראַנט, וואָס איז דאָס אומ־פאַרהייראַטע קינד, אונטער 18 יאָהר אַלט, אָדער די ווייב פון אַן אַמעריקאַנער בירגער, וועלכער וואוינט אין די פאַראייניגטע שטאַ־טען און האָט דערלאַנגט אַ פּעטיציע אין

דער אימיגראַציע־ביוראָ פאַר אַזאַ וויזע (זעהט פאַראַגראַף 3).

ב) אַן אימיגראַנט, וועלכער איז פריהער אריינגעלאָזען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען זיך דאָרט צו באַזעצען אויף שטענדיג און וועלכער קערט זיך אום פון אַ ציטווייליגען באַזוך אין אויסלאַנד, און וועלכער האָט פאַר זיין פאַרלאָזען די פאַראייניגטע שטאַטען ניט באַזאָרגט זיך מיט אַן ערלויבניש צוריקצוקומען (זעט פאַראַגר. 6).

ג) אַן אימיגראַנט, וועלכער איז אַ געבאָרענער פון קענעדע, ניו־פאַונדלענד, מעקסיקאָ, קיובאַ .האַיטי, דאָמיניקאַנישע רעפּובליק, קאַנעל זאָון אָדער אַן אומאָפּהענגיגע לאַנד פון צענטראַל אָדער זיד אַמעריקא, און זיין ווייב, און זיינע אומפאַרהייראַטע קינדער אונטער 18 יאָהר, וועלכע באַגלייטען איהם אָדער קומען שפּעטער צו איהם.

ד) אַן אימיגראַנט, וועלכער איז געוועזען אַ גייסטליכער (אָדער אַ רב), אָדער אַ פּראָפעסאָר פאַר צוויי יאָהר איידער ער האָט געמאַכט זיין אַפּליקאַציע אריינגעלאָזען צו ווערען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, און וועלכער וויל דאָ קומען פאָרטזעצען דיזע באַשעפטיגונג; אויך זיין ווייב און אומפאַרהייראַטע קינדער אונטער 18 יאָהר, וועלכע באַגלייטען איהם אָדער קומען שפּעטער צו איהם.

ה) אַן אימיגראַנט, וועלכער איז ווענינגסטענס 15 יאָהר אַלט און קומט אַהער ציטווייליג בלויז מיט דעם צוועק צו שטודירען אין אַ שולע, וואָס איז אָנערקענט פון דעם סעקרעטערי אָוו לייבאָר (אַרבייטס מיניסטער) פאַר אימיגראַנטען־סטודענטען.

וועלכע אימיגראַנטען קריגען אַ פאָרצוג אין דער קוואָטאַ.

אַ פאָרצוג ביים קריגען אימיגראַציע־וויזעס קאָן געגעבען ווערען פון אַמעריקאַנער קאָנסול צו:

א) אַן אימיגראַנט וועלכער איז דער פאָטער, די מוטער, דער מאַן, דאָס אומפאַרהייראַטע קינד אונטער 21 יאָהר, אָדער די ווייב, פון אַן אַמעריקאַנער בירגער 21 יאָהר אַלט אָדער עלטער, וועלכער וואוינט ניט אין די יונייטעד סטייטס און האָט דערלאַנגט אַ פּעטיציע אין דער אימיגראַציע ביוראָ פאַר אַזאַ פאָרצוג (זעהט פאַראַגראַף 3).

ב) אַן אימיגראַנט וועלכער איז אַ פאַכמאַן אין אַגריקולטור (ערד־אַרבייט), און זיין ווייב און אָפּהענגיגע קינדער אונטער 16 יאָהר.

וועלכע אימיגראַנטען דאַרפען ניט האָבען קיין אימיגראַציע וויזעס.

פאָלגענדע קלאַסען אימיגראַנטען דאַרפען ניט האָבען קיין אימיגראַציע וויזעס:

א) אימיגראַנטען וועלכע זיינען פריהער געזעצליך אַריינגעלאָזען געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען און וועלכע קומען צוריק פון אַ ציטווייליגען באַזוך פון ניט מעהר ווי זעקס מאָנאַטען נאָך קענעדע, ניו־פאונדלעד, בערמיודא, מעקסיקאָ, סט. פּיער, מיקעלאן, און די אינזלען וואָס זיינען אַריינגערעכענט אין די באַהאַמאַ און גרעיטער אנטילעס גרופּען.

ב) די וואָס האָבען ניט־אויסגעגאַנגענע ערלויבנישען צוריקצוקומען (זעהט פאַראַגראַף 6).

ג) אַ קינד וואָס איז געבאָרען געוואָרען נאָכדעם ווי דער פאָטער אָדער די מוטער וואָס באַגלייט עס האָט געקראָגען די אימיגראַציע וויזע.

ניט אימיגראַנטען.

אַן אויסלענדער וועלכער באַזוכט די פאַראייניגטע שטאַטען ציטווייליג אַלס טוריסט, אָדער ציטווייליג פאַר געשעפט אָדער פאַרגעניגען, אָדער אַלס דורכרייזענדער, ווערט קלאַסיפיצירט אַלס ניט־עמיגראַנט.

ניט אימיגראַנטען דאַרפען ניט האָבען קיין אימיגראַציע וויזעס, אָבער זיי דאַרפען זיך מעלדען צום אַמעריקאַנער קאָנסול.

בירגער פון קענעדע, ניו־פאונדלענד, בערמודא, די באַהאַמאַס, און ענגלישע באַזיצונגען אין די גרעיטער אַנטילעס אינזלען, אָדער בירגער פון סט. פּיער אָדער מיקעלאָן, אָדער פראַנצויזישע בירגער וועלכע וואוינען דאָרט; אָדער בירגער פון מעקסיקאָ, קיובא, סאַנטאָ דאָמינגאָ, אָדער האַאיטי, אויב זיי זיינען ניט אויסגעשלאָסען צוליב אַנדערע אורזאַכען, קאָנען אריינקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען ציטווייליג אָהן אירגענד וועלכע דאָקומענטען.

אַ פּערזאָן וועלכע קומט נאָך אַמעריקא ציטווייליג פאַר געשעפט אָדער פאַרגעניגען קען אַריינגעלאָזען ווערען פאַר אַ באַשטימטער פּעריאָדע, די לענג פון וועלכער איז אָפּהענגיג אָן יעדען פאַל באַזונדער, אונטער דער באַדינגונג אַז דער אויסלענדער וועט אָנהאַלטען אַ ניט־אימיגראַנט שטאַנד און וועט פריוויליג

אַפּפאָהרען ווען עס ענדיגט זיך די פּעריאָדע פאַר וועלכער ער איז דאָ אריינגעלאָזען געוואָרען.

אַפּליקאַציעס צו פאַרלענגערען די פּעריאָדע פאַר וועלכער אן אויסלענדער איז ערלויבט געוואָרען דאָ צו זיין צייטווייליג, קענען געמאַכט ווערען אויף צוגעגרייטע פאָרמעס (פאָרמע 639), אונטער אַ שבועה, ביי דעם באַאַמטען וואָס האָט די אויפזיכט אויף דעם אָריגינעלען האַפען דורך וועלכען דער אויסלענדער איז אריינגעקומען אהער, ניט מעהר ווי 30 טעג און ניט ווייניגער ווי 15 טעג בעפאָר די צייטווייליגע ערלויבניש ענדיגט זיך.

וואו דעם אויסלענדער'ס שטאַנד אַלס ניט־אימיגראַנט איז אין צווייפעל, קען פאַרלאַנגט ווערען אַ באַנד (אן ערבות) אויף דער סומע פון 500 דאָלאַר פאַר זיין צייטווייליגען אריינלאָז אָדער פאַר דער פאַרלענגערונג דערפון.

אן אויסלענדער וועלכער קומט אַלס ניט־אימיגראַנט קען ניט פאַרבלייבען אין די פאַראייניגטע שטאַטען אויף שטענדיג אָדער מעהר ווי ביז די צייט ווען ער ענדערט זיין ניט־אימיגראַנט שטאַנד. צו קענען אריינגעלאָזען ווערען דאָ אויף שטענדיג מוז אַ ניט־אימיגראַנט אַפּפאָהרען נאָך אן אַנדער לאַנד און דאָרטען באַקומען אן אימיגראַציע וויזע פון אן אַמעריקאַנער קאָנסול אַלס אן אימיגראַנט.

3) פּעטיציעס פון אַמעריקאַנער בירגער ארויסצוגעבען אימיגראַציע וויזעס צו געוויסע קלאַסען קרובים.

אן אַמעריקאַנער בירגער, וועלכער וואוינט אין די פאַראייניגטע שטאַטען קאָן דערלאַנגען אַ פּעטיציע צום קאָמישאָנער דזשענעראַל פון אימיגריישאַן (הויפּט אימיגראַציע קאָמישאָנער), אויף פאָרמעס וואָס וועלען צוגעשיקט ווערען אויף'ן פאַרלאַנג, ארויסצוגעבען אן אימיגראַציע וויזע ניט אויף דעם חשבון פון דער קוואָטאָ, צו זיין ווייב; אָדער אן אַמעריקאַנער בירגער (מאַן אָדער פרוי) קען דערלאַנגען אַזאַ פּעטיציע ארויסצוגעבען אַ קוואָטאָ־פרייע אימיגראַציע וויזע צו זיינע (אָדער איהרע) אומפאַרהייראַטע קינדער אונטער 18 יאָהר.

אן אַמעריקאַנער בירגער (מאַן אָדער פרוי) איבער 21 יאָהר אַלט, קען דערלאַנגען אַזאַ פּעטיציע צום קאָמישאָנער דזשענעראַל פון אימיגריישאַן ארויסצוגעבען אַ פּאָרצוגליכע אימיגראַציע וויזע צו זיין (אָדער איהר) פאָטער, מוטער, אומפאַרהייראַטעס קינד אונטער 21 יאָהר, ווייב אָדער מאַן.

אן אַמעריקאַנער בירגער וועלכער וויל פאָהרען נאָך אויסלאַנד הייראַטען זיין אויסלענדישע כלה, קען פאַר זיין אַפּפאָהרען דערלאַנגען אַ פּעטיציע, אַנגעבענדיג דעם פּלאַץ פון דער ערוואַרטעטער חתונה, און דעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט וואו זיין ווייב וועט זיך ווענדען נאָך אַ קוואָטאָ־פרייע אימיגראַציע וויזע. באַווייזען פון דער חתונה מוזען צוגעשטעלט ווערען צום קאָנסול. אַזעלכע פּעטיציעס קענען ניט דערלאַנגט ווערען סיידען דער בירגער פּלאַנט צו פאָהרען נאָך אויסלאַנד מיט דעם צוועק צו הייראַטען.

אַ בירגער קען דערלאַנגען אַזאַ פּעטיציע פאַר זיין אַדאָפּטירטען פאָטער, מוטער אָדער קינד נאָר דאַן ווען די אַדאָפּטירונג איז פאָרגעקומען בעפאָר דעם 1טען יאַנואַר, 1914. שטיף־עלטערען אָדער שטיף־קינדער ווערען ניט אריינגערעכענט אין די פריהער־דערמאָנטע קלאַסען. אַ בירגער קען ניט דערלאַנגען אַ פּעטיציע פאַר אן אימיגראַציע וויזע צו זיין (אָדער איהר) שוועער אָדער שוויגער.

אויסלענדישע איינוואוינער אין די פאַראייניגטע שטאַטען, כאָטש זיי האָבען ארויסגענומען זייערע „ערשטע פּייפּערס", קענען ניט קריגען אַ קוואָטאָ־פרייע אימיגראַציע וויזע אָדער אַ פאָרצוג אין דער קוואָטאָ פאַר זייערע קרובים, און פּעטיציעס פון אַזעלכע פּערזאָנען קענען ניט אויפגענומען ווערען.

4) אויסגעשלאָסענע קלאַסען.

פאָלגענדע קלאַסען אויסלענדער זיינען אויסגעשלאָסען פון אריינגעלאָזען ווערען אין די פאַראייניגטע שטאַטען:

אידיאָטען, פאַרשטאַנד־שוואַכע, שוואַכזיניגע, עפּילעפּטיקער (וואָס ליידען פון די פאַליגע, חולי נופלים), משוגעים אָדער אַזעלכע וואָס האָבען ווען עס איז געליטען פון משוגעת, פּערזאָנען פון קערפּערליכען פּסיכאָפּאַטישען נידריגען שטאַנד, פּערזאָנען וואָס ליידען פון כראָנישען אַלקאָהאָליזם (שיכרות), בעטלערס, פּראָפעסיאָנעלע שנאָרערס, היימלאָזע פּערזאָנען וועלכע ליידען פון שווינדזוכט אין אירגענד וועלכע פאָרמע אָדער פון אַ העסליכע אָדער געפעהרליכע אַנשטעקענדיגע קראַנקהייט, פּערזאָנען וועלכע ווערען באַשטעטיגט פון די עקזאַמינירענדע דאָקטוירים אַלס גייסטיג אָדער פיזיש געפעהלערטע, און דער פיזישער פעהלער איז פון אַזאַ מאַרט וואָס קען שטערען דעם

אימיגראַנט צו מאַכען אַ לעבען, פּערזאָנען וועלכע זיינען פאַראורטיילט געוואָרען פאַר אַ פאַרברעכען אָדער וועלכע גיבען צו אַז זיי זיינען באַגאַנגען אַ פאַרברעכען וואָס קומט פון מאָראַלישער געזונקענקייט, פּאָליגאַמיסטען (וועלכע האָבען מעהר ווי איין ווייב), אָדער פּערזאָנען וועלכע פּראַקטיצירען, גלויבען, אָדער אַגיטירען פאַר פּאָליגאַמי, אַנאַרכיסטען און עהנליכע קלאַסען, אוממאָראַלישע פּערזאָנען און פּערזאָנען וועלכע קומען פאַר אוממאָראַלישע צוועקען, קאָנטראַקט אַרבייטער, פּערזאָנען וועלכע קענען פאַלען צו לאַסט אויף דער געזעלשאַפט, פּערזאָנען וועלכע ווילען אַריינקומען אַהער אין פאַרלויף פון אַ יאָהר זינט זיי זיינען אויסגעשלאָסען אָדער צוריקגעשיקט געוואָרען, פּערזאָנען וועמעס שיפסקאַרטע אָדער רייזע איז באַצאָהלט געוואָרען מיט דאָס געלד פון אַן אַנדערען, אָדער וועלכע ווערען געהאָלפען פון אַנדערע צו קומען אַהער, סיידען עס ווערט איבערצייגענד באַוויזען אַז אַזעלכע פּערזאָנען באַלאַנגען ניט צו איינע פון די דערמאָנטע אויסגעשלאָסענע קלאַסען, פּערזאָנען וועמעס שיפסקאַרטע אָדער רייזע איז באַצאָהלט געוואָרען פון אירגענד וועלכער קאָרפּאָראַציע, געזעלשאַפט, חברה, שטאָדט אָדער אויסלענדישע רעגירונג, סאַי דירעקט און סאַי אינדירעקט, „בלינדע פּאַסאַזשירען" (אַזעלכע וואָס גנב'ענען זיך אַרויף אויף אַ שיף), קינדער אונטער 16 יאָהר וועלכע זיינען אומבאַגלייט און פאָהרען ניט צו אַ פאָטער אָדער מוטער אָדער צו זיי ביידען, פּערזאָנען וועלכע זיינען איינגעבאָרענע פון אַ געוויסע געאָגראַפיש באַשטימטע טעריטאָריע (אַזיאַטען), פּערזאָנען איבער 16 יאָהר וועלכע קענען ניט לעזען (אידיש און העברעאיש זיינען אַנערקענט אַלס שפּראַכען פאַר דיזען צוועק). געוויסע אויסלענדער וועלכע קומען צוזאַמען מיט אַן אַנדער אימיגראַנט (וועלכער ווערט ניט אַריינגעלאָזען אַהער און קאַן ניט צוריקפאָהרען אַהן דעם באַגלייטער). פּערזאָנען וועלכע ווילען קומען פון מעקסיקאָ אין פאַרלויף פון 2 יאָהר זינט זיי זיינען אַנגעקומען אַהין אויף געוויסע שיפס־ליניעס, אויסלענדער וועלכע קאָנען ניט ווערען אַמעריקאַנער בירגער, און אויסלענדער וועלכע זיינען ניט נאָכגעקומען די וויזע־פאָדערונגען.

די פראַגע פון אַריינלאָזען אַן אויסלענדער וועלכער ליידט פון אַ מעהר אָדער ווייניגער ערנסטען פעהלער, אַזוי ווי אַ בלינדער אויף איין אויג, אַזעלכער וועמען עס פעהלט אַ טייל פון אַ גליד, אַ טויבער, אַ שטומער, קען ניט באַשטימט ווערען איידער דער אימיגראַנט קומט אָן אין האַפען. פיזישע פעהלערען זיינען ניט אָן און פאַר זיך אַ גענוגענדער גרונד צו שטעלען דעם אימיגראַנט אין די אויסגעשלאָסענע קלאַסען, און ווערען באַטראַכט אין פאַרבינדונג מיט זיין באַשעפטיגונג און די מעגליכקייט אַז ער זאָל דורך דעם פאַלען צו לאַסט אויף דער געזעלשאַפט. עס ווענדעט זיך אָן די שיפס קאָמפּאַניעס אויב אַזעלכע אויסלענדער זאָלען אַרויפגענומען ווערען אויף די שיפען, אָבער די שיפס קאָמפּאַניס זיינען אונטערוואָרפען צו שטראָף פאַר ברענגען אַהער אויסלענדער וואָס געהערען צו געוויסע אויסגעשלאָסענע קלאַסען.

אַפידייוויטס אָדער אַנדערע באַווייזע אין פאַרבינדונג מיט דעם פאַל פון ערוואַרטעטע אימיגראַנטען דאַרפען ניט צוגעשטעלט ווערען צו דער אימיגראַציע ביוראָ אָדער צום לעיבאָר דעפּאַרטמענט, נאָר צום עמיגראַנט אַליין כדי ער זאָל זיי האָבען אין זיין באַזיץ אין דער צייט ווען ער ווענדעט זיך נאָך אַ וויזע און ווערט עקזאַמינירט פון די אימיגראַציע באַאַמטע אין דעם האַפען וואו ער קומט אַן.

עס איז ניט באַשטימט וויפיל געלד אַן אימיגראַנט מוז האָבען כדי אַריינגעלאָזען צו ווערען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, אָבער ער דאַרף באַזיצען גענוג געלד צום באַפרידיגען זיינע מעסיגע באַדערפניסע און די יעניגע וועלכע פאָהרען מיט איהם און זיינען אָנגעוויזען אויף איהם ביז דער צייט ווען ער קען וואַהרשיינליך קריגען באַשעפטיגונג; אויך, ווען ער פאָהרט נאָך אַן אַנדער שטאָדט ווי די האַפען־שטאָדט אין וועלכע ער איז אָנגעקומען. מוז ער האָבען אַ באַהן־בילעט אַהין אָדער גענוג געלד עס צו קויפען. מיט געוויסע אויסנאַהמען, מוזען אימיגראַנטען וועלכע ווערען אַריינגעלאָזען אין די פאַראייניגטע שטאַטען צאָהלען אַ קאָפּ־שטייער פון 8 דאָלאַר.

5) אַפּילס און רע־אַפּליקאַציעס.

א) דאָס געזעץ באַשטימט אַז יעדער אויסלענדער וועלכער זעהט ניט אויס ביים עקזאַמינירענדען אינספּעקטאָר צו זיין „זיכער און אָהן צווייפעל" באַרעכטיגט אַריינצוקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען זאָל פאַרהאַלטען ווערען צו אַ פאַרהער פאַר אַ „באָארד אָוו ספּעשעל אינקוואירי" (קאָמיסיע פאַר ספּעציעלע נאָכ־

פאַרשונג). דיזע „באָארד“ קען אַריינלאָזען אָדער אויסשליסען דעם פאַרהאַלטענעם אויסלענדער, אָבער אויב ער ווערט אויסגעשלאָסען ווערט ער אין געוויסע פעלע אויפמערקזאַם געמאַכט אַז ער האָט אַ רעכט צו אַפּעלירען צום סעקרעטערי אָוו לעיבאָר (אַרבייטס מיניסטער). קיין אַפּיל קען ניט געמאַכט ווערען וואו די ענטשיידונג פון אַ באָארד אָוו ספּעשעל אינקוואַירי, געבויט אויף דער באַשטעטיגונג פון דעם עקזאַמינירענדען דאָקטאָר, ווייזט צוריק אַן אויסלענדער דערפאַר וואָס ער ליידט פון שווינדזוכט אין אירגענד וועלכע פאָרמע, אָדער אַ העסליכע אָנשטעקענדע אָדער געפעהרליכע אָנשטעקענדע קראַנקהייט, אָדער איז אַן אידיאָט, אַ שוואַכזיניגער, אַן עפּילעפּטיקער, אָדער משוגע, אָדער גייסטיג־שוואַך, אָדער זיין קערפּערליכער פּסיכאָפּאַטישער צושטאַנד איז אַ נידריגער, אָדער ער ליידעט פון אַ גייסטיגען פעהלער, אָדער ער איז אַ כראָנישער שיכור. אויב אַן אַפּיל ווערט געמאַכט און אָנגענומען, ווערט די צוריקשיקונג אָפּגעהאַלטען און דער פאָלשטענדיגער רעקאָרד ווערט איבערגעשיקט צום סעקרעטערי אָוו לעיבאָר פאר אַן איבערזיכט און ענטשיידונג. אַזעלכע אַפּילס מוזען געמאַכט ווערען אין דעם האַפען און קענען ניט אָנגענומען ווערען אויב זיי ווערען דערלאַנגט אין דער ביוראָ אָדער אין דעם דעפּאַרטמענט. דער באַאַמטער וואָס האָט די אויפזיכט איבער דעם האַפען קען זיך אַנטזאַגען אָנצונעמען אַן אַפּיל וואָס ווערט געמאַכט פון דעם אויסלענדער (אָדער אירגענד וועלכע אָרגאַניזאַציע, לאָיער (אַדוואָקאַט), קרוב, פריינד, מיט זיין וויסען און צושטימונג) מעהר ווי 48 שטונדען נאָכדעם ווי ער ווערט אויסגעשלאָסען דורך דער „באָארד“, אָדער אויב דער אויסלענדער איז שוין אַוועקגעפיהרט געוואָרען פון דער אימיגראַציע סטאַנציע פאַר צוריקשיקונג. די אימיגראַציע געזעצען ערלויבען ניט צו געבען אַ „באַנד“ (ערבות) אָדער אַן אַנדער גאַראַנטיע איידער דער אַפּיל גרייכט דעם סעקרעטערי אָוו לעיבאָר, און דער אויסלענדער קען ניט באַפרייט ווערען אונטער באָנדס אָדער אויף אַן אַנדער אופן איידער דער סעקרעטערי גיט אַרויס די ענטשיידונג.

ב) אויסלענדער וועלכע ווערען אויסגעשלאָסען אָדער צוריקגעשיקט אונטער די אימיגראַציע געזעצע איז פאַרבאָטען צו מאַכען אַ נייע אַפּליקאַציע אַריינגעלאָזען צו ווערען אין לאַנד אין פאַרלויף פון אַ יאָהר נאָך זייער אויסשליסונג אָדער צוריקשיקונג, סיידען אַן ערלויבעניש צו מאַכען אַ נייע אַפּליקאַציע איז געקראָגען געוואָרען דורך אַן אַפּליקאַציע צום סעקרעטערי אָוו לעיבאָר וואָס איז דערלאַנגט געוואָרען צום באַאַמטען וועלכער האָט די אויפזיכט איבער דעם האַפען אין וועלכען די אויסשליסונג אָדער צוריקשיקונג איז פאָרגעקומען. פערזאָנען וועלכע זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרן בלויז אַלס באַגלייטער פון אַנדערע צוריקגעשיקטע אויסלענדער, אָדער בלויז ווייל זיי זיינען געקומען אָהן געהעריגע וויזעס, אָדער ווייל זיי זיינען אונטער 16 יאָהר און געקומען אָהן באַגלייטער קענען מאַכען נייע אַפּליקאַציעס אין פאַרלויף פון יאָהר אָהן די אויסדריקליכע ערלויבניש פון דעם סעקרעטאר, אָבער אין דעם לעצט־דערמאָנטען פאַל (וועגען קינדער) מוז די אַפּליקאַציע געמאַכט ווערען ווען זיי זיינען איבער 16 יאָהר, אָדער באַגלייט פון פאָטער אָדער מוטער.

6) ערלויבניש צוריקצוקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

אַן אויסלענדער וואָס וואוינט אין אַמעריקא און פּלאַנט אַ ציוטוויליגען באַזוך אין אויסלאַנד, און וועלכער איז אין דער צייט פון זיין קומען אַהער אַריינגעלאָזען געוואָרען זיך דאָ צו באַזעצען אויף שטענדיג, קען בעפאָר זיין אָפּפאָהרען נאָך אויסלאַנד, מאַכען אַן אַפּליקאַציע אויף אַ צוגעגרייטע פאָרמע (פאָרמע 631) צום קאָמישאָנער דזשענעראַל אָוו אימיגריישאָן (הויפּט אימיגראַציע־קאָמיסאַר) פאַר אַן ערלויבניש צוריק צוקומען. אַזאַ ערלויבניש האָט ניט קיין ווירקונג אויף די אימיגראַציע געזעצע, אויסער צו צייגען אַז דער אויסלענדער וואָס באַזיצט עס קעהרט זיך אום פון אַ ציוטוויליגען באַזוך אין אויסלאַנד. אַזאַ ערלויבניש מאַכט ניט מעגליך צוריק אַריינצולאָזען אַן אויסלענדער וועלכער איז אויסדריקליך אויסגעשלאָסען דורכ׳ן געזעץ.

ערלויבנישען זיינען אין קראַפט פאַר אַ יאָהר, אָבער קענען פאַרלענגערט ווערען. 3 דאָלאַר ווערט גערעכענט פאַר דער ערלויבניש און פאַר יעדער ווייטערער פאַרלענגערונג דערפון.

דער ריכטיגער באַזיצער פון אַ ניט־אויסגעגאַנגענע ערלויבניש צוריקצוקומען נויטיגט זיך ניט אין אַן אימיגראַציע וויזע פון אַן אַמעריקאַנער קאָנסול ביים צוריקקעהרען זיך

7) דערקענונגס קארטען ביי גרעננעצען.

אויסלענדער און בירגער וועלכע וואוינען אויף אירגענד וועלכע זייט פון אן אינטערנאציאנאלע גרענעץ וועלכער זיי דארפען אפט אריבערגעהן פאר געזעצליכע אנגעלעגענהייטען, קענען זיך ווענדען צום אימיגראציע באאמטען וואס האט די אויפזיכט איבער דעם אינטעריטס־האפען, צו באקומען א דערקענונגס־קארט. דאס ארויסגעבען א דערקענונגס־קארט איז אפהענגיג אן דעם ווילען פון דעם אימיגראציע באאמטען און אזא קארטע קען צוגענומען ווערען אדער בטל געמאכט ווערען צו יעדער צייט.

די אפילס וועלכע זיינען אויבען דערמאנט געווארען ווענען פארהאלטענע אידישע אימיגראנטען ווערען געמאכט דורך דער הכנסת אורחים און אימיגראנט עיד סאסייעטי (האיאס), וועלכע האט א ספעציעלע ביורא אויף עליס איילאנד, און אפיסעס אין אנדערע האפען־שטעדט פון לאנד. די אפילס ווערען אין וואשינגטאן פארטיידיגט דורך לאיער איזידאר הירשפיעלד, וואשינגטאנער פארטרעטער פון האיאס.

די פארשידענע אפידייוויטס און פעטיציעס פון אמעריקאנער קרובים וואס זיינען דא דערמאנט געווארען ווערען אויסגעפיהלט אין אפיס פון האיאס, 425 לאפאיעט סטריט, נעבען אסטאר פליים, ניו יארק, און אויך אין די אפיסעס פון האיאס אין פילאדעלפיא, באסטאן, באלטימאר, שיקאגא, סאן פראנציסקא און סיאטעל.

מעהר אינפארמאציע.

די יעניגע, וואס ווילען מעהר אינפארמאציע ווענען דעם נייעם געזעץ קענען זיך ווענדען פערזענליך אדער שריפטליך אין אפיס פון האיאס.

די נאטשורעליזיישאן אייד ליעג

די נאטשורעליזיישאן אייד ליעג איז געגרינדעט געווארען אין 1909 מיט דעם צוועק צו מאכען אונזערע אימיגראנטען פאר בירגער.

די ליעג באשטעהט פון פראגרעסיווע ארגאניזאציעס און יוניאנס. צווישען אנדערע זיינען אין איהר פארטראטען: די סאציאליסטישע פארטיי, די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן, די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, די אמאלגאמייטעד קלאדינג וואירקערס אוו אמעריקא, דער ארבייטער רינג, „פארווערטס" אסס'ן, וואומענס טרייד יוניאן ליעג, קאנסיומערס ליעג, מאטהערס קלאבס און אז. וו.

די „ליעג" נעמט ניט קיין געלט פון קיין קאנדידאטען. אלעס ווערט געטאן פריי. זעהט דאס אייער ארגאניזאציע זאל שטיצען די „ליעג" או שטיצט איהר זי אויך. פאטראניזירט די אונטערנעהמונגען וואס די „נאטשורעליזיישאן אייד ליעג" ארראנזשירט.

הויפט־אפיס:

„פארווערטס" בילדינג, 175 איסט בראדוויי, ניו יארק

בראנטשעס אין הארלעם, ברוקלין, בראנזוויל און בראנקס.

דירעקטארי פון ארבייטער רינג ברענטשעס

ברענטש 1 — געגרינדעט אין 1892 מיט 18 מיטגלידער, צעהלט איצט 261. מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג. טשערמאן: ב. ביקעלסבערג; סעקרעטאר: סאל. נעזין, 720 טינטאן עוועניו.

ברענטש 3 ארבייטער רינג — געגרינדעט דעם 3טען דזשון, 1899, מיט 15 מיטגלידער, צעהלט איצט 650. מיטעט אין 76 טרופ עוועניו, ברוקלין, נ. י. סעקרעטאר: א. טעפפער, 226 טרופ עוועניו.

ברענטש 4, ברוקלין, ניו יארק — געגרינדעט אין 1900 מיט 70 מיטגלידער, צעהלט איצט 750. מיטעט יעדען מיטוואך אין 76 טרופ עוועניו. טשערמאן: פ. סמיט, 78 איסט 7טע סטריט; סעקרעטאר: מ. שולמאן, 418 ניו יארק עוועניו.

ברענטש 6 ארבייטער רינג. — געגרינדעט אין 1901 מיט 28 מיטגלידער, צעהלט איצט 348 מיטגלידער. סעקרעטאר: ס. יעלין, 190 בראדוויי, ברוקלין. מיטעט יעדען פרייטאג אווענד אין 76 טרופ עוועניו, בוקלין, נ. י.

ברענטש 11 ארבייטער רינג — געגרינדעט אין יאהר 1900. צעהלט 366 מיטגלידער. מיטעט אין 219 סעקמאן סטריט, לייבאר ליסעאום, בראנזוויל. סעקרעטאר: ישראל קריפפע, 350 קריסטאפער עוועניו, ברוקלין; רעק.-סעק.: וויליאם בלאי, 859 קעלי סטריט, בראנקס, נ. י.

וולאדימיר מעדעם ברענטש 14 ארב. רינג, פילאדעלפיא — געגרינדעט 3טען אפריל, 1926 מיט 70 מעמבערס. צעהלט איצט 282. טשערמאן מ. שאפירא, 1916 נארד מארשאל סטריט. סעקרעטאר ה. דארדיק, 2419 נארט נאטראנא סטריט, מיטעט יעדען 2טען און 4טען זונטאג אין מאנאט, אין 810 אקום סטריט, פילאדעלפיא.

ברענטש 41 ארבייטער רינג, נעשוויל, טענעסי — געגרינדעט דעם 5טען אפריל, 1924. האט איצט 52 מיטגלידער. טשערמאן דזש. א. סלוצקי, 729 אכטע עוועניו סאוט; סעקרעטאר: וו. מאגיד, 306 צוועלפטע עוועניו סאוט. מיטעט אין דער געביידע פון יאנג מענס היברו אסאסיאיישאן.

ברענטש 17 ארבייטער רינג, ניו הייווען, קאנג. — געגרינדעט דעם 8טען דעצעמבער, 1901, מיט 20 מיטגלידער. צעהלט איצט 174 מיטגלידער. מיטעט דעם 2טען און 4טען פרייטאג, אין ארבייטער רינג בילדונגס סענטער, 438 אאק סט., ניו הייווען, קאנג. סעקרעטאר: מארים רויז, 23 טשוירטש סטריט; רעק-סעק., איזראעל עדעלמאן, 72 יארק סטריט, ניו הייווען, קאנג.

ברענטש 23, נוארק, נ. דזש. — געגרינדעט אין 1903 מיט 15 מיטגלידער, צעהלט איצט 384. מיטעט יעדע צווייטע וואכען, מיטוואך, אין אינסטיטוט. טשערמאן: י. אלפערט, 177 נאי עוועניו; סעקרעטאר: ב. לעוויט, 963 בערגען סטריט.

קיעווער רעוו. ברענטש 25 ארבייטער רינג — מיטעט יעדען 2טען און 4טען מאנטאג אין „פארווערטס" בילדינג, און פון מאי, 197, יעדען 2טען און 4טען פרייטאג, אין 151 קלינטאן סטריט. געגרינדעט מיט 25 מעמבערס, צעהלט איצט 220 מעמבערס. סעקרעטאר: פ. דובראוויץ, 1863 קוני איילענד עוו., ברוקלין; רעק. סעקרעטאר: דזשייקאב פאדעל, 3941 קארפענטער עוועניו, בראנקס, נ. י.

ברענטש 26, וואטערבורי, קאנ. — צעהלט 128 מיטגלידער. מיטעט יעדען 1טען און 3טען דאנערשטאג אין מאנאט. טשערמאן: מ. פיין, 33 ספארק סטריט; ר. קיוועלסאן, 31 קינסבורי סט.

ברענטש 38, ניו יארק — געגרינדעט אין 1903 מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 100. מיטעט יעדען צווייטען אין 4טען שבת אין 75 איסט 116טע סטריט, נ. י. טשערמאן: ערוועהלט ביי יעדען מיטינג; סעקרעטאר: ס. יעלין, 190 בראד-וויי, ברוקלין.

ברענטש 45, פיטסבורג, פא. — געגרינדעט דעם 17טען יאנואר, 1904, צעהלט איצט 500 מיטגלידער. מיטעט יעדען דאנערשטאג אווענט אין ליבאר ליטעאום, 35 מיללער סטריט. צאלט 4 דאלאר א וואך עקסטרא סיק-בענעפיט, אדער 12 דאל. סיק-בענעפיט צוזאמען מיט די דזשענעראל סיק-בענעפיט. אן אייגענע סעמעטערי. סעקרעטאר: בייטען מאלין, 3343 מילוואקי סט.

ברענטש 49 ארבייטער רינג, ניו יארק — געגרינדעט אין 1904. האט איצט 275 מיטגלידער. מיטעט דעם לעצטען מיטוואך אין מאנאט, אין „פארווערטס" בילדינג. טשערמאן: מ. העסקעל, „פארווערטס" בילדינג, סעקרעטאר: ב. פרישוואסער, 1242 איסט ניו יארק עוועניו, ברוקלין, נ. י.

סלאנימער רוזשאנויער ברענטש 52, נ. י. — געגרינדעט דעם 14טען פעברואר, 1904 מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 502. מיטעט יעדען צווייטען און פערטען פרייטאג אין מאנאט אין 77 דילענסי סט., רום 12. טשערמאן: דזשייקאב בענקין, 29 וועסט 15טע סטריט, נ. י.; סעקרעטאר: מאקס גראדענטשיק, 1820 בעלמאנט עוועניו, בראנקס, נ. י.

ברענטש 59 ארבייטער רינג. — געגרינדעט מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 200.

דווינסקער „בונד" בר. 75, ניו יארק — געגרינדעט דעם 22טען יוני, 1904, מיט 22 מיטגלידער, צעהלט איצט 275. מיטעט אין 175 איסט בראדוויי. צאלט יעהרליכע בייטראגע צום „בונד"; צאלט 4 און 8 דאלאר א וואך עקסטרע קראנקען-שטיצע. האט אן אויסלייהונגס-קאסע. טשערמאן: ס. וואלאס, 335 קרימינס עוו., בראנקס, נ. י.; סעקרעטאר: י. מילער, 277 נאסטראנד עוועניו, ברוקלין, נ. י.

ברענטש 60, סט. לואיס, מיזורי — געגרינדעט דעם 4טען יאנואר, 1904, מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 90. מיטעט יעדען 1טען און 3טען מיטוואך אין 5014 קייטס. סעקרעטאר: סי. גאלדענבערג, 1940-עי בוירד עוועניו.

ברענטש 62, פאסייק, נ. דזש. — געגרינדעט אין 1904 מיט 20 מיטגלידער, צעהלט איצט 224. מיטעט יעדען צווייטען און פערטען דינסטאג אין 50 האו עוועניו. טשערמאן: נייטען קאהן, 115 האו עוועניו; סעקרעטאר: אייזיק ליבערמאן, 43 מארטהא פליים.

ברענטש 79 ארב. רינג, קליוולאנד, אהייא. — ארגאניזירט אין 1904, צעהלט איצט 305 מעטגלידער, מיטעט יעדען צווייטען דינסטאג, פינאנץ סעקרעטאר ס. יעלען, 799 ערדי ראוד. רעק. נ. יודין, האספיטעלער, מ. מילער.

מאזירער רעוואלוציאנערער בעגון ברענטש 64 ארב רינג. — געגרינדעט דזשולײ דעם 27טען, 1907 מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 260 מיטגלידער. מיטעט יעדען 1טען און 3טען שבת אין 57 סט. מארקס פל. ניו יארק. ה. בארענשטײן, סעקרעטאר, 2959 וועסט 35טע סטריט, ניו יארק.

יונגער דור בר. 85 ארבייטער רינג — געגרינדעט דעם 16טען דעצעמבער, 1904. צעהלט איצט 150 מיטגלידער. טשערמאן: ד. סמאלאף, 317 סאוט 1טע סטריט, ברוקלין, נ. י. סעקרעטאר: י. בארינבוים, 2238 יוז עוועניו, בראנקס, נ. י. מיטעט יעדען 1טען און 3טען פרייטאג, אין נעשאנאל טעאטער בילדינג, האוסטאן סטריט און 2טע עוועניו, ניו יארק.

ביאליסטאקער ראיאנער ברענטש 88 ארב. רינג. — געגרינדעט דעם 15טען פעברואר, 1905. צעהלט איצט 500 מיטגלידער, באאמטע: ל. קאהען, טשערמאן, 1068 סימפסאן סטריט, בראנקס. דזש. מ. פורמאן, סעקרעטאר, 85 יוניאן עוועניו, ברוקלין, מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג אין 151 קלינטאן סט, נ. י. נאך מאי דעם 1טען 1927, וועלען זיי מיטען אין ביאליסטאקער צענטער, 228 איסט בראדוויי, ניו יארק.

ברענטש 92 ארבייטער רינג. — געגרינדעט מאי דעם 1טען 1905 מיט 15 מיט-גלידער, צעהלט איצט 259 מיטגלידער; סעקרעטאר מאקס דייוויסאן, 3609 וואררדער סט. נארד. מיטעט אין 1006 „אי" סט. נ. וו. וואשינגטאן, ד. ק.

מינסקער פראג. בר. 99 ארבייטער רינג. — געגרינדעט אין 1906 מיט 26 מיט-גלידער, צעהלט איצט 537 מיטגלידער. טשערמאן ל. דינערשטײן, 20 איסט 112טע סטריט, סעקרעטאר ב. גאלוב 2205 ראיער עוועניו. מיטעט יעדען 1טען, 3טען און 5טען שבת אין מאנאט, אין 175 איסט בראדוויי, ניו יארק, נ. י. מיר האבען א לאאן פאנד, עמוירדזשענסי פאנד און אן אלד אײדזש פאנד.

סעקרעטאר: ה. פאגעל, 270 3טע סטריט. מיטעט אין 351 יארק סט., דזשוירזי סיטי.

וואלקאווייסקער ראיאנער ברענטש 100 ארבייטער רינג. — געגרינדעט אקטאבער דעם 6טען, 1906. צעהלט איצט 325 מיטגלידער, מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג אין „פארווערטס" האל, 175 איסט בראדוויי, נ. י. סעקרעטאר, ס. סאלאמאן, 810 עדיע עוועניו, בראנקס.

ברענטש 123 ארב. רינג, אמאהא, נעב. — געגרינדעט דעם 27טען דעצ., 1907 מיט 19 מיטגלידער, צעהלט איצט 130 מיטגלידער, סעקרעטאר ל. גיטלין, 1825 לאקוסט סטריט, האספיטעלער, דזש. ריקלין, 1610 נארט 27טע סטריט, מיטעט יעדען פרייטאג אווענד אין לײבאר לײסעאום, אמאהא, נעבראסקא.

ביאליסטאקער בר. 127 א. ר., שיקאגא — געגרינדעט אין 1907; צעהלט איצט 250 מיטגלידער. גבריאל לעווית, טשערמאן; אברהם וויינגארט סעקרעטער, 886 פעיר-2טען און 4טען פרייטאג אווענד אין הומבאלדט האל, שיקאגא, איל.

חאלפעניצער פראגרעסיוו ברענטש 133. — געגרינדעט דעם 18טען מאי, 1907 מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 230. מיטעט יעדען 2טען און 4טען שבת אין 77 דילענסי סטריט. סעקרעטאר: סעם עלענסאן, 868 איסט 172טע סטריט.

ברענטש 138 ארבייטער רינג. — געגרינדעט דעם 8טען דזשולײ, 1907, צעהלט איצט 400 מיטגלידער. טשערמאַן: מאָרים וואָלער. פינאַנס סעקרעטאַר: ב. פינגער־ברען, 2505 נ. האָלליוואוד סטריט. טרעזשורער: מאָרים ראַוויקין. רעק.־סעק.: אָסקאַר שוהאַלטער. האָספּיטאַלער: איזידאָר בעקער, 1912 נ. סטענלי סטריט. מיטעט יעדען 2טען און 4טען דאָנערשטאָג אין מאָנאַט אין 1231 נאָרט 6טע סט. פילאַדעלפיא, פּאַ.

גלובאַנער און אומגעגענד ברענטש 147 אַ. ר. — געגרינדעט אַפּריל, 1912. צעהלט איצט 164 מיטגלידער. סעקרעטאַר: ה. וויינער, 1155 אַ. 165טע סטריט. מיטעט יעדען 1טען און 3טען שבת אין „פאָרווערטס" בילדינג, ניו יאָרק, נ. י. מיר שטיצען אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס וואָס איז ניט געגען דעם גייסט פון אַ. ר. און מיר שטיצען אייגענע מעמבערס אויסער וואָס מיר צאַהלען 4 דאָלאַר קראַנקען בענעפיט, און אייניגע מעמבערס וואָס זיינען געוואָרען אונפעהיג צו אַרבייטען האָבען מיר געטריוט צו מאַכען אַ ביזנעס כדי זיי זאָלען קענען סופּאָרטען זייערע פאַמיליעס.

ארב. רינג ברענטש 169 וויניפעג, קענעדע. — געגרינדעט אין דעצעמבער, 1907, מיט 24 מיטגלידער, צעהלט איצט 114. טשערמאַן: ל. קאָהען, 378 פלאָרא עוועניו, סעקרעטאַר: ב. זאַרעצקי, 610 סטעלא עוועניו. מיטעט אין פריוהייטס טעמפּעל, יעדען צווייטען זונטאָג. וויניפעג, מאַנ.

ברענטש 173 ארבייטער רינג — געגרינדעט אין 1907 מיט 19 מיטגלידער. צעהלט איצט 120 מיטגלידער. מיטעט יעדען פרייטאָג אין לייבאָר ליסעאום, 22טען און קלארק סט., י. ריקין, האָספּיטעלער; ל. גיטלין, פינאַנס־סעקרעטאַר; ס. ליפּ, רעקאָרדינג־סעקרעטאַר.

ברענטש 207 ארבייטער רינג. — געגרינדעט דעם 28טען יולי, 1908 מיט 15 מיטגלידער. צעהלט איצט 107 מיטגלידער. טשערמאַן: מ. ראָס, 59½ וו. מיטשעל סט. סעקרעטאַר: ס. באַקער 116 פאונדרי סטריט. מיטעט יעדען 1טען און 3טען זונטאָג אין מאָנאַט, אין אַ. ר. ליסעאום 473 קעפּיטאל עוועניו, אַטלאַנטאַ דזש.

ברענטש 232 ארב. רינג, ניו הייווען, קאָנג. — געגרינדעט מיט 21 מיטגלידער, צעהלט איצט 145 מיטגלידער. טשערמאַן: א. באַלאַטין. סעקרעטאַר: ע. טאַוואַראַוו. מיטעט יעדען 1טען און 3טען פרייטאָג, אין אַרבייטער רינג קולטור סענטער, ניו הייווען. צאַהלט עקסטרא 3 דאָלאַר קראַנקען בענעפיט, שטיצט אַלע סאָציאַליסטישע און ארבייטער רינג אונטערנעמונגען.

גערשוני בר. 240, א. ר. — געגרינדעט אין 1908 מיט 25 מעמבערס; צעהלט יעצט 425 מעמבערס. טשערמאַן, דר. ס. ברעידמאַן, 9טע און וואולף סט., סעקרעטאַר, סעמול רודין, 3860 נ. 10טע סט. מיטעט יעדען 1טען און 3טען מאָנטאג אין לייבאָר אינסטיטוט, פילאַדעלפיע, פּאַ.

פּרוזינער ברענטש 244. — געגרינדעט דעם 8טען דעצעמבער, 1908. צעהלט 400 מיטגלידער. מיטעט דעם ערשטען און דריטען פרייטאָג, אין 151 קלינטאָן סט., רום 34. סעקרעטאַר: מ. דובינסקי 67 איסט 4טע סטריט.

בערדיטשעווער ברענטש 93 ! ארבייטער רינג. — געגרינדעט (אונטער בר. 245) דעצעמבער דעם 4טען, 1908 ג. צעהלט איצט 168 מיטגלידער. סעקרעטאר: דזשייקאב גארפין, 1556 האָע עוועניו, בראָנקס. מיטעט יעדען 1טען און 3טען זונטאג, אין 69 סט. מארקס פּלייס, נ. י. אפגעטיילט געווארען פון בר. 245 מיט 127 מעמבערס. האבען לעקטשורס און געשטיצט די קלאוקמאכער סטרייקערס מיט 400 דאלאר צו 10 דאלאר א וואך צו יעדען קלאוקסטרייקער פאר דער גאנצער צייט פון סטרייק.

ברענטש 220 ארבייטער רינג. — געגרינדעט אין 1909 מיט 19 מיטגלידער, צעהלט איצט 140 מיטגלידער. טשערמאן: מ. סקירקס, 43 וואלסלי סטריט. סעקרעטאר: דר. ס. שטראוס, 346 קאלעדזש סט., מיטעט אעדען 1טען און 3טען זונטאג, אין באווערלי סטריט, טאראנטא, אנטעריא.

פינסקער בר. 252 א. ר., שיקאגא — געגרינדעט אין 1908, מיט 5 מיטגלידער, צעהלט איצט 201. סעקרעטאר: א. דייווים, 415 ס. טרומבול עווענױ. מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג אין ארב. רינג לייסעאום, שיקאגא, איל. ספּאר און לויה קאסע מיטעט יעדען מיטוואך ביי פריינד ב. גלאטצער, 745 ס. קעדזיע עווענױ.

פּראוויזיע-קאהסיווער ראדיקאלער בר. 259. — געגרינדעט פעברואר דעם 4טען, 1909, מיט 24 מיטגלידער, צעהלט איצט 156. מיטעט יעדען 1טען און 3טען פרייטאג אין 7 דילענסי סטריט, סעקרעטאר: הייםאן לעשין 629 א. 5טע סט. נ. י.

בר. 315 א. ר. בארא פּארק. — געגרינדעט אין 1909 מיט 25 מעמבערס, צעהלט איצט 350 מעמבערס. סעקרעטאר: א. וואלען, 1460 — 42טע סטריט, ברוקלין, נ. י. מיטעט יעדען 1טען און 3טען פרייטאג אין מאנאט. אין לייבאר לייסעאום, ברוקלין, נ. י. מיר האבען א לייבאר לייסעאום, א א. ר. שול. מיר פיהרען דורך אפען פארומס יעדען זונטאג, ווי אויך לעקטשורס.

האמלער סאציאליסטישער ברענטש 352 ארב. רינג. — געגרינדעט מאי דעם 8טען 1911, מיט 24 מיטגלידער, צעהלט איצט 240 מיטגלידער. סעקרעטאר: ש. סאק, 1174 סוטער עווענױ, ברוקלין נ. י. מיטעט יעדען 1טען און 3טען שבת אין סאצ. סענטער 62 איסט 106טע סטריט.

יצחק אייזיק הורוויטש בר. 357 א. ר., דענווער — געגרינדעט מיט 30 מיטגלידער, צעהלט איצט 62 מיטגלידער. מיטעט יעדען 2טען און 4טען מיטוואך. סעקרעטאר: א. פּיטשערסקע, 2935 וויליאמס סט. דענווער, קאלאראדא.

מעמפיס ברענטש 312 ארבייטער רינג. — געגרינדעט אין 1909, מיט 16 מעמבערס. צעהלט איצט 145. סעקרעטאר: ל. מארקוס, 1145 טעקסעס סטריט. מיטעט אין ארבייטער רינג אינסטיטוט, 688 דזשעפערסאן סטריט, מעמפיס טענעסי.

ווילנער יאנג מען ברענטש 367 ארב. רינג. — געגרינדעט דעם 2טען אקטאבער, 1909 מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 600 מיטגלידער. טשערמאן מ. גאלדינג, 1545 — 39טע סט., ברוקלין, נ. י. סעקרעטאר: א. שאפּירא, 181 מעקדוגאל סט., ברוקלין, נ. י. מיטעט יעדען ערשטען און דריטען דינסטאג אין „פארווערטס" האל, נ. י.

יעקב גארדין ברענטש 370 ארבייטער רינג. — געגרינדעט אקטאבער דעם 4טען, 1909 מיט 25 מעמבערס, צעהלט איצט 200. טשערמאן: דזש. טאמאר, 510 פוירנאן סט. סעקרעטאר: ב. וויינגארטען, 2013 וו. קענבריא. מיטעט אין ליבאר אינסטיטוט, פילאדעלפיא, פא. איינער פון די אקטיווסטע ברענטשעס אין שטאדט.

ראדאמער ברענטש 369 ארב. רינג. — געגרינדעט מארטש דעם 14טען 1911 מיט 25 מיטגלידער, צעהלט איצט 160 מיטגלידער. סעקרעטאר: א. וויגאדא, 1467 44טע סטריט ברוקלין, נ. י. מיטעט יעדען 1טען און 3טען שבת אין אסטאריא האלל, 62 איסט 4טע סטריט, נ. י.

עדיוקיישאנאל ברענטש 372 ארבייטער רינג, סאן אנטאניא, טעקסעס — געגרינדעט אין 1925 מיט 5 מיטגלידער. צעהלט איצט 38 מיטגלידער. מיטעט דעם 2טען און 4טען דאנערשטאג אין מאנאט, אין ליבאר טעמפעל. טשערמאן: ערוועהלט ביי יעדען מיטינג. סעקרעטאר: ה. שאר, 1711 דוראנגא סט., סאן אנטאניא, טעקסעס.

בונדיסטישער ברענטש 397 ארבייטער רינג. — געגרינדעט אין 1909, מיט 20 מיטגלידער. צעהלט איצט 50 מיטגלידער. סעקרעטאר: ב. קאפאלאן, 144 טהארם סט. מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג אין 300 סטייט סט. ברידזשפארט, קאנ.

בען הענפארד ברענטש 430 ארבייטער רינג. — געגרינדעט אפריל דעם 16טען, 1910. צעהלט איצט 110 מיטגלידער. סעקרעטאר: לואיס ראבינאוויטש, 3532 איסט 118טע סטריט. מיטעט יעדען 2טען און 4טען מיטוואך אין נאצ. אינסטיטוט, 13409 קינסמאן סט.. קליוולאנד, אהייא.

ברענטש 443 ארבייטער רינג. — געגרינדעט אקטאבער דעם 24טען, 1912 מיט 65 מיטגלידער, צעהלט איצט 380. טשערמאן: יצחק לעוויט, 1060 בארטה אגדען עוו. סעקרעטאר: ע. ל. נויושטיין, 2521 מאלאבאר סטריט. מיטעט אין גרענט האל ווארקערס אודיטאריום, לאס אנדזשעלעס, קאליפארניע.

סטיטשינער פראגרעסיוו בררענטש 458 ארבייטער רינג. — געגרינדעט אויגוסט דעם 3טען, 1910 מיט 28 מיטגלידער. צעהלט איצט 97. רעק. סעקרעטאר: הוימאן בלאק, 1413 פראספעקט עוועניו, בראנקס. פינ. סעקרעטאר: מאריס פאסטער, 128 קוק סטריט, ברוקלין. מיטעט יעדען 1טען און 3טען דינסטאג אין קלינטאן האל, 151 קלינטאן סטריט, ניו יארק. האבען א לאאן פאנד.

וויטעבסקער ראיאנער „בונד" בר. 509 א. ר. — געגרינדעט יוני דעם 25טען 1926 צעהלט איצט 85 מיטגלידער. פינאנס סעק.: מ. שלעווין, 1700 וואשינגטאן עוו., בראנקס. רעק.-סעק: ס. ברוסקין, 5998 א. 140טע סט., בראנקס. מיטעט אין „פאר-ווערטס" האל, ניו יארק. האט געגרינדעט א יוגענד קלוב מיט 30 מעמבערס.

סטעמפארדער ליטעראַרישער בר. 537 א. ר. — געגרינדעט דעם 31טען יאנואר, 1924 מיט 35 מיטגלידער. צעהלט איצט 95. סעקרעטאר: ס. שאכט, 88 ליוקוואוד עוועניו. מיטעט יעדען 1טען און 3טען מיטוואך אין היברו אינסטיטוט, סטעמ-פארד, קאנ. דער ברענטש האט אויך א קרעדיט יוניאן.

סיסלאוויטשער ראדיקאל עדיוק. קלאב בר. 560. — געגרינדעט אפריל, 1915 מיט 33 מעמבערס. צעהלט איצט 110. סעקרעטאר: ל. בערמאן, 236 מעדיסאן סטריט. מיטעט יעדען 1טען און 3טען פרייטאג אין „פארווערטס", 175 א. בראדוויי, נ. י.

ברענטש 565 ארבייטער רינג, שאמאקען, פא. — געגרינדעט אין 1915 מיט 14 מיטגלידער. טשערמאן: מאריס סאוולאוו, ארטש סטריט. סעקרעטאר: בען הוירש, 308 אינדעפענדענס סטריט. מיטעט יעדען 1טען זונטאג אין מאנאט. שאמאקען, פא.

י. ל. פרץ ברענטש 571 ארבייטער רינג מינעאפאליס, מינעסאטא — געגרינדעט דעם 29טען יולי, 1915. צעהלט איצט 119 מיטגלידער. מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאג, אין לייבאר לייסעאום. סעקרעטאר: רובין לאיז.

מאיר לאנדאו ברענטש 615, מאנטרעאל, קענעדע — געגרינדעט דעם 1טען אקטאבער, 1925, מיט 25 מיטגלידער. צעהלט איצט 61 מיטגלידער. טשערמאן: ה. קעריז, 5022 קלארק סטריט; סעקרעטאר: י. רייך, 444 הענרי דזשוליען סט.

ברענטש 705 א. ר., באסטאן — געגרינדעט אין 1911 מיט 50 מיטגלידער. צעהלט איצט 90 מיטגלידער. טשערמאן: ה. ראכמאלאוויטש, 10 עטאן סט. באסטאן. סעקרעטאר: וו. ערליכמאן, 143 עלינגטאן סטריט, דארטשעסטער. מיטעט אין אמעריקען הויז, 56 האנאווער סטריט, באסטאן, מאסס.

דעבס ברענטש 711 ארבייטער רינג, ספרינגפילד, מאסס. — געגרינדעט דעם 17טען סעפטעמבער, 1922 מיט 85 מיטגלידער. צעהלט איצט 175 מיטגלידער. טשערמאן: ארטור לעווין, 0 מורלאנד סט.; סעקרעטאר: דזש. א. לענאן, 120 גרין סטריט.

נארטהערען קאליפארניא דיסטריקט קאמיטע פון א. ר. — סעקרעטאר: ה. קאבליק, 1010 פיללמאר סטריט, סאן פראנציסקא. געגרינדעט אין יאהר 1920.

דער אינדעפענדענט ארבייטער רינג

איז א אידיש־ראדיקאלער, מאדערנער, זיכערער ארדען, זיינע צאהלונגען זיינען באזירט אויף די וויסענשאפטליכע רייטס.
גיט ארויס אינשורענס פאליסים פון $150 ביז צוויי טויזענט דאלאר, אדער $4,000 אינשורענס פאר מאן און פרוי. צאהלט קראנקען בענעפיט: $7, $10 און $15 א וואך פאר 15 וואכען אין יאהר. קאנסאמפשאן בענעפיטס ביז 19 וואכען צו $15 א וואך.
יעדער געזונטער מענש, אין עלגטער פון 18 ביז 44 יאהר, וועלכער איז פאר די אינטערעסען פון ארבייטער קלאס ס'מאכט ניט פון וואס פאר א ריכטונג, אזוי לאנג ווי ער פארפליכטעט זיך צו העלפען איבערבויען די איצטיגע אומגערעכטע סאציאלע ארדנונג אויף א מעהר יושר'דיגע קען ווערען א מיטגליד אין אינדעפענדענט ארבייטער רינג. פאר מעהר אינפארמאציע זיך צו ווענדען אין גענעראל אפיס:

INDEPENDENT WORKMEN'S CIRCLE

86 Leverett Street, Boston, Mass.

ווערט א חבר אין

אידיש־נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד

דער פארבאנד איז א אידישער ארבייער־ארדען מיט א פארצווייגטער פראגראם פון אידיש־קולטורעלע און ארבייטער־סאציאליסטישע טעטיגקייטען. אין פארבאנד קריגט איהר די זיכערסטע אינשורענס פון הונדערט ביז דריי טויזענט דאלאר, קראנקען־בענעפיט: זעקס, ניין און צוועלף דאלאר א וואך. די בעסטע סאניטאריום־פארבינדונגען. א קרייז פון חבר'שאפט און פריינדשאפט. דער פארבאנד העלפט גרינדען און אויסהאלטען שולען אין פילע שטעדט אין אמעריקא און אין קענעדע.
פאר אינפארמאציע ווענדעט זיך אין הויפט אפיס פון אידיש־נאצ־ארבייטער פארבאנד.

JEWISH WORKERS' ALLIANCE OF AMERICA

189—2nd Ave., New York, N. Y.   Tel. Stuyvesant 3072

דירעקטאָרי פון „פאַרבאַנד“ ברענטשעס

2טער אסעמבלי דיסטריקט ברענטש איד סאָצ. פאַרבאַנד — מיטעט יעדען פרייטאַג אָווענט אין 420 הינסדייל סטריט, ברוקלין. ל. זעביטץ, אָרגאַנייזער; היימאַן גיטצים, פינאַנס-סעקרעטאר; גודמאַן, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר; ב. בערטין, טרעזש.; הויז-קאָמיטע: ל. קלוקאָווסקי, טשערמאַן; ה. סאפקאָוויץ, סעק.; ראָזענפּארב, טרעזשורער; הערי מאַליס, מענעדזשער.

איסט סייד סאָשיאַליסט סענטער, 204 איסט בראָדוויי, נ. י. — בילדינג קאָמיטע קאָמיטע באַשטעהט פון 1טען און 2טען אסעמבלי דיסטיקט און דאַון ברענטש פון איד. סאָצ. פאַרבאַנד — אדלער, גאָלדבערג, לעווענטאל, איידעלסאָן, עפּשטיין, קראַוויץ, קאַנטאר, קאַרן. מ. גאָלדאָווסקי, מענעדזשער.

אידישער סאָצ. פאַרבאַנד ברענטש, ספּרינגפילד, מאַסס. — געגרינדעט אין 1910, צעהלט איצט 20 מיטגלידער, באַאמטע: קאָרעספּאָנדינג סעקרעטאַר: ה. פעלדמאַן, 85 נאַראַגאַנסעט סטריט; סעקרעטאַר: י. פילדמאַן, 25 מאָנטמארענסי סטריט. מיטעט יעדען 2טען און 4טען דאָנערשטאַג, אין ספּרינגפילד, מאַסס.

בראָנזווילער בר. אידישער סאָצ. פאַרבאַנד. — געגרינדעט נאָוועמבער דעם 9טען, 1926. טשערמאַן: דזש. פּערטיק. סעקרעטאַר: ל. גאָלפאַר, 2030 דיען סטריט, ברוקלין. מיטעט יעדען 2טען און 4טען פרייטאַג אין דער א. ר. שול, 1465 סט. מאַרקס עוועניו, ברוקלין, נ. י.

22טער א. ד. איסט ניו יאָרק. — געגרינדעט אין 1913 מיט 11 מיטגלידער, צעהלט איצט 39 מיטגלידער; טשערמאַן: מ. באַרזאָ, 2150 פיטקין עוועניו, ברוקלין. סעקרעטאַר: טש. שושאַן 218 וואַן סיקלער עוועניו, ברוקלין. מיטעט יעדען דיסטאָג אין 218 וואַן סיקלען עוועניו, ברוקלין, נ. י.

לאָוער בראָנקס בררענטש איד. סאָצ. פאַרבאַנד. — געגרינדעט אין 1924. פינ. סעק.: א. ראָבין, 639 איסט 137טע סטריט. רעק. סעק.: ס. ברוסקין, 598 140טע סטריט. מיטעט אין אַ. ר. שולע 550 איסט 139טע סטריט. ניו יאָרק, נ. י.

אָמאַהא ברענטש פון אידישען סאָצ. פאַרבאַנד. — געגרינדעט מיט 15 מיטגלי-דער. צעהלט איצט 18 מיטגלידער. סעקרעטער: ס. ליפּ, 3406 דעווענפּאָרט סט. מיטעט יעדען ערשטער און דריטען מיטוואָך אין לייבאָר ליסעאום, אָמאהא, נעבראסקא.

בענסאָנהוירסט ברענטש פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאנד — געגרינדעט אין 1925. צעהלט איצט 20 מיטגלידער. סאול ריפקין, פינאַנס-סעקרעטאַר; דוד מייער, עקזעקוטיוו סעקרעטאר; מיטעט יעדען 2טען און 4טען מיטוואָך אין דער שלום עליכם שול, 2127 82טע סטריט ברוקלין.

דזשוירזי סיטי ברענטש פון איד. סאָצ. פאַרבאַנד. — געגרינדעט אין 1924, צעהלט אין 35 מיטגלידער. סעקרעטער: י. סעדלעצקי, 72 נוארק עוו. מיטעט אין לייבאָר ליסעאום, 351 יארק סט., דזשוירזי סיטי, נ. דזש.

הארטפארד ברענטש פון איד. סאָצ. פאראנד. — אָרגאניזירט אין 1922. צעהלט איצט 20 מיטגלידער. אָרגאנייזער: מ. הארָאוויץ, 636 ווינדסאָר עוו.; סעקרעטער: מאקס רייגער, 332 פארק ראוד, וועסט הארטפארד. מיטען יעדען פרייטאָג אין לייבאָר לייסעאום, רום „סי", הארטפארד, קאָנ.

פיטסבורג ברענטש פון אידישען סאָצ. פאראנד. — געגרינדעט אין 1903 מיט 15 מעמבערס. צעהלט איצט 100 מיטגלידער. מיטען יעדען דינסטאג אין לייבאָר לייסעאום. סעקרעטאר: מ. פאלמבוים.

סט. לואיס רענטש פון איד. סאָצ. פארבאנד. — געגרינדעט אין 1921 מיט 15 מיטגלידער. צעהלט איצט 25 מיטגלידער. טשערמאן: מרס. ב. קאָהן, 5027 ווערנאָן. סעקרעטאר: ל. פרידמאן, 4127 מערילאנד. מיטען יעדען 2טען און 4טען מאָנטאג אין 5014 קיידזש, סט. לואיס.

קליוולענדער ברענטש איד. סאָצ. פארבאנד. — מיטען יעדען דאָנערשטאג אין „פאָרווערטס" אָפיס. מ. ווײנשטיין, פינאנס סעקרעטאר; ה. בלום, רעק. סעק.

פעטערסאָן ברענטש איד. סאָצ. פארבאנד — מיטען יעדען 2טען און 4טען פרייטאָג אין ארב. רינג צענטער, 64 ריווער סט. מארים קאלינסקי, סעקרעטער, 124 גאָווערנאר סט.

דירעקטאָרי פון אידישע יוניאָנס

פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, פילאדעפיא. — מיטען יעדען 2טען און 4טען מאָנטאָג אין לייבאר אינסטיטוט, 810 לאָקאָסט סט. פילאדעלפיא, פאָ. דזשייקאָב באומאן, טשערמאן; דוד בראגינסקי, סעקרעטאר.

ריטייל דרעס גודס סיילסמען יוניאָן. — געגרינדעט דזשולי 1904. צעהלט איצט 200 מיטגלידער. טשערמאן: ש. שמילאָוויטש, 1762 59טע סטריט, ברוקלין. סעקרעטאר: דזש. שאפּראָן, 323 דאהילראָד, ברוקלין. מיטען יעדען 2טען פרייטאָג אין מאָנאט, אין „פאָרווערטס" האל, נ. י.

וועסטמאכער יוניאָן לאָק. 16. — געגרינדעט אויגוסט דעם 15טען, 1892, צעהלט איצט 2500 מיטגלידער. טשערמאן: פּה. ראַבינער, 2749 וו. 1טע סטריט, קוני-איילענד; סעקרעטאר: מ. גרינבערג, 1302 76טע סט., ברוקלין. אָפיס 175 איסט בראָדוויי, נ. י. מיר האָבען 3 לאָקאל יוניאָנס, לאָק. 16 נ. י., לאָק. 186 נ. י. לאָק. 262 ברוקלין און אַ ברענטש אין נוארק, ניו דזשוירזי.

יונייטעד נעקוועאר מייקערס יוניאָן, לאקאל 11016 א. פ. און ל. — העדקוואָטערס: 7 איסט 15טע סטריט, רענד סקול בילדניג, טעלעפאָן סטייוועסענט 7082. ל. ד. בערגער, מענעדזשער; עדמאנד גאטעסמאן, סעק. טרעזשורערע.

סקווירט מייקערס יוניאָן, לאקאל 23, א. ל. ג. וו. י. — ל. פינקאָווסקי, מענעדזשער. אָפיס: 231 איסט 14טע סטריט, ניו יאָרק.

פילאדעלפיער בעקער דרייווערס לאקאל 10 — מיטען יעדען 1טען און 3טען פרייטאָג, אין לייבאָר אינסטיטוט, 810 לאָקוסט סטריט. אָרגאניזירט דעם 15טען נאָוו., 1919. א. מאָטים, סעקרעטאר, 1424 סאָוט גוריאנא סט., פילאדעלפיע, פאָ.

ניום קעריערס יוניאן לאקאל 14712 א. פ. אף ל. פילאדעלפיא. — מיטעט יעדען ערשטען שבת אין מאנאט אין לייבאר אינסטיטוט. טשערלייט: דזש. באומאן, ביק און עליא קייזער. סעקרעטערע: דוד בראגינסקי און ל. קאזלאווסקי.

בעקערם יוניאן לאקאל 163. — געגרינדעט דעם 31טען אקטאבער, 1894 מיט 15 מיט־גלידער, צעהלט איצט 400 מיטגלידער. מיטעט יעדען פרייטאג אין די עדיוקיישא־נאל אליינס פון 76 טראפ עווענו. סעקרעטאר: סעם רובינשטיין, 223 טאמפקינס עוועניו. געגרינדעט צוזאמען מיט בראנזוויל צוזאמען 34 מיטגלידער איצט האבען בײדע לאקאלען אריבער 800 מיטגלידער.

וואטערפרוף גארמענט ווארקערס — געגרינדעט אין 1910, צעהלט איצט 1000 מיטגלידער; סעקרעטאר ס. וואלמאן, 3808 ג. אלבאני עוועניו. מיטעט יעדען מאנט סט., בראנקס. מיטעט יעדען צווייטען מאנטאג.

בעקערס יוניאן, לאקאל 201, פילאדעלפיא. געגרינדעט אין 1902 מיט 30 מעמבערס. צעהלט יעצט 360 מעמבערס. טשערמאן: ב. שערמאן, 6034 פיין סטריט; סעקרע־טאר: מארים קאטין, 810 לאקוסט סט. מיטעט אין 810 לאקוסט סט., פילאדעל־פיע, יעדען ערשטען און דריטען פרייטאג אין מאנאט. בעל טעלעפאן, וואל־נאט, 6474; קיסטאן, מעין 3469.

ווייטערס און וויטרעסעס יוניאן, לאקאל 405, פילאדעלפיע — האטעל און רעסט. עמפ. אינט. געגרינדעט אויגוסט 23, 1923, מיט 135 מיטגלידער. מיטעט יעדען פרייטאג 3 נ. מ. אין 329 פיין סטריט, רום 7, אפיס אויף דעם זעלבען אדרעס. טשערמאן, סעקרעטער און ביזנעס אייזשנעט, איזידאר סאקס.

בעקערס יוניאן לאקאל 87. — געגרינדעט אפריל דעם 24טען, 1909. צעהלט 350 מיטגלידער. מיטעט אין לייבאר ליסעאום, 219 סעקמאן סטריט, ברוקלין.

קלאוק און סקוירט מייקערס יוניאן לאקאל 21, א. ל. ג. וו. י. געגרינדעט אין 1909. צעהלט איצט 219 מיטגלידער. טשערמאן: א. אנקער, 196 רידזשוואוד עוו., נוארק, נ. דזש.; סעקרעטאר: מאקס ברוק, 103 מאנטגאמערי סט., נוארק.

דאון טאון פרויען לחם עניים פאראיין. ארגאניזירט אין 1915. צעהלט איצט 1000 מעמבערס. טשערליידי: מרים גיטעל נאזימאוו; סעקרעטאר: יעקב וויס, 2449 ס. 8טע סט., פילאדעלפיא, פא. מיטעט יעדע צוויי וואכען מיטוואך, אין 1815 ס. 6טע סט.

ברית אחים בעפישעל אסס'ן, פילאדעלפיא, פא.

געגרינדעט אין 1889 מיט 7 מעמבערס. האט איצט אנגעשלאסען 7,000 פא־מיליען. צאהלט טויטען בענעפיט פאר מאן אדער פרוי פון א מעמבער 1,000 דאלאר. 8 וואכען קראנקען בענעפיט. א פענסיע פאר עלטערע מעמבערס. האט בייגעשטייערט צעהנדליגער טויזענדער דאלער צום קרן היסוד און אנדערע נא־ציאנאלע און אינטערנאציאנאלע אינסטיטוציעס. פיהרט אן פארשידענע קולטו־רעלע און פארוויילונגס ארבייט, ווי לעקטשורס, דעבייטס, דענסעס, מוווים אטלעטיקס און אונטערהאלטונגען. מיטעט אין דער אייגענערבילדינג, נ. א. קאר־נער 11טע און ספרוס סט.

פרעזידענט: דזשייקאב באבים, 277 סאוטה 63טע סטריט, פילאדעלפיא.

סעקרעטאר: סאל. ס. ראדין, 5481 מאנטגאמערי עוו.

די אינטערנעשאָנאל יוניטי הויז

אין פאָרעסט פאַרק, פאַ.

איז א פראכטפולע זומער היים, צו פארברענגען און אנגענעהמען וואקיישאָן, פאר די מיטגלידער פון אלע לאָקאלס פון אונזער אינטערנעשאָנאל, זייערע פאמיליעס און פריינד.



ווי די יוניטי אימעניע זעהט אויס ווען מען קוקט אַרונטער פון אן עראָפּלאן.

א חוץ מעמבערס פון דער אינטערנעשאָנאל ווערען אין דער יוניטי הויז אויפגענומען מעמבערס אויך פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, און זאָנסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער אַרבייטער-באַוועגונג.

אין יוניטי הויז לעבט זיך ווי אין אן אמת'ן גן־עדן

עס איז דאָ א גרויסער טייך צו באָדען און זיך שיפען; פארשידענע גיימס און טעגליכע גימנאַסטיקס; קאָנצערטען, לעקטשורס און פארשידענע געזעל־שאַפטליכע אונטערהאלטונגען. עסען און טרינקען פון די סאַמע בעסטע. טענים און בעיז־באָל, באולינג עלים, בעסקעט באָל און וואָס ניט?

יעדען אָוועגט שפּילט אַן אָרקעסטער צו טאַנצען.

אָפּיס: 3 וועסט 16טע סטריט ניו יאָרק.

טעלעפאָן טשעלסי, 2148.

אינטערנעשאָנאַל לײדיס

GARMENT WORKERS' UNION

American Federation of Labor

געגרינדעט אין יאַנואַר, 1899.

די יוניאן איז פארבונדען מיט דער אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר און מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען באַקליידונגס ארבייטער פאַרבאַנד.

די אינטערנעשאָנאַל פארמאָגט 113 לאָקאלס אין 26 שטעדט.

צעהלט 90,000 גוט-שטעהענדע מיטגלידער.

די הויפּט צענטרען פון דער אינדוסטריע זיינען: ניו יאָרק, פילאדעלפיא, שיקאגאָ, באָסטאָן, סט. לואיס, קליוולאנד און טאָראָנטאָ.

די ארבייטס-באדינגונגען זיינען: 40 און 44 שטונדען א וואָך; מינימום וויידזש פון 45 דאָלאר ביז 55 דאָלאר א וואָך. דורכשניטליכער וויידזש 60 דאָלאר א וואָך.

די יוניאָן האָט אַ ספּעציעלע סאניטארי באָארד.

דער מעדיצינישער צענטער פון דער אינטערנעשאָנאל גיט מעדיצינישע באהאַנדלונג צו טויזענטער מעמבערס און ארבייטער פון אַנדערע יוניאָנס.

אייגענע בילדינג — 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יאָרק.

מאָריס זיגמאַן.

פּרעזידענט

גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

INTERNATIONAL LADIES'

Organized Jan. 1899 — Affiliated with the

די נאַציאָנאַליטעטען, וואָס ארבייטען אין דער אינדוסטריע זיינען: 70 פראצענט א י ד ע ן; 25 פראָצענט א י ט אַ ל י ע נ ע ר און אנדערע נאַציאָנאַליטעטען.

ד י ו ס — 35 און 50 א וואָך.

איינטריט געלט — פון 15 ביז 50 דאָלאר.

פאר ע ד י ו ק י י ש אָ נ א ל ארבייט עקזיסטירט א ספעציעלער עדיוקיישאָנאל דעפארטמענט.

גיט אַרויס צוויי וואָכענבלעטער, וואָס ווערען געשיקט צו אלע מיטגלידער, אין אידיש — „די גערעכטיגקייט", אין ענגליש — „דזשאַסטיס".

אָרגאַניזירט די אינטערנעשאָנאל יוניאן באנק, וואָס געפינט זיך אויף 5טער עווע. און 21טע סט.

האָט אן אייגענע זומער היים, די „יוניטי הויז", אין פאָרעסט פארק, פא., וואו די מעמבערס קענען פארברענגען זייער וויקיישאָן.

INTERNATIONAL BUILDING, 3 WEST 16th STREET

אברהם באַראָף.
דזשענעראל סעקרעטאר-טרעזשורער

ניו יאָרק דזשאָינט באָארד

אמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרק. אוו אמעריקא

621 בראָדוויי, ניו יאָרק, נ. י.

טעלעפאָן ספּרינג 7600.

אַנגעשלאָסענע לאָקאַלס:

רעק מאכער

לאָקאַלס

2, 3, 5, 63, 142, 161

פּענטס מאכער

לאָקאַלס

8, 40, 43, 85, 159, 280

וועסטען מאכער

לאָקאַלס

16, 186, 262

קאָסטום שניידער

לאָקאַלס

80 און 162

נ. י. קלאָדינג קאטערס

לאָקאַל 4

טשילדרענס קלאָדינג דעפּארטמענט

לאָקאַל 10

סעקשאָנס

„איי", „בי", „סי" און „די"

פּרעסערס

לאָקאַל 11

ני-פּענטס מאכער

לאָקאַל 19

וואשעבל סיילאָר סוטס

לאָקאַל 169

אב. בעקערמאַן,
דזשענעראל מענעדזשער.

אברהם מילער,
סעקרעטער-טרעזשורער.

פּאַריערס אינטערנעשאַנאַל

די פּאַריערס אינטערנעשאַנאַל האָט אַ מעמבערשיפּ אין די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע פון 15,000. דער הויפּט טרייד געפינט זיך אין ניו יאָרק, וואו עס געפינען זיך עטליכע גרויסע און וויכטיגע לאָקאַלען. די ניו יאָרקער לאָקאַלס זיינען פאַראייניגט אין איין דזשאָינט באָארד. — די אַרבייטס שטונדען אין דעם פּאַריערס טרייד זיינען 40 און 42 שטונדען אַ וואָך.

דער אינטערנעשאַנאַל אָפיס געפינט זיך אין

9 דזשעקסאָן עוועניו, לאָנג איילענד, ניו יאָרק

דער פּרעזידענט פון דער פּאַריערס אינטערנעשאַנאַל איז א. שאַכטמאַן; דער סעקרעטאַר־טרעזשורער, איזידאָר וואָל.

אינטערנעשאַנאַל פּאָקעט בוק וואָירקערס יוניאָן

געגרינדעט געוואָרען דעם 24טען סעפּטעמבער, 1917

פארבונדען מיט דער אמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר
די יוניאָן איז צוטיילט אין 9 סעקשאָן לאָקאַל יוניאָנס, אין ניו יאָרק, ניו דזשוירזי און פילאַדעלפיע.
די יוניאָן צעהלט 6,000 מיטגלידער.
די הויפּט־צענטרען פון טרייד זיינען: די סטייטס פון ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, פּענסילווייניא, מאַסאַטשוזעטס און אילינאָי.
ארבייטס־שטונדען — 44 א וואָך. סאַניטאַרע קאָנדיציאָנען.
אידען, דייטשען און אמעריקאַנער זיינען מעהרסטענטיילס באשעפטיגט אין דעם טרייד.
דיוס — 30, 40 און 45 סענט א וואָך; איינטריטס־געלט — פון 5 ביז $50.
די יוניאָן איז אָפען פאר אַלע אַפּליקאַנטען, וועלכע ווערען אויפגענומען דורך א מעמבערשיפּ קאָמיטע.
די יוניאָן איז אָנגעשלאָסען אין דער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן באַנק.

ד י ב ע א מ ט ע:

ה. סאַנדערסאָן, טשערמאַן. ט. קליינמאַן, טרעזשורער. א. י. שיפּליאַקאָף, מענעדזשער.

היברו־אַמעריקאַן טיפּאָגראַפיקאל יוניאָן 83
אי. טי. יו., נומ.

געגרינדעט אין יאהר 1887
מיט צוועלף מיטגלידער.
באַשטעהט איצט פון 250
מ י ט ג ל י ד ע ר.

ה. ראָזענסאָן, פּרעזידענט.
דזשייקאָב דזשאַפע, סעק.־טרעזש.

האַלט אָפּ איהרע זיצונגען
יעדען צווייטען פרייטאָג פון
חודש, אין קלינטאָן
האָל, 151 קילנטאָן
סטריט, ניו יאָרק.

אידישע אַקטיאָרען יוניאָן

מיטעט יעדע צווייטע וואָך דינסטאָג נאָכמיטאָג

פאַרבונדען מיט דער אלגעמיינער אקטיאָרען ארגאניזאציע — די „עקוויטי".

אַנגעשלאָסען אָן די פּאָלגענדע צענטראַלע קערפּערשאַפטען:

אמעריקען פעדערײשאָן אוו לייבאָר
פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען
סענטראל טריידס און לייבאָר קאונסיל
ניו יאָרק סטייט פעדערײשאָן
טעאטריקאל טרייד קאונסיל

לואיס גאָלדשטיין, פּרעזידענט.
דזש. גרינפעלד, סעקרעטאר.
טשארלס קאָהן, עהרען-פּרעזידענט.
ראובן גוסקין, מענעדזשער.

אייגענע בילדינג — 31 איסט 7טע סטריט, ניו יאָרק

אייגענע לייברערי און פאַרוואלטונגס-פּלאַץ.

אַמאַלגאַמייטעד לײדיס גארמענט קאטערס

יוניאָן, לאָקאל 10, א. ל. ג. וו. י.

געגרינדעט אין סעפּטעמבער, 1906

צעהלט 4,500 מיטגלידער

דוד דובינסקי, דזשענ. מענעדזשער און סעק.

סעם ב. שענקער, אסיסטענט מענעדזשער.

אינטערנעשאָנאל קלאָט העט, קעפּ און מילינערי

וואָירקערס יוניאָן

רי קעפּ און מילינערי אינטערנעשאָנעל האָט איהר יוריסדיקציע איבער די קעפּ־מייקערס און דער מילינערי אינדוסטריע אין די פאראייניגטע שטאַטען און אין קענעדע. זיי האָבען א מיטגלידערשאַפט פון 15,000 אין אלע וויכטיגע צענטרען פון לאַנד. זיי גיבען ארויס א צוויי־וועכענטליכע ציימונג אין אידיש און אין ענגליש, אונטער דעם נאָמען „דער העדגער ארבייטער", זייער רזשענעראל סעקרעטאר איז מאַקס צוקערמאַן.

אָפּיס פון דער אינטערנעשאָנאל: 621 בראָדוויי, ניו יאָרק.

מילינערי אַרבייטער יוניאָן, לאָקאַל 24

— פון דער —

קלאָט העט, קעפּ, ענד מילינערי וואָירקערס אינטערנ. יוניאָן

מיטגלידערשאַפט — 4,500.

נ. ספּעקטאָר, מענעדזשער. אלעקס ראָוז, סעק.־טרעזשורער.

אָרגאַנייזערס:

י. ה. גאָלדבערג, א. מענדעלאָוויטש, מ. גוטמאַן.

טרינקט סעלצער מיט דעם לייבעל פון די

סעלצער אַרבייטער יוניאָן

לאָקאל נומ. 311

פּיליפּ רויז, פּרעזידענט.

מ. ג. וואָלפערט, מענעדזשער.

פילאַדעלפיער דזשאָינט באָארד

אמאַלגאמייטעד קלאָדינג וואָירקערס אָוו אמעריקא

מיטעט יעדען דאָנערשטאָג אין לייבאָר אינסטיטוט, 810 לאָקוסט סטריט. אָנגעשלאָסענע לאָקאַלס: לאָק. 75, פּענטסמאַכער, לאָק. 110 קאָטערס, לאָק. 139 איטאַליענער, לאָק. 140 קאָוט מייקערס, לאָק. 141 קאָוט פּרעסערס, לאָק. 143 וועסט מייקערס.

ס. רודאָוו, מענעדזשער.

וויסט און דרעס מייקערס יוניאָן, פילאַדעלפיא

לאָקאל 50, א. ל. ג. וו. י.

52 נאָרד 10טע סטריט, פילאַדעלפיא, פּא.

אראָן איינבינדער, פּרעזידענט.

אײדא ראָזענפעלד, סעקרעטער.

עליאס רייזבערג, מענעדזשער.

קארל שולץ, ביזנעס איידזשענט.

אין טשאַיניק קאָכט זיך אַלעס

אָבער אין גלאָז מוז זיך פּיהלען דער אָנגענעהמער ריח פון

צועטאָטשני טשאַי

די, טהיי, וועלכע האט געמאכט א סענסאציע איבער גאנץ אמעריקא.

די טהיי, וועלכע ענטהאלט דאָס בעסטע וואס די פעלדער האָבען פון זיך ארויס־געגעבען.

צו באַקומען אין אַלע גראָסערים ווי אויך אין הויפּט־ווערהויז.

185 DIVISION STREET, NEW YORK, N. Y.

דער „פאָרווערטס"
אַרבייטער רינג
די גרעסטע אינסטיטוציעס

מאַכען זייער
פרינטינג
און
קונסט-פּאַסטערס
ביי די

The
Marlin
Printing
Company

(Formerly Duane Press)

PRINTING
of the
BETTER KIND

J. HILLMAN, Pres.

48 New Chambers Street New York

Telephones: Beekman 0139-8985

אטלאנטיק סיטי
אמעריקא׳ס שעהנסטער פארברענגונגס פלאץ

פילאדעלפיא
אמעריקא׳ס פרייהייטס שטאדט

איןביידע שטעדט איז

בערשאד׳ס

רוסיש-טערקישע

בעטהס

7־טע סטריט, נעבען דזשירארד עוו., פילאדעלפיא

519־25 בארדוואק, אטלאנטיק סיטי, ניו דזשוירזי

די גרעסטע און שעהנסטע, און מיט די מאדערנסטע איינריכטונגען.

באוואוסט איבער גאנץ אמעריקא אלס רוה־פלאץ, פארברענגונגס־פלאץ און אלס א הייל פלאץ

אין ביידע פלעצער וועט איהר אימער באגעגענען אלע אייערע פריינד און באקאנטע, עס מאכט ניט אויס פון וועלכער שטאדט איהר זאלט ניט קומען.

שעהנע רומס צו שלאפען
אונזערע רומס זיינען מיט גענוג ווענטילייש֞אן. נייע בעטען צום שלאפען. יעדע קישען געמאכט פון פעדערען. גרויסע סטים־רומס און סווימינג פול. ארטיזען וואסער אין דעם סווימינג פול און צום טרינקען. פריוואטע רומס צום שלאפען. הייסע וואנעם צו יעדער צייט. אלץ אונטער׳ן אויפזיכט פון מר. און מרס. בערשאד.

זיי קומען אין דיזע צוויי שעהנע גרויסע בעדער פאר זייערע פארוויילונגען. זיי נעהמען דא זייערע רוסיש־טערקישע בעדער, עלעקטרישע קעבינעטס. הייקאלאניק איריגיישאן און היילען זייערע מאגענס. קיראפראקטיק טריטמענטס, בייקינג טריטמענטס און פארשידענע עלקטרישע מאסאזשען.

עקספערטען אנגעשטעלטע
די בעסטע פארשטשיקעס, מאסאזישסטען און אלע אנדערע אנגעשטעלטע ארבייטען אין דעם פלאץ. שעהנע קאפעטעריא, ביוטי פארלאר, סקאלפ טריטמענט, העיר דרעסינג און מאניקיורינג אטענדעט פון די בעסטע ספעציאליסטען.

BERSHAD'S TURKISH RUSSIAN BATHS

th Street, near Girard Ave.
Philadelphia, Pa.

519-25 Boardwalk,
Atlantic City, N. J.

יעדען טאָג פון גאַנצען
יאָהר, אַזוי גוט ווי פסח,
קען די באַלעבאָסטע
צוגרייטען די פיינסטע
מאכלים פון מאַנישעוויטץ
מצה, מצה־מעהל און
פאַרפעל.
מאַנישעוויטץ־מצה
ערפאַרענע הויז־ווירטינס האַלטען תמיד
אין זייער הויז די 1 פונטיגע באָקסעס
מאַנישעוויטץ מצה, מצה מעהל און
פאַרפעל. צו באַקומען אין אַלע גראָ־
סערים, פריש פון אויווען אַרוים.
"די מצה מיט אלע מעלות"

מיר שיקען אריין צו אייך אהיים

צו די לייכטסטע באַדינגונגען

ראדיא'ס און פיאנאס

און פאָנאָגראפס פון די באריהמטעסטע
מאַנופעקטשורערס אין אמעריקא

פאָלקאָמענע צופרידענהייט גאראנטירט.

BAIM BROS. & FRIEDBERG

„די פירמע מיט א רעפּוטיישאָן”

59 צווייטע עוועניו, ניו יארק
1658 פיטקין עוועניו, ברוקלין, נ. י.

1430 סט. דזשאָנס פליים ברוקלין.
1525 פיטקין עוועניו, ברוקלין, נ. י.

פערלאג

ח. בזשאזא

ווארשא, לעשנא 27.

דאַנקענדיג דער פרעסע, ליטעראַרישע קרייזען און פּאַרשפּרייטער פון אידישע בוך פאַר'ן מיטהעלפען מיר אין מיין שווערע אַרבייט וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, מעלדע איך, אַז דער איינציגער פּאַרשטעהער פון פאַרלאַג פאַר גאַנץ אַמעריקא, מיט אַ שטענדיגען ביכער לאַגער אויפ'ן פּלאַץ פון דאָס בעסטע וואָס עס איז געשאַפען געוואָרען אין דער אידישער און וועלט ליטעראַטור איז

Star Hebrew Book Co.

18 Orchard St., New York
Meyer Chinsky Tel. Orchard 7722

וועגען אַלע איינצעלהייטען פון פאַרלאַג בעט איך זיך צו ווענדען לויט אויבענדערמאָנטען אַדרעס.

מיט אַכטונג,

פערלאג ח. בזשאזא.

יוסף יאטשקאָווסקי,

באַפאָלמעכטיגטער.

י. לידסקי

בוך־האַנדלונג

דער גרעסטער אויסוואהל פון ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכען: אידיש, ענגליש, רוסיש און העברעאיש.

אַ ספּעציעלער אויסוואַהל פון

לער־ביכער און קינדער־ליטעראַטור

אַלערליי קאָמוירשעל און סקוהל־סטיישיאָנערי.

מיר נעמען אָן באַשטעלונגען פאַר ראָבער סטעמפּס און וואָטערמאַנ'ס פאונטען פענס ס'איז שוין ערשינען אונזער נייער קאָמפּליטסטער קאַטאַלאָג, וועלכען מיר שיקען יעדען פריי. זיך ווענדען:

J. LIDSKY

BOOKS AND STATIONERY

202 E. Broadway New York

דירעקטאָרי פון אידישע אַקטיאָרען און קינסטלער

נאַטאַן גאָלדבערג

געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1887, אין טארניפּאָל — גאַליציען. אין יאָהר 1889, ווען ער איז קוים צוויי יאָהר אַלט געווען, איז ער מיט זיינע עלטערען געקומען קיין אַמעריקא: זיינע עלטערען האָבען איהם געגעבען אַן אמת אידישע ערציהונג, געלאָזט איהם לערנען אין אַ חדר און אויך געלערנט איהם וועלטליכע זאַכען, נאָך ווען נאַטאַן גאָלדבערג איז געגאַנגען אין פּאַבליק סקול, האָט ער שוין ארויסגעוויזען פעהיגקייטען פאַר דער ביהנע; דער פּרינ־ציפּאַל און די לעהרער פון דער סקוהל, האָבען איהם שטענדיג אויסגעקליבען צו דעקלאַמירען, אָדער שפּילען, ביי די סקול אונ־טערנעמונגען און אַלע לערער האָבען איהם זעהר ליב געהאַט פאַר זיינע פעהיגקייטען און סאָלידקייט.

אינ׳ם יאָהר 1898, ווען באָרים טאָמאַשעווסקי און מאַקס ראָזענטאַל, וואָס זיינען דאַן געווען די באַלעבאַטים און די „סטאַרס” פון „פּיפּעלס טעאַטער”. האָבען אויפגעפיהרט די באַוואוסטע פּיעסע „דער זילבער קעניג”, האָבען גערדאַרפט אַ אינגעל, וואָס זאָל קאָנען שפּילען אַ גאַנץ היבשע ראָלע, זיינען זיי אַרומגעגאַנגען אין די סקולס זוכען אַזאַ פעהיגען, טאַלאַנטפולען אינגעל, קומענדיג אין דער סקול, וואו נאַטאַן גאָלדבערג האָט זיך געלערנט, האָט דער פּרינציפּאַל און דער לעהרער, רעקאָמענדירט צו זיי, דעם זעהר פעהיגען און טאַלאַנטפולען נאַטאַן.

נאַטאַן גאָלדבערג, איז דאַמאָלס אַלט געווען 11 יאָהר, ווען ער איז צום ערשטען מאָל אויפגעטראָטען אין אַ גרויסע ראָלע צוזאַמען מיט באָרים טאָמאַשעווסקי און מאַקס ראָזענטאַל. די פּיעסע, דער זילבער קעניג” האָט דאַן געמאַכט אַ גרויסען ערפאָלג און אַ גרויסען טייל פון דעם ערפאָלג, איז געווען צו פאַרדאַנקען דעם יונגענקען נאַטאַן גאָלדבערג.

נאָך אַלס גאָר אַ יונגער אינגעל, האָט שוין מר. גאָלדבערג גע׳חלומ׳ט צו ווערען אַמאָל אַ אידישער שוישפּילער און זיין חלום איז מקוים געוואָרען.

נאָך זיין ערשטען אויפטריט אין „זילבער קעניג” האָט ער שוין אָנגעפאַנגען שפּילען אויף דער אידישער ביהנע, צו ערשט אין וואָדעוויל, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַזוי פאַרשפּרייט אויף דער אידשער גאַס, דערנאָך האָט ער אָנגעפאַנגען צו שפּלען אויף דער רעגעלער ביהנע, מעהרסטען טיילס אויף דער פּראָווינץ, ביז ער

האט צוזאמען מיט דזשייקאב דזשייקאבס, גענומען דאס „ליריק טעאטער" דערנאך „ליבערטי טעאטער" אין בראנזוויל און דאן דאס „לענאקס טעאטער".

פון דאן אן איז ער פארערעכענט אלס איינער פון די בעסטע שוישפילער אויף דער אידישער ביהנע, ער איז אויך א גוטער רעזשיסאר און באלאנגט צו די פעהיגסטע שוישפילער און רעזשיסארען, וואס די אידישע ביהנע פארמאגט.

אין 1926 האט ער צוזאמען מיט דזשייקאב דזשייקאבס און הערי קאץ, איבער־גענומען דאס „נעשאנאל טעאטער" אויף סעקאנד עוועניו און איצט איז ער איינער פון די באלעבאטים, פון נעשאנאל טעאטער און לענאקס טעאטער.

ראזא גאלדבערג

איז איינע פון די בעסטע, דראמאטישע שוישפילערינס, אויף דער אידישער ביהנע, האט א סך טאלאנט און גרויסע פעהיג־קייטען און שפילט שטענדיג „לידינג" ראלען.

ראזא גאלדבערג, איז געבוירען געווארען אין א קליין שטעדטעל אין בוקאווינע, אינ'ם יאהר 1889, אין יאהר 1898 איז זי געקומען צוזאמען מיט איהרע עלטערען קיין אמעריקא, דא איז זי געגאנגען אין פובליק סקול און האט באקומען זעהר א גוטע אידישע ערציהונג, איהרע עלטערען האבען שטענדיג געוואלט, אז זייער ראזא זאל ווערען אן אינטעליגענטע פרוי, זי איז דאס געווארען. ראזא גאלדבערג, איז איצט א זעהר קלוגע, **אינטעליגענטע** שוישפילערין און רעכענט זיך, אינ'ם טעאטער וועלטעל, אלס איינע פון די גע־בילדעטסטע יונגע שוישפילערינס.

איהר ווערען א שוישפילערין, איז געווען כמעט ווי א צופאל, ניט וויסענדיג אליין, צי זי האט עטוואס טאלאנט פאר דער ביהנע, האט זי זיך גראד צוזאמענגע־טראפען, מיט נאטאן גאלדבערג, וועלכער איז שוין געווען א באקאנטער שוישפילער און ווי עס פיהרט זיך, האבען זיי זיך פארליבט און נאטאן גאלדבערג, האט אנטדעקט איהרע פעהיגקייטען פאר דער ביהנע און האט זי געמאכט פאר א שוישפילערין.

איצט איז זי די פרוי פון נאטאן גאלדבערג, איז באקאנט אין דער טעאטער וועלט, אלס איינע פון די בעסטע און טאלאנטפולסטע שוישפילערינס, האט זיך ער־ווארבען א זעהר בכבוד'ען נאמען און פלאץ אויף דער אידישער ביהנע איז פון די קריטיק און פובליקום שטענדיג זעהר גוט אויפגענומען, האט אויך צוערשט געשפילט אויף דער וואדעוויל ביהנע, דערנאך, צוזאמען מיט איהר מאן, אין ליריק טעאטער — ברוקלין, אין ליבערטי טעאטער — בראנזוויל, אין לענאקס טעאטער — הארלעם און איצט איז זי די „לידינג ליידי" אן נעשאנאל טעאטער — סעקאנד עוועניו. וואו אהר מאן, נאטאן גאלדבערג, איז איינער פון די דירעקטארען.

טשארלס קאהען

געבארען אין ניו יארק, אנגעפאנגען שפילען טעאטער אויף דער ענגלישער ביהנע אין ניו יארק אין „די פרייז אוו פיעס" מיט ווילטאן לאקעי. אויף דער ביהנע 28 יאהר. די ערפאלג־רייכע כאראקטערע בוף קאמישע ראלען. שפילט איצט אין גאבעל'ס פיפעלס טעאטער. אנגעפאנגען צו זינגען אלס משורר ביי חזן אלטער בוימען, און הערמאן וואהל, דער כאר דיריגענט. דאן האט ער שוין געקראגען מוט צו זינגען. דער דיריגענט לואיס פרידזעל האט ביי א פראבע איהם געהייסען זינגען א לידעל פון איינע פון זיינע פיעסען און ער איז איהם זעהר געפעלען געווארען. ווען עס האט זיך אויפגעמאכט אידישע וואדעוויל טעאטער איז טשארלס קאהען געווען פון די ערשטע פיאנירען. הונדערטער לידלאך האט ער פאפולער געמאכט אויף דער אידישער גאס אין ניו יארק ווי אויך אויף דער גאנצער וועלט.

חיים שניאור

געבוירען שבת נחמו, 1891 אין אסוויע וויטעבסקער גוב. די יוגענט יאהרען פארבראכט אין ווילנע, קומענדיג אהין אלס 14 יאהריגער אינגעל. אין פארלויף פון די 11 יאהר, וואס ער האט געלעבט אין ווילנע איז ער אויפגעטראטען אין פארשידענע אמאטארישע פארשטעלונגען, צווערשט שטוביגע, דערנאך שוין עפענטליכע אונטער דער רעזשי פון י. בן־עמי, סאקאלאוו, שפעטער פון בערטאנאוו און יולין, אקטיארען פון דער רוסישער ביהנע.

אינגאנצען זיך איבערגעגעבען דער ביהנע האט חיים שניאור אין 1916, ווען ס'האט זיך געגרינדעט די „ווילנער טרפע". ער איז איינער פון איהרע גרינדער און ארגאניזאטארען.

באלד נאך די ערשטע פארשטעלונגען איז חיים שניאור אנערקענט געווארען אלס ערשט קלאסיגער כאראקטער שוישפילער און מיט יעדער נייער ראל איז זיין ערפאלג געוואקסען. נאר די גרעסטע לויב און אנערקענונג האט ער געקראגען, ווען די טרופע האט פארלאזט ווילנע און געמאכט א טורנע צווערשט איבער ליטע און פוילען (1917-18) דערנאך איבער די גרעסערע צענטערען פון אייראפא (1921-23). די פרעסע פון דייטשלאנד, האלאנד, בעלגיען, פראנקרייך און ענגלאנד איז געווען פול מיט לויב פאר שנייאור'ס „צדיק" — אין „דבוק", הערש־בער — אין „יענקעל באילע", בענדעט — אין „פוסטע קרעטשמע", „יענקעל שמיד" גדליה — אין „די משפחה" א. אז. וו.

אפילו דא אין ניו יארק, וואו די מעהרסטע שוישפילער פון דער טרופע האבען ניט בעקומען די געהעריגע אנערקענונג, האט חיים שניאור דאך אויסגענומען סיי ביי די קריטיקער, סיי ביי דער, אזוי גערופענער, פראפעסיע, פון וועמען עס איז גארניט אזוי

ליכט צו באַקומען אַ גוט וואָרט פאַר אַ „גרינעם" אַקטיאָר... און מיט אַ האַלב יאָהר שפּעטער, ווען ער איז אַרויסגעטראָטען פון דער „ווילנער טרופּע", האָט מען איהם טאַקע גלייך אַריינגענומען אין דער אידישער אַקטיאָרען „יוניאָן", כמעט איינשטימיג, און ער איז אַנגאַזשירט געוואָרען אין „אידישען קונסט טעאַטער". דעם סעזאָן שפּילט ער אין „נעשאָנאַל טעאַטער".

נאָכ'ן אוועקגעהן פון די „ווילנער" האָט חיים שניאור, צוזאַמען מיט די שריפט-שטעלער פּינסקי, הירשביין און לייוויק, געגרינדעט דעם עקספּערימענטאַלען טעאַטער אין די בראָנקס „אונזער טעאַטער". אָבער צוליב פאַרשיידענע אורזאַכען האָט דאָס טעאַטער ניט געקענט עקזיסטירען.

בעלאַ בעלערינע

געבוירען דעם 15טען יולי, 1898 אין וואַרשע. שטאַמט פון די עלטסטע און באַריהמטע משפחות אין פּוילען: וויינאַווער-רובינליכט. צו 17 יאָהר געענדיגט דעם 8-קלאַסיגען פרויען אינסטיטוט אין וואַרשע. דערנאָך די העכערע פּעדאַגאָגישע קורסען ביים וואַרשאַווער אוניווערסיטעט. נאָך זייענדיג אַ שילערין אין אינסטיטוט, פלעגט זי אַנטייל נעמען אין די פאַרשיידענע שול-פאָרשטעלונגען, וואָס די לערער פלעגען איינשטודירען מיט די שילערינס, און די קליינע בעלאַ פלעגט זיך אויסטיילען פון די איבעריגע קינדער מיט איהרע ביהנע-פעהיגקייטען. אַ דאַנק די פאָרשטעלונגען האָט זיך אין איהר אַנטוויקעלט אַ שטאַרקע נייגונג און ליבע צו דער ביהנע. מיט דער אַבזיכט אָנצוקומען אין פּוילישען טעאַטער, איז זי אין 1916 אַריינגעטראָטען אין דער וואַרשעווער דראַמאַטישער רעגירונגס-שולע און האָט דורכגעמאַכט דעם קורס פון דראַמע, באַלעט, פּלאַסטיק און אז. וו.

אונטער'ן איינדרוק פון דוד הערמאַן, ווערט זי אין דער זעלבער צייט אַ מיטגליד פון דער דראַמאַטישער סעקציע ביים וואַרשעווער „הזמיר" און שפּעטער, פון „אַרטיסטיש ווינקעל", און שפּילט אין אַ רייהע פאָרשטעלונגען אויף אידיש. איהר ערשטער עפענטליכער דעביוט אין אידיש איז געווען שלום-עליכם'ס „מענשען", אין דער ראָל פון „פּאַניטשקע", און זי האָט געמאַכט אַ גרויסען פוראָר. ה. ד. נאָמבערג האָט דאַן וועגען בעלערינע'ן אָנגעשריבען אַ באַגייסטערטע רעצענזיע און איהר פאָראויסגעזאָגט אַן אַרטיסטישע צוקונפט. אין 1918 איז בעלערינע צוגעשטאַנען צו דער „ווילנער טרופּע" און האָט גלייך פאַרנומען דעם ערשטען פּלאַץ פון אַ יוגענטליכע קאָמעדיען און קינדער-ראָלען. ווען די „ווילנער טרופּע" האָט געמאַכט דעם טורנע איבער אייראָפּע איז בעלערינע אַנערקענט געוואָרען פון דער אויסלענדישער פּרעסע אַלס שוישפּילערין פון ערשטען ראַנג. אַממעהרסטען האָט זי זיך אויסגעצייכענט אַלס „דינע", אין „גרינע פעלדער"; „זעלדע", אין „שמיד'ס טעכטער"; „חייקע", אין „יענקעל בויילע"; „ראָזי", אין „שמעטערלינג-שלאַכט", „מיצי", אין „ליבעלאַ" און אַנד. קיין אַמעריקע איז בעלערינע געקומען אין 1924 מיט דער „ווילנער טרופּע" און איז אויפגענומען געוואָרען מיט דערזעלבער אַנער-

קענונג ווי אין אייראפּע. די „גרינע פעלדער” מיט בעלערינען אין דער הויפּט-ראָל איז געווארען די סוקסעס-פּיעסע פון דער טרופּע אין ניו יאָרק און אויך איבער'ן גאַנצען לאַנד.

א חוץ איהר מאן, חיים שניאור, איז בעלערינע די איינציגע שוישפּילערין פון די „ווילנער” וואָס איז דעם ערשטען יאָהר אריינגענומען געווארען אין דער „אקטיאָ-רען יוניאָן”. דעם פאָריגען סעזאָן איז בעלערינע געווען אנגאזשירט אין „אידישען קונסט טעאטער” און געשפּילט די הויפּט-ראָלען אין שאול המלך”, „לופט-מענש”, „קרייד צירקעל”, „דבוק” און אנד. דעם סעזאָן איז זי די „לידינג ליידי” פון „פּאַלאַסט טעאטער” אין שיקאגא.

בעטי דזשייקאָבס

געבוירען געוואָרען אין לעמבערג, גאַליציען, אין יאָהר 1892. איהר פאָטער, חיים בנימין טרייטעל, איז געווען א גוט באקאַנטער טעאטער דירעקטאָר אין אייראָפּא און אויך אין אמעריקא. איהרע צוויי שוועסטער, מאַד. מאַלווינא לאָבעל און ראָזע גרינפעלד, זיינען גוט באַקאַנטע שוישפּילערינס און בעטי באַלאַנגט צו א משפחה, וואָס איז שטענדיג געווען פאַרבונדען מיט'ן אידישען טעאטער.

בעטי דזשייקאָבס, האָט נאָך געשפּילט אויף דער ביהנע, ווען זי איז נאָך געווען גאָר א קליין קינד, אונטער איהר פאָטערס דירעקציע.

פון לעמבערג איז די גאַנצע משפחה טרייטעל, אוועק קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד, און אויך דאָרט האָט בעטי, צוזאַמען מיט איהרע שוועסטער, שוין געשפּילט אידיש טעאטער.

אין יאָהר 1902, איז זי געקומען קיין אמעריקא, אָנפאַנגס האָט זי געשפּילט אין אידישען וואָדעוויל, אָנגעפאַנגען שפּילען רעגעלע טעאטער, האָט זי אן נוארק און אויך אויף דער גאַנצער פּראָווינץ.

אין 1916 איז זי אנגאַזשירט געוואָרען פון נאַטאַן גאָלדבערג און דזשייקאָב דזשייקאָבס, פאַר זייער לענאָקס טעאטער, אין יאָהר 1917, האָט זי חתונה געהאַט מיט דזשייקאָבס'ן און פון דאַן אָן שפּילט זי כסדר מיט זיי.

היינטיגען סעזאָן שפּילט בעטי דזשייקאָבס, אין נעשאָנאַל טעאטער, וואָס באַלאַנגט איצט צו איהר מאַן נאַטאַן גאָלדבערג, דזשייקאָב דזשייקאָבס און הערי קאַץ.

בעטי דזשייקאָבס איז אן אינטעליגענטע און אמת אידישע פרוי, זי איז א טאַלאַנט-פולע, איבערגעבענע שוישפּילערין און ווערט פאַררעכענט אַלס איינע פון די בעסטע כאַראַקטער-דראַמאַטישע שוישפּילערינס אויף דער אידישער ביהנע.

דאס פובליקום, האט זי זעהר גערען און זי האט שטענדיג א סך פארעהרער וועלכע האבען זי ליב צו זעהן שפּילען און אויך די קריטיק, שרייבט שטענדיג זעהר גוט וועגען איהר שפּילען.

איזידאר מעלצער (קאמיקער)

געבוירען אין 1883 ברעסט ליטאווסק (בריסק דע ליטע) ביי ניט רייכע עלטערען. וועלכע האבען איהם געוואלט מאכען פאר א שניידער, א שוסטער, א סטאלער אדער גאר א מאלער (פיינטער) צו דעם לעצטען האט ער גראדע געהאט א נייגונג און אויך טאלאנט. ער האט אבער די אלע זאכען ניט גע־וואלט וויסען און צו צעהן יאהר האט ער שוין געזונגען ביים חזן אויף זיין שעהנער אלטען שטימע. אין דערזעלבער צייט ווען עס פלעגט קומען א אידישע טרופּע אין שטאדט, פלעגט מען איהם נעמען צו זינגען אין כאר דאס הייסט אין דאמען כאהר און צו פופצעהן יאהר איז ער שוין ארומגעפאהרען מיט א אידישער טרופּע צו שפּילען קליינע ראלען. זיין בעסטען בייפאל אלס אינגעל האט ער געמאכט אין זינגען דאס באריהמטע ליד „הייסע באבקאלאך" אין גאלד־פאדענס קאלאדאניא. אין אמעריקא איז ער געקומען ווען ער איז אלט געווען 19 יאהר. דאס איז געווען אין 1902 אין בראנזוויל, וואס איז שוין דאן געווען א שטאדט פון אידיש טעאטער, וואו א סך פון אונזערע אידישע סטארס האבען געשפּילט. ער האט זיך אנגעשלאסען אין דעם אידישען טעאטער וואס האט געהייסען מעטראפּאלי־טען סינגער האל. ער איז דארט אנגאזשירט געווארען פאר 75 סענט א נאכט צו שפּילען קליינע ראלען און זינגען אין כאהר. מיט א יאהר שפּעטער האט ער געזוכט א געלעגענהייט אריינצוקומען אין ניו יארק אין די אידישע וואריעטי. דאס איז אבער געווען אוממעגליך, ווייל מען האט געמוזט באלאנגען צו דער יוניאן, צו דעם האט מען בעדארפט איינצאהלען 50 דאלאר. איז ער אוועק ארבייטען צו א פיינטער פאר $1.50 א טאג, און האט אזוי אפּגעארבייט א יאהר, ביז ער האט אפּגעספּיפּט 50 דאלאר. און ווען ער איז געקומען אין דער יוניאן מיט די 50 דאלאר האט שוין דאן געקאסט איינטריט 75 דאלאר. ער האט געשאפען די סומע און איז געווארען א יוניאן־מאן. האט אפּגעשפּילט עטליכע יאהר אין פּיפּעלס מוזיק האל, וואו ער האט זיך זעהר באליבט געמאכט ביים אידישען פובליקום, אלס איינער פון די באריהמטע וואדעוויל אקטיארען.

ער האט אבער געהאט א טאלאנט צו שפּילען בעסער טעאטער, „לעדזשיטימייט"־טעאטער. אין ניו יארק איז אבער זעהר שווער, אריינצוקומען פון וואדעוויל אין א לעדזשיטימייט טעאטער, איז ער אוועק אויף דער פּראווינס, וואו ער האט געמאכט זיין קאריערע אלס גוטער קאמיקער אין אלע גרויסע וויכטיגע שטעדט. מעלצער איז באליבט פונקט ווי מאנכע גרויסע אידישע סטארס אין ניו יארק. ווי צום ביישפּיל

פילאדעלפיא, שיקאגא, סיינט לואיס, פיטסבורג, באָסטאָן, באַלטימאָר, דעטראָיט, קליוולאַנד, קענעדע, מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג און איצט אין ניו יאָרק. זיין נייגונג איז אַלעמאָל געווען צו שפּילען בעסערע פּיעסען, ווייל אַפילו זייענדיג אין אידישען וואָדעוויל פלעגט ער זיך אויסצייכענען אין גוטע כאַראַקטער ראָלען. כאָטש אין גרונד גענומען איז ער אַ זינגער און טענצער. די בעסטע ראָלען וואָס ער פלעגט זיך אויסצייכענען איז געווען אין גאָרדינס, אין ליבינס און שפּעטער אַן פּרץ הירש־ביין. ער איז געווען דער ערשטער צו שפּילען אַן הרשביינ׳ס „פאַרוואָרפּען ווינקעל״; דאָס איז געווען אין קענעדע אונטער פּרץ הירשביינ׳ס אויפפיהרונג.

זייט אַ פּאָר יאָהר איז ער אין ניו יאָרק. איין סעזאָן געשפּילט אַן סעקאָנד עוועניו טעאַטער און איצט אין לענאָקס טעאַטער, וואו ער איז זעהר באַליבט ביים פּובליקום.

שלום סעקונדא

שלום סעקונדא איז געבוירען געווארען דעם 23טען אויגוסט, 1894, אין אלעקסאנדראָווסק, כערסאָנער גובערניע (רוסלאנד), און ערצויגען געווארען אין ניקאלאיעוו, ביי א פּשוט בעל־הבתיש אידישער פאמיליע. צו 8 יאָהר האָט ער שוין באוויזען מוזיקאלישע פעהיגקייטען, וועלכע זיין פאָטער האָט באלד אפּגעשעצט און איהם געגעבען, לויט זיינע מעגליכקייטען א מוזיקאלישע ערציהונג, אַזוי אז צו 12 יאָהר איז ער שוין אויפגעטראָטען אלס חזן אין פארשיידענע שטעדט אין רוסלאנד און פארדינט אזוי פיל, אז אויף זיינע הוצאות איז ער צוזאמען מיט זיינע עלטערען און מיט א משפּחה פון שוועסטער און ברידער אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא.

ער איז דאמאָלסט אַלט געווען קרוב צו 13 יאָהר, און אין ניו יאָרק איז ער באלד ביי זיין אָנקומען אויפגעטראָטען אויף פארשידענע קאָנצערטען און האָט אויך געדאווענט אלס חזן שבתים און ימים־נוראים, און איז באלד באקאנט געווארען אלס דער „וואונדער חזנ׳דל״. צו דער זעלבער צייט האָט ער אויך זעהר פיל געארבייט איבער זיך און פארפולקאָמט זיין מוזיקאלישע ערציהונג אין קאלומביא קאלעדזש אין אינסטיטוט אָוו מיוזיקאל ארט. דערנאָך האָט ער צוליב פּרנסה געמוזט זוכען גליקען: געווען א סטאַטיסט, אַ כאָריסט, אַ סאָליסט, אַ כאָר־דיריגענט, און ענדליך א קאָמפּאָזיטאָר.

זיינע גרויסע ערפאָלגען זיינען זיינע מוזיקאלישע שאפונגען, צו י. ראָזענבערג׳ס „בערעלע טרעמפּ״, „מאַשקאַ״, „מאַרגאַריטא״ און „אַ נאַכט פון ליבע״; צו יאָנג׳ס „דזשייקעלע בלאָפער״, און צו סיגעל׳ס „אמעריקאנער רביצין״, און פילע אנדערע קאָמפּאָזיציע. ער האָט אויך בעארבייט גאָלדפאדענ׳ס „שולמית״ אַלס אַן אָפּערעטע וואָס ער גרייט איצט צו צו אַן אויפפיהרונג. מיט די אויבענדערמאָנטע אָפּערעטען זיינע האָה שלום סעקונדא זיך קונה שם געווען אַלס איינער פון אונזערע פיינסטע אידישע קאָמפּאָזיטאָרען.

משה זילבערקאסטען



געבוירען אין ווארשא, אין דעם יאהר 1891, האט אנגעפאנגען שפּילען אידיש טעאטער אין ראדאם אין 1907, אונטער דער לייטונג פון מישא גערמאן און יוסף וויסהאף. ער האט זיך באלד אין אנפאנג פון זיין שוישפּיל קאריערע אויסגעצייכענט אלס כאראקטער שוישפּילער. ער האט זיך באזונדערס אויסגעצייכענט אין די ראלען דר. דע־סילוויא אין „אוריאל אקאסטא״ פּאמארעל אין „שושנה די צניאה״ און אין „פאטער״ פון סטרינדבערג.

ווען זילבערקאסטען איז אלט געווארען 15 יאהר, איז אין ווארשא צום ערשטען מאל געקומען א אידישע טרופּע, דאס איז געוועזען אברהם יצחק קאמינסקי׳ס טעאטער פון פּעטראגראד און דער יונגער זילבערקאסטען האט געפונען דעם ריכטיגען פּלאץ צו פארברענגען יעדען אווענד, צו 16 יאהר האט ער ארגאניזירט א אידישע ליבהאבער געזעלשאפט, און צום ערשטען מאל אויפגעפיהרט „אוריאל אקאסטא״ אין אידיש, איינעגע פּראפעסיאנעלע ארטיסטען וועלכע האבען געזעהן משה זילבערקאסטען אויף דער ביהנע האבען איהם פארגעזאגט, אז ער וועט זעהר שנעל שטייגען אלס אידישער שוישפּילער און טאקע דעם זעלבען יאהר איז ער געגען זיינע עלטערענס ווילען, אפּגעפאהרען נאך ראדאם, אלס פּראפעסיאנעלער שוישפּילער. ער האט נאכדעם ארומגערייזט גאנץ רוסלאנד, און געשפּילט מיט קאמינסקי׳ס טרופּע, סעם אדלערס טרופּע און געוועזען איינער פון די גרינדער, פון ערשטען אידישען פאלקס טעאטער אין ליטא.

אין 1916 איז ער געווען געצוואונגען צו פאהרען אין כארבין און פון דארט קיין אמעריקא, אין 1917 איז ער אויפגענומען געווארען אלס מיטגליד אין דער אידישער אקטיארען יוניאן, און איז א מיטגליד אין דער קינסטלער משפחה פון שווארץ׳ס אידישען קונסט טעאטער.

נעלי קעסמאן

געבוירען אין פילאדעלפיע. ארטיסטישע קאריערע אנגעהויבען אין סקול, ביי די קינדער־אויפפיהרונגען, ווא זי האט זיך זעהר אויסגעצייכענט. א צופאל האט געבראכט דערצו, אז אן אקטיאר פון דער טעאטער קאמפאניע, וועלכע איז דאמלסט געשטאנען אין פילאדעלפיע זאל איהר זעהן שפּילען, און אין קורצען הויבט זי אן שפּילען קינדער־ראלען אין א רעגעלען טעאטער. א מענעדזשער פון אידישען טעאטער אין ניו יארק, זעהענדיג איהר שפּילען גיטעלע (אין ליבין׳ס „געבראכענע הערצער״) האט דער קליינער נעלי אנגאזשירט פאר יוגענדליכע דראמאטישע ראלען אין זיין ניו יארקער טעאטער. אין גיכען האט זיך ארויסגעוויזען אז פאר יונגע דראמאטישע ראלען איז זי געוועזן

צו יונג. זי האָט זיך דאן איינגעבעטען אין איינעם פון די וואריעטי טעאטערס, מען זאָל איהר געבען א פּראָבע און איהר לאָזען זינגען א לידעל. דאָס האָט פארזיגעלט איהר שיקזאל... דער עולם האָט צוטראָגען דאָס טעאטער און געפאדערט נאָך... איבער נאכט האָט זיך די נייעס וועגען דער יונגער לידעל זינגערין צוטראָגען איבער'ן טעאטער דיסטריקט. אזוי איז פון דער יונגער דראמאטישער ארטיסטין געווארען א וואריעטי זינגערין. שפּילען טעאטער האָט זיך איהר געוואלט א סך מעהר ווי זינגען. איז געקומען דער אלטער עדעלשטיין און האָט איהר אנגאזשירט אלס סובּרעטין אין זיין „פּיפּלס טעאטער, וואו זי האָט געשפּילט מיט'ן זעליגען גרויסען קינסטלער, דוד קעסלער.

אָבער איהר גליק האָט לאַנג נישט גערויערט. איינמאָל, ווען מען האָט אויפגעפיהרט א געוויסע אפּערעטע האָט מען איהר געהייסען זינגען א וואריעטי לידעל. זי האָט זיך אנטזאגט און מיט דעם האָט זיך געענדיגט איהר קאריערע אין דעם טעאטער. מען האָט איהר נישט געקענט שענקען די חוצפּה אנטקעגען צו ריידען זיין מאַיעסטעט, דעם „סטאר״... מיט ווייטאָג אין הארצען האָט זי זיך אומגעקעהרט צו איהר אלטער היים, צום וואריעטי טעאטער און ביז היינטיגען טאָג צאַצקעט מען זיך דאַרטען מיט איהר, אָבער איהר נשמה נאָגט און בענקט נאָך אמת טעאטער. ווען עס כאַפּט איהר אָן די דראמאטישע בענקעניש, פאָהרט זי ארויס אויף דער ראָוד און זי האָט שוין איהרע פּיעסען, וואו זי האָט אי צו זינגען אי צו זאָגען... און אז איהר זינגעניש און זאָגעניש געפעלט דעם גרויסען עולם איבער'ן לאנד באווייזען די אויפנאַמען וואָס זי באקומט אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל, וואו זי טרעט אויף יאָהר־איין, יאָהר־אויס אין איהר באליבטען רעפּערטואַר.

סיימאָן וואולף



געבוירען געווארען אין 1890, אין ברעסלאוו, גאליציען. ווען ער איז אלט געווען זעקס און א האלב יאָהר, איז זיין פאָטער געשטאָרבען, און די מוטער, געצוואונגען פון נויט, איז אוועק צו איהרען א ברודער אין אמעריקע. די קינדער זיינען געווארען צוזייט און צושפּרייט. וואולף איז אריינגעפאלען אין דער שטעדטעל סטריע, וואו ער האָט געארבייט אין א שניט־קראָם אלס שיק־אינגעל און גלייכצייטיג געזונגען ביי א חזן. א וואנדערענדע טרופּע האָט איהם אויפגעכאפּט און געגעבען זינגען „באבקעלאך״ אין גאלדפאדען'ס „קאלדוניא״. זיין זינגען האָט געמאכט דעם געהעריגען ערפאָלג. שפּעטער האָט זיין מוטער איהם, צוזאמען מיט די אנדערע קינדער, ארויסגענומען קיין אמעריקע. דאָ האָט ער געזונגען ביי חזן טראכטענבערג און איז געוואָרען אָן אָפּטער איינגעהער אין אידישען טעאטער, ביז ער האָט זיך באקאנט מיט מאָריס שווארץ, פון אידישען קונסט־טעאטער און מיט נייטען גאלדבערג, פון נעשאָנאל און לענאָקס טעאטערס. זיי האָבען צוזאמען געגרינדעט א קלוב צו שפּילען

אידישע טעאטער. דער קלוב האט לאנג ניט עקזיסטירט, אבער זיי האבען שוין אפט יעדער מיט אן אנדער טרופע געשפילט אויף דער פראווינץ. אויף מאָרים שווארץ'ס רעקאמענדאציע איז ער געפאהרען שפילען אין באלטימאר. צוריקקומענדיג האט ער געשפילט אין וואדעוויל און דאן זיך גענומען צו שרייבען פיעסען.

ער האט אין 1914 אנגעשריבען די ערשטע מעלאדראמע „די צייט", וואס איז געשפילט געווארען אין „ליריק" טעאטער מיט ערפאלג. נאכדעם האט ער אנגעשריבען א מלחמה-פיעסע און דאן ווידער איינציגע מעלאדראמען, ווי: „לעבענס קאנטראקטען", „א כלה'ס ערוואכונג" און „גאט פון גערעכטיגקייט". דערנאך האט ער געשריבען א פיעסע צוזאמען מיט נ. ראקאוו, די צושטערטע חופה", וואס איז געשפילט געווארען פון מאקס ראזענטאל און געהאט גרויס ערפאלג. ער האט אויך געשריבען צוזאמען מיט קאלאמאנאוויטש'ען די פיעסע „דער איינציגער וועג", וואס'איז געשפילט געווארען אין קעסלער'ס סעקאנד עוועניו טעאטער.

די לעצטע פיעסע וואס סיימאן וואולף האט געשאפען איז „די צובראכענע היים", וואס איז מיט גרויס ערפאלג געשפילט געווארען אין ליבערטי טעאטער, ברוקלין, פון דעם באריהמטען שוישפילער לעאן בלאנק, וועלכער האט די פיעסע אפגעקויפט פאר זיין אויסשליסליכער רעכט.

עס איז צו ערווארטען, אז סיימאן וואולף וועט נאך פיל שאפען פאר דער אידישער ביהנע.

ראזע וואלערשטיין

געבוירען אין אמעריקע. איהר פאטער, היימי וואלערשטיין, איז געווען א שוישפילער. זי האט דורכגעמאכט פאבליק סקול ווי אויך האי-סקול. נאך אלס קינד פון 5 יאהר האט זי שוין געשפילט טעאטער, און פון דאן אן האט זיך איהר קאריערע אנגעפאנגען. זי האט מיטגעשפילט מיט די גרעסטע אקטיארען פון דער אידישער ביהנע. זי האט אויך געשפילט א קורצע צייט אויף דער ענגלישער ציהנע.

אם בעסטען האט זי ליב צו שפילען די פיעסען, וועלכע דריקען אויס שטילע ליידען, אין וועלכע די ראלען זיינען לעבעדיגע מענשען, ווי צום ביישפיל: די יתומה, טאניע, פון „מאשקע חזיר"; מערי, פון „מאטקע גנב"; לאה, פון טשיריקאוו'ס „יעוורעי". זי פיהלט זיך אויך גאנץ היימיש אין ראלען וואס זיינען פארבונדען מיט געזאנג און טענץ.

שוין דעם צווייטען סעזאן ווי ראזע וואלערשטיין שפילט אין דעם „פראספעקט טעאטער".

אָסקאַר גרין, אידיש־טעאַטער מענעדזשער

געבוירען געוואָרען אין שקלאָוו, מאָהילעווער גובערניע, ביי א בעל הבית'יש אידישע פאמיליע וועלכע זיינען געווען באַקאַנט צווישען די חשוב'סטע און עהרליכסטע איינוואוינער אין שקלאָוו. זיין ערציהונג איז געווען אן אמת אידישע און אויך א וועלטליכע. שוין אין דער היים האָט עס דעם יונגען אָשר'ן געצויגען צו דער ביהנע און ער איז געווען איינער פון די הויפּט־איניציאטאָרס פון א דראמאטישען ליבהאָבער פאראיין אין זייער שטאָדט, וואו ער פלעגט אליין אויפטרעטען אין פארשידענע ראָלען פון זייערע געשפּילטע פּיעסען. אין 1908 איז אָשר גרין געפאהרען אין אמעריקע, וואו ער האָט געהאַט האָצמאַך'ס פּרנסות... געטאָן אלץ אין דער וועלט און טאַקע דערביי ניט פארגעסען אָן טעאטער. ער איז אויפגעטראָטען צוזאמען מיט א גרופּע דיליטאנטען אין פארשיידענע פּיעסען. ער האָט זיך אבער אויסגעצייכענט מעהר פון די איבעריגע און אליין גענומען צונויפשטעלען טרופּעס, וועלכע האָבען אונטער זיין מענעדזשמענט אויסגעוואנדערט די גאנצע וועסט. ער האָט אויך געמענעדזשט פארשיידענע ענגלישע „סטאַק" וואָדעוויל און בורלעסק קאָמפּאניעס, ביז זיין גורל האָט איהם פארשלעפּט אין באָסטאָן, וואו ער האָט אנגעהויבען מיט א קליין אידיש טעאטערל ביז צום באָסטאָן גרענד אָפּערא הויז.

אין 1922 קומט גרין, אן אומבאַקאנטער, אין ניו יאָרק, וואו עס געלינגט איהם צו קריגען א „ליעס" אויף דעם האָפּקינסאָן טעאטער, און פון דאמאָלסט אָן הויבט זיך אָן זיין גרויסער ערפאָלג. ביי היינטיגען טאָג איז ער פאררעכענט פאר איינעם פון די ערפאָלגרייכסטע מענעדזשערס אין ניו יאָרק, און איז אויך זעהר באליבט ניט נאָר צווישען די אקטיאָרען, נאָר אויך ביי דער פּרעסע, וועלכע האָט איהם באטיטעלט אלס דער „זיידענער יונגערמאן". ער איז געווען פאַרהייראַט צו דער טראגיש אומגעקומענער ראָזא זילבערט, דאָס האָט איהם צובראָכען זיין קאריערע אויף א לענגערער צייט. אָבער איצט איז ער שוין אביסעל געקומען צו זיך און לויט דער מיינונג פון פילע טעאטער מענשען, ערווארטעט איהם א גרויסע טעאטער צוקונפט אין ניו יאָרק.

דזשייקאָב דזשייקאָבס

געבוירען געוואָרען אין א קליין שטעדטעל אין עסטרייך, אינ'ם יאָהר 1890. אין 1904 איז ער געקומען קיין אמעריקע. דאָ איז ער געגאנגען אין „נאַיט סקול" און האָט זיך באקענט מיט'ן אמעריקאנער לעבען. דזשייקאָבס האָט שטענדיג געשטרעבט צו ווערען א שוישפּילער. דאן ווען ער איז נאָך געווען אזוי יונג, האָט זיך אין זיין הארצען אריינגע'גנב'עט א געדאנק, אז ער זאָל ווערען אן אקטיאָר אויף דער אידישער ביהנע, און אזא געלעגנהייט האָט זיך איהם געמאכט.

אינ'ם יאָהר 1907, ווען אויף קלינטאָן סטריט האָט עקזיסטירט א וואָדעוויל טעאטער, אונטער'ן נאָמען „אגיד'ס טעאטער", איז ער

געוואָרען א כאָריסט, און ניט זייענדיג קיין שעמעוודיג אינגעל, האָט מען איהם געפּלעגט צו געבען קליינע ראָלען. ער האָט געמאכט אַן ערפאָלג, און ווען דאָס געזעץ אין ניו יאָרק איז געווען, אַז זונטאָג האָט מען ניט געטאָרט שפּילען אין קיין גרים, איז ער געווען דער איינציגער וואָס האָט געמאכט אַן ערפאָלג, ארויפגעהענדיג אויף דער ביהנע אין א „סינגעל טוירן. דער באַלעבאָס, מר. אגיד, האָט געזעהן זיין ערפאָלג. ער האָט איהם שוין אנגעשטעלט אויף שטענדיג אלס איינעם פון די שוישפּילער.

דזשייקאָב דזשייקאָבס האָט אָנגעפאַנגען שפּילען רעגעלען טעאַטער אין דעם דאמאָלסטדיגען קליינעם „אָרעאָן טעאַטער", וועלכעס איז אויך געווען אויף קלינטאָן סטריט, אין לעאָן קאָברינ'ס „יאנקעל בוילע", וועלכעס האָט דאן אין „אָרעאָן" געהאט א גרויסען ערפאָלג. ער האָט געשפּילט די ראָלע פון „זלמן" און די קריטיק האָט איהם דאן געלויבט פאר זיין שפּילען.

אין יאָהר 1912 האָט ער זיך באַגעגנט מיט נאטאן גאָלדבערג און זיי האָבען ביידע גענומען דאָס „ליריק טעאטער" אין ברוקלין. דערנאָך האָבען זיי גענומען דעם „ליבערטי טעאטער" אין בראָנזוויל, וואָס איז דאמאָלסט געווען אַן ענגליש וואָדעוויל הויז און האָט באַלאַנגט צו לאָו. זיי האָבען עס געמאכט פאר אַ אידיש טעאטער.

אין יאָהר 1913 האָט דזשייקאָבס, צוזאמען מיט גאָלדבערג, גענומען דעם לענאָקס טעאטער אין הארלעם, און פון דאן אָן זיינען זיי שטענדיגע שותפים. און איצט האָבען זיי אויך, צוזאמען מיט הערי קאַץ, גענומען דעם „נעשאָנאַל טעאטער" און דזשייקאָבס איז איצט איינער פון די באַלעבאַטים פון „נעשאָנאַל טעאטער" און „לענאָקס טעאטער".

דזשייקאָב דזשייקאָבס שפּילט איצט אין נעשאָנאַל טעאטער און ווערט פאר־רעכענט אלס איינע פון די בעסטע כאראקטער־קאָמיקער אויף דער אידישער ביהנע. ער שרייבט אויך זעהר גוטע ליריקס" פאר פארשיידענע טעאטער לידער און איז א א זעהר אָנגעזעהענער שוישפּילער אין דער אידישער טעאטער וועלט אין אמעריקא.

מאיר שוואַרץ

געבוירען געוואָרען אין סלאָנים, גראָדנער גובערניע, אין 1889. ערצויגען און געלערענט אין ביאַליסטאָק און אין ווארשא. געקומען קיין אמעריקע אין 1903. אָנגעהויבען שרייבען איין־אקטערס פאר אידישע וואָדעוויל־הייזער אין 1906. שפּעטער זיך פארבונדען מיט טעאטערס אלס סופליאָר. די ערשטע פּיעסע „קינדער פון דער איסט סייד", אָנגעשריבען אין 1910, און די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרען זעהר פיל. אין 1913 געפאָרען אויף א באַזוך קיין רוסלאַנד און צוליב דער מלחמה פארהאַלטען געוואָרען ביז 1921. דאָרטען געווען פארבונדען מיט'ן אידישען טעאטער אלס שוישפּילער. איצט פארבונדען אלס סופליאָר מיט'ן „אירווינג פּלייס קונסט טעאטער". אָנגעשריבען ביז איצט 6- פּיעסען, די ערפאָלגרייכסטע איז די קאָמעדיע „לאָקשען", וואָס איז געשפּילט געוואָרען פון רודאָלף שילדקרויט. די לעצטע פּיעסע איז די קאָמעדיע „מאַמעלע" געשפּילט פון מאָלי פּיקאָן.

לואיס קרעמער

געבוירען אין גראָדנאָ. פאָטער און מוטער׳ס נאָמען יהושע און באשע. געלערענט אין גראָדנער ישיבה. אלס קינד געקומען אין אמעריקע. דאָ האָט איהם באלד געצויגען צום אידישען טעאטער מיט וועלכען ער איז פארבונדען פאר די לעצטע 30 יאָהר. די אקטיאָרען וועלכע האָבען אויף איהם געמאכט אַן איינדרוק זיינען געווען מאָגולעסקאָ, פיינמאַן, קעסלער. זיין ערשטע ראָלע איז געווען: שמואל גארגעל אין „פוילישען אינגעל״. ער האָט אויך געשפּילט אהרן אין „שמע ישראל״; יאנקעל שאפּשאָוויטש, אין „מאָטקע גנב״; מאָשקע חזיר, שלמה׳לע שארלאָטאַן, לייזער בדחן. ער איז אויך געווען דירעקטאָר פון אייניגע טעאטערס, — מעטראָפּאָליטאַן טעאטער, שיקאגא; קרעמער׳ס נאָוועלטי טעאטער, אין ברוקלין; קרעמער׳ס קאָמעדיע טעאטער, אין ניו יאָרק. האָט אויך געשריבען צעהנדליגע דריי־אקטיגע פּיעסען וועלכע זיינען פון איהם אויפגעפיהרט און געשפּילט געוואָרען אין אמעריקע, ווי אויך אין אייראָפּע. יעצט שפּילט ער אין פּראָספּעקט טעאטער, ניו יאָרק, דאָרט וואו ער איז אויך דער רעזשיסער.

שלמה שטיינבערג

געבוירען אין רוסלאַנד, שוועקסנע, קאָוונער גובערניע, אין יאָהר 1891. קיין אמעריקע געקומען אין יאָהר 1903. באַלאַנגט צו גאָרדין׳ס דראמאטיק קלוב, אין פילאדעלפיע, אין יאָהר 1905. זיין ערשטע אָנרעגונג צום שרייבען פאַר׳ן טעאטער האָט ער באקומען זייענדיג א „באָרדער״ ביי א מיסעס וועלכער דער מאַן האָט פארלאָזט. צוזעהענדיג און מיטפיהלענדיג איהרע ליידען, האָט דאָס איהם באוויגען אָנצושרייבען זיין ערשטע דראמע, אין יאָהר 1906. געהייסען האָט זי: „סודות פון ליבע״. מיט עטליכע יאָהר שפּעטער איז איהם געלונגען זי אויפצופיהרען. מאדאם דיינא פיינמאַן האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע. זיין צווייטע פּיעסע איז געווען „פארלוירענע יוגענד״, וועלכע מאקס גאָביל האָט איבערגעארבט און געשפּילט אין זיין טעאטער. זיין דריטע פּיעסע און די ערפאָלגרייכסטע איז געווען: „א חבר אין לעבען״, וועלכע מאָריס מאָרים שווארץ האָט אויפגעפיהרט אין סעקאָנד עוועניו טעאטער. אין א צייט ארום האָט זי ווידער אויפגעפיהרט דוד קעסלער. לעצטענס איז געוואָרען איינע פון די ערפאָלגרייכסטע פּיעסען אין דעם רעפּערטואַר פון לעאָן בלאנק. אָט די לעצטע פּיעסע האָט ענדגילטיג פארזיגעלט זיין שיקזאל אלס פּיעסען שרייבער. פאר די לעצטע 12 יאָהר האָט ער אָנגעשריבען פאר דער בינע אן ערך פון 45 פּיעסען.

איסער דראמאטורג איז שלמה שטיינבערג אויך שוישפּילער, ער האָט געשפּילט מיט דוד קעסלער, לעאָן בלאנק, דזשייקאָב פּ. אדלער, באָרים טאמאשעווסקי, קעני ליפּצין, מרס. סערע אדלער, אין גאָביל׳ס טעאטער, ביי קלארא יאָנג און לעצטענס מיט דערם ובּרעטין נעלי קעסמאַן, פאר וועלכער ער האָט אגבר אנגעשריבען אייניגע מוזיקאַלישע קאָמעדיעס.

ה. שיגאָרען

ה. שיגאָרען איז געבוירען געווארען אין א קליינער שטאָדט, הייסין, אין רוסלאנד, דעם 7טען אויגוסט, 1889. געהענדיג אין א טעאטער שולע אין אדעס איז ער געוואָרען א פּראָפעסיאנעלער אקטיאר אין 1908 אויף דער רוסישער ביהנע. געשפּילט אין פּעטערבורג, אדעס, באקו, ווארשא, קיעב — אין דראמאטישע טעאטערן. געשפּילט כאַראקטער קאָמישע און דראמאטישע ראלען אין קלאסישע פּיעסען, ווי צ. ב. „יאגאָ אין אָטעלאָ, „פּאָלאָני" אין האמלעט, „בן עקיבה" אין אריאל אקאסטא, ווי אויך אין א רוסישען רעפּערטואר. זעלבסטפארשטענד געשפּילט אין אלע אידישע דראמאס וועלכע מען האט געשפּילט אויף דער רוסישער ביהנע. צוערשט אויפגעטראטען אויף דער אידישער ביהנע אין ניו יארק מיט דער ווילנער טרופּע און געהאט א גרויסען ערפאָלג אין די ראלען פון צאר, דעטעקטיוו און רובינשטיין אין דער פּיעסע „ראספּוטין און די צאריצא" און אין דער ראָלע פון חיים יונה אין „שווארצען פּלעס".

ה. קאַלמאַנאָוויטש

געבוירען אין יאהר 1886, אין א קליין שטעדטעל, דובראָווע, גראָדנער גובערניע. זיינע עלטערן, איבערהויפּט זיין מאַמע, האט גע'חלום'ט, ווי א סך אידישע מאַמעס וועלכע חלום'ען אז זייערע זיהן וועלען זיין רבנים, גאונים... און אויב נישט דאָס — איז כאָטש א משורר ביי א חזן... אָבער איהם פלעגט ציהען צום סטאַוו, וואו די גרויסע ראָד פון וואסער מיהל פלעגט רוישען מיט א געהיימער מוזע, און צו די גרינע לאָנקעס.

צו 15 יאָהר איז קאַלמאַנאָוויטש געקומען אין אמעריקע. ביי טאָג פלעגט ער ארומלויפען פארקויפען אידישע צייטונגען און אין אָוונט געלערענט די שפּראך, ביז — ער איז אריין אין שאפּ וואו ער איז געווען געדריקט 16 יאהר צייט. דערפאר אָבער האָט ער געהאט די געלעגענהייט צו שטודירען דעם ארבייטער מיט אלע זיינע ליידען. מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות, און שפּעטער האָט ער זיינע ליידען און פריידען געשמאָלצען און עס אויף די ברעטלאך פון דער ביהנע ארויפגעבראכט. דער ארבייטער האָט זיך דאָרט אליין געזעהן, און האָט געלאכט דורך טרערען פון זיינע אייגענע ווערטלאך און וויצען...

כמעט אלע זיינע גייסטיגע קינדער (קאמעדיעס און דראמען) זיינען פון אר־בייטער לעבען און זיי גרייכען ביז היינט צו טאג נאהענט פון 40. מאנכע פון זיי זיינען געראטענע... לייטישע... פילע פון אונזערע באריהמטע אידישע קריטיקער האבען זיך אפגעשטעלט און האבען וועגען זיי א פאר גוטע ווערטער געזאגט. — און פילע פון אונזערע גרעסטע אידישע קינסטלער האבען אין זיי אטעם אריינגע־בלאזען און זיי צום לעבען געבראכט.

פון זיינע געלונגענע פיעסע זיינען „אייביגע נאראנים”, „דער גזלן”, „דער משוגענער”, „חוה'ס טעכטער”, „די ווערטה פון א מאמען”, „ליבע און געוויסען”, „שטיפמאמעס”, „דער שפאס”, „די רומענישע קרעטשמע”, „געבורט קאנטראל”, און אנדערע.

לואיס הירשהארן

געבוירען געווארען אין 1886 אין סקאלאט, גאליציען, ערצויגען געווארען אין לעמבערג, געקומען מיט זיין גאנצער פאמיליע אין ניו יארק אין יאהר 1893.

די צייטען זיינען געוועזען שלעכטע און הירשהארן האט געמוזט נאך פאבליק סקול אביסעל צו פעדלען אום צו העלפען א לעבען מאכען. 5 יאהר שפעטער האט א סופלאר, מיט'ן נאמען הערשקע קויפמאן באמערקט אז הירשהארן'ס שפראך און באוועגונג איז צוגעפאסט צו דער ביהנע, און ער האט איהם איינגערעדט צו שפילען טעאטער. זיין ערשטער אויפטריט איז געוועזען אין „דוד'ס פידעלע”, פון לאטיינער. ער האט געשפילט די ראלע פון סאלאמאן, אין וועלכער ער האט געמאכט ערפאלג, און אלע האבען איהם צוגערעדט צו בלייבען אויף דער ביהנע.

הירשהארן האט זיך גענומען צום גרינדען דראמאטישע קלאבס און ארגאניזירען טרופעס צו געבען פארשטעלונגען אויף דער פראווינץ און אויך אין ניו יארק. א געוויסער שנייד, האט דאן געגרינדעט אן אינדעפענדענט יוניאן. דאן געקומען איים קוגיט און געגרינדעט אן אינדאסטריעל יוניאן פון־וועלכער הירשהארן איז געווארען איינער פון די טשארטער מעמבערס, דאס איז געוועזען דער לאקאל 5 פון די „ווארייעטי” אקטיארען, אין וועלכען עס האבען באלאנגט די מעהרסטע איטציגע סטארס, וועלכע האבען דאן אלע געשפילט וואדעוויל. מיט דעם פארשפרייטען זיך פון די מואווינג פיקטשורס איז פאר די אקטיארען געווארען שווער צו מאכען א לעבען. הירשהארן האט אפילו ניט געקאנט פארדינען גענוג צו באצאהלען זיינע דיוס אין דער יוניאן, האט ער גאר באשלאסען צו ווערען א געשעפטסמאן, מיט דעם געדאנק

און שטרעבען צו ווערען רייך און צוריקקומען אין דער טעאטער וועלט, אָבער ניט אלס אקטיאר, נאָר אלס אונטערנעמער.

מיט 80 דאָלאר האָט מר. הירשהאָרן זיך אוועקגעלאָזט אין ביזנעס און היינט צו טאָג, מיט 14 יאהר שפּעטער פון יענער צייט, איז ער ווערט איבער צוויי מיליאָן דאָלאר און איז טאקע צוריק מיט דעם טעאטער אלס אייגענטימער פון א טעאטער אין די בראָנקס וואס איז איינער פון די שעהנסטע טעאטערע אין ניו יארק, און די אקטיארען וואס ווערען פון איהם אנגאזשירט זיינען מיט איהם און זיין טעאטער העכסט צופרידען.

דאָס איז דערזעלבער לואיס הירשהאָרן וועלכער איז דער אייגענטימער פון די נעשיאָנעל אורן בעג קאָמפּ. אינקאָרפּאָרייטעד, פון סאַוטהערן בולווארד, קאָרנער 140טע סטריט.

לואיס פריימאַן

לואיס פריימאַן איז א גוט-באַקאַנטער נאָמען אין דער אידישער טעאטער-וועלט. ווער עס האָט געזעהן די פּיעסען „שטאַרקער פון ליבע", „די גאָלדענע כלה", „סטודענטען ליבע", „ציפּקע", „זיסע ליבע", „פרעמדע קליידער" און „מאָדעלס פון ליבע" — דער ווייסט, אז זייער מחבר איז לואיס פריימאַן.

געבוירען איז לואיס פריימאַן אין יאָהר 1892 אין דעם וועלט-באַריהמטען שטעדטעלע אָסטראָפּאָליע, וואָל-נער גובערניע. געקומען קיין אמעריקא, אין סט. לואיס, אין 1907. דער אָנפאנג פון זיין טעאטער-קאריערע איז געווען אלס גרינדער פון א דראמאטישען קלוב, וואו ער האָט געשפּילט און גלייכ-צייטיג אויך דערפיהלט אין זיך דעם דראנג צו שרייבען פאר דער ביהנע. ער איז אוועקגעפאהרען קיין שיקאגא, וואו ער איז אנגאזשירט געווארען ביי דעם פאָטער פון מוני ווייזענפריינד, אלס שוישפּילער און פארפאסער. אָבער געפיהלט אז זיין פּאָזיציע אין דער טעאטער-וועלט איז ניט אלס שוישפּילער, נאָר אלס דראמאטורג, איז ער אין יאָהר 1919 געקומען קיין ניו יאָרק צו פּרובירען זיין מזל אויף דעם וועג פון דראמאטורגיע.

דאָס ערשטע „לעדזשיטימייט" טעאטער וואָס האָט ביי איהם געקויפט זיינע צוויי פּיעסען — „שטאַרקער פון ליבע" און „די גאָלדענע כלה" — און זיי אויפגעפיהרט דעם זעלבען סעזאָן מיט גרויס בייפאל, איז געווען דאָס קעסלער טעאטער. זייט דאַן ווערט לואיס פריימאַן פאררעכענט פאר איינעם פון אונזערע ערפאָלגרייכסטע יונגע דראמאטורגען.

לאזאר פריעד

געבוירען דעם 3טען מאי, 1889, אין מינסק. אנגע־פאנגען שפילען טעאטער אין מאי, 1905, ביי קאמפא־נייעץ. צוואנציג יאהר אויף דער ביהנע. צייכענט זיך אויס אלס כאראקטער־ליבהאבער. געלערענט אין דער ווארשעווער קאנסערוואטאריע, אין 1910—1912, ביי פראפ. דזשוסינאני. געשפילט מיט סעם אדלער, מאד. קאמינסקי, ליבערט, י. אדלער, הירשביין־טרופע, און קראוזע. אין אמעריקע געבראכט פון ב. טאמאשעווסקי'ן אין 1913. געשפילט מיט יעקב אדלער. אנגע־פאנגען דעם מעדיסאן סקווער גארדען טעאטער מיט יעקב בן־עמי. געשפילט אין סעקאנד עווניו. אין די לעצטע דריי יאהר טרעט ער אויף אין שווארצ'ס אידישען קונסט טעאטער אין וויכטיגע ראלען און איז פאר־רעכענט פאר איינעם פון די ווייניגע ערנסטע כאראקטער־שוישפילער.

ישראל ראזענבערג, דראמאטורג

ישראל ראזענבערג איז געבוירען געווארען אין 1893 אין לובלין, פוילען, און איז ערצויגען געווארען אין ווארשא, ביי אן ארטאדאקסישער פאמיליע און געקראגען א פרום־אידישע ערציהונג. פון זיין מוטער'ס צד איז ער אן אייניקעל פון דעם ריזשינער רבי'ן, ר' ישראל'טשע. זיין פאטער איז איינער פון די גדולי הדור, דער מאנטרעאלער רב, רבי יודל ראזענבערג. באקאנט אלס רב און פאלקס־שרייבער צוליב זיין פארעפנטלאכן און באארבעטן די לעגענדעס פון „אליהו הנביא", „שלמה המלך", „שפאלער זיידע", „גולם" און אנד. ער האט אויך איבערזעצט אויף העברעאיש דעם „זוהר".

ישראל ראזענבערג האט אנגעהויבען אלס שריפטשטעלער מיט חידות און שירים אויף העברעאיש און מיט דעם בארבייטען און איבערזעצען אויף אידיש זיין פאטער'ס געזאמעלטע לעגענדעס. ער האט אויך בעארבייט און איבערזעצט פון העברעאיש דעם עלילת דם ראמאן „נפלאות ראגיזה" (ארויסגעגעבען אין לאדז). אין 1914 איז ער געקומען, צוזאמען מיט זיין פרוי, פירא ראזענבערג, א יונגע דיכטערין אין קאנעדע, וואו ער האט צוזאמען מיט זיין פרוי פון צייט־צו צייט מיטגעארבייט אין דער ארטיגער פרעסע און אויך רעדאקטירט א זשורנאל „קענעדער יוגענד". נאך א פאר יאהר איז ער אוועק אין ניו יארק און זיך געווידמעט צו דער ביהנע. זיינע ערפאלגרייכע פיעסען זיינען: „בערעלע טרעמפ", „ווילדע יוגענד", „יאנקעלע ליטוואק", „קאווקאזער ליבע", „מענדעל אין יאפאן" (מיט ראקאוו), „א חתונה אין פאלעסטינא", „מאשקא", „די פאפיראסען מאכערין", „מארגאריטא", „נאכט פון ליבע" און אנד. ער האט אויך פארענדיגט צוויי נייע פיעסען — „שמערל ראקעפעלער" און „שווארצע אויגען", וועלכע וועלען גאר אין גיכען אויפגעפיהרט ווערען אויף דער ביהנע.

אברהם שלום טייטעלבוים



געבוירען דעם 1טען מערץ, 1889, אין ווארשא, ביי חסידישע ניט-רייכע עלטערען. צו 18 יאָהר אָנגעקומען אויף דער ביהנע צו סעם אדלער אין ווארשא. זייט דאמאָלסט געשפּילט כמעט איבער גאַנץ רוסלאנד, וואו אידען האָבען געמעגט וואוינען. אין 1913 אוועק אין אויסלאנד. דאן געשפּילט אין פּאריז, לאָנדאָן, בוענאָס איירעס. אין 1918 געקומען אין מאָסקווע. געפיהרט די דראמאטישע סטודיע ביי דער „פּרץ-געזעלשאפט". דאן אין ביידע „ווילנער טרופּעס" (ווילנער און ווארשעווער אָפּטיילונג). אין 1919 געקומען קיין אמעריקע צו מאָרים שווארצ'ען, וואו ער שפּילט אויך איצט אָנגעזעהענע ראָלען.

אַ נ אַ ט י י ט ע ל ב ו י ם

געבוירען אין בערלין, אין 1897. דערצויגען געווארען אין פּאריז. אָנגעהויבען שפּילען מיט אמאטאָרען פון דעם „יעקב גאָרדין דראמאטישען פאראיין". פון יאָהר 1913 — אויף דער פּראָפעסיאָנעלער ביהנע. אין די מלחמה-יאָהרען האָט זי געשפּילט אין לאָנדאָן. פון יאָהר 1919 — אין אמעריקע. אָנגעקומען אין „אידישען קונסט טעאטער" אין יאָהר 1924, און איז איצט איינע פון די באליבטעסטע שוישפּילערינס אין דעם „אידישען קונסט טעאטער", אונטער דער לייטונג פון מאָרים שווארץ.

ב ע נ י אַ ד ל ע ר

האָט אָנגעפאנגען זיין קאריערע צו 13 יאָהר, ווען דר. גאסטער האָט איהם גענומען אלס דעקלאמאטאָר קיין לאָנדאָן, ענגלאנד. אין 1901 איז בעני אדלער געקומען אין אמעריקע. איז געווען דער גרינדער פון „פּראָגרעסיוו דראמאטיק קלאָב" און דער ערשטער אָנגעזעהענער דעקלאמאטאָר אויף דער איסט-סייד. געשפּילט אידיש טעאטער אין די וויכטיגסטע שטעדט פון אמעריקע. ער שפּילט איצט אין קעסלער סעקאָנד עוועניו טעאטער.

ספרים ביכער זשורנאלען צייטונגען
אין אידיש, העברעאיש און ענגליש
צו די ביליגסטע פרייזען, ווערען געמאכט אין דער
אָריאָם פּרעס, אינק.
54 קאנאל סטריט, ניו יאָרק
ORIOM PRESS, Inc.
54 Canal Street, N. Y. Telephone Orchard 3695
מיר בעסערען אויס מאנוסקריפּטען אין אלע שפּראכען.

Telephones: Spring 2930—2976
Art Bindery Sample Card Co., Inc.
BEST IN THE CITY
7-9 Bond Street New York
Our Up-To-Date Equipment Assures
Prompt Service and Delivery


ווען אייער דאָקטאָר שיקט אייך צו א טראָס.
באַנדאַזש אָדער סטאָקינג מייקער, געהט און
זעהט וואָס איהר קענט
קויפען פאר אייער
געלד. דאַן קומט און
פאַרגלייכט די וואַרע
און די פּרייזען ביי

P. WOLF & CO., Inc.
1499 Third Ave. bet. 84th & 85th Sts.
(1st floor) Open Eves. 7:30 p. m.
70 Avenue A, bet. 4th & 5th Sts.
Open Eves. 9 p. m.
ספּעציעלע פּרייזען באַהאַנדלונג. זונטאָג געשלאָסען.

קאָמפּלימענטס
פון
אַפּ-טו-דייט פּרינטינג קאָמפּאַני
476 בראָדוויי, ניו יאָרק
טעלעפאָנס: קאַנעל 1731—1732

ווי צו ווערען אַן אַמעריקאנער בירגער

1. פראגען וועגען דער לאנד-רעגירונג.

האָט איהר געלעזען די דעק־ לערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס? — יאָ.	Q. Did you read the Declaration of Independence? A. Yes, Sir.	דיד יו ריעד דהי דעקלע־ רײשאָן אָוו אינדעפּענדענס ? — יעס, סער.
וואָס איז די דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס, און ווען און וואו איז זי אונטערגע־ שריבען געוואָרען ? — דאָס איז אַ פּראָקלאַמאַ־ ציאָן אין וועלכער אונזער לאַנד האָט צוערשט ערקלעהרט איהר אונאַבהענגיגקייט פון ענגלאַנד ; זי איז אונטערגע־ שריבען געוואָרען דזשולײ 4, 1776, אין פילאדעלפיע.	Q. What is the Declaration of Independence, and when and where was it signed? A. It is a proclamation in which our country first declared its independence from England; it was signed on July 4, 1776, in Philadelphia.	וואָט איז דהי דעקלערײ־ שאָן אָוו אינדעפּענדענס, ענד ווהען ענד ווהער וואָז איט סײנד ? — איט איז עי פּראָקלעמײ־ שאָן אין ווהיטש אור קאָונטרי פוירסט דיקלערד איטס אינדע־ פּענדענס פראָם אינגלענד, איט וואָז סײנד אָן דזשולײ פאָורטה, סעווענטין־סעווענטי־ סיקס, אין פילאדעלפיע.
האָט איהר געלעזען די קאָנסטיטוציאָן פון די פאַר־ איוניגטע שטאַטען ? — יאָ.	Q. Did you read the Constitution of the United States? A. Yes, Sir.	דיד יו ריעד דהי קאָנסטי־ טושאָן אָוו דהי יונײטעד סטײטס ? — יעס, סער.
וואָס איז אַזוינס די קאָנ־ סטיטוציאָן ? — די קאָנסטיטוציאָן איז דאָס העכסטע געזעץ פון די פאַראייניגטע שטאַטען.	Q. What is the Constitution? A. The Constitution is the highest law of the United States.	וואָט איז דהי קאָנסטיטו־ שאָן ? — דהי קאָנסטיטושאָן איז דהי הײעסט לאָ אָוו דהי יו־ נײטעד סטײטס.
גלויבט איהר אין די פּרינ־ ציפּען פון דער קאָנסטיטוציאָן פון די פאַראייניגטע שטאַ־ טען ? — יאָ.	Q. Do you believe in the principles of the Constitution of the United States? A. Yes, Sir.	דו יו בילִיעוו אין דהי פּרינסיפּלז אָו דהי קאָנסטי־ טושאָן אָוו דהי יונײטעד סטײטס ? — יעס, סער.
דורך וועמען, ווען, און וואו איז די קאָנסטיטוציאָן אָנגע־ נומען געוואָרען ? — די קאָנסטיטוציאָן איז אָנגענומען געוואָרען דורך די דרייצעהן אָריגינעלע שטאַטען, סעפּטעמבער 17, 1787, אין פילאדעלפיא.	Q. By whom, when, and where was the Constitution adopted? A. The Constitution was adopted by the thirteen original States, September 17, 1787, in Philadelphia.	ביי הום, הווען, ענד הווער וואָז דהי קאָנסטיטושאָן עדאָפּטעד ? — דהי קאָנסטיטושאָן וואָז עדאָפּטעד ביי דהי טהירטין אָרידזשינעל סטײטס, סעפּטעמ־ בער סעווענטין, סעווענטין־ עיטי־סעווען, אין פילאדעל־ פיע.
וואָס גאַראַנטירט די קאָנ־ סטיטוציאָן פון די פאַראיי־ ניגטע שטאַטען ? — פרייהייט פון רעדע, פון פּרעסע אין פון רעליגיאָן.	Q. What does the Constitution of the United States guarantee? A. Freedom of speech, of press, and of religion.	הוואָט דאָז דהי קאָנסטיטו־ שאָן אָוו דהי יונײטעד סטײטס גערענטי ? — פרידאָם אָוו ספּיטש, אָוו פּרעס, ענד אָוו רעלידזשאָן.
ווי אַזוי קען די קאָנסטי־ טוציאָן אַמענדירט (געענ־ דערט) ווערען ? — דורך צוויי־דריטעל מאַ־ יאָריטעט פון ביידע הייזער פון קאָנגרעס*) און מיט דער צושטימונג פון דריי פערטעל פון די שטאַטען.	Q. How may the Constitution be amended? A. By a two-thirds majority of both Houses of Congress and approved by three -quarter of the States.	האַו מעי דהי קאָנסטיטושאָן בי עמענדעד ? — ביי עי טו־טהירדז מײדזשאָריטי אָוו באָוטה האַו־ זעס אָוו קאָנגרעס ענד עפּרואָווד ביי טהרי קוואָטערז אָוו דהי סטײטס.

*) קאָנגרעס, די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט פון אונזער לאַנד, באַשטעהט פון צוויי הייזער, ווי איהר וועט עס זעהן פון אַ שפּעטערער פראַגע.

הוואט איז דהי פארם אוו גאווערנמענט אוו דהי יונייטעד סטייטס?	Q. What is the form of Government of the United States?	וואס פאר א פארם רעגירונג האט די פאראייניגטע שטאטען?
— דהי יונייטעד סטייטס איז עי רעפאבליק.	A. The United States is a Republic.	—די פאראייניגטע שטאטע: איז א רעפובליק.
הוואט איז עי רעפאבליק?	Q. What is a Republic?	וואס הייסט א רעפובליק?
— עי קאונטרי הוז אפיסערס אר עלעקטעד ביי דהי פיפל אר עפאינטעד ביי דהעיר עלעקטעד אפיסערז, ענד הוז לאאז אר מייד ביי דהעיר רעפרעזענטאטיווז.	A. A country whose officers are elected by the people or appointed by their elected officers, and whose laws are made by their representatives.	— א לאנד וועמעס באאמטע ווערען ערוועהלט פונ׳ם פאלק אדער באשטימט דורך זיינע ערוועהלטע באאמטע, און וועמענס געזעצע ווערען געמאכט פון זייערע פארטרעטער.
הוואט איז עי מאנארקי?	Q. What is a Monarchy?	וואס איז א מאנארכי?
— עי קאונטרי גאווערנד ביי עי קינג, עמפעראר, זאר, אר סאטש אדהער רולער נאט עלעקטעד ביי דהי פיפל.	A. A country governed by a king, emperor, czar, or such other ruler not elected by the people.	— א לאנד וואס ווערט רעגירט פון א קעניג, אן אימפעראטאר, א צאר, אדער אן אנדער הערשער וואס ווערט ניט ערוועהלט פון דעם פאלק.
הווער איז דהי קעפיטעל, אר סיעט אוו גאווערנמענט, אוו דהי יונייטעד סטייטס?	Q. Where is the Capital, or seat of government, of the United States?	וואו איז די הויפט־שטאדט, אדער רעגירונגס־זיץ, פון די פאראייניגטע שטאטען?
— עט וואשינגטאן, דיסטריקט אוו קאלאמביע. (ד. ק.)	A. At Washington, District of Columbia (D. C.)	— אין וואשינגטאן, דיסטריקט פון קאלאמביע (ד. ק.)
אינטו האו מעני ברענטשעז איז דהי גאווערנמענט אוו דהי יונייטעד סטייטס דיווײדעד?	Q. Into how many branches is the Government of the United States divided?	אויף וויפיל צווייגען איז די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען איינגעטיילט?
— אינטו טהרי ברענטשעז.	A. Into three branches.	— אויף דריי צווייגען.
הוואט אר דהי טהרי ברענטשעז?	Q. What are the three branches of the Government?	וואס זיינען די דריי צווייגען פון דער רעגירונג?
— דהי לעדזשיסלייטיוו, דהי עקזעקוטיוו ענד דהי דזשודישעל.	A. The Legislative, the Executive and Judicial.	— די געזעצמאכענדע, די געזעצדורכפיהרענדע, און די געזעצפארטייטשענדע.
עקספלעין בריפלי דהי פורפאז אוו איטש וואן אוו דהי טהרי ברענטשעז אוו דהי יונייטעד סטייטס גאווערנמענט.	Q. Explain briefly the purpose of each one of the three branches of the United States Government.	ערקלעהרט, בקיצור, דעם צוועק פון יעדען איינעם פון די צווייגען פון דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען.
— דהי לעדזשיסלייטיוו ברענטש, אר קאנגרעס, מייקס דהי לאאז; דהי עקזעקוטיוו ברענטש, אר דהי פרעזידענט, ענד היז קעבינעט, עקזעקיוטס דהי לאאז; ענד דהי דזשודישעל ברענטש, אר דהי סופרים קאורט אוו דהי יונייטעד סטייטס, אינטערפרעטס דהי לאאז.	A. The Legislative branch, or Congress, makes the laws; the Executive branch, or the President and his Cabinet, executes the laws; and the Judicial branch, or the Supreme Court of the United States, interprets the laws.	— דער געזעצמאכענדער צווייג, אדער קאנגרעס, מאכט די געזעצען; דער געזעצדורכפיהרענדער צווייג, אדער דער פרעזידענט מיט זיין קאבינעט (מיניסטעריום) פיהרט דורך די געזעצען; און דער געזעצפארטייטשענדער צווייג, אדער דער סופרים קאורט פון די פאראייניגטע שטאטען, פארטייטשט די געזעצען.
הו מייקס דהי לאאז אוו דהי יונייטעד סטייטס?	Q. Who makes the laws of the United States?	ווער מאכט די געזעצען פון די פאראייניגטע שטאטען?
— דהי קאנגרעס עט וואשינגטאן.	A. The Congress at Washington.	— דער קאנגרעס אין וואשינגטאן.

הוואט דאָז דהי קאָנגרעס קאָנסיסט אָוו ? — אָוו טו האַוזעס, דהי סע־נאַט ענד דהי האַוז אָוו רעפּ־רעזענטאַטיווס.	Q. What does the Congress consist of? A. Of two Houses — the Senate and the House of Representatives.	פון וואָס באַשטעהט דער קאָנגרעס ? — פון צוויי הייזער, דער סענאַט און דאָס רעפּרעזענ־טאַנטען הויז.
האַו אָפטען מאַסט קאָנגרעס מיעט ? — עטליעסט וואַנס עי ייר, אָן דהי פוירסט מאָנדעי אין דיסעמבער.	Q. How often must Congress meet? A. At least once a year, on the first Monday iu December.	ווי אָפט מוז זיך דער קאָנ־גרעס צוזאַמענקומען ? — ווענינגסטענס איינמאל אַ יאָהר, דעם ערשטען מאָנטאַג אין דעצעמבער.
האַו אַר דהי לאָאַז אָוו דהי יוּנייטעד סטייטס מייד ? — עי ביל איז פּראָפּאָוזד אין דהי האַוז אָוו רעפּרעזענ־טאַטיווס אָר אין דהי סענעט. דהיס ביל ביקאַמז עי לאָא אין טהרי וועיס: 1, ביי רִיסיע־ווינג עי מיידזשאָריטי וואָוט אין דהי האַוז ענד אין דהי סענעט ענד אָלסאָ דהי סיגנע־טשור אָוו דהי פּרעזידענט; 2. ביי רעסיעווינג עי טו־טהוירדז מיידזשאָריטי וואָוט אין דהי האַוז ענד אין דהי סענעט, אין קיים דהי פּרעזי־דענט וויטאָוז דהי ביל; אָר 3. ביי ריסיעווינג עי מיידזשאָריטי וואָוט אין דהי האַוז ענד אין דהי סענעט, איף דהי ביל איז ריטיינד ביי דהי פּרעזידענט פאָר טען דעיז ווידהאַוט סיינינג אָר וויטאָו־אינג איט.	Q. How are the laws of the United States made? A. A bill is proposed in the House of Representatives or in the Senate. This bill becomes a law in three ways: 1. By receiving a majority vote in the House and in the Senate, and also the signature of the President; 2. By receiving a two-thirds majority vote in the House and in the Senate, in case the President vetoes the bill; or 3. By receiving a majority vote in the House and in the Senate, if the bill is retained by the President for ten days without signing or vetoing it.	ווי ווערען די געזעצען פון די פאַראייניגטע שטאַטען גע־מאַכט ? — אַ ביל ווערט פאָרגעשלאָ־גען אין רעפּרעזענטאַנטען הויז אָדער אין סענאַט. דיזער ביל ווערט אַ געזעץ אויף דריי וועגען: 1. ווען ער קריגט אַ מאַיאָריטעט שטימען אין „הויז" (קאָנגרעס) און אין סענאַט, און אויך דעם פּרע־זידענט'ס אונטערשריפט; 2. ווען ער קריגט צוויי דריטעל מאַיאָריטעט אינ'ם „הויז" און אין סענאַט; אין פאַל דער פּרעזידענט וועטירט דעם ביל (שרייבט איהם ניט אונטער), אָדער 3, ווען ער קריגט אַ מאַיאָריטעט שטימען אין „הויז" און אין סענאַט, אויב דער ביל ווערט פאַרהאַלטען אונ'ם פּרעזידענט אויף צעהן טעג אָהן אונטערשרייבען אָדער וועטירען איהם.
האַו, ענד פאָר האַו לאָנג אַר יונייטעד סטייטס סענאַטאָרז עלעקטעד ? — ביי דהי דיירעקט וואָוט אָוו דהי פּיפּל פאָר עי טוירם אָוו סיקס יירז.	Q. How, and for how long, are United States Senators elected? A. By the direct vote of the people, for a term of six years.	ווי אַזוי, און אויף ווי לאַנג ווערען די יונייטעד סטייטס סענאַטאָרס ערוועהלט ? — דורך דעם דירעקטען וואָוט פונ'ם פאָלק, פאַר אַ טערמין פון זעקס יאָהר.
האַו מעני יונייטעד סטייטס סענאַטאָרז אַר דהער ? — נײַינטי־סיקס.	Q. How many United States Senators are there? A. Ninety-six.	וויפיל יונייטעד סטייטס סענאַטאָרס זיינען דאָ ? — 96.
האַו מעני יונייטעד סטייטס סענעטערז אַר עלעקטעד פראַם איטש סטייט ? — טו.	Q. How many United States Senators are elected from each State? A. Two.	וויפיל יונייטעד סטייטס סענאַטאָרס ווערען ערוועהלט פון יעדען שטאַאט ? — צוויי.
האַו, ענד פאָר האַו לאָנג אַר רעפּרעזענטיטיווז, אָר קאָנגרעסמען עלעקטעד ? — ביי דהי דיירעקט וואָוט אָוו דהי פּיפּל פאָר עי טוירם אָוו טו יירז.	Q. How, and for how long, are Representatives, or Congressmen elected? A. By the direct vote of the people, for a term of two years.	ווי אַזוי, און אויף ווי לאַנג, ווערען רעפּרעזענטאַנ־טען, אָדער קאָנגרעסליוט, ער־וועהלט ? — דורכ'ן דירעקטען וואָוט פונ'ם פאָלק, פאַר אַ טערמין פון צוויי יאָהר.

וויפיל רעפרעזענטאַנטען, אָדער קאָנגרעסליוט, זיינען דאָ?

— ס'זיינען איצט דאָ 435 רעפרעזענטאַנטען אָדער קאָנגרעסליוט.

Q. How many Representatives, or Congressmen, are there?

A. There are now (until 1920) 435 Representatives, or Congressmen.

האַו מעני רעפרעזענטיטיווס, אָר קאָנגרעסמען, אַר דהער?

— דהער אַר נאַו (אַנטיל נײַנטין־טווענטי) פאָר־האַנדרעד־טהוירטי־פייוו רעפרעזענטיטיווז, אָר קאָנגרעסמען.

וויפיל רעפערעזענטאַנטען, אָדער קאָנגרעסליוט, ווערען ערוועהלט פון יעדען שטאַאט?

— די צאָהל ווענדעט זיך אין דער באַפעלקערונג — וואָס גרעסער די באַפעלקערונג אַלץ גרעסער די צאָהל קאָנגרעסליוט.

Q. How many Representatives, or Congressmen, are elected from each State?

A. The number depends upon its population — the larger the population the greater the number of Congressmen

האַו מעני רעפרעזענטיטיווס, אָר קאָנגרעסמען, אַר עלעקטעד פראם איטש סטייט?

— דהי נאָמבער דיפענדז אַפאַן איטס פאָפיולײשאָן — דהי לאַרדזשער דהי פאַפיוליישאָן דהי גרעיטער דהי נאָמבער אָוו קאָנגרעסמען.

וויפיל רעפרעזענטאַנטען, אָדער קאָנגרעסליוט האָט ניו־יאָרק סטייט?

— 43.

Q. How many Representatives or Congressmen has New York State?

A. Forty-three.

האַו מעני רעפרעזענטיטיווס אָר קאָנגרעסמען העז ניו יאָרק סטייט?

— פאָרטי טהרי.

ווער איז דער הויפט באַאמטער פון די פאַראייניגטע שטאַטען?

— דער פרעזידענט.

Q. Who is the Chief Executive of the United States?

A. The President.

הו איז דהי טשיעף עקזעקיוטיוו אָוו דהי יונייטעד סטייטס?

— דהי פרעזידענט.

ווי אַזוי ווערען דער פרעזידענט און דער וויס־פרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען ערוועהלט?

— פוב'ם פאָלק, אינדירעקט, דורך זיינע עלעקטאָרס, וואָס ערוועהלען דעם פרעזידענט און דעם וויס פרעזידענט דירעקט.

Q. How are the President and the Vice-President of the United States elected?

A. By the people, indirectly through their electors, who directly elect the President and the Vice-President.

האַו אַר דהי פרעזידענט ענד דהי וויס־פרעזידענט אָוו דהי יונייטעד סטייטס עלעקטעד?

— ביי דהי פיפל, אינדירעקטלי, טהרו דהער עלעקטאָרז, הו דיירעקטלי עלעקט דהי פרעזידענט ענד דהי וויס פרעזידענט.

אויף ווי לאַנג ווערען דער פרעזידענט און דער וויס פרעזידענט ערוועהלט?

— אויף אַ טערמין פון פיר יאָהר.

Q. For how long are the President and the Vice-President elected?

A. For a term of four years.

פאָר האַו לאָנג אַר דהי פרעזידענט ענד דהי וויס־פרעזידענט עלעקטעד?

— פאָר עי טוירם אָוו פאָור יירז.

ווער מעג ווערען פרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען?

— יעדע היגעבאָרענע פערזאָן, מאַן אָדער פרוי, 35 יאָהר אַלט.

Q. Who may become President of the United States?

A. Any native-born person, man or woman, 35 years of age

— הו מעי ביקאַם פרעזידענט אָוו דהי יונייטעד סטייטס?

— עני נייטיוו־באָרן פוירסאָן, מען אָר וואומען, טהוירטי־פייוו יירז אָוו איידזש.

וואָס זיינען די פליכטען און מאַכטען פון דעם פרעזידענט?

Q. What are the duties and powers of the President?

הוואַט אַר דהי דיוטיז ענד פאַוערז אָוו דהי פרעזידענט?

— דער פרעזידענט (1) פיהרט אוים די געזעצע, (2) שרייבט אונטער בילס, (3) וועטירט (אנטזאגט זיך אונטערצושרייבען) בילס. (4) איז דער עלטסטער פון דער ארמעע און פלאטע, (5) פילט אן דערוויילינגע וואקאנסעס (פלאץ־ערלעדיגונגען) אין סענאט, (6) רופט צוזאמען עקסטרא סעשאנס, (7) שליסט דעם קאנגרעס אין פאל פון א ניטאיינשטימעניס (8) שענקט באגנאדיגונגען; און מיט דער ראט און צושטימונג פון סענאט, (9) באשטימט ער קאבינעט באאמטע, פעדעראלע ריכטער, אמבאסאדארען, און אנדערע, (10) שליסט אפמאכען (טריטיס), און האט אנדערע פליכטען און מאכטען.

A. The President (1) enforces the laws, (2) signs bills, (3) vetoes bills, (4) is head of army and navy, (5) fills temporary vacancies in Senate, (6) calls extra sessions, (7) adjourns Congress in case of disagreement, (8) grants pardons; and with the advice and consent of the Senate (9) appoints Cabinet officers, Federal Judges, Ambassadors and others; (10) makes treaties, and has other duties and powers.

— דהי פרעזידענט (1) ענפארסעז דהי לאאז (2) סיינז בילס (3) וויטאוז בילז (4) איז העד או ארמי ענד נייווי (5) פילז טעמפארערי וויקענסיז אין סענאט (6) קאלז עקסטרע סעשאנז (7) עדדזשאירנז קאנגרעס אין קיים או דיסעגרימענט (8) גרענטס פארדאנז; ענד ווידה דהי עדוויים ענד קאנסענט או דהי סענעט (9) עפאינטס קעבינעט אפיסערז, פעדעראל דזשאדזשעז, עמבעסעדארז, ענד אדהערז (10) מייקס טריטיז, ענד העז אדהער דיוטיז ענד פאוערז.

אין פאל פון טויט אדער אונפעהיגקייט פון דעם פרעזידענט ווער נעהמט איבער זיינע פליכטען?

—דער וויים פרעזידענט.

Q. In case of death or disability of the President, who assumes his duties?

A. The Vice-President.

אין קיים או דעטה אר דיסעבילiטי או דהי פרעזידענט הו עסיומז היז דיוטי?

— דהי וויים־פרעזידענט.

וויפיל סעקרעטערע (מיניסטארען), אדער עלטסטע פון רעגירונגס אבטיילונגען, זיינען דא?

— צעהן.

Q. How many Secretaries, or heads of Government Departments are there?

A. Ten.

האו מעני סעקרעטעריז אר העדז או גאווערנמענט דעפארטמענטס אר דהער?

— טען.

רעכענט אוים איניגע סעקרעטערע, אדער קאבינעט מיניסטארען, דורך זייערע אפיציעלע עמטער.

— פרעמיער. קריגס מיניסטער. פלאטען מיניסטער. פינאנס מיניסטער.

Q. Name some of the Secretaries, or Cabinet ministers by their official positions.

A. Secretary of State.
Secretary of War.
Secretary of Navy.
Secretary of the Treasur

נוים סאם או דהי סעקרעטעריז, אר קעבינעט מיניסטערז, ביי דהער אפישעל פאזישאנז.

— סעקרעטערי או סטייט, סעקרעטערי או וואר, סעקרעטערי או דהי נייווי, סעקרעטערי או דהי טרעזשורי.

וואס שטעלען די צעהן מיניסטארען צונויף?

— דעם פרעזידענט׳ס קאבינעט.

Q. What do the ten Secretaries constitute?

A. The President's Cabinet.

הוואט דו דהי טען סעקרעטעריז קאנסטיטיוט?

— דהי פרעזידענט׳ס קעבינעט.

וואס איז דאס העכסטע גערימט אין די פאראייניגטע שטאטען?

— דער יונייטעד סטייטס סופרים קאורט.

Q. What is the highest court in the United States?

A. The United States Supreme Court.

הוואט איז דהי הייעסט קאורט אין דהי יונייטעד סטייטס?

— דהי סופרים קאורט.

וויפיל דזשאדזשעס זיינען דא אין דעם יונייטעד סטייטס סופרים קאורט?

— ניין — איין טשיף דזשאסטיס און אכט אסאשיאיט דזשאסטיסעס.

Q. How many judges are there in the United States Supreme Court?

A. Nine—one Chief Justice and eight Associate Justices.

האו מעני דזשאדזשעס אר דהער אין דהי יונייטעד סטייטס סופרים קאורט?

— נין — וואן טשיף דזשאסטים ענד עיט עסאשיאיט דזשאסטיסעז.

ווער באַשטימט די דזשאַסטיסעס פון דעם סופרים קאָורט און אַנדערע דזשאַדזשעס פון די יונייטעד סטייטס געריכטען ? — זיי ווערען באַשטימט אויפ'ן גאַנצען לעבען, דורך גוטער אויפפיהרונג, פונ'ם פרעזידענט, מיט'ן ראַטה און צושטימונג פונ'ם סענאַט.	Q. Who appoints the Justices of the Supreme Court and other judges of the United States courts? A. They are appointed for life, during good behavior, by the President, with the advice and consent of the Senate.	הו עפּאָינטס דהי דזשאַסטיסעז אָוו דהי סופּר'ם קאָורט ענד אָדהער דזשאַדזשעז אָוו דהי יונייטעד סטייטס קאָורטס? — דהעי אַר עפּאָינטעד פאָר לייף, דיורינג גוד ביהייוויאָר, ביי דהי פּרעזידענט, ווידה דהי עדוויס ענד קאָנסענט אָוו דהי סענעט.
ווי אַלט מוז זיין דער פּרעזידענט, אַ סענאַטאָר, און אַ קאָנגרעסמאַן ? — דער פּרעזידענט מוז זיין ווענינגסטענס 35, אַ סענאַטאָר 30 און אַ קאָנגרעסמאַן 25 יאָהר אַלט.	Q. What must be the ages of the President, of a Senator, and of a Congressman? A. The President must be at least 35, a Senator 30, and a Congressman 25 years of age.	הוואַט מאַסט בי דהי אוידזשעז אָוו דהי פּרעזידענט, אָוו עי סענעטאָר, ענד אָוו עי קאָנגרעסמען ? — דהי פּרעזידענט מאַסט בי עט ליסט טהוירטי־פייוו, עי סענעטער טהוירטי, ענד עי קאנגרעסמען טווענטי-פייוו יירז אָוו אוידזש.

2. פראַגען וועגען דער סטייט רעגירונג.

וואָס איז דאָס העכסטע געזעץ פון דער סטייט ? —די סטייט קאָנסטיטוציאָן.	Q. What is the highest law of the State? A. The State Constitution.	הוואַט איז דהי הייעסט לאָא אָוו דהי סטייט ? — דהי סטייט קאָנסטיטושאָן.
וואָס זיינען די דריי צווייגען פון דער סטייט רעגירונג? — די געזעצמאַכענדע, די געזעצדורכפיהרענדע, און די געזעץ־פּאַרטייטשענדע.	Q. What are the three branches of the State Government? A. The Legislative, the Executive, and the Judicial.	הוואַט אַר דהי טהרי ברענטשעז אָוו דהי סטייט גאָווערנמענט ? — דהי לעדזשיסלייטיוו, דהי עקזעקיוטיוו, ענד דהי דזשודישעל.
ווער איז דער הויפּט באַאַמטער פון דער שטאַאט ? — דער גאָווערנאָר.	Q. Who is the Chief Executive of the State? A. The Governor.	הו איז דהי טשיעף עקזעקיוטיוו אָוו דהי סטייט ? — דהי גאָווערנאָר.
וואָס איז די הויפּט־שטאָדט פון דער סטייט ניו יאָרק ? — אַלבעני.	Q. What is the Capital of New York State? A. Albany.	הוואַט איז דהי קעפּיטעל אָוו ניואָרק סטייט ? — אַלבעני.
ווער מאַכט די געזעצע פאַר דעם שטאַט ניו יאָרק ? — די לעדזשיסלייטשור (געזעץ־אַבטיילונג) אין אַלבעני.	Q. Who makes the laws of the State of New York? A. The Legislature at Albany.	הו מייקס דהי לאָאז אָוו דהי סטייט אָוו ניו יאָרק ? — דהי לעדזשיסלייטשור עט אַלבעני.
פון וואָס באַשטעהט די לעדזשיסלייטשור ? — פונ'ם סטייט סענאַט און דער סטייט אַסעמבלי.	Q. What does the Legislature consist of? A. Of the State Senate and the State Assembly.	הוואַט דאָס דהי לעדזשיסלייטשור קאָנסיסט אָוו ? — אָוו דהי סטייט סענעט ענד סטייט עסעמבלי.
ווי אַזוי און אויף ווי לאַנג ווערען סטייט סענאַטאָרס און אַסעמבלי־לייט ערוועהלט ? — דורך דעם דירעקטען אָפּשטימען פון דעם פאָלק, סטייט סענאַטאָרס אויף צוויי יאָהר און אַסעמבלי־לייט אויף 1 יאָהר.	Q. How and for how long are State Senators and Assemblymen elected? A. By the direct vote of the people, State Senators for two years and Assemblymen for one year.	האַו ענד פאָר האַו לאָנג אַר סטייט סענעטאָרז ענד עסעמבלימען עלעקטעד ? — ביי דהי דיירעקט וואוט אָוו דהי פּיפּל, סטייט סענעטאָרז פאָר טו יירז ענד אַסעמבלימען פאָר וואַן ייר.

פאָר האַו לאָנג איז דהי גאַווערנאָר עלעקטעד? — פאָר טו יירז.	Q. For how long is the Governor elected? A. For two years.	אויף ווי לאַנג ווערט דער גאָווערנאָר ערוועהלט? — אויף צוויי יאָהר.
הוואַט אַר דהי דיוטיז ענד פּאַוערז אָוו דהי גאָווערנאָר? דהי גאָווערנאָר (1) ענפאָרסעז דהי לאָאָז, (2) סיינז בילז, (3) וויטאָוז בילז, (4) קאָלז עקסטרע סעשאָנס אָוו דהי לעדזשיסלייטשור. (5) גרענטס פּאַרדאָנז (6) עפּאָינטס סאָם סטייט אָפיסערז, ענד העז אָטהער דיוטיז ענד פּאַוערז.	Q. What are the duties and powers of the Governor? A. The Governor (1) enforces the laws, (2) signs bills, (3) vetoes bills, (4) calls extra sessions of the Legislature, (5) grants pardons, (6) appoints some State officers, and has other duties and powers.	וואָס זיינען די פליכטען און מאַכטען פונ'ם גאָווערנאָר? — דער גאָווערנאָר (1) פיהרט אויס די געזעצע, (2) שרייבט אונטער בילס, (3) וועטירט (ענטזאַגט זיך אונטערצושרייבען) בילס, (4) רופט ספּעציעלע זיצונגען פון דער לעדזשיסלייטשור, (5) איז מוחל באַשטראַפטע, (6) ערנאַנט אייניגע סטייט באַאַמטע.

3. פראַגען וועגען דער שטאָדט-רעגירונג.

הוואַט אַר דהי טהרי ברענטשעז אָוו דהי סיטי (מיוניסיפּעל) גאָווערנמענט? — דהי לעדזשיסלייטיוו, דהי עקזעקיוטיוו ענד דהי דזשודישעל.	Q. What are the three branches of the City (Municipal) Government? A. The Legislative, the Executive, and Judicial.	וואָס זיינען די דריי צווייגען פון דער שטאָדט (מוניציפּאַלער רעגירונג)? — די געזעצמאַכענדע, די געזעץ-דורכפיהרענדע, און די געזעץ-פּאַרטייטשענדע
הו איז דהי טשיף עקזעקקיוטיוו אָוו דהי סיטי? — דהי מעיאָר.	Q. Who is the Chief Executive of the City? A. The Mayor.	ווער איז דער הויפּט באַאַמטער פון דער שטאָדט? — דער מעיאָר.
האַו איז דהי מעיאָר עלעקטעד? —ביי דהי דיירעקט וואָוט אָוו דהי פּיפּל.	Q. How is the Mayor elected? A. By the direct vote of the people.	ווי אַזוי ווערט דער מעיאָר ערוועהלט? — דורכ'ן דירעקטען וואוט פונ'ם פאָלק.
פאָר האַו לאָנג איז דהי מעיאָר אָוו ניו יארק עלעקטעד? —פאָר פאָור יירז.	Q. For how long is the Mayor of New York elected? A. For four years.	אויף ווי לאַנג ווערט דער מעיאָר פון ניו יאָרק ערוועהלט? — אויף 4 יאָהר.
הוואַט אַר דהי דיוטיז ענד פּאַוערז אָוו דהי מעיאָר? — דהי מעיאָר (1) ענפאָרסעז דהי לאָאָז, (2) סיינס בילז. (3) וויטאָוז בילז, (4) עפּאָינטס סאָם סיטי אָפישעלז ענד העז אָדהער דיוטיז ענד פּאַוערז.	Q. What are the duties and powers of the Mayor? A. The Mayor (1) enforces the laws, (2) signs bills, (3) vetoes bills, (4) appoints some city officials, and has other duties and powers.	וואָס זיינען די פליכטען און מאַכטען פונ'ם מעיאָר? — דער מעיאָר (1) פיהרט אויס די געזעצען, (2) שרייבט אונטער בילס, (3) וועטירט (ענטזאָגט זיך אונטערצושרייבען) בילס, (4) ערנאַנט אייניגע שטאָדט באַמטע, און האָט נאָך פליכטען און מאַכטען.
הו מייקס דהי לאָאָז פאָר ניו יארק סיטי? — דהי באָארד אָוו אָלדערמען.	Q. Who makes the laws for New York City? A. The Board of Aldermen.	ווער מאַכט די געזעצען פאַר דער שטאָדט ניו יאָרק? — די באָארד אָוו אָלדערמען.
פאָר האַו לאָנג איז ען אָלדערמען עלעקטעד? — פאָר טו יירז.	Q. How and for how long is an Alderman elected? A. By direct vote of the people, for a term of two years.	אויף ווי לאַנג ווערט אַן אָלדערמען ערוועהלט? — אויף צוויי יאָהר.

באַזאָרגט זיך מיט אַ ביבליאָטעק

פאָלגענדע ביכער קאָנט איהר באַקומען אין

פאַרלאַג „וועקער“

175 איסט בראָדוויי

ווערא פיגנער: מעמואַרען (3 בענדער), שעהן געבונדען	$6.00
די זעלבע דע־לוקס אויסגאַבע	8.00
קאַרל קאוטסקי: אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישען געדאַנק (2 בענדער)	4.00
קאַרל קאוטסקי: עטיק	2.00
מאָרים הילקוויט: געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקא (2 בענדער)	3.00
מאָרים הילקוויט: פון מאַרקס ביז לענין	.50
א. באָגדאַנאָוו: פאָליטישע עקאָנאָמיע (2 בענדער)	4.00
פעטער קראָפּאָטקין: מעמואַרען פון אַ רעוואָלוציאָנער	1.50
בראָדער קריסטיאַנסען: קונסט (2 בענדער)	8.50
דר. גאָלדענוויזער: אַנטראָפּאָלאָגיע	2.00
ס. הערבערט: עוואָלוציע	2.00
ווילהעלם ירוזאַלעם: פילאָזאָפיע	2.00
ב. ווײַנשטיין: פערציג יאָהר אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג	1.25
ה. לאַנג: אויף אַמעריקאַנער וועגען	1.25
דר. ב. האָפמאַן (צבֿיון): „מיין רייזע אין ארץ־ישראל“	1.00
א. ראָזבערי: געשיכטע פון דער ענגלישער אַרבייטער פּאַרטיי	1.25
י. אַדלער: לידער (2 בענדער)	2.25
לעוו דייטש: פופציג יאָהר רוסישע רעוואָלוציע	.50
וועבסטער: ענגלישער ווערטערבוך, לעדער אײַנבאַנד	1.75
וואָלאָדימיר מעדעם: עראינערונגען (2 בענדער)	2.50
ב. באָטווויניק: ערצעהלונגען	1.25
מענדעלי מוכר ספרים: אַלע ווערק (8 בענדער), אייראָפּעאישע פּראַכט אויסגאַבע	14.00
ש. אַנ־סקי: אַלע ווערק (6 בענדער)	12.00
יצחק אײַזיק הורוויטש: די אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע	2.50
גאָנטשאַראָוו: אָבלאָמאָוו (ראָמאַן) אין 3 בענדער	6.00
דער טעראָר געגען סאָציאַליסטען אין סאָוועט רוסלאַנד און גרוזיען	.50
דזשיימס אָ'ניעל: געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקא	.10
נחום י.: פאַבלען און לידער (2 בענדער)	2.00

דאָס איז נאָר א קליינער טייל פון די ביכער, וואָס איהר קענט קריגען אין פאַרלאַג „וועקער“. שיקט אונז צו א פּאָסטעל־קאַרד וועלען מיר אייך ארויסשיקען אונזער קאַטאַלאָג פון אידישע, ענגלישע און רוסישע ביכער, וועלכע איהר קענט באַקומען פאַר א סך א ביליגערען פּרייז אין אונזער פאַרלאַג. אויב אייער באַשטעלונג איז העכער פון 5 דאָלאַר, קריגט איהר זיי ביליגער מיט 30 פּראָצענט.

(דאָס באַציהט זיך ניט אויף ווערא פיגנער'ס מעמואַרען.)

FARLAG WECKER

175 EAST BROADWAY NEW YORK

ווערט א שטענדיגער סובסקרייבער פון

„וועקער“

דער „וועקער“ איז דער וועכענטליכער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם אידישען סאָציאַ־ליסטישען פאַרבאַנד, די איינציגע וועכענטליכע סאָציאַליסטישע צייטונג אין אַמעריקא.

אין „וועקער“ באַטייליגען זיך אלס שטענדיגע מיט־אַרבייטער די בעסטע סאָציאַליסטישע שריפטשטעלער פון אייראָפּע און פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

דער „וועקער“ דרוקט יעדע וואָך ארטיקלען וועגען די וויכטיגסטע פּאַסירונגען אין דער אידישער ווי ניט־אידישער ארבייטער באַוועגונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

אין „וועקער“ געפינט איהר יעדע וואָך אן אויספיהר־ליכען איבערבליק איבער דער סאָציאַ־ליסטישער, קאָמוניסטישער און טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט.

אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר זיינען, צווישען אנדערע, ערשינען אין „וועקער“ ארטיקלען און קאָרעספּאָנדענצען פון:

דוד איינהאָרן, פרידריך אַדלער, י. אַדלער, ר. אַבראַמאָוויטש, דזשיימס אָ׳ניעל, ס. איוואַנאָוויטש, מ. איוועסקי, עדואַרד בערנ־שטיין, ב. באַטווינאָק, פּ. גאַרווי, מאָרים הילקוויט, ש. הורוויץ, ב. וולאַדעק, י. ווילאַצער, ב. וויינשטיין, מאָרים זיסקינד, נ. כאַנין, מ. כינאָי, יעקב לעשצינסקי, אַ. ליטוואַק, ב. מיימאָן, דוד מייער, ס. סאָלאָוויטשיק, ל. פאָגעלמאַן, ב. פייגענבוים, אַ. פעלדמאַן, א. פּאָטרעסאָוו, אב. קאַהאַן, קאַרל קאוטסקי, חיים קאַנטאָראָ־וויטש, אַלעקסאַנדער קאַהן, ד. שוב, י. שאַצקי, א. שאפראַנאָוויטש און אנדערע.

דער סובסקריפּשאַן פרייז פון „וועקער“:

$2.50 אַ יאָהר; $1.25 פאַר 6 מאָנאַטען.

אדרעס פון רעדאַקציע:

„דער וועקער“, 175 א. בראָדוויי, ניו יאָרק

טוט ביזנעס מיט דער

מאָדערן אינוועסטמענט און לאָאן

קאָרפּאָריישאָן

די פּאָפּולערסטע אינדוסטריעלע בענקינג אינסטיטוציע פון ניו יאָרק און ברוקלין

אונזער פּאָליסי איז

עהרליכקייט, פּינקטליכקייט און פריינדליכקייט

מיר צאָהלען טעגליכע אינטערעסט.

5 1/2%

מיר צאָהלען טעגליכע אינטערעסט.

אויף אונזערע אינוועסטמענט סערטיפיקייטס

איהר קענט ביי אונז באָרגען פון
$50 ביז $5,000

אויף וועכענטליכע אויסצאָהלונגען.
אונזער פארמעגען איז שוין איבער

$5,000,000.00

באזוכט אונזער אינסטיטוציע און בּראט זיך מיט אונז וועגען אייערע פינאנציעלע פּראָבלעמען.

אונטער דער אויפזיכט פון סטייט בענקינג דעפּארטמענט.

MODERN INVESTMENT and LOAN

Corporation

INDUSTRIAL BANKING

1697 PITKIN AVENUE
Brooklyn, N. Y.

318 GRAND STREET
New York, N. Y.

JACOB LEICHTMAN, Pres.

איצט איז די בעסטע צייט צו טרענספערירען
אייער אַקאַונט אין דער

אינטערנעשאַנאַל
יוניאָן באַנק

פינפטע עוועניו און 21טע סטריט, ניו יאָרק

פאַרמעגען

$4,500,000.00

פיר מיליאָן פינף הונדערט טויזענט דאָל.

געלדער אַריבערגעשיקט אין
אלע וועלט טיילען, שנעל,
פּינקטליך און ביליג

1 דאלאר
עפענט אַן אַקאַונט

5 דאלאר
ציהט אינטערעסט

לעגט ניט אָפּ
אויף שפּעטער!

איצט איז די צייט
אָנצופאַנגען
— אויף שפּעטער
וועט דאָס אייך
זעהר צוניץ קומען.

International Union Bank

FIFTH AVENUE and TWENTY-FIRST STREET

Member Federal Reserve System